STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00344

TSVISHN TSVEY THOMEN

Samuel Lewin

Permanent preservation of this book was made possible by
Isabelle Persh
in memory of
her parents, Rosella & Isidor Persh

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל לעווין

צווישן צוויי תהומען

לויטן ווילן פון מחבר טאָר דער ראָמאַן אָן זיין הסכמה אָדער דער הסכמה
פון זיין פרוי נישט איבערגעזעצט און נישט איבערגעדרוקט ווערן,
אַפילו נישט טיילווייז.

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

שמואל לעווין

צווישן צוויי תהומען

(טרילאָגיע)

ערשטער ראָמאַן:

בעת דאָס גרויסע מאָרדן

מיט אַריינפירן פון רודאָלף ראָקער און פון מחבר

★

בוכגעמיינשאַפט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
בוענאָס איירעס, 1959

שמואל לעווין

אַ פּאָר ווערטער פון די אַרויסגעבער

שמואל לעווין, דער מחבר פון דעם דאָזיקן ווערק „צווישן צוויי תהו-מען", איז נאָך אַ קורצער מחלה געשטאָרבן אין ניו-יאָרק, דעם 3טן יוני, 1959. ער האָט נאָך געהאַט באַוויזן אַליין צו לייענען די קאָרעקטורן פון אַ צאָל זייטן פון דעם בוך; האָט זיך אָבער דער טויט געפּעדערט, אים אומברחמנותדיק פלוצים אַוועקגעריסן און ער האָט שוין נישט זוכה געווען צו פאַרענדיקן לייענען די קאָרעקטורן און צו דערלעבן זען זיין לעבנס-ווערק פאַרענדיקט אין בוכפאָרם.

באַדויערן מיר, אינאיינעם מיט דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט, דעם פּריצייטיקן טויט פונעם מחבר און מיר פילן דערביי, אַז ס'איז אונדזער מענטשלעכער חוב צו פאַרנאָטירן לפּחות אַ פּאָר ביאָ-גראַפישע דאַטעס, און זאָל דאָס דינען ווי אַ ליכטיקער אָנדענק צו זיין גייסטרייכן לעבן און קרעאַטיוון שאַפן.

שמואל לעווין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890 ביי אָרעמע עלטערן אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-ייִדישע דער-ציִונג אין חדר און ישיבה. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער פאַר-לאָזט דאָס שטעטל און געוואַנדערט, געוואַנדעוועט איבער די גרעסערע צענטערן פון פּוילן און רוסלאַנד. עמיגרירט קיין אַרגענטינע און נאָך עטלעכע יאָר זיך אומגעקערט צוריק קיין פּוילן.

זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. ער באַזעצט זיך דעמאָלט אין דייטשלאַנד און ס'נעמט נישט לאַנג, ווי זיין נאָמען אַלס שרייבער צעוואַקסט זיך. ער ווערט באַרימט אין די גאָר געהויבענע ליטעראַרישע קרייזן, דרוקט עטלעכע ווערק אויף דייטש און קריגט גרויס אָנערקענונג.

מיטן אויפקום פונעם פינצטערן נאַציזם, בראש מיט דעם וועלט-מערדער היטלערן ימ"ש, ווערט ער פאַרפאָלגט; זיינע ביכער ברענט מען אויף שייטערס אין מיטן גאַס; ראַטעוועט ער זיך קיין עסטרייך, פון דאָרט קיין פראַנקרייך, האָלאַנד, און נאָך שווערע גילגולים געלינגט אים, אינאיי-נעם מיט זיינע בני בית, צו קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

שמואל לעווינס אַ צאָל ווערק זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש און אויף אייניקע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, זיי זיינען שטאַרק געלויבט געוואָרן פון באַדייטנדע קריטיקער און באַרימטע שרייבערס:

פראַנץ ווערפעל כאַראַקטעריזירט אים ווי אַ גרויסן וויזיאָנער, אין וועמענס נשמה סע הויערן תנכישע געשטאַלטן און חזיונות; **רודאָלף ראָקער** פאַררעכנט אים אין דער קאַטעגאָריע פון געציילטע געהויבענע קינסטלער, וואָס אין זייערע וויזיעס זעען זיי די רעאַליטעט פון לעבן. עס זענען אויך געווען צענדליקער אַנדערע באַגייסטערטע אָפּשאַצונגען וועגן אים און זיין שאַפן.

מיר ווייסן, אַז אַ צאָל גאָר וויכטיקע ווערק זיינע: נאָוועלן, דראַמעס, עסייען און אויך אַ פולשטענדיקע אויטאָביאָגראַפיע האָט לעווין איבערגעלאָזט אין מאַנוסקריפּטן, וואָס ליגן אין די שופלאָדן און וואַרטן אויף זייער גורל. הלוואי זאָלן זיי בקרוב דערזען די ליכטיקע וועלט.

ערע זיין ליכטיקן אָנדענק!

די אַרויסגעבער

רודאָלף ראָקער

שמואל לעווין

(רעפעראַט געהאַלטן אין בערלין, יאַנואַר 1928)

ס'איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן פאַר מיר אין היינטיקן אָוונט אייך צו באַקענען מיט פריינט שמואל לעווין. ס'איז דערין דאָ אויך אַ געוויסער קאָמישער ביי־טעם, צוליבן ראַסן־אַנטיסעמיטיזם אין אונדזער היינטיקער צייט; ווייל דער, וועלכער רעדט צו אייך אַצינד, איז נישט קיין ייִד און ער פרוווט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דייטשע ייִדן אַריינצופירן אַן אָסט־ייִד. איך אַליין האָב געהאַט די געלעגנהייט צו לעבן צווישן אָסט־ייִדן לפּי־ערך צוואַנציק יאָר. אַזויערנאָך האָב איך מיך באַקאַנט מיט ייִדן פון די קליינע שטעטלעך אין מזרח־איירָאָפּע. מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיטן ייִדישן געטאָ פון לאָנדאָן, פון ניו־יאָרק און פון אַנדערע לענדער; און איך מוז זאָגן, אַז אין מיין געדאַנקען־וועלט איז פאָרגעקומען אַ פולשטענדיקע ענדערונג צום ייִדנטום בכלל און צום אָסט־ייִדנטום בפרט. איך גלייב, אַז ס'זיינען דאָ היפּוכים, נישט בלויז בנוגע ייִדן און קריסטן, נאָר אויך בנוגע דייטשע ייִדן און אָסט־ייִדן. דער דייטשער ייִד, וועלכער לעבט אין דאָזיקן לאַנד לאַנגע יאָרן, וועלכער האָט אין דאָזיקן לאַנד זיך דערוואָרבן זיין גאַנצע קולטור, זיין וויסן און ציוויליזאַציע, האָט גאַנץ אָפט זייער מערקווירדיקע — און איך גלייב, אַז פאַלש באַגרינדטע — באַגריפן און פאָרשטעלונגען וועגן אָסט־ייִדנטום. ווען מ'מאַכט אַ חילוק צווישן קולטור און ציוויליזאַציע, ווען מ'וויל אונטער ציוויליזאַציע פאַרשטיין דעם טריב פון מענטש איינצואָרדענען פאַר זיך בלויז דאָס מאַטעריעלע, בעת קולטור איז דאָס העכערע, וואָס באַמיט זיך דאָס מאַטעריעלע פונעם לעבן גייסטיק צו צווינגען, צו דערהייבן צו אַ העכערער מדרגה, דאַן — וואָלט איך געזאָגט — אַז מיר האָבן נישט לגמרי קיין שום סיבה אַראָפּצוקוקן אויפן אָסט־ייִדנטום ווי אויף אַ האַלב באַרבאַרישן עלעמענט. איך דערוועג זיך אייך צו זאָגן: דער אָסט־ייִד האָט קולטור! זיין קולטור

איז אַן אייגנאַרטיקע, זי איז נישט די קולטור, וואָס מיר האָבן אין דייטש־לאַנד און אין אַנדערע לענדער; אָבער דאָס איז אַ קרעפּטיקער, אַ שטאַר־קער עלעמענט, וואָס האָט, לויט מיין מיינונג, אַ גרויסע צוקונפט. איך האָב, למשל, מיטגעמאַכט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך. איך קאָן מיך נאָך דערמאָנען די צייט, ווען באַדייטנדיקע מענער ווי מענ־דעלע, שלום עליכם, האָבן געשריבן העברעיִש, און שפּעטער, ווען דער גייסט איז געקומען איבער זיי, האָבן זיי איינגעזען, אַז ס'געשיקט זיך נישט צו שרייבן אין אַ שפּראַך, אין וועלכער דער רוב פונעם פאָלק רעדט נישט, אַז ס'איז נייטיק צו שרייבן אין דעם לשון, וואָס דאָס פאָלק פאַר־שטייט, אין וועלכן מ'קאָן זיך ווענדן צו דער נשמה פונעם פאָלק. דעמאָלט האָט די נייע ייִדישע ליטעראַטור זיך גענומען אַנטוויקלען, און צוזאַמען מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור האָט זיך צעבליט די ייִדישע שפּראַך. וואָס שייך שפּראַך, איז ייִדיש אפשר די ייִנגסטע; אָבער זי האָט פונדעסטוועגן אויפגעטאָן גאָר באַדייטנדיקס, וואָס איז דורך איבערזעצן איבערגעגאַנגען נישט בלויז אין דייטש, נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן.

ווען איך האָב מיך באַקענט מיט שמואל לעווין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט מיר געוואָלט געבן צו לייענען אַ מאַנוסקריפּט אין ייִדיש. איך האָב גענומען דעם מאַנוסקריפּט, און, דעם אמת געזאָגט — איך האָב דעמאָלט נישט צופיל דערוואַרט. איך האָב אים געלייענט. ס'איז געווען די „חזיונות". דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אַ דיכטער, וועלכער פּרוּווט די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון מלחמה צו געשטאַלטן אין אַ קונסט־ווערק. ס'איז אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס אַזאַ אימהדיקע קאַטאַס־טראָפע ווי די וועלט־מלחמה האָט אין דער דיכטונג, ביז נישט־לאַנג־צוריק, רעלאַטיוו געפונען ווייניק אויסדרוק. ס'שיינט מיר, אַז אין דער דאָזיקער באַציִונג גייט עס דעם דיכטער כמעט ווי דעם היסטאָריקער: ערשט דעמאָלט, ווען דאָס גאַנצע נערוון־סיסטעם און די נשמה זיינען דורך די געשעענישן אויפגערודערט, האָט מען אפשר אַ פּסיכאָלאָגיש בעסערן באַגריף פון דעם וואָס איז געשען. מ'איז אָבער מיט דער דאָזי־קער געשעעניש אַזוי צוזאַמענגעוואָקסן, אַז מ'איז אַזש נישט בכוח זי צו דערקלערן. און איך גלייב כמעט, אַז די קאַטאַסטראָפע פון דער מלחמה איז געווען אַזאַ מוראדיקע, אַז אויך דער דיכטער מוז האָבן צייט, ביז ער איז ביכולת צו געשטאַלטן אַזאַ טראַגישן שטאָף.

ווען איך האָב געלייענט די „חזיונות", איז מיר קלאָר געווען, אַז דער, וועלכער האָט דאָס געשריבן, איז אַ דיכטער, און טאַקע איינער פון יענע דיכטער, פון יענע קינסטלער, וועלכע מוזן שאַפן, ווייל זיי קאָנען נישט אַנדערש. דאָס אַנטשטיין פון אַ קונסטווערק איז אַן אייגנאַרטיקע געשע־עניש. מיר פילן ביי לעווינען, אַז ער איז אויפגעוואָקסן אין אַ קליין פּוי־ליש שטעטל, ווייט פון דעם, וואָס מיר דאָ רופן בילדונג און קולטור,

וועלכער קען אָבער די טיפענישן פונעם לעבן און פון דער קליינער שטאָט און פון די פּוילישע ייִדן. דער טריב צום שאַפן האָט זיך ביי אים גענומען ווייזן ערשט ווען ער איז געוואָרן אַ רייפער מאַן. דער דיכטער האָט זיך טיף איינגעבויערט אין דער מענטשלעכער נשמה, זיין שאַפונגס־קראַפט האָט זיך אַנטוויקלט און דער ערגסטער מאַטעריעלער מצב, די גרעסטע שטערונגען האָבן נישט געקאָנט צוריקהאַלטן דעם שאַפונגס־דראַנג פונעם דיכטער. דאָס האָב איך געפילט בשעתן לייענען די „חזיונות". אַ סך בילדער פון די חזיונות האָבן מיך פשוט פאַרפאָלגט. זיי זיינען גרויזאַם, אומגעהייער גרויזאַם. זיי האָבן מיך דערמאָנטש אין קאַלאָטס באַרימטע צייכענונגען פונעם דרייסיק־יעריקן קריג. אַ געוויסן שטריך פון קאַלאָט האָב איך געפונען אין לעווינס „חזיונות". ווער ס'האָט געזען די שוידערלעכע צייכענונגען פון קאַלאָט, דער האָט געזען דעם שרעקלעכן תהום פונעם דרייסיק־יעריקן קריג. נישט בלויז דער מענטש, נאָר אויך די חיה — אַלץ, די גאַנצע נאַטור, אָטעמט מיט קריג. אַזוי איז אויך דאָ. יעדעס בילד, יעדע ליניע, וואָס לעווין האָט געצייכנט אין די „חזיונות", איז ווי באַקומען אַ ווונד דורך אַ שפּיז. דאָס, וואָס רייסט זיך אין די „חזיונות" אַרויס פון דער נשמה פון אַ יחיד, איז באַגרינדעט דורכן אַלגעמיינעם געשען. פאַראַן אַ מערקווירדיקע סצענע אין די „חזיונות": אַ ברייט שלאַכטפעלד... צעריסענע וואָלקנס יאָגן איבערן הימל... אומעטום שרעקלעכע ליידן... דערשיטערנדיק וויינען... און צווישן די דאָזיקע בילדער פון טויט און צעשטערונג איז אָנגעשטעלט אַ צעבראָכענער קאַנאָן קעגן הימל... ס'דערמאָנט מיך אין די בילדער פון גאָיאַ, דער באַרימטער שילדערער פון קריג. ער האָט מלחמה נישט פאַרגעשטעלט ווי אַן עפּיש געדיכט, אַ העלדן־פאַרערונג, נאָר ר'האָט אין קריג געזען דאָס אימהדיקסטע. נישט דערהויבנקייט האָט ער געזען אין מלחמה, נישט גראַנדיעזס, נאָר די אומגעצוימטע בעסטיע אינעם מענטש. לויט מיין מיינונג, איז לעווינען פולשטענדיק געלונגען אָט דאָס צו געשטאַלטן אין זיינע „חזיונות". אָבער לעווין איז נישט קיין פּעסימיסט. דער סוף פון דער דאָזיקער מוראַדיקער קאַטאַסטראָפע אין די „חזיונות" איז אַן אויפּסניי געבוירן ווערן, אַ מין תחית־המתים, אַ מענטשלעכער רענעסאַנס; פון אומגעהייערע שמערצן און ליידן אָן אַ גרענעץ, פון טיפער פאַרוווּנדעטער מענטשלעכער נשמה, שטייגט אויף עפּעס נייעס. ס'זעט כמעט אויס, אַז יעדע גרויסע קונסט, יעדע נייע גרויסע קולטור ווערט געבוירן פון יאָמער און שמערץ. ס'איז קוים אָנצונעמען, אַז אָן יאָמער און שמערץ וואָלט געווען מעגלעך דאָס דאָזיקע גרויסע, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט, וואָס דערשיטערט אונדזער נשמה ביז אין די טיפסטע טיפענישן.

נעמט מען צונויף אַלץ, וואָס לעווין האָט ביז איצט געשאַפן, אַלץ, וואָס איך האָב פון אים געלייענט, אויך דאָס, וואָס איז דערווייל פאַראַן

בלויז אין סקיצן, וואָלט איך געזאָגט: אין זיינע ווערק איז דאָ אַ טיפֿע אידייע אין פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס, איינע אַנדערש ווי די אַנדערע, אָבער כּסדר זיך אומקערנדיק צו דער אידייע. אין אונדזער צייט פֿון פֿאָלק־לאָר און טעכנישער ציוויליזאַציע, אין אונדזער צייט פֿון פּאַראַלגעמיי־נערן דאָס גאַנצע פּסיכישע און גייסטיקע לעבן, אין אונדזער צייט, אין וועלכער אַפֿילו די קולטור־אידעאַלן קומען אַלץ מער און מער אונטער אַן אַלגעמיינעם באַגריף — אין דער דאָזיקער צייט גלייבט לעווין, אַז ס׳איז מעגלעך זיך צו דערהייבן, געבוירן צו ווערן אויפֿסניי. דער דאָזיקער תּחית־המתים איז פֿאַר אים אַ דערוואַכן צו אַ רענעסאַנס פֿון אַ גרויסן רעלי־גיעזן געדאַנק און אַ טיף רעליגיעז געפֿיל. אָבער ס׳איז אַ חילוק צווישן דעם, וואָס לעווין פֿאַרשטייט אונטער רעליגיעזן געדאַנק און רעליגיעז געפֿיל, און דאָס וואָס איז בדרך כּלל באַקאַנט אונטערן דאָזיקן אויסדרוק. ס׳איז אַ חילוק צווישן גלייבן אין גאָט און רעליגיע. מ׳קאָן אפֿשר באַנוצן דאָס געפֿליגלטע וואָרט פֿונעם מאַטעריאַליסטישן פֿילאָסאָף לודוויג פֿויער־באַך: „דער מענטש מאַכט זיך זיין גאָט לויט זיין אייגן בילד, אָבער ער קאָן פֿונדעסטוועגן זיין רעליגיעז". ווען פֿויערבאַך האָט דאָס געזאָגט — ער האָט דערמיט בלויז איבערגעחזרט וואָס אַ גריכישער חכם האָט מיט 2500 יאָר פֿאַר אים געזאָגט — איז ער געווען דורכגעדרונגען מיטן שטרעבן דורכצופֿירן אַ נייע רעליגיע, די רעליגיע פֿון מענטש. דער רעליגיעזער באַ־גריף פֿאַר לעווינען איז קודם כּל דאָס, וואָס וועקט אויף אינעם מענטש דאָס געפֿיל פֿון געמיינשאַפֿט. דאָרט, ווו ס׳איז דאָ געמיינשאַפֿט און איין מענטשלעכע נשמה ציט זיך צו דער צווייטער מענטשלעכער נשמה, דאָרט, ווו דער מענטש פֿאַראייניקט זיך מיטן מענטש אין דער טיפֿסטער טי־פֿעניש פֿון געפֿיל — דאָרט איז דאָ געמיינשאַפֿט, דאָרט איז דאָ רעלי־גיעזיטעט. רעליגיעזיטעט איז בכן די אחריות פֿונעם מענטש, דאָס אַנט־פּלעקן זיך פֿונעם מענטשס אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן, וואָס זיינען באַ־גרינדעט אינעם געפֿיל פֿון געמיינשאַפֿט, פֿון דער זעלישער פֿילבאַרקייט אין דער צוזאַמענגעהעריקייט.

דער דאָזיקער געדאַנק מאַניפֿעסטירט זיך אין לעווינס יעדן ווערק, אין אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געשריבן. צוליב דעם איז ער אפֿשר איינער פֿון יענע דיכטער, וואָס ווערן צופֿרי געבוירן און ווערן דעריבער נישט פּאָפּולער. אין אַ צייט ווי די הייַנטיקע, אין וועלכער בלויז דאָס פּראַקטישע און מאַטעריעלע האָט אַ באַדייטונג, אין וועלכער יעדער רע־ליגיעז־טיפֿער געדאַנק איז נישט אָנגעלייגט — אין אַזאַ צייט איז זייער שווער איינצוגיין מיט אַ דיכטער, וועלכער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו וועלן באַפֿרייען די וועלט דורך אַ רענעסאַנס פֿון רעליגיעזער אמונה. אין לעווינען שטראָמט דאָס רעליגיעזע געפֿיל פֿון דער אמונה פֿון זיין פֿאָלק. ס׳איז די אידייע פֿון די נביאים אינעם אַלטן טעסטאַמענט און

זײ רעדן אַרויס פֿונעם קינסטלער. לעווין באַגרייפֿט, אַז דאָס רעליגיעזע געפֿיל, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין די טיפֿסטע טיפֿענישן, איז אין אַלע פֿאָרמען גלײַך. די פֿאָרמען זײַנען פֿאַרשײדן; דער תּוך אָבער איז דער זעלבער. דאָס, וואָס ברענגט דעם מענטש צו דעם העכערן, דאָס וואָס מאַכט אים תּופֿס־זײַן דעם אַנדערן — דעם מיטמענטש — דער דאָזיקער טיפֿער עטישער באַגריף, דאָס דאָזיקע רעליגיעזע געפֿיל, איז נישט באַשרענקט בלויז אויף איין באַשטימטער רעליגיע, נאָר — אדרבה: מ׳קאָן זאָגן, אַז דאָרט, ווו רעליגיע איז פֿאַרשטאַרט אין דאָגמען, דאָרט איז דער לעבעדיקער געדאַנק וואָס קומט פֿון די טיפֿענישן אין דער נשמה, דער געדאַנק וואָס רעדט פֿון מענטש צו מענטש — מעגלעך דורך דעם, וואָס ווערט הײַנט בדרך כּלל באַצײכנט מיטן וואָרט: רעליגיע — דאָס איז פֿאַרשטופּט אינעם הינטערגרונט. פֿון דער נשמה אַרויס זאָל דער קוואַל שטראָמען! לעווין איז תּופֿס די אַלטע נביאים פֿון זײַן פֿאָלק אין זײער גאַנצער טיפֿקייט. זײַן סאָציאַל געפֿיל, זײַן געמײנשאַפֿטס־געפֿיל, דער אידעאַל פֿון אַ געמײנשאַפֿט, ווי ער שטעלט זיך פֿאָר, האָט לגמרי נישט צו טאָן מיט קײן שום מאָדערנער אָנשויאונג. און טראָץ דעם איז דער דאָזיקער אידעאַל תּמיד נײַ, מאָדערן, ווײַל ער קוועלט פֿון דער טיפֿסטער טיפֿקייט אין דער נשמה און ווײַל ער קאָן אין דער פּשוטער מענטשלעכקייט נישט איבערגעטראָפֿן ווערן.

אין זײַן ראָמאַן „צײַטוועגדע" (אין אָריגינאַל: „געזאַנג פֿון דורות") האָט לעווין — וואָס שײַך דאָס אויסערלעכע, די רושטאָוואַניע — געשילדערט אַ קלײן ייִדיש שטעטל, ווי ער האָט עס תּופֿס געווען און דורכגעלעבט. מיר זעען דעם קריסטלעכן עלעמענט, די גרויסע ייִדישע עדה, די פֿאַרשײדענע גרופּן אין איר, די פֿאַרשײדענע פּסיכאָלאָגישע אײגנשאַפֿטן, פֿון אַ געוויינלעכן גנבֿ ביז אַ רבי און אַ רבֿ, וועמען ס׳איז דערווידער דעם רבינס נסים ונפֿלאות. מיר זעען פֿאַרשײדענע קלײנשטעטלדיקע פּרויען. דאָס אַלץ איז אַזוי ווונדערלעך פּלאַסטיש געשילדערט, אַז יעדע אײנציקע פֿיגור טרעט בולט אַרויס פֿאַר אונדזערע אויגן. אַלץ איז אַזוי ריכטיק, אַז מ׳פֿילט — עס קאָן אַנדערש נישט זײַן. אָט איז די באַזונדערס ווונדערלעכע פֿיגור פֿון אַלטן גנבֿ וואָלף איציקס! אַ גאַנץ אײגנאַרטיקע פֿיגור, וואָס אַ דיכטער קאָן נישט אויסטראַכטן; ער מוז זי דורכלעבן, ער מוז זי האָבן געפֿילט; ערשט פֿונעם ווירקלעך־איבערגעלעבטן קאָן ער זי קינסטלעריש שאַפֿן. דאָס גאַנצע ווונדערלעכע מיליע אינעם ראָמאַן, וועלכער באַוועגט זיך כּסדר אַרום אײנעם און דעם זעלבן פּאָליוס, אַרום דער פֿראַגע פֿון אַ רעליגיעזן רענעסאַנס פֿאַר זײַן פֿאָלק. ס׳איז מערקווירדיק, אַז אין דער נשמה פֿונעם גנבֿס זון, אַלײן אַ גנבֿ — די דאָזיקע מלאכה האָט ער געלערנט בײַם טאַטן — לעבט אַ טיף מיסטיש געפֿיל. דער טאַטע, הגם אַ גנבֿ, איז דעם שטעטלדיקן רבינס אַ חסיד. דער רבי פֿירט יעדן

שבת טיש און ער גייט צוזאַמען מיט די חסידים פונעם שטעטל הערן דעם רבינס תורה און כאַפּן שריים, מיטנעמענדיק דעם זון. מאַכט זיך, אַז ער דערזעט דעם רבינס יינגסטע טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר 16־17, און דער גנב בן גנב פאַרליבט זיך אין איר. זינט יענעם מאָמענט הייבט זיך אָן אַ קאַמף אין זיין נשמה. ער ווערט אויס גנב, ווערט אַן ערלעכער מענטש, כדי ראוי צו זיין חתונה צו האָבן מיטן רבינס טאָכטער.

לעווין דערגרייכט דאָ אַ מערקווירדיקן סינטעז: ווען ס'קומט צום רעליגיעזן באַגריף, נישט קיין חילוק ייִדנטום אָדער קריסטנטום, מיינט ער נישט קירך אָדער סינאַגאָגע, נאָר דעם טיף אינערלעכן באַגריף פון אמונה. אין דאָזיקן ראָמאַן איז יעדע איינציקע סצענע, יעדעס בילד אַ קאַבינעט־שטיק. נישט קיין נפקא־מינה אויב סאיז די סצענע, אין וועל־כער חסידים, דורכגעדרונגען פון רעליגיעזער התלהבות, טרינקען די ווער־טער פונעם רבינס תורה, וואָס ער זאָגט פאַר זיי, אָדער אַ סצענע, אין וועלכער דער רב באַווייזט זיינע אָנהענגער דעם רבינס פאַלשן דרך און ס'קומט צו אַ מחלוקה צווישן די חסידים און די מתנגדים, צי וועלכע ס'איז אַנדערע סצענע — אַלציינס: אין אַלעם איז מאַניפעסטירט די פּסי־כאָלאָגיע פון אַ געוויסער גרופּע אין אַ באַשטימטן קרייז. די פּסיכאָלאָגיע פון געוויסע גרופּן, לאָמיר זאָגן פון די חסידים, לייזט זיך אויף אין דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע פון אַ יחיד. ס'איז נישט קיין פאַרהערלעכן איין צד און דערנידעריקן אַ צווייטן. דאָס טיף מענטשלעכע זעען מיר אור־מעטום, סיי אין וואָכנדיקן, טאָגטעגלעכן לעבן, סיי אין געמיינשאַפטלעך־רעליגיעזן. אומעטום, אין יעדער סצענע און בילד פונעם ראָמאַן, איז פאַ־ראַן די פאַרשיידנקייט פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער און געפיל.

אין זיין דראַמע „גלות" ווייזט לעווין די טראַגישע ירידה פון די ייִדן אינעם שטעטל. מ'פילט דאָס טיף איבערגעלעבטע פונעם דיכטער. דאָס דאָזיקע שטעטל מאַכט דורך אַלע פּחדים פון דער מלחמה. גאָר באַזונדערס אָבער ליידן פון דער מלחמה די ייִדן. צוערשט זיינען עס די קאָזאַקן, אַ ברוטאַל פאָלק, וואָס ווערט געפירט פון ברוטאַלע אינסטינקטן. מיר זעען ווי שווידערלעך זיי באַגייען זיך מיט די ייִדן, וואָס לעבן אָפּגעזונדערט אין דאָזיקן שטעטל ווי אין אַ געטאָ אַמאָל. ווען די קאָזאַקן (דאָס רוסישע מי־ליטער) פאַרלאָזן דאָס שטעטל, קומען די דייטשן. אַ ניי אומגליק, נישט קיין סך בעסער ווי דאָס פריערדיקע. און ווי תמיד איז דער ייִד דער קרבן. דאַן קומט דער מאָמענט, ווען די דייטשן מוזן אָפּציִען און די פּאָליאַקן נעמען איבער די מלוכה. און ווידער הייבן זיך אָן פאַר די ייִדן נייע צרות. שוין נישט מער פון די רוסן, נישט מער פון די דייטשן, נאָר פון די פּאָ־ליאַקן. יעדעס מאָל דערגייט ס'אומגליק ביז צום שווידערלעכסטן: גרענעצ־לאָזע דערנידעריקונג, מוראדיקע ליידן. ס'וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער פעלער אָנצונעמען, אַז לעווין האָט אין דער דאָזיקער דראַמע געוואָלט

ווייזן די ליידן פון זיין פאָלק בשעת דער מלחמה. די דאָזיקע אַלע ליידן, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען: די פּראָסטיטוציע, דערנידעריקונג פון דער פרוי, דער מאָרד וואָס האָט דורך די גאַסן געצויגן, דער שמוגל, די אַנטוויקלונג פון געמיינער גיריקייט — דאָס אַלץ איז אייגנטלעך בלויז דער הינטערגרונט, אַזוי צו זאָגן. אין דאָזיקן ווערק זעען מיר די חיהשע תאווה נישט בלויז פונעם גוף, נאָר אויך פון דער נשמה. דאָס, וואָס לעבט אין דער טיפעניש פון זיין פאָלק און ווערט ביסלעכווייז פאַרניכטעט — דאָס האָט לעווין געוואָלט געשטאַלטן. ער האָט אונדז געוואָלט ווייזן, ווי דער עקאָנאָמישער מצב, אין וועלכן די יידן אין פּוילן זיינען געצוווּנגען געווען צו לעבן, און די אייגנאַרטיקע אומשטענדן — ווי דאָס אַלץ ווירקט אין משך פון צייט אויפן זעלישן לעבן פון די דאָזיקע יידן. דאָס רעליגיעזע גייט צוגרונט, דאָס אָרט פונעם זעלישן פאַרנעמט ביסלעכווייז דאָס מאַ־טעריעלע. ס'איז נישט בלויז מאָרד און זינד, וואָס די יידן אין פּוילן זיינען בעת דער מלחמה אויסגעשטאַנען, נאָר די טראַגעדיע פונעם יידנטום, וואָס איז בעת דער מלחמה געווען פאַרמשפּט צו פולשטענדיקער פאַרניכטונג. די זעלישע ווונדן, די ווונדן אין האַרץ, די בלוטיקע ווונדן — דאָס איז עס וואָס לעווין ווייזט אונדז און וואָס מ'זעט אין זיין יעדן ווערק. די שווידער־לעכע דראַמע, דאָס גאַנצע לעבן פונעם קינסטלער, זיין רעליגיעז פילן קרייזט אין דאָזיקן פּראָבלעם. וועט לעווינען געלינגען מער ווי די אַנ־דערע, וואָס האָבן דאָס שוין געוואָלט טאָן, צו שאַפן אַ רענעסאַנס? ס'איז זייער שווער צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע. און איך האַלט מיך פאַר אַ גאַנץ קליינעם נביא, אַז כ'זאָל מיך אונטערנעמען אויף דער דאָ־זיקער פראַגע צו קאָנען ענטפערן. אויב די דאָזיקע פראַגע זאָל אַמאָל פאַרענטפערט ווערן מיט יאָ, וועלן מיר דעמאָלט זען, אַז טראָץ דעם, וואָס עפּעס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, וועט דער זעלבער אַלטער מצב, מיטן גאַנג פון די געשעענישן, זיך ווידער אָנהייבן.

אין קייסער־פרידריך־מוזעאום איז דאָ אַ בילד פונעם גרויסן מייסטער רעמבראַנדט: אין האַלבטונקעלן הינטערגרונט שטייט אַ פּריסטער מיט אַ ברייטן הוט אויפן קאָפּ און מיט רעליגיעזן עקסטאַז אין די אויגן. ער רעדט. רעכטס פון אים ליגט די הייליקע שריפט. אַ ברענענדיק ליכט באַ־לייכט דאָס הייליקע ספר, און דער שיין שפּיגלט זיך אין די אויגן פונעם פּריסטער. פאַר אים זיצט אַ פּשוטע פאָלקס־פרוי מיט אַ נאַיִוון אויסדרוק אויפן פּנים. דער פּריסטער רעדט אין התלהבות. פון זיינע ליפּן קומען ווערטער, וואָס דרינגען פון דער טיפסטער טיפקייט און דערגרייכן דאָס אויער פון דער פרוי. זי נעמט־אויף זיינע רייד בדרך הפּשטות, קינדעריש־נאַיִוו. און דאָ פילן מיר די גרויסע טראַגעדיע. צווישן די ליפּן פונעם פּרע־דיקער און דעם אויער פון דער פרוי עקזיסטירט אַ סוד. דאָס טיפסטע, ווען ס'ווערט גערעדט, ווערט עס אַנדערש פאַרשטאַנען, אַנדערש באַגריפן.

דאָס אַלטע דיפּלאָמאַטן־וואָרט, אַז גאָט האָט דעם מענטש געגעבן דאָס לשון אויף צו פֿאַרבאָרגן זיינע געדאַנקען, האָט נישט בלויז אַ דיפּלאָמאַטישע באַדייטונג, נאָר אויך אַ טיף זעלישע. די נישט שלימותדיקייט פֿון שפּראַך, די אוממעגלעכקייט אויסצודריקן דאָס טיפֿע און סודותדיקע, איז אונדז אומעטום אין וועג. דאָרט, ווו ס'ווערט גערעדט און געהערט, דאָרט הערשט די גרויסע מיסטעריע, דאָרט אַנטפּלעקט זיך דער סוד, וועלכער וועט מסתמא גילטן אויך פֿאַר די לייענער פֿון לעווינס ווערק.

די דאָזיקע פֿראַגע קאָן נישט פֿאַרענטפֿערט ווערן. דאָס, וואָס קאָן געענטפֿערט ווערן מיט יאָ, איז די טאַט־זאַך, אַז פֿון לעווינס ווערק רעדט אַן אמתער דיכטער, אַ דיכטער, וועלכער טוישט נישט אויס גרויסע אידייען אויף קליינגעלט פֿון אונדזער מאַטעריאַליסטישער צייט, נאָר באַמיט זיך אין דער דאָזיקער צייט אַריינצודרינגען אין דער טיפֿקייט פֿון דער מענטשלעכער נשמה, באַמיט זיך באַזונדערס תופֿס צו זיין די מענטשן פֿון זיין פֿאָלק. איינפֿאַך איז די דאָזיקע קונסט נישט. זי ווערט גענערט מיטן האַרצבלוט פֿונעם דיכטער. דער קינסטלער גייט צוגרונט, כּדי די אידייע זאָל לויכטן, זי זאָל שוועבן ווי אַ שטערן איבער זיינע לייענער און זיי ווייזן דעם וועג אויף וועלכן זיי זאָלן גיין.

הקדמה

(וואָס איך וואָלט אין אַן אַנדערער צייט נישט געשריבן)

1

מיר לעבן אין אַ צייט פון עקסטרעמער, שיער מיטלאַלטערלעכער אומטאָלעראַנץ. דאָס איז שולט אויך אין אונדזער יִדיש געזעלשאַפטלעך לעבן, באַזונדערס אויפן געביט פון גערעדטן און געדרוקטן וואָרט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס נאָכן באָלשעוויסטישן נצחון. דער ביבלישער סלאָגאַן: „מי לד׳ עלי״, איז צוגעשפּיצט געוואָרן צו: „ווער ס׳איז נישט מיט מיר איז קעגן מיר״. דעריבער איז צווישן אַנדערן דערגרייכט געוואָרן, אַז די עפנטלעכקייט האָט אויפגעהערט ווערן זיך צוהערן צו אַ יחידם באַנעמען דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַליזם אויף זיין אייגענעם, נישט פּאַרטייאישן אופן, האָט אויפגעהערט צו ווערן פאַרשטיין אַ יחידם תופס-זיין די סאָציאַלע מאָראַל און עטיק פון אונדזערע אַמאָליקע נביאים אויף אַ נישט שאַבלאָנעדיקן אופן. דאָס ווירקט פּאַראַליזירנדיק אויפן גייסטיקן געביט, באַזונדערס אויפן קינסטלעריש-שעפערישן וואָרט.

2

די יסודות אינעם בנין פון יִדישקייט זיינען, לויט מיין מיינונג, דער אַקט פון „יציאת מצרים״, פון „מעבדות לחירות״ און אַלע אַנדערע סאָציאַלע, מאָראַלישע און עטישע דינים און מצוות. דאָס איז דער תוך און תמצית פון תורת-משה; דאָס האָבן די נביאים כסדר באַטאָנט און געפּאָדערט פון יִדישן פאָלק. יושר און צדק איז די קווינטעסענץ אינעם גרעסטן טייל פון אונדזער רעליגיעזער ליטעראַטור נאָכן תנ״ך, אָנהייבנדיק מיטן תלמוד און ענדיקנדיק כמעט מיטן לעצטן מוסר-ספר. פאַרשטייט זיך, אַז די מאָראַלישע און עטישע דינים און מצוות זיינען געשאַפן געוואָרן לויט די באַגריפן — די פּראָגרעסיוויסטע — פון יענע צייטן. דער לייטמאָטיוו

אין אונדזער וועלטלעכער ליטעראַטור איז דער המשך פון דער פריִער־דיקער: סאָציאַלער יושר, מאָראַל, טאָלעראַנץ, פרייהייט.

3

דער תוך און עיקר פון דערדאָזיקער ייִדישקייט האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו לעבן אין דער נשמה פון אַ סך, אַ סך ייִדן; זי האָט גע־לעבט אין אַלע צייטן פון אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ, אַמאָל ביי ווייניקער ייִדן, אַמאָל שטאַרקער און אַמאָל שוואַכער. די ייִדישקייט „מעבדות לחירות" און סאָציאַלע גערעכטיקייט, וואָס האָט געגליט אין די הערצער פון אונדזערע נביאים און זיי האָבן מיטן דיכטערישן וואָרט פון געוואַלדיקסטער קראַפט און גראַנדיעזן בילד און וויזיע דאָס נישט אויפגעהערט פאָדערן ביי די רייכע און מעכטיקע, ביי די באַרויבער און אונטערדריקער פון די אָרעמע — דידאָזיקע ייִדישקייט האָט אין אַלע צייטן געגליט אין די הערצער פון אַלע קעמפער פאַר פרייהייט און סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט. פאַרשטייט זיך, אַז שפּראַך, באַגריף און מעטאָד פון קאַמף האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן — לויט די ענדערונגען פון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם און צוזאַ־מען דערמיט דאָס אויפקומען פונעם פּראָלעטאַריאַט אין היינטיקן זין זיי־נען לויטן דאָזיקן געשען געשאַפן געוואָרן גאַנץ נייע באַגריפן פון סאָציאַלן יושר און גאָר נייע מעטאָדן פון קאַמף אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט. דאָס פּראָלעטאַריאַט האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן און ס'האָט אויפגעשטראַלט דאָס וואָרט **סאָציאַליזם** אויף רויטער פאָן, וואָס איז גע־ווען אַן עמוד־האש אינעם קאַמף פאַר אַ גערעכטער, פרייער, גייסטיק־דערהויבענער וועלט. אונטער דערדאָזיקער פאָן, אַ געשאַפענע בשותפות מיט די סאָציאַליסטן פון אַלע פעלקער אינעם גרעסטן טייל אייראָפּע, האָבן מיר, פּראָפּאָרציאָנעל, זיך געשטעלט אין דער גרעסטער צאָל. און דאָס אויף יעדן געביט, סיי טעאָרעטיש, סיי פּראָפּאַגאַנדיסטיש און סיי אַלס קעמפער אויף די באַריקאַדן. דער טעם, פאַרוואָס אין אַ גרעסערער צאָל, איז פאַרשטענדלעך פון היסטאָריש־גייסטיקן שטאַנדפּונקט און פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן מצב, אין וועלכן מיר האָבן געלעבט אין די לענדער אַלס פרעמדע (אין גלות).

צווישן די, וועלכע האָבן אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם פאַרנו־מען חשובע ערטער, טייל גאָר חשובע, זיינען געווען זין און טעכטער פון לומדים, אַפילו פון רבנים. געוויינטלעך האָט עס געהייסן, אַז צום סאָציאַליזם האָט זיי געבערענגט „אַפּיקורסות", וואָס איז צו זיי געקומען פון לייענען ספרים חצונים. דאָס איז טיפּשות! צו „אַפּיקורסות" (ווי לע־בערלעך בנוגע סאָציאַליזם) זיינען זיי גיכער געקומען דורכן תנ"ך, פון זען, אַז דער גייסט פון ייִדישקייט, וואָס די נביאים האָבן געפאָדערט, איז אַזוי אַנדערש פונעם אָפיציעלן ייִדישקייט אינעם לעבן.

4

דער קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט, דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, איז אין אונדזער וועלטלעכער ליטעראַטור אויף אַ קלאָרן און דירעקטן אופן אַ לאַנגע צייט געווען קוים צו באַמערקן. ערשט א. מ. ווייסענבערג, שפּעטער בערגלסאָן, האָראָנטשיק און עטלעכע וויניקער אָנגעזעענע האָבן גענומען שילדערן דעמדאָזיקן קאַמף. זיי האָבן געשילדערט באַלמלאָכעס, פאַבריקאַנטן און סתם האָראָפּאָשניקעס, שוין אויפגעקלערטע און נאָך נישט אויפגעקלערטע, שוין אָרגאַניזירטע אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און נאָך נישט-אָרגאַניזירטע, ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. אין אַמעריקע איז די טעמאַטיק פון דער יידיש-וועלטלעכער ליטעראַטור כמעט פון אָנהייב אָן געווען צום גרעסטן טייל אַ סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערע און אַזוי געבליבן ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. דאַן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ס'איז אויפגעקומען די באַוועגונג פון „אינזיכיזם", און באַלד — ווי אַ קאָנטראַשטרעמונג — האָט זיך באַוויזן אַ מין סימבאָליזם און מיסטיציזם, ווי למשל אין ה. לייוויקס דראַמאַטישע ווערק „דער גולם" און „די גאולה-קאָמעדיע".

אין פּוילן און אין נאָך אַנדערע מזרח-אייראָפּעיִשע לענדער האָבן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה אַלץ מער יידן געקעמפט אין די רייען פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין די צוואַנציקער, און באַזונדערס אין די דרייסיקער יאָרן זיינען די קאַמפן געוואָרן אַלץ ביטערער, פאַרצווייפלטער, בלוטיקער. די רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין די כלומרשט רעפּובליקאַניש-דעמאָקראַטישע לענדער — אין דער ווירקלעכקייט האָט כמעט אין אַלע געהערשט טיילווייזער אָדער גאַנצער פאַשיזם — האָבן די קעמפער פאַר סאָציאַליזם, באַזונדערס די ראַדיקאַלע, מערדעריש פאַרפאָלגט. טויזנטער און טויזנטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. מ'האָט זיי אימהדיק געמאַטערט, געפּאַלטערט אין די תפיסות, נישט וויניק פאַרמשפּט צום טויט, אָדער אָן אַ משפּט אומגעברענגט מיט די פאַרשידנסטע מיתה-משונות אין די טורמעס, אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערס, ווי אין „קאַרטוז-בעראַזאַ" (דערמיט איז פּוילן פאַראויסגעלאָפן היטלערן אויף עטלעכע יאָר). און דאָך האָבן די קעמפער זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זייער העראָישן קאַמף; זיי האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער איבערצייגונג, פאַר זייער אידייע, וואָס איז פאַר זיי געווען הייליק, ווי ס'איז פאַר די פרומע יידן געווען הייליק זייער אמונה און זיי האָבן זיך פאַר איר מקריב געווען — ווען ס'איז געווען נייטיק, אין אַלע צייטן פון אונדזער מאַרטירער-געשיכטע — על קידוש השם.

5

נאָך אונדזער וויסטן חורבן אין דער צווייטער וועלט-מלחמה, די שרעקלעכסטע אין אונדזער געשיכטע, איז צוזאַמען מיטן יידישן לעבן

פאַרשניטן געוואָרן אויך דאָס שפּרודלדיקע לעבן פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור. אויך אין אַמעריקע און אין אַלע אַנדערע ייִדישע ייִשובים האָט פון דעמאָלט אָן דער דופק פון דער ייִדיש־וועלטלעכער ליטעראַטור (אין ייִדיש) גענומען קלאַפּן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. זי איז אַלץ מער און מער רעדוצירט געוואָרן צו אַ חורבן־ און זכרונות־ליטעראַטור. דאָס איז כמעט ווי נאַטירלעך. די דאָזיקע חורבן־ און זכרונות־ליטעראַטור — נויט־ווענדיק באַדינגט — האָט זיך אַלץ מער צעוואַקסן און איז אויך קאָמער־ציעל, לויט די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, געוואָרן אַ גאַנגבאַר אַרטיקל אויפֿן באַשרענקטן ביכערמאַרק.

אינעם גרעסטן טייל, אָדער כמעט אין אַלע ביכער פונעם דאָזיקן מין ליטעראַטור, ווערט דאָס לעבן פון די אומגעבראַכטע ייִדן פאַרן חורבן גע־שילדערט אין אַ שיין פון הייליקייט. ס׳קומט שיער אויס, ווי כמעט אַלע יענע ייִדן זיינען געווען צדיקים, גרויסע בעלי־מידות — מלאכים ממש. דאָס איז פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט פאַרשטענדלעך: זיינען דאָך די אי־בער זעקס מיליאָן ייִדן, צווישן זיי אַ מיליאָן קינדער, אומגעבראַכט גע־וואָרן פון די נאַצי־מערדער און זייערע פּוילישע, אוקראַינישע און אַנדערע בלוט־קנעכט, אויף גרויזאַמסטע אופנים. דאָס האָט אַרויסגערופן אין אַמע־ריקע און אין די אַנדערע ייִדישע ייִשובים אַ געוויסע באַוועגונג פון אַ מין „אהבת ישראל”. דאָס איז נאַטירלעכע נאָסטאַלגיע. דעמדאָזיקן סענטימענט האָבן פּרומאַקעס — צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זיינען קיינמאָל נישט געווען פרום, אַזעלכע, וואָס האָבן דעם עול פון ייִדישקייט, אין וועלכער ס׳איז פאַרעם, שוין לאַנג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און האָבן אויך איצט דערמיט נישט צו טאָן — גענומען אויסנוצן אויף רופן צוריק אין שול אַרייל, צוריק צו אַמאָליקער פרומער, צו טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט.

ביידע, סיי דער „אהבת־ישראל־”־סענטימענט און סיי די פּראָפּאַגאַנ־דע פאַר פרומער צי טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, האָט דעם איצט קלאָ־געדיקן, אָדער ריכטיקער, קאַטאַסטראָפאַלן מצב פון דער וועלטלעך־ייִדי־שער ליטעראַטור אין בוכשטעבלעכן זין — ווי זי איז געווען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה — געגעבן כמעט דעם לעצטן טויט־קלאַפּ. פאַר אַ מחבר פון אַ ווערק, אין וועלכן ער האָט רעאַליסטיש באַהאַנדלט דאָס ייִדישע לעבן אין דער אַלטער היים פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ ווערק, אין וועלכן ער האָט זיך באַמיט צו שילדערן ס׳ייִדישע לעבן ווי ס׳איז ווירקלעך געווען, דאָס לעבן אין אַלע פאַרבן, העלע און שאָטנדיקע און אויך שוואַרצע; ער האָט זיך באַמיט צו זיין אָביעקטיוו — אויף וויפל ס׳איז מעגלעך פאַר אַ מענטש בכלל און פאַר אַ קינסטלער בפרט — פאַר אַ מחבר פון אַזאַ ווערק זיינען כמעט, אָדער בוכשטעבלעך, פאַרמאַכט די טירן פון די עטלעכע עקזיסטירנדיקע פאַרלאַגן, סיי גע־זעלשאַפטלעכע, וואָס מיינט אין ביידע פאַלן, אַז דער מחבר, ביז די עט־לעכע גאָר באַרימטע, באַצאָלט די הוצאות פאַרן אַרויסגעבן זיין בוך. איך באַטאָן: **אַפילו ווען ער וויל באַצאָלן די הוצאות!** דער תירוץ איז: „דאָס געשילדערטע לעבן איז נישט באַלויכטן אַזוי, אַז ס׳זאָל זיך אַריינפּאַסן אין

דער ליניע פון די ביכער, וואָס מיר גיבן אַרויס". („ליניע" פון מיר אונטערגעשטראָכן).

6

דער צושטאַנד פון דער כמעט מיטלאַלטערלעכער אומטאָלעראַנץ אין אונדזער עפנטלעך לעבן איצט איז אין אַ געוויסן זין באַגרייפלעך. ס'איז באַגרייפלעך אויך דער קאַמף, וואָס די סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען פירן קעגן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די אַזויגערופענע פרייע לענדער אומעטום, באַזונדערס קעגן באָלשעוויזם אין רוסלאַנד, (הגם ס'איז פּריקרע דער געדאַנק, אַז מיטן דאָזיקן קאַמף זיינען זיי שותפים צו דער „קאַלטער מלחמה", וואָס די קאַפּיטאַליסטישע און נישט ווייניק רעאַקציאָנערע רעגירונגען פירן). ס'איז באַגרייפלעך, ווייל די אידייע פון סאָציאַליזם, וואָס איז געווען די שענסטע, די דערהויבנסטע האָפענונג פון אַלע סאָציאַליסטן אויף אויסלייזן דעם מענטש פון זיינע מאַטעריעלע ליידן און זעלישע דערנידערונגען, איז און ווערט ווייטער אויף אַ ברוטאַלן, גרויזאַמען אופן צעטרעטן אין שמוץ פון שקרים און דערטרונקען אין בלוט, וואָס שטאָט פרייהייט הערשט אין די קאָמוניסטישע לענדער די ערגסטע שקלאַפעריי; שטאָט גלייכהייט — דיקטאַטאָרישע קאַסטעס מיטן אויבער-דיקטאַטאָר בראש; שטאָט ברידערלעכקייט — טורמעס, פאַרשיקונגען און קאָנצענטראַציע-לאַגערס, פונוואַנען ווייניק קומען צוריק. ס'איז ביטערע אַנטוישונג, פאַרצווייפלונג, וואָס יעדער ערלעכער, קעמפנדיקער סאָציאַליסט ליידט זינט דעם באָלשעוויסטישן זיג.

דאָך מוז מען זיך גובר זיין, אַנווענדן אַלע גייסטיקע כוחות, כדי נישט צו פאַרלירן דעם שכל-הישר אויף אַזוי ווייט, אַז מ'זאָל „אַרויסגיסן דאָס שמוציקע וואַסער מיטן קינד צוזאַמען", ווי ס'פאַלק זאָגט. איך מיין דערמיט: אַז מ'טאָר נישט אידענטיפיצירן די, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר סאָציאַליזם אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, מיט דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און מיט די פירער און זייערע העלפער פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איצט (מחוץ רוסלאַנד און די סאַטעליטן). די ערלעכע קעמפער פאַר קאָמוניזם צווישן די צוויי וועלט-מלחמות מחוץ רוסלאַנד זיינען געווען טאָפּלטע קרבנות. זיי זיינען געווען איבערגעצייגטע אין זייער אידייע; זי איז געווען זייער אידעאַל. פאַרן דאָזיקן אידעאַל האָבן זיי געליטן, העראָיש געקעמפט, זיך מקריב געווען פאַר אים.

און נאָך עפּעס, וואָס מ'טאָר נישט פאַרגעסן: אַז מ'מוז היסטאָרישע געשעענישן זען אין ליכט פון געשיכטע. אויך די איצטיקע טראַגעדיע פונעם מענטשנס אידעאַל. לאָמיר זיך דערמאָנען אין די צוויי וויכטיקסטע עפּיזאָדן פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. דער ערשטער עפּיזאָד אינעם אָנהייב פון דער איצטיקער צייטרעכענונג: דער קאַמף פאַרן קריסטנטום. וואָס איז געבליבן פון דעררדאָזיקער גראַנדיעזער, סאָציאַלרעליגיעזער אידייע, פאַר וועלכער ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן אַזויפיל בלוט? דער צוויי-

טער עפּיזאָד ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט: די פראַנצויזישע גרויסע רעוואָלוציע. וואָס איז געוואָרן פון דעם הערלעכן אידעאַל: „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט" נאָכן פאַרגיסן אָן אַ מאָס מענטשלעך בלוט? ס'זעט אויס ווי אַ היסטאָריש געזעץ, אַז פון אַן אידייע, פאַר וועלכער מ'קעמפט, בלייבט נאָכן „זיג" זייער ווייניק, אָדער ריכטיקער, דאָס וואָס ס'בלייבט איז אַזוי פאַרקריפּלט, אַז מ'דערקענט גאָרנישט די אידייע פאַר וועלכער מ'האָט געקעמפט. ס'איז פון איר געבליבן אַ וויסט פאַרזעעניש, אַ מיאוסער חוזק. נאָך מער: ס'קומט אויס, אַז וואָס באַדייטנדיקער, וואָס דערהויבענער די אידייע איז, אַלץ ווייניקער בלייבט פון איר, אַלץ פאַרקריפּלטער איז דאָס געבליבענע, אַלץ העסלעכער; ס'בלייבט דער היפּוך פון דער אידייע.

און דאָך! דאָס איבערגעבליבענע פון דער אידייע נאָך דער רעוואָלוציע איז אַ רינג, אָדער אַ רינגעלע אין דער קייט פון פּראָגרעס. די רעזולטאַטן זיינען אָפט מער אומדירעקטע ווי דירעקטע. אַ רעוואָלוציע איז קיינמאָל נישט בלויז לאָקאַל; זי ווירקט איבער די גרענעצן, אָפט אין אַ גאַנץ ווייטער פּעריפעריע. נישט גלייך. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך גרייכן די רעזולטאַטן פון דער רעוואָלוציע אין אַלץ ווייטערע לענדער און ווערן אַלץ באַדייטנדיקער. אָן אַ רעוואָלוציע אָבער געשעט גאָרנישט. עוואָלוציע איז פּונקט אַזוי אָפּהענגיק אין רעוואָלוציע, ווי פאַרקערט. עוואָלוציע און רעוואָלוציע זיינען אַ סיאַמער צווילינג. גוסטאַוו לאַנדאַוער לערנט אונדז דאָס אין זיין בוך „די רעוואָלוציע" וועגן טאָפּיע און אוטאָפּיע. רעוואָלוציע איז דאָס ווערק פון מענטשן און אומשטענדן, און דעריבער — אַזוי זעט אויס — איז נישט מעגלעך צו באַשטימען: ווען און ווו אַ רעוואָלוציע זאָל פאָרקומען און וויאַזוי צו דערגרייכן די רעזולטאַטן, פאַר וועלכע מ'האָט געקעמפט. „דער מענטש מאַכט געשיכטע און געשיכטע מאַכט דעם מענטש", האָט אַ חכם געזאָגט. אַז מ'טראַכט זיך טיפער אַריין, איז שווער צו זאָגן, אַז דער מענטש איז דער מייסטער פון זיינע מעשים. וועגן דעם האָט געטע געזאָגט: „מיר גלייבן אַז מיר שטופּן, אָבער מיר ווערן געשטופּט".

שמואל לעווין

דיר, ליבע מ ר י ם,
אין ליבע און דאַנקבאַרקייט
פאַר דיין מי און געדולד,
וואָס האָט מיר דערמעגלעכט צו שאַפן.

דיין שמואל

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

דער חורבן

1

דער פּירעקנדיקער מאַרקפּלאַץ איז געווען דאָס האַרץ פון דער שטאָט. כמעט אין יעדן הויז איז דאָרט געווען אַ גרעסער אָדער קלענער געשעפט; וויניקסטנס אַ קרעמל. אָבער באַלד אין ערשטן יאָר מלחמה פון 1914 איז כמעט אַלץ חרוב געוואָרן. אַ סך הייזער זיינען אַוועק מיטן פייער. פון אַ טייל געמויערטע, צוויי־ און דריישטאָקיקע קאַמיעניצעס זיינען איבערגעבליבן בלויז שוואַרצע, פאַרסמאַליעטע מויערן און הויכע קוימענס. פון די פאַרבראָענטע הילצערנע הייזלעך זיינען גע־בליבן צוזאַמענגעשרימפּטע בערגלעך אַש און גלאָוונעס. דאָס ראַטהויז אין מיטן מאַרק איז נישט חרוב געוואָרן; אָבער אויסגלאַשן איז דאָרט ס'לעבן, פאַרשטומט. אויך די קירך, לינקס פונעם ראַטהויז און נישט ווייט פונעם גרויסן טראַקט, איז געבליבן גאַנץ; דאָך ליידיק איז זי, אָן מתפּללים. דער מעשענער, פאַרגילדטער צלם אויפן שפּיץ פון טורעם האָט, ווי אַן עדות — אַן עדות פון מענטשס גרויזאַמ־קייט נאָך פון אַ סך פריערדיקע צייטן — צוגעזען די צעשטערונג. פאַרנט, פאַרן אַריינגאַנג דורכן גרויסן טויער אין דער קירך, האָט דאָס געמאָלטע בילד פון דער הייליקער מאַריאַ געקניט אין אירע ווייסע און בלויע טוליענע שלייערס צום גע־קרייציקטן קריסטוס. זי האָט פאַרבאָרגן איר פּנים אין די איידעלע בלאַסע הענט, באַקלאָגנדיק דעם חורבן.

פון בית המדרש און פון דער שול — אינעם סאַמע אָרימסטן יידישן טייל פון דער שטאָט — זיינען איבערגעבליבן בלויז די געמויערטע ווענט.

אַ סך קאַשטאַנביימער, ליפּעס, לינדן און אַקאַציעס זיינען אָפּגעסמאַליעט, פאַרשרפהט, צעשאָסן און צעהורגט געוואָרן. צווייגן זיינען געבליבן הענגען יווי אברים פון בעלי־חי, וואָס באַמבלען אָפּגעריסענע אויף שטיקער הויט און אָדערן.

ווי אַרטעריעס אין אַ לעבעדיקן גוף ציען זיך צום האַרץ, אַזוי האָבן זיך געצויגן גאַסן און געסלעך פון אַלע טיילן שטאָט צום מאַרקפּלאַץ. דער גרויסער טראַקט האָט דורכגעשניטן די שטאָט און זי פאַרבונדן מיט וואַרשע און לובלין. וועגן און שאָסייען האָבן זי פאַרקניפּט מיט נאָך אַנדערע שטעט, מיט שטעטלעך

און דערפּער. אַ בריק איבער אַ טייך פירט צום ידישן בית־עולם און צום קריסט־לעכן צמענטאַזש.

געלעבט האָט די שטאָט פון מלאכה און האַנדל און פון די פאַבריקן, וואָס מ׳האָט אויפגעבויט ביים אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אויך פון די פאַב־ריקן זיינען איבערגעבליבן בלויז רויטע, פאַרסמאָליעטע מויערן, מיט רייען לעכער, וואָס זיינען אַמאָל געווען פענצטער, מיט הויכע, אַצינד טויטע קוימענס און צע־בראָכענע מאַשינען.

אין די שיינע פאַרנאַכטן פון אָנהייב האַרבסט, אין דער עטוואָס שוין קילער, אָבער דאָך נאָך מילדער לופט, האָט זיך טייל מענטשן געדוכט, אַז זיי פילן דעם אָטעם פון די אויסגעהויכטע לעבנס, וואָס זיינען געפאַלן פון קוילן אָדער באַגנעטן. דער טויט פון מאַסן דערמאָרדעטע איז ווי געבליבן שוועבן אינעם חלל. פייגעלעך פליִען אַרום אין אַ קרייז: זיי פישטשען און זוכן זייערע נעסטן.

2

ערשט עטלעכע טעג זיינען פאַרביי נאָך דער לעצטער שלאַכט, וואָס האָט דאָ געפּלאַקערט. געטריבן די מענטשן פון דער שטאָט האָט מען צוויי מאָל. נאָר איצט איז דאָס רוסישע חייל שוין ווייט פאַריאָגט און די פליטים האָבן זיך אָנגע־הויבן צוריקקערן. זייערע וווינונגען אָבער — צומיינסט אין די אָרימע טיילן פון דער שטאָט, ווו ס׳האָבן געוווינט באַלמעלאָכעס און פאַבריקאַרבעטער, קליינע קרע־מער און דאָרפסגייער — זיינען שטאַרק חרוב געוואָרן. פון קלמן בלאָכערזשעס פאַרצייטיש הויז מיט אַ גרויסער קיך און אַ באַקאויוון, וואָס האָט אויסגעזען עפּעס ווי אַ מין מזבח פון אַמאָליקע צייטן און איז געשטאַנען אין רשות־הרבימדיקן דורכ־גאַנג פון איין גאַס צו דער אַנדערער — פון דאָזיקן הויז, וואָס מענטשן האָבן גע־רופן „די פעסטונג״, זיינען איבערגעבליבן בלויז די „פייערמויערן״. צו זיי זיינען זיך אַצינד צוזאַמענגעקומען אומגליקלעכע פרויען, וועלכע האָבן דערווייל נאָך נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. צוזאַמען מיט רחלען, קלמן בלאָכערזשס פרוי, האָבן זיי צוזאַמענגענומען שפּענדלעך, שטרוי און טרוקן מיסט און געמאַכט אַ פייער אויף דער קיך. אויף אייזערנע פּרענטן, געלייגט איבער ציגל, שטייען שוואַרצע טעפּ מיט וואַסער.

פון די זאַכן, וואָס די מענטשן האָבן ביי זייער אַנטלויפן נישט געקאָנט מיט־נעמען און זיי באַהאַלטן אין די קעלערס פון די הייזער, איז איבערגעבליבן בלויז דאָס, וואָס ס׳האָט נישט געקאָנט ברענען און ס׳האָט פאַר די גנבים נישט געלוינט צו נעמען.

דאָס פייער אויף דער קיך וויל זיך נישט צעברענען. ס׳ציט זיך אַ ברוינלעכער רויך. רחל בלאָזט אינעם טליִענדיקן פייער. אין די צעריסענע שמאַטעס, האַרטע ווי בלעכן פון שמוץ און בלאָטע, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ דערעלע — זעט זי אויס ווי עפּעס אַ גרויסער שוואַרצער שטיק, וואָס געהערט צו דער דאָזיקער משונהדיקער, פאַרצייטישער קיך. דאָס פאַרוסטע פליישיקע פנים איז גלייכגילטיק. די פלייצעס זיינען אויסגעבויגענע, קיילעכדיקע. די שוואַרצע און האַרטע הענט

מיט צעקרומטע פינגער שאַרן אינעם טליִענדיקן פייער ביז ס׳צעפלאַקערט זיך. די פליישיקע ליפּן זיינען אָנגעדראָלן; די אויבערשטע — אַרויסגעשטאַרצט, די אונטערשטע הענגט אַראָפּ. די גרויסע, געלע ציין זעט מען דורכן געעפנטן מויל. זיי זיצן געזונטע נאָך אין די יאַסלעס, ווי קיזלשטיינער אין אַ ברוק. אין די ברוינע אויגן שפּיגלען זיך די פלאַמען פונעם צעפלאַקערטן פייער.

די פרויען אַרום דער קיך — קיין איינע נישט בעסער אָנגעטאָן ווי רחל — זיינען ווי פאַרשטיינערטע. זייערע געלע פּנימער זיינען אָפּגעצערטע. די בליקן אין זייערע אויגן, וואָס האָבן געזען אַזוי פיל טויט און צעשטערונג, זיינען האַרטע. געשעלטערטע אָן יאָרן, צעטומלטע פון שרעק און גרויזאַמקייט. זיי האָבן צוגע־שטעלט טעפּ וואַסער צום קאָכן; נאָר וואָס אַריינצוטאָן אינעם וואַסער האָבן זיי נישט: נישט קיין הירזש, נישט קיין גרויפּן, נישט קיין אַרבעס. אפילו נישט קיין קאַרטאָפליעס. אין שטאָט האָט מען דערוויילע נאָך גאָרנישט באַקומען צו קויפן. די געוועלבער, וועלכע זיינען איבערגעבליבן גאַנץ, זיינען לער און שטייען פאַר־מאַכט. די פּויערים פון די דערפער אַרום — זיי זיינען זיך צעלאָפן אין די וועלדער, האָבן זיך באַהאַלטן ווו זיי האָבן געקאָנט און זיך צוריקגעקערט גלייך ווי די שי־סערייען האָבן אויפגעהערט — האָבן דערוויילע נאָך גאָרנישט געברענגט אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן. און אפשר האָבן זיי מער נישט געהאַט קיין פּראָדוקטן. ביי־דערליי חיילות, דאָס רוסישע און דאָס דייטשע, האָבן אויסגעליידיקט די דערפער און די שטעט; זיי האָבן קאָנפיסקירט און גערויבעוועט וואָס זיי האָבן געטראָפן און געפונען אין באַהעלטענישן. די מייסטע פרויען אַרום דער קיך האָבן דעם גאַנצן טאָג נאָך כמעט גאָרנישט געהאַט אין זייער מויל. זייערע מענער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין שכנישע שטעטלעך, וואָס זיינען ניצול געוואָרן; אפשר וועלן זיי דאָרט קענען עפּעס פאַרדינען, ביי אַרבעט אָדער האַנדל, און קויפן שפּייז. זייערע דערוואַקסענע זין און טעכטער גייען דערוויילע אַרום ליידיק, ווי כמעט אַלע באַל־מלאָכעס און פּראָסטע אַרבעטער אין די אַנדערע חרובע שטעט. קיין חדרים זיינען דערוויילע נאָך נישטאָ און די קינדער בלאָנקען אַרום פאַרוואָרלאָזטע, הפקרדיקע און הונגעריקע. זיי נישטערן אין די חורבות, זוכן אויף פעלדער קאַרטאָפליעס, הילדזן פון קוילן און שראַפּנעלן, אייזן פון צעבראָכן און ליגנגעבליבן געווער, מעש און קופּער.

די פרויען אַרום דער קיך האָפן: אפשר וועט זיך גאָט דערבאַרעמען; דער מאַן, אָדער אַ קינד וועט ברענגען עפּעס אַריינצוטאָן אין די טעפּ וואַסער.

איטע, אברהם שניידערס פרוי, טוט אַ זיפץ און זאָגט: „מיין מאַן איז מיט נחלען געגאַנגען אין אַ דאָרף אַריין. ער האָט געהערט, אַז דאָרט זיינען די פּויערים שוין דאָ צוריק. אפשר וועט ער ביי וועמען פון זיי קריגן עפּעס אויפצונייען אָדער איבערצוניצעווען. ער האָט מיטגענומען אַ ביסל קנעפּעלעך, אַפּאָר בריוולעך נאָדלען, עטלעכע קלעצלעך אייזנגאַל. דאָס האָט ער געראַטעוועט ביים טרייבן. אַ ביסל האָט ער נאָך צוגעקויפט אין וואַרשע. כ׳האָף, אַז ר׳וועט פאַרדינען עפּעס געלט. אַזעלכע זאַכן דאַרף דער פּויער תמיד האָבן. וועט ער אַוודאי — אויב ס׳איז אמת, וואָס מ׳זאָגט, אַז אין יענעם דאָרף איז גאָרנישט געשען און די פּויערים זיינען שוין דאָ צוריק — עפּעס מיטברענגען: שפּייז, קאַרטאָפליעס.

ס׳וואַסער אין די טעפּ אויף דער קיך האָט גענומען זידן. די פרויען האָבן

צוגעגאַסן נאָך וואַסער. זיי האָבן גערעדט פון די צרות, וואָס זיי האָבן איבערגע־לעבט ביי בײדע מאָל יאָגן און לויפן פון דער שטאָט. כמעט יעדע איינע האָט דערציילט, וואָס מיט איר, מיט איר מאַן און די קינדער האָט געטראָפן אונטער־וועגס ביי יעדן מאָל זיך שלעפן; וואָס די אויגן האָבן אַלץ געזען און וואָס זיי זיינען זיך אַלץ אויסגעשטאַנען, סיי פונעם חייל אויף די וועגן, וואָס האָט געשלאָגן און געממיתט, גערויבעוועט און גערצחנט, און סיי, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן אַלס היימלאָזע. ווידער און ווידער האָט כמעט יעדע איינע באַוויינט, וואָס זי האָט פאַרלוירן אין דער מלחמה, אויסגערעכנט, וואָס זי האָט פריִער אַלץ פאַרמאָגט און באַקלאָגט די אבידות, וואָס זי האָט געהאַט אין נאָענטע און ליבע מענטשן; געפאַלענע אין שלאַכטפעלדער אָדער אומגעקומענע אויף אַן אַנדער אופן צוליב דער מלחמה. כמעט ביי יעדן האָט דער מלחמה־מלאך־המוות גענומען זיין קרבן. נישט בלויז אויף שלאַכטפעלדער איז זיין רייכער שניט; ווען מענטשן שחטן זיך איינער דעם אַנדערן שאַרט ער זיינע קרבנות אויך פון הונגער און מגפה.

יוכבד דעם סופרס פרוי האָט אָנגעהויבן דערציילן פון איר אומגליק: „מיין מאַן"... נאָר זי האָט גליייך אויפגעהערט, ווי זי וואָלט פּלוצים דערפילט, אַז זי וועט פאַרשווועכן די גרויסקייט און די הייליקייט פון איר מאַן, אויב זי וועט רעדן פון אים אין מיטן גאַס. האָט זי בלויז אַ הויכן זיפץ געטאָן; דער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ.

3

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגייַן. די פלאַמען אויף קלמן בלאַכערזשס גרויסער קיך האָבן זיך גענומען לעשן, ווייל די פרויען האָבן מער נישט צוגעלייגט קיין שפענדלעך. קינדער, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג אַרומגעהפקרט, זיינען צוגע־קומען. טייל מאַמעס האָבן געפרעגט: „ביסט שוין דאָ?" — די קינדער האָבן גע־ליאַרעמט: „עסן"!

זיי האָבן אויסגעזען דערשלאָגן: די פּנימלעך געל, קליינטשיק און אויסגע־מאַרעט. דער בליק אין די אויפגעריסענע אויגן איז געווען טרויעריק און פרעגנ־דיק. עפּעס זקנימדיקס איז געווען אין זייער וועזן. צופרי זיינען זיי אַלט געוואָרן, צופרי האָבן זיי דערקענט די גרויזאַמקייט פון לעבן. אַלע אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, שמוציק פון אַרומשלעפן און אַרומוואַלגערן זיך אָן אַ היים. זייערע אויגן זיינען אַרומגעקראָכן אין די טעפּ וואָסער אויף דער קיך. ס'האָבן גענומען צוקומען מע־נער פון די פרויען אַרום דער קיך און די טאַטעס פון די הונגעריקע קינדער. די מייסטע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון פאַרמשפטע, פאַרלוירענע מענטשן אָן האָפענונג, מיט געבויגענע רוקנס. לויט די רייד, וואָס האָבן זיך צו די פרויען דערטראָגן פונעם שמועס וואָס די מאַנספאַרשוינען האָבן צווישן זיך געפירט ביים צוקומען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די מענער רעדן וועגן גאָט: אַז ער איז אַ פאָטער אין הימל און וועט זיי נישט העלפן. ער וועט זיי נישט פאַרלאָזן; ער וועט העלפן. די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן האָבן זיך געקלאַמערט אין זייער גלויבן: דאָס איינציקע, וואָס איז זיי געבליבן. דאָך האָבן אַ סך פון זיי געשוויגן, געווען אינגאַנצן פאַרשטומט.

מעכל גרינצווייג, אַ מעקלער פאַר דער מלחמה און גערופן האָט מען אים

„דער פּאָליטיקער‟, האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע: „די וועלט גייט נישט אונטער‟...

די דערשלאָגנסטע זיינען געווען די באַלמעלאָכעס. צווישן זיי איז געווען איטשע שוסטער מיט אַ שטרוי אין מויל, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ דראַטווע. ער האָט זי אויסגעשפּיגן און צענומען די הענט: „אַוודאי; שיך, שטיוול — דאָס מוז מען האָבן. מ'קאָן דאָך נישט גיין באָרוועס. אָבער... דאָ הייבט זיך אָן די מעשה: ווו נעמט מען אַ נייעם ווערקשטאַט, כלים, קאָפּעטעס? מ'איז דאָך געבליבן נקי, מיט די ליידיקע הענט. און אַ דירה; ווי נעמט מען אַ שטוב, דעם ווערקשטאַט — אַז מ'זאָל אים שוין האָבן — אַוועקצושטעלן און דאָס בינטל ביינער אַוועקצולייגן? אפשר אַ האַלבע שטאָט הייזער איז דאָך אַוועק מיטן פייער, צעשאָסן געוואָרן. די, וואָס זיינען איבערגעבליבן גאַנץ — די באַשעדיקטע, וועט מען מיט דער צייט אַוודאי פאַריכטן, די באַלעבאַטים וועלן זיך שוין אַן עצה געבן — די דירות וועלן אָבער נישט זיין פאַר אונדז קבצנים. שוין פריִער האָט מען דעם באַלמעלאָכע נישט גע־וואָלט פאַרדינגען קיין דירה; די באַלעבאַטים האָבן זיך געהייסן געבן פאַר אַ האַלב יאָר פאָרויס. און צו ווינטער איז שוין נישט ווייט‟.

דאָס זיינען געווען די מייסטע זאָרגן פון די שטענדיק אָרימע, וועלכע זיינען איצט שוין געווען אינגאַנצן אָן מיטלען. יעדער פון זיי האָט געדאגהט, זיך געבראָכן דעם קאָפּ אויף זיין אופן. דאָס אייגענע האָבן געטאָן די, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה געהאַט קרעמלעך, די, וועלכע האָבן געלעבט פון האַנדל־וואַנדל, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גאַס מיטן שטעקעלע אין האַנט און געהאַט אַלערליי לופט־פרנסות, אויך די, וועלכע האָבן געלעבט פון מלמדות, צי פון באַנקקוועטשעריי אין בית־המדרש.

נאָר אָט האָבן די מענטשן אַרום די איבערגעבליבענע „פּייערמויערן‟ דערזען אָנקומען ר' יאָסלען, אָדער פאַניע פוקסמאַן, ווי אַ סך אין שטאָט האָבן אים גערופן און געחנפעט, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויס שניטגעשעפט, וואָס איז אָבער אין דער מלחמה חרוב געוואָרן ווי אַלע אַנדערע געשעפטן אין דער שטאָט. (ביים צונאָ־מען האָט פאַניע פוקסמאַן געהייסן „דער דריידער‟). לעבן אים זיינען געגאַנגען סוחרים, באַלעבאַטים און ר' איסר דער פּרוש. דאָס זיינען געווען נאָר־וואָס צוריק־געקערטע פון דער פרעמד. זיי זיינען באַלד פאַרשוונדן, יעדער אין אַן אַנדער גאַס אָדער געסל אַריין, איבערלאָזנדיק ר' איסרן אַליין. דער פּרוש האָט קיין מאָל קיין הוים נישט געהאַט. ער האָט זיך תמיד אויפגעהאַלטן אין בית־המדרש. קיין סך האָט ער נישט באַדאַרפט, בלויז אַ כזיות; דאָס האָבן פרומע ווייבער אים געשיקט אין בית־המדרש אַריין, ווו ער איז געזעסן און געלערנט. אויף שבת און יום־טוב האָבן „שיינע יידן‟ אים גענומען פאַר אַן אורח. באַזונדערס האָבן נישט פאַרגעסן אין אים זיינע ידידים, די חסידים, צווישן וועלכע ס'איז געווען דער פאַבריקאַנט ר' מרדכי גאָלדבלום. ר' איסר האָט קיין מאָל נישט געזאָרגט, ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין דאגות פרנסה, ער איז תמיד געווען פריילעך — פריילעכער ווי דער גרעסטער נגיד. ער איז דעריבער געווען דער רייכסטער און אַזעלכער איז ער געבליבן: ער האָט גאָרנישט געהאַט און האָט גאָרנישט פאַרלוירן. זיין באָרד איז תמיד געווען זייער אַ שיטערע; מ'האָט די האָר, וואָס האָבן קיין קאָליר נישט געהאַט, כמעט געקאָנט איבערציילן, און אַזוי איז זי געבליבן. שטיינבלייבנדיק

אַליין אין מיטן פון פוסטן מאַרק האָט ער זיך אומגעקוקט מיט זיינע קליינע, קינ־דעריש־שטראַלנדיקע אויגן. ער האָט דערזען, אַז לעבן קלמן בלאַכאַרזשס פאַר־ברענט און צעשטערט הויז שטייען יידן, האָט ער מיט זיינע קליינע טריטעלעך זיך גענומען דערנענטערן צו זיי. זעענדיק, אַז אַ סך זיינען פאַרזאָרגט — צומיינסט די פרויען — האָט ער זיך קינדעריש צעשמייכלט:

— וואָס איז די זאָרג אַזוי גרויס? אונטערגעגאַנגען אַלע שיפן? איינע איז נאָך געבליבן... זי קאָן נישט אונטערגיין... קיין מאָל נישט... אַפילו נישט ביי די גרעסטע ווינטן און שטורעמען... דער בורא־העולם איז דאָ, ער איז תמיד געווען און וועט אייביק זיין. איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן. פאַרלוירן, חס וחלילה, דעם בטחון? כ׳גלייב נישט; אַ ייד קאָן נישט פאַרלירן דעם בטחון אינעם רבונו של עולם. אָז ער טאָר דאָס נישט! ווייל דאָס איז די גרעסטע עבירה! ווייל דערמיט איז מען מאבד עצמו לדעת, חס ושלום! ס׳האָט געקאָנט זיין נאָך ערגער, אַ סך ערגער. נאָר השגחה פּרטית פירט די וועלט מיט גרויס חסד און מיט גערעכטיקייט. לכן... ווי אין תהילים שטייט: בך צרינו ננגח במשך נבוס קמינו! איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן. ס׳זיינען שוין צוריקגעקומען אַ סך יידן, קיין שום עין־הרע, אויך ר׳יאָסל מיט דער פלונית און די קינדער. אָט ערשט אַצינד טאַקע. ס׳איז צוריקגעקומען אויך ר׳ יחיאל לייביש מיט דער פלונית און די קינדער.

מעכל פּאַליטיקער איז פריילעך געוואָרן:

— וואָס, ר׳ יחיאל לייביש — כ׳מיין פאַניע בערנפעל און ר׳ יאָסל, דאָס הייסט, פאַניע פוקסמאַן — זיי זיינען שוין דאָ צוריק? וועט זיין פרנסה יידן! נישט גע־זאָרגט, זעמער אַלע געהאָלפן! מירן טאָן דאָס אייגענע וואָס אַ סך יידן, און, להבדיל, גויים, טון אין אַ סך שטעט און אַפילו אין קליינע שטעטלעך; ס׳איז אַ גאָלדענע פרנסה!...

די נייגעריקע, צומייסט די ווייבער, האָבן געפרעגט:

— וואָס? וואָס?

— שמוגל!... — האָט דער מעקלער אויסגערופן. ער איז אַריין אין גרויס התפעלות: — שמוגל!... שמוגל!... פאַן בערנפעל וועט שוין זען, ס׳זאָל אַלץ גיין גלאַטיק... ער איז תמיד געווען פאַן־בראָט מיט נאַטשאַלסטוואָ!... זיינע טעכ־טער... צ׳וועט זען... ס׳וועט גיין אַ גאַנג... מ׳וועט האַנדלען מיט אַלץ, מ׳וועט פירן קיין וואַרשע...

אין אַ סך טרויעריקע אויגן האָט גענומען אויפשיינען אַ האָפענונג. די בליקן ביי אַ סך פרויען — מאַגנענדיק ביי זייערע מענער פרנסה, פול מיט טענה און פאַרוואורף — זיינען מיט איין מאָל געוואָרן ווייכער, מיט צוטרוי און אַכטונג ווי אַמאָל, מיט וואַרימער צערטלעכקייט. די קינדער זיינען געוואָרן לעבעדיקער.

און אָט האָט פון דערווייטנס קלמן בלעכאַרזש גערופן:

— רחלי!... קיניגן מיינע!... קום!... נעם!... — ער איז נישט געגאַנגען, נאָר כמעט געלאָפן. די פאָלעס זיינען געפלויגן איןביידע זייטן. קוים צוגעקומען — האָט ער גענומען שלעפן פון זעקל, וואָס ער האָט געטראָגן איבערן אַקסל אַריבערגע־וואָרפן: — נאַ, דאָ האָסטו, רחלי!... זעסט? — אַ ברויט!... דאָ איז אַ ביסל הירזש! דאָ עטוואָס מעל!... כ׳האָב אויך אַ ביסל קאַרטאָפליעס, און... טרעפט, יידן! — ציבע־לעס!... און אַ הייפּטל קנאָבל!... און אַ רעטעך, גרויס ווי אַ דייטש!... און איצט —

כל דכפין יתי ויכול... קאָך וועטשערע, מיין ווייבו... שטיי נישט ווי אַ באַטשאַן, ווען די זשאַבע איז אים אַוועקגעשפּרונגען... די וועלט גייט נאָך נישט אונטער, דאָס לעבן בלייבט לעבן... איז ווי ס'שטייט געשריבן: כל־זמן שהנשמה בקירבי — מאַכט רש״י: רייבו... זאָרגן זאָלן די רייכע... מיר האָבן ב״ה פיר טעכטער און פינף זין. די טעכטער זיינען באַזאָרגט מיט נדן: מיט רויטע באַקן... פייערדיקע אויגן... און... נו, גלייכער שוויגן... ס'שטייען אָרנטלעכע יידן...

— טאַקע, שוויג שוין גלייכער, שוויגו — האָט רחל אָפּגעשטעלט איר מאַן.

קלמן האָט דערזען ר' איסרן און זיך דערפרייט מיט אים:

— ר' איסרו שלום עליכםו כ'האָב גאַרנישט געזען. אָט קומט אויך שוין אַברהם שניידער מיטן יינגלו אַ סך נאָדלען פּאַרקויפטז

אַ דערפרייטע האָט איטע באַגעגנט איר מאַן. זי האָט אַרומגענומען דאָס יינגל און אים געטון אַ קוש:

— אַ סך פאַרקויפטז

ר' איסר האָט דערמאָנט:

— יידן, מנחה דאַווענען!

פּלוצים האָבן אַלע גענומען קוקן צום מאַרק. דאָרט האָבן זיך באַוויזן דריי הויכע דייטשע פעלדזשאַנדאַרן אין בלוילעכגרויע לאַנגע מאַנטלען, מיט פּיקלהויבן אויף די קעפּ און ביקסן אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען. צווישן זיי איז געגאַנגען מירעלע, מלכהלעס עלטסטע טאָכטער. מעכל פּאַליטיקער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין מאַרק אַריין צו די דייטשע זשאַנדאַרן.

ר' איסר האָט ווידער דערמאָנט:

— יידן, מנחה דאַווענען!

קאַפּיטל צוויי

יוגנט אין דער פינצטער

1

אין דער לופט האָט זיך נאָך געטראָגן דער הויך פון אַ שיינעם האַרבסטטאָג. נאָר אַ ווינטל האָט שוין פון צייט צו צייט אַ בלאָז געטאָן און געבראַנגט פאַרשידענע ריחות: דומפּקייט פון שוין אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, עיפּוש פון פגרים, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט הינטער דער שטאָט, ווייל מ'האָט זיי נאָך נישט באַגראָבן, און אויך זיסקייט פון בעריאָזעס אין אַ וועלדל נישט ווייט.

אויף דער ערד הינטער דער האַלב־חרובער שטאָט איז אין אַ קרייז געזעסן יוגנט, וואָס ליידט צומייסט פון מלחמה, נישט בלויז ווייל אויפן שלאַכטפעלד פאַרגיסט זי איר בלוט, נאָר אויך אין דער היים ליידט זי פון מלחמה מער ווי עלטערע מענטשן. אַצינד איז איר זאָרג: וואָס ווייטער? די פאַבריקן, אין וועלכע אַ סך פון די יונגע מענטשן האָבן פאַר דער מלחמה געאַרבעט, זיינען צעשטערט. וועגן צוריק אויפשטעלן זיי האָט אין דער שטאָט דערווייל קיינער נישט געטראַכט. די פאַבריקאַנטן, חוץ איינער, האָבן זיך גאָר נישט צוריקגעקערט. אויך די באַלמעלאַ־כעס צווישן די יונגעלייט האָבן דערווייל נאָך קיין שום אויסזיכט נישט געהאַט

אויף אַרבעט. און אַרבעט פֿאַר מענטשן, באַזונדערס פֿאַר יונגע, איז מער ווי בלויז פֿאַרדינען אויף עסן און אַנדערע באַדערפֿענישן. אָבער נאָך עפּעס האָט די באַ־וווסטזיניקערע פֿון די יוגנטלעכע — די, וועלכע זיינען פֿעיִק צו דענקען — געצומען איצט באַשעפֿטיקן שטאַרקער ווי פֿאַר דער מלחמה: די געדאַנקען וועגן סאָציאַליזם, וואָס זיינען ביי זיי ריפֿער און שאַרפֿער געוואָרן. די דאָזיקע יונגעלייט זיינען געזעסן פֿאַרטראַכט. זייערע בליקן האָבן זיך געבויערט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט און געזוכט אַן ענטפֿער. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך. צומיינסט אָבער האָבן זיי געשוויגן. אין זייער האַרץ איז געווען, ווי בעת אַ וואַרטן אויף עפּעס. אַ סך פֿון זיי האָבן נאָך קיין וועטשערע נישט געגעסן. טייל האָבן פֿון דער פֿרי אָן נאָך גאָר נישט געהאַט אין זייער מויל. נאָר אָט־די האָבן זיך געפֿילט אַמבעסטן, מיט עפּעס אַ באַזונדערן מוט... זיי האָבן אין זייער פֿאַנטאַזיע געזען אָנקומען גאָר גרויסע פֿאַסירונגען, געאָנט דאָס, וואָס די שרעקלעכע מלחמה דאַרף ברענגען. די דאָזיקע יונגעלייט און מיידלעך האָבן געטראַכט פֿון העלדישקייט, וואָס זיי וועלן באַווייזן, ווען יענער מאָמענט וועט אָנקומען... דער הונגער אין זייערע מאָגנס האָט זיך דעריבער פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין דינאַמיט פֿאַר זייערע נשמות...

יעקב ליכטענבערג, דעם סופֿרס אַ זון, איז אָנגעקומען מיט נאָך עטלעכע חברים און חברטעס. צווישן זיי איז געווען פֿערעלע, ר׳ מרדכי גאָלדבלומס מיזינקע, און יצחק לערמאַן, קלמן בלעכאַרזשס אַ זון. פֿערעלע איז געגאַנגען צווישן לער־מאַנען און ליכטענבערגן. זיי האָבן מיטגעבראַכט עסן פֿאַר די הונגעריקע: ברויט און עפּל. אַנידערזעצנדיק זיך האָבן זיי אַרויסגעלייגט פֿון די קעשענעס די „אכילה״. דאָס האָט ווי פֿאַרשוועכט די „הערלעכקייט״ אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון טייל, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג געפֿאַסט. נאָר דער בליק אין יעקבס שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן געלויכטן אין שיין פֿון דער לבנה, האָט אַלץ צוריק גוט געמאַכט. דער בליק פֿון זיינע אויגן — טיפֿע, פֿאַרחלומטע, מיט ערלעכקייט און גוטסקייט אין זיי — האָט געטרייסט, אָנגעצונדן האָפֿענונג, איבערגעגעבנקייט צו דער אידייע. די שטיק־לעך ברויט און די עטלעכע עפּל זיינען געוואָרן אַ לייכטנדיקער סימבאָל אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט. דער דאַרער, אַ ביסל איינגעהויקערטער און מיאוסער (שיער ווי אַ מאַלפּע), יעקב ליכטענבערג איז אין דעם דאָזיקן אויגנבליק פֿאַר אַ סך אינעם קרייז אויף דער ערד אויסגעוואַקסן אַ סך גרעסער ווי ער איז שטענ־דיק געווען אין זייערע אויגן. די, וועלכע האָבן אַמאָל געלערנט מיט אים צוזאַמען אין בית־המדרש און זיינען דערנאָך, ווי ער, געוואָרן באַלמעלאָכעס אָדער גענומען גיין אין אַ פֿאַבריק אַרבעטן, האָבן געהאַט דרך־ארץ פֿאַר אים און אים אַפֿילו ליב געהאַט; אַפֿילו די עטלעכע לינקערע צווישן די חברים, וועלכע האָבן אים גערופֿן „בית־המדרשניק״, האָבן קעגן זייער ווילן געפֿילט אַ געוויסע אַכטונג צו אים. אפֿשר דווקא דערפֿאַר, ווייל ער האָט נישט תמיד מסכים געווען מיט זיי. ער איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען, האָט געהערט מיט זיי צו דער זעלבער אומ־לעגאַלער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט; אָבער ער האָט תמיד געהאַט עפּעס אַן אייגענעם וועג — זיין דרך: נישט קיין נייעם, נאָר אַזעלכן, וועלכער פֿאַרבינדט אויף אַ געוויסן אופֿן אַלע וועגן, וואָס פֿירן צו יושר און גערעכטיקייט, ווי אַ בריק פֿאַר־בינדטביידע ברעגן איבער אַ וואַסער. די חברים האָבן אים געאַכט, פּונקט ווי די גאַנצע שטאָט כמעט האָט געהאַט גרויס יראת־הכבוד פֿאַר זיין פֿאָטער, דעם פֿרומען און איצט קראַנקן סופֿר ר׳ שאול.

ביי איינעם פון די הונגעריקע,ביים חבר אהרן (איטשע שוסטערס זון), האָט ביים נעמען אַ שטיקל ברויט זיך געשטעלט אַ פראַגע פון געוויסן: אפשר נעמט ער דאָס ברויט אַוועק פון אַזעלכע, וואָס זיינען בילכער ווי ער? ער איז געווען אַ ביסל איבערטריבן אין זיין סאָציאַל געפיל. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז די שטיקלעך ברויט וועלן אפשר פעלן פאַר יעקבס און לערמאַנס קליינע ברידער און שוועסטער. דער גרעסטער רחמנות איז אויפן קליינוואַרג. ער האָט יעקבן געקוקט אין די אויגן אַריין.

יעקב האָט דערפילט דעם חברס געדאַנקען; ער האָט זיי אַרויסגעלייענט פון יענעמס בליק, און געזאָגט:

— נעם! צופיל געוויסן און צופיל געפיל טויג נישט; ס'איז פונקט ווי צוקער־לעך באַשיט מיט מאַנטשקע, אָדער ווי האָניקלעקעך באַשמירט מיט האָניק...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. דאָס לאַכן האָבן דערהערט אַהערגייענדיקע, פאַר־שפעטיקטע חברים און גרופן:

— ווו זייט איר? מיר זוכן אייך אַרום!

דער חבר הערש, צוקומענדיק מיט דער חברטע פייגע און אַנדערע חברים און חברטעס, האָט זיך געבייזערט:

— מ'האָט אָפּגערעדט ביים טייך! און איר רעדט צו הויך! איר פאַרגעסט די דייטשע זשאַנדאַרן!...

די זיצנדיקע האָבן זיך דערפילט שולדיק.

יצחק לערמאַן האָט זיך אַריינגעמישט:

— אויף וויפל איך ווייס, איז די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַרטיי אין דייטש־לאַנד לעגאַל. זי שפילט דאָרט אַפילו אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע, האָט אירע דעפּו־טאַטן אין פּאַרלאַמענט.

דער חבר הערש (זיין פאַמיליענאָמען איז געווען קרומהאָלץ) האָט געענט־פערט מיט שטאָלץ און האַפעדיקייט:

— געוויס! — ס'האָט אים געחנפעט, וואָס די דאָזיקע פאַרטיי שפילט אַן אָנגע־זעענע ראָלע אין אַ סך גרויסע אייראָפּעיִשע לענדער, נישט בלויז אין דייטשלאַנד.
— דערווייל אָבער — האָט ער געעצהט — איז גלייכער צו זיין פאָרזיכטיק; אונדזער באַוועגונג דאָ־הי איז נאָך נישט לעגאַליזירט. איך וועל די וואַך אָנגעבן צום קאָמענדאַנט.

דוד, אַברהם שניידערס אַ זון, האָט געציטערט פון מורא פאַר די דייטשע זשאַנדאַרן און זיך באַקלאָגט פאַרן חבר הערש:

— זיי שרייען דאָ די גאַנצע צייט.

די חברטע פייגע האָט באַרויִקט:

— אַזוי שטאַרק מורא האָבן דאַרף מען אויך נישט. — האָט זי געזאָגט. — מירעלע, דאָס שיינע ווייבל, איז שוין גאַנץ נאָנט מיט די זשאַנדאַרן, אַפילו מיטן קאָמענדאַנט...

— בלויז מירעלע?... — האָט געפרעגט דוד. ער איז פלוצים געוואָרן אַן אויפגעהייטערטער און זיך צערעדט: — נאָך אַנדערע ווייבלעך און שיינע מיידלעך האָבן זיך שוין באַקענט מיט די זשאַנדאַרן און מיטן קאָמענדאַנט: אַ יונג אַפּיצירל, אַ דאַרס, מיט שפּיציקע בלאָנדע וואָנסעלעך.

עטלעכע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— מ׳שמוגלט שוין... ס׳עפענען זיך שוין געוועלבלעך... מירעלע מאַכט־אויף אַ קאַוויאַרניע, אָדער אַ רעסטאָראַציע פֿאַר די דייטשע זעלנער... פֿאַר די שמוג־לער... ס׳הייבט זיך אָן אַ לעבן...

— אַ לעבן... — אַהרן (דער חברטע פייגער אַ ברודער) האָט אין דעם וואָרט „לעבן" אַריינגעלייגט אַ סך באַדייטונג, נישט בלויז ביטערקייט.

בלומטשע, קוקנדיק צו דער לבנה, האָט געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע און דערציילט:

— מ׳זאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט איז שוין ביי פּאַניע בערנפעל אין קעשענע; דאָס מיינט, ביי זיינע טעכטער...

דעם חבר הערש האָבן אַזעלכע רייד נישט געפֿאַלן און ער האָט זיך געבייזערט:

— גענוג דערמיט! נישט וועגן דעם זיינען מיר זיך אַצינד דאָ צוזאַמענגעקומען!

דער חבר יעקב ליכטענבערג איז איצט געווען אָנגעשטויסן אויף דער חברטע פייגע, ווייל זי האָט פּריִער געלאָזט פֿאַלן עטלעכע נישט פּאַסיקע ווערטער אויף מירעלען, זיין צוקונפטיקע שוועגערן, און זיך אָפּגערעכנט מיט איר:

— ווער האָט אַנגעהויבן דערמיט? — די חברטע מיקנשלעגער!

בלומטשע האָט נאָך מער פֿאַרדרייט אירע שיינע בלויע אויגן צום הימל אַרויף און ווי אַ „פּאַרטרוימטער ענגל", מיט נאָך אַן אומשולדיקערער מינע ווי פּריִער, זיך געמאַכט נישט הערנדיק, נישט הערשן און נישט יעקבן, און ווייטער דערציילט:

— נאָר ר׳ יאָסל פוקסמאַן דעם „דרייערס" בת־יחידקעלע מיטן פרומען פּנימל און וויסן פֿאַרטוכל האָט אויסגעכאַפּט אַלע דריי זשאַנדאַרן... און מעכל... — זי האָט זיך דערמאָנט אין דינטשען, מעכלס טאָכטער (זי איז געזעסן צווישן אהרנען און נאָך אַ חבר) און איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר דינהטשע (די חברטע גרינצווייג) האָט אַ־יסגעדרייט דעם קאָפּ צו בלומטשען און געפֿרעגט:

— וואָס מעכל?

— גאָרנישט, — האָט בלומטשע זיך פֿאַרענטפֿערט. — כ׳האָב גאָרנישט גע־מיינט. אייער פֿאָטער איז דאָך אַ מעקלער.

— נו, וואָס איז, אַז ער איז אַ מעקלער?

— זאָל זיין שטיל; גענוג דערמיט! — האָט הערש אַ געשריי געטאָן.

אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט, הינטער דער האַלב־חרובער שטאָט, שווייגנדיקע אויף דער ערד פֿון אַ פּוסט פעלד, האָבן אַלע אויסגעזען נעבעכדיק, ווי איבערגעלאָזטע אין אַ מיט וועג.

— לאָמיר אָנהייבן! — הערש האָט אָפּגעהוסט, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ער האָט געעפֿנט אַ זיצונג אָדער אַ פֿאַרזאַמלונג. וואָס איז פּונקט ווי איצט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין געהיים. נאָר דעמאָלט איז דאָך געווען אַנדערש. געקומען זיינען דעמאָלט אויך מער ווי איצט. ס׳האָט זיך דעמאָלט געפֿירט אַ גרויסע טעטיקייט אויפֿן פּראָפֿעסיאָנעלן, באַזונדערס אויפֿן פּאָליטישן געביט. הערש איז דעמאָלט געווען דער פֿאַרזיצער, דער פֿירער פֿון דער פּאַרטיי אין דער שטאָט, ביז מ׳האָט אים אַרעסטירט. ער איז געזעסן אין טורמע, מ׳האָט אים פֿאַרשיקט קיין סיביר, פֿון דאָרט איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. פֿאַר דער מלחמה איז ער

צוריקגעקומען. — אַלזאָ, מיר באַנייען אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע טעטיקייטן! — האָט ער מיט אַן איינגעהאַלטן אָבער פעסטן קול געגומען רעדן.

די ערנסטע האָבן זיך צוגעהערט צו זיין יעדן וואָרט. ווען דער חבר קרומ־האַלץ האָט געענדיקט, זיינען עטלעכע געבליבן נישט צופרידן. יעקב און אהרן האָבן געהויבן די אַקסלען און געפרעגט:

— פּראָפעסיאָנעלע? — וואָס פאַר אַ טעטיקייט קען מען איצט פירן אויף דעם געביט, אַז די פאַבריקן זיינען חרוב און אַ באַלמעלאָכע האָט קיין אַרבעט נישט, אפילו נישט פאַר זיך אַליין? און פּאָליטיש...

— אַהאַ! — דער חבר קרומהאָלץ האָט זיך צעוואָרעמט אין זיין האָפערדיקייט: — פּאָליטיש וועט זיין גאָר אַ סך אַרבעט! איר פאַרגעסט, איר באַגרייפט נישט, חברים, אַז פּוילן, אונדזער פאָטערלאַנד, איז באַזעצט פון אַ פרעמדער מאַכט! דאָס לאַנד מוז באַפרייט ווערן פון די אַריינדרינגער! ווערן אַ פרייע רעפּובליק!

— אַ סאָציאַליסטישע — האָט אונטערגעכאַפּט אַבראַמטשיק.

דער חבר קרומהאָלץ האָט געגומען אַנטוויקלען אַ פּלאַן:

— מיר וועלן זיך פאַרבינדן מיט די היגע פּוילישע חברים. איך האָב שוין גערעדט מיטן חבר שטשעלקאָווסקין.

די מייסטע פון די חברים האָבן מסכים געווען מיט אים. פייגע, איר ברודער אהרן, יעקב און דינהטשע האָבן געגומען דאָס וואָרט. זיי האָבן געזאָגט זייער מיינונג און געמאַכט פאַרשידענע פאָרשלאָגן. אויך דוד, דער פחדן, האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַ שטיל שרעקעוודיק קול. מיט אונטערטעניקייט האָט ער געחנפעט דעם חבר קרומהאָלץ און פייגען. אַבראַמטשיק, בלומטשעס ברודער, האָט זיך צעלאָזט מיט היציקע רעוואָלוציאָנערע פראַזן. ער האָט איצט, ביים ערשטן מאָל, זיך צוזאַמענגע־טראָפן מיט די אַנדערע נאָך אַ יאָר צייט, געוואָלט וויזן סאַראַ ראָל ער האָט גע־שפּילט אין וואַרשע, ווען ער האָט דאָרט געאַרבעט. ער איז דאָרט געווען סעקרעטאַר פונעם לעדער־פאַריין, ווי ער האָט זיך שוין נישט איינמאָל געהאַט באַרימט. אויך האָט ער געוואָלט אויסנעמען ביי דינהטשען, לעבן וועלכער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און דערביי געכאַפּט בגנבה אַלעמאָל אַ בליק צו פּערעלע גאָלדבלום.

יצחק לערמאַן האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט נישט דרייסט געבעטן אַ וואָרט און שטיל געזאָגט:

— איר וועט מיר אַלע אַנטשולדיקן. איך בין דאָך ווי אַ פרעמדער דאָ. כ׳האָב היינט גערעדט מיט מיין פריינט יעקבן. אויך מיט אייך, הערש. איר האָט מיך געהייסן דאָ אַהערקומען און מיטברענגען פריילן גאָלדבלום; וועגן עפּענען אַ שולע.

— געוויס! — הערש איז געוואָרן ענטוזיאַסטיש: — אין דער יידישער שולע, אין וועלכער איר זייט געווען אַ לערער, האָבן געלערנט אַ סך קינדער פון באַל־מעלאָכעס און אַרבעטער. אַ שולע איז וויכטיק, זייער וויכטיק.

— באַזונדערס איצט — האָט דער לערער דאַן ווייטער גערעדט. — די חדרים זיינען אַלע פאַרמאַכט, די קינדער זיינען איבערגעלאָזט אויף הפקר.

— דאָס שאַדט דווקא נישט, — איז הערש אַריינגעפאַלן דעם לערער אין די רייד. — אײדער אין חדר, איז גלייכער אין גאַס, ווו די קינדער האָבן פרישע לופט און מ׳שטאָפּט זיי נישט קיין נאַרישקייטן אין קאָפּ אַריין, ווי דאָס האָט געטאָן און וועט ווייטער טאָן מיין טאַטע. מיר ווייסן דאָס אַלע, מיר האָבן אַלע פאַרזוכט דעם טעם.

— יאָ, אָבער סאַראַ שולע? — האָט אַבראַמטשיק אַ פרעג געטאָן. — זי מוז זיין ווי אַלע אונדזערע שולן.

לערמאַן האָט געגומען באַווייזן, אַז אַ שולע קאָן נישט זיין קיין פּאַרטייאישע.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, אויף וועלכער ס'האָט זיך קיינער נישט געריכט. די דיסקוסיע איז געוואָרן אַלעמאָל היציקער, זוייל פערעלע גאָלדבלום האָט זיך איצט שוין אָנגערופן און פּאַרטיידיקט, פאַרשטייט זיך, לערמאַנס שטאַנדפּונקט. זי האָט געענטפערט:

— בילדונג האָט נישט און טאָר נישט האָבן צו טאָן מיט פּאָליטיק.

הערש האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס נישט? אַ שולע איז אָן אָרט, וווּ מ'בילדעט אויס און מען גרייט צו דאָס קינד צו ווערן אַ מיטגליד פאַר דער געזעלשאַפט. מ'לערנט דאָך נישט בלויז גראַמאַטיק און אַריטמעטיק. פּאָליטיק אָטעמט דער מענטש איין מיט דער לופט, פון דער ערשטער רגע אָן, ווען ער קומט אין באַרירונג מיטן לעבן.

חבר אַהרן האָט געפרעגט:

— וועלכע פּאָליטיק? לויט וועלכער פּאַרטיי?

— לויט וועלכער פּאַרטיי? — האָבן פאַרחידושט געפרעגט הערש און פייגע.

— אונדזערע! אונדזערע! — האָבן געשריגן די מייסטע און צום העכסטן אַבראַמטשיק. אויך דוד איצט. (אַלע האָבן פאַרגעסן, אַז זיי מוזן זיך פאַרהאַלטן שטיל).

אַהרן האָט געפילט, אַז עפּעס איז נישט ריכטיק, אָבער ס'איז אים נישט געווען אינגאַנצן קלאָר וואָס. יעקב איז אַרויסגעקומען מיט אַ פשרה:

— קיין שום פּאַרטיי, אָבער סאָציאַליזם, דאָס הייסט, גערעכטיקייט, און שנאה צום קאַפּיטאַליזם — דאָס וועסטו מוזן לערנען אין דער שולע מיט די קינדער, יצחק.

פערעלע איז געווען דערשטוינט:

— דאָס זאָגט איר, יעקבֿ?! קינדער זאָל מען לערנען שנאה?! פון אייך האָב איך דאָס נישט דערוואַרט!

דינהטשע האָט איר האָס צו דערדאַזיקער אינטעליגענטקע, צו דער גבירישער מוזינקע, נישט מער געקאָנט איינהאַלטן אין זיך; זי האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין איר און בייסיק געזאָגט:

— איך בין נישט אויסגעגאַנגען אַלע קלאַסן ווי זיי, פאַננאַ גאָלדבלום, פונדעסטוועגן ווייס איך, מיט מיין ביסל אָרעמען שכל וואָס איך האָב דאָ, אין מיין קאָפּ, אַז פּונקט ווי מ'לערנט אין אַ חדר זיין פרום און מורא האָבן פאַר דעם, וועלכער איז אויבן און שפּייט אויף די, וועלכע זיינען אונטן, לערנט מען אין די גימנאַזיעס, וואָס זיינען נאָר פאַר די רייכע, צו פאָלגן די געזאַלבטע פון כביכול. מ'לערנט, אַז די באַנדיטן, וועלכע מאַכן די מלחמות און פאַרגיסן אונדזער בלוט — וואָס איז נישט ווערט, ווייל ס'איז פון געמיינעם מאַן — זיינען גרויסע העלדן! דאָרט לערנט מען אויך שנאה!

— און נאָך ווי! — האָבן אַ סך זיך אָנגערופן, דוד און אַבראַמטשיק באַזונדערס הויך.

עטלעכע מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אין גאָלדבלומס פאַבריק איידער זי איז צעשטערט געוואָרן, אויך אייניקע יונגעלייט, באַזונדערס אַהרן און יעקב, האָבן

זיך געוווּנדערט אויף דינהטשעס שנאה צו פערעלען. אַלע האָבן געוווּסט, אַז מעכל פּאָליטיקער, דינהטשעס פאָטער, האָט ביי ר׳ מרדכי גאָלדבלום, ביי פערעלעס פאָטער, תמיד פאַרדינט געלט. האָבן זיי דינהטשעס האַס צו פערעלען אַצינד נישט געקאָנט פאַרשטיין. די מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אין ר׳ מרדכי גאָלדבלומס פאַבריק, האָבן צו פערעלען נישט געפילט קיין שום פיינטשאַפט, אדרבא, זי איז זיי געווען גאַנץ סימפּאַטיש. און אַט איז זי דאָך גאָר אַצינד אַהערגעקומען, וויל לערנען מיט די אָרעמע אַרבעטער־קינדער; זי איז איצט אַליין שוין אָרעם גלייך מיט אַלע.

פערעלע האָט זיך אַנטשולדיקט:

— אַנטשולדיקט מיר אַלע, וואָס איך האָב מיך אַנגערופן. איך בין מיטגעקומען מיט לערמאַנען און ליכטענבערגן, וויל איך רעכן צו ווערן לערערן אין דער שולע.

— אָבער ניין... אדרבא... — הערש און פייגע האָבן זי גענומען מקרב זיין:

— אדרבא... איר זייט אַן אַנגעלייגטער גאַסט ביי אונדז, און מיר האָפן...

מ׳האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער דיסקוסיע וועגן פּאָליטישער טעטיקייט.

2

דאָס האַלבע, דינע רייפל פון דער לבנה האָט געלויכטן איבער דער שלאָפנדיקער חרובער שטאָט. די צוריקגעקומענע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער גאַנץ אָרעם האָב און גוטס און זייערע פריִערדיקע וווינונגען געטראָפן פאַרברענט און חרוב, האָבן זיך אַריינגעצויגן אין די חורבות. זיי שלאָפן אויף ברעטער, אויף פאַרפוילטן שטרוי און אויף דער גאָלער ערד. צוגעדעקט מיט שמאַטעס, איינגעקאָרטשעט, צוזאַמענגעדרייט ווי חיות אין היילן — טוליעט זיך לייב צו לייב: קינדער צו מאַמעס, מאַמעס צו קינדער. לעבעדיקע קופּעס אין חורבות.

די האַלבע לבנה, ווי דאָס ווייסל פון אַ שמאָל געעפנט אויג, קוקט אויף די שלאָפנדיקע מענטשלעכע גופים. די וואָלקנס זיינען פאַרשוווּנדן. ס׳איז אַ שיינע נאַכט. פאַרן אויסגעשטערנטן הימל איז אַנטפּלעקט דער צער, דער טיפער ווייטיק, און אויך די געפאַלנקייט פון מענטש.

ס׳לויפן אַרום טשאַטעס הינט: אויסגעדאַרטע, מיט הונגעריקע, בעטלערישע, צעשראָקענע און גיריק־ברענענדיקע אויגן, די ריפּן בולט און ווי טאַרבעס נאָכהענגענדיקע פעלן. זיי לויפן צוזאַמענגעדריקטע, איינער לעבן אַנדערן. בייטאָג זעט מען זיי כמעט נישט. די נאַכט אָבער איז זייערע. דאָך האָבן זיי מורא פאַר עפּעס און האַלטן אויפגעשטעלט זייערע אויערן. טייל הינט ווילן זיך אין עפּעס דערמאָנען; נאָר זיי קאָנען נישט און בלייבן אַלעמאָל שטיין. זיי קוקן זיך אום, גליִען דורך די נאַכט מיט די פלאַקערן פון זייערע אויגן. זיי שטעלן אַן געשאַרפט די פּייטש־גלאַנציקע, שוואַרצע, ניוכענדיקע נעז. זייערע פעלן זיינען פון פאַרשידענע קאָלירן און פאַרשידן געמוסטערט. די געדערים אין זייערע בייכער קאָרטשען זיך און דער הונגער הוילט אין זייער אינגעוויד. די ווייסע ציין זיינען געשטשירעט. נאָר מער ווי הונגער פייניקט אַ שטומע בענקשאַפט יענע הינט, וואָס ווילן זיך אַן עפּעס דערמאָנען. אַנגעפּלאָדיעטע, היימלאָזע, הפקרדיק אַנגעלאָפענע פון די איינ־

גאַנצן פאַרברענטע און פון דער ערד אָפּגעווישטע דערפער — ווייסן זיי נישט, וווהין און צו וועמען זיי געהערן. נייִן, נישט אַלע זוכן בלויז עסן, כאָטש די ציין לעכצן ביי אַלע נאָך פלייש; נאָר מער ווי פלייש זוכן טייל הינט דעם גערוך פון באַלעבאָס, וועלכן זיי קענען נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן. די שאַרפע שטומע בענק־שאַפט עגבערט זייער געהירן. די דאַזיקע הינט בענקען נאָכן גלעטן איבער זייערע פעלן, נאָכן שפּילן זיך מיט זיי, מיטנעמען אויף שפּאַצירגענג און אַפּילו נאָך די קלעפּ פונעם באַלעבאָס.

פּאָר אַ טייל חורבות בלייבט אַלעמאָל שטיין אַן אַנדער טשאַטע הינט. זיי צעטיילן זיך דאָן אין יעדער איינער פון זיי — מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — נייִר־כעט, ניוכעט, ניוכעט... דערשמעקנדיק אין דער חורבה אַ וואַרעמען מענטשלעכן גוף, קוקט דער הונט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן, מיט אונטערטעניק געזונקענעם קאָפּ און באַהאַלטענעם עק צווישן די פיס. ער האַלט אין דעם אָטעם, ניוכעט שנע־לער, ביז ער איבערצייגט זיך, אַז ער האָט זיך ווידער טועה געווען און גייט אַנטוישט אַוועק. ער פאַראייניקט זיך דאָן מיט זיין טשאַטע און אַלע לאָזן זיך אַוועק הינטער דער שטאָט. יעדע טשאַטע לויפט באַזונדער, דאָך אַלע אין איין ריכטונג: אַהין ווו ס׳איז די גרויסע לאַנקע, ווו ס׳וואַלגערן זיך נאָך ביינער פון אַלערליי פגרים, ווו ס׳איז דער בית־עולם מיט פרישע בערגלעך פון געפאַלענע סאָלדאַטן און דער טייך מיטן וועלדל איז נישט ווייט.

3

די יונגע מענטשן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דער לאַנקע אונטער דער חרובער שטאָט, זיצן נאָך אַלץ אין אַ קרייז אויף דער ערד און דיסקוטירן ערנסטע פּראָבלעמען. די שלאַנקע האַלבע לבנה באַשיינט מיט איר העל זילבער די בלאַסע פאַרדאגהטע פּנימער. זיי זיינען וואָך ווען זייערע עלטערן שלאָפן שוין, ווייל אויף זייערע יונגע אַקסלען האָט זיך געלייגט די אחריות פון וועלטס הוה־ויהיה. דער גורל פון דער וועלט איז איצט זייער גורל און זיי ווילן זיין באַלעבאָס איבער אים. דער ווייסזילבערנער שיין פון דער לבנה, וואָס באַהעלט זייערע שטערנס, האָט שטאַרקער צעברענט זייער חלום און מאַכט פייערדיקער זייער ליידנשאַפט נאָך אמת און יושר, נאָך אַ גערעכטער וועלט. די ווייט־גליִענדיקע שטערן מונטערן זיי, לאָזן זיי נישט מיד ווערן און אַנטפּלעקן פאַר זיי דעם סוד פון אַלע סודות: אַז דורך אחדות קאָן מען דערגרייכן אַלץ; מען קאָן מנצח זיין אַלע שוועריקייטן.

איין הונט, מיט אַ ווייסן רוקן אויף שוואַרצע פיס, איז צוגעקומען צום אויס־געזעצטן קרייז יונגע מענטשן אויף דער ערד. ער קוקט שאַרף אין יעדנס פּנים אַריין, הערט מיט געשפּיצטע אויערן זיך צו צו יעדנס קול און קאָנטראָלירט יעדן קלאַנג. ער וואַרט, אפשר וועט אים ווער רופן ביים נאָמען. נאָר קיינער רופט אים נישט... ער וואַרט... עמיצער פון די זיצנדיקע האָט אַ שמאַטשקע געטאָן. דאָס איז געווען אַבראַמטשיק. דער הונט איז פאַמעלעך, מיט צעגערנדיקע טריט, צוגעגאַנגען צו אים. אַ ווײַלע איז דער הונט אַזוי געשטאַנען, געוואַרט אויף עפּעס, אויף אַ

ווארט, אַ גלעט. נאָר אַז ער האָט גאָרנישט געקראָגן, האָט ער זיך גענומען טוליען צו דינהטשען. דינהטשע אָבער האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט מורא פאַרן הונט (און אפשר האָט זי טאַקע מורא געהאַט פאַר אים) און געזוכט שוץ ביי אַבראַמטשיקן און ביי אַהרנען, ביי ביידע, ווייל זי איז געזעסן צווישן זיי. איז דער הונט אוועקגעגאַנגען פון זיי, איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן פערעלען. זי האָט אים געגלעט און זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יעקבס האַנט אויף זיין רוקן. (זי האָט נישט געוווסט, אַז ער האָט מורא פאַר הינט, אַז ער גלעט דעם הונט, ווייל זי טוט דאָס...). לעבן איר (פון דער אַנדערער זייט) איז געזעסן לערמאַן. צייט זי איז צוריקגעקומען און איז דורך אַ צופאַל נעבנטער באַקאַנט געוואָרן מיטן לערער, האָט אין איר אָנגעהויבן שפּראָצן אַ צאַרט געפיל פון אַכטונג צו אים. ווען יעקבן האָט זי געוווסט, אַז ער איז פאַרליבט אין ראַבען, אין מלכהלעס יינגסטער טאָכטער.

אַ סך פון די יונגעלייט און מיידלעך האָט אָנגעהויבן ווערן קאַלט פון אַזוי לאַנג זיצן אויף דער ערד. טייל זיינען אויך שוין מיד געוואָרן. די טעמעס זיינען שוין געווען אויסגעשעפּט.

בלומטשע האָט די גאַנצע צייט זיך געלאָזט גלעטן די דיקע ליטקעס פון דודן. זי האָט אַרויפגעקוקט צו די שטערן. ווען ס'איז שטיל געוואָרן, האָבן איר שיינע גרויסע אויגן נאָך מער גענומען שמאַכטן צו דעם דינעם זילבערן רייפל צווישן די גאָלדענע שטערן און זי האָט מיט אַ פאַרבענקט קול שטיל זיך צעזונגען:

„אוי, אַ ליבע איז גוט צו פירן,
מיט אַ מענטשן, אָבער נישט מיט דיר״...

דינהטשע האָט זיך אַלץ מער אָפּגערוקט פון אַבראַמטשיקן און זיך געדרוקט צו אַהרנען. זי האָט אונטערגעכאַפּט בלומטשען:

„געוואַלד, איך וועל דורך דיר קראַפּירן, —
וואָס האָסטו דיך איינגעליבט אין מיר״.

אין דעם מאָמענט האָט פייגע גענומען זינגען:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט״

אויף הערשס אַ מאַך מיט ביידע הענט ווי אַ קאַפּעלמייסטער און אַ לייג-צו-טאָן אַ פינגער צו די ליפּן, האָבן כמעט אַלע אונטערגעכאַפּט, נאָר זייער שטיל.

„אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט —״

ביי „הימל און ערד וועט אונדז הערן״ זיינען אַלע אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין. נאָר זיי זיינען נאָך נישט געגאַנגען אַהיים. זיי האָבן זיך געלאָזט צום טייך. טייל האָבן גענומען לויפן, ווער צו דערוואַרעמען זיך אַביסל, ווער צו שטיפן. ביים טייך זיינען געוואַקסן ווערבעס. צוזאַמען מיטן אויסגעשטערנטן הימל און די האַלבע לבנה האָבן דיביימער זיך געשפּיגלט אין וואַסער, נאָר מיט די קעפּ אַראָפּ. די לאַנגע צווייגן האָבן עלעגיש אַראָפּגעהאַנגען. אַהרן האָט אַ שפּרונג-געטאָן, זיך אָנגעכאַפּט אין אַ צווייג פון אַ בוים און גענומען קלעטערן. אים האָבן עטלעכע

נאָכגעטאָן, אויך מיידלעך; צווישן זיי דינהטשע. אַבראַמטשיק האָט געקלעטערט הינטער איר. אַ סך האָבן פּאַזע דעם טייך זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן, גע־שפּילט אין כאַפּערלעך, געקונדעסעוועט. הערש מיט דער חברטע פייגע אָבער האָבן זיך געהאַלטן ווירדיק, סטאַטעטשנע. דער לערער האָט געזען, אַז פּערעלען איז טרויעריק אויפן האַרץ, האָט ער גערעדט מיט איר וועגן דער שווערער צייט. יעקב האָט זיך באַטייליקט אינעם שמועס.

די טשאַטעס הינט לויפן אַרום איבער דער לאָנקע, נישטערן, זוכן, ניוכען. דערשמעקנדיק ביינער פון געפאַלענע פערד — ווען ס׳איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט — לאָזן זיי זיך צו זיי; אָבער ס׳איז שוין נישטאָ קיין פּיצל פליש אויף די קנאָכן: זיי האָבן עס שוין אויפגעפרעסן, אַפילו צעקנאַקט די דינערע ביינדלעך און אַרויס־געלעקט דעם מאַרך פון דאָרט. איצט פּרווון זיי די גרעבערע ביינער צו צעקייען. און אַז זיי קאָנען נישט — לאָזן זיי זיך צום בית־עולם פון די געפאַלענע זעלנער, וואָס איז בלויז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. זיי בלייבן שטיין און קוקן אויף די בערגלעך ערד, פרישע, נאָך נישט באַוואָקסענע מיט קיין גראָז. די היל־צערנע קליינע צלמים זעען־אויס אין דער נאַכט ווי קינדער מיט צעשפּרייטע הענטלעך. ביי טייל הינט פאַרצ׳ען זיך די אויגן מיט טרויער. זיי האָבן זיך דער־מאָנט אין זייערע באַלעבאַטים און פּרווון זיך פאַרשטעלן ווי יענע האָבן אויסגעזען. זיי הערן נישט אויף צו בענקען נאָך די הענט, וואָס האָבן געגלעט זייערע פעלן, זיי געגעבן עסן.

עטלעכע הינט צ׳ען זיך אויס אויף די בייכער, פּרווון דורכשטעקן דורך דער אונטערשטער דראָט די קעפּ, גראָבן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס די ערד, ביז זיי קריגן זיך דורך. אויף דער אַנדערער זייט אָבער בלייבן זיי שטיין, גייען נישט ווייטער. זיי לייגן זיך אַנידער פאַר די קברים, צ׳ען אויס זייערע מאָרדעס אויף די אויסגעשטרעקטע, לאַנגע, דינע לאַפּקעס און קוקן מיט יראת־הכבוד, קוקן, קוקן, ביז זיי הייבן אָן היילן. נעמען וואָיען אויך די אַנדערע הינט, וואָס זיינען געבליבן שטיין פאַרן צוים פון שטעכיקן דראָט. די הינט פאַרגייען זיך אין אַ שטיל געוויין, אין אַ האַרצרייסנדיק קלאָגן. ס׳איז אַ ביטער געשריי, פול מיט טענה און יאוש. אַזוי וויינט אַ פאַרצווייפלט־בענקנדיקע נשמה, אַזוי וויינט אַ קינד ביים פאַרלירן דאָס טייערסטע, אַזוי וויינט אַ מאַמע אין איר גרויסער בראָך, און אַזוי היילט אַ שטומע אומבאַהאָלפענע חיה.

4

צוריקקומענדיק אין שטאָט אַריין האָבן די יונגעלייט און די מיידלעך זיך געזעגנט און יעדער איז זיך געגאַנגען זיין וועג אַהיים. יעקב האָט נאָך פריִער גע־האָט געגעבן פּערעלען און זיין פריינט לערמאַן די האַנט און זיך פאַרקירעוועט דורכן מאַרק צו אַ קליין געסל. נאָר דאָ איז אים אַנטקעגנגעקומען ר׳ איסר און אים אָפּגעשטעלט:

— שאול הערשס זון? יעקב?

— יאָ.

— גייסט אַהיים?

— יאָ.

— פונוואַנען?
יעקב האָט געצעגערט, געשמייכלט:
— מ׳גייט...
— נו, נו, מוזט מיר נישט זאָגן, — האָט ר׳ איסר אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — געפרעגט... גלאַט אַזוי, ווי ס׳איז דער דרך הטבע. כ׳גיי צו סליחות, צום רב. ביי אים שטייען די ספרי־תורות. אַלע גראַטעוועט, ביי בײדע מאָל לויפן. ייִדן האָבן אַ סך הזיק געהאַט, מיטגענומען בלויז דאָס נייטיקסטע; די ספרי־תורות אָבער... קיין איינע האָט מען נישט איבערגעלאָזט, חס וחלילה! פון בית־המדרש, פון דער שול און פון שטיבל — די הייליקייטן אַלע געראַטעוועט. אין דעם זכות העלפט דער אב הרחמים. נאָר דו, יעקב... נו מילא... מ׳איז יונג... — ער שווייגט אַ רגע. דאַן הייבט ער אויף די אויגן צום הימל און רעדט ווי צו וועמען:
— אלקים לנו מחסה ועז... — ער שווייגט ווידער אַ מינוט. יעקב קוקט אויף אים מיט באַוווּנדערונג.
אין דעם איז אָנגעקומען אַן אַרומבלאָנדזשענדיקע קו און זיך געשטעלט פאַר ביידע, ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט פון זיי. יעקב האָט זיך דערשראָקן און אַ הייב געטאָן ביידע הענט. ר׳ איסר אָבער האָט לויט זיין טבע זיך צעלאַכט מיט זיין גוטמוטיקן דראָבנע געלעכטערל:
— כע־כע!... וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? אַ בהמה, גאָטס אַ באַשעפעניש... דו זעסט: די גרויסקייט פון הקדוש ברוך־הוא מעשים, די טיפקייט פון זיינע סודות, ריידן דורך דער שטומקייט פון דערדאָזיקער בעל־חי. אַפילו אַ דומים דערציילט פון זיין אייביקייט, פון זיינע נסים ונפלאות. די קו האָט אפשר נישט קיין באַלעבאָס, קיין שטאַל; פאַרברענט געוואָרן מן הסתם. זי האָט נישט קיין הויז, ווי להבדיל דער מענטש. דרייט זיך אַרום אין דער נאַכט, ציפּט אַביסל גראָז ווו זי טרעפט. דער רחמנא דעלמא זאָרגט פאַר יעדן באַשעפעניש. האָט דערזען שטיין צוויי מענטשן — איז זי צוגעקומען. ווייל אַוודאי עפּעס, נאָר קאָן נישט זאָגן. אַ גרויס געדולד האָט דער בורא אַריינגעגעבן אין אַ קו. זי טוט זיין רצון גאָר נישט איבערטראַכטנדיק, אָן תרעומות. איז אונטערטעניק אַפילו דעם מענטש. דערפאַר איז גרויס איר לוין: זי ווייסט נישט פון די אַלע נסיונות, מיט וועלכע דער מענטש ווערט געפּרוווט, פון האָבן — צו דעם שוואַכן יצר־טוב — דעם שרעקלעכן יצר־הרע. כלו תמימות איז זי, כלו שלימות. נו, גיי, גיי! גיין דיין וועג! — האָט ער די בהמה אַוועקגעשיקט.
נאָר די בהמה איז נישט אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אָנגעקוקט ר׳איסרן און יעקבן מיט אירע גרויסע, סאַמעטווייכע בלוישוואַרצע אויגן. זי איז געשטאַנען שטיל, האָט אַפילו מיטן עק קיין ריר נישט געטאָן. דער וואַרעמער הויך פון אירע ראָזע נאָזלעכער האָט געגלעט ביידנס פּנימער. אירע הערנער האָבן אויסגעזען ווי צוויי האַלבע לבנות איינע קעגן דער אַנדערער. זי האָט אַרויסגעשטעקט אַ גרויסע, נאַס־וואַרעמע צונג פון דער ברייטער, ווייסער מאָרדע און גענומען לעקן ר׳ איסרס הענט.
— זעסט! — האָט ר׳ איסר געזאָגט צו יעקבן. — זי וויל עפּעס. כ׳האָב אָבער גאָרנישט וואָס איר צו געבן. און אפשר זאָגט זי מיר גאָר עפּעס אויף איר לשון, מיט דער שטומער צונג. זעט אויס ווי איינגעהילט אין אַ טלית... — ער האָט ווידער

אַ גלעט געטאָן דער קו: — נו, גיי, גיי! — ווידער האָט ער גענומען רעדן מיט יעקבן: — וואָס מאַכט דער טאַטע? ועסט קומען מיט אים צו די סליחות? די ערשטע נאַכט... אָדער?... איז טאַקע אמת, וואָס מ׳זאָגט אויף דיר, אַז?... דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר, דו זעסט דאָך, אַז ס׳איז יאָ דאָ אַ בורא עולם און ער פאַרלאָזט נישט. ס׳הייבט זיך אָן, זאָגט מען, אַ מין פרנסה אין שטאָט.

— יאָ... — יעקב האָט געענטפערט סאַרקאַסטיש און עטוואָס שאָדנפריידיק. ער האָט שוין לאַנג געהאַט באַמערקט אַ דייטשן זשאַנדאַר מיט אַ פרוי און דערקענט אין דער העלקייט פון דער לבנה, אַז ס׳איז דעם פרומען הענעכס פרוי. (אַ יונגע, זיך צווייט ווייב) און האָט געוויזן ר׳ איסרן: — איר זעט דאָרט? קוקט אַהין! ס׳איז הענעך דעם מלאכס יפהפיה, די פרומע צדיקות!... מיט אַ דייטשן זשאַנדאַר!...

אין דעם מאָמענט זיינען אַנגעלאָפן די טשאַטעס הינט (אָדער ס׳זיינען געווען אַנדערע) מיט אַ בילעריי און האַוקעריי. די קו האָט אַ הייב געטאָן דעם עק ביז אַרויף, ווי אַ בויגן, אַראָפגעלאָזט נידעריק דעם קאָפּ, אַנגעבויגן אים זייטיק מיט די הערנער און זיך דאַן געלאָזט לויפן. די בילנדיקע הינט נאָך איר. פון אַ הויז אַרויס האָט זיך געלאָזט הערן אַ בעטנדיק קול: „לך אדוני הצדקה ולנו בושת הפנים״.

— אוי, שוין פאַרשפעטיקט! — האָט ר׳ איסר זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט. — „לך אדושם הצדקה ולנו בושת הפנים״... — האָט ער נאָכגעזאָגט און איז שנעל אַוועק.

קאַפּיטל דריי

ר׳ יאָסל פוקסמאַן דאַוונט

1

ר׳ יאָסל האָט אַמאָל אָנגעהויבן מיט אַ קליין ביסל ביליקער סחורה, ווי קרעטע, באַרכענט און סיץ־„שמאַטעס״, ווי ער אַליין האָט געזאָגט. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט. מ׳האָט דאַן אָנגעהויבן האָבן דרך־ארץ פאַר אים, כאָטש מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ „דרייקאָפּ״. שפּעטער, ווען ער איז נאָך רייכער געוואָרן, האָט מען אים געמאַכט פאַר דאָזער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ הויז, אַ צוויי־שטאָקיקס, פון ציגל, אין דער ריי פון די שענסטע הייזער, מיט אַן אַריינגאַנג פון מאַרק. צוריקקומענדיק נאָכן צווייטן מאָל טרייבן, האָט ער דאָס הויז געטראָפן בלויז אַביסל באַשעדיקט. אַרעמעלייט האָבן געזאָגט: „תמיד, ביי אַלץ, וואָס ס׳זאָל נישט טרעפן, האָט דער נגיד אַ טריפה גליק״. ס׳איז טאַקע כמעט אַזוי אויסגעקומען, ווייל די גאָר רייכע געגנט, „דער גרינער וועג״, ווי מ׳האָט גערופן יענעם פערטל, וווּ ס׳האָבן געוווינט די גאַנץ גרויסע נגידים (כמעט בלויז קריסטן), איז געבליבן פולשטענדיק גאַנץ. עפּעס ווי די קוילן פון די האַרמאַטן און די פלאַמען פון די שריפות וואָלטן געהאַט אַן אָנזאָג: „בלויז וואָס געהערט צו די אָרעמע זאָלט איר צעשטערן, אָבער נישט וואָס געהערט צו די רייכע!״

ר׳ יאָסל, אָדער פאַניע פוקסמאַן, ווי מען האָט אים שוין גערופן (זיין פאַמי־ליענאָמען האָט אים גוט געפּאַסט), האָט גלייך ביי זיין אומקערן מיט דער פרוי

און די דריי קינדער זיך צוריק אַריינגעצויגן אין זיין הויז. די זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן אין קעלער, ווי מעבל, געפּעס, האָט ער מער נישט געטראָפן, ווי די מיינסטע פון די צוריקגעקומענע. געלט אָבער האָט ער געהאַט; האָט ער ווידער זיך גענומען צו מסחר, אויפן שטייגער פון דער נייער צייט, וועלכע ער האָט גיך תופס געווען.

ס׳איז געווען אַ שיינער טאָג אין שפּעטן האַרבסט. ר׳ יאָסל איז נישט אויפֿגעשטאַנען אַזוי פרי ווי אַמאָל, ווייל ער האָט אַצינד נישט באַדאַרפט גיין אין בית־המדרש דאַווענען: ס׳איז דאָך פאַרברענט. ער האָט אין דער היים געלייגט טלית און תפילין אין דער גרויסער שטוב און זיך געשטעלט תפילה טאָן צום רבונו של עולם. צוליב דעם וואָס דאָס הויז איז נאָך נישט געווען פאַרראַכטן, איז אין דער דאָזיקער גרויסער שטוב, וואָס איז געווען דאָס עסצימער, געשלאָפן דבורה־לע. זי איז געווען אַ בת־יחידה, אַן אָפּגעצערטלטע ביי די עלטערן און מ׳האָט זי דעריבער געלאָזט לענגער שלאָפן. זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר 17. נאָר אַפילו ראובן, דער בכור, שוין גאָר אַ דערוואַקסענער מענטש, איז נאָך געשלאָפן, און אַוודאי און אַוודאי עוזר, דער מוזיניק. ברכה, די מאַמע, האָט זיי נישט געוואָלט וועקן. „זאָלן די קינדער זיך גענוג אויסרוען״ — האָט זי געזאָגט צום מאַן. — „זאָלן זיי זיך שטאַרקן. לאַנג שלאָפן איז אַזוי גוט ווי עסן. אַ כוח און קראַפט אין זייערע יונגע ביינדעלעך אַריין״.

אין ר׳ יאָסלס קאָפּ — מיט די תפילין פון פאַרנט, ווי אַ שוואַרצע קרוין, און איבערגעדעקט מיט דער זילבערנער עטרה פון ברייטן און לאַנגן וואָלענעם טלית — האָט נישט אויפגעהערט דער געדאַנק: „מע מוז רעדן מיטן קאָמענדאַנט... מיט אים אַליין... מיט די זשאַנדאַרן, אַפילו מיטן עלטסטן, און אַפילו מיטן קאָמענדאַנטס סעקרעטאַר, וועט נישט האָבן דעם זעלבן ווערט... נאָר מיטן ראש, מיט אים אַליין... ווי ס׳שטייט: לראַש ולא לזנב... אָבער ווער זאָל רעדן מיטן קאָמענדאַנט?... איך?... ס׳וואָלט נישט געטויגט, ס׳וואָלט נישט געהאַט קיין שום ווערט, די גאַנצע מי וואָלט געווען אַרויסגעוואָרפן״... פוקסמאַן האָט דאָס געוווּסט, ער איז דאָס געוואָר געוואָרן נישט פון איין מענטש, ווען ער איז געווען אין וואַרשע. דערצו האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ ביישפּיל: בערנפעל איז אויך נישט געגאַנגען אַליין; אַפילו צו רוסישער נאַטשאַלסטוואָ פריִער פלעגט ער שיקן די טעכטער. דבורהלען האָט ער אָבער נישט געוואָלט שיקן. עפּעס האָט אים ס׳האַרץ געזאָגט... וועט ער אפשר שיקן די פרוי, ברכהן. ער האָט אָבער ווידער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך זי צו שיקן, ווי נעכטן און אייערנעכטן, ווען ער האָט וועגן דעם געטראַכט. ער האָט איר דאָס שוין אַפילו געזאָגט. זי איז דערביי אַביסל רויט געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אין יענעם מאָמענט — דאָס איז געווען טאַקע נעכטן ביינאַכט — האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, ווי דער קאָמענדאַנט נעמט זי אָן ביי אַ האַנט, ציט זי צו צו זיך... זי ווערט צעטומלט... ס׳איז דאָך אַ גוי, אַ דבר־אַחר...

אַ גאַנצע נאַכט האָט ר׳ יאָסל נישט געקאָנט שלאָפן.

האָט ער באַשלאָסן: „ניין! ברכהן וועלעך נישט שיקן!״ ער האָט גענומען דאַווענען הויך און מיט כוונה: „תנו רבנן פטום הקטורת... שלש מאות וששים ושמונה... שלש מאות״...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: „כ׳האַלט דאָך שוין אַ סך ווייטער, שוין נאָך ברוך שאמר״.

ער האָט אָנגעהויבן ביי די הללויהס: הללויה, הללו אל בקדשו, הללויה"... נאָר ווידער האָט ער אויפגעהערט צו דאַווענען, ווידער האָט ער געטראַכט: „דבורהלע איז אַ ליב קינד, אַ ריינס; כ'האָב גאָרנישט וואָס קיין מורא צו האָבן, אַז ס'קאָן חס ושלום עפּעס שלעכטס געשען מיט איר... זי איז שיין, דאָס איז אמת; צעבליט קיין שום עין־הרע"... ער האָט ווידער געגומען דאַווענען. „ברוך שאָמר והיה העולם... אַך, וואָס זאָגעך! כ'האָלט דאָך שוין ווייטער, אַ סך ווייטער! הללויה הללו אל בקדשו... ניין, נאָך ווייטער! וישע ד' ביום ההוא"... אָבער ער האָט נישט געקאָנט דאַווענען, ווייל זיינע געדאַנקען זיינען געווען ערגעץ אַנדערש. ער האָט אַראָפּגערוקט די זיל־בערנע עטרה איבער די אויגן, זיך אויסגעדרייט צו דער מזרח־וואַנט און זיך געשטעלט שמונה־עשרי.. איצט איז ער אויסגעקומען מיטן פּנים צו די צוויי פענצ־טער, וואָס זיינען געווען צום מאַרק אַרויס. ביי דער דאָזיקער וואַנט איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל, אַ שמאָלס, און דבורהלע איז דערין געשלאָפן. פאַרן דאָזיקן בעטל איז געשטאַנען אַ טיש. דער הימל איז געווען אַביסל פאַרוואָלקנט. דאָך האָט די בלאַסע האַרבסטזון, דאָ פון אונטער אַ דין זילבערן וואָלקנדל אַפּיר, דאָ איב־גאַנצן אַ באַפרייטע, אַריינגעשיינט מיט אַ מאַט, ווייך, גילדן ליכט. עטלעכע צאַרטע שטראַלן זיינען געפאַלן אויף דבורהלעס געלעגער. זי איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ קלאָר ווייס איבערבעט. איר קליין קעפּל איז געלעגן אויפן קישן מיט גע־האַפטענע שפּיצן אַרום. די זיידענע, שאַטיגע האָר צעשיט. דער פאָטער האָט גע־כאַפּט אַ בליק פון אונטערן טלית אַפּיר אויף זיין בת־יחידה. ער האָט זי זייער ליב געהאַט. טאַקע אַ יפת־תואר. נאָר אָט האָט דבורהלע זיך אַביסל אָפּגעדעקט, אַפּיר־גענומען די דינע, שלאַנקע אָרעמס פון אונטערן איבערבעט אַפּיר, עלעבאָסטענע אָרעמס, עטוואָס ראָזע אַצינד. דאָס נאָכטהעמד האָט געהאַט בלויז קליינע שטיקלעך אַרבל, וואָס האָבן באַדעקט נישט מער ווי די אַקסלען. אינגאַנצן אַ שמאָלינקע — זיינען אירע בריסטן געווען נאָך קוים אַנטוויקלט: זיי האָבן זיך אַדורכגעשטאָכן דורכן דינעם באַטיסט ווי צוויי אתרוגימלעך מיט פּטומלעך. ר' יאָסל האָט פעסט צוגעדריקט די אויגן, זיי נאָך פאַרשטעלט מיט אַ האַנט, און אַ שווערן זיפץ געטאָן.

ברכה האָט דורך דער אָפענער טיר אין קיך, ווו זי האָט געקאָכט אָנבייסן דער־הערט דעם מאַנס שווערן זיפץ און איז אַריינגעקומען. זי האָט דערזען דבורהלעס אָפּגעדעקטע אָרעמס און איז צוגעגאַנגען צום בעט. אַ מינוט איז זי געשטאַנען פאַרן געלעגער, געוואָלט אויפוועקן ס'קינד, אַז ס'זאָל אויפשטיין, אָבער זי האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ דערצו און באַשלאָסן: זאָל זי שלאָפן, ביז זי וועט זיך אַליין אויפכאַפּן. זי האָט בלויז צוגעדעקט דבורהלעס נאַקעטע אָרעמס און איז צוריק אַרויסגעגאַנגען.

דבורהלע האָט אין שלאָף אפשר געפילט, אַז ס'איז ווער געשטאַנען לעבן איר, זי האָט אפשר אויך געפילט די פריערדיקע בליקן פונעם פאָטער אויף זיך, ווייל זי איז שוין נישט געשלאָפן אַזוי פעסט, נאָר האָט בלויז געדרימלט. זי איז אָבער געווען פאַרשפּינט און פאַרוועבט אין חלומות. אין דאָזיקן געוועב האָבן זיך פאַר־פלאָנטערט עטלעכע צייטן און צוויי געשטאַלטן: דעם קאָמענדאַנטס, ווייל דער פאָטער האָט איר שוין געהאַט געזאָגט, אַז ער וועט זי שיקן צו אים, און ברוכס, בערנפעלס אַ זון, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, נאָר ס'האָט קיינער נישט געוווּסט, אַפילו ער אַליין נישט. זי האָט געזען אין חלום ברוכן: אַ שיינעם, אַ שלאַנקן, הויכן אַפּיציר... זי פאָרט מיטן פאָטער אויף אַ פ:ר און שרייט: „גיך!... זעלנער!...

זיי ווילן מיך כאַפּן״... אָט איז זי אין אַ וואַלד: די ביימער שיסן... דער אָפיציר... נײן, ס׳איז ברוך... זי קריגט מורא... דער אָפיציר... זי שרייט: „כ׳האָב דיך ליב!... דיך, ברוך!״... זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. גלייך ווי זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז צען אַזייגער האָט זי באַדאַרפט גיין צום קאָמענדאַנט.

— ווי שפּעט איז? — האָט זי געפרעגט דערשראָקן און דערווייל פאַרגעסן דעם גאַנצן חלום.

ר׳ יאָסל האָט שוין געהאַלטן ביים סוף דאַווענען, וואָס האָט געמיינט, אַז די געדאַנקען און די פּלענער אין זיין קאָפּ האָבן זיך דערנענטערט צום סוף. ער האָט באַשלאָסן, אַז אין זיין בראַנזשע קאָן ער דערווייל קיין סך נישט אויפטאָן. ווי וועט ער קריגן גענוג שניט־סחורה אין אַזאַ צייט, און פאַר וועמען? וועד האָט איצט געלט צו קויפן? דאָס בעסטע אַצינד איז: אַ קאָנצעסיע אויף חזיר. אַזאַ קאָנצעסיע וועט דער קאָמענדאַנט זיכער געבן, ווייל דאָס איז אַ פּראָדוקט, וואָס דער דייטשער זעלנער און דער אָפיציר זוכט אַרום. ר׳ יאָסל האָט פאַרגלאָצט די אויגן צום סופית און גענומען זאָגן די תפילה פון עשרת ימי תשובה נאָך דער שמונה עשרי: „אָבינו מלכנו״... זיינע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט און זיין קאָפּ האָט געאַרבעט: „די קאָנצעסיע דאַרף זיין אויך אויף צושטעלן פאַר דער אַרמיי... אַ ייד טאָר נישט האַנדלען מיט קיין חזיר? — נו, וועט ער צונעמען אַ גוי און מיט אים מאַכן אַ שטר עסקא״... ער האָט ווייטער געבעטן: „אָבינו מלכנו... בספר פרנסה וכלכלה... אָבינו מלכנו... תהא השעה הזאת שעת רחמים ועת רצון מלפניך״... ער איז אַריין אין אַמביציע: „אַצינד מוז איך דעריאָגן בערנפעלן, אים נאָך איבעריאָגן! ר׳ מרדכי גאָלד־בלום — געהאַט אַ גרויסע פאַבריק, שוין געווען אַ מיליאָנער — אויס. אַצינד איז מיין צייט!... עלינו לשבח״... ער האָט גענומען שפּייען אויף רעכטס און אויף לינקס: „שלא עשנו כגוי הארצות״...

דבורהלע האָט גערופן די מוטער און זי געבעטן איר צו געבן דעם שלאָפראָק. (ער איז געלעגן אויפן בענקל, נישט ווייט פון בעט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אויסשטרעקן די נאַקעטע האַנט, ווייל דער פאָטער איז געווען אין שטוב). די מוטער האָט איר געגעבן דעם שלאָפראָק, זי דערביי פאַרשטעלט, אַז זי זאָל קאָנען אַרויסגיין פון בעט. דבורהלעס ראָזע פּנימל האָט איצט געפלאַמט, אַזוי שטאַרק האָט זי זיך היינט געשעמט. צנועהדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, איז זי גיך אַרויס זיך וואַשן. זי האָט אָבער געטראָפן ביי דער וואַש־שיסל דעם עלטערן ברודער. פאַר אים האָט זי זיך נאָך מער געשעמט ווי פאַרן פאָטער, ווייל אין די לעצטע יאָרן איז ער זעלטן געווען אין דער היים. אַ בוכהאַלטער אין וואַרשע, פלעגט ער קומען בלויז צוויי מאָל אין יאָר, אויף פּסח און סוכות. ער איז געווען אַ גרויסער פּאַצעט, אַ „וואַרשעווער״, און זייער פיין זיך באַנומען, קאַוואַלעריש, אַפילו צו דער שוועס־טער. גיך האָט ער זיך פאַרטיק געמאַכט, פאַרשפּיליעט דעם ווייסן שטייפן קאָלנער מיט די צוויי שפּיצן פאָרנט (אויסגעבויגן צוליבן גרויסן גאַרגלקנאָפּ זיינעם), צוגע־טשעפּעט דאָס שוואַרצע מושקעלע (ווי אַלע וואַרשעווער בוכהאַלטערס האָבן דע־מאָלט געטראָגן) און איז אַרויסגעגאַנגען. נאָר ער האָט זיך גלייך אומגעקערט און די שוועסטער געפרעגט, אויב דער טאַטע האָט שוין אָפּגעדאַוונט. אַז זי האָט אים געענטפערט יאָ, האָט ער זי געבעטן, נישט אַרויסצוכאַפּן זיך ביים טיש, אַז ער האָט זיך אָקאָרשט געוואַשן. ער האָט געוווסט, אַז נישט דער פאָטער און נישט די

מוטער וועלן אים פרעגן, צי ער האָט געדאַווענט, ווייל זיי ווייסן, אַז ער דאַוונט נישט, אַז ער האָט אַפילו נישט מער די תפילין. אָבער זיי ווילן נישט וועגן דעם דערמאָנט ווערן דורך עפּעס אַ צופאַל.

דבורהלע האָט זיך איצט געזייפט מיטן ברודערס שמעקנדיקן זייף. ביים רייבן זיך מיטן קאַלטן וואַסער דעם שיינעם דינעם האַלדז (אפשר אַביסל צו דין) און דעם גרעסטן טייל פון אייבערשטן האַלבן קערפּער, האָט זי זיך דערמאָנט דעם גאַנצן חלום. ס׳בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַריין. וועגן ברוכן — אַזוי האָט זי געמיינט — האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געחלומט. זי האָט זיך צעלאַכט: „אַ שיינער אָפיציר... ער זעט אָבער טאַקע אויס ווי אַן אָפיציר... ווען ער זאָל זיך אָנטאָן אַ מונדיר מיט שליפעס, מיט גאָלדענע קנעפּ פאַרנט, מיט אַ שווערד, אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע און שפּאָרן זאָלן קלינגען״... נאָר ברוך האָט גאָר נישט געוווּסט, אַז זי, דבורהלע, ליבט אים. מן הסתם וואָלט אים גאָר נישט געפּאַסט אַזאַ שידוך. ווער איז זי דען? ווער איז איר פאָטער? דאָך, ווען ער האָט זי געטראָפן אין גאַס און ער איז געווען אַליין, האָט ער פאַר איר אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש און געוואָלט, אַז זי זאָל בלייבן שטיין. ער וואָלט זי אפשר אַמאָל אָפּגעשטעלט; נאָר ביי איר האָט תמיד אָנגעהויבן קלאַפּן ס׳האַרץ, ווען זי האָט אים דערזען. זי האָט דאַן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז גיך פאַרשוווּנדן...

אין דבורהלען האָט אויך איצט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן ס׳האַרץ, ווייל אין דעם מאָמענט — טראַכטנדיק און פאַנטאַזירנדיק וועגן ברוכן — איז פאַר איר אַרויסגעשווומען דער קאָמענדאַנט. שוין עטלעכע מאָל האָט זי אים באַגעגנט אין גאַס. זי מוז באַלד אַהינגיין צו אים. פאַרוואָס שרעקט זי זיך אַזוי? זי האָט קוים געקאָנט אָטעמען, אַזוי שטאַרק האָט איצט דאָס האַרץ געקלאַפּט אין איר. זי האָט אַזש ביידע הענט פעסט צוגעדרוקט צו איר ברוסט. זי האָט זיך געוואָלט צוקעמען, אָבער ס׳קעמל איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט. די האָר האָבן זיך נישט געוואָלט לייגן לויט דער נייער פריזור, וועלכע זי האָט זיך היינט געוואָלט מאַכן. זי האָט אויסגעפּרוווט עטלעכע פריזורעס. צוויי לאַנגע צעפּ אַראָפּגעלאָזט; אָבער זיי זיינען געווען צולאַנג און צו דיק און זי האָט אויסגעזען אפשר פון 13, 14 יאָר. דאָס האָט זי נישט געוואָלט; זי האָט, אדרבא, אַצינד געוואָלט אויסזען עלטער; האָט זי די צעפּ פאַרלייגט אַרום שטערן. דאָס האָט איר געפאַלן, זי האָט אויסגעזען אי יונג, אי „פּאַוואַזשנע״, אי איידל, אי שיין. דאָך האָט זי ווייטער אויסגעפּרוווט, פאַרלייגט די צעפּ אין בולקעלעך איבער די אויערן, אין אַ ראָליק הינטן, אַ גזשיווע פאַרנט מיט אַ ראָליק הינטן. ביז זי איז געבליבן ביים אַרומנעמען די צעפּ אַרום שטערן. און סאַראַ קלייד זאָל זי אָנטאָן? ס׳איז איר איינגעפאַלן דאָס בלויע קאָסטיומל מיט אַ ווייס בלוזקעלע און דערביי איז זי געבליבן. פודער האָט זי נישט ליב געהאַט. די באַקן זיינען געווען ווי צוויי אמתע רויזן און די ליפּן ווי קרעלן. עטוואָס פּערפום האָט זי יאָ גענומען, ווייל זי האָט ליב געהאַט דעם דופט פון מייגלעקלעך. וואָס איר פּערפום האָט געהאַט.

דער טיש איז שוין געווען געגרייט. ס׳זיינען געזעסן די עלטערן און ביידע ברידער. דבורהלע האָט זיך געאיילט און געוואָלט אַוועקגיין אָן אָנבייסן. דאָס האָט אָבער די מוטער נישט צוגעלאָזט:

— ניין, ניין! אָן עסן, מיין קינד? קיינמאָל נישט!

— קאָנסט נאָך עסן, — האָט דער פאָטער איר פאַרזיכערט, כאַפנדיק אַ בליק, ווי שיין זי איז אַצינד. — ער איז ביז איינס אין דער קאַנצעלאַריע.

ביים בענטשן איז ר׳ יאָסל געווען זיכער, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט דער גרויסער גביר בערנפעל זיך בעטן ביי אים צו ווערן זיין מחותן.

ווען דבורהלע איז אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין, האָט ברכה געזוכט מיט אַ טרויעריק־פאַרצווייפלטן בליק איר מאַנס אויגן, אים צו זאָגן מיט דעם דאָזיקן בליק, אַז מ׳זאָל דאָס קינד דאָך נישט שיקן צום קאָמענדאַנט. אָבער ר׳ יאָסל האָט די אויגן זיינע געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, ווייל ער האָט געטראַכט דאָס זעלבע וואָס זיין ווייב. דבורהלען האָט דאָס האַרץ, ביים אַנטאָן זיך דעם הוט, געקלאַפּט נאָך שטאַרקער ווי ביי מאַכן זיך די פריזור. זי האָט געזען אין שפּיגל ווי בלאַס זי איז. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: „גיין, נישט גיין!״ — — —

2

די זון איז שוין געשטאַנען איבערן פאַרגליווערטן צלם פונעם טורעמשפּיץ אויף דער קירך. די שטימונג, וואָס די לופט אין יענעם תשרידיקן טאָג האָט גע־וועקט, איז געווען אַ מעלאַנכאָלישע. די וואָלקנס האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבערן הימל אין פאַרשידענע צעריסענע שטיקער, גרויסע ווי אימהדיקע בערג און קלע־נערע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי כלערליי געשפּענסטער. די קאָלירן זייערע: פון טונקלגרוי, ברוין און שוואַרץ, ביז פוכיקע ווייסקייט. זיי זיינען אַרומגעפלויגן ווילד און משוגע, אָט פאַרדעקנדיק אינגאַנצן דעם הימל און די זון, אָן אָט אויפרייסנדיק בלויע פּאַסן און אַ גרויסן גאָלדענעם פלעק. דאָס אַנטפּלעקטע בלוי איז געווען אַזוי שניידנדיק, אַז ס׳האָט אַזש טאַקע ווי געטאָן אין דער נשמה. אָט ווינט, אָט וואַרעם, אָט קאַלט. דאָס אַלץ האָט דבורהלעס שרעקן זיך פאַר עפּעס נאָך שטאַרקער געמאַכט. ס׳האָט זי געריסן צוריק, און דאָך איז זי געגאַנגען ווייטער. נישט ווייל דער טאַטע (זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט) האָט זי געשיקט, נאָר ווייל זי אַליין האָט געוואָלט גיין: ס׳האָט זי געצויגן צום קאָמענדאַנט פון דער ערשטער רגע, וואָס זי האָט אים געזען צופעליק אין גאַס. אַלץ האָט אין איר אין יענער רגע אַ ציטער געטאָן. אפשר ווייל ער האָט אויף איר אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן, אַז דער בליק זיינער איז איר אַדורך־און־אַדורך־געגאַנגען. אַזעלכע בלויע אויגן האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, זעט אויס נאָך גאָר יונג; אָבער ביי די שלייפן זיינען די האָר שוין אַביסל גרוי.

לאַנגע, בלויגרויע שפּינפעדים, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופט, האָבן זיך אַרומגעוויקלט אַרום דבורהלען. צווערשט האָט זי זיך קינדעריש געפרייט מיט זיי. „באַבסקי לאַטאַ״... זי האָט זיי אַראָפּגענומען פון זיך און באַקוקט: „ווי די־ניגקע שנירעלעך פּערל״... נאָר אַז די שפּינוועבספעדים (זיי זיינען געווען זייער אַ סך אין דער לופט) האָבן זיך אַלץ מער און מער אַרומגעוויקלט אַרום איר, האָט זי פּלוצים מורא געקריגן פאַר זיי און אויסגעטייטשט פאַר אַ שלעכטן סימן: זי ווערט פאַרשפּינט... אַזוי האָט זי טאַקע געפילט פון נעכטן אָן, ווען דער פאָטער האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט גיין צום קאָמענדאַנט, און זי האָט אין דער זעלבער

רגע דערפילט, אַז זי האָט בלויז געוואָרט דאַרויף. שוין זיינען די שפּינוועבספּעדים אויסגעוואַקסן אין דיקע שטריק פאַר איר, זיי וויקלען זיך אַרום איר האַלדז און שלעפּן זי... זי איז אַזש שטיין געבליבן. „אפשר דאָך גיין צוריק?... זיך גובר זיין״?... אין דעם מאָמענט איז גאַנץ נידעריק איבער איר קאָפּ פאַרבייגעפלויגן אַ פייגעלע. אַזאַ שיינס... זי האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ פייגעלע נישט געזען. ס׳האָט אַ זינג געטאָן. שיער אין איר אויער אַריין: „טשיטשערי״... ס׳איז אַוועקגעפלויגן, נאָר ס׳האָט זיך באַלד צוריק אומגעקערט און ווידער, ווידער אַזוי נאָענט ביי איר אויער: „טשיטשע־רי״... עטלעכע מאָל אַזוי: „טשיטשערי... טשיטשערי״... ס׳איז געפלויגן דאָרט אַהין, וווּ זי האָט באַדאַרפן גיין. עפּעס ווי דאָס פייגעלע וואָלט זי גערופן מיט זיך: „טשיטשערי... טשיטשעריטשי״... וואָס האָט געקאָנט הייסן: „קום!... קום־קום״...

דבורהלע איז ווייטער געגאַנגען, שמייכלענדיק שוין אַ גליקלעכע. גייענדיק האָט זי פון בלוילעדערנעם האַנטטעשל אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע און זיך גע־שפּיגלט: זי האָט נאָך אַמאָל געוואָלט זען, אויב די נייע פריזור פּאַסט איר טאַקע. ווידער האָט זי מיט אירע קליינע בלישטשענדיקע ציינדלעך זיך אַ ביס געטאָן די רויטע קרעלנליפּן, זיי זאָלן זיין נאָך רויטער. אין דעם מאָמענט איז פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען אַ מיידל (דבורהלע האָט געוווּסט ווער זי איז) און האָט איר צו־געוואָרפן אַ פאַרשייט געלעכטערל. דאָס האָט דבורהלען אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס דאָזיקע פאַרבייגעגאַנגענע מיידל איז תמיד געווען אַ שטילע, אַן אָרנטלעכע, אַפילו אַ פרומע; זי איז אָבער געוואָרן אַן אויסגעלאַסענע זינט די דייטשן זיינען געקומען. אין אַזאַ קורצער צייט! דאָס געלעכטערל פון דעם דאָזיקן מיידל האָט זיך ווי געררייצט מיט דבורהלען, איר געזאָגט: „גיי, גיי... איך ווייס וווּהין דו גייסט, צו וועמען... וועסט באַלד זיין גלייך מיט מיר, און דעמאָלט״... און פּלוצים אַן אויסגעצויגענער בלאָז פון אַ שופר, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ. דבורהלע האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, אַזוי האָט זי זיך דערשראָקן פאַרן דאָזיקן שאַלנדיקן אויסגעצויגענעם טאָן. ווידער איז זי שטיין געבליבן. דערדאָזי־קער בלאָז פון אַ שופר, וואָס איז געקומען אוודאי פונעם רב, איז פאַר דבורהלען ווידער געווען אַ וואָרענונג. אפשר זאָל זי זיך דאָך אומקערן? האָט זיך אָבער אַני־דערגעשטעלט (דבורהלע האָט גאָר נישט באַמערקט ווען) אַ גרויסער ברוינגאָלדי־קער שמעטערלינג אויפן ווייסן בלוזקעלע אירן, צווישן די לאַצן פונעם בלויען קאָסטיומל, די גרויסע ברוינגאָלדענע פליגל אויפגעשטעלט, נאָר נישט גאַנץ צו־נויפגעלייגט — איז ער געשטאַנען רויק. עטלעכע רגעס האָט דבורהלע געקוקט אויף אים און אים באַוווּנדערט. ס׳האָט זיך איר געדאַכטן, אַז ער זאָגט איר עפּעס מיט זיינע קיילעכדיקע אויגן ווי שוואַרצע שפּילקעקעפּעלעך... ער וויל איר אַ קוש טאָן... זי האָט אים געוואָלט אָנרירן, אַ גלעט טאָן... נאָר אין דעם מאָמענט איז ער אַוועקגעפלויגן, אָבער ווי דאָס פייגעלע פריִער — איז ער נישט פאַרשוווּנדן, נאָר ער האָט געפלאַטערט איבער איר קאָפּ, איז אַלעמאָל צוריקגעקומען, געפלויגן אין דער זעלבער ריכטונג ווי זי האָט באַדאַרפט גיין. ווידער אַ גוטער סימן.

קאַפּיטל פיר

אַ קליינע העלדן

די גאַסן און אַפילו די געסלעך אין דער אָרעמער געגנט זיינען געווען פול מיט מענטשן. ס׳איז געווען אַ גרויסער חילוק פון די ערשטע טעג, ווען די פליטים האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן צוריק אַהיים, און אַצינד, ווען זיי האָבן זיך גענומען איינעסטן. נישט לאַנג — און דאָך אַזאַ גרויסער אונטערשיד שוין. דער חורבן איז טאַקע נאָך געווען דערזעלבער, די זעלבע אָפּגעסמאַליעטע מויערן מיט די שוואַרצע הויכע קוימענס פון פאַרברענטע און צעשטערטע הייזער, די זעלבע קור־פּעס צעבראָקלטע ציגל און בערגלעך אַש און גלאָזוניעס פון די הילצערנע הייזלעך; דאָך האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. טייל פון די גאַנץ־געבליבענע געוועלבער זיינען געווען שוין געעפנט און מענטשן זיינען געשטאַנען פאַר זיי אין רייען: זיי האָבן געוואַרט מיט זייערע באַנעס אויף ברויט, וואָס האָט זיך גע־קלעפּט און מ׳האָט עס נישט געקאָנט עסן; אָבער מ׳האָט זיך געריסן עס צו קריגן, ווייל די פּאַרציעס, וואָס די מענטשן האָבן באַקומען, האָבן נישט געקלעקט אַפילו אויף איין מאָלצייט. נאָך ערגער זיינען געווען די פאַרפוילטע קאַרטאָפליעס, וואָס די מענטשן האָבן געקריגן, די דומפּיקע הירזש אָדער פּערלגרויפּן, די קאַשע, פאַרייליצטע „סמאַראָווידלע״, וואָס האָט אין דייטש געהייסן „מאַרגערינע״, וואָס האָט געשטונקען און געדרייט אין מאָגן. און אַלץ אָפּגעניגלט. אָבער די פּרייזן — ווי אין אַפּטייק. די מענטשן זיינען געשטאַנען צו הונדערטער אין אַ רייע, צו־מיינסט פרויען, עלטערע מענער און קינדער. מ׳האָט זיך געשטופּט און געשטויסן. כמעט יעדער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן דעם שכנס פּלאַץ, צו זיין וואָס פריִער אין קראָם. די מענטשן האָבן שוין געוווסט, אַז פּלוצים רופט אַרויס פון געוועלב אַ קול: „נישטאָ מער״! לויפן ערגעץ אַנדערש האָט קיין זינען נישט געהאַט, ווייל ערגעץ אַנדערש וואָלט אויסגעקומען צו זיין דער לעצטער אין דער רייע. און חוץ מזה זיינען די איינוווינער געווען איינגעטיילט אין סעקציעס.

מענטשן האָבן געברומט: „דייטשע אָרדענונג!״...

אַ ייִדענע האָט געבעטן צו גאָט: „זאָלן זיי גיין אינדערערדאַריין מיט זייער אָרדענונג! די אָרדענונג זאָל זיי אומברענגען, גאָטעניו געטרייערז!״ זי האָט גע־פרעגט די מענטשן: „וואָס קוקט עטץ מעך אַזוי אָן? אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט וועלן, וועט דער דאַטש איינעמען אַ מיתה־משונה מיט זיין אָרדענונג!״

נישט אויפהערנדיק צו רעדן (אַלע אינאיינעם) האָבן אַלע — נאָך יעדן מאָל רוקן זיך עטלעכע טריט ווייטער — זיך גענומען שטופּן און שטויסן, פאַרכאַפּן איינער דעם אַנדערנס פּלאַץ, זיך קריגן, זידלען, שעלטן, ביז דער סאָלדאַט, וועל־כער האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אָרדענונג אין דער רייע, האָט גענומען שרייען: „פּאָלנישע שווינע! פאַרפלוכטע זאַו־יודען!״

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט איינער דעם אַנדערן געפרעגט און גע־ציטערט פאַר שרעק.

— ער האָט געזאָגט „זאַ״, — האָט אַ ייִדענע געזיפצט. — זאַר און ביטער זאָל אים ווערן ס׳לעבן, ווי מיינס איז!

אַן אַלטע האָט גערעדט צו זיך: „מיר זיינען שווינע... זיי אָבער קריכן ווי די חזרים אין פרעמדע גערטענער, אין פרעמדע מדינות".

— פון פאַרטאָג אָן שטייטמע אַזוי, — האָבן די מענטשן איינער פאַרן אַנ־דערן זיך געקלאָגט.

— פון פאַרטאָג אָן? — האָבן אַנדערע געפרעגט. — מיר שטייען שוין פון מיטנדערנאַכט אָן! אַנדערע שטייען פון נעכטן אָן! נאָר די, וואָס האָבן גענוג געלט, ברויכן דאָ נישט שטיין; זיי קריגן אַלץ פון שענסטן און בעסטן: פרישע פּוטער, וואַרעמע זעמל, צוקער — אַלץ. ניין, זיי עסן נישט קיין ברויט מיט זעגעכץ, מיט קרייד און אַנדערע פּאַסקודסטווע. די שיינע יידן! פאַן בערנפעל, ר׳ יאָסל, ר׳ הענעך, פאַן בוקסבוים, די שיינע מירעלע! פאַר אַזעלכע האָט זיך גאָר אָנגע־הויבן אַ ניי לעבן, אַ גוטע צייט! מ׳שמוגלט!

פּלוצים האָבן אַלע אָנגעשטעלט די אויערן: „מ׳שפּילט שוין ווידער!"

איבערן גרויסן טראַקט פון וואַרשע קיין לובלין האָט מאַרשירט דייטש מילי־טער, מיט זיינע שווערע האַרמאַטן, וועלכע מ׳האָט גערופן „דיקע בערטאַס", פעלדשפּיטאַלן, פעלדקיכן און אַבאַז. דורך דער שטאָט האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן דייטשיש חייל. מוזיק האָט געשפּילט און כמעט די גאַנצע שטאָט יינגלעך זיינען נאָכגעלאָפן. אָבער אויך דערוואַקסענע מענטשן האָבן זיך געלאָזט צום גרויסן טראַקט, צו זען ווי די זעלנער מאַרשירן, צו הערן מוזיק. אין אַזאַ מאָמענט האָבן מענטשן פאַרגעסן זייערע צרות. די פיס האָבן זיך ביי זיי גענומען הייבן צום טאַקט און זיך רייסן מיטצומאַרשירן.

דאָס קליינוואַרג (צוריקומענדיק) האָט זיך פאַרקליבן אויפן ערשטן בעסטן פלאַץ און געשפּילט אין זעלנער. צווישן דער חברה זיינען געווען: נח אברהם שניי־דערס, יאָסקע גרוינעם מלמדס, אַבישל איטשע שוסטערס און דער שוואַרצער גאָדל (בערל פאַרבערס אַ תכשיט). ס׳זיינען געווען קלמן בלאַכערזשס אַ פערטל טוץ יינגלעך, עוזר דער צעמאַזשעטער (פאַן פוקסמאַנס מוזיניק) און ס׳האָבן נישט געפעלט עטלעכע יאַטן פון דער גנבים־חברה, צוויי פון זיי: בערקע פעצער און אָשרל לעקעך, וועלכע האָבן זיך אַליין אויסגעקליבן פאַר גענעראַלן.

אָשרל לעקעך האָט מיט דער פויסט זיך אַ זעץ געטאָן אין דער ברוסט אַריין:

— איך בין פאַלנע גענעראַל!

בערקע האָט פאַרזשמורעט אַן אייגל און זיך פאַרקרומט:

— אוס? — ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פריינט גאָר נאָנט, האָט אים אָפּגע־מאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, און איינגעהאַלטן, אָפּוועגנדיק יעדעס וואָרט (ווי ס׳טאָן אַלע ווילע יונגען) צו אים געזאָגט: — נאָך איין וואָרט און דו ווערסט ביי מיר אינגאַנצן אויס גענעראַל! דו ביסט מיין אַדיוטאַנט און... דו ווייסט שוין וואָס איך מיין...

אָשרל האָט מיטן אַרבל פון דער לינקער האַנט זיך אַ וויש געטאָן די נאָז, זיך אַראָפּגערוקט ס׳היטל אין די אויגן אַריין און געשוויגן.

נאָכדעם ווי בערקע פעצער האָט די יונגען צעטיילט אין אָפּיצירן, אין העכע־רע און נידעריקערע ראַנגען און אין פּראָסטע זעלנער, און יעדן אָנגעזאָגט, וואָס ער האָט צו טאָן, האָט ער זיי קלאָר געמאַכט די מיליטערישע דיסציפּלין: „אַזוי מוז זיין!" גלייך האָט ער אַ געשריי געטאָן: „סמירנאָ"! שטיין גלייך ווי דרענגער!

אַלע! יעדער סאָלדאַט, יעדער אָפיציר, אַפילו דער גענעראַל, איז אַ שטיק האָלץ! ער ווייסט פון גאָרנישט, טוט בלויז ווי מ׳הייסט אים, אַפילו זיך אַריינוואַרפן אין אַ פייער און פאַרברענט ווערן! חוץ דעם קייסער; איבער אים האָט קיינער נישט צו שאַפן, אים האָט קיינער נישט צו באַפעלן! איך בין דער קייסער און דו, אָשר, ביסט אַצינד שוין דער פאָלגער גענעראַל. אויף מיין אָרט, ווי דו האָסט פרי׳ער געוואָלט. איצט וועלעך אויסקלייבן מיניסטאָרן. דאָס קאָן קיינער נישט טאָן נאָר דער קייסער. דו, גאָדל, שוואַרצער ציגיינער! ביסט דער ערשטער מיניסטער, דער פרעמיער! דו ביסט אַ קלוגער יאַט. נו, קלייב אויס די רעשט מיניסטאָרן! נעם וועמען דו ווילסט! ס׳איז אַלץ איינס! קאָנסט אַפילו עוזרן, דעם דאַזיקן יאָלד, די דאַזיקע מיאוסע צעקראַכענע צורה, מאַכן פאַר אַ מיניסטער! סיי ווי מוז יעדער פאָלגן און טאָן, וואָס איך הייס! דעם בלאָכערזש יאַט, קיווען, — מאַך פאַר בילדונס־מיניסטער; ער איז דאָך עפּעס... נו, אַ געבילדעטער מענטש, קאָן לייענען און שרייבן... יאָסקען מאַך פאַרוואָס דו ווילסט; ער גערעט אַריין אין זיין ברודער הערש און וועט טויגן צו אַלץ... און איצט צו דער אַרבעט! דאָס ערשטע — וואָס ס׳איז דער עיקר פון אַ רעגירונג — מלחמה!״ ער האָט זיך אַרויפגערוקט דאָס היטל, צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן און געטראַכט. דאַן האָט ער זיך געטאָן אַ גלייך־אויס, אַ מאַך־געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט אַ צי־אַרויס־געטאָן די שווערד פון דער שייד, און אויסגערופן: „איך דערקלער מלחמה דעם שונא! יענץ הויז איז ענגלאַנד! איך דערקלער ענגלאַנד קריג! פאַרוואָס? נו, מיניסטאָרן! טוטץ אַ קלער אויס פאַרוואָס! דאַרויף זייט עטץ דאָ! אַ פאַרוואָס מוז זיין! אָן אַ פאַרוואָס קאָן מען נישט דערקלערן קיין מלחמה!״

אָשרל לעקעך האָט זיך געטאָן אַ גלייך־אויס און אַ מאַך געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט אַ צי־אַרויס־געטאָן די שווערד, און הויך אויסגעשריגן:

— מיר...

בערקע פּעצער האָט אים אַ זשוך געטאָן:

— דער קייסער, נישט מיר! אַ רוח אין דיין...

אָשרל האָט נאָך העכער געשריגן:

— דער קייסער דערקלערט קריג...

דער שוואַרצער גאָדל האָט אים אונטערגעזאָגט:

— זאָג אַמעריקע, נישט ענגלאַנד! דאָרט וואַלגערט זיך געלט אין די גאַסן, מ׳שאַרט עס מיט לאָפּעטעס...

יאָסקע האָט זיך אַריינגעמישט:

— ס׳דאַרף זיין אַ פּאָליטישער פּונקט אין דער נאָטע; אָן אַ פּאָליטישן פּונקט קאָן מען נישט דערקלערן קיין קריג.

קיווע האָט אַריינגעוואָרפן:

— ווייל מיר ווילן איבערנעמען אַמעריקע... צוליב דער רייכקייט...

עוזר האָט זיך אַריינגעמישט:

— דער פ...! אַ שיינער דיפּלאָמאַט, זאָגט וואָס ער מיינט... ער האָט זיך געטאָן אַ גלייך־אויס:

— אין דער נאָטע דאַרף זיין אַזוי: „ווייל אין ענקער מדינה ווערן געבויט

וואַלקנקראַצער ביזן הימל אַריין, פון וועלכע מ׳קאָן זען וואָס ביי אונדז טוט זיך, אַלע פּעסטונגען, און דאָס באַדייט אַ גרויסע סכנה פאַר אונדזער לאַנד. אאַז״וו״...

דער פּרעמיער־מיניסטער האָט עוזרן אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— ריכטיק, וועסט ווערן אונדזער ערשטער דיפּלאָמאַט! און איצט — קריגס־מיניסטער! גיב אַפּ אַ באַפעל צו שטורעמען!

— שטורעמען!

ס׳האָבן געגומען פליִען שטיינער אין בערנפעלס הויז. (אַ שויב פון אַ פענצטער האָט אַ בראָזג געטאָן). גלייך איז אַרויסגעקומען דער באַלעבאָס מיטן קאָמענדאַנט (ער איז דאָרט פונקט געווען) און חברה איז זיך צעלאָפן.

2

בערנפעל האָט אויפן גאַניק זיך געזעגנט מיטן קאָמענדאַנט און איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז.

איידער מ׳האָט אין דער שטאָט אויפגעשטעלט די גרויסע דאַמפפאַבריק, איז בערנפעל נישט געווען רייך. ער האָט דעמאָלט געהאַנדלט מיט אַלט אייזן און מ׳האָט אים גערופן יחיאל אַקס. אָבער ער האָט גיך אָנגעהויבן ווערן רייך און די מענטשן פון דער שטאָט (זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין שטעטל) האָבן געזאָגט: „נישט פונעם אַלטן אייזן האָט ער די נייע פּריאַלן״... מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן „דער אויפגעקומענער״. אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מ׳האָט אָנגעהויבן האָבן פאַר אים דרך־ארץ און מ׳האָט אים שוין גערופן פאַניע בערנפעל. ער איז געוואָרן אַ גרויסער חשוב אין די פּריצישע הייף און ביי נאַטשאַלסטווע.

זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט אַריין האָט בערנפעל שפּעטער פון אַלע צוריקגעקומענע (אַוועק איז ער פריִער פון אַלע). ער האָט זיין הויז געטראָפן אינגאַנצן אומבאַשעדיקט און אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געלאָזט אין קעלער, וועלכער איז געווען אַ געשיצטער קעגן פייער און די דיק־שטאָלענע טיר האָט קיין גנב נישט געקאָנט עפענען. פון דער מלחמה איז בערנפעל נישט אָרעמער, נאָר רייכער געוואָרן. און אָט האָט דער קאָמענדאַנט אַליין אים געבראַכט אין שטוב אַריין אַ קאָנצעסיע צוצושטעלן קיין בערלין שמעלצאייזן (ברוכוואַרג). אָבער נישט די דאָ־זיקע קאָנצעסיע האָט בערנפעל אין דעם טאָג דערוואַרט. מיט דער דאָזיקער קאָנצעסיע איז ער געווען זיכער. ווער דען זאָל זי קריגן? ער האָט געוואָלט אַ צווייטע: צוצושטעלן דעם דייטשן מיליטער פליישׁ, מעל — אַלץ וואָס עס דאַרף. ער האָט געוווסט, אַז אויף אַזאַ קאָנצעסיע זיינען דאָ גענוג בעלנים אין שטאָט, אַ שטייגער דער פאַרריסענער גוטסבאַזיצער אַן קזשעוויצקי און אַנדערע פּריצים. זיי קאָנען אַזעלכע פּראָדוקטן פון אייגענע פעלדער צושטעלן בילוקער. און אויך ר׳ יאָסל. בערנפעל איז געוואָר געוואָרן — און ער האָט זיך טאַקע היינט איבער־צייגט — אַז עס איז אמת דאָס, וואָס ער האָט געהערט אין שטאָט. און אָט איז די בת־יחידה, אַן אויסגעפּוצטע, שוין אַהינגעגאַנגען צום קאָמענדאַנט. בערנפעל האָט זי געזען דורכן פענצטער. ער האָט דאָביי פאַרזשמורעט די תאוותדיקע אויגן און זיך באַלעקט די דיקע פליישיקע ליפּן: „טאַקע אַ בלימעלע... נאָך נישט צעעפנט״...

מיט די מגושימדיק־גראָבע פינגער פון דער רעכטער האַנט, שטאַרק באַוואַקסענע מיט געלע הערעלעך און מיט האַרטע נעגל, האָט ער זיך געקראַצט די הויכע „קישנס" פון דער לינקער האַנט. גרויסע הענט, ברייטע. ער האָט געהאַט אַ תענוג אין געוויסע מאָמענטן זיך צו קראַצן די ריזיקע מוסקולן פון די „דאַמען". ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט אַזעלכע גרויסע הענט. „גאַנצע טשערעפּאַכעס", ווי גע־וויסע פרויען האָבן אויף זיי געזאָגט און זיי געקושט. אפילו זיינע אייגענע טעכטער, בעלאַ און העלענאַ, האָבן ליב געהאַט די דאָזיקע געוואַלדיק־גרויסע הענט זיינע, האָבן זיי יעדעס מאָל באַוווּנדערט און אויך געקושט. בלויז כעליאַ, די מוזינקע, האָט זיי נישט ליב געהאַט. „דער קאָמענדאַנט", האָט בערנפעל געטראַכט, ווען יענער איז געזעסן ביים טיש צווישן העלענאַן און בעלאַן און מ'האָט צוזאַמענגע־שטויסן די גלעזלעך בענעדיקטינער, „דער קאָמענדאַנט איז געקומען נישט וועגן איבערגעבן די קאָנצעסיע, נאָר וועגן כעליאַן; ער האָט געוואָרפן אויף איר אַן אויג, ווען ער האָט זי אַנומלטן געזען שפּאַצירן אויפן טראָקט".

אַריינקומענדיק צוריק אין שטוב נאָכן אַרויסבאַגלייטן דעם קאָמענדאַנט פּונקט ווען אַ שטיין האָט אויסגעהאַקט אַ שויב, האָט ער געטראָפן רבקהן, דאָס ווייב זיינס, ביים צוזאַמענגעמען דאָס גלאָז פון דער צעבראָכענער שויב און אָפּרוימען די פּלע־שער, די גלעזעלעך און די טעלער פון טיש. ווי אַלע פרומע ווייבער איז זי געגאָנ־גען אין אַ שייטל, טיף אַראָפּגערוקט, שיער ביז אין די אויגן. דער גרויסער קאָפּ, כמעט אָן אַ האַלדז, האָט אויסגעזען ווי אַ דונעצע מיט צוויי אויערן. תמיד אַן אָנגעברוגזטע, מיט אַ קריכנדיקן טריט, נישט אַזוי פון עלטער אָדער קראַנקייט, נאָר פון שווערלייביקייט, און דער עיקר: „כ'האָב צייט"... אַזוי האָט זי שטענדיק גע־טראַכט ביי זיך און איז שטענדיק געווען אָנגעברוגזט אָן יעדער סיבה. ס'איז ביי איר אויסגעקומען, אַז מיט וואָס זיך צו פרייען האָט זי נישט. זי איז רייך? נו איז וואָס? זי איז דאָך נישט איטע די שניידערן, צי דאָבע די שוסטערן, אָדער רחל די בלע־כאַרקע. זי האָט אַ מאַן? אַ פרוי האָט אַ מאַן. זי האָט קינדער? אַ פרוי, וואָס האָט אַ מאַן, האָט קינדער. זי איז געזונט? נו איז וואָס? זאָלן אַנדערע זיין קראַנק. איר גוידער האָט זיך געבאָמבלט און זי האָט צוגעקרעכצט, ווייל זי איז געווען אומצו־פרידן און געהאַט אַ תענוג פון דעם, וואָס זי איז אומצופרידן און פון דעם וואָס זי קרעכצט. פּונקט אַזוי האָט זי ליב געהאַט צו אַרבעטן און צו טאָן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, כאָטש זי האָט געהאַט אַ דינסט, ווייל ביים טאָן עפּעס האָט זי געקאָנט קרעכצן און דערנאָך שרייען אויף דער דינסט, אַז זי טוט גאָרנישט, אַז זי עסט אומזיסט ברויט און נעמט אומזיסט געלט. מיט איר צעצויגן קול, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קלאַנג און די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען אומאַרטי־קולירט, האָט זי געפרעגט דעם מאַן:

— נו?

— בו־או... — האָט ער געענטפערט. אַ גוט אויפגעלייגטער האָט ער ווי אַ מאַהאַראַדזשאַ זיינע ווייבער געגומען רופן די טעכטער, פלעסקענדיק מיט די הענט:
— „בעלאַ! העלענאַ! כעליאַ!" נאָר זיי זיינען נישט געקומען.

רבקה האָט אים געפרעגט:

— וועגן וואָס דאַרפסטו זיי?

ער האָט זי איבערגעפרעגט:

— וועגן וואָס?... — ער האָט אָנגענומען די פּרוי, ווי זי וואָלט געווען זיין מוטער און ער האָט פאַר איר גרויס דרך־ארץ, און זי צוגעפירט צו דער טיר: — לייג דיך אַביסל צו אויף דער קאַנאַפּע, רבקה, ביסט מיד. — ער האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער איר און ווידער געפּלעסקעט מיט די הענט: — „בעלאַ! העלענאַ! כעליאַ!"

בעלאַ איז אַריינגעקומען. זי האָט אַן אויפגערעגטע געפרעגט:

— וואָס רופסטו מיך? כ'האָב געהערט ביים ערשטן מאָל! מיך ברויכסטו נישט מער! שוין אויס! כ'בין שוין נישט מער יונג! כ'וויס עס! — זי איז געווען אויס־געפּוצט, ס'פּנים שטאַרק רויט. נאָר דער פּאַטער האָט נישט געוווסט צי פונעם טרינקען פריִער (זי האָט געקאָנט פּאַרטראָגן אַ גלעזל) אָדער פונעם רויטן קלייד און דעם נייעם קאָרסעט, וואָס זי האָט געקויפט, ער זאָל זי מאַכן אַ ביסל שלאַנקער. ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט, איז מיט איר צוגעגאַנגען צו אַ שטול, האָט זיך אַנידערגעזעצט און די טאָכטער אַריינגענומען צווישן די קניִען, ווי זי וואָלט געווען אַ קליין מיידעלע.

— דו רעדסט נאַרישקייטן מיין טאָכטער, — האָט ער כלומרשט אָנגעשריגן אויף איר. ער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אַ שפּיגעלע, געכאַפּט אַ קוק דערינען, צו זען ווי ער אַליין זעט־אויס, זיך אַ גלעט־געטאָן דאָס געלע, אויף פראַנצויזיש־אַריסטאָקראַטישער אַרט צוגעשוירן בערדל, און דאָס שפּיגע־לע דאַן געגעבן בעלאַן: — נו... — לאַזנדיק זיינע מאַסיווע הענט רוען אויף דער טאָכטערס נאָך מאַסיווערע היפטן, האָט ער צו איר אַרויפגעקוקט ווי אַ פאַר־ליבטער: — אַלע מיידלעך, די שענסטע, קאָנען זיך באַהאַלטן קעגן דיר! דו ביסט אַ הערלעך צעבליטע פּרוי! ווען איך וואָלט געווען אַ בחור, נישט דיין טאַטע... — ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און איר אַ קוש געטאָן.

זי האָט גענומען שפּילן מיט זיינס אַ האַנט, געגלעט די צוויי גרויסע רויטע קישנס פון די „דאַמען" און זיך באַקלאָגט:

— כ'האָב מיט אים נעכטן שוין גערעדט וועגן דער צווייטער קאָנצע־סיע. ער האָט מיר נישט געגעבן קיין ענטפער. ער וועט רעדן מיט דיר, האָט ער מיר געזאָגט, היינט, ווען ער וועט דיר ברענגען די קאָנצעסיע אויף שמעלצאַייזן. אָבער ער האָט נישט גערעדט מיט דיר דעריבער קיין איין וואָרט, ווייל ער איז געקומען צו כעליאַן. ער האָט זי געזען שפּאַצירן און מיך געפרעגט: „ווער איז דיזעס מעדכען?" איך האָב אים געזאָגט: „מיין יינגסטע שוועסטער". פון יענעם מאָמענט אָן איז ער געוואָרן ווי אויסגעביטן צו מיר. ניין, ס'איז נישט מער ווי אַמאָל. אַ דייטשער אָפיציר איז נישט קיין רוסישער. יענע זייבען געווען איידל, פיין, גרויסצוגיק. נאָר די צרה איז נאָך, וואָס יעדער איינער שיקט היינט זיינע טעכטער נאָך קאָנצעסיעס, אָדער די פּרוי, ווען זי איז נאָך גענוג יונג און שיין. שיקזשע גלייך אָהין צו אים כעליאַן, נאָר כעליאַן!" — ס'איז אַריינגעקומען העלענאַ. — „אָט איז זי!" — האָט בעלאַ פּלוצים ווידער אַן אויפגערעגטע, אויס־גערופן: — „זי זאָלסטו נישט שיקן! אַ כראַבינע געוואָרן!"

— איך וועל סיי ווי סיי נישט גיין, — האָט העלענאַ, אין רייטהויזן און אין ברוינע רייטשטיוועלעך מיט שפּאָרן, געפּאַכט מיט דער שפּיצרוזגע און קאָקעטירט.

— אַלץ דערפאַר, ווייל יאָן... — האָט בעלאַ איראָניזירט.

— יאָ, ווייל יאָן... — האָט די שוועסטער שטאַרק געענטפערט.

— דערדאָזיקער שיכור, דעם אַפּטייקערס זינדל... — האָט בעלאַ געוואָרנט די שוועסטער: — ער וועט דיך שטיין לאָזן! אויסנוצן וועט ער דיך נאָך ערגער ווי דער קאָמענדאַנט וואָלט דאָס געטאָן און האָבן וועט מען פון אים גאָרנישט!

— איך וויל פון אים גאָרנישט! — האָט העלענאַ שטאַרק אויסגערופן.

— בלויז ליבע?...

— בלויז ליבע...

דער פאָטער האָט זיך אַריינגעמישט:

— גענוג!

העלענאַ האָט אויף קאַטאַוועס אַ שמייכל געטאָן דער שוועסטער מיט דער שפּיצרוזגע:

— איך האָב דיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, בעלאַ: לערן דיך רייטן! נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן. — אַ שמיץ טוענדיק זיך אין אַ שטיוועלע: — טאַטוש!... נו, שפּעטער, ווען איך וועל צוריקקומען. אָבער כ'ווייס נישט ווען. מ'זאָל אויף מיר נישט וואַרטן מיט קיין עסן. דאָווידזעניאַ! — זי האָט אַרומגעכאַפּט די שוועסטער און איר אַ קוש געטאָן. — האָסט מיך ליב? — בעלאַ האָט איר געענטפערט מיט אַ קוש. נאָר העלענאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט: — זאָג אַז יאָ! זאָג עס הויך! — בעלאַ האָט אַ געשריי געטאָן: — יאָ! — ביידע האָבן זיך האַרציק צעקושט. העלענאַ האָט דאַן אַ קוש געטאָן דעם פאָטער און איז אַ גליקלעכע, פאָכנדיק מיטן בייטשל און אונטער־שפּרינגענדיק מיט עלאַסטישע טריט, אַרויס.

דער פאָטער האָט איר נאָכגערופן:

— פאַרגעס נישט צו רעדן מיט אים, מיט יאַנען, אַז די גאַנצע תבואה געהערט צו מיר! ער זאָל זאָגן קשיוויצקין, אַז איך בין דער אָפּנעמער פון אַלץ, וואָס די הייף קאָנען אָפּגעבן! די קאָנצעסיע אויף צושטעלן פאַרן מיליטער וועל איך האָבן און נישט קיין אַנדערער! זאָג אים אַז כ'האָב זי שוין!

העלענאַ האָט דורך אַ פענצטער נאָך אַריינגעשיקט אַ לופטקוש מיט אַ פריילעכן „דאָווידזעניאַ" און איז פאַרשוווּנדן.

— טייוול... — האָט בעלאַ געמורמלט. צולויפנדיק צו דער טיר אין צווייטן צימער אַריין, האָט זי מיט דער קלאַמקע אין האַנט און מיט בייזער פרייד אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער:

— איך ברענג דיר אַריין כעליאַן! ביי די האָר וועל איך זי דיר אַריינברענגען! זי מוז גיין! איך האָב פריִער געטרונקען אַ סך; אָבער איך האָב גאַנץ גוט געזען, אַז דו האָסט באַמערקט דורכן פענצטער ר' יאָסלס טעכטערל. דער דאָזיקער חסיד וויל דיר אויסכאַפּן. ער האָט תמיד געוואָלט זיין דער רייכסטער אין שטאָט, און אַצינד, אַזוי מיינט ער, איז געקומען די צייט. דבורהלע איז שיין, יונג, נאַיוו, ריין און אומ־שולדיק. דער קאָמענדאַנט וועט זיך גלייך פאַרליבן אין איר. אַזעלכע זוכט ער. איך ווייס עס, איך קען אים שוין גוט אין די פאָר וואָכן. נאָר כעליאַ קאָן קאָנקורירן מיט דער פאַננאַ פוקסמאַן. זי איז אין דיזעלבע יאָרן ווי יענע, און נישט מיאוסער. אין דעם מאַיאָרס הענט וועט זי שוין ווערן אַנדערש... אָבער זי וועט נישט וועלן גיין. נאָר דאָס מוזסט דו שוין... איך ברענג זי דיר אַריין.

זי איז אַרויס. נאָך איידער בערנפעל איז צוויי מאָל זיך אַדורכגעגאַנגען

איבער דער שטוב, איז בעלאַ שוין געווען צוריק, שלעפּנדיק כעליאַן ביי אַ האַנט:
— אַט איז זי! — זי האָט די שוועסטער צוגעפירט צום פאָטער: — זי וועט נישט גיין, זאָגט זי, בשום אופן נישט!

כעליאַ האָט פון איר שוועסטערס האַנט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז יענע איז שיער געפאַלן, און אויסגעשריִען צום פאָטער:

— נייִן, איך וועל נישט גיין! מיך וועסטו נישט מאַכן פאַר אַזעלכע ווי דו האָסט געמאַכט פון איר, ווייזנדיק אויף בעלאַן מיט פאַראַכטונג, און פון העלענאַן!

בעלאַ האָט זיך אַנגעצונדן:

— צנועהלע... און יוזשעק?... איך האָב דיך געפּאַקט!... זיך אויסגעזוכט אַ פאַרשוין, דעם גאַרבאַטע סטאַליאַרזש אַ זינדל, אַ מויערער־שגץ מיט צעריסענע הויזן. אַ סאָציאַליסט! ביסט אפשר שוין אויך אַ סאָציאַליסטקע, און איצט וועסטו גיין קעגן אונדז, קעגן טאַטן? — און צום פאָטער: — רעד מיט איר! איצט ווייסטו שוין אַלץ! וואָס כ׳האָב דיר אַצינד געזאָגט איז אמת! כ׳האָב עס דיר נישט געוואָלט פריִער דערציילן! — זי איז אַרויסגעלאָפן, צוהאַקנדיק די טיר.

כעליאַ, אין אַ רויטלעכברוין געפּאַסט קליידל, פאַרנט געקנעפּלט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ שמאָל רויט פּאַסיקל, וואָס האָט איר קינדערישע שמאָלע טאַליע נאָך דינער געמאַכט, איז געשטאַנען טראָציק קעגן פאָטער אין מיטן שטוב! אַ בלאַסע אַצינד — האָט זי מיטן אויפגעהויבענעם בלאָנדן קעפּל און גרויסע בלויע אויגן געקוקט אויפן פאָטער און געוואַרט דערויף, וואָס ער וועט איר זאָגן. די האָר ביז די אַקסלען געשוירן, פאַרנט אַ גזשיווקעלע ביזן מיטן שטערן און גלייך ווי אַ ווירע און מיט אַ רויט שמאָל סטענגעלע אַרומגענומען. נאָר בערנפּעל האָט געשוויגן. ער האָט אַ גלעט געטאָן זיין קינד איבערן קאָפּ זייער צערטלעך און איר אַ קוש געטאָן. אַרומנעמענדיק אירע שמאָלע אַקסלען מיט זיין שווערן פליישיקן אָרעם, איז ער מיט איר צוגעגאַנגען צו זיין שטול, האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיין קינד געוואָלט נעמען אויפן שויס. נאָר כעליאַ האָט אויף אַ פיין צאַרטן אופן זיך אַרויסגעגליטשט פונעם פאָטערס הענט און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים ווי אַ שילערן פאַרן לערער, גרייט געשטראָפט צו ווערן, אָבער צו זאָגן דעם אמת.

בערנפּעל האָט לאַנג באַטראַכט דאָס רויטע פּאַסיקל און דאָס רויטע סטענגעלע, און געזאָגט ווי אַ מבין:

— ס׳פּאַסט דיר זייער גוט, כעליאַ, באַזונדערס צום דאָזיקן קליידל, וואָס האָט אַ רויטלעכן שימער, ווי די בלעטער, וואָס פאַלן אַצינד שוין אַראָפּ פון דיביימער. דאָס סטענגעלע, און אויך דאָס פּאַסיקל, וואָלטן אָבער באַדאַרפט זיין פּאַמפּס, ווייל דו האָסט בלאָנדע האָר. פאַרוואָס האָסטו זיי דיר געלאָזט אָפּשניידן און פאַרנט מאַכן אַ גזשיווקעלע? האָסטו דידאָזיקע פריזור געזען אין וואַרשע? איך האָב נישט געזען. נאָר ס׳פּאַסט דיר, גלייב איך. כ׳מוז מיך ערשט צוגעוווינען. — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן: — ביסט שיין, זייער שיין, שענער ווי ביידע שוועסטער דיינע, אַפילו ווען זיי זיינען געווען אַזוי יונג ווי דו ביסט אַצינד; שענער ווי די שענסטע מיידלעך, וואָס איך האָב געזען אין וואַרשע. אָבער... פאַרוואָס שטייסטו אַזוי? האָב איך דיך דען געשלאָגן אַמאָל? אַפילו נישט ווען דו ביסט געווען קליין און... אַ שלעכט קינד, אַן איינגעשפּאַרטס, אַן עקשן. נו, זאָג מיר: דאָס, וואָס בעלאַ האָט פריִער דערציילט, איז אמת?

זי האָט געענטפערט:

— יאָ.

בײדע האָבן געשוויגן און זיך געמאָסטן מיט פײנטלעכע בליקן. בערנפעלד האָט געפרעגט שטרענג און קאַלט:

— פאַרליבט?

כעליאַ האָט נישט געענטפערט, אָבער אין איר האָט זיך צעפלאַמט אַ צאָרן. דער פאָטער האָט װײטער געפרעגט און מיט אַ געהעכערט קול:

— ביסט געװאָרן אַ סאָציאַליסטקע? אַרײנגעטראָטן אין דער פאַרטײ?

אַז זי האָט װידער נישט געענטפערט, האָט ער זי גענומען טרײסלען:

— קעגן מיר?! קעגן מיר?!

מיט אומגעװײנטלעכער קראַפט האָט זי כעליאַ אַ ריס־געטאָן פונעם פאָטערס הענט און אים אַרײנגעשריגן אין פּנים:

— יאָ, קעגן דיר! קעגן דיר און קעגן אַלע אַזעלכע!

רבקה איז אַרײנגעקומען מיט אירע שלעפּנדיקע טריט, נאָר אַביסל אַ פאַר־צאַפּלטע, און געפרעגט מיט איר צעצויגן אומאַרטיקולירט קול:

— װאָס איז?

כעליאַ איז אַרױסגעלאָפן. זי האָט די טיר אַזאַ װאָרף־צו־געטאָן, אַז ס'זײַנען אַרױסגעפאַלן די רעשט שטיקלעך גלאָז פון דער פריער אױסגעהאַקטער שױב. ס'זײַנען אַרײנגעפּראַלט בײדע זין, ברוך און נאַטע, און בעלאַ. בערנפעל האָט גע־רעדט צו זיך אַלײן: „קעגן מיר! פאַר מײַן גוטס! װאָס זי האָט געװאָלט האָט זי גע־קראָגן, נאָך אײדער זי האָט עס אַרױסגערעדט! געפּיעשטשעט, געליבט — מער װי אַלע קינדער! די מוזינקע!... און די שנאָרער אין שטאָט? — װײניק געהאָלפן זײ? װײניק געגעבן? ביקור חולים, תּלמוד־תּורה, הכנסת־כּלה; װער ס'איז געקומען, װער ס'האָט אױסגעשטרעקט די האַנט! נישט געקאַרגט! װיפל מענטשן האָב איך מציל געװען? געלאָפן צום שטאַבאָפיציר, אַרײנגערוקט אין יד — אַז ס'איז אַנדערש נישט געגאַנגען — אַ נישט קשהדיקע מטבע". — דראָענדיק מיט דער פױסט צו דער טיר, דורך װעלכער כעליאַ איז אַנטלאָפן: — איך װעל זײ װײַזן!

ברוך האָט באַרו:יקט דעם פאָטער:

— װיפל מאָל איז זי שױן אַנטלאָפן? זי װעט װידער צוריקקומען.

נאַטע האָט אַרומגענומען אַצינד די אומגליקלעכע מוטער.

3

ס'איז טאַקע געװען נישט דאָס ערשטע מאָל בײַ כעליאַן, אַז זי איז אױף אַזאַ שטײגער אַרױסגעלאָפן פון שטוב. אױך איז איר פאָטער גערעכט געװען, װאָס ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרױסער עקשנטע. װען זי איז געװען נאָך גאָר אַ קלײנע, האָט זי שױן נישט געװאָלט פאָלגן. דעמאָלט, אַז מען האָט זי געװאָלט צװינגען עפּעס צו טאָן, װאָס זי האָט נישט געװאָלט, איז זי אַנטלאָפן אין אַ צװײטער שטוב אַרײַן, אָדער אינדרױסן אַרױס. זי איז געלאָפן פון אײן גאַס אין דער צװײטער, ביז מ'האָט זי געכאַפּט. אָפט איז דאָס געװען װעגן עסן. נישט װײַל זי איז נישט געװען הונגעריק

האָט זי נישט געוואָלט עסן, אָדער ווייל מ׳האָט איר געגעבן אַזעלכעס, וואָס ס׳האָט איר נישט געשמעקט, נאָר בלויז צוליב פּראָטעסט. פּראָטעסט אָן גרונט, תּמיד קעגן פאָטער, קעגן דער עלטסטער שוועסטער בעלאַ און קעגן ברוכן, דעם יינגערן פון נאָטען. זיי האָט זי געהאַסט און פאַראַכט. די מוטער, העלענאַ און נאָטע זיינען איר געווען גלייכגילטיק. זי האָט זיי געוואָלט ליב האָבן, באַזונדערס די מוטער; אָבער בלויז ווען זי איז געווען קליין האָט זי זיי ליב געהאַט. שפּעטער, וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ ווייניקער האָט זי זיי געקאָנט ליב האָבן, אַלץ ווייניקער באַציִונג האָט זי געהאַט צו זיי. זיי זיינען איר געוואָרן גלייכגילטיק. דערפאַר האָט זי אירע חברטעס און חברים (זי האָט זיך נישט אָפּגעזונדערט פון קיין יינגלעך ווי ס׳רוב יידישע מיידלעך) זייער ליב געהאַט. אָבער זי איז געווען אַ גרויסער מפונק, נישט מיט יעדן קינד האָט זי זיך געוואָלט חברן.

„חיהלע איז אַ מאָדנע קינד״, האָט דער פאָטער וועגן איר שטענדיק געזאָגט און איר געהייסן אַלץ נאָכגעבן. ער האָט זי באמת ליבער געהאַט ווי די אַנדערע קינדער, און נישט בלויז ווייל זי איז געווען דאָס מוזינקעלע. כּדרך הטבע האָבן די שוועסטער און די ברידער זי פיינט געהאַט דערפאַר, און אויך ווייל זיי האָבן געפילט איר באַציִונג צו זיי. דאָך זיינען כעליאַס געפילן צום פאָטער נישט תּמיד געווען גלייך. ביז צום לעצטן מאָמענט איצט האָבן זיך אירע געפילן צו אים שטענדיק געביטן: אָט האָט זי אים גאָר ליב געהאַט מיט אַן אומגעוויינטלעכער ליידנשאַפט, און אָט האָט זי אים מיט דער זעלבער אומגעוויינטלעכער ליידנשאַפט געהאַסט און פאַראַכט. (האַס און פאַראַכטונג זיינען אין איר נשמה געווען פאַרשמאָלצן אין איין געפיל). אָפט, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט, האָט זי פון דאָזיקן טאָפּלגעפיל — האַס און ליבע צום פאָטער — געליטן, ווייל ווען זי האָט אים געהאַסט, האָט זי (ווען זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון) זיך געפרעגט: „פאַרוואָס האַס איך אים״? ווען זי האָט אים ליב באַקומען האָט זי זיך ווידער געפרעגט: „ווי קאָן איך אים ליב האָבן״?

אַפּלויפנדיק אָן אויפגעקאָכטע אַ שטיקל וועג האָט מיטן אָפּקילן זיך פּנעם כעס גענומען קלאָר ווערן אין איר דאָס פּראַזאַישע און פּראַקטישע: וווּהין לויפט זי? זי איז נישט מער קיין מיידעלע, מ׳וועט איר אַצינד נישט נאָכלויפן און זי אַהיימטראָגן. אַליין צוריקקומען — וואָס זי האָט אין דער לעצטער צייט עטלעכע מאָל געטאָן — וועט זי נישט מער. אַלזאָ, צו וועמען זאָל זי גיין, צו וועלכער פריינדן, אַז זי זאָל ביי איר קענען בלייבן? זי האָט ווייטער איבערגעלייגט: „איצט בין איך זאַט; אָבער שפּעטער, ווען איך וועל הונגעריק ווערן? ווילאַנג וועל איך קאָנען בלייבן ביי אַ פריינדן, אפילו ביי דער בעסטער?״ ביי יעדנמאָליקן פריִערדיקן אַנטלויפן זיינען איר אַזעלכע געדאַנקען נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. נאָר איר לעבן ביז איצט האָט זיך פּלוצים געענדיקט. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין פאָרשטעלונג ווי דאָס נייע לעבן וועט פון איצט אָן אויסזען. זי האָט אויך נישט געוווּסט, וואָס זי וויל אייגנטלעך. פראַגעס וועגן גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט, וועגן אָרעם און רייך, מאָראַליש און אוממאָראַליש — די אַלע פראַגעס זיינען איר נאָך קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק. אין איר היים האָט עפּעס אינסטינקטיוו זי אָפּגעשטויסן פון אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דידאָזיקע פראַגעס, וועלכע זי האָט זיך קיינמאָל נישט געשטעלט.

כעליאַ איז אָנגעקומען אויפן ברייטן שליאַך, אויף וועלכן זי איז תּמיד געגאַנגען

שפּאַצירן. קיין פּאַרק איז אין שטאָט נישט געווען. מסתמא דערפֿאַר, ווייל מיט אַ 15 יאָר צוריק איז דאָס נאָך געווען אַ קליין שטעטל, און אויך דערפֿאַר, ווייל דער דאָזיקער גאַנצער וועג איז אויף מײלן ווייט געווען באַזעצט מיט צווײ רייען ביימער, מיט ליפּעס, דעמבעס, אַקאַציעס, און אַפֿילו מיט ניס־ און באַרנביימער. דער דאָזי־קער ברייטער שאָסיי האָט אויסגעזען ווי אַן אַלעע. ס׳האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין ביימער ביי די זייטן פֿון אַ סך גאַסן אין דער שטאָט און סעדער מחוץ דער שטאָט. כעליאַ איז איצט שטיין געבליבן גלייך ווי זי איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן שליאַך. נישט ווייל ס׳איז איר אַצינד נישט געווען צום מוט צו גיין שפּאַצירן, און זי איז נישט געווען אַנגעטאָן דערצו; (ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט אַז זי איז אַרויס אָן אַ מאַנטל און אָן אַ הוט). אויך נישט ווייל זי האָט אויף אירע פּראַזאַישע זאָרגן נאָך נישט געהאַט געפֿונען קיין פּראַקטישן ענטפֿער, נאָר ווייל דער שליאַך איז איר אַצינד עפּעס געווען דערווידער. זי איז געשטאַנען אויף איין אָרט און איבערלייגט, ווי צו מאַכן דעם ערשטן טריט אין איר ווייטערן נייעם לעבן, וואָס האָט זיך איצט באַדאַרפֿט אָנהייבן פֿאַר איר. אַז ס׳הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן פֿאַר איר — איר לעבן — דאָס איז איר שוין איצט קלאָר געווען. פּונקט ווי זי האָט שוין קלאָר געוווּסט, אַז דאָס לעבן, וואָס זי האָט געפֿירט ביז איצט, וואָלט זי מער נישט געקאָנט פֿירן, ווייל דאָס איז אינגאַנצן נישט געווען קיין לעבן. זי האָט נישט געלעבט, זי האָט בלויז געהאַט אַ רייכע היים. אָבער ווי וועט דאָך אויסזען דאָס נייע לעבן אירס, איר לעבן? דאָס האָט זי נישט געוווּסט. וואָלט זי געהאַט אַ מלאכה אין די הענט, אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן געקאָנט פֿאַרדינען אויף ברויט און אַ דירה! אָבער זי האָט גאָרנישט געלערנט און אַפֿילו קיין ריכטיקע בילדונג, מיט וועלכער מ׳קאָן פֿאַרדינען געלט, האָט זי נישט געהאַט. ווערן אַ דינסט, אַ גוווערנאַנטקע, אפשר אויך אַ פֿאַרקױפֿערן אין אַ געשעפֿט — דאָס וואָלט זי געקאָנט, ווען זי וואָלט באַקומען אַ שטעלע.

פּלוצים האָט זי זיך צעלאַכט. זי האָט געלאַכט פֿון אירע צרות און פֿון עפּעס אַ געפֿיל, אָדער אַ געדאַנק, וואָס האָט זי באַוועלטיקט. אין זעלבן מאָמענט האָט זי דערזען אַז ס׳קוקט ווער אויף איר. ס׳איז געווען פֿאַננאַ פּוקסמאַן. זי האָט געמערקט, אַז יענע וויל צו איר צוגיין, נאָר שעמט זיך, אָדער איז נישט דרייסט. דבורהלע איז נישט געווען איר פֿריינדן, נאָר זי האָט צו איר געשמייכלט און מיט פֿאַמעלעכע טריט, מיט אַ געוויסער ליבשאַפֿט אין איר אויסדרוק, ווי צו אַ פֿריינדן, מיט וועלכער מ׳דערפֿרייט זיך ביים דערזען, האָט זי זיך דערנענטערט צו איר. דאָך, מיטאַמאָל, האָט זי זיך צוריק אַ דריי אָוועק געטאָן און איז ווייטער געגאַנגען מיט איר פֿריִער־דיקן וועג אַהיים. כעליאַ האָט איר נאָכגעקוקט. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס פֿאַננאַ פּוקסמאַן האָט צו איר געוואָלט צוגיין און פּלוצים חרטה באַקומען. איין ענטפֿער האָט זי דאַרויף געפֿונען: מסתמא איז יענע פֿאַרליבט אין ברוכן און דער־זעענדיק זיין שוועסטער, האָט זי געוואָלט צוגיין צו איר.

4

„פֿאַרוואָס טאַקע נישט אָפּזוכן אים?" ס׳איז געווען אַ גוטער געדאַנק וואָס איז איר איינגעפֿאַלן. זי האָט זיך געחידושט, וואָס ער איז איר נישט גלייך געקומען

אין קאָפּ אַריין. אין אַזאַ מאָמענט, ווען מ׳ווייסט נישט, ווו צו מאַכן דעם ערשטן טריט, איז גוט כאָטש צו האָבן מיט וועמען צו רעדן. אַמאָל קאָן יענער געבן אַן עצה. נאָר „ער״ איז איר נישט געקומען אויפן געדאַנק; מסתמא דערפאַר, ווייל זי איז אייגנטלעך נאָך נישט געווען גענוג באַקאַנט מיט אים. די באַקאַנטשאַפט, וואָס זי האָט מיט אים געמאַכט, איז געווען אַ צופעליקע. ער האָט זי אַמאָל אָפּגעשטעלט, טאַקע אויפן דאָזיקן וועג, נאָר ווייט הינטער דער שטאָט שוין. ער איז דעמאָלט געגאַנגען מיט חברים און זי פאַרטשעפּעט, ווי אַ שגץ, ווען ער טרעפט אַ מיידל אַליין. אָבער זי האָט דעמאָלט גלייך געזען, אַז ער איז דאָך נישט פון דעם מין „לאָבוזעס״, וואָס פאַרטשעפּען מיידלעך. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטיילט פון זיינע חברים, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען, איז צו איר צוגעקומען און זיך זייער פיין באַגריסט מיט איר. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און זיך פאַרנייגט. „פאַניענקאַ״, האָט ער צו איר דעמאָלט געזאָגט, „איר גייט דאָ אַליין; דאָס איז נישט זייער פאַרזיכטיק פון אייך. דאָס דייטשע מיליטער ... סאָלדאַטן אויפן וועג צום שלאַכטפעלד״... איר איז דעמאָלט אַזעלכעס טאַקע נישט געקומען אויפן זינען גאָר. נאָר ווען דער שגץ האָט דאָס איר געזאָגט, האָט זי מיטאַמאָל מורא באַקומען. ער האָט דאָס באַמערקט און זיך ווידעראַמאָל פאַרנייגט פאַר איר: „פאַניענקאַ... אַז איר ווילט — אויב איר וועט מיר דערלויבן — וועל איך אייך באַגלייטן ביז אין שטאָט אַריין״. אויפן וועג האָט ער איר געזאָגט, אַז ער איז מאַטעוס דעם סטאָליאַרזשס אַ זון. ער האָט מיט איר גערעדט זייער פיין. ער איז אַ קלוגער און זייער ערנסטער און אַ שיינער...

איר האָנט האָט געזוכט אַ שפּיגעלע, ווייל זי האָט זיך דערמאָנט אָן די קאָמפּלימענטן, וואָס דער דאָזיקער קריסט האָט איר דעמאָלט געמאַכט אויפן וועג. „אַז מ׳איז אַזוי שיין, מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק, באַזונדערס אין מלחמה־צייט״, האָט ער איר געזאָגט. אָבער קיין שפּיגעלע האָט איצט כעליאַ נישט געפונען ביי זיך. זי האָט אַפילו קיין קעשענע נישט געהאַט אינעם קלייד. „ווי קלינגענדיק זיין שטימע איז געווען!״ זי האָט נישט אויפגעהערט זיך צו דערמאַנען וועגן די מעלות פונעם שגץ: „אַ מויערער, אַן אָרעמער, און אַזאַ פריילעכער״.

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז כעליאַ האָט אַזוי קלאָר דערפילט די פּרוּי אין זיך. דעריבער האָט זי איצט נאָך שטאַרקער דערפילט די באַליידיקונג פונעם פאָטער, די נידעריקייט דערפון, וואָס ער האָט זי געוואָלט שיקן צום קאָמענדאַנט. ערשט איצט האָט זי דערפילט די באַדייטונג פון איר שריט מיט דעם אַנטלויפן פון דער היים. ערשט איצט האָט זי באַוווּסטזיניק געהאַסט און פאַראַכט דעם פאָטער און בעלאַן. „מויערער־שגץ מיט צעריסענע הויזן״, האָט זי אים אָנגערופן. „סאָציאַליסט״... דאָס דאָזיקע וואָרט איז פאַר כעליאַן געווען ניי, און ערשט איצט האָט איר אָנגעהויבן קלאָר ווערן עפּעס, וועגן וואָס זי האָט פריִער קיינמאָל נישט געטראַכט. „ער איז אַ סאָציאַליסט״...

גייענדיק דורך די געסלעך פון דער אָרעמער געגנט, כדי צו טרעפן יוזשעקן — ער האָט איר געזאָגט זי זאָל אים רופן יוזשעק, ביים ערשטן נאָמען, און נישט פאַן שטשעלקאָווסקי — האָט זי געקוקט אויפן חורבן פון דער מלחמה אין דער שטאָט, ווי זי וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל געזען. זי האָט זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, ווייל אין דער געגנט פון איר היים זיינען אויך געווען פאַרברענטע און צעשטערטע

הייזער; אָבער זי האָט זיי עפּעס נישט באַמערקט. נאָר דער חורבן אין דער געגנט פון איר היים איז נישט געקומען צום חורבן, וועלכן זי האָט איצט געזען דאָ. דאָ זיינען די געסלעך געווען ענגע און שמאָלע. די מענטשן האָבן זיך געשטופּט איינער אויפן אַנדערן, ווייל זיי האָבן כמעט נישט געקאָנט דורכגיין דורך דער ענגשאַפט. כעליאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן, ווי מענטשן גייען אַריין און אַרויס פון די האַלב־חרובע און פון די כמעט איינגאַנצן פאַרברענטע הייזלעך, און זיך געפרעגט: „ווי אַזוי וווינען זיי דאָרט?" זי האָט זיך געחידושט אויך איבער די גאַנצגעבליבענע הייזלעך: „אַזעלכע קליינע! זיי פאַלן דאָך כמעט איין! די ווענט אָפּגעשיילט, די דעכער מיט מאָך. פאַר יעדן הייזל ליגט אַ קופּע מיסט". זי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די פאַרפּעסטעטע לופט און שיער געכאַפּט די האַנט צו דער נאָז. אָבער זי האָט עס נישט געטאָן. זי האָט געהאַלטן אין איין חידושן זיך: „ווי שלעכט די מענטשן זעען דאָ אויס! געלע פּנימער, איינגעדאַרטע — ווי זיי וואָלטן אַלע געווען קראַנק. איינגע־בויגענע, כמעט בלויז אַלטע". זי האָט זיך געפרעגט: „נישטאָ דאָ קיין מיידלעך, קיין יונגע פרויען?" זי איז פריִער קיינמאָל נישט געקומען אין דער דאָזיקער געגנט. ניין, זי האָט פריִער טאָקע נישט געוווּסט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ אָרעמקייט. כאָטש זי האָט טיילמאָל וועגן דעם געהערט און טיילמאָל געטראָפן אָרעמע מענטשן. אַז ס'איז אַזאַ גרויסער חילוק צווישן אָרעמע און רייכע — דאָס האָט זי נישט געוווּסט ביזן דאָזיקן מאָמענט, ווען זי האָט עס דערזען מיט אירע אייגענע, איצט געעפנטע אויגן. כמעט פאַר יעדער חורבע איז זי שטיין געבליבן; זיך אָפּגעשטעלט פאַר יעדער קופּע שוואַרצע פאַרברענטע ציגל און בערגל אַש. פון די מענטשן דאָ האָט זי קיינעם נישט געקענט, כאָטש די שטאָט איז נישט געווען קיין גרויסע, גיכער נאָך אַלץ דאָס קליינע שטעטל פון אַמאָל. אָבער די אָרעמע האָבן געוווּסט, ווער זי איז און אַ סך פון זיי האָבן נאָכגעקוקט בערנפעלס מיזינקע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין זייער געגנט.

באַטראַכטנדיק די אָרעמע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדער, האָט כעליאַ דערפילט טרערן אין די אויגן. איבערראַשט פון דאָזיקן געפיל — טרערן פון מיטלייד ביים דערזען אָרעמע קינדער — האָט זי זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און געוואָלט אַנטרינען. אָבער וווהין? זי האָט געזוכט שטשעלקאָווסקין, אָדער יוזשעקן און אים נאָך אַלץ נישט געטראָפן. וווּ ער האָט געוווינט האָט זי נישט געוווּסט; ביי זיינע עלטערן, אָדער ערגעץ אַליין אין אַ שטיבל? ער האָט איר נישט געזאָגט זיין אַדרעס. זי וואָלט געקאָנט וועמען פרעגן ווו ס'וווינט מאַטעוס דער סטאָליאַרזש. אָבער ס'איז איר פּלוצים איינגעפאַלן: „אפשר איז דערדאָזיקער שגץ גאָר אַ באַווייבטער, האָט אַ פרוי און קינדער? ער זעט טאָקע אויס נאָך גאַנץ יונג. דאָך... אָבער פאַרוואָס", האָט זי מיט דערשטוינונג זיך ווידער געפרעגט, „איז איר איצט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: צי ער איז אַ באַווייבטער אָדער נישט? וואָס גייט עס זי אָן? און וועגן וואָס זוכט זי אים אַרום?" אינגאַנצן האָט זי אים געזען נישט מער ווי צוויי מאָל. (דאָס ערשטע מאָל רעכנט זיך נישט, ווייל דאָס איז געווען בלויז אַ צופאַל). מיט וואָס קאָן ער איר העלפן? בלויז אים דערציילן, אַז זי איז אַנטלאָפן פון דער היים? ער וועט אוודאי אַ הייב טאָן די אַקסלען און זי אָנקוקן, ווי ער וואָלט זי קיינמאָל נישט געזען. דאָך האָט זי אים ווייטער אַרומגעזוכט, און דער געדאַנק, אַז אפשר איז ער גאָר אַ חתונה־געהאַטער, האָט אַ פרוי און אפשר אויך אַ קינד, איז שוין מער נישט אַרויס פון איר קאָפּ.

און צי דערפאַר, ווייל די מענטשן האָבן אין דערדאָזיקער געגנט דעמאָלט נאָך כמעט געוווינט מער אינדרויסן ווי אין זייערע שרעקלעכע לעכער, אָדער ווייל כעליאַ האָט דעם קריסט געהאַלטן אין איין אַרומזוכן — זי האָט אים דערזען! ער איז געגאַנגען מיט יעקב ליכטענבערגן. ביידע האָבן געפירט אַ היציקן שמועס. ווער דער ייִדישער יונגערמאַן איז געווען האָט כעליאַ נאַטירלעך נישט געוווּסט. דערקענענדיק יוזשעקן פונדערווייטנס, איז זי צו אים צוגעלאָפן. ער האָט זי לכתחילה נישט באַמערקט. דעריבער האָט ער זיך כמעט ווי אַ טרייסל געטאָן, דער־הערנדיק אַן אומבאַקאַנט קול רופן זיין נאָמען און זיך פאַררויטלט דערזעענדיק פאַר זיך כעליאַן. מיט זיין שאַרפן בליק האָט ער דערקענט און זיך משער געווען, אַז דידאָזיקע ייִדישקע איז אַנטלאָפן פון איר היים. דער באַוויז דערצו: זי איז געווען אָן אַ מאַנטל און אָן אַ הוט. ער האָט דערפילט דעם טעם פון שונד־ראָמאַן: אַ רייך ייִדיש מיידל איז אַנטלאָפן פון איר היים צו אַן אָרעמען מויערער־שגץ...

יוזשעק שטשעלקאָווסקי האָט פאָרגעשטעלט כעליאַן פאַר יעקבן: „באַקאַנט איידן!"

קאַפּיטל פינף

דער אייביקער קאַמף

1

מאַטעוס שטשעלקאָווסקי, יוזשעקס פאָטער, איז אין דער שטאָט געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער גאַרבאַטער סטאָלאַרזש", צוליב זיין פּאָך און דעם מום. ער האָט געוווינט אין זיין אייגן הייזל, אין אַ געסל פון געמישטע איינוווינער, ייִדן און קריסטן. צוליב זיין האַלטן זיך נאָנט מיט ייִדן האָבן די קריסטן אים גערופן „זשיד". נאָר פאַר די ייִדן איז ער געווען דאָס, וואָס ער איז געווען, אַ „גוי", כאָטש ער האָט ליב געהאַט צו בראָקן ייִדיש. דערדאָזיקער גוי האָט ר' שאולן, דעם קראַנקגעוואָרענעם סופר, אַריינגענומען אין זיין הייזקע: ער האָט דעם ייִד פאַר־דונגען אַ שטוב. נאָר דאָס וואָרט „פאַרדונגען" האָט מאַטעוס באַנוצט צוליב הוי־כער מענטשלעכקייט. דער סופר האָט מיט פרוי און קינדער זיך בוכשטעבלעך געוואָלגערט אין גאַס נאָכן אומקערן זיך אין שטאָט אַריין. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו דינגען אַפילו בלויז אַ ווינקל ערגעץ, אַבי צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די ייִדישע באַלעבאַטים, וואָס האָבן געטראָפן זייערע הייזער גאַנץ, אָדער בלויז טיילווייז צעשטערט, האָבן זיך געלאָזט אָפּגילדן פאַר יעדן שפּאַן רוים. די צוריקגעקערטע האָבן זיך געריסן, פּשוט געשלאָגן איבער יעדן ווינקל, איינער דעם אַנדערן האָט אויסגעדונגען, אויסגעכאַפּט. ס'האָבן זיך אַריינגעצויגן צו צוויי, צו דריי משפּחות אין אַ קליין שטיבל, אין אַ קעלער. די ייִדן האָבן אפשר נישט באַמערקט, אַז דער סופר, פאַר וועלכן זיי האָבן געהאַט גרויס יראת־הכבוד, איז געבליבן אָן אַ דירה.

מאַטעוס איז צוגעקומען צום סופר אין גאַס און אים געזאָגט:

— פּאַניע באַזשני, איר זייט געבליבן אין דרויסן. ציט אייך אַריין צו מיר. מיין וואַרשטאַט האָב איך אַריינגעשטעלט אין קאַמער; כ'וועל דאָרט קאָנען גאַנץ גוט אַרבעטן, אַז ס'וועט נאָר זיין וואָס צו טאָן. איך האָב אַ ליידיקע שטוב, אַ גאַנץ

ניקשהדיקע. שוין מיט אַ קיכל, נעכטן אויפגעשטעלט. מיין יוזשעק האָט אויפגע־שטעלט, ער איז דאָך אַ מויערער. איר מוזט מיר נישט גלייך געבן קיין געלט, אַז איר האָט נישט; איר וועט מיר באַצאָלן, ווען איר וועט האָבן.

האָט זיך דער סופר אַריינגעצויגן צום גוי. ער האָט דערנאָך אַריינגענומען צו זיך גרויגעם דעם מלמד, וועלכער האָט זיך אויך געוואָלגערט מיט פרוי און קינדער אין גאַס און נישט געהאַט פאַרוואָס צו דינגען, אָדער נישט געקראָגן קיין דירה.

— איר וועט מיר באַצאָלן ווען איר וועט האָבן, — האָט דער סופר געזאָגט דעם מלמד דיזעלבע ווערטער, וועלכע דער גוי האָט אים געזאָגט. שפּעטער האָבן ביידע פרויען, דעם סופרס און דעם מלמדס, אַריינגענומען אַן אומגליקלעכע יונגע פרוי, וועלכע איז בעתן לויפן פון דער שטאָט פאַרגוואַלטיקט געוואָרן פון זעלנער אויף די וועגן, אין דער צייט ווען איר מאַן — ערשט נישט־לאַנג נאָך דער חתונה — האָט פאַרגאָסן זיין בלוט אויף די שלאַכטפעלדער. ציפּע, אַן עלנטע ווי אַ שטיין, האָט נישט געקאָנט קריגן קיין ווינקל, ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן, ווייל... זי איז „פאַראומרייניקט" געוואָרן.

דעם סופר איז ביים ערשטן מאָל שלעפּן זיך, אונטערוועגנס, געשטאָרבן אַ קינד: אַ מיידעלע. ביים צווייטן מאָל לויפן האָט יוכבד, זיין ווייב, אים געבוירן אַ קינד: אַ מיידעלע. אינמיטן פעלד. אַזוי אַרום האָט דער סופר ווידער געהאַט פיר קינדער. דעם מיידעלע האָט ער אַ נאָמען געגעבן נחמה, וואָס באַדייט „טרייסט". נאָר געערופן האָט מען זי נעכעלע. דער מלמד איז געווען אַ גרויסער מטופּל. די ערשטע פרוי האָט אים געבוירן אַ האַלב טוץ קינדער. נאָר צוויי זיינען געשטאָרבן פאַר איר טויט, אַ זון איז געפאַלן אין דער מלחמה און אַ טאָכטער איז אַוועק קיין בוענאָס־איירעס; זיינען דעם מלמד געבליבן פון דער ערשטער פרוי נישט מער ווי צוויי זין, הערש, אַ רימאַרזש, און יאָסקע. פון דער צווייטער פרוי האָט ער דערווייל געהאַט איין יינגל. אָבער זיין העניע האָט שוין ווידער געשוואַנגערט, חוץ וואָס זי האָט צוויי מאָל שוין געהאַט געמפּלט און שוין באַגראָבן צוויי קינדער.

צו גרוים איז ביים סופר נישט געווען. די פאַדלאָגע פאַרפוילט, פול מיט לעכער און גריבער. וואָלט דער באַלעבאָס געהאַט ברעטער — וואָלט ער זי פאַר־ראָכטן; אָבער ער איז געווען אַ גרויסער אביון און קויפן מאַטעריאַל צו רעפּאַרירן אַביסל זיין „כאַלופּע", האָט ער נישט געהאַט קיין געלט. פונדעסטוועגן האָט ער פאַר זיינע לאָקאַטאָרן געמאַכט דאָס נייטיקסטע, און דערווייל אָן געלט. בלויז אויף געהילץ האָבן זיי אים געמוזט געבן.

— ליידיקע קעשענעס, — האָט ער געזאָגט אין יידיש. — די קופּצעס האָבן שטיינערנע הערצער, ווילן נישט געבן אויף באָרג.

ר' שאולן האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין:

— כ'האָב צוויי טישן. קאָן געבן איינעם. אָבער טריפנע, דורך און דורך חזיר.

איינמאָל איז ער אַריינגעקומען מיט אַ זעגל, מיט אַ העמערל, מיט עטלעכע נעגל און צוויי אָפּגעהובליעוועטע דינע ברעטלעך; ער איז געגאַנגען אין דער האַלבער שטוב אַריין רעכטס, ווו ס'איז געווען אַ פענצטער מיט דריי „בלינדע" שויבן. (פון טאַוול, ווייל ס'איז נישט געווען קיין געלט צו לאָזן אַריינשטעלן די פעלנדיקע שויבן). דאָ האָט געוווינט דער סופר. ביינאַכט איז די שטוב ערשט

ריכטיק צעטיילט געוואָרן, דורך אויפהענגען אויף אַ דראָט די סיצענע באַדעקעכצן פון די בעטן. דער סטאָליאַרזש האָט זיך געווענדט צום סופר:

— פּאַניע שאול. כ׳האָב געזען אייערע שוויענטע ביכער וואָלגערן זיך אַרום. דאָס איז דאָך אַ „גזשעדך" ביי אייך. האָבעך פון אַ קאַסטן...

ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און דערביי פאַרפירט מיט זיין שכן אַ שמועס:

— פּאַניע באַזשני! דו, אַ געטלעכער מענטש, ווייסט אַלץ. איך — אַ פּראָסטער סטאָליאַרזש. גאָרנישט געלערנט. אַפילו אין אונדזער שקאָלע נישט געגאַנגען. בידנע, מיט אַ פּעקל הינטן און אַ פּעקל פאָרנט.

ווידער האָט ער אַריינגעקלאַפּט אַ נאָגל און ווידער האָט ער אויפגעהערט אין מיטן. ער האָט דעם סופר געוואָלט עפּעס זאָגן און געטראַכט וויאַזוי אַרויסצו־ברענגען זיינע געדאַנקען. ס׳איז אים געווען שווער. דערצו איז דער סופר געזעסן איבער אַ ספר און זיך צום ערל כמעט נישט אומגעקוקט; מסתמא ווייל ער האָט נישט געוואָלט מפסיק זיין בתורה.

— איך דעם פּאַן שטער — האָט מאַטעוס ריזיקירט. — אַ גראָבער מענטש איך. אָבער וויל וויסן: פאַרוואָס אַזאַ באַזשני ווי פּאַן שאול... קיינמאָל נישט גע־זינדיקט... מוז ליידן?... פאַרוואָס אַזויפיל שטראָף פאַר מענטש? צי מענטשן אַזעלכע שלעכטע? תמיד שטראָף, שטראָף! פּאַן בוג טוט גאָרנישט, נאָר שטראָפט די מענטשן. זיי טון נישט אַזויפיל זינד!

אין רציחה האָט ער מיט איין זעץ אַריינגעקלאַפּט דעם נאָגל, אַ צווייטן, אַ דריטן. ער האָט ווידער אויפגעהערט, ווייל דער כעס האָט געקאָכט אין אים:

— ניין, איך נישט פאַרשטיין! מיר, גויים, עסן חזיר, מאַכן מלחמה, זינדיקן.

ער האָט זיך געפּרייט מיט די צוויי ווערטער „גויים" און „חזיר". אָפּגעלאַכט האָט ער ווייטער גערעדט:

— אָבער איר יידן, — עסט נישט חזיר, אַרבעט נישט סאָבאָטע, בעט שטענ־דיק צו אייער פּאַן בוג, זייט זיינע קינדער, און... ליידט נאָך מער, ווערט נאָך מער געשטראָפט.

ווידער האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט און ווידער האָט ער אויפגעהערט. ער האָט שווער געאָטעמט. דער קליינער קאָפּ, כמעט אָן אַ האַלדז, האָט אַרויסגעקוקט ווי פון באַהעלטעניש צווישן גאָרב און הויקער און די הויכע שפּי־ציקע אַקסלען. די גרויסע אויגן, וואָסערדיקע און כמעט שטענדיק איסגעלאָשענע, האָבן איצט געגלאַנצט.

— דער קשאָנדז אין קאָשטשול זאָגט, אַז דער פּאַן בוג שטראָפט אונדז. פאַרוואָס אָבער שטראָפט ער בלויז די אָרעמע און נישט די רייכע? זייערע הייזער געבליבן גאַנץ, אַלע, נישט איינס, פאַרברענט געוואָרן. קויל נישט געטראָפן. פּאַן קשיוויצקי, פּאַן גנילאָווסקי, פּאַן וואיקאָוו, פּאַן זאַרעמבאַ — אַלע רייכע — גאָר־נישט געשאַדט. פּאַן מאַרדקאַ גאָלדבלום — געליטן, פאַבריק און קאָמעניצאַ פאַר־ברענט געוואָרן. איצט בידנע, ווי מיר. פּאַן פוקסמאַן, אָבער פּאַן זילבער, פּאַן בוקסבוים, פּאַן בערנפעל — אַלע פּאַסקודנע — גאָרנישט געשאַדט.

דער סופר האָט דאָך געמוזט מפסיק זיין. עטלעכע מאָל האָט ער פונעם ספר אַרויס אויפגעהויבן זיינע טרויעריקע אויגן, געקוקט מיט אַ שטומען בליק אויף

זיין באַלעבאָס און נישט פאַרשטאַנען וואָס יענער וויל פון אים. זיינע געדאַנקען זיינען געווען ערגעץ אַנדערש. דער ערל האָט אים אָבער צעמישט. שוין עטלעכע מאָל האָט דער סופר געטראַכט, אַז דער באַלעבאָס זיינער איז אַוודאי איינער מחסידי אומות העולם. ער האָט דעם ערל געוואָלט מהנה זיין מיט עפּעס פאַר די אַלע גרויסע טובות, וואָס ער האָט אים געטאָן. אָבער אים ענטפערן אויף אַזעלכע קשיות, זיך אַריינלאָזן מיט אַ גוי אין אַ וויכוח וועגן בורא ... דערצו זאָגט ער אַליין, אַז ער פאַרשטייט זייער ווייניק, אַז ער קאָן אפילו זיין אייגן לשון נישט לייענען און שרייבן, אַז ער איז צומאָל אין קיין שקאָלע נישט געגאַנגען. נאָר עפּעס מוז ער דעם גוי ענטפערן; דאָס האָט ר׳ שאול איינגעזען. ווייל אויב איינער — מעג ער אַפילו נישט זיין קיין ייד — פרעגט וועגן הקדוש ברוך הואס דרכים — איז אפשר דאָך נישט שייך אים צו לאָזן אינגאַנצן אָן אַ תשובה. האָט דער סופר דעם גוי געענטפערט ווי יעדער פרומער ייד אויף זיין אָרט וואָלט געענטפערט. ער האָט דעם גוי געזאָגט:

— ס׳איז דאָ אַ העכערער שכל; קיין זאַך געשעט נישט גלאַט אַזוי; אַלץ, וואָס דער רבונו של עולם טוט, איז לויטער גערעכטיקייט. זיינע וועגן זיינען שווער צו פאַרשטיין; אָבער ער שטראָפט נישט, אויב מ׳האָט נישט געזינדיקט.

דאָס האָט מאַטעוסן אינגאַנצן אויפגעקאָכט:

— הייסט עס, אַז דער פאַן שאולז...

דער סופר איז בלאַס געוואָרן און האָט שטיל געמורמלט:

— אפשר...

מאַטעוס האָט פּראָטעסטירט:

— קאָן נישט זיין! נישט מעגלעך! שטענדיק זיצט פאַן באַזשני ביי אַ הייליק בוך און בעט! פאַן שאול שרייבט די שוויענטאַ טאָראַ! איך וויס, פאַן שאול קיינעמען נישט געטאָן שלעכטס, גאָרנישט אַוועקגענומען ביי עמיצן, אָפּגעהיט אַלע געטלעכע דינים! ניין, פאַן שאול נישט געזינדיקט, קיינמאָל נישט!

דער גוי איז פּלוצים שטיל געוואָרן. ער האָט מיט אַ שטרענגן בליק באַטראַכט דעם סופר, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל אים געזען, אָדער ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינקוקן אין דעם יידס נשמה, אויסצוגעפינען (איין מאָל פאַר אַלעמאָל) סאַראַ מענטשן דידאָזיקע יידן זיינען. מ׳לעבט מיט זיי צוזאַמען אין איין שטאָט ס׳גאַנצע לעבן, אין איין גאַס, אין איין הויז; מ׳רופט אים אין שטאָט „זשיד״, און דאָך פאַר־שטייט ער נישט די יידן; די פרומע, ווייל די אַנדערע, די היינטוועלטיקע, פאַרשטייט ער ווי זיינע אייגענע, באַזונדערס די יוגנט, ווי די זין פון ביידע יידן, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן דידאָזיקע שטוב. ווי נקמה בעמענדיק, האָט מאַטעוס טריומפירט:

— פאַן שאולס זון — אַ גאַנץ אַנדערער; איז ווי מיין יוזשעק: ביידע סאָציאַ־ליסטן. וועלן מאַכן אַ פאָוסטאַניע. וועלן איבערדרייען די גאַנצע וועלט. וועט נישט מער זיין אָרעם און רייך. וועלן אַרויסטרייבן די ניעמצעס, די פּסובראַטעס, וואָס זיינען געקומען אין אונדזער פּאָלסקאָ און נעמען אַלץ צו. מיר וועלן זיין פריי און דעמאָלט וועלן די יידן...

די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען יעקב. מאַטעוס האָט זיך דערפרייט:

— אָט איז ער דאָ! זאָל דער פאַן שאול אים פרעגן! ער האָט אַריינגעקלאַפּט דעם לעצטן נאָגל, גענומען זיין געצייג און איז אַרויסגעגאַנגען.

ר׳ שאול איז געווען בלאַס, אָפּגעגאָסן מיט שווייס און האָט שווער געאָטעמט, שנעל און עטוואָס כריפּענדיק. יעקב האָט דערקענט, אַז דער פֿאָטער איז אין כעס און אויך צערודערט. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַרן געדאַנק, אַז דער פֿאָטער קאָן קריגן אַן אָנפֿאַל. אָבער דעם קראַנקנס אויפֿגערעגט פּנים, זיינע בייזע בליקן, וועלכע ער האָט אויפֿן זון אַ וואָרף געטאָן און געוואָלט אים דורכשטעכן, האָט יעקבן געברענגט אויף אַן אַנדערן געדאַנק: אַז מאַטעוס האָט אפשר געמאָנט דירה־געלט, דעם חוב, וואָס ס׳קומט אים פֿאַר די זאַכן, וועלכע ער האָט געמאַכט. פֿרעגן דעם פֿאָטער, וואָס ס׳איז געשען האָט ער זיך נישט געטרויט, ווייל ער האָט דערפֿילט, אַז דער פֿאָטער איז איצט אין כעס אויף אים. פֿאַרוואָס אָבער? אַז דאָס איז די שטענדיקע מעשה — וועגן זיין נישט גיין אויפֿן גלייכן וועג — דאַרויף איז יעקב איצט נישט געקומען, ווייל דאָס איז דאָך מער נישט קיין נייעס. אָבער וואָס האָט ער היינט געטאָן אַזעלכעס, אַז דער פֿאָטער זאָל אים באַגעגענען מיט אַזאַ כעס, מיט אַזעלכע אויגן? אויסצומיידן אַ מחלוקה — וואָס איז שעדלעך פֿאַרן פֿאָטער — האָט אים יעקב געפֿרעגט:

— ווו איז די מאַמע? און בנימין? מאירל? קיינער נישטאָ, אַפֿילו גרוינעם און די פֿרוי זיינע. האָט די מאַמע דיך געלאָזט גאַנץ אַליין? שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען? וועגן וואָס איז דאָ געווען דער באַלעבאָס?

נאָר דער סופֿר האָט אים אַלץ נישט געענטפֿערט. פּלוצים האָט יעקב דערזען דאָס שרעגעלע און זיך דערפֿרייט.

— אָ, ער האָט ווידער שוין עפּעס געמאַכט, אַ שרעגעלע פֿאַר די ספֿרים! דאָס איז אַ מתּנה בלויז פֿאַר דיר, טאַטע! אַזאַ ווילער מענטש!

נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט דער סופֿר בייז געפֿרעגט:

— ווו ביסטו געווען?

— וואָס הייסט, ווו איך בין געווען? — יעקב האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם פֿאָטערס פֿראַגע. ער איז דאָך נישט מער קיין יינגל, ר׳זאָל מוזן אָפּגעבן חשבון ווו ער איז געווען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַז דער פֿאָטער צילט ערגעץ. דאָס איז טאַקע באַלד געקומען. ר׳ שאול האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער, נאָר זיך גענומען צום זון: — האָסט דיך אַרומגעשלעפּט מיטן שגץ?

יעקב איז געוואָרן אויפֿגעקאָכט וועגן פֿאָטערס באַציונג (אַצינד) צו קריסטן און געפֿרעגט מיט אַ הויך קול:

— וואָס זאָגסטו, טאַטע?

יעקב וואָלט נישט געווען פֿאַרפֿירט מיטן פֿאָטער אַ וויכוח דעריבער, ווייל ער האָט שוין לאַנג פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט קיין שום ווערט נישט; די שינאה איז אַ קעגנזייטיקע און געדויערט שוין צו לאַנג. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַהערשן (קוקנדיק אויפֿן שרעגעלע) און געפֿרעגט דעם פֿאָטער:

— ווער האָט דיך מיט דער מאַמען און מיט די קינדער אַריינגענומען אין אַ שטוב און געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ? מיר זיינען געלעגן אינדרויסן. אַ קליין קינד. דו ביסט קראַנק. די ייִדן זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען, זיך געמאַכט נישט זעענדיק!

דער סופר האָט איבערגעשלאָגן דעם זון זיינעם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס יענער רעדט, נאָר געוואָלט האָבן אָ באַשטעטיקונג:

— איז עס דער שגץ?... דו ווייסט וואָס איך מיין...

יעקב האָט זיך נישט געלאָזט איבעררייסן און געהעכערט זיין קול:

— די היגע ייִדן קענען דיך, כמעט אַלע ייִדן; זיי האָבן פאַר דיר גרויס יראת־הכבוד. „דער סופר", „דער למדן", „דער גרויסער חסיד!" אויף דיר און אויף דער מאַמען און די קינדער האָבן זיי נישט געקאָנט זאָגן, דאָס וואָס זיי זאָגן אויף מיר! און??? צווישן די ייִדן, וועמעס הייזער זיינען נישט פאַרברענט און נישט צעשטערט געוואָרן, זיינען דאָ גענוג פרומע. זיי האָבן פאַרדונגען דירות; דיך אָבער האָט מען געלאָזט ליגן אויף דער גאַס! ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז דו האָסט נישט קיין געלט זיי צו געבן אַזויפיל וויפל זיי ווילן! און ווי אַזוי זיינען זיך אונדזערע ייִדן באַגאַנגען מיט די היימלאָזע? מ'האָט געריסן פון זיי די הויט! די, וואָס האָבן נישט געהאָט קיין געלט — און דאָס זיינען געווען כמעט אַלע פליטים, חוץ די וויניקע, די רייכע — האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די גאַסן, האָבן אויסגעשפּיגן די נשמות פון הונגער! שפּעטער האָט קהל זיך מרחם געווען אויף זיי, זיי צוזאַמענגעשטופּט (ווי שמאַטעס אין אַ זאַק) אין שפּייכלערס, אין אַ שול אָדער בית־המדרש, און איינמאָל אין טאָג געגעבן אַ ביסל שווענקעכץ מיט אַ פּיצל ברויט! דערמיט האָט מען זיך געגרויסט; די צייטונגען האָבן געקלונגען, מ'האָט געשלעפּט געלט פון אַלע זייטן און געזאַמלט אין די גאַסן!

דער סופר האָט געשוויגן.

יעקב האָט ווייטער געשריגן:

— האָסט דיך פאַרקילט. ווען מ'וואָלט דיך געווען אַריינגענומען אין אַ שפּי־טאָל, כאָטש אין אַ וואַרעמער שטוב; ווען וואָלסט געווען געהאַט אַ בעט אויף עט־לעכע טעג — וואָלסטו נישט געווען געקומען צו דעם צושטאַנד, אין וועלכן דו געפינסט זיך איצט!

דער קראַנקער האָט געשעפּטשעט:

— דער רבונו של עולם איז אַ רופא חולים.

נאָר יעקב האָט די שטילע ווערטער פונעם פאָטער נישט געהערט און ווייטער אויסגעגאָסן זיינע באַשולדיקונגען:

— ר' איסר — איין מענטש, האָט נישט קיין זון יעקב, אַ פושע — האָט נאָך אַצינד נישט ווו צו זיין; נעבעכיקט צווישן די שטיינגעבליבענע ווענט פונעם בית־המדרש, ליגט אויף דער גאַלער ערד פון דער חורבה!

ער איז שטיל געוואָרן אויף אַ מינוט. דאַן געזאָגט מיט ביטערניש.

— דאָך, איך באַשולדיק נישט. אַזוי איז דערווייל. אָבער זאָג נישט ווייטער נאָך: „גוי"... „שגץ"... ס'זיינען דאָ גוטע מענטשן, וויניק, זייער וויניק; זיי זיינען דאָ צווישן ייִדן און צווישן קריסטן.

דער סופר האָט געשוויגן. ער האָט זיך גובר געווען און פאַרענטפערט פאַרן זון:

— כ'וויל מיך נישט קריגן מיט דיר, יעקב. — ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז ווידער פאַרזונקען אין שווייגן, זיך געריבן דעם גרויסן ווייסן שטערן און געקרעכצט: — עבירה גוררת עבירה... המהלך בדרך... ניין, נישט אפשר, נאָר...

כ׳בין געשטראָפט געוואָרן, יאָ, געשטראָפט געוואָרן, ווייל... — זיין האַנט האָט זיך געגליטשט פון שטערן איבערן פּנים. ביים מויל האָט זי זיך פאַרהאַלטן, געננ־מען אין דער גאַרשטש די שוואַרצע באָרד, שוואַרץ אַזן גלאַנציק ווי אַטלאַס. ער האָט זי אָפּגעלאָזט, צוגעמאַכט דאָס ספר און אָנגעהויבן: — כ׳וועל מיך מיט דיר איצט נישט קריגן, יעקב. נאָר... דערקלער מיר דאָס, וואָס דו ביסט. כ׳וויל דיך תופס זיין. וואָס ווילסטו מיט דער חברה דיינער אויפטאָן? אַפּשאַפן אָרעמקייט האָסטו אַמאָל מיר געזאָגט. אויך דער גוי פּריִער... אָבער דאָס איז דאָך אַ גרויס נאַרישקייט. ווי אַזוי וועט עטץ דאָס מאַכן? — ווידער איז ער אַריינגעפאַלן אין כעס: — עטץ וועט מאַכן! מיט ענקערע הענט! נישט דער בורא העולם, נאָר עטץ! — און ווידער האָט ער גובר געווען אין זיך דעם כעס און געלאַסן געפרעגט: — ווי אַזוי? די חברה דיינע, ווי כ׳ווייס איצט שוין, מוז אוודאי זיין גרויס. דעם מלמדס זון געהערט אויך צו דער זעלבער חברה?

— יאָ.

דער סופר האָט גערעדט צו זיך אַליין:

— אין איין שטוב זיינען דאָ צוויי משיחים...

יעקב האָט זיינע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פונעם פאָטער. ער האָט אים ליב געהאַט און איז געווען צוגעצויגן פון זיין שיינקייט. אַפילו איצט, כאָטש ר׳ שאול איז געווען זייער קראַנק, האָט די בלאַסע הויט זיינע נאָך אַלץ געשימערט און דערמאָנט אין בליִעכץ פון קאַרשן־ אָדער עפּעלביימער. באַזונדערס שיין זיינען געווען זיינע הענט: לאַנגע, איידל געפאַרעמטע. יעקבן האָט זיך געדוכט, אַז זיי חלומען. די שוואַרצע הערעלעך האָבן געגלאַנצט ווי לויכטנדיקע שטראַלעכלעך... די ליפּן זיינען נאָך אַלץ געווען עטוואָס רויט און פול. די טיפקייט פון די גרויסע שוואַרצע מאַנדלאויגן האָט דערמאָנט אין טיפקייט פון ברונעמס אין אַ לויכטנדיקער לבנה־נאַכט... בעתן באַוואונדערן די דאָזיקע הערלעכקייט, ווי אַ בילד פון אַ גרויסן מאָלער, האָט יעקב איבערגעלייגט ביי זיך וואָס צו ענטפערן. ער האָט געוווּסט, אַז דער פאָטער וועט אים נישט פאַרשטיין; ווייל ער וועט אים נישט וועלן פאַרשטיין; ער וועט מורא האָבן. דעריבער האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— פאַרוואָס האָסטו פריִער דערמאָנט דעם פסוק: „המהלך בדרך״? האָסט גע־רעדט צו דיר: געשטראָפט געוואָרן!... עבירה גוררת עבירה!... ניין, דו האָסט נישט געזינדיקט, טאַטע! קיינמאָל נישט! — ער האָט אַרומגענומען דעם פאָטער.

ר׳ שאול האָט אַ זיפץ געטאָן:

— ווער ווייסט... דער ערל האָט פריִער אויך געזאָגט דאָס אייגענע. — דער סופר האָט אַנידערגעזעצט לעבן זיך דעם זון און געזאָגט: — וועגן המהלך בדרך, און די עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט — אפשר אַן אַנדערש מאָל. איצט וויל איך פון דיר אַן ענטפער אויף דעם, וואָס איך האָב דיך געפרעגט.

יעקב האָט דעם פאָטער געשטעלט אַ באַדינג:

— זאָג מיר פריִער, אויב איך מעג רעדן פריי; ווייל איך וועל מוזן צוערשט רעדן מיט דיר וועגן אַזעלכעס, וואָס דו ווילסט נישט, איך ווייס עס, אַז איך זאָל מיט דיר רעדן וועגן דעם.

— וועגן וואָס?

— וועגן גאָט.

דער סופר האָט געשטאַמלט:

— וועגן... נייק, וועגן בורא וואָלט איך טאַקע נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט רעדן מיט מיר. דו ביסט דאָך אַ פּושע, דו גלייבסט דאָך נישט אין אים. צוליב וואָס אָבער ווילסטו רעדן מיט מיר וועגן בורא? כ׳האָב דאָך דיך געפרעגט וועגן עפּעס אַנדערש גאָר!

יעקב האָט דעם פּאָטער דערמאָנט:

— דו האָסט געזאָגט: „עטץ וועט מאַכן! עטץ מיט ענקערע הענט! נישט דער בורא עולם, נאָר עטץ!"

דער סופר האָט מסכים געווען:

— נו, גוט.

אַ ווײַלע האָט יעקב נאָך געשוויגן, געקוקט דעם פּאָטער אין די אויגן אַרײַן און מיט אַ שווער האַרץ אָנגעהויבן:

— אונדזער אמונה באַשטייט פון צוויי חלקים.

דער סופר האָט זיך אָנגעצונדן:

— וואָס? סאַראַ צוויי חלקים? אונדזער אמונה הקדושה איז גאַנץ! נישטאָ אין איר קיין געשפּאָלטנקייט! אַלץ איז אחד! אַדושם אחד! תורה וישראל אחד! מיר האָבן תרי״ג מצוות, שלשה עשר עקרים. די אמונה...

יעקב האָט נאָכגעגעבן:

— אויב אַזוי, איז בין אָדם למקום און בין אָדם לחברו — איינס.

דער סופר האָט זיך צוריקגעכאַפּט:

— דאָס זײַנען צוויי באַזונדערע זאַכן.

— אַלזאָ, דאָך צוויי! — האָט יעקב טריומפירט. און אויסזינגענדיק מיט אַ גמרא־ניגון, האָט ער דעם פּאָטער געשטעלט אַ נײַע קשיא: — ווען מ׳היט אָפּ אַלע דינים בין אָדם למקום, אָבער בין אָדם לחברו נישט?

ר׳ שאול האָט געקנייטשט דעם שטערן, געקוקט פאַרשנדיק אויפן זון, כדי צו כאַפּן דעם מיין זײַנעם, און געענטפערט:

— דינים בין אָדם למקום... אין אים מוז מען גלייבן באמונה שלימה און אים ליב האָבן בכל לב ונפש, ווי ס׳שטייט געשריבן. אַ ייִד זאָגט דריי מאָל אין טאָג: ואהבת את אדושם אלוהיך בכל לבבך ובכל נפשך. דו ווייסט עס דאָך, יעקב, ביסט דאָך אַ ייִד, האָסט דאָך געלערנט. אין שייכות בין אָדם לחברו זײַנען יאָ דאָ דינים, אַ סך דינים, וועלכע מע מוז מקיים זײַן.

— ס׳שטייט אויך ואהבת לרעך כמוך, — האָט יעקב דערמאָנט דעם פּאָטער.

דער סופר האָט צוגעגעבן:

— אַוודאי. אָבער בלויז כמוך! ווי דיך אַליין; נישט בכל לבבך ובכל נפשך. וואָס מיינט, אַז דעם בורא עולם מוז מען ליב האָבן מער ווי זיך אַליין. פאַר אים מוז מען זיך מקריב זײַן, גיין אויף קידוש־השם, אַז ס׳קומט אויס.

— גוט, — האָט יעקב אַ שמייכל געטאָן. — ואהבת לרעך כמוך מיינט לכל הפחות — לויט הלל — טו נישט דײַן חבר דאָס, וואָס דו ווילסט נישט, אַז ער זאָל טאָן צו דיר.

פּלוצים, נאָך אַ מאָמענט שווײַגן, האָט ער געענדערט דעם גאַנצן שמועס און זיך געווענדט צום פּאָטער:

— טאַטע... איך וויל זיך מיט דיר נישט אַריינלאָזן אין גרויסע וויכוחים און פּלפּולים איצט. דו ביסט אַ בקי בכל ש״ס, ווייסט פון יעדן ספר, אין נגלה און אין נסתר, פון די ראשונים ביז די אַחרונים. איך בין נישט אַזאַ למדן ווי דו. און ס׳גייט אין עפּעס אַנדערש, נישט אין ווילקענעוודיקייט און אין מנצח זיין איינער דעם אַנדערן. ס׳גייט אינעם עיקר. דו ווייסט אַליין, אַז אַן צדק, אָן אמת און יושר — וואָס גייט אויפן פּסוק ואהבת לרעך כמוך — אַז אָן דעם איז די אמונה קיין אמונה נישט. ביסטו דאָס מודה?

דער סופר האָט געטראַכט אַ מינוט און דאַן געהויבן די אַקסלען.

יעקב האָט ווייטער גערעדט:

— דער בורא האָט שיער אומגעבראַכט די גאַנצע וועלט אין אַ מבול, ווייל די מענטשן זיינען פאַרדאַרבן געוואָרן. דערנאָך סדום ועמורה. אַלץ ווייל ס׳איז נישט געווען קיין גערעכטיקייט, ווייל די מענטשן זיינען געווען שלעכט. די ייִדן האָבן פאַרלוירן דאָס ערשטע בית־המקדש און דאָס צווייטע. זיי זיינען געפאַלן אונטערן שונאס שווערד, מ׳האָט זיי פאַרטריבן אין גלות. די נביאים האָבן גע־וואָרנט, האָבן איבערגעגעבן גאָטס רייד: „לא תוסיפי הביא מנחת־שוא קטרת תועבה היא ליו״ און ווייטער: „גם כי תרבה תפילה אינני שמע!״ ווייל: „ידיכם דמים מלאי״. און גאָט שרייט אויס דורכן נביאס מויל: „חדלו הרע! למדו היטב, דרשו משפט, אשרי חמוץ, שפטו יתום, ריבי אלמנה!״ דאָס זיינען פּסוקים אינעם אָנהייב פון ישעיהס נביאות. ירמיהו, יחזקאל, יואל, עמוס — אַלע, אַלע האָבן גע־שטראָפט פאַר די זעלבע זינד.

דער סופר האָט מסכים געווען:

— אמת. אָבער דו מיט דיין חברה גלייבט דאָך נישט אינעם בורא און אין זיין גערעכטיקייט.

יעקב האָט זיך געבעטן:

— טאַטע... — ער האָט געגלייבט, אַז ער האָט דעם פאָטער שוין בייגעקומען און געוואונען ענדיקן דעם וויכוח: — די גערעכטיקייט שטראָפט, אויב מ׳זינדיקט קעגן איר. תמיד. פון אייביק אָן. זי האָט אירע נביאים, וואָס וואָרענען פריִער. אָבער די, וואָס זינדיקן, הערן נישט קיין וואָרענונגען. קיינמאָל נישט, ביז די שטראָף...

דער פאָטער האָט מיט גרימיקן חוזק געפרעגט דעם זון:

— דו, דעם מלמדס זון, דער שגץ — עטץ זייט די נביאים?...

זעענדיק, ווי דער פאָטער איז ווידער אויפגעקאָכט געוואָרן, האָט יעקב מורא געקראָגן פאַר אַ בלוטשטורץ און אויפסניי זיך געגומען בעטן ביי אים:

— טאַטע... טאַטע... איך בין נישט קיין נביא; ס׳איז קיינער פון אונדז נישט קיין נביא. דאָך ווייסט קיינער נישט, וועמען די גערעכטיקייט ווילט פאַר אַ נביא. זי זוכט זיך אויס אַמאָל דעם פאַסטוך, אַמאָל אַן אַרבעטער, טיילמאָל אויך אַ כוהנס אַ זון. און זייער נביאות ווערט מקוים.

ר׳ שאול האָט זיך געגלעט די באָרד און געפאַרשט אין זונס פּנים. ער האָט געצעגערט און דאָך געפרעגט:

— נו, זאָג איצט! דו גלייבסט אין השגחה פּרטית?

— איך גלייב אין גערעכטיקייט.

— אין גאָט אין הימל?
— אין גערעכטיקייט.
— אין זיין גערעכטיקייט?
— אין גערעכטיקייט.
דער סופר איז אויפגעשפּרונגען פונעם בענקל.
— אַרויס! גיי!
יעקב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָבער ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען, ווייל ער האָט דעם קראַנקן טאַטן נישט געוואָלט לאָזן אַליין. ערשט ווען די מוטער איז אַריינגעקומען (נאָך איר בנימין און מאירל) האָט זיך יעקב געלאָזט צו דער טיר. אין זעלבן מאָמענט האָט ר׳ שאולס קול גענומען קלינגען ווי אַ גלאָק: „וידבר ד׳ אל משה״... בלויז ווען ער האָט געדאַוונט אָדער געלערנט האָט זיין שטימע געקלונגען ווי אַמאָל. ביים רעדן איז זי איצט געווען שוואַך, הויל און צעבראָכן. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח און וואָרט פאַר וואָרט הויך געדאַוונט מנחה. דאָס האָט געהייסן, אַז יעקב און די אַנדערע צוויי קינדער זאָלן אויך דאַווענען. נאָר יעקב איז אַוועקגעגאַנגען. בנימין און מאירל האָבן געפאָלגט דעם טאַטן. יוכבד איז צוגעגאַנגען צום קינד, וואָס איז געלעגן אין וויגל.

קאַפּיטל זעקס

ליבע און געוויסן

1

אין יענעם טאָג האָט עס יעקבן באַזונדערס געצויגן צו פערעלען. אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן, ווי יעדעס מאָל, ביז ער האָט דעם פאַרלאַנג פון זיין האַרץ נאָכגעגעבן. ער האָט געפירט מיט זיך אַ שווערן קאַמף. פערעלען האָט ער ליב געהאַט; ער האָט זיך דערין מודה געווען און איינגעזען, אַז וואָס שטאַרקער ער קעמפט קעגן דאָזיקן געפיל, אַלץ שטאַרקער ווערט עס. אָבער זיין געוויסן האָט אים געבונדן צו ראָבען, צו מלכהלעס און ר׳ דוד יואלס טאָכטער. דאָס געוויסן האָט זיין ליבע צו פערעלען געהאַלטן אין צוים און שטרענג געטענהט צו אים: „דו טאָרסט נישט און דו קאָנסט ראָבען נישט אָוועקוואַרפן. דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר איר און געמיין און נידעריק פון דיר!״ אויך האָבן די ליידן, וואָס ראָבע האָט דורך אים דורכגעמאַכט, אים צוגעבונדן צו איר. ער האָט די שולד פון אירע ליידן גענומען אויף זיך, הגם ער האָט דערביי צו זיך געזאָגט, אַז אין אַזאַ ענין קאָן לגמרי נישט זיין קיין רייד וועגן שולד, יעדנפאַלס — אויב שוין יאָ — נישט פון קיין איינזייטיקער. די בשותפותדיקע ליידן — ער האָט דעמאָלט געליטן אַזויפיל וויפל זי, אויב נישט נאָך מער — דידאָזיקע ליידן האָבן אים פאַראייניקט מיט איר. פאַראייניקט? — שוין עטלעכע מאָל האָט ער זיך דידאָזיקע פראַגע געשטעלט. ניין, ער האָט נישט אָנערקענט קיין אַנדער קראַפט, וואָס פאַראייניקט אַ מאַן מיט אַ פרוי, נאָר די ליבע. ער האָט אָבער ראָבען נישט מער ליב געהאַט. און אפשר האָט ער זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. דאָך, ער האָט ער איינ־

געזען, אַז ס׳זיינען דאָ נאָך אַנדערע כוחות, חוץ ליבע, וואָס קאָנען פאַראייניקן אַ מאַן מיט אַ פרוי: פאַראַנטוואָרטלעכקייט, געוויסן, געמיינזאַמע ליידן, דאָס זיינען כוחות, וואָס פאַראייניקן; נישט ווי ליבע, אָבער זיי בינדן.

יעקב האָט געוואָלט קלאָר ווערן אין זיינע געפילן צו ראָבען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַמאָל מיט דער גאַנצער נאַיִווער פלאַמעדיקייט פון אַ יונג בית־המדרש־בחורל, (וואָס איז אָקאָרשט געוואָרן אַן אַפּיקורס), זיך פאַרליבט אין איר. ער האָט דאַן צו איר אַרויפגעקוקט. אפשר ווייל זי איז געגאַנגען אין גימנאַזיום און געהאַט אַ ברודער אַ פּאָעט. פערעלען האָט ער דעמאָלט אייגנטלעך שוין געהאַט פאַרגעסן. ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, איז ער געווען אַ יינגל פון 13־14 יאָר. אָבער אין דעם אָוונט אונטער דער שטאָט — ווען זיין האַנט האָט זיך געטראָפן מיט איר האַנט אויפן הונטס רוקן — פון יענעם מאָמענט אַן האָט זיין יינגלערישע ליבע פון אַמאָל זיך ווידער אָנגעצונדן.

ניין, יעקב האָט מער נישט געקאָנט באַקעמפן זיין צוריקאויפגעפלאַמטע ליבע צו פערעלען. נישט זיין שטאַרק געוויסן און אויך נישט דאָס, וואָס ער האָט געוווסט, אַז זיין פריינט לערמאַן איז פאַרליבט אין איר און אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו אים — האָט אים געקאָנט צוריקהאַלטן אַהינצוגיין צו איר, זיך מיט איר צו טרעפן, ווען ס׳איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט. און כאָטש ער איז נאָכן וויכוח מיטן פאָ־טער געווען אין אַ גאַנץ אַנדערער שטימונג ווי צו גיין צו פערעלען, איז ער דאָך געגאַנגען צו איר. נאָר אויפן וועג האָט אים הערש אָפּגעשטעלט:

— וווהין, חבר ליכטענבערג? איר פליט אין די הימלען אַדער, ריכטיקער, איר שוועבט אין די וואָלקנס.

אַן איבערראַשטער האָט יעקב געפרעגט דעם חבר קרומהאָלץ:

— פונוואַנען גייט איר?

— טרעפט! איך גיי פון קאָמענדאַנט. כ׳בין געווען ביי אים וועגן דער דערלוי־בעניש צו עפענען אַ פאַראיין פאַר אונדזערע מיטגלידער. און אָט איז דער ענטפער, וואָס איך האָב געקראָגן פון זיין סעקרעטאַר, ווייל ער אַליין האָט מיך נישט געוואָלט אויפנעמען: דער קאָמענדאַנט וועט קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונג נישט דערלויבן. כ׳האָב דעם סעקרעטאַר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר געהערן צו דער זעלבער פּאַרטיי, וועלכע איז אין וואַרשע יאָ שוין דערלויבט דורך דער דייטשער מאַכט און אַז די דאָזיקע פּאַרטיי געהערט צום זעלבן אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכן ס׳גע־הערט די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע. דאָס האָט דעם סעקרעטאַר אויפגעקאָכט און צר האָט געשריגן: „וואָס? דויטשע אַרבייטער געהערן צו איינער אינטערנאַציאָ־נאַלער פאַרשווערערבאַנדע?! זאָוואָס גיבט עס ניכט מער ביי אונז אין דויטשלאַנד?!" ער האָט מיך גענומען זידלען אויפן פּריסישן אופן: „דאַנערוועטער! פּאָלנישע שווי־נען! יודענבאַנדע!" בין איך אַוועקגעגאַנגען. אַן אַנדער ברירה האָב איך געהאַט? קאָנצעסיעס אָבער אַרויסצופירן פון פּוילן אַלץ: מעל, פלייש, מילך, צוקער, קאַר־טאָפליעס און די וועלדער, דעם לעצטן פּאָדים, יעדעס שטיקל לעדער, יעדעס פּיצל אייזן, אַפילו אַ טשוואָק — אַזעלכע קאָנצעסיעס גיט מען. ס׳לויפן נאָך זיי די יונגע שיינע ווייבלעך און מיידלעך, די מיינסטע פון פרומע יידישע הייזער. נו, מיר וועלן געפינען אַן אַנדערן וועג... — ער האָט געלאָזט שטיין יעקבן און איז געגאַנגען ווייטער.

דער קורצער האַרבסטטאָג האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. יידן און יידענעס

אין די מיטעלע יאָרן, בחורים און מיידלעך, האָבן געאיילט דורך געסלעך מיט פּעקלעך. זיי האָבן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, זיך געהיט אַז מ׳זאָל זיי נישט זען. יעקב האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען שמוגלער: זיי גנבענען זיך צו די פּורן, וואָס שטייען ערגעץ, און ווען ס׳ווערט פינצטער פאָרן זיי אַרויס פון דער שטאָט. נאָר לאַנג טראַכטן וועגן די שמוגלער האָט ער נישט געוואָלט, כאָטש דאָס פּיינלעכע בילד האָט נישט אָפּגעלאָזט זיינע שווערע מחשבות. ער האָט זיך געטרייסט (זעענדיק ביים פאַרבייגיין), אַז אַ טייל באַלמעלאָכעס — ווי איטשע שוסטער און נאָך אַנדערע, אַרבעטן שוין. דורך אַן אָפענער טיר פון אַ קאַמער האָט ער דערקענט איינעם, וועלכן ער האָט זייער געשעצט, און אַריינגערופן צו יענעם:

— גוטנאָוונט גרשון! וואָס מאַכט איר?

גרשון איז געשטאַנען לעבן אַ נאָך נישט־צוזאַמענגעשטעלטער וועבשטול און האָט געמאַנדרעוועט. טייל ערטער האָט ער אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך, אַרומגעקרעמפּעוועט מיט שטיקלעך דראָט, דאָ און דאָרט האָט ער אַריינגעקלאַפּט אַ פלעקל. דאַן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן שמאָלן ברעט, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין עק וועבשטול ביזן אַנדערן עק, און מיט די פיס גענומען טרעטן די פעדאַלן. ער האָט געוואָרפן די „שיפלעך" צווישן די אָנגעצויגענע „קאַמען" און איז געוועזן צופרידן. „זי טויג נאָך די קלאָגע", האָט ער געקוואָלן, „זי איז נאָך גאָר גוט". באַזונדערס האָט ער זיך געפרייט, וואָס בעתן אַרומוואַלגערן און אַרומשלעפּן זיך פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, אַזוי לאַנג, האָט ער נישט פאַרגעסן די מלאכה. „ס׳גייט ווי געשמירט", האָט ער גערעדט צו זיך. „אָבער זי איז אַביסל קאַליע געוואָרן די אַלטע קלאָגע, איצט וואַרפט זי זיך שוין ווי אין קדחת און סקריפּעט אַ סך שטאַרקער ווי פריִער. נאָר ס׳שאַדט נישט, זי איז דאָך נאָך אַ גאַנץ גוטע וועבשטול. ס׳זאָל נאָר זיין גענוג צו טאָן, אַ סך אַרבעט". ביים רעדן צו זיך האָט ער אין זינען געהאַט, אַז דאָס ווייב זיינס זאָל הערן. זי האָט אין ווינקל זיך געפּאָרעט צווישן פאַרשידענע קעסטלעך און אַנדערע זאַכן. אין אַ ווינקל אויפן טאַפּטשאַן, מיט אַ גרויסן זאַק שטרוי און אַלערליי שמאַטעס (דאָס בעטגעוואַנט), איז געלעגן אַ קינד, און אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן־אַכט איז געשטאַנען דערנעבן.

דערהערנדיק דעם „גוטנאָוונט גרשון" און דערזעענדיק יעקבן, האָט גרשונס פרוי גערופן צום מאַן:

— הער נאָר! דעם סופרס זון זאָגט דיר גוטנאָוונט! פאַרוואָס קוקסטו דיך נישט אום און ענטפערסט נישט? שוין גענוג געאַרבעט דעם היינטיקן טאָג! ס׳איז דאָך שוין פינצטער.

גרשון האָט זיך אומגעקוקט:

— יעקב! גוטנאָוונט, גוטיאָר! אַ גאַסט! קום אַריין! וואָס מאַכט דער טאַטע?

יעקב האָט געפרעגט מיט באַדויערן:

— דאָ וווינט איר איצט? דאָ וועט איר ווינטער וווינען מיט די קינדער?

די פרוי האָט זיך הויך צעוויינט.

יעקב איז געבליבן דערשטוינט פון דער פרויס פּלוצימדיקן זיך צעוויינען. גרשון האָט אים דערקלערט:

— צוויי קינדער, פייגעלע און שרהלע, איינס איז אַלט געווען עלף יאָר און דאָס אַנדערע דרייצן, זיינען אונדז געשטאָרבן. איינס ביים ערשטן מאָל טרייבן און

דאָס צווייטעביים צוויטן מאָל זיך שלעפּן. ביידע אונטערוועגנס. קיין געזונטע זיינען ביידע נישט געווען, האָבן שטענדיק געהוסט, פון קליינווייז אויף. — ער אַליין האָט זיך איצט שטאַרק צעהוסט.

די פרוי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און איז צוגעגאַנגען צום מאַן:

— גיי שוין היינט אַוועק פון דער וועבשטול! — און צום גאַסט: — ס'איז נישטאָ קיין לופט דאָ, און ער... באַזונדערס ווען ס'הייבן זיך אָן די קילע וועטערס, און ווען ס'קומט די נאַכט — הוסט ער זייער אַ סך. דעם גאַנצן טאָג האַלטעך אָפן די טיר, ס'זאָל זיין ליכטיק און ס'זאָל אַריינקומען אַביסל לופט; קיין פענצטער איז נישטאָ.

דער וועבער האָט געטרייסט די פרוי זיינע:

— כ'וועל אַריינשטעלן אָן אייזערן אייוועלע וועט זיין וואַרעם. אין יענער וואַנט, — האָט ער געוויזן יעקבן, — וועלעך לאָזן אויסהאַקן אַ לאָך און אַריינשטעלן אַ פענצטערל. לאָמעך נאָר אָנהייבן פאַרדינען. כ'בין שוין געווען ביי אַ סך פון מיינע פריִערדיקע קונדן אין די דערפער. דער אייבערשטער וועט העלפן. זיי וועלן מיר ווידער געבן פלאַקס און איך וועל ווידער וועבן לייוונט פאַר זיי. אָבי די וועבשטול איז איבערגעבליבן גאַנץ, נישט גערירט, אַזוי ווי כ'האָב זי געלאָזט; דאָ, אין דער קאַמער טאַקע, נאָר צעלייגט, יעדער טייל באַזונדער. נו, האָמער נישט קיין דערבאַרימדיקן גאָט אין הימל? די קאַמער האָט דאָך געקאָנט פאַרברענט ווערן מיט דער וועבשטול צוזאַמען, ווי ס'זיינען פאַרברענט און חרוב געוואָרן אַזוי פיל הייזער, מער ווי אַ האַלבע שטאָט. געלויבט זיין ליבער נאָמען. כ'האָב אַפילו וווּ צו וווינען. טאַקע אין אַ קאַמער, וווּ מ'האָט פריִער געהאַלטן האָלץ, שטיינקוילן — אַלץ אַזעלכעס, וואָס מ'האַלט נישט אין קיין שטוב; ס'איז אָבער פאָרט אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ סך מענטשן וווינען אַצינד נאָך ערגער ווי מיר: אין קעלערס, אין חורבות. ר'מרדכי גאָלדבלום — געווען אַזאַ גביר, געהאַט אַזאַ גרויסע פאַבריק און די שענסטע קאַמעניצע אין שטאָט; אָן ערלעכער ייִד דערצו, אַ חסיד, אַ למדן — אַ גרעסערער יחסן ביים רבונו של עולם ווי איך, און...

דערהערנדיק דעם נאָמען „ר' מרדכי גאָלדבלום" האָט עס יעקבן גענומען טראָגן. פונקט האָט זיך גרשון אַ כאַפּ געטאָן: „שוין שפּעט! כ'האָב נאָך נישט געדאַוונט קיין מנחה!" ער איז צוגעגאַנגען אין אַ ווינקל, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ קאַן מיט וואַסער און אַ שעפּל דערלעבן. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דער פאַטשיילע פון האַלדז די לענדן און שטיל, מיט אַ פרום קול, גענומען זאָגן די קרבנות:

— וידבר ד' אל משה...

— שוין לאַנג צייט, — האָט די פרוי געזאָגט מיט אַ לייכטן פאַרוואורף, און צום גאַסט: — דעם גאַנצן טאָג האָט ער כמעט גאָרנישט געגעסן. מיר אַליין איז אויך ס'האַרץ אַוועק.

— און מיך הונגערט אויך, מאַמע! — האָט דאָס מיידעלע ביים טאַפּטשאַן זיך געקלאָגט. — וועלוועלע איז שוין איינגעשלאָפן.

2

יעקב האָט פּערעלען געטראָפן אַליין. אינדרויסן איז שוין געווען גוט טונקל און אין דער וווינונג כמעט פינצטער. פּערעלע האָט דעם נאַפטלאָמפּ נאָך נישט

געהאַט אָנגעצונדן. דעם אַריינגעקומענעמס „גוטנאָוונט" און זיינע טריט האָבן זי אויפגעוועקט פונעם חלומען וואַכעדיקערהייט.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט.

— איך, — האָט יעקב געענטפערט ביי דער טיר, נישט געטרויענדיק זיך צו מאַכן אַ ווייטערן טריט, ווייל ער האָט נישט געזען ווו צו גיין און מורא געהאַט אַז ער וועט פאַלן איבער די שטיינער, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן.

— ווער איז דער איך? — האָט פערעלע ווידער געפרעגט און זיך נישט גערירט פון ווינקל, ווו זי איז געזעסן.

— איך, יעקב ליכטענבערג. איר דערקענט מיך נישט?

פערעלע איז אויפגעשפרונגען; זי האָט זיך דערפרייט:

— יעקב!... גוט, וואָס איר זייט איצט געקומען!

יעקב האָט געשפּאָסט:

— בלויז איצט?...

פערעלע האָט געענטפערט נאַיוו:

— ווייל איך בין גאַנץ אַליין אין דער פינצטער. דער טאַטעשי איז אַוועק־געגאַנגען. איך ווייס נישט וווהין. ער גייט יעדן טאָג אין דער צעשטערטער פאַבריק אַריין; אָבער תמיד אינדערפרי. היינט איז ער שוין געווען דאָרט. ס׳קאָן זיין, אַז ער איז איצט ווידער אַהינגעגאַנגען. ער קריכט דאָרט אַרום צווישן די איבערגעבלי־בענע, שוואַרץ־פאַרברענטע ווענט, צווישן די צעבראָכענע מאַשינען. ס׳ציט אים אַהין. די פאַבריק איז דאָך געווען אַ העלפט פון זיין לעבן. אַז דידאָזיקע העלפט איז חרוב, איז אויך די אַנדערע העלפט פון זיין לעבן צעשטערט. גלייבט מיר, ליכ־טענבערג, מיין טאַטעשי איז נישט געווען גלייך מיט אַנדערע פאַבריקאַנטן, וועלכע איר און די חברים אייערע רופן בורזשויען, פונקט ווי אייער פאָטער איז נישט גלייך ווי די אַנדערע פרומע יידן הי. ניין, נישט דאָס געלט איז ביי מיין טאַטעשי געווען דער עיקר. איך רעכן, אַז איך דאַרף אייך דאָס נישט זאָגן, איר קענט מיין טאַטעשי; איר האָט אים געקענט ווען ער איז נאָך געווען רייך. איר פלעגט דאָך, ווען איר זייט נאָך געווען פרום, ווען איר האָט נאָך געלערנט אין בית־המדרש, יעדן שבת מיטקומען מיט אייער פאָטער צו שלוש־סעודות און זינגען מיט אַלע „בני היכלא". איר האָט דעמאָלט געזונגען גאַנץ שיין, פאַרדביקעט — כמעט מער ווי די אַנדערע חסידים. — זי האָט זיך צעלאַכט. אין איר געלעכטער איז געווען עטוואָס שטיפערישקייט, אָבער מער נערוועזיטעט פון גרויס צער און זאָרג. זי האָט זיך פלוצים געכאַפּט: — איך פּלאַפּל אַזוי אין דער פינצטער און איר שטייט ביי דער טיר, ווייל איר זעט נישט ווו צו גיין. אָט וועל איך אָנצינדן אַ לאָמפּ. כ׳בין געווען פויל און עפּעס האָט זיך אַזוי זיס געטרוימט אין דער טונקלקייט...

— אין דער טונקלקייט טרוימט זיך בעסער, — האָט יעקב באַמערקט און זיך געבעטן: — צינדט נישט אָן קיין לאָמפּ, פערעלע. די טונקלקייט איז אַצינד פּאָעטיש... נאָר פערעלע האָט זיך געאיילט מיטן אָנצינדן אַ לאָמפּ, און דערביי טרויעריק געשמייכלט:

— דאָס נאָפטלעמפּל פּאַסט גוט אַריין אין אונדזער איצטיקער וווינונג... ס׳איז נאָך אפשר צו מאָדערנע פאַר דער דאָזיקער חורבה... איך וואָלט באַדאַרפט אָנצינדן אַ שטיקל קין, ווי מ׳האָט אַמאָל באַלויכטן די הייל... גוט, וואָס דער

עלעקטער איז צעשטערט געוואָרן; ס׳וועט זיך כאָטש נישט אַזוי אָנזען דער בי־טערער קאָנטראַסט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און מלחמה... קומט, יעקב, וועלן מיר זיך דאָרט אָנידערזעצן און אַביסל פּלוידערן. ס׳איז מיר אַזוי טרויעריק אויפן האַרץ, סמוטנע און קאַלעמוטנע, ווי מ׳זאָגט. פאַלט נאָר נישט.

ביידע האָבן זיך געזעצט לעבן דעם קיילעכדיקן טיש, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייער שטיק מעבל און האָט געפּאַסט צו די גרינפּליושענע שטולן. דער טיש איז שטענדיק געשטאַנען אינעם דרייעק ביי אַ גרויס ברייט פענצטער און צוויי קליינע ביי די זייטן און אויסגעזען ווי אַ מין באַלקאָן אין שטוב. דאָס דאָזיקע דרייטייליקע פענצטער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צעצויגענע „ח״, איז געגאַנגען צום מאַרק אַרויס, ווי אַלע פראָנטפענצטער פון דאָזיקן הויז. דער דאָזיקער שטוב־באַלקאָן אין גרויסן צימער איז געווען דאָס באַליבטסטע אָרט פערעלעס, ווייל דאָ האָט גע־שטעקט אַ טייל פון איר ווילן און פאַנטאַזיע. ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר 15, האָט זי ביים פאָטער געפּועלט, אַז ער זאָל אין דער פראָנטאָווער וואַנט לאָזן אויסבויען דידאָזיקע „אָראַנזשעריע״, לויט איר פּלאַן, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן אַ „ווינטער־גאָרטן״. ר׳ מרדכי גאָלדבלום האָט זי דעמאָלט געפרעגט: „ווו האָסטו אָזעלכעס געזען״? „כ׳האָב מיר דאָס אַליין אויסגעטראַכט״, האָט זי געענטפערט מיט אַ ליגנט, ווייסנדיק, אַז אויב זי וועט אויסזאָגן, ווו זי האָט דאָס געזען — ביי אַ קריסט — וועט דער פאָטער איר נישט צוליב־טאָן. זי האָט זיך דעמאָלט געבעטן ביים טאַטן: „איך וועל איינאָרדענען אָן „אָראַנזשעריע״ אין שטוב, אַזאַ מין גאָרטן. ס׳וועלן וואַקסן אַלערליי בלומען, היגע און אויסלענדישע. זומער און ווינטער וועט דאָ בליִען״. אויף די איינריכטונגען פון דעם דרייטייליקן פענצטער זיינען איצט נאָך געשטאַנען גרינע קעסטלעך און גרויסע ערדענע בלומענטעפּ מיט איינגעטרוקנטע, פאַרדאַרטע פלאַנצן. אויך אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט גרינע קעסטלעך מיט ערד און צעבראָכענע וואַזאַנען.

פערעלע האָט זיך געקלאָגט:

— די הענט לייגן זיך מיר נישט אַרויסצוואַרפן די קעסטלעך און די טעפּ; כהאָב נישט ס׳האַרץ אַרויסצוואַרפן די רעשטן פון געטויטע לעבנס; גלייבט מיר, יעקב, די בלומען, וואָס זיינען דאָ געוואַקסן, זיינען פאַר מיר געווען לעבע־דיקע וועזנס, טיילמאָל ווי קינדער... — זי האָט זיך צעוויינט.

יעקב האָט אָנגעכאַפּט אירס אַ האַנט:

— פערעלע...

צוליב דער איבערבלייבעכץ פון דער אָראַנזשעריע און דעם קליינעם פלעמל פון נאַפטלאָמפּ האָט אין דער האַלב־חרובער שטוב אויסגעזען זייער טרויעריק, באַזונדערס ווייל עס זיינען נאָך געווען גענוג שפּורן פון נישטלאַנגסטיקן רייכן לעבן דאָ. דאָס הויז איז געווען כמעט אינגאַנצן צעשטערט. בלויז די איינע שטוב איז געבליבן גאַנץ. אין איין וואַנט זיינען געווען עטלעכע גרויסע לעכער פון שראַפּנעלן און דער סופיט האָט דאָרט זיך אַביסל אַראָפּגעלאָזט. די ווענט זיינען געווען שוואַרץ, די מייסטע שויבן פון די פענצטער אויסגעהאַקט (פאַרשטעלט און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער), די לעכער אין דער וואַנט זיינען געווען פאַרשטאָפּט מיט ציגל, אָנגעלייגט פון נישט־געניטע הענט. אויף אַ סך ערטער פון די ווענט האָט מען נאָך דערקענט די דעסענס פון טייערע טאַפּעטן. פאַרן צוגאַנג צו דער

טיר זײַנען די שטײנער און ציגל געווען אַביסל אָװעקגערוימט: דאָס האָבן געטאָן ר׳ מרדכי גאָלדבלום, דער אַמאָליקער גביר, צוזאַמען מיט דער אָפּגעצערטלטער פֿערעלע.

יעקב האָט פֿערעלען אויפֿמערקזאַם געמאַכט, און נישט צום ערשט מאָל שוין:

— מ׳וואָלט, פֿונדעסטוועגן, עפֿעס באַדאַרפֿט טאָן; ס׳קאָן געשען אַן אומגליק, אַ בעליק, צי דער גאַנצער סופֿיט, קאָן זיך אַראָפּלאָזן, אָדער ס׳קאָן אײַנפֿאַלן אַ וואַנט. איר אַליין, פֿערעלע, (ווייל אײַער פֿאָטער דענקט איצט נישט וועגן דעם), וואָלט באַדאַרפֿט רופֿן אַ מויערער, אָדער וועמען אַנדערש, וואָס פֿאַרשטייט פֿון בויען אַ הויז, כדי איר זאָלט וויסן, אויב ס׳איז נישט קיין סכנה דאָ צו וווינען.

צוליב דער בלאַסקייט פֿון פֿלעמל, וואָס האָט באַלויכטן פֿערעלעס טרויעריק, אײדל פּנים, איז איר שמייכל אַצינד אויסגעקומען האַרצרײַסנדיק. זי האָט זיך אָפֿנהאַרציק מודה געווען:

— דאָס, וואָס איר זעט דאָ, איז מײַן טאַטעשיס גאַנץ פֿאַרמעגן איצט. נאָך אַ גליק, וואָס ס׳איז איבערגעבליבן דידאָזיקע שטוב, זאָל זי זײַן ווי זי איז; מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. דער גרעסטער טייל פֿונעם פֿאַרמעגן איז געווען די פֿאַבריק און דאָס הויז. פֿון דער סעקוראַציע קאָן מען איצט נישט קריגן אַפֿילו קיין גראָשן, און ווער ווייסט, אויב מ׳וועט שוין ווען עס איז קריגן עפֿעס. דאָסזעלבע איז מיטן געלט, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט באַדאַרפֿט צאָלן פֿאַר צוגעשטעלטער סחורה; דאָסזעלבע איז מיט די וועקסלען און אַנדערע פּאַפּירן, וואָס דער טאַטעשי טראָגט אַרום בײַ זיך. נאָר דאָס אַלץ איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. איך וואָלט מיר אַזויפֿיל נישט געמאַכט דערפֿון, דער טאַטעשי אויך נישט. גלייבט מיר דאָס, יעקב. ווען איר וואָלט געווען געהערט די ווערטער, וואָס האָבן זיך דעם טאַטעשי אַרויסגעריסן פֿון האַרץ, ווען מיר זײַנען צוריקגעקומען און געטראָפֿן אָט־דעם חורבן! „געלויבט השם־יתברך“, האָט ער געזאָגט. ער האָט אויפֿגעהויבן די הענט און די אויגן צום הימל און מיט אָט־די ווערטער זיך געווענדט צום רבונו של עולם: „כ׳דאַנק דיר, וואָס דו האָסט פֿון מיר אַראָפּגענומען די שווערע משא. איצט וועלעך האָבן מער צייט און וועל דיר קאָנען דינען אַזוי ווי איך האָב שטענדיק געוואָלט. אַליין אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם שווערן פּאַק גאָלד האָב איך נישט געקאָנט. כ׳האָב גערעכנט, אַז אויב דו האָסט מיך אויסדערוויילט פֿאַרן דאָזיקן עשירות, טאָר איך מיך נישט אָפּזאָגן דערפֿון. כ׳בין דײַן קנעכט. דאָך איז מיר נישט אײנמאָל געקומען אויף דער מחשבה, אַז אפשר איז עס גאָר דער יצר־הרע, וואָס לאָזט מיך נישט זיך באַפֿרײַען פֿון דעם עשירות. ניט אײנמאָל, ניין, ניט אײנמאָל בין איך געשטרויכלט געוואָרן, כאָטש כ׳בין געווען אָפּגעהיטן ווי ווייט מעגלעך נישט צו נעמען יענעמס אַ גראָשן, צו צאָלן דעם פּועל פֿאַר זײַן אַרבעט וויפֿל אים קומט. כ׳האָב נישט געפֿעלשט קיין וואָג, נישט די איכות פֿון סחורה, און כ׳האָב נישט גענומען טײַערער ווי אַנדערע. צדקה האָבעך געגעבן מיט פֿולער האַנט. געלט איז אָבער עבודה־זרה. דאַנקעך דיר איצט, וואָס דו האָסט מיך באַפֿרײַט דערפֿון“. דאָס זײַנען געווען זײַנע רייד, אַזוי האָט ער אין יענעם מאָמענט גערעדט. נו, איז ער אַ בורזשוי, אַן עקספּלואַטאַטאָר גלייך מיט אַלע? זאָגט אַליין, יעקב! און איך? איר קענט דאָך מיך. איך זאָג דאָס אַלץ אַצינד וועגן דער דינהטשע גרינצווייג, מעכל פֿאָליטיקערס טאָכטער. וויפֿל האַס זי האָט דע־

מאָלט, אין יענער נאַכט הינטער דער שטאָט, אַרויסגעוויזן קעגן מיר! איך האָב דערנאָך געטראַכט, אַז זי איז אפשר גערעכט געווען, איך האָב נישט באַדאַרפט אַהינקומען, מיין פּלאַץ איז נישט אין אייערע רייען.

ווידער האָט יעקב זי אָנגעכאַפּט, איצט ביי בײדע הענט:

— זאָגט דאָס נישט, פּערעלע! וועגן אייער פּאָטער... — יעקב איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט און זיך אַרויסגעדרייט: — איך קען אייער פּאָטער און אַכט אים זייער; אָבער... וועגן דער פאַבריק... וועגן זיין רייכקייט... דאָס איז אַ סאָציאַל פּראָבלעם, און דעריבער... איר פאַרשטייט מיך...

פּערעלע האָט אים איבערגעריסן:

— ניין, איך וויל גאָרנישט רעדן איצט וועגן דעם! ס׳וואָלט מיך נישט אַזוי־פיל געאַרט, וואָס מיר זיינען איצט אַזוי אָרעם, אָרעמער ווי דער גרעסטער אָרעמאַן, וויל... נו, איר ווייסט דאָס אַליין: אַ רייכער, אַז ער ווערט אָרעם, איז ער טאָפּלט אָרעם... אָבער, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, דער פאַרלוסט פון דער פאַבריק און פון אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז פאַרן טאַטעשי, און אויך פאַר מיר, נישט אַזוי שווער, ווי דער תל, וואָס איז געוואָרן פון אונדז. די ברידער, צוויי שוועסטער, זייערע מענער און פרויען און די קינדער זייערע — ווער ווייסט... זיי זיינען געלאָפן קיין רוסלאַנד. ווער ווייסט ווען מ׳וועט זיך אַמאָל ווידער זען. וויפל פלעגן מיר זיך, קיין שום עין־הרע, זעצן שבת צום טיש?... צו די שלוש־סעודותן און די מלווה־מלכהס זיינען געקומען כמעט אַלע חסידים, וואָס זיינען געפאָרן צום זעלבן רבין, צו וועלכן דער טאַטעשי איז געפאָרן. איר ווייסט עס דאָך. און אַצינד... — אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ. זי האָט זיך ווידער צע־וויינט. — וואָלט כאָטש די מאַמעשי געלעבט! — זי האָט מיט בײדע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים. אירע אַקסלען האָבן געצוקט.

יעקב איז געוואָרן זייער צעררודערט. טרייסטן זי האָט ער נישט געקאָנט; ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער. אויך איז אים דאָס אויסגעקומען אומערלעך און נאַריש. ווי קאָן מען אַ מענטש, וועלכן מ׳האַלט נישט פאַר קיין קינד, וואָס מ׳קאָן פאַרשפּילן, ווען ער צעוויינט זיך, מיט ווערטער וועלן לינדערן זיינע ליידן? ער האָט זי אַפילו נישט געקאָנט בעטן, זי זאָל נישט וויינען.

ווען פּערעלע האָט זיך אַליין צוריק באַרויקט, איז ער געקומען אויף אַן אידייע: צו פּלוידערן מיט איר וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט נישט געהאַט קיין שלעכטן זכרון און געקאָנט גאַנץ לעבעדיק מאָלן געשעענישן. ער האָט פּערע־לען טאַקע גלייך אַריינגעבראַכט אין אַ בעסערער שטימונג, כמעט אַ פריילעכער, און אויך זיך אַליין.

— ס׳איז געווען אין זעלבן יאָר, ווען איך האָב אָנגעהויבן לייגן תפילין, — האָט ער זיך דערמאָנט. — יעדן אינדערפרי בין איך דעמאָלט געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין מיט די תפילין אונטערן אָרעם. איך בין דאָרט געבליבן אפשר ביז צוועלף, טיילמאָל נאָך לענגער. אָבער איך בין איצט נישט זיכער: בין איך דע־מאָלט נאָך געווען פרום, אָדער איך האָב מיך שוין געהאַט אָנגעהויבן וואַקלען?...

פּערעלע איז געווען איבערראַשט:

— אָבער ווען איר זייט נאָך אַלץ געקומען צו די שלוש־סעודותן, זייט איר שוין אַלט געווען אפשר אַ יאָר זעכצן! דעמאָלט זייט איר דאָך נאָך געווען פרום!

יעקב האָט געשמייכלט:

— דעמאָלט בין איך שוין לאַנג געווען אַ גרויסער אַפּיקורס... כ׳האָב מיך בלויז פאַרשטעלט, ווי אַ סך בית־המדרש־בחורים האָבן געטאָן...

— אַזוי גאָר?... — פּערעלע איז געוואָרן שטיפעריש און געשפּאַסט:

— איר קאָנט אייך פאַרשטעלן?... איך וואָלט דאָס נישט געגלייבט...

יעקב האָט ווייטער דערציילט:

— דעמאָלט האָבעך אַ לאַנגע צייט נאָך געדאַוונט מיט כוונה, מיט גרויס כוונה, און אויף מיר געגומען צו זיין באמת פרום. און ווייסט איר פאַרוואָס?

— פאַרוואָס?

— וועגן אייך... — ער האָט זיך צעלאַכט און ווייטער געשפּאַסט: — איך בין דעמאָלט געווען אין אייך אַזוי שטאַרק פאַרליבט...

פּערעלע איז רויט געוואָרן און זיך צעלאַכט.

נו, האָט יעקב נישט געוווסט ווי זיך אַרויסצודרייען און זיך אַלץ מער פאַרראַטן:

— יאָ, ווייל אייער פאָטער, אייערע ברידער און אייערע שוואָגערס, די גאַנצע משפּחה אייערע, איז געווען פרום און רייך, תורה וגדולה במקום אחד, ווי מ׳זאָגט, און איך... טאָקע ר׳ שאול סופרס אַ זון, אָבער... אָרעם און דערצו אַזוי מיאוס...

— מיאוס? — פּערעלע האָט זיך געחידושט. — אַ מאַנספּאַרשוין דאַרף נישט זיין שיין. און איר... איר זייט גאָר נישט אַזוי מיאוס... אייערע אויגן... — זי האָט זיך פאַרהאַקט, און די רויטקייט אין איר פּנים איז געוואָרן פּאַמס.

ביי יעקבן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איר זייט געווען דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט!... נאָך היינט...

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. דאַן האָט יעקב ווייטער דערציילט:

— איך האָב דעמאָלט געוואָלט ווערן רב; אפשר וועט דאָס מיר העלפן... נאָכן דאַווענען האָב איך מיך אויפסניי גענומען צו דער גמרא. אויפן וועג אַהיים פלעג איך מיך באַהאַלטן אין אַ געסל, אָדער אָפּשטעלן אין אַ הויז, ס׳זאָל מיך קיינער נישט זען, און געוואַרט, ביז איך האָב אייך דערזען גיין פון שולע... איר אָבער האָט מיך קיינמאָל נישט באַמערקט... יעדעס מאָל האָב איך געוואָלט צוגיין צו אייך און אייך זאָגן גוט מאָרגן; אָבער דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דעמאָלט אַ צו גרויסע אונטערנעמונג פאַר מיר... אָבער דאָס וועט איר אייך אפשר נאָך דערמאָנען: ס׳איז געווען אין אַ ווינטער; כ׳האָב מיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אייך אויף אַ שמאָל סטעזשקעלע אין טיפן שניי. איך האָב אייך געוואָלט אָפּטרעטן דעם וועג, אייך צו ווייזן סאַראַ וואַזשנער קאַוואַליער איך בין שוין. האָב איך מיך אָבער אָנגעהויבן פּליאָנטערן: אַהין, אַהער, ביז איר האָט געטאָן אַ שפּרונג אַריין אין שניי און אָפּגעטראָטן מיר דעם וועג... ווי איך האָב מיך דעמאָלט געשעמט!...

— איך געדענק, — האָט זיך פּערעלע דערמאָנט און אַ שמייכל געטאָן. זי האָט נאָך ווייטער געוואָלט זיין פריילעך, נאָר עפּעס איז אַן אומרויִקייט זי באַפאַלן און זי האָט געמורמלט: — פאַרוואָס קומט ער נישט?...

— ווער?

— יצחק, איך מיין לערמאַן.

אינגאַנצן אַ געענדערטער האָט יעקב געפרעגט:

— ער האָט איצט געזאָלט קומען צו אייך?

— יאָ, שוין פאַר אַ האַלבער שעה.

יעקב האָט גענומען רעדן וועגן אַקטועל־ערנסטע זאַכן. דאַן האָט ער פּערלען געזאָגט:

— איר מוזט זיין מיט אונדז! פאַרגעסט, וואָס דינהטשע האָט דעמאָלט... זי איז אַ גאַנץ ווילע, אַביסל צו טעמפּעראַמענטפול, טיילמאָל פּערזענלעך. פּייגע און אויך איך האָבן איר געמאַכט אַ פאַרוואורף דעריבער. זי האָט זיך אַנטשולדיקט און וועט זיך פאַר אייך אַנטשולדיקן. די באַוועגונג דאַרף אייך האָבן, אייער וויסן, אייער אינטעליגענץ; און איר דאַרפט האָבן די באַוועגונג. די מלחמה, דידאַזיקע שרעקלעכע שחיטה, דערדאַזיקער מאַסנמאָרד און די פּאַרוויסטונג... — ער האָט אין דעם מאָמענט דערזען אַריינקומען זיין פריינט יצחק, און דערפרייט אויסגערופן:

— יצחק!... צום ריכטיקן מאָמענט געקומען!...

אָן אויפגעלייגטע האָט פּערלע געמאַכט לערמאַנען אַ לייכטן פאַרוואורף:

— נישט פּינקטלעך.

ער האָט זיך פאַרענטפערט.

יעקב האָט צוריק אויפגענומען די טעמע וועגן דער באַוועגונג. נאָר פּערלע האָט אים איבערגעריסן:

— אַנטשולדיקט מיר אין מינוט. געדענקט איר איינעם אַ לאָזער? ער האָט געאַרבעט ביים טאַטעשי אין דער פאַבריק.

ביידע האָבן געפרעגט:

— דעם רויטן מאירס זון?

— יאָ. ער איז איצט הי. נעכטן געקומען פון וואַרשע. ר'האָט בלויז איין האַנט און איין פוס. כ'וועל שפּעטער דערציילן אַלץ. ס'איז זייער אינטערעסאַנט. איצט, יעקב, רעדט ווייטער!

קאַפּיטל זיבן

דער קאָמענדאַנט און די מורדים

1

דער חבר הערש האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע מאַנען זייער רעכט, וואָס ס'קומט זיי. מיט דער הסכמה פון די וויכטיקסטע חברים האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעגעבן אַ בקשה צום קאָמענדאַנט און געמאָנט די רעכט, וועלכע זיינען פון דער דייטשער רעגירונג געגעבן געוואָרן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און ווי מ'זאָגט: „אַז מ'קלאַפּט — עפנט מען". ער איז דאָסמאָל טאַקע יאָ אויפגענומען געוואָרן פון אים אַליין.

דער דייטשער קאָמענדאַנט, דער מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַל, איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. „טרעפט זיך גראָדע גוט", האָט ער געזאָגט דעם, וועלכער האָט אים געמעלדעט וועגן ס'וואַרט אינדרויסן, און באַפוילן: „פירן זי מיר די פּערזאָן פאָר! ניין, קיינע פּאַפּירע! בראַוכע ניכטס, וויס עס שאָן". ער האָט געטראַכט ביי זיך: „קעננע צו געניגע די פּאָלנישע באַפעלקערונג היר, אויך די יידישע.

קענגע זי אין אַללען אירען״... ער האָט אַריינגעברומט אין זיך עטלעכע מיאוסע זידלווערטער, וואָס האָבן דאָך נישט אויסגעדריקט זיין גאַנצע גרינגשעצונג און פאַראַכטונג צו די פּאָליאַקן און צו די ייִדן, נאָך אַלץ נישט האָבנדיק אָפּגעמאַכט ביי זיך, וועלכע ס׳זיינען אים מער דערווידער. נאָר ייִדישע אַרבעטער אין פּוילן, און סאָציאַליסטן דערצו, וועגן דעם איז דער דייטשער קאָמענדאַנט, דער הער מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַל, דאָך נישט געווען „אונטעררריכטעט״. „דאַ האַבע איך די געלעגענהייט זאָוואַס צו געזיכט צו בעקאָממען״, האָט ער געטראַכט.

דער הער מאַיאָר האָט געהאַט אַ טבע, (ווען ער איז געווען אין אַ געוויסער שטימונג), זיך אָנצוהענגען דעם מאַנטל אויף די אַקסלען און זיך טוליען אין אַ ווינקל פון דער ליליאַ־פּליושענער סאָפאַ אין זיין קאַבינעט. פון דער קעשענע אינעם מאַנטל האָט אַרויסגעשטעקט דאָס הענטל מיט דער זילבערנער טראָלד און דער שפּיץ פון דער שמאָלער עלעגאַנטער שווערד. דאָס צימער איז געווען גרויס, ליכטיק, מיט צוויי פענצטער צום פראָנט, פאַרהאָנגענע מיט טאָפּלטע גאַר־דינעז. איבערן רויטן געוואַקסטן דיל זיינען געלעגן צוויי טעפּיכלויפערס איינער איבערן אַנדערן אין אַ קרייץ. אויף דער אויבנאָנעדיקער וואַנט קעגנאיבער דער טיר האָבן געהאָנגען דריי פּאָרטרעטן פון דייטשלאַנדס גרויסע מלוכה־מענער. אַ געניט אויג האָט געקאָנט דערקענען, אַז דער מאַיאָר האָט מער פאַרערט פרידריך דעם גרויסן, ווי ווילהעלם דעם צווייטן; ביסמאַרקן, מאָלטקען, פאָן ליצאַוון און מעטערניכן האָט ער אָפּגעגעבן מער כבוד ווי הינדענבורגן און לודענדאָרפן. דער קאַפּליענער אויוון איז פון ווען צו ווען געהייצט געוואָרן אַזוי, אַז די וואַרעמקייט זאָל זיין גענוי 17 רעאָמע.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך געשפּילט מיט דער זילבערנער טראָלד, געגלעט דאָס פיינגעצירטע הענטל פון דער שווערד, האַלטנדיק אָנגעלענט דעם שיינעם קאָפּ אַביסל זייטיק אינעם טייערן אויפגעשטעלטן פעלצקראַגן. אַ תענוג האָט ער אויך געהאַט אין גלעטן די וואַרעמע ווייכקייט פונעם פיינעם פעלץ. דערביי האָט ער זיך געוויגט אין טרוימערישע געדאַנקען. דאָס מאָנאָקל אינעם רעכטן אויג האָט ער כמעט קיינמאָל נישט אַרויסגענומען, חוץ ווען ער האָט געמוזט. וואַרטנדיק אויף „דאָס זעלטענע טיר״, ווי ער האָט איראָניש אָנגערופן אין געדאַנק דעם אָנגעמאָלדענעם, האָט ער אין זכרון געלאָזט שנעל דורכלויפן עטוואָס פון דעם, וואָס ער האָט געוווסט וועגן דער דייטשער אַרבעטערבאַוועגונג. פונעם לאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, האָט ער געוווסט (כמעט גענוי) אַלע אייגנאַרטיקייטן, פּוילנס געשיכטע, דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד, די פּראָצעסן אין דער אַנט־וויקלונג פון דער אַגריקולטור, האַנדל און אינדוסטריע. אויך אַ מאַסע פאָלקלאָר. ער האָט אַפילו געקענט אַ צאָל פּוילישע און ייִדישע ווערטער, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט נאָך איידער די דייטשע אַרמיי האָט אַריבערמאַרשירט די פּוי־לישע גרענעץ. געאָגראַפיע האָט ער געוווסט פון יעדן ווינקעלע אין דאָזיקן לאַנד. נאָר פון אַ ייִדיש סאָציאַליסטישער אַרבעטערבאַוועגונג אין פּוילן האָט ער דאָך נישט געוווסט. ער האָט זיך דעריבער געוווּנדערט און זיך אַפילו געמאַכט אַ פאָר־וווּרף: „איך העטטע עס וויסען זאָללען!״

— פרויט מיך זי קענען צו לערנען! — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט באַגריסט הערשן, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, נישט ענ־דערנדיק די פּאָזע אין וועלכער ער איז געזעסן, און נישט שענקענדיק קיין בליק

דעם אַריינגעקומענעם, כאָטש ער האָט אים גוט אָבסערווירט. (הערש האָט דאָס נישט באַמערקט). — נאַ, וואָס ווערדען זי, הער קרומהאָלץ, זאַגען? — און נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפער, האָט ער ווייטער גערעדט: — וואָס, אונטער דעם יודען גיבס עס אויך אַרבייטער? וואָס פיר אַרבייטער? פעלדאַרבייטער? קאָלענגרעבער? פאַבריקאַרבייטער? זאָגען זי! — ער האָט דעם שטיינגעבליבענעם (כמעט ביי דער טיר) געבעטן רעדן נישט אין דייטש, נאָר אין זיין שפּראַך, אין ייִדיש. ער האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדן וואָרט, צו יעדער זילבע, געפינענדיק דערביי די ענלעכקייט צום מיטלהויכדייטש, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט. נישט פאַרראַטנדיק זיך דורך אַ בליק אָדער מינע, האָט ער זיך געוואונדערט צו זען פאַר זיך אַ גאַנץ אַנדערן ייִד אין פוילן ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיין היימלאַנד, און ווי די מייסטע זיינען טאַקע געווען. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער דאָזיקער ייִד אונטערשיידט זיך כמעט מיט גאָרנישט פון אַ פוילישן אָדער דייטשישן (אַ מעקלענבורגער צי אַ זאַקסישן) אַרבעטער. ער האָט אַראָפּגענומען דעם רעכטן פוס פון לינקן אוןביידע צעשפּרייט און אויסגעשטרעקט פאַר זיך. די שפּאָרן האָבן זיך דערביי צעקלונגען. די פּאָזע, וועלכע דער מאַיאָר האָט איצט אָנגענומען ביים זיצן, איז געווען אַ מער נאָכלעסיקע, וואָס האָט הערשן נאָך מער געזאָלט ווייזן די גרינגשעצונג פון אַ דייטשען העכערן באַאַמטן צו אַ פוילישן ייִד, דערצו אַ סאָציאַליסט.

דער קאָמענדאַנט האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און אָנגעהויבן אַ שמועס:

— יאַ... — נאָכן „יאַ", אַ לאַנג אויסגעצויגענעם, איז געקומען דאָס אַרויסבלאָזן דעם רויך, פּאַמעלעך און מיט פאַרגעניגן. רעדנדיק מער צו זיך אַליין ווי צו דעם „פאָרשטייער דער ייִדישער אַרבייטער", האָט דער מאַיאָר געוויזן זיין בקיאות אין געשיכטע און טעאָריע פון סאָציאַליזם. ער האָט אָנגערופן די נעמען פון מאַרקס און ענגעלס הויפּטווערק, אויך פון עטלעכע ענגלישע און פראַנצויזישע עקאָנאָמיסטן און סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, אַפילו פון רוסישע אַנאַרכיסטן. דערביי איז אים געקומען אויפן זכרון די גימנאַזיע־צייט. אין געדאַנק האָבן פאַרבייגעשוועבט לעסינג, געטע און שילער, הערדע און קלייסט, שאַמיזא און לענאַ, אַפילו היינע. אויך די שפּעטערדיקע, ווי העבל און מעריקע, קעלער און אַנדערע. ער האָט די דייטשע קלאַסיקער, און אַפילו די ראָמאַנטיקער, געלייענט נישט אָן חשק אין זיין יוגנט. שפּעטער, אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, האָט ער זיך „בעפּאַסט" (בלויז אַ שטיקל צייט) מיט שאָפּענהויער, מיט ניטשען, פיכטען און אַנדערע פילאָזאָפן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גרעסטע גייסטיקע פאַרגעניגן האָט ער געפונען אין פרידריך דעם גרויסנס הויכע געדאַנקען, אין ביסמאַרקס אויפצייכענונגען, אין בליכערס און פאָן שטיינס — אין די ווערק פון די דייטשע שטאַטסמענער. אָבער דעם הער מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַל זיינען נישט געווען פרעמד אויך די אַנטיקע דיכטער און דענקער, די פון רענעסאַנס, באַזונדערס די מאָלעריי און סקולפּטור פון יענער צייט. מוזיק האָט ער ליב געהאַט. פון די דייטשע היסטאָריקער האָט ער באַזונדערס געשעצט טרייטשקען און געהאַלטן זייער אַ סך פון גאָבינאָ און טשעמבערליין. דאָך האָט דער אַנטיסעמיטיזם נישט פאַרנומען קיין גרעסערן פלאַץ אין זיין נשמה, ווי די פאַראַכטונג צו פּאָליאַקן און די רוסן. אין זיין קלוג, שמאָל און לענגלעך געזיכט האָבן זיך געשפּילט פאַרשידענע געדאַנקען, ליידנשאַפט און טראַציקייט. צום סוף האָט ער הערשן געזאָגט:

— דאַ, וואָ איך קאָמענדאַנט בין, זווירד קיינע סאָציאַליסטישע בעוועגונג געשטאַטעט ווערדען! איין אַרבייטערפּערייין? וואָצו בראַוכען זי אים? עס זינד יאָ היר גאַר קיינע יידישע אַרבייטער דאַ, נור האַנדווערקער אונד דיזע באַשעפטיגען מאָמענטאַן נימאַנדען. זי אַרבייטען — זאָפערן זי אַרבייט האַבען — אַליינע. די פאַבריקען זינד יאָ אַלע צעשטערט. אַלזאָ, קיינע נאָטווענדיקייט, אוסער פיר פּאָלי־טישע צוועקע. זאָגען זי עס דאָך אָפען! אונד געגען דער דויטשער מאַכט! — ער האָט איבערגעפרעגט און זיך צעלאַכט: — פיר קולטורעלער טעטיקייט זאָגען זי?
— דאָס לאַכן האָט געקלונגען ווי שרויטלעך אויף האַרט מעטאַל. אָפּהאַקנדיק אינ־מיטן לאַכן, האָט ער הערשן געזאָגט, אַז מיט קולטורעלער טעטיקייט פאַרוואַלטן די פאָרשטייער פון דער קולטוסגעמיינדע, די הערן בערנפעל און פוקסמאַן, מיטן הער ראַבינער בראש. דאַן האָט ער נאָך אויסגעדריקט זיין שטוינען איבער דער מאָדנער דערשיינונג פון אַ באַזונדערער יידישער און אַ באַזונדערער קריסטלעכער אַרבעטערבאַוועגונג. נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפער, איז ער ענערגיש אויפגע־שטאַנען, זיך אַ היל געטאָן אינעם מאַנטל, לאָזנדיק אינדרויסן די רעכטע האַנט, אַזוי, אַז דאָס בגד איז געבליבן הענגען איבערן לינקן אַקסל, פאַרנט צוזאַמענגע־נומען, ווי אַ רוימישע טאָגע אַמאָל. אין עטלעכע ווערטער האָט ער דעם פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער געוואָרנט קעגן אומלעגאַלער טעטיקייט און פאַרענדיקט:
— איך קען אַלע מעטאָדען דער קאָנספּיראַציאָן, אַלע, די די רוסישע טעראָ־ריסטען פּראַקטיצירט האָבען! — ער האָט זיך אַ דריי־אויס־געטאָן, איז קלינגענדיק מיט די שפּאָרן צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער, האָט עס געעפנט און איז שטיין גע־בליבן דערביי. דאָס איז געווען דער צייכן פאַר הערשן, אַז ער קאָן גיין.

2

דער חבר קרומהאָלץ האָט איבערגעגעבן די חברים זיין דורכפאַל צום צווייטן מאָל איצט ביים קאָמענדאַנט אַליין. צו דערציילן האָט ער געהאַט אַ סך. ער האָט זיך באַמיט צו שילדערן דעם מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַל און דורך אים דעם דייטש בכלל.

— עס איז שווער, — האָט ער אָנגעהויבן, — כמעט אוממעגלעך צו זאָגן, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן מאַרקס און ענגעלס, וועגן זייערע גרויסע ווערק, וועגן לאַסאַל און בערנע און וועגן איינעם אַ מאָזעס העס, און מיך געפרעגט, צי איך האָב געלייענט „ראָם אונד יערוזאַלעם", אַ בוך, וואָס הייסט „רוים און ירושלים". דאָס דאָזיקע בוך... כ'קאָן מיך נישט דערמאָנען, נאָר, מיסתמא האָב איך עס געלייענט. יאָ, אַפילו וועגן באַקונין האָט ער גערעדט מיט מיר. ער ווייסט אַ סך. אַ דייטש... אָן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט אים געקאָנט האַלטן פאַר אַ סאָציאַליסט. נאָר מיך האָט ער נישט געקאָנט אָפּנאַרן. ער איז אַ פאָרגעשריטענער מענטש, דאָס מוז איך צוגעבן. אפשר צוויי שעה האָט ער מיט מיר גערעדט. נאָר אַ דערלויבעניש — אַפילו נישט אויף קיין קולטור־אַרבעט. בערנפעל האָט אַוודאי שוין גערעדט מיט אים, דאָס האָב איך אַרויסגע־קראָגן. מ'וועט זיך מוזן שטאַרק היטן.

הערש האָט זיך געפילט זייער שטאָלץ, וואָס דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט אים אויפגענומען און מיט אים גערעדט וועגן מאַרקס און ענגעלס. פאַר פייגען האָט ער נאָך מער דערציילט וועגן דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיטן קאָמענדאַנט, און ער איז אין אירע אויגן טאַקע אויסגעקומען נאָך גרעסער ווי ער איז פאַר איר תמיד געווען. אויך אַבראַמטשיק און די אַנדערע האָבן איצט נאָך מער אַרויפגעקוקט צו אים, חוץ אַהרן, יעקב און דינהטשע. פונדעסטוועגן האָט ער גוט געשפּירט די גרינגשעצונג און די פאַראַכטונג, וואָס דער מאַיאָר האָט אים אַרויסגעוויזן. ס׳איז אים אַלעמאָל מער געקומען צום באַוווסטזיין, ווי יענער האָט אים געלאָזט שטיין כמעט ביי דער טיר און די גאַנצע צייט אַפילו קיין בליק נישט געטאָן אויף אים, ווי ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, עס געעפנט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן הינטן. ר׳האָט אים אַפילו נישט געזאָגט, אַז ער איז שוין פאַרטיק, ביז ער איז אַליין אַוועקגעגאַנגען.

שטשעלקאָווסקין האָט הערש איבערגעגעבן אויך דעם קאָמענדאַנטס זיך וווּנדערן דעריבער, וואָס די פּוילישע אַרבעטער זיינען נישט פאַראייניקט מיט די יידישע.

דער שגץ האָט אויף זיין שטייגער אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג, ווי אַ שאָס, ווען מ׳ציט אַרויס אַ קאָרק פון אַ פלאַש, און געדרייט מיטן קאָפּ:

— איי, איי, איי... אַן אמתער פריינט... מיר זאָלן זיך פאַראייניקן... אַ געבילדעטער... האָט אַ פולן בויך מיט ביכער... — ווי אַ קאָמאַנדיר האָט ער הערשן געגומען אַרויסגעבן באַפעלן: — מיר הייבן אָן די אַרבעט אויף אַ ריכטיקן אופן! די פּראָפּאַגאַנדע: קאַמף קעגן אַריינדרינגער, קעגן פרעמדן שונא! קלאַסנקאַמף ווערט דערווייל אָפּגעשטעלט! באַלד וועל איך מיך זען מיט יאַנען. דאָס קערנדל פאַר אַן אַרמיי האָבן מיר שוין... אונדזער פאַרבינדונג מיט פּילסודסקין פונקציאָנירט... רופט צוזאַמען די חברים! דערווייל אַ קליינע פאַרזאַמלונג! איר וועט מיר צוויסן טאָן. איך וועל קומען. — דער שגץ האָט זיך הילכיק צעלאַכט: — אַלע מעטאָדן פון דער רוסישער קאָנספּיראַציע ווייסט ער... כאַ־כאַ־כאַ!... און פון דער פּוילישער?... — זיי זיינען זיך צעגאַנגען.

3

די דייטשע זשאַנדאַרן האָבן נאָך אַלץ געכאַפּט מאַנסלייט אין די גאַסן: פון אַכצן־ניינצן, ביז פינפאונפערציקיעריקע. אין ערשטן טאָג פון דער אָקופּאַציע זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן באַקאַנטמאַכונגען פון דער אַרמיי, אַז יונגעלייט, וואָס האָבן געדינט ביים רוסישן מיליטער, איבערגעבליבענע רוסישע סאָלדאַטן און רעזערוויסטן, מוזן אין פאַרלויף פון 24 שעה זיך מעלדן צו דער מיליטערישער קאָמאַנדע. פאַר עובר זיין אויף דעם באַפעל קומט טויטשטראָף דורך שיסן. עס האָט געהייסן: בלויז צום רעגיסטרירן זיך. אָבער יעדער, וואָס האָט זיך געמעלדעט, איז מער נישט אַרויסגעקומען. פאַרטיעסווייז האָט מען אַלע אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. דערנאָך איז מען געוואָר געוואָרן, אַז מ׳צווינגט זיי דאָרט שווער צו אַרבעטן אין קוילנגריבער און ביי אַמוניציע 12 שעה אַ טאָג. זיי הונגערן. אַ סך שטאַרבן. נאָך די ערשטע מודעות אין די גאַסן זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן אַנדערע

און דערנאָך איז געקומען אַ דריטע: די באַפעלקערונג מוז צושטעלן דעם קאָמענ־דאַנט באַהאַלטן געווער, גאָלד, זילבער, מעש, קופּער, צין, פערד, קי, חזירים, תבואה, קאַרטאָפליעס — אַלץ, כמעט דאָס לעצטע שטיקל ברויט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רעוויזיעס אין די דערפער און אין דער שטאָט, אין יעדן הויז, אין יעדער שטוב. די דייטשע זשאַנדאַרן האָבן רעקוויזירט אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען, האָבן אַלץ אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט די מאַנסלייט, וועלכע זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו כאַפּן אין די גאַסן, ווי הינטשלעגער כאַפּן הינט. די באַפעלקערונג האָט גענומען באַהאַלטן אַלץ, וואָס מ׳קאָן עסן, אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט. די מענער, פאַר אַלעם יונגעלייט, האָבן זיך געהיט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שמוגלען, וואָס די דייטשן האָבן גערופן שלייכהאַנדל. דערדאָזיקער האַנדל האָט זיך שנעל פאַר־שפּרייט און צעוואַקסן און איז געוואָרן אַ רעטונג קעגן דעם שרעקלעכן הונגער, וואָס די דייטשע אָקופּאַציע האָט גורם געווען. אָבער די „רעטונג״ איז געווען געגליכן צום אָנכאַפּן זיך אָן דער שאַרף פון אַ שווערד, ווען מ׳טרינקט זיך.

די פאַרביטערונג קעגן פרעמדן אַריינדרינגער איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. דער באָדן פאַר דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערבאַוועגונג (דורך דער קליינער גרופּע יונגע מענטשן אין יענער נאַכט הינטער דער שטאָט) איז געוואָרן גינסטיק. יעקב האָט איבערגעגעבן הערשן וועגן לאָזערן, דעם אינוואַליד, וועגן וועלכן פּערעלע האָט אים דערציילט, און גאַראַנטירט:

— ביי אים וועט מען זיך קאָנען צוזאַמענקומען; דאָרט איז דאָס זיכער־סטע אָרט!

הערש האָט געפרעגט:

— ווער איז דער דאָזיקער לאָזער?

יעקב האָט גענומען שילדערן:

— ער איז דעם רויטן מאירס אַ זון. לאָזערן האָט איר נישט געקענט. אָבער זיין פאָטער וועט איר אייך דערמאָנען. אַ גרויסער אביון. האָט געהאַט אָן אַ שיער זין און טעכטער. אַלע, צי עטלעכע, איך ווייס עס נישט גענוי, זיינען אין וואַרשע. לאָזערן האָט מען מיט דריי יאָר צוריק צוגענומען צום מיליטער. אַ פּשוטער יונג געווען, אַ באַוואַקסענער ווי אַ בער, תמיד מיט אַ קאָלירטער פאַטשיילע אַרום האַלדז, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אין שטיוול, און געזונט ווי אַן אָקס. קיין מלאכה האָט ער נישט געלערנט. דער פאָטער האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. איז ער געגאַנגען אַרבעטן אין גאָלדבלומס פאַבריק. בלויז איין יאָר האָט ער נאָך געהאַט צו דינען, אָבער ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה און ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן ביי לאָדזש. מ׳האָט אים געברענגט קיין וואַרשע אין שפּיטאָל אַריין. פון דאָרט איז ער אַהיימגעקומען פונקט דעמאָלט, ווען מ׳האָט דאָס צווייטע מאָל פאַר־לאָזט די שטאָט. מיט איין האַנט און מיט איין פוס. ער איז געלאָפן מיט די עלטערן. ער איז ווידער הי, נאָר אָן די עלטערן; זיי זיינען געשטאָרבן פון טיפוס. ער איז אַליין, און אַ גאַנץ אַנדערער ווי ער איז אַמאָל געווען. דאָס אַלץ האָט מיר פּערעלע דערציילט. ער וווינט ערגעץ אין אַ חורבה, אויפן וועג קיין טשערנאַקאָטאַ, אינמיטן פון אַ פוסטן פעלד, וואָס ווערט אַפילו קיינמאָל נישט פאַראַקערט. אויף יענעם וועג זעט מען קיין שום מענטש נישט. איך בין שוין דאָרט געווען. אַפילו אַ הונט זעט מען נישט. דאָס גאַנצע פאַרמעגן, מיט וואָס דערדאָזיקער מענטש איז אַהיימגע־

קומען, איז געווען דאָס זעלנערשע קעסטל, צוויי זעלנערשע העמדער, אַ פּאָר גאַטקעס, אַ האַנטוך און עטלעכע ביכער. ביי פּאַניען האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. די מלחמה און די צרות, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט, האָבן אים געעפנט די אויגן. פּערעלע, צוזאַמען מיט לערמאַנען, האָבן אים געבראַכט אַן אייזערן בעטל, אַ קישן, אַ קאָלדרע, טעפּלעך, טעלער — אַ גאַנצע באַלעבאַטיש־קייט. אויך אַ טישל און עטלעכע בענקלעך. כמעט יעדן טאָג גייט זי צו אים אַהין און קאָכט פאַר אים עסן. (ווו זי נעמט, ווייס איך נישט, ווייל איר פאָטער, דער געוועזענער רייכער פאַבריקאַנט, איז איצט אַן אָרעמאַן גלייך מיט אַלע). זי וואַשט דעם קאַליקעס וועש, פאַרריכט אים די הויזן, רוימט־צו. אַט־וואָס! און נישט קיין סאָציאַליסטקע!...

— חבר ליכטענבערג... — הערש האָט געמאַכט אַ קליינע הפסקה. — איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן. אָבער איר ווייסט אַליין, אַז דאָס איז פילאַנטראָפּיע. און דער סאָציאַליזם...

יעקב איז געוואָרן אויפגעקאָכט:

— איך בין נישט מסכים מיט אייך! מיר וועלן וועגן דעם און וועגן נאָך אַנדערע פּראָבלעמען רעדן ביי דער איצטיקער פאַרזאַמלונג. איך וועל מיטברענגען פּערעלען און לערמאַנען, כאָטש זיי געהערן נאָך נישט צו דער פּאַרטיי און ווילן נישט געהערן צו איר.

— גוט, זאָלן זיי קומען. — האָט הערש געגעבן זיין דערלויבעניש.

4

יוזשעק שטשעלקאָווסקי איז אין זעלבן טאָג, ווען קרומהאָלץ האָט זיך געזען מיט אים, אַוועקגעגאַנגען צו יאַנען. דערדאָזיקער קריסט איז געווען איינגעהילט אין סודות. זיין פאָטער איז געווען דער אַפּטייקער פון דער שטאָט, אַ משונהדיקער גוי, אַ צעדרייטער, און ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אַ בייזער, דערביי האָט ער ליב געהאַט צו טרייבן קאַטאָוועס מיט יעדן קונה, געזאָגט גראָבע וויצן און גע־כאָכטשעט אין די לאַנגע און גראָבע וואַנצעס אַריין. די ייִדן האָבן נישט געוווּסט, צי איז ער אַ וויסטער אַנטיסעמיט, אָדער גאָר אַן אוהב־ישראל. ווייל אָט האָט ער אויף זיי געזאָגט דאָס ערגסטע, געשריגן, אַז מ׳דאַרף זיי אַלע אויסקוילען, געזידלט מיט די ערגסטע אַנטיסעמיטישע ווערטער כמעט יעדן ייִדן אָדער ייִדענע, וואָס האָט אים געגעבן צו מאַכן אַ רעצעפּט, און אָט גאָר — אויב דערדאָזיקער ייִד אָדער די ייִדענע איז געווען אָרעם — האָט ער נישט גענומען קיין געלט פאַר דעם מעדיקאַמענט. טיילמאָל האָט ער נאָך געגעבן אַ נדבה און אָנגעזאָגט צו קויפן פאַרן קראַנקן אַ הון, פּוטער, וויין. דער זון זיינער, יאַן, אַ בן־יחיד, איז געווען אַ סך אַריינגערעדטן אינעם פאָטער. קיין זייער יונגער איז ער שוין נישט געווען. ער האָט שטודירט אַלץ און אומעטום: אין וואַרשע, אין פּעטערסבורג, אין קראָקע, אין ווין, אין בערלין, און אויך אין פּאַריז. אָנגעהויבן האָט ער מיט מעדיצין, באַלד איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף פאַרמאַצעווט, דאַן גאָר אויף אינזשעניער, און פּלוצים אויף פילאָזאָפיע. צום סוף איז ער געוואָרן אַ קאָדעט, ביז ער האָט אַלץ געשיקט

צום טייוול און איבערגענומען דאָס גוט, וואָס דער פאָטער זיינער האָט געהאַט בירושה פון זיינע עלטערן. דאָס גוט האָט ווייטער פאַרוואַלט דער זעלבער עקאָנאָם, ווייל יאַן האָט קיין אַנונג נישט געהאַט נישט פון אַגריקולטור און נישט פון פאַר־וואַלטונג; אָבער דאָס געלט, וואָס דאָס גוט האָט אַריינגעבראַכט, האָט דער עקאָ־נאָם מער נישט געגעבן דעם פּרי־ערדיקן פּריץ, נאָר דעם זון, דעם יונגן פּריץ. יאַן, דער נייער באַזיצער פונעם גוט, האָט דאָס געלט פאַרהוליעט און פאַרטאָכ־לעוועט מיט זיינע פריינט, גוטע ברידער און קאַכאַנקעס.

אָבער דאָס איז געווען בלויז איין זייט פון דעם יאַן, פּונקט ווי דערדאָזיקער נאָמען האָט געלאָזט וויסן נאָר וועגן איין העלפט פון אים. דער פאַמיליענאָמען זיינער, גנילאָווסקי, האָט געלאָזט וויסן פון דער צווייטער העלפט. ביים ערשטן נאָמען האָבן אים גערופן די חברים פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער שטאָט און פאַראַפיע, אויך די קאַכאַנקעס און די גוטע ברידער, און ביים צווייטן נאָמען האָבן אים גערופן אַלע אַנדערע מענטשן, וועלכע זענען געקומען מיט אים אין באַרירונג. אָבער ער האָט געשפּילט אַ טאָפּלטע ראָל פאַר ביידע, פאַר די חברים פון דער פּאַרטיי און פאַר די פריינט זיינע: גוטבאַזיצערס, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען אויף געיעג און וועלכע האָבן מיט אים (און ער מיט זיי) געפירט פאַרשידענע עסקים. נאָר די גרענעץ איז אין יענער צייט צווישן די צוויי טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אָדער ריכטונגען זייערע נישט געווען אַזוי שאַרף. ביז צו אַ געוויסן גראַד — גאָר אינגאַנצן אָפּגעווישט. ווייל דאָס הויפּטגעוויכט האָבן דעמאָלט ביידע צדדים געלייגט אויפן פּאַטריאָטיזם. אפשר האָבן די סאָציאַליסטן אין יענעם מאָמענט געמיינט ערלעך מיטן סאָציאַליזם; זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען פּונקט אַזוי גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן פאָטערלאַנד, ווי זיי וואָלטן זיך געאָפּפערט פאַר דער סאָציאַליסטישער אידייע. די אַנדערע אָבער האָבן אַפילו פון קיין סאָציאַלע רעפאָרמען נישט געטראַכט און דער פּאַטריאָ־טיזם האָט ביי זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר פּערזענלעכע אינטערעסן. דאָך, אין דער צייט פון אונטערדריקונג דורך אַ פרעמדער מאַכט, זיינען זיי, אָדער די מייסטע פון זיי, געווען העכסט רעוואָלוציאָנער און האָבן זיך געחנפעט צום פאָלק.

יוזשעק שטשעלקאָווסקי האָט דעם „טאָוואַזשיש" יאַן געטראָפן ביים אויפשטיין, כאָטש ס'איז שוין לאַנג געווען נאָך מיטיקצייט. ווען דער דינער איז דעם יונגן גוטסבאַזיצער אַריינגעקומען מעלדן וועגן גאַסט, האָט יענער געפרעגט: „ווער? פּאַננאַ העלענאַ? פּאַננאַ אַנדזשאַ? פּאַננאַ רעגינאַ?" ער האָט דעם דינער נישט גע־געבן קיין מעגלעכקייט צו זאָגן דעם נאָמען פון גאַסט, נאָר געליאַרעמט: „אידזש דאָ דיאַבלאַ!" דער דינער איז פונדעסטוועגן נישט אַרויסגעגאַנגען, ווייל דער פּריץ האָט ביים אָנטאָן זיך געוואַקלט אַהין און אַהער און איז שיער נישט אומגעפאַלן. האָט ער דעם נאָך נישט־אינגאַנצן אויסגעניכטערטן אַלעמאָל אונטערגעכאַפּט, אים געהאָלפן ביים אָנטאָן און ביי דער געלעגנהייט קלאָר געמאַכט דעם פּריץ, ווער ס'איז געקומען. „כאָלעראַ!... כאָלעראַ!"... דער „וויעלמאַזשני" האָט געהאַלטן אין איין שעלטן. ער האָט באַפוילן:

— שיק אים אַריין, יוזעף!

— אין דער ביבליאָטעק, וויעלמאַזשני?

דער פּריץ האָט אַ הוק־געטאָן:

— כאַמיו! ווו בין איך?
— אין דער ספּאַלניע, וויעלמאָזשני.
— און ווו האָב איך דיך געהייסן דעם גאַסט אַריינשיקן? צו מיר אָדער אין דער ביבליאָטעק?
דער דינער האָט אונטערטעניק געגעבן אָנצוהערן זיין האַר:
— דאָס בעט, וויעלמאָזשני...
דער פּריץ האָט אָנגעשטעלט אַפּאָר גרינגלעזערנע אויגן און ווידער געפרעגט:
— ווער איז געשלאָפן אין בעט, איך אָדער אַ חזיר?
דער דינער האָט תמימותדיק געענטפערט:
— דער וויעלמאָזשני פּאַן.
פּאַן גנילאָווסקי האָט טריומפירט: „דאָס חזיר"... — ער האָט דעם אַלטן יוזעף געגעבן אַ גוטברידעריש פּעטשל און זיך צעלאַכט: — ראַזומיעש?...
דער דינער האָט זיך פאַרנייגט:
— ראַזומיע, וויעלמאָזשני... — ער איז אַרויסגעגאַנגען.

יאַן האָט אויפגענומען שטשעלקאָווסקין מיט אַ ברייטן „טאָוואַזשישו" און קרעפּטיקן האַנטדרוק. מיט איינמאָל אַ ניכטערער, אַ פריילעכער, נאָר אָן אַ קאַלנער, די אַרבל פון העמד פאַרקאַטשעט, די פּעטע ברוסט אין דרויסן, די האָר צעפּאַטלט און די הויזן מיט אַ פּאַסיק אַרום — אַן אמתער פּראָלעטאַריער, אַ קעמפער. ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַרן חבר:

— ביז פיר געהאַט אַ זיצונג מיט די לײדאַקעס, די גרויסע פּאַטריאָטן. אַ שטורמישע זיצונג געווען. אַ היסטאַרישע. די זאַך גייט גוט. איך מוז זאָגן: אמתער קאַסטשיושקאָ־גייסט האָט געהערשט, ברויזנדיקער פּאַטאָס. רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליזם. אונדזער קשאָנדז, כ'האָב גאַרנישט געוווסט אַזויפיל, איז אַ פייערדיקער אַנהענגער פון 63סטן יאָר, אַ פאַרביסענער קעגנער פון מינדסטן קאָמפּראָמיס מיט די דייטשן. ער האָסט די פּרוסאַקעס מיט דער גאַנצער נשמה זיינער. ר'וועט ברענגען אַ סך נוצן, ווייל ער איז אַ גוטער פּרעדיקער אין קאָשטשיול, ראַזומיעש?... אַפילו געווער וועט מען דאָרט... געלט פעלט נישט... זיי גיבן, זיי גיבן, די כראַביעס... דער גראַף זאַרעמבאַ אַליין האָט אַריינגעטראָגן אין קאַסע אַ סומעלע... בראַטשע קאַכאַני... ערשט פינף האָב איך מיך געלייגט שלאָפן. וואָס זאָגסטו פינף? זעקס איז שוין געווען! נישט געקאָנט גיין אין בעט אַריין, אַזוי... ראַזומיעש?... מען איז אויפגערודערט, ס'בלוט קאָכט... דאָס האַרץ... און איך קאָן מיך שוין נישט דערוואַרטן... — ער האָט צוזאַמענגעביילט די פויסטן און געשטשירעט די ציין.

נאָר יוזשעק איז אין זיין חבר נישט געווען גענאַרט, פונקט ווי ער איז נישט געווען געגאַרט אין די צוזאָגעכצן און רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטיזם פון די מייסטע גוטסבאַזיצער און רייכע פּריצים. יאַנען האָט ער אפשר נישט געקענט דורך און דורך; אָבער ער האָט געוווסט אַ סך פון זיין לעבן. באַזונדערס האָט אים כעליאַ (אין דער קורצער צייט פון זייער פריינטשאַפט) שוין געהאַט דערציילט אַ סך זאַכן וועגן איר שוועסטערס ליבע מיט דעם יאַנען און איר פאָטערס האַנדל מיט אים און מיט די אַנדערע פּריצים. יוזשעק האָט אויך דערקענט, אַז דער „טאָוואַזשיש" זיינער איז איצט געווען נאָך אַ הוליאַנקע און נישט נאָך אַ זיצונג. „זאָל ער שיכורן", האָט שטשעלקאָווסקי געטראַכט. די ראָלע, וואָס יאַן האָט געשפּילט אין

אַנדערן לאַגער איז געווען וויכטיק פאַר דער פּאַרטיי. קיין אַנדער חבר האָט די ראָל נישט געקאָנט איבערנעמען.

אַנידערזעצנדיק זיך מיט יאַנען אויפן ראַנד פון ברייטן, נישט־צוגעבעטן בעט, האָט יוזשעק איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט דורך הערשן וועגן קאָמענדאַנט. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו רופן אַ זיצונג און איינצולאַדן בלויז יענע חברים פון „געהיימען קאָמיטעט״, צו וועלכע מ׳קאָן האָבן דאָס פולסטע פאַרטרויען. ער האָט אָנגערופן נעמען, די מייסטע פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט אין 1905, און די, וועלכע מ׳האָט שפּעטער מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט צוגעצויגן צו דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, וואָס האָט געמוזט געפירט ווערן נאָך אונטערער־דישער ווי פריִער. צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע בירגערלעכע אינטעליגענטן: אַ באַאַמטער פון דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע, אַ לערערן, אַ בוכהאַלטער פון אַ פאַבריק און אַ וועטערינאַר. די רעשט זיינען געווען אַרבעטער־אינטעליגענץ. יאַן האָט מסכים געווען. אָבער אויף יענעם פּונקט פון זיין חבר, אַז דאָס הויפּטגעוויכט פון דער פּראָפּאַגאַנדע זאָל איצט געלייגט ווערן נאָר אויפן פּאַטריאָטישן געפיל, האָט ער נישט געוואָלט איינגיין. זיין מיינונג איז געווען פּונקט אַ פאַרקערטע, אַז נאָר אויפן סאָציאַליזם מוז געשטעלט ווערן דער טראָפּ. ער האָט יוזשעקן געגעבן צו פאַרשטיין:

— די שטאָט איז אַן אינדוסטריעלע; ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס זי איז קליין און די פאַבריקן זיינען צעשטערט. דאָס איז איינס. צווייטנס: אין עטלעכע דערפער פון דער פּאַראַפיע, ווייניקסטנס אין צוויי, זיינען אַ סך פּויערן, די אָרעמע, וועלכע אַרבעטן אין די פּריצישע הייף און זיינען דאָרט די שטענדיקע קנעכט — רעוואָלו־ציאָנערן. דריטנס: ס׳איז נישט 1863 נאָר 1915; אַ רעוואָלוציאָנערע צייט. פערטנס: ס׳איז מלחמה; הונגער פאַרנעמט דעם אויבנאָן. אַ שטיק ברויט איז מער ווי די אויטשיזנע. ראָזומיעשׁ?... פינפטנס: די דייטשן פירן אַ קלוגע פּאָליטיק; זיי זאָגן־צו נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, האָבן, ווי מ׳זאָגט, אונדז אַרויסגענומען דעם ווינט פון די זעגלען... זעקסטנס: אין פּראָפּאַגאַנדע מוז מען צוזאָגן דאָס גרעסטע, דאָס העכסטע, וואָס צינד אַמשטאַרקסטן אָן די פאַנטאַזיע... כ׳וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך אַ סך אַרגומענטן, אָבער... דו פאַרשטייסט שוין אַליין, קיין נאָר ביסטו נישט...

שטשעלקאָווסקי האָט זיין חבר אָנגעקוקט פאַרשנדיק עטלעכע רגעס און פון אַלע געדאַנקען האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט: „נאָך נישט אינגאַנצן ניכטער״... און געזאָגט: — מיר וועלן די פראַגע באַהאַנדלען ביי דער זיצונג. — ער האָט די טעמע אָפּגעשניטן. ביים אַוועקגיין האָט ער אים געזאָגט: — טרינקט אַביסל ווייניקער.

— און איר, — האָט יאַן געראָטן זיין פריינט, — זעט, אַז די חברים זאָלן זיך לערנען גוט שיסן! געווער וועט זיין גענוג...

קאַפּיטל אַכט

ליבע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט

1

דעם גאַנצן אָוונט האָט דעמאָלט יעקב גוט פאַרבראַכט ביי פּערעלען. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געוואָרן, ווען יצחק לערמאַן, דער לערער, איז געקומען. ס׳האָט זיך דאַן אַנטוויקלט אַ זייער לעבהאַפטיקער שמועס וועגן דער אַקטועלער טעמע, וועלכע יעקב האָט געהאַט אָנגעהויבן. לעבהאַפטיק, ווייל פּערעלע האָט מיט יעקבן נישט מסכים געווען. דער לערער איז געווען אויף איר זייט. פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער איז אַריינגעקומען, איז זי ביי זיך געוואָרן תקיפדיקער, נישט בלויז, ווייל אין צווייען (קעגן איינעם) איז מען שטאַרקער, נאָר ווייל דער לערער איז אין דעם קעגנשטאַנד, וועגן וועלכן ס׳האָט זיך אַנטוויקלט די דיסקוסיע, געווען מער באַהאַוונט ווי זי. ער האָט נאָך פון פריִער זיך געהאַט אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור וועגן סאָציאַליזם און זי נישט. דער חילוק צווישן פּערעלעס אַרגומענטאַציע און לערמאַנס איז געווען: זי האָט געלאָזט רעדן איר מענטשלעכן שכל, וואָס איז גע־קומען פון איר געפילסוועלט, און די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, וואָס זיינען דיסקוטירט געוואָרן, האָט זי געפּרוווט דערקלערן פון אַ הומאַנעם שטאַנדפּונקט. בעת דער לערער האָט זיך באַמיט די פּראָבלעמען צו באַלויכטן מיט דער לאָגיק פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער. ער האָט קעגן יעקבן אויסגע־שפּילט געוויסע אוטאָפּיסטן, סאָציאַלע עטיקער (אַריינגערעכנט אויך די נביאים) און דעם מענטשנס נאַטור. פּערעלע איז געוואָרן האָפערדיקער ביי זיך, פריידיקער, כמעט גליקלעך. דאָס לעצטע איז נישט געקומען פון נצחון איבער יעקבן, נאָר ווייל איר פריינטשאַפט צו לערמאַנען איז אין דעם מאָמענט געוואָרן גרעסער, טיפער און האַרציקער, צוליב דער איינהייטלעכקייט אינעם דענקען, אינעם פילן און אינעם פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן; ווייל אינעם עיקר, אינעם אידעאַל פון סאָציאַליזם, זיינען ביידע געווען אייניק. זי, די טאָכטער פון געוועזענעם רייכן פאַבריקאַנט, האָט אָנגענומען (ווייל דאָס איז געווען אין איר נשמה) דעם אידעאַ־ליזם פון דעם אָרעמען בלאַכערזשס זון. ווי ער וואָלט פּערעלען אַרויסגענומען די ווערטער פון מויל, ווי מ׳זאָגט, האָט ער זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג: „נאָר נישט קלאַס! נישט פּראָלעטאַריאַט און נישט פיזישער קאַמף״! דאָך, קעגן איין אַרגומענט, וועלכן יעקב האָט אָנגערופן היסטאָרישער פאַקט, האָבן ביידע נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן: אַז דער אַרבעטנדיקער, באַוואוסטזיניקער מענטש האָט קיינמאָל נישט אָנגעהויבן קיין פיזישן קאַמף, נאָר איז תמיד געצוווּנגען געוואָרן זיך צו פאַרטיידיקן קעגן ברוטאַלער געוואַלט.

ווען ר׳ מרדכי גאָלדבלום איז אַריינגעקומען, זיינען ביידע, יעקב און לערמאַן, אַוועקגעגאַנגען. זיי האָבן דאָס געטאָן נישט ווי אומגעריכט געטראָפענע פונעם מיידלס פרומען פאָטער, נאָר ווייל דער געוועזענער פאַבריקאַנט מיט דער געלב־לעכגרויער באָרד, אַ געבראָכענער אין מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט אַזויפיל דרוקנדיקייט מיט זיין שווייגן און מרה־שחורהדיקייט, אַז

די צוויי פריינט האָבן עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן. עטלעכע מינוט האָבן זיי געוואַרט; אפשר וועט ר׳ מרדכי אָנהייבן רעדן, זאָגן כאָטש עטלעכע ווערטער. אָבער ער האָט געשוויגן און אפילו פּערעלע איז פאַרשטומט געוואָרן. דאָס האָט זיי פשוט אַרויסגעטריבן. אינדרויסן זיינען זיי עטלעכע מינוט געגאַנגען שווייגנדיק; איינער צום אַנדערן האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, ווי זיי וואָלטן ביידע שטום גע־וואָרן. זיי האָבן זיך געזעגנט. יעקבן האָט עס פּלוצים אַ צי־געטאָן אַרומצוּנעמען זיין פריינט; נאָר ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. אָבער זיין אויפגעשטורעמט געפיל האָט זיך לערמאַנען איבערגעגעבן דורכן פעסטן דרוק פון יעקבס דאַרער האַנט און דעם בליק אין זיינע אויגן. ביידע זיינען אַוועק יעדער אין זיין זייט.

יעקב האָט זיך ענדגילטיק איבערגעצייגט, אַז פּערעלע האָט ליב זיין פריינט. אַהיימגייין האָט ער אין יענעם מאָמענט נישט געקאָנט. ס׳איז אים איינגעפאַלן: „צו ראבען"! צוויי געפילן האָבן אים אַצינד געצויגן צו איר: אַ פריידיקס, הגם טראַ־גישס, אַז פון איצט אָן וועט ער זיך אינגאַנצן מוזן באַפרייען פון זיין ליבשאַפט צו פּערעלען; ער וועט פון איצט אָן זיך באַמיען צו געהערן מיט זיין גאַנצער נשמה צו ראבען. (אַזוי האָט ער זיך פאַרגענומען). דאָס צווייטע געפיל, וואָס האָט אים געצויגן צו ראבען, איז געווען דער שטאַרקער ווונטש אין דער געליבטער איינ־צופלאַנצן די גרויסע אידייע פון סאָציאַליזם. און דאָך איז ער נישט אַהינגעגאַנגען צו איר. די שטאַרקע, אפשר אַביסל איבערגעטריבענע ערלעכקייט צו זיך, האָט אים צוריקגעהאַלטן. ס׳איז אים אויסגעקומען נישט שיין, אַז אַוועקגייענדיק פון פּערעלען, זאָל ער גלייך אַוועקגיין צו ראבען. נאָך מער: אַצינד, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז פּערעלע האָט ליב זיין פריינט און ער מוז זיך פון זיין ליבע צו איר פולשטענדיק אָפּזאָגן, איז גראָב, מיאוס, גלייך צו לויפן צו ראבען. איז ער דען נישט געקומען פריִער צו פּערעלען, ווייל דאָס געפיל פון ליבשאַפט האָט אים געצויגן צו איר? מען מוז זיין שטרענג און האַרט אין דער אויפריכטיקייט צו זיך! ער האָט אַלץ מער געמוזט דערקענען, אַז געפילן זיינען גאָרנישט אַזעלכע ריינע אומשולדיקע מלאכים ווי אַ סך מיינען. יעדנפאַלס קאָן מען זיך אויפן האַרץ, אָדער נשמה (ווו די געפילן נעסטיקן) נישט מער פאַרלאָזן ווי אויפן קאָפּ (ווו די געדאַנקען נעסטיקן). זיי זיינען ביידע נישט אומפעלערהאַפטיק; ביידע קאָנען זיין באַהאַלטענע שווינדלער. מען מוז אויף ביידע האַלטן אָן אויג. מיטן געדאַנק קאָנט־ראָלירן דאָס געפיל, און פאַרקערט. אָבער אויך דאָן איז מען נאָך נישט אינגאַנצן זיכער, ווייל אָפט העלפן זיי זיך קעגנזייטיק ווי צוויי גנבים.

אַרומשלעפּנדיק זיך איבער די גאַסן פון דער חרובער שטאָט (נישט גייענדיק דערווייל נישט צו ראבען און נישט אַהיים), האָט יעקב ווייטער געפילאָזאָפירט: „פונדעסטוועגן איז אפשר דאָס געפיל דאָך ערלעכער ווי דער געדאַנק, אויב ס׳מישן זיך נישט אַריין קיין אַנדערע מאָמענטן, ווי געוויסן און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. אָבער... קומט דען געוויסן, וואָס צווינגט צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט פון געפיל? נאָך אַ פראַגע האָט זיך אים געשטעלט: וואָס גייט אים אין לעבן אין ראבען איינצופלאַנצן די סאָציאַליסטישע אידייע? פאַרוואָס מוז זי דענקען און פילן ווי ער? סאַראַ מאָדנער ווילן איז דאָס אין מענטש, צו פאַרלאַנגען אַז דער אַנדערער זאָל זיין ווי ער איז! האַרמאָניע... וואָס פאַראַ שרעקלעכער ווונטש! און דאָך...

2

אויפן געלעגער, אויסגעבעט אויף דער ערד, צוזאַמען מיט די צווי ברידער־לעך, האָט יעקב נישט געקאָנט איינשלאָפן. עלף מענטשן אין איין שטוב! אַ שווערע לופט. שמוץ און אומפּלייט. דער סופר האָט געהוסט און געקרעכצט. אַ פאַרצווייפ־לונג האָט אַרומגעכאַפּט יעקבן. דאָך זיינען זיינע געדאַנקען און געפילן אַצינד געווען ביי ראַבען. פּלוצים האָט ער זיך געפרעגט: „ליבט זי מיך?" אין מאָמענט איז אים די דאָזיקע פראַגע אויסגעקומען מאָדנע. ער האָט זיך אַפילו פאַרגעוואָרפן: „ווייל מיינע געפילן צו איר זיינען פאַרפלאָנטערט, איז מיר איינגעפאַלן דידאָזיקע פראַגע". אָבער דער צווייפל אין ראַבעס ליבע האָט אים מער נישט אָפּגעלאָזט און אין זיין קאָפּ האָט זיך אויפגעמישט דאָס בלעטל געשיכטע, ווען זיין ליבע צו איר און אירע צו אים האָט זיך אָנגעהויבן. ער איז אַלט געווען אַ יאָר 17, ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין איר. אפשר דריי יאָר האָט ער נישט געוואַגט מער ווי אַ גלעט צו טאָן אירס אַ האַנט, און די האַנט צו האַלטן אין זיינער, ווען ער איז געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן. (יעדער איז געקומען מיט אַ באַזונדערן וועג ערגעץ הינטער דער שטאָט, אָדער אין וואַלד, ס'זאָל זיי קיינער נישט זען). די ריינקייט פון זיין באַציִונג צו איר איז געווען אַ נאַיִווע. דאָך האָט ער דאָס קיינמאָל נישט באַדויערט, ווייל ס'איז געווען אַ סך שיינקייט און גליקזעליקייט אין דערדאָזיקער נאַיִווער ריינקייט. בלויז מיט אַ שטומען צנועהדיקן בליק האָט ער געקוקט אויף איר, שעמעוודיק געגלעט אירע האָר. ער האָט מיט איר גערעדט וועגן די ביכלעך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן לייענען נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און מער נישט געגלייבט אין גאָט, וועגן די לידער פון איר ברודער, וועלכע זי האָט אים געגעבן צו לייענען. ביז יענעם פרייטיק, ווען איר קוזין איז פּלוצים געקומען פון אָדעס.

פאַר יעקבן איז דאָס בילד פון יענעם פרייטיק אַרויסגעשווומען באַזונדערס לעבעדיק: אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, זיך שבתדיק אָנגעטאָן און איז אַהינגעגאַנגען צו ראַבען. אַריינקומענדיק צו איר, האָט ער זי געטראָפן זיך „פּרווון אין כוח" מיטן קוזין: אַן אויסגעפּוצטער פּאַצעט אין אַ ווייסן אָנצוג, אין אַ פּאַנאַמע־הוט, אין ווייסע שיך און מיט אַ גאָלדענעם סיגנעט אויף אַ פינגער. ער האָט געהאַלטן ראַבעס ביידע הענט אַרונטערגעדרייט אויף איר רוקן, אַזוי אַז זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס ברוסט צו ברוסט. אַ שיינער יונג, מיט בלאָנדע אַרויפגעדרייטע וואָנצעלעך און שטאַרק פּאָמאַדירט און פּאַרפיומירט, אַז ס'האָט געשמעקט פון אים אפשר אויף אַ וויאָרסט ווייט, ווי מ'זאָגט. ער האָט ראַבען געדרוקט צו זיך און געשפּאַסט: „נו, ווער דיך"... זיי זיינען געווען אַליין.

דערזעענדיק יעקבן האָט זי לייכט און פלינק זיך באַפרייט פון הערמאַנען און אים פאַרגעשטעלט:

— מיין קוזין!

עטוואָס צעטומלט, האָט זי אים געפרעגט:

— דערמאָנסט זיך אין אים, הערמאַן? ער איז דעם סופרס אַ זון. ווען דו ביסט אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס האָט ער נאָך געלערנט אין בית־המדרש. איצט איז ער אַ קאָמאַשנמאַכער.

יעקב איז געקומען צו זיין געליבטע, ווי כמעט יעדן פרייטיק, צו כאַפּן מיט איר אַ קליינעם שפּאַציר, ווען איר פאָטער איז ביים דאַווענען, און אויפן וועג זיך אָפּצורעדן, ווו זיך צו טרעפן שפּעטער נאָכן עסן. יענעם פרייטיק פאַרנאַכט איז ער מיט איר שוין נישט געגאַנגען. ביים אַוועקגיין האָט ער זי געפרעגט, ווו ער זאָל זיך מיט איר טרעפן שפּעטער. דערויף האָט זי אים געענטפערט, אַז די מוטער גיט איצט אויף איר שטאַרק אַכטונג, זי וועט זיך נישט קאָנען אַרויסגנבע־נען פון שטוב. אויסערדעם טוט איר וויי דער קאָפּ און נאָכן עסן וועט זי זיך אַוודאי באַלד לייגן שלאָפן. נאָר יעקב האָט דעמאָלט זיין געליבטער עפּעס נישט געגלייבט. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט זי חושד געווען אין ליגן. און ער האָט פאַרן עסן, ווען איר פאָטער און זיינער זיינען געווען ביים דאַווענען, און אויך נאָכן עסן, זיך אַרויסגעלאָזט נאָכשפּיאָנירן זיין געליבטער. ביידע מאָל האָט ער זי געטראָפן גיין געאָרעמט אויף באַהאַלטענע וועגן מיט איר קוזין, דעם פריזירער פון אָדעס.

דערדאָזיקער הערמאַן איז געבליבן דעם גאַנצן זומער. כמעט יעדעס מאָל, ווען יעקב איז געקומען צו זיין געליבטער, האָט ער זי געטראָפן מיט אים, אָדער זי איז נישט געווען אין דער היים. דאָך האָט ער זי ווייטער געליבט, און אפשר נאָך שטאַרקער. אָבער זיין ליבע איז שוין מער נישט געווען ריין און אומשולדיק ווי פריִער, נאָר ליידנשאַפטלעך און באַגערנדיק. און ווען דער פריזירער איז צו־רוק אַוועקגעפאָרן, איז זי מיט יעקבן ווידער געגאַנגען שפּאַצירן ווי אַמאָל. אָבער ער האָט זיך שוין גאַנץ אַנדערש באַנומען... זי האָט זיך נישט געוואונדערט, ביז זי האָט אים איינמאָל געזאָגט, אַז זי איז שוואַנגער. אין וויפלטן חודש? זי ווייסט נישט. יעקבן איז אין יענעם מאָמענט קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים. ביסלעכווייז האָט אין זיין האַרץ זיך גענומען פאַרגנבענען אַ געפיל, אַז זיין געליבטע איז אפשר שוואַנגער געוואָרן פון איר קוזין. ער האָט געקעמפט קעגן דאָזיקן חשד, זיך אַפילו געזידלט, אַז דאָס איז געמיין פון אים, אַז ער וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט; אָבער דאָס, וואָס זיין געליבטע האָט נישט געוואָלט אָנגעבן, אין וועלכן חודש זי איז שוואַנגער, נאָר אַלץ געענטפערט, אַז זי ווייסט נישט, האָט זיין חשד געשטאַרקט. איז געבליבן ביי אים, אַז זי זאָל גיין צו דער אַקושערקע, וועגן וועלכער מ׳האָט אין שטאָט גערעדט, אַז זי העלפט אין אַזעלכע זאַכן. (ער איז דאַן שוין נישט געווען אַזוי נאַיִוו). ראבע האָט דאַרויף געענטפערט, אַז צו דער אַקושערקע וועט זי נישט גיין, ווייל מ׳וועט דערנאָך אין שטאָט אַלץ וויסן. און זי וועט דאָך מוזן ליגן אין בעט. די מוטער וועט זי נעמען אויספרעגן. אָבער זי האָט אַן עצה: אַוועקפאָרן קיין וואַרשע. איר ברודער... דער פאָטער, פאַר אים וועט זי זיך נישט שעמען; ער האַלט פון פרייער ליבע... ער וועט איר שאַפן אַן אַקושערקע אָדער אַ דאָקטער...

יעקב איז מסכים געווען:

— אַ גוטער איינפאַל. איך פאָר מיט. מיר וועלן זיך טרעפן ביי דער באַן. מיינע עלטערן וועל איך זאָגן, אַז איך וויל נישט מער אַרבעטן הי, אַז אין וואַרשע וועל איך פאַרדינען מער. אפשר וועל איך טאַקע שוין דאָרט בלייבן, און דו אויך.

יעקב האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. פאַר זיינע אויגן איז אַרויס־געשוווּמען אַ האַלב־טונקל צימער... ביי ביידע פענצטער זיינען די ראָלעטן אַראָפּ־

געלאָזט... ראבע ליגט אויף אַ שוואַרץ־צעראַטענער סאָפע... ער שטייט פאַר איר אויף די קני׳ען און האַלט זי פעסט אַרומגענומען... אירע קאַלטע, ציטערנדיקע הענט אין זיינע... די נעגל פון אירע פאַרקראַמפּטע פינגער שניידן זיך איין אינעם פלייש פון זיינע דלאָניעס... די אַקושערקע שטייט הינטער זיין רוקן און איז באַ־שעפטיקט מיט ראבעס אונטערשטן טייל גוף... ראבע צוקט אַלעמאָל צוזאַמען... זי וויל שרייען, אָבער ער לייגט זיך אַרויף מיט זיין ברוסט אויף איר מויל... אַזוי האָט די אַקושערקע אים געהייסן טאָן... ער קושט אירע קאַלטע ליפּן, ווישט דעם קאַלטן שוויס פון איר שטערן... אַ ריח פון עטער און קאַרבאָל...

— ס׳איז אַ פיר־חדשימדיק קינד, — האָט די אַקושערקע געזאָגט... — זי האָט אים געוויזן אַ רויט שטיקל פלייש: — זעט! מ׳דערקענט שוין די פּאָרמען, די הענטלעך און די פיסלעך, דאָס קעפּעלע און אַפילו די אייגעלעך... דידאָזיקע צוויי בלויע פינטעלעך זיינען אייגעלעך...

ראבע איז געווען בלאַס, איר לייב אָפּגעדעקט... זי האָט געפּישטשעט ווי אַ קראַנק קינד:

— מיר איז נישט גוט...

די אַקושערקע איז פלוצים דערשראָקן געוואָרן: „אַ בלוטשטורץ״! פון בײדע זייטן סאָפע האָט דאָס בלוט גערונען אויף דער פּאָדלאָגע... די איינשפּריצונגען און די טראָפּנס האָבן ס׳בלוט נישט פאַרהאַלטן... די אַקושערקע האָט טעלעפאָנירט נאָך אַ דאָקטער... יענער איז געקומען...

ווען יעקב איז איינגעשלאָפן האָט זיך אים געחלומט וועגן געשאָכטענע מענטשן.

3

ביים אויפכאַפּן זיך אינדערפרי האָט ער גאָרנישט געדענקט. שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט וועגן חלום און געטראַכט, אַז ער קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די בילדער פון דער מלחמה, די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן מיט פאַרבלוטיקטע באַנ־דאַזשן, וועלכע ער האָט געזען פירן אויף פויערישע וועגעלעך. נאָר דאָס בילד וועגן ראבען פאַרן איינשלאָפן איז ווידער געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. דער סופר איז נאָך געשלאָפן. ס׳איז נאָך געווען פרי און נאָך אַ גאַנצע נאַכט הוסטן איז דער קראַנקער ערשט פאַרטאָג קוים איינגעשלאָפן. די שויבן זיינען געווען געפרוירן. אין דער שטוב: אַ דיקע זיסלעכזויערע לופט, אַ טוכלע לעבלעכקייט, כאָטש אין דרויסן איז געווען אַ פראָסט; אָבער אין די בייגער האָט די דאָזיקע לעבלעכקייט געשווידערט מיט פוילקייט ערגער ווי די קעלט. חוץ יוכבדן זיינען אַלע נאָך גע־שלאָפן. זעענדיק, אַז איר זון יעקב איז שוין אויפגעשטאַנען, איז זי אויך אַרויס־געקראָכן פון איר הילצערנעם בעט. יעקב האָט מיט אַביסל וואַסער זיך באַנעצט די הענט און דאָס פּנים, וואָס האָט געהייסן זיך וואַשן, און באַלד זיך אָנגעטאָן. מיט אַ טרויעריקן בליק האָט ער פאַרן אַוועקגיין זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט אין דער שטוב, אַ צעטיילטע איצט דורך די אויפגעהאָנגענע איבערדעקן פון די בעטן, אַ שטוב, אין וועלכער ס׳האָבן געהויזט עלף מענטשן. די מייסטע זיינען געשלאָפן אויסגעבעט אויף דער ערד. און יעקב האָט זיך געמוזט היטן מיט יעדן טריט

נישט אַרויפּצוטרעטן אויף ווּעמען. ס׳האָט אים באַהערשט אַ גרויסער צער. נאָר אינדרויסן האָט די אייזיקע לופט אים דערפרישט. ער האָט איצט געהאַט עטלעכע האַלבע טעג אַרבעט ביי זיין פאַך.

דעם גאַנצן טאָג, באַזונדערס אויפן וועג צו ראַבען נאָך דער אַרבעט, איז פאַר יעקבן געשטאַנען דאָס בילד פאַרן איינשלאָפן. זיין האַרץ איז איצט געווען פול מיט ליבע און מיטלייד צו זיין געליבטער, וואָס האָט אַזויפיל איבערגעלעבט דעמאָלט אין וואַרשע און דערנאָך ווען זי איז צוריקגעקומען, ווייל אין שטאָט האָט מען אַלץ געוווסט. אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך נישט געקאָנט ווייזן אין גאַס. מענטשן האָבן איר נאָכגעטייטלט מיט די פינגער און נאָכגערופן מיאוסע ווערטער. די מוטער האָט זיך אָנגעשטויסן וועגן וואָס איר קינד פאַרט קיין וואַרשע... ווען זי איז צוריקגעקומען, איז זי געווען צו איר זייער גוט, האָט זי אָפּגעהיטן מיט עסן און נישט געלאָזט שווער אַרבעטן. ראַבע האָט יעקבן דערציילט, ווי גוט און ווי טאַקטפול די מוטער איז צו איר און ער האָט מלכהלען (ראַבעס מוטער) נאָך מער געשעצט ווי פריִער. נו, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגעסן די גאַנצע מעשה מיט הערמאַנען.

אַריינקומענדיק אין אַלקערוש, וואָס מירעלע האָט אָפּגעגעבן אירע עלטערן אין דער קאָוויאַרניע פאַרן דייטשן מיליטער, האָט יעקב געטראָפן ראַבעס פאָטער אין דער יאַרמעלקע איבער אַ ספר. דעם שטערן האָט ר׳ דוד יואל געהאַלטן אָנ־געשפאַרט אויף דער שלאָבעריקער, טונקלרויטער, כמעט ליליאַר האַנט, אַ צע־שפּרייטע ווי אַ דעכעלע פאַר די אויגן. אַ סך חדשים אין יאָר האָט ר׳ דוד יואל פאַרברענגט ביי זיין רבין, ווייניק זיך דאגהדיק פאַר פרוי און קינדער. נאָר זינט דער רבי איז קראַנק געוואָרן און געוווינט אין וואַרשע, איז ר׳ דוד יואל געבליבן אין דער היים. מיט אַ וויילכן טאָן, וואָס האָט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף יעדן באַגעגענען מיט אַ „פּנים יפות״, האָט ער יעקבן געענטפערט אויף זיין באַגריסונג. ער האָט געוווסט, אַז דעם סופרס זון איז געקומען צו זיין טאָכטער; ער האָט אויך געוווסט, וואָס ס׳האָט אַמאָל געטראָפן מיט איר, אַז דערדאָזיקער יונג איז אַ גרויסער פּושע, אַ מורד במלכות; אָבער ער האָט זיך געמאַכט כלא־ידע, פונקט ווי ער האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק וועגן דער מלחמה. ער האָט איבערגעריסן דאָס לערנען, פאַרמאַכט דאָס ספר און מיט אַ קול ווי אַ טויב, וואָס וואָרקעט, האָט ער געבעטן זיין פרוי:

— מלכהלע, קאָנסט מיר אפשר געבן אַ גלאָז טיי? אפשר אויך אַ קיכל צום צובייסן. ווייסט דאָך... כ׳מוז זען מיך אונטערצולענען, נישט צו פאַלן פון די כוחות. קרעפּטיקן ס׳האַרץ. — ער האָט געקרעכצט: — אוי... אַלץ וועגן דעם פּוס, לא עליכם. — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר יעקבן. — דער רעכטער פּוס. כ׳קאָן אים נישט אויפהייבן; כ׳מוז אים שלעפּן, ווען כ׳גיי. איי, איי, איי... נו, גיי, מלכהלע, ברענג מיר אַ גלאָז טיי מיט פיר שטיקלעך צוקער. מ׳זאָגט, אַז צוקער לייטערט ס׳בלוט. און אַ קיכל, מלכהלע. פאַרגעס נישט, כ׳בעט דיך. דאָס איז דאָך פאַר מיר ווי אַ רפואה.

ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט, ווי ער וואָלט די רפואה געוואָלט דערהאַלטן פון הימל. מלכהלע איז די גאַנצע צייט געווען באַשעפטיקט מיט עפּעס. ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ר׳ דוד יואל (פאַר יוצא וועגן) געפרעגט יעקבן:

— און וואָס מאַכט דער טאַטע דיינער? און דו אַליין? בקי הבריאות? דאָס איז דאָך דער עיקר. אַרבעט... מילא... דער הקדוש ברוך הוא פאַרלאָזט נישט.

אין דעם מאָמענט איז מלכהלע צוריקגעקומען מיט טיי און אַ קיכל און עס אָוועקגעשטעלט פאַרן מאַן. ער האָט זיך גלייך צוריק אויסגעדרייט צום טיש, נישט מער געזען נישט יעקבן, נישט די פרוי. דאָס גלאָז האָט ער צוערשט אַרומגענומען מיט ביידע הענט, זיך אַריבערגעבויגן דעריבער, און דאַן געמישט מיטן לעפעלע.

— טאָקע פיר שטיקלעך צוקער? — האָט ער ווי געדעדט צום גלאָז. באַקומענדיק דעם ענטפער פון דער פרוי: „יאָ, פיר שטיקלעך, פיר שטיקלעך", האָט ער הויך געמאַכט „שהכל" און גענומען זופּן די טיי. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ „בורא מיני מזונות" און אָפּגעביסן אַ שטיקל קיכל. אַוודאי האָט ער געוווסט, אַז אויב מען מאַכט אַ „בורא מיני מזונות" פריִער, איז מען יוצא אויך פאַר דער טיי; „אָבער", האָט ער אַמאָל זיין פרוי, וואָס האָט געוווסט אַביסל אין די קליינע אותיות און איר מאַן געפרעגט דעריבער, געענטפערט: „אַז מ'קאָן דעם רבונו של עולם לויבן צוויי מאָל — פאַרוואָס זאָל מען זיך וועלן איינשפּאָרן? פאַר יעדער ברכה, וואָס מען מאַכט, פאַר יעדער מצווה וואָס מע טוט, איז דאָ אַ שכר".

קערפּערלעך איז מלכהלע געווען דאָס קעגנטייל פון איר מאַן. ער איז געווען ברייט, פון אויבן ביז אַראָפּ פּירעקעכדיק, נידעריקער פון מיטלגרויס און געפּאַקט. זי — נישט גרעסער פון אים, אָבער שמאָל און דאַר. איר מאַן איז תמיד געגאַנגען פּאַמעלעך, האָט זיך אָפּגעהיטן ס'געזונט. זי האָט געשוועבט מיט לייכטע טריט און געטאָן די שווערסטע אַרבעט, ווייל זי איז שטענדיק געווען די פּרנסה־געבערין. איר מאָנס פּנים, מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד נאָר געמישט מיט אַ סך בלאָנדע האָר, איז געווען אָנגעגאָסן מיט אַ רויטער געזונטקייט, געקעכלט. שוואַרצע אויגן. אַ פעטער קאַרק. איר פּנימל איז געווען קליין, שמאָל, הויט און ביין, צעקנייטשט, אָבער פול מיט לעבן, ווי ביי אַ יונג מיידל, מיט רויטע „יצר־הרע־בלעטערלעך", צומייסט אויף דער שפּיציקער גאָמבקע. די קליינע גרויע אויגן האָבן געפינקלט און חוזקדיק געשמייכלט פון קלוגשאַפט. דורכן געל־אָפּגעבלאָקעוועטן שיטערן שייטל האָט מען געקאָנט זען, אַז זי איז שוין גרוי. חוץ עטלעכע פּניאַקעס האָט זי מער קיין צאָן אין מויל נישט געהאַט. אָבער ס'האָט געשפּראָצט פון איר ברען, ווי זי וואָלט אַלט געווען נישט 50, נאָר 17, 18 יאָר. אַ הייטער געמיט. פאַר יעדן האָט זי געהאַט אַ לצעלע מיט אַ גראַם, דווקא ווען יענער איז געווען טרויעריק.

ווען יעקב איז אַריינגעקומען האָט זי זיך געמאַכט ווי זי וואָלט אים נישט באַמערקט; אָבער נאָכן אָוועקשטעלן פאַרן מאַן די טיי מיטן קיכל, האָט זי צו אים אַ ווונק געטאָן, ער זאָל מיט איר גיין אין איר ווינקל אַריין, ווו זי איז די גאַנצע צייט פריִער געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים און געווען שטאַרק באַשעפטיקט.

— זעץ דיך אַנידער, דאָ אויף מיין בעטל!

זי האָט מיט ליבשאַפט אַנגענומען יעקבן ביי אַ האַנט און אים אַנידערגעזעצט. פאַר איר איז ער געווען אַן איידעם. אָבער נישט בלויז ווייל זי האָט אים געהאַלטן פאַר איר קינד האָט זי אים ליב געהאַט, נאָר ווייל ער איז איר געווען מער איינגעבאַקן אין האַרץ אַפילו פונעם איצט איינציקן זון אין וואַרשע, דער „באַרימטער אין די בלעטער". טאָענדיק ווייטער איר פריִערדיקער אַרבעט, האָט זי יעקבן געזומען אויספרעגן:

— אַצינד דערצייל מיר: פונוואַנען קומסטו? פון דער היים? פון דער אַרבעט? אָדער גאָר פון ערגעץ אַנדערש?

חוץ דעם, וואָס יעקבן איז אַצינד נישט געווען פריילעך אין האַרץ, האָט אים גענאָגט דער הונגער. אָבער אין מלכהלעס קעגנוואַרט איז ער געוואָרן גוט אויפ־געלייגט און ס׳האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו שפּאַסן. אויפן בעטל זיינען געווען אָנגעלייגט פאַרשידענע אַלטע זאַכן: הויזן, וואַטענע שפּענצערס, אַ צווי קאַפּעטעס, ווייבערישע זאַכן און אַביסל וועש. כמעט קיין איין זאַך איז נישט געווען גאַנץ. מלכהלע האָט געהאַלטן ביים פאַרריכטן און פאַרלאַטן זיי. יעקב האָט געוווּסט, אַז זי האָט זיי, צוזאַמען מיט רחל קלמנס, צוזאַמענגענומען אין דער שטאָט צו פאַר־טיילן צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן נישט וואָס אָנצוטאָן; אָבער ער האָט גע־וואָלט אַביסל שפּאַסן און אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט ער געפרעגט:

— איר האָט אייך גענומען צום האַנדל מיט אַלטע זאַכן?

זי האָט געענטפערט נייענדיק:

— יאָ, אַ ווילער האַנדל...

— אַליין צי מיט אַ שותף?...

— מיט אַ שותף, אַוודאי, מיט אַ רייכן שותף...

— ווער איז ער דאָס? — יעקב האָט געוווּסט, וועמען זי מיינט; אָבער ער האָט אויך געוווּסט, אַז זי גלייבט שוין נישט ווי אַמאָל.

מלכהלע האָט זיך כלומרשט געבייזערט:

— גיי, ווער פאַרדאָסט... דו ענטפער מיר בעסער, וואָס איך האָב דיך גע־פרעגט: פונוואַנען קומסטו איצט?

יעקב האָט ווייטער געשפּאַסט:

— כ׳קום... אָבער איך וויל פריִער וויסן, צי איר פאַרדינט אַ סך געלט...

— אַ סך, גאָר אַ סך... — האָט מלכהלע מיטגעהאַלטן דאָס שפּאַסן. — דאָס גאַנצע געלט וועלעך דיר אָוועקגעבן... איצט אָבער זאָג מיר, פונוואַנען דו קומסט: פון דער היים?

— ניין.

— פון דער אַרבעט?

— פון... ניין, פריִער וויל איך וויסן, צי אַ סך און ווו כ׳וועל דאָס געלט קריגן, אויף דער צי אויף יענער וועלט?...

מלכהלע האָט יעקבן אַ שטופּ־געטאָן און אים צוגעוואָרפן אַ קלוג־חוזקדיקן בליק:

— גיי, ביסט אַ גויעץ!... כ׳וועל דיר געבן אַ וועקסל... — אויף יעקבס ווונק וועגן מאַן אירן, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט: — ער הערט נישט... ווען ער האָט אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכל, קאָן די גאַנצע שטוב, די גאַנצע שטאָט, אַפילו די גאַנצע וועלט זיך איבערדרייען. אָבער דו פאַררעדסט מיר די ציין. כ׳זע שוין, דו קומסט נישט פון דער היים און דו האָסט נישט געגעסן. כ׳האָב ראַבען געזאָגט, אַז דו ביסט דאָ. זי האָט אַוודאי נאָך נישט געקאָנט זיך אַריינכאַפּן אַהער כאָטש אויף אַ פערטל שעה. קיין שום עין־הרע; אַ פולע שטוב מיט מענטשן דאָרט! צו־מייסט זעלנער, פאַרשטייט זיך, אָבער אויך ייִדן. כ׳וועל אַריינגיין איר נאָכאַמאָל זאָגן. און דו גיי צו צום טיש! גיכער! אַז דו ווילסט, וואָש דיך, שאַדן וועט עס דיר נישט.

יעקב האָט זיך געוועדט:

— כ'וועל אַריינגיין דרינען און מיר הייסן געבן עפּעס. כ'האָב היינט גע־אַרבעט מער ווי אַ האַלבן טאָג.

מלכהלע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— הינען וועסטו בלייבן! דאָרט איז נישט פאַר דיר! דו ביסט נישט קיין דייטשער זעלנער, און נישט קיין שמוגלער! גיי צום טיש! שפּילסט קאָמעדיע...

ר' דוד יואל האָט באַמערקט, אַז זיין פרוי גייט אַריין אין דער קאַוויאַרניע און איר נאָכגערופן:

— מלכהלע... מלכהלע... נאָך אַ גלאָז טיי.

— מיט פיר שטיקלעך צוקער, — האָט זי אים געענטפערט ביי דער טיר און נאָכגעמאַכט ווי ער רעדט. — צוקער לייטערט ס'בלוט... און אַ קיכל... כ'בעט דיך. דאָס איז דאָך פאַר מיינעט וועגן ווי אַ רפואה...

דער מאַן האָט זיך געבעטן ביי איר, וואָרקענדיק ווי אַ טויב:

— אַ גרויסע מצווה וועסטו האָבן און אויך שכר, גרויס שכר.

— אויף יענער וועלט... — האָט זי אַ זיפץ געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען.

4

ווען ראבע איז אַריינגעקומען, איז פון יעקבס פּנים פאַרשוווּנדן דער טרויער און די צעוויטיקטקייט. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער איז געוואָרן שענער, זיין מאַלפּע־פּנים ליבלעך און באַחנט. יעקב האָט געקאָנט זיין זייער גליקלעך, ווען ער האָט געזען אַ שיינע מענטשלעכע טאַט; ווען ער האָט געלייענט וועגן מענטש־לעכער גרויסמוטיקייט, העראָישקייט, פאַרברידערונג; אַז גערעכטיקייט האָט טריומ־פירט; אַז ליבע און גוטסקייט האָט מנצח געווען. דאַן האָט ער פאַר פרייד געהאַט טרערן אין די אויגן. איצט האָבן זיי געשטראַלט מיט האַרציקייט און ליבשאַפט צו ראבען; מיט געבעטט אים מוחל צו זיין זיינע געפילן, וואָס ער האָט אַ שטיקל צייט געהאַט צו פאַרעלען הינטער איר ווינסן. ער האָט איר קיינמאָל נישט דערציילט וועגן זיי און דאָס איז אים געלעגן אויפן געוויסן. נאָר ראבע האָט נישט באַמערקט, וואָס אין איר געליבטנס נשמה טוט זיך. אינעם אוסדרוק פון איר פּנים האָט יעקב נישט געקאָנט זען, צי זי פרייט זיך מיט זיין קומען, צי איז זי גלייכגילטיק. ניין, דאָס אויך נישט. אירע אויגן זיינען געווען כמעט דיזעלבע ווי דער מוטערס; ס'האָט אָבער געפעלט אין זיי די וואַרעמקייט, די קלוגלאַכעדיקע שטראַלנדיקייט. אין איר בליק איז געווען עפּעס ווי פאַרגליווערטער שרעק און באַשולדיקונג. טיילמאָל האָט זיך יעקבן געדאַכט, אַז פון אירע אויגן קוקט אַרויס תאווה; אָבער ער האָט זיך שוין גענוג איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט אַזוי. איז זי קלוג? אַ סך מאָל איז אים אויסגעקומען, אַז יאָ, אַז זי איז קליגער פון אים.

מלכהלע איז צוריק אַריינגעקומען. זי האָט נישט ליב געהאַט צו זיין צו לאַנג אין איר טאָכטערס קאַוויאַרניע. פריִער איז זי דאָרט געבליבן, כדי ראבע זאָל קאָנען אַריינגיין צו יעקבן. זי האָט נאָך אַ סך צו טאָן ביי די אַלטע צוזאַמענגע־זאַמלטע זאַכן. אויך האָט זי ליב געהאַט צו שמועסן מיט יעקבן. ווען זי איז צוריק־

געקומען, האָט ער זיך געשפּאַרט וועגן עפּעס מיט ראבען. כאַפּנדיק, אין וואָס ס׳גייט, האָט זי זיך אַריינגעמישט:

— ס׳איז ווי יעקב זאָגט, ראבע; ער איז גערעכט: דער מענטש קאָן נישט לעבן בלויז פאַר זיך אַליין, קיין שום מענטש קאָן עס נישט.

זי האָט אויף אַלץ ליב געהאַט צו ברענגען אַ משל און פלעגט אים גלייך געפינען:

— נאַ דיר אַ ביישפּיל, מיין קינד. דיין טאַטע. ער איז אַ גרויסער שלימ... דערצו טוט אים איצט נאָך ווי אַ פּוס. וואָס וואָלט ער געטאָן?

ראבע האָט איבערגעשלאָגן דער מוטער:

— איך מיין דאָך נישט...

מלכהלע האָט זי נישט געלאָזט ווייטער רעדן:

— אָוודאי, איך בין זיין ווייב. מירעלע, און אויך דו, דו אַרבעטסט דאָך ביי איר, גיט אונדזביידע צום עסן און ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן; אָבער אַנדערע מענטשן, מער ווי אַ העלפט פון דער שטאָט, זיינען געבליבן אָן פּרנסה, אַ סך פון זיי האָבן קיין העמד נישט אויפן לייב. וואָס זאָלן זיי טאָן?

— וואָס זיי זאָלן טאָן? — האָט ראבע איבערגעפרעגט אין אַ פאַרלעגנהייט.

— דו, רחל קלמנס, און נאָך אַזעלכע... דו ווייסט, וואָס איך מיין, מאַמע... דערנאָך וועלן דידאָזיקע מענטשן, ווי פאַר דער מלחמה, ווידער אָנהייבן פאַרדינען; ביי אַרבעט, ביי האַנדלען — זיי וועלן ווייטער טאָן, וואָס זיי האָבן שטענדיק געטאָן. טייל גייט איצט גאַנץ גוט, אַפילו בעסער ווי אַמאָל.

יעקב האָט געפרעגט:

— מיינסט די שמוגלער?...

— יאָ, — האָט ראבע געענטפערט. — סאַראַ נפקא מינה וואָס מ׳טוט? אַבי מ׳פאַרדינט געלט. זיי גנבענען נישט, הרגענען נישט קיין מענטשן, טאָן קיינעמע גאָר נישט, נעמען ביי קיינעמען גאָרנישט אַוועק.

יעקב האָט זיך כמעט צוזאַמענגעקאָרטשעט, ווי תמיד, ווען ער האָט פון ראבעס מויל געהערט ענלעכע רייד. ער האָט זיך כמעט ווי געבעטן ביי איר: „ראבע״... ווידער האָט ער, ווי אַ סך מאָל שוין, געפּרוּווט אין קורצן איר קלאָר מאַכן, אַז דאָס לעבן פון די מענטשן, פון אַלע אין דער גאַנצער וועלט, איז ווי פון איין משפחה. ער האָט גענומען מלכהלעס ביישפּיל פון פריער:

— שטעל דיר פאָר, ראבע: דאָ לעבן זיבן מענטשן; זיי זיינען איין משפחה. ווען זיי זאָלן האַנדלען איינער קעגן דעם אַנדערן אַזוי ווי ס׳האַנדלען די מענטשן, וואָס געהערן זיך גאָרנישט אָן איינער מיטן צווייטן!...

ראַבע האָט טריומפירט:

—מיין אייגענע שוועסטער און מיין אייגענער שוואָגער נוצן מיך אויס וויפל זיי קאָנען! איך אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דו ווייסט עס, יעקב. זיי ווערן רייך. איך — כ׳קריג צו עסן, ווו צו שלאָפן, און אַז כ׳וועל מיר דאַרפן עפּעס קויפן, וועל איך קריגן געלט. אָבער נישט מער. אַזוי איז עס, ס׳איז זייער קאָוויאַר־ניע. איך וואָלט געטאָן דאָס אייגענע, ווען איך וואָלט געווען אויף זייער אָרט.

זי האָט געזען, אַז יעקב ליידט פון דעם, וואָס זי זאָגט, און גענומען אויף אַ פריינטלעכן אופן אים באַרויקן, אַז זי איז גערעכט מיט איר שטאַנדפּונקט: — זע,

בערנפעל... ר׳ יאָסל... און די אַנדערע... די אַרבעטער? — די אָרעמע? אַז זיי קאָנען, טוען זיי דאָסזעלבע. אַבראַמטשיק, דוד און נאָך עטלעכע, דיינע חברים, זיינען אויך געוואָרן שמוגלער. אַפילו הערש... יעדער זאָרגט קודם פאַר זיך. דו זאָגסט: די גאַנצע וועלט. איך קען בלויז די היגע מענטשן, אויך נישט אַלע, בלויז אַ קליי־נעם טייל; און אויך זיי גייען מיך נישט אָן, פונקט ווי איך גיי זיי נישט אָן. ווילסטו, אַז די מענטשן, וועלכע איך קען אַפילו נישט, זאָלן מיך אָנגיין?

מלכהלע האָט זיך ווידער אַריינגעמישט:

— מיין קינד... פאַרוואָס פאַרשטייי איך אים?...

יעקב איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. אים איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין דעם, צו באַזיגן זיין קעגנער, און אוודאי נישט, ווען דער קעגנער איז געווען ראבע. ער האָט זיך תמיד גוט צוגעהערט צו אַן אַנדערנס מיינונג. און אויב יע־נעמס מיינונג איז געווען ריכטיק, האָט ער יענעם געגעבן רעכט. דאָס, וואָס ראבע האָט געזאָגט, וואָס די מייסטע מענטשן זאָגן, איז נישט ריכטיק. זיי זיינען נישט אימשטאַנד צו זען אַפילו דאָס, וואָס זיי זעען: אַז זיי זיינען קרבנות פונעם הערשנ־דיקן צושטאַנד. זיי אורטיילן פון זיך אַליין, ווי זיי זיינען, און נישט ווי זיי וואָלטן געקאָנט זיין, ווען ס׳וואָלט געווען אַנדערש. ער האָט ווייטער גערעדט מיט איר, זיך באַמיט, זי איבערצוציייגן, אַז זי זאָל זען אַביסל ווייטער. אָבער ער האָט גאָר־נישט געקאָנט דערגרייכן ביי איר. האָט ער געמוזט ברענגען דעם באַווייז, וועלכן ער האָט נישט געוואָלט, און מיט אַ ציטערדיק קול געזאָגט:

— די מלחמה, ראבע... דיינס אַן אייגענער ברודער...

מלכהלע האָט זיך צעוויינט. ר׳ דוד יואל האָט געטאָן אַ פרומען קרעכץ, ער האָט צוריק אויפגעמישט דאָס ספר און זיך ווידער פאַרטיפט דערין. ראבע האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אָבער פון דער קאָוויאַרניע האָט מירעלעס און דעם שוואָגערס קול זי צום פערטן מאָל שוין גערופן און זי האָט געמוזט גיין.

יעקב איז אַוועקגעגאַנגען, ווען ס׳איז שוין געווען טונקל אינדרויסן. ער איז געגאַנגען צו יוזשעקן, אים זאָגן, ווו ס׳וועט זיין די פאַרזאַמלונג. ער האָט אים גע־טראָפן אין דער היים, זיצנדיק מיט כעליאַן אויף אַ הויכן גרינגעפאַרבטן קופערט. אין שטוב איז געווען טונקל, ווייל דעם קליינעם נאַפטלאָמפּ האָט מאַטעוס אויפ־געהאָנגען אויף אַ נאָגל, אַריינגעקלאַפּט אין ביישטידל פון פענצטער, ווו ס׳איז גע־שטאַנען דער וואַרשטאַט זיינער. אין דער קאַמער האָט ער דאָך נישט געקאָנט אַרבעטן, ווייל ס׳איז דאָרט געווען צו קאַלט. יעקב האָט ליב געהאַט דעם ריח פון האָלץ, וואָס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז ביים עפענען די טיר. ער האָט אויפגעהויבן אַ זשמעניע טראָטשינעס, זיי צוגעטראָגן צו דער נאָז און געשפּאָסט:

— דאָס זיינען ביימער... אַ וואַלד... איך הער, ווי די פייגל זינגען... כ׳זע אַ בלויען הימל... די זון...

יוזשעק האָט געקיבעצט זיין פריינט:

— איר זייט אַ פּאָעט, חבר ליכטענבערג... איך האָב דאָס גאָרנישט געוווסט... נישקשה פון אַ פאַנטאַזיע... איר קאָנט נאָך אין וואַלד דערזען...

אין יענעם מאָמענט האָט יעקב טאַקע געזען פאַר זיך זיסע שעהן אין וואַלד מיט ראבען, פון וועלכע ס׳זיינען דערנאָך געקומען די שווערע ליידן און די פּיין, וואָס האָבן אים פאַרבונדן מיט איר אויף זיין גאַנץ לעבן. רויט ווערנדיק פון דער דערינערונג, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

כעליאַ האָט מיט אירע אומגעוויינטלעך לאַנגע און דינע פינגער געהאַלטן פאַרפלאָכטן איר פריינטס האַרטע און מאַזאָליעדיקע פינגער. זיי האָבן ווי קינדער, זיצנדיק אויפן קופערט, זיך געהאַלטן ביי די הענט. כעליאַ איז געווען גליקלעך און זיך געפרייט, וואָס דער פריינט אירער האָט געקיבעצט דעם אַריינגעקומענעם. ביי איר איז דאָס אויסגעקומען, אַז ער האָט פון אים חוזק געמאַכט. אירע פינגער האָבן פון ליבע נאָך שטאַרקער געקלאַמערט דעם געליבטנס פינגער. אויף יעקבן האָט זי געוואָרפן אַן אומחן באַלד ביי דער ערשטער באַגעגענונג. זיין האַנט האָט דעמאָלט אין איר אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל, כאָטש ער האָט איר האַנט, ווי יעדעס מאָל און אויך איצט, געדרוקט מיט האַרציקער וואַרעמער פריינטלעכקייט. אָבער ער איז איר געווען אומסימפּאַטיש, כמעט אָפּשטויסנדיק. נישט בלויז צוליב זיין מיאוסקייט: אַ פנים פון אַ מאַלפּע, מיט אַ דינער, שפּיציקער האַרבאַטער נאָז, תמיד אַ רויטע; די אייבערשטע ליפּ אַ לאַנגע, אַן אויסגעצויגענע, די אונטערשטע אַן אַראָפּהענגענדיקע; געלע, גרויסע אַרויסשטאַרטשענדיקע ציין, אַ קליינער קין, אַ דאַרער, לעפּעשיוואַטער, ווי אַן אויסגעווייקטער הערינג. חוץ די אויגן זיינע: גרויסע, שוואַרצע, טיפע אויגן, וועלכע מען מוז באַוווּנדערן. אָבער זי האָט געפילט אַ פאַראַכטונג צו אים, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. ער איז איר געווען דערווידערלעך. פון דאָזיקן ווידערגעפיל האָט זי זיך געראַטעוועט יעדעס מאָל אינעם באַוווּנדערן איר געליבטנס ענערגיש שטרענג פנים, די ברייטע פעסטע גאָמבע זיינע, דאָס ברייטע שטייפע מויל, די קרעפטיקע גראַדע נאָז מיט די סענסיטיווע נאָזפליגל און די בלוילעכגרינע אויגן. אַפילו די נישט שיינע אויערן זיינע און דעם ברייטן ני־דעריקן האַלדז און נאַקן כמעט ווי פון אַן אָקס האָט זי באַוווּנדערט. זי האָט די צווייטע, די פרייע האַנט אירע, איינגענורעט אין דעם שגצס שטרויבלאָנדער טשופּ־רינע. אירע אויגן האָבן זיך צעבליצט, די רויטקייט פון אירע באַקן האָט זיך אָנגע־צונדן — די יונגקייט האָט זיך צעשפּילט אין איר בלוט. אין דעם מאָמענט האָט זי אומגעריכט דערפילט אַ פאַראַכטונג צו איר גאַנץ פאָלק, די זעלבע פאַראַכטונג, וואָס זי האָט געפילט צו יעקבן. די ליבע צו יוזשעקן האָט איצט אויפגעפלאַמט אין איר האַרץ צו אַלע פאָליאַקן.

— נו, וואָס זאָגט איר צו דער חברטע כעליאַ? — האָט שטשעלקאָווסקי גע־פרעגט יעקבן. — זי איז נישט מער פאַננאַ בערענפעל; זי איז חברטע כעליאַ. און ווי שיין זי איז! — דאַן האָט ער געפרעגט: — פאַראַן עפּעס נייעס?

יעקב האָט זיין חבר דערציילט, וואָס ער איז געוואָר געוואָרן, וועגן געוויסע ענינים האָט ער גערעדט שטיל, זיך היטנדיק פאַר יוזשעקס עלטערן ברודער, וועלכער איז געשלאָפן אין אָנטאָן אויף אַ בעט. חוץ דעם ריח פון פריש געהובלע־וועטן האָלץ איז אין דער שטוב געווען אַ צווייטער, פיל שאַרפערער ריח: פון גע־סמאַזשעטער סאַדלע, פון קרויט און קאַרטאָפליעס. יעקב האָט צום דאָזיקן ריח, כאָטש ער איז דאָרט אַריינגעקומען נישט צום ערשטן מאָל, זיך נישט געקאָנט צוגעווינען. די אַלטע מאַטעוסאָוואַ האָט געקאָכט וויעטשערע. זי איז געשטאַנען ביי דער קיך און מיט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל געמישט אין די טעפּ. אירע שיטערע ווייסע האָר זיינען געווען צוזאַמענגענומען אין אַ קליין קנוילעכל אויפן מיט פון קאָפּ, וואָס האָט געהאַט אַ גאַר ברייטן שרינט. זי איז געווען אַ קליינע, איינגעדאַרטע אַלטיטשקע, אַן ציין, אַ פריינטלעכע, ווי דער מאַן אירער. ער האָט

ליב געהאַט צו מאַכן מיט איר לצנות. אָפּרוענדיק זיך אַביסל פון דער אַרבעט, איז ער צו איר צוגעגאַנגען, האָט זי אַרומגענומען און געפרעגט:

— נו, מאַטקאַ! וואָס קאַכסטו? וועט זיין עפּעס גוטס צו עסן?

— ס׳וועט זיין, ס׳וועט זיין — האָט זי אים פאַרזיכערט.

דער אַלטער האָט אַ קוש געטאָן זיין ווייב. זי איז איצט געווען כמעט אַזוי קליין ווי ער און צוליב איר איינגעבויגנקייט פון עלטער און צרות איז זי אויסגעקומען שיער אַזוי גאַרבאַטע ווי דער מאַן. ער האָט געלאַכט, און אַרומנעמענדיק זי ביי דער טאַליע, געזאָגט צו די דריי אויפן קופּערט:

— איצט פּאַסט זי אַקוראַט צו מיר. פריִער האָב בלויז איך געהאַט צוויי פּעקלעך... איצט האָט זי אויך שוין... אַמאָל געווען אַ שיינע... אַך, אַ שיינע! ווי דיינע, יוזשעק, ווי פּאַננאַ כעליאַ, מיין צורעטשקאַ... די כלאַפּעס אין איר דאַרף האָבן זיך געשלאָגן איבער איר... ז׳האָט טאַקע מיך נישט געוואָלט...

די אַלטע האָט דעם מאַן אירן אַ קלאַפּ געטאָן אויפן קאָפּ:

— נישט געוואָלט... האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט נישט אַ נעם געטאָן ווי אַ מאַן, נאָר געפרעגט, געבעטן ווי אַ קשאַנדז...

מאַטעוס האָט זיך פאַרענטפערט:

— מורא געהאַט, וועסט נישט לאָזן... צוליב די צוויי פּעקלעך...

יוזשעק האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַלנדיק געלעכטער. ער האָט אַרומגענומען כעליאַן און איר אַ שטאַרקן קוש געטאָן. זי האָט זיך געשעמט. אָבער באַלד האָט זי אים אויך אַרומגענומען און האָט אים אויך אַ קוש געטאָן.

דער אַלטער האָט אויסגעטאָן דאָס בלויע גראָבלייוונטענע פאַרטוך:

— גענוג פאַר היינט. בין שוין הונגעריק. — ער האָט אַריינגעקוקט אין די טעפּ: — פּונקט וואָס איך האָב ליב! אַ גליק, וואָס דער אַלטער טשיזשעק — אַ רייכער פויער געווען — איז געשטאָרבן. אַ זון זיינער איז געקומען, איך זאָל מאַכן אַ טרומנע. גוט, האָב איך געזאָגט, וועסט געבן, חוץ ממתקים, אַ זייטל סאַדלע, אַ קערץ קאַרטאָפליעס און אַ שאָק קרויט? — „דאָבזשע״, האָט ער געענטפערט. נישט קיין גנידאָק. אַך די פּרייסן, די פאַרשאָלטענע הינט! אַלץ נעמען זיי צו. מ׳קריגט גאָרנישט. — ער איז צוגעגאַנגען צו דער יונגער חברה: — נו, ווען וועט מען שוין די פּסובראַטצעס נעמען געבן אין הינטן אריין? — דעם זון האָט ער געפרעגט: — האָסט שוין דערציילט דיינער, ווער דיין זיידע איז געווען? — ער האָט זיך גענומען באַרימען פאַר כעליאַן: — מיין טאַטע האָט געקעמפט קעגן די מאָסקאַליעס. די קאָזאַקן האָבן אים געכאַפּט, געשמיסן, געקאָוועט אין קייטן און אַוועקגעשיקט קיין סיביר. דאָרט איז ער געשטאָרבן. אַ העלד געווען. דו, יוזשעק! און דו יאַקאָב! און אויך דו, צורעטשקאַ! — זעט, אַז די ניעמצעס, די טייוולאָנישע הינט! זאָלן גיך אַנטלויפן פון דאַנען, פון אונדזער פּוילן! איך וועל גיין מיט ענק! וועל נעמען אַ ביקס! וועל שיסן! וועל מיך אויסלערנען! צוערשט מושטירן: איינס, צוויי, דריי, פיר... איינס, צוויי, דריי, פיר... פּראַוואָ! ליעוואָ! ביעגאַטש!... אַגניאָ!...

כעליאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קופּערט, האָט זיך אַ שטעל־אַוועקגעטאָן לעבן אַלטן און אַן אַנטציקטע געלייגט איר שלאַנקן אָרעם אַרום זיינע לענדן:

— מיר וועלן צוזאַמען, אויטשעץ...

יוזשעק האָט באַשטעטיקט:

— צוזאַמען... צוזאַמען... — ער האָט יעקבן געוויזן דאָס ביכל, וואָס כעליאַ האָט לעבן אים געלאָזט ליגן: — זעסט, וואָס זי לייענט איצט? נישט קיין סענטי־מענטאַלע פּאָעזיע פון בענקענדיקער ליבע אין סודותדיקע לבנה־נעכט, ווען די שטילע, זילבערנע כוואַליעלעך פונעם ווייטנדיקן טייכל גיסן זיך צאַרט און ווייך... די נאַכטיגאַל טרילערט און דעם פאַסטעכס פייפל יאָמערט אַזוי זיס, אַזוי זיס... ניין, דאָס לייענט זי נישט מער, אויך נישט קיין ראָמאַנען פון דער אומגליקלעך־פאַרליבטער וואַנדאַ, וואָס גייט־אויס פון בענקשאַפט אין איר גאָלדענעם שלאָס, וואַרטנדיק אין איינזאַמקייט אויף דעם איידעלן פּרינץ... אָט ווי ראַדיקאַל זי האָט זיך געענדערט אין דער קורצער צייט!...

יעקב האָט אויפגעמישט די ערשטע זייט פונעם ביכל און איבערגעלייענט דעם טיטל: „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״.

כעליאַ האָט דאָס ביכל אַרויסגעכאַפּט פון יעקבס האַנט און עס אין התלהבות צוגעדרוקט צו איר ברוסט:

— ס׳איז מיר טייערער פון סלאָוואַצקיס, אַפילו פון מיצקעוויטשעס לידער!

— און דו, — האָט מאַטעוס געפרעגט יעקבן, — וועסט נעמען אַ ביקס? וועסט שיסן?

יעקב האָט געשמייכלט. כעליאַ האָט אים צוגעוואָרפן אַ פאַראַכטנדיקן בליק. ער האָט געמאַכט קריטישע באַמערקונגען וועגן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״. שטשעל־קאָווסקי האָט זיי אַלע אָפּגעשלאָגן. כעליאַ האָט פאַרטיידיקט יעדעס וואָרט אינעם ביכל, וואָס איז איר געוואָרן הייליק, כאָטש זי האָט דערוויל זייער ווייניק פאַר־שטאַנען דערפון. דער באַלעבאָס אָבער האָט זיך אָנגענומען פאַרן גאַסט:

— ער וועט קעמפן, וועט קעמפן. ער איז פאַר אונדז, פאַר די אָרעמע. איז אַליין אָרעם, לײַדט געניג. אין שטוב ביי די עלטערן — באָזשע קאָכאַני!... דער פאָטער — ערלעכער מענטש, גוטער מענטש — זייער קראַנק. איינמאָל מיר גע־זאָגט: „ס׳איז דאָ אַ העכערער שכל. קיין זאַך געשעט נישט גלאַט, גלאַט אַזוי!״ קלוגע רייד. יעקב געראָטן אין טאַטן. אויך אַן ערלעכער, אויך אַ סך געלערנט. אין די הייליקע ביכער זייערע. אַ סך קלוגשאַפט דאָרט דאָ, אין אַלע הייליקע ביכער אַ סך קלוגשאַפט, גרויסע קלוגשאַפט דאָ. נישט געלערנט, נישט געלייענט. אָבער ווייס.

אַז דאָס עסן איז פאַרטיק געוואָרן, האָט די אַלטע גענומען וועקן דעם שלאָפנ־דיקן זון:

— שטיי־אויף, קאַספּער! ס׳עסן שוין פאַרטיק! — זי האָט דעם זון פאַרענטפערט פאַר יעקבן און כעליאַן: — האָט נעכטן אַ גאַנצע נאַכט געהאַט דינסט. וועט די נאַכט אויך מוזן זיין אינדרויסן. גענומען אויף זיך צו זיין מיליציאַנט — ווען די רוסן זיינען אַוועק, איידער ס׳זיינען אַריינגעקומען די דייטשן — איז ער שוין אַזוי געבליבן. וועט שוין בלייבן אַ מיליציאַנט. — זי איז צוגעגאַנגען צום ווינקעלע, וווּ ס׳האָט צווישן צוויי בילדער פון יעזוס און מאַריאַ געהאַנגען די הייליקע לאָמ־פּאַדע און זיך געשטעלט אויף די קניען. זי האָט זיך געצלמט און געבעטן.

מאַטעוס האָט געזאָגט מיט אָנערקענונג:

— אַ פרומע מיין אַלטע. גוט אַזוי. יעדער מוז גלייבן אין זיין גאָט. האָבן אַ רעליגיע. איך... — ער האָט מיט אַ האַנט זיך פאַרשטעלט ס׳מויל און דערמיט

געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס ער האָט פאַרשוויגן. נאָר קאַספּער, אַן אויפגעשטאַנענער, האָט ביים גלייך־מאַכן זיך די מלבושים און צוקעמען די האָר, צוגעוואָרפן דעם פאָטער און דעם ברודער:

— אייער גאָט!... אייער רעליגיע... — ער איז צוגעגאַנגען צו די הייליקע בילדער און דעם לעמפּל און זיך איבערגעצלמט. אַז די אַלטע האָט גענומען צו־טראָגן די פולע שיסלען צום טיש, האָט יעקב זיך גרייט־געמאַכט אַוועקצוגיין.

— עס מיט אונדז! — האָט מאַטעוס איינגעלאַדן יעקבן צום טיש. — וויניק פלאַץ, אָבער קאַרטאָפליעס און קאַפּוסטאַ און אַ שטיקל סאַדלע וועט זיין אויך פאַר דיר. וועסט דיך אַריינקוועטשן צווישן אונדז.

— ער וועט זיצן לעבן מיר, — האָט די אַלטע מסכים געווען.

יוזשעק האָט ווידער גענומען קיבעצן זיין פריינט:

— ער עסט נישט קיין טריפות!

— פאַרוואָס עסט פּאַננאַ כעליאַ? — האָט דער סטאָליאַרזש געפרעגט. — דו ביסט דאָך נישט מער קיין פרומער, יעקב, ביסט דאָך... קאָנסט עסן אויך אַן סאַדלע, מיט אייל, ווי מיין אַלטע עסט אין די הייליקע פאַסטטעג. קאַספּער אָבער — זייער אַ פרומער — קלייבט אויס אַלע גריוון, די גרעסטע, די ברוינסטע... מאַנדרי כלאָפּ...

קאַספּער האָט אַ בייזער צוגעוואָרפן דעם פאָטער:

— זאָל זיך דער טאַטע נישט קימערן וועגן מירן! — מיט אַ צאָרנדיקן בליק אויף כעליאַן און יעקבן האָט ער אַרויסגעגיפט צווישן די ציין: — דו האָסט דיינע...

יעקב, מיט דער קליאַמקע אין האַנט, האָט אַרויסגערופן יוזשעקן און אים געזאָגט, וווהין ער דאַרף צוקומען. ער האָט אים אויסגעמאָלט דעם וועג און דאָס הויז, וווּ מ׳וועט זיך פאַרזאַמלען.

קאַפּיטל ניין

אַ פאַרזאַמלונג

1

פערעלע און יצחק לערמאַן זיינען געווען די ערשטע ביי לאַזערן. אָבער זי איז סיי ווי געקומען כמעט יעדן טאָג, כדי צו טאָן פאַרן אינוואַליד וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זי און דער לערער האָבן זיך איצט אַרומגעקוקט ווי מחותנים, וואָס דערוואַרטן די געסט. פערעלע האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זיין ווי אַמבעסטן; אַז אין דער חורבה זאָל זיין נישט בלויז צוגעראַמט, נאָר אויך שיין. אַפילו אַ פאַר־הענגל פון אירס אַן אַלטן מושלין־קליידל האָט זי געמאַכט און עס אויפגעהאָנגען פאַרן פענצטער. זי האָט אין געדאַנק שוין עטלעכע מאָל איבערגעלייגט, צי זי זאָל אפשר מאַכן פּאַפּירענע בלומען און זיי אַוועקשטעלן אויפן שענקעלע, דאָס שענסטע שטיקל מעבל, וואָס האָט זיך אייגנטלעך נישט אַריינגעפּאַסט צווישן די צוזאַמען־געשלעפּטע גראַטעס. דאָס איז געווען אַ מין קאָמאָדעלע, וואָס זי האָט געפונען אין דער היים אונטער די ציגל און טינק און וואָס איז אַמאָל געווען אירס אַ באַליבט חפץ. „אַקוראַט, וואָס איר דאַרפט האָבן, לאַזער״, האָט זי מיט פרייד אים

געזאָגט, ווען זי האָט עס מיט לערמאַנען און יעקבן געבראַכט. „איר וועט דעריין קאָנען האַלטן אייער וועש, די ביכער און דאָס געפעס". פון די פּאַפּירענע בלומען האָט זי זיך אָבער אָפּגעזאָגט, ווייל איר ליבשאַפט צו פלאַנצן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט נישט פאַרטראָגן קיין געקינצלטע. זי האָט בכלל נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַלץ, וואָס איז געקינצלט און פאַלש. ס'זיינען איר שוין בעסער געפעלן די „בלומען און די ביימער" אויף די געפרוירענע שויבן פון פענצטער; זי האָט זיך מיט זיי געפרייט ווי אַ קינד: „אַ גאַנצער וואַלד... אַ בלומענגאָרטן... אָבער ס'איז קאַלט, זייער קאַלט"...

לאָזער האָט מיט דער הילצערנער קוליע אונטערן אָרעם צוגעהאָצקעט צו אַ זאַק אין אַ ווינקל און געוויזן:

— ס'איז נאָך דאָ אַביסל שטיינקוילן, באַהאַלטן אויף אַצינד. מ'קאָן שוין אָנהייבן אַריינלייגן אין אייוועלע.

באַלד זיינען אַריינגעקומען יעקב מיט אַהרנען. יעקב האָט זיך באַגריסט מיטן אינוואַליד דורך פריינטלעך אַרויפלייגן אַ האַנט אויף יענעמס פּלייצע, כדי אויס-צומיידן, אַז יענער זאָל זיך אָנשטרענגען ביים געבן די האַנט.

— דאָס איז חבר מיקנשלעגער, — האָט ער פאָרגעשטעלט אהרנען, — און דאָס איז לאָזער, אונדזער חבר אייבערשוץ, — האָט ער פאַר אַהרנען פאָרגעשטעלט דעם אינוואַליד. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו פערעלען, וועלכע איז מיטן לערער געשטאַנען ביים שיינעם שענקעלע. יצחקן האָט ער געגעבן די האַנט פאַר פערעלען, און איז גלייך אויף זיך בייז געוואָרן צוליבן דאָזיקן טאַקטישן פעלער. ער האָט זיך פאַרגענומען צו זיין פריי מיט איר, נישט געקינצלט, ווי ער איז פריִער מיט איר געווען, אָבער ס'איז נישט אַרויסגעקומען. ביידע, אי דער פריינט זיינער אי זי, האָבן דערקענט אַז ער „שפּילט טעאַטער", און שלעכט דערצו.

ביים געבן אַהרנען די האַנט האָט פערעלע אים געפרעגט, ווען די שוועסטער זיינע וועט קומען.

— אַוודאי באַלד, מיטן חבר קרומהאָלץ צוזאַמען.

נאָר געקומען זיינען זיי די לעצטע, נאָך שטשעלקאָווסקין מיט כעליאַן. זי, דעם רייכן בערנפעלס טאָכטער, האָט זיך דאָ געפילט פרעמד און זיך כסדר גע-האַלטן לעבן איר פריינט: זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים, ווי אַ קינד, ווען ס'קומט מיט דער מוטער צי מיטן פאָטער צווישן פרעמדע מענטשן. נישט דערי-בער, ווייל זי האָט זיך געפונען אין אַזאַ שרעקלעכער חורבה, אויך נישט דערפאַר, ווייל זי איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַר-בעטער, נאָר ווייל ס'האָט ווידער זי באַהערשט דאָס זעלבע געפיל קעגן ייִדן, וואָס זי האָט שוין נישט איינמאָל איבערגעלעבט. די ייִדישע אַרבעטער זיינען איר געווען מער דערווידער אַפילו ווי יוזשעקס ברודער, קאַספּער. „ער איז אַן אַנטי-סעמיט, אַ רעאַקציאָנער", האָט יוזשעק איר אַמאָל געזאָגט און איר דערביי אויפ-געקלערט: „אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די נאַראָנים; אַזוי האָט געזאָגט בעבעל. איך וואָלט געזאָגט: אַנטיסעמיטיזם איז אַ גיפט, מיט וועלכן די רעאַקציאָ-נערן פאַרגיפטן דאָס פּראָלעטאַריאַט. ניין, כעליאַ, ס'איז נישטאָ קיין חילוק צווישן ייִדישע און קריסטלעכע אַרבעטער; ביידע ווערן גלייך עקספּלואַטירט און מוזן צוזאַמען קעמפן קעגן קאַפּיטאַליזם". יעדעס וואָרט, וואָס יוזשעק האָט איר גע-

זאָגט, האָט זי געהאַלטן פאַר הייליק; ער איז געוואָרן איר לערער, נישט בלויז איר פריינט. ווי אַ גוטע שילערין האָט זי זיך אַלץ גענומען אין קאָפּ אַריין וואָס ער האָט זי געלערנט. זי האָט דעריבער געקעמפט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס זי האָט איצט פלוצים ווידער דערפילט אין איר האַרץ; זי האָט זיך באַמיט דאָס דאָזיקע מיאוסע געפיל צו פאַרבייטן מיט דעם האַס קעגן די רייכע, וואָס האָט גענומען ווערן אַלץ שטאַרקער אין איר האַרץ.

אַבראַמטשיק איז איצט נישט געקומען מיט דער שוועסטער, ווי אין יענער נאַכט הינטער דער שטאָט, נאָר מיט דינהטשען. ער האָט בלומטשען מער נישט געוואָלט מיטברענגען. אָבער זי איז געקומען מיט דודן. דאָס אייזערנע אייוועלע האָט שוין געגליט און איז געוואָרן רויט. שטשעלקאָווסקי און הערש האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיטן אָרט:

— דאָ איז גאַנץ זיכער, — האָט דער חבר קרומהאָלץ געזאָגט; — פונדרויסן זעט די חורבה אויס ווי אַ קופּע ציגל אָדער מיסט, וואָס מ'לייגט אָפּ הינטער דער שטאָט. מ'זעט בלויז דיביימער און די קזשאַקעס אַרום דער חורבה. אַ דייטשן זשאַנדאַר וועט אַפילו נישט איינפאַלן, אַז דאָ ווינט ווער; אַז ס'קאָנען דאָ אַהערקומען מענטשן.

נאָר שטשעלקאָווסקי איז נישט געווען אַזוי זיכער און באַמערקט:

— פונדעסטוועגן זאָל מען זיך גוט היטן; מער ווי צוויי זאָלן נישט גיין צוזאַמען, און אַנגעטאָן ווי די פויערן פון די דערפער אַרום, ווי איך האָב געזאָגט.

— אויך די חברטעס, — האָט דינהטשע צוגעגעבן. — ס'וועט קיין איינער נישט שאַדן, ווען זי וועט האַלטן ביי אַ שידוך, אַז ס'וועט זיך ווערמען פון אונדז טרעפן אַזאַ גליק... ס'זיינען דאָ גאַנץ שיינע פויערטעס, באַזונדערס ווען זיי זיינען יונג, אַלט אַ יאָר 16, 17... — זי איז געווען גוט אויפגעלייגט און ווילעריש זיך אַ דריי־געטאָן אין דער פויערישער באַרכענטענער ספּודניצע מיט אַ סך פאַלבן אַרום און אַרום. די ספּודניצע האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ האַלבער באַלאָן. אַ לאַכעדיקע האָט זי קאָקעטיש געפרעגט: — נו, בין איך נישט אַ שיין פויעריש מיידל?...

עטלעכע חברים האָבן געענטפערט: „זייער אַ שיינע פויערטע, אָבער נישט קיין 16־יעריקע"...

— פון די עטלעכע יאָר מער, — האָט זי אַ ברען־געטאָן מיט די אויגן, — וועט דער, וואָס וועט ווערן מיין מאַן, נישט מערקן...

2

אַז אַלע זיינען שוין געווען, האָט דער חבר קרומהאָלץ געמעלדעט:

— חברים, מיר הייבן אָן! — און ער האָט גלייך אָנגעהויבן: — אויפן סדר־היום זיינען דאָ עטלעכע זייער וויכטיקע פונקטן. מיר וועלן וועגן זיי היינט דיסקוטירן. דאַן וועלן מיר אָננעמען פעסטע באַשלוסן פאַר אונדזער באַנייטער טעטיקייט, וועלכע מיר וועלן דורכפירן מיט דער שטרענגסטער דיסציפּלין, מיט נאָך מער איבערגעגעבנקייט, געטרייקייט און מוט ווי אַמאָל. מיר וועלן קעגן נייעם שונא קעמפן פונקט אַזוי אַנטשלאָסן, ווי מיר האָבן געקעמפט קעגן פריערדיקן. מיר וועלן זיך באַמיִען צוציִען וואָס מער נייע מיטגלידער, מיר וועלן אַריינציִען

אין אונדזער קאַמף אַלץ מער נייע קרעפטן, מיר וועלן צונויפזאַמלען אַלע אונדזערע כוחות: אַלע די, וואָס ווייסן נאָך נישט, אַז מיר הייבן ווידער אָן אונדזער אַרבעט. אונדזער פּאַרטיי וועט ווערן נאָך גרעסער און שטאַרקער ווי זי איז אַמאָל געווען. שפּעטער וועלן מיר וויילן אַ פּעסטע פּאַרוואַלטונג. נאָר צוערשט, פריִער פון אַלץ, וויל איך איצט אָפּגעבן אַ באַריכט פונעם דורכפאַל ביים דייטשן קאָמענדאַנט און וועגן שמועס, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט. דערנאָך וועט דער חבר שטשעל־קאָווסקי איבערגעבן די באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף אַ געהיימער זיצונג פון אונדזערע פּוילישע חברים; יעדנפאַלס יענע באַשלוסן וועגן וועלכע מיר דאַרפן וויסן. — ער האָט אָפּגעגעבן אַן אָפּיציעלן באַריכט פון אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן פּאָליטישן געביט אין שייכות מיט זיין טעטיקייט און וואָס איז נוגע געווען די פאַרזאַמלטע. — אַלזאָ, חברים, — האָט ער אויסגערופן, — ס׳איז קלאָר, אַז לעגאַל וועלן מיר קיין זאַך נישט קאָנען טאָן, אַפילו קיין קולטורעלע טעטיקייט וועלן מיר נישט קאָנען אָנפירן. דאָס מיינט, אַז דערווייל וועלן מיר אויך די שולע נישט קענען עפענען, ווי מיר האָבן געפּלאַנט. אין דעם שטעקט די האַנט פון אונדזער יידישער רעאַקציע, פונעם רב און פון דער גאַנצער כנופיא פינצטע־רע קלעריקאַלן, די שיינע יידן, ווי ר׳ יאָסל פוקסמאַן און ר׳ יחיאל לייביש בערנ־פעל. — ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג איז דאָ דעם לעצטנס טאַטער און זיך אַנטשולדיקט פאַר כעליאַן.

כעליאַ איז אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן:

— איך וועל קעמפן קעגן מיין טאַטן, ווי קעגן יעדן אַנדערן בורזשוי! אַז ס׳וועט אויסקומען, וועל איך אים מיט מיינע אייגענע הענט דערשיסן!

עטלעכע האָבן געשמייכלט. טייל האָבן געפּאַטשט בראַוואָ. יעקב אָבער און פערעלע זיינען כמעט בלאַס געוואָרן פון אויפשווידערונג. נאָר שטשעלקאָווסקי האָט דעם נישט גינסטיקן איינדרוק, וואָס זיין פריינדנס עטלעכע צו ענטוזיאַסטיש־רעוואָלוציאָנערע ווערטער האָבן געמאַכט אויף די מייסטע פון די פאַרזאַמלטע, צעריבן מיט אַ שפּאַס. ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג (זיין קונץ, ווי אַ שאָס ביים אַרויסציִען אַ קאָרק פון אַ פלאַש) און געפרעגט:

— נו, ווער איז טויט? — כמעט אַלע האָבן זיך צעלאַכט. דאַן האָט ער דערציילט:

— מיין טאַטע, איר קענט דאָך אים אַלע! ער וויל אויך נאָר שיסן... שיסן... דאָס שאַדט אָבער גאָרנישט, אויף מיין וואָרט. די חברטע כעליאַ, ווי איר אַלע ווייסט, איז יונג, די יינגסטע צווישן אונדז. נו, איר פאַרשטייט שוין, חברים... און ס׳איז דאָ נאָך אַ גרונט, זייער אַ באַרעכטיקטער פאַר דעם, וואָס די חברטע כעליאַ האָט געזאָגט: אַ גרונט, אַז ווען זי וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט אַפילו אַ בירגערלעכער געריכט זי אפשר באַפרייט פון שטראָף... נאָר די חברים, חוץ דער חבר אייבערשוץ, ער האָט שוין געשמעקט פּולווער, האָבן מורא פאַר אַ שאָס... חבר קרומהאָלץ איז אַן אויסנאַם: ער איז אַ קעמפער פון 5טן יאָר... — שטשעלקאָווסקי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, זיך איבערגעקוקט מיט די אַנדערע חברים און געשמייכלט. דאַן האָט ער געפרעגט: — איר וועט מיך דאָך נישט מאַכן פאַר קיין אַנטיסעמיט! — אַז אַ סך האָבן זיך צעלאַכט און הערש, פייגע און אויך יעקב האָבן אים צוגערופן: „ניין, ניין, איר זייט דאָך שוין באַלד נישט קיין קריסט״... האָט ער ווייטער גערעדט אין זיין וויציקן טאָן: — יידן האָבן מורא פאַר אַ... — ער האָט ווידער אַ קנאַק געטאָן

מיט דער צונג, אילוסטרירנדיק אַ שאָס. ווידער האָבן אַ סך זיך צעלאַכט, ווייל יעקב, פּערעלע און נאָך עטלעכע, האָבן אַ ציטער געטאָן. דער שגץ האָט געקייכט פון געלעכטער, דאַן האָט ער גענומען רעדן אין אַן ערנסטן טאָן: — חברים! איך וויל איבערגעבן די באַשלוסן פון אונדזער זיצונג, די באַשלוסן, וועלכע זיינען פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע חברים פונעם גאַנצן לאַנד און אויך פאַר אייך, ווי דער חבר קרומהאָלץ האָט פריִער געמעלדעט. — ער האָט דאָס געטאָן און געענדיקט: — דאָס איז דער עיקר. איר ווייסט אפשר נישט, חברים, אָדער נישט אַלע פון אייך ווייסן, אַז דער חבר פּילסודסקי, דער העלד, וועלכער האָט אין 1905 באַפרייט פון פּאַוויאַק צען פאַרמשפּטע חברים צום טויט 15 מינוט פאַרן אויספירן דעם אורטייל, האָט אין גאַליציע אָרגאַניזירט אַ פּוילישן לעגיאָן, וועלכער קעמפט איצט אונטער זיין קאָמאַנדע אין דער עסטרייכישער אַרמיי! איר פאַרשטייט וואָס איך מיין... געוועהר וועט נישט פעלן... דער מאָמענט וועט קומען... מיר וועלן די דייטשן אַרויסטרייבן פון אונדזער לאַנד! מיר וועלן באַפרייען אונדזער פאָטערלאַנד פון פרעמדן שונא, און דאַן...

אַלע זיינען געווען שטיל. מ'האָט געהערט דעם ווינט אין דרויסן, כאָטש ער איז געווען זייער שוואַך. מ'האָט געהערט דאָס באַוועגן זיך פון די דאַרע צווייגלעך אויף דיביימער און דאָס שאַרשקען פון די קזשאַקעס אַרום דער חורבה. כעליאַ האָט אַרויפגעקוקט צו איר פריינט מיט גרויס באַגייסטערונג און זיך צוגעהערט צו זיין יעדן וואָרט. דער אינוואַליד איז געשטאַנען לעבן שענקעלע, אָנגעשפּאַרט אויף אים און אויף דער הילצערנער קוליע, מיט איין ליידיקן הויז און איין ליידיקן אַרבל. ער האָט אויסגעזען פאַרטראַכט, פאַרזונקען אין רעיונות פון זיין נישט ווייטער, אָבער זייער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז אַרויסגעשווומען פאַר אים דאָס שלאַכטפעלד, ווו ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און געהערט דאָס שיסן. דאַן האָט ער אין זיינע מחשבות זיך אַריבערגעטראָגן צום שפּיטאָל, ווו מ'האָט אים אַמפּוטירט דעם פאַרוווּנדעטן פוס און די צעשאָסענע האַנט. אין זיינע אויערן האָט ווידער אויפגעלעבט דאָס קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער איז וואָכנלאַנג געלעגן צוזאַמען. דאָס קרעכצן איז אים געבליבן אין מוח און אין דער נשמה. (אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין די אויערן). ער האָט דאָס קרעכצן געוואָלט פאַרגעסן. נו, האָט ער עס אָבער ווידער דערהערט. ער האָט געשוויגן לויט זיין טבע. זיין בליק אָבער, ווייט פון דאַנען, האָט גערעדט צו די פאַר־זאַמלטע אַזעלכע רייד, וועלכע ער וואָלט מיטן מויל נישט געווען אימשטאַנד אַרויסצוברענגען. פּערעלע און יעקב האָבן געקוקט אויף אים און די געדאַנקען זיינע אַרויסגעלייענט פון זיינע אויגן, פון דער הילצערנער קוליע און פון ליידיקן הויז און ליידיקן אַרבל...

שטשעלקאָווסקי האָט געענדיקט:

— מיר שטייען אין פאַרבינדונג מיטן חבר פּילסודסקי...

ס'איז אַנטשטאַנען נישט קיין אָפיציעלע פּויזע. אַלע האָבן גענומען רעדן, איינער מיטן אַנדערן זיך שפּאַרןביים אויסטייטשן, וואָס שטשעלקאָווסקי האָט געזאָגט. מ'האָט גערעדט וועגן קאָמענדאַנט. קרומהאָלץ האָט די ספּאָנטאַנע פּויזע צוגעלאָזט, ווייל ער האָט געוואָלט געווינען צייט זיך צו איבערלייגן, ווי צו רעאַ־גירן אויף די איבערגעגעבענע באַשלוסן פון די פּוילישע חברים און ווי צו מילדערן

די איבעררעאַשונג פון די באַשלוסן. אין זיין קאָפּ איז אַרומגעפלויגן: אויפשטאַנד... 1905... רעוואָלוציע... ער האָט גערעדט מיט פייגען; זי האָט אים געענטפערט קלוג, איבערגעלייגט, קיל און פּראַקטיש; דוד האָט די גאַנצע צייט אַריינגערעדט אין בלומטשען; אַבראַמטשיק האָט זיך געקאָכט אויף זיין שטייגער. ער איז געלאָפן פון איין חבר צום צווייטן, פון איין חברטע צו דער אַנדערער, און געגעבן צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון די באַשלוסן, וואָס די פּוילישע חברים האָבן אָנגענומען. וועגן דער באַדייטונג פונעם חבר פּילסודסקין האָט ער גערעדט מיט גרויס התפעלות: „דאָס אַלץ איז אמת!" ער האָט פאַרזיכערט דער חברטע גרינצווייג: „איך ווייס עס, איך בין דעמאָלט געווען אין וואַרשע".

דער חבר קרומהאָלץ איז צוריקצוגעגאַנגען צום טישל ביי דער אויבנאָנענדיקער וואַנט. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז די אַנטשטאַנענע פּויזע איז געענדיקט. ס'איז שטיל געוואָרן. די, וואָס האָבן פאַררויכערט, האָבן געמאַכט די לעצטע צוגן און אַוועקגעוואָרפן די פּיטעמס. צוליבן אָנגעמאַכטן רויך איז דאָס שוואַכע ליכט פונעם נאַפטלאָמפּ, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פונעם סופיט, נאָך טונקעלער געוואָרן. הערש האָט אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן:

— חברים! מיר האָבן נאָך אַ סך פראַגן צו באַהאַנדלען. צוערשט אָבער וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, וואָס דער חבר שטשעלקאָווסקי האָט איבערגעגעבן. די באַשלוסן פון די פּוילישע חברים זיינען פאַרשטייט זיך אָבליגאַטאָריש; זיי זיינען, ווי יעדער פון אייך קאָן זיך משער זיין, אָנגענומען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. געמיינזאַם וועלן מיר דעם פרעמדן שונא אַרויסטרייבן פון אונדזער פאָטערלאַנד! דעריבער איז נישטאָ וואָס צו דיסקוטירן! מיר זיינען אַלע איינִיק!

— איינִיק! — האָבן אַלע, חוץ פּערעלע און לערמאַן, אויסגערופן. בעליאַ האָט אַפּלאָדירט און אַלעמען מיטגעריסן מיט איר באַגייסטערונג.

קרומהאָלץ האָט דאַן אויסגערעכנט די פּונקטן פונעם סדר־היום און רעזומירט:

— אין אַלגעמיין באַשטייט אונדזער קאַמף פון דריי טיילן: דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער. צוזאַמען, שולטער ביי שולטער, פּאַראייניקט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט, אָן אונטערשיד פון נאַציע און קאָליר; ווייסע שוואַרצע, ברוינע, געלע, וועלן מיר באַפרייען די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט און עקספּלואַטאַציע! מיר וועלן מאַכן אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם און זיינע בלוטיקע מלחמות! אַ נייע וועלט וועלן מיר אויפבויען, אַ ליכטיקע, אַ גליקלעכע וועלט פאַר אַלע, וואָס אַרבעטן! אַ ניי לעבן וועט זיין! דער אַרבעטער וועט מער נישט הונגערן ווי היינט! ער וועט מער נישט אַרבעטן טאָג און נאַכט פאַר אַנדערע און אַליין נישט האָבן קיין שטיקל ברויט! דער אַרבעטער וועט זיין דער באַלעבאָס איבער אַלץ, וואָס זיינע הענט שאַפן! ער וועט איבער אַלץ האָבן צו זאָגן! אַלע אוצרות וועלן געהערן אים, אַלע רייכטימער! דאָס וועלן מיר דערגרייכן!

באַגייסטערטע האָבן אַלע גענומען פּאַטשן בראַוואָ. אַבראַמאָוויטש האָט געשריגן: „זאָל לעבן"... אינעם אינוואַלידס באַוווּסטזיין איז נאָך נישט געווען גענוג איינגעקריצט, אַז ער האָט בלויז איין האַנט, מיט וועלכער ער מוז האַלטן די קוליע, ווייל ער האָט בלויז איין פוס, און אין באַגייסטערונג האָט ער געוואָלט פּאַטשן בראַוואָ; ער האָט דעריבער אָפּגעלאָזט די קוליע. דאָס שטיקל פונעם איבערגעבליבענעם אָרעם האָט אַ פּאָך־געטאָן מיטן ליידיקן אַרבל אין דער לופט. ער איז

אַרויסגעפאַלן אויף דער חברטע דינהטשעס פלייצעס. (ער איז געשטאַנען הינטער איר). זי איז אויפגעשפרונגען, אויך אַבראַמטשיק (ער איז געזעסן לעבן איר) און ביידע האָבן דעם קריפּל אויפגעהויבן. ער האָט זיך פאַרענטפערט: „מיר איז גאָר־נישט, גאָרנישט!‟ מיט דער איבערגעבליבענער האַנט האָט ער הערשן געגעבן אַ צייכן ווייטער צו רעדן.

קרומהאַלץ האָט געענדיקט:

— ביז מיר וועלן דערגרייכן וואָס איך האָב געזאָגט, פירן מיר דערווייל אַן עקאָנאָמישן קאַמף: אַכטשעהדיקער אַרבעטסטאָג, העכערע לוינען. מיר מוזן קעמפן קעגן יקרות. אויפן קולטורעלן געביט וועלן מיר ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אויפקלערונג קעגן דעם פינצטערן קלעריקאַליזם. איך וועל מאַכן עטלעכע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן צו די אַקטועלע פונקטן פון אונדזער סדר־היום און כ׳בעט די חברים צו זיין זאַכלעך ביי דער דיסקוסיע, און צו מאַכן זייערע פאָרשלאָגן.

3

פאַרשריבן צום וואָרט האָבן זיך אַ סך. די דיסקוסיע האָט זיך לאַנג געצויגן. פאָרשלאָגן ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם יקרות האָבן געמאַכט פייגע, אַבראַמטשיק, אויך בלומטשע און אַפילו פּערעלע. זייערע פאָרשלאָגן זיינען געווען פּראַקטישע: גרינדן אַ קאָנסום־פאַראיין, איינקויפן שפּייז ביי די פּויערן אין די דערפער און פאַרקויפן אָן ריווח, אָדער מיט אַ גאָר קליינעם ריווח צו די מיטגלידער. די מיטגלידער זאָלן אין קאָנסום־פאַראיין אויך קריגן אַלץ, וואָס מ׳גיט אויף קאַרטן. פון בעליאַן, אהרנען, שטשעלקאָווסקין און דינהטשען זיינען געקומען ראַדיקאַלערע, מער רעוואָלוציאָנערע פאָרשלאָגן: מ׳זאָל צו די שפּעקולאַנטן, וואָס קויפן אויף עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן פון ערשטן געברויך, ווי לעדער און שניט־סחורה, צושיקן אַן אויפפאָדערונג און אַ וואָרענונג, אַז זיי זאָלן אויפהערן רייסן די הויט און אַז זיי וועלן נישט פאָלגן...

קולות: „וועט מען שיקן צו זיי די מיליציע!... די זשאַנדאַרן!‟...

גרינצוויג האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ בייז געלעכטער און אַ מאַך־געטאָן מיט אַ האַנט, ווי זי וואָלט די אַלע עצות אָוועקגעשאַרט:

— נאַרישקייטן! דאָס הייסט שיקן קעץ אַכטונג צו געבן אויף דער מילך... מיר ווייסן, ווער די שפּעקולאַנטן זיינען און ווו זיי וווינען... מיר וועלן אַליין טרעפן צו זיי...

קולות: „מיר וועלן אַלץ צונעמען ביי זיי!... ניין, באַגיסן מיט נאַפט!‟...

בעליאַ איז אויפגעשפּרונגען און אויפגעהויבן אַ האַנט:

— איך גיי מיט! ביי מיין טאַטן...

נאָך אַלע געשרייען, נייע פאָרשלאָגן פון פייגען און אַבראַמטשיקן צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־וואַרשטאַטן, אָנצופירן שטרייקן ביי די, וועלכע האָבן ווידער שוין באַשעפטיקט אַרבעטער, און צווינגען אַנדערע צוצונעמען געזעלן; נאָך די פאָרשלאָגן פאַר קולטורעלער טעטיקייט: צו שאַפן אַ ביבליאָטעק, די חברטע פּערעלע גאָלדבלום און דער חבר יצחק לערמאַן, (כאָטש זיי זיינען נישט קיין

מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, זיינען זיי דאָך חברים), זאָלן האַלטן רעפעראַטן וועגן געאָגראַפיע, געשיכטע און אַנדערע קעגנשטאַנדן: נאָכדעם ווי אַלע פאַרשריבענע צום וואָרט זיינען שוין געווען פאַרטיק, האָט דאָס וואָרט באַקומען יעקב. ער האָט אָנגעהויבן אַזוי:

— איך וויל שטעלן צוויי פראַגן. ערשטנס: וואָס מיינט מען מיטן וואָרט קלעריקאַליזם? און צווייטנס: ווען און וויאַזוי זאָל מען מאַכן אַ סוף צו די בלוטיקע מלחמות?

ס'איז געוואָרן זייער שטיל. כמעט אַלע האָבן אָנגעשטעלט זייערע בליקן צום טישל. די, וועלכע האָבן דעם חבר ליכטענבערג געקאָנט פון פריִערדיקע יאָרן, ווי הערש, פייגע און אַנדערע, האָבן אַ טראַכט געטאָן: „אהא, נאָך אַלץ דער אַמאָליקער בית־המדרשניק, דער בעל־דרשן"!

יעקב האָט ווייטער גערעדט:

— אונטער קלעריקאַליזם פאַרשטייען אַוודאי די מיינסטע פון אייך רעליגיע, גלויבן אאַז"וו. די מיטלען צו באַקעמפן דאָס אַלץ, זיינען: אויפקלערונג, נישט פאָלגן די פרומע עלטערן, טאָן אַלץ פאַרקערט, וואָס זיי הייסן, שבת און יום־טוב דווקא יאָ אַרבעטן, איינאָרדענען אַנטירעליגיעזע מיטינגען און פאַרווייַלונגען, אָפּלאַכן, חוזק מאַכן פון די נאַרישקייטן און זאַבאַבאָנעס. — ער האָט געשוויגן אַ מינוט און דאַן פאַרגעזעצט: — דערלויבט מיר, חברים, פריִער צו רעדן וועגן דער צווייטער פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט: ווען און ווי אַזוי זאָל מען מאַכן אַ סוף צו די בלוטיקע מלחמות? דידאָזיקע פראַגע טיילט זיך אין צווייען: ווער? און ווען? מיר, די, וועלכע ליידן פון מלחמות. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. פאַרוואָס־זשע מאַכן מיר נישט קיין סוף צו דער איצטיקער בלוטיקער מלחמה? פאַרוואָס האָבן מיר זי דערלאָזט? איך וועל דידאָזיקע פראַגע שטעלן נאָך קאָנקרעטער: פאַרוואָס האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכן כמעט אַלע אייראָפּעיִשע אַרבעטער, וועלכע שעכטן זיך אַצינד אויס קעגנזייטיק אויף די שלאַכטפעלדער, פאַרוואָס האָט דער אינטערנאַציאָנאַל צוגעלאָזט דידאָזיקע מלחמה? דערויף וועט דער חבר קרומהאָלץ, די חברטע פייגע, דער חבר שטשעלקאָווסקי און אַלע אַנדערע מיר ענטפערן דאָס, וואָס איך ווייס אַזוי גוט ווי זיי, וואָס יעדער פון אונדז ווייסט: אַז פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן די דעלעגאַטן פון דייטשן פראָלעטאַריאַט ביי אַ זיצונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן נישט געלאָזט באַהאַנדלען די פראַגע פון נישט דערלאָזן צו קיין קריג. ריכטיק. אָבער די פראַנצויזישע, די בעלגישע און די ענגלישע אַרבעטער, זיי זיינען, הייסט עס, באַפאַלן געוואָרן פון די דייטשע און מוזן זיך פאַרטיידיקן. די דייטשע אַרבעטער טענהן אָבער, אַז די ענגלענדער, אַ נאַציע אינגאַנצן פון פערציק מיליאָן, האָבן פאַרכאַפּט דעם גרעסטן טייל קאָלאָניעס פון דער וועלט און די מערק, דאָס אייגענע די פראַנצויזן, די בעלגיער, די האָלענדער, און זיי, די דייטשן, אַ פאָלק פון זעכציק מיליאָן, מיט אַ גרויסער קולטור, אומגעהייער שעפעריש אויף יעדן גייסטיקן געביט, מיט אַ געוואַלדיקער אינדוסטריע, — זיי האָבן נישט קיין רויִמאַטעריאַל, ווערן נישט צוגעלאָזט צום וועלטמאַרק, זיינען צוזאַמענגעדריקט אויף אַ קליינעם שטח ערד און קאָנען פּשוט נישט עקזיסטירן. אַזויערנאָך איז די דייטשע נאַציע פון לאַנג שוין די אָנגעגריפענע דורך די ענגלישע, פראַנצויזישע און אַפילו

בעלגישע און האָלענדישע נאַציעס; די אַרבעטער פון דידאָזיקע פעלקער האָבן אין אַלע יאָרן געלאָזט באַעוולהן די אַרבעטער פון דייטשן פאָלק, געהאָלפן דערצו, און איצט שלאָגן זיי זיך פאַרן אימפּעריאַליזם פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. אויב אַזוי, מוזן די דייטשע אַרבעטער־דעפּוטאַטן שטימען פאַר די מלחמה־בודזשעטן פון זייער מלוכה. נו? דאַרויף איז אָבער אויך דאָ אַן ענטפער: מיר וועלן איבער־נעמען די מאַכט, און דאַן... ווען? דאָס איז די צווייטע פראַגע מיינע.

— חברים! איר האַלט מיר פאַר אַן אוטאָפּיסט, פאַר אַ געוועזענעם בית־המדרשניק, פאַר אַ פאַנטאַזיאָר. איך ווייס דאָס. יעדנפאַלס האַלט איר מיך נישט פאַר קיין אויסגעהאַלטענעם מאַרקסיסט, אָדער אפשר גאָר לגמרי פאַר קיין מאַרק־סיסט נישט; ווייל איך רעכן מיך נישט מיט קיין היסטאָרישע פאַקטן, דענק נישט דיאַלעקטיש און ווער ווייסט סאַראַ פאַרברעכנס איך באַגיי נאָך אַלץ. איך וועל דאָס אַלץ נישט אָפּלייקענען, פּונקט ווי איך וועל מיך נישט שפּאַרן מיט אייך, צי זעט דער וואַלקן אויס ווי אַ העלפאַנט אָדער ווי אַ קו... איינס אָבער איז זיכער לויט יעדער דיאַלעקטיק: די אַרבעטער מאַכן די וואָפן און שעכטן זיך מיט די־דאָזיקע וואָפן איינס ס'אַנדערע. זאָלן זיי אויפהערן פּראָדוצירן אַמוניציע און נישט גיין אין שלאַכטפעלד, וועט נישט זיין קיין מלחמה. דאָס וואָרט „דאַן" מוז פאַר־טוישט ווערן מיט „שוין". די אַרבעטער קאָנען אויך, תיכף, רעגולירן דאָס פאַר־טיילן יושרדיק די פּראָדוקטן פון דער וועלט. האָט דער אַרבעטער מאַכט און ווילן — מוז ער האַנדלען. וואַרטן אויף שפּעטער הייסט האָפן אויף אַ צייט, ווען דער קעגנער וועט זיין שוואַכער. דער קעגנער איז אָבער שטאַרק דורך אונדזער שוואַכקייט...

— די פראַגע וועגן קלעריקאַליזם. ווי איך האָב שוין געזאָגט, באַגרייפט מען אונטער אָט־דעם באַגריף אין אונדזערע רייען: רעליגיע, אמונה, אאַז"וו. איז דאָס זייער פּרימיטיוו. אָבער עס איז שווער דעריבער צו רעדן, ווייל רעליגיע איז דער תמצית פון אונדזער אַנטוויקלונג, פון דער קולטור, מער אָדער ווייניקער, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט אין זיך. יעדע רעליגיע איז אַ געוועזענע רעוואָלו־ציאָנערע אידייע אין איר צייט און מ'האָט געמוזט קעמפן פאַר איר, ווי מיר קעמפן היינט פאַר אונדזער אידייע פון סאָציאַליזם. די יום־טובים — דאָס זיינען די סימ־באָלן פון אידייען און פון קאַמפן, וועלכע מ'האָט געפירט פאַר זיי, פון די נצחונות, וועלכע מ'האָט דערגרייכט; די דינים און די מצוות — דאָס זיינען די געזעצן ווי די אידייען אָפּצוהיטן; די קלעריקאַלן — דאָס זיינען די באַאַמטע, וועלכע גיבן אַכטונג, אַז די געזעצן זאָלן דורכגעפירט ווערן. יעדע רעליגיע אָבער — די דער־גרייכטע אידייע — דעגענערירט; וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ דעגענערירטער ווערט זי. די דינים מערן זיך; דינים אויף דינים, ווי ראָסט אויף אייזן; פונעם גלייבן אין דער אידייע ווערט אַן אָבערגלויבן, און גאָט? — ס'געוועגדט זיך, וואָס מ'פאַר־שטייט אונטערן וואָרט גאָט. איינער שטעלט זיך פאַר אַ מענטש מיט רויטע דיקע באַקן און אַ לאַנגע ווייסע באָרד; אַ צווייטער פירט מיט זיין גאָט געשעפטן: ער בעט צו אים, לויבט אים, חנפעט אים; גאָט גיט אים דערפאַר פּרנסה, געזונט, לאַנג לעבן, רייכקייט, גליק און דערצו נאָך דאָס גן־עדן נאָכן טויט. און פאַראַן מענטשן, פאַר וועלכע גאָט איז אַ וויזיע און די אַקס פון זייער דענקען.

— נאָך עפּעס וועגן אידייע און רעליגיע: ווען אַ אידייע הייבט־אָן נאָכן

זיג ווערן אַ רעליגיע, בלייבן דאָן זייער ווייניק מענטשן, וואָס דערלאָזן נישט זי זאָל דעגענערירן און ווערן רעאַקציע. די דאָזיקע מענטשן — יחידים — קעמפן ווייטער פאַר דער אידייע. זיי — די יחידים — זיינען די טרעגער פון דער אידייע.

ער האָט גערעדט לאַנג און נישט געמערקט, אַז חוץ עטלעכע, צווישן זיי: פּערעלע, לערמאַן און טיילוויז אויך אַהרן, הערט אים קיינער נישט. כמעט פון דער ערשטער רגע אָן (ווען ער האָט גענומען דאָס וואָרט), האָט דוד גענומען אַריינ־ריידן אין בלומטשען וועגן זיינע פּלענער; פייגע האָט פון ערגערניש דעמאָנסטראַ־טיוו גענומען שמועסן מיט הערשן; אַבראַמטשיק האָט דינהטשען געשושקעט אין אויער אַריין, זיך געשפּילט מיט איר האַנט, ביז ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אַלץ טיפער צו אירע קני:ען. זי האָט געמאַכט וויציקע באַמערקונגען איבער יעקבס פילאָזאָפיע. כעליאַ האָט געציטערט פון כעס. ס׳איז איר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס זי האָט פון דער ערשטער רגע אָן געפילט אַזאַ אַנטיפּאַטיע צו דעמדאָזיקן „נאָר מיט די שעפּסענע אויגן". ס׳האָט זי די גאַנצע צייט פון יעקבס רעדן געוואונדערט: ווי קאָן יוזשעק האָבן מיט אים צו טאָן, זיין זיין פריינט? זי האָט אין גערדאַנק איר פריינט געמאַכט פאַרווורפן דעריבער.

4

ווען יעקב האָט געענדיקט, האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע. כמעט אַלע זיינען געווען קעגן אים, איבערהויפּט הערש און יוזשעק שטשעלקאָווסקי, ביידע גוטע מאַסנרעדנער און געניטע אין פּאָלעמיק. אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע זיינען ביידע געווען מיט דער זעלבער מיינונג. ביידע האָבן זי אַוועקגעשטעלט גאַנץ פּרימיטיוו, קלאָר און איינפאַך. הערש האָט געשטעלט אַ קאָנקרעטע פראַגע:

— וואָס זאָל טאָן אַ פאָלק, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ צווייטן פאָלק? זאָל דאָס באַפאַלענע פאָלק זיך ווערן אָדער זיך פּאַסיוו לאָזן באַהערשן און פאַר־שקלאַפן? דאָס איז כמעט אַן אייביקע פראַגע, ווייל ס׳איז נישטאָ כמעט קיין קול־טורפאָלק, וואָס האָט זיך דידאָזיקע פראַגע נישט געשטעלט און באַהאַנדלט. נאַטיר־לעך, די פּאַציפיסטן פריידיקן, אַז מ׳זאָל זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו. אָבער דאָס איז נישט בלויז קעגן דער נאַטור פון מענטש און אַלץ וואָס לעבט, נאָר אויך געמיין, פּחדניש — די גרעסטע נידעריקייט!

אָן אויפגעקאָכטער האָט ער ווייטער גערעדט: — חברים און חברטעס! שטעלט אייך פאָר, אַז אַ רויבער, אַ מערדער, רייסט זיך אַריין צו וועמען פון אייך אין הויז און באַפאַלט, לאָמיר זאָגן, די מאַמען; ער רייסט פון איר אַראָפּ אַלץ, וואָס זי האָט אויף זיך, און וויל זי אויך דערמאָרדן. אין שטוב זיינען דאָ דער מאַן, די קינדער, אָבער זיי שטייען פונדערווייטנס און קוקן, פאַרהאַלטן זיך פּאַסיוו, טוען גאָרנישט צו שיצן זייער טייערסטע, דעם קרבן!... — ער האָט אָפּגעוואַרט אַ מאָמענט און געפרעגט: — וואָס וואָלט איר געזאָגט אויף אַזאַ מאַן און צו אַזעלכע קינדער?... נאָר דאָס איז אַבסורד, ווייל ס׳איז נישטאָ אַזאַ מאַן און עס זיינען נישטאָ אַזעלכע קינדער; די נאַטור האָט אַזעלכעס, אַפילו צווישן חיות, נישט באַשאַפן! — אין אַ זיגערישער פּאַזע האָט ער ווייטער גערעדט: — חברים און חברטעס! איך האָב דאָס געמאַכט אַביסל פּרימיטיוו; אָבער אַזוי זעט די פראַגע טאַקע אויס. וואָס האָט

געזאָלט טאָן דאָס פּוילישע פאָלק, ווען זיין לאַנד איז באַפאַלן געוואָרן פון פרעמדע פעלקער? דאָס פּוילישע פאָלק האָט געקעמפט אַפילו דעמאָלט, ווען די אַריינדרינגער האָבן דאָס לאַנד שוין געהאַט צעטיילט צווישן זיך אין שטיקער; עס האָט געמאַכט אַלעמאָל אַן אַנדערן אויפשטאַנד קעגן די פאַרכאַפּער, קעגן די אונטערדריקער און פאַרקנעכטער. מיר, ייִדן, פּוילישע בירגער, האָבן געקעמפט אַקסל ביי אַקסל מיט די קריסטן פאַר דער פרייהייט פון אונדזער פאָטערלאַנד. אין יעדן אויפשטאַנד האָבן מיר פאַרגאָסן אונדזער בלוט. דאָס אייגענע וועלן מיר טאָן אַצינד. האָבן מיר ווייניק געליטן אונטער דער פרעמדער הערשאַפט? מיר מוזן דעם שונא, די דייטשע און עסטרייכישע חיילות, אַרויסטרייבן פון אונדזער לאַנד!

ער האָט גערעדט היפּש לאַנג, געבראַנגט ביישפּילן פון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן פרעמדן שונא; ער האָט גערעדט וועגן דער שפּראַך און דער קולטור, וואָס איז יעדן פאָלק טייער, ווייל דאָס איז די נשמה זיינע, און זי ווערט געטרעטן מיט די פיס פון די פאַרגוואַלטיקער.

אין זעלבן זין האָט אויך גערעדט שטשעלקאָווסקי. ער האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז די גרעסטע שטערונג פאַרן סאָציאַליזם איז דער אימפּעריאַליזם. ביים ענדיקן האָט ער אויסגערופן:

— מיר וועלן נישט קאָנען בויען קיין סאָציאַליזם אַזוי לאַנג, ווי ס׳וועט עקזיסטירן אימפּעריאַליזם! מיר וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין פרייהייט אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן נישט זיין פריי פון פרעמדער הערשאַפט!

ס׳האָט גערעדט אויך די חברטע פייגע. זי האָט איבערגעחזרט, וואָס הערש האָט געזאָגט; ס׳האָט גערעדט אַבראַמטשיק; ער האָט נאָכגעזאָגט, וואָס ביידע פאַררעדנער האָבן געזאָגט, אָבער אַזוי הויך, אַז מ׳האָט אים אַלעמאָל געמוזט דערמאָנען דורך אַ צייכן, אַז ער זאָל נישט שרייען אַזוי הויך; ס׳האָבן גערעדט דינהטשע און אהרן; זיי האָבן געזאָגט דאָסזעלבע, וואָס ס׳האָט געזאָגט שטשעלקאָווסקי, נאָר ווייניקער קלאָר.

ליכטענבוים האָט נאָכאַמאָל גענומען דאָס וואָרט און זיך באַמיט איצט בקיצור צו רעזומירן זיינע געדאַנקען. פריִער אָבער האָט ער פעסטגעשטעלט:

— חברים! איך האָב נישט געזאָגט, אַז אַ פאָלק וואָס ווערט באַפאַלן פון אַ צווייטן פאָלק, זאָל זיך נישט פאַרטיידיקן! איך בין נישט קיין פאַציפיסט; פאַרקערט, איך באַטראַכט מיך פאַר מער רעוואָלוציאָנער, פאַר אַ סך ראַדיקאַלער, ווי ס׳איז דער חבר הערש און אַפילו דער חבר שטשעלקאָווסקי; איך בין אויך נישט קיין קאָסמאָפּאָליט. אָבער פאַר מיר איז אַ פאָלק — און זיין קולטור — עפּעס אַנדערש ווי נאַציע. דעריבער בין איך קעגן נאַציאָנאַליזם. דעם אונטערשיד, וואָס איך מאַך, איז נישט ניי; אָבער ער איז אויך זייער וועזנטלעך. — ער האָט נאָכגעטראַכט אַ מאָמענט און דאַן ווייטער גערעדט: — חברים! איז אייך דען נישט גענוג קלאָר, אַז קיין שום פאָלק באַפאַלט נישט קיין אַנדער פאָלק? דאָס האָבן אַמאָל געטאָן די פּרימיטיווע נאָמאַדן־שבטים. אין די לעצטע טויזנטער יאָרן האָבן — לויט דער געשיכטע — געפירט מלחמות רעגירונגען. זיי האָבן געדונגען סאָלדאַטן, פּונקט ווי אַ פאַבריקאַנט דינגט היינט אַרבעטער; די מלחמות האָבן געפירט די אימפּעראַטאָרס, אַרומגערינגלטע פון קליינע גרופּעס רייכע און מאַכטגיריקע, פאַרדאָרבענע פאַרשוינען; זיי האָבן געוואָלט באַהערשן וואָס מער לענדער, אָנרויבן וואָס

מער עשירות און פאַרגעטערט ווערן. זיי האָבן דאָס געטאָן אָן צביעות. די מלחמות פאַר די לעצטע הונדערטער יאָרן ווערן געפירט אונטער פאַרשידענע מאַסקעס, מיט אַלערליי שיינע באַפּוצונגען, מיט היפּאָקריטישע פראַזן אויף צו נאַרן די מענטש־הייט מיט ליגנס: אַז די מלחמות, וואָס זיי פירן זיינען פאַרטיידיקונגס־מלחמות.

ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, זי צוריק אַראָפּגענומען און פאַרגעזעצט:

— געוויס, שטאַרקערע נאַציעס — אָפט באַהערשטע פון פרעמדע פעלקער — באַפאַלן שוואַכע, קליינע פעלקער. די באַפאַלענע פאַרטיידיקן זיך און מוזן זיך פאַרטיידיקן; זיי זיינען אָבער שטענדיק אונטערדריקט און באַהערשט פון זייערע אייגענע רעגירונגען און די רייכע אין זייערע אייגענע לענדער; פאַרוואָס פאַרטיידיקן זיי זיך נישט קעגן זייערע אייגענע באַצווינגער און עקספּלואַטאַטאָרס מיט דיזעלבע וואָפן און מיט דערזעלביקער אַנטשלאָסנקייט? פאַרוואָס פאָלגן זיי זייערע אייגענע אונטערדריקער און טיראַנען?

אויסרופן: „הייבט זיך אָן אַ מעשה!" — —

ליכטענבערג האָט טריומפירט:

— יאָ, הייבט זיך אָן די מעשה! דאָ הייבט זי זיך טאַקע אָן! דאָ דאַרף זיך אָנהייבן דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, דאָ און נישט אינעם קאַמף פאַר העכערן לוין און ווייניקער אַרבעטס־שעהן! דערמיט מיין איך אָבער נישט צו זאָגן, אַז דער קאַמף פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען איז נישט באַרעכטיקט און אַז מ'זאָל אים אויפגעבן, נאָר איך וויל באַטאָנען, אַז דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, פאַרן גרויסן הייליקן אידעאַל, הייבט זיך אָן מיטן קאַמף פאַר עטישע פּרינציפּן, פאַר גערעכטיקייט, פאַר דער אַלגעמיינער און אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, וואָס האָט מיט פּערזענלעכע נוצן נישט צו טאָן. ווען די ענגלישע מאַסן וואָלטן געקעמפט פאַרן סאָציאַליזם, וואָלטן זיי זייער קאַמף אָנגעהויבן קעגן דעם אימפּעריאַליזם און זייער רעגירונג אין אינדיע און אַפריקע; זיי וואָלטן אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין זייער לאַנד! די דייטשע און עסטרייכישע אַרבעטער, די פראַנצויזישע און רוסישע, וואָלטן געטאָן דאָס אייגענע! אונדזער לאַנד וואָלט דאַן געווען פריי! מיר זיינען היינט די באַפאַלענע; מאָרגן קאָנען מיר אָבער זיין די איבערפאַלער. האָט דען פוילן נישט געהאַט קיין דעראָבערונגס־מלחמות? דער ערשטער חוב פון אַ פאָלק איז נישט איבערצוטרעטן די גרענעץ פון אייגענעם לאַנד! זיך שלאָגן אויף פרעמדער טעריטאָריע הייסט איבערפאַלן פרעמדע לענדער און נישט פאַרטיידיקן דאָס אייגענע לאַנד! נאַציאָנאַליזם מוז אויפהערן! דאַן וועט זיך אָנהייבן די זעלבסט־שטענדיקייט פון די פעלקער! דאַן וועט בליִען די אייגנאַרטיקייט פון יעדער פאָלקס־קולטור און ס'וועט אויפשפּראָצן די פאַרברידערונג פון דער מענטשהייט! דאָס וועט זיך אָנהייבן דאַן, ווען דער מענטש — דער אַרבעטער איז צוערשט מענטש — וועט זיין אידעאַליזם צִיִען פון זיינע עטישע געפילן, וואָס זיינען אוניווערסאַל און דער טיפערער זין פון געטלעכקייט האָט זיי אין אים פאַרפלאַנצט!

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אָבער אויך אַצינד ווייניק צוגעהערט צו אים.

הערש איז דאַן איבערגעגאַנגען צו די וויטערע פונקטן פונעם סדר־היום.

צווייטער טייל

קאַפּיטל צען

צוליב פּרנסה

1

ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט און די לאַגע אין דער שטאָט האָט זיך געביטן. אַ סך ווונדן פון דער מלחמה האָבן זיך פאַרהיילט. דאָס איינגעשטעלטע לעבן פון אַמאָל איז אָבער כמעט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. ס׳איז דערוויל ווי אָפּגעמעקט געווען דאָס לעבן פון די פאַבריקן; מ׳האָט מער נישט געהערט קיין רוישן פון מאַשינען, קיין פייפן פון די סירענעס; מ׳האָט מער נישט געזען דעם שוואַרצן רויך פון די הויכע קוימענס, דאָס איילן זיך פון די אַרבעטער צו דער אַרבעט און דאָס גיין צוריק; ס׳האָבן זיך נישט מער געוויזן די גרויסע פּלאַטפאָרמעס איבערן שאָסיי מיט פאַרטיקע סחורות צו דער באַן און מיט רוימאַטעריאַלן צוריק. ס׳איז דערוויל געווען אויס מיט גרויסע געשעפטן פון גרויסע סוחרים און מערן זיך פון געוועל־בער, קראָמען און נייע הייזער. אַ סוף צו „מזל־ברכה״ ביי באַלמעלאָכעס; אַ סוף צו זייער זיין באַוואָרפן מיט אַרבעט, באַזונדערס וואָכן פאַר אַ יום־טוב. נישט געווען מער קיין טאָרגעס יעדן פרימאָרגן אין מאַרק און קיין יאַריד יעדן דינסטיק, ווען די שטאָט איז געווען פול מיט געפילדער, מיט געוויש און הוהאַ פון פויערן און פויערטעס פון דערפער אַרום, פול מיט פויערישע וועגעלעך און הירזשענדיקע פערד, געשפּאַנטע צווישן לאַנגע דישלעס און מיט הויכע האָלאָבליעס, ווי בויגנס איבער די קעפּ. די שטאָט איז דעמאָלט פאַרגלושעט געוואָרן מיטן קוויטשען פון חזירים, בעטשען פון קי, קרייען פון הענער און מיט הונדערטער קולות פון מענטשן ביים קויפן און פאַרקויפן, מיט געשרייען, יללות, בעטלעריי פון שנאָרערס, זינגען און שפּילן אויף קאַטערינקעס, געפייפעריי און טראָמייטעריי פון פייפעלעך און טרומייטערלעך פאַר קינדער — דאָס אַלץ איז אַוועק און דערמיט אויך דאָס ייִדישע שבת־יום־טובדיקע לעבן, די גרויסע פרייד פון קנס־מאָלן, חתונות און אַנדערע שמחות. אויס מיט דער געפּאַקטקייט אין שול און בית־המדרש, אויס מיטן זינגען פון פולן האַרץ ביים דאַווענען און אויס מיט די פאַרבענקטע ניגונים ביים לערנען.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. „אַז אָך און וויי איז דערצו!״ — האָבן די מייסטע ייִדן געזאָגט. דער קוואַל פון פּרנסה איז געוואָרן דער שמוגל. אין דאָזיקן

האַנדל האָבן זיך אַריינגעוואָרפן יונג און אַלט, מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך, מענטשן, וואָס האָבן תמיד געלעבט פון האַנדל, און אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט פון יגיעת־כפים, לערנער, בעלי־עגלות, גנבים און אפילו חדר־יינגלעך. עס זיינען אַנטשטאַנען הורטאָוויניקעס פאַרן דאָזיקן האַנדל, מעקלערס, „מאַכערס״, דאָס הייסט, אַזעלכע, וועלכע האָבן געמאַכט די פאַרבינדונגען צווישן די דייטשע זשאַנדאַרן, די פוילישע מיליציאַנטן און די שמוגלערס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין הפקרות. די מאַכט האָט געוווּסט פון דאָזיקן האַנדל, אָבער זי איז געווען אָפּ־געקויפט פון אונטן ביז אַרויף דורך צווייערליי צאָלונגען: אין מזומן און מיט „ליבע״... ס'האָט אויפגעהערט דאָס שעמען זיך, דאָס באַהאַלטן זיך. אַ סך יונגע פרויען און מיידלעך, וואָס האָבן געגילט פאַר צנועות, זיינען געוואָרן פשוטע זונות. פרומע יידן האָבן געגומען האַנדלען מיט חזיר, האָבן אָנגעהויבן מחלל שבת זיין. צוערשט נאָך פאַרשטעלט, דערנאָך האָבן זיי עס געטאָן בפרהסיה. חסידים, שיינע באַלעבאַטים, האָבן געשיקט זייערע פרויען (אַז זיי זיינען געווען יונג און שיין) און זייערע טעכטער צום דייטשן קאָמענדאַנט און צו זיינע געהילפן אויף צו קריגן קאָנצעסיעס, און געפירט מיט זיי פאַרשידענע טונקעלע געשעפטן.

ס'איז אויפגעקומען אַ נייע פּראָפעסיע: „פירן״. דידאָזיקע פּראָפעסיע איז איינ־געשטאַנען צומייסט אין די הענט פון קליינע יינגלעך. „פירן״ האָט באַדייט: די אָנקומענדיקע אויף אַ קורצער צייט, אָדער בלויז דורכפאָרנדיקע דייטשע און עסט־רייכישע סאָלדאַטן, פירן אין געשעפטן, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אין קעלערס, אין שטובן אָדער אין שפייכלערס פון הינטערגעסלעך. ווו מ'האָט באַקומען צו קויפן אַלץ, וואָס דאָס מיליטער האָט אַרויסגעפירט פון די אָקופּירטע לענדער: שפייז, טאַבאַק, פּאַראַלעם, שפעק, וווּרשט, שינקע. ווי אַ צולאָג איז געקומען: „איין שיינעם מעדכיען״. די קליינע חברה איז געווען פלינק און דורכגעטריבן. אַ קוק טועניק אַ סאָלדאַט אין פּנים אַריין — האָט אַ יאָט פון 10, 11, 12 יאָר געטראָפן, וואָס יענער וויל. „איין מעדכיען״? „יאַ״. באַזונדערס אויסגעצייכנט צווישן זיי האָבן זיך בערקע פעצער, אַשרל לעקעך און דער שוואַרצער גאַדל. נאָך זיי האָט זיך נאָכ־געשלעפּט יאָסקע, גרוינעם מלמדס בן, און עוזר, ר' יאָסל פוקסמאַנס מיזיניק. דעם לעצטן האָט חברה נישט געקאָנט ליידן און בערקע פעצער האָט אים איינ־מאָל געפרעגט:

— צוליב וואָס ביסטו געוואָרן אַ פירער? דיין טאַטע האָט נישט קיין פּרנסה?...

אַשר לעקעך האָט אונטערגעהאָלפן:

— מ'שטאַרבט נעבעך ביי זיי פון הונגער... דער טאַטע — ער רעדט שטענ־דיק מיט גאָט און מיט זיינע מלאכים, ער מאַכט דורך זיין טעכטערל מיליאָנען. זי... די דבורהלע...

בערקע האָט אַ שטויס־געטאָן זיין קאָמפּאַניאָן:

— האַלט ס'מויל! מ'זאָגט, אַז זי לײדט זייער אַ סך און אַ מענטש וואָס לײדט...

— עוזרן האָט ער געפרעגט: — איז טאַקע אמת, אַז זי איז דעם קאָמענדאַנטס?... — אַפּוואַרטנדיק אַ ווײלע האָט ער געזאָגט: — ווילסט נישט ענטפערן? ביסט גערעכט. זאָג־זשע, צוליב וואָס ביסטו געוואָרן אַ פירער? קיין געלט ברויכסטו דאָך נישט. ביים טאַטן נעמסטו אַוודאי נישט קיין מעקלעריי. און איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט פירן צו דיין טאַטן קונים! מיר פירן אַלע נישט צו אים, קיינער טאָר צו אים נישט

פירן, ווייל... נו, דו ווייסט אַליין, עוזר, סאַראַ פאַרשוין דיין טאַטע איז. ס׳מעג אַ רוח אין זיין...

עוזר האָט זיך דערשראָקן:

— כ׳וועל פירן צו אַנדערע, צו וועמען דו וועסט מיר הייסן.

אַשרל האָט זיך אַ שטעל־געטאָן ביי דעם „צעמאַזשעטנס״ זייט, ווי חברה האָט עוזרן גערופן, און אים אָפּגעמאָסטן פון אונטן אַרויף:

— אַז דו וועסט אונדז אָוועקגעבן דאָס פאַרדינסט...

עוזר האָט מסכים געווען:

— כ׳וועל געבן.

— גאָדלען! — האָט בערקע באַפוילן. — זיין מאַמע איז קראַנק, דער טאַטע פאַרדינט נישט. אין שטוב איז דאָ אַ חברה פּיסקעס. די איינציקע פּרנסה־געבערן איז רייזל, די שוועסטער; אַ ווילע מויד. זי גיט זיך נישט אָפּ מיט די דייטשע זעלנער ווי אַנדערע, וויטישעו! אָבער דו, גאָדל, זאָלסט דיך טיילן מיט אַבישן, ווייל אין זיין היים שטאַרבט מען אויך פון הונגער. און צו שלמהן אין „הייזל״ אַריין — האָט ער ווייטער אַרויסגעגעבן באַפעלן — זאָל מען מער נישט פירן! ס׳ווייב זיינס, די „מומע״ מיט די צוויי לאַנגע... מאַכט פון אונדז ס׳געניי, פּאַר אַ גאַנצער וואָך ברענגען געסט האָט זי מיר נעכטן געוואָלט אַריינשטופּן אין האַנט אויף אַ טרונק בראָנפן מיט אַ פערטל גענדזונס. אַ רוח אין איר... איז אויס! ס׳איז דאָ צו וועמען צו פירן, גענוג וויטישע. יעדן טאָג קומט צו נייע סחורה... באַזונדערס די טעכטערלעך פון די שיינע ייִדן...

עוזר האָט זיך געוואָלט אויספּיינען און זיך באַרימט:

— מיר האָט ר׳ הענעכס ווייבל... זאָל׳ך אַזוי לעבן... פאַרן ברענגען צו איר אַן אָפּיציר... דער מאַן איז דאָך כמעט קיינמאָל נישטאָ אין דער היים. וואָס ווילסטו — האָט זי מיך געפרעגט — געלט צי?... צוערשט האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט; האָט זי זיך געטאָן אַ קנעפּל אויף פאַרנט, גענומען מיין האַנט... אויף מיין וואָרט...

זיך באַלעקנדיק די ליפּן, האָט חברה געפרעגט מיט גליִענדיקע אויגן:

— נו?

— ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל ביי מיר.

דער שוואַרצער גאָדל האָט אים געפרעגט:

— ווי אַלט ביסטו?

— 16, — האָט עוזר געענטפערט.

— ס׳אַ ליגן! — האָט יאָסקע אויסגערופן. — ער איז אַ סך ייִנגער.

בערקע האָט געמאַכט אַ סוף צום שמועס:

— גוט צו וויסן... אָבער היט זיך, יאַטן! ביי די וויטישע קאָן מען כאַפּן דאָס רעכטע פּעקל... זיי גייען דאָך נישט צו קיין דאָקטער...

2

צווישן די נייע אויפגעקומענע פּרנסות זיינען געווען די קאַוויאַרניעס, ווו די דייטשע זעלנער זיינען געקומען „זיך אין ביסכיען אַמוזירן״: טרינקען טיי מיט

רום, קאַפּע מיט „זאהנע“, „איין גוטען דויטשען קאָניאַק“, „איין שענעס מעדכיען“.
ס'זיינען אויך געקומען די שמוגלערס, די מאַכערס, די פירערס. די באַרימטסטע
קאַוויאַרניע איז געווען מירעלעס. ביי איר איז אויך געווען די בערזע. „דאָס קאַפּע־
הויז“ אין דייטש, אָדער אכסניה צי רעסטאָראַציע אין יידיש, האָט זיך געפונען אין
אַ גרויס געמויערט הויז, מיט אַן איינפאָר פאַר גרויסע וועגענער, וואָס זיינען גע־
פאָרן אין מרחקים. אַלטע מענטשן האָבן געדענקט די צייט, ווען אין דאָזיקן הויז
איז געווען אַ ברויעריי. זיי האָבן דערציילט, אַז אַמאָל, שוין גאָר, גאָר לאַנג, איז
געווען אַ „גרוזשעלניע“, אַז זי האָט געהערט צו דעם און דעם פּריץ און דער און
דער ייִד האט זי געהאַלטן אין אַרענדע און דאָרט געהאַט אויך אַ גרויסע שענק.
דאָס הויז איז געשטאַנען ביים גרויסן שליאַך, ווו עטלעכע וועגן האָבן זיך גע־
קרייצט. ס'איז געבליבן גאַנץ און מירעלע האָט עס אָפּגעדונגען. דער אַריינגאַנג
איז געווען דורך אַ שויבנטיר אין סאַמע פּראָנט, צו וועלכער ס'האָבן געפירט דריי
טרעפּלעך פון פלאַטשיקע קיזלשטיינער. די פענצטער זיינען געווען פון איין זייט
צום גרויסן שליאַך און פון דער אַנדערער זייט צו דער מאַרקגאַס.

אין דער ריזיקער שטוב איז געשטאַנען אין סאַמע אויבנאָן אַ גרויסער בופעט.
הינטער דעם בופעט זיינען געווען צוויי ווינקלדיקע טירן רעכטס און לינקס. איינע
האָט געפירט אין מירעלעס וווינונג, ווו עס איז אויך געווען דער אַלקערזש, וואָס
זי האָט אָפּגעגעבן אירע עלטערן, און די צווייטע אין דער קיך: אַ ריזיקע קיך מיט
צוועלף פייערקעס, אין וועלכע ס'זיינען תמיד געשטאַנען גרויסע אייזערנע טעפּ
און קעסלען. אין בראָטאויוון זיינען געשטאַנען בראָטפאַנען מיט גענדז, קאַטשקעס,
הינער און אַנדערע מינים פלייש: שעפּסנס, קעלבערנס, רינדערנס. דאָס פייער אין
דער קיך איז כמעט קיינמאָל נישט אָפּגעגאַנגען און דער באַקאויוון איז כמעט
קיינמאָל נישט אָפּגעקילט געוואָרן. מירעלע האָט נישט געקויפט קיין געבעקס; זי
האָט אַליין אַלץ געבאַקן. זי האָט געהאַלטן קעכנס און דינסטן; אָבער אַלץ, וואָס
איז געקאָכט, געבראָטן און געבאַקן געוואָרן, איז געווען אונטער איר אויפזיכט.
האָט טאַקע אַראָפּגעשמעקט און גערייצט דעם אַפּעטיט אַלץ, וואָס איז געווען אין
בופעט: די מאָנקיכלעך מיט ציבעלעס, די אייערקיכלעך, די אַלערליי פלאָדנס, קעז־
קוכנס, טאָרטן, לעקעכער; דאָס שטענדיק וואַרעמע געבעקס: די זעמל, קוילעטשלעך
מיט מאָן אָדער מיט צימערינג, צי מיט טשאַרנעכע, בעקן־חלות, פלעצלעך און
פּאָפּלעניקעס געבאַקן פאַרן פלאַם, מיט ציבעלעס און מאָן און אָן דעם, ראַגלעס,
בייגל און קנישעס; געזאַלצענע צובייסעכצן: מאַטיסהערינג און שמאַלצהערינג אין
פולמיסקעס מיט ציבעלעס און עסיק, געמאַרענירטע הערינג, געפּרעגלטע, גע־
וועגדזלטע, אַלערליי סאַרדינען, לאַקס, מאַסלינעס, כלערליי מינים פיש, געמאַכט
אויף אַ פאַרשידענעם אופן: געפילטע, אין זויערן, געפּרעגלטע; אַלערליי פליישן:
געקאָכט, געבראָטן, געפּעקלט; געפילטע העלדזלעך, קישקע, מילצלעך, גראַשיצ־
קעלעך, קעלבערנע און שעפּסענע געהירן, וועמפּלעך, פיס אין זויערן, געהאַקטע
לעבערלעך און כלערליי מינים ווורשט. אַרום די ווענט זיינען געשטאַנען טישלעך
מיט שטולן. די שויבנטיר האָט נישט גערוט איין מינוט. די קאַוויאַרניע איז געווען
אָנגעפּאַקט מיט שמוגלער, מיט סוחרים און אַלערליי פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך
געדרייט אַרום די סוחרים. אַ געקאָך, אַ גערודער פון אַלע אינאיינעם, אַ געמיש
פון קולות און גאָרגלדיקע ווערטער אָן וואָקאַלן. דער רויך פון שלעכטן טאַבאַק

האָט געברענט אין די אויגן. אַ ריח פון אַלקאָהאָל, אויסגעמישט מיטן ריח פון עסנס אויפן בופעט, פון די ציבעלעס און הערינג, מיט געשטאַנק פון שווייסיקע לייבער אין קויטיקע וועש. באַדינט די געסט האָבן די שיינע קעלנערקעס און ראַבע און מירעלע. די לעצטע איז געווען דער קאָפּ, אָדער די נשמה (ווי די היימישע האָבן געזאָגט) פון דער אכסניה. און נישט בלויז פון דער אכסניה, נאָר פונעם גאַנצן האַנדל, פון דער בערזע, פונעם הוהאַ, ווייל זי האָט זיך נישט באַגניגנט בלויז מיט דער קאָוויאַרניע, נאָר זי האָט אָפּגעקויפט און פאַרקויפט די פאַרשידנ־סטע סחורות: טאַבאַק, שניט, לעדער, גאָלד, צעלניק — כמעט אַלץ. זי האָט אָפּט באַשטימט די פרייזן נישט בלויז פון פאַרשידענע סחורות, נאָר אַפילו פון די זשאַנדאַרן און מיליציאַנטן, וויפל זיי זאָלן נעמען פאַרן דורכלאָזן אַזאַ און אַזאַ אַרטיקל, וויפל ס׳זאָלן נעמען די וואַכן אויפן וועג, וויפל עס זאָלן קריגן די מאַ־כערס, די מעקלערס, ווען מ׳זאָל יאָ און ווען מ׳זאָל נישט צולאָזן, הן אַלס מעקלער אָדער מאַכער צי סוחר, מחמת הונדערטער און הונדערטער מענטשן האָבן זיך געריסן אין דאָזיקן האַנדל. ס׳זיינען געווען אַלערליי אָפּקויפער און פאַרקויפער פון יעדן מין סחורה, וואָס איז געגאַנגען דורך אומצייליקע הענט. די מייסטע פון די סוחרים און די סוחרימלעך האָבן די סחורה, וואָס זיי האָבן געקויפט און פאַר־קויפט, גאָר נישט געזען אַפילו און קיין אַנונג נישט געהאַט פון די אַרטיקלען, מיט וועלכער זיי האָבן געהאַנדלט. מ׳האָט זיך צוגעטשעפּעט, אַריינגעשטופּט, אַנגע־האַנגען. דאָס אייגענע מיט מעקלער: מעקלער ביי מעקלער. דאָס אייגענע מיט די מאַכערס: מאַכערס ביי מאַכערס. אָבער מירעלע האָט שוין געוווסט, ווען יאָ צו־צולאָזן און ווען נישט. פאַר סטראַשען מיט מסירה האָט זי קיין מורא נישט געהאַט. זי האָט געוווסט, ווער עס קאָן יאָ גיין מסרן און ווער נישט, און צו ווען דער מסור קאָן גיין. זי האָט אויסגעגליכן סכסוכים און געזען, אַז מ׳זאָל נישט רייסן צופיל דעם פּאַסיק.

— געוואַלדיק! — האָט זי געפּסקנט. — ס׳הערשט גרויס אָרעמקייט! ס׳מוז זיין יושר.
— דערפאַר האָבן די מייסטע זי ליב געהאַט און זיך פאַרלאָזט אויף איר.

מירעלע איז געווען אַ פלינקע. זי האָט געפרעגט עטלעכע געסט מיטאַמאָל, וואָס זיי ווילן און איינס־צוויי האָבן זיי געהאַט וואָס זיי האָבן באַשטעלט. צומייסט זיינען עס געווען די „קאַרפּנקעפּ", ווייל די פּשוטע געסט האָבן באַדינט די קעל־נערקעס. נאָר געמאַכט דעם חשבון און גענומען געלט האָט זי אַליין ביי אַלע, ווייל דאָס האָט זי קיינעם נישט געטרויט, אַפילו נישט דער שוועסטער און נישט דעם מאַן. ער איז געשטאַנען אונטערן בופעט אין אַ שוואַרץ געהאַקט קאַפּאָטקעלע, אַ קאַנגאַרנס, מיט אַ קליין טוכן־היטעלע אויפן ברייטן און פלאַכן קאָפּ און געשוויצט ביים צונעמען ס׳געלט פון דער פּרוי און ביי קונים, וואָס האָבן ביים בופעט גע־טרונקען און צוגעביסן. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויס־ און אַריינרוקן דאָס גרויסע שופלאָד, וואָס איז געווען מיט קליינע געפלאָכטענע קערבעלעך, אויסגע־סדרטע און אָנגעפילטע מיט דייטשע מאַרקן, צווייערמאַרקן און דרייערמאַרקן, מיט האַלבע און פערטלמאַרקן, מיט צענערפעניקער, פינפפעניקער, צווייער און איינ־ציקע. ס׳היטל אַרויפגערוקט, נישט ווייל ער האָט געשוויצט, נאָר ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרמוחט און געוואָלט ווייזן סאַרע שיינעם שטערן ער האָט. דאָס קאַפּאָטקעלע צעקנעפּלט, ווייל ער האָט געוואָלט, מ׳זאָל זען ווי דיק און ווי לאַנג

זיין גאָלדענע קייט איז, אַז איבערן גאַנצן בייכל (שוין אַ גאַנץ נישקשהדיקס) ציט זי זיך פון איין וועסטלקעשענע צו דער אַנדערער און מיט אַ ברילאַקל אינמיטן. די בעלי־עגלות און נאָך אַנדערע אַזעלכע פּאַרשוינען האָבן אים גערופן „מיגענע", „שמענדריק", „יאָלד", „שוואַנץ". ער האָט זיך נישט ווּסנדיק געמאַכט דערפון, כדי זיי צו וויזן, אַז ער שטייט העכער פון זיי און דערביי געטראַכט: „אַבי זיי גיבן צו לייזן געלט". ער האָט אָבער אויך שלעכט געהערט צוליב עפּעס אַ מחלה אין קאָפּ. ער האָט ליב געהאַט מירעלען, זי פאַרגעטערט. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שיינעם מאַן, געזאָגט, אַז ער איז ווי אַ געטאָקטע ליאַלקע.

גערעכנט האָט מירעלע אויפן קאָפּ און זיך קיינמאָל נישט טועה געווען צו איר שאָדן. זי האָט זיך געהנדלט און קאָקעטירט; אָבער נישט צו יעדן; בלויז צו די זשאַנדאַרן; צו די מיליציאַנטן שוין ווייניקער. זי איז געווען נאָך גענוג יונג, שיין און בליִענדיק, כאָטש זי האָט שוין געהאַט אַ חדר־יינגל, אַ קליין מיידעלע און דאָס דריטע קינד אין בויך. דאָס קליינע האָט זיך אָפּט געפּלאָנטערט דער מוטער אונ־טער די פיס. זי האָט עס גערופן „מיין פּופּקעלע", עס געכאַפּט אַלעמאָל אין אירע אָרעמס, עס אויסגעקושט יעדעס אבר און זיך אָנגעשמעקט דערמיט. ביים אָריינ־ציִען אין זיך טיף דעם ריח פונעם קינדס בעקעלעך, דיקע פּיסעלעך, האָט זי גע־שריגן פון תענוג: „רויזן!... זאַפירן!... די בעסטע בשמים"!... די היימישע געסט, באַזונדערס די בעלי־עגלות, האָבן ליב געהאַט ביים „פּופּקעלע" צו קנייפּן די רויטע, דיקע, נאָר תמיד פאַרשמירטע בעקלעך און צו פרעגן עס אַלערליי „חכמות". איציק בעל־עגלה האָט דאָס קינד געקיצלט ביים בייכל און געכאַכאַטשעט: „ממזרל... אַ רוח אין דיין... דו געראָטסט דאָך גאָר נישט אַריין אין טאַטן"... פּונקט איז מירעלע פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט איר געטאָן אַ קניפּ אויף אַ ווייך אָרט, פאַסמאַקע־ווענדיק זיך: „ממ!... סחורה... האַרט... שפּרינגט אָפּ ווי אַ ספּרענזשינע"... זי האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבער דער האַנט און געמוסרט:

— אַלטער בעל־תאוותניק!... ס'איז דאָך ביי אייך שוין בלויז נאָך נאָר די מחשבה... איר האָט דאָך שוין אייניקלעך און בלומטשע, די מוזינקע, איז דאָך אויך שוין ראוי לחופה, שוין לאַנג ראוי... שעמט אייך כאָטש פאַר אייער זון, אייער אַבראַמ־טשיק איז דאָך דאָ הינטן!

נאָר דער אַלטער האָט זיך נישט געשעמט, די אויגן האָבן זיך תאוותדיק אָנ־געצונדן ביי אים און ער איז מיט דער האַנט געקראָכן ווייטער:

— קאָשימנעהאָרע... די בלוזקע פּלאַצט אַזש אויף... און דאָס בייכל... — ער האָט זי שטיל געפרעגט: — פון וועמען?... כ'וועל נישט אויסזאָגן...

זי האָט אים ווידער געטאָן אַ פּעטשל און איז געגאַנגען ווייטער, אַ פאַררויטל־טע, מיט צניעותדיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

3

אויך אין דער קאָוויאַרניע האָבן די מענטשן זיך צעטיילט אין גרופּן לויט יחוס, פאַרגאַנגענעם און איצטיקן. אין פאַרגאַנגענעם האָט תורה און יראת־שמים נאָך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע; אין איצטיקן — בלויז געלט, דאָס אָרט, וואָס מ'האָט פאַרנומען, אָדער ריכטיקער, פאַרכאַפּט אינעם לעבן פונעם איצטיקן חורבן.

ביי איין טישל איז געזעסן ר׳ הענעך מלאך, אַ שיינער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ ברייטן שטערן. אָנגעטאָן איז אַ זיידענער קאַפּאָטע און אין אַ זיידן היטל. מ׳האָט אים געהאַלטן אין שטאָט פאַר אַ למדן, אָבער וועגן זיין פרומקייט האָט מען נישט געוווּסט אַקוראַטנע. פון מאָל צו מאָל האָבן מענטשן געמורמלט, אַז זיין לערנען איז נישט אַזוי פשוט. „ער איז אַ בעל מקובל״, האָבן אַנדערע אים פאַרענטפערט. ס׳זיינען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן גערעכנט, אַז ער לייענט ספרים חיצונים, פון משה דעסער דעם דייטש, דער ימח־שמוניק, און פון נחמן קראָכמאַל, דעם גאַליציאַנער אַפּיקורס. קיין גביר איז ר׳ הענעך קיינמאָל נישט געווען. ער האָט געהאַנדלט מיט אַלץ און מיט גאָרנישט, ווייל וואָס ס׳האָט ווער געוואָלט, האָט מען ביי אים געקריגן; אָבער נישט ער האָט געהאַט אַ געשעפט און נישט ער האָט געהאַט סחורה אין שטוב. מ׳האָט אים בלויז געזאָגט וואָס מ׳וויל און ער האָט צוגעשטעלט: פון אַן אויסטערלישן טייערן אַנטיק, אַ יקר־המציאות, ביז דאָס געוויינטלעכסטע. און אַזוי אויך איצט. אויף די אַנדערע בענקלעך זיינען געזעסן ייִדן, וואָס האָבן זיך געריבן אַרום אים. (אַפּנים, אַז מיט זייערע עסקים זיינען זיי איצט שוין פאַרטיק געווען). צווישן זיי איז געווען מעכל פּאָליטיקער, דער מעקלער.

ר׳ הענעך („מלאך״ האָט מען אים גערופן הינטער די אויגן, צוליב זיין סודות־דיקייט) האָט גערעדט מעניני דיומא. אָבער נישט ווי יעדער איינער האָט ער גערעדט, נאָר מיט רמזים, דורכלויפנדיק אַ גרויסן מהלך מיט איין שפּרונג, באַ־רירנדיק בלויז עיקרים, און נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדן. וועגן דער מלחמה האָט ער למשל אויסגעפּידט אַזוי:

דער רוס וועט די מלחמה נישט געווינען. פאַרוואָס? — ר׳ הענעך האָט די לאַנגע באָרד זיינע אַרומגעוויקלט אַרום דער לינקער האַנט און גענומען קנעלן מיט די צוהערער: — פּאָניע איז געגליכן צו אַ בער. זיין הערב אָבער איז אַן אָדלער מיט צוויי קעפּ. — ער האָט זיך צעשמייכלט: — ווי איז דער בער געקומען אויפן רעיון פון אַן אָדלער? ווייל ער האָט אונטער זיין ממשלה אפשר אַ העלפט פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז געגליכן צו אַן אָדלער. דער בער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט נעמען פונעם אָדלער אויף די פליגל, צו שוועבן מיט אים אַלץ העכער; ער האָט גאָר דעם אָדלער גערודפט. וועט ער פאַרלירן די מלחמה. דער פּרייס ווידער — כאָטש עס זעט אויס, אַז ער האָט די מלחמה כמעט שוין געוווּנען, ווייל ער האָט שוין איינגענומען שיער אַלע מלוכות, מיט וועלכע ער שלאָגט זיך, ער וועט אָבער אויך פאַרלירן. פאַרוואָס? — ר׳ הענעך האָט די באָרד צוריק אַראָפּגעוויקלט פון דער האַנט און גענומען קוקן פאַר זיך אין ווייטקייט: — דעם דייטשס הערב איז אַן אָדלער מיט איין קאָפּ, כדרך הטבע. ייִדן האָבן דאָרט גרויס רעכט. ס׳גייט זיי גוט, זיי קאָנען אין מלכות אַרויפשטייגן אַפילו גאַנץ הויך. דאָרט איז דאָ גרויס חכמה און לומדות. אָבער דער אָדלער איז גאווהדיק, צו רויבעריש; מוז ער אַראָפּפאַלן פון זיין הויך אינעם פליִען. וועט מנצח זיין ענגלאַנד, ווייל איר איז באַשערט אַ גרויסע שליחות אין דער איצטיקער מלחמה, אַ שליחות מן השמים...

די ייִדן אַרום זיינען נשתומם געוואָרן:

— מן השמים!... סאָרע שליחות?

ר׳ הענעך האָט לאַנג געטראַכט. דאַן האָט ער געענטפערט:

— ס׳איז נאָך צו פרי מגלה צו זיין אַזאַ סוד... — ער האָט גענומען רעדן וועגן קץ, וועגן יומא המשיח; ער האָט געברענגט שטיקער זהר, גימטריאות, צו־נויפגעשטעלט צאָלן און אויסגערעכנט, אַז די צייט איז שוין נישט ווייט. אָבער ער האָט מוסיף געווען: — פריִער וועלן קומען אַזעלכע צרות, אַזעלכע פורעניות, וואָס אַ מענטש קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן. באַזונדערס אויף יידן. — ווידער האָט ער די באָרד זיך אַרומגעוויקלט אַרום דער לינקער האַנט און גערעדט בלויז צו זיך: — דאָס בלוט אין אַ מלחמה באַדייט, אַז די אָנגעזאַמלטע אומגערעכטיקייט איז אַזוי גרויס, אַז זי האָט דערגרייכט עד לב השמים. די מייסטע, וואָס פאַלן, זיינען טאַקע נישט שולדיק; אָבער אויך נישט אינגאַנצן אומשולדיק, ווייל אַלע — אויך מיר — זיינען עדות פון גזילה און רציחה. די באַגזלטע און ברציחהנטע זיינען מיר נישט געקומען צו הילף. מיר האָבן די גזלנים און רוצחים גאָר געהאָלפן. נאָר דאָס בלוט פון דער מלחמה קאָן די גרויסע חטאים נישט אָפּוואַשן. אַדרבא; וועט קומען אַ צווייטע מלחמה, נאָך אַ גרעסערע, ס׳וועט קומען די מלחמה פון גוג ומגוג, און דעמאָלט... — ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען.

4

ביי אַן אַנדער טיש איז געזעסן שימעלע לאַטערינִיק, אויך אַן אַנגעזעענער ייִד אין שטאָט, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ווי ר׳ הענעך. אַ הויכער, מיט אַ רויטער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון פינף שטיקלעך: אונטער די ברייטע פיאות צוויי שטיקלעך, צוויי אַראָפּצוציִער, און אויפן קין איין שטיקל. פאַר דער מלחמה האָט ער געהאַנדלט מיט לאַטערייצעטלען. ער האָט זיי אַרומגעטראָגן אין די הייזער און כמעט יעדער האָט געקויפט ביי אים: די רייכע, ווייל זיי האָבן אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן, און די אָרעמע, ווייל ער האָט יעדן איינעם צוגעזאָגט דאָס גרויסע געווינס. אַצינד האָט ער, ווי אַלע אין דער אַכסניא, געקויפט און פאַרקויפט אַלערליי סחורות צום שמוגלען, סחורות, פון וועלכע ער האָט קיין ידיעה נישט געהאַט און אַפילו פאַר די אויגן נישט געזען. לעבן אים און אַרום אים זיינען גע־זעסן און געשטאַנען יידן ווי ער, גאַנץ אָרנטלעכע, פרומע, וואָס האָבן אָבער נישט מער מדקדק געווען וואָס מען מעג יאָ און וואָס נישט, וואָס ס׳איז שיין און וואָס מיאוס ביים פאַרדינען געלט.

— וואָס קאָן מען טאָן? פרנסה...

— דאָסדאָזיקע איינציקע וואָרט האָט פאַרענטפערט אַלע קשיות, וואָס ס׳האָט וועך אָדער ס׳געוויסן געפרעגט וועמען פון זיי.

די ייִדן האָבן זיך צוגעהערט צו שימעלע לאַטערינִיק, ווי די אַנדערע פריִער צו ר׳ הענעכן. נאָר שימעלע לאַטערינִיק האָט נישט גערעדט וועגן פּאָליטיק, נישט וועגן משיחס צייטן. ער האָט דערציילט, וואָס אין שטאָט טוט זיך, דאָס, וואָס דער עולם אַרום אים האָט געוואָלט הערן. ער האָט דערציילט וועגן בערנפעלס ייִנגסטער טאָכטער און דעם מויערער־שגץ, וועגן די סאָציאַליסטן אין שטאָט, וועגן ר׳ יאָסלס בת־יחידה:

— ס׳האָט אים געטראָפן אַ גרויס מילער... מ׳זאָגט, אַז דאָס טעכטערל זיינס

וועט זיך שמדן און חתונה האָבן מיטן קאָמענדאַנט. נאָר ערשט שפּעטער, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ר׳ יאָסל פוקסמאַן, אַ פרומער ייִד, דאָזאָר אין שטאָט, ווערט איצט רייכער פון טאָג צו טאָג; דורך דער טאָכטער... ער וועט אָבער שפּע־טער בלייבן בלויז ביים געלט...

— און מיט אַ לאָך אין האַרץ!... — האָבן עטלעכע אונטערגעכאַפּט.

— ס׳איז נאָך נישט אינגאַנצן אַזוי, — האָט דער לאַטעריניק גענומען ווינקען פריילעך מיט די אויגן. — איך האָב געהערט נאָך עפּעס אַנדערש אויך: אַז דאָס מיידל איז קראַנק...

עטלעכע האָבן אים געוויזן מיט אַ פינגער אויפן מויל:

— ש, ש, ש... דעם מיידלס ברודער...

שימעלע און די אַנדערע האָבן זיך אומגעקוקט. זיי האָבן ביי אַ טיש געזען זיצן אַ קאָמפּאַניע: ר׳ יאָסל פוקסמאַנס זון (דער בוכהאַלטער פון וואַרשע) מיט איציק בעל־עגלהס זון, מיט אַברהם שניידערס זון און נאָך עטלעכע; אויך מיידלעך — די „סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטקעס״, ווי מ׳האָט זיי גערופן. זיי האָבן געטרונקען ביר, צוגעביסן און גערעדט. ביים בופעט זיינען געשטאַנען עטלעכע פון דער גנבים־באַנדע אין שטאָט, צווישן זיי מאָטיע קאַץ און לעמל גאַווער. אויך זיי האָבן פאַרלאָרן זייער „פּרנסה״ פון פריִער און זיך גענומען צום שמוגל. זיי האָבן גע־מאַכט אַ שנאַפּס מיט די בעלי־עגלות (צווישן זיי איציק), וואָס וועלן זיי ביינאַכט פירן קיין וואַרשע. צווישן די שמוגלערס זיינען געווען אויך עטלעכע שקצים, עט־לעכע מיטליעריקע גויים און גויעס. ביים וויפלטן גלעזל זיי האָבן געהאַלטן האָבן זיי נישט געוווסט. ערשט ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער פאַרנאַכט, האָט די קאַוויאַרניע אָנגעהויבן ווערן ליידיקער. נאָר דאַן האָבן אָנגעהויבן אָנקו־מען דייטשע זעלנער.

5

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. אירע שטראַלן האָבן זיך גע־שפּיגלט אינעם פאַרגילדעטן מעשענעם צלם אויפן שפּיץ קופּאָל פון דער קירך אינמיטן מאַרק און אָנגעצונדן אַ פלאַם אין אַ פענצטער פון גאַנצגעבליבענע הייזער.

אין די שמאָלע ענגע געסלעך פון דער ייִדישער אָרעמקייט, ווו דער חורבן פון דער מלחמה איז דערוויִיל נאָך אַלץ געווען זייער ווייניק פאַרהיילט, האָט שוין געטונקלט. פאַר די שמוגלערס, וואָס האָבן צומייסט געוווינט אין יענעם פערטל, האָט זיך אַצינד אָנגעהויבן דער טאָג, ווי ביי די פלעדערמייז. (אַזוי האָט מען זיי טאַקע גערופן). די ייִנגלעך, וואָס האָבן געפירט די דייטשע זעלנער איינקויפן שפּעק, וודרשט און צו זונות, זיינען איצט אַהיימגעגאַנגען: זיך אומגעקערט פון טאָג אַרבעט. באַגעגענענדיק ר׳ איסרן — ער איז געווען ביים קראַנקן סופר און איז איצט געגאַנגען דאַווענען מנחה־מעריב אין בית־המדרש אַריין, וואָס קהל האָט צוריק אויפגעשטעלט — האָט חברה יאָטן זיך אַ נעם געטאָן צו אים:

— דער פּרוש!... — זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און פאַרשאָטן מיט פראַ־געס: — ווו וווינט איר?... ווו נעמט איר צו עסן?... איר טוט דאָך גאָרנישט!... מיט וועמען שלאָפט איר ביינאַכט?... מיט דער מלכה שבא, צי מיט אַ שיקסע?...

ר׳ איסר האָט צו די ייִנגלעך געשמייכלט, ווי זיין טבע איז געווען, קינדעריש, וואָס מ׳האָט אין שטאָט אויסגעטייטשט פאַר אַ סימן פון חסר־דעה. צו דער חברה לאָבוזעס האָט ער געשמייכלט, ווייל זיי זיינען אים באַפאַלן שוין נישט דאָס ערשטע מאָל און געוווסט, אַז ער קאָן זיי אַנדערש נישט איינעמען, נאָר מיט שמייכלען און מיט ענטפערן זיי אויף אַלץ, וואָס זיי פרעגן אים. אַז נישט וועלן זיי אים נישט לאָזן גיין ווייטער, זי וועלן אים נישט אַרויסלאָזן פונעם רעדל וואָס זיי האָבן גע־מאַכט אַרום אים, און וועלן אים נאָך באַוואַרפן מיט שטיינער אויך. די פאַרביי־גייענדיקע עלטערע מענטשן וועלן זיך מאַכן נישט זעענדיק; אויב יאָ — וועלן זיי זיך אָפּשטעלן און גאָר קוועלן דערפון. ס׳האָט שוין געטראָפן, אַז זיי האָבן דער חברה קונדסים אַפילו צוגעהאָלפן. זעלטן נעמט זיך ווער אָן פאַר אים. האָט ער געענטפערט:

— ווו כ׳ווין? אין גאָטס וועלט.

די חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— אין גאָטס וועלט!... גאָטס וועלט איז אין הימל!...

— ניין, — האָט ר׳ איסר געלערנט פאָטערלעך מיט די ייִנגלעך: — גאָטס וועלט איז אומעטום.

די קונדסים האָבן געחוזקט:

— אומעטום... און ווו נעמט איר צו עסן?...

ר׳ איסר האָט געענטפערט:

— גוטע מענטשן גיבן מיר. קיין סך דאַרף איך נישט. אַ כזית ברויט, אַ קאַר־טאָפליע, און אַז מ׳גיט מיר גאָרנישט, פאַסט איך נאָך אַ טאָג; ס׳שאַדט נישט, ווי־ניקער פאַר די ווערים דערנאָך און מער פאַר דער נשמה.

איין חברה־מאַן האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס טוט איר גאָרנישט? טוט דאָס אייגענע, וואָס אַלע מענטשן טוען! איר ווילט נישט זיין גלייך מיט יעדן, נאָר אַנדערש, אַ הייליקער, אַ פּרוש...

עטלעכע ייִדן און ווייבער, וואָס האָבן אויף די שוועלן פון די חורבות, אין וועלכע זיי האָבן געוווינט, אויסגעקוקט, ס׳זאָל שוין ווערן גוט פינצטער, ווען זיי וועלן זייערע פּעקלעך קאָנען אַהינטראָגן, ווו מ׳דאַרף, האָבן דעם יונג געגעבן רעכט:

— גערעכט! גערעכט! זאָל ער זיין גלייך מיט אונדז!

נו, האָט חברה גענומען מאָנען:

— ענטפערט, ר׳ איסר, מיט וועמען איר שלאָפט ביינאַכט: מיט דער מלכה שבא, צי מיט אַ שיקסע?...

— ער שלאָפט מיט אַ קו!... — האָט איין יאַט אַ געשריי געטאָן. אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— מיט אַ קו!... מיט אַ קו... יעדער ווייסט דאָס!... פאַראַיאָרן... ניין, שוין לענגער, ווען מ׳איז צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין נאָכן אַנטלויפן פון דאַנען, האָט ער אין מיטן מאַרק, שפּעט ביינאַכט, זיך געקושט מיט אַ קו און גערעדט צו איר!... מ׳ווייסט דאָס!... מ׳דאַרף אים פאַרשטיינערן!... יאָ פאַרשטיינערן, אַזוי שטייט אין חומש!...

ר׳ איסר האָט זיך דערמאָנט אין יענער נאַכט, אין דער קו, אין יעקבן, וועל־כער איז צו אים צוגעקומען, אין די בילנדיקע הינט, און געטראַכט: „אַלע זיינען

גאַטס באַשעפעניש״... מיט ליבשאַפט, אַלץ נאָך שמייכלענדיק, האָט ער געקוקט אויף די אָרעמע אָפּגעריסענע יינגלעך און אויף זיי רחמנות געהאַט. אָבער ער האָט שטאַרקער געפילט די סכנה און ווידער גענומען רעדן פּאַטערלעך צו דער חברה:

— גייט עטץ ווידער אין חדר אַריין? באַלד וועט מען אָנהייבן לערנען שיר השירים. צ׳זעט די זון? שוין באַלד אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען... אַ ליכטיקע זון היינט געווען, אַ וואַרעמע. ס׳וועט באַלד קומען דער זומער. שוין נישט ווייט. — ער האָט גענומען זינגען מיטן ניגון פון שיר השירים: — הסתו עבר... דער ווינטער איז פאַרביי... הגשם חלף הלך לו... דער רעגן פאַרמיטן, פאַרגאַנגען... הנצנים נראו בארץ... די בלומען באַווייזן זיך אויף דער ערד... עת הזמיר הגיע... די צייט פון געזאַנג האָט גענענט... וקול התור נשמע בארצנו... און דאָס קול פון דער טירקלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד...

נאָר אין דעם מאָמענט — ר׳ איסר האָט נאָך נישט געהאַט געענדיקט — האָט אַ שטיין אים געטראָפן אין אַקסל. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ס׳האָבן אָנגע־הויבן פליִען נאָך שטיינער. נאָר צו זיין גליק האָט ר׳ הענעך מלאך — ער איז אויך געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין צו מנחה־מעריב — דאָס דערזען פון דער־ווייטנס און איז צוגעלאָפן צו ר׳ איסרן. די עלטערע מענטשן האָבן אויף די שוועלן דאָן גענומען שרייען אויף די לאַבוזעס. ר׳ איסר איז אַוועקגעגאַנגען מיט ר׳ הע־נעכן; ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע שטיינער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַ צוויי שעה שפּעטער האָט פון חורבות און האַלבע חורבות אַרויס זיך באַוויזן אַלעמאַל אַן אַנדערער קאָפּ פון אַ מענטש, מיט אַ באָרד און אָן אַ באָרד, וואָס האָט געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן. מאַנספּאַרשוינען מיט באַהאַלטענע קעפּ אין די אויפגעשטעלטע קעלנער פון די קאַפּאָטעס און די היטלען טיף אַראָפּגערוקט, ווייבער און מיידלעך אין איינגעהילטע פאַטשיילעס, אַזוי, אַז מ׳זאָל נישט אַרויסזען די פּנימער, האָבן איינציקווייז און צו צוויי זיך גענומען שאַרן ביי די ווענט. צוערשט פּאַמעלעך, מיט שטילע טריט, ביז זיי זיינען פלינק — ווי קעץ אָדער שטשורעס, נישט ווי פלעדערמייז — פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט מיט זייערע פּעקלעך, זעקלעך, בלעכענע באַניעס און קערבלעך.

קאַפּיטל עלף

אַ פריילעכע ״יאַזדע״

1

דער פרילינג האָט שוין געהאַט אַרויסגעשיקט זיינע שליחים צו קעמפן מיטן ווינטער. די שמוגלערס אויף די פורן אין שפּעטער נאַכט, ווייט אַוועק פון יעדן ישוב, האָבן געפילט און געזען דאָס אָנקומען פונעם פרילינג. די לבנה איז געווען אַ בלאַס־געלע. זי האָט זיך אָבער זעלטן געוויזן אינגאַנצן, ווייל די ווילד אַרומ־שוועבנדיקע וואָלקנס האָבן זי געהאַלטן אין איין פאַרשטעלן. דאָך האָט זי דורכגע־שימערט דורך זיי, ווייל זיי זיינען געווען לייכטע, פּוכקע און נישט קיין גרויסע.

דער הימל, ווו ער איז נישט געווען פֿאַרשטעלט פֿון די וואָלקנס, האָט געגלאַנצט ווי טונקל בלויער אַטלאַס. די שטערן האָבן געגליט און געשימערט אין וויאָלעט, גרין און גאָלדיק. די מענטשן אויף די פֿורן האָבן נישט געקאָנט שלאָפֿן, כאָטש זיי זיינען געווען מיד און שלעפֿעריק און דאָס שאָקלען האָט זיי איינגעוויגט. זייערע אויגן זיינען אַלעמאָל צוגעפֿאַלן; אויף אַ מינוט זיינען טייל איינגעדרעמלט; אָבער זיי האָבן זיך באַלד צוריק אויפֿגעכאַפּט. דער אָטעם פֿון פֿרילינג, כאָטש עס איז נאָך געווען גענוג קאַלט און ס'האָבן געבלאָזן פּראָסטיקע ווינטלעך, האָט די יונגע מענטשן, אַפֿילו די נישט פֿאָעטישע, געהאַלטן וואַך. דערדאָזיקער פֿרילינגסאָטעם, דווקא אין די שאַרף שניידיקע ווינטלעך, האָט געהאַט אין זיך אַ זיס־מחיהדיקע קילקייט, ווי מיענטע, וואָס איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן לייב, ביז אין די ביינער, ביז אין אינגעווייד. אויף די פֿורן האָט אַלעמאָל עמיץ אַנדערש זיך צעגענעצט און איינער נאָכן אַנדערן האָט אויפֿגעריסן ס'מויל. אינגאַנצן וואַך שוין — האָבן זיי גענומען באַטראַכטן דעם הימל און די פֿעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פֿאַר זייערע אויגן. דערביי האָבן פֿונדעסטוועגן די מער פֿאַרזיכטיקע נישט פֿאַרגעסן אויף אַכטונג צו געבן אויף זייערע פּעקלעך, אַז וועמענס אַ האַנט זאָל זיך נישט „פֿאַרבלאָנדזשען“ עפּעס אַרויסצולקחענען.

אויף די פֿעלדער איז כמעט שוין נישט געלעגן קיין שניי. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך פֿאַרוואַלגערט נאָך אַ קליין ביסל און אויסגעזען ווי אַ ברודיקער פּאַס, אַן אַרומגעגריזשעטער, אַן אויסגעהוילטער אין מיטן, ווי אַ בויך פֿון אַ ריזיקן פֿיש. די ביימלעך ביים וועג האָבן שוין אינגאַנצן זיך געהאַט אָפּגעטרייסלט פֿונעם שניי. די נאַקעטע צווייגן האָבן ווי דאַרע אָרעמס, ווי הענט מיט אומציילקע לאַנגע פֿינגער, זיך געשטרעקט צום נאַכטיקן הימל, צו די לויפֿנדיקע וואָלקנס, צו דער לבֿנה. אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון די מער פֿאָעטישע מענטשן אויף די פֿורן — ביי די, וועלכע האָבן געהאַט מער פֿאַרשטעלונגסקראַפֿט — האָבן זיך אויסגעמאָלט פֿאַנטאַסטישע זאַכן: אַז די צווייגן ציִען זיך צו דער לבֿנה זי צו גלעטן, צו לאַשטשען... אָדער: די צווייגן פֿון איין בוים שטרעקן זיך צו די צווייגן פֿון אַ צווייטן בוים, ווייל זיי ווילן זיך איינס ס'אַנדערע אָנרירן, צערטלען, אַרומנעמען און אַרומאַרעמען... טייל, מיט גאָר פֿאַרשפּיצטע חושים, האָט זיך געדאַכט, אַז אַפֿילו קולות הערן זיי אין דער נאַטור, פֿריילעכע קולות, לאַכן, קוויטשען... אין די קליינע ווינטלעך האָבן זיי געפֿילט וואַרעמע אָטעמס און קושן פֿון הייסע ליפּן... דער פֿרילינג האָט זיך געריסן פֿון דער זיך עפֿנענדיקער ערד אַרויס, פֿון די מיליאַרדן קעמערלעך אין יעדן קלענסטן צווייגל. די שאַרפֿע ווינטלעך האָבן געטריבן דעם ווינטער, האָבן פֿאַרטיליקט די רעשטלעך שניי, כּדי פֿון ערדס שויס אַרויס זאָלן קאָנען געבוירן ווערן די ביליאָנען גרינע גרעזעלעך און גרינע בלעטעלעך און בלומען פֿון אַלערליי קאָלירן.

2

פֿינף פֿורן האָבן זיך געצויגן איינע הינטער דער אַנדערער. צוערשט האָבן די מענטשן אויף זיי נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט. שפּעטער אָבער האָבן זיי גענומען פּלוידערן: די עלטערע הויך, די בחורים און מיידלעך — צו פּאָרלעך

נעבנאַנאַנדער אָדער זיצנדיק קעגנאיבער — האָבן זיך געשושקעט, געסודעט און געלאַכט.

אויף איציק בעל־עגלהס פור זיינען געווען דריי געזעסן. אויף זיי זיינען געזעסן צו דריי פּאַסאַזשירן, חוץ צוויי לעבן אָנטרייבער. אויפן מיטלסטן געזעס, צווישן דודן און אַ מיטליעריקער פרוי, איז געזעסן בלומטשע, דעם בעל־עגלהס טאָכטער. הינטער זיי איז צווישן אַ יונגער קריסטן און אַ ייִד פון אַ יאָר 50 געזעסן אַבראַמ־טשיק, בלומטשעס ברודער. קעגנאיבער בלומטשען, צווישן צוויי פרומע יונגע־מאַנטשיקעס, וואָס האָבן מער נישט באַקומען קיין קעסט ביי זייערע שווערס (שיינע ייִדן פון דער שטאָט) איז געזעסן אַ יונגער שגץ, אַ געוועזענער חזיר־קיילער, וואָס האָט זיך גענומען צום שמוגל. ער האָט געהייסן סטאַך. דוד האָט שטענדיק, ווען ער איז געפאָרן מיט שמוגל, אָפּגעפּאַסט, אַז ער זאָל פאָרן צוזאַמען מיט בלומטשען און זיצן לעבן איר. ביים ערשטן מאָל פאָרן צוזאַמען האָט ער איר געזאָגט:

— ווען דען זאָל איך געבן צו פאַרדינען, אויב נישט אייער פאָטער?... — זי האָט געשמייכלט, אָבער זי האָט געוואָלט, ער זאָל איר זאָגן אָפן, אַז ער איז פאַרליבט אין איר. ס׳האָט זיך איר געגלוסט צו הערן ווי אַזוי ער וועט דאָס זאָגן און דעריבער אים געענטפערט:

— ס׳פעלן נישט קיין פּאַסאַזשירן, דער טאַטע וועט אָן אייך אויך האָבן אַ פולע פור.

ער האָט געמאַכט פאַרליבטע חנדלעך, איר אָפּגעטיילט „דאַמענערע״, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאַוואַליער, גערעדט מיט איר וועגן די שטערן און דער לבנה, וועגן פרילינג, וואָס וועט קומען, אויך וועגן הייליקן סאָציאַליסטישן אידעאַל און וועגן זיין פּלאַן: צו מאַכן איצט געלט, אַזוי לאַנג ווי ס׳לאָזט זיך; דערנאָך וועט ער דינגען אַ שיינע דירה, קויפן שיין מעבל און עפענען אַ ווערקשטאָט מיט עטלעכע אַר־בעטער. ער וועט נישט ווערן אויס סאָציאַליסט, פאַרקערט; ערשט דאַן וועט ער העלפן ברענגען דעם סאָציאַליזם. ער האָט גערעדט און גערעדט, נאָר איר זאָגן וואָס זי האָט געוואָלט הערן, האָט ער עפּעס נישט געקאָנט. זיין גוף האָט געלעכצט נאָך איר, די רעכטע האַנט האָט געבענקט אַרומצונעמען די הייסגעליבטע פון זיין האַרץ. אָבער ער האָט נישט געוואָגט דאָס צו טאָן, ווייל עס איז אים אויסגעקומען, אַזאַ אַזאַ באַנעמען זיך וואָלט געווען גראָב קעגן אַ חברטע, וועלכע מ׳שעצט חבריש. ער איז דאָך נישט גלאַט אַזוי אַ שניידעריונג צו קריכן מיט די הענט...

בלומטשע האָט געזונגען פּוילישע לידלעך און טאַנצמעלאָדיעס. געזונגען האָט זי שטיל, פון צייט צו צייט בלויז נאָר געברומט מיט געשלאָסענע ליפּן, בלויז דורך דער נאָז. דער חזיר־קיילער האָט היינט געטראָפן באַזונדערס גוט: קעגנאיבער אַ שיינער און יונגער „זשידוווקע״. אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַ פּעלצל ביז די קני׳ען. ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און מיט די פּאַלעס צוגעדעקט בלומטשעס פיס ביז איבער די שענקלען. זיינע קני׳ען האָבן גלייך געפונען אירע.

— דער פּאַניענקע איז דאָך קאַלט, — האָט ער איר געזאָגט און אַריינגע־בראָקט דאָס פּוילישע שפּריכוואָרט: „וומאַרצו יאַק וגאַרצו״, וואָס האָט גע־מיינט: נאָך גאַנץ שטאַרקע פרעסטלעך. און צוגעגעבן: — אַ שאָד אַז ביי אַזאַ שיינער פּאַניענקע זאָלן אָפּגעפרוירן ווערן די פיס.

בלומטשע האָט געלאַכט און גלייך פאַרצויגן אַ לידל, אַרויפקוקנדיק פאַר־בענקט און שמאַכטנדיק צום הימל, צו דער לבנה און די שטערן.

דער שגץ האָט אַלץ מער דערפילט די הייסקייט פון דער „זשידוווקעס״ קני:ען און געדריקט זיינע אַלץ פעסטער צו אירע, ביז ער האָט צעשפּרייט זיינע פיס און אירע אַריינגענומען צווישן זיי. אָבער די הענט זיינע האָבן אויך געוואָלט עפּעס טאָן. דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער בחור לעבן דעם מיידל איז שטאַרק פאַרליבט אין איר. ער איז אפשר שוין אַ חתן אירס, אָדער גאָר אַ מאַן. נאָר שפּע־טער האָט ער זיך אַלץ מער משער געווען, אַז דער יונגערמאַן איז נישט קיין מאַן און אַפילו נישט קיין חתן דעם מיידלס. אָבער אינגאַנצן אים אָפּשטויסן פון זיך וויל זי אויך נישט. וואָס־זשע טוט מען? דעם שגצס הענט האָבן געברענט, זיי האָבן אים נישט געגעבן קיין רו; זיי האָבן זיך געצויגן צו דער שיינער זשידוווקעס קני:ען, צו אירע לידקעס, צו די שענקלען. ביז ער איז געפאַלן אויף אַן עצה: ער האָט אויסגעטאָן דאָס פּעלצל און זייער העפלעך, מיט אַ פאַרנייגונג ווי אַן אמת פּויל־שער קאַוואַליער, זיך געווענדט צו זיין איצטיקער האַרצדאַמע:

— איך האָף, אַז די פּאַניענקע וועט נישט האָבן דאַקעגן, ווען איך וועל מיין פּעלצל לייגן אָט אַזוי... — ער האָט דאָס פּעלצל געלייגט אין דער ברייט און אַזוי־אַרנאָך צוגעדעקט ביידע, זיך און זי ביז דער ברוסט. ביידנס הענט האָבן זיך גלייך געטראָפן אונטערן בגד. בלומטשע האָט ערשט איצט געזען ווי שיין דער שגץ איז. אַפילו דער בלאָנדער לאָק האָט נישט געפעלט: ער האָט זיך אַפּירגעקרויזלט פון אונטערן לאַקירטן לעדערנעם דאַשיק פון בלויען היטל. די בלויע אויגן האָבן געפינקלט ווי די שטערן אין הימל. האָט איצט בלומטשע ערשט רעכט פאַרצויגן אַ פּויליש לידל און עס געזונגען מיט גרויס בענקשאַפט.

דוד האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע קונץ פון שגץ. ער האָט פון דער ערשטער רגע אָן אַלץ געזען. די אייפערזוכט האָט געברענט אין אים; ער האָט געקאָכט פון צאָרן. בלומטשע אָבער האָט דווקא ערשט איצט געלאָקט מיט דער גאַנצער וייב־לעכקייט פון איר קערפּער דעם באַליידיקטן און געקרענקטן פאַרגעטערער אירן. זיין האַנט האָט הינטנאָרום אַרומגענומען איר טאַליע. ער האָט נעבעך געליטן. אָבער נאָך אַנדערע, זייטיקע מענטשן, האָבן אויך געליטן: די צוויי זיידענע יונגעמאַנ־טשיקלעך, וואָס האָבן ביז דער מלחמה געגעסן קעסט ביי זייערע שווערס, אויך די מיטליאָריקע פּרוי לעבן בלומטשען און אַפילו דער ייִד לעבן אַבראַמטשיקן. דעם בעל־עגלהס זון איז געגאַנגען גאָר גוט; ער האָט אַרומגעהאַלטן די קריסטן און זי געקושט. די פיר ליידנדיקע מענטשן האָבן געטאָן אַלץ, נישט צו זען וואָס לעבן זיי טוט זיך. זיי האָבן געקוקט אויפן הימל, אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין דער פור אַריין, געפּרווט באַטראַכטן די פאַרבייציִענדיקע פעלדער, די פאַרביישוועבנ־דיקע ביימלעך און די טעלעגראַף־סלופּעס ביי דער זייט פון שאָסיי; די מאַנספּאַר־שוינען האָבן אַריינבאַהאַלטן די פּנימער אין די אויפגעשטעלטע קעלנער פון די פּאַלטנס און די פּרוי אין דער פאַטשיילע. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. זייערע אויגן האָבן געזען נאָר דעם בעל־עגלהס טאָכטער און די יונגע קריסטן, דאָס וואָס דעם שגצס און די צוויי יונגענס הענט טוען. די ייִדענע האָט זיך געצוווּנ־גען צו פאַרזינקען אין טרויעריקע מחשבות, צו טראַכטן וועגן אירע קליינע, אָרעמע יתומים אין דער היים, וועגן דעם ביטערן מזל אירן: זי איז נעבעך געבליבן אַן

אלמנה אין די בעסטע יאָרן פון איר לעבן און דער מאַן פוילט ערגעץ אין דער ערד. ווידער דער זעלבער געדאַנק: „כ׳ווייס דאָך גאָרנישט אַפילו, אויב און ווו ער איז געפאַלן! אפשר איז ער דאָך ערגעץ אין געפאַנגענשאַפט? וואָלט איך כאָטש שוין געוווסט, אַז איך בין טאַקע אַן אלמנה״... זי האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און, ווי אַלעמאָל ביי אַזעלכע רעיונות, באַשלאָסן, אַז איר מאַן איז אַוודאי דאָך געפאַלן, ווייל אויב ער וואָלט געלעבט, וואָלט זי דאָך שוין געהאַט אַ צייכן פון אים. אָבער די אַלע מחשבות האָבן דער יידענע גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט אין איר האַרצן געשאָלטן מיט טויטע קללות דעם בעל־עגלהס טאָכטער, דאָס אויסגעלאָסענע שטיק, און די צוויי יונגען. צום שגץ און צו דער גויע האָט זי קיין טענות נישט געהאַט: זיי מעגן אַלץ. עשו. אָבער אויך דאָס שעלטן האָט איר נישט געהאָלפן. אירע געדאַנקען זיינען געווען ביי די וויסטע אויסוורפן און אירע אויגן האָבן געזען אַפילו דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געזען. דאָס אייגענע איז געווען מיט די צוויי יונגעמאַנטשיקעס און מיט דעם עלטערן ייד. אַלע דריי האָבן זיך באַמיט צו טראַכטן וועגן זייערע היימען, וועגן די פרויען און די קינדער; זיי האָבן געזיפצט וועגן דער מיאוסער פרנסה, צו וועלכער זיי האָבן זיך געמוזט נעמען, כדי נישט צו שטאַרבן מיט ווייב און קינד פון הונגער. יעדער פון זיי האָט אויף זיין אופן זיך געפרוווט צו פאַרטיפן אין הייליקע מחשבות. אָבער אין קאָפּ אַריין זיינען אַלץ געקראָכן זינדיקע געדאַנ־קען. דער עלטערער ייד האָט הויך אַ זאָג געטאָן:

— דאַווענען מעריבֿ!

— יאָ, טאַקע! — האָבן די צוויי יונגעלייט זיך אָנגעכאַפּט דאַרין.

זיי האָבן זיך אָבער פריִער באַדאַרפט וואַשן די הענט און אויף דער פור איז פאַר דעם נישט געווען קיין מעגלעכקייט. אויך וואָלטן זיי אויף דער פור נישט גע־קאָנט שטיין קיין שמונה־עשרה. זיי האָבן מיטן דאַווענען שוין געמוזט וואַרטן, ביז די פור וועט זיך ערגעץ אָפּשטעלן. די יידן איז נעבעך געוואָרן גאָר ביטער אויפן האַרצן, איינזעענדיק, ווי דער יצר־הרע האָט זיי אַריינגעכאַפּט אין זיינע נעגל און לאָזט זיי מער נישט אָפּ. צום ערגסטן איז געווען דער יידענע: די מיאוסע געדאַנ־קען האָבן זיך אַלץ מער צעראַיִעט אין איר קאָפּ; פּאַסקודנע דמיונות און ברענענ־דיקע לעכצונגען אין האַרץ. ס׳איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איר גוף האָט גענומען גלוסטן צו דעם עלטערן ייד. ער האָט דאָס אַפּנים דערפילט און גענומען גלוסטן צו דער יידענע. גראַד זיינען ביידע געזעסן אַזוי, אַז דעם יידנס ברוסט איז אויס־געקומען קעגן דער יידענעס פּלייצעס. זי האָט זיך אַ רוק געטאָן אַביסעלע העכער אויפן שעניק, האָט זיך עטוואָס מער אויסגעבויגן אַהינטער און ער האָט זיך אַ רוק־געטאָן עטוואָס פאָרויס, האָט זיך אַביסעלע מער אויסגעבויגן אויף פאָרנט... ביידע האָבן זיך געשאָקלט הין און צוריק, ווייל די פור האָט זיי געטרייסלט פאָרנדיק...

3

פאָרויס פון איציק בעל־עגלהס פור זיינען געפאָרן צוויי און הינטער אים צוויי פורן. אויף דער ערשטער פור איז געזעסן איין זשאַנדאַר מיט אַ ביקס און אויף דער לעצטער — אַ צווייטער זשאַנדאַר מיט אַ ביקס. פאָרן דאַזיקן מיטפאָרן

האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, גענומען געלט. די שמוגלער זיינען אָבער געווען פאַרזי־
כערט, אַז זיי וועלן אויפן וועג נישט פאַרהאַלטן ווערן פון קיין וואַך. דער זשאַנדאַר
אויף דער ערשטער פור האָט געוווסט, אַז בלומטשע, „דאָס גאָלדענע מעדכיען״, זיצט
אויף דער דריטער פור און ס'האָט אים געצויגן צו איר. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען
אין מיטן לויפן פון דער פור, דורכגעלאָזט די צווייטע און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף
דער דריטער. נאָר אַרויפקומענדיק האָט ער גלייך דערזען, אַז ער האָט נישט קיין
שום שאַנס. ווערן אַ דריטער האָט ער נישט געוואָלט. איז ער צוריק אַראָפּגעשפּרונ־
גען און אַרויף אויף דער פערטער פור. אין זעלבן מאָמענט איז דער זשאַנדאַר פון
דער פינפטער פור אַראָפּגעשפּרונגען און דעריאַגט די דריטע; אויך אים האָט גע־
צויגן צו בלומטשען. דאָס האָבן געטאָן נישט בלויז די צוויי זשאַנדאַרן, נאָר עטלעכע
יונגען פון די פאַרשידענע פורן, כאָטש זיי האָבן אויף זייערע פורן געהאַט מיידן
און יונגע ווייבלעך און זיך ווייניק זשענירט פאַר די פרומע עלטערע מענטשן.
אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט דעם גאַנצן וועג בלייבן בלויז ביי די, וואָס זיינען
געפאָרן מיט זיי; זיי האָבן געוואָלט האָבן אַביסל איבערבייטונג. באַזונדערס האָבן
די צוויי געווּזענע גנבים, מאַטיע קאַץ און לעמל גאַוועד, נישט געקאָנט בלייבן
לאַנג ביי איינער. די יונגען זיינען דעם גאַנצן וועג געשפּרונגען פון איין פור אויף
דער צווייטער. די מייסטע מיידן און די יונגע ווייבלעך האָבן די צוגעקומענע נישט
אַוועקגעטריבן פון זיך. וואָס איז? מ'בייסט נישט אָפּ פון זיי קיין שטיקער... אָבער
אויף די פעקלעך סחורה זייערע און אויף די קעשענעס האָבן זיי גוט אַכטונג געגעבן:
נישט בלויז פאַר די צוויי געווּזענע גנבים האָבן זיי געהיט, נאָר אַפילו פאַר די
אַנדערע.

אויף די פורן איז געווען פריילעך: מ'האָט געזונגען, געלאַכט, געכיכעט און
געקוויטשעט. די פרומע האָבן נעבעך געליטן. צום ערגסטן איז געווען די, וועלכע
זיינען געזעסן צוזאַמען מיט שקצים און שיקסעס, מיט יונגע גויעס און גוים, וואָס
האָבן נישט געוווסט פון קיין שום בושה. דאָס אייגענע איז געווען אויף דער לעצ־
טער פור, אויף וועלכער ס'איז געזעסן ציפּע, די יונגע אלמנה, וועלכע איז עטלעכע
מאָל פאַרגוואַלטיקט געוואָרן פון רוסישע סאָלדאַטן און קאַזאַקן אויף די וועגן בעתן
לויפן פון דער שטאָט. נאָר זי האָט, חוץ די דייטשע זשאַנדאַרן, קיינעמען נישט
צוגעלאָזט צו זיך. ווען דער ערשטער איז אַוועק פון איר, איז שפּעטער געקומען
דער צווייטער. דאָך האָט זי זיך אַנדערש באַנומען ווי די שיקסעס און גויעס. זי
האָט נישט געכיכעט און נישט געקוויטשעט. און ווייל דאָס זיינען געווען די זשאַנ־
דאַרן, האָבן די מענטשן מיט איר אויף דער פור, אַפילו די פרומע, נישט געוואַגט
צו זאָגן אַ וואָרט.

דער אַרויפגעקומענער זשאַנדאַר אויף איציק בעל־עגלהס פור איז געפאַלן
אויף אַ פאַרטל, ווי אַזוי בלומטשען איינגאַנצן צו פאַרכאַפּן פאַר זיך. ער האָט אַ
געשריי געטאָן צום אַנטרייבער: „שנעלן גאַלאָפּ״! דאָס האָט געהייסן, אַז ער האָט
דערבליקט אַ וואַך באַהאַלטן הינטער אַ בוים. פאַר אַ צייכן האָט ער אויסגעשאָסן
אין דער לופט און די פינף פורן האָבן זיך צעלאָזט מיטן גאַנצן אימפעט. דער וועג
איז גראָד געווען באַרגאַראָפּ און די פערד זיינען געלאָפן ווי די טייוולאָנים. דער
זשאַנדאַר האָט זיך געטאָן אַ שטעל אַריין צווישן דעם קיילער־שגץ און בלומטשען.
נאָר סטאָך האָט נישט אַזוי שנעל אַוועקגענומען זיינע פיס און דער זשאַנדאַר האָט

אים אַ ריטשע־געטאָן אין פּנים אַריין: „פּאָלנישעס שוויין"! די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געהאָצקעט אַרויף און אַראָפּ, זיך געטרייסלט, געפאַלן אין אַלע זייטן אַריין און זיך אָנגעהאַלטן איינער אָן אַנדערן. דער זשאַנדאַר אויף איציק בעל־עגלהס פור איז כלומרשט אַרויפגעפאַלן אויף בלומטשען און איז געבליבן זיצן אויף איר שויס. זי האָט אים אַרומגענומען, כלומרשט כדי זיך אָנצוהאַלטן אָן אים. די געקוויטשערייען און דאָס געכיכעריי פון די מיידן און די שיקסעס, פון די יונגע ווייבלעך און די יונגע גויעס אויף יעדער פור איז געוואָרן נאָך העכער. די יונגען און די שקצים זיינען אַלעמאָל אַרויפגעפאַלן אויף זיי; אַלע האָבן זיך אויסגעמישט אין איין קופּע. דער ייִד אויף איציק בעל־עגלהס פור האָט אַרומגענומען די ייִדענע מיטביידע הענט, נישט אַרויסצופאַלן פון וואָגן... זי האָט מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעכאַפּט זיינע, זיך אָן „עפּעס" אָנצוהאַלטן... אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן האָבן אַנדערע פרומע ייִדן און פרומע ייִדענעס אויף די אַנדערע פורן זיך אָנגעהאַלטן איינער אָן אַנדערן.

— לינקס, צום וועלדל! — האָט דער זשאַנדאַר אויף איציק בעל־עגלהס פור באַפוילן. ער האָט געגעבן אַ צייכן דעם אָנטרייבער פון דער ערשטער פור און יענער האָט זיך אַ קירעווע געטאָן לינקס. אין וואַלד האָבן זיך די פורן אָפּגעשטעלט.

4

די בעלי־עגלות זיינען אַראָפּ פון די פורן מיט אַן „אוף"! זיי זיינען געווען פאַרמאַטערט פון טרייבן די פערד, שרייען „וויאָ! העטיאָ"! און שמייסן מיט די בייטשן. די פערד זיינען געווען נאַס, די מאָרדעס פול מיט שוים. די נאָזדרעס אַזוי צעשפּרייט, אַז מ'האָט אַזש אַרויסגעזען די אינעווייניקסטע ראָזעקייט. זייערע פלאַנקען האָבן געאַרבעט ווי בלאָזזעק אין קוזניעס. די בעלי־עגלות און שמייסער האָבן מיט זעק געווישט דעם שוויים פון די פערד און צעריבן די פרענגעס פון די בייטשן. דערנאָך האָבן זיי די פערד געגעבן עסן: אָנגעהאָנגען אויף זייערע קעפּ טאָרבעס מיט האָבער און שעטשקע.

די פּאַסאַזשירן זיינען אַראָפּגעשפּרונגען אָדער אַראָפּגעקראָכן פון די פורן. טייל עלטערע זיינען געבליבן זיצן, אויך די אַלמנה מיטן עלטערן ייִד אויף איציק בעל־עגלהס פור. חברה־יונגען, צעהיצטע, פריילעכע פונעם גאַלאָפּ, וואָס האָט זיי גוט דורכגעטרייסלט און אויפגעשטורעמט, זיינען געווען גליקלעכע, וואָס די „סכנה" איז אַריבער און אַצינד זיינען זיי אין אַ וואַלד. זיי זיינען אַראָפּ פון די פורן, אויך מיט אַן „אוף", ווי די בעלי־עגלות, און קאַוואַלעריש געהאָלפן זייערע צעפלאָמטע „וועגקאָכאַנקעס". באַלד האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַז זיי זיינען גוט הונגעריק. נישט לאַנג געטראַכט און נישט צופיל איבערגעלייגט איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצושפּרייטן אויף דער ערד וואָס ס'איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט, און בעקאָמפאַניע האָט מען זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז און גענומען האַקן אַ סעודה. אָבער אויך דאָ איז אָפּגעהיט געוואָרן דער פּסוק: „כל עוף למינה", וואָס האָט געמיינט, אַז אינעם רעדל האָבן זיך אויסגעזעצט בלויז די, וועלכע האָבן דאָרט אַהינגעהערט און יעדער זכר לעבן זיין נקבה. די בעלי־עגלות און די שמייסערס האָבן געהערט

צו זיי. אין וואַלד איז נישט געווען קיין ווינט און דעריבער כמעט וואַרעם, ווי עס איז באַזונדערס ביינאַכט אין געדיכטקייט פוןביימער. דערפאַר איז געווען טינקע־לער ווי אין פרייען פעלד. דאָס אָנקומען פון פרילינג האָט זיך דאָ געפילט נאָך שטאַרקער.

אַלץ, וואָס ס׳האָט וועגן פון דער חברה מיטגענומען פון דער היים צו עסן, האָט ער (אָדער זי) אָוועקגעלייגט אויף דער אויסגעשפּרייטער פּאַטשיילע, וואָס אַ מויד האָט פון זיך אַראָפּגעגעבן. טעלעכע חברה־לייט האָבן פון די קעשענעס אַרויסגעצויגן פלעשלעך בראַנפן, אַ קלאַפּ־געטאָן אָן דער דלאָניע, ס׳קאָרקל זאָל אַרויס, און דאָס געעפנטע פלעשל אַוועקגעשטעלט אויפן אויסגעשפּרייטן „טישטוך״. די צוויי זשאַנדאַרן האָבן צו שטייער געגעבן די באַגנעטן פון די ביקסן, צום צעשניידן די ברייטלעך און די לאַנגע שטיקער „קעלבאַס״. „אופּס וואָל דער שענען מעדכיען״! האָט צוערשט איינער, דאַן דער צווייטער איבערגעדרייט אַ פלעשל מיטן גערגל אין מויל אַריין און נאָך עטלעכע „בול, בול״, דאָס פלעשל געגעבן ווייטער. חברה האָט צוגעביסן, געגעסן מיט אַפּעטיט. אויפגעגעסן אַלץ, (אַז עס איז קיין קרישקע נישט געבליבן), איז מען נאָך געבליבן זיצן אַביסל. מ׳האָט גע־רעדט, געפּלוידערט, געזאָגט „חכמות״ און וויצן. דאָס „שיינע געשלעכט״ האָט דערביי געלאַכט און געכיכעט ווי אויף די פורן. נאָר צו לאַנג גלאַט אַזוי זיצן האָט אַ געוויסע אומגעדולדיקייט נישט געלאָזט. עטלעכע פון שיינעם מין האָבן געזאָגט, אַז עס איז זיי קאַלט. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט:

— ס׳איז דאָך נאָך נישט זומער.

עמיץ האָט פאָרגעשלאָגן:

— לאָמיר מאַכן אַ פייער!

אַ סך האָבן מסכים געווען און גענומען צוזאַמענקלייבן האָלץ. עטלעכע פּאָרלעך, וואָס זיינען געגאַנגען זוכן טרוקענע צווייגלעך, זיינען דערביי „פאַרלוירן״ געוואָרן... דער חזיר־קיילער האָט זיך דערוויטערט מיט בלומטשען. ער האָט זי געצויגן אַלץ ווייטער מיט זיך, נאָר זי האָט זיך געקווענקלט, אים געזאָגט, אַז זי קאָן נישט צוליב איר פאָטער, צוליב איר ברודער, און... דאָס רעשט האָט ער אַליין באַדאַרפן פאַרשטיין... אָבער דער שגץ האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין און אויך נישט גע־וואָלט אָננעמען דעם פאָטער אָדער דעם ברודער פאַר אַ תירוץ. וואָס הייסט? אויף דער פור איז זי געווען אַזוי צוגעלאָזט צו אים, זי לאָזט זיך איצט פון אים קושן און ווייטער גיין מיט אים וויל זי נישט? ער האָט זי אַרומגעהאַלטן ביי דער טאַליע, זי געצויגן מיט זיך, און אַריינגערעדט אין איר:

— ס׳איז אַזאַ שיינע נאַכט... דאָרט... זעסט קאַכאַנאַ?... דאָרט...

אין דעם איז אָנגעקומען דוד. דאָס איז פאַר בלומטשען געווען ווי געוווּנטשן. דוד האָט דאָס דערקענט אין איר אויסשטרעקן צו אים די הענט. ער האָט זי גע־נומען צ׳ען צו זיך. נאָר אָט האָבן אים גענומען פליען פונקען פאַר די אויגן פונעם זעץ, וואָס דער שגץ האָט אים מיט דער פויסט דערלאַנגט אין פּנים אַריין. דוד האָט צוריקגעגעבן. סטאַך, אין ווילדער רציחה, האָט דעם קאָנקורענט זיינעם גע־וואָלט וויזן, וואָס עס הייסט אים צוריקגעבן. ס׳האָט אים אָבער פון הינטן, ווי אַן אייזערנע צוואַנג, עמיץ געפּאַקט ביים קאַרק און אים אַ זעץ־געטאָן צו דער ערד. נאָר דער שגץ איז פלינק ווי אַ חיה צוריק אויפגעשפּרונגען און אין זיין רעכטער

האַנט האָט קעגן דעם פּיצל לבנה דאָ (די ביימער זיינען אויף יענעם אָרט געווען שיטערער) אַ גלאַנץ־געטאָן אַ מעסער, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון דער כאַליעווע. אָבער דער זשאַנדאַר, וועלכער האָט אים אַנידערגעוואָרפן, האָט דעם שגץ באַפוילן:

— דאָס מעסער אויס דער האַנט!

סטאַך האָט קיין דייטש נישט פאַרשטאַנען, דאָך האָט ער דאָס מעסער אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט.

אַרום דעם אָנגעלייגטן פייער זיינען די מייסטע פון די פּאַסאַזשירן געזעסן אין אַ קרייז, ווי פריִער ביים עסן, פּאַרלעכווייז און אין פאַרשידענע פּאָזעס: אַ שיין קעפּל אויף אַ שטאַרקן מענערישן אַקסל; אַנדערע האַלטנדיק זיך ביי די הענט ווי קינדער, אַנדערע אַרום טאַליע. מ׳האָט גערעדט, דערציילט מעשיות, געזאָגט וויצן און געלאַכט. אַ מיידל האָט גענומען זינגען אַ טרויעריקע, פאַרבענקטע מעלאָדיע, וואָס איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַנדערע. אַ צווייטע האָט אָנגעהויבן אַ פּאָלקס־ליד. אַלע האָבן מיטגעזונגען. די שטימונג האָט זיך געוויגט צווישן פאַרבענקטקייט, צער און פריילעכקייט, ביז עטלעכע זיינען אויפגעשפּרונגען, האָבן גענומען זינגען לעבעדיק און לוסטיק און ביי אַלע האָבן זיך די פיס אָוועקגעלאָזט אין אַ טענצל אַרום די פלאַמען. די עטלעכע פרומע — צווישן זיי די צוויי יונגעמאַנטשיקעס, חוץ דער ייִד, וועלכער איז געבליבן מיט דער אַלמנה אויף איציק בעל־עגלהס פור — האָבן אינעם וואלד, פון דער ערשטער רגע אָן, זיך אָפּגעזונדערט פון די פּושעים און אויסגעלאַסענע חצופות. זיי האָבן אָנגערירט מיט די הענט די פייכט־קייט פון מאָך און זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. גערן וואָלטן זיי געדאַוונט בציבור, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין מנין. די ייִדן האָבן מתפּלל געווען שטיל, בכוונה, אויסגעגאָסן זייערע הערצער פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק און איז דאָ אומעטום, וווּ מ׳ווענדט זיך צו אים. זיי האָבן זיך געקלאָגט פאַר אים אויף דעם, וואָס איז אויף זיי געקומען: אָפּצוגעבן זיך מיט אַזאַ פּרנסה בזויה, מוזן צוזען אַזעלכע חרפות ובושות און שווייגן. אָפּגעדאַוונט — האָבן זיי ווידער זיך געוואַשן די הענט מיט דער פייכטקייט פון דער ערד, געזאָגט: „שאו ידיכם״ און שטייענדי־קערהייט, נאָכן מאַכן „המוציא״, געגעסן די שטיקלעך ברויט מיט עפּעס צו, וואָס די פרויען האָבן זיי פון דער היים מיטגעגעבן. געבענטשט האָבן זיי במזומן און געצויגן די ווערטער: „ועל הכל אלוהינו אנחנו מודים לך ומברכים אותך״... מיט צעבראָכענע הערצער האָבן זיי געבעטן: „ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו!״... ביי די „הרחמנס״ האָבן זיי זיך צעשאָקלט נאָך שטאַרקער, געבעטן פון גאַנצן האַרץ: „הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד״... דערנאָך האָבן זיי געשמועסט, גערעדט, ביז די בעלי־עגלות האָבן גענומען רופן צוריק אויפזעצן זיך אויף די פורן.

קאַפּיטל צוועלף

דבורהלעס אַנטוישונג

1

נישט אַלע „יאַזדעס" זיינען געווען פּריילעכע און גליקלעכע. בלויז באַרימער האָבן פאַרשפּרייט אין שטאָט די „גרויסע גליקן" פון שמוגל. אַנדערע ווידער, גראָד די, וועלכע ס'איז יאָ געגאַנגען גוט, (דערוויל, וועמען אַ לענגערע צייט און וועמען אַ קירצערע), האָבן דעם גאַנצן האַנדל, „די טריפהנע געשעפטן", ווי זיי אַליין האָבן דעמדאָזיקן מיסחר גערופן, געמאַכט צו קליין־געלט. זייער חשבון איז געווען: וואָס ווייניקער שמוגלער, אַלץ בעסער. אָבער דאָס, וואָס זיי זיינען פון דאָזיקן האַנדל רייך געוואָרן, האָבן אָפּגעקויפט הייזער: ווער האַלב־חרובע, ווייני־קער צעשטערטע און זיי געלאָזט רעמאָנטירן, אַרויפגעצויגן נאָך אַ שטאָק, אָדער צוגעבויט דערנעבן עפּעס; ווער עס האָט אָפּגעקויפט גאַנץ־געבליבענע הייזער פון די באַלעבאַטים, וועלכע זיינען דורך דער מלחמה געוואָרן אָרעמעלייט און זיך מער נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס, אָדער זיי האָבן אָפּגעקויפט ליידיקע פּלעצער פון פאַרברענטע, אינגאַנצן חרוב־געוואָרענע הייזער און אויפגעשטעלט נייע — דאָס האָט ביי אַ סך אויפגעריסן די אויגן. צווישן די אַלעמאָל ניי־צוגעקומענע זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייער לאַנג נישט געקענט פועלן ביי זיך זיך צו נעמען צו אַ פּרנסה, וואָס איז זיי אויסגעקומען ווי דאָס ערגסטע: ווערן אַ שמוגלער, ווערן גלייך אַפילו מיט גנבים, מיט אַ מאַטיע קאַץ און אַ לעמל גאַווער, אָדער ווערן אַן אָפּקויפער און פאַרקויפער, צי אַ מעקלער און קומען אין מירעלעס קאַ־וויאַרניע, זיך מישן צווישן דעם פּסולת, וואָס קומט דאָרט אַריין. אָבער דידאָזיקע בכבודיקע מענטשן, שטענדיק אָפּגעהיטענע, האָבן שוין מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן דיליידן פון דער אָרעמקייט, אין וועלכער די מלחמה האָט זיי אַריינגעוואָרפן. זיי זיינען אויך נישט געווען מער בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם יצר־הרע, זעענ־דיק ווי געוועזענע „גאַרנישטן" ווערן רייך, און זיי — וואָס וואָלטן פריער מיט די נייע גבירים נישט געוואָלט אַפילו רעדן — מוזן הונגערן. „באו מים עד נפש", האָבן אַזעלכע מענטשן זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין און זיך אויך אַריינגע־וואָרפן אין דעם האַנדל מיט שמוגל.

אַלעמאָל אַנדערע, און אַלץ מער מענטשן, האָבן אין דער שטאָט זיך גענומען צום שמוגל. צענדליקער זיינען געוואָרן אויס שמוגלער, וויל דער גרעסטער טייל פון אַלע, ווער פריער און ווער שפּעטער, האָבן אַנגעווווירן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרדינט ביי דערדאָזיקער פּרנסה. די, וואָס זיינען געוואָרן אויס שמוגלער, האָבן דערנאָך געוואָרנט: „מ'קרענקט סוף כל סוף אויס אַלץ, וואָס מ'פאַרדינט!" אָבער אויף זייער אָרט זיינען געקומען געגנוג אַנדערע. פון די אַלעמאָל ניי־צוגעקומענע האָבן דאַן ווידער די מייסטע — טייל באַלד נאָך דער ערשטער „יאַזדע", טייל נאָך עטלעכע טעג, טייל נאָך עטלעכע וואָכן — אויך אויפגעהערט. ס'האָט אָבער גאָר־נישט געהאָלפן: ווער ס'האָט געהאַט הענט און פיס (ווי ס'ווערטל איז געגאַנגען) האָט זיך אַריינגעוואָרפן אינעם שמוגלען. „די גאַנצע שטאָט שמוגלט". אַזוי האָט

עס געהייסן. דאָס איז דעמאָלט געווען כמעט די איינציקע פרנסה אין שטאָט, חוץ פּאָר דעם קליינעם טייל בעלי־מלאכות און אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט וואָס צו טאָן און האָבן פאַרדינט זייער אָרעם שטיקל ברויט דורך יגיעת כפים. אָבער נאָר ווייל די אַנדערע האָבן געשמוגלט; אַנדערש וואָלטן זיי נישט געווען געהאַט קיין אַרבעט. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן אַלעמאָל שווערערע שטראָפן פאַר שמוגלען; עס זיינען צוגעקומען אַלץ מער וואַכן אויף די וועגן; די דייטשע זשאַנדאַרן און די פּוילישע מיליציאַנטן זיינען געוואָרן אַלץ שטרענגער, און די, וואָס האָבן גענומען שוחד, האָבן געהאַלטן אין איין העכערן די פּרייזן. ס'האָבן זיך גענומען מערן מוסרים, וועלכע מ'האָט געמוזט געבן לאַ־יחרץ־געלט. די מאַכט איז געוואָר געוואָרן פון יעדן שמוגלער און פון יעדן, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט שמוגל נאָך איידער יענער האָט עפּעס פאַרדינט. די מוסרים און די פּאָליציי — די, וועלכע זיינען שוין געווען „געשמירט" — האָבן אונטערגעשיקט זייערע שותפים, זייערע קאָלעגעס, אַז יענע זאָלן אויך קריגן. די רעוויזיעס ביי די שמוג־לערס, ביי די גרויסע הורטאָווניקעס און די קליינע קרעמערס, זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער און שטרענגער. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס'האָבן זיך געמערט די קאַוויאַרניעס און רעסטאָראַציעס, די אָפענע זונות און די באַהאַלטענע. אין דער שטאָט האָט צירקולירט אַ קלאַנג, אַ מיינונג, אַז מ'וויסט נישט מער, וועלכעס מיידל, וועלכע פרוי — אויב זי איז נאָר נישט צו מיאוס אָדער צו אַלט — איז אַן אָרנטלעכע. ס'איז אייגנטלעך כמעט ווי פאַרשווונדן דער באַגריף פון אָנשטענדי־קייט; די גרענעץ צווישן בכבודיקייט, צווישן צניעות און אויסגעלאַסנקייט, איז אַזוי אָפּגעווישט געוואָרן, אַז טייל מענטשן האָבן געהויבן די אַקסלען, ווען זיי האָבן ביי זיך געוואָלט קלאָר ווערן וועגן דעם. „ס'איז אַן איבערגעקערטע וועלט", האָבן אַזעלכע פאַרשוינען געטענהט. געוועזענע גבירים זיינען געוואָרן קבצנים און געוועזענע אביונים זיינען געוואָרן נגידים. ס'רעדל האָט זיך איבערגעדרייט; די נידעריקסטע, אָבער רייך געוואָרענע, האָבן זיך משדך געווען מיט יחסנים, מיט געוועזענע נגידים, וואָס זיינען צוליב דער מלחמה געוואָרן יורדים. קנסמאָלן און חתונות, בריתן און מזל־טובן, אָדער אַנדערע שמחות און הוליאַנקעס, וואָס די אויפגעקומענע נגידים האָבן געפּראַוועט, זיינען געווען ליאַרעמדיקע, מיט גרויס פּאָמפּ און אַ סך עסן, טרינקען — אַלץ פון בעסטן און טייערסטן. בליאַסקענדיק צירונג, אויגנאויפרייסנדיקע מלבושים.

2

אָבער ס'איז געקומען דאָס לעצטע יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן. עסן פאַר דער באַפעלקערונג איז איבערגעבליבן ווייניק, ווייל דאָס מייסטע איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, איז צוגענומען געוואָרן פון דייטשן מילי־טער פאַר ווערטלאָז געלט און אויך אינגאַנצן אָן געלט. ווי אַ פּועל־יוצא דערפון — און פון שמוגלען — איז דער יקרות געוואַקסן און געוואַקסן. דאָס געלט איז געפאַלן. דער הונגער איז געוואָרן אַלץ גרויזאַמער און איז אַריינגעדרונגען אין אַלץ מער הייזער. פּונקט ווי אַ פייער, וועלכעס וואָס לענגער עס געדויערט, אַלץ מער בנינים כאַפּט עס אַרום. דער טיפוס, די אינפלוענציע, וואָס מ'האָט גערופן די שפּאַ־

נישע קראַנקייט, און פאַרשידענע אַנדערע קראַנקייטן האָבן גענומען בושעווען אַלץ מער און מער. דערביי איז געווען ווייניק מעדיצינישע הילף, אָדער ריכטיקער: עס האָבן זי באַקומען די, וועלכע האָבן געהאַט גענוג געלט, ווייל דער דאָקטער און דער אַפּטייקער האָבן אויסגענוצט די צייט; דאָס איז געווען זייער געשעפט. און וואָס קאָן דער דאָקטער און דער אַפּטייקער בכלל אויפטאָן ביי אַזאַ מצב? פּונקט אַזויפיל ווי אַוועקשטעלן אַ מענטש צו כאַפּן די מיקן (מאָסקיטאָס) מיט דער האַנט אין אַ זומפּיקער געגנט און זיי הרגענען. מלכהלע דוד יואלס, רחל קלמנס און נאָך טעלעכע גוטהאַרציקע פּרויען און מענער, האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געקאָנט. אַפּילו איבער זייערע כוחות; זיי האָבן צו אָרעמע געבראַכט ברויט, האָלץ, אַ העמד, אַ בגד ס׳לייב צו פאַרדעקן, זיינען אויף־געווען נעכט ביי קראַנקע, האָבן דאָרט געהאָלפן, געטאָן וואָס ס׳איז געווען מעגלעך, אָבער דאָס איז געווען אַ טראָפּן אין ים.

די פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן. דאָס משונהדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס די מענטשן, פון אויבן ביז אונטן, זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ ווילדער תאווה נאָך פאַרגעניגנס. צו די עפּידעמיעס פון קראַנקהייטן, וואָס זיינען באַפאַלן דעם גוף, זיינען צוגעקומען די עפּידעמיעס פון קאָרטנשפּילן, טאַנצן און בעלער. אַפּילו אָרעמע האָבן געשפּילט אין קאָרטן טאָג און נאַכט, איינגעשטעלט גראָשנס, געשפּילט אויף אָן געלט, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געטאַנצט ביז דערשעפּונג אין צעריסענע שיך און געלאַטעטע, צעהודעטע בגדים. צי איז דאָס אַלץ געווען, כדי נישט צו פילן, צו פאַרגעסן די גרויסע צרות און פּיין, וואָס זיינען געוואָרן נישט צום אַריבערטראָגן, אָדער ס׳איז דער פּוילונגספּראָצעס פון אונטערגאַנג פון אַ סאָציאַלן סדר? — אַלציינס. מ׳האָט געפּראַוועט בעלער ביי בערנפּעלן, ביי די פּריצים פון די הייף אַרום דער שטאָט און ביי רייכע קריסטן, וועלכע האָבן גע־ווינט אויפן „גרינעם וועג“.

ס׳איז געווען ווינטער. ביי קשיוויצקין האָט מען זיך געגרייט צו אַ באַזונדערס גרויסאַרטיקן באַל. מ׳האָט איינגעלאַדן די אָנגעזעענסטע, די חשובסטע פון דער שטאָט, און דעם קאָמענדאַנט אַליין. צוליב אים האָט זיך צום באַל אויך געגרייט דבורהלע, ר׳ יאָסל פוקסמאַנס בת־יחידה, אָדער „דיאַנאַטשקאַ“, ווי דער קאָמענ־דאַנט האָט זי גערופן. ווי גליקלעך זי איז געווען יעדעס מאָל הערנדיק פון מאַיאָרס מויל דעמדאָזיקן הערלעכן נאָמען, וועלכן ער האָט איר געגעבן: „דיאַנאַטשקאַ“... די עלטערן האָבן זייער געוואָלט, אַז זייער קינד, דאָס געליבטסטע, זאָל גיין צום דאָזיקן באַל. ס׳איז ביי זיי נישט געווען בלויז דאָס געפיל — ווי אין אַזאַ פאַל ביי עלטערן, וועלכע ווערן רייך דורך זייער קינד — אים צוצוטיילן יעדן פאַרגעניגן, וואָס עס וויל פון דאַנקבאַרקייט און ווי אַ באַלוינונג, אויך נישט בלויז פון גרויס ליבשאַפט צום איינציקן טעכטערל, נאָר מער פון שולדגעפיל און רחמנות, וואָס האָט צעריסן זייערע הערצער.

שוין אַ שטיקל צייט, אַז דבורהלע האָט אָנגעהויבן אויסזען אַלץ ערגער און ערגער. די עלטערן האָבן זיך דערשראָקן; זיי האָבן געמיינט, אַז זייער קינד איז קראַנק געוואָרן. דער מוטער איז איינגעפאַלן: ווער ווייס, אויב נישט יענע קראַנקייט, די שווינדזוכט, חס ושלום. זי האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל: „אויף אַלע ווייסטע פעלדער! אויף אַלע בייזע רשעים! אויף אַלע שונאי ישראל!“ פאַר אירע אויגן

איז אַרויסגעשווומען די בראָד, וואָס האָט געטראָפן מיט איר שוועסטער; טאַקע שוין זייער לאַנג, אָבער זייער לעבעדיק איז דאָס אומגליק פון דעמאָלט געשטאַנען פאַר איר! גיטעלע — איר קינד צו לענגערע יאָר — האָט אין די זעלבע יאָרן געקראָגן „סוכאָטע גאַלאָפּ", און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט... ברכה האָט דערציילט איר מאַן די בייזע מחשבות, וואָס קומען איר אין קאָפּ אַריין. ער האָט איר אויסגערעדט:

— וואָס דיר פאַלט איין! ס'קינד טוט דאָך אַפילו קיין הוסט נישט.

פונדעסטוועגן האָט ער אַליין שוין אויך גענומען טאַפּן דבורהלעס שטערן, צו זען אויב זי האָט נישט חלילה קיין היץ. ניין, זי האָט קיין היץ נישט געהאַט. דאָך האָבן די עלטערן גערופן צוערשט דעם רופא, דערנאָך דעם דאָקטער. דאַן זיינען זיי געלאָפן מיט דעם קינד קיין וואַרשע צום „גרעסטן" דאָקטער, און ער האָט געזאָגט דאָס זעלבע: די לונגען זיינען געזונט; ער קאָן גאָרנישט געפינען ביי דער פּאַציענטן. אָבער דבורהלע האָט איינגעדאַרט, כאָטש זי האָט קיין הוסט נישט געטאָן און קיין פיבער נישט געהאַט. זי איז געוואָרן בלאַסער און בלאַסער. די מוטער האָט גענומען שטאָפּן אין איר פון שענסטן און בעסטן: געבראָטענע הינדלעך, טייבעלעך, פעטע יויכלעך און וויין, וואָס שטאַרקט די גלידער. אַז דבורהלע האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אַזויפיל עסן און טרינקען, האָט די מוטער זי געבעטן, געצוווּנגען; אויך דער פאָטער איז צוגעקומען, האָט צו איר גערעדט גוטע רייד, ליבע ווערטער און זי געגלעט. האָט דבורהלע טאַקע אָנגעהויבן אויסזען בעסער: זי האָט באַקומען דיקערע באַקן, איז געוואָרן אַביסל פולער, אָבער די טרויעריקייט פון פּנים, פון די ליפּן און באַזונדערס פון די אויגן איז נישט אַוועק. פאַרקערט, דידאָזיקע טרויעריקייט איז געוואָרן אַלץ האַרצרייסנדיקער.

ברכה האָט זיך געמאַכט זייער גרויסע זאָרגן וועגן איר קינד. זי האָט גענומען אָבסערווירן די טאָכטער (ווי נאָר אַ מאַמע קאָן מיט אירע מוטעראויגן) פון ערשטן מאָל אָן, ווען זי איז געווען ביים קאָמענדאַנט, באַזונדערס נאָכדעם, ווען זי האָט אַהיימגעבראַכט די קאָנצעסיע, שפּעטער אַ צווייטע, דאַן אַ דריטע. ברכה האָט זייער גוט געזען, אַז נאָך יעדן מאָל זיין ביים קאָמענדאַנט איז דבורהלע אַהיימגעקומען אַלץ וויניקער צערודערט, פאַרקערט זי איז געוואָרן אַלץ פריילעכער, לוסטיקער, גליקלעכער. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער צו פּוצן. די מאַמע האָט געטראַכט: „פאַרוואָס נישט? ס'איז די צייט. יעדעס מיידל אין דאָזיקן עלטער איז אַזוי. זאָל זי זיך מאַכן קליידער וויפל זי וויל, קויפן טייערע זאַכן, וואָס איז, ס'פעלט געלט? זאָל זי אויסגעבן אַפילו הונדערט, טויזנט מאָל אַזויפיל! זי איז אַלץ ווערט!" די מאַמע האָט געהאַט נחת, זעענדיק ווי אַלץ, וואָס ס'קינד קויפט זיך, איז באמת שיין, ווי זי צעבליט זיך און צעוואַקסט זיך. קיין שום עין־הרע, קיין שום עין־הרע! זי האָט געזאָגט צום מאַן:

— ווייסטו, יאָסל! — דאָס קינד איז געוואָרן ראוי לחופּה... — אַביסל איז איר פונדעסטוועגן געווען קשה, וואָס דבורהלע האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, עפּעס אַביסעלע צופיל אין דער ברייט... אָבער זי האָט זיך אַלעמאָל ווידער און ווידער איבערצייגט, אַז דער חשד אירער אויפן קינד איז נישט געווען באַרעכטיקט, און אַז ס'איז געווען נישט שיין פון איר זייט. דבורהלע איז אַן אָרנטלעך קינד און זייער אַ קלוגע...

נאָר ווען דבורהלעס באַקן, וואָס האָבן זיך צעבליט, טאַקע ווי רויזן, האָבן

גענומען ווערן אַלץ בלאַסער און בלאַסער; ווען פון אירע ליפּן האָט אָנגעהויבן אויסרינען די פרישע רויטקייט, ווי ס׳רינט אויס ווייַן פון אַ פלאַש וואָס האָט גע־קראַגן אַ קלאַפּ; ווען די שטראַלנדיקע ליכטיקייט אין אירע אויגן האָט זיך גענומען אויסלעשן — דעמאָלט האָט ברכה זיך אָנגעהויבן צו שרעקן אַלץ מער און מער.
זי האָט נאָך דערצו דערזען, אַז אין קינדס קלוגן און שיינעם שטערן האָבן זיך גענומען ווייזן פעלבעלעך, טאַקע זייער קליינע, ווי דינינקע פעדים, און אויך אַ גרויע האָר ביים לינקן שלייף! ניין, נישט איין האָר, נאָר אפשר צען! עטלעכע וואָכן האָט זי דאָס געהאַלטן ביי זיך אין האַרץ. דערנאָך אָבער האָט זי געפרעגט דבורהלען:
— מיין קרוין! וואָס איז דיר? פילסט דיך, חלילה, נישט מיט אַלעמען?
דבורהלע האָט געענטפערט קורץ:
— ס׳איז מיר גאָרנישט.
האָט ברכה ערשט רעכט גענומען פּלאַטערן אַרום דער טאָכטער:
— מיין האַרץ!... מיין נשמה!... זאָג דער מאַמען וואָס דיר איז. איך זע עס דאָך, פאַר מיר קאָנסטו זיך פאַרטרויען.
דבורהלע האָט אַ קוק־געטאָן אויף דער מוטער. אין איר בליק איז געווען אַזויפיל צער, צעמישטקייט, פּראַגע, שרעק און אויך באַשולדיקונג, אַז די מוטער האָט זיך אַזש צוזאַמענגעקאַרטשעט. אָבער זי האָט פון איר קינד גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן. דבורהלע האָט אויך כמעט אויפגעהערט צו רעדן אין שטוב. פּונקט ווי ס׳איז אַוועק איר פריילעכקייט, אַזוי איז אויך דאָס לשון ווי אָפּגענומען געוואָרן ביי איר. זי האָט געענטפערט מיט קנאַפּע ווערטער, ווען מ׳האָט זי געפרעגט וועגן געוויינטלעכע זאַכן, וועגן אַזעלכעס, וואָס האָט מיט אירע איבערלעבונגען דעמאָלט נישט געהאַט צו טאָן. אַפילו דער פאָטער — אים האָט זי ליבער געהאַט ווי די מוטער, ווייל ער איז איר זעליש און גייסטיק געווען נענטער — אַפילו ער האָט פון איר גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן.
די עלטערנס שרעק וועגן זייער בת־יחידה איז געוואָרן אַלעמאָל גרעסער. זיי האָבן זיך געמאַכט אַלערליי געדאַנקען וועגן זייער קינד, באַזונדערס נאָכן צו־ריקקומען פונעם „גרויסן" דאָקטער אין וואַרשע. סוף כל סוף האָבן זיי זיך גענומען משער זיין פון וואָס דבורהלעליידט. מאַן און ווייב האָבן זיך צוערשט אַפילו פאַר זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין אין דעם געדאַנק, וואָס יעדן איינעם פון זיי איז איינגעפאַלן, ביז זיי האָבן אַרויסגערעדט דאָס שרעקלעכע וואָרט „ליבע". בלויז אין איין זאַך האָבן זיי נישט געקאָנט מסכים זיין: ברכה איז געווען אין דער מיינונג, אַז דער קאָמענדאַנט האָט זיך פאַרליבט אין דבורהלען און דאָס קינד איז אין קלעם: פשוט אים אָפּזאָגן, וואָס זי וואָלט, לויט זיי, פאַרשטייט זיך, זייער געוואָלט, קאָן זי נישט, ווייל ער וואָלט אַוודאי גלייך צוריקגענומען אַלע קאָנצעסיעס.
— דאָס קינד, — האָט ברכה גענעבן צו פאַרשטיין דעם מאַן, — האָט אונדז זייער שטאַרק ליב, זי וויל מיר זאָלן רייך ווערן, נישט צוריקשטיין פון בערנפעלן. ס׳איז איצט אַ שעת הכושר. איז זי זיך מקריב פאַר אונדז, ברענגט זיך פאַר אַ קרבן. כ׳מיין נישט חס ושלום... בלויז... זי נאַרט אים אַביסל, לאָזט זיך אפשר פון אים אָנרירן אַ האַנט, אַ גלעט טאָן. און אפשר — אַז זי קאָן זיך מער נישט אָפּטשע־פּען פון אים, אַ גוי איז דאָך אַ דבר־אחר — לאָזט זי זיך אפשר... אַ קוש טאָן. דערפון ליידט זי זייער שטאַרק, נעמט זיך דאָס צופּיל צום האַרצן, ווייל זי איז

אַ זייער ערלעך קינד. דעריבער זעט זי אַזוי אויס. כ'וועל אָבער צוזען, אַז זי זאָל זיך דאָך פאַר מיר מודה זיין, זי זאָל זיך נישט שעמען. איך וועל איר אויסרעדן, איר פשוט זאָגן, אַז דאָס איז נישט אַזאַ גרויסע עבירה. ניין, זיכער נישט, ווייל זי איז דאָך אין זיינע הענט. ער איז דאָך דער קאָמענדאַנט אין שונאס לאַנד, מיר זיינען דאָך זיינע געפאַנגענע. — זי האָט אַ קרעכץ געטאָן: — פון איצט אָן וועל איך יעדן פרייטיק אַריינלייגן אין דער פושקע פון ר' מאיר בעל הנס שלושה פעמים חי.

נאָר ר' יאָסל האָט נישט געהאַלטן ווי זיין פרוי. נאָר פאַרקערט, אַז נישט דער קאָמענדאַנט האָט זיך איינגעליבט אין דבורהלען, נאָר... — פוקסמאַן האָט די ווערטער אַראָפּגעשלונגען און דערביי פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַביסל אָן אַ זייט און זיך געגלעט די גלעט באָרד. — ס'לייגט זיך נישט אויפן רעיון, — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין זיין פרוי. — דער קאָמענדאַנט איז אַ געזעצטער מענטש. דער דייטשער קייסער וועט דאָך נישט אַ ליאַדע וועמען מאַכן פאַר קאָמענדאַנט. אַזאַ איינער, אַזאַ גרויסער מאַן, וועט נעמען און זיך פאַרליבן אין אַ יונג מיידל, וואָס קאָן אַפילו נישט זיין לשון ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָס האָט נישט די בילדונג, ווי עס דאַרף האָבן אַזעלכע וואָס זאָל דאַרפן ווערן זיין פרוי! ער איז אַוודאי שוין אַ חתונה־געהאַטער מאַן, האָט מסתמא אַ ווייב און קינ־דער. אַ געזעצטער מענטש. דבורהלע האָט געקאָנט זיין זיין טאָכטער. ניין, אַזאַ מענטש שפּילט זיך נישט אַרום אין ליבעס, שמיבעס! און ועל כולם: דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז ער איז אַ גוי...

— נו, איז וואָס דערפון געדרונגען? — האָט ברכה געפרעגט מיט באַהאַל־טענעם חוזק.

ר' יאָסל האָט זיך געגלעט די באָרד:

— וואָס ס'איז דערפון געדרונגען? אַז ער וועט זיך נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ יידיש מיידל. אַפילו — ווי דו האָסט פריער געזאָגט — בלויז צוליב דבר־אחרדיקייט... ער ווייסט דאָך, אַז אַ יידישע טאָכטער... ער קאָן דאָס קריגן ביי שיקסעס... דעריבער מיין איך...

— אַז דבורהלע האָט זיך פאַרליבט אין אים?

— יאָ, ווייל זי איז יונג...

— גיי, גיי...

דאָך האָבן ביידע געפילט דעם אמת. כדי אָבער ווייטער זיך צו נאַרן, האָבן זיי דעם עלטסטן זון, ראובנען, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייער קלוג, איבער־געגעבן, אַרויסצוקריגן פון דער שוועסטער, וואָס איר איז. פאַר אַ ברודער, דערצו נאָך פאַר אַ זעלכן ווי ער איז — אַן אויפגעקלערטער — וועט זי זיך פאַרטרויען. נאָר ראובן האָט מיט דער שוועסטער נישט גערעדט וועגן דעם, וואָס די עלטערן האָבן אים געהייסן. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, וואָס מיט איר קומט פאָר; וואָס ס'טוט זיך אין איר האַרץ. ער האָט געוווסט, אַז זי איז פאַרליבט אין דייטשן קאָ־מענדאַנט און אַז יענער נוצט אויס זיין טאָפּלטע מאַכט איבער איר. ער האָט די עלטערן נישט באַשולדיקט, אויך נישט די שוועסטער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. די גאַנצע שולד האָט ער געוואָרפן אויף איר פאַרפירער. ס'האָט זיך אָנגעצונדן אין אים אַ פלאַם פון נעמען נקמה. דערדאָזיקער פלאַם האָט אים דער־נענטערט צו די סאָציאַליסטן.

3

גרייטנדיק זיך צום באַל פון פאַן קשיוויצקי, האָט דבורהלע נאָך נישט געוווּסט, אויב איר געליבטער, דער מאַיאָר ריכאַרד פאַן וואָלפענסטאַל, האָט זי באמת איינגעלאַדן מיטצוגיין. ער האָט איר בלויז אין אַ געוויסן מאָמענט געגעבן אַנצוהערן דערפון. צווישן אַלע צערטלעכע ווערטער דעמאָלט האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט וועגן באַל. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זי אין יענעם מאָמענט געזאָלט מאַכן פריילעכער, גליקלעכער, ווייל אין דער לעצטער צייט איז זי תמיד, ווען זי איז צו אים געקומען, געווען זייער טרויעריק, אַפילו אומגליקלעך. די אַנצוהערעניש וועגן באַל האָט טאַקע געהאָלפן: זי איז כהרף עין געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. אין דער היים, ווען זי איז צוריקגעקומען, איז זי דאַן געווען גוט אויפגעלייגט. זי האָט דער מוטער דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט זי איינגעלאַדן מיט אים צו גיין אויפן באַל, וואָס וועט זיין ביי קשיוויצקין נאָך די חגאות. די מוטער האָט זיך אַזוי געפרייט דעריבער, אַז זי האָט אַזש אַרומגעכאַפּט די טאָכטער און זי געקושט.

די גאַנצע נאַכט האָט דעמאָלט דבורהלע געהאַט זיסע חלומות. אַפילו וואָכעדיקערהייט האָט זי געחלומט פון גליק. זי האָט אין אַ גאַנץ קורצער צייט צוריקגעקראָגן אַ סך פון אירע קאָלירן אין פנים און לויכטנדיקייט אין די אויגן. קינדעריש־האַרציק זיך פרייענדיק, זייענדיק שוין איינגאַנצן זיכער ביי זיך, אַז דער געליבטער האָט זי טאַקע איינגעלאַדן, האָט זי געזאָגט צו דער מוטער:

— ס'וועלן דאָרט זיין די גרעסטע לייט! אַזאַ באַל איז נאָך אין דער גאַנצער וועלט נישט געווען!...

ברכה האָט אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט:

— כ'דאַנק דיר, רבונו של עולם, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו אין הימל, פאַר דיין גרויסן חסד! — זי איז געווען שטאַרק גערירט, ביז טרערן, זעענדיק ווי איר קינד האָט זיך אַזוי געענדערט, זעט ווידער אויס גוט, פריש און געזונט און האָט צוריק אָנגעהויבן בליִען. זי האָט גענומען פּלאַנעווען:

— מען מוז שוין אָנהייבן עפּעס טאָן, צוגרייטן אַלץ, וואָס דו וועסט מוזן האָבן צום באַל, מיין קינד: אַ באַלקלייד, באַלשיך, אַ נייעם מאַנטל, אַ קאַראַקולענעם זשאַקעט! דעם, וואָס דו האָסט פון פאַראַיאָרן, קאָנסטו מער נישט טראָגן. און די מוזט דיר קויפן... באַלד, וואָס מוזטו דיר אייגנטלעך אַלץ קויפן? וואָס מוז מען דען אַלץ האָבן צו אַ באַל, דערצו צו אַזאַ באַל, ווי דו זאָגסט, מיין קינד? מיין טייער קינד!... מיין איינציקע טאָכטער!... מיין קרוין!... מען מוז האָבן צוויי און אפשר גאָר דריי נייע קליידער! דער באַל וועט דאָך אוודאי געדויערן אַ גאַנצע נאַכט; די דאַמען, די וויעלמאַזשנע פּאַניעס און פּאַניענקעס, וועלן זיך אוודאי מוזן איבערטאָן עטלעכע מאָל: צום עסן, צום טאַנצן.

דבורהלע האָט מסכים געווען און די פאַנטאַזיע האָט זיך צעוואַקסן אין איר:

— יאָ, מאַמעשי! ס'וועט גאָר זיין, דוכט זיך מיר, אַ מאַסקנבאַל, ווייל דער באַל וועט זיין פּונקט אין נאָווי ראָק!

ברכה איז אַריינגעפאַלן אין גרויס זאָרג:

— מוז מען דאָך קויפן גאָר אַנדערע קליידער, אַנדערע שיך און פאַרשידענע זאַכן!... איך ווייס דאָך גאָרנישט, וואָס מע מוז אַלץ האָבן צו אַ מאַסקנבאַל!... אָבער

איך ווייס שוין, וואָס מיר וועלן טאָן; מיר איז איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק: מירן פאָרן קיין וואַרשע; דאָרט וועלן מיר אַריינגיין אין אַ גרויס געשעפט, אין גרעסטן, אין טייערסטן! — ווידער האָט זי אַרומגעכאַפּט דאָס טעכטערל און עס געקושט. דערביי איז איר איינגעפאַלן אַ צווייטער געדאַנק: — ווייסט גאָר וואָס? — וועסט אַהינגיין צו בערנפעלן און דאָרט וועסטו זיך באַראָטן מיט פאַננאַ בעלאַ צי מיט פאַננאַ העלענאַ... זיי גייען דאָך אַוודאי אויך...

נאָר דבורהלע האָט די מוטער נישט געלאָזט ווייטער רעדן:

— ניין, מאַמעשי!

— נו, וועלן מיר פאָרן קיין וואַרשע; טאַקע גלייך; די וואָך!

4

מאַמע און טאָכטער זיינען געפאָרן קיין וואַרשע. ברכהן איז פאָרגעקומען, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו דער חתונה פון איר טאָכטער. ביי דבורהלען אָבער האָט דאָס צווייפלען זיך ווידער אָנגעהויבן: האָט ער זי טאַקע איינגעלאַדן? וועט ער זי באמת מיטנעמען? דאָסדאָזיקע צווייפלען האָט אייגנטלעך קיין איין טאָג נישט אויפגעהערט; אָבער וואָס נענטער עס איז געקומען צום באַל, אַלץ קלאָרער איז איר געוואָרן, אַז ער האָט זי נישט איינגעלאַדן, אַז ס'האָבן זיך אים בלויז דעמאָלט נאָר אַזוי אַרויסגעכאַפּט עטלעכע ווערטער פון מויל, כדי זי אויפצומונטערן. ס'זיינען איר געקומען טרערן אין די אויגן אַריין. זי האָט איר לאַגע שוין גוט באַגריפן. ס'איז איר קלאָר געוואָרן איר גורל. דעמאָלט — ס'איז געווען אין אַ געוויסן מאָמענט ווען זי האָט קלאָר דערזען איר לאַגע — האָט זי זיך דערמאָנט אין אַ שרעקלעך בילד: די מוטער האָט זי אַמאָל געהאַט געשיקט צום שוחט מיט אַ הון. דער שוחט האָט די הון געשאָכטן און זי אַוועקגעוואָרפן. נאָר די הון — די פיסלעך זיינען איר געווען נישט גוט צוגעבונדן — האָט גענומען אַרומלויפן מיטן איינגע־שניטענעם האַלדז... דער קאָמענדאַנט האָט זי אַלעמאָל אויפגעהייטערט מיט עפּעס אַנדערש: אַז ער וועט מיט איר פאָרן קיין וואַרשע, קיין בערלין. נאָר געהאַלטן האָט ער זיינע צוזאָגן פונקט ווי דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט ביים ערשטן מאָל קושן: אַז ער וועט נאָך דער מלחמה ווערן אַ ייִד און מיט איר חתונה האָבן. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער איר געזאָגט, אַז אייגנטלעך איז ער אַ ייִד, ווייל ער שטאַמט פון ייִדן: זיין זיידע איז געווען אַ ייִד.

דבורהלע האָט אין איר איצטיקער פאַרצווייפלונג זיך געבראָכן די הענט: „וואָס קאָן איך טאָן? איך האָב אים ליב!" — — —

5

מוטער און טאָכטער זיינען צוריקגעקומען פון וואַרשע מיט אַ גרויסן קאָרב זאַכן. די סחורה אויף מאַנטלען און קליידער האָט ברכה איינגעקויפט אין דעם באַרימטן געשעפט פון ר' מנשהלע שוואַרץ, אויף די נאַלעווקעס, און אַלץ געלאָזט

מאַכן פון אַ גרויסן שניידער. ס'איז געווען כמעט אַ גאַנצע וויפּראַווע: קליידער פאַר אַן איינפאַכן באַל און פאַר אַ מאַסקנבאַל, חוץ טייערע וועש, העמדער, וואָס זיינען אַזוי דין און פיין, אַז מ'פילט כמעט נישט דעם שטאָף אין האַנט, אָבער ער מאַכט דאָס מיידלשע לייב נאָך סאַמעטענער, נאָך כישופדיקער... אַלערליי לענושיקעס און אַזעלכע קאָרסעטלעך — בלויז פאַרן בויך און די היפּטן, אַז די טאַליע זאָל אַרויסקומען איידל, נישט אַזוי שמאָל, עטוואָס פולער און דאָך מיידלשער... זיידענע זאָקן, אַזעלכע דינע, אַז אַפילו די פיינע בלויע עדערלעך, וועלכע מ'קאָן קוים באַמערקן, זאָלן דורכשימערן... און הייזעלעך, האַלקעלעך, טאַשן, הענטשקעלעך און אַנטיקלעך: קריסטאַלענע פלאַקאָנדלעך פאַרפיום, אָדעקאָלאָן, פודער און טייערע שאַכטלעך, מאַניקי־זאַכן, לאָרנעטקעס, אַלץ געמאַכט פון פערלמוטער, פון זילבער באַצירט מיט גאָלד און באַזעצט מיט איידלשטיינער, פון קרעל, אכהאַט, אַמאַטיסט, בורשטין, העלפאַנטביין. אַלערליי צירונג. מיט אַ ברייטער האַנט האָט די מוטער געקויפט פאַר דער טאָכטער זאַכן, וואָס זי האָט יאָ און נישט געוואָלט, אַלץ, וואָס ברכהן איז געפעלן געוואָרן אין די וויסטאַוועס, פאַר וועלכע זי איז פאַרבייגעגאַנגען. און נישט בלויז פאַר דער טאָכטער האָט די מאַדאַם פוקסמאַן געקויפט, נייערט אויך פאַר זיך, און מתנות פאַרן מאַן.

ס'האָט געדויערט זייער לאַנג אויסצופאַקן דעם גרויסן קאָרב.ביידע, די מאַמע און די טאָכטער, האָבן יעדע זאַך אַרויסגענומען איינציקווייז, פאָרזיכטיק אויפגעלייגט יעדעס קלייד, עס געהאַלטן צוערשט פונדערווייטנס און לאַנג געקוקט דערויף, געלייגט דעם קאָפ אויף רעכטס און אויף לינקס און באַטראַכט יעדעס מלבוש, ווי ס'איז געמאַכט, און די קאָליר. ביידע האָבן באַטאַפּט די סחורה פון יעדן בגד, געגלעט דעם שטאָף, אים ווידער און ווידער גענומען אין דער האַנט אַריין און געפּרוווט, צוגעלייגט די סחורה צוערשט צו איין באַק, דאַן צו דער צווייטער, כדי צו פילן די ווייכקייט און די צאַרטקייט מיט דער הויט פון פנים, וואָס איז איידעלער ווי די הויט פון די הענט, מיט די נערוון פון די אויגנלעדנלעך, ליפּן, האַלדז. דאַן איז געקומען דאָס אָנמעסטן די קליידער, כדי אין דער היים צו זען, ווי יעדער פאַסאָן פאַסט, ווי יעדע קאָליר קלײדט צום פנים. ביי יעדן קלייד, וואָס דבורהלע האָט אָנגעטאָן, האָט די מאַמע זיך אָפּגערוקט און פון אַ דיסטאַנץ באַטראַכט די טאָכטער:

— ווי שיין דו ביסט, דבורהלע!... אַ פּרינצעסן!... נאָך שענער ווי אַ פּרינצעסן!... אַ יידישע פּרינצעסן!... אַ קעניגן ביסטו!... די שענסטע אין גאַנץ קרוינפּוילן!... די שענסטע אין דער גאַנצער וועלט!... מיט דעם נדן, וואָס דער טאַטעשי וועט דיר איצט געבן, וועסטו קריגן דעם טייערסטן שידוך!... נישט ברוך, בערנפעלס זון; ניין, נישט ער, אַפילו ווען דער טאַטע זיינער אַליין זאָל קומען זיך בעטן!... אַ וואַרשעווער שידוך וועסטו טאָן, וועסט נעמען אַ רבס אַ זון אָדער אַ דאָקטער!... — זי האָט דבורהלען געקושט און געדריקט צום האַרץ, געגלעט זי און דאָס קלייד, אין וועלכן זי איז געווען אָנגעטאָן, זי געהייסן נאָכאַמאָל זיך אָפּרוקן און זי ווידער באַטראַכט פונדערווייטנס. דאַן האָט זי זי צוגעפירט צום שפּיגל און צוזאַמען מיט איר געקוקט אין אים. זי איז פון איר קינד געווען אַנטציקט און זי אַליין איז זיך אויך געפעלן.

כמעט יעדן טאָג האָבן מאַמע און טאָכטער אַרויסגענומען פון שראַנק די קליי־

דער און די מאַנטלען, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון וואַרשע, די וועש און די אַנדערע זאַכן, און זיך געבאָדן אין די בערג זיידנס, אַטלאַס, סאַמעט, קרעפּטאַשין און קרעפּ־טאַזשעט, וואָל און פעלץ. טייערע, הערלעכע שטאָפן, פאַרפירערישע פאַסאָנען, פאַרשיכורנדיקע קאָלירן. און דאָס נייע מעבל אין דעם הויז נאָכן רעמאָנט, איבער־געבויט און פאַרגרעסערט אַזוי, אַז עס איז געוואָרן אַ גרויסאַרטיקע קאַמעניצע. פלושענע געבעטע שטולן, מאהאגאָנע בעטן, אַ שפּיגל־שאַפע באַשלאָגן מיט מעש. ברכה האָט געהאַט אויף וואָס שטאָלץ צו זיין. דבורהלע האָט נאַכט נאָך נאַכט פאַרן גיין שלאָפן, ווען זי האָט זיך אויסגעטאָן, זיך אָנגעמאָסטן די צוויי מאַסקנ־קליידער. זי האָט געוואָלט דערגיין, אין וועלכן פון זיי זי איז שענער. אָבער זי איז אין ביידע געוועזן גלייך שיין, פּרעכטיק, כּישופדיק. זי האָט אויסגעפּרוווט די מאַסקן, וואָס זי האָט געקויפט, די שאַרפעס, סטענגעס און אַלערליי בענדער אַרום דער טאַליע און אַרום די האָר. זי האָט אָנגעטאָן אַלערליי צירונג. זאָל זי זיך פאַרשטעלן פאַר אַ ציגיינערן פאַר אַ פאַליאַטשקע? פאַר אַ דאָרפסמיידל? פאַר אַ קראַקאָוויאַטש־קע מיט אַ סך שנירן צי פאַטשערקעס, מיט אַלערליי קאָלירן בענדער, אַ ברייטע ספּאָדניצע מיט פאַלבן אַרום און אַרום, מיט אַ שוואַרץ סאַמעטענעם קאַפּטאַניק, פאַרנט געשנירט און מיט פליטערלעך אויסגענייט, און הויכע טשיזמעלעך מיט מעשענע קולקעס? אָדער זאָל זי זיך גאָר פאַרשטעלן פאַר אַן אָריענטאַלערן, מיט אַ לאַנגן שלייער פאַרן פנים? און אפשר גאָר פאַר אַ דייטשיש מיידל, ווי איר געליבטער האָט איר אַמאָל געהאַט אויסגעמאָלט? ס׳איז איר פלוצים איינגעפאַלן, אַז זי וועט זיך אָנטאָן אַזוי, זי זאָל אויסזען ווי אַ יידישע טאָכטער אַמאָל אין ארץ־ישׂראל, אין הייליקן יידישן לאַנד: ווי רחל ביי דער ברונעם, אָדער ווי רות. ניין! זי וועט זיך פאַרשטעלן פאַר דינהן, יעקבס טאָכטער...

נאָר ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די חגאות, איז דבורהלע אַריינ־געפאַלן אין אַ גאָר שטאַרקער פאַרצווייפלונג. דער קאָמענדאַנט האָט איר נאָך אַלץ נישט געהאַט געזאָגט, אַז זי זאָל זיך צוגרייטן צום באַל. אמת, אין די לעצטע וואָכן, באַזונדערס זינט זי איז צוריקגעקומען פון וואַרשע, האָט ער זי ווידער אָנ־געהויבן ליבן ווי אין די ערשטע טעג כמעט. ער זאָגט איר ווידער: „דיאַנאַטשקאַ... מיין ליבעס קינד... דו ביסט איין זאָ הערליך בלינדע קנאָספּע״... ער קושט ווידער אירע הענט. זי האָט אים שוין עטלעכע מאָל געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם באַל און יעדעס מאָל האָט ער זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ברכה האָט געמערקט די פאַר־צווייפלונג פון איר קינד און געפּרוווט איר אויסרעדן:

— האָב נישט קיין מורא, ער וועט דיר שוין זאָגן. ער ווייס דאָך, אַז די זאַכן אַלע האָסטו דיר שוין געקויפט; ער האָט דיר דאָך אַליין געגעבן אַ „פּשעפּוסק״ פאַר אונדז ביידע צו קאָנען פאָרן מיט דער באַן. דו האָסט דאָך אים דערציילט, וואָס פאַר אַ שיינע זאַכן דו האָסט דיר אַלץ געקויפט! אפשר וואָלסטו אים געוויזן עפּעס? איך וואָלט געזאָגט, אַז ווען דו וועסט איצט אַהינגיין צו אים, זאָלסטו דיר אָנטאָן דאָס ליליאַ סאַמעטן קליידל, אָדער דאָס רויטע זיידענע, און אים פרעגן, ווי עס געפעלט אים. דו וואָלסט אפילו דיר געקאָנט אָנטאָן אַ מאַסקנקלייד, דאָס ראָזאַ מיט די גרויסע גרינע בלומען און מיט די פאַוועס מיט די צעשפּרייטע עקן פון אַלערליי פאַרבן, אָדער דאָס אַנדערע, דאָס גאָלדקרעמענע מיט די ברייטע אזשור־בלויע און ווייסע פאַסן. דעם מאַנטל פון אויבן — וועט אויפן וועג קיינער נישט זען, נאָר גיי צו אים, ווען אינדרויסן איז שוין טונקל.

נאָר דבורהלע האָט נישט מסכים געווען. מיט ווייטיק האָט זי געענטפערט:

— ניין, מאַמעשי.

ברכה איז דאַן געפאַלן אויף אַן אַנדער עצה: זי האָט געזאָגט דעם מאַן, אַז ווען ער וועט זיין ביי קשוויצקין זאָל ער אים אויף אַ קלוגן אופן געבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל איינלאַדן דבורהלען אויפן באַל.

— וואָס איז? — האָט ברכה געפרעגט דעם מאַן. — אויב ס׳פּאַסט דעם פּריץ צו האָבן ביי זיך אויפן באַל בערנפעלן מיט די טעכטער, די אַלטע מויד, וועלכע מ׳רופט פּאַננאַ בעלאַ; אַז ס׳פּאַסט, זאָג איך, צו פאַרבעטן זיי אויפן באַל — וועט דעם פּריץ פּאַסן אויך איינצולאַדן אונדזער דבורהלען. זי איז אַ קאַפּיטשקעלע שענער אַפילו פון פּאַננאַ העלענאַ, די געליבטע פון אַפּטייקערס זינדל. אונדזער קינד וועט דאָרט זיין דאָס שיינדל! זיי וועלן דאָך אַלע דאָרט, אַלע וויעלמאַזשנע פּאַנעס, איינגעמען די כפרה פאַר איר! קיין שענערע פון דבורהלען איז דאָך גאָר נישטאָ אין גאַנץ קרוינפּוילן, אין דער גאַנצער וועלט!

6

ר׳ יאָסל פוקסמאַן האָט איינגעזען, אַז אַלץ, וואָס זיין פרוי האָט געזאָגט, איז אמת. ער האָט טאַקע אויך באַדאַרפט זיין ביים פּריץ און איז צו אים אַהינגעגאַנגען. ווי יעדעס מאָל, האָט קשוויצקי אים אויפגענומען אין קליינעם קאַנטאָר פון זיין גרויס הויז מיט אַ פריילעכן „יאַק שען מאַטשע, פּאַניע יאָסקו?״ און אים שטאַרק געטרייסלט די האַנט.

ר׳ יאָסל האָט דאָס שטעקעלע מיט דעם ווייסביינערנעם הענטל, אַן וועלכן ער איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין גאַס, באַזונדערס נישט צו קיין פּריץ, געהאַלטן צוזאַמען מיטן היטל אין דער לינקער האַנט. ער איז געווען אַנגעטאָן אין טייערן סויבעלן פּעלץ, ווייל די דינסט האָט ביים עפענען די טיר פאַר אַ ייד געהאַט די טבע אים צו לאָזן שטיין אין קאָרידאָר און גיין מעלדן דעם באַלעבאָס, ווער ס׳איז געקומען; צוריקקומענדיק האָט זי דעם ייד נישט געזאָגט, אַז ער זאָל אויסטאָן דעם פּעלץ, נאָר האָט אים גלייך געהייסן גיין אין קאַנטאָר אַריין.

דעם פּריצס אויסרוף „פּאַניע יאָסקו״ און זיין צו שטאַרק זיך דערפרייען מיט אים האָט ר׳ יאָסלען יעדעס מאָל אָפּגעגאָסן ווי מיט קאַלט וואַסער. נאָר קשוויצקי האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן, דערציילן פאַרשידענע נייס: וועגן דער מלחמה, וועגן פּאָליטיק, און זיין גאַסט געקלאַפּט אין דער פּלייצע אַריין:

— ס׳קומט, ס׳קומט די גרויסע צייט אונדזערע... די פּסובראַצעס, די פּרוסאַקעס און די אַסטריאַקעס — זיי זיינען שוין באַלד אינגאַנצן אויס... ביי דער מאַרנע האָט זיך אָנגעהויבן זייער מפּלה... בלויז אויפן רוסישן פראָנט האַלטן זיי זיך נאָך, ווייל דאָרט איז מער נישטאָ, ווער עס זאָל זיי אַ יאָג טאָן... די לויזיקע מאָסקאַליעס אַנטלויפן פון די שוצגריבער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, באָרוועסע און הונגעריקע... זיי רייסן זיך אַצינד ביי די אייגענע נעז... רעוואָלוציע... גוט אַזוי! פאַר אונדזער בלוט, פאַר אונדזער פּיין אַזויפיל יאָרן! זאָלן זיי זיך אַצינד אַליין אויסשעכטן! שפּעטער וועלן מיר זיך אַ נעם־טאָן צו זיי... נאָר פריער, פאַרשטייט

זיך, צו די פּרײַסן... מיר וועלן זיי אַרויסיאָגן פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער הייליקן פוילן, פון אונדזער הייליק פאַטערלאַנד, וואָס איז אַזויפיל יאָרן געווען פאַרקנעכט און האָט געשמאַכט אונטערן פרעמדן יאָך. איי וועלן מיר טרײַבן די ניעמצעס... אַטשו!... ווינאַשע שוויני!... וואָס קריכסטו אין פרעמדן גאָרטן!... צוזאַמען, פּאַניע יאַסקו, צוזאַמען וועלן מיר זיי... די ייִדן וועלן העלפן מיט שטעקנס, אָדער מיט ביקסן; ס'פעלט נישט, גענוג צוגעגרייט... דערנאָך וועלן מיר זיך נעמען צו די אַנדערע חזירים, צו די מאָסקאַליעס! ביז קיִעוו וועלן מיר זיי טרײַבן, ביז אָדעס! אַ גרויס פוילן וועלן מיר אַצינד האָבן, פון דער אָדער ביזן דניעפּער, מיטן ים אין דאַנציק! יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ!... ניע זגינעלאַ!...

נאָכדעם ווי קשיוויצקי האָט פאַר יאַסקון אויסגעגאָסן זײַן גאַנץ האַרץ אויף די דייטשן, אויף די עסטרייכער און אויף די רוסן, אַנטוויקלט אַלע זיינע פּאָליטישע פּלענער און פאַרזיכערט דעם ייִדן, ווי גוט עס וועט דערנאָך זיין אַלע ייִדן אינעם באַפרייטן פוילן און אַז אַצינד דאַרף זיין „יעדנאָשטש" — נאָכדעם איז ער צוגעטראָטן צום געשעפט, וועגן וואָס ר' יאָסל איז געקומען. דערביי האָט ער אָבער געמאַכט אַ טרויעריק פּנים, זיך געדרייט די צוויי ווילהעלם־וואָנצעס, שאַרף אָנגעשפּיצטע צו די אויגן (ער און נאָך אַזעלכע האָבן צוגעשאַרן זייערע לאַנגע, אַראָפּהענגעדיקע פוילישע וואָנצעס זינט די דייטשן האָבן אָקופּירט ס'לאַנד) און זיך געקלאָגט:

— קעפּסקאָ, פּאַניע יאַסקו! נישטאָ קיין סך צו פאַרקויפן. מיין גוט איז דאָך אייגנטלעך גאָר נישט אַזוי גרויס. פאַן זילבער איז געווען נעכטן. פאַן בוקסבוים היינט אינדערפרי. דאָס מייסטע נעמען דאָך אַוועק די „פּסובראַצעס", פאַן יאַסעק ווייסט דאָס. פאַן בערנפעל — דעם קאָמענדאַנטס רעכטע האַנט, קייזערלעכער ליפעראַנט — ווייסט, וויפל ס'דאַרף זיין. אים קאָן מען נישט אָפּנאַרן. פאַר דעם רעשט — וואָס איז פריי — צאָלט ער אַ גוטן פרייז. פאַן זאַרעמבאַ, פאַן וואַיקאָף — אַלע גוטבאַזיצער אַרום — ווילן נישט האַנדלען מיט קיין „סטאַרעזאַקאָנע". פאַן יאַסקו ווייסט דאָך. זיי... נו, פאַן יאַסעק וועט געבן מיט צען מער... גוט געשעפט, איך זאָג...

— ער האָט פאַרזשמורעט אָן אויג און מיטן צווייטן ממזריש געוווּנקען: — פאַן בערנפעל וועט קריגן אַ פיגאַ!... — דורכשטעקנדיק דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט צווישן דעם ווייזפינגער און דעם מיטלסטן, האָט ער אילוסטרירט אַ פייג און אויסגערופן: — דאָס וועט ער קריגן, אַ פייג! אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אין די גיטער אַרום, גוט באַהאַלטן, האָב איך אָפּגעקויפט. אַפילו גנילאָווסקי — יאָ, מיין בעסטער פריינט — וועט לייבושן גאָרנישט געבן, כאָטש זיין טאָכטער, די שיינע העלענאַ...

אויפן דאָזיקן מאָמענט האָט פוקסמאַן געוואַרט. ער האָט גלייך אויפגעהערט רעדן וועגן מסחר און גענומען טאָפּן ביים פּריץ וועגן באַל. קשיוויצקי האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אין וואָס דעם ייִד גייט, באַזונדערס, ווען ר' יאָסל האָט פאַרבייגייענדיק דערמאָנט זיין טאָכטער. ביים גוי אין די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן צוויי פייערלעך:

— זייער אַ שיינע אייער טאָכטער, פּאַניע יאַסקו. — ער האָט גענומען דרייען די ווילהעלם־וואָנצעס, זיי ציִען אַלץ העכער צו די אויגן: — באַרדזאָ פּיענקנאַ, זעט גאָר נישט אויס ווי אַ ייִדישע, גאָרנישט ווי פאַן יאַסקעס טאָכטער... דאָס פּנימל,

דאָס נעזעלע, די טאַליע און די פּיסלעך — קעניגלעך!... צודאָוויניע!... פּאַן יאַסעק ברענגט זי קיינמאָל נישט מיט. אָבער איך האָב זי געזען, שוין עטלעכע מאָל. — ער האָט צוגעלייגט די רעכטע האַנט צו די ליפּן און זי אַ קוש געטאָן: — סלאָדקאַ... טויזנט מאָל שענער ווי פּאַננאַ העלענאַ, מיין פריינט יאַנס... — ס'האָט זיך אַרויס־געכאַפּט פון אים: „דער קאָמענדאַנט“... נאָר ער האָט גלייך פאַרגלעט זיין פעלער:

— ער וועט זי מיטברענגען, איך האָף. מיר אַלע — מיין פרוי, די געסט, און איך באַזונדער — ווילן זי גערן זען. איך האָף, אַז ער וועט זי מיטברענגען. אים זאָגן, אַז ער זאָל זי מיטברענגען, קאָנען מיר נישט, נישט מיין פרוי, און אויך נישט איך. מיר האָבן אים איינגעלאַדן, שוין פאַר פיר וואָכן. ער האָט צוגעזאָגט, וועט געוויס קומען. ס'פירט זיך, אַז ביים איינלאַדן — ווען דאָס איז אַ מאַן אַליין, אַ קאַוואַליר — ווערט ער געבעטן מיטצוברענגען זיין האַרצדאַמע. אָבער... — ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן: — אַ גוטער געדאַנק! איך פאַרבעט דעם פּאַן יאַסעק אויפן באַל מיטן טעכטערל!

ר' יאָסל האָט זיך צעלאַכט:

— איך?... מיט דער באָרד?...

קשיוויצקי האָט זיין אָרעם אַרויפגעלייגט אויפן יידנס פּלייצעס:

— פּאַניע יאָסקו!... — ער האָט גוט באַטראַכט ר' יאָסלס געלע באָרד, זי גענומען אין האַנט אַריין, ווי ער וואָלט זי אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוויגן: — אַ שיינע באָרד... אַ לאַנגע... אַ געלע... און פּאות... — ער האָט דעם גאַסט אָפּירגענומען די פּאות פון אונטער די אויערן: — פּאַן יאַסעק איז אַ פרומער, נישט ווי לייבוש. איך האָב ליב נאָר אַזעלכע יידן ווי איר זייט, פּאַניע יאָסקו! מיט אַזעלכע פּאות, מיט אַזאַ לאַנגער, נישט צוגעשוירענער באָרד. די געסט ווילן זיך פרייען. — ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט ר' יאָסלס באָרד און איז אַריינגעפאַלן יעדעס מאָל אין אַ גרעסערער התפּעלות: — ס'וועט זיין אַ מאַסקנבאַל. יעדער וועט זיך פאַרשטעלן, כדי אויסצוזען אַנדערש. פּאַן יאַסעק וועט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ בער. — ער האָט דעם ייד אַ נעם געטאָן אונטער אַן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל. די ווענט זיינען דאָרט געווען באַהאַנגען מיט טעפּיכער, גאָבעלינען און אַלערליי יאַגד־מכשירים: איינרערעדיקע און טאָפּלרערעדיקע ביקסן, האָרנס, פּיסטאָלעטן, קינזשאַלן און פּיקעס. אויפן דיל זיינען געלעגן אַלערליי פעלן פון חיות. עטלעכע אויסגעשטאָפּטע חיות זיינען געשטאַנען אין פּאָזעס פון לויפן. ס'האָבן געהאָנגען הערנער פון הירשן און קעפּ פון ווילדע חזירים מיט די שטויסציין, ווי קליינע הערנער פון מויל אַרויס אַראָפּצו. דאָ איז געווען דעם גוטבאַזיצערס שטאָלץ. אַהער האָט ער אַריינגעפירט נאָר זיינסגלייכן, אַמליבסטן חשובערע פון אים, אָבער נישט קיין יידן. — אָט איז אַ בער! — האָט ער געוויזן דעם ייד. — פּאַן יאַסקו וועט זיך פאַרשטעלן... ביי מיין זיידן...

פוקסמאַן האָט געברענט פון כעס. ער האָט זיך אָבער געמוזט גובר זיין. דאָך האָט ער זיך נישט איינגאַנצן איינגעהאַלטן און איבערגעריסן דעם פּריץ אינעם רעדן:

— אַזוי... אויך ביים וויעלמאָזשנעם זיידן האָבן יידן געמוזט טאַנצן דעם „בער“... מ'האָט זיי געשמיסן און געלאַכט...

— בראַן באָזשע! — האָט דער פּריץ אויסגערופן. — דאָס איז בלויז פאַר־ווילונג. ווי איך האָב דעם פּאַן יאַסעק געזאָגט: יעדער וועט זיך פאַרשטעלן, אַפילו

דער קאָמענדאַנט, פאַן בערנפעל, און אויך די דאַמען. און אויב פאַן פוקסמאַן (דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט דעם ייִד געזען ביים פאַמיליענאָמען) וויל נישט זיין צוזאַמען מיט זיין קאָנקורענט, וועל איך לייבושן אָפּזאָגן. ס'איז נאָך דאָ צייט.

ר׳ יאָסל האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער איינלאַדונג:

— ניין, דזשענקויע. — ער איז צוריק איבערגעגאַנגען צו מסחר.

7

ס'איז געווען דער לעצטער טאָג פאַרן באַל. כמעט אַ גאַנצע וואָך האָט דבורהלע שוין נישט געהאַט געזען דעם קאָמענדאַנט, וויל יעדעס מאָל, ווען זי איז אַצינד אַהינגעקומען צו אים, האָט איר דער סעקרעטאַר (אַ לייטענאַנט) פאַרשטעלט דעם וועג אין ערשטן צימער און איר יעדעס מאָל געזאָגט אַן אַנדערן תירוץ: „דער שעף איז היינט זייער פאַרנומען". אָדער: „דער הער מאַיאָר איז הויטע ניכט אין דער קאַנצליי", צי: „הער פאַן וואָלפענסטאַל איסט אויסער דער שטאַדט". דבורה־לע האָט פאַרשטאַנען, אַז איר געליבטער האָט אָנגעזאָגט דעם סעקרעטאַר זי נישט אַריינצולאָזן. אָבער זי האָט אַליין זיך געוואָלט נאַרן און זיך איינגערעדט, אַז דער סעקרעטאַר זאָגט איר דעם אמת. דעריבער האָבן זיינע ליגנס זי נישט אַזוי שטאַרק באַליידיקט און געקרענקט. מער יסורים האָט איר פאַרשאַפט די אייפערזוכט אויף פאַננאַ פלאָרענטינאַ, קשיוויצקיס עלטסטע טאָכטער. כמעט פון דער ערשטער רגע אַן האָט זי איר געליבטן פאַרדעכטיקט, אַז ער איז איר נישט אינגאַנצן געטריי. ס'איז איר אַפילו נישט איינמאָל איינגעפאַלן, אַז איר ריכאַרד האָט אפשר אַ פרוי אין זיין היים, און אפשר אויך קינדער. עטלעכע מאָל האָט זי אַפילו אין שפּאַס דאָס אים געפּרוּעגט און אים אָנגעוויזן אויף אַ רינג אויף זיינס אַ פינגער. נאָר ער האָט זיך צעלאַכט און אויסגעשטרעקט צו איר ביידע הענט, זי זאָל קאָנען איבער־ציילן וויפל רינגען ער האָט אויף זיינע פינגער: „דאַ מיזטע איך פיר פראַוען האָבען"... אין דידאָזיקע אָדערדיקע, גרויסע מענלעכע הענט, נאָר נערוועזע, האָט ער דאַן צערטלעך אַריינגענומען איר שיין צעבליט פּנים מיט די לויכטנדיקע שוואַרצע אויגן און געקושט אירע פולע, רויטע ליפּן.

פון דעמאָלט אָן האָט דבורהלע געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, אַז איר גע־ליבטער איז אפשר גאָר אַ חתונה־געהאַטער. איר אייפערזוכט האָט זיך דאַן איבער־געטראָגן אויף עטלעכע פרויען, יונגע און שיינע פּאַליאַטשקעס, מיט וועלכע — אַמאָל מיט איינער, אַמאָל מיט אַ צווייטער — זי פלעגט טרעפן גיין איר געליבטן, אָדער פאָרן אין אַ קאַטש. דאָך האָט זי דידאָזיקע אייפערזוכט יעדעס מאָל פאַר־יאָגט פון זיך מיט דידאָזיקע ווערטער: ער איז קאָמענדאַנט און האָט צו טאָן מיט אַ סך מענטשן, מיט די מענער פון דידאָזיקע פרויען, מיט די טאַטעס פון דידאָזיקע מיידלעך. ריכאַרד האָט איר אַליין דאָס געזאָגט. נאָר די אייפערזוכט צו פּאַננאַ פלאָרענטינאַ קשיוויצקאַ האָט זי נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך. זי האָט דערי־בער ריכאַרדס קילער ווערן צו איר אַלעמאָל מער — באַזונדערס אין דער לעצטער צייט — צוגעשריבן צו זיין ליבע צום דאָזיקן מיידל.

— היינט מוז איך אים אָבער זען! — דאָס האָט זי באַשלאָסן אינדערפרי

ביים אויפשטיין. — איך מוז היינט מיט אים רעדן! ס׳איז דער לעצטער טאָג! איך מוז וויסן: גיי איך מיט אים צום באַל אָדער נישט! ער האָט מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט קלאָר! ער מוז מיר זאָגן: יאָ, אָדער ניין! ער וועט דאָרט זיין, דאָס ווייס איך! די מאַדאַם קשיוויצקאַ האָט מיר קיין איינלאַדונג נישט געשיקט, כאָטש דער פריץ האָט דעם טאַטעשי צוגעזאָגט, אַז ער וועט וועגן דעם רעדן מיט זיין פרוי...

אַריינקומענדיק אין דער קאַנצעלאַריע, אַרום עלף, איז דער סעקרעטאַר איר אַנטקעגנגעקומען און ווי יעדעס מאָל די גאַנצע וואָך איר פאַרשטעלט דעם וועג אין אַנדערן צימער אַריין:

— עס טוט מירווירקלעך זייער לייד, שענעס פרוילײן, — האָט ער איר געזאָגט, — דער הער מאַיאָר איסט ניכט היר; ער איזט פּעררייזט אין דינסטליכער אַנגעלעגנהייט.

דבורהלע איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער נישט אַהיים. ס׳האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז די פּאַננאַ פלאָרענטינאַ קשיוויצקאַ איז ביי איר געליבטן. זי האָט זיך באַהאַלטן נישט ווייט פונעם הויז, וווּ די קאָמענדאַנטור איז געווען, און געדולדיק געוואַרט, ביז זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס האַרץ האָט זי נישט גענאַרט. זי איז דאַן צוריק אַריין אין דער קאַנצעלאַריע, געגאַנגען גלייך צו דער טיר פונעם שעף מיט אַזאַ דרייסטקייט און מוט, מיט אַזויפיל חן און שטאָלצער ווייבלעכער ווירדע אין איר פּנים און האַלטונג, אַז דער סעקרעטאַר איז געבליבן געפּלעפט און איז אַפילו נישט אויפגעשטאַנען פון זיין שטול איר צו פאַרשטעלן דעם וועג. זי האָט מיט די איצט ציטערנדיקע פינגער אַנגעקלאַפּט ביים געליבטן און גלייך געעפנט די טיר. קוים אַריבערטרעטנדיק די שוועל, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: „ניין, צווישן ריכאַרדן און דער פּאַננאַ פלאָרענטינאַ איז גאָרנישט געווען, כאָטש יענערס וויזיט האָט געדויערט אַ גאַנץ היפּשע צייט״. איר אורטייל, אין וועלכן זי האָט נישט געצווייפלט, האָט זי מאָטיווירט דערמיט, אַז דעם גוטבאַזיצערס טאָכטער איז היינט געקומען צום קאָמענדאַנט, בלויז כדי צו קריגן אַ פּערזענלעכע פאַרזיכערונג פון אים, אַז ער וועט קומען צום באַל. די אייפערזוכט צו דעמדאָזיקן מיידל איז אין דעם מאָמענט פאַרשוווּנדן פון דבורהלעס האַרץ, באַזונדערס צוליב דער פּאָזע, אין וועלכער זי האָט איר געליבטן געטראָפן זיצן ביים שרייבטיש: אַביסל געלאַנגווײלט, אָבער פלייסיק ביי דער אַרבעט. „ניין, ער איז אין פלאָרענטינאַן נישט פאַרליבט״. גלייך איז אויך געקומען די „באַשטעטיקונג״ פון איר אורטייל: זי האָט נאָך נישט געהאַט אינגאַנצן צוגעמאַכט די טיר, איז דער מאַיאָר אויפגעשפּרונגען און איז איר אַנטקעגנגעקומען מיט אַזאַ באַגייסטערטער פאַרליבטקייט, מיט אַזויפיל שטראַלנדיק גליק אין זיין פּנים, אין זיינע קלוגע גרויע אויגן, און געקושט איר האַנט מיט אַזויפיל האַרציקער צערטלעכקייט, ווי אין דער ערשטער צייט. זי האָט אויך דערקענט, אַז אין זיין נשמה איז אין דעמדאָזיקן אויגנבליק געווען אי חרטה, אי דערלייזונג פון עפּעס קוועלנדיקס, און שנעלע אויפלעבונג. זי האָט דאָס געפילט, געזען אין זיינע אויגן.

ער האָט זי באַגריסט:

— גוט מאָרגן, ליבסטע!

זי האָט געשמייכלט קינדעריש־צערטלעך, ריין און נאַיוו, ווי אין איר נשמה וואָלט קיין שום שמערץ און קרענקונג נישט געווען. אין דעם מאָמענט איז אין

איר האַרץ געווען בלויז ליבע צו איר ריכאַרדן, בלויז אַרויפקוקן צו איר געליבטן אין פולער פאַרטרויונג און איבערגעגעבנקייט און אין לויטערער גליקזעליקייט. ביי איר גאַנצער יוגנקייט און אומדערפאַרנקייט, האָט זי דאָך שוין געוווסט — די זשעניאַלע ווייבלעכע חכמה האָט עס איר אונטערגעזאָגט — אַז עס איז נישטאָ קיין ערגערער סם פאַר דער ליבע, ווי טענות צום געליבטן, ווי אים מאַכן פאַר־ווורפן. קיין שום זאַך איז נישט שטאַרקער צו האַלטן דעם געליבטן — ווען ער נעמט זיך אַרויסגליטשן פון דער געליבטערס אָרעמס — ווי די ליבע אַליין, די ליבע אין איר גאַנצקייט, אומבאַרירטקייט פון חשד און באַשולדיקונג. ניין, נישט דאָס פאַרגעבן, נישט דאָס גרויסמוטיקע מוחל זיין! דאָס דערנידעריקט דעם גע־ליבטן. אַ דערנידעריקטער — קאָן ער דאָן מער נישט ליבן. געוויס, די ליבע ווערט דורך אומגעטרייקייט פאַרלעצט און די איפערזוכט, וואָס ווערט געבוירן פון דער אומגעטרייקייט, רייסט די וווּנדן אַלץ ווייטער און ברענט אַלץ טיפער, אַלץ שמערצ־לעכער. אָבער נישט בלויז אומגעטרייקייט איז דער לויערנדיקער באַציל פון דער ליבע; ס'זיינען נאָך דאָ געגנוג אַנדערע באַצילן. מען מוז אָבער זיין שטאַרק קעגן זיי.

אין יענעם מאָמענט האָט דבורהלע דידאָזיקע שטאַרקייט געהאַט אין זיך, זי האָט זי באַקומען ביים עפענען די טיר. איר ליבע, גרויס אין דער שטילער טיפקייט, האָט אַריבערגעשטראָמט אין מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַלס נשמה; זי האָט אים איינ־געהילט אין אַ דופּטיקער פרילינגס־וואַרעמקייט, כאָטש אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט. קושנדיק זיין געליבטערס פינגער, האָט ער זי צוגעפירט צו דער לילאָ פּליושענער סאָפע און זיך מיט איר אַנידערגעזעצט. ער האָט אין אַזאַ מאָמענט פאַרגעסן זיין פרוי. דאָך איז זי אים איצט געקומען אויפן געדאַנק, ווי דאָס געשעט טיילמאָל ביי מענער מיט געוויסן, ווען זיי זיינען גליקלעך אין זייער ליבע מיט אַן אַנדערער. אין מאַיאָרס האַרץ איז דאָס געוויסן — אין געוויסע ענינים — נישט געווען טויט. וואָלט עס אינגאַנצן נישט געווען אין אים — וואָלט ער אין דער נשמה פון דבורהלען קיין ליבע נישט געקאָנט אויפוועקן צו זיך. דערמאָנענדיק זיך אָן דער פרוי, האָט דער מאַיאָר דערזען פאַר זיך די הויכע, שטאָלצע באַראָ־נעסע פאָן שפּיצבערגן, אַ קאַלטע שיינקייט, פול מיט האַרטער באַשולדיקונג און פאַראַכטונג צו אים. איז ער נאָך צערטלעכער געוואָרן צו זיין געליבטער און מיט נאָך מער וואַרעמקייט, ווייכקייט און מעלאַדישקייט אין זיין שטימע זי גערופן: „דיאַנאָטשקאַ"... פון די יונגע פּוילישע פרויען און מיידלעך איז אים אַצינד קיין איינע נישט געקומען אויפן רעיון. און וואָלט וועלכע, די שענסטע, יאָ אויפגע־טויכט פאַר זיין גייסטיקן בליק, וואָלט זי אין איצטיקן מאָמענט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט דבורהלען.

דער קאָמענדאַנט האָט פון זיין געליבטער אַראָפּגענומען דעם נייעם קאַראַ־קולענעם מאַנטל, אַ ברייט קליאַשאַוון און שמאָלן אין דער טאַליע, און אים באַ־וווּנדערט. אָבער נישט בלויז פון קאַוואַלערישער העפלעכקייט, אָדער ווי אַ פאַר־ליבטער, וועלכן עס געפעלט אַלץ, אין וואָס זיין געליבטע גייט אָנגעטאָן, נאָר ווי אַ מבין און קריטיש־עסטעטישער געניסער. דבורהלע איז שטיין געבליבן אין איר גרוי זיידנוואָלענעם קליידל, וואָס איז געווען געמאַכט אין זעלבן פאַסאָן ווי דער מאַנטל. דער געליבטער האָט זי געפרעגט:

— אָוף נוי? יעצט אָוס וואַרשאַו? — דאָס קלייד האָט ער באַוווּנדערט נאָך

מער ווי דעם מאַנטל. דעם קאָמענדאַנט איז די געליבטע איצט אויסגעקומען שענער אַפילו ווי אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זי געזען דאָס ערשטע מאָל. זי איז אָבער באמת שענער געוואָרן, ווייל אי זי האָט אין איר ווייבלעכקייט זיך צעוואָקסן און צעבליט, אי די דערפאַרונג פון גליק און לייד האָט איר נשמה און גייסט אויפגעוועקט צו פולער טעטיקייט און לעבן, צו חכמה, וואָס מאַכט אַ יונג מיידל שיין אויף אַ גאַנץ אַנדערן, הערלעכערן אופן, ווי בלויז די מיידלשע בליִונג. איר געשמאַק אין אָנטאָן זיך איז רייפער געוואָרן, פאַרפיינערטער. די קליידלעך מיט שרייענדיקע פאַרבן, וואָס זי האָט געקויפט אין וואַרשע, האָט זי בלויז צוליב געטאָן דער מוטער. די, וועלכע זי האָט זיך אויסגעקליבן, זיינען געווען פון צאַרטע, שטילע, דיסקרעטע קאָלירן, אָן פּאַסן און בלומען, איינפאַך געמאַכט, אָן באַפּוצונגען. אַהערגייענדיק האָט זי זיך היינט קיין שום צירונג נישט אָנגעטאָן, כאָטש די מוטער האָט איר אין וואַרשע געקויפט אַזויפיל. בלויז אַ קליינע בראָשע ביים קעלנערל פאָרנט. מיטן אינסטינקט, מיט איר ראַפינירטער און רייפגעוואָרענער ווייבלעכער חכמה, האָט זי דערפילט און באַנומען, אַז מיט צירונג, פּונקט ווי מיט שרייענדיקע קאָלירן און אויגנאויפרייסנדיקע מאָדעס, וויל מען, אומבאַוווסט, עפּעס פאַרשטעלן, אָפּלענקען פון עפּעס נישט שיינס אָדער אומאָנגענעמס אין זיך; מען וויל זיך שענער מאַכן ווי מען איז, וואָס מיינט אָפּנאַרן. ביי אַן אינטעליגענטן מאַן מיט געשמאַק דערגרייכט דערמיט די פּרוי דאָס פאַרקערטע: ער דערזעט פאַר זיך אַן אויסגעפּוצטע ליאַלקע, באַוווּנדערט ס'צירונג, די טייערע בריליאַנטן און אַנדערע שיינע איידלשטיינער, די קינסטלערישע מלאכה, אָבער נישט די געליבטע.

אינעם געשמאַק אַנטפּלעקט זיך דער מענטש, זיין גייסט און נשמה.

אין דער גרויקייט פון דבורהלעס ניי קלייד איז געווען אַ סך פון דער סובטילער פיינקייט, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין איר טיף־פילנדיקער נשמה און רייף־געוואָרענעם גייסט. גרויקייט קאָן זיין טעמפּ, אָבער אויך זייער צאַרט, וואַרעם, ליריש און האָבן אין זיך אַ דיסקרעטע כישופדיקייט. הגם — אָדער דערפאַר — וואָס גרוי איז נישט קיין גאַנץ־באַשטימטע פאַרב, האָט זי אַ מעגלעכקייט פאַר אומצייליקע שאַטירונגען. פון דער גרויקייט אין דבורהלעס קלייד, נישט קיין צו טונקעלע אָבער אויך נישט קיין צו העלע, האָט אַרויסגעשימערט אַ מין גאָלדקרעמקייט, וואָס אָט איז זי געווען בלאַס ווי ווייצענע זאַנגען אין פעלד איידער זיי הייבן אָן צייטיק ווערן, און אָט גאָר ראָזע! אָט האָט זיך די גאָלדקרעמקייט געמיניעט ווי פּערלמוטער, אויפפלאַמענדיק מיט פלאַקערנדיק פייער, און אָט איז זי גאָר געוואָרן ווי טליִענדיק אַש. דער מאַיאָר האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דאָזיקן מיניען זיך און זיך געחידושט: אַזאַ מין גרוי האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען, אָדער — אויב יאָ — האָט זי נאָך קיינמאָל נישט גערעדט אַזוי צו זיין נשמה ווי אין דעם מאָמענט. ער איז געוואָרן ליריש־ראָמאַנטיש, טרוימעריש אין זיין ליבע צו דבורהלען, פול מיט שטילער און זיסער גליקזעלישקייט, און אָט גאָר איז ער געוואָרן שטורמיש ליידנשאַפטלעך. באַלד אָבער איז אין זיין אַרומאָרעמען די געליבטע געווען טראַגישער קאָנפליקט, גרויזאַמע צעריסנקייט און אין זיין שמועס האָבן זיך פּלוצים גענומען אַריינרייסן מאָדנע ווערטער.

אַן איבערראַשטע און דערשראָקענע האָט דבורהלע געפרעגט איר געליבטן:

— וואָס מיינסט דו: די יידן זיינען אַ מערקווירדיק פאָלק?

דער מאַיאָר ריכאַרד פאָן וואָלפענסטאַל האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך האָבע ניכטס געזאָגט. — אָבער ער האָט באַלד צוגעגעבן מיט אַ בייז שמייכעלע אויף זײַנע דינע ליפּן: — די יודען זינד פראָם אונד געלדגיריק, זי שיקען אירע פראַוען אונד טעכטער...

דבורהלע איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. זי האָט געקוקט מיט שרעק אין אירע אויגן און נישט געקאָנט באַגרייפן איר געליבטן. מיט איינמאָל אַזאַ ענדערונג! זי איז פאַרשטומט געוואָרן. דערווייל האָט זי איר ריכאַרדן נישט געפרעגט דאָס, וועגן וואָס זי איז היינט געקומען צו אים. נאָר דער מאַיאָר האָט נישט געוואָלט, אַז עמיץ, אַפילו נישט די ייִדישקע, וועלכע ער האָט געהאַלטן נישט בלויז פאַר נאַיוו, נאָר פאַר נאַריש, זאָל קאָנען לייענען די מינדסטע געדאַנקען אין אים, זאָל זיך אָנשטויסן אויף דעם, וואָס קיינער דאַרף נישט וויסן, חוץ ער אַליין און העכסטנס דער סעקרעטאַר זיינער. ער האָט זיך דעריבער באַמיט צו פאַרגלעטן, וואָס ס'האָט זיך אין אַ געוויסער, נישט קאָנטראָלירטער רגע אַרויסגעכאַפּט פון אים און זיך גיך צוריק אַריינגעצוווּנגען אין זיין פריערדיקער באַגייסטערטער פאַרליבטקייט. נאָר דבורהלע איז געבליבן אויסגעלאָשן, ווי דאָס אַש אויף טליענדיק פייער, וואָס האָט אַרויסגעשימערט פון איר גרוי קלייד. ער האָט גענומען שפּאַסן מיט איר, זי צוריק פריילעך צו מאַכן. נאָר דאָס איז אים שוין נישט געלונגען און ער האָט זי געפרעגט:

— וואָרום זינד די ייִדישע מעדכיען זאָ ערנסט אין אירער ליבע? די פּאָלנישע...

ווי ביים אויפפלאַמען פון אַ פײַער האָט דבורהלע דערזען אַז איר אורטייל ביים אַריינקומען וועגן ריכאַרדס באַציִונגען צו פּאַננאַ פלאָרענטינאַ קשיוויצקאַ איז געווען פאַלש. זי איז בלאַס געוואָרן. פון אירע ליפּן איז אויסגערונען ס'גאַנצע בלוט. אירע פינגער, קאַלט־ און שטייף־געוואָרענע, האָבן געציטערט.

דער קאָמענדאַנט האָט געפרעגט:

— ביסט דו קראַנק, ליבסטע? איך מערקע דאָס שאָן זײַט איינע לענגערע צײַט אַן דיך.

— ניין, איך בין נישט קראַנק. — זי האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט, אַז די טרערן זאָלן נישט אָנקומען אין אירע אויגן. זי האָט זיי אַזוי, אַז דער געליבטער זאָל עס נישט באַמערקן, אַראָפּגעשלונגען.

צוזאַמען מיט די טרערן האָט זי אויך אַראָפּגעשלונגען די נאָר־וואָס דורכגעלעבטע באַליידיקונג, אייפערזוכט און קרענקונג. מיט דער שטראַלנדיקייט פון ליבע אין אירע הערלעכע אויגן האָט זי גענומען רעדן מיט איר געליבטן וועגן דעם באַל ביינאַכט.

— איך ווערדע דאָרט ניכט זיין, — האָט דער מאַיאָר איר געענטפערט.

דבורהלעס אויגן זיינען גרעסער געוואָרן. אַצינד זיינען אירע באַקן נישט בלייך געוואָרן, נאָר זיי האָבן גענומען גליִען. צו פאַרבאָרגן די רויטקייט אין איר פנים און די טרערן אין אירע אויגן (איצט האָט זי זיי נישט געקאָנט מער צוריקדרענגען) האָט זי אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט אויף די פּאָרטרעטן, וואָס זיינען געהאָנגען אויף דער וואַנט.

ביים אָוועקגיין איז דבורהלע שנעל דורכגעגאַנגען דורך דער קאַנצעלאַריע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אינדרויסן האָבן זיך אירע פיס אָפּגעזאָגט זי צו פאָלגן. די קני זיינען איר פאַרגעקומען ווי וואַטע, דאָס האַרץ אויסגעהוילט, אין קאָפּ פינצטער, אַלע געדאַנקען אויסגעלאָשן. נאָר די בליקן פון די מענטשן, וואָס זיינען אַריין־ און אַרויסגעגאַנגען פון דער קאָמענדאַנטור, האָבן אין איר אויפגעוועקט דאָס געפיל פון שעמען זיך און זי האָט גענומען גיין ווייטער. אָבער וווהין? אַהיים האָט זי נישט געוואָלט גיין. זי האָט זיך געשלעפּט איבערן ברייטן שליאַך. דער פראָסט איז געווען זייער שטאַרק. דאָך האָט דבורהלע נישט געפילט, ווי די קעלט סמאַליעט איר פּנים, שטעכט עס ווי מיט נאָדלען און בייסט די קליינע ראָזע לעפעלעך פון אירע אויערן. אָבער דער פראָסט האָט זי אויפגעוועקט פון איר חלשותדיקן צושטאַנד און איר באַוווסטזיין האָט אָנגעהויבן דערוואַכן אַלץ מער און מער. דאָס ערשטע, וואָס איז איצט קלאָר אַרויסגעשוווּמען פאַר אירע אויגן, איז געווען יענער מאָמענט, ווען זי איז פון דעם קאָמענדאַנט אַוועקגעגאַנגען נאָכן ערשטן מאָל זיין ביי אים. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ שיינער האַרבסטטאָג. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ בלוי קאָסטיומל און אַ ווייס בלוזקעלע. ס׳איז איר דעמאָלט אַנטקעגנגעקומען כעליאַ בערנפעל אויפן זעלבן וועג; זי האָט געוואָלט צוגיין צו איר, נאָר זי האָט עפּעס נישט געקאָנט... כעליאַ איז געוואָרן אַ סאָציאַליסטקע...

אין זעלבן מאָמענט האָט זיך צו דבורהלען דערטראָגן דאָס קלינגען פון אַ סך גלעקלעך. זי האָט זיך אומגעקוקט. אַ שליטן, מיט צוויי פאָר פערד נאָשפּיץ, איז געפלויגן הינטער איר. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וועג, כאָטש זי איז נישט גע־גאַנגען אין מיטן שאָסיי. אָבער די גלאַנציק־שוואַרצע פערד האָבן אין זייער גאַלאָפּ אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף איר. זי איז שיער געפאַלן, ווייל די אויסגעטראָטענע סטעזשקע אין טיפן שניי איז געווען אַ שמאָלע און זי האָט אינעם שפּרונג נישט געטראָפן אויף איר, נאָר אינעם שניי, וואָס איז איר דערגאַנגען איבער די קני. אַ רגע שפּעטער האָבן זיך די שוואַרץ־פלאַמענדיקע רוחות פאַרבייגעיאָגט פאַר איר און זי באַוואָרפן מיט ברעקלעך שניי. עטלעכע שטיקלעך זיינען איר אַ פלי געטאָן אין פּנים אַריין. זיי זיינען געווען האַרט און עס האָט איר זייער וויי געטאָן. פונ־דעסטוועגן האָט איר בליק דערביי באַמערקט, ווער ס׳איז געזעסן אינעם שליטן: ס׳איז געווען העלענאַ בערנפעל מיט איר געליבטן, דעם אַפּטייקערס זון, דער גוט־באַזיצער יאַן גנילאָווסקי.ביידע אין הירשפעלצן און די פיס — ביזן גאַרטל — איינגעהילט אין אַ דעקע.

דבורהלעס ליפּן האָבן זיך פאַרצויגן אין אַ שמערצלעכן שמייכל, ווי ביי אַ קינד, ווען ס׳וויל וויינען און לאַכן צוזאַמען. די טרערן זיינען איר שיער ווידער געקומען אין די אויגן אַריין צוליב דעם שניידיקן שמערץ אין פּנים פון די בריל־קעלעך שניי, און לאַכן האָט זי געוואָלט צוליב דעם מאָדנעם צופאַל; זי האָט גע־טראַכט וועגן כעליאַן, איז אין דערזעלבער רגע אָנגעפאָרן די שוועסטער...

דער שליטן איז שנעל פאַרשוווּנדן פון דבורהלעס בליק. אירע געדאַנקען האָבן זיך שוין מער נישט באַשעפטיקט מיט כעליאַן, אויך נישט מיט דער שוועסטער און איר געליבטן, נאָר מיטן באַל ביי קשיוויצקין, וואָס די אַסאָציאַציע פונעם פאַר־

בייגעשוועבטן שליטן האָט אַנגעצונדן אין איר פֿאַנטאַזיע. די פֿאַנטאַזיע האָט גע־נומען פֿאַר איר מאָלן פֿאַנטאַסטישע בילדער פֿון אַ מאַסקנבאַל... זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף קיין באַל. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי היינט געזאָלט זיין מיט איר געליבטן אויף אַ מאַסקנבאַל... דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק קלאַפּן אין איר, אַז זי האָט צוליב דעם שטאַרקן פֿראָסט נישט געקאָנט נאָכיאָגן מיטן אָטעמען דעם טיאַך, טיאַך, טיאַך... די פֿאַנטאַזיע האָט זי פֿאַרטראָגן צום באַל און זי האָט פֿולשטענדיק פֿאַרגעסן יעדע רעאַליטעט: אַז זי איז איצט געווען ביי איר געליבטן צום לעצטן מאָל; אַז זי איז אַ גענאַרטע, אַן אָוועקגעוואָרפֿענע; אַז זי פֿרירט אין שניי ביז איבער די קני און דער פֿראָסט סמאַליעט איר פּנים. און אָט — אַ דערוואַכטע פֿון איר פֿאַנטאַזיע, האָט איר האַרץ ווידער געזבענצעט ווי אַ האַמער אין דער ברוסט פֿון וויטיק (ביז פֿאַרגיין), צוליב דער איפּערזוכט אויף פּאַננאַ פֿלאָרענטינאַ קשיוויצקאַ. זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט ווי איר ריוואַלן וועט ביינאַכט זיין גליקלעך מיט איר געליבטן אויפֿן באַל; ער וועט מיט איר טאַנצן; ער וועט זי קושן און אַרומאַרעמען, ווי ער האָט זי געקושט און אַרומגעאַרעמט די גאַנצע צייט, ווען זי איז פֿריִער געשטאַנען אינדרויסן און געוואַרט, ביז יענע איז אַוועקגעגאַנגען. (דערנאָך האָט ער ווידער זי, אויף דער זעלבער ליליאַ סאָפֿע, גע־קושט און אַרומגענומען). דערדאָזיקער שמערץ איז אַצינד געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַפֿילו נישט געפֿילט ווי די טרערן, גרויסע, קומען אַרויס הייסע פֿון אירע אויגן, קאַליען זיך איבער אירע באַקן, נאָר אַלעמאָל פֿאַמעלעכער, פֿאַמעלעכער, ביז זיי ווערן געפֿרוירן, און אויף ביידע באַקן אירע זאַמלען זיך אייז־אַרבעסלעך וואָס ווערן אַלץ דיקער און דיקער. און דאָס האַרץ האָט פּלוצים אָנגעהויבן קלאַפּן אַלץ שוואַכער, שוואַכער, ביז ס׳האָט כּמעט אינגאַנצן אויפֿגעהערט. פֿאַר אירע אויגן האָבן גענומען שוועבן פֿאַוועס מיט גרויסע צעשפּרייטע עקן פֿון אַלערליי קאָלירן, וואָס האָבן געשימערט אויף אַ ראָזאַ הינטערגרונט מיט גרינע בלומען... אירע אויגן האָבן זיך כּמעט געשלאָסן און זי האָט געזען ברייטע אַזשורבלויע און ווייסע פּאַסן אויף אַ גאָלדענעם הינטערגרונט... דאַן האָבן זיך אַלע פֿאַרבן גענומען מישן און אויסמישן אין איין גרויסער טונקלקייט...

קאַפּיטל דרייצן

אַ פּוילישער באַל אין שאָטן פֿון דייטשע געטער

1

בעת דבורהלע האָט פֿאַנטאַזירט וועגן באַל ביים גוטבאַזיצער פּאַן קשיוויצקי, האָבן דאָרט נישט בלויז די דינסטן און די פּאַראָבקעס געשוויצט ביי דער אַרבעט, נאָר אַפֿילו די גוטבאַזיצערן אַליין, די עלטסטע טאָכטער פֿלאָרענטינאַ און די אַנ־דערע קינדער. ס׳איז געווען אַ סך צו טאָן, באַזונדערס צוליב אַ סיורפּריז, וואָס מ׳האָט געגרייט פֿאַרן קאָמענדאַנט. די אידייע פֿאַרן סיורפּריז האָט געגעבן גנילאָוו־סקי. קשיוויצקי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אידייע און אַ באַגייסטערטער געזאָגט:

— איך האָב אויך אַן אידייע! אַ פיינע זאַך, נאָר נישט פאַרן קאָמענדאַנט; דאָס וועט זיין פאַר אונדז, בראַטשע, פאַר אונדז פאָליאַקן... אַ טייערער ספּעקטאַקל, אַ טראַדיציאָנעלער, נאָך פון אונדזערע פרײדזשאַדקעס...

אַז גנילאָווסקי האָט גענומען טרעפן, האָט אים קשיוויצקי געזאָגט:

— קאָכאַני פשעיאַטשעלו! וועסט נישט טרעפן און איך וועל דיר נישט זאָגן.

אויף יענעמס אַרגומענטן, אַז פאַר אַ ספּעקטאַקל מוז מען דאָך מאַכן געוויסע פאַרבאַרייטונגען, האָט ער אים געענטפערט:

— מ׳ברויכט קיין שום צוגרייטונגען נישט...

גנילאָווסקי האָט זיך אויסגענומען מיט זיין פריינט, (ווען ער האָט אים פאַר־טרויט, וואָס ער גייט צוגרייטן פאַרן קאָמענדאַנט און די אַנדערע דייטשישע געסט), אַז חוץ די אַנטיילנעמער אין דער זאַך טאָר קיינער נישט וויסן. פאַר זיך האָט ער געטומען די הויפּטראָלע אינעם שפּיל. ער איז געווען זיכער, אַז זיין פריינט און די אַנטיילנעמער וועלן זיך נישט אָנשטויסן, אַז ער גרייט צו אַ „קאָוואַל״ פאַר די „פּסובראַצעס״; זיי וועלן דאָס טעאַטער־שטיק אויפפאַסן ווי אַן ערונג פאַרן קאָמענ־דאַנט. בלויז וועגן איינס האָט ער זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה: „אין פּויליש אָדער אין דייטש״? און באַשלאָסן: „אין אָריגינאַל״. די אַנטיילנעמער, און אויך אַ סך פון די געסט, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען, האָבן כמעט אַלע געקאָנט דייטש. פאַרשטייט זיך, אַן אויסגעלערנט דייטש פון דער גימנאַזיע, וואָס מ׳קאָן קיינמאָל נישט רעדן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, מ׳רעדט מיט אַ שווידערלעכן פּוילישן אַקצענט און מיט הונדערטער גראַמאַטיקאַלישע גרייזן. אָבער דאָס שאַדט נישט, באַזונדערס אין „נאָוויראָק״. דער הייסער פּונטש מיט אַ סך רום און די מאַסקן וועלן שיצן...

2

די נייגעריקע פלאָרענטינאַ האָט די ערשטע דערהערט דאָס קלינגען פון די גלעקלעך אין דער פּראַסטיקער נאַכט, אַפילו ווען די שליטנס זיינען נאָך געווען גאַנץ ווייט. לויטן טאָן פון די גלעקלעך האָט זי דערקענט, ווער ס׳קומט.

— דאָס איז וואַיאַשעק פּעטרוש! — האָט זי אויסגערופן, — מיט דער טשאַטשאַ מעדאַ און יאַדזשונעטשקאַ. און דאַנילקאַ, און טיליאַ! צוויי שליטנס! איך הער נאָך איינעם; נאָר יענער איז נאָך ווייט! — פון פרייד האָט זי אַרומגע־כאַפּט די מוטער און זי געקושט. אַלע צימערן, באַזונדערס די גרויסע זאַלן און אויך דאָס פאַדערהויז, וואָס איז געווען ווי אַ צוגעבויט קליין הייזעלע מיט אַ באַזונדער דעכעלע, אויך דער לאַנגער קאָרידאָר — דאָס גאַנצע הויז איז געווען דעקאָרירט מיט בונטקאָלירקע פּאַפּירלעך, מיט קייטן און אַנדערעליי געפלאָכטענע זאַכן פון פאַרשידענפאַרביקן פּאַפּיר און מאַט באַלויכטן פון לאַמפּיאָנען. די טירן זיינען געווען צעעפנט און דער פאַמיליענהערב האָט געברענט איבער יעדן אַריינ־גאַנג. אַפילו די פיר מאַרמאָרענע זיילן אינדרויסן, צו צוויי ביי יעדער זייט פון די עטלעכע געמויערטע טרעפּ פאַרן הויז (איצט באַדעקטע מיט אַ רויטן טעפּיכ־לויפער), זיינען געווען אַרומגעוויקלט מיט בונטקאָלירקע פּאַפּירלעך. דאָ האָבן געברענט שטורקאַצן. דאָס ליכט פון די געלרויטע פלאַמען האָבן זיך געריסן צו

באַלייכטן וואָס ווייטער דעם בלוילעכווייסן שניי אין דער פעכשוואַרצער נאַכט. די פייערלעכע שטילקייט, וואָס האָט געהויערט אין דער סודותדיקער פינצטערניש איבער די ווייטע פוסטע פעלדער, איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַן איינזאַם היילן פון אַ וואָלפהונט, אָדער גאָר טאָקע פון אַ הונגעריקן וואָלף. אָבער סיי די געהיימניספולקייט פון דער שוואַרצער ווינטערנאַכט און סיי דאָס מאוימדיקע וואָיען איז באַלד ווידער און ווידער איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם פריילעכן געקלאַנג פון די אַלערליי גלעקלעך ביי די שליטנס, וואָס זיינען געקומען אַלץ נענטער צום הויז. די פאַרשידענע טענער: דינע, ווי קוויטשעלעך פון לאַכנדיקע קינדער, ווי זינגענדיקע קולעכלעך פון ייִנגלעך, ווי דאָס כיכען פון לוסטיקע מיידלעך, ווי נאָטנסקאַלעס פון סאָפּראַנען, אַלטן, טענאָרן און באַסן — פריילעכע אָרקעסטערס פון גלעקלעך — איז געוואָרן אַלץ העכער. די צוויי דינער אין זייערע שיינע ליווריען, מיטן הערב אויף יעדן בלישטשענדיקן קנאָפּ, האָבן ביים אָפּוואַרטן די געסט אינדרויסן זיך צוגעהערט צום פריילעכן זינגען פון די אַלץ נענטערקומענדיקע שליטנס, צום הויכן לאַכן און די לוסטיקע קוויטשערייען. ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבן אַרויסשווימען דאָס ליכט פון די שטורקאַצן, וואָס די גאָר פריילעכע אויף די שליטנס האָבן געהאַלטן איבער זייערע קעפּ, געפּאָכעט מיט זיי אַהין און אַהער, ווי זיי וואָלטן געגעבן פייערסיגנאַלן. אָפּגעשטעלט זיך פאַרן הויז — האָבן די קאַוואַליערן געהאָלפן זייערע דאַמען ביים אַרויסשפּרינגען פון די שליטנס. די גאָר פאַרליבטע — דעריבער באַזונדערס גוט אויפגעלייגטע — האָבן זייערע דאַמען צוגעטראָגן ביז צו די טרעפּ. די דינער, מיט די היטלען אין די הענט, האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייגן און בוקן.

די געסט זיינען געקומען אַלע אין מאַסקנקליידער און מיט מאַסקעס אויף די פּנימער. די מענטשן אין הויז, חוץ די דינערשאַפט, זיינען שוין געווען מאַסקירט. אַזוי איז געווען אויסגעמאַכט, כדי עס זאָל איינער וועגן אַנדערן נישט וויסן. פאַרגעשטעלט האָט מען לויט דער מאַסקע: „סלאָניעטשניק!"... „לייבניעגער!"... „די פּאַווע!"... „דער טעריקי!"... „דער לאָמפּנצינדער!"... „די רוסאַלקע!"... „די קעניגן פון די הימעלייען!"... „דער מאַהאַראַדזשאַ!"... „דער פאַרבענקטער פּאַסטוך!"... „פּאַן סטראַזשאַק!"... „קראַקאָוויאַצקאַ!"... „די מאַטראָזקע!"... „אַפּאָלאָ!"... „דער ריז!"... „דער פאַרפירער!"... אאַז"וו

אַזוי פריילעך, אַזוי שיין לאָבוזעוואַטע, אַזוי קונדייסיש און אַזוי רייצנדיק אין זייער פאַרפירערישקייט, אַזוי שעלמיש און לוסטיק זיינען די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף אַ מאַסקנבאַל. ס'איז נישט געווען צוליבן ניי־יאָר; גיכער דערפאַר, ווייל אַלע האָבן שוין געפילט דאָס ענדיקן זיך פון דער מלחמה און דאָס אָנקומען פון גרויסע געשעענישן אין זייער לאַנד. אויך די מענער זיינען אין זייער ברען אַצינד נישט געבליבן הינטערשטעליק; זיי זיינען נאָר געווען נאָך גרעבער אין זייער באַנעמען זיך. דאָס איז זיי אָבער היינט געווען דערלויבט: די דאַמען האָבן עס נישט פאַראיבל גענומען. אַ סך פון די געסט האָבן שוין געהאַט גענוג געטרונקען. נאָר דאָ איז פאַר די געסט געווען אַ בופעט, אַן אָנגעשטעלטער פול מיט פלעשער פון בעסטן ליקער, וויין און קאָניאַק. די לאָקייען האָבן אַרומגעטראָגן משקה אויף זילבערנע טאַצן, און פאַרנייגנדיק זיך פאַר יעדן גאַסט, ווידער און ווידער פאַרגעלייגט. דעם קאָמענדאַנט וואָלט קיינער נישט געווען

דערקענט, ווייל ער איז געווען אַנגעטאָן אין מאַזורישער טראַכט, אין אַ היטל מיט פיר שפּיצן, ווײַלעריש אַראָפּגערוקט אויף איין זייט, און מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס ביז אויף די אַקסלען. בלויז צוליב זיין דינער טאַליע (שיער ווי אַ מיידל) און נישט וועלן רעדן, חוץ „פּראָשע פּאַניע"... „פּאַניענקאַ"... „קאָכאַם"... „דזשענקויע"... און נאָך עטלעכע אויסגעלערנטע ווערטער — הגם ער האָט דערביי געענדערט זיין קול — האָט יעדער געוווּסט, אַז דאָס איז דער מאַיאָר פּאַן וואָלפּענסטאָל. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אויף זיך בערנפּעל, דער מאַהאַראַדזשאַ אין אַ לאַנגער בלויזיידענער בייע, אויסגענייט מיט גאָלד, אין אַ ווייסן טורבאַן, מיט אַ סך גרויסע סיגנעטן אויף די פינגער, אַלע מיט טייערע שטיינער, און אין „גאָלדענע" לאַטשן מיט „רובינען" און „טורקיזן" באַצירט. צו אים האָבן זיך געקלעפּט די מייסטע דאַמען. בעלאַ (די קראָקאָוויאַטשקע) און העלענאַ (די מאַטראָזקע) האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג געהאַט ביי די דייטשע געסט. דער פרומער גלח, פאַרשטעלט פאַרן טייוול פון גיהנום, האָט געשנעפּסלט מער ווי אַלע און געמאַכט די דאַמען די שענסטע קאָמפּלימענטן און די הייסטע ליבעס־דערקלערונגען.

יעדער איינער און יעדע איינע האָט געהאַט אַ נייעאָר־שפּילעכל: פאַפּירענע און בלעכענע טראָמייטלעך, גרינע און ברוינגעפּלעקטע שלאַנגען, וואָס האָבן זיך געקאָנט אַ ציִ אויס טאָן אויף צוויי איילן לאַנג און אָנהייבן שיפּען און קריכן מיט די רויטע, דינע צינגעלעך (ווי צווענגעלעך) אין יענעמס פּנים אַריין, צינענע הענדלעך, וואָס האָבן געקרייעט, און נאָך אַזעלכע זאַכן. יעדער ניי־אָנגעקומענער גאַסט איז אויפגענומען געוואָרן מיט טראָמייטערן, קרייען און שיפּען פון די שלאַנגען. חוץ דעם איז ער (אָדער זי) באַוואָרפן געוואָרן מיט לאַנגע בונטע פאַפּירענע סטענגעס און די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ וויוואַט.

ס'איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער, דאָס לאַכן אַלץ הילכיקער און די פריילעכקייט אַלץ רוישיקער. די מוזיק האָט געשפּילט און די פּאָרלעך האָבן געטאַנצט פּאָלקעס, וואַלסן און מאַזורקעס. נאָר עטלעכע מינוט פאַר צוועלף האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט. מיט גלעזער הייסן פּונטש אין האַנט, שטייענדיק פּאָרלעכוויז, האָט דער עולם געוואַרט אויפן אָנקומען פון נייעם יאָר. דערהערנדיק דאָס קלינגען פון די גלאָקן אין דער נאָענטער קירכע האָבן אַלע אויסגערופן מיט אַ פריילעך־פייערלעכן קול: „ז'נאָווים ראָקוי"... אויסטרינקענדיק דעם פּונטש מיט איין צי און אַ וואָרף טוענדיק דאָס גלאָז אויפן דיל, האָבן זיך די פּאָרלעך אַרומגעכאַפּט און צעקושט. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ יובלדיקע פרייד. פּאָרלעכוויז און צו דריי, געאַרעמט, אָדער האַלטנדיק זיך ביי די טאַליעס, האָבן דאַן אַלע זיך געלאָזט אין זאַל, וווּ די טישן זיינען געווען געגרייט, דעקאָרירט מיט גרינע טאַנענצווייגלעך און בלומען. פלעשער שאַמפּאַניער זיינען געשטאַנען אין זילבערנע עמערלעך מיט אייז. די לאַקייען — איצט אויך אַרומגעוויקלטע מיט בונטע פאַפּירלעך — האָבן מיט גרויס געשיקטקייט באַדינט די געסט. די מאַסקעס זיינען ביי קיינעם נישט געווען לענגער, ווי ביז דער אייבערשטער ליפּ. אַלע האָבן די גוטע מאכלים געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. די דאַמען זיינען אין דער אכילה נישט געבליבן הינטערשטעליק פון די מענער. בלויז טרינקען האָבן די מייסטע נישט געקאָנט אַזויפיל. דער אָרקעסטער פון די באַשטעלטע קלעזמאָרים האָט געשפּילט לייכטע מוזיק. די מוזיקאַנטן האָבן זיך געפלייסט צו ווייזן, וואָס זיי קענען.

ביי די קליינע פאַרצעלייִשעלעכלעך מאַקאָ און אַלערליי פיינע נאַשערייען האָבן די דאַמען, זיי די ערשטע, גענומען פאַדערן דעם סיורפּריז, וואָס מ׳האָט צוגעזאָגט. אין דעם מאָמענט איז טאַקע אויפגעשטאַנען פאַן גנילאָווסקי, פאַרשטעלט פאַר אַ שמיד, און געמאָלדן האַלב אין דייטש און האַלב אין פּויליש:

— מיינע... פאַרערטע דאַממען אונד הערען! שאַנאָווניע פּאַנסטוואָ! די לידדער פאַן... פּשעפּראַשאַם. ענט־שול־די־גען זי. די לידדער דערר אַל־טן עד־דא״. — נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבן, אַז לכבוד דעם קאָמענדאַנט הער מאַיאָר פאַן וואָלפענסטאַל און די אַנדערע הויכגעשטעלטע דייטשע געסט איז צוגעגרייט געוואָרן אַ ספּעקטאַקל פון די זאַגען (לעגענדעס) וועגן די גערמאַנישע העלדן, האָט ער זיך טיף פאַרבייגט און געבעטן אים מוחל זיין, וואָס די באַאַרבעטונג אין אַ טעאַטערשטיק איז נישט אַזוי געלונגען און שטאַרק פאַרקירצט: — „עס ווירּרד אין דריי אַקטען געגעבען ווערדן. טזשי אַקטוווּ״. — ער האָט זיך ווידער טיף פאַרנייגט און געגעבן אַ צייכן די אָנטיילנעמער צו גיין מיט אים.

דער עולם האָט הייס אַפּלאָדירט.

3

אין גרויסן יאַגדזאַל האָט דער פריילעך־לוסטיקער עולם זיך אויסגעזעצט אויף די ווייכע קישעלעך, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אויף די פעלן און טעפּיכער, וועלכע האָבן באַדעקט דעם דיל. קיין שטולן זיינען נישט געווען. די געסט זיינען געווען צופרידן פון דאָזיקן איינפאַל און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די ווייכע פלעצער, ווי ביי אַ פּיקניק אין אַ וואַלד. טייל מענער האָבן פאַרכאַפּט ערטער צווישן צוויי פרויען, טייל פרויען צווישן צוויי מענער, און זיך באַלד אַרומגענומען.

אַ קלונג אין אַ מעשענער טאַץ און דער פאַרהאַנג האָט זיך צערוקט. די בינע האָט פאַרגעשטעלט אַ געדיכטן וואַלד, פון וועלכן ס׳האָט געשלאָגן פינצטערניש און אימה. פון לינקס האָבן זיך געזען בערג, נישט זייער קיין הויכע, און אַ טייך. אין פאָדערגרונט — אַן אויסגעגראָבענע הייל. אין איר איז געשטאַנען דער גערמאַנישער לעגענדאַרישער גאָט־העלד זיגפריד, מיט אַ לאַנגער און ברייטער שווערד אין האַנט און געקוקט אין אַלע זייטן. אויפן קאָפּ אַ העלם. (אַ קופּערנער קעסל מיט צוויי אויערן). אָנגעטאָן אין אַ פאַנצער. אַרום די לענדן: פעלן פון וועלף מיט זייערע ברייטע עקן. פאַרן קראַק — די עפענונג פאַרנט אין די הויזן דורך אַ טירל — אַ בינטל רויטע פעדערן. גרויזאַמע בליקן אין די פינצטערע אויגן. אין טיפן הינטערגרונט לינקס האָט זיך באַהאַלטן אַ צווייטער גערמאַנישער גאָט־העלד, נאָר אַ פּחדן, מיטן נאָמען רייגין. אין דער האַנט אַ שפּיז מיט אַ האַק אויפן שפּיץ, מיט אַ פאַרראָסטן אייזערנעם טאָפּ אויפן קאָפּ (אַ שוואַרצער העלם), פון וועלכן ס׳האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ פערדישער עק, איינגעהילט אין טיגערפעלן, מיט אַ פעדערנעם עק פון אַ האָן ביים קראַק פאַרנט. אין הינטערגרונד, רעכטס, נישט זייער ווייט פון הייל, איז געלעגן אַ קופּע גאָלד און אַ געשטאַלט פון אַ ריזיקן לינדוואָרים איז געקראָכן איבער דערדאָזיקער קופּע. דאָס איז געווען פאַפנער, אַ גערמאַנישע מי־טאָלאָגישע געשטאַלט. דער לינדוואָרים, מיט אַן עק פון אַ גרויסן קראָקאָדיל און אַ קאָפּ ענלעך צו אַ דייטש מיט ווילהעלם־וואָנצעס, האָט גענומען פּויזען צו דער

הייל. ס'פובליקום האָט געשפּאַנט נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון דעם מיאוסן פּאַרזעניש. וואָס נענטער ס'איז געקומען צו דער הייל, אַלץ שטאַרקער האָבן די דאַמען זיך געטוליעט צו זייערע קאַוואַלירן, אַנענדיק וואָס ס'וועט געשען. נאָר פאַר דער הייל איז דער לינדוואָרים שטיין געבליבן, געגומען שטעקן דעם קאָפּ אַהין און אַהער, ביז ער האָט זיך אַריבערגעוואָרפן מיטן פאַדערשטן טייל גוף אויף דער אַנדערער זייט הייל. אין דעם מאָמענט האָט זיגפריד אַריינגעשטאָכן אין אים די שווערד, ביז דער שפּיץ איז דעם לינדוואָרים אַרויסגעקומען דורכן רוקן. פון אַ סך דאַמען, באַזונדערס די איידעלע, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קוויטש, אַרויספאַלנדיק אויף דער ברוסט פון זייערע קאַוואַלירן, באַהאַלטנדיק דערביי זייערע פּנימער פון שוידער. די קאַוואַלירן האָבן געררופן צו דער בינע: „דאַבזשע! נאַכאַמאָלו!“ דער מאַיאָר און די אַנדערע דייטשע אָפיצירן זיינען לפנים געווען העכסט צופרידן און האָבן אַפּלאָדירט.

זיגפריד, דער גאָט־העלד, איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער הייל. פאַפנער, דער לינדוואָרים, האָט זיך אויפגעשטעלט, אוןביידע האָבן זיך אָנגעקוקט ווי העגער. דער דורכגעשטאָכענער איז געקראָכן זיגפרידן אין פּנים אַריין מיט זיינע שפּיציקע ווילהעלם־וואָנצעס. מיט אַ דונערדיק קול האָט ער געפרעגט:

— וואָס ביסט דו פיר איין מענטשענסקינד, דאָס דו דיין גלענצענדעס שווערד אין מיינעם הערצען... מיטן דורך איסט מיר דאָס שטאָל!

מיינענדיק, אַז מער האָט ער שוין נישט וואָס צו זאָגן, איז ער אַ פאַל געטאָן צו זיגפרידס פיס און אַרויסגעלאָזט די שווערד פון אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז זיין ראָלע איז נאָך נישט געענדיקט און געוואָלט צוריק אויפ־שטיין. נאָר זיגפריד — די גאַנצע צייט האָט ער אים געגעבן צייכנס, אַז ער מוז ליגן, נישט שטיין — האָט אַרויפגעשטעלט אויף אים אַ פוס און אויסגערופן:

— פונג־קעלטיער הייסע איך! בין אומהערגעצאָגען אַלס איין מוטערלאָזעס קינד.

פאַפנער, דער לינדוואָרים, האָט אויסגערופן טראַגיש:

— רייגין פעררינט מיך! ער ווירד אַוך דיך פעררעטען! — און האָט אויס־געהויכט די נשמה. זיגפריד האָט אַרויסגעצויגן די שווערד פונעם דערשטאָכענעם און אָפּגעווישט ס'בלוט מיט גראָז. דערביי איז רייגין צוגעקומען פון זיין באַ־העלטעניש.

רייגין, מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט צום גרוס אויף רוימישן שטייגער, האָט זיך אַ שטעל געטאָן שטייף אויסגעגלייכט, דעם קאָפּ הויך, דעם שפּיז ביי דער זייט, און אַרויסגעדונערט: „הייל דיר, זיגפריד! דיין איסט דער זיג! פאַפנער איסט טאָט! קיין קינערער העלד, זאָגע איך, געט איבער דער ערדע!“

ביי דער לעצטער פראַזע האָט רייגין נאָך העכער אַ הייב־געטאָן דעם קאָפּ און דער העלם איז אים אַראָפּגעפאַלן. דאָס פובליקום האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. דער טייוול פון גיהנום, דער גלח, האָט זיין דאַמע געמאַכט קאָמ־פּלימענטן:

— אַ, הערלעכע!... נישט אַ זונבלום ביסטו, נאָר די זון אַליין!... — ער האָט אַ קוש געטאָן איר רעכטע באַק, דאַן די צווייטע און זיך אַראָפּגעבויגן צו איר בוזעם.

נאָר די „זונבלום" האָט דעם גלח אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. זי האָט געלאַכט און זיך כלומרשט געוועירט:

— כאַ־כאַ־כאַ... דיאַבל...

— דער טייוול פון גיהנום האָט נישט אויפגעהערט זי צו קושן און פאַרגלאָצט די אויגן:

— קאָכאַנאַ, שוויעטאַ מאַריאַ... גלאָריאַ באָסקאַ... איך וועל זיין מיט דיר אין גיהנום... איך וועל מיט דיר ברענען...

דער אַפּטייקער, פאַרשטעלט פאַר אַ פייערלעשער, האָט געגומען שרייען:

— פּאָליעשען!... ס'ברענט!... — ער האָט געטאָן אַ שטרעק־אויס די הענט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ גומענע קישקע און געשפּריצט וואַסער: — „„זשזש...זשזש..."".

נאָר אָט האָט רייגין אַפּירגעכאַפּט פון אונטער דער טיגערפעל אַ לאַנג, ברייט מעסער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טויטן פּאַפּנער מיט אַ קני און אַרויסגעשניטן פון אים ס'האַרץ. אַז ער האָט מיטביידע הענט צוגעטראָגן צום מויל דאָס רויטע שטיק פלייש און גענומען טרינקען דערפון דאָס בלוט, האָבן די איידעלע, פאַרליבטע דאַ־מעלעך, ביים האַלדזן זייערע געליבטע, אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש קוויטשעריי און אין גרויל זיך נאָך שטאַרקער געדרוקט צו זייערע קאַוואַלירן. זיי האָבן באַהאַלטן זייערע קעפּלעך, און בגנבה, מיט פייערדיקע בליקן, געקוקט צו דער בינע. די אַנדערע האָבן גערופן:

— בּראַשען ביטש ספּאָקויניע; רוזק!

רייגין, אָנגעטרונקען מיטן בלוט, האָט מיטן שטיק פלייש אין די הענט זיך געווענדט צו זיגפרידן:

— איך וויל שלאָפן גיין, זיגפריד. זיצע מיר דערווייל דאָ אונד האַלטע דען שפּיז מיט פאַפנערס הערץ אַנס פויער; דען גוטען ביסען מוס איך עססען אַוף דיזען בלוטראַנק.

— דאָ גינגסט דו פאַרט, אַלס איך מיינען שאַרפן שטאַל אין פאַפנערס ברוסט שטאָסען זאָלטע! מיינע מאַכט האַטטע עס צו טאָן מיט דעם וואָרמעס מאַכט, ווע־רענד דו פאַול אונד פייג אַוף די היידע לאַגסט.

איצט האָט כמעט קיינעם נישט אינטערעסירט וואָס אויף דער בינע טוט זיך. עטלעכע לעבן דעם אַפּטייקער זיינען פלוצים אויפגעשפּרונגען און אָנגעמאַכט אַ טומל:

— פּאַניע סטראַזשאַקו! איר האָט שלעכט געשפּריצט... נישט אין די פלאַמען פון דער שריפה, נאָר דערנעבן... אַ גאַנצע סאַזשעלקע... זעט!...

די דאַמען האָבן געהאַלטן זייערע שיינע נאַזטיכלעך פאַר די נעזלעך און זיך אַלץ מער אָפּגערוקט פונעם נאַסן אָרט...

די קאַוואַלירן האָבן דעם אַפּטייקער געפרעגט, צי ער האָט נישט געוווּסט, ווו דאָס בית־הכסא איז. ער האָט זיי אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע שיכורע אויגן און ווידער גענומען שרייען:

— פּאָליעשען!... זשזש... זשזש...

צוויי מענער האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און אַרויסגעפירט:

— גיכער, פּאַניע סטראַזשאַקו, גיכער!...

זיי זיינען צוריקגעקומען ווען זיגפריד האָט דאָס אויסגעשניטענע האַרץ פון

פאַפּנערן געהאַלטן אויף רייגינס שפּיז איבערן פייער און זיך צוגעהערט צום טשווי־טשערן פון די פייגל און פאַרשטאַנען, וואָס זיי זאָגן אים. אַ מינוט האָט זיגפריד געטראַכט, געכאַפּט אַ בליק צום שלאָפנדיקן רייגין, און אַ נעם טאָענדיק די שווערד, געזאָגט צו זיך: „ביידע ברידער זאָל־לען צו־זאַמ־מען צורר העללע הין אַפּ־פּאַרר־רען!".

מיט איין שפּרונג איז ער געווען לעבן רייגינען און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. ווידער אַ היסטעריש קוויטשעריי, וואָס איז געוואָרן נאָך העכער, ווען זיגפריד האָט גענומען עסן דאָס אָפּגעבראָטענע האַרץ און צו זופּן דאָס בלוט פונעם אָפּגע־האַקטן קאָפּ. ביי די יונגע פרויען האָבן די אויגן גענומען פלאַקערן. זיי האָבן מיט נעגל און ציין זיך איינגעביסן און איינגעשניטן אינעם פלייש פון זייערע פאַרליבטעס האַריקע הענט און נאַקן.

טייל מענער, צווישן זיי דער גלח, האָבן זיך דערביי געבעטן: „שטאַרקער"...

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך צוזאַמענגעצויגן האָט דאָס פּובליקום אַפּלאָדירט אין ווילדער באַגייסטערונג.

4

אין קליינעם סאַלאָן האָט דער באַלעבאָס דערווייל זיך געווענדט צו זיינע געסט, באַזונדערס צו די עטלעכע דאַמען און צום „טייוול פון גיהנום":

— שאַנאַווניע פּאַנסטוואָ! דאָ זיינען מיר איצט בלויז פּאַליאַקן, גאָט צו דאַנ־קען. — ער האָט גענומען נאָכמאַכן דאָס רעדן דייטש:

— אידדך... האַבע... היילע דירררר... אוף! האָב נישט מער געקאָנט אויסהאַלטן. אָט פונוואַנען זיי שטאַמען, די פּרייסן, די פּסוברצאצעס! חיות זיינען געווען זייערע געטער... נישט קיין וואונדער, וואָס די דייטשן זיינען אַזעלכע חזירישע אויערן. זיי זיינען היינט נישט בעסער ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אַרויסשניידן ס'האַרץ און אויפפרעסן... אָפּהאַקן דעם קאָפּ און אויסטרינקען ס'בלוט... פוי, פּשאַקרעוו! פאַר אונדז דאָ האָב איך אַן אַנדער זאַכעלע, אַ ספּעקטאַקעלע... וועט אַלעמען גע־פעלן... — ער האָט אַ קוש געטאָן צוויי פינגער:

— ס'וועט זיין פיין... — ער האָט זיך געווענדט צו בערנפעלן: — נו, פּאַניע מאַהאַראַדזשי... — ר'האָט אים דערלאַנגט אַ צוזאַמענגענייטע פעל פון אַ בער צום אָנטאָן: — „פּאַניע לייבוש"... — דער „מאַהאַראַדזשאַ" האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער פּריץ מיינט. — „בלויז אַ קליין ביסעלע", — האָט דער גוטבאַזיצער צו־גערעדט דעם ייִד, — אַ קליין ביסעלע טאַנצן... די געסט האָבן געקייכט פון געלעכ־טער. — „היינט איז נאָווי ראָק", — האָט קשיוויצקי נישט אָפּגעלאָזט, — בלויז אַ קליין ביסעלע... אייער ויידע און עלטערזיידע האָבן געטאַנצט אין דער זעלבער פעל... ביי מיין זיידן...

בערנפעל האָט נישט געוואָלט, נאָר אַז דער גלח און די אַנדערע געסט, באַזונ־דערס די דאַמען, האָבן אים אַלע גענומען בעטן: „בלויז אַ קליין ביסעלע, אַ קליין ביסעלע", האָט ער זיי צוליב געטאָן. קשיוויצקי, מיט דער קייט און אַ קאַנטשיק אין האַנט האָט געזונגען און אונטערגעטריבן דעם בער. אַלע אין אַ רעדל אַרום דעם בער און דעם באַלעבאָס האָבן געפּלעסקעט מיט די הענט, געכיכעט און גע־

הירזשעט. דער שיינער מין האָט געקוויטשעט פון הנאה. דער בער האָט געטאַנצט און געשפּרונגען, געהאָפּסעט און געהאָצקעט. דערביי האָט ער אַלעמאָל אַרומגע־כאַפּט אַן אַנדערע פון די לאַכנדיקע דאַמעלעך. דערפאַר האָט אים דער פּריץ ביי יעדן מאָל אַ שלעפּ געטאָן ביי דער קייט און דערלאַנגט מיטן קאַנטשיק. דאָס האָט די דאַמען נאָך מער הנאה געטאָן און זיי האָבן נאָך שטאַרקער געקייכט פון געלעכטער. דער בער האָט זיך דאָן דערלויבט מער: ער האָט אַרומגעכאַפּט אַ דאַמע און זי גענומען דרוקן צו זיך און קושן. דאָס האָט דעם גלח אויפגעקאָכט. ער האָט ביים באַלעבאָס אַרויסגעכאַפּט די קייט און דעם קאַנטשיק פון די הענט און מיט כעס גענומען שמייסן דעם בער. די איידעלע און ווילדערצויגענע פּריצטעס, ווילד פון תענוג, האָבן מיט די פויסטלעך גענומען בויקערן דעם בער און זיך געשיט פון געלעכטער. האָט דער בער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל, און איז איינער אַ דאַמע, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר אַ מלאך מיט ווייסע פליגל, אַרונטער אונטערן קלייד. זי האָט גענומען שרייען, קוויטשען און זיך רייסן פונעם ייִד. אַ באַפּרייטע — איז זי אַ פאַרשעמטע אַרויסגעלאָפן. דער בער האָט אָנגעכאַפּט אַ צווייטע דאַמע. יענע איז אַנידערגעפאַלן. ער האָט זיך אויף איר אַרויפגעוואָרפן. אַלע אַרום האָבן גענומען רייסן דעם בער. אַ קנויל מענטשן אויפן דיל...

5

ווען די געסט זיינען צוריקגעקומען פונעם „בערנטאַנץ״, האָט מען שוין גע־שפּילט דעם דריטן אַקט. די סצענע איז געווען דיזעלבע ווי אין ערשטן אַקט. נאָר אין פאָדערגרונט, עטוואָס לינקס, איז געשטאַנען אַ געצעלט און דער אַריינגאַנג איז געווען אָפן. אינעווייניק איז זיגפריד געלעגן אין אַ בעט מיט זיין יונג ווייב, גודרון, רעכטס; מער צום הינטערגרונט זיינען געשטאַנען צוויי מענער, האַגען און דער קעניג גינטער,ביידע אין פאַנצערס און העלמס. זיי האָבן גערעדט. ביים טייך, גאַנץ אין הינטערגרונט, זיינען געזעסן סאָלדאַטן מיט גודארמען בראש, און האָבן געבראָטן וועלף און צעשניטן שלאַנגען.

האַגען האָט געפרעגט דעם קעניג גינטער, וואָס זיגפריד האָט אַזעלכעס פאַר־בראָכן, אַז מ׳זאָל אים טויטן. דער קעניג האָט געענטפערט:

— ווייל זיגפריד האָט געבראָכן אַלע שבועות און מיך באַטראָגן.

דערויף האָט האַגען געזאָגט דעם קעניג, אַז דאָס איז נישט אמת, נאָר אַז ברונהילד, זיין פרוי, די קעניגן, האָט אים אָנגערייצט אומצוברענגען זיגפרידן:

— זי פאַרגינט נישט גודרינען דאָס גליק, ווייל... — דאָס ווייטערע האָט ער נישט געוואָלט זאָגן. אָבער דער קעניג האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. דער קעניג האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. דאָן האָט ער מיט אַ פינצטערן בליק אין די קאַלטגרויע אויגן אַרויסגעצויגן דאָס בליצנדיקע לאַנגע מעסער פון שייד און עס אויסגעשטרעקט צו האַגענען:

— גיי!

אַז האַגען האָט נישט געוואָלט נעמען די שווערד, האָט ער אַ רוף געטאָן:

— גודארם!

יענער איז צוגעקומען, האָט זיך אַ שטרעק־אויס־געטאָן פֿאַרן קעניג, ביידע הענט שיער ביז די קניִען, ווי צוגעקלעפּט צו די נאַקעטע שענקלען. אַז דער קעניג האָט אים אַ ווייז געטאָן אויפֿן געצעלט, האָט זיין צורה זיך צעשיינט. ער האָט זיך צעכאַכאָטשעט ווי אַ חסר־דעה, זיך באַלעקט די ליפּן און געוואָלט נעמען לויפֿן אַהין. דער קעניג האָט אים געגעבן די שווערד און אים געזאָגט, וואָס ער האָט צו טאָן. גודאַרם האָט גענומען פֿאַלן אויף צוריק. האַגען האָט אים אונטערגעכאַפּט. דער חסר־דעה האָט געקוקט אויף ביידע מיט אַרויסגעזעצטע אויגן. סוף כל סוף האָט ער גענומען די שווערד, וועלכע דער קעניג האָט אים געשטופּט אין האַנט אַריין, און איז געגאַנגען צום געצעלט. פֿאַרן אַריינגאַנג איז ער אָבער שטיין געבליבן, זיך גענומען בייגן פֿון בויכשמערצן און האָט אַ כאַפּ־געטאָן די לינקע האַנט צו יענעם אָרט וואָס מ׳שרייבט מיט דריי אותיות... דערביי האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו קוקן אויפֿן בעט אינעם געצעלט, ביז ער האָט זיך פֿאָרזיכטיק אַריינגעשאַרט. מיט אַן אָפּן מויל האָט ער געגלאָצט אויף דער אין שלאָף שמייכלענדיקער שיינער גודרין, נישט אויפֿגעהערט זיך צו באַלעקן די ליפּן און אַ פּאַטש טוענדיק זיך אויפֿן שטערן פֿונעם גוטן איינפֿאַל, האָט ער אין זיגפֿרידן אַריינגעשטאָכן די שווערד. כהרף עין האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפֿן אויף גודרינען און זי גענומען קושן. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און גענומען שרייען. זיגפֿריד האָט זיך געטאָן אַ זעץ אויף און געקריצט מיט די ציין: „כאַמיו!״ דער סופּלאָר האָט די גאַנצע צייט געשריגן פֿון דער בודע אַרויס. ערשט איצט האָט גודארם זיך געכאַפּט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון געצעלט. זיגפֿריד האָט געזוכט די שווערד זי נאָכצווואַרפֿן דעם מערדער; אָבער זי האָט נישט געשטעקט אין זיין ברוסט, נאָר איז געלעגן לעבן גודרינען. זי האָט אים שנעל דערלאַנגט די שווערד און ער האָט זי אַ שליידער געטאָן נאָך גודארמען. ער האָט זי אים אָבער נישט געטראָפֿן און נישט דורכגעשניטן אים אין צווייען, ווי ס׳האָט באַדאַרפֿן געשען. דער סופּלאָר האָט זיך ווידער געריסן דעם האַלדז: „פֿאַלן אין צוויי העלפֿטן!״... ערשט דאַן האָט גודאַרם זיך געטאָן אַ צי אויס מיטן פּנים אַראָפּ און אַזוי געמאַכט אַז ער זאָל אויסזען ווי האַלבירט.

דאָס פּובליקום האָט זיך געשיט פֿון געלעכטער, אויך דער קאָמענדאַנט און די אָפֿיצירן, און נישט געהערט גודרינס יאָמערלעך געוויין און זיגפֿרידס טרייסטן זי:

— ווײנע ניכט זאָ ביטערליך, גודרין, מיין יונגעס וייב.

ס׳האָט קיינער נישט געהערט וואָס דער אויף טויט דערשטאָכענער העלד האָט אַלץ נאָך גערעדט, ביז ער האָט זיך געטאָן אַ צי אויס איבער דער גאַנצער ברייט פֿון בעט. גודרין האָט זיך דאַן ערשט אמתדיק צעכליפּעט און פֿאַרבראָכן די הענט. אין דעם מאָמענט איז ברונדהילד, וועלכער איז געווען אַזוי דיק, אַז זי האָט קוים געקאָנט גיין, מיט צעלאָזטע גאָלדבלאָנדע האָר, אָנגעקומען אַ לאַכנדיקע פֿון רעכטס. איר מאַן, דער קעניג גינטער, איז איר אַקעגנגעגאַנגען און צאָרנדיק אויסגערופֿן:

— לאַכע ניכט, דו שאַדענפֿראָהעס וייב! — ער האָט זי געוואָרנט: — דיין ענדע נאַהעט וואָל!

זי האָט דאַן גענומען אויסגיסן איר האַרץ, וואַרפֿנדיק זיסע בליקן צום פּובליקום און וואַרטנדיק כסדר אויפֿן סופּלאָר. זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט, מאַכנדיק דערביי פֿאַרליבטע מינעס צום קאָמענדאַנט און צו די אָפֿיצירן, ביז זי האָט אַ צעשפּרייט־געטאָן די דיקע אָרעמס און אויסגערופֿן מיט אַ טראַגיש קול:

— דאָן ווירד די ראַכע מיינער ליידן פאָלבראַכט זיין! — ביי דידאָזיקע ווער־טער איז זי, וואַקלענדיק זיך מיטן ברייטן הינטן, דיקע שענקלען און זיך וואַרפנדיקן בוזעם, צוגעפאַלן צום טויטן גודארם און געגומען זוכן די שווערד. דער סופלאָר האָט געהאַלטן אין איין שרייען צו איר און איר ווייזן דעם טעקסט, אַז זי האָט נאָך גאַנצע צוויי זייטלעך פּראָזע, אָבער זי האָט נישט געהערט, און געפינענדיק די שווערד, האָט זי זי אַ כאַפּ־געטאָן אונטערן אָרעם אַרונטער. דער מאַן (דער קעניג גינטער) איז צוגעפאַלן צו איר און זי אַרומגעכאַפּט. נאָר זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און איז געוואָרן טויט. דאָס פּובליקום האָט ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. דער סופלאָר, אינגאַנצן פאַרצווייפלט, האָט געגעבן אַ צייכן, אַז מ׳זאָל צוציִען דעם פאָרהאַנג. דער עולם האָט געשריגן בראַוואָ און שטורמיש אַפּלאָדירט.

קאָלערנדיק זיך פון לאַכן און פריילעך־טומלדיק האָבן אַלע זיך געלאָזט צוריק אין זאַל אַריין, ווו זיי האָבן פריִער געטאַנצט.

קאַפּיטל פערצן

פאַרן סוף פונעם שדים־טאַנץ

1

די שטאָט האָט זיך דערוווּסט וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אויפן באַל ביים גוטבאַזיצער קשיוויצקי: וועגן עפּעס אַ טעאַטערשטיק מיט דייטשישע פאַר־צייטישע געטער, וואָס מ׳האָט דאָרט אויפגעפירט, און אַז דער קאָמענדאַנט מיט זיין סוויטע, וועלכע זיינען דאָרט געווען און פאַר זייער כבוד וועגן האָט מען די זאַך אויפגעפירט, זיינען אַוועקגעגאַנגען באַליידיקטע. דעריבער האָט דער קאָמענ־דאַנט זיך אַזוי נוקם געווען אין קשיוויצקין און אין די אַנדערע פריצים, וואָס זיינען דאָרט געווען, באַזונדערס אין גנילאָווסקין, דעם גאַנצן מאַכער און הויפּט־שפּילער אין דעם שטיק. דערדאָזיקער משונהדיקער גוטבאַזיצער, דעם אַפּטייקערס זינדל (דאָס האָבן אַלע אין שטאָט זיך דערוווּסט איצט שוין אויף זיכער) איז אַ סאָציאַליסט. מ׳האָט זיך וועגן דעם געחידושט: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? אַ גוט־באַזיצער, און דערצו אַ שיכור, זאָל זיין אַ סאָציאַליסט? נאָר קליגערע האָבן געזאָגט:

— ער איז אַוודאי אַזוי אַ סאָציאַליסט, ווי ער וועט ווערן בערנפעלס איידעם.

און אַז מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן בערנפעלדן, האָט מען שוין נישט אויפ־געהערט, ווייל די שטאָט האָט געקלונגען וועגן דעם, וואָס מ׳האָט מיט דעמדאָזיקן גביר געטאָן אויפן באַל. מ׳האָט געוווּסט, אַז ער האָט געמוזט טאַנצן דעם בער. די גאַנצע שטאָט האָט דערלעבט אַ נקמה אין אים.

אָבער דער הונגער, די ליידן און די פּיין אין יענעם ווינטער זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז דער תענוג פון די רכילות האָט די אָרעמע, (ביי וועלכע רכילות איז כמעט דאָס איינציקע, וואָס מאַכט זיי אויף אַ מאָמענט פאַרגעסן זייערע צרות), נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון זייער ביטערער טרויעריקייט, דערדריקטקייט און פאַרצווייפלונג. נאָר אַ גרויסע טרייסט האָט זיך דעמאָלט אָנגעצונדן אין זייער

האָרץ: ס׳וועט שוין נישט לאַנג געדויערן. דער סימן איז געווען: דאָס דייטשע מי־ליטער האָט גענומען שטראָמען צוריק פון מזרח און געצויגן זיך קיין מערב, קיין דייטשלאַנד. ס׳איז געווען נאָנט שוין צו פרילינג. צווישן די אַרבעטער, באַזונדערס ביי די סאָציאַליסטן, האָט זיך געקאָכט וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד. זייערע דיסקוסיעס זיינען געוואָרן אַלץ היציקער, ווייל ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּאַלטונג צווישן זיי. ס׳האָט זיך געקאָכט אין דער שטאָט וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע. מ׳האָט געשמועסט וועגן איבערקערענישן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. גרויסע געשעענישן. אין דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויסע מהומה. דער שמוגל האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט, אַ סך קאָוויאַרניעס אין רעסטאָ־ראַציעס האָבן זיך צוריק געשלאָסן; זיי זיינען אויפגעקומען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און זיינען פאַרשוואונדן ווי מייז פון אַ זינקענדיקער שיף. די מייסטע פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך גענומען צום חזיר־האַנדל, ווען די דייטשן זיינען אָנגעקומען, זיינען צוריק געוואָרן כשרע... די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן געהאַט אַרבעט צוליב דעם „טריפענעם האַנדל״, האָבן ווידער גענומען אַרומגיין ליידיק.

2

אין יענעם סוף ווינטער האָט אויך גרשון לייוונטמאַכער נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן; די פויערן האָבן נישט געהאַט קיין פלאַקס. נאָר די קאַמער זיינע איז שוין געווען אַ „פּאַלאַץ״; אַזוי האָט גרשון אַליין געזאָגט. ס׳איז דאָרט שוין גע־שטאַנען אַן אייזערן אייוועלע אויף דריי פיסלעך; אין אויסגעזעגטן לאָך אין אַ וואַנט איז שוין געווען אַריינגעשטעלט אַ פענצטער און ס׳איז געווען אויסגעווייסט; די ווענט און דער סופיט זיינען געווען געקאַלכט. בלויז דורכן פענצטער איז אַריינגע־קומען זייער ווייניק ליכט און דאָס אייוועלע איז מייסטנס געווען קאַלט, באַזונדערס אין סוף פון דאָזיקן ווינטער. גרשונס ייִנגעלע — אַן איינציקס, אַן אויג אין קאָפּ — האָט זיך דעריבער פאַרקילט. און ווייל ס׳איז סיווי געווען זייער אַ שוואַך קינד, איז עס שטאַרק חרוב געוואָרן.

ס׳איז געווען נאָך זייער פרי. אינדרויסן איז גראָד געווען אַ שטאַרקער פראָסט, ווי ס׳טרעפט אין פוילן, ווען מען מיינט, אַז דער ווינטער איז שוין אַוועק. דאָס קראַנקע קינד איז געלעגן אויפן טאַפּטשאַן, אויף וועלכן אַלע פיר זיינען ביינאַכט געשלאָפן, ווייל קיין אַנדער בעט איז נישט געווען. די צוויי קינדער זיינען געוויינט־לעך תמיד געלעגן צווישן די עלטערן, דאָס ייִנגעלע לעבן פאָטער און צירעלע לעבן דער מוטער. דאָס מיידעלע איז געווען לאַנג און דאַר, גרין פון בלייכקייט, מיט אַ דין צעפּל און גרויסע ערנסטע אויגן, אַריינגעגראָבן אין פאָטער. זי האָט אַצינד אַכטונג געגעבן אויף איר קראַנק ברידערל, ווייל די מוטער איז פאַרטאָג אַוועקגעלאָפן אין אַ דאָרף אַריין צו אַן אַלטער פויערטע, וועלכע האָט געוווסט פון קרייטעכצער פאַר אַלערליי קראַנקהייטן. די מאַמע האָט אָנגעזאָגט צירעלען זי זאָל גוט אַכטונג געבן אויף וועלוועלען, ווייל מער ווי דאָס איינציקע ברידערל האָט זי שוין נישט: די צוויי שוועסטערלעך, וואָס זי האָט געהאַט, זיינען דאָך געשטאָרבן.

צירעלע האָט אין דאַרן הענטל געהאַלטן אַ טעפּעלע וואַרעמע מילך, וואָס די מוטער האָט אָפּגעוואָלט פאַרן קראַנקן קינד איידער זי איז אַוועקגעגאַנגען, און זי האָט די מילך איצט געגעבן צו טרינקען דעם קינד. זי האָט געקאָרמעט דאָס קראַנ־קע ברידערל, אים צוגעטראָגן אַלעמאָל אַ לעפעלע וואַרעמע מילך צום מײַלעכל. נאָר וועלוועלע האָט עפּעס מיט איינמאָל אויפגעהערט צו וועלן טרינקען. צירעלע האָט אים געגאָסן לעפעלעך מילך אין מײַלעכל אַריין. ער אָבער האָט גאָר מאָדנע געלאַכט, נישט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען געזונט און מ'האָט אים געקיצלט דאָס בייכעלע, ער זאָל לאַכן; עפּעס האָט ער געכאָרכלט און די מילך האָט זיך צוריק אַרויסגעגאָסן. צירעלע האָט זיך געבעטן ביים ברידערל: „טרינק, וועלוועלע!״ אָבער ער האָט זי נישט געפאָלגט. ווידער האָט זי אים אַריינגעגאָסן אַ לעפעלע מילך אין אָפענעם מײַלעכל און ווידער איז די מילך צוריק אַרויסגעקומען. אָבער דאָס כאָרכלען אין העלדזל און דאָס זעגן אין הערצל האָט אויפגעהערט. האָט צי־רעלע זיך געפרייט: אַ גוטער סימן; ס'איז אים בעסער געוואָרן. זי האָט דעם ברי־דערל ווידער געגעבן אַ לעפעלע מילך צו טרינקען: „נאַ, טרינק, טרינק, וועלוועלע!״ נאָר די מילך האָט זיך אַלץ צוריק אַרויסגעגאָסן פונעם קינדס מײַלעכל. האָט צירעלע שוין געפרעגט וועלוועלען: „פאַרוואָס שלינגסטו נישט אַראָפּ די מילך? די מאַמע האָט אַריינגעטאָן צוויי שטיקלעך צוקער! קיין וואַסער האָט זי גאָרנישט צוגעגאָסן. טרינק, וועלוועלע, טרינק! שלינג אַראָפּ! די מילך איז זיסער ווי האָניק, טויזנט מאָל זיסער! הונדערט טעמים האָט זי!״ זי האָט פאַרזוכט אַ לעפעלע מילך און זיך פאַסמאַקעוועט: „טאַקע ווי האָניק, נאָך זיסער! טויזנט טעמים האָט זי!״ זי האָט געוואָלט נאָכאַמאָל פאַרזוכן, געקוקט אויף דער געלבלעכער ווייסקייט אינעם טעפּעלע, אַריינגעצויגן אין זיך דעם ריח פון דער מילך; אָבער אויסטרינקען נאָך אַ לעפעלע מילך האָט זי זיך נישט פאַרגינט. די מילך איז געווען פאַרן קראַנקן ברידערל, אַזוי האָט די מאַמע איר אָנגעזאָגט. האָט זי דאָס צווייטע לעפעלע מילך, וואָס זי האָט אָנגעשעפּט פאַר זיך, ווידער אַריינגעגאָסן אין ברידערלס אָפענעם מײַלעכל. אָבער זי האָט זיך אַלץ אַרויסגעגאָסן, איבערן העלדזל, אויפן קישעלע אַרויף. צירעלע האָט זיך גענומען בייזערן: „וואָס איז מיט דיר, וועלוועלע? טרינק, וועסטו געזונט ווערן, ס'וועט דיר זיין צו רפואה״.

נאָר אַז וועלוועלע האָט נאָך אַלץ נישט געפאָלגט, האָט צירעלע אַוועקגע־שטעלט ס'טעפּעלע און איז אַרויפגעקראָכן אויפן טאַפּטשאַן צום ברידערל, זען וואָס ער טוט: אפשר שלאָפט ער גאָר? אויך ביי דער מאַמען האָט וועלוועלע שוין נישט געוואָלט טרינקען די מילך, האָט אַלץ צוריק אויסגעשפּיגן. די גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן, האָט שטאַרק געגליט און שווער געצויגן מיט די זייטלעך. זי איז געווען וואַך און האָט אים אַרומגעהאַלטן.

— וועלוועלע! דו שלאָפסט?

צירעלע האָט געטאַפּט איר ברידערלס שטערן, די הענטלעך. זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס די מוטער האָט געטאָן. וועלוועלע איז געווען קאַלט, די הענטלעך גע־פרוירן. זי האָט אים גוט צוגעדעקט. אָבער אין איוועלע איז נאָך נישט געווען איינגעהייצט. צירעלע איז צוריק אַראָפּגעקראָכן פון טאַפּטשאַן און האָט זיך גענו־מען מאַכן פייער אין איוועלע. זי האָט מיט די דאַרע הענטלעך אַריינגעלייגט האָלץ, קוילן, אָנגעריבן אַ שוועבעלע. אָבער ס'האָט נישט געברענט. זי האָט אָנגעריבן

נאָך אַ שוועבעלע. נאָר ס'האָט אַלץ נישט געוואָלט ברענען. און ס'האָרץ האָט זיך אין איר געשראָקן. האָט זי אַלץ געלאָזט ליגן און איז צוריק צוגעגאַנגען צום בריי־דערל. די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט פאַרן אַוועקגיין, ווען אינדרויסן האָט ערשט אָנגעהויבן גרויען: „געדענק, אַז מער ווי דאָס איינע ברידערל האָסטו נישט! דיינעביידע שוועסטערלעך זיינען געשטאָרבן!" זי וועקט וועלוועלען: „וועלוועלע! וועל־וועלע! פאַרוואָס קוקסטו אַזוי מאָדנע מיט די אייגעלעך?... מ'טאָר נישט אַזוי קוקן!... אַז מ'קוקט לאַנג אַזוי אַריבער איבער זיך, דרייען זיך איבער די אייגעלעך!" ס'קומט איר ווידער פאָר, ווי ער וואָלט געלאַכט, נאָר עפּעס מאָדנע... קיצלט זי אים און בעט זיך: „לאַך הויך, וועלוועלע! לאַנג אַזוי לאַכן, מ'זאָל נישט הערן, איז נישט געזונט. וועסט זיך פאַרקייכן! לאַך הויך! איך וויל הערן ווי דו לאַכסט!" אָבער אַז ער האָט זי אַלץ נישט געפּאָלגט, איז איר איינגעפאַלן, אַז ער שלאָפט מיט אָפענע אייגעלעך און אַן אָפן מיילעכל, נאָר אַביסל צעצויגן; דעריבער דאַכט זיך איר, אַז ער לאַכט. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַרויקן. ס'האָרץ האָט זיך אין איר געשראָקן. איז זי ווידער אַרויפגעקראָכן אויפן טאַפּטשאַן און וועלוועלען געוואָלט צומאַכן די אייגעלעך, ער זאָל נישט אַזוי שרעקלעך קוקן; אָבער די אייגעלעך האָבן זיך נאָך יעדן מאָל, וואָס זי האָט זיי צוגעמאַכט, ווידער געעפנט. איז צירעלעס שרעק שוין געוואָרן גאָר גרויס; זי האָט פּלוצים מורא געקראָגן פאַר איר ברידערל און איז גיך צוריק אַראָפּ פונעם טאַפּטשאַן. זי איז צוגעלאָפן צום פאָטער ביי דער וועבשטול.

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען ר' איסר. ער איז אַריינגעקומען זייער שטיל און האָט נישט געזאָגט קיין גוטמאָרגן.

— כ'גיי צום דאַווענען, — האָט ער אָנגעהויבן, — בינעך אַריינגעקומען צו דיר, גרשון.

אַז דער וועבער האָט פאַרחידושט געזוכט מיט זיינע גרויסע, טרויעריק־ערנס־טע אויגן ביי ר' איסרן דעם טלית און תפילין און דער אַריינגעקומענער האָט זיך אָנגעשטויסן דערויף, האָט ער געזאָגט:

— אַזוי איז דער דין... — אָבער ער האָט גרשונען געוואָלט אפּצײען נאָך אַ ווילע און געוונמען דערציילן: — דער הימל זעט אויס כמעט פינצטער, די ערד איז ווייס, ווי אָנגעטאָן אין אַ סובאַ... ס'איז אַ שטאַרקער ווינט, אַ שטורעם... אָבער ס'וועט אויפהערן... דערוויל רייסט ער, שמעטערט, ווי ער וואָלט געוואָלט חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט... און אפשר גאָר באַשאַפן אַ נייע?... די ווינטן און די שטורעמס זיינען דאָך אַלע שלוחים פון הקדוש ברוך הוא. מ'זאָגט: בייזע שלוחים! אָבער ווי קאָנען זיי זיין בייזע? זיי זיינען דאָך דעם בוראס... נישטאָ קיין בייזס אין דעם, וואָס די השגחה האָט געשאַפן, אין דאָס, וואָס ער טוט... אַלץ געשעט לויט סיעתא דשמיא; מוז אַלץ זיין גוט... די וועלט איז נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן געשאַפן... אין ווינקל איז איבערגעבליבן נאָך נישט געענדיקט... אין זעקס טעג האָט דער רבונו של עולם נישט געקאָנט מסיים זיין זיין וועלט לגמירה... די שכינה רוט נאָך נישט, נאָר זי שוועבט אַרום, אַרויף און אַראָפּ... די תפארת שבתפארת האָט די וועלט נאָך נישט אינגאַנצן דורכגעשטראַלט... דער זמר איז נאָך נישט אין אַלע־מען אַריינגעדרונגען... אַלץ וואַרט אויפן שבת שבתון... ביז דעמאָלט איז נאָך חול... דער שבת יעדע וואָך איז דערוויל בלויז שבת־קטן, אָפּרו פון דער אַרבעט,

כדי באַלד ווייטער צו אַרבעטן... דער בורא האָט אָפּגעטיילט איר פון חושך און געזען — כי טוב... אָבער די פינצטערניש מוז דורך הקודש ברוך הוא אינגאַנצן פאַרטריבן ווערן... ער וועט דאָס טאָן פאַרן קץ... אין די זעקס טעג — איין טאָג איז ביי כביכול אלף אלפים שנים — האָט ער געשאַפן בלויז דעם יסוד, און דאָס שאַפן אַליין... דאָס גרעסטע איז ביים בורא געווען צו באַשאַפן דאָס שאַפן... דעריבער הייסט כביכול אויך בורא: באַשאַפער... ער האָט באַשאַפן און שאַפט... ער איז אינעם באַשאַפענעם און איז דאָס שאַפן אַליין... ער האָט געשאַפן זיינע שלוחים און זיי שאַפן ווייטער זיין שאַפונג... און עס רוט דער בורא קיינמאָל נישט, אַפילו נישט אַ הרף־עין... און אַלץ, וואָס ער טוט, איז כי טוב... קאָנען קיין בייזע שלוחים נישט זיין און קיין בייז קאָן נישט געטאָן ווערן... יעדער שליח האָט אַן אַנדערע שליחות... אין דער אַנדערשקייט פון דער שליחות, אין דער אַנדערשקייט פון די טועכצן, איז אַיינגעוויקלט דער סוד הסודות און די השגחה פּרטית...

ביי ר' איסרס רייד האָט גרשון פאַרגעסן אַלע זיינע צרות, אַלע זיינע דאגות, אַפילו דאָס, אַז זיין קינד, דער בן־יחיד, איז אַזוי שווער קראַנק. די צווי „רויטע רויזן" האָבן געגליט אויף זיינע באַקן, ווייל ער האָט שווער געאַרבעט, טרעטנדיק די פּעדאַלן ביים וועבן אַרויף און אַראָפּ און וואַרפנדיק די שיפלעך הין און צוריק. אַצינד זיינען אָבער די „רויזן" געווען פונעם תענוג ביים שלינגען ר' איסרס רייד. נאָר פּלוצים, ווען ר'איסר האָט איפגעהערט רעדן, האָט אַן אימהדיקע שטילקייט, ווי אַ שוואַרץ געשפּענסט, געגומען הויערן אין דער טונקעלער קאַמער. דידאָזיקע שטילקייט, (דאָס שוואַרצע געשפּענסט), איז געקראָכן פון אומעטום: פון אונטערן טאַפּטשאַן אַפיר, פון אַלע ווינקעלעך און פון וועבשטול אַרויס... גרשון האָט דאָס דערפילט און ס'איז אים מיט איינמאָל אַזוי קאַלט געוואָרן, אַז ס'האָט אים גענומען שוידערן און טרייסלען. דאַן איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז געליימט. ער האָט דערפילט, אַז צירעלע שטייט הינטער אים און וויל אים עפּעס זאָגן; אָבער ער האָט איצט נישט געקאָנט זיך אויסדרייען צו איר, זי צו פרעגן, וואָס זי וויל. ער האָט פאַר זיך געזען אירע צעשראָקענע אויגן, איר בלייך פּנים. און אַט האָט ווי אַ בליץ דורכגעצוקט זיין מוח ביז אין זיין אינגעווייד אַריין: „וועלוועלע איז געשטאָרבן"! זיינע גרויסע, ערנסט־טרויעריקע אויגן זיינען נאָך גרעסער און נאָך טרויעריקער געוואָרן און זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן.

ר' איסר האָט פרום געזאָגט:

— ברוך דיין אמת. — מער ווי אַ מינוט האָט ער געשוויגן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. דאַן האָט ער ווייטער גערעדט: — אויך דער מלאך־המות איז אַ שליח פון גאָט ברוך הוא... דער טויט איז אַן אַנדער לעבן אין אַן אַנדערער וועלט און קערט דערנאָך ווידער צוריק אין דעם לעבן, וואָס מיר זיינען משיג... ווען מיר וועלן זוכה זיין, וועט פאַר אונדז מגלה ווערן אויך דאָס אַנדערע לעבן...

3

דער שטורעם אין דרויסן האָט אין אַ געווירבל צונויפגעמישט דעם גרויסן, בייז־אָנגעכמורעטן הימל מיט דער ווייסער, נאָך געפרוירענער ערד. קיין אויבן,

קיין אונטן, קיין מיטן. מיט אַן אימהדיקן געוואָי האָט אַן אייזיקער שטויב זיך גע־דרייט אין דער לופט.

נישט טאָג און נישט נאַכט. גרויקייט אין גרויקייט.

ר׳ איסר איז מיט טלית און תפילין געגאַנגען צום דאַווענען. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר איז געטראָגן געוואָרן פונעם שטורעם. אַ שטיק ווינט, אָפּגעריסן און אָפּגעטיילט פון דער זאַווערוכע, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּרוש און גענומען רייסן אים. נאָר באַלד האָט דאָס שטיק ווינט אים געלאָזט שטיין און איז נעלם געוואָרן. ר׳ איסר האָט מיט די געפרוירענע פינגער זיך געטאַפּט דאָס היטל אויפן קאָפּ. די שיטערע באָרד זיינע, צעטיילט אין צווייטען, איז געלעגן אויף די דאַרע, כמעט קינדערישע אַקסלען. די פּאָלעס אויפן רוקן. און ווידער האָט אַ שטיק ווינט אים אַ כאַפּ־געטאָן און גענומען טראָגן. אַ צווייט שטיק ווינט האָט אים געריסן אין אַן אַנדער זייט אַריין. ס׳איז אָנגעקומען אַ דריט שטיק ווינט, אַ פערטס. יעדעס שטיק ווינט האָט דעם פּריש געוואָלט אַוועקטראָגן ערגעץ אַנדערש. איז ער שטיין געבליבן און געשמייכלט. האָבן די שטיקער ווינט אים אָפּגעלאָזט, זיך אַרומגעכאַפּט ווי מיט הונדערטער הענט און גענומען זיך קנוילן און קנעטן אינעם שניי, היילן, וואָס איז געווען ווי אַ הילכיק לאַכן, און זיינען אַוועק, אויפהייבנדיק וואָלקנס פונעם בלוילעך־ווייסן שניי. נאָך אַ ווילע האָט די זון גענומען שיינען פון בלוי־געוואָ־רענעם הימל.

— נאָ, וואָהין גייסטו יודע? — האָט אַ פרעמדע, נישט זייער פריינטלעכע, עטוואָס חוזקדיקע שטימע געפרעגט ר׳ איסרן.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען פאַר זיך דריי דייטשע זשאַנדאַרן מיט ביקסן.

— גוטמאָרגן! — האָט ער זיי געזאָגט און געענטפערט אויף זייער פראַגע:

— בעטן גיי איך, בעטן צו גאָט, מיינע האַרן.

— אונד וואָס האָסטו דאָ, אין דיזעם זעקכיען? — האָט דער עלטסטער גע־פאָרשט.

ר׳ איסר האָט אים געוויזן:

— טלית און תפילין; צום בעטן.

די זשאַנדאַרן האָב אים אָפּגעלאָזט:

— נאָ, גיי!

די זשאַנדאַרן זיינען דעמאָלט געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אויף אַ באַ־זונדערס שטרענגן אופן געמאַכט רעוויזיעס. ווי דאָס פּייער פון אַ ליכט פאַרצערט דאָס לעצטע פּיצל חלב אַרום זיך, אַזוי האָבן די דייטשן דעמאָלט צוגערויבט דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן געפונען ביי אַ מענטש. מיט די ביקסן איבער די אַקסלען האָבן די דריי זשאַנדאַרן אָנגעקלאַפּט ביי בערל פאַרבער. זיי האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער, ווייל אַן העפלעכקייט האָבן זיי גאָרנישט געטאָן. אַפילוביים אויס־רויבן דאָס לאַנד, ביים דערשיסן די, וועלכע האָבן נישט געפאָלגט אָדער נישט אַזוי גיך געפאָלגט זייערע באַפעלן, זיינען זיי געווען העפלעך. נאָר אויפן קלאַפּן ביי בערלען האָט קיינער נישט געענטפערט. דער עלטסטער האָט ווידער אָנגעקלאַפּט און אַז ס׳האָט ווידער קיינער נישט געענטפערט. האָט ער אויפגעריסן די טיר, וואָס איז גאָרנישט געווען צו.

דער פֿאַרבעער האָט צו די זשאַנדאַרן גענאָגט אויף פּראָסט ייִדיש, ברומענדיק, אַביסל זיך בייזערדיק:

— וואָס קלאַפּט עץ? וואָס מאַכט עץ ענק נאַריש?

אויפֿן „גוטען מאָיען" פּונעם עלטסטן האָט ער אַפֿילו נישט געענטפֿערט. ער איז געשטאַנען ביי די מיט אייז געקאָוועטע שויבן פֿונעם איינציקן פֿענצטער און געגאַפֿיעט אויף די טויטע, גרויע „ביימער" און די טויטע, גרויע „בלומען". ער איז געשטאַנען ביים פֿענצטער, ווייל רייזל, די עלטסטע טאָכטער זיינע, האָט זיך געפּאַרעט מיט מלכהלען אַרום זיין קראַנקער פֿרוי, וועלכע איז דעם גאַנצן ווינטער שוין געלעגן אין בעט.

— האַלט דו דאָס העמד און איך וועל צוליגן דעם קאָמפּרעס, — האָט ר׳ דוד יואלס ווייב געלערנט דאָס מיידל. נאָך דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט האָט רייזל זיך געבעטן:

— אַצינד גייט אַהיים. איר זייט אויף געוועזן די גאַנצע נאַכט. שוין דאָס זעקסטע מאָל האָט איר דאָ גענעכטיקט. און איך וויס, אַז נישט בלויז ביי מיין מאַמען וואַכט איר, נאָר איר גייט צו אַ סך אַרעמע קראַנקע און זייט אויף גאַנצע נעכט. גייט איצט שוין אַהיים. איר זעט אַליין אויס שלעכט, אָפּגעצערט און אָפּגע־מאַטערט. און אין אייערע יאָרן...

— נו, נו... — האָט מלכהלע נישט געלאָזט ווייטער רעדן דאָס מיידל. — מיינע יאָרן... כ׳בין נאָך נישט אַלט קיין הונדערט יאָר, קיין אַכציק אויך נישט, אַפֿילו נישט קיין זיבעציק. קוים די העלפֿט פֿון הונדערט. איז וואָס מיין קינד? כ׳ברויך דען געפֿעלן אַ מאַן? דו, מיין קינד, מוזט אויסזען שיין; דעריבער מוזטו זיך אַביסל מער שוינען. הלוואי וואָלט איך געקאָנט טאָן מער. און ווי דו רעכנסט אַזוי נאָך, וויפֿל נעכט כ׳בין שוין דאָ אויף געוועזן, און ווייסט, אַז כ׳גיי נאָך צו אַנדערע קראַנקע. אַ גאַנצן צימעס מאַכסטו דערפֿון. אָבער אַלץ, אַלץ וואָס מ׳טוט — נישט בלויז איך, ס׳זיינען דאָ נאָך אַנדערע וואָס טוען אויך, אפשר מער ווי איך טו — איז גאָרנישט, טאַקע אפשר גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט, ווי יעקב, דעם סופרס זון, זאָגט. ער קומט אַלע מאָל צו מיין מאַן... כ׳מיין... סאַראַ נפקה מינא. אַט־דער יעקב איז גאָר אַ ווילער בחור. זאָגט ער, אַז דאָס העלפֿן איז ווי מיט אַ טעפּל וועלן אויסשעפּן אַ ים, אָדער מיט אַ פֿינגערהוט וואַסער וועלן לעשן אַ שריפֿה. האָב איך אים געפֿרעגט, צי ער מיינט, אַז איך, און די אַנדערע, זאָלן גאָרנישט טאָן; האָט ער מיר דערויף געענטפֿערט: ניין, דאָס מיינט ער נישט. נאָר מ׳דאַרף טאָן נאָך עפּעס אַנדערש אויך...

לויט דעם ווי רייזל האָט שווייגנדיק זי אָנגעקוקט און דאָס, וואָס דער ערנס־טער בליק אין אירע אויגן האָט איר געזאָגט, האָט מלכהלע זיך אָנגעשטויסן, אַז יענע האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען.

בערל האָט די זשאַנדאַרן געענטפֿערט אויף דעם וואָס זיי האָבן אים גע־פֿרעגט. אָבער ער האָט דערביי די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון דער „פּרומער גבאיטע" — ווי ער האָט גערופֿן ר׳ דוד יואלס ווייב. ביי אירע לעצטע ווערטער האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— הם... יאָ... יעקב, דער קאָמאַשנמאַכער מיט דער שטענדיק געפּרוּווירענער נאָז און פֿערדישע ציין, דער בטלן; הערש רימערזש, גרוינעם מלמדס זון (דער

אַמעריקאַנער) און פייגע, איטשע שוסטערס טאָכטער, די שייטלמאַכערן; דעם מעק־לערס טאָכטער און איציק באַלעגאָלעס יונג — דידאַזיקע חברה וועט מאַכן, אַז יעדער קבצן זאָל ווערן אַ פּאַניע בערנפעלד!...

בעת די אַנדערע צוויי זשאַנדאַרן האָבן מיט זייערע שאַרפע בליקן אַרומגע־טאַפּט אין יעדן ווינקעלע, האָט דער עלטסטער געמאָנט אַן ענטפער אויף זיין לעצטער פראַגע:

— אַלזאָ, ווער איסט דען היר קראַנק?

— מאַאַן וואַאַב, — האָט בערל געענטפערט.

— אירע פראַו? — האָט דער זשאַנדאַר איבערגעפרעגט.

בערל האָט זיך געבייזערט:

— אירע! אַ געלעכטער!

מלכלה האָט זיך אַריינגעמישט:

— דער הער מיינט אייער. „אירע“ מיינט „אייער“ — זי האָט פאַרענטפערט דעם פאַרבער: — ער פאַרשטייט נישט גוט דייטש. צו מיין טאָכטער אין קאָפּע קומען אַריין דייטשישע סאָלדאַטן...

בערל האָט זיך אַ פאַרבייג־געטאָן פאַר מלכהלען:

— הימל, ערד, אַ דראַנג... אַז צו אייער טאָכטער קומען אַריין דייטשע זעלנער טרינקען קאַווע, זייט איר געוואָרן אַ געבולבעטע... אַזויפיל וויפל איר פאַרשטייט דאַאַטש, פאַרשטיי איך אויך. און קיין העלפערס דאַרפעך נישט! — ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צום זשאַנדאַר: — מיין פרוי איז קראַנק.

— וואַס פעלט דען אירער פראַו? — האָט דער זשאַנדאַר ווייטער געפרעגט.

דער פאַרבער איז געוואָרן נאָך שפּיציקער:

— וואָס איר פעלט? מיר פעלט פרנסה, איז זי קראַנק...

דער זשאַנדאַר האָט געהויבן די אַקסלען: „אינען פעלט... איסט די פראַו קראַנק?... פאַרשטעהע ניכט. וואָס פעלט דען אינען?“

— פרנסה.

— וואָס איסט דען דאָס? דאָס הערץ? די לעבער? דער מאַגען?

בערל האָט זיך דערפרייט:

— יאָ, יאָ, האַר לעבן, דער מאַגן, דער מאַגן... ס'איז דאָס האַרץ, די לעבער, דער מאַגן, אַלע געדערים, דער קאָפּ — אַלץ, אַלץ... אַז מ'האָט נישט קיין געלט, ס'איז נישטאָ וואָס אַריינצולייגן אין מאַגן — פעלט דער קאָפּ, פעלט דאָס האַרץ, פעלט אַלץ.

— וואַרום זינט זאָ פיל יודען היר קראַנק? — האָט דער זשאַנדאַר נישט געקענט פאַרשטיין.

דער פאַרבער האָט גענומען קנעלן מיט אַלע דריי זשאַנדאַרן:

— ווען איר האָט נישט קיין געלט, קיין איין גראָשן נישט, און דאָס געדויערט אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר, צוויי יאָר, דריי יאָר, פיר יאָר —

איינער פון די דריי זשאַנדאַרן האָט בערלען איבערגעריסן:

— נאַ, נאַ; וואָס ערצעלען זי דאַ! מאָנאַטע, יאַרע... וועלשער מענטש קאַן אָנע געלד זאָ לאַנגע אויסהאַלטען? ניכט דריי טאַגע.

— האַלטן זיי טאַקע נישט אויס! — האָט בערל טריומפירט. — קריגן זיי שווינדזוכט, סוכאָטע, אַלערליי קראַנקהייטן, און שטאַרבן.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „שווינדזוכט", האָט דער עלטסטער זיך איבערגע־קוקט מיט די אַנדערע צוויי, וואָס האָט באַדייט: אַרויס! ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט אין דער שטוב, זיך צו איבערצייגן, אַז אין אַזאַ אָרעמקייט איז טאַקע גאָרנישטאָ וואָס צו נעמען. דערביי האָט זיין בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף די קינ־דער אין אַ ווינקל ביי דער קיך. דאָרט איז געווען עטוואָס וואַרעמער צוליבן פייער, וואָס האָט שוין געברענט. אָרום דעם שוואַרצן גאָדל האָבן זיך געהאַלטן זיין צוויי־יעריק ברידערל אין אַ קליידל, דאָס פיריעריקע שוועסטערל און דאָס אַכטיעריקע. אַלע פיר האָבן פריִער באַקומען שטיקלעך שוואַרץ ברויט אָנגעריבן מיט קנאָבל. גאָדל האָט זיינס שוין געהאַט פאַרשלונגען און מיט הונגעריקע בליקן פון די קלוגע, פייערדיקע אויגן, געבעטלט ביי די קלענערע זיי זאָלן אים אָפּגעבן צו פיצלעך פון זייערע נאָך נישט איינגעגעסענע פאַרציעס. אַז דאָס שטומע בעטלען האָט נישט געהאָלפן, האָט ער זיי געגומען איינרעדן:

— איך וועל ענק געבן יעדן אַ קאַרטאָפּליע, אַ גאַנצע קאַרטאָפּליע פון דער גריץ אַרויס, פון מיין גריץ, וואָס כ'וועל קריגן, ווען זי וועט זיין אָפּגעקאָכט. זי קאָכט שוין, — האָט ער געוויזן אויפן טאָפּ. די צוויי קלענערע האָבן אים שוין איינמאָל געהאַט געגעבן אָפּצובייסן פון זייער ברויט. די „גרויסע" האָט נישט גע־וואָלט. זי האָט געטענהט:

— דו נאַרסט בלויז אויס! תמיד, ווען מ'גיט דיר גריץ, עסטו זי גיך אויף, פונקט ווי דאָס ברויט, און כאַפּסט נאָך פון אונדזערע שיסעלעך. און ווי קאָנסטו זאָגן אַז דו וועסט אונדז געבן אַ גאַנצע קאַרטאָפּליע? רייזל האָט זיי דאָך צעשניטן אויף קליינע שטיקעלעך!

נאָר די פיריעריקע האָט איר גרויסן ברודער דאָך נאָכגעגעבן. אָבער נישט מער ווי אַ קרישקע. פאַרדאָס האָט דער צווייייעריקער ברודער אינעם קליידל אים אַריינגעשטופּט אין מויל ס'גאַנצע שטיקל ברויט, וואָס ער האָט נאָך געהאַלטן אין הענטל. נאָר גאָדל האָט אָפּגעביסן בלויז אַ קליין פּיצל דערפון.

דער זשאַנדאַר האָט אָפּגעריסן זיין בליק פון די קינדער און פאַרן אַוועקגיין נאָך געפרעגט דעם פאַרבער:

— וואָרום מאַכן די יודען זאַ פיל קינדער, ווען זי זאַ אָרם זינד?

בערל האָט געגומען שעלטן:

— מאַכן זאָלן זיך ענק מכות אין קעל, אין די געדערים! די אויגן זאָלן ענק אַרויסקריכן פון די לעכער! אפשר וועט איר אונדז אויך דאָס שוין פאַרווערן?

די דריי זשאַנדאַרן האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער „יודע" בייזערט זיך און ווי ער וואָגט אַזוי צו רעדן. דעריבער האָט דער עלטסטער באַפוילן:

— אַללעס אַבגעבן!

בערל האָט איבערגעפרעגט:

— אַלעס?

— יאַ, אַלעס!

בערל האָט דערלעבט אַ נקמה און געענטפערט אַ האַפערדיקער מיט אַ לאַכעלע:

— גוט, נעמען זיי אַלעס, האַר לעבן, אַלעס, דעם גאַנצן דלות, נישט בלויז מיינעם, נאָר פון אַלע יידן, און אויך פון אַלע גויִים הי. און פאַר אַ צולאָג, אַלע חולאתן.

דער עלטסטער האָט באַפוילן די צוויי קאַמעראַדן זיינע:

— זוכן!

בערל האָט זיך געפּרייט:

— זוכט, זוכט...

— וואָמיט באַשעפטיגען זי זיך? — האָט דער עלטסטער ווייטער געפרעגט.

— כ׳בין אַ פאַרבער, — האָט בערל געגעבן צו פאַרשטיין.

— וואָס פאַרבען זי?

דעם פאַרבערס פּנים איז געוואָרן נאָך שאַרפער, נאָך גאַליקער:

— כ׳פאַרב... פאַר דער מלחמה, ווען כ׳בין נאָך נישט געווען אַזוי אין דער אדמה, האָט אַן אָרעמאַן געברענגט אַן אָפּגעשאָסענע קאָפּאָטע, וואָס איז פון שוואַרץ געוואָרן גרין און געל, און איך האָב זי צוריק געמאַכט שוואַרץ, אָדער טונקל גראַ־נאַט; אַ ייִדענע האָט געברענגט אַ ווייס קלייד, פון דער חופּה, ס׳איז שוין אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק, פערציק, — האָב איך עס אָפּגעפאַרבט אויף בלוי אָדער אויף ראָזע, צי פּאָפּעליאַטע. היינט? — דעם קופּערנעם קעסל האָט מען מיר אָוועק־גענומען. די, וואָס זיינען פריִער געווען אָרעם, זיינען איצינד אביונים. זיי האָבן שוין אַפילו קיין אַלטע לאַכעס אויך נישט און קיין גראָשן ביי דער נשמה צו באַ־צאָלן פאַרן פאַרבן. פאַרב איך מיינע צרות: כ׳מאַך פון דלות אביון, פון אביון קבצן, פון קבצן שנאָרער, פון שנאָרער דלפון, פון דלפון פענטאַק און אַזוי ווייטער און ווייטער. דערפון ווערט: שוואַרץ ווי סאַזשע, שוואַרץ ווי די נאַכט, שוואַרץ פאַר די אויגן, שוואַרץ ווי דער טויט.

דער זשאַנדאַר האָט ווידער געהויבן מיט די אַקסלען:

— האָב זי ניכט פערשטאַנדען, קיין וואָרט. — ער האָט אָבער דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ „שלאָוען יודען" און ווייטער געפאָרשט, נאָר אויפגערעגט שוין:

— וואָפאָן לעבן זי דאָך?

דער פאַרבער האָט זיך צעלאַכט:

— נישקשה פון אַ שאלה!... מע לעבט נישט...

— ליגען זי ניכט! זי לעבן דאָך!

בערל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַז דאָס הייסט געלעבט... — ער האָט געוויזן אויף גאָדלען: — מיין ייִנגל. ער האָט געפירט די דייטשע זעלנער קויפן שפּעק.

— פערשטעהע.

— נאָר איצט — האָט בערל ווייטער דערקלערט — איז אויס דערמיט. — ער האָט געוויזן אויף רייזעלען: — מיין טאָכטער. אַ נייטאָרן: פאַרדינט אַמאָל עפּעס. און יענע פרוי — האָט ער געוויזן אויף מלכהלען — איז אַ מענטש מיט אַ טייערער נשמה, מיט אַ גאָלדן האַרץ. זי ברענגט אַמאָל אַ ברויט, אַמאָל אַביסל קאַרטאָפליעס, אַמאָל פאַר דער קראַנקער עפּעס זיך אונטערצולענען. זי טוט מער וויפל זי קאָן. און דער רעשט? מ׳לעבט פון ניסים.

— וואָס איסט דאָס?

— וווּנדער.

דער זשאַנדאַר האָט זיך צעלאַכט, דרייענדיק זיך דערביי די צוויי אויפגע־

שטעלטע בלאָנדע וואָנצעס און נישט אַראָפּנעמענדיק אַצינד מער קיין אויג פון רייזעלען.

— איינע שענע טאָכטער האָבען זי, — האָט ער דעם פאַרבער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. — קאָמען זי אַהער, פרוילייןי! — ער האָט זי גערופן האַלב העפלעך און האַלב באַפעלעריש און זיך כלומרשט אַנטשולדיקט: — איך האָבע זי ניכט זאָ גוט באַמערקט די גאַנצע צייט, ווייל זי איז דער דונקלהייט... — ער האָט זיך גע־דרייט די וואָנצעס, געוואָרט אויף איר, אָבער זי איז נישט צוגעגאַנגען. — זי וואָללען ניכט? — האָט ער זי בייז געפרעגט. — זאָ... וואָרען זי שוין מאָל צור אינספעקציאָן ביי אונדזערער זיטענפּאָליציי? — ווייל רייזל איז פון באַליידיקונג רויט געוואָרן, האָט ער זיגעריש אויסגערופן: — ווי זי דאָס גלייך פערשטאַנדען האָבען!... זי ווערדען שאָן געהאָלט פאָן אונז אָפּגעפירט ווערדען! — און צו די צוויי קאַמעראַדן: — פערטיג? — די צוויי זשאַנדאַרן זיינען צוגעקומען צו אים מיט אַ רעפּטל ברויט. ער האָט עס גענומען און אַ שליידער געטאָן. זיי זיינען אַוועקגע־גאַנגען. ביים אַרויסגיין (פאַרבייגייענדיק די קיך) האָט דער לעצטער זשאַנדאַר אַ זעץ געטאָן מיט דער קאָלבע פון דער ביקס אין צוגעשטעלטן טאָפּ וואַסער מיט קאַרטאָפּליעס צו קאָכן, און אים צעבראָכן.

די קראַנקע איז די גאַנצע צייט געלעגן שטיל. דערהערנדיק דעם קלאַפּ און דאָס צישען פונעם פייער ביים לעשן זיך פונעם וואַסער, וואָס האָט פון צעבראָכענעם טאָפּ זיך גענומען גיסן דערויף, האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלט געשריי. זי האָט זיך צעוויינט, צוזאַמען מיט די צוויי קלענערע קינדער. די אַכט־יעריקע האָט געקוקט מיט צעשראָקענע, פרעגנדיקע אויגן; גאָדל האָט אַרומגעהאַלטן די צוויי קליינע, זיי זאָלן נישט וויינען. די פיריעריקע האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס?... פאַרוואָס האָט ער... דער זשאַנדאַר?...

מלכהלע האָט באַרויקט די קראַנקע און דאַן געפרעגט אין דער וועלט אַריין:

— נו, וואָס קאָן מען זאָגן דערצו? כ'וועל איצט טאַקע שוין גיין. אפשר וועל איך קאָנען שאַפן אַן אַנדערן טאָפּ. — זי האָט זיך געזעגנט מיט דער קראַנקער: — זייט געזונט. אַ רפואה שלימה, ס'וועלן באַלד אָנהייבן קומען וואַרעמע טעג, וועסט, מיט זיין ליבן נאָמענס הילף, ווידער אַראָפּגיין פון בעט און אַרויסגיין אינדרויסן. אַ גוטן טאָג.

— אַ גרויסן דאַנק, אַ שיינעם דאַנק. — אַלע דריי: די קראַנקע, בערל און רייזל האָבן געדאַנקט מלכהלען.

מלכהלע האָט ביי דער טיר צוריקגערופן:

— שמירץ אַלע אויס די שיך... דאַנקען מיר גאָר...

4

אינדרויסן האָט דער עלטסטער געגעבן אַ סילוק דעם זשאַנדאַר פאַר צעברעכן דעם טאָפּ. ער האָט אים געפרעגט:

— וואָצו דאָס?

יענער האָט געשוויגן און אַראָפּגעלאָזט דאָס נאַרישע פּנים. זיי (און נאָך אַנ־

דערע גרופּעס זשאַנדאַרן) זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז און פון שטוב צו שטוב און געזוכט און געזוכט, אָבער קיין סך האָבן זיי נישט געפונען אין די אָרעמע, חושכדיקע וווינונגען. דאָרט, ווו ס'איז יאָ געווען עפּעס צו געפינען, האָט די מאַכט פון דער דייטשער אָקופּאַציע שוין ביי די פריערדיקע רעוויזיעס געהאַט צוגענומען ס'לעצטע. צו די עטלעכע גאָר רייכע, אויפגעקומענע גבירים זיינען די זשאַנדאַרן נישט געגאַנגען...

פון בערל פאַרבער זיינען די דריי זשאַנדאַרן געגאַנגען צו קלמן בלאַכערזש. דער עלטסטער האָט אָנגעקלאַפּט און גלייך דערהערט אַ פריילעך קול:

— אַריין! כל דכפין ייתי ויכל... נאָר קריגן וועט ער אַ קרענק צו עסן...

— גוט מאָיען! — האָט דער עלטסטער, פּלוצים גוט אויפגעלייגט, באַגריסט די מענטשן און אין שפּאַס געפרעגט:

— נאַ, איסט יעמאַנד אַוך היר קראַנק?

קלמן האָט אַ נשתוממדיקער, מיט לאַכנדיק־פריילעכע אויגן, איבערגעפרעגט:

— קראַנק? נישט ביי מיר! — אַלע געזונט, ווי בערן, ווי אָקסן. דערמיט מיין איך די מאַנספּערשוינען. די מיידן — ווי פיש אין וואַסער. איבערציייגן זי זיך אַליינע מיט אייגעס אויגן. — ער האָט גענומען רופן די חברה בנים זיינע: — יודל! קיווע! שימעלע! חיים! קומטץ נאָר אַ הער! אַלע! — פיר יונגען, אָנהייבנדיק פון פערצן יאָר ביז אַראָפּ, אַלע ביי דער אַרבעט פון פאָטערס מלאכה, זיינען צוגעקומען פאַררוסטע, שוואַרצע, די הענט און די פּנימער אויסגעשמירט מיט ראָסט פון די שטיקער בלעך און אייזן, ווער מיט אַ צוואַנג, ווער מיט אַ האַמער, ווער מיט אַ לייטאייזן און ווער מיט אַ פייל. דער בלאַכערזש, שטאָלץ אויף זיין „פאַרמעגן" און פריילעך ווי תמיד, האָט זיך געגרויסט, און באַמיט צו רעדן דייטש: — דיזע זיינען אַפילו נישט אַ העלפּט פון מיין חייל, אַרמיי אין דאָאַטש. דער עלטסטער זאָגנע איז איין גראָסער געלערנטער, געבילדעט! — ער האָט מיט אַ פינגער אַ וויז־געטאָן אויפן שטערן: — פיל אָנגעפּאַקט! ער קאָן אַלע שפּראַכן! איז באַלעזן! אַלץ הייסט באַלעזן!... אַ לערער. איז יעצט פונקט נישט אין האַוזע. דיזע פיר זאָגנע — אויך פייערדיקע קעפּ! האָבן ניכט געלערנט, גאַרניכט, אונד קאָנען אַלעס! דיזער קליינער — נאָך קיין פינף יאָרע ניכט אַלט — האַלט שאָן אַ האַמער אין דער האַנט, ווי אַ פאַלנע באַלמעלאַכע! דיזער הייסט שימעלע! דיזער, דער דריטער, הייסט קיווע, דער פערטער הייסט יודל! דיזער, וואָס איז אוועקגעגאַנגען, הייסט יצחק. אונד די מיידן, די מעדכען: קומטץ נאָר אַהער, טעכטער מיינע! כ'וועל ענק פאַר־שטעלן פאַר די דריי האָכגעערטע הערן פאַן... פאַן... נו, פאַן... — ס'זיינען צוגע־קומען גיטל, רבקה און יענטע. אַלע דריי, פון פופצן יאָר ביז צוואַנציק, זיינען געווען נישט ווייניקער אויסגעשמירט ווי זייערע ברידער, אין שמוציקע און צעריי־סענע קליידלעך, אַלע אָבער שיינע, חנעוודיקע און שעמעוודיקע. קלמן האָט זיי פאַרגעשטעלט: — דאַס זענען מיינע שאַצע! אָבער די שענסטע — פריידל הייסט זי — איז אויך פונקט אַוועקגעגאַנגען. יענע וואָלט שוין באַדאַרפן קריגן אַ ברויטיגאַם, וויל... נו, זיי פאַרשטייען דאָך שאָן... אַצינד זאָגען זיי אַליינע: זיינען זיי נישט דריי פרינצעסנס? דאָרט, ביי דער קיך, שטייט די קעניגן, מיין פרוי! קום נאָר אַהער, רחל, מיין קעניגן! זאָלן די הערן זען וואָס פאַר אַ בריליאַנט דו ביסט! — צום סוף האָט דער בלאַכערזש פאַרגעשטעלט פאַר די זשאַנדאַרן זיין פריינט מעכל פאַליטי־

קער, װעלכער איז גראָד געװען בײַ אים: — דאָס איז מײַן בעסטער פֿרײַנט! אַ גרױסער פּאָליטיקער, דער ערשטער אין דער שטאָט! װאָלט געקאָנט װערן מיניס־טער! אין אונדזער הײליק לאַנד, ערעץ יִס־ראַ־על... אַלע יודן װעלן באַלד זיך צוריקקערן אַהין, דאָס װעט שאָן ניכט לאַנגע געדױערן... מיר בײדע האָבן טאַקע די גאַנצע צײַט, אײדער זײ זענט געקאָמען, געשפּראָכן דעריבער. זײ װײסן דאָך אָודאי, מסתמא געלעזן אין די צײַטונגען; זײ זענען דאָך געבילדעטע לײטע. פּאַ־לעסטינאַ...

אײנער פֿון די זשאַנדאַרן האָט זיך אָנגערופֿן:

— יאַ, געלעזן. די ענגלענדער...

דער עלטסטער האָט מיט אַ שטרענגן בליק אָפּגעשטעלט זײַן חבר:

— קײנע פּאָליטיק!

שױן האָבנדיק זיך אַביסל צוגעװױנט צו דער לופֿט בײַם בלאָכערזש, און קריגנדיק קױם די געלעגנהײט צו קאָנען רעדן, האָט ער געפֿרעגט דעם באַלעבאָס (זיך צו פֿאַרזיכערן, אַז יענער װעט אים טאַקע פֿאַרשטײן):

— שפּרעכען זי װירקליך דױטש? איך מײנע... דאַס זי מיך... אונד איך זי...

קלמן האָט אױסגערופֿן שטאָלץ, װי כמעט יעדער ייִד דעמאָלט אין פּױלן, אַז אַ דײטש האָט אים אָזעלכעס געפֿרעגט:

— אײנע שאַ־לע! — נאָר ער האָט זיך גלײך אױסגעבעסערט: — אײנע פֿראַגע.

דער עלטסטער איז געװען צופֿרידן:

— גוט. — ער האָט זיך אױפֿסנײ אַרומגעקוקט און געפֿרעגט: — װי קענען זי דאָ װאָנען? אונד װיזאָ, איך פֿאַרשטעהע דאַס ניכט, האָבען די יודען, דאָ זי דאָך פֿאַסט אַלע אָרם זינד, זאָל פֿיל קינדער?

דער בלאָכערזש האָט פֿאַרחידושט איבערגעפֿרעגט:

— נײַן קינדער זײַנען פֿיל?

— זעהען זי, — האָט דער עלטסטער זיך װי פֿאַרענטפֿערט, — איך בין קײן אונהאָלד, איך ערפֿילע נור מײַנע דינסטליכע פֿליכטען. דיזער, מײַן קאַמאַראַד, איסט פֿאָן צו האַוזע אױך אײַן שלאָסער. דער אַנדערער איסט פֿאָם לאַנדע. אַבער דאָס האָט ניכט צור זאַכע. איך מעכטע נור, דאָ איך אין דיזען פֿאַלען שאָן אײנע היפּשע צײַט בין, װיסען װאָס פֿיר מענשן די יודען היר דאָך זינד. פֿערשטעהען זי מיך ניכט שלעכט. דיעזעס פֿאַלען... יאַ, זי האָבען שענע קינדער. די ייִדישען מעדכען זינד פֿאַסט אַלע שען. װי געזאָגט: איך פֿאַרשטעהע ניכט די היזיגען יודען.

— מײַן נאָמען איז גרינצװײַג! — האָט מעכל פּאָליטיקער, אױסצ:ענדיק זײַן האַנט צום זשאַנדאַר, זיך פֿאָרגעשטעלט (װײַל קלמן האָט דאָס פֿרי:ער נישט געטאָן) און גענומען דאָס װאָרט. אַ געקרענקטער, אַ באַלײדיקטער װײַל דער עלטסטער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק די אױסגעשטרעקטע האַנט, איז אים אין קעל אַביסל טרוקן געװאָרן.

— זי פֿרעגן — האָט ער אָנגעהױבן, װי ער װאָלט זיך געגרײט צו האַלטן אַ לעקציע — װאָס פֿאַר אַ מענטשן דיזע יודען היר זענען. די יודען... זי קענען דאָך די ביבל!

דער זשאַנדאַר, װעלכער איז געװען אַ שלאָסער, האָט זיך אָנגערופֿן:

— אײן ביסכיען.

מעכל האָט זיך צעלאַכט:

— דאָרט שטייט געשריבן: עם חכם ונבון. דאָס באַדייט: איין קלוג און פאַר־שטענדיק פאָלק. גאָט האָט עס אויסדערוויילט. אונד — דאָס שטייט אויך אין דער ביבל — עם קשה עורף. איין איינגעשפּאַרט פאָלק. דאָס באַדייט. דיזעס פאָלק וויל ניכט אונטערגיין. פאַרשטייען זי מיך?... דיזען פאָלק גייט עס שלעכט, ווייל דיזעס פאָלק איז אין גאַ־לעס, אין קנעכטשאַפט, זי פאַרשטייען?

— אין עקזיעל, — האָט דער עלטסטער שנעל זיך אָפּגערופן, צו ווייזן אַז ער פאַרשטייט.

נאָר דער פּאָליטיקער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „עקזיעל", און דע־ריבער נאָך מער אויסגעטייטשט דאָס וואָרט גלות:

— פאַרטריבן פון אונדזער לאַנדע, שאָן צווייטויזנט יאַרע.

בײדע, דער עלטסטער און דער שלאָסער, האָבן באַשטעטיקט:

— יאַ, יאַ; צווייטאַוזנט יאַרע. — דער עלטסטער האָט אָבער געוואָלט ווייזן, אַז אין געשיכטע מוז מען זיין פּינקטלעך און אויסגעבעסערט: — נאָך ניכט גאַנץ צוויי טאַוזנט.

— ליידן גיבן קאַ־אַך, קראַפט — האָט דער פּאָליטיקער מעכל גרינצווייג זיך נאָך מער צעפלאַמט: — וואָס מער ליידן, אַלץ שטאַרקער ווערט אַ פאָלק, וואָס ניכט וויל אונטערגיין, וואָס איז איין עם קשה עורף, איין איינגעשפּאַרט פאָלק. אַזוינעס פאָלק ווערט אַלעמאָל קליגער פאַן די ליידן. ווי זיי מיך דאָ זעען, מיינע הערן, בין איך ניכט קיין פראָמער יודע. איך לעזע פילע ביכער, גראָסע וויסנשאַפטן. איך ווייסע אַלעס. אָבער... זי האָבען געפרעגט: וואָרום מיר יודען האָבן פילע קינ־דער. פאַרשטייען זיי... די זאַכע איז זאָ: אין דער ביבל, אין אונדזערע ביבל —

דער עלטסטער האָט באַשטעטיקט:

— יאַ, יאַ... — ער האָט געזען, אַז די ביקס זאָל אים ריכטיק הענגען איבערן אַקסל, און געזאָגט: — גוטען טאַך.

נאָר מעכל האָט דעם זשאַנדאַר אָנגעכאַפּט ביים אַרבל, ווייל אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט געזאָגט, איז פאַר אים געווען ערשט דער אָנהייב. און ער האָט ווייטער גערעדט: — האָבען פילע קינדער איז ניכט אַזוי איינפאַך.

בײדע, דער עלטסטער און דער שלאָסער, האָבן פאַרצויגן די פּנימער:

—נון, יאַ... — זיי האָבן זיך גערוקט צו דער טיר און צום צווייטן מאָל גע־זאָגט: — גוטען טאַך. — אָבער קלמן איז זיי נאָכגעלאָפן: — אַזוי שנעל? איך האָבע געוואָלט די טייערע געסט אויפנעמען מיט טיי.

— דאַנקע שען, דאַנקע שען, — האָט דער עלטסטער שנעל געעפנט די טיר און צום דריטן מאָל געזאָגט: — גוטען טאַך.

קאַפּיטל פופצן

דער סוף

1

די רעוויזיעס פון די דייטשע זשאַנדאַרן האָבן נישט אויפגעהערט, נאָר אדרבה, זיינען געוואָרן אַלץ גרויזאַמער. ס'האָט זיך געענדיקט דער ווינטער, ס'איז געקומען פרילינג. די דייטשע זשאַנדאַרן זיינען ווייטער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָבן צוגענומען ביי אָרעמע דאָס לעצטע פּיצל ברויט פון מויל, און זאַכן, וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט געהאַט. די מענטשן אין דער שטאָט און די פּויערן אין די דערפער אַרום האָבן געזאָגט:

— מ'זעט, אַז דאָס איז שוין די לעצטע שעה פון דער בייזער חיה.

נאָר אין אַ סך מענטשן האָט זיך אָנגעצונדן אַ באַזונדערס גרויסער צאָרן, ווען די דייטשע זשאַנדאַרן האָבן מיט נאָך אַ גרעסערן פלייס און מיאוסערער רשעות ווי אין דער גאַנצער צייט פון זייער אָקופּאַציע גענומען שלעפּן איבער די גאַסן מיידלעך און יונגע פרויען צו דער זיטנפּאָליציי. „צו וואָס שלעפּן זיי נאָך אַצינד די אומגליקלעכע צום דאָקטער?“ — האָבן מענטשן געפרעגט. ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז לאַנג וועלן די דייטשן אין פּוילן מער נישט בלייבן. מען האָט שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך קומען פאָר אומרוען, גרויסע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטער אין בערלין און אין ווין. דאָס דייטשישע מיליטער, נישט מער אַזוי האָפערדיק ווי דעמאָלט, ווען ס'האָט מאַרשירט פון מערב צו מזרח, נאָר אויסגעמאַטערט, אָפּגעלאָזט און יאושדיק, האָט אַצינד אַלץ מער און מער מאַרשירט פון מזרח צו מערב. די סאָלדאַטן האָבן זיך גע־שלעפּט איבערן ברייטן שליאַך מיט זייערע האַלב־צעבראָכענע וועגענער און ווייניק קאַנאָנען, וואָס האָבן איצט אויסגעזען עובר־בטלדיק. די זעלנער — אָפּגעכוימערט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. צו וואָס־זשע דאַרף מע נאָך אַצינד שלעפּן מיידלעך און פרויען צו דער זיטנפּאָליציי? צווישן די קרבנות זיינען געווען אַזעלכע, אויף וועלכע עס האָט זיך כמעט קיינער אין שטאָט נישט געריכט, אַז זיי זיינען אויסגעלאָסענע. פריִער פלעגן אַ סך מענטשן (צומייסט פרויען) דער־לעבן אַ נקמה אין אַזעלכע קרבנות; אַצינד אָבער האָבן אויך זיי באַדויערט די דאָזיקע אומגליקלעכע, וועלכע די דייטשישע זשאַנדאַרן האָבן אומישנע געפירט כמעט דורך אַלע גרעסערע גאַסן. גאָר, גאָר ווייניק מענטשן האָבן מיט שאָדנפרייד איצט די אומגליקלעכע נאָכגעזאָגט: „גוט אַזוי! האָבן זיי זיך נישט געזאָלט אָפּגעבן מיט די דייטשן פאַר קאָנצעסיעס, פאַר קאָנען שמוגלען, פאַר קאָנען פירן עפּעס אַ טריפע מסחרל און אויך אָפּלעקן אַ ביינדל פון דער מלחמה!“ נאָר צי מען האָט יאָ דער־לעבט אין זיי אַ נקמה, אָדער נישט — אַ מיידל צי אַ פרוי, וועלכע מען האָט גע־נומען צו אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג, איז דערנאָך שוין געווען פאַרלוירן כמעט איר גאַנץ לעבן. ווייניקסטנס האָט זי דערנאָך געהאַט גענוג לאַנג צו ליידן. די מייסטע פון די דאָזיקע אומגליקלעכע האָבן געקראָגן די באַוווּסטע ביכעלעך און זיי האָבן זיך דערנאָך רעגלמעסיק שוין געמוזט זיך מעלדן ביי דער זיטנפּאָליציי צו

מעדיצינישער אונטערזוכונג, אַפילו ווען זיי זיינען געווען אָרנטלעכע פּרויען. דער־פון האָט די גאַנצע שטאָט געוווּסט און אַזאַ איינע האָט זיך שוין מער נישט געקענט ווייזן צווישן מענטשן. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען דערנאָך ערשט געוואָרן פּראָסטיטוטקעס. בלויז אַ מיידל, ביי וועלכער דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט איר אומשולד, איז אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן.

2

צווישן די אומגליקלעכע האָט זיך אַצינד געפונען דבורהלע, ר׳יאָסל פוקסמאַנס בת־יחידה. זי איז געווען נאָך אַ שווערער קראַנקייט. דער שטאָט־דאָקטער און נאָך צוויי דאָקטוירים, איינער פון וואַרשע און דער צווייטער אַ דייטשער מיליטערישער דאָקטער, האָבן נאָך אַ קאָנסיליום געזאָגט צו די פאַרזאָרגטע עלטערן, אַז זייער טאָכטער איז אין גרויס געפאַר. ס׳איז געווען אַ לונגענאָנצינדונג, וואָס איז געקומען פון דער פאַרקילונג, וועלכע דבורהלע האָט באַקומען דעמאָלט, ווען זי איז נאָכן לעצטן מאָל אַוועקגיין פונעם קאָמענדאַנט געשטאַנען לאַנג אין טיפן שניי. זי איז דעמאָלט נישט אַהיימגעגאַנגען, נאָר מענטשן האָבן זי אַהיימגעברענגט אין אַ באַ־ווּסטלאָזן צושטאַנד. אָבער גאָט האָט געהאָלפן; נאָכן קריזיס האָט דבורהלע גע־שוויצט און זי איז צוריק געזונט געוואָרן. זי איז אָבער געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז גאַנצע זעקס וואָכן האָט זי דערנאָך נאָך געמוזט ליגן אין בעט. דער שטאָט־דאָקטער איז דעמאָלט געקומען כמעט יעדן טאָג. די עלטערן האָבן געקעכלט זייער קינד, עס צו שטעלן אויף די פיס. אין דעם טאָג, ווען דבורהלע איז צוריק אויפ־געשטאַנען פונעם בעט און האָט זיך ווידער אָנגעטאָן, איז זייער פרייד געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אויף זיך גענומען אַ שווערן נדר: צו געבן אַ סך צדקה און זיין שטאַרק אָפּגעהיט אין יידישקייט. נאָר זייער פרייד איז נאָך אַלץ נישט געווען אַ גאַנצע, ווייל זייער קינד איז נאָך אַלץ געווען גענוג אָפּגעשוואַכט און האָט נאָך אַלץ געהוסט. זי איז געווען בלייך און אַזוי אויסגעדאַרט, אַז זי האָט אַזש באַקו־מען גריבעלעך ביי די שלייפן. די ביינער פון די באַקן אונטער די אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט, דאָס קין איז געוואָרן שמאָל און שפּיציק און דער האַלדז אויסגעצויגן. דורך דער ווייסער הויט, כמעט אַ דורכזיכטיקע און אויסגעטרוקנטע, האָבן דורכגעשימערט אַפילו די קלענסטע עדערלעך, בלויע און גרינע, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די שלייפן און באַקן ווי קליינע צווייגעלעך. דער גאָרגל איז געוואָרן אַזוי בולט, אַז מען האָט דורך דעם האַלדז פאַרנט כמעט געזען די רינגע־לעך. נאָר צומייסט האָט זיך די מאַמע געשראָקן פאַר די צוויי „רויזן״, וואָס האָבן גענומען בליִען אויף דבורהלעס בלאַסע באַקן, אויך פאַר די מאָדנע פייערלעך, וואָס האָבן זיך עטלעכע מאָל אין טאָג, תמיד אין דער זעלבער צייט, אָנגעצונדן אין אירע מאַטע און אויסגעלאָשענע אויגן. באַזונדערס אָבער פאַר די שאַרפע און טרוקענע הוסטלעך. דבורהלע האָט אויך געשוויצט ביי דער קלענסטער אָנשטרענגונג און בעתן שלאָפן. דער דאָקטער האָט דער צעשראָקענער מוטער אַפילו געפּרוּווט אויס־רעדן איר ציטערן און פלאַטערן; ער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז צוליב דער גרויסער אָפּגעשוואַכטקייט נאָך אַזאַ שווערער קראַנקייט; אַפילו דאָס ביסעלע

פיבער, וואָס די אָפּגעשוואַכטע האָט נאָך יעדן טאָג. נאָר די צעשראָקענע ברכה האָט דערקענט, אַז דער דאָקטער פאַרבאַרגט עפּעס. אַ באַוויז: ער הייסט זי מיטן מיידל אַוועקפאָרן קיין שווייצאַריע, אַזוי ווי עס וועט נאָר ווערן אַביסל לינדער. ווידער איז איר איינגעפאַלן איר שוועסטערס טאָכטער (דבורהלען צו לענגערע יאָרן), וועלכע איז געשטאָרבן פון סוכאָטע. זי האָט געזאָגט דעם מאַן:

— נו, בין איך נישט גערעכט געווען מיט מיינע רייד, דעמאָלט נאָך, ווען ס'קינד האָט אָנגעהויבן אויסזען בלאַס? ס'האָבן זיך דעמאָלט שוין געגומען ווייזן די סימנים...

די שטאַרקסטע זאָרגן האָבן זיך די עלטערן געמאַכט דעריבער, וואָס זייער קינד האָט כמעט אויפגעהערט צו רעדן. דבורהלע האָט געשוויגן, אַפילו ווען די מוטער, און אויך דער פאָטער, האָבן אין איר אַריינגערעדט און זי געוואָלט מאַכן אַביסל פריילעכער. ברכה האָט פאַר דער טאָכטער אויסגעמאָלט ווי גליקלעך זי וועט נאָך זיין:

— גאָט וועט דיר צושיקן אַ גוטן שידוך, דיין באַשערטן. ער וועט דיך זייער ליב האָבן, ער וועט מיט דיר מאַכן גרויסע רייזעס איבער דער גאַנצער וועלט. אויף די הענט וועט ער דיך טראָגן, ווי דו פאַרדינסט עס; פאַר דיין שיינקייט, פאַר דיין קלוגשאַפט און גוטסקייט.

דבורהלעס פּנים האָט זיך דערביי גאָרנישט געענדערט, ס'איז געבליבן אומ־באַוועגלעך, ווי ס'וואָלט קיין איין טראָפּן לעבן מער נישט געווען דערין. פאַר־שטיינערט. קיין שמייכל נישט אויף אירע ווייסע ליפּן. אירע גרויסע אויגן זיינען נאָך דער קראַנקייט געוואָרן נאָך גרעסער, ווייל איר פּנים איז געוואָרן קלענער: זיי האָבן געקוקט אויף דער מוטער טרויעריקע און גלייכגילטיקע. ס'איז נישט געווען מער אין זיי קיין שום פאַרלאַנג, קיין שום ווונטש, אַפילו נישט קיין האָפע־נונג, אויך נישט קיין באַדויערן זיך און נישט קיין חרטה. טיילמאָל האָט זיך אַפילו די עלטערן (צומייסט דעם פאָטער) געדוכט, אַז זיי זעען אין זייער קינדס אויגן פאָרוואורף. די מוטער האָט זי געפרעגט:

— מיין קינד! האָב איך אַמאָל געטאָן אַן עוולה קעגן דיר? שלעכט, כ'מיין פאַלש געהאַנדלט? מיר דוכט, אַז דו האָסט עפּעס קעגן מיר. זאָג עס מיר.

דבורהלע האָט נישט געענטפערט. פאַרקערט, אירע אויגן זיינען גאָר אין דעם מאָמענט אָנגעפילט געוואָרן מיט ליבע, געטריישאַפט און מיטלייד צו דער מוטער, וואָס האָט אַזויפיל געליטן, באַזונדערס ווען זי איז שוער קראַנק געווען. ברכה האָט דאָס דערפילט און דערזען, און פון פרייד האָט זי אַרומגעכאַפּט איר קינד און זי אָפּגעגאָסן מיט טרערן פון גליק. זי האָט דערביי געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר זיין גרויס חסד און רחמים, וואָס ער האָט איר באַוויזן און צוגע־שיקט אַ רפואה שלימה איר קינד.

איינמאָל האָט מיט אַ ציטעריק שטיל קול און געזונקענעם קאָפּ ר' יאָסל געזאָגט צו זיין קינד:

— איך בין שולדיק אין דיין לאַגע... — ער איז אַרויפגעפאַלן אויף איר קאָפּ און האָט געוויינט.

דבורהלע האָט אים אַרומגעכאַפּט און געגומען קושן. זי האָט אים געוואָלט זאָגן: „ניין, ניין; דו ביסט אין מיין טרויעריקער לאַגע אַצינד נישט שולדיק”. אָבער

זי האָט דידאַזיקע ווערטער נישט געקאָנט אַרויסברענגען מיטן מויל און נאָר גע־דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. זי האָט אויפן פּאָטערס אַקסלען אַרויפגעלייגט אירע אויסגעדאַרטע, געלבלאַסע הענט און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. ער האָט געגלעט אירע שאַטינע וואַרעמע האָר און פון זיינע אויגן האָבן אויפסניי זיך גענומען גיסן טרערן: זיי זיינען געפאַלן אויף דבורהלעס רוקן.

דאָך, מיטן אָנקומען פונעם פרילינג, האָט דבורהלע אָנגעהויבן אויסזען בעסער. טאַטע־מאַמעס פרייד, אויך דעם עלטערן ברודערס, איז געווען זייער גרויס. ברכה האָט זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע מיטן קינד קיין שווייצאַריע. זי האָט איצט דער טאָכטער אַלעמאָל געטריבן זיך אָנצוטאָן אין אירע שיינע קליידער ווי אַמאָל. נאָר דאָס האָט דבורהלע מער נישט געוואָלט. זי האָט אַפילו צו דער שאַנק, וווּ ס׳האָבן געהאָנגען אירע טייערע מלבושים, נישט געוואָלט צוגיין. זי האָט אויף די שיינע זאַכן און די באַלקליידער, וועלכע זי האָט אייגעקויפט אין וואַרשע, נישט געוואָלט קוקן. זי האָט זיי נישט געוואָלט זען.

— אָבער ווען מ׳וועט פאָרן קיין שווייצאַריע, — האָט זיך די מוטער מיט איר אויסגענומען, — וועסטו זיך מוזן שיין אָנטאָן!

נאָר דעמאָלט האָט געטראָפן דאָס גרויסע אומגליק. ס׳זיינען אַריינגעקומען צוויי געהיימאַגענטן און געפרעגט אויף דבורה פוקסמאַן. ר׳ יאָסל איז גראָד נישט געווען אין דער היים, נישט ראובן, אַפילו נישט עוזר. ברכה האָט גענומען פּלאָטערן:

— דאָס מיידל איז קראַנק.

— דאָס וויסען וויר וואָל — האָבן די צוויי געענטפערט.

— וווהין ווילן זיי פירן מיין קינד? — האָט ברכה געפרעגט און געזאָגט: — איך גיי מיט.

— מיטגיין איסט ניכט ערלאָובט! — האָבן די צוויי געענטפערט און באַרויִקט די צעשראָקענע מוטער: — אין קיינען געפענגניש. האָבען זי קיינע אַנגסט. אירע טאָכטער קאָמט ווידער צוריק.

דבורהלען האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז עפּעס גאַנץ שרעקלעכס וועט מיט איר געשען. אָבער זי האָט זיך נישט געשראָקן דערפאַר. אינדרויסן איז זי פּאַראַיי־ניקט געוואָרן מיט אַ גרויסער גרופּע מיידלעך און פרויען, צוזאַמענגעטריבענע און באַוואַכטע פון זשאַנדאַרן. איינער פון זיי האָט קאָמאַנדירט: „אין גלייכעם שריט — מאַרששש!" די אומגליקלעכע, באַוואַכטע פון ביידע זייטן, מיט איין זשאַנדאַר פאָרנט און צוויי הינטן, זיינען געפירט געוואָרן כמעט איבער אַלע גאַסן און דורכן מאַרק. די מייסטע האָבן די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, טייל האָבן די פּנימער באַהאַלטן אין די פאַטשיילעס, אין וועלכע זיי זיינען געווען איינגעהילט, טייל אין די קעלנער פון די מאַנטלען, טייל האָבן זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט. דבורהלע האָט די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט, נישט פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים, נישט אַריינ־באַהאַלטן עס אין קאָלנער פונעם מאַנטל, נאָר געהאַלטן דעם קאָפּ גלייך און דעם בליק פאָרויס. דאָך האָט זי נישט געזען די הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן נאָכ־געקוקט די מיידלעך און פרויען, וועלכע די זשאַנדאַרן האָבן געפירט צו דער זיטנפּאָליציי און צווישן וועלכע זי איז געווען. צענדליקער מענטשן זיינען נאָכגע־גאַנגען דער „טרויעריקער פּראָצעסיע". דבורהלע האָט אַפילו די נאָענטסטע לעבן איר נישט געזען. זי האָט געזען בלויז דעם בלויען פרילינגס־הימל און די שיינע,

מחיהדיקע זון. די שטראַלן האָבן זי געוואַרעמט. איר האַרץ האָט זיך געפרייט מיט דער שיינקייט פונעם אָנקומענדיקן פרילינג. ווי אַ דורשטיקע האָט זי געטרונקען די זיסע לופט, וועלכע זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געפילט, זי האָט די לופט איינגעאָטעמט אין זיך מיט די נאָך אָפּגעשוואַכטע לונגען אירע.

3

גלייך אויפן ערשטן בליק האָט דער דייטשער מיליטער־דאָקטער דערזען, אַז דאָס מיידל, וואָס ער דאַרף אונטערזוכן אויף גאנארע, ליידט פון טובערקולאָז. איז אין אָנפאַנגס־שטאַדיום. אָנטאַפּנדיק איר פולס און נאָכאַמאָל אַ בליקטוענדיק אינעם צוגעשטעלטן צעטל פונעם קאָמענדאַנט, האָט דער דאָקטער געפרעגט פאַרוואונדערט:

— זי זינד פרויליין פוקסמאַן? זי האָטטען איינע לונגענענטצינדונג; איך האָב זי יאַ בעהאַנדלט.

דבורהלע האָט נישט געענטפערט. דער דאָקטער איז געווען אין אַ פאַרלעגנ־הייט. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז דאָס מיידל איז ריין פון וועלכער ס׳איז גאנארע־קראַנקהייט. אָבער ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס מיידל איז אוודאי געווען דעם קאָמענדאַנטס אַ מאַטרעסע, אויב ער האָט זי איבערגעגעבן דער זיטנ־פּאָליציי. און דעם הער מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַל האָט ער אומגעפער פאַר דריי חדשים באַהאַנדלט אויף אַ לייכטן פאַל פון אַ געשלעכטס־קראַנקייט. הייסט עס...

דעם דאָקטערס חוב איז געווען יעדע געברענגטע פרוי אונטערצוזוכן. אַ מאָמענט האָט ער ביי זיך איבערגעלייגט, אַז ער זאָל די קראַנקנשוועסטער אפשר אַרויסשיקן, כדי דאָס אומגליקלעכע מיידל זאָל נישט אַזויפיל ליידן. ער האָט גע־ווּסט, אַז אַן אָרנטלעכע פרוי, באַזונדערס אַ מיידל, ליידט מער ביי אַזאַ אונטערזוז־כונג ווען ס׳איז דאָ אַ צווייטע פרוי דערביי. אָבער אַרויסשיקן די קראַנקנשוועסטער איז דעם דאָקטער געווען שווער. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דבורהלען און איר פאַרזיכערט, אַז מער ווי אַ סעקונדע וועט עס נישט געדויערן. ס׳האָט טאַקע לענגער נישט געדויערט. אָבער פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי דערשיטערט נאָך דערדאָזיקער רגע? דאָס ערשטע מאָל אין זיין פּראַקטיק האָט ער אַזעלכעס געזען און כמעט דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז אַ דאָקטער איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ פּאַטעטישן פאַרגלייך אין אַ ריין פיזיאָלאָגישן ענין. וואָס עפּעס אַן אַסאָציאַציע מיט בלומען, מיט אַ פאַרוועלקטער, אָפּגעשטאָרבענער בלום?...

— זי זינד פריי, — האָט דער דאָקטער געזאָגט צו דבורהלען, זעענדיק אַז דאָס מיידל ווייסט אַבסאָלוט נישט מער וואָס מיט איר איז, ווייסט אַפילו נישט, ווו זי געפינט זיך און הערט צומאָל נישט וואָס מ׳רעדט צו איר, אָדער פאַרשטייט נישט, האָט ער זי געפרעגט, אויב ס׳וואָרט נישט ווער אויף איר אינדרויסן זי אַהיימצונעמען: די מוטער, צי דער פאָטער. ביים דערמאָנען די צוויי ווערטער: „פאָטער", „מוטער", האָט דבורהלע אויפגעציטערט און איז געקומען צו זיך. זי האָט מורא באַקומען, אַז אפשר שטייט טאַקע אינדרויסן די מאַמע, אָדער דער טאַטע און וואַרט זי אָפּ, און געפרעגט דעם דאָקטער, אויב ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער אַרויסגאַנג. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט און איר געעפנט אַ הינטערטיר.

אינדרויסן האָט דבורהלע געגומען גיין זייער שנעל, ווי זי וואָלט באַקומען נייע כוחות. זי איז געגאַנגען דורך הינטערגעסלעך און נישט געזען פאַר זיך נישט קיין הייזער און נישט קיין מענטשן, ווי פריִער אויפן וועג צום דאָקטער. אָבער גלייך ווי זי איז געקומען אויפן פרייען פעלד, האָבן זיך איר די אויגן ווי געעפנט. שניי איז שוין אין ערגעץ נישט געלעגן. די לאָנקע, איבער וועלכער זי איז איצט געגאַנגען, האָט שוין כמעט געגרינט. דיביימער, נאָך אָן בלעטער, האָבן שוין אויס־געזען אַנדערש ווי אין ווינטער. נאָך קיינמאָל אין איר לעבן האָט דבורהלע אַזוי שאַרף נישט געזען דאָס אָנקומען פונעם פרילינג ווי אַצינד. אַפילו די אָקאַרשט געבוירנוווערנדיקע קנאָספּן אויף די נאַקעטע צווייגן, קליינינטשקע, ברוינע קעפּעלעך, האָט זי באַמערקט. ס׳אַראַ פרייד זיי האָבן אַרויסגערופן אין איר! זי האָט זיך גע־פרייט מיט דער גאַנצער נאַטור: מיטן הימל, וואָס איז דאָ געווען לויטערער, בלויער ווי אין שטאָט, מיט דער זון, וועלכע איז איצט געשטאַנען פּונקט איבער איר און האָט זי געוואַרעמט. די שטראַלן האָבן זיך געוויקלט אַרום איר ווי גאָלדענע פעדים. זיי האָבן זי איינגעשפּינט און איינגעוועבט אין אַ גאָלדענער נעץ. צוקומענדיק צום טייך, וועלכער איז געווען איר ציל, האָט זי אַ ציטער געטאָן... זי האָט דערזען שווימען גרויסע שטיקער אייז. זי האָט זיי פיינט געקריגן; זיי זיינען איר אויסגע־קומען ווי שרעקלעכע מאָנסטערס. דעם ווינטער האָט זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. זי האָט תמיד געהאַט ליב מער דעם פרילינג און דעם זומער. זי האָט קאַפּויערגע־הויבן דעם קאָפּ. טרינקנדיק מיט די אויגן די זון, שלינגענדיק מיטן מויל און מיט די איצט וואַכע נאָזלעכער די גאָלדענע שטראַלן, צוזאַמען מיט דער זיסער לופט, האָבן די שיינע שלאַנקע פיס אירע זי געבראַכט ביזן סאַמע ברעג פונעם טייך. (זי האָט אַפילו שוין דערפילט אַביסל נאַסקייט).

די מאַמע... דער טאַטע... ביידע זיינען געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט זיי אַצינד ליב געהאַט מער ווי שטענדיק. זי האָט זיי געפילט לעבן זיך, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען לעבן איר... ס׳האַרץ האָט זיך אין איר צוזאַמענגעפּרעסט פון ליבשאַפט און מיטלייד צו זיי, צומייסט צום פאָטער. גרויסע טרערן האָבן געגומען רינען איבער אירע באַקן. אַפילו וועגן ראובנען האָט זי אַצינד געטראַכט מיט באַזונדערס גרויסער ליבשאַפט, אויך וועגן עוזרן, איר קלענערן ברודער, כאָטש אים האָט זי פריִער כמעט קיינמאָל נישט ליב געהאַט.

האַסטיק האָט זי אַפּגעריסן די אויגן פון הימל, פון דער זון און געגומען קוקן אויפן וואַסער, אויף די גרויסע שווימענדיקע שטיקער אייז. זי האָט דערזען, אַז זיי גלאַנצן גרין, בלוי און רויטלעך, ווי פּערלמוטער. קעגן דער זון זיינען די שטיקער אייז געווען זייער שיין. זי האָט זיי נישט מער פיינט געהאַט און זיך נישט מער געשראָקן פאַר זיי. אדרבה, זיי זיינען איר פלוצים ליב געוואָרן, באַזונדערס איין שטיק אייז, אַ גרויס, וואָס איז געשווומען באַזונדער און איז געווען באַזונדערס שיין באַלויכטן פון דער זון. זי איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער ווי אַרומצוּנעמען דאָס דאָזיקע שטיק אייז... דערביי האָט זיך פון איר האַרץ אַרויסגעריסן אַ פאַר־צווייפלט געשריי: „טאַטע!"... אין דעם מאָמענט האָט דאָס גרויסע שטיק אייז, וואָס איז איר אַזוי געפעלן, אַ זעץ געטאָן איר אין קאָפּ און דאָס וואַסער אַרום איר האָט אָנגעהויבן רויט ווערן...

5

לאַנג האָט די שטאָט געקאָכט מיטן דאָזיקן זעלבסטמאָרד. אַ סך מענטשן האָבן פון טיפן האַרץ באַדויערט די אומגליקלעכע און אַפילו אירע עלטערן, כאָטש זיי האָבן די צוויי מענטשן געהאַלטן פאַר שולדיק אין דעם שרעקלעכן טויט פון זייער איינציקער טאָכטער.

אָבער די פּאָליטישע געשעענישן אין דער שטאָט זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַזעלכע סענסאַציאָנעלע, אַז דבורהלעס טויט איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. סוף זומער האָט די דייטשע קאָמענדאַנטור זיך גענומען פּאַקן. אין דער שטאָט איז דאַן פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. ס׳האָבן זיך פּלוצים באַוויזן פּוילישע לעגיאָנערן, צומייסט אולאַנער, אויף היימישע פערד, נישט אַזעלכע פייערדיקע, אויסגעפּוצטע, נאָר קליינע, מאָגערע שקאַפּעס, אָבער גאַנץ פלינקע. די זעלנער, מיט קורצע ביקסלעך איבער די פּלייצעס, מיט לאַנגע, שיער האַלב־רונדע, פאַרניקלטע און בלישטשנדיקע שווערדן ביי די זייטן, אין פירשפּיציקע היטלען, האָבן פריילעך־צעקאָכטע גאַלאָפּירט איבער די גאַסן. צו זיי איז צוגעשטאַנען אַלץ מער און מער יוגנט פון דער שטאָט: די מייסטע פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אַרבעטער, אויך פויערן פון די אַרומיקע דערפער. אויך ייִדישע יונגעלייט האָבן באַקומען ביקסן און קוילן. אויסגעטיילט דאָס געווער האָבן יאַן און יוזשעק שטשעלקאָווסקי. ביידע האָבן איצט געשפּילט די הויפּטראָלע ביים רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריאַט. זיי האָבן באַוואָפנט די באַוווסטזיניקע אַרבעטער צום קאַמף פאַר פוילנס באַפרייאונג פון דער דייטשישער אינוואַזיע. די באַוואָפנטע האָבן געיאָגט די רעשטלעך דייטשישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַצינד אַליין שוין געלאָפן, האָבן זיי אַנטוואָפנט, אַוועקגענומען אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט: פערד, וועגענער, פּראָוויאַנט, פעלדשפּיטאָלן און פעלדקיכן. פאַר אַלעם — געווער. אַפילו שינעלן און מונדירן האָבן די באַוואָפנטע אַראָפּגעריסן פון די דייטשע סאָלדאַטן.

די באַוואָפנטע אַרבעטער, יונגע און מיטליעריקע, אַפילו עלטערע, אַזעלכע ווי מאַטעוס דער גאַרבאַטער סטאָלאַרזש; אַלע פאַראייניקט — די ייִדישע מיט די קריסטלעכע, די דאָרפישע מיט די שטאָטישע, אין זייערע ציווילע מלבושים, אָבער מיט ביקסן איבער די אַקסלען — און אויך אָן ביקסן — האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן.

דער גוטבאַזיצער קשיוויצקי איז געוואָרן כמעט דער ראש פון דער היסטאָרישער געשעעניש.

און פּלוצים אַ געלויף. ווי אַ בליץ האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער שטאָט, אַז דער קאָמענדאַנט מאַכט „ויברח". ער איז אַליין, ווייל אַלע זיינע געהילפן האָבן אים איבערגעלאָזט און זיך אַוועקגעגנבעט ביינאַכט. דערדאָזיקער גרויסער הער מאַיאָר פאָן וואָלפענסטאַל האָט אַפילו נישט זיין קאָטש. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּראָסטן סאָלדאַט, כדי אַזויערנאָך זיך אַרויסצודרייען. יונג און אַלט, קריסטן און ייִדן, האָבן זיך געלאָזט לויפן צום גרויסן שליאַך. דאָרט האָבן זיי דערזען, ווי ראובן, ר׳ יאָסל פוקסמאַנס זון, לויפט נאָך מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט אַ דייטשן זעלנער און שרייט: „דער קאָמענדאַנט! דער מערדער!" ער לויפט מיטן רעוואָלווער אין האַנט און שיסט נישט. אָבער פון ערגעץ איז אָנגעקומען יוזשעק שטשעלקאָווסקי

מיט זיין ביקסל אין האַנט. ער האָט אַ געשריי געטאָן צום אַנטלויפנדיקן: „סטאָי!" נאָר יענער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. יוזשעק האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיטן רעכטן פוס פאָרויס, האָט אָנגעשטעלט דאָס ביקסל, געצילט (נישט איילענדיק) און מיטן ערשטן שאָס אַוועקגעלייגט דעם אַנטלויפנדיקן: ער האָט געטראָפן אין קאָפּ. נאָר ביים באַקוקן דעם טויטן, האָט ער דערקאָנט, אַז ס'איז נישט דער קאָמענדאַנט, נישט אַפילו איינער פון די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן דער שטאָט אָנגעטאָן אַזויפיל צרות. ס'איז געווען אַ פּשוטער זעלנער.

דריטער טייל

קאַפּיטל זעכצן

נאָך דער באַפרייאונג

1

ערשט פאַר עטלעכע יאָר האָט אין דעם לאַנד נאָך געבאַלעבאַטעוועט די רוסישע מאַכט. דאַן — בלויז אַ קורצע צייט — די דייטש־עסטרייכישע אָקופּאַציע. נו, האָט די מאַכט זיך אומגעקערט צוריק צו די אמתע באַלעבאַטים פון דער מדינה, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אונטערגעדריקט דורך דריי פרעמדע מלוכות.

אין באַפרייטן פוילן האָט דערוויייל געהערשט אַ פּראָוויזאָרישע סאָציאַליסטישע פאָלקס־רעגירונג. ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און אין דעם פרייען לאַנד האָבן זיך אַלץ מער און מער געוויזן סימנים פון אייגענער קנעכטשאַפט און רעאַקציע. יעקב האָט זיך געפרעגט: „ווער רעגירט באמת אין לאַנד?" ער האָט זיך געשטעלט דידאַקטיק פראַגע, ווייל וועגן אַ סך זאַכן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זיין שטאָט, האָט אים שטאַרק געחידושט. ער האָט זיך געזאָגט: „אמת, דאָס לאַנד איז נאָך נישט גענוג לאַנג פריי, צו ווייניק צייט אויף איבערצובויען און צו ענדערן גייסטיק דאָס פאָלק צום גוטן; אָבער צום שלעכטן האָט דער גייסט אין דעם לאַנד יאָ זיך געענדערט". דאָס איז נישט בלויז יעקבן, נאָר אויך אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אויג צו אָבסערווירן, שטאַרק אויפגעפאַלן.

אויך די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז איצט שוין געווען לעגאַל, געהאַט „אַלע" רעכט גלייך מיט דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — די הערשערן אינעם לאַנד, ווייל אירע מיטגלידער זיינען געווען די אַבסאָלוטע מערהייט אין דער רעגירונג.

יעקב, אַ מיטגליד איצט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, האָט מיט וויטיקלעכן באַדויערן געזען אַלץ שטאַרקער אַט־וואָס: דאָס פאָלק איז באַפרייט געוואָרן פון פרעמדער קנעכטשאַפט; אָבער ס'איז וויטער פאַרקנעכט אונטער דער הערשאַפט פון דער אייגענער רעגירונג. פרייהייט האָט פאַר יעקבן נישט באַדייט זיך פריי פון פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט קעגן זיינע מיטמענטשן. נאָר אויב דער מענטש איז געצוווּנגען צו ליידן נויט ווען ער אַרבעט און נאָך גרעסערע ווען ער קריגט נישט קיין אַרבעט, איז די פרייהייט

פון מעגן זיך פאַרזאַמלען, דעמאָנסטרירן און רעדן, קיין פרייהייט נישט. דאָס לאַנד, האָט יעקב ווייטער זיך אָפּגעגעבן חשבון, איז אַ לאַנגע צייט אויסגערויבט געוואָרן פון פרעמדע מלוכות. אָבער די ערד האָט קיינער פון זיי נישט מיטגע־נומען, אויך נישט די וועלדער — קיין שום זאַך פון די געוועזענע חיונה־קוואַלן. אין דער מלחמה זיינען צעשטערט געוואָרן הייזער און פאַבריקן. דאָס זיינען וווּנדן אויפן לייב פון דער מדינה, פון וועלכער אַלע אירע בירגער דאַרפן גלייך ליידן, פונקט אַזוי — אויב די ערד פון אַ לאַנד ווערט פאַרגליכן צו אַ מאַמע — דאַרפן אַלע אירע קינדער גלייך זייגן פון אירע בריסטן. אַזוי איז אָבער נישט געווען. דער זעלבער קליינער מיעוט, וועלכער איז ביז צו דער באַפרייאונג פונעם לאַנד געווען רייך, איז עס ווייטער געבליבן. די אָרעמע אָבער זיינען נאָך אָרעמער געוואָרן. דאָס האָט פאַר יעקבן באַדייט, אַז אין לאַנד האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אַז דאָס פאָלק איז נישט באַפרייט געוואָרן. דעם פאָלקס מאַטעריעלע לאַגע איז בלויז געוואָרן שווערער, די אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיך פאַרגרעסערט, דער יקרות איז געוואַקסן, און אַלץ מער און מער שטייערן האָט דער בירגער געמוזט איצט צאָלן.

צו רעגירן, האָט יעקב זיך געטראַכט, ברויך די רעגירונג אַ סך, אַ סך געלט. אָבער וואָס מיינט רעגירן? ס׳מיינט אָנפירן, פאַרוואַלטן מיט דער באַלעבאַטישקייט פון דער מלוכה. נאָר יעקב האָט געזען, אַז די מענטשן טוען אַלץ אַליין. האַנדל, אונטערנעמונג, מלאכה — אַלץ איז פריוואַט און ווערט פון די אייגנטימער אַליין געפירט און פאַרוואַלט. דאָס אייגענע אין דאָרף. דאָך הייסט זיך די רעגירונג געבן אַ טייל פונעם פאַרדינסט. דער אַרבעטער מוז אָפּגעבן אַ טייל פון זיין לוין, דירעקט, און נאָך מער אומדירעקט. דערביי זאָרגט די רעגירונג אַפילו נישט, אַז אַלע וואָס ווילן אַרבעטן, זאָלן האָבן אַרבעט. אויף צו בויען וועגן, בריקן, קאַנאַלי־זאַציע, וואַסערלייטונג (און דאָס אַלץ צו האַלטן אין אָרדענונג), צאָלן די באַזיצער פון די הייזער, וואָס מיינט, אַז עס צאָלן די, וועלכע וווינען אין זיי. אַפילו וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין, אַז דאָס פאָלק זאָל האָבן וווּ צו וווינען, קימערט זיך נישט די רעגירונג. דאָך שטייערן פון די הייזער, פון די פלעצער אויף וועלכע זיי שטייען, אַפילו פאַר ליידיקע פלעצער, צאָלט דער באַלעבאָס, וואָס מיינט ווידער אַז עס צאָלט דער, וועלכער צאָלט פאַר דער דירה. „אָבער די רעגירונג זאָרגט פאַר פאָלקס־בילדונג, פאַר דער געזונטהייט פונעם פאָלק, פאַר דער מאָראַל און זיכערקייט אַפילו פון די אָרעמע". דאַרויף האָט יעקב זיך געענטפערט: „פאַר די אָרעמע זאָרגט (אַז אַך און וויי) צום גרעסטן טייל דאָס פאָלק אַליין, דורך זיינע צדקה־אינסטיטוציעס, און מער נאָך אַנאָנים. דאָס אייגענע ווען אַן אָרעמאַן ווערט קראַנק. אין די פּריוואַטע, ווי אין די מלוכהשע שפּיטאָלן, מוז באַצאָלט ווערן. אויב דער פּאַציענט האָט נישט, צאָלט אַ פּריוואַטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס איז פאַר דעם צוועק געגרינדעט. אין אויסערסטן פאַל צאָלט די מלוכה־קאַסע, אָדער פון דעם געלט וואָס די רעגירונג נעמטביים פאָלק עקסטראַ פאַרן דאָזיקן צוועק, אונטער דער באַצייכענונג „שטייער פאַר שפּיטאָל". דער בירגער צאָלט קולטוסשטייער. אַלץ עקסטראַ, חוץ די שטייערן, וועלכע האָבן נישט קיין נאָמען. דער בירגער מוז באַצאָלן ווען ער קומט וועגן עפּעס אין וועלכער ס׳איז מלוכהשער אינסטיטוציע, ווי למשל נאָך אַ דערלויבעניש צו מעגן רופן זיין געליבטע — פרוי און זי אים — מאַן; מעלדן דאָס קינד וואָס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אָדער געשטאָרבן. אַפילו פאַרן פּאַספּאָרט, וואָס ער אָדער זי ווערן געצוווּנגען צו האָבן ווי אַ הונט אַ נומער.

אַ פּאַפּיר, וואָס באַשטעטיקט אַז ער איז ער און זי איז זי — אַפילו דערפאַר מוז באַצאָלט ווערן. ס'בלייבט דאָס זאָרגן פאַרן בירגערס שוץ און זיכערקייט, וואָס קאָסט דער רעגירונג באמת אַ סך געלט: די פּאָליציי, דאָס געריכט, און די תפיסה. ווען דאָס וואָלט נישט געווען, וואָלט איינער דעם אַנדערן באַגנבעט, באַגזלט און אויך דערהרגעט. אמת. ווען עס וואָלטן אָבער נישט געווען קיין אָרעמע און קיין רייכע, ווען עס וואָלט אָפּגעשאַפט געוואָרן אַט דאָס פאַרברעך — וואָס איז דער פאָטער פון אַלע פאַרברעכן — וואָלטן באַשטימט געווען אַ סך, אַ סך ווייניקער פאַרברעכער. דאַן וואָלט מען אויך נישט געברויכט אַזויפיל פּאָליציי, אַזויפיל גע־ריכטן און אַזויפיל תפיסות".

יעקב האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: „אויף וואָס־זשע דאַרף די רעגירונג דאָך אַזויפיל געלט? חוץ שטייערן, שטייערן און שטייערן, גוטע פרייזן פאַר יעדן שטיקל פּאַפּיר וואָס דער בירגער ווערט געצווונגען צו פאַרלאַנגען, האָט די מלוכה אונטער־נעמונגען, ווי אייזן־באַנען, פּאָסט, טעלעגראַף און אַנדערע געשעפטן. קאָרופּציע און אומפעיִקייט קאָנען אַזעלכע גרויסע אוצרות, וואָס דאָס פאָלק שאַפט דורך שווע־רער אַרבעט, נישט פאַרשלינגען. איז דער ענטפער: דאָס מיליטער און די מלחמה — דאָס גיהנום־מויל — פאַרשלינגט אַלץ: דעם מענטש, זיין פראַצע און זיין לעבן".

2

בראש פון דער פּוילישער רעגירונג איז דעמאָלט געשטאַנען פּילסודסקי, אַ סאָציאַליסט, דער זעלבער, וועלכער איז אין רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון 1905 געזעסן אין טורמע, ווייל ער האָט געקעמפט פאַר פרייהייט, פאַר אַ שענערער און גערעכטערער וועלט — פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער פאַרברידערונג פון אַלע מענטשן. ער האָט זיך דאַן געשטעלט אין די רייען פון די אַרבעטער, אין די רייען פון די אָרעמע און עקספּלואַטירטע, דערזעלבער פּילסודסקי, וועלכער האָט אין גאַליציע, אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט, געגרינדעט אַ פּוילישן לעגיאָן ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן צו באַפרייען פּוילן; צוערשט פון רוסישן יאָך (צוזאַמען מיטן עסטרייכישן און דייטשן מיליטער) און דאַן — דאָס איז געווען זיין פאַרבאָרגענער געדאַנק — פון דייטשן און עסטרייכישן. ער האָט דערגרייכט מער, שנעלער און לייכטער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. דערדאָזיקער סאָציאַ־ליסט, בראש פון דער סאָציאַליסטישער פאָלקס־רעגירונג פון זיין באַפרייט פאָ־טערלאַנד, איז געבליבן דער קאָמאַנדיר פון די פּוילישע לעגיאָנען — פעלדמאַרשאַל. און זיין אויפגאַבע אַצינד, דאָס העכסטע פון זיין שטרעבן — איז אַ גרויסע און שטאַרקע פּוילישע אַרמיי, ווייל פּוילן איז פון מערב און מזרח אַרומגערינגלט פון צוויי מעכטיקע שונאים: פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

די סאָלדאַטן, אָדער לעגיאָנערן, האָט מען גערופן „פּילסודטשיקעס". די מייסטע פון זיי, לויט דער מיינונג פון פאָלק, זיינען געווען אַרבעטער, אַ סך — מיטגלידער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. די עטלעכע אָפּטיילונגען, נישט קיין סך, וואָס זיינען אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין און פאַרטריבן די רעשטלעך פון די אַנטלויפנדיקע דייטש־עסטרייכישע אָקופּאַנטן, זיינען פון דער

באַפעלקערונג אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַסטישער ליבע. אַ סך קריסטן האָבן מיט טרערן אין די אויגן געקושט די סאָלדאַטן און אַפילו זייערע מונדירן. אין זייער האַרץ איז געווען גרויס די פרייד פון באַפרייאונג און די פרייד פון דערזען די פויליש־נאַציאָנאַלע מיליטערישע אוניפאָרם: די אַלערליי פאַרבן, די בלישטשענדיקע קנעפ, דעם ווייסן אָדלער אינעם היטל מיט פיר שפיצן, די געבויגענע שווערד און די קלינגענדיקע שפּאָרן — סאָראַ שטאָלץ! די גליקלעכסטע זיינען געווען די קליינע יינגלעך און נאָך גליקלעכער — די ראָמאַנטישע מיידלעך און יונגע פרויען. זיי זיינען געווען אַצינד פאַרשיכורט און פאַרכישופט — נישט מער פון רוסישן, פון דייטשן און עסטרייכישן שינעל, נאָר פון אייגענעם, פון פוילישן.

אויך אין די הערצער פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט שוין לאַנג, לאַנג, געהאַט אַן אָפּנייגונג צו באַוואָפנטע, האָט זיך אָנגעצונדן אַ געפיל פון ליבשאַפט צו די פוילישע זעלנער. די שמחה פון פוילנס באַפרייאונג, פונעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט שוין הונדערטער, הונדערטער יאָרן, ווו ס׳זיינען אין דער ערד געווען באַגראָבן די ביינער פון זייערע זיידעס און עלטערזיידעס ביז אין גאָר ווייטע דורות — דידאָזיקע שמחה איז געווען אויך זייער שמחה. באַזונדערס, ווען זיי האָבן צווישן די פוילישע לעגיאָנערן דערזען אויך יידישע סאָלדאַטן און יידישע אָפיצירן. די יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פאַר פוילנס פרייהייט, ווי אַמאָל אין די פּאָווסטאַניעס. אַצינד וועט אין דאָזיקן לאַנד נישט מער זיין קיין אַנטיסעמיטיזם, שלום און פריינטשאַפטלעכע באַציִונג וועט הערשן צווישן די יידן און די קריסטן — ס׳וועט פאַרשווינדן די שנאת־חנם; אַלע, אָן אונטערשיד פון גלויבן, וועלן זיין גלייכע בירגער פון ווידער פרייען פוילן.

נאָר ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ביי די יידן אין דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע אַנטוישונג. פון די געקומענע זעלנער, נאָכן אָפּרייניקן דאָס אָרט ווייט און ברייט פון פרעמדן שונא און איינשטעלן אָרדענונג, איז איבערגעלאָזט געוואָרן בלויז אַ קליינער טייל. קיין סך וואָס צו טאָן האָבן די איבערגעבליבענע זעלנער נישט געהאַט. האָבן זיי אַצינד זיך גענומען צו די יידן. איז דאָס געווען פון לאַנגווייליקייט און באַגער נאָך דער אויפרייצנדיקער אַרבעט, ווי ביי יעדן מענטש די בענקשאַפט נאָך זיין באַשעפטיקונג, און דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן יידן? אָדער דאָס איז געקומען פון זייער שנאה צו די „פרעמדע" אין זייער לאַנד? דאָס איז דערווייל נאָך נישט געווען גענוג קלאָר פאַר די געשלאָגענע. אָנגעהויבן האָט עס זיך אָט ווי אַזוי: אַ גרופּע סאָלדאַטן, אָנטרעפנדיק אַ ייד מיט אַ באָרד און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, האָבן זיי אים פאַרשטעלט דעם וועג און גענומען חוזקן: „נו, משה?... ווי, ווי, נישטאָ מער קיין דייטשן, קאָן שוין מער נישט מאַכן געשעפטן"... איינער פון דער גרופּע האָט זיך גענומען מאַכן שיכור און איז אַרויפגעפאַלן אויפן ייד, אָדער די חברים זיינע האָבן אים אויף דעם ייד אַרויפגעשטופּט. איז דער ייד פלינק אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און דער זעלנער איז דורכדעם אַנידערגעפאַלן, האָבן זיך אַלע אַרויפגעוואָרפן אויפן ייד מיט זייערע פויסטן פאַר אומוואַרפן אַ סאָלדאַט; איז דער ייד נישט אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט, האָט ער געכאַפּט קלעפּ פאַר פאַרשטעלן דעם וועג. דאָס זיינען געווען „קאַטאָוועסן" אַזעלכע, און נאָך אַנדערע „קאַטאָוועסן" האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן. צווישן

די ייִדן אין דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די מורא פאַר אַ פּאָגראָם. דאָך האָבן די מייסטע נישט געוואָלט ליגן צופיל געוויכט אויף די געשעענישן און זיך געטרייסט: „אפשר זיינען די זעלנער טאַקע געווען שיכור". אָדער: „מילא, ס'זיינען דאָ צווישן זיי אויך לאָבוזעס, דראַניעס, ווי ס'זיינען דאָ צווישן די ציווילע מענטשן. זעלנער קומען דאָך נישט פון הימל... און אפשר זיינען דידאָזיקע זעלנער טאַקע אַנטיסעמיטן?... אין דער שטאָט, אַפילו צווישן די היימישע גוים זיינען דאָך אויך דאָ, און ס'זיינען שטענדיק געווען אַנטיסעמיטן. אַזוי גיך קאָן אַזאַ מכה, ווי אַנטיסעמיטיזם, זיך נישט אויסהיילן. די שנאה צו ייִדן — שנאת־חינם — וועט אויפהערן, גאָט וועט העלפן".

נאָך שפּעטער האָבן איבער די גאַסן זיך שוין געטראָגן די באַקאַנטע ווילדע געשרייען: „זשידי! הוראַ נאַ זשידזשיע! ביטש זשידיו!" דאָך זיינען נאָך געווען גענוג ייִדן צווישן די פּשוטע, שטענדיק אָפּטימיסטישע, די מיט שטאַרקערע נערוון, וואָס זיינען נישט אַריינגעפאַלן אין קיין פּאַניק און ווייטער געפּרוווט צו באַרויִקן די צעשראָקענע. אָבער די פרומע, דווקא זיי, האָבן זיך נישט געלאָזט באַרויִקן; זיי האָבן געשוויגן, און דער בליק אין זייערע אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען פאַר־גליווערט דער פּחד פון צוויי טויזנט יאָר גלות, האָט שטום געזאָגט מיט קהלת־דיקער חכמה: „ס'איז דער וואָלף וואָס לעכצט נאָכן בלוט פון שאָף".

3

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'האָבן אויסגעבראָכן פּאָגראָמען. ס'איז דעמאָלט געווען שוין שפּעט אין האַרבסט. אין די ייִדישע צייטונגען האָבן זיך גענומען באַווייזן אַלץ מער פינצטערע ידיעות וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך פּוילנס באַפרייאונג, וועגן איינציקע ייִדישע קרבנות אין דער און אין יענער שטאָט, אַז אין דעם און דעם שטעטל זיינען פאָרגעקומען ערנסטע עקסצעסן; אַז פּעבל, אויפגעהעצט און געפירט פון קליינבירגערלעכער אינ־טעליגענץ, האָט אין ייִדישע קוואַרטאַלן געהאַקט שויבן, געבראָכן מעבל, דעמאָלירט ייִדישע געשעפטן, געראַבירט, חרוב געמאַכט ייִדיש האָב און גוטס און שווער פאַרוווּנדעט ייִדן, פרויען און אַפילו קינדער. די אַנטיסעמיטישע צייטונגען, שטאַרק פאַרמערט און צעוואַקסן, זיינען אַרויס מיט ווילדע באַשולדיקונגען קעגן די ייִדן, העצנדיק און רופנדיק צו אַ קאַמף קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג. זעלטן האָבן זיי איצט אַפּעלירט צום פאַנאַטיש־רעליגיעזן אינסטינקט פון המון, אַז די ייִדן האָבן געקרייציקט יעזוסן, זייער גאָט; דאָס האָט געטאָן פון צייט צו צייט אַ פּראָ־ווינצבלעטל, וואָס האָט אויסגערעכנט אויף דער צוריקגעשטאַנענקייט פון פויער אין דאָרף און אומוויסנדיקייט פון קליינשטעטלדיקן. „די פאָרטגעשריטענע" רייכע פּרעסע פון דער רעאַקציאָנערער בורזשוואַזיע און מיטלקלאַס (קאָנצענטרירט הויפּט־זעכלעך אין דער פאָלקסדעמאָקראַטישער פּאַרטיי) האָט איר אַנטיסעמיטישע פּראָ־פּאַגאַנדע באַגרינדעט מיט מאָדערנע מאָטיוון: מיט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע. זייער טענה איז געווען: די ייִדן האָבן פאַרכאַפּט דעם האַנדל, מלאכה, אונטערנע־מונג, די גייסטיקע און אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס; זיי זיינען אַ פרעמדער און

שעדלעכער עלעמענט אין פוילישן וועזן און זייער איינפלוס אין דער פּאָליטיק איז דעסטרוקטיוו. די עקאָנאָמיסטן אין דער דאָזיקער פּרעסע האָבן געהאַלטן אין איין „באַווייזן", אַז די „אַזיאַטן" (די ייִדן) זייגן־אויס די פּויליש־קריסטלעכע באַפעל־קערונג און דעמאָראַליזירן זי. די פּיפּיקע היסטאָריקער האָבן געלאָזט רעדן דאָקו־מענטן, וואָס האָבן דערציילט, אַז די ייִדן זיינען איינגעוואַנדערט קיין פּוילן פון דייטשלאַנד און אַז זייער שפּראַך איז דייטש; דידאָזיקע שפּראַך היטן זיי אָפּ, ווייל זיי האַלטן די פּוילישע שפּראַך פאַר אַ נידעריקערע ווי די דייטשע; די ייִדן האַלטן זיך פאַר אויסדערוויילטע, פאַר העכער, פאַר דערהויבן איבערן פּוילישן פאָלק. זשורנאַליסטן אָן געוויסן, וואָס זאָגן און שרייבן פאַר געלט וואָס מ׳הייסט זיי, העצן צו רויב און מאָרד אויף באַפעל פון באַלעבאַטים און פריידיקן מאָראַל און אידעאַ־ליזם ווען דאָס ווערט באַשטעלט — זיי האָבן מיט הייליקער תמימות געפרעגט און געענטפערט: „ווער זיינען געווען די שמוגלער? — די ייִדן! ווער האָט צוגענומען ביים פּוילישן פאָלק דאָס פלייש, די פּוטער, די מילך פון אונדזערע קינדער, דאָס ברויט פון אָרעמען פּויער, פון פּוילישן אַרבעטער און צוגעשטעלט דעם דייטש? — דער ייִד! ווער האָט געליפערט דעם דייטשן און עסטרייכישן און פריִער דעם רוסישן מיליטער אַלץ וואָס ס׳האָט באַדאַרפט? — דער ייִד! ווען האָבן די דייטשע און עסטרייכישע קאָמענדאַנטן אַרויסגעגעבן קאָנצעסיעס אַוועקצופירן אין זייערע לענדער אונדזער תבואה, אונדזער פלאַקס, אונדזערע בהמות, אונדזערע חזירים, לעדער, און אַלערליי מעטאַלן, דאָס גאָלד און דאָס זילבער, אויסצוהאַקן אונדזערע וועלדער? — די ייִדישע ווייבער און טעכטער! פאַרן שלאָפן מיט זיי! ווער איז שולדיק אין יקרות? ווער באַהאַלט אין קעלער שפּייז און פאַרשידענע סחורות פון ערשטן געברויך, כדי צו נעמען אַלץ גרעסערע פּרייזן? ווער זיינען די וואַלו־טשאַרזשעס? די פּאַסקאַזשעס? — אַלץ די ייִדן!"

קעגן דערדאָזיקער דעמאַגאָגיע וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן נישט בלויז אין שריפט, נאָר מער נאָך דורך רעדעס און אַפילו דורך פּריידיקן פון גלחים אין קירכעס, האָט זיך אַקעגנגעשטעלט די באמת ליבעראַלע און די ראַדיקאַלע אינטע־ליגענץ: זי האָט אויפגעוויזן די דורות־לאַנגע, ביז מיט טויזנט יאָר צוריק, איינ־געזעסנקייט פון די ייִדן אין פּוילן, זייער אומגעהייערער נוצן פאַרן לאַנד אויף יעדן געביט, זייער שטאַרקן פּאַטריאָטיזם, ליבע און איבערגעגעבנקייט אין אַלע צייטן; ווי זיי האָבן געקעמפט און זיך געאָפּפערט ביי יעדן אויפשטאַנד פאַר פּוילנס פרייהייט; ווי זיי האָבן אין פּוילן אַנטוויקלט האַנדל און מלאכה און בייגעשטייערט צו בילדונג אין פאַרשריט נישט צום אָפּשאַצן אויף יעדן געביט פון וויסן, פון קונסט, דיכטונג און אויפקלערונג. אין וואָרט און אין שריפט האָט דידאָזיקע אינ־טעליגענץ געקעמפט קעגן שונא, ברענגענדיק אַ סך דאָקומענטן און אָנרופנדיק אַ סך היסטאָריש באַרימטע ייִדישע נעמען. וועגן דער אָפּגעזונדערטקייט פון די ייִדן — דידאָזיקע פאַלשע באַשולדיקונג — האָט זי דער רעאַקציע צוריקגעוואָרפן אין פּנים אַריין און געפרעגט: „ווער האָט די ייִדן פאַרשלאָסן אונטער דיקע ווענט אין שרעקלעכן געטאָ?" אין וואָרט און אין שריפט האָט דידאָזיקע אינטעליגענץ געפירט די פאַרטיידיקונג קעגן שונאס ווילדער צעיושעטקייט. זי האָט נישט גע־לייקנט די שולד פון די ייִדישע פאַרברעכער און פאַראַזיטן: די שמוגלערס, וואַלו־טשאַזשעס, פּאַסקאַרזשעס אד"גל. נאָר אָנגעוויזן אויף די זעלבע פאַרברעכער אין

פּאַראַזיטן ביי די גרויסמויליקע און גענאַלבטע, קוויטשענדיקע פּאַטריאָטן אין שאָ־וויניסטישן לאַגער פון די פאָלקסדעמאָקראַטן און זייערע שותפים — אַלע כשרע קריסטן. דידאַזיקע אינטעליגענץ האָט אויך אָנגעוויזן דעם מקור פון אַלע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פאַרברעכנס.

אָבער צו שוואַך אין איר הערא:ישן קאַמף איז זי געווען, צו באַשרענקט אין אירע מיטלען און אַ צו קליין הייפל. און גרינגער איז אויפצורייצן דעם שלעכטן אינסטינקט, ווי איינצופלאַנצן דאָס שיינע און עטישע אין מענטש. צו טאָן שלעכטס דאַרף מען דעם מענטש נישט איבערצייגן, ס'איז גענוג אַ ווונק, אַז ער זאָל און מעג טאָן דאָס ערגסטע, אַז מ'וועט אים נישט באַשטראָפן. ווייניק, זייער ווייניק זיינען די, וועלכע ווערן געבוירן גוטע, מיט אַ האַרץ פאַר גערעכטיקייט און אמת, און מיט אַ מוח פאַרן שכל הישר. איז דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך פון דער זייער מאַגערער, אמת־ליבעראַלער און ראַדיקאַלער פּרעסע קעגן דער גוואַלדיקער אַנטי־סעמיטיש־רעאַקציאָנערער געווען ווי דער ווילן פון עטלעכע מענטשן צו פאַרהאַלטן אַ פאַרפּלייצונג אָדער אַ שטורעם. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און אין די יידישע צייטונגען האָט זיך באַוויזן די שרעקלעכע נייעס: „אַ שרעקלעכער פּאָגראָם אין פּינסק!" „אַ שוידערלעכער פּאָגראָם אין לעמבערג!" דאַך די וועלכע האָבן גערופן צו די גרויליקע שחיטות פון אומבאַהאָלפענע און אומשולדיקע מענטשן, האָבן נאָך שטאַרקער צעצונדן זייערע פינצטערע פלאַמען: „די יידן זיינען שולדיק! זיי זיינען באָלשעוויקעס! ווער האָט געמאַכט אין רוסלאַנד די פאַרברעכערישע רעוואָ־לוציע? — טראָצקי! קאַמעניעוו! ראַדעק! ליטווינאָוו! — בלויז יידן! זיי האָבן פאַר־כאַפּט דאָס לאַנד, האָבן דערהרגעט דעם צאַר, די קייסערן, אַלע קינדער זייערע, די גאַנצע משפּחה! זיי שעכטן אויס דאָס רוסישע פאָלק! דאָרטן שטאַרבן מיליאָנען פון הונגער! זייערע טויטע לייבער וואַלגערן זיך אין די גאַסן! דאָס עסן האָבן די זשידעס צוגענומען און באַהאַלטן! דאָס אייגענע ווילן די זשידעס טאָן אין אונ־דזער הייליק פאָטערלאַנד, וואָס איז אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון קנעכטשאַפט! אין אוקריינע קוילעט מען זיי! אָבער צו שפּעט האָט מען דאָרט אָנגעהויבן דערמיט!"...

קאַפּיטל זיבעצן

ביים שוסטער אין קעלערשטוב

1

ביי די יידן אין דער שטאָט האָט געהערשט אימה און פאַרצווייפלונג. איטשע שוסטער האָט געקלאָגט: „כ'האָב געמיינט, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, ווען דער שונא וועט מער נישט זיין דאָ — וועט יעדער זיך קאָנען צוריקקערן צו זיין פרי:ערדיק לעבן: דער באַלמעלאָכע וועט ווידער טאָן זיין אַרבעט, דער סוחר וועט האַנדלען, דער קרעמער וועט אין געוועלב פאַרקויפן וואָס מ'וועט וועלן, דער פּויער וועט אַקערן און זייען. כ'האָב געגלויבט, אַז אויב פּוילן וועט טאַקע ווערן צוריק פריי, אַן אייגענע מלוכה ווי אַמאָל, וועט... נו... כ'מיין נישט, אַז די

גוייִם וועלן זיך אַרומכאַפּן מיט די ייִדן און קושן, מ׳וועט ווערן ברידער; ניין, דאָס האָב איך נישט דערוואַרט. אָבער דאָס וואָס ס׳טוט זיך אינעם לאַנד״ — — —

דידאָזיקע פּאַרצווייפלונג האָט דער שוסטער אַרויסגעקלאָגט פון זיך צו זיין זון אַהרן, צו זיין טאָכטער פייגע, צו „איר חבר הערש״, ווי ער האָט דעם רימאַרזש חוזקדיק גערופן, ווייל יענער האָט אַלץ אָפּגעלייגט דאָס שרייבן תנאים און חתונה האָבן; אויך צו יעקבן, וועלכער איז דאָרט גראָד געווען.

דער שוסטער האָט געוווינט אין אַ קעלערשטוב, וואָס ער האָט געקראָגן אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָכן קלאָגן דעמאָלט לעבן קלמן בלאָכערזש חורבה: „ווו נעמט מען אַ נייעם ווערקשטאָט און אַ דירה, ווו דעם ווערקשטאָט איינצושטעלן?״ ער האָט איצט געהאַט שוין אַ נייעם ווערקשטאָט, קאַפּיטעס, געצייג — אַלץ; אַפילו אַ טיש, אַ לאַנגע באַנק, פיר טאַבאַרעטקעס, צווי הילצערנע בעטן און אַן אייזערן בעטל פאַר פייגען — דאָס נייטיקסטע. ווו האָט דער אָרעמער שוסטער, וואָס האָט דורך דער מלחמה אַלץ פאַרלוירן און זיך אַרומגעוואַלגערט נע־ונד, דאָס אַלץ גענומען נאָכן צוריקקערן זיך אין דער חרובער שטאָט אַריין? ווען מ׳וואָלט אים דאָס געפרעגט, וואָלט ער געענטפערט: „ווו האָבן די אַנדערע הונדערטער און טויזנטער, ווי איך, גענומען?״ אַן ענטפער וואָלטן געקאָנט געבן נאָר די מוראַשקעס, וועלכע מ׳צעשטערט זייער מוראַווניק, און זיי בויען אים באַלד ווידער אויף.

איטשע איז געזעסן אויף זיין שוסטער־בענקעלע מיט דריי פּיסלעך לעבן דעם נידעריקן ווערקשטאָטל, כאָטש ער האָט איצט נישט געאַרבעט, ווייל ער האָט ווידער נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ער האָט געקוקט מיט בענקנדיקע אויגן אויף די העמערלעך, צווענגלעך, אָלן, דראָטווועס, שטיפטלעך, שטיקלעך לעדער, גליאַייזנדלעך, מעסערס, פּעך, וואַקס וכדומה. די בענקשאַפט נאָך אַרבעט איז ביי אים געווען נישט ווייניקער ווי דאָס מוזן פאַרדינען אויף ברויט. אָבער אַלץ האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. דאָבע, דאָס ווייב זיינס, איז געשטאַנען ביי דער קיך און זיך גע־בראָכן דעם קאָפּ אין דער גרויסער אָרעמאַנישער קונץ פון גאָרנישט אַרויסצו־קריגן עפּעס אַ מאכל פאַר זיבן הונגעריקע מיילער. ס׳איז געווען שוין אַרום צוועלף און אַלע זיינען נאָך געווען מיט ניכטערע מאָגנס. דאָס ערגסטע איז פאַר דער מאַמען געווען די דריי מיילער פון די קלענערע קינדער, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס פּשוטע וואָרט „נישטאָ״, נאָר געהאַלטן אין איין ליאַרמען: „הונגער! עסן!״ דער פאָטער האָט געשריגן: „האַלטץ נ׳פּיסק!״ ער האָט זיי געסטראַשעט מיט שלאָגן. די מאַמע אָבער האָט געשפּילט דיפּלאָמאַטיע: „באַלד... באַלד...״

הערש איז געזעסן מיט פייגען אויפן אייזערן בעטל אין אַ ווינקל. אַהרן און יעקב זיינען געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער דערנעבנדיקער וואַנט פון איינציקן פאַר־גראַטעוועטן פענצטער, דורך וועלכן מ׳האָט געזען בלויז די שיך פון די פאַרביי־גייענדיקע מענטשן אינדרויסן, און ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס שוסטערישע ווערק־שטאָטל. די פיר חברים האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע אין דער שטאָט און דערביי זיך געהיצט צוליב זייערע פאַרשידענע פּאָליטישע אָנשויאונגען. אַביסל אָפּצושוואַכן די היציקייט, האָט יעקב גענומען שפּאַסן:

— נאָך גוט וואָס עס זיינען איצט ביי אונדז בלויז דריי מיינונגען; מיר זיינען דאָ פיר — וואָלטן באַדאַרפט זיין פינף מיינונגען...

— מיר זיינען בלויז דריי, — האָט אַהרן אויסגעבעסערט. — הערש און פייגע זיינען איין מענטש...

הערש האָט דערצו באַמערקט:

— ווען אַלע מענטשן — כ׳מיין די מאַסן — וועלן זיין ווי איין מענטש, דע־מאָלט וועלן מיר האָבן געזיגט...

— אָדער פאַרשפּילט, — האָט זיך ביי יעקבן אַרויסגעכאַפּט אַ טראָפּן פון די ספיקות, וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעהויבן.

— מיר דאַכט זיך אויך אַזוי, — האָט אַהרן מסכים געווען און זיך צוריק־געקערט דערצו, וואָס ער האָט פריִער געוואָלט זאָגן, נאָר יעקב האָט אים מיט זיין שפּאָסן איבערגעריסן אינמיטן: — איך בין איצט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פּאַרטיי. אַזוי לאַנג ווי דער קאַמף איז געפירט געוואָרן אומלעגאַל, בין איך נישט געקומען צו די געדאַנקען, וועלכע האָבן מיר איצט אָנגעהויבן קומען אין קאָפּ אַריין. איך בין אַ פּשוטער באַלמעלאָכע, נישט קיין געבילדעטער. כ׳האָב גע־לייענט אַביסל. ביי מאַרקס ווערק האָב איך מיר גוט געבראָכן דעם מוח. נאָר וואָס דערציייל איך אייך וועגן דעם? כ׳בין אַ מאַרקסיסט. אַוודאי בין איך אַ מאַרק־סיסט. אָבער... ס׳איז שווער צו רעדן דעריבער. נאָר זע, הערש! און דו פייגע! — אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך זיינען די סאָציאַלדעמאָקראַטן ביים רודער פון דער רעגירונג. הי — די פּוילישע סאָציאַלדעמאָקראַטן. און... דאָרט שוין אין שותפות מיט דער בורזשואַזיע, און דאָ דאָס אייגענע. פאַרוואָס? פאַרוואָס?? פאַר־וואָס???

— ווייל מיר ווילן נישט קיין פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור! מיר זיינען נישט קיין קאָמוניסטן! מיר זיינען פאַר אַ בהדרגהדיקער איינפירונג פון סאָציאַליזם, און נישט ווי אין רוסלאַנד! מיר זיינען נאָך נישט אַזוי ווייט צו קאָנען אַליין שוין איינ־גאַנצן איבערנעמען די מאַכט! — אַזוי האָט הערש געענטפערט און פייגע האָט מסכים געווען מיט אים.

אהרן האָט געשוויגן. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, כאָטש ער איז געבליבן נישט אינגאַנצן צופרידן מיט הערשס ענטפער. יעקב אָבער האָט געטענהט:

— ריכטיק. אָבער איך זע אין איצטיקן האַנדלען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַ־טיע דעם צווייטן געפערלעכן שריט צום אָפּגרונט, אין וועלכן ס׳וועט אַריינפאַלן די גאַנצע באַוועגונג אונדזערע פאַר אָט דערדאָזיקער פשרהדיקייט מיט דער בור־זשואַזיע. דער ערשטער שרעקלעכסטער שריט איז געמאַכט געוואָרן אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פאַר דער מלחמה. דער איצטיקער, דער צווייטער שריט, איז אַ פאָלגע פון ערשטן. די ווייטערע שריט וועלן זיין די ווייטערע פאָלגן, ביז ס׳וועט קומען די קאַטאַסטראָפע.

— סאַראַ קאַטאַסטראָפע? — האָבן הערש און פייגע אַ פרעג־געטאָן.

— איך ווייס נישט, — האָט יעקב געענטפערט. — איך בין נישט קיין נביא. אָבער... — ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן. נאָר פּלוצים איז ער אויפגעקאָכט געוואָרן: — ניין, ס׳איז נישט דאָס אַריינגעמען די בורזשואַזיע אין דער רעגירונג, זי זאָל מיטאַרבעטן! ווי לעכערלעך! די בורזשואַזיע זאָל מיטאַרבעטן מיט די סאָ־ציאַליסטן פאַרן סאָציאַליזם!... ס׳וועט גיכער זיין — איך זע דאָס שוין איצט —

אַז די סאָציאַליסטן װעלן מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע, און העלפן איר! און פאַרװאָס טוען מיר דאָס? איצט, װען די בורזשואַזיע האָט דורכן פאַרלירן די מלחמה פאַרלױרן אױך די מאַכט?! יעדנפאַלס אין גרעסטן טײל פון אײראָפּע. נײן, ס׳איז נישט קײן שותפות; דער קאַפּיטאַליזם װעט מיט די סאָציאַליסטישע פאָלקס־רעגירונגען אין דײטשלאַנד, אין עסטרײך און דאָ־הי זיך נישט טײלן מיט דער מאַכט. דער קאַפּיטאַליזם װעט װידער האָבן די גאַנצע מאַכט, צוליב דעם צװײטן פאַלשן שריט פון די סאָציאַליסטישע פירער!

יעקב האָט װײטער געװאָלט רעדן, נאָר דער שוסטער האָט אים איבערגע־שלאָגן. ער האָט געװאָלט אַן ענטפער אויף זײן פאַרצװײפלונג און געפרעגט:

— װאָס טוט זיך דאָ! פאַרװאָס ענטפערט עטץ מיר נישט! גיטץ מיר צו פאַרשטײן! עטץ זײט דאָך די חכמים... בײ פאָניען איז געװען שלעכט, אָבער מ׳האָט װי ס׳איז געקאָנט לעבן. מ׳האָט געאַרבעט שװער. אַז ס׳איז נישט געװען װאָס צו טאָן האָט מען געהונגערט, מ׳האָט זיך פאַרשולדיקט אין געװעלב. דערנאָך, װען די אַרבעט האָט זיך װידער אָנגעהױבן, האָט מען ביסלעכװײז אָפּגעצאָלט די חובות. איצטער אָבער... אָט שטײט דאָס װײב װידער בײ דער קיך, האָט צוגעשטעלט אַ טאָפּ װאַסער צו קאָכן, װי דעמאָלט װען מ׳איז צוריקגעקומען נאָכן אַרומװאַלגערן זיך הײמלאָז אין פרעמדע שטעט און זי האָט מיט נאָך אַנדערע װײבער צוגע־שטעלט װאַסער צום קאָכן אױף דער קיך פון קלמן בלאַכערזשס פאַרברענט הױז. װאָס אַרײנצוטאָן אין טאָפּ איז נישט געװען דעמאָלט און איצט דאָס אײגענע. דעמאָלט —

הערש האָט דעם שוסטער נישט געלאָזט װײטער רעדן:

— שטײט, ר׳...

— ר׳... — האָט דער שוסטער געפּאַקט הערשן בײ דער פאַרלעגנהײט. — קרעקסט דיך, װײסט נישט װי מיך צו רופן: ר׳ איטשע, אָדער דאָך אפשר מחותן... ס׳װאָלט שױן צײט געװען דו זאָלסט מיר זאָגן שװער... דו װאַרטסט אָבער נאָך אַלץ. װאַרטסט און װאַרטסט. אױף װאָס? ביז מ׳װעט דיר קאָנען געבן נדן? דו זאָגסט דאָך אַלײן אַז דו װילסט נישט. בײ ליבע רעדט מע דאָך נישט װעגן נדן... נו? צו װאָס דאָס װאַרטן, דאָס שטענדיקע אָפּלײגן?... דו ביסט נישט קײן יונג בחורל, און פײגע... אױך שױן ראוי לחופה... װאַרטסט ביז דו װעסט װערן אַ נגיד? דו װילסט דאָך גאָרנישט װערן קײן נגיד, װײל אַ נגיד איז דאָך אַ בורזשוי און מ׳דאַרף אים, לױט דײנעם, לױט ענקער אַלעמענס מײנונג, אומברענגען. און װאָלסטו געװאָרן אַ נגיד — לאָמיר זאָגן על פּי נס און קעגן דײן אײגענעם װילן — דעמאָלט װאָלסטו דאָך פון פײגען מער נישט געװאָלט װיסן; כ׳בין זיכער דאַרין, װאָלסט דיר גע־זוכט אַ רײכן שידוך, און געפונען.

פײגע האָט באַמערקט װי אַלץ מער נערװעז, צעטראָגן און אױפגערעגט הערש איז געװאָרן, און געהאַלטן אין אײן שרײען צום פאָטער:

— הער שױן אױף! װאָס מישסטו זיך אַלץ צװישן אונדז! איך האָב דיר שױן לאַנג צוריק געזאָגט, אַז דאָס איז נישט דײן עסק!

אױך דאָבע האָט זיך אַרײנגעמישט:

— װאָס האָסטו זיך הײנט אַזױ צערעדט, איטשע? פּאַר פּײער און װאַסער! אָנגעהױבן האָסטו דאָך פון גאָר עפּעס אַנדערש.

— גערעכט, גערעכט, — האָט דער שוסטער צוגעגעבן און זיך פאַרענטפערט.
— כ'האָב טאַקע אַנגעהויבן פון גאָר עפּעס אַנדערש. ווי זשע האַלטעך? יאָ, דעמאָלט איז געווען מלחמה. אָבער איצט? די מלחמה האָט זיך געענדיקט, די דייטשן און די עסטרייכער זיינען אַוועק אַהין פונוואַנען זיי זיינען געקומען, זיינען אַנטלאָפן, מ'האָט זיי געיאָגט ווי די הינט; פוילן איז פריי, האָט דערגרייכט דאָס, אויף וואָס דאָס לאַנד האָט אַזוי לאַנג געהאָפט. די רעגירונג איז פון ענקערע לייט, הערש! און נו? ערגער ווי ס'איז געווען אַפילו אין די גאָר שלעכטע צייטן! ס'איז ווידער שוין ניטאָ קיין אַרבעט, דער יקרות איז גרעסער געוואָרן און האַלט אין איין וואַקסן, שטייערן — די הויט פון לייב! און פאַגראָמען! דאַ־הי דערווייל נאָך נישט. אָבער ס'וועט קומען, ס'וועט קומען, ס'וועט נישט מיידן. איצט ענטפערטץ מיר אויף דעם אַלעם, עטץ, יאָ, עטץ, ווייל עטץ זייט דאָך איצט אין די הויכע פענצטער...

די דאָזיקע פאַרצווייפלטע פראַגן האָבן דעמאָלט געשטעלט טויזנטער יידן. כמעט די זעלבע פראַגן וואָס יעקב האָט געשטעלט זיך אַליין און אויך הערשן. (פריער נאָך, איידער דער שוסטער האָט זיי געשטעלט).

אַלע פיר: הערש, פייגע, אַהרן און אויך יעקב, זיינען געווען אין אַ דערדריקנ־דיקער פאַרלעגנהייט. דאַן אָבער האָט הערש זיך צעשריגן:

— דאָס אַלץ, וואָס קומט אַצינד פאָר, איז אַ פּועל יוצא פון דער מלחמה! — ער האָט געטייטלט מיטן ווייזפינגער פון דער רעכטער האַנט דעם שוסטער אין פּנים אַריין: — און שולדיק זייט איר! איר! כ'מיין נישט בלויז אייך פערזענלעך, נאָר אַלע די מיליאָנען און מיליאַנען ווי איר! וואָס האָט איר געטאָן, אַז ס'זאָל נישט קומען די מלחמה, אַז ס'זאָל נישט קאָנען זיין קיין מלחמה, אַז מ'זאָל אייערע זין נישט שיקן ווי קעלבער צו דער שחיטה אויף די שלאַכטפעלדער? וואָס האָט איר, די טאַטעס, געטאָן, צו באַשיצן אייערע קינדער? איצט פרעגט איר אונדז? איצט האָט איר נאָך טענות צו אונדז? איר מאַכט נאָך חוזק פון אונדז? אונדז מאַכט איר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייערע פאַרברעכערישע מעשים, פאַר אייער מיטהעלפן די פאַרברעכער, פאַר אייער מסכּים זיין מיט אַלץ וואָס די פאַרברעכער האָבן געטאָן, פאַר אייער אַראָפּבייגן דעם קאָפּ און זיך מאַכן נישט ווויסנדיק און נישט זעענדיק אַפילו ביי די ערגסטע פאַרברעכנס פון די רויבער?! ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן צו אַ קאַמף קעגן דעם רויבערישן און פאַרברעכערישן סיס־טעם, האָט איר, די טאַטעס, אונדז נישט געלאָזט! האָט איר פייגען און אַהרנען געלאָזט ווערן סאָציאַליסטן, גיין צו אַ פאַרזאַמלונג? איר האָט זיי געשלאָגן, ווי מיין טאַטע האָט מיך געשלאָגן און דער סופר יעקבן! אַזוי איז געווען, דאָס האָבן געטאָן כמעט אַלע טאַטעס! און איצט — דער הונגער, דער טיפוס, דער יקרות, די שרעק־לעכע נויט און די שרעקלעכע אָרעמקייט, די צעשטערונג און פאַרוויסטונג — דער גאַנצער חורבן פון דער מלחמה — דאָס איז די ירושה וואָס איר גיט אונדז איבער! און איר האָט נאָך די העזה...

דאָס איז געווען דער ענטפער וועלכן הערש האָט געגעבן דעם שוסטער, און וואָס אַזעלכע ווי הערש האָבן געגעבן די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געשטעלט די זעלבע פראַגעס ווי דער שוסטער. נישט קיין חילוק, צי די טויזנטער האָבן די־דאָזיקע פראַגעס געשטעלט ווערטלעך און מינדלעך און די ענטפערס פון די הערשס זיינען געגעבן געוואָרן ווערטלעך און מינדלעך. פייגע האָט, פאַרשטייט

זיך, מיט הערשן פולשטענדיק מסכים געווען. אויך אַהרן. דער קליינער אַביש איז מיט זיינע צוויי שוועסטערלעך, מינדל און זיסל, געשטאַנען ביי דער קיך און צו־זאַמען מיט זיי געמאַנט עסן. אָבער ער האָט דערביי די גאַנצע צייט זיך גוט צו־געהערט צו אַלץ וואָס מ׳האָט גערעדט. פאַרשטאַנען האָט ער נישט אַלץ. אָבער נאָך הערשס באַשולדיקן דעם פאָטער האָט ער מיט זיין קוויטשנדיקן קולעכל אויס־געקרייעט: — אמת! דער טאַטע האָט פייגען נישט געלאָזט זיין קיין סאָציאַליסטקע! ער האָט זי געשלאָגן דערפאַר! אַהרנען אויך! מיך וועט ער אויך נישט לאָזן זיין קיין סאָציאַליסט! ער וועט מיך שלאָגן; אָבער איך וועל אים נישט פאָלגן, כ׳וועל ווערן אַ סאָציאַליסט! לאָמעך נאָר ווערן אַביסל גרעסער...

דער שוסטער איז אויפגעשפרונגען:

— דו אויך שוין? — ער איז צו צום יינגל, געוואָלט אים אָנכאַפּן ביי אַן אויער; נאָר דער יאַט האָט זיך ווי אַ קאַץ אַרויסגעדרייט, איז גיך צוגעלאָפן צו די גרויסע, זיי זאָלן אים שיצן. איטשע איז צוריק צוגעגאַנגען צו זיין בענקל אויף דריי פיסלעך, אָבער ער האָט זיך נישט מער אָנידערגעזעצט. מעגלעך, אַז עפּעס פון הערשס רייד זיינען אים אַריין אין קאָפּ; ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן, נאָר אויסגעשאָסן — ווי הערש קעגן אים — מיט קעגנבאַשולדי־קונגען: — די פּאָגראָמען זיינען, ווייל יידישע יונגען און מיידן מישן זיך אין דער רעגירונג! מיר דאַרפן זיך נישט מישן! איצט שוין אַוודאי נישט, ווייל איצט האָבן מיר צוריקגעקראָגן ארץ־ישראל! ענגלאַנד —

די שוסטערקע איז אַריינגעפאַלן איר מאַן אין די רייד:

— ענגלאַנד... שמענגלאַנד... דער וואָס כ׳בין נישט ווערט אָנצורופן האָט זיך מרחם געווען.

מאַן און פרוי האָבן גענומען רעדן וועגן פּאָליטיק, ווי זייערע דערוואַקסענע קינדער, פייגע און אַהרן האָבן גערעדט. דאָבע האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן איר מאַן, אַז די גאולה איז שוין געקומען און אַז דער גואל איז אַ מענטש. זי האָט ווידער געחוזקט:

— באַלפור... שמאַלפור... — זי האָט אויך נישט מסכים געווען, אַז אין ארץ־ישראל וועט די יידן שוין זיין גוט און ווויל, און געפּערעגט דעם מאַן: — ווי איז עס מעגלעך? דער מענטש איז דאָך געבוירן געוואָרן צו ליידן, פונקט ווי ער מוז שטאַרבן.

דער שוסטער, שוין נישט מער פרום ווי ער איז געווען ביז דער מלחמה, האָט גענומען אויפקלערן זיין פרוי, זי אַראָפּציִען פון הימל אויף דער ערד. מיט הערשן אָבער, מיט דער טאָכטער און מיט אהרנען, האָט ער נישט געוואָלט מסכים זיין: אַז דער סאָציאַליזם קאָן אויף דער דאָזיקער ערד מאַכן, ס׳זאָל אַלע מענטשן גיין גוט, אַז דער סאָציאַליזם וועט אָפּשאַפן אָרעמקייט, אַז דאַן וועלן מער נישט זיין קיין מלחמות. פונקט אַזוי האָט ער זיי אויך נישט געגלויבט, אַז אינעם אַנטיסעמי־טיזם זיינען שולדיק בלויז די רייכע קשיוויצקעס און זאַרעמבעס און אַז פּאָגראָמען זיינען בלויז אַ מיטל צו פאַרוואַנדלען אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס אין שחיטות אויף די שוצלאָזע יידן.

יעקב האָט נישט נאָכגעגעבן הערשן און פייגען, אַז דאָס וואָס ס׳קומט פאַר

אין לאַנד (אַפילו די פּאָגראָמען) איז בלויז דער איבערגאַנג, דער בין־השמשות פון נאַכט צו טאָג. ער איז געבליבן ביי ס׳זייניקע:

— אַ רעוואָלוציע — דאָס זיינען די געבורטסווייען פון אַ נייער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער פאָרעם; די רעגירונג — פּראָוויזאָריש איז בלויז אַ וואָרט פאַר שפּעטערדיקער מאַניפּולאַציע — איז דאָס ניי געבוירענע קינד אינעם בלוט פון דער רעוואָלוציע; די מאַכט הינטער איר... נאָר דעריבער וועלן מיר גלייכער רעדן נאָך דער פאַרזאַמלונג, וואָס דער „גרויסער סאָציאַליסט" יאַן גנילאָווסקי רופט. ער איז איצט דער ראש... נו, איך וועל שוין גיין, כ׳בין צו לאַנג דאָ גע־בליבן. פאַרגעסט נישט, חברים, די דעמאָנסטראַציע!...

קאַפּיטל אַכצן

אַ דעמאָנסטראַציע

1

דעמאָנסטראַציעס זיינען אין דער שטאָט דעמאָלט מער נישט געווען קיין נייעס. אין די ערשטע וואָכן, ווען דאָס לאַנד איז באַפרייט געוואָרן, זיינען דעמאָנ־סטראַציעס פאָרגעקומען כמעט יעדן טאָג. אַ סך מענטשן, (פאַרשטייט זיך עלטערע און מער מיושבע, אויך אַזעלכע וואָס האָבן נישט ליב צו פיל געקאָך, געזעלשאַפט־לעכן האַרמידער) האָבן געחוזקט: „דאָס איז דאָך ביי זיי אַלץ. גיין איבער די גאַסן מיט פענער, מאַרשירן, שרייען און פילדערן, טראָמייטערן, זעצן אין די פויקן". די דעמאָנסטראַציעס, צומיינסט פון די סאָציאַליסטן, זיינען נישט געווען קיין פּראָ־טעסט־דעמאָנסטראַציעס, נאָר פאַרקערט: יובלדיקע פאָלקס־פייערונגען. ס׳איז פאַר־געקומען אַן אמתע פאַרברידערונג: די פויערן פון די דערפער מיט די אַרבעטער פון דער שטאָט, דער קליינבירגערלעכער מיטלקלאַס מיטן פּראָלעטאַריאַט, די עקספּלואַטירטע מיט די עקספּלואַטאַרן, די רעאַקציאָנערן און קלעריקאַלן מיט די רעוואָלוציאָנערן און פריידענקער, יונג מיט אַלט, יידן מיט קריסטן. ס׳האָבן געפלאַטערט די רויטע פענער פון די יידישע און די קריסטלעכע אַרבעטער, אויך די פענער מיט אַנדערע פאַרבן פון נאַציאָנאַליסטישע, אַפילו שאָוויניסטישע און פרומקאַטוילישע באַוועגונגען. דאָס זיינען געווען פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס און אַן אמת נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג. נאָר אַזעלכע וואָס האָבן געקאָנט גוט אָב־סערווירן, האָבן קאָנסטאַטירט וויכטיקע דערשיינונגען גלייך פון ערשטן אויגנבליק אָן, וואָס אַנדערע האָבן ערשט שפּעטער אַלץ מער און מער אָנגעהויבן באַמערקן. למשל: אין די גאָר ערשטע טעג זיינען געזונגען געוואָרן צומיינסט, אָדער כמעט בלויז אַרבעטער־לידער. די סלאָגאַנען, וואָס מ׳האָט אויסגערופן, און די סלאָגאַנען אויף די טראַנספּאַראַנטן זיינען געווען קאָמפּסלוסטיקע, פאָדערנדיק אַ שענערע, גערעכטערע וועלט — אַ סאָציאַליסטישע. די מוזיק פון די אָרקעסטערט איז געווען שטורמיש, די רעדעס — רעוואָלוציאָנערע, ברויזנדיקע, און געענדיקט, אויפגעלייזט האָבן זיך די דעמאָנסטראַציעס מיט „טשערוואָני שטאַנדאַר". די רויטע פענער

זיינען געווען די יחוסדיקע, די ערשטע. ביסלעכווייז אָבער, צוערשט זייער פּאַמעלעך און דערנאָך שוין שנעלער, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ענדערן פון די פּאָזיציעס. די פּענער פון די בירגערלעכע, שאָוויניסטישע און קלעריקאַל־רעאַקציאָנערע פּאַר־טייען זיינען דאַן שוין געטראָגן געוואָרן פּאָרויס צוזאַמען מיט די יחוסדיקע פון די סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטישע פירערס מיט די רויטע שלייפעלעך און רויטע בלימעלעך אין די לינקע לאַצן זיינען שוין געגאַנגען אין איין רייע (הינטער די פּלאַטערנדיקע פּענער) מיט די לידערס, וואָס האָבן געטראָגן גאָר אַנדערע צייכנס אין די לאַצן פון זייערע שוואַרצע פּראַקן. פּאַן גנילאָווסקי איז אַפילו געגאַנגען גלאַ־רעמט מיט פּאַן קשיוויצקין. די סלאָגאַנען פּאַר אַ שענערער און גערעכטערער סאָציאַליסטישער וועלט האָבן אַלץ מער אָפּגעבלאָקעוועט, זיינען געוואָרן אַלץ באַשיידענער און באַשיידענער, אָפּטרעטנדיק מער און מער פּלאַץ פּאַר די פּאַטריאָ־טישע אויסרופן. אַ העלפט פון די אַרבעטער־לידער, וואָס מ׳האָט געזונגען, זיינען פּאַרביטן געוואָרן מיט נאַציאָנאַלע און פּאָלקסלידער. אַפילו די אַרבעטער־לידער אַליין זיינען שוין געווען מער פּאָלקסטימלעכע, וועגן דעם ווערט און די חשיבות פון אַרבעט. ס׳זיינען געקומען אַלץ ווייניקער יידן. די וואָס האָבן זיך געפרייט און אָנטייל גענומען אין די פייערונגען פון פּוילנס באַפרייאונג ווי אמתע פּאַטריאָטן און געטרייע בירגער פון זייער פּאַטערלאַנד, זיינען געוואָרן אַלץ שיטערער אין די רייען, ביז מ׳האָט זיי לגמרי מער נישט געזען. ווייל אַלץ שטאַר־קער האָבן זיי דערפילט די שנאה וואָס די אַנטיסעמיטן — לײדער נישט ווייניק אַרבעטער, סאָציאַליסטן — האָבן אַלץ אָפּענער און אָפּענער גענומען אַרויסווייזן צו זיי. אַבראַמטשיק, מיט דער רויטער פּאַן און די גאָלדענע יידישע אותיות אויף איר, שטאָלץ צווישן פייגען און הערשן און די אַנדערע מיטגלידער פון דער פּאַר־וואַלטונג; אַלע מיט רויטע בלימעלעך און רויטע שלייפעלעך אין די לאַצן, זיינען דאַן אַלץ ווייטער געשטעלט געוואָרן הינטער די מאַרשירנדיקע פון די קריסטלעכע חברים, ביז זיי זיינען געוואָרן די לעצטע פון די דעמאָנסטראַציע־צוגן. ביים אויפ־לייזן זיך פון אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס — אינגאַנצן שוין פּאַטריאָטישע פּאַר פּאַטריאָטישע צוועקן — איז שוין געזונגען געוואָרן דער נאַציאָנאַלער הימן. אַמאָל אויך נאָך דער אַרבעטער־הימן, בלויז אָבער איינער אָדער צוויי סטראָפן, שטיל, ווי בלויז אַ דערינערונג פון אַ ראָמאַנטישער צייט, וואָס פּאַסט נישט מער אין די רייפע יאָרן, באַזונדערס ווען מ׳האָט שוין דערגרייכט צו וואָס מ׳האָט געשטרעבט...

מיטן אָנהייב אָבער פון די זייער קאַלטע טעג פון סוף האַרבסט, קעלטן וואָס קריכן אין די ביינער אַריין, ווען דער הימל איז בלייענדיק און מ׳ווייסט נישט, וועט נאָך רעגענען אָדער ס׳וועט שוין שנייען — דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גאַנץ אַנדערע דעמאָנסטראַציעס. זיי זיינען געווען קליינע, אָן פּאָמפּ, אָן אָרקעסטערס, ווי אין די צייטן פון דער רוסישער רעאַקציע, ווען מ׳האָט זיך גע־מוזט שטאַרק היטן פּאַר דער רוסישער פּאָליציי. דעמאָנסטראַציעס קעגן דער איי־גענער „סאָציאַליסטישער פּאָלקס־רעגירונג״. ס׳זיינען געגאַנגען ווייניק אַרבעטער; אָבער דאָס זיינען געווען אמתע רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן געפּאָדערט דאָס דורכ־פירן פּאַרשידענע סאָציאַלע רעפאָרמען גלייך, באַזונדערס דאָס אַוועקנעמען די ערד פון די רייכע גוטסבאַזיצער און זי צעטיילן צווישן די אָרעמע פּויערן, ס׳האָבן זיך אַפילו שוין געלאָזט הערן קאָמוניסטישע שטימען. זיי זיינען נישט געגאַנגען

דורך די ברייטע גאַסן, איבערן מאַרק און גרויסן שליאַך, נאָר דורך די אָרעמע הינטערגאַסן און קליינע געסעלעך. דערוויל נישט צופיל וואַגנדיק, אויספּרובירנ־דיק, ווייל די גרעסטע שטערונגען האָבן דידאַזיקע דעמאָנסטראַציעס באַגעגנט פון די רעכטע סאָציאַליסטן. די מאַסן האָבן נישט געוואָלט הערן, אַז זייערע פירער פאַרראַטן זיי, אַז יאַן גנילאָווסקי — אַ גוטבאַזיצער — אַרבעט אַצינד פאַר זיין קלאַס: פאַר די גוטסבאַזיצער. זיי האָבן געענטפערט: „האָט דער חבר יאַן נישט נקמה גענומען אַן דייטשן קאָמענדאַנט און זיינע אָפיצירן פאַר זייער אויסרויבן דאָס לאַנד? אַ הילכיקער פאַטש אין פּנים איז געווען דאָס ספּעקטאַקל ביים מאַסקנ־באַל אין יענעם נאָווי ראַק! ער האָט געוויזן די דייטשן, ווער און וואָס זיי זיינען, זייער יחוס, דעם קוואַל פון דער גערמאַנישקייט! ער האָט פון זיי אָפּגעשפּאָט! און די גאַנצע חברה בורזשויעס, די גוטסבאַזיצער — זיי האָט ער באַזונדערס אַריינגע־לייגט! ער האָט זיי נישט אויסגעזאָגט וואָס ער גייט טאָן; דערנאָך האָבן זיי געהאַט צו זינגען און צו זאָגן דערפאַר, האָבן זיך מער נישט געקאָנט אויסקויפן ביים קאָ־מענדאַנט. איז דאָס נישט געווען קיין העלדישקייט?" און די מאַסן האָבן אויף זייער העלד, אויף זייער חבר יאַן, נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע, פּונקט ווי זיי האָבן נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע אויפן העלד פון 1905, אויפן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. ער האָט באַפרייט דאָס פאָטערלאַנד! ער, אַ סאָציאַליסט, איז דער ראש פון דער רעגירונג! איז נישטאָ וואָס קיין מורא צו האָבן; אַלץ, וואָס די רעגירונג טוט, איז ריכטיק.

די פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס פון דער אָפּאָזיציע אין דער שטאָט זיינען דערוויל נישט געווען קיין גרויסער דערפאָלג. דעמאָלט האָבן אין דער שטאָט זיך אויך פלוצלינג ווידער באַוויזן „האַלערטשיקעס", זעלנער פון גענעראַל האַלערס אַרמיי, פאַר וועלכע ס'האָבן מער ווי פאַר די פּילסודסקיקעס געציטערט נישט בלויז די יידן מיט בערד, נאָר אויך די ראַדיקאַלע, די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. דידאָזיקע זעלנער (צומיינסט פון פּויזנער קאַנט, פון דעם טייל פּוילן, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען באַהערשט פון די פּרייסן) זיינען געווען די בלוטדורשטיקסטע אַנטיסעמיטן און די ערגסטע רעאַקציאָנערן. האָבן זיי געפּאַקט אַ ייד מיט אַ באָרד — האָבן זיי אים, מיט אַ שער אָדער מיטן באַגנעט, אָפּגעשניטן די באָרד מיט שטיקער פלייש צוזאַמען. קיין ייד האָט נישט געטאָרט קומען אונטער זייערע אויגן. פון לויפנדיקע צוגן האָבן זיי יידן אַראָפּגעוואָרפן, אַפילו פרויען מיט קינדער. סאָ־ציאַליסטן זיינען פאַר זיי געווען באָלשעוויקעס און אין אַ קלענערער שטאָט האָט קיין דעמאָנסטראַציע נישט געקאָנט פאָרקומען ווען זיי זיינען דאָרט געווען. צום גליק זיינען זיי נישט לאַנג געבליבן. זיי האָבן זיך בלויז אָפּגעשטעלט אויפן וועג צום פראָנט. אַזאַ קלאַנג האָט זיך דערנאָך פאַרשפּרייט אין דער שטאָט. צו וועלכן פראָנט? איז דאָס לאַנד דען שוין טאַקע אין אַ מלחמה? מיט רוסלאַנד? דאָס אַלץ איז דערוויל נאָך געווען אַ סוד פאַרן גרויסן עולם. געוווּסט האָבן דערוויל בלויז נאָר יחידים, ווי עס ווייסן פריער די, וועלכע צינדן אונטער הייזער, אָבער די איינוווינער ווערן געוואָר ווען די פלאַמען פלאַקערן שוין...

„מען וועט עס אַוודאי שוין געוואָר ווערן ביי דער פאַרזאַמלונג, וואָס דער גרויסער סאָציאַליסט רופט", האָבן סאַרקאַסטיש געזאָגט די חברים פון דער אָפּאָזיציע.

קאַפּיטל נײַנצן

ס'הייבט אָן קלאָר ווערן

1

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין ראַטהויז און דאָס האָט באַדייט, אַז זי איז אַן אָפיציעלע, גערופן פון דער שטאָטפאַרוואַלטונג, כדי די עפנטלעכקייט זאָל דער רעגירונג קאָנען זאָגן איר דעה. ווידער האָט דער גרויסער עולם געהאַט אַ באַשטעטיקונג, אַז אין לאַנד רעגירט אַ סאָציאַליסטישע פאָלקסרעגירונג, שוין דורך דעם אַליין, וואָס דער פאָרזיצער, מיט אַ רויט שלייפעלע אין לאַץ, איז געווען דער חבר יאַן גנילאָווסקי און אין פרעזידיום פון דער פאַרזאַמלונג זײַנען אויפן פּאָדיום געזעסן אַ סך סאָציאַליסטן: די לערערן, דער וועטערינאַר, דער בוכהאַלטער פון אַן אַמאָליקער פאַבריק — אַלע רעוואָלוציאָנערן פון פינפטן יאָר, וועלכע האָבן, איבערגעגעבענע דעמאָלט, מיטן לייב און לעבן געקעמפט פאַרן סאָציאַליזם און פאַר פוילנס באַפרייאונג. אַלע — איצט וויכטיקע באַאַמטע אין דער שטאָטפאַרוואַלטונג — האָבן געהאַט רויטע שלייפעלעך אין די לאַצן.

יעקב איז געזעסן צווישן זײַנע חברים. זיי זײַנען אַלע געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. ער האָט נישט געקאָנט אָפרייסן זײַנע אויגן פון די יום־טובדיקע אויפן פּאָדיום, פון די אויסגעפוצטע סאָציאַליסטן. אין גרונט פון זיין נשמה איז דער חבר ליכטענבערג געווען אַ פרומער מאמין, ווי ער איז עס געווען אַלס בית־המדרשניק ווען ער האָט נאָך געגלויבט אין גאָט. אָבער ער האָט ליב געהאַט צו פילאָזאָפירן און דאָס האָט אים אָפט געברענגט צו סקעפּטישקייט. קוקנדיק אויף די סאָציאַליסטן, די וויכטיקע שטאָטבאַאַמטע, האָט ער זיך געפרעגט: „וואָס איז מאַכט? כמעט יעדער מענטש רייסט זיך צו מאַכט. הייסט עס, אַז יעדער מענטש איז אַ שקלאַף פון עפּעס אַ סודותדיקער מאַכט אין אים, וואָס טרײַבט אים צו מאַכט... איז עס דידאָזיקע סודותדיקע מאַכט אין מענטש, וואָס מאַכט אים פאַר אַ שקלאַף, וואָס מאַכט אים געטלעך אָדער טײַוואָליש?" דער ענטפער, אַז זי איז ביידעס, ווי אַלץ אין דער נאַטור און דעריבער אויך אין מענטש — אויף דעם ענטפער איז יעקב דערווײַל נאָך נישט געקומען. מעגלעך, אַז נישט דערפאַר, ווײַל ער האָט נישט געקאָנט דענקען ביז צום קאָנסעקווענטן סוף, נאָר ווײַל זיין נייע אמונה האָט אים אין דעם געשטערט און אַזויערנאָך געשיצט; מחמת יעדע לעצטע קאָנסעקווענץ איז טרויעריק און מ'דאַרף זיין שטאַרק געהיט, נישט אַרײַנצופאַלן אין יאוש, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — אין ציניזם. אָבער עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ציִען פון דער סאַמער לעצטער קאָנסעקווענץ נאָך אַ גאַר, גאַר לעצטע, וואָס לערנט צו באַקעמפן אין זיך און גובר צו זיין די סודותדיקע מאַכט און בלויז ליב צו האָבן דעם אומגליקלעכן שוואַכן מענטש, אים צו באַדויערן און העלפן אויף ווי ווייט מעגלעך, אָבער נישט צו קעמפן, צו ענדערן עפּעס. נאָר איז דאָס לעצטע דען נישט עגאָיִזם?...

אויפן פּאָדיום זײַנען געזעסן אויך פאָרשטייער פון אַנדערע ריכטונגען און באַוועגונגען: די פאָלקסדעמאָקראַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די רײַכע און רעאַק־

ציאָנערן, האָבן זיך נישט געשעמט מיט דעם ליגנט, אַז זייער פּאַרטיי קעמפּט פאַרן גאַנצן פאָלק און פאַר דעמאָקראַטיע; ס׳זיינען געזעסן פאַרשטייער פון דער רעכ־טער פויערנפּאַרטיי, פון די קריסטלעכע סאָציאַליסטן, פון קלערוס. געפעלט האָבן נאָר פאַרשטייער פון דער ראַדיקאַלער אָפּאָזיציע, פון די יידישע סאָציאַליסטן און פון די בירגערלעכע יידן, הגם אין זאַל זיינען פון ביידע געווען גענוג. ס׳האָבן געפעלט אויך פאַרשטייער פון דער לינקער פויערנבאַוועגונג. ס׳האָבן געברענט אַלע זשוראַנדלען, אַפילו די גאָר גרויסע, וועלכע מ׳צינדט אָן נאָר צו גאָר גרויסע פייערונגען. די בענק און די שטולן זיינען אַלע געווען באַזעצט. כאָטש דער זאַל איז געווען זייער אַ גרויסער, איז ער געווען פול געפּאַקט. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען נישט בלויז אַלע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, נאָר אויך פויערן פון די דערפער אַרום. ס׳האָט געהערשט אַ פּאַטריאָטיש־יום־טובדיקע שטימונג, וואָס איז געקומען נישט בלויז פון דער שטאַרקער באַלויכטונג, פון פייערלעכן פּאָדיום, נאָר פונעם עולם, וואָס האָט זיך צום גרעסטן טייל געפילט יום־טובדיק.

דער פאָרזיצער האָט געהאַלטן אַ קורצע, אָבער פייערלעכע דערעפענונגס־רעדע, באַטאָנענדיק, אַז אין באַפרייטן פוילן הערשט אַן אמתע פאָלקסרעגירונג, וואָס שטרעבט צום ווילזיין פון אַלע בירגער אינעם לאַנד, וואָס שטרעבט צו די ווייטגייענדיקסטע סאָציאַלע רעפאָרמען פאַר די אַרבעטער און פויערן — פאַר אַלע אָרעמע. ער האָט באַטאָנט, אַז די מערהייט אין דער רעגירונג איז אַ סאָציאַליסטישע און שטאָלץ אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון דער מלוכה: מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. דער זאַל האָט געדונערט פון אַפּלאָדיסמענטן. מיט אמתער „עניוות“ האָט דער חבר יאַן אָנגענומען דעם שטורמישן אַפּלויז, נישט פילנדיק דערביי קיין שום חילוק אין דעם מאָמענט צווישן זיך און דעם גרויסן באַרימטן מאַן, וועמען די אָוואַציע האָט געהערט. דעם סאָציאַליסטישן גוטבאַזיצערס קיילעכדיק, שוין היפּש פעטלעך פּנים מיט די קוים אָנזעענדיקע שטופּלען, איז געווען ערנסט, די טונקלקאַשטאַנענע האָר — אי פריזיש־גלאַטיק פאַרקעמט, אי פּראָלעטאַריש צעשויבערט ווי פון אַ פאָלקס־טריבון, אי מיט אַן אָנדייטונג פון אַ לאָק, וואָס פאַלט עקשנותדיק אין די אויגן אַריין. דעם קאָפּ שטאָלץ, האָט ער מיט זיין שטימע, וועלכע ער האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ לאַשטשענדיקן טענאָר און אין אַ לייבנברומענדיקן באַס, אויסגערעכנט אַלע גרויסע דערגרייכונגען פון דער רעגירונג אין דער קורצער צייט. דאַן האָט ער אין עטלעכע קורצע שטריכן איבער־געגעבן דעם ציל פון דער פאַרזאַמלונג, אַז עס גייט אין שאַפן אַ גרויסע און שטאַרקע פּוילישע אַרמיי, וועלכע זאָל אין דער איצטיקער דעצידירנדיקער שעה פון פוילנס היסטאָרישן גורל קאָנען פאַרטיידיקן און באַפעסטיקן פוילנס היסטאָ־רישע גרענעצן און פוילנס גערעכטע פאָדערונגען. מיט אַ הויך קול האָט ער אויס־גערופן: „די הייליקע פּוילישע ערד איז נאָך נישט אינגאַנצן באַפרייט פון אירע רויבער, וועלכע האָבן זיך דריי מאָל צעטיילט מיט איר, יעדעס מאָל אָפּרייסנדיק אַן אַנדער שטיק, אַן אַנדער לעבעדיק אבר, ביז זיי האָבן אונדזער בלוטנדיק פאָטערלאַנד פאַרצוקט! באַזונדערס אָבער איז נישט באַפרייט די הייליקע ערד אין מזרח!“ דאָס אויסשרייענדיק מיט זיין לייבנברומענדיקן קול און קריגנדיק אַ גרויסן אַפּלויז, האָט ער דאָס וואָרט איבערגעגעבן דעם הויפּטרעדנער, דעם בוכהאַלטער

מאַרטין טשעמנאָװסקי, באַליבט נישט בלויז ביי די אַרבעטער, נאָר כמעט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, אי צוליב זיין גרויסער פּאַרגאַנגענהייט, אי צוליב זיין גרויסער אָראַטאָרישקייט. דערדאָזיקער בוכהאַלטער האָט געהאַלטן אַ גאָר שטאַרקע רעדע, מיט ברויזנדיקן פּאַטאָס און גליִענדיקן פּאַטריאָטיזם, און מיטגעריסן דעם גאַנצן עולם. עטלעכע מינוט האָט דאַן געדויערט דאָס פּאַטשן בראַװאָ.

נאָכדעם האָט דער פּאָרזיצער, ווי אַן אמתער דעמאָקראַט, אויפגעפּאָדערט די פּאַרזאַמלטע אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג: יעדער, וואָס האָט עפּעס צו פרעגן, צו מאַכן אַ פּאָרשלאָג, אָדער צו קריטיקירן — זאָל זיך פאַרשרייבן צום וואָרט. ער האָט געקלונגען מיטן גלאָק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, נישט בלויז ווייל ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקייט צווישן עולם נאָכן שווייגן אַזוי לאַנג, נאָר ווייל ער האָט ליב געהאַט צו קלינגען און ווייל דאָס קלינגען האָט די פייערלעכקייט נאָך פאַרגרעסערט. אויף אַ שיינעם ווייסן בויגן פּאַפּיר האָט ער מיט אַ בלייפעדער אויפגענומען די נעמען פון אַלע וואָס האָבן זיך געמעלדעט. ס'זיינען געווען אַ סך. נאָר ביים אויסרופן די פאַרשריבענע צום וואָרט האָבן אַ סך זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, ווייל זיי האָבן פּלוצים מורא געקראָגן פאַרן פּאָדיום, זיך דערשראָקן פאַרן גרויסן עולם. אַנדערע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון וואָרט. די מייסטע פון די, וועלכע האָבן דאָס נישט געטאָן, האָבן זיך געפּלאָנטערט, פאַרהאַקט, און וואָס זיי האָבן געזאָגט האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געהערט. ווי ס'קומט פאַר ביי כמעט אַלע אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. אָבער יענע, וואָס זיינען אַרויף אויף דער עסטראַדע — סיי די וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט און פאַרהאַקט, און סיי די וועלכע האָבן יאָ אַרויסגעבראַנגט וואָס זיי האָבן געוואָלט — האָבן כמעט אַלע געזאָגט דאָס זעלבע: אַז זיי זיינען מסכים מיטן חבר פּאַרזיצער און מיטן חבר טשעמנאָוו־סקי. דער גרעסטער טייל פונעם עולם האָט זיי געפּאַטשט בראַוואָ, שוין דערפאַר, ווייל דאָס גאַנצע פּרעזידיום מיטן פּאַרזיצער בראש האָבן די ערשטע גענומען פּאַטשן.

צווישן די פאַרשריבענע צום וואָרט זיינען געווען אויך שטשעלקאָווסקי, אַ פויער, און יעקב. דער ערשטער האָט אין דער שטאָט געגרינדעט די אָפּאָזיציע פון די ראַדיקאַלערע עלעמענטן צווישן די אַרבעטער און איז געוואָרן זייער פירער. דער צווייטער האָט געהערט צו דער לינקער באַוועגונג אין די דערפער. דער חבר ליכטענבערג, כאָטש אַ פאַרוואַלטונגסמיטגליד פון זיין פּאַרטיי, האָט פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געהאַט זיין אייגענעם דרך. הערש וואָלט זיך אויך געווען פאַרשריבן צום וואָרט, שוין דערפאַר וואָס ער איז געווען פערזענלעך באַליידיקט און געקרענקט, ווייל דער חבר יאַן האָט אים, דעם פּאַרזיצער פון דער „יִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג" אין דער שטאָט, נישט פאַרבעטן אויפן פּאָדיום אַרויף. דער חבר גני־לאָווסקי איז דערמיט באַגאַנגען אַ טאַקטישן פעלער, אַפילו בלויז פון פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט. אָבער נעמען דאָס וואָרט און אַרויסטרעטן ווי אַן אָפּאָנענט האָט הערש נישט געקאָנט, ווייל דערמיט וואָלט ער זעלבסט באַגאַנגען אַ טאַקטישן פעלער און דערצו אַ ברוך אין דער דיסציפּלין קעגן די פוןביידע פּאַרטייען גע־מיינזאַם אָנגענומענע פּאָליטישע באַשלוסן. אָבער דעם חבר הערש האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן אויפפאַלן, אַז דער חבר יאַן פירט עפּעס אַ הינטערפּאָליטיק; ער האָט

אים אַפּילו שוין אַנגעהויבן חושד זיין אין אַנטיסעמיטיזם און אין דערנענטערונג צו די רעאַקציאָנערן. ער וועט עס נישט פאַרשווייגן; דערוויילט אָבער איז קליגער צו האַלטן ס'מויל.

2

דער חבר פאַרזיצער האָט די דריי צווישן די פאַרשריבענע געלאָזט אויף צו לעצט. ער האָט געהאַט זיין חשבון דערביי. איצט אָבער וועט ער פר:ער געבן דאָס וואָרט דעם ייד. אַז דער ייד איז אַ רעבעל, זעט ער; אַוודאי שוין אויפן וועג צום באָלשעוויזם, אָדער שוין אַ באָלשעוויק, ווי יוזשעק, דער געוועזענער פריינט זיינער. זיי האַלטן זיך טאַקע ביידע נאָענט די גאַנצע צייט. דאָס געבן צוערשט דעם ייד דאָס וואָרט וועט האָבן אַט־דעם עפעקט: די פאַרזאַמלטע וועלן געוואָר ווערן ווער ס'זיינען די פאַרשטייער פונעם באָלשעוויזם אין פוילן, ווער ס'זיינען די שונאים פון לאַנד, וואָס האָבן עס שוין גענומען צעגריזשען ווי ווערים נאָך איידער עס האָט זיך געשטעלט אויף די פיס; זיי וועלן זיך דערוויסן אַז די יידן פירן אַראָפּ פון וועג און פאַרסמען דאָס פוילישע פאָלק. דאָס, וואָס די אַנדערע צוויי וועלן דערנאָך זאָגן, וועט שוין קיינער נישט וועלן הערן אַפּילו. נאָר אין לעצטן מאָמענט האָט ער די סטראַטעגיע געענדערט: עס איז בעסער דער ייד זאָל זיין דער לעצטער און ער האָט דאָס וואָרט געגעבן צוערשט דעם פויער.

דער פויער, אין אַ לאַנגער טונקלברוינער סוקמאַנע פון גראָבהאַריק געוואַנט, אין שווערע יוכטאָווע שטיוול, אין אַ היטל מיט פיר שפּיצן און אַ גראַבלייוונטן העמד מיט רויטע און בלויע קנעפּלעך און אַ רויט סטענגעלע פּאַרנט — די טראַכט פון די פוילישע פויערן אין יענעם קאַנט — איז מיט פעסטע טריט אַרויף אויף דעם פּאַדיום. ווי אַ פויער האָט ער שווער געקאָנט אַרויסברענגען זיינע געדאַנקען. די פוילישע שפּראַך, וואָס איז ווייך און מעלאָדיש, איז פון זיין מויל אַרויסגעקומען האַרט, ווי שטיקער ערד, מיט וועלכער זיין נשמה איז געווען צוזאַמענגעוואַקסן. אָבער דאָס קול, עטוואָס רוי, איז ווי האַמערקלעפּ געקומען פון זיין ברייטער ברוסט אַרויס. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען קורץ און קלאָר: ער האָט געפּאָדערט מ'זאָל די ערד פון די פּריצים צעטיילן די אָרעמע פויערן. ער האָט אויסגערעכנט גוטסבאַזיצער, וואָס האָבן צו 5, 10 אַפּילו צו 20 און אויך צו 30 טויזנט מאָרג ערד, בעת די מייסטע פויערן האָבן צו דריי, צוויי און אַפּילו בלויז צו איין מאָרג ערד. אַ סך האָבן גאָרנישט. דער פויער האָט נאָ:וו געפרעגט: „פאַרוואָס לייגט די רעגי־רונג אַלץ אָפּ וואָס זי האָט צוגעזאָגט? זי האָט צוגעזאָגט צו צעטיילן די ערד — דאַרף זי צעטיילן. די פּאָדאַטקעס ווערן אַלץ גרעסער, מ'רייסט די לעצטע שקורע פון אָרעמען פויער, נאָך ערגער ווי די מאָסקאָלן האָבן געריסן, ערגער אַפּילו ווי די ניעמצעס. נישטאָ מער אַפּילו קיין שטרוי פאַר דער איינציקער בהמה, פאַרן פערד, וואָס איז איינגעקוואָרט ווי אַ פעלד נאָך לאַנגער טריקעניש. די ריפּן קריכן דורך דער אָפּגעבערעטער פעל. באַלד וועט עס אויסצ:ען די קאָפּעטעס. ווער וועט שלעפּן דעם פלוג? מיר וועלן זיך איינשפּאַנען, מיט די ווייבער אונדזערע, וואָס קאָנען שוין נישט דעם דוך צ:ען פון פּראַצעווען איבער די כוחות, און אַפּילו קיין פּאַסנע קאַרטאָפליע און אַ שטיקל שוואַרץ ברויט צו דער זעט נישט האָבן. מ'עסט

די גלאָמבבעס פון קרויט, ברוקווע גריזשעט מען, ווי בידלעס. די זין — אַ סך זיינען געפאַלן אין דער מלחמה. וויפל ס'זיינען אין פלען ווייס מע נישט. די צוריקגעקו־מענע זיינען קאַליקעס. איבערגעלאָזט האָט מען די נאָך נישט דערוואקסענע. וועט מען זיי איצט נעמען, אַוועקשיקן צו דער שחיטה. וואָס הייבט זיך אויפסניי שוין אָן. ווי גראָז: אונטערגעוואַקסן, געגוג גרויס שוין — קאָסען. די מיידלעך — נאַקעט, מיט די הינטנס און די ציצקעס אינדרויסן. אַ שאַנדע". געענדיקט — איז ער מיט זיינע שווערע טריט צוריק אַראָפּגעגאַנגען פון פּאָדיום, נישט וואַרטנדיק מ'זאָל אים פּאַטשן בראַוואָ. און זייער ווייניק האָבן דאָס געטאָן.

דער חבר פּאַרזיצער איז פלעגמאַטיש אויפגעשטאַנען, ווי אַ פּריץ, באַליידיקט וואָס דער קנעכט באַמיט אים. די באַרנענאָז אַריינגעמענדיק אין דער לינקער האַנט (אַודאי וועגן דעם שלעכטן ריח וואָס דער פויער האָט פאַר אים איבערגעלאָזט אויף דער טריבונע) האָט ער, אַ קלינג־טועַנדיק מיטן גלאָק, געזאָגט, אַז ער וועט דעם אָפּאָנענט גלייכער באַלד ענטפערן. ער האָט אָנגעוויזן אויף צווי זאַכן. ערשטנס: אַז דאָס פּאַרצעלירן די ערד אין איצטיקן מאָמענט וואָלט דעם יקרות פּאַרגרעסערט, ווייל — דאָס ווייסט יעדער — אַז קליינעווירטשאַפטן קומען אויס טייערער ווי גרויסע, די גרענעצן פון די צעטיילטע חלקים פאַרשלינגען אַ סך באָדן, דאָס באַ־אַרבעטן קליינע שטיקלעך פעלד, יעדעס באַזונדער, געדויערט אַ סך, אַ סך לענגער, ווי דאָס באַאַרבעטן זיי, ווען זיי זיינען צוזאַמען. „און מאַשינען?" — האָט דער סאָציאַ־ליסטישער גוטבאַזיצער געפרעגט די פאַרזאַמלטע. „די מאָדערנע אַגראַנאָמישע מאַשינען קאָסטן גרויסע פאַרמעגנס. קיין שום פויער וועט זיי נישט קאָנען קויפן, און ס'וואָלט אויך געווען דער גרעסטער אומזין, ווען יעדער פויער זאָל זיי קויפן. וועט דער פויער באַאַרבעטן זיין שטיקל ערד מיט די פּרימיטיווע מכשירים. ווייסט איר, — האָט ער זיך געווענדט צו די שטאָטישע, וואָס זיינען געווען דער רוב מנין פון די פאַרזאַמלטע, — וויפל איר וואָלט דאַן געמוזט צאָלן פאַר אַ פונט ברויט? — דאָס פאַרדינסט פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט וואָלט נישט געקלעקט אויף איין טאָג עסן! איר וואָלט מיט אייערע פרויען און קינדער אויסגעגאַנגען פון הונגער!" אַלע אויפן פּאָדיום, באַזונדערס דער פאַרשטייער פון דער רעכטער פויערנפּאַרטיי, אַליין אַ באַזיצער פון אַ סך מאָרגעס ערד, האָבן לאַנג און שטורמיש אַפּלאָדירט. דער שטאָטישער עולם, אין זיין אויפגעוועקטן אַנטאַגאָניזם צום פויער, האָט דעם אַפּלויז אונטערגעכאַפּט אין ווילדער באַגייסטערונג.

דער חבר יאַן האָט פאַרגעזעצט: „צווייטנס: דאָס, וואָס די רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט, וועט זי אויספירן. אָבער..." ער האָט לאַנג גערעדט, ביז ער האָט מיט אַ באַרג ווערטער פאַרשיט דעם אמת. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די רעגירונג איז אַ פּראָוויזאָרישע, און דאָס, וואָס זי האָט פּראָקלאַמירט, קאָן דורכגעפירט ווערן נאָר פון דער רעגירונג וואָס וועט געווילט ווערן פונעם גאַנצן פאָלק. די געוויילטע רעגירונג וועט אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע, אין דער קאָנסטיטוציע וועט זיין אויך אַ פונקט וועגן דער פּאַרצעלירונג פון דער ערד, די קאָנסטיטוציע וועט דורך אַן אָפּשטימונג אין סיים אָנגענומען ווערן, דער סענאַט וועט זי באַשטעטיקן, און דאַן... „איצט אָבער", — האָט פּאַן גנילאָווסקי אויסגערופן מיט זיין געמאַכט לייבנברומענדיק קול — „מוזן מיר פריער באַפרייען די געראַבטע פּוילישע ערד אונדזערע, וואָס איז נאָך אַלץ אין די רויבערס הענט! קיין שום זאַך, נישט בלויז

שטייערן — וויפל די רעגירונג זאָל נישט פאָדערן און ווי שווער ס׳זאָל אונדז נישט זיין צו צאָלן — טאָרן מיר איר נישט אָפּזאָגן, אַפילו דאָס לעצטע — אונדזער לעבן!״ נאָך אַ דונערדיקן אַפּלויז, וואָס האָט געדויערט לענגער און איז געווען שטורמישער ווי אַלע פריִערדיקע אַפּלויזן, האָט ער דאָס וואָרט געגעבן דעם חבר שטשעלקאָווסקין. ער האָט אים פאָרגעשטעלט: „מיין פריינט, אַ מיטגליד פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צו וועלכער איך האָב דעם גרויסן כבוד צו געהערן און זי איצט צו פּרעזענטירן, קענען אַ סך פון איך; נאָר מיין פריינט און חשובער חבר איז נישט מער איינשטימיק מיט געוויסע באַשלוסן פון אונדזער פּאַרטיי, צו וועלכער עס געהערט כמעט דאָס גאַנצע פּוילישע פּראָלעטאַריאַט, דער גרעסטער טייל פונעם פּויערטום, שיער די גאַנצע אינטעליגענץ, די מייסטע אָנגעשטעלטע אין אַלע צווייגן פון האַנדל און אינדוסטריע, די באַאַמטע פון אַלע מלוכהשע אינס־טיטוציעס און די מערהייט פון דער רעגירונג. מיין פריינט, דער חבר שטשעל־קאָווסקי, איז קעגן געוויסע פּונקטן אין דער רעגירונג, וועלכע — דאָס איז מיין פעסטע איבערצייגונג — ער טייטשט נישט ריכטיק אויס. אפשר, ווייל ער אָריענ־טירט זיך נישט גענוג קלאָר אין דער פּאָליטישער סיטואַציע, באַזונדערס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער, אָדער... ווייל ער האָט זיך, צום גרויסן באַדויערן, אָנגעהויבן אָריענטירן אין אַן אַנדערער ריכטונג, אין אַ שעדלעכער פאַר פּוילן, באַזונדערס אין דער איצטיקער גורל־שווערער צייט פאַר אונדזער אָקאָרשט באַפרייט פאָטער־לאַנד, וואָס איז ווי אַ מענטש נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקייט און מוז זיין זייער, זייער פאָרזיכטיק״. ווידער האָט ער זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע, וואָס דאָס איז געווען זיין אויסגעפּרוווט מיטל, און זיי געפרעגט: „וואָס געשעט, ווען מען צווינגט אַזאַ אָפּגעשוואַכטן פון אַ לאַנגער און שווערער קראַנקייט צו לויפן גיך, ווען מען מוז אים גאָר שטיצן ביי יעדן טריט, וואָס ער קאָן קוים ערשט מאַכן? נו, וועט זיין אַ פאַרגעניגן פאַר אונדז אויסצוהערן וואָס עס האָט צו זאָגן דער חבר שטשעלקאָווסקי, דער פירער פון דער ראַדיקאַלער אָפּאָזיציע אין אונדזער שטאָט. ס׳איז דאָ בלויז נאָך איין אָפּאָנענט, ווי מיר שיינט אייערס אַ נאָענטער פריינט (ער האָט זיך דערביי פאַרנייגט פאַר שטשעלקאָווסקין), וועלכער וועט אַוודאי רעדן אין נאָמען פון זיינע גלויבנסברידער, די היגע יידן. מיר וועלן זיין צופרידן אים אויסצוהערן, ווי עס פאָדערט אונדזער טאָלעראַנץ און דעמאָקראַטישקייט. ביטע, איר האָט דאָס וואָרט מיין פריינט, חבר שטשעלקאָווסקי״.

3

אַ קליינע גרופּע, צווישן זיי מאַטעוס דער גאַרבאַטער סטאָלאַרזש, דינהטשע, אויך יעקב און גאָר באַזונדערס די חברטע כעליאַ, האָבן דעמאָנסטראַטיוו געמאַכט אַ פייערדיקע אָוואַציע דעם חבר שטשעלקאָווסקין. יוזשעק האָט אויפן פּאָדיום זיך אויסגעגליכט, אָנגעוויזן זייער אָרט צווי באַזונדערס עקשנותדיקע בלאָנדע לאָקן, וואָס זיינען אים צופיל געקראָכן אין די אויגן אַריין, שטיפעריש אַ שמייכל געטאָן צום עולם און מיט חוזקדיקער ליבנסווירדיקייט געדאַנקט דעם פּאַרזיצער פאַן גנילאָווסקין פאַר זיין פאָרשטעלן אים פאַרן פּובליקום. אונטערשטרייכנדיק דאָס

ווארט פאַן (נישט אָנרופנדיק אים חבר) און באַטאָנענדיק דעם נאָמען גנילאָווסקי אַזוי, אַז אַלע זאָלן זיך אָנשטויסן דעם טייטש פונעם נאָמען (גנילי מיינט פאַר־פוילטער) האָט ער אָנגעהויבן: „איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז דער פאַן פאַרזיצער איז מיינס אַזאַ גרויסער פריינט... פיר מאָל האָט ער אייך דאָס היינט געזאָגט. נאָר דאָס האָט מיר ליידער איצט גאָרנישט געהאָלפן, ווייל די חברים, חוץ אַ קליין גרופּקעלע — וואָס וועט אָבער ווערן אַזוי גרויס, אַז ס'וועט דאָ־הינען מער נישט קאָנען אַריין — האָבן זייערע הענט נישט גערירט. (ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער). און ערשט נישט־לאַנג צוריק איז עס אַנדערש געווען", האָט ער זיך ווי באַקלאָגט און איז געוואָרן נאָך איראָנישער: „איר וואָלט געוווּן געדעכט, חברים, ווען איר וואָלט אייך אָפּגעווענדט פון מיר צוליב מיין פריינטשאַפט צו אַ גזטבאַזיצער... די צרה איז אָבער, וואָס ס'איז פאַרקערט: נאָכדעם ווי איך האָב מיך אָפּגעווענדט פון מיין פריצישן פריינט, קערט איר אייך אָפּ פון מיר"... ס'האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ געלעכטער, צוזאַמען מיט אַ מורמלען, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און געדראָט מיט אַ טומל. נאָר שטשעלקאָווסקי האָט די טומלער נישט געגעבן קיין צייט דערצו. ער האָט די מורמלער און טומלער גלייך איינגע־נומען: „חברים! איך האָף, אַז ס'וועט נישט זייער לאַנג געדויערן און איר וועט דערזען ווער ס'איז אייער פריינט און אייער חבר — אייער אמתער פריינט און אמתער חבר. אַ טייל פון די חברים דאָ און אין נאָך אַנדערע שטעט אויך — זיינען אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי. אַלע האָבן מיר געקעמפט ערלעך און איבערגעגעבן אונדזער פאָטערלאַנד צו באַפרייען. מיר זיינען אָבער אין דער מיינונג, אַז דאָס פּוילישע פאָלק: די 70 פּראָצענט פויערן, די אַרבעטער, די אָנגע־שטעלטע, אויך אינטעלעקטועלע — אַלע עקספּלואַטירטע און פאַרקנעכטע — האָבן געליטן נישט בלויז פון פרעמדן שונא". ווידער אַן אַפּלאַוז פון דער קליינער, איצט אַביסל שוין גרעסערער גרופּע, און אויך געשרייען פון פּראָטעסט.

ווידער אָנגעוויזן די צוויי העלגאַלדענע שקאַציעשע לאָקן, זיי זאָלן אים דאָך אויפהערן צו קריכן אין די אויגן אַריין, האָט דער מויערער אָנגעהויבן מיט דעם עיקר, מיט זיין קריטיק קעגן דער פּאָליטיק פון דער אייגענער פּאַרטיי און דער רעגירונג. ער האָט זיך באַמיט אין אַ קלאָרער שפּראַך און מיט איינפאַכע ווערטער אָנצווייזן אויף דעם פאַלשן און געפערלעכן וועג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין אויסלאַנד און אין אינלאַנד און דערמאָנט איר פאַרראַט קעגן פּראָלעטאַריאַט און דער גאַנצער מענטשהייט פאַר דער מלחמה. דורך קלאָרע און הימלשרייענדיקע פאַקטן האָט ער זיך באַמיט צו איבערציַיגן די פאַרזאַמלטע, אַז די רעגירונג דינט דער בורזשואַזיע, אַז זי העלפט באַוווסט און אומבאַוווסט דעם באַנקראָטירטן קאַ־פּיטאַליזם — אַן אַראָפּגעפאַלענעם פונעם פערד דורך דער פאַרשפּילטער מלחמה — צוריק אַריינצוזעצן זיך אין זאָטל. מיט זיין שניידנדיקן סאַרקאַזם האָט ער נאָכגעמאַכט דעם אַפּטייקערס זון, און אויך געפרעגט דעם עולם: „וואָס געשעט, ווען מ'צווינגט אַן אָפּגעשוואַכטן נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקייט — נישט צו לויפן גיך — נאָר צו שלעפּן ציגל אויף הויכע מויערן פון פרי ביז ביינאַכט מיט אַ ניכטערן מאָגן?"... (ס'איז געוואָרן אַ געלעכטער). נאָך קלאָרער צו מאַכן די האַנדלונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאָלקסרעגירונג (דאָס וואָרט סאָציאַליסטיש האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדערן חוזק) און גלייכצייטיק נאָך מער זיך

אפצורעכענען מיט זיין פערזענלעכן שונא, וועלכן ער האָט איצט פאַראַכט מיט זיין גאַנצער לײדנשאַפט, האָט ער געברענגט דעם קאָנקרעטן פאַל, דעם סאָציאַליסטישן גוטבאַזיצער אַליין. ער האָט ביז אויפן לעצטן טראָפּן אויסגענוצט דעמדאָזיקן לע־בעדיקן ביישפּיל אין יעדער הינזיכט; באַזונדערס אינעם פאַרניכטן דאָס נישט אויפהערן צו גלאָריפיצירן און צו פאַרגעטערן איינעם פאַר אַ ראָמאַנטישער טאַט, אינעם באַלויכטן די פאַלשקייט צו גלייבן ווייטער אין דעם העלד פון אַמאָל ווען ער איז שוין אין לאַגער פון שונא, און אינעם אַוועקלייגן דעם פאַקט פאַר אַלעמענס אויגן: דעם פאַלשן תירוץ פאַרוואָס די ערד ווערט נישט צעטיילט צו די אָרעמע פויערן. ער איז געוואָרן נאָך שאַרפער און געפרעגט: „וואָס הייסט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג קאָן נישט דורכפירן דאָס וואָס זי האָט פּראָקלאָמירט: אַוועקצונעמען די ערד ביי די רייכע פּריצים און זי געבן די וועלכע באַאַרבעטן זי? פאַרוואָס קאָן דידאָזיקע רעגירונג נעמען שטייער, רייסן די לעצטע שקורע פון די אָרעמע, ווי דער חבר פאַר מיר האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט? פאַרוואָס מעג דידאָזיקע רע־גירונג שאַפן אַ גרויסע און שטאַרקע אַרמיי און אָנהייבן אַ מלחמה? נעמען ביים פאָלק אַפילו דאָס לעצטע, דאָס לעבן — דאָס מעג זי, נאָר געבן טאָר זי נישט? דאָן הייסט עס: וואַרטן, וואַרטן אויף אַ געוויילטער רעגירונג, וואַרטן ביז זי וועט אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע, וואַרטן ביז די קאָנסטיטוציע וועט דורך אַן אָפּשטי־מונג אָנגענומען ווערן אין סיים, וואַרטן ביז די קאָנסטיטוציע וועט באַשטעטיקט ווערן דורכן סענאַט, וואַרטן, וואַרטן. אַ, דאָס צוזאָגן, דאָס הייסן וואַרטן, הייסן האָפן אויף שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער!" ווידער האָט ער זיך גענומען צום פאַר־זיצער, פאַרזיכערנדיק די פאַרזאַמלטע, אַז ער וועט באַלד קומען צום עיקר־פּונקט: וועגן אַרמיי און מלחמה. ער האָט אויסגעלאַכט דעם סאָציאַליסטישן גוטבאַזיצער: „ווי אַ גוטער עקאָנאָם — ווייל ער האָט אַ גוט — ווייסט ער, אַז קליינע ווירט־שאַפטן זיינען ווייניקער פּראַקטיש ווי גרויסע, און פון סאָציאַליסטישן שטאַנד־פּינקט — ווייל ער איז אויך אַ סאָציאַליסט — טאָר די ערד נישט צעטיילט ווערן, וואָס מיינט, אַז זי דאַרף בלייבן ביי די רייכע גוטבאַזיצער. און צוליב נאָך איין זאַך: וועגן די טייערע אַגראַרמאַשינען. דער אָרעמער פויער וועט זיי נישט קאָנען קויפן, אין ס׳וואָלט געוועזן דער גרעסטער אַבסורד — פאַרשטייט זיך אַז ווידער פון עקאָנאָמישן, ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט — ווען ער וואָלט יאָ געקויפט אַ טראַק־טאָר פאַר זיין קליין חלק ערד, אַפילו ווען ער וואָלט שוין געהאַט דאָס געלט דערצו. די פאַבריקן וואָלטן גאָר אַזוי פיל טראַקטאָרן און אַנדערע מאַשינען נישט געקאָנט צושטעלן... איז שוין גלייכער, אַז דער אָרעמער פויער זאָל ווייטער קראַפּירן מיט ווייב און קינד פון הונגער, ווייטער זיין קנעכט ביים גוטבאַזיצער, אַבי ס׳זאָל דעם שטאַטישן מענטש גיין גוט, ער זאָל קריגן בזיל הזול פון כל טוב... דער אַרבעטער וועט ווייטער זיין פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט מוזן אַוועקגעבן דעם לוין פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט פאַר איין ברויט; אַזאַ יקרות וואָלט דאָן געוועזן..." דער שגץ האָט זיך צעקרעכצט: „אוי, אוי, אוי"...

דער עולם האָט זיך צעלאַכט.

„און פאַרוואָס איז איצט אַזאַ יקרות?" האָט דער אָפּאָנענט זיך געווענדט נאָך אַ דערקלערונג צום גרויסן עקאָנאָם, דעם סאָציאַליסטישן גוטבאַזיצער. געענטפערט האָבן אַלע אויפן פּאַדיום און אַ סך שטימען פונעם עולם: „צוליב דער מלחמה! די

דייטשן און די עסטרייכער האָבן אויסגערויבט ס'לאַנד, האָבן די תבואה, ס'גאַנצע עסנוואַרג — אַלץ — אַוועקגעפירט פונדאַנען!" שטשעלקאָווסקי האָט צוגעגעבן: „אמת. דאָך פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס בעת דער מלחמה (איצט שלאָגט מען זיך נישט מער; דערווייל, ביז ס'וועט זיך אָנהייבן אויפסניי) און אין דער גאַנצער צייט פון דער אָקופּאַציע איז דער יקרות נישט געווען אַזוי גרויס ווי ער איז איצט". עטלעכע צווישן עולם האָבן געשריגן: „די יידן!" „די פּאַסקאַזשעס!" „די שמוגלערן!" נאָר דער מויערער האָט זיי איבערגעשריגן און איינגעשטילט: „חברים און פריינט! איך בין נישט קיין ייִד, דאָס ווייסט איר אַלע, און די הערן אויפן פּאָדיום, מיטן פּאַרזיצער בראש, ווייסן עס אויך. אָבער איך בין אַ סאָציאַליסט און ווייס דעריבער נאָר פון שולדיקע, וועט זיי זאָלן נישט זיין! די נאַציאָנאַליטעט פונעם פאַרברעכער גייט מיך נישט אָן! איך וועל קיינעם פון זיי נישט פאַרטייַ־דיקן! איר ווייסט אַלע, אַז שמוגלערס, פּאַסקאַזשעס, וואַלוטשאַרזשעס — און נאָך אַ סך אַנדערע אַזעלכע שטייגער פּראָפעסיעס — אַז אַלע דידאָזיקע פאַרשוינען זייַ־נען אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּאַראַזיטן־געווימל פון באַשניטענע און נישט באַשניי־טענע! דאָס העסלעכסטע דערביי איז נאָך, וואָס אין מאָמענטן פון פאָלקס־אויפברויז, ווען דאָס פאָלק קאָן די אָרעמקייט און די נויט שוין נישט מער אויסהאַלטן, ווען דער הונגער טרייבט עס צום אויפשטאַנד קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער רויבער־באַנדע — פאַרקערעווען די הערן פון דער קריסטלעכער ליבע, די הערן פאָלקס־דעמאָקראַטן און די אַנדערע זייערע שותפות־פּאַרטייען, דעם צאָרן פון די, וואָס האָבן זיך דערהויבן, קעגן די ייִדן! דידאָזיקע הערן שעמען זיך אַפילו גאָרנישט דערביי פאַר זייערע יידישע שותפים, מיט וועלכע זיי האָבן נעכטן געהאַנדלט (און מאַכן ווייטער נאָך גוטע געשעפטן מיט זיי), אויף זיי אַרויפצולייגן די גאַנצע שולד! און בלויז דערפאַר, ווייל פון איצט אָן ברויכן זיי נישט מער די ייִדן פאַר קיין העלפער, זיי ווילן אַליין אויפפרעסן און אויסזויגן דאָס בלוט פונעם פאָלק! דערביי מאַכן זיי קיין שום חילוק נישט! דער ייִד איז טאַקע דאָס ערגסטע; אָבער זיין געלט איז גוט". אַ ביטערער שמייכל האָט צעקרומט זיינע שיינע ליפּן און פון זיין האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן: „חברים און פריינט! איר ווייסט גאַנץ גוט אַז די ייִדן זיינען נישט אַלע שמוגלערס און פּאַסקאַזשעס, ווי מיר, די קריסטן, זיינען נישט אַלע קיין גוטבאַזיצער, קיין רייכע וויעלמאַזשנעס. איר קענט די ייִדן דאָ אין דער שטאָט. וויפל זיינען דאָ צווישן זיי רייכע? די מייסטע זיינען אָרעם, באַלמעלאָכעס, אַרבעַ־טער. דאָסזעלבע איז אין יעדער שטאָט און שטעטל. און אויף זיי מאַכט דאָס פּעבל פּאָגראָמען! יאָ, דאָס פּעבל, נאָר דאָס פּעבל! דער באַוווסטזיניקער אַרבעטער וועט נישט פאָלגן די הערן פון דער „דוואָ גראָשי"! ער ווייסט ווער ס'איז זיין שונא! אַז ס'איז דאָ בלויז איין איינציקער שונא: דער קלאַסן־שונא!"

איצט האָט די מערהייט פון אַרבעטער שטאַרק אַפּלאָדירט.

„מיר אַרבעטער", — האָט דער מויערער אויסגערופן, — „ווייסן בלויז — ווייל דאָס זעען מיר און דאָס פילן מיר אויף אונדזער פעל — אַז ס'זיינען דאָ אָרעמע און רייכע, עקספּלואַטירטע און עקספּלואַטירער! מיט יעזוסן און משהן האָט עס נישט צו טאָן!" — ווידער אַן אַפּלויז, נאָר אַ קלענערער. דער אָפּאָנענט האָט נאָך גערעדט עטלעכע מינוט וועגן דער פאַרצעלירונג פון דער ערד, אַז זעלבסט־פאַרשטענדלעך מוז מען ביי די פּריצים אַוועקנעמען אויך די טראַקטאָרן, אַלע מאַ־

שינען, און די פויערן זאָלן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן באַאַרבעטן זייערע קליינע ווירטשאַפטן. ער האָט פאַרזיכערט דעם עולם, אַז די גוטבאַזיצער האָבן ליגן באַ־האַלטן גענוג תבואה און אַנדערע אַגראַרפּראָדוקטן, אַז דער הונגער און דער יקרות וואָלט געווען אַ סך קלענער, ווען די רעגירונג זאָל די פּריצים צווינגען צו פאַר־קויפן דער באַפעלקערונג די באַהאַלטענע שפּייז צו פעסטבאַשטימטע פּרייזן, אָדער אַלץ קאָנפיסקירן. — „נאָר די רעגירונג״... ער האָט געשוויגן אַ מינוט און איז דאַן איבערגעגאַנגען צום ענין אַרמיי און מלחמה. ווי אַן הקדמה האָט ער דערמאָנט, אַז דער פאַרזיצער האָט ביים פאַרשטעלן אים, געזאָגט: „ווייל ער האָט זיך, צום גרויסן באַדויערן, אָנגעהויבן אָריענטירן אין אַן אַנדערער ריכטונג, אין אַ שעדלע־כער פאַר פוילן״... און צום סוף, ביים מעלדן וועגן נאָך איין אָפּאָנענט, אַ ייִד, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר מיר: „אייערס אַ נאָענטער פריינט״... שטשעלקאָווסקי האָט וואָרענענדיק אויסגערופן: „די לעצטע באַמערקונג האָט דערדאַזיקער גרויסער סאָציאַליסט געמאַכט מיט אַ גוטער אויסרעכענונג, הגם אָן אָריגינעלקייט, ווייל דאָסזעלבע טוען אַלע בורזשואַזנע פּאָגראָמציייטונגען: זיי דערציילן אייך, אַז נאָר די ייִדן זיינען די קאָמוניסטן אַז זיי שטעקן אָן דאָס פוילישע פאָלק מיטן באָל־שעוויזם!״

נאָך אַ מאָמענט שוויגן האָט שטשעלקאָווסקי פאָרגעזעצט: „חברים, מיר וועלן איצט איבערגיין צו די היסטאָרישע גרענעצן, באַזונדערס אין מזרח״. ער האָט זיך באַמיט, אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן קריגן אַ ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגן די צוויי פאָרגעקומענע רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, וועגן דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־און פויערנרעגירונג דאָרט און געפרעגט: „פאַרוואָס מוזן מיר פירן מלחמה מיט די חברים פון אונדזער אידייע? איז דען נישט מעגלעך, אַז אונדזער רעגירונג — אויב זי איז טאַקע אַ סאָציאַליסטישע, ווי זי רופט זיך — זאָל וועגן די היסטאָרישע גרענעצן פאַרהאַנדלען מיט דער רוסישער אַרבעטעררעגירונג און נישט גלייך שלאָגן זיך? יאָ, מ׳שלאָגט זיך! דערווייל רופט מען אָן די מלחמה, וואָס האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן, צווישנפאַלן, גרענעץ־צוזאַמענשטויסן, פּאַטרול־אינצידענטן. אָבער ווו זיינען די פוילישע, היסטאָרישע גרענעצן? דאָרט, ווו פויליש מיליטער האָט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט געפירט אימפּעריאַליסטישע מלחמות, אָדער דאָרט, ווו ס׳לעבן היינט גרעסערע טיילן פון דער פוילישער באַפעלקערונג? נאָר דאָס פּראָבלעם נאַציאָנאַלע גרענעצן מוז פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט גאָר אַנדערש געלייזט ווערן. טאַקע ווי אין רוסלאַנד. יאָ, ווי אין רוסלאַנד, דורך אַ פע־דעראַציע פון פעלקער!״

דער אָפּאָנענט האָט ווידער געשוויגן אַ מאָמענט און דאַן ווידער אָנגעהויבן, נאָר מיט אַ געענדערטן טאָן, מיט אַן איראָניש־ווייטיקלעכן: „אַצינד, חברים! איך האָב עטלעכע מאָל שוין געבראַנגט רוסלאַנד פאַר אַביישפּיל. דערמיט באַשטעטיק איך, פאַרשטייט זיך, דעם פאַרזיצערס אַנדייטן, אַז איך בין אַ קאָמוניסט, אַ רוסי־שער באָלשעוויק. דאָס איז דער גורל שטענדיק געווען — און וועט שטענדיק זיין — פון יעדן, וואָס איז נישט איינשטימיק מיט דער הערשנדיקער מיינונג פון דער מערהייט, געשטעמפּלט צו ווערן פאַר אַ צוגעהעריקן צו יענער ריכטונג, וועלכע איז אָמשטאַרקסטן פאַראַכט און פאַרהאַסט פון דער עפנטלעכקייט״. ער האָט רעזומירט: „באַוווסט און אומבאַוווסט, דורך דער שטענדיקער פאַלשער פשרה־

פּאָליטיק פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן, צווישן וועלכע ס'זיינען דאָ אַ סך פּאַררעטער — צוליב זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן — העלפן דידאָזיקע רעגירונגען אומעטום דער בורזשואַזיע, העלפן דעם באַנקראָטירטן קאַפּיטאַליזם צוריק צו קריגן די מאַכט, העלפן אים מיט אַלע מיטלען, דערלאָזנדיק אַפילו די נידעריקסטע און ווילדסטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און פּאָגראָמען! אַפילו אַ גרויסע און שטאַרקע אַרמיי שאַפט דידאָזיקע רעגירונג, אַן אַרמיי פאַר דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע, פאַר איר צווייפאַכן און איצט דרייפאַכן צוועק: מיט דעם מיליטער — אַרבעטער אין זעלנערישע מונדירן און מיט ביקסן — צו באַקעמפן די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, צו דערשטיקן און אין בלוט צו דערטרינקען יעדן רעוואָלט און רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד און דורך אימפּעריאַליסטישע מלחמות נאָך רייכער צו ווערן, די אָנגערויבטע פאַרמעגנס נאָך צו פאַרגרעסערן! איר דריטער צוועק איצט איז: צו פאַרניכטן דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווייל דער זיג איז די טויט־סכנה פאַרן קאַפּיטאַליזם!"

4

נאָכן דאָזיקן רעזומען איז שטשעלקאָווסקי אַראָפּ פון פּאָדיום, ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, אַ סך אַ גרעסערער און שטורמישערער, ווי ס'האָט געקראָגן אַפילו דער גרויסער און ביים עולם באַליבטער אָראַטאָר טשעמנאָווסקי. העלענאַ איז די גאַנצע צייט געזעסן צווישן איר ברודער ברוך און פוקסמאַנען. זי האָט יעדעס מאָל אַפּלאָדירט איר יאַנען, צוזאַמען מיט די אָנהענגער זיינע, און געטומלט מיט די קעגנער פון שטשעלקאָווסקין. נאָר אַצינד איז אַפילו זי מיטגעריסן געוואָרן און געפּאַטשט בראַוואָ איר שוועסטער כעליאַס געליבטן, דעם אָרעמען און פּראָסטן מוליער־שגץ, ווען זי האָט צוזאַמען מיט איר פאָטער (און אַלע פון זיין קלאַס) געהאַסט. פוקסמאַן איז צוערשט געזעסן צווישן די יידישע סאָציאַליסטן, צו וועלכע ער האָט זיך פון לאַנג שוין געשאַרט און זיך געהאַלטן אינגאַנצן פאַר אַ זייעריקן פון נאָך דער שוועסטערס טראַגישן טויט אָן; אָבער ער האָט זיך לעצטנס גענומען שאַרן אויך צום ציוניזם און צו העלענאַן. דעריבער — ווען שטשעלקאָווסקי האָט גערעדט — האָט ער פאַמעלעך זיך צוגערוקט צו איר.

דער חבר פּאָרזיצער האָט געשריגן מיט אַלע כוחות: „פאַן ליכ־טענ־בערג! ער האָט מיטן גלאָק אָפּגעשטעלט דעם שטורמישן אַפּלויז. „דער לעצטער אָפּאָנענט", האָט פאַן גנילאָווסקי געשריגן; „דאַן וועל איך ענטפערןביידע!" ער האָט זיך געווענדט צום אַרויפגעקומענעם אויפן פּאָדיום: „פאַן ליכטענבערג"!

נאָר דאָס מייסטע, וואָס יעקב האָט געהאַט צו זאָגן, האָט אים שטשעלקאָווסקי „אויסגעכאַפּט". און הגם ער איז איצט נישט אין אַלעם געווען איינשטימיק מיט זיין פריינט, האָט ער אָבער נישט מער געוואָלט באַרירן די אַלע פּונקטן, וועגן וועלכע יענער האָט גערעדט. ס'וואָלט געווען בלויז איבערחזרונג און דער פּאָרזיצער וואָלט אים אָפּגעשטעלט. אויך וואָלט זיין שטאַנדפּונקט וועגן רעגירונג און מאַכט דער רוב (און אפשר אַלע) פון די פאַרזאַמלטע נישט פאַרשטאַנען און ער וואָלט זיך בלויז לעכערלעך געמאַכט. האָט ער דעריבער גענומען רעדן וועגן

מלחמה, נישט ווי זיין פריינט שטשעלקאָווסקי, פון אַ פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטי־שער באַלויכטונג, נאָר פון עטישן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס גרעסטע און שרעקלעכ־סטע פאַרברעכן פאַר יעדן מענטש איז בלוטפאַרגיסונג און צעשטערונג. אין זעלבן זין האָט ער אויך גערעדט וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געבושעוועט, און אויך וועגן די פּאָגראָמען. דערביי האָט אויסגעבראָכן אַזאַ טומל און אַזאַ אַנטיסע־מיטישער שטורעם אין זאַל, וואָס האָט איבערראַשט די קליינע גרופּע פון דער ראַדיקאַלער אָפּאָזיציע און די ערלעכע ליבעראַלן. נישט בלויז דאָס פּעבל האָט געשריגן: „יִיד, אַראָפּ!" נאָר אויך זייער אַ סך אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן ליאַרעם: „זשידזשי! שמוגלאַזשי! פּאַסקאַזשי! באָלשעוויקי! פּוילנס שונאים! קיין רוסלאַנד! קיין פּאַלעסטינאַ! אַרויס פון דאַנען! אַרויס פון אונדזער לאַנד! מיר ווילן אייך דאָ נישט האָבן! פרעמדע זייט איר! ליטוואַקעס! דייטשן!"

פּאַן גלינאָווסקי, דער סאָציאַליסטישער גוטבאַזיצער, האָט פריִער גוט אויס־גערעכנט און דערגרייכט וואָס ער האָט באַדאַרפט. סטאַך, דער חזיר־שלעגער און שמוגלער, האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַן אויג אויף דודן; ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אָפּגערעכנט מיט אים פאַר יענער נאַכט אין וואַלד און איצט געפונען די געלעגנהייט. ער האָט זיך אינעם טומל און ליאַרעם אַ ריס געטאָן צום יונג און אים דערלאַנגט מיט דער פויסט צווישן די אויגן. דאָס איז געווען אַ סיג־נאַל. נאָר דער ערשטער צייכן אָנצוהייבן אַ געשלעג איז געגעבן געוואָרן פון אויבן. ביים אויסברעכן פונעם אַנטיסעמיטישן געפילדער אינעם זאַל זיינען אַלע פון פּרעזידיום אויפן פּאָדיום אויפגעשפּרונגען, און ווי אַ וואַנט — זיך רוקנדיק צום ראַנד פון דער ראַמפּע — האָבן זיי יעקבן פון דאָרט אַראָפּגעשטופּט: ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער עסטראַדע.

דאָס פּעבל האָט זיך געוואָרפן אויף די יִידן, נישט מאַכנדיק קיין חילוק צווישן די סאָציאַליסטן און די בירגערלעכע. די לעצטע: יִידן מיט בערד און אין לאַנגע קאַפּאָטעס, צווישן זיי בערל פאַרבער, קלמן בלאַכערזש און מעכל פּאָליטי־קער, איטשע שוסטער און אַנדערע באַלמעלאָכעס, קרעמער און מעקלער; יונגעלייט ווי ברוך, פאַניע בערנפעלס זון און דער לערער יצחק לערמאַן — אַלע געבוקטע, מיט די קעפּ באַהאַלטן צווישן די אַקסלען און כאַפּנדיק כסדר קלעפּ — האָבן זיך געלאָזט צו די טירן, זיך שטופּנדיק און רייסנדיק דורכן עולם. פוקסמאַן האָט ווי אַן אמתער קאַוואַליער און געטרייער ריטער די גאַנצע צייט געשיצט העלענאַן, וואָס מיינט: ווען מ'האָט זי אומגעוואָרפן, האָט ער מיט ברוכן זי אויפגעהויבן. די יִידישע סאָציאַליסטן אָבער — אַ גאַנץ נישקשהדיקע צאָל חברים און חברטעס, צוזאַמען מיט די באַוווסטזיניקע פון די קריסטלעכע קאַמעראַדן און שטשעלקאָווסקי בראש — האָבן געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד די כוליגאַנעס. דערביי האָט זיך דינהטשע גרינצוויג גאַנץ פיין אויסגעצייכנט. כעליאַ האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טעם פון פיזישן קלאַסנקאַמף און ס'איז מקוים געוואָרן, ווי ס'האָט אַמאָל אין אַ געוויסן מאָמענט זיך אַרויסגעריסן פון איר יונג באַגייסטערט האַרץ, צו קעמפן צוזאַמען מיט איר געליבטנס פאָטער. זי האָט דעמאָלט געלייגט איר שלאַנקן אָרעם אַרום דעם סטאַלאַרזשס לענדן און אויסגערופן: „מיר וועלן צוזאַמען, אויטשעץ"... אַצינד איז זי צוזאַמען מיטן אַלטן בעל־מום געשלאָגן און געטראָטן

געוואָרן. די פּאָליציי, וואָס האָט אין זאַל געהאַלטן די אָרדענונג — אָנגעפירט פונעם „סטאַרשי", דעם אַוואַנסירטן קאַספּער שטשעלקאָווסקי — האָט זיך אַביסל „פאַרשפּעטיקט" ביים דערפילן די פליכט, און איז דערנאָך שוין געווען צו שוואַך. אַ גליק, וואָס עטלעכע פון פּרעזידיום, צווישן זיי פאַן גבילאָווסקי און דער פאַן טשעמנאָווסקי, זיינען געפאַלן אויף אַ גוט מיטל: זיי האָבן גענומען זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן. דאָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס געשלעג. דאַן האָבן די אַרבעטער געזונגען „טשערוואָני שטאַנדאַר" און זיינען זיך צעגאַנגען.

קאַפּיטל צוואַנציק

דעם סופרס קאַמף

1

נאָך יענעם וויכוח, וואָס דער סופר האָט געהאַט מיט יעקבן, איז אַ סך פאַרגעקומען ביי אים. דאָס מיידעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין מיטן פעלד ביים צווייטן מאָל לויפן פון דער שטאָט, איז געשטאָרבן און יוכבד האָט אויפסניי געהאַט אַ קינד — ווידער אַ מיידעלע. נאָר דאָס שטאַרבן פון קליינע קינדער איז דעמאָלט געווען פּונקט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך ,ווי זייער געבוירן ווערן. ביי מירעלע די רעסטאַראַטערקע איז כמעט אין דער זעלבער צייט געשען דאָס איינגענע. די ענדערונג אָבער, וואָס איז פאַרגעקומען אינעם סופר, איז געווען אַ מערקווירדיקע. ער האָט זיך דערביי דערמאָנט, אַז ווען ער איז געווען אַ קליין ייִנגל, האָט ער געהאַט אַ טבע נישט תמיד צו גלייבן. אים שרעקן מיט שדים — דערפון האָט ער זיך אויסגעלאַכט. ווען ער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר דרייצן־פערצן — און געווען איז ער דעמאָלט אויסטערליש פרום — האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אים ספיקות אין בורא עולם. דערפון האָט ער דעמאָלט אַזוי געליטן, אַז ער האָט זיך געווונטשן דעם טויט. סאַרע תשובות ער האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבן! ס'האָט דערפון קיינער נישט געוווּסט. שפּעטער האָבן די ספיקות אויפגעהערט און ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיי.

איז געקומען יענער אומגליקלעכער זומער פון דער מלחמה, דער נסיון אין פעלד און וואַלד, און ער, דער פרומער סופר, האָט נישט אויסגעהאַלטן; ער האָט דעם יצר־הרע נישט געקאָנט גובר זיין און געזאָגט: „מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה". ער איז דערפאַר באַלד געשטראָפט געוואָרן, זיך פאַרקילט און פון דעמאָלט אָן איז ער אַזוי קראַנק.

איצט איז ער שוין זייער קראַנק.

נאָר ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז ביי אַזאַ קלייניקייט האָט דער מיאוסער יצר־הרע אים — שטענדיק אַזאַ שטאַרקער — געקאָנט בייקומען? דערנאָך האָט דער יצר־הרע אים שוין אַפילו מער נישט באַדאַרפט אָנרעדן. דער סופר האָט שוין מער נישט אָפּגעריסן זיינע אויגן פון דער שיינקייט אין וואַלד, פון יעדן גרינעם בוים, פון יעדער בליונג, פון דער תבואה אין די פעלדער, פון יעדן גרעזל, פון

יעדן ווערימל, פון יעדן פאַרבייפלינעדיקן און טשוויטשערדיקן פייגעלע, פון הימל, פון דער זון און פון די שטערן ביינאַכט. ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט פאַרקומען מיט אים? דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דער חשק צו שיינקייט איז ביי אים תמיד געווען זייער שטאַרק; נישט בלויז צו שיינקייט אין דער טבע, נאָר צו אַלץ, וואָס איז שיין. ער האָט תמיד געהאַט גרויס הנאה פון די געמעלעכצן אין דער שול, פון אַ שיין הויז, פון שיינע מלבושים, פון שיינע כלים אין שטוב, פון אַ ספר, וואָס איז געווען שיין געדרוקט און שיין געבונדן. ער האָט געהאַט אַ שיין כתב און פון ווייטע שטעדט איז מען געקומען ביי אים באַשטעלן ספר־תורהס אָדער מגילות. פאַר זיינס אַ מזוזה האָבן יידן געצאָלט מער ווי אַן אַנדערן סופר. זיי האָבן געזאָגט: „אַ וואונדערלעך כתב!" אַז די מוטער זיינע האָט אים איינגערעדט: יוכבד איז צו אַלע מעלות אירע אויך אַ יפת תואר, איז ער מרוצה געוואָרן אויפן שידוך. דאָך איז ער קיינמאָל נישט — ביז יענעם זומער — נכשל געוואָרן אין זיין חשק צו שיינקייט.

עס שטייט אָבער געשריבן: „עבירה גוררת עבירה". ר' שאול איז דערנאָך שוין געקומען אַפילו דערצו, צו זוכן אַ התיר אויף זיין עובר זיין אויפן פסוק ט' אין פרק שלישי פון „פרקי אבות". ער האָט דאַן שוין גענומען טייטשן: „די שיינקייט אין דער טבע האָט הקדוש ברוך הוא דאָך געשאַפן פאַרן מענטשנס אויג; דער מענטש באַוואונדערט דעם רבונו של עולם אין דער שיינקייט און דערמיט לויבט ער זיין נאָמען. מ'דאַרף נאָר נישט מפסיק זיין במשנה, ווייל לערנען איז מער. מ'טאָר נישט צו פיל — און שוין אוודאי נישט אינגאַנצן ח"ו — זיך לאָזן אוועקטראָגן פון דער שיינקייט, וואָס איז בלויז נאָר איין טראָפּן פון בוראס גרויסקייט"! דאָס אייגענע האָט אים טאַקע אויך געזאָגט ר' איסר, ווען ער האָט מיט אים געשמועסט דעריבער. אָבער פון דעמאָלט אָן איז ער אין זיינע וויכוחים מיט יעקבן שוין נישט מער געווען אַזוי שאַרף און שטרענג צו יענעמס אַפּיקורסות. זיין האַרצווייטיק צוליב האָבן אַן עוכר ישראל פאַר אַ זון איז שוואַכער געוואָרן. נאָך מער: דער גרויסער ירא־שמים איז געקומען אַלץ נענטער צו זיין בכורס געוויסע געדאַנקען. און ווידער האָט אים ר' איסר אַ סך געהאָלפן אין דעם. ווייל תמיד, ווען דער סופר האָט גערעדט מיט זיין ידיד וועגן יעקבס געוויסע געדאַנקען און זיך מתרעם געווען פאַר אים אין וואָס פאַראַ ספיקות דער פושע האָט אים אַריינגעשטויסן, האָט ר'איסר זיך געשטעלט על הצד הפושע. דאָס איז געשען טיילמאָל, ווען אַלע דריי האָבן זיך מתווכח געווען. חושד זיין ר' איסרן אין אַפּיקורסות האָט דער סופר נישט געקאָנט. פאַרקערט, ער האָט זיך נישט איינמאָל געוווּנטשן צו זיין אַזאַ משולם ווי זיין ידיד, צו האָבן אַזאַ ריין, שלימותדיק און תמימותדיק האַרץ ווי יענער האָט, צו קאָנען דינען דעם בורא מיט אַזויפיל לויטערקייט, מיט אַזויפיל הייליקער און שיינער חדווה ווי דער פרוש. אויך מיט הענעך מלאך, וועלכער פלעגט טיילמאָל קומען צום סופר פרעגן אויף זיין בריאות־הגוף, פלעגט ער רעדן וועגן זון. דערדאָזיקער הענעך ווידער האָט געהאַלטן מיט אים, מיט ר' שאולן. אָבער אים האָט ר' שאול חושד געווען אין פניותדיקייט, און ס'זיינען אים אויך נישט געפאָלן יענעמס חריפות. נאָר די וואָגשאָל אויף יעקבס זייט האָט איבערגעוויגן דער תנ"ך.

ביים אויסשטעלן די ספרים אויפן שרעגעלע, וואָס דער באַלעבאָס האָט פּאַר אים געמאַכט ווי אַ מתנה, האָט דער סופר אַוועקגעלייגט אויפן טיש איין דיק ספר מיט אַן אָפּגעריבענעם ליישענעם אויפשריפט „כתבי הקודש" אויפן לעדערנעם רוקן. דער סופר האָט זיך זייער לאַנג געישובט, צי ער זאָל זיך נעמען צום דאָזיקן ספר. ווי לאַנג איז שוין אַז ער האָט עס נישט געעפנט? — שוין זייער, זייער לאַנג. אַ 2 יאָר איידער ר'איז געוואָרן אַ חתן האָט ער אויף אַ זייער שטאַרקן אופן זיך גענומען צום תנ"ך. נאָר ער האָט אויפגעהערט אין מיטן „יחזקאל" און זיך גענומען צו „משלי", צו „איוב", צו „קוהלת" און אַלע נישט געענדיקט. ער האָט איינגעזען, אַז ער איז נאָך אַלץ נישט ראוי דערצו. עטלעכע מאָל האָט ער זיך גענומען צום תנ"ך און יעדעס מאָל אויפגעהערט: מורא געקראָגן, זיך נישט געטרויט. נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבן פאָרן צו אַ רבין און אים דאָס דערציילט. האָט אים דער רבי געזאָגט: „ווער ס'האָט מורא אַרויפצוגיין אויף אַ הויכן באַרג, מחמת ער שרעקט זיך, אַז ר'וועט אַראָפּפאַלן — זאָל ער נישט גיין". און מוסיף געווען: „ס'זיי־נען דאָ גענוג אַנדערע ספרים, שאול". פון דעמאָלט אָן האָט עס אים דווקא זייער שטאַרק גענומען ציִען צו די נביאים; אָבער ווייל ס'האָט אים אַזוי שטאַרק גע־צויגן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער רבי איז גערעכט...

ס'זיינען אַוועק טעג נאָך טעג און דער סופר האָט מורא געהאַט זיך צוצורירן צום ספר מיט די אָפּגעריבענע געליישטע אותיות אויפן לעדערנעם רוקן. אָבער דער חשק צום תנ"ך איז אַצינד געווען אַזוי גרויס אין אים, גרעסער ווי אין וואַלד יענעם זומער דער יצר־הרע, וואָס האָט אים אָנגערעדט צו קוקן אויף די ביימער און זיך צו קוויקן מיט זיי. דער חשק האָט פּשוט געברענט אין אים. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום ספר אויפן טיש, האָט אָבער ס'האַרץ גענומען שטאַרקער קלאַפּן אין אים. ביז ער האָט גובר געווען דעם פּחד. אַנגע־צונדן אין אים אויפסניי דעם דאָזיקן חשק האָט יעקב מיט די עטלעכע פּסוקים פון ישעיה, וועלכע ער האָט דעמאָלט ביים וויכוח געבראַכט. אָבער גאָר אַנדערש האָט דער פרומער און זייער קראַנקער ר' שאול אַצינד געלערנט די נביאים, גאָר אַנדערש ווי דעמאָלט, איידער ר'איז געוואָרן אַ חתן. אָן די מפרשים, אָן דעם הרד"ק, אָן „מצודת ציון" און אָן דעם אַריינטייטשן און אַריינחקרנען פון אַמאָל. אין רש"י האָט ער יאָ געכאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ בליק. אָנגעהויבן האָט ער מיט די נביאים אחרונים און זיי אַלע אַדורכגענומען.

איז ער געווען שטאַרק צערודערט. אויפסניי האָט ער אָנגעהויבן מיט „חזון ישעיהו" און געענדיקט מיטן לעצטן פּסוק פון מלאכי. זייער לאַנג האָט ער נאָכ־געטראַכט וועגן דעם „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם". און געטייטשט: „און ער וועט אומקערן דאָס האַרץ פון עלטערן צו קינדער און דאָס האַרץ פון קינדער צו זייערע עלטערן, כדי איך זאָל נישט קומען, און שלאָגן דאָס לאַנד מיט פאַרוויסטונג." און די לעצטע וואָרענונג איז: „הנה אנכי... זעט, איך שיק צו אייך אליהו הנביא, איידער עס קומט דער טאָג פון גאָט, דער גרויסער און דער מוראַ־דיקער".

וואָכן־לאַנג האָט דער סופר געטראַכט, אַז אפשר איז דער רבי דעמאָלט דאָך

גערעכט געווען מיט די ווערטער: „ווער ס'האָט מורא אַרויפצוגיין אויף אַ הויכן באַרג"... דער רבי האָט מיט דעם וואָרט „מורא" געמיינט נכשל ווערן, אויפהערן גלייבן אין דעם, וואָס לעבט אייביק. אָבער דאָס איז נישט געשען. „חס וחלילה"! — האָט דער פרומער סופר אויסגערופן הויך אויפן קול צו זיך אַליין. — „אדרבא"! און ער איז באמת געוואָרן נאָך אַ שטאַרקערער ייִד ווי ער איז געווען. ער האָט פון טאָג צו טאָג איצט געפילט, אַז ער ווערט באמת אַן אַנדערער ווי ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן; אַז זיין פרומקייט, זיין ייִדישקייט קריגט נאָך אַן אַנדערע, כמעט נייע באַדייטונג. ס'איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געוואַקסן אין זיך, געוואָרן העכער און העכער... ער האָט דערפילט, אַז ער ווערט אויך געזינטער; אַז ס'קומען אים צו נייע כוחות. איז געשען מיט אים אַ נס? ס'האַרץ איז אין אים געשפּרונגען פון פרייד; זיינע אויגן האָבן גענומען לויכטן; ס'פּנים האָט זיך צעשיינט; ס'האָט זיך צעגאָסן אַ גליקזעליקער שמייכל איבער אים. יוכבדן איז איינגעפאַלן, אַז איר מאַן האָט זיך פאַרענדערט: ער זעט אויס בעסער, פרישער — ער שטראַלט. אויך יעקב האָט דאָס באַמערקט. אויף אַלעמען איז געקומען אַן אומגעריכטע שמחה. אַן שפּיטאָל, אַן אַטוואָצק אָדער שווייץ, איז געקומען די רפואה...

פרעגן וועגן דעם איר מאַן האָט זיך יוכבד נישט געטרויט, ווי אַלע אַזעלכע פרומע ייִדישע פרויען, וואָס האַלטן זיך נישט פאַר ראוי צו קאָנען משיג־זיין זייערע מענער, די גרויסע לומדים. יעקב איז געווען זייער גליקלעך צוליב דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיטן קראַנקן טאַטן. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער געזאָגט, אַז ס'איז געשען אַ נס.

דער סופר האָט דערווייל מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם וואָס מיט אים איז געשען. זיין פּנים, וואָס איז צוליב דער קראַנקייט געוואָרן שטאַרק אָפּגעצערט און דעריבער איז דערויף געלעגן אַ טרויעריקייט און בייזקייט, האָט אָנגעהויבן ווערן מילדער. ער איז געוואָרן ווייכער צו די קינדער. יוכבד האָט איצט אָפּט געפילט אויף זיך דעם מאַנס בליק פון ליבשאַפט. אין זיין קעגנוואַרט האָט זי אַצינד כסדר צניעהדיק אַראָפּגעלאָזט דעם בליק און זיך געררויטלט. ביז ר' שאול האָט איינמאָל צו איר געזאָגט: „גרויס איז גאָט ברוך הוא און גרויס איז זיין חסד צו זיין פאָלק ישראל, וואָס ער האָט אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער". איז יוכבד כמעט דערציטערט געוואָרן ביי דידאָזיקע ווערטער פון איר מאַנס מויל, וואָס זיינען געקומען פּלוצים, אומגעריכט, און זי האָט פאַרשטאַנען (איצט האָט זי עס תופס געווען), אַז עפּעס גרויס איז טאַקע געשען מיט אים. נאָר געפרעגט האָט זי אים ווידער נישט מכוח דעם, וואָס ער מיינט צו זאָגן מיט דידאָזיקע ווערטער. זי האָט זיי אויסגעטייטשט אויף איר אופן: אַז דער, וועמענס נאָמען זי איז נישט ווערט אַנצורופן, האָט איר מאַן צוגעשיקט די רפואה און זי האָט שטיל געשעפּטשעט: „געלויבט איז ער".

3

האָבנדיק זיך אָביסל באַרויִקט, האָט דער סופר זיך געפרעגט: „פאַרוואָס האָט מען אין חדר מיט מיר נישט געלערנט די נביאים"? ווען ער איז אַלט געווען 5 יאָר האָט מען אין חדר — ווי כמעט אין אַלע חדרים דעמאָלט אין פּוילן

— אנגעהויבן לערנען מיט אים ויקרא. אַ שווערע סדרה פאַר אַ פּינפּיאַריקן. דער קליינער שאול האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון די אַלע דינים וועגן קרבנות, וואָס דער מענטש דאַרף ברענגען פאַר זיינע זינד. ווען ער איז אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט מען שוין אָנגעהויבן לערנען מיט אים רש״י, דערנאָך גמרא, תוספות, וואָס איז אַ סך שווערער ווי נביאים. תהילים, שיר־השירים, רות, איכה, אסתר, אַפילו משלי און קוהלת האָט מען דעמאָלט, ווען ער איז אַלט געווען 9־10 יאָר, יאָ געלערנט מיט אים. שפּעטער, ביי די גרעסערע מלמדים, האָט ער געלערנט סדר „זרעים״, סדר „מועד״, און אַפילו סדר „נשים״. אויך „עזרא״, „נחמיה״ און „דברי הימים״, אָבער נישט די נביאים. דער סופר האָט זיך דערמאָנט אין אַ מעשה, וואָס מ׳האָט אים דערציילט, אַז ערגעץ אין אַ שטאָט איז אָראָפּגעקומען אַ גרויסער מלמד פון ליטע (אַ ליטוואַק), וועלכער האָט יאָ געלערנט מיט זיינע תלמידים די נביאים; האָט מען אים דערפאַר אַרויסגעטריבן פון שטאָט. ווען ער האָט אין בית־המדרש אַליין אָנגעהויבן לערנען ישעיה, ירמיה, יחזקאל, האָט ער זיך געמוזט היטן, ווייל בן־ציון — יענער האָט אויך געלערנט תנ״ך — איז צו אים צוגעקומען און אים געזאָגט: „היט דיך, שאול! מ׳קאָן דיך חושד זיין אין אַפּיקורסות״!

דאָס האָט דער סופר נישט פאַרשטאַנען. ווי איז עס מעגלעך? גאָט האָט גערעדט דורך די נביאים צו זיין פאָלק ישראל, ווי ער האָט גערעדט צו זיי דורך משהן. פאַרוואָס־זשע לערנט מע חומש יאָ און די נביאים נישט? לערנענדיק אַצינד ישעיה, ירמיה און די אַנדערע נביאים, איז ר׳ שאולן אויסגעקומען ווי ער וואָלט געטראָגן געוואָרן אויף אַ באַרג אַרויף, טאַקע אויף אַ הויכן באַרג, ווי דער רבי זיינער האָט אים אַמאָל געזאָגט. אַלעמאָל העכער האָט דער סופר געשוועבט און געהערט גאָטס קול, ווי ער רעדט צו ישעיה, צו ירמיה, צו יחזקאל, צו הושע, צו עמוס — צו אַלע. „ואמר יהוה יען כי גבהו״... „ואשמע את קול אדוני״... „ויהי דבר יהוה אלי״... און דער סופר האָט שוין מער נישט אויפגעהערט צו הערן גאָטס קול: „וואָרים איך, גאָט, האָב ליב גערעכטיקייט; איך האָב פיינט גזילה און אומ־רעכט״... „איר זאָלט אייך נישט פאַרזיכערן אויף די ווערטער פון ליגן, אַזוי צו זאָגן: דער טעמפּל פון גאָט, דער טעמפּל פון גאָט, דער טעמפּל פון גאָט איז דאָס... ניירט, אויב בעסערן וועט איר בעסערן אייערע וועגן און אייערע מעשים; אויב טאָן וועט איר טאָן גערעכטיקייט צווישן איטלעכן און זיין חבר״...

דער סופר האָט געטראַכט: יעדער ייִד, פּונקט ווי ער דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, זאָל ער דריי מאָל אַ טאָג לערנען אַ קאַפּיטל נביאים און נישט בלויז איינמאָל אין דער וואָך, שבת, הערן לייענען מפטיר. און פּלוצים האָט ער דערפילט אַ שרעק אין זיין האַרץ: ער שטעלט נביאים העכער פון חומש, פון משנה און גמרא! ער טראַכט שוין באַלד ווי יעקב! אַלע רייכע זיינען שוין אַצינד פאַר אים רשעים און ער וויל אַז ס׳זאָל קומען זייער סוף! ער זעט דאָס שלעכטס פון דער וועלט שוין בלויז אין דער אומגערעכטיקייט פון איין מענטש קעגן אַנדערן, אין דעם, וואָס דער שטאַרקער אונטערדריקט דעם שוואַכן, אין דעם באַראַבעווען דעם אָרעמען, אין דער רציחה פון מלחמה! זיין האַרץ טראַכט שוין: פאַרוואָס זאָל איינער האָבן גרויס עשירות און אַלע אַנדערע גאָרנישט! די, וואָס האַנדלען, וואָס טוישן געלט, וואָס האָבן פאַבריקן — זיי זיינען נגידים, און די, וואָס אַרבעטן, האָבן נישט צו עסן! פאַר די גבירים האָט מען גרויס דרך־ארץ, מ׳גיט זיי אָפּ גרויס כבוד, און די,

וואָס לעבן פון שווערער פראַצע זיינען דערנידעריקט! דער קראַנקער האָט געפילט ווי די הענט און פיס ציטערן אים. וואָס הייסט: נישט וועגן די זינד קעגן גאָט, ווייל די מענטשן האָבן אויפגעהערט צו גלייבן אין אים, האָבן אויפגעהערט צו זיין פרום, שטראָפט ער זיי, נאַר?... דער סופר האָט די גרויסקייט פון יידישקייט נישט מער געזען בלויז אין אמונה, אין תפילה, אין דיני כשרות, נאָר מער אין דער אויסדערוויילטקייט צו זיין דער שליח פון גאָטס וואָרט וועגן גערעכטיקייט, צו רופן אַלע פעלקער: „לכו, קומט און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה, צום הויז פון גאָט פון יעקב; וירנו מדרכיו, און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן; וואָרים פון ציון וועט אַרויסגיין תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים. און ער וועט משפטן צווישן די פעלקער, און אַנטשיידן איבער פיל אומות; און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף צוויגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד, און מע וועט מער נישט לערנען מלחמה״.

4

זיך פילנדיק בעסער, האָט דער סופר, באַזונדערס אין וואַרעמע טעג, אָנגעהויבן גיין אין צוריקאויפגעשטעלטן בית־המדרש אַריין דאַוונען. (אין זיין רבינס שטיבל, וואָס איז געווען אַמאָל ביי ר׳ מרדכי גאָלדבלום, האָט ער מער נישט געקאָנט גיין, ווייל דאָס הויז איז חרוב געוואָרן). צו דער מזרח־וואַנט אין בית־המדרש האָט ר׳ שאול זיך נישט געשטופּט. ער איז שטיין געבליבן כמעט הינטן, ווו ס׳איז געשטאַנען דער פראָסטער עולם: די אָרעמע באַלמעלאָכעס, די טרעגערס און באַלעגאָלעס. דערזעענדיק דעם סופר, האָבן זיי זיך צערוקט, אים געמאַכט אַ וואָרע, ער זאָל קאָנען גיין ווייטער; אָבער זייער ווייט איז דער סופר נישט געקומען, ווייל ווייטער זיינען געשטאַנען און געזעסן די פּאַרמעגלעכע און זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויפן סופר. ער האָט דערקענט צווישן די אויפגעקומענע גבירים געוועזענע אביונים פון פאַר דער מלחמה, גראָבע מענטשן, עם־הארצים. אַקעגן זיינען פאַרמעגלעכע פון פאַר דער מלחמה, וואָס זיינען צוליב דעם קריג פאַראָרעמט געוואָרן, פרומע און אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט לערנען — זיי זיינען געשטאַנען הינטן, ביי דער טיר. צווישן זיי האָט דער סופר דערזען ר׳ איסרן. ר׳איסר האָט באַלד דערזען זיין ידיד און איז צו אים גלייך צוגעקומען: „שאול! ברוך רופא חולים. אָט דאָרט, נישט ווייט פון דיר — קוק אַהין! — שטייט ר׳ מרדכי. גלייך רוף איך אים אַהער״.

ביי קריאת־התורה — כמעט אַלע יידן אין די פאָדערשטע רייען זיינען געזעסן — האָט דער סופר געקאָנט זען ביז אויף דער לעצטער באַנק ביי דער מזרח־וואַנט. דאָרט זיינען לעבן רב געזעסן בערנפעל און פוקסמאַן: די דאָזאָרס פון דער שטאָט.ביידע אָנגעפרעסענע, רויטע ווי עשו. ביי ביידע — די בערד צוגעשוירן; ביים ערשטן גאָר שטאַרק. ווען בערנפעל האָט גערעדט צום רב — אים עפּעס געפרעגט אָדער געזאָגט — האָט דעם מרא דאתרא׳ס פּנים זיך צעשטראַלט אין אַ חניפה־שמייכל. עטוואָס אַראָפּצוצו זיינען געזעסן די קלענערע

גבירים, די נייע באַלעבאַטים, די, וועלכע זיינען אויף גיך רייך געוואָרן. לייטן עשירות — אַזאַ פּלאַץ. די פלינקייט רייך צו ווערן — נישט קיין נפקה מינא ווי אַזוי און ביי וואָס — האָט געפּירט העכער און העכער, ביז צו דער מזרח־וואַנט.

דער קראַנקער סופר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די שוואַכע פיס, וואָס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים. דאָ, ווו ער איז געשטאַנען, ביי דער טיר, זיינען נישט געווען נישט קיין טישן און נישט קיין בענק. דאָ האָט קיינער קיין עליה נישט געקראָגן. צו שלישי האָט דער גבאי אויפגערופן בערנפעלן: „יעמוד המפורסם, האדיר, הגביר ר' יחיאל"... שלישי האָט געהערט אים, ווי שישי האָט געהערט דעם רב. פאַניע פוקסמאַן האָט באַקומען רביעי. אויך די עליות זיינען אויסגעטיילט געוואָרן לויטן בייטל. שאול האָט אַצינד מיט זיינע אייגענע אויגן געזען — וואָס ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, ווען עס זאָל אים דאָס דערציילן אַפילו דער ערלעכסטער — אַז אַפילו אין מקום־קדוש איז דער בעל־יחסן נישט דער ירא־שמים, נישט דער בעל־תורה, נאָר דער נגיד. דאָס ערגסטע איז אָבער פאַרן פרומען סופר געווען, וואָס ער האָט אין בית־המדרש נישט געקאָנט דאַווענען בכוונה. די גאַנצע צייט, חוץ ביי די שמונה־עשרהס — גאָר באַזונדערס בשעת קריאת התורה — האָבן די ייִדן גערעדט, גערעדט און גערעדט, אַפילו וועגן מסחר...

ר' שאול האָט ווידער אָנגעהויבן דאַווענען אין דער היים. ס'איז אים ווידער ערגער געוואָרן; ער האָט אָנגעהויבן הוסטן און באַקומען מער פיבער. יוכבד האָט געברענגט דעם רופא און ער האָט דעם קראַנקן אָנגעזאָגט זהר וזהר: „איר זאָלט זיך נישט דערוועגן מער צו גיין אין בית־המדרש אַריין! איר מוזט איצט ליגן בלייבן אין בעט! אייך וועט גאָט הערן אומעטום"! אַזוי האָט דער רופא, אַ גרויסער פושע, געחנפעט דעם פרומען סופר. ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, נישט גע־וואָלט נעמען באַצאָלט (ווי יעדעס מאָל, ווען ר'איז געקומען), געווונטשן דעם חולה אַ רפואה שלימה און איז אַוועקגעגאַנגען. דער גויאישער משוגענער אַפּטייקער האָט געגעבן אומזיסט די רפואות, רעדנדיק דערביי ניבול־פה און געחוזקט: „נו, נאָך נישט געקומען ייִדישער משיח?"... ער האָט זיך גערייצט מיט דער פרומער, אָרע־מער ייִדענע: „אייער פאַן־בוג וויל נישט העלפן... איז אין הימל... ווייט פונדאַנען... כע־כע־כע"... געבענדיק יוכבדן דאָס פלעשל רפואות, האָט ער איר אַריינגעשטופּט אין האַנט געלט: „נאַ, קויף פּוטער, אַ פעטע הון; ס'וועט מער העלפן ווי דאָס ביסל געלע וואַסער. גאַרנישט ווערט, גאַרנישט מיט גאַרנישט".

5

דער קראַנקער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו הוסטן און באַקומען ביז 39 גראַד פיבער, איז געקומען פון אויפרעגונג, פון צער, פון צוזען, וואָס ס'איז געוואָרן פון ייִדישקייט. אַ סימן האָט ער געהאַט: אַז איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסל באַרויִקט און נאָך שטאַרקער געגומען איינזען, אַז זיין זון איז גערעכט, איז אים ביסלעכווייז צוריק בעסער געוואָרן: ער האָט איצט געהאַט נישט מער ווי 37,5 גראַד פיבער און אויפגעהערט אַזוי שטאַרק צו

הוסטן. און ווען ר'איסר איז אים געקומען מבקר־חולה זיין, האָט ער אים געזאָגט:

— דו ביסט גערעכט, איסר — — —

— מיט וואָס?

— דערמיט, וואָס דו ביסט אַלעמאָל געווען אַ מליץ־יושר פאַר מיין זון און די אַנדערע... פושעים; ווייל דאָס זיינען זיי סיי ווי סיי.

ר' איסר האָט, ווי זיין טבע איז געווען, געשמייכלט. ער איז אָבער באַלד ערנסט געוואָרן און געזאָגט:

— דאָס וואָרט „פושעים", שאול, טאָר מע גאָרנישט זאָגן; אַן אמת פרומער ייִד, אַן אמתער חסיד, מוז דעם בורא און זיינע דרכים אַנדערש משיג זיין ווי אַ מתנגד, אַפילו ווען יענער איז אויך פרום און קאָן תורה כולו אויסנווייניק. דו זאָלסט אָבער אויך וויסן — אויב דו האָסט מיך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען ביז איצט — אַז תמיד, ווען כ'האָב מטיב געווען אויף יעקבן אָדער עמיצן אַנדערש, האָב איך דערמיט קיינמאָל נישט געמיינט צו זאָגן, אַז דער אָדער דער אַנדערער איז גערעכט. כ'האָב דיר נאָר געוואָלט געבן אַנצוהערן יעדעס מאָל, אַז דער מענטש ווייסט נישט אַלץ אַזוי גענוי.

דער קראַנקער אין בעט האָט זיך געטאָן אַ זעץ־אויף און אַ זאָג געטאָן:

— איסר! — — —

דער פרוש האָט דעם חולה אָנגענומען צערטלעך ביי בײדע אַקסלען:

— ליג, שאול! דו טאָרסט זיך נישט טאָן אַזאַ זעץ־אויף און ווערן אין כעס. כ'ווייס וואָס דיך האָט אַזאַ ברי־געטאָן: אַז כ'מיין אַוועקצונעמען ביים מענטש זיין כוח משיג צו זיין אַפילו דאָס, וואָס מ'קאָן זען מיט די אויגן און זיך איבערצייגן. חס ושלום! אָבער... יעדער ייִד ווייסט, אַז כביכול איז דער בורא פון אַלץ, אם כן — אויך פון שלעכטס...

— צוליב בחירה, — האָט דער סופר איבערגעריסן זיין גאַסט.

דער פרוש האָט מסכים געווען:

— יאָ, דאָס איז אמת, שאול. דאָס שלעכטס אָבער האָט אויך כוח, און נישט ווייניק. מוז דאָס גוטע פירן מלחמה מיטן שלעכטן. די מלחמה ווידער איז נייטיק פאַר דער ווייטערדיקער יצירה פונעם מענטשס האַרץ און זיין נשמה, פאַר זיין מחשבה און זיין רצון, פאַר זיין לייטערן זיך, אין דער לייטערונג זאָל ער בעסער דערקענען דעם בורא, זיינע מעשים און זיינע דרכים, וואָס זיינען נאָך זייער שטאַרק פאַרבאָרגן. ערשט דאַן קאָן דער מענטש זיך אָפּקערן אינגאַנצן פון שלעכטס. אין די ששת ימי בראשית האָט דער הקדוש ברוך הוא די וועלט נישט אינגאַנצן באַ־שאַפן. בלויז די התחלה האָט ער געשאַפן און אָט־דאָס שאַפן אַליין איז געווען גענוג, ווייל ביז דעמאָלט איז נאָך די השגה פון שאַפן לגמרי גאָרנישט געווען. דער בורא אָבער איז יאָ געווען, ווייל ער איז שטענדיק געווען. ער האָט באַשאַפן זיינע שלוחים און דורך זיי שאַפט ער די וועלט און דעם מענטש אַלץ ווייטער און ווייטער. כ'האָב דאָס שוין אַמאָל געזאָגט. נו ווייסטו אַצינד וואָס כ'מיין. און דו אַליין פאַר־שטייסט דאָך אויך אַזוי, ווייל לערנען קאָנסטו מער פון מיר. בלויז — דו האָסט תמיד געלערנט נאָר גמרא, און איך — מער קבלה; וואָס מיך האָט שטענדיק גע־חידושט ווען דיר: אַ חסיד און... אָבער דאָס האָט איצט נישט צום ענין. ניין, מ'טאָר אויף קיינעמען נישט זאָגן, אַז ער איז אַ פושע, ווייל יעדער איז דעם בוראס

אַ שליח; אַפילו דער יצר־הרע און דער ס״ם אַליין. ווייל צו וואָס האָט אים כביכול באַשאַפן, אויב נישט ווי זיינעם אַ שליח? איז עס דיר איצט שוין קלאָר, שאול?

דער קראַנקער האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט וויסן דיין דרך, איסר, דיין שיטה אין לערנען.

דער פרוש האָט גלייך מסכים געווען:

— כ׳וועל עס דיר זאָגן, נאָר אַצינד וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה. נישט קיין מעשה־נורא. זי האָט מיט מיר געטראָפן איינמאָל ביינאַכט, אויפן וועג צו סליחות. ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין נאָכן לעצטן מאָל זיין נע־ונד. גייענדיק צום רב — ס׳איז געווען אַרום חצות — האָב איך באַגעגנט דיין יעקבן. כ׳האָב אים אָפּגעשטעלט, געפרעגט כדרך הטבע דאָס און יענץ. אין דעם קומט צו אונדז צו אַ קו. זי קוקט אויף אונדז מיט אירע אויגן, וואָס דערציילן פון איר גרויסער תמימות. אויך אין איר האָב איך דעמאָלט געזען די גרויסקייט פון בוראס מעשים, די טיפקייט פון זיינע סודות; דווקא אין דער שטומקייט פון דער בעל־חי. כ׳האָב דאָס טאַקע געזאָגט דעמאָלט דיין זון. „אָבער אַ צדיק״ — האָט דער פרוש קינדעריש זיך צעלאַכט, — „איז זי נישט, ווייל זי האָט נישט קיין יצר־הרע אויף צו קאָנען טאָן שלעכטס... זי לאָזט זיך אַפילו שעכטן פונעם מענטש...

דעם סופר זיינען דעמאָלט געקומען מבקר חולה זיין ר׳ מרדכי, ר׳ הענעך און אַפילו ר׳ דוד־יואל מיטן קראַנקן פוס. אַלע האָבן גערעדט און געשמועסט מיטן קראַנקן. בעת די וויכוחים, וועלכע ר׳ שאול האָט דעמאָלט געפירט צוליב דער ענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, האָט דער „מלאך״ (ר׳ הענעך) אַרויס־געוויזן גרויס חריפות. נאָר דעם סופר איז דידאַזיקע חריפות נישט געפעלן; ער האָט אין איר געפילט די שאַרפקייט, וואָס מאַכט פון שקר — אמת און פון אמת — שקר. ר׳ הענעך האָט געזאָגט דאָס פאַרקערטע פון ר׳ איסרן און דערביי גע־ברענגט מאמרים פון רמב״ם, פון מהרש״א, פון רשב״ם און רשב״א. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות און חריפות. זיין גאווה איז אָבער דערביי געווען נאָך גרעסער, באַזונדערס לגבאי דעם פרוש, דעם גרויסן עניו.

ר׳ שאול האָט דעמאָלט מיט גרויס התלהבות גערעדט וועגן די נביאים.ביידע, סיי ר׳ איסר און סיי ר׳ הענעך, האָבן מסכים געווען מיטן סופר. נאָר ר׳ איסר האָט אין נביאים געזען התגלות פון סודות הבורא, אַז צדק, אמת און יושר איז דער עיקר, וואָס גאָט ברוך־הוא וויל פונעם מענטש, פונעם בחיר יצירו. ער האָט דערביי דערמאָנט דעם סופר, וואָס ער האָט אים שוין אַ סך מאָל געהאַט געזאָגט וועגן יעקבן, און מוסף געווען מיט יעקבס אַמאָליקע ווערטער: „מ׳ווייסט נישט וועמען די השגחה ווילט אויס פאַר זיין נביא... און אַנדערש זיינען די רייד און דער דרך פון וואָרענען ביי יעדן נביא... און ס׳זעט אויס, אַז די רשעים הערן זיך קיינמאָל נישט צו צו די וואָרענונגען פון גאָט, ביז ער שיקט זיינע שלוחים צו פאַר־טיליקן די ווידערשפעניקע״... דער „מלאך״ אָבער האָט אין דער גרויסקייט פון נביאות געזען די שטאַרקייט פון יהוה קעגן אַלע אָפּגעטער פון די אַנדערע פעלקער אין יענע צייטן; די גרויסקייט פונעם אמת, אַז נאָר יהוה איז דער איינציקער גאָט און אים משיג זיין האָט געקאָנט נאָר ישראל. „און דעריבער״ — ער האָט געהע־כערט זיין קול און אויסגערופן — „זיינען מיר דאָס עם המובחר! דורך די כתבי

קודש״, — האָט ער ווייטער גערעדט, — „ווייסן מיר כמעט אַלץ וועגן די בני־ישראל פון יענער צייט, נישט בלויז ווען זיי זיינען געווען אין זייער הייליק לאַנד, נאָר אויך פון די פרי־ערדיקע און שפּעטערדיקע צייטן״. וועגן צדק, אמת און יושר האָט ער נישט גערעדט.

און דער סופר איז ווידער אויפגעשטאַנען פון בעט; ער האָט זיך ווידער גע־פּילט בעסער. ער האָט דעם פּרוש ווידער געפרעגט וועגן זיין דרך און זיין שיטה אינעם לערנען. דער פּרוש, אַביסל זיך שעמענדיק, האָט צו זיין ידיד געזאָגט:

— הער אויס, שאול, איך ווייס, וואָס דו וועסט צוערשט דענקען וועגן מיר... אָבער ווען כ׳וועל אַוועקגיין פון דיר, זאָלסטו נאָכטראַכטן וועגן מיינע רייד. און איצט, הער: שוין לאַנג, אַז כ׳לערן גאָר ווייניק; אַמאָל גייען אַוועק וואָכן און חדשים אַז כ׳קוק אַפילו נישט אַריין אין קיין ספר. נאָר דעמאָלט לערן איך גאָר צומייסט... דו האָסט אַ סך געליטן דערפאַר, ווייל דו האָסט עובר געווען אופן פּסוק ט׳ אין פּרק שלישי פון פּרקי אבות, דערנאָך האָסטו אָבער איינגעזען, אַז קיין חטא ביסטו דערמיט נישט באַגאַנגען. ווי איך האָב דיר גלייך געזאָגט. נו, וועל איך דיר דער־ציילן, אַז איך בלייב שטיין נישט בלויז פאַר אַ בוים, אַ צמח, נאָר אויך פאַר אַלץ, וואָס מיינע אויגן דערזעען, אַפילו פאַר אַ שטיינדל, פאַר אַ שערבעלע. ווייל כ׳לערן פון קלענסטן דומם; ס׳אַנטפּלעקט זיך מיר דערביי — אמת, נישט תמיד — זייער אַ סך... וועגן הימל און די כוכבים איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן; די ימים, די וועלדער, די בערג און די טאָלן, די ווינטן און שטורעמס, די פייגל און חיות — כל הארץ מלא כבודו. אין די מעשים של הקדוש ברוך־הוא איז תורה, נגלה און נסתר... אַצינד הער ווייטער, וואָס ס׳איז נאָך חידושדיקער, און דו וועסט דערפון אפשר נאָך מער נשתומם ווערן. ווען כ׳גיי דורך די גאַסן, באַזונדערס אָבער שפּעט ביי־נאַכט און צומייינסט מחוץ לעיר, אויך ווען כ׳ליג אויפן געלעגער און שלאָף נישט — דעמאָלט קומען צו מיר די טיפסטע מחשבות. כ׳הער זיי, יאָ, כ׳הער זיי פּשוט אין דער לופט... נאָר כ׳ווייס נישט, צי הער איך זיי מיט מיינע אויערן, אָדער בליבי, צי בכל נפשי... זיי גייען אַריין אין מיר — אַזוי ווייזט זיך מיר אויס — דורך מיין גאַנצן גוף, דורך יעדן אבר... כ׳הער זייער קול, יאָ כ׳הער זייער קול... און כ׳ווייס, אַז זיי זיינען די גרויסע אמתן, די אייביקע, וואָס קומען גלייך פון הקדוש ברוך־הוא... זיי דאַרפן נישט גיין דורך קיין שליח און דעריבער ווערט פון זיי גאָרנישט געמינערט, ווי ס׳איז די טבע פון מחשבות, ווען זיי ווערן איבערגעגעבן על פּי שליח, וואָס ס׳וואָלט געשען ווען איך זאָל דיר דאָס, וואָס כ׳הער, וועלן איבערגעבן... כ׳וועל עס אָבער נישט טאָן; כ׳וויל נישט, און כ׳פּיל, אַז כ׳קאָן נישט, וואָס איז אַ סימן, אַז כ׳בין נישט ראוי דערצו, נישט ראוי איבערצוגעבן אַנדערע די מחשבות, וואָס כ׳הער; זיי זיינען בלויז פאַר מיר. נישט מער — כ׳גלייב, אַז צו הערן גרויסע מחשבות איז אפשר, אָדער וואָלט געווען, ראוי יעדער בשר ודם, ווען ער וואָלט נאָר אַנגעשטעלט זיין אויער... ווייל אויב כביכולס קול שוועבט אַרום צווישן הימל און ערד, הערט נישט אויף דעם קלענסטן חלק פון אַ רגע מבשר צו זיין מחכמתו... איין זאַך איז אָבער נייטיק דערצו: צו פאַרגעסן דעם חומר. דעמאָלט ווייסט מען אויך שוין נישט מער פון קיין שום דאגות, פון קיין שום צער, פון קיין שום מורא; מע איז דעמאָלט אין דער וועלט של כולו תפארת, אין דער וועלט של כולו

זמר, כולו חדווה... צו דעם מוז יעדער בר־נש צוקומען, און ער וועט דערצו צו־קומען. דעמאָלט — — —

**
*

ווען דער סופר האָט דאָס אַלעס איבערדערציילט ר׳ מרדכין, האָט יענער געענטפערט:

— וועגן ר׳איסרס טיפע געדאַנקען קאָן איך דיר גאָרנישט זאָגן, שאול. נאָר אמת איז, אַז ווען דער חומר ווערט טפל, ווייסט מען נישט מער פון קיין שום דאגות, פון קיין שום צער, פון קיין שום מורא; דעמאָלט דינט מען דעם רבונו של עולם בלב שלם.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

דאָס ליכט פון פשוטן

1

דער ווינטער, ווען ס׳איז געשטאָרבן דאָס יינגסטע קינד, איז פאַרן סופר געווען אַ גאָר שווערער. ערשט מיטן אָנקומען פונעם פרילינג האָט דער קראַנקער זיך ווידער געפילט אַביסל בעסער: ער האָט געהוסט ווייניקער און לייכטער. אין די לינדע טעג האָט ער ווידער געגומען אַרויסגיין אינדרויסן. ער האָט געפילט, ווי די שטראַלן פון דער זון און די פרישע לופט טוען אים גוט. ס׳איז אים לייכטער געוואָרן צו אָטעמען. אין יענע טעג האָט אים יוכבד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. דאָס איז פאַרן סופר געווען אַ טרייסט נאָכן געשטאָר־בענעם קינד. אמת, נישט איינמאָל שוין האָט ר׳ שאול געוואָלט נעמען אויף זיך צו זיין אָפּגעשיידט פון זיין פרוי, אינזינען האָבנדיק דערביי ר׳איסרן דעם פרוש; אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט: ס׳איז אים שווער געווען צו זיין אַ נזיר. ביי יעדן מאָל, ווען ער האָט זיך דאָס פאַרגענומען, האָט ער זיך געזאָגט: „איך מוז אָוועקגיין פון דער היים. איסרן איז געשטאָרבן ס׳ווייב, ר׳האָט מער נישט חתונה געהאָט — דאָס איז עפּעס אַנדערש. ווען מע איז מיט אַן אשה אין איין שטוב... און דער דין איז דאָך, אַז ווען די אשה קומט פון טבילה״... ביי זיך אין האַרץ האָט אָבער ר׳ שאול געוווסט, אַז דער יצר־הרע איז אין אים נאָך זייער שטאַרק. ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז געקומען די צייט, ווען ער וועט זיך קאָנען אָפּשיידן פון יוכבדן. געשען איז אָבער פונקט פאַרקערט: די תאווה איז גאָר נאָך גרעסער געוואָרן. דערצו האָט ער נאָכן עובר זיין אויפן פסוק: „המהלך בדרך״... שוין נישט מער געקוקט אויפן ווייב אַזוי פאַרבאָרגן ווי פריער און געזען, אַז זי איז נאָך אַלץ שיין. די שיינקייט אין איר פנים איז געווען אַן איידעלע. און וואָס איז דען שיינקייט, אויב נישט איידלקייט אין פנים? אַזוי האָט טאַקע די מאַמע זיינע אים געזאָגט, ווען מ׳האָט אים גערעדט דעם שידוך מיט יוכבדן. „אַלץ קאָן פאַרלוירן ווערן״, האָט זי דעמאָלט מוסיף געווען, „די ראַזעקייט פון די באַקן, אַפילו די געטאָקטקייט פונעם נעזל און פון דער פיגור, אָבער נישט די איידלקייט פון דער

נשמה, וואָס ליגט אויסגעגאָסן איבערן פּנים און שיינט אַרויס פון די אויגן. דאָס איז געבליכן צו גוטן ווין, וואָס ווערט מיט די יאָרן גאָר בעסער און זיין גוטער ריח שטאַרקער... דידאָזיקע שיינקייט איז געגליכן צו אַן אבן־טוב, וואָס לייכט אַרויס אַפילו פון דער בלאָטע"...

„אַ גרויסע צדיקות", האָט ר' שאול געטראַכט, „איז געווען מיין מאַמע, ע"ה, און אַליין אַ יפת תואר". אַ סך מעלות — ער האָט דאָס געוווּסט — האָט ער גע־ירשנט פון דער מוטער. יוכבד האָט אים דאָס אַפילו געזאָגט. ווען זי האָט זיך „געשפּיגלט" אין אים, האָט זי זיך אָפט דערמאָנט אָן דער שוויגער, און ווידער געזען: „זיין מאַמעס אויגן, אים צו לענגערע יאָר, איר שיין מויל, דאָס קינגלעכע אויסזען, איר הדרת פנים און די איידעלע הענט". אויך זיין גלוסטן צו שיינקייט האָט ר' שאול געהאַט פון דער מוטער. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך נישט איין מאָל געכאַפּט דערביי, ווי ער האָט פון אַ ווייך שטיקל ברויט, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו קנעטן ביים עסן, געמאַכט עפּעס: דאָ אַ קאָפּ פון אַ מענטש, אַמאָל פון עפּעס אַ חיה, טיילמאָל גלאַט עפּעס אַ משונהדיקע זאַך. ער האָט זיך דערביי שטענ־דיק דערשראָקן: „שוין ווידער עובר געווען אויף „לא תעשה לך פסל"! און ער האָט דאָס געמאַכטע גלייך צעשטערט. נאָר ווען ס'איז געקומען די וואָך פאַר שבועות, האָט ער געהאַלטן אין איין אויסשניידן „רייזעלעך" נישט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר אַ סך מענטשן פון דער שטאָט. ווען ער איז געווען אַ בחור, פלעגן פאַר שבועות קומען פרויען און מיידלעך צו דער מוטער זיינער בעטן, אַז איר זון זאָל פאַר זיי מאַכן „רייזעלעך". נאָך דער חתונה זיינען זיי געקומען צו יוכבדן. מענטשן פלעגן קומען צו די פענצטער קוקן אויף די „רייזעלעך", וואָס שאול האָט געמאַכט, זיי זיינען בעגאַנגען קוקן צו די פענצטער אומעטום, ווו ס'זיינען געהאַנגען „רייזע־לעך". וואָס האָט ער אַלץ נישט אויסגעשניטן מיט זיין פּענמעסערל און מיט אַ קליין שערעלע? — דעם באַרג סיני, ווי ער איז איינגעהילט אין פלאַמען; אַרום אים און לעבן אים שטייען די ייִדן, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און זיינען מקבל די תורה, וואָס גאָט גיט משה רבינון צווישן בליצן און דונערן; „ריי־זעלעך", ווי משה רבינו קומט־אַראָפּ מיט די לוחות פונעם באַרג סיני; משה פאַרן ברענענדיקן דאָרן; ווי ער שטייט פאַר פרעהן — די גאַנצע ביאָגראַפיע און גע־שיכטע וועגן משהן; די מעשיות וועגן די אבות און די 12 שבטים; וועגן רות און נעמה, וועגן די ייִדישע מלכים, בילדער פון קוהלת און משלי, באַזונדערס אָבער פון הקדמות. הונדערטער „רייזעלעך" האָט ער געמאַכט אין זיין לעבן. ער איז געווען אַ סופר, ווייל זיינע הענט האָבן געוואָלט מאַכן עפּעס שיינס. ער האָט געהאַט אַ שיין כתב און געקאָנט מאַכן שיינע געכתיבעטע אותיות. וואָס איז אים נישט אַלץ אַרויסגעשוווּמען פאַר די אויגן, ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעשפּרייט דער געלבלעך־ווייסער פּאַרמעט, און ער האָט גענומען די גענדזענע פעדער אין דער האַנט! — ס'האָט זיך געעפנט פאַר אים דער הימל, ער האָט געזען פאַר זיך דעם כסא־הכבוד און די מלאכים. אָבער פון זינט ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער מער קיין ספר־תורה נישט געשריבן, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט שרייבן מער אַזוי בקדושה וטהרה ווי פריִער. בלויז מזוזות און די פּרשות פאַר תפילין האָט ער נאָך געשריבן — אַז ער האָט געהאַט פאַר וועמען און איז נישט געלעגן אין בעט. און ווידער איז ביי יעדן מאָל,

ווען ער האָט גענומען די גענדזענע פעדער, געקומען אַ גרויסע פרייד איבער אים און די אותיות, וואָס ער האָט באַדאַרפט שרייבן, האָבן אויפגעלויכטן פאַר זיינע אויגן אין אַלערליי שיינקייטן. נאָר געזען האָט ער אַצינד פאַר זיך נישט בלויז דעם כסא־הכבוד און די מלאכים אין הימל, נאָר אויך די פעלדער מיט די גאָלדענע זאַנגען, מיטן בלויען ליאָן, ליליאַ קוינטשיזנע, די גרינע וועלדער, די זילבערנע טייכעלעך, שמעטערלינגען פון אַלערליי קאָלירן — כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין יענעם זומער, ווען ער איז געווען אַ פליט און זיך געשלעפּט מיט פרוי און קינדער, צוזאַמען מיט נאָך פליטים, איבער פעלדער און דורך וועלדער.

איצט האָט דער סופר שוין מער נישט געטריבן פון זיך דידאַזיקע בילדער. ער האָט מיט זיי שלום געמאַכט, פּונקט ווי ער האָט שלום געמאַכט מיט זיינע נייע געדאַנקען, אַנטפּלעקט אינעם ליכט פון די נביאים. און ער האָט זיך געפילט שוין גאַנץ גוט און ר׳האָט ווידער אָנגעהויבן צו פאַרדינען געלט. צווישן די שמוגלער און די, וואָס האָבן זייער פרנסה געצויגן פונעם שמוגל, זיינען געווען גענוג פרומע ייִדן; זיי האָבן געברענגט צום סופר מגיע צו זיין זייערע תפילין און די מזוזות, און אויך געקויפט נייע. טייל האָבן אַפילו געוואָלט, ער זאָל פאַר זיי שרייבן קמיעות, וואָס זאָלן זיי מציל זיין פון שדים אונטערוועגנס און ברענגען מזל אין מסחר. נאָר ר׳ שאול האָט קיין קמיעות נישט געשריבן. אין יענעם זומער, אין חודש אלול, איז יוכבד געלעגן געוואָרן. זי האָט געהאַט אַ זיבעלע. פון דעם מאָמענט אָן האָט פּלוצים דעם קראַנקן אָנגעהויבן גיין אַלץ ערגער און ערגער, צוליב דעם האַרבסט מסתמא און אויך צוליב דער באַזונדערער דושנעקייט אין דער האַלבער שטוב צוליב יוכבדס קימפּעט. אויך האָט דער מלמד געקראַגן מער ייִנגלעך אין זיין חדר אַריין. דערביי אָבער — מיטן באַפרייט ווערן פונעם לאַנד און אויפהערן (דערווייל) דאָס שמוגלען — האָט דער סופר אויך אויפגעהערט צו קריגן מזוזות און תפילין מגיע צו זיין. דאָס ביסעלע אַרבעט, וואָס יעקב האָט געהאַט, האָט זיך אויך פּלוצים אָפּגעשטעלט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט גענומען בושעווען און די מורא פאַר אַ פּאָגראָם אין דער שטאָט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די וויכוחים, וואָס דער קראַנקער האָט געפירט מיטן זון, האָבן באַקומען אַן אַנדערן כאַראַקטער; דער פרומער סופר האָט פאַרלוירן די רויקייט, וואָס ער האָט שוין געהאַט ביים רעדן מיט יעקבן וועגן זיינע געדאַנקען און אידייען; ער האָט פּלוצים זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער אַפּיקורסות; ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין צו ווייט אַוועק.

2

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע פרעסט. אין דער האַלבער שטוב פונעם מלמד איז ביים פענצטער געשטאַנען בנימין, דעם סופרס אַ ייִנגל. זיינע גרויסע, פאַרחלומטע שוואַרצע אויגן אינעם דאַרן, אויסגעצויגענעם פּנים מיט די לאַנגע פּאות ביי די גרויסע אויערן האָבן געגאַפט אין דעם „וואַלד״ אויף די געפרוירענע שויבן. ס׳האָט אים געצויגן צו שיינקייט פּונקט ווי דעם פאָטער. אין דעם אייז־„וואַלד״ האָט ער געזען אמתע, גרינע ביימער, באַהאַנגענע מיט געלע באַרנעס, וואָס האָבן געהאַט רויטע „פּנימלעך״... ער האָט פאַרגעסן, אַז ס׳איז ווינטער און

אַז ער איז אין שטוב; ער האָט זיך גאָר געפונען אין אַ סאַד... דער הימל איז בלוי, אַ גאָלדענע זון שיינט, ער הערט פייגל זינגען... פאַרשידענע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אין דער פאַנטאַזיע, האָט ער מיט אַ שרייבפענדל טיילמאָל אויפגעריסעוועט אויף שטיקלעך פּאַפּיר און מיט געכתיבעטע אותיות אונטערגעשריבן וואָס די זאַך איז. מאירל, דער קלענער ברודער, האָט מיט לייבלען, דעם מלמדס יינגל, געשפּילט אין ווינטמילן, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון די סידורים און חומשים אויפן טיש. ביידע זיינען צוגעקומען צו בנימינען און אים אַרויסגעריסן פון זיינע פאַנטאַזיעס. די צוויי האָבן געזאָגט: „מיר ווילן מאַכן געלט אויף די שויבן". בנימין האָט זיי אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען. „מיר ווילן מאַכן געלט", האָבן ביידע איבערגעחזרט, „דו קאָנסט אויך מאַכן". זיי האָבן געהאַט לזכר עטלעכע רוסישע און עטלעכע דייטשע מטבעות. דערזעענדיק, וואָס די צוויי חברה־לייט ווילן טאָן: צעשטערן די ביימער מיט די באַרנעס, דעם בלויען הימל און די גאָלדענע זון דורך אָפּדרוקן גראָשנס, צווייערס און פּעניקס אויף די שויבן, איז בנימין געוואָרן אַ דערציטערטער און נישט געלאָזט. ער האָט זיי אָנגעשראָקן: „די שויבן וועלן פּלאַצן".

אין דעם זיינען צוריקגעקומען פון איינקויפן די סופרקע און דעם מלמדס פרוי. ביידע האָבן מיטגעבראַכט אין די צעריסענע און פאַרשטשאַנגלטע פּאַטשיילעס גרויען פראָסט פון דרויסן. יוכבד האָט אין פאַרטוך אַהיימגעבראַכט אַביסל קאַרטאָפליעס און אַ האַלב ראַזעווע ברויט. די געשטיפּלטע הענט האָט אויפן מעוברתן בויך (זי האָט שוין ווידער געשוואַנגערט) געדזשוויגעט אַ בינטל האָלץ. מאירלס און לייבלס הונגעריקע אויגן, אויך יאָסקעס — ער האָט געמייסטרעוועט ביים צעבראָכענעם וואַנטזייגער — האָבן געגומען שלינגען דאָס שוואַרצע ברויט. האָט די סופרקע געזאָגט צום מלמדס ווייב: „זאָל הענע אָפּשניידן פאַר די קינדער צו שטיקלעך ברויט, אויך פאַר אירע. מ׳וועט זיך שוין אויסגלייכן". און צום קלייגוואַרג: „האָט עץ שוין געזאָגט ברכה? אויך געדאַוונט? מאַכט־זשע המוציא".

זעענדיק, ווי יוכבד שטייט ווי פאַרטייעט, האָט הענע זי געגומען וועקן:

— פאַרוואָס זייגט ר׳ שאולס ווייב נישט אָן ס׳קינד? ס׳רייסט זיך דאָך! איך וועל שוין אָנהייצן די קיך.

מיט דער סופרקע האָט אַצינד אָפּט געטראָפן, אַז זי האָט פּלוצים נישט געוווסט, ווו זי איז און וואָס ס׳טוט זיך מיט איר; ס׳האָט זיך איר געמישט אין קאָפּ. די געשטופּלטע אָבער איז געווען אַ גאַנצער „קאַזאַק": זי האָט אַלץ געמאַכט, אַלץ געטאָן. זי האָט געפרעגט יאָסקען:

— איז דער טאַטע נאָכאַמאָל שוין אַוועקגעגאַנגען, אָדער ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען?

— ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען.

— הערש אויך נישט?

יאָסקע האָט געענטפערט מיט ווייטיקייט:

— ער איז דאָך אַוועקגעגאַנגען מיט יעקבן...

הענינע האָט זיך נישט מער געקאָנט איינהאַלטן און געגומען רעדן:

— וואָס אין שטאָט טוט זיך אַלץ!...

יוכבד איז געשטאַנען ביים וויגל און האָט גערעדט צו זיך: „אַ ווייטיק איז

מיר נעבעך... מיין אָרעם שוועלבעלע״... אויסדרייענדיק זיך אַזוי, אַז נישט דער מאַן אין בעט און נישט די ייִנגלעך אין שטוב זאָלן קאָנען זען, האָט זי אויפגע־קנעפּלט די בלוזקע און מיט די ביינערדיקע פינגער, ציטערנדיקע פון שוואַכקייט, גענומען באַטאַפּן צוערשט איינע, דאַן די צווייטע ברוסט. ביידע זיינען אָבער געווען לער. זי האָט אַרויסגעצויגן אַ שטיקל הויט און געדעדט צום קינד: „נישטאָ גאָר־נישט... כ׳האָב נאָך היינט אַפילו אַביסל וואַרים וואַסער נישט געטרונקען״... דאָך האָט זי זיך איבערגעלייגט איבערן וויגל און געגעבן דעם קינד צו זייגן. דאָס עופעלע האָט זשעדנע געצויגן די פּיצינקע וואַרצל, געצויגן און געצויגן און זיך ווידער גענומען רייסן, שרייען. די מאַמע האָט צוריק באַהאַלטן די בריסט, גענומען אַ פּענעצל ברויט, אָפּגעביסן דערפון אַ קרישקע, זי צעקייט און ווי עס קאָרמעט אַ פויגלמוטער אירע יונגע פייגעלעך, אַזוי האָט די מענטשמאַמע געקאָרמעט איר קינד. דערביי האָט זי מיט איר אָטעם געוואָרעמט אויך דעם קינדס רויטגעפרוירענע הענטלעך. זי האָט געהאַפט, אַז מירעלע וועט באַלד קומען אָנזייגן ס׳קינד. די רעס־טאָראַטערקע איז געלעגן געוואָרן אַביסל פריִער פון איר. מלכהלע, אַרומגייענדיק העלפן מענטשן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, איז אויך געקומען אַהער. זעענדיק, אַז יוכבד האָט נישט מיט וואָס צו זייגן ס׳קינד, האָט זי נישט אָפּגעלאָזט די טאָכטער:

— „דו מוזט אַהינגיין, מירעלע! דו האָסט קיין שום עין־הרע פאַר דריי און די סופּרקע האָט גאָרנישט, קיין טראָפּן מילך״.

מירעלע האָט דאָס גאַנץ גערן געטאָן צוליב פאַרשידענע טעמים: ווייל זי האָט געהאַט ווייטיקן פון אַזויפיל מילך און איידער אָפּצוצאַפּן און אָוועקגיסן, האָט זי גלייכער געוואָלט טאָן אַ מצווה; אויך ווייל אינגאַנצן אַ פרעמדע איז דאָך יוכבד נישט, ראָבע וועט דאָך סוף כל סוף חתונה האָבן מיט יעקבן. און זי האָט גראָד געהאַט געגנוג צייט: אין דער רעסטאָראַציע איז אַצינד כמעט גאָרנישט געווען וואָס צו טאָן.

און אָט איז זי געקומען. יוכבד האָט זיך דערפרייט. ביי מירעלעס אַריבער־טרעטן די שוועל איז אין דער שטוב געוואָרן ווי די תמוזדיקע זון וואָלט פּלוצים גענומען אַריינשיינען:

— אַביסל מיך פאַרשפּעטיקט היינט — האָט נחמנס ווייב זיך פאַרענטפערט. זי האָט גענומען דערציילן, וואָס אין שטאָט טוט זיך, כמעט דאָס אייגענע וואָס העניע האָט שוין געהאַט דערציילט און וואָס יעדער אין שטאָט האָט שוין געוווּסט: — באַלד וועט די שטאָט אויפגעריכט ווערן!... אַ קאָמיטעט פון אַמעריקע!... מ׳וועט העלפן די אָרעמעלייט מיט געלט, מיט עסן, און מיט מלבושים — מיט אַלץ!... — זי האָט גענומען רייבן די הענט, כדי זיי אַביסל אָנצוּוואַרעמען, איז צוגעגאַנגען צו דער וויג און געדעדט צום קינד: — ביסט שוין גוט אויסגעהונגערט, מיין פייגעלע... כ׳האָב דיך היינט געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן... — זי האָט דורכן שטאַרקן דעקאָלט פון „פּרינצעס״ אַרויסבאַקומען די בריסט ווי אַ קרוג מילך און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני איבערן וויגל. ס׳קינד האָט געזויגן און זי האָט ווייטער דערציילט: — „אַזויפיל נייעס אין גאַס... ייִדן פאָרן דורך — דערציילן זיי אַז אין זייערע שטעט־לעך איז סכנות נפשות... פּאָגראָמען... כ׳האָב מורא, אַז אויך הי... אָבער דאָ גרייט מע זיך — ווי איך בין געוואָר געוואָרן — זיך אַנטקעגנצושטעלן... ווו איז יעקב״:

יאָסקע האָט געענטפערט מיט דער זעלבער וויכטיקייט, ווי ער האָט פריִער געענטפערט דער מוטער: „ער איז אַוועק מיט הערשן"...

ס'איז געווען, ווי די תמוזדיקע זון וואָלט זיך פּלוצים צוריק אויסגעלאָשן. מיט איינמאָל איז די שטוב אָנגעפּילט געוואָרן מיט פּחד און ציטער. נאָר מירעלע האָט ווייטער גערעדט הן וועגן גוטע נייעס און הן וועגן די שלעכטע, און אַזוי אַרום ווידער פאַרטריבן די תמיד דריקנדיקע און פּלוצים נאָך דריקנדיקער־געוואָרענע שטימונג אין דער שטוב. העניע האָט געזאָגט מוסר די קינדער און געשלאָגן דעם קליינעם יונג, ווייל זיי האָבן זיך וועגן עפּעס אַרומגעריסן. נאָר בייז איז זי אַצינד געווען גאָר וועגן מירעלען. זי האָט „דאָס געזונטע שטיק פלייש", ווי זי האָט נחמנס פרוי גערופן, פיינט געהאַט. די סיבה איז געווען קנאה, ווייל מירעלע איז נאָך אַלץ געווען זייער שיין. דערצו האָט מען זי אין שטאָט געהאַלטן פאַר אַ נגידותטע. די געשטופּלטע העניע האָט געטראַכט ווי זיך נוקם צו זיין אין דער יפיפיה און געזאָגט צו יוכבדן:

— באַלד וועל איך קאָנען אָנזייגן ענקער קינד.

מירעלע האָט געענטפערט זייער פריינטלעך:

— פאַרוואָס נישט? אַז מ'האָט גענוג...

— ווען כ'זייג, האָבעך גענוג פאַר נאָך דריי — האָט די געשטופּלטע זיך באַרימט. זי האָט אַלץ געוואָלט קרענקען מירעלען, אָבער יענע האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט.

נאָר אַט האָט יוכבד דערזען די מחיצה־פאַרהאַנג זיך צערוקן און פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן איז שוין פאַרטיק מיטן דאַווענען; ער וויל אַוודאי צוגיין צום שותפות־שעפל ביי דער טיר זיך וואַשן צום עסן. ס'איז אָבער נאָך נישט געווען געגרייט צום טיש און זי האָט זיך נישט געקאָנט אַוועקרירן פונעם אָרט, ווו זי איז געשטאַנען, כדי צו פאַרשטעלן מירעלען פונעם מאַנס בליק. דערצו נאָך, ווען יענע, אַ פרעמדע אשה, האָט פונקט די נאַקעטע ברוסט אינדרויסן.

— נאָך עטלעכע מינוט, שאול — האָט יוכבד זיך געבעטן.

מירעלע האָט גענומען אונטעריאָגן ס'קינד: „גיכער, מיין פייגעלע, אייל דיך צו אַביסעלע, דיין טאַטע וויל אויך עסן". אַז דאָס קינד האָט שוין געהאַט גענוג און אַרויסגעלאָזט די גרויסע ברוינע וואָרצל פון מיילעכל, האָט מירעלע גיך צוריק באַהאַלטן די ברוסט און איז אויפגעשטאַנען. יוכבד האָט געגרייט צום טיש. דאָס טוענדיק, האָט זי געפילט די זעלבע גליקזעליקייט, וואָס זי האָט געפילט, ווען דער מאַן האָט געלערנט און זי האָט זיך צוגעהערט צו זיין קול. זי האָט דאַן פאַרגעסן אַלע אירע צרות. אָבער ווען דער קראַנקער איז געגאַנגען זיך וואַשן צו „שאי ידיכם", האָט זי געקוקט אויף זיין אויסגעבויגענעם רוקן, אויף זיין איצט שוין זייער דאַרן האַלדז און די גריבער און לעכער אין זיין קערפּער. „אוי, ווי ווייס די אויערן זיינען"! זי האָט אַראָפּגעשלונגען די זיפצן, וואָס האָבן זיך איר געריסן פון האַרץ. דערביי האָט זי זיך ווידער דערמאָנט ווי איר מאַן האָט אויסגעזען, ווען ער איז געווען געזונט: ווי אַ שיינער בוים. ער איז דעמאָלט געגאַנגען גלייך, ווי אַ קיסר! מירעלע איז נאָך איצט נתפּעל געוואָרן פונעם סופרס שיינקייט. ווידער און ווידער האָט זי באַוואונדערט זיינע הענט, די שוואַרצקייט פון דער באָרד, די שיינע ליפּן, די ברונימדיקע אויגן, די מענלעך פעסטע און גלייכע נאָז. זי האָט

אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין: ער איז אַזוי שווער קראַנק, שוין אַזוי לאַנג, און איז נאָך אַלץ אַזוי שיין!

נאָך איידער ר׳ שאול האָט געהאַט אַראָפּגעשלונגען דעם ערשטן ביסן, איז אַריינגעקומען דער באַלעבאָס מיט אַ זאַק סטרוזשענעס, וואָס איז געווען גרעסער פון אים. ס׳איז געווען צוויי טעג נאָכן געשלעג אין ראַטהויז ביי דער גרויסער פאַרזאַמלונג. מאַטעוס האָט געהאַט שוואַרצברוינעביילן אויפן שטערן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט דאָרט געכאַפּט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם זאַק לעבן דער קיך. דערזעענדיק דאָס בינטל האַלץ, האָט ער די צוויי פרויען געוויזן מיט אַ פינ־גער אויפן שטערן, ווו דער שכל איז: „קלוגע קעפּעלעך... האַלץ נישט דאַרף קויפן, בלויז קוילן. יעדן ברענג סטראַטשינעס״. מיט צעגערנדיקע פּאַמעלעכע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש, ביי וועלכן דער סופר איז געזעסן און געגעסן. מאַטעוס גרויע וואַסעראויגן האָבן איצט געקוקט אי מיט באַהאַלטענעם סוד, אי מיט גרויס מיטלייד, אי מיט כעס.

ר׳ שאול האָט אויפגעהערט עסן. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. דער קריסט האָט אין דעם ייִדס בליק איצט געפילט רחמנות און גוטסקייט, מער נאָענטקייט צו אים, ווי אין די ערשטע צוויי־דריי יאָר, ווען ער פלעגט אַריינקומען. נאָר עפּעס צערודערט — אַזוי איז מאַטעוסן אויסגעקומען — איז דער שכן זיינער, צערודערט און אויפגערעגט. ער פאַרבאָרגט עס אָבער אין זיין האַרץ. דאָס איז טאַקע געווען אמת. צו דער צעריסנקייט אין שאולס נשמה אין דער לעצטער צייט צוליב דער איבערקערעניש, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, האָט אין דער קעגנוואָרט פונעם קריסט געעגבערט אין זיין מוח די פראַגע: „און וואָס איז דאָך וועגן די ערלים״? נאָר כאָטש דער ענטפער האָט איצט געקאָנט זיין אַ גאַנץ קלאָרער, צוליב דעם צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם, אַז זיי קענען בלויז שלאָגן, הרגענען, פאַרגיסן בלוט, גזלנען און רצחענען — האָט פונדעסטוועגן דער סופר, קוקנדיק אַצינד אויף זיין גויאישן באַלעבאָס, אַזאַ ענטפער נישט צוגעלאָזט אין זיך.

מאַטעוס האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס עסט נישט דער פאַן שאול?

דער סופר האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף די שוואַרצברוינע ביילן און צוריקגעפרעגט:

— געפאַלן?

— יאָ, געפאַלן!... — האָט דער קריסט געענטפערט צאָרנדיק. ס׳האָט אין אים געברענט די רציחה, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די צוויי קעגנגעזעצטע געפילן אין זיין האַרץ. פון נאָכן געשלעג אין ראַטהויז גייען מאַטעוסן נישט אַרויס פון קאָפּ די ווערטער, וועלכע ער האָט דעמדאָזיקן ייִד גע־זאָגט דעמאָלט, ווען ער האָט ביי אים צוגעקלאַפּט די עטלעכע ברעטלעך צו דער וואַנט פאַר די הייליקע ביכער: „ווען פוילן וועט זיין פריי, וועט די ייִדן גיין גוט אין דאָזיקן לאַנד״. דאָס האָט ער דעמאָלט ר׳ שאולן געזאָגט עטלעכע מאָל. און איצט...

מאַטעוס איז אַצינד נישט אַריינגעקומען צו זיין שכן, כדי אים אַריינצוברענ־גען די סטראַטשינעס. דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד, כדי צו האָבן די גע־לעגנהייט מיט אים צו רעדן, מיט אים צו רעדן אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו

אַלע ייִדן אין דער שטאָט, ניין, צו אַלע ייִדן אין זיין לאַנד: וועגן דעם וואָס מע פאַרפאָלגט זיי אַצינד, משלאָגט זיי אין די גאַסן און מע מאַכט אויף זיין פּאָגראָמען. מאַטעוס רעדט וועגן דעם מיט די זייניקע, מיט די, וועלכע ער קען און מיט די, וועלכע ער קען נישט אין דער שטאָט, מיט די פויערן פון די דערפער אַרום. טייל גיבן אים גערעכט. די מייסטע אָבער זאָגן אים, אַז ער איז אַ פאַרקויפטער ייִדישער פאַראָבעק. מיט קאַספּערן, דעם זון זיינעם, האַלט ער זיך אין איין אַרומקריגן. מאַטעוס שעמט זיך פאַר די ייִדן אין דער שטאָט, באַזונדערס פאַר די ייִדן, וואָס וווינען ביי אים. ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער זיך אַצינד אַנידערגעלייגט פאַרן דאָזיקן ייִדס פיס און אים געבעטן מחילה פאַר זיין גאַנץ פאָלק. ער זעט — אָדער דאַכט זיך אים בלויז אַזוי? — אַז דער שכן זיינער, כאָטש ער קוקט אויף אים מיט רחמנות און גוטסקייט, איז ער אויך בייז אויף אים, פאַראַכט אים צוזאַמען מיט אַלע פּאָליאַקן, מיט אַלע קריסטן. טראַכט ביי זיך דער גוי: דער ייִד איז גע־רעכט; שטענדיק האָבן די ייִדן געליטן פון די קריסטן, אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט. יוזשעק, און אויך יעקב, האָבן אים דאָס געזאָגט. דאָך זיינען שולדיק בלויז די רייכע, די קשיוויצקעס, די זאַרעמבאַס, די וויקאָפּס; איצט אויך יאַן גלינאָווסקי און די אַנדערע, וואָס זיינען אַמאָל געווען סאָציאַליסטן, אַזעלכע ווי טשעמנאָווסקי. פאַרוואָס דערלאָזן זיי אַזעלכעס אין דער שטאָט? אָבער אויך די רייכע ייִדן זיינען שולדיק.

— געפאַלן!... — חזרט מאַטעוס איבער נאָך אַ פּויזע. — געפאַלן!... — ביי־זערט ער זיך. — אייער זון איז אויך געפאַלן, מיין יוזשעק אויך, הערש אויך, כעליאַ, דעם פאָן בערנפעלס אַ טאָכטער, די ייִנגסטע, אַ טייערע נשמה — אויך געפאַלן... אַלע געפאַלן, ביי דער פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז... אָבער זיך אַנטקעגנ־געשטעלט די פּסובראַצעס, וואָס האָבן געשלאָגן די ייִדן, נישט געלאָזט שלאָגן, זיך אָנגענומען פאַר די ייִדן! יעך אויך, מיט די צוויי פּעקלעך מיינע; געשלאָגן די כאַמיעס, פּשאַקרעוו! געוואַליעט! בין נישט שוואַך, פאָן שאול! אַלט 60 יאָר, אָבער קאָן געבן אַ קלאַפּ! אַ סטאָלאַרזש, האָב אויסגעאַרבעטע הענט, ווי ברעטער. — ער האָט זיי אויסגעשטרעקט: — פאָן שאול זעט? האַרטע ווי ברעטער! געגעבן אַ פּאַטש מיין קאַספּערן, דעם מיליציאַנט, (איצט סטאַרשי), ווייל ער נישט זיך אָנגע־נומען פאַר די ייִדן, געלאָזט שלאָגן. ער געווען דאָרט, אַכטונג געגעבן אויף אָרדע־נונג. באַדאַרפן נישט דערלאָזן, מיט גאַלער שווערד באַדאַרפן האַקן קעפּ פון כוליגאַנעס! — דער גוי האָט זיך אַלץ שטאַרקער צעקאָכט: — נו, וואָס זאָגט אַצינד פאָן באַזשנע? יעך וויים, וואָס דו טראַכסט, וואָס דו שטענדיק טראַכסט, ווען יעך אַריינקום. גויים — פּאַסקודנע, אַלע שלעכט, האָבן ליב נאָר ווינאַ! שלאָגן ייִדן! מאַכן פּאָגראָמען! פאָן שאול, אַלע ייִדן, פיינט אונדז, פיינט גויים. פאַרשטיי. אַלע... נישט ריכטיק, נישט ריכטיק! נישט אַלע גויים גלייך, נישט אַלע ייִדן גלייך. דאָ שלעכטע גויים, דאָ שלעכטע ייִדן. דאָ גוטע גויים, דאָ גוטע ייִדן. האָב צוויי זין: איינער, יוזשעק; אַנדערער — קאַספּער. שולדיק בלויז די רייכע. די אָרעמע — כאַמיעס, פאַרשטייען נישט, לאָזן זיך פאַרפירן פון די קשיוויצקיס, פון די זאַרעמ־באַס. אויך דער קשאָנדז זאָגט אין קאָשטשיאָל: ייִדן שולדיק. אַלע... וועט קומען אַנדערש, וועט קומען, פאָן שאול, וועט קומען! אַלע מענטשן זיין בראַטשע! פאָן שאול זאָל גלויבן! פאָן שאול פּרום, לערנט שטענדיק שוויענטאַ טאָראַ, וויסט:

אַלע מענטשן גאָט געשאַפן, ער געשאַפן אַלע מענטשן, אַלע מענטשן זיינע קינדער.
— ווייזנדיק מיט אַ פינגער אַרויף: — אויטשעץ. האָט שלעכטע, האָט גוטע קינדער!

דער גויאישער באַלעבאָס האָט דעם סופר קיין נייעס נישט געזאָגט: ער האָט דאָס שוין איינמאָל געהערט פון אייגענעם זון, פון יעקבן. דאָך איז ער געווען שטאַרק געפּלעפּט פונעם קריסטס לעצטע ווערטער: „אַלע מענטשן האָט גאָט געשאַפן, אַלע מענטשן זיינען זיינע קינדער. אויטשעץ, אַ טאַטע, האָט שלעכטע, און האָט גוטע קינדער".

דער סופר איז געווען גערירט. זיין האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט און אָנגענומען דעם קריסט ביי אַן אָרעם:

— זאָל דער פּאַן גאָספּאָדאַזש זיך זעצן דאָ לעם מיר.

יוכבד האָט נאָך נישט געהאַט אינגאַנצן אָפּגעגעסן. אָבער זי איז אויפגעשטאַנען, גענומען איר שטיקל ברויט מיטן ביסל ציקאָריע אין טעפּעלע און גערופן די קינדער: „מאירל! בנימין! קומטס"! מאירל איז גלייך מיטגעגאַנגען מיט דער מוטער. בנימין אָבער איז געבליבן זיצן. ער האָט נישט געקאָנט רירן זיך פון אָרט, ווייל זיינע גרויסע, אויפגעריסענע אויגן זיינען די גאַנצע צייט געווען ווי צוגענאָגלט צום פּאַטערס ליפּן און ער האָט זיי נישט געקאָנט אָפּרייסן. ס'ביסל ציקאָריע איז געשטאַנען פאַר אים, ס'איז שוין געווען קאַלט, ווי דעם פּאַטערס ציקאָריע. צוויי אָדער דריי מאָל האָט ער אָפּגעביסן פון זיין שטיקל ברויט, אַזויפיל מאָל, ווי דער פּאַטער האָט אָפּגעביסן פון זיינעם. האָט דער פּאַטער גענומען דאָס שטיקל ברויט צום מויל — האָט ער אויך געטאָן דאָסזעלבע. ער האָט געשלונגען די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט סיי פון קריסט און סיי פון פּאַטער.

ר' שאולן זיינען דעם באַלעבאָס לעצטע ווערטער נישט אַרויס פון קאָפּ, זיי זיינען געבליבן אין אים ווי פלאַמען, וואָס מ'קאָן נישט אויסלעשן. אַלץ, וואָס ער האָט אין די לעצטע פינף יאָר, זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איבערגעלעבט און געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, איז איצט געשטאַנען פאַר אים: ווי די ייִדן אומעטום האָבן באַהאַנדלט די פּליטים; ווי מ'האָט אים געלאָזט ליגן אינדרויסן מיט ווייב און קינדער, ווען ער איז צוריקגעקומען. ווען נישט דערדאָזיקער גוי, וואָלט ער נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. ער וווינט שוין דאָ מער ווי פיר יאָר און באַצאָלט האָט ער ערשט קוים פאַר איין יאָר דירה-געלט. דער גוי מאָנט אים אַפילו נישט, מאָנט אים נישט פאַר די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט פאַר אים געמאַכט. ברענגט אַלעמאָל אַריין וואָס ער קאָן: שטיקלעך האָלץ, הובלעוועכץ, קאַרטאָפליעס. דער אַפּטייקער גיט אים אומזיסט די רפואות. טיילמאָל גיט ער יוכבדן אויך צו געלט. דער רב אָבער, די גבאים פון דער חברה „תומכי עניים" און די אַנדערע צדקה-חברות מאַכן זיך אַפילו נישט וויסן וועגן אים. (יוכבדן האָט ער אָנגעזאָגט זהר וזהר, אַז זי זאָל נישט גיין צו זיי נאָך אַ נדבה). און וואָס האָט ער געזען אין בית-המדרש ביים דאַווענען? — דאָך האָט ער נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק ביי זיך, אַז פּונקט ווי ס'זיינען דאָ שלעכטע און גוטע קריסטן, זיינען דאָ שלעכטע און גוטע ייִדן. ס'איז דאָך אַ חילוק, אַ גרויסער חילוק; ווי טאָג קעגן נאַכט. די ייִדן האָבן דאָך קיינמאָל נישט פאַרגאָסן אַזויפיל בלוט ווי אַנדערע פעלקער! די ייִדן האָבן געפירט מלחמות; אָבער זיי האָבן קיינמאָל נישט געהרגעט צוליב רציחה און גזילה. האָט דאָס ווען אַ ייִד געטאָן — איז ער געווען חיב מיתה.

אַ גר, אַ זר, ה׳ נכרי אין ארץ־ישראל — איידער ס׳בית־המקדש איז חרוב געוואָרן — האָט קיין שום שלעכטס נישט געטאָרט געשען. ס׳איז אָבער נישטאָ כמעט קיין איין גויאיש פאָלק, וואָס האָט נישט אויסגעשאָכטן גאַנצע ייִדישע קהילות, געקוילעט זקנים, טף ונשים, געברענט אויף שייטערהויפנס, געפייניקט, געמאַטערט, געטריבן, געיאָגט. מ׳קאָן נישט זאָגן דערויף, אַז שולדיק זיינען בלויז די רייכע.

פונעם קראַנקנס האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ: „אַלע מענטשן זיינען זיינע קינדער"... די פלאַמען פון מאַטעוס דאָזיקע ווערטער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט אינעם סופר. און נאָך אַנדערע ווערטער האָבן געלויכטן אין אים: „והיה באחרית הימים"... ער האָט גערעדט מיטן גויאישן באַלעבאָס, האַלטנדיק אים כמעט די גאַנצע צייט ביים אַרבל, און געענדיקט מיט דידאָזיקע ווערטער:

— אמת, פאַניע גאָספאָדאַזשו. אַלע מענטשן האָט ער, ברוך הוא, געשאַפן; אַלע מענטשן זיינען זיינע קינדער. ער איז אַ טאַטע, אונדזער אַלעמענס פאָטער אין הימל. אַ סך שלעכטס איז אין דער וועלט. אָבער ער וועט העלפן. ער וועט שטראָפן די זינדיקע. ס׳וועט קומען גערעכטיקייט, ס׳וועט קומען!

דער גוי איז אויפגעשפרונגען פון בענקל און אויסגערופן:

— ס׳וועט קומען! און אויב ס׳וועט עפּעס געשען אין דער שטאָט — וועלעך מיט אַ האַק מיך אַוועקשטעלן אינדרויסן, מיט דער גרויסער האַק מיינער, נישט מיט דער קליינער; פאַר פאַן שאולס טיר וועלעך שטיין און שפּאַלטן קעפּ, ווי כ׳שפּאַלט האָלץ! וועל שפּאַלטן! אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן, אייער און אונדזער גאָט! כ׳שווער ביי אים!

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַ וויכּוח

1

יעקב איז אַהיימגעקומען שפּעט. די מוטער און דעם מלמדס פרוי האָבן אים גענומען אויספרעגן, וואָס אין שטאָט טוט זיך. ער האָט געענטפערט אויסמיידנדיק און זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו באַרויִקן די מענטשן. דער מלמד האָט געפרעגט: „וווּ איז הערש"?

יעקב האָט געענטפערט דענערווירט:

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— אינדערפרי זענט עך דאָך אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען, — האָט העניע נישט אָפּגעלאָזט.

אַרום יעקבן זיינען געשטאַנען דריי דערוואַקסענע מענטשן און פיר ייִנגלעך. אַלע האָבן געוואָלט פון אים אַרויסקריגן וואָס מער וועגן די באַאומרויִקנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין שטאָט. ער האָט אָבער וואָס גיכער שוין געוואָלט צוגיין צום פאָטער. ביים אַריינקומען האָט ער אויף דער שוועל אים

געהערט לערנען גמרא מיט בנימינען און יענער האָט זיך געבעטן: „לערן מיט מיר תנ״ך, טאַטע״.

האָט יעקב געלאָזט שטיין אַלע מענטשן און איז מיט בנימינען, וועלכער איז צוגעקומען צו אים, צוגעגאַנגען צום קראַנקן טאַטן.

דער סופר האָט דעם זון באַגעגנט מיט אַ „נו?״... יעקב האָט אַרויסגעהערט אינעם פּאָטערס „נו״, אַז ער פרעגט אים נישט בלויז וואָס עס הערט זיך אין שטאָט, און אַז דער „נו״ באַדייט אויך נישט קיין שאָדנפרייד, ווי אַ שטייגער: „וואָס האָב איך דיר אַלעמאָל געזאָגט?״ נאָר אַז דער טאַטע האָט אויף אים שוין לאַנג געוואַרט, ווייל ער האָט אַוודאי וועגן עפּעס ערנסטס צו רעדן מיט אים. און באַלד האָט טאַקע דער קראַנקער, אין עטלעכע קורצע זאַצן, איבערגעגעבן דעם צוגעקומענעם צו זיין בעט וועגן דעם שמועס, וואָס ער האָט היינט געהאַט מיטן באַלעבאָס. ער האָט געריסמט דעם קריסט און געהייסן יעקבן זיך אַנידערזעצן לעבן אים אויפן בעט.

דער סופר האָט אָנגעהויבן:

— זעסטו! דער גוי האָט געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס דו זאָגסט שטענדיק: אַז אַלע מענטשן זיינען דעם בוראס קינדער. אַוודאי. די תורה הקדושה האָט דאָס באַזונדערס שטאַרק באַפּעסטיקט: דורכן באַשאַפן אָדמען, בלויז איין מענטש, און פון אים שטאַמען אַלע, אויך מיר יידן. קין און הבל זיינען געווען ברידער, יעקב און עשו זיינען געווען נישט בלויז ברידער, נאָר אַ צווילינג. אָבער נישט וועגן דעם גייט עס. עס גייט וועגן דעם, וואָס יעקב איז געווען און וואָס עשו איז געווען, און אַז דאָס פאָלק ישראל איז מזרע יעקב און די גוים מזרע עשו. גאָט ברוך־הוא איז מיט זיין תורה אַרומגעגאַנגען צו אַלע פעלקער און זיי האָבן זי נישט געוואָלט מקבל זיין. די יידן האָבן אויך נישט געזאָגט גלייך נעשה ונשמע, אָבער זיי האָבן די תורה דאָך אָנגענומען און האַלטן זי. נישט אַלע היטן זי אָפּ אינגאַנצן, ס׳זיינען דאָ גענוג יידן, וואָס זינדיקן זייער שטאַרק. אָבער וויפל מיר, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט אויף אַן אַנדער פאָלק געמאַכט פּאָגראָמען, געקוילעט קליינע קינדער, מאַנס־געווען פרויען, געברענט, געפּלינדערט, אין נאָמען פון דער אמונה געמאַ־טערט און איבערגעענטפערט צו די פלאַמען פון שייטערהויפנס גאַנצע קהילות! ווייז מיר דאָס! אַוודאי זיינען דאָ חסידי אומות העולם. כ׳האָב עס דיר שוין נישט איינמאָל מודה געווען. כ׳האָב אויך שוין גענוג, באַזונדערס היינט, נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳איז געוואָרן דיין אמונה און וואָס אין דער יידישער תורה איז דאָ אַזויפיל דעריבער, אַז אַלע פעלקער וועלן פאַראייניקט ווערן אין איין ברידער־לעכן בונד. אָבער דאָס וועט דאָך ערשט קומען באחרית הימים און דורך גאָטס האַנט. נישט פאַר דער צייט און נישט פון אַ מענטשנס האַנט. איצט זיינען די גוישע הענט אָפּגעטונקט אין בלוט פון רציחה; זיי לאָקערן אויף אונדזער לעבן, לעכצן נאָך דער לעצטער פּרוטה אונדזערער. דו זעסט עס דאָך אַצינד מיט דיינע אייגענע אויגן. און וואָס איז געווען אין ראַטהויז? דאָרטן, ווי כ׳בין געוואָר געוואָרן, זיינען דאָך די מייסטע גויים געווען פון די, וועלכע גייען מיט ענק, מיט די דערליי־זער... נו?...

נישט דאָס ערשטע מאָל האָט יעקב געהערט פון פאָטערס מויל אַזעלכע אָדער ענלעכע רייד. אָבער קיינמאָל האָט דער סופר נישט גערעדט מיט אַזויפיל ווייטיק, מיט אַזויפיל צער. וואָס אָבער האָט דער זון, דער סאָציאַליסט, געקאָנט ענטפערן

דעם פרומען און קראַנקן טאָטן? אים געבן פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע דערקלערונגען? לערנען מיט אים אַ פּרק מאַרקסיזם? ער האָט בלויז געציטערט איבערן פּאָטערס צושטאַנד, געוואָלט, אַז דער קראַנקער זאָל זיך נישט צופיל אויפרעגן.

נאָר דער סופר האָט גאָרנישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. ער האָט ווייטער גערעדט:

— ס'איז אמת, כי השחית כל בשר את דרכי על הארץ! ווי אָבער, מיין זון, ווילסטו אַצינד?... דו זאָגסט: גערעכטיקייט! כ'ווייס אָבער שוין, וואָס דו מיינסט מיט דיין גערעכטיקייט; נישט דאָס, וואָס די נביאים הקדושים האָבן געמיינט. נישט רופן די רשעים אומצוקערן צו גאָט ווילסטו מיט דיין חברה, נישט ווייזן די זינדיקע דעם גערעכטן וועג: אַז זיי זאָלן אויפהערן טראַכטן נאָר וועגן גוף; אַז זיי זאָלן אויפהערן גלוסטן צו כלערליי תענוגים פאַרן חומר; אַז זיי זאָלן אויפהערן וועלן גוט לעבן, אַ סך פרעסן און טרינקען, ווייל נאָר דאָס פירט צו אַלדאָס בייז אָן צו נידעריקייט, צו שקר און חניפה. ניין, דאָס מיינט עץ נישט. עץ ווילט דאָך גאָר דאָס אייגענע וואָס די רשעים: עולם־הזה. דעריבער טראַכט עץ נישט, אַז קודם כל מוזט עץ אַליין זיין ריין פונעם יצר־הרע, וואָס באַוועלטיקט די יחיאל לייבישס און די יאָסלס. ענקער גערעכטיקייט מיינט, אַז אַלע מענטשן זאָלן קאָנען האָבן דאָס, וואָס די פּאַסקודניאַקעס (כ'וויל נישט מער דערמאָנען זייערע נעמען) האָבן. דאָס באַדייט פאַר מיר: אויס מיט גאָט און הימל און גאָט אין האַרץ. נו, און דער וועג צו דערגרייכן וואָס עץ ווילט? — דורך רציחה, מיט כלי־זין אין די הענט. דערנאָך — אַזוי דרשנסטו — וועט שוין הערשן בלויז גערעכטיקייט, ס'וועלן מער נישט זיין קיין אָרעמע און רייכע; אַלע וועלן זיין גלייך, יעדן וועט זיין גוט — ס'וועט קומען די גאולה!...

דער קראַנקער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און אויסגעגאָסן זיין צעווייטיקט האַרץ:

— איז אַ חידוש, וואָס פאַר אַזעלכע פאַרשוינען איז נישטאָ קיין גאָט אין הימל? וואָס דאַרפסטו נאָך דאַוונען, אָפּהיטן ידישקייט? נישטאָ קיין מצוות, קיין עבירות. אויס חילוק; ייד, גוי — ביידע גלייך. אויס מיט אמונה. מען מעג חוזק מאַכן פון דער תורה, אָפּלאַכן פון ידישן דת, שפּאָטן פון הייליקייט, שפּייען אויף אַלע שיינע און דערהויבענע תפילות, טרעטן מיט די פיס אַלץ, וואָס איז דורכן רוח־הקודש מגלה געוואָרן צום פאָלק ישראל דורך אברהם, יצחק און יעקב, דורך משה און די נביאים, דורך די תנאים און אמוראים, דורך די חכמים און צדיקים. אַפילו מלחמה מעג מען פירן נישט בלויז קעגן אַלץ, וואָס האָט פון דער חיה געמאַכט אַ מענטש (ווייל עס הייסט רעליגיע), נאָר אַפילו קעגן בורא אַליין. נישטאָ קיין רבונו של עולם, זאָגט עץ, נישטאָ קיין השגחה פּרטית, קיין סודות, קיין ניסים. אַלץ האָט זיך אַליין באַשאַפן; דאָס, וואָס מיר זעען מיט אונדזערע אויגן און וואָס מיר זעען נישט און אַנען בלויז. דאָס לעבן און דער טויט, דער שכל, דער כוח השגה און דער כוח הבחירה, דער כוח צו באַנעמען כביכול און זיינע מעשים און דרכים, דער רצון, די נשמה — אַלץ האָט זיך אַליין באַשאַפן. אַ חכמה!... די גאַנצע וועלט איז, הייסט עס, אַ מאַשין, אַ גרויסע מאַשין; דער מענטש — אַ קליינע מאַשין; אַ מילב — אַ פּיצינקע מאַשינדעלע. גוט; מאַשין... נאָר ס'בלייבט אַ קשיא: איז דאָ

איינער, וואָס האָט באַשאַפן די אַלע מאַשינען אָדער נישט? ניין, די מאַשינען האָבן זיך אַלע אַליין באַשאַפן און ס'האַלטן זיך כסדר אין איין באַשאַפן אַליין מאַשינען... זיי ענדערן זיך אַליין, די מאַשינען... פון עפּעס אַ חיה־מאַשין איז געוואָרן אַ מענטש־מאַשין... יעך אָבער האָב נאָך נישט געזען אַפילו אַזאַ קליינינקייט, אַז אַ טיפּש זאָל ווערן אַ חכם...

דער סופר האָט דערקענט אין זון, אַז ער שמייכלט און זיך געכאַפּט:

— דו האָסט געזאָגט, אַז די נאַטור האָט באַשאַפן פאַרשידענע מינים. שוין פאַרגעסן, וואָס דו האָסט אַלץ געזאָגט. די נאַטור... זי האָט באַשאַפן אַ — כ'בעט דיך איבער — אַ פלוי, און, להבדיל, דעם ווילנער גאון... דאָס פאַרשטייי עך נישט! אַ מאַשין — לאָמיר זאָגן אַזאַ, וואָס שאַפט שרויפן — וועט גאָר נעמען באַשאַפן אויך זייגערס, גרויסע און קליינע?... שפּעטער, אָדער צו דער זעלבער צייט, וועט זי באַשאַפן לויפנדיקע באַנען, און... אַלערליי לעבעדיקע ברואים, און... מענטשן, אַלערליי מענטשן...

דער קראַנקער האָט זיך צעלאַכט. ער איז ווידער געוואָרן ערנסט און געפרעגט:

— ווערט עפּעס געענדערט, ווען מ'זאָל אָננעמען, אַז ס'איז ווי דו זאָגסט? גאָרנישט: הייסט עס: בלויז צוליב הפקרות, כדי צו קאָנען אָפּלייקענען דעם בורא און ווערן אַליין אַ גאָט. און דער גאָט — דער מענטש — וועט מאַכן אַז ס'זאָל זיין אַ גן־עדן אויף דער ערד... דורך אַ קליינינקייט: אַז מ'וועט אָפּשאַפן רייכקייט, אַז ס'וועלן מער נישט זיין קיין רייכע און קיין אָרעמע... דעמאָלט וועלן אַלע מענטשן שוין זיין צדיקים... אַ, יעקבֿ! מיין זון, מיין בכור! כ'האָב דיך אייגנטלעך געהאַלטן פאַר אַביסל קליגער. כ'האָב געמיינט, אַז ווייל דו האָסט געלערנט ביז אַ 16 יאָר אין בית־המדרש און קיין שלעכטן קאָפּ האָסטו נישט, ווײסטו... נאָר די ביכער, וואָס דו האָסט דערנאָך אָנגעהויבן לייענען — נאַרישע זאַכן אוודאי — האָבן דיך פאַרפּירט. און איצט? האָסט אונטערגעהאַקטע אויגן, שניטן אויפן פּנים, אַן אויס־געהאַקטן צאָן... דער אַנהייב פון דיין גערעכטיקייט!...

יעקבֿ האָט געשוויגן. ער האָט איינגעזען, אַז דער פאָטער האָט זיך טאַקע אַ סך געענדערט; אינעם עיקר אָבער איז ער געבליבן דערזעלבער. ס'איז פאַר־שטענדלעך, האָט ער געטראַכט. ווי קאָן אַ קראַנקער, האַלבנדיק אָפּגעלעבט צוויי דריטל פון זיין לעבן אין אַ פּעסטבאַגרינדעטער און פון טויזנטער יאָרן געבויטער וועלט, זי איצט פאַרלאָזן און איבערגיין אין אַן אַנדערער, אים כמעט אינגאַנצן פרעמדער וועלט? דאָס הייסט, מודה זיין דאָס גאַנצע לעבן צו האָבן אָפּגעלעבט אין אַ טעות. וואָלט ער וויניקסטנס געקאָנט האָפן פון דער נייער וועלט, אַ סאָציאַ־ליסטישע, צו קאָנען נאָך נהנה זיין! ער קאָן זי אָבער זיך נישט פאָרשטעלן אַפילו. דאַקעגן וואַרט אויף אים אין הימל יענע וועלט, וואָס איז פאַר אים אויסגעוועבט אין די פּרעכטיקסטע פאַרבן. די האָפענונג אין איר אייביק צו לעבן האָט אים געגעבן כוח אויסצוהאַלטן אַלע שרעקלעכע צרות פון דער ווירקלעכקייט. אין זיין פאַנטאַזיע שטייט ער דאָך שוין ביי דער שוועל פון דערדאָזיקער וועלט. ווי קאָן ער אַצינד זאָגן אַז זי איז נישטאָ?

אינעם פאָטערס שווייגן אַצינד האָט יעקבֿ אַרויסגעהערט דאָס, וואָס ער האָט אים אַמאָל געזאָגט בדרך משל אין אַ וויכוח: „ס'איז געשען אַ קאַ־טאַסטראָפע מיט דער שיף, אויף וועלכער איך בין געפאָרן... אַ סך פּאַסאַזשירן

זיינען דערטרונקען געוואָרן, אַ סך ראַנגלען זיך צווישן די כוואַליעס... דו, יעקב, בויסט אַ נייע שיף... איך אָבער וואָרן דיך, אַז זי וועט אויך אונטערגיין, און נאָך אַ סך פריִער ווי די שיף, מיט וועלכער איך בין געפאָרן... ווייל דיין מאַטעריאַל, פון וועלכן דו בויסט די שיף, איז אַ סך ערגער ווי דאָס מאַטעריאַל פון דער אונ־טערגעגאַנגענער... די אמונה אין בורא־עולם איז אַ רעטונגסגאַרטל, וואָס ברענגט אינעם היכל של מלכות השמים... די גאַנצע רייזע אויפן ים איז סיי ווי אַ קורצע און איז גאָרנישט ווערט... דאָרט אָבער איז אייביקע שיינקייט, אייביקע גערעכ־טיקייט״...

יעקב האָט איצט געפרעגט דעם פאָטער:

— מיינסטו, טאַטע, אַז ס׳דאַרף אַלץ זיין ווי ס׳איז געוועזן ביז אַהער? ס׳זאָל ווייטער הערשן שקר, אומגערעכטיקייט, גזילה און רציחה? אין מלחמה האָט אויפ־געהערט, די צווייטע הייבט זיך שוין אָן.

דער קראַנקער סופר האָט זיך געטאָן אַ זעץ־אויף:

— חס וחלילה! השמים שמים לדושם והארץ נתן לבני אָדם. די תורה און אַלע דינים און מצוות זיינען געגעבן געוואָרן דעם מענטש, זיי מקיים צו זיין. די אַלע פורענויות קומען דערפאַר, ווייל מ׳היט נישט אָפּ די תורה. דער מענטש איז נישט מקיים די דינים און די מצוות בין אָדם לחברו, ווייל ער האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין בורא־עולם. זיינע גרויסע און אייביקע אמתן האָט דער מענטש אַנגעהויבן צו פאַרדרייען, אויסצוטייטשן ווי אים לוינט; די שאַלעכץ מאַכט ער פאַר די יאָדער און די יאָדער...

2

דער קראַנקער האָט דערזען, ווי די טיר עפנט זיך שטיל און פאַמעלעך און אויפגעהערט אין מיטן ריידן. די מענטשן איןביידע האַלבע שטובן האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. די צוויי פרויען זיינען געוואָרן ווי געליימט און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. דער מלמד האָט שוין געוואָלט זיך ערגעץ באַהאַלטן. בנימין איז צוגעלאָפן צו דער טיר און אויסגערופן: „ר׳ איסר״! נאָר ס׳איז געווען נישט בלויז ר׳ איסר; ס׳זיינען געקומען נאָך צוויי ייִדן: ר׳ מרדכי און ר׳ הענעך מלאך. אַלע דריי האָבן איינער דעם אַנדערן געוואָלט אָפּגעבן כבוד אַריינצוגיין דער ערשטער. ביני לביני האָט דער מלאך זיך געפעדערט. ער האָט דערביי שיער פאַרגעסן צו קושן די מזוזה. אַלע דריי האָבן שטיל געזאָגט:

— גוטאָוונט!

— קומער פון בית־המדרש! — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט. — ס׳איז קוים געווען אַ מנין. אין שטאָט הערשט גרויס מורא.

ר׳ איסר האָט גוטמוטיק אָפּגעלאַכט:

— מורא... ווי קאָן אַ מענטש מורא האָבן?... יעך האָב אַפילו פאַרן רבונו של עולם אויך נישט קיין מורא...

כמעט אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— ר׳ מרדכי האָט געפרעגט:

— ווי פילסטו דיך היינט, שאול?

— דער סופר האָט געענטפערט:

—געלויבט השם יתברך. צ׳האָט זייער גוט געטאָן, וואָס צ׳זענס אַצינד גע־קומען. זעצטץ ענק.

יעקב און בנימין האָבן צוגעטראָגן די צוויי בענקלעך צום בעט און געוואָלט גיין אַריינברענגען נאָך איינס פון דער אַנדער האַלבער שטוב. נאָר גרוינעם איז אָנגעקומען מיט צוויי טאַבורעטקעס. אויף איינעם האָט ער זיך אַליין אַנידערגע־זעצט אומגעבעטנערהייט. דער קראַנקער האָט אַריינגערופן אין גרוינעמס האַלבער שטוב צום ווייב:

— הענאַר! וועסט אפשר מאַכן טיי?

אַן אויפגעהייטערטער האָט ר׳ שאול דערציילט די געסט: „מיר האָבן דאָ גערעדט״... ער האָט בקיצור איבערגעגעבן וועגן דעם וויכוח מיטן זון.

דער מלמד איז דעם סופר אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— יעך האָב מיך גוט צוגעהערט די גאַנצע צייט. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. כ׳מוז זאָגן... יעך וואָלט מיט אַזאַ איינעם... צו מיין גרויס בזיון — בעוונותינו הרבים — האָבעך אויך אַזאַ זינדל; מיין הערש. נו, וועלעך פירן מיט אים וויכוחים?... ווען כ׳וואָלט אים געקאָנט דורס זיין... נעמט מיר נישט פאַריבל ר׳ שאול; כ׳ווייס, אַז איר זייט אַ גרויסער ירא שמים און איר קאָנט מסתמא בעסער לערנען פון מיר. פונדעסטוועגן בינעך מיט אייך נישט מסכים. ס׳איז דאָך גאַנץ פשוט: ווענען דער רבונו של עולם קלייבט אויס צו זיין רייך, אין זיין אייגענעם זכות אָדער אין זכות־אָבות, דאַרף זיין רייך. דער, וואָס לעבט אייביק, ווייס וואָס ער טוט. דאָס אייגענע ווען ער נעמט ווענען אַוועק זיין עשירות און גיט עס אַן אַנדערן. די וועלט איז געשאַפן אַזוי, אַז ס׳זאָלן זיין רייכע און אָרעמע. און אַזוי דאַרף טאַקע זיין. אַנדערש וואָלט נישט געטויגט. וואָרים — וואָלטן אַלע מענטשן געווען רייך, אָדער ס׳זאָל אַפילו בלויז אַלע מענטשן גיין גוט — ווער וואָלט געוואָלט אַרבעטן? קיינער נישט. און וואָלט קיינער נישט געאַרבעט — וואָלט קיין עסן נישט געווען, ס׳וואָלט נישט געווען ווו צו וווינען, ס׳וואָלט נישט געווען, ווער ס׳זאָל מאַכן אַ טיש, אַ טעפל. מ׳וואָלט געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט. דער מענטש וואָלט געלעבט ווי אַ חיה. קיין דינים וואָלט מע שוין דאַן נישט באַדאַרפן, קיין מצוות וואָלט קיינער נישט געטאָן, פון מעשים טובים וואָלט מע נישט געוווסט, קיין תורה וואָלט נישט געווען — דער אין הימל וואָלט זי נישט געווען געגעבן. הכלל — איר, ר׳ שאול, חקרנט אייך וועגן סודות הבורא, איר ווילט פאַרשטיין כביכולס מעשים און דרכים, און יעך... כע־כע־כע...

יעקב האָט גענומען שפּאַסן:

— אָבער... ר׳ גרוינעם... שטעלט אייך פאָר: אַלע מענטשן אַרבעטן און אייך גיט מע אַ גלייך חלק...

דער מלמד האָט זיך אָנגעצונדן:

— אַלע מענטשן וועלן אַרבעטן!... אַזוי זאָגסט דו! ס׳איז דאָ שווערע אַרבעט, אַזאַ ווי קנעטן ליים און מאַכן ציגל, גראָבן שטיינקוילן; און מיאוסע אַרבעט איז דאָ, אַזאַ ווי קערן די גאַסן, רייניקן די סמעטניקעס, די אָפּטריטן — ווער וועט דאָס וועלן טאָן, אויב ס׳וועט אַלע גיין גוט, אויב אַלע וועלן זיין גלייך? בלויז מחלוקות וואָלט געווען! וואָס איז דאָ צו רעדן? אָדער מ׳גלייבט אין השגחה פּרטית

אָדער מ׳גלייבט נישט! כ׳רעכן, אַז כ׳האָב אַלץ שוין קלאָר געמאַכט, פאַרענטפערט אַלע קשיות און מער איז נישטאָ וואָס צו רעדן!

אַלע, חוץ ר׳ הענעך מלאך, האָבן געשמייכלט. יוכבד האָט גערופן יעקבן און בנימינען, זיי זאָלן אַריינטראָגן פאַר די געסט די טיי וואָס זי האָט צוזאַמען מיט העניען אויפגעקאָכט. זופנדיק דאָס הייסע, כמעט קאַלירלאָזע וואַסער, האָט זיך צווישן די געקומענע און דעם סופר אָנגעהויבן דער כמעט שטענדיקער וויכוח וועגן נשמה און גוף. דער געוועזענער רייכער פאַבריקאַנט ר׳ מרדכי גאָלדבלום, דער חסיד, האָט אין איין פונקט — צו דער דערשטוינונג פון דעם „מלמד״ און דעם „מלאך״ — זיך געשטעלט אויף יעקבס צד און געזאָגט:

— דאָס יאָגן זיך נאָך עשירות ציט אַראָפּ דעם מענטש. באַזיץ, בלויז דאָס האָבן מער פון אַנדערע און קאָנען זיך גרויסן דערמיט, דערלאָזט נישט קיין עליות הנשמה. — ער האָט געגנומען דערציילן, ווי ער האָט פריִער, אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אַ נגיד, כמעט קיינמאָל נישט געוווּסט פון אמתן תענוג רוחניות. — ווען כ׳האָב מיך געיאָגט נאָך עשירות, — האָט ער מודה געווען, — האָב איך גע־פילט ממש ווי אַ בייזער דיבוק טרייבט מיך... כ׳לויף און לויף, כ׳האָב שוין באַלד קיין אָטעם נישט אין מיר, כ׳זע שוין נישט מער וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר; אָבער כ׳מוז לויפן נאָך די מיליאָנען וואָס כ׳וויל כאַפּן... כאַפּן... אַלץ מער... מער... אַ ים מיט גאָלד זע איך פאַר מיר... איך וויל דעם גאַנצן ים... אָבער כ׳ווער דערטרונקען אין אים... — ער האָט אויפגעהויבן די הענט און די אויגן אַרויף, ווי ביים אומקערן זיך אין שטאָט אַריין, ווען ער איז שטיין געבליבן פאַרן חרוב געוואָרענעם הויז און דער חרוב געוואָרענער פאַבריק, און הויך געזאָגט: — כ׳דאַנק דיר, רבונו של עולם!...

יעקב האָט זיך אָנגערופן:

— און וואָלט איר אייער עשירות נישט געווען פאַרלאָרן, וואָלט איר אייך נישט געווען אָפּגעשטעלט, ר׳ מרדכי! — ער האָט אים געפרעגט: — און איז אייך קיין איין מאָל נישט איינגעפאַלן, ר׳ מרדכי, אַז די מיליאָנען — דער ים מיט גאָלד — זיינען די לעבנס פון די אַרבעטער אין אייער פאַבריק?

דער מלמד און ר׳ הענעך זיינען געוואָרן אויסער זיך:

— ווי אַזוי? האָט ר׳ מרדכי נישט באַצאָלט די אַרבעטער? געהערט אַ שקאַצישקייט!

יעקב האָט מיט אַ געוויסער פאַרחידושטקייט געקוקט אויף די צוויי ייִדן און גערעדט מער צו ר׳ מרדכי גאָלדבלום ווי צו די אַנדערע מענטשן אין דער שטוב:

— די לויפערס נאָך גאָלד מוז מען אָפּשטעלן! אַליין וועלן זיי נישט בלייבן שטיין, נישט אַפילו ווען די מלחמה פאַרניכטט זייערע פאַבריקן, זייערע הייזער, זייער רייכטום! בלויז איינער, ווי איר, ר׳ מרדכי, קוקט זיך אום נאָך אַ קאַטאַסטראָפע און בלייבט שטיין. די אַנדערע לויפן ווייטער, ווייל נישט זיי האָבן געבויט די פאַבריקן און די הייזער; נישט זייער פראַצע, נישט זייער לעבן איז פאַרניכטט געוואָרן. יאָ, מען מוז זיי אָפּשטעלן!

ווידער האָבן ביידע, דער מלמד און דער „מלאך״, איבערגעריסן יעקבן:

— אָפּשטעלן... דו מיינסט?...

יעקב האָט ווידער גערעדט בלויז צו ר׳ מרדכין:

— איר ווייסט, וואָס עס מיינט אַ מאַשין און וואָס זי קאָן טאָן, — האָט ער

געגומען שילדערן, — מיט ניי־דערפינדענע מאַשינען וועט זיין גענוג צוויי שעה אַרבעט אַ טאָג. די אַרבעט וועט זיין נישט שווער. בלויז באַדינען די מאַשין. אַ ריר, זי צו לאָזן אין גאַנג און אַ ריר, זי אָפּשטעלן. אַן אַרבעט, וואָס עס מאַכן היינט הונדערט מענטשן, וועט מאַכן איין מענטש. אַ פערטער טייל פון די אַרבעטער (און אפשר מער) מאַכט אַצינד כלי־זין צו צעשטערן דאָס, וואָס די אַנדערע דריי פערטל פון די אַרבעטער שאַפן. די בעסטע און די שענסטע יאָרן גיט דער מענטש אַוועק אויף לערנען זיך ווי צו טויטן איינער דעם אַנדערן, ווי אומצו־ברענגען זיך קעגנזייטיק און צו פאַרלענדן איינער דעם צווייטנס האָב און גוטס. און אין שלום־צייט? — אַ קליינער מיעוט ווערט פאַרדאַרבן אין לוקסוס. אין געלויף און יאָגעניש נאָך אַלץ מער און מער געלט, דערלאָזט ער נישט שאַפן גענוג פאַר אַלע מענטשן, כדי צו קאָנען העכערן אַלץ מער די פרייזן פון זייערע סחורות. די, וואָס אַרבעטן און ווילן אַרבעטן — דער רוב מנין ובנין פון דער גאַנצער מענטשהייט — הונגערן, גייען נאַקעט און באָרוועס, וויינען — ווי מיר דאָ — עלף מענטשן אין אַ שטוב, וואָס איז ערגער ווי אַ זליוו פאַר חזירים. — ער האָט אַ ווייז־געטאָן מיטביידע הענט: — איר זעט דאָך! נישטאָ קיין גלעגער פאַר די קינדער! אַ סך מענטשן שטאַרבן אין די יונגע יאָרן, מענטשן זיינען קראַנק און האָבן נישט קיין געלט זיך צו ראַטעווען, די ווערים עסן לעבעדיקערהייט. אין דער איצטיקער מלחמה זיינען געהרגעט געוואָרן צען מיליאָן מענטשן! צען מיליאָן! צוואַנציק מיליאָן זיינען געבליבן קאַליקעס!

ער איז שטיל געוואָרן, האָט געקוקט ווי אין פאַרצווייפלונג. ווען אַלע האָבן געשוויגן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— ווען דאָס אַלץ וועט מער נישט זיין אַזוי, וועלן די מענטשן וווינען אין גרויסע שטובן, אין שיינע, ליכטיקע, מיט אַ סך פענצטער, אָדער גאָר איינגאַנצן געמאַכט פון גלאָז... ס׳וועט געהייצט און געקאָכט ווערן מיט עלעקטרישער ענער־גיע... אַ מאַשין וועט וואַשן ס׳געפעס... ס׳בית־הכסא וועט זיך אַליין רייניקן; בלויז אַ ריר אויף אַ קנעפל... ס׳מיסט וועט מען אַריינוואַרפן אין אַ רער און ס׳וועט דאָרט פאַרברענט ווערן... דאָס מעבל וועט זיין גאַנץ אַנדערש ווי היינט: שיין, פון גאַנץ אַנדער מאַטעריאַל ווי ס׳איצטיקע... שיינע מלבושים... יעדעס הויז וועט האָבן אַ גאָרטן... די גאַסן — די גאַנצע שטאָט — וועט זיין איינגעהילט אין גרינס פון ביימער... פאַרקנס, גערטענער מיט בלומען, מיט פאָנטאַנען, מיט טייכלעך... דער מענטש וועט נישט מער זאָרגן וועגן פרנסה, לויפן, יאָגן, זוכן אַרבעט, אַ שטיקל ברויט... אַלע מענטשן וועלן זיך ליב האָבן; וועלן זיין ווי איין גרויסע משפחה... די גאַנצע וועלט וועט זיין ווי אַ פּאַלאַץ מיט די שענסטע תענוגים... פאַר אַלע גלייך... יעדער וועט טאָן דאָס, וואָס ער וועט פעיִק זיין צו טאָן... ביז 20 יאָר און פון נאָך 50 וועט דער מענטש מער גאָרנישט דאַרפן טאָן, אויב ער וועט נישט וועלן...

מ׳האָט יעקבן געלאָזט רעדן. דערנאָך האָט דער מלמד געפרעגט דעם פאַנ־טאַזיאָר:

— און דאָס אַלץ וועט געשאַפן ווערן אין צוויי שעה אַרבעט?

— נישט מער! — האָט יעקב געענטפערט מיט זיכערקייט. — און וויניקער קראַנק וועט זיין דער מענטש. ער וועט לעבן לענגער ווי היינט.

דער מלמד האָט ווידער געפרעגט דעם פאַנטאַזיאָר:

— און וואָס וועט דער מענטש טאָן מיט אַזויפיל פרייער צייט? ער וועט משוגע ווערן פון ליידיקגייז, וועט קומען אויף שלעכטע געדאַנקען, וועט אַראָפּ פון גלייכן וועג.

יעקב האָט געשמייכלט:

— ער וועט לערנען, הערן מוזיק; ס'זיינען דאָ אַ סך אופנים ווי צו האָבן עליות הנשמה, צו האָבן תענוג רוחניות. יעדער אויף זיין שטייגער. דער מענטש וועט קאָנען טאָן אין זיין פרייער צייט וואָס ער וועט וועלן: פלאַנצן זיך אַ גאָרטן, אַ סך האָבן דאָס ליב צו טאָן. יעדער מענטש האָט ליב עפּעס צו מאַכן, צו מייסט־רעווען. אַז מ'טוט דאָס פאַר זיך, האָט מען דערפון הנאה. גראָבע תענוגים פאַר־גרעבן דעם מענטש, ציִען אים אַראָפּ; אָבער איידעלע תענוגים איידעלען אויס דעם מענטש, דערהייבן אים. דער מענטש וועט דאַן אַ סך ווייניקער זינדיקן ווי היינט. און דער עיקר: די סיבה כל הסיבות פון זינדיקן, דאָס יאָגן זיך נאָך עשירות, וואָס מאַכט אַפילו פון אַ צדיק אַ רשע, אַ מיאוסן אויסוואורף, וועלכער שיקט זיין אייגן ווייב און טאָכטער צו זנות, כדי נאָך רייכער צו ווערן; דער הונגער, וואָס טרייבט דעם מענטש צו אַלערליי פאַרברעכנס — די דאָזיקע סיבה וועט מער נישט זיין.

אָבער דאָס איז דעם סופר נישט געפאַלן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע: אַז די חברה, מיט זיין זון בראש, האָבן אין זינען דעם גוף. אַלע טראַכטענישן וועלן זיין נאָר פאַרן גוף און דאָס קאָן נישט האָבן קיין גוטן סוף. ווייל תענוגי עולם־הזה ברענגען נישט קיין עליות הנשמה דעם מענטש; ער וויל דאַן וואָס מער פון די־דאָזיקע תענוגים; דער חומר הייבט אים אָן אַראָפּציִען אַלץ מער, און ס'הייבט זיך אָן דאָס זעלבע גיהנום: די קנאה, וואָס מאַכט פון מענטש אַ ליגנער און אַ חונף, מ'יאָגט זיך נאָך כבוד, נאָך ווייבער. אַנדערש איז, ווען דער חומר איז פאַרן מענטש אַ טפל און גאָט איז פאַר אים אַלץ.

— ווי דו, איסר, האָסט איינמאָל ריכטיק געזאָגט! — האָט ר' שאול דערמאָנט זיין ידיד.

נאָר דער פּרוש האָט איצט געטענהט:

— דאָס איז אמת, שאול; אָבער נישט אַלע מענטשן זיינען גלייך. פאַראַן אַזעל־כע — זיי זיינען זייער ווייניק — וואָס דאַרפן נישט קיין סך פון עולם־הזה; דער עיקר איז פאַר זיי עולם־הבא. אַ כזית ברויט איז פאַר זיי גענוג, ווייל זיי לעבן אין אַ וועלט שכולו רוחניות. נאָר דאָס זיינען בלויז יחידים. דעריבער איז אַלץ אמת, וואָס יעקב האָט געזאָגט.

דאָ האָט דער „מלאך" זיך אָנגעצונדן. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן ר' איסרן און האָט גענומען וואָרפן, ווי זיין טבע, מיט שטיקער משנה און שטיקער גמרא, געשיט מיט מאמרים. האָט אַרויסגעשטעלט וויפל ער האָט נאָר געקאָנט תנאים און אמוראים, געבערענגט וויפל ער האָט נאָר געקענט פּרושים, איז געשוווּמען אין הלכה, אין הגדה און מדרש, אין קבלה. מיט מחנות יידישע גדולים פון אַלע צייטן האָט ער געפירט די מלחמה קעגן יעקבן און ר' איסרן, אַפילו קעגן ר' מרדכין האָט ער זיך געשטעלט.

— און וואָס הייסט עס בכלל? — האָט ער געפרעגט. — ס'וועט קומען ווער ס'איז און... אַ משיח, ער גייט ברענגען די גאולה...

ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, נאָר יעקב האָט אים צוריקגעהאַלטן און דערמאָנט:

— איר האָט אַמאָל אין מירעלעס קאָוויאַרניע געזאָגט: „דאָס בלוט אין אַ מלחמה באַדייט, אַז די אָנגעזאַמלטע אומגערעכטיקייט איז אַזוי גרויס, אַז זי האָט דערגרייכט עד לב השמים". און אויך: „ווייל די באַגזלטע און באַרצחנטע זיינען מיר נישט געקומען צו הילף". די מענטשן, צו וועלכע איר האָט דאָס געזאָגט, ר' הענעך, האָבן עס דערנאָך דערציילט איבער דער גאַנצער שטאָט.

ר' הענעך האָט געפרעגט:

— אָבער וואָס איז געווען דער אויספיר פון מיינע רייד? און מיט אַזעלכע ווי דו רעדעך לגמרי נישט! אַ גוטע נאַכט!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער מלמד, דעם מלאכס צוהעלפער די גאַנצע צייט, איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין זיין האַלבער שטוב.

ר' מרדכי האָט געטרייסט דעם קראַנקן:

— שאול... דו דאַרפסט דיר, נאָכאַלעמען, נישט נעמען אַזוי צום האַרץ וועגן דיין בכור. כ'רעכן, אַז ער איז אַ גאַנץ ווילער בחור. ווען דו האָסט אים מיטגע־ברענגט צו די שלוש־סעודות, האָט ער גאַנץ פיין געזונגען. קיין קול־נגינה האָט ער טאַקע נישט געהאַט, אָבער ס'איז געקומען ביי אים פון האַרץ.

— דאָס איז עס דאָך — האָט ר' איסר זיך דערפרייט. — נו, זעסטו, שאול, אַז כ'בין גערעכט! דאָס וואָס כ'זאָג דיר אַלע מאָל: ער האָט גאָט אין האַרצן און דאָס איז דער עיקר.

אין גרויס התפעלות האָט בנימין אַרומגעכאַפּט זיין ברודער. דער סופר האָט נישט ווילנדיק געוואָרפן אַ צערטלעכן בליק אויף זיין זון. אָבער ער איז אַלץ גע־בליבן ביי ס'זייניקע. דאָ האָט יעקב זיך נישט מער געקאָנט באַהערשן און מיט אַ געהעכערט קול געפרעגט דעם פאָטער:

— מיינסטו, טאַטע, אַז דיר איז אַלץ מגלה געוואָרן מן השמים?

— חס ושלום!

— אויב אַזוי מוזטו דיר זאָגן: אפשר איז דער וועג, אויף וועלכן ס'גייט איצט דיין זון, איינער פון גאָטס פאַרהוילענע וועגן, וואָס פירן צו זיין גערעכטי־קייט? יאָ, טאַטע, אויף קידוש־השם גייען מיר! מיר נעמען אויף זיך אַלערליי יסורים! אין תפיסה ווערן מיר געפייניקט מיט כל ענויים קשים! אַ סך פאַרמשפּט מען צום טויט און דער פסק ווערט אויסגעפירט דורך הענגען, דורך אָפּהאַקן דעם קאָפּ, אָדער דערשיסן. אויך גויים גייען אויף קידוש־השם, ווי מיר! און זיי זיינען אַ סך מער ווי מיר זיינען. ס'פעלט מיר אין: אין תנא דבי אליהו רבה — אַזוי גלייב איך — שטייט: „מעיד אני עלי את השמים ואת הארץ, בין גוי ובין ישראל, בין איש ובין אשה, בין עבד ובין שפחה, הכל לפי מעשה שעושה, כך רוח הקודש שורה עליו".

— אמת, שאול, אמת! — האָט דער פרוש אויסגערופן און זיינע אויגן האָבן געלויכטן. — ער קאָן דאָך נאָך גאָר נישטקשה לערנען דער יונג!... — ער האָט דעם קראַנקן אָנגענומען ביי אַן אַקסל: — מיר וויסן טאַקע גאָר ווייניק פון הקדוש ברוך־הואס פאַרבאָרגענע וועגן, גאָר ווייניק. גאָט האָט יונהן געשיקט קיין נינווה. און אַז ער האָט נישט געוואָלט גיין, איז ער באַשטראָפט געוואָרן. איז דאָך מעג־

לעך, אַז דאָס, וואָס מ׳פּייניקט אונדז תמיד, מ׳קוילעט אונדז, מ׳וויל אונדז פאַר־טיליקן — איז דערפאַר, ווייל ישראל, גאָטס שליח, האָט זיין שליחות נישט געטאָן. מיר האָבן — אַזוי קלער איך טיילמאָל — אונדזער שליחות שוין אינגאַנצן, חס ושלום, פאַרגעסן. און איצט, אַז כ׳האָב שוין דאָס געזאָגט, וויל איך זאָגן נאָך עפּעס: אַז ביי מיר קומט נישט איינמאָל אויס, אַז דאָס מייסטע, וואָס דער רוב יידן האַלט פאַר יידישקייט, איז אפשר גאָר קיין יידישקייט נישט, לכל הפחות, נישט דער תוך פון יידישקייט! אָבער ס׳איז שוין שפּעט און מיר וועלן גיין.

דער סופר איז געוואָרן אויסער זיך און אויסגערופן:

— איסר!

אויך ר׳ מרדכי איז נשתומם געוואָרן. אָבער דער פּרוש האָט אים געצויגן:

— ס׳איז שפּעט, מרדכי, אַן אַנדערש מאָל!

3

ס׳איז געווען שוין שפּעט און איןביידע האַלבע שטובן האָבן די מענטשן זיך געלייגט שלאָפן. דער קראַנקער סופר, אַ פאַרמאַטערטער פונעם הוסטן אפשר ביז אַרום צוויי. אויך יעקב, וועמען די געדאַנקען נאָכן וויכוח מיטן פאָטער און די דריי געסט האָבן נישט געלאָזט איינשלאָפן, יוכבד, אַ מידע פון די שווערע זאָרגן וועגן איר מאַן, און בנימין, וועמען די צו לעבעדיקע פאַנטאַזיע האָט יעדע נאַכט לאַנג געהאַלטן וואַך — אַלע זיינען איינגעשלאָפן. נאָר פּונקט ווען זיי זיינען אַזוי פעסט געשלאָפן, זיינען זיי, צוזאַמען מיט אַלע מענטשן אין דער שטאָט, פּלוצים אויפ־געוועקט געוואָרן פון אַ פאַרטויבנדיקן קנאַל. אין ביידע האַלבע שטובן האָבן אַלע זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי. אין דער ערשטער רגע האָט קיינער נישט גע־ווּסט, וואָס ס׳איז געשען. כמעט אַלע האָבן אין דער פינצטערניש דערפילט אַזעלכע דינע האַרטע שטיקלעך אין זייערע בעטן און אויף זייערע גלעגערס. אַן אייזיקער ווינט האָט געבלאָזן אויף זיי פון אַלע זייטן. די דריי פרויען: דעם סופרס, דעם מלמדס ווייב און ציפּה די אלמנה, אויך דער מלמד — אַלע האָבן גענומען שרייען: „דער פאַגראָם!... געוואַלד!... מ׳שיסט!“... אַלע, חוץ דער קראַנקער, זיינען אַראָפּ פון זייערע בעטן און געלעגערס און האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט אין דער פינצטערניש אויף איין אָרט, און נישט געקאָנט מאַכן אַ שפּאַן נישט אַהין און נישט אַהער. אַלע האָבן געהאַלטן אין איין שרייען: „געוואַלד!... מ׳שיסט!... דער פאַגראָם!“... אַפילו הערש און יעקב האָבן זיך לחלוטין נישט אָריענטירט און זיינען געווען נישט ווייניקער צעטומלט און צעשראָקן ווי די ווייבער און די קינדער. און אָט האָבן זיי דערזען אַ שרעקלעך רויטע ליכטיקייט דורך די פענצטער!... שוין האָט זיך ביי אַלע אויפגעריסן דאָס מויל צו נעמען שרייען: „ס׳ברענט!“... נאָר אין זעלבן אויגנבליק זיינען זיי פאַרגלושערט געוואָרן פון אַ צווייטן באַטויבנדיקן קראַך, אַ פיל שרעקלעכערן ווי דער ערשטער, וועלכן זיי האָבן געהערט בולטער דער־פאַר, ווייל דעם איצטיקן האָבן אַלע באַנומען מיט וואַכעדיקע חושים. אינסטינק־טיוו, און אויך פונעם שטאַרקן דרוק אין דער לופט, זיינען אַלע אַ פאַל־געטאָן צו דער ערד. די פון פריער צוזאַמענגעקנוילטע מענטשן האָבן זיך נאָך פעסטער

צוזאַמענגעדריקט. יעקב און הערש האָבן ביי דער אויסטערליש גרויסער אויפ־פלאַמענדיקער באַלייכטונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אפשר אַ גאַנצע רגע, דייטלעך דערזען, אַז עס זיינען אַרויסגעזעצט אַלע שויבן און איבער דער גאַנצער שטוב וואַלגערן זיך שטיקלעך גלאָז, אויך אין די בעטן און אויף די גלעגערס. די ווייבער זיינען אינגאַנצן היסטעריש געוואָרן און האָבן נאָך העכער געקוויטשעט: „דער פּאָגראָם!... מ'האָט אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע אין שטוב!... ס'ברענט!"...

אין דרויסן איז געווען זייער פינצטער. די מענטשן אין שטוב זיינען געווען פאַרבלענדט פון שרעקלעכן ליכט־ און פייער־אויפפלאַם. יעקב און הערש, אַביסל געקומענע צו זיך, האָבן זיך באַמיט צו באַרויקן די היסטעריש געוואָרענע פרויען און די וויינענדיקע קינדער: „ס'ברענט נישט. מ'זעט מער קיין שום פייער נישט. ס'איז שטיל. איז ווער פאַרווונדעט?" אויפהייבנדיק איין מענטש נאָכן אַנדערן פון דיל, האָבן זיי געפרעגט: „גאַנץ? ווער איז עס?" יוכבד האָט זיך געצאַפּלט איבערן מאַן: „שאול"... דער קראַנקער האָט באַרויקט די פרוי: „מיר איז גאָרנישט געשען". יעקב האָט געוואָלט אַ שוועבעלע, נאָר ס'האָט קיינער נישט געהאַט און נישט געקאָנט געפינען. ס'איז געווען כמעט אוממעגלעך עפּעס צו זוכן און צו געפינען אין דער שטאָקפינצטערניש און אין דער ענגשאַפט, באַזונדערס איצט, ווען איבערן דיל זיינען געווען אויסגעבעט די גלעגערס. די מענטשן האָבן אַרומגעבראָדזשעט ווי אין אַ דזשאַנגל. אַלעמאָל האָט עמעץ אַנדערש אַ געשריי געטאָן פון אַ שטאָך אין פוס ביים אַרויפטרעטן באָרוועס אויף אַ שטיקל גלאָז.

הערש האָט אַרויסגעזאָגט זיין השערה:

— אוודאי אַן עקספּלאָזיע.

יעקב האָט מסכים געווען:

— עס זעט אַזוי אויס. אָבער ווו? קיין פאַבריקן זיינען דאָך נישטאָ אין דער שטאָט!

די מענטשן, אָנגעטאָן בלויז אין די העמדער, האָבן געציטערט פון קעלט. דורך די אַרויסגעריסענע פענצטער האָט אַריינגעפּראַלט אַ ווינטיקער פראָסט. ס'האָט אָנגעהויבן גרויען אין דרויסן. בנימין איז געווען דער רויִקסטער צווישן אַלע און ביי די קלאָרסטע געדאַנקען. מעגלעך דערפאַר, ווייל ער האָט לגמרי נישט באַנומען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. ער האָט דורכן גרויסן לאָך, וואָס איז אַ האַלבע שעה פריִער געווען אַ פענצטער, געקוקט אויפן הימל און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַזוי בולט געזען ווי עס טאָגט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אַן אומזעבאַרע האַנט ווישט אַוועק די שוואַרצקייט פון הימל... ער איז אַריין אין שטילער התפּעלות פאַרן העלשיינענדיקן מאָרגנשטערן. זיין פאַנטאַזיע איז איצט געווען זייער העל און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַ ריזיקער פּענדזל באַמאָלט דעם הימל מיט גרויער פאַרב, צוערשט מיט אַ זייער טונקעלער, דאַן מיט אַ העלער, אַלעמאָל אַ העלערער...

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

ביי אַ סוחר איז אַלץ סחורה

1

אין דער שטאָט האָט זיך געקאַכט. אין די גאַסן זיינען געשטאַנען גרעסערע און קלענערע גרופּעס מענטשן און האָבן גערעדט וועגן דער קאַטאַסטראָפע. ווי די טבע איז פון די, וואָס באַלד ווייסן זיי אַלץ, האָט יעדער פון די ווייסער דערציילט עפּעס אַנדערש. צומייסט האָט זיך געקאָכט אין דער אָרעמער געגענט, אין די קליינע און שמאָלע געסלעך. באַזונדערס אָבער צווישן די יידן, ווייל זיי ווייסן שטענדיק מער און בעסער. זיי ווערן טאַקע פלינקער געוואָר וועגן אַ געשעעניש צוליב זייער גאָר גרויסער נייגעריקייט, אויך צוליב דער מורא, ווייל יעדע קאַטאַסטראָפע לאָזט זיך אָפּט אויס מיט אַ צרה פאַר זיי. אָבער אויך אויפן מאַרקפּלאַץ, פאַר דער קירך און ראָטהויז און אויפן ברייטן שליאַך זיינען געשטאַנען גרויסע געזעמל מענטשן, וואָס האָבן גערעדט און זיך געקאָכט וועגן דער געשעעניש ביינאַכט. געוווּסט האָבן שוין אַלע, אַז נישט ווייט פון דער שטאָט, אַ צוויי אָדער דריי ווי־אָרסט (און אפשר מער), איז געווען אַ גרויסער אַמוניציע־לאַגער. פאַר דער עקספּלאָזיע האָט קיינער נישט געוווּסט וועגן דאָזיקן לאַגער. „ער איז געווען זייער טיף אין דער ערד און האָט זיך געצויגן אויף גאַנצע ווי־אָרסטן“, האָבן אַ סך איצט שוין געוווּסט. דאָס האָבן אַנדערע אָפּגעלייקנט מיט דער באַגרינדונג, אַז ווען דער אַרסענאַל וואָלט געווען אַזוי גרויס, וואָלט אין דער גאַנצער שטאָט קיין אײן הויז און קיין איין מענטש נישט געווען געבליבן. „ס'האָט טאַקע נישט אויפגעריסן דער גאַנצער אַרסענאַל“, האָבן די מענטשן גלייך געענטפערט, „בלויז צוויי קעלערס, אָדער שאַכטן, האָבן אויפגעריסן. דעריבער זיינען געווען צוויי עקספּלאָזיעס“. וועגן דעם סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט מען געשמועסט, אַז ער איז אַ פּלי געטאָן הונדערטער איילן הויך און איז צעריסן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך, צעמאָלט געוואָרן אויף שטויב — ס'איז געוואָרן פון אים אַש. דער אַרסענאַל — אין דעם זיינען אַלע געווען זיכער — איז געווען אַ דייטשער; די דייטשן האָבן אין זייער אייליעניש ביים פאַרלאָזן די שטאָט פאַרגעסן אים מיטצונעמען אָדער אויפצורייסן און צו פאַרניכטן די אַמוניציע, וואָס איז געלעגן אין אים; ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּוילישן מיליטער.

ווי אַזוי זיינען אָבער פאָרגעקומען די צוויי עקספּלאָזיעס? זיינען זיי געשען פון זיך אַליין אָדער האָט געשטעקט אַ האַנט דערין? דאָס איז נאָך דערווייל געווען דער גרויסער סוד, כאָטש ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג. נאָר איינציקע מענטשן האָבן שוין דערציילט און פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, אַז דאָס האָבן געטאָן די קאָמוניסטן, די באָלשעוויקעס. „ווער דען“? — האָבן די דערציילער און פאַרשפּרייטער געפרעגט. די ווידער, וואָס זיינען פאַרזיכטיק, וואָס גלייבן נישט אַלץ, וואָס מע דערציילט און דאָך איז די סענסאַציע פאַר זיי וויכטיקער ווי דער אמת, האָבן כלומרשט געפּרוּווט זיך שפּאַרן: „אפשר איז עס דאָך געווען בלויז אַן אומגליקלעכער צופאַל? ס'איז אפשר ווער פאַרבייגעגאַנגען דעם אַרסענאַל און אַוועק־

געוואָרפן דעם פּיטום פונעם פּאַפּיראָס נישט אויסגעלאָשענערהייט, אָדער ערשט פאַררויכערט אין אַוועקגעוואָרפן דאָס ברענענדיקע שוועבעלע?" דערויף האָט מען זיי געענטפערט, אַז אַזעלכעס איז נישט מעגלעך, ווייל דער זעלנער אויף דער וואַך לאָזט קיינעם נישט גיין דאָרט: אויף הונדערט טריט (צי גאָר דריי הונדערט) שטעלט ער אָפּ יעדן איינעם, אַפילו אַן אָפיציר, מעג ער זיין אַ גענעראַל. „האָט דאָס אפשר געטאָן דער זעלנער אַליין? ער איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ מענטש, שטייט איי־נער אַליין אין דער פינצטערניש, ס'איז אים קאַלט, סמוטנע אויפן האַרצן — גלוסט זיך צו פאַררויכערן". האָט מען אָבער דידאָזיקע פאַרזיכטיקע געגעבן צו פאַר־שטיין: „ס'איז אַ סברא, אַז דער סאָלדאַט איז אין יענער שעה גאָרנישט געווען אויף דער וואַך, אַז מ'האָט אים אָדער אָפּגעקויפט און ער איז מער נישטאָ אין דער שטאָט, אָדער ער איז גאָר אַליין געווען איינער פון דער חברה. דער בעסטער באַווייז: מ'ווייסט נישט ווו זיך געבייך איז אַהינגעקומען. דאָס, וואָס מ'זאָגט, אַז ער איז צעריסן געוואָרן אויף פּיצלעך, צעמאַלט און פאַרברענט געוואָרן אין דער לופט אויף אַש — דאָס איז נישט אמת, ס'איז נישט מעגלעך. מ'וואָלט שוין עפּעס געפונען פון דעם זעלנער: אַ שטיוול, אַ פאַדקאָווע פון אַ שטיוול, דעם שנאַל פון פּאַסיק, אַ קנאָפּ, ווייל דאָס אַלץ איז דאָך מעטאַל. און ווו איז אַהינגעקומען זיין ביקס, אַ שטיקל פון דער ביקס? די פּאָליציי גייט טאַקע אַרום פון הויז צו הויז און אַרעסטירט פון דער חברה יעדן איינעם און יעדע איינע".

די פּאָליציי איז באמת געווען זייער שטאַרק באַשעפטיקט, צערייצט און ווילד. פאַר אַלעם האָבן די מיליציאַנטן געטריבן די מענטשן וואָס האָבן זיך צונויפגעג־זאַמלט אין די גאַסן. אין אַלע הייזער פון דער שטאָט זיינען די שויבן געווען אויס־געהאַקט. אַ סך הייזער האָבן באַקומען שפּאַלטן אין די ווענט, טייל גאָר שטאַרקע, און מ'האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן איינפאַלן. די מיליציאַנערן האָבן צעיאָגט די רעדלעך מענטשן: „נישט שטיין בלייבן! נישט שטיין בלייבן!" אַפילו בלויז דריי מענטשן האָבן נישט געטאָרט שטיין צוזאַמען. זיך אָפּשטעלן אויף לאַנג און קוקן — דאָס האָט אַפילו איין מענטש נישט געטאָרט. זיינען זיך די מענטשן שנעל פונאַנ־דערגעגאַנגען. און ס'האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, אַז ס'דרייען זיך אַרום שפּיאָנען, אַז זיי כאַפּן אויף יעדעס וואָרט, וואָס מ'לאָזט אַרויס פון מויל! און באַלד האָט מען דערציילט, ווער ס'איז אַלץ אַרעסטירט געוואָרן. צווישן די אַרעסטירטע האָט מען אויך דערמאָנט דעם נאָמען כעליאַ בערנפעל.

צווישן די ייִדן איז דער פחד פאַרן פּאָגראָם, אויף וועלכן מ'האָט אין דער שטאָט זיך געריכט שוין פון עטלעכע טעג אָן, געוואָרן אַ סך שטאַרקער.

2

פאַניע בערנפעל האָט ווידער געהאַט גליק. אין זיין הויז זיינען געפּלאַצט בלויז עטלעכע שויבן פון די צוויי עקספּלאָזיעס. באַלד איז געקומען דער גלעזער און צוריק אַריינגעשטעלט אַנדערע שויבן. איצט איז נאָך פרישטיק, וואָס רבקה רופט נאָך אַלץ אָנבייסן, ווייל זי רעכנט עס נישט פאַר קיין מאָלצייט. „מ'שטייט אויף פון שלאָף מיט אַ ניכטערן מאָגן — טרינקט מען אַ גלעזל בעוואָרקע". אַזוי

זאָגט זי. „מ'בייסט עפּעס צו, אַ שטיקל „באַבע", צי אַ זעמעלע מיט פּוטער און אַ צוויי אייער — ס'האַרץ זאָל נישט אַוועק. וואָרים ביז וואַרעמעס — ווער קאָן וואַרטן גאַרנישט האַבנדיק געהאַט פריִער עפּעס אין מויל?" נאָר דאָס נעמען „עפּעס" אין מויל אַריין, כדי נישט צו וואַרטן מיט ניכטערן מאָגן אויף מיטיק, (וואָס מען עסט דאָ אַרום צוויי), געדויערט פון אַרום ניין־צען ביז אַרום עלף־צוועלף, ווייל נישט אַלע שטייען אויף גלייך און נישט אַלע ענדיקן זייער אָנבייסן בלויז אין איין שעה. רבקה שטייט אויף די ערשטע און באמת זייער פרי. זי וואַרט אויפן מאַן, ווייל ער שטייט אויף שפּעטער און קומט צום טיש נישט פריִער ווי אַרום ניין, האַלב צען. טרינקט רבקה דערווייל אַ גלאָז בעוואַרקע, עסט צו אַ פּעניץ „באַבע", נעמט זיך אַ צווייט גלאָז וואַסער מיט מילך און נאָך אַ שטיקל „באַבע". דאָס האַרץ זאָל איר נישט חלשן וואַרטנדיק אויפן מאַן. דערנאָך, ווען אַלע זיצן שוין ביים טיש, אָדער די מייסטע, טרינקט זי אַ גלאָז טיי און עסט צו אַ געפּרעגלטס פון אַ צוויי דריי אייער מיט בלויז אַ האַלבן זעמל מיט פּוטער און פאַרבייסט מיט אַ שטיקל „באַבע" און אַ שעלעכל קאַקאַאָ. אַזוי פירן זיך אויך דער מאַן און די טעכטער. נאָר רבקה עסט אין קיך און די טעכטער עסן אין די בעטן; די דינסט ברענגט זיי וואָס זיי פאַרלאַנגען. דערביי קאָנען זיי בלייבן ליגן אַביסל לענגער. אַנדערש איז עס מיט די צוויי זין. זיי שטייען אויף פרי (נישט אַזוי פרי ווי די מוטער), און גייען גלייך אַריין אין קאַנטאָר. דאָרט ברענגט די דינסט זיי אַריין טיי מיט קוכן און רופט זיי שפּעטער צום אָנבייסן. נאָר צום פרישטן שטייט אַצינד אויף בעליאַ, נאָך פאַר דער מוטער. זי גייט אַריין אין קיך, כאַפּט דאָרט איבער וואָס זי קאָן (נעמט זיך אַלץ אַליין, לאָזט נישט אַז די דינסט זאָל זי באַדינען), און גייט דאַן צוריק אַריין אין איר צימערל. דאָרט לייענט זי עטלעכע שעה. צום פרישטיק קומט זי נישט. אַרום ניין גייט זי שוין אַוועק און קומט צום מיטיק אָדער צו וועטשערע. זייער אָפט קומט זי בלויז שלאָפן.

פון זינט זי איז דעמאָלט אַוועק, פילט זיך בעליאַ אין דעם הויז נישט מער אין דער היים, נאָר ווי אַ פרעמדע. זי האָט דעמאָלט אייגנטלעך גאָרנישט געוואָלט צוריקגיין; נאָר יוזשעק האָט זי ביינאַכט צוריקגעשיקט (אין זעלבן טאָג ווען זי איז צו אים געקומען). זי האָט אַ דערשטוינטע געקוקט אויפן שגץ, געוווען אַנטוישט און געהאַט טרערן אין די אויגן. זי האָט זיך ביי אים געבעטן: „איך וועל דאָ שלאָפן אויפן קיפּערט, אָדער אויף די סטראָטשעניעס אונטערן וואַרשטאַט; ס'וועט מיר זיין גאַנץ ווייך צו ליגן. איך קאָן אויך שלאָפן אין אַ קאַמער, ווייל דאָהינען איז ענג, איך זע עס". יוזשעק איז געוווען זייער גערירט פון דער מוטיקייט ביי אַזאַ יונג רייך מיידל און פון דעם נאַיִוון און ריינעם אידעאַליזם. דאָך איז ער געבליבן האַרט, כאָטש דאָס מיידל איז אים אין דעם איינעם טאָג שוין זייער נאָענט גע־וואָרן. ער האָט זי אין דעם טאָג שוין עטלעכע מאָל געהאַט געדוצט, זי אים אויך. נאָר ביי'נאַכט האָט ער צו איר גענומען רעדן אין דריטער פּערזאָן: „פאַננאַ בעליאַ מוז דאָס פאַרשטיין. פאַננאַ בעליאַ איז נאָך זייער יונג. זי איז אַנטלאָפן פון דער היים, פון רייכע ייִדישע עלטערן צו אַן אָרעמען שגץ. (ער האָט, ווי דער פאָטער, געקאָנט עטלעכע טוץ ייִדישע ווערטער און דאָס וואָרט „שגץ" געזאָגט מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן). דערצו בין איך אַ סאָציאַליסט. איך מוז זיין זייער פאַרזיכטיק, באַ־זונדערס אַצינד. דאָס לאַנד איז אונטער אַ פרעמדער פיינטלעכער מאַכט. די דייטשע

זשאַנדאַרן... דײַן טאַטע דאַרף בלויז זאָגן אײן וואָרט צום קאָמענדאַנט... ער וועט דאָס טאָן. אַלזאָ... קאַכאַנאַ כעליאַ... עס זײַנען דאָ עטלעכע זאַכן, וואָס איך האָב באַזונדערס נישט ליב".

די צווײ ווערטער „קאַכאַנאַ כעליאַ" האָבן פאַרטריבן די טרערן פון אירע אויגן. זײ האָבן אויפגעלויכטן. איר האַנט האָט זיך געלייגט אויפן פרײַנטס אַקסל, ווען זי האָט אים געפרעגט:

— וועלכע זאַכן?

— נאַיוויטעט, סענטימענטאַלקייט, אומפּאַרזיכטיקייט, שוואַכקייט.

זי האָט אים פאַרשטאַנען, אײַנגעזען, אַז ער איז גערעכט און איז אַהיימגעגאַנגען. די ערשטע, וואָס האָט זיך דערפרייט מיט איר צוריקקומען, איז געווען די דינסט. זי איז גלײַך געלאָפן אין עסצימער אָנזאָגן, אַז די „פּאַניענקאַ" איז צוריקגעקומען. די מוטער האָט אַרומגעכאַפּט די מוזינקע. ברוך האָט טריומפירט: „וואָס האָב איך געזאָגט?... נאָר נישט נאַכלויפן!"... בעלאַ האָט דער אַרײַנגעקומענער צוגעוואָרפן שאַדנפריידיק: „נו?... הונגעריק געוואָרן?... דער מולאַר־שגץ האָט לײדיקע קעשענעס אין די צעריסענע הויזן"... דער פאָטער, אויבנאָן בײַם טיש, האָט באַהאַלטן אין זיך די פרייד און בגנבה געוואָרפן אַ בליק אויפן טעכטערל. ער האָט קיינעם נישט דערלויבט צו מאַכן פאַרוווּרפן, אַדער זאָגן אַ שלעכט וואָרט דער צוריקגעקומענער. כעליאַ האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט בלויז אין דעם אײנעם טאָג. זי איז געוואָרן פאַרטראַכטער, רויִקער, נישט מער אַזוי אויפבראַוזנדיק ווי זי איז געווען. זי האָט קיינעם נישט געענטפערט אויף דעם, וואָס מ'האָט זי געפרעגט, אַפילו אויף קיין ווייכע צערטלעכע רייד. בעלאַ האָט אינגאַנצן אויפגעהערט רעדן צו דער „פאַרצויגענער טינופת", ווי זי האָט כעליאַן פון לאַנג שוין גערופן און איצט געענדערט דעם נאָמען אויף „קליינער אויסוווּרף".

נאָכן עסן האָט דער פאָטער אַרײַנגערופן צו זיך אין קאַבינעט דאָס טעכטערל. עס איז אים אין יענעם מאָמענט נאָך קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס געליבטסטע קינד זײַנס איז נישט גלאַט אַזוי אַ קאַפּריזנע פון צופיל ווילטאָג און פאַרצויגנקייט. ער האָט דערקענט, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען און זיך באַמיט איר צו געבן צו פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ געפאַר זי וואַרפט זיך אַרײַן. פאַרליבן זיך אין אַ קריסט — ער קען דאָס פאַרשטיין, הגם זי איז נאָך צו יונג דערצו; אָבער נישט אין אַן אָרעמען מויערער־שגץ, אין גאַרבאַטע סטאַליאַרזשס אַ זון, אין אַן אָפּגעריסענעם און באָרוועסן, דערצו אַ בונטאָווּשטשיק. דער טאַטע האָט אַפּעלירט צו זײַן קינדס האַרץ, צו איר פאַרשטאַנד, זאָגנדיק איר דערבײַ, ווי שטאַרק ער האַלט פון איר קלוגשאַפט. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. נישט ער, נישט די מוטער, נישט העלענאַ און נישט ברוך האָבן בײַ איר עפּעס געפּועלט. זי איז דאַן שוין כמעט יעדן טאָג, אַמאָל פריִער און אַמאָל שפּעטער, אַוועקגעגאַנגען און איז צוריקגעקומען ערשט בײַנאַכט, אַמאָל צו וועטשערע און אַמאָל בלויז שלאָפן. (טײלמאָל אויך צו מיטיק). אַפילו ווען זי איז נישט אַוועקגעגאַנגען, האָט זי דעם גאַנצן טאָג קיינעם נישט געזען, חוץ ווען זי איז אײן אַדער צווײ מאָל געקומען צום עסן. דעם גאַנצן טאָג איז זי געזעסן בײַ זיך אין צימער און געלייענט. איז זי יעדן אין הויז, אַפילו דער מוטער, געוואָרן אַלץ פרעמדער. די שוועסטער און די ברידער האָבן אויפגעהערט פילן, אַז כעליאַ איז זייער שוועסטער, די עלטערן — אַז זי איז זייער

קינד. שיער ווי אַן אָרעמע קרובה איז זי אַלעמען פאַרגעקומען. זי האָט קיין שום אַנטייל נישט גענומען אינעם לעבן פון איר בלוט און פלייש. אויף דער מוטער האָט זי רחמנות געהאַט. טיילמאָל האָט זיך אין איר האַרץ אַפילו אָנגעצונדן אַ ליבשאַפט צו דער געעלטערטער מאַמען. אויך צום עלטערן ברודער האָט זי געהאַט געוויסע סענטימענטן. דווקא צו דעם נישט געראָטענעם טיפּש. דערפאַר אָבער האָט זי זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיטן לעבן פון דער דינסט. זי האָט מיט איר גערעדט, געשטיפּט, געלאַכט און געפּרוווט איר אויפקלערן. זי האָט איר צוגעהאָלפן אַרבעטן אין דער קיך. האָט זיך טאַקע דידאָזיקע דינסט — און דערנאָך יעדע אַנדערע — נישט מער לאַנג געהאַלטן אין דעם הויז; רבקה, באַזונדערס בעלאַ, האָבן די דינסטן פּשוט אַרויסגעוואָרפן.

צומייסטנס געליטן דערפון, וואָס כעליאַ איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג, האָט דער פאָטער. נאָר ער האָט אַלץ נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז ער וועט זיין קינד ראַטעווען, אַפילו איצט, כאָטש ס'זיינען שוין אַוועק עטלעכע יאָר. אמת, זיין רעדן מיט איר האָט גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט ביי איר נאָך גאָרנישט דערגרייכט, נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן; אָבער היינט איז געקומען דער גליקלעכער מאָמענט. די צוויי עקספּלאָזיעס זיינען ווי פון גאָט געשיקט געוואָרן. פּונקט ווי דער בריוו, וואָס ער האָט יענע וואָך דערהאַלטן פונעם ברודער אין אַמעריקע. פאַניע בערנפעלד האָט היינט זיין גרויסע „אַטאַקע” אויף כעליאַן אָנגעהויבן ביים פרישטיק נאָך. אַצינד שטייט ער פאַרן הייסן קאַפּלענעם אויוון און וואַרעמט זיך די פּעטע און זייער קרעפּטיקע פלייצעס. ער האָט ליב צו שטיין לעבן הייסן אויוון, האַלטן די הענט אויף הינטן און לאָזן דורך די גרויסע פלישיקע „קישנס” ביי די גראָבע פינגער אַריבערשטראָמען די וואַרימקייט אין זיין הויכן און ברייטן גוף אַריין. ער פילט, ווי די וואַרימקייט לויפט דורך די דרייעקיקע באַלעמס האַרט פלייש פון זיינע אונטערשטע אָרעמס, דורך די קיילעכדיקע עלנבויגנס און דורך די באַלעמדיקע מוסקולן פון די אויבערשטע אָרעמס. די מחיהדיקע וואַרעמקייט קיצלט אים צווישן די פאַכוועס, דאָרטן אין דער ברוסט, וואָס איז באַוואַקסן מיט געלע האָר, דאָרט אין די לענדן און נאָך ווייטער. איי האָט ער דאָס ליב! זיין גרויס פירעקעכדיק פּנים צעשווימט דערביי פון הנאה און תאווה. אַז עס בריט אים צו שטאַרק אין די הענט און אין די פלייצעס, דרייט ער זיך אויס מיטן בויך צום אויוון און פאַרזשמור־עט אַזש די אויגן פון תענוג דערביי. אָבער דאָס וואַרעמען זיך אַצינד איז נישט בלויז וועגן דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט דערביי. איצט העלפט דאָס זיין מוח אויסצואַרבעטן צוויי פּלענער: וועגן כעליאַן און וועגן דעם בריוו, וואָס ער האָט יענע וואָך באַקומען פון זיין ברודער אין אַמעריקע.

3

ביים טיש האָט פאַן בערנפעלד געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער פון זיין פּלאַן וועגן דער פאַרעקשנטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אין זיין קאָפּ. רבקה איז פאַרציטערט געוואָרן. זי איז אויפגעשטאַנען:

— נייך, כיעלי! דאָס וועסטו נישט טון! יעד גיי אַצינד אַריין צו איר און וועל

ווידער רעדן מיט איר. זי איז טאַקע שוין ווי אַ פרעמדע צו אונדז, אָבער זי איז דאָך אונדזער קינד, אונדזער בלוט און פלייש. יעך ווייס — דו און די קינדער מעגן מיר זאָגן, אַז כ׳בין אַ נאַרישע מאַמע — אָבער יעך ווייס, אַז חיהלע האָט אַ גוט האַרץ, אַ גאָלדנס. מ׳טאָר נישט אויפגעבן די האָפענונג. יעך גיי אַריין צו איר.

בעלאַ איז צאָרנדיק אויפגעשפרונגען, אַ וואָרף געטאָן דאָס שטיקל „באַבע" אויפן טיש און געשריגן:

— איך קאָן אין דעם הויז מער נישט זיין! אַזאַ געמיין שטיק! אַזאַ גאָרנישט! אַזאַ גוואַניאַרקע! אַזאַ מיאוסער אויסוואָרף! אַזאַ... איך האָב גאָר קיין נאָמען נישט פאַר דער נידעריקער אָרומטליקערקע מיט אַלע אָפּגעריסענע פענטאַקעס! און מיט איר איז ס׳גאַנצע הויז פול! יעדער — נאָר כעליאַ, כעליאַ, כעליאַ! זי וויל פון קיינעם נישט וויסן, — נישט פון טאַטע-מאַמע, נישט פון ברידער און שוועסטער; מיר גייען זי אָן ווייניקער פון מינדסטן לויזעריונג! וואָס זאָג איך? פאַר די לויזערס איז זי דאָך גרייט אונדז אַלעמען אומצוברענגען! זי איז אַוועקגעגאַנגען! — האָט מען זי מער איבער דער שוועל נישט געטאָרט אַריבערלאָזן! אָבער די אומפּאַר־שעמטע — אַז זי ווערט הונגעריק, קומט זי צוגיין פרעסן! ווו צו זיין, ווו צו שלאָפן האָט זי נישט — גיט מען איר דאָ אָפּ אַן אייגן צימער, ווי זי וואָלט געווען אַ פרינצעסן! מ׳קריכט איר נאָך, מ׳בעט זיך ביי איר! זי איז גאָר געוואָרן אַ יחסנטע, נאָך אַפילו אַ גרעסערע ווי זי איז פריִער געווען! איך וואָלט אויך באַדאַרפט טאָן דאָס אייגענע, וואָלט מען מיר אויך אַזוי נאָכגעקראָכן! איך בין געווען אַ נאַר! איך האָב אָפּגעגעבן אַלע מיינע יאָרן און מיין שיינקייט אויף רייך צו ווערן, כדי דאָס מוזינקעלע... — זי איז אַרויסגעלאָפן און האָט צוגעהאַקט די טיר. נאָר זי האָט די טיר גלייך צוריק געעפנט און אַריינגערופן: — דו זאָלסט טאָן, טאַטע, ווי דו האָסט געזאָגט!

רבקה איז מיט אירע קריכנדיקע טריט אַריינגעגאַנגען צו דער מיזינקע. כעליאַ איז איצט געווען זייער צערודערט. אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָרן האָט זי זיך טאַקע אַ סך געענדערט; אָבער נישט ווי מיידלעך אין די יאָרן ענדערן זיך: צע־בליִען זיך, ווערן פולער, רונדער, רייצנדיקער, ליבבאַגערנדיקער, טרויעריקער און פריילעכער, און די פריילעכקייט איז מיט אַ געמיש פון פלירט און חנודיק-קלוגער שטיפערישקייט. ניין, נישט אַזוי האָט זי זיך געענדערט. זי איז געוואָרן אַביסל העכער, זי איז שיין, אָבער נישט בליִענדיק, נישט שטיפעריש. איר איצטיקע שיינקייט ליגט אין איר ערנסט. זי איז שלאַנק, כמעט דאַר. די בלאָנדע האָר שוין אינגאַנצן אָפּגעשוירן, אָן אַ גזשיווקעלע פאָרנט, אָן דעם רויטן סטענגעלע פון דעמאָלט. זי האָט איצט אַ שיינעם יינגלקאָפּ: לינקס אַ שרינט, וואָס גיט איר לענג־לעך פנים צו אַ געוויסע ווילערישקייט און קלוגשאַפט. די בלויע אויגן זעען־אויס ווי זיי וואָלטן גרעסער געוואָרן און קוקן מיט געצווימטער שטראַלנדיקייט און פעסט־קייט. אָנגעטאָן זייער איינפאַך, וואָס פאַסט איר נאָך שענער, ווי דאָס רויטלעכ־ברוינע און פאָרנט פון אויבן ביז אַראָפּ געקנעפּלט קלייד מיטן רויטן פאַסיק, וואָס זי האָט געטראָגן אין יענעם טאָג, ווען זי איז אַנטלאָפן. אַצינד איז זי בלאַס. די אויגן זיינען עטוואָס געראָיטלט. ווי זי זאָל זיך נישט באַהערשן — דערקענט אַפילו די מוטער, אַז איר קינד איז היינט צערודערט.

רבקה ציט די קלאַנגלאָזע אומאַרטיקולירטע ווערטער פון דער קעל ווי פון וואַטע:

— דו ביסט דערנאָך אויך נישט מער געשלאָפן ווי איך זע. ווער האָט דען דערנאָך נאָך געקאָנט צומאַכן אַן אויג? אַזעלכע צוויי דונערס! אַלע, אַפילו די דינסט — זי קומט דאָך תמיד אויף זייער פרי — זאָגן, אַז דער ערשטער זעץ האָט זיי בלויז אויפגעוועקט פון שלאָף; דער צווייטער... אין דער מלחמה, אַפילו ווען די האַרמאַטן האָבן געשאָסן פון גאַר נאָנט, האָב איך אַזעלכע זבענצעס נישט געהערט. אַ קלייניקייט! נישט בלויז די שויבן פון אַלע פענצטער אין דער שטאָט זיינען געפּלאַצט און צעקרישלט געוואָרן, נאָר אַ סך פענצטער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די פּוטרינעס! ברוך האָט דערציילט, אַז צוויי הייזער, וואָס האָבן געקריגן שפּאַלטן אין די ווענט, זיינען שוין איינגעפאַלן. צו דאַנקען און צו לויבן זיין ליבן נאָמען, וואָס מיר זיינען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק און עטלעכע אויסגעהאַקטע שויבן. נאָר מ׳זאָגט, אַז דאָס איז נישט געווען פון זיך אַליין. ס׳האָט אַוודאי ווער... דו ווייסט שוין חיהלע, וואָס כ׳מיין...

כעליאַ האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. זי האָט געטראַכט: „כ׳מוז מיך צוזאַמענגעמען און באַהערשן! כ׳מוז אויפהערן זיין אַזוי צערודערט״. זי האָט געפילט ווי זי ציטערט אין גאַנצן לייב. זי האָט צוזאַמענגעקוועטשט די ציין, זיי זאָלן נישט קלאַפּן איינער אָן אַנדערן און די הענט צוזאַמענגעביילט אין פויסטן. אַהיימגעגאַנגען שלאָפן איז זי נעכטן דווקא גאַנץ פרי. אַרום צען איז זי שוין געווען אין הויז. געראַדעט אין קיך מיט דער דינסט, זי געהייסן איר אַריינברענגען עסן אין דער „ראַדאַלניע״, וואָס דאָס איז געווען אַ נייס, ווייל זי האָט זיך דאָך שטענדיק (אין די לעצטע יאָרן) אַליין גענומען וועטשערע, (אַז זי איז אַהיימגעקומען נאָכן עסן), און געגעסן אין קיך, אָדער עס אַריינגענומען אין איר צימער. ביים טיש האָט זי נעכטן געשמועסט און געשפּאַסט מיטן פאָטער, מיט העלענאַן און מיט די ברידער. ביז אַרום 12 איז זי געבליבן זיצן. דאַן האָט זי געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַריינגעגאַנגען צו זיך שלאָפן. זי האָט ווי געוויינטלעך געמאַכט ליכטיק, געוואָלט לייענען, אָבער זי האָט נישט געקאָנט. האָט זי זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט אַריין. אָבער זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. די גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אָנגעצויגענע נערוון. דעריבער איז זי אַצינד געווען בלאַס און געהאַט גערויטלטע אויגן. זי האָט זיי שוין עטלעכע מאָל געוואַשן מיט קאַלט וואַסער. זי וואָלט באַדאַרפט נעמען אַביסל רוזש.. זי וואָלט באַדאַרפט עפּעס עסן. זי פילט אָבער, אַז זי וואָלט קיין איין ביסן נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען. די מאַמע זאָגט צו איר קינד: „האָסט רויטע אויגן, חיהלע, און ווי בלייך דו ביסט! ס׳איז דער אַ חידוש? ס׳איז געווען אפשר 5 ווען ס׳אומגליק איז געשען. אויפגעריסן פון בעסטן שלאָף. נאָר עסן מוזטו דאָך מיין קינד״.

כעליאַ האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט די מוטער, אַ זאַך, וואָס איז זייער זעלטן פאָרגעקומען. זי האָט די מוטער געדריקט צו איר האַרץ פאַר דער גוטער אידייע, וואָס זי האָט איר געגעבן: — זי איז בלאַס — ווייל די עקספּלאָזיע האָט זי אַרויסגעריסן פון שלאָף און מער האָט זי שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן... די עקספּלאָזיע האָט צעטרייסלט אירע נערוון... דעריבער איז זי אַזוי צערודערט, בלאַס און האָט רויטע אויגן...

נו, האָט רבקה גענומען רעדן מיט כעליאַן דאָס, וועגן וואָס זי איז אַצינד אַריינ־געקומען צו איר. זי האָט אָנגעהויבן:

— הער אויס, מיין קינד... כ׳ווייס, אַז ס׳איז נאַריש פון מיין זייט ווידער צו רעדן מיט דיר וועגן דעם, וואָס כ׳האָב מיט דיר שוין אַזויפיל מאָל גערעדט און גאָרנישט געפועלט.

כעליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. די אומגליקלעכע מאַמע האָט געכליפּעט:

— צוליב דעם אומגליק די נאַכט... ברוך האָט דערציילט, אַז מ׳האָט שוין אַרעסטירט אַ סך וועגן דעם... מ׳קאָן, חס ושלום... כ׳וויל עס גאָרנישט פון מויל אַרויסברענגען... ווייל דו... פּאַלג־זשע מיך... וואַרף אַוועק די נאַרישקייט דיינע... אַז דו וועסט דאָס טאָן, וועט דער טאַטע — ער האָט עס אַליין געזאָגט — ביי דער פּאָליציי פּועלן... בלויז מיט איין וואָרט... מיט אַ טויזנטער... ער וועט שוין... ער איז דאָך עפּעס פּאָן בערנפּעל און דער ערשטער דאָזאָר אין שטאָט... די נייע נאַטשאַלסטוואָ — פון קלענסטן ביזן גרעסטן — איז די כפּרה פאַר אים... אָבער ער וועט פריִער נישט רירן מיטן קלענסטן פינגער פאַר דיר — אויב ס׳זאָל חס ושלום אויסקומען — ביז דו וועסט נישט פריִער אַוועקוואַרפן דיינע נאַרישקייטן. אַזוי האָט ער געזאָגט.

כעליאַ האָט אַלץ שוין פאַרשטאַנען. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. זי האָט מיט איינמאָל אויפגעהערט צו ציטערן, ווייל זי האָט באַקומען נייע כוחות, מוט און אַנטשלאָסנקייט. זי האָט צוזאַמענגעקראַמפּט די ליפּן און גע־קוקט אויף דער מוטער ווי אויף אַ פרעמדער. אָבער אַן אומגעהייער רחמנות האָט זי פּלוצים דורכגענומען צו דער מוטער, וואָס איז פאַר איר געשטאַנען אַן אומבאַ־האָלפענע, אַ געבראָכענע.

די מאַמע האָט געפרעגט איר קינד אַ פאַרצווייפלטע:

— נו?...

— זעץ דיך מאַמע — האָט געזאָגט כעליאַ און אַנידערגעזעצט די מוטער אויפן קליינעם בלאַסראָזע־זעסלאַן און זיך געזעצט לעבן איר. זי האָט גענומען דער מוטערס לינקע האַנט אין אירע ביידע הענט אַריין. זי האָט די האַנט גע־גלעט, געזען ווי אויסגעאַרבעט (שוין ווי ביי דער דינסט). און ווי גערונצלט זי איז. וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשיד ס׳איז צווישן אירע און דער מוטערס הענט! אירע האָבן נאָך גאָרנישט געאַרבעט, זיינען לאַנגע, אַריסטאָקראַטישע הענט, מיט דינע פינגער. דער מוטערס הענט זיינען אמת פּראָלעטאַרישע: ברייטע, פּעסטע, דיקע קנאָכן, די פינגער אַביסל גיכטיק. כעליאַ האָט זיך געמאַכט פאַרווורפן: „ס׳איז נישט גוט, אַז מ׳ווייסט אַזוי ווייניק (כמעט גאָרנישט) וועגן דער אייגענער מאַמען“. און זי האָט געפרעגט:

— ביסט געווען פרום, אמתדיק פרום, ווען דו ביסט געווען אַ מיידל?

רבקה האָט מיט אירע אויגן, וואָס זיינען געווען ווי איבערגעצויגן מיט אַ זשעלאַטינהייטל, געקוקט אויף איר קינד. נישט בלויז כעליאַ, נאָר אַפילו די אַנדערע קינדער (און דער עיקר דער מאַן) זיינען איר ווי פרעמד געוואָרן פון זינט זי איז אַזוי רייך געוואָרן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדע אין די רייכע שטובן. און פּלוצים אַן ענדערונג; חיהלע, דווקא זי, האָט אין דערדאָזיקער רגע איר אָנ־געהויבן ווערן נענטער ווי בינע און ווי הינדע, אַפילו ווי ברוך. די קינדער האָבן

זי שטענדיק טאַקע ליב געהאַט, אָבער זי האָט אַלעמאָל געפילט, אַז עפּעס נאַרן זיי זי. חוץ נאָטע. איצט ווייס זי עס זיכער. חיהלע ווידער — זי איז שטענדיק געווען אַ מאָדנע, אַ שלעכטע; איצט אָבער... רבקה דערמאָנט זיך אָן דער טאָכ־טערס פראַגע: און זי ענטפערט:

— צי כ׳בין געווען פרום, אמת פרום, ווען כ׳בין געווען אַ מיידל? כ׳ווייס נישט. ווי ווייט כ׳האָב געקאָנט, האָב איך אָפּגעהיט יידישקייט. היינט ווייניקער. אָבער אין דעם וואָס לעבט אייביק גלייבעך. קעגן וואָס פרעגסטו מיך דאָס, מיין קינד?!

כעליאַ האָט געענטפערט:

— איך פרעג דיך, מאַמע, וועגן דעם, ווייל אויב דו ביסט געווען אמתדיק פרום און גלייבסט אין גאָט, דאַרפסטו מיך פאַרשטיין...

רבקהס אויגן האָבן אויפגעלויכטן:

— גלייבסטו אויך אין גאָט?

כעליאַ האָט באַהאַלטן דעם שמייכל:

— ניין, מאַמע. אָבער... זעו! ס׳זיינען דאָ מענטשן, ווי דער טאַטע, ווי בעלאַ, ווי העלענאַ, ברוך און נאָך אַזעלכע, וואָס ווילן פון גאַרנישט וויסן, חוץ פון זייער אייגן לעבן. קיין אַנדערער מענטש — און וואָס ס׳זאָל נישט פּאַסירן — גייט זיי נישט אָן. אַבי זיי זיינען גליקלעך. אויף זייער אופן, פאַרשטייט זיך. איך אָבער האָב דאָסדאָזיקע לעבן היינען, דאָסדאָזיקע פוסטע לעבן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איך בין שטענדיק געווען אומגליקלעך, זייער אומגליקלעך. און דו? איך זע, אַז דו ביסט אויך נישט גליקלעך, דרייסט זיך אַרום ווי אַ פרעמדע אין די רייכע שטובן.

— דאָס איז אפשר אמת, — האָט די געעלטערטע פאַר דער צייט צוגעגעבן.

— אָבער וואָס?... מילא... מיינע יאָרן האָב איך שוין אָפּגעלעבט. כ׳בין טאַקע נאָך נישט אַזוי אַלט, אָבער...

כעליאַ איז אויפגעשפרונגען:

— ניין! ניין.

רבקה האָט זיך צוזאַמענגעקורטשעט:

— וואָס ניין?

כעליאַ האָט געשריגן מיט פאַראַכטונג און עקל:

— פוי! פוי! און דיך אַרט גאָרנישט דאָס אַלץ?! דאָס אַלץ, וואָס דאָ טוט זיך, אין דיין אייגן הויז, דאָס, וואָס אין דער וועלט קומט פאָר, דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן: די מלחמה, די פאַרוויסטונג, די אומגערעכטיקייט אומעטום — דאָס אַלץ גייט דיך גאָרנישט אָן?! דו ביסט דאָך אַמאָל אַליין געווען אָרעם, שטאַמסט דאָך פון אָרעמע עלטערן, דיין טאַטע איז געווען אַ בעקער, דו אַ דינסט!...

די מאַמע האָט נישט פאַרשטאַנען די טאָכטער און זי תמימותדיק געפרעגט:

— וואָס מיינסט דו דערמיט? כ׳בין טאַקע געווען אַ דינסט, דיין טאַטע שטאַמט אויך נישט פון קיין נגידים. בחורווייז האָט ער געאַרבעט אין אַ סקלאַד פון אייזן. ער האָט זייער שווער געאַרבעט. דערנאָך האָט אונדז גאָט געהאָלפן. מסתמא...

כעליאַ האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. זי האָט אָנגענומען די מוטער ביי אַ האַנט און האָט זי אַרויסגעפירט. בלייבנדיק צוריק אַליין, האָט זי געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג: זאָל איצט קומען פּאָליציי און זי אַרעס־

טירן. נאָר אַריינגעקומען איז גאָר העלענאַ. איידער אָבער זי האָט ריכטיק געהאַט צוגעמאַכט די טיר, האָט כעליאַ, מיט אַ שפּרונג ווי אַ קאַץ און מיט גליִענדיקע אויגן, זי אָנגעכאַפּט ביי די עלנבויגנס און זי געוואָלט צוריק אַרויסשטופּן. זי האָט געשריגן:

— דו אויך?! ווער נאָך וועט אַלץ אַריינקומען איצט און וועלן עפּעס פועלן ביי מיר?!...

העלענאַ האָט זי געבעטן:

— שריי נישט אַזוי און לאָז אָפּ מיינע הענט! כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזוי שטאַרק, יאָ צו פועלן ביי דיר, צו פועלן ביי דיר, אַז דו זאָלסט איצט... וועגן דעם טאָקע, וועגן דעם בין איך אַצינד אַריינגעקומען צו דיר. פאַר אַלעם אָבער: זיי נישט אַזוי אויפגערעגט, אַזוי צערודערט און אויפגעקאָכט!

— איך בין נישט צערודערט! איך בין נישט צערודערט! — האָט כעליאַ זיך נאָך שטאַרקער אָנגעצונדן.

העלענאַ האָט זי איינגענומען:

— איך האָב מיך קיינמאָל נישט געמישט אין דיינע עסקים, כ'האָב דיך אַפילו קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן, אַנטשולדיק מיר, דיינע נאַרישע אידייען. יאָ נאַרישע, ווייל דאָס אַלץ, וואָס דו טוסט, פּאַסט גאָרנישט פאַר דיר. דו ביסט דאָך אַ בורזשואַזנע טאָכטער... דו האָסט אייגנטלעך גאָר קיין רעכט נישט דיך צו מישן אין סאָציאַליזם. און ביסטו טאָקע אַזאַ נאַר צו מיינען, אַז דו מיט דיין שטשעלקאָווסקי — און מיט די אַנדערע קבצנים — אַז איר וועט איבערמאַכן די וועלט? כאַ־כאַ־כאַ! נאַר — ווי כ'האָב געזאָגט — מיך גייט דאָס נישט אָן, ווייל ס'איז באמת צו נאַריש. יעדער טוט וואָס אים געפעלט. איך טו דאָס וואָס מיר געפעלט. יעדער זוכט זיך זיין גליק אָדער אומגליק. יעדער איז גליקלעך (אָדער אומגליקלעך) אויף זיין אופן. אָבער דו ביסט אַצינד אין געפאַר, אין גרויס געפאַר!...

כעליאַ האָט זיך די גאַנצע צייט באַהערשט. זי האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן. בלויז די לעצטע ווערטער האָט זי געהערט און געפרעגט:

— וואָס גייט עס דיך אָן? די מאַמען פאַרשטיי איך, דער טאַטע וועט אוודאי אויך באַלד אַריינקומען. דו אָבער...

העלענאַ האָט גענומען געוואַלדעווען:

— נאַר! נאַר! מ'וועט דיך אַרעסטירן!

כעליאַ האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק:

— אַרעסטירן?... פאַרוואָס זאָל מען מיך אַרעסטירן? היינט איז נישט פאַרבאָטן צו זיין אַ סאָציאַליסטקע. די רעגירונג איז דאָך אַ סאָציאַליסטישע... די העכסטע באַאַמטע אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג זיינען סאָציאַליסטן... אַפילו דער נאַטשאַלניק־מיליציע און דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג זיינען סאָציאַליסטן... דיין יאַן...

העלענאַ האָט ווילעריש אַ לאַך געטאָן:

— מיין יאַן... — מיט אַ פאַרליבטן, שמאַכטנדיקן בליק אין די אויגן האָט זי פול מיט מיטלייד צו דער שוועסטער זי געפרעגט: — כעליאַ, וואָס וועט זיין, וואָס וועסטו טאָן, ווען דיין יוזשעק וועט דיך אויפהערן ליבן, ווען ער וועט דיך אָוועקוואַרפן?

אויף דער פראַגע האָט כעליאַ זיך איצט נישט געריכט. זי איז אַצינד נישט אימשטאַנד געווען צו טראַכטן וועגן ליבע, נאָך ווייניקער צו רעדן דעריבער און דערצו מיט העלענאַן. עס איז איר אויך ביז איצט דערווייל נאָך קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז יוזשעק וועט זי אַמאָל אויפהערן צו ליבן, אַז ער וועט זי אַוועקוואַרפן. אָבער ס׳האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן:

— ער וועט מיך קיינמאָל נישט אַוועקוואַרפן! — און זי האָט ׳זיך צעלאַכט:

— אַוועקוואַרפן...

— וואָס לאַכסטו?

כעליאַ האָט טריומפירט:

— ווען צוויי מענטשן האָבן די זעלבע אידייע, וועלכע איז ביי זיי אַלץ, אַלץ — קאָן איינער דעם אַנדערן נישט אַוועקוואַרפן... דיין יאַן אָבער — אויב ער האָט דיך נאָך נישט אַוועקגעוואָרפן, וועט ער דיך באַלד אַוועקוואַרפן. נאָר דאָס וועט אפשר זיין דיין גליק.

— וואָס מיינסטו?

4

בעת די צוויי שוועסטער האָבן גערעדט, איז רבקה געווען ביי איר מאַן און אים דערציילט וועגן איר שמועס מיט חיהלען. פאַניע בערנפעל האָט זיין פרוי (ווען זי איז אַריינגעקומען צו אים) באַגעגנט מיט אַ הייסן בליק פון זיינע צעגליטע אויגן. רבקה האָט גוט געקענט דעם בליק און דערשפירט (נאָך היינט) דעם מאַנס תאווה. די לאַנגע ליפּן פון זיין ברייט מויל זיינען איצט געווען נאָך אויסגעצוי־גענער און די צוגעשוירענע רויטלעכע וואָנצעס האָבן געטאַנצט בעת זיין היר־זשענדיקן לאַכן. דאָס האָט רבקהן שוין לאַנג געעקלט. איצט איז זי אויך געווען דערשלאָגן, מער ווי שטענדיק. דאָך האָבן אירע הענט געטאַפּט דעם ברייטן, גרינ־לאַקירטן פּאַסיק אַרום דער טאַליע, אויב ער איז גוט איינגעצויגן, זי זאָל נישט אויסזען אַזוי ברייט און צעיוירן. זי האָט דאָס געטאָן נישט אַזוי צו געפעלן דעם מאַן, וואָס קאָן איר סיי ווי ווייניק העלפן, נאָר ווייל ער האָט פון איר פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל אויסזען ווי אַ נגידס אַ ווייב דאַרף אויסזען — ער זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען מיט איר. זי האָט געוואָלט אַנהייבן דערציילן, וואָס זי האָט גערעדט מיט חיהלען. דער מאַן האָט זי אָבער נישט געלאָזט; ער האָט דער טאַכטערס ענטפער אַראָפּגעלייענט פון דער פרויס פנים און ליבער געגומען רעדן וועגן דעם בריוו פון זיין ברודער אין אַמעריקע און וועגן דעם, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו טאָן:

— מ׳וועט זיי, די אַמעריקאַנער געסט, אָפּגעבן דאָס גאַסטצימער, העלענאַס און אויך כעליאַס צימער. (ביידע וועלן דערווייל שלאָפן צוזאַמען אין דעם גרויסן פּאַקוי). די געסט מוזן האָבן דריי צימערן. נישט קיין קלייניקייט; דעלעגאַטן, פאַר־שטייער פון „סאָסייטעס״! אַזוי שטייט אין בריוו, שוואַרץ אויף ווייס. מיין ברודער — מיסטער בוירנפיעלד, אַזוי הייסט ער אין אַמעריקע — איז זייער קאָמפּאַניאָן. וויפל וואָלט איך געגעבן, אַז כ׳זאָל נישט הייסן בערנפעל, נאָר בוירנפיעלד, וואָס באַדייט אין ענגליש דאָס זעלבע וואָס ראָטשילד אַוודאי... נאָר אין פּוילן, אַז מען ווערט געבוירן בערנפעל, מוז מען שוין אַזוי שטאַרבן. גאָלדבלום... וואָס טויג אים איצט, דעם געוועזענעם נגיד, אַזאַ שיינער נאָמען? בעסער וואָלט ער אים מיר

פאַרקויפט. איך וואָלט שוין ביים שרייבער געמאַכט, אַז מ׳זאָל אין די ביכער אי־בערשרייבן אַזויערנאָך, איך זאָל הייסן גאָלדבלום, און דער געוועזענער נגיד זאָל הייסן ווי איך הייס — בערנפעל.

רבקה האָט זיך געבייזערט:

— גאָלדבלום — שמאָלדבלום... דאָס גאָלד איז אויסגערונען און די בלום וואַלגערט זיך אויפן מיסט...

פאַן בערנפעל האָט געקוואָלן:

— גוט געזאָגט! ער איז טאַקע מער נישט ווערט. ער איז נישט געבוירן געוואָרן צו זיין אַ נגיד, ווי איך למשל. וואָרים, אַז מען ווערט געבוירן צו זיין רייך, איז מען עס שטענדיק. מ׳פאַרלירט ס׳פאַרמעגן? — הייבט מען אָן אויפסניי. בענק זיינען דאָ, אַ שותף קריגט מען — מ׳טוט זיך שוין אַ עצה. מ׳טאָר נאָר נישט האָבן צו טאָן צופיל מיט גאָט, מ׳טאָר נישט זיין צופיל פרום, זיין אַ צו גרויסער חסיד, ווי דער ר׳ מרדכי גאָלדבלום. כע־כע־כע...

רבקה האָט געמאַכט אַ פאַרוואורף איר מאַן:

— וואָס איז דיר איצט איינגעפאַלן אַזעלכעס? מער ליגט דיר אַצינד נישט אין קאָפּ? חיהלע...

פאַן בערנפעל האָט ווידער נישט געלאָזט ריידן זיין פרוי:

— דערצייל מיר נישט! איך ווייס אַליין, אַז דו האָסט גאָרנישט געפועלט ביי איר. היינט איז זי אָבער אין מיינע הענט — ער האָט געמאַכט צוויי גוואַלדיקע פויסטן און ווידער גערעדט רויק: — איצט וויל איך באַטראַכטן דעם פּלאַן וועגן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט. דאָהינען, אין דער דאָזיקער שטוב, אָדער אין קאַנ־טאָר, וועט זיין דער קאָמיטעט. — ער האָט אויפגעשלאָסן אַ שופלאָד פון טיש, אַרויסגענומען דעם בריוו פון זיין ברודער אין אַמעריקע און אים פאַרגעלייענט דער פרוי: — זיי הייסן: מיסטער גרין און מיסטער סילווערסטין. גיב זיי אָפּ די שענסטע רומס. (דאָס מיינט מען שטובן, איך האָב מיך שוין אָנגעשטויסן). די קאָ־מיטע פאַר טשאַריטי (דאָס מיינט מען דער קאָמיטעט) וועט זיין ביי דיר. מיסטער גרין און מיסטער סילווערסטין האָבן אַגריט. דאָס וואָרט פאַרשטיי איך נישט. — ער האָט איבערגעהיפּט און געלייענט ווייטער: — ס׳איז אָלרייט: דאָס מיינט מען אוודאי מזל־טוב... — ער האָט דעם בריוו צוריק פאַרשלאָסן אין שופלאָד ווי אַ טייער וועקסל און זיך אויסגעגלייכט: — דעם קאָמיטעט וועל איך נעמען אין מיינע הענט אַריין. מיסטער גרין און מיסטער סילווערסטין וועלן דאָך נישט וויסן, וועד ס׳איז אין דער שטאָט יאָ נויטבאַדערפטיק און וועד נישט, וועמען מ׳זאָל העלפן מער און וועמען ווייניקער, און וועמען מ׳טאָר גאָרנישט געבן. די דריי שטובן, ניין, ס׳גאַנצע הויז, מוז מען אויספוצן ווי אַ פּאַלאַץ! נישט די דינסט, נאָר בעלאַ און העלענאַ, —ביידע זאָלן באַדינען די געסט!

ס׳האָט פלוצים זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען נאַטע. זיינע קליינע אויערלעך, ווי ביי אַ בער, האָבן געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ. די אומגע־ווינטלעך דיקע ליפּן, שיער ווי ביי אַ נעגער, האָבן געציטערט, ווי שטענדיק ווען ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. די קיילעכדיקע קליינע אויגן, בירברוין מיט אַ שימער פון רויט, זיינען געווען אַרויסגעזעצט. ער האָט אָנגעבלאָזן די דיקע באַקן, געקנייטשט דאָס פּיצינקע שטערנדל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט העלברוינע

וואָל־האָר כמעט ביז אין די אויגן אַריין, און אַלץ נישט געקאָנט. אַרויסברענגען קיין וואָרט.

בערנפעל האָט דערקענט, אַז דער זון האָט אים צו זאָגן עפּעס שלעכטס און געצויגן ביי אים:

— נו, זאָג שוין!

דער זון האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— ס׳איז שלעכט!

פאַן בערנפעל האָט זיך געבייזערט:

— וואָס איז שלעכט?

נאָטע האָט חוץ אַלעם נאָך אַביסל געפּאָנפּעט אויך:

— כ׳בין געווען ביים פּריץ...

— פאַן בערנפעל האָט געשריגן:

— ביי וועלכן פּריץ?

רבקה האָט זיך אַרויסגערוקט. נאָטע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרהיקען:

— האָ־אָ־אָסט... מיך... דאָ־אָ־אָך גע־ע־שיקט צו... פאַן קשי־י־וויצקי וועגן... לאָזן... ליגן ביי אים.. וואָס דו האָסט געקויפט, ביז.. ס־ס־סוועט ווערן ר־ר־רו:קער אין שטאָט, האָ־אָ־אָט ער מיר גע־ע־ענטפערט, אַז... ר׳האָט דיר גאָר־ר־ר־נישט פאַרקויפט... ער... האָ־אַ־נדלט נישט מיט... קיין... זשי־י־דעס... ס־ס־איז שלעכט..: צו־ליב דער עקס־ס־ס־פּלאָזיע... איז ערגער געוואָרן. די... גוי־ים... זאָ־אָ־גן... אַז די יידן... בי־י־נעך אַהינגע־גאַנ־גען צום סטאַרשי, צו... פּ־פּ־פאַן שטשעלקאָווסקי, האָ־אָ־אָט ער... נישט גע־וואָלט... אַפּי־לו רע־ע־דן מיט מיר.

בערנפעל איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב:

דער קוימענקערער! געוואָרן אַ סטאַרשי מיליציאַנט! כ׳וועל אַהינגיין צום בירגערמייסטער! צום מיליציע־נאַטשאַלניק. ער איז דאָך אַ סאָציאַליסט! כ׳וועל מיך זען מיט פאַן טשעמנאָווסקי! אויך אַ סאָציאַליסט!

ס׳איז אַריינגעקומען העלענאַ. נאָר איידער זי האָט צוגעמאַכט די טיר, האָט דער טאַטע איר געזאָגט:

— דו וועסט אַהינגיין צו פאַן גנילאָווסקין!

העלענאַ האָט געפרעגט:

— וועגן וואָס?

נאָטע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט:

— נ־נ־נאָך עפּעס... האָ־אָ־ב פאַרגעסן צו... דע־דע־רציילן. דער... ס־ס־סטאַר־שי... האָט מיך געפרעגט... צי כע־כע־ליאַ... איז געשלאָפן... אין דער־היים...

דער פאָטער האָט געפרעגט:

— דאָס מיינט...

— דאָס מיינט — האָט העלענאַ געזאָגט — נישט גוט. כעליאַ איז גרייט צו גיין זיצן אַפילו, צו באַצאָלן מיטן לעבן פאַר איר אידייע.

בערנפעל איז אַרויסגעלאָפן אין איין רציחה און צוגעהאַקט די טיר.

בערנפעל איז אַריינגעקומען צו זיין טעכטערל גראָד אין מאָמענט, ווען זי האָט געפרעגט ברוכן:

— זאָג מיר, אָבער פּרווו מיך ניִשט ווידער צו נאַרן, איך האָב עס פּיינט, איך האָס ליגנס; און ס'וועט דיר אויך נישט געלינגען מיך צו נאַרן; אַלזאָ, זאָג מיר דעם אמת: איז עס טאַקע דיין אידייע און זי איז הייליק ביי דיר?

ברוך האָט אַ באַליידיקטער אויסגערופן מיט היץ:

— מיין הייליקסטע אידייע! דאָס איז איצט דער אידעאַל פונעם גאַנצן יידישן פאָלק! איך בין אַ ייִד, אַ זון פונעם ייִדישן פאָלק! פון מיין פאָלק! און דו!

כעליאַ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואַרט, איך האָב דיך געפרעגט, צי די אידייע, דער ציוניזם, קומט פון דיין האַרץ, אָדער?...

ברוך האָט די שוועסטער נישט געלאָזט ווייטער רעדן און געשריען נאָך העכער:

— וואָס מיינסטו?! וואָס פאַרשטעטו ביי מיר? וואָס דען איז דער ציוניזם ביי מיר? ער איז מיין הייליקסטער אידעאַל, דער אידעאַל פון גאַנצן ייִדישן פאָלק: אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות, וואָס געדויערט שוין צוויי טויזנט יאָר, און צוריקקערן קיין ארץ־ישראל, קיין פּאַלעסטינע, און דאָרט צוריקאויפבויען אונדזער לאַנד! מיר ווילן ווידער זיין אַ פאָלק גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער! מיר ווילן האָבן אונדזער אייגענע מלוכה — אַ ייִדישע מלוכה! גענוג געווען אין גלות! גענוג גע־ליטן! מ'האָט אונדז גענוג שוין געקוילעט, געטריבן פון איין לאַנד צום אַנדערן! אומעטום האָט מען אונדז געהאַלטן אין געטאָ, באַרויבט און דאַן ווייטער אונדז געטריבן, געשענדט, געברענט און געבראָטן! אָט זעסטו דאָך אַליין מיט דיינע איי־גענע אויגן איצט! פּוילן!...

כעליאַ האָט געזען אַז דער ברודער וועט אַזוי גיך נישט אויפהערן; ער נעמט שוין ווידער האַלטן פאַר איר אַ גאַנצע אַגיטאַציע־רעדע. האָט זי זיך פאַרשטאָפּט די אויערן מיט די ווייזפינגער און זיך געבעטן ביי אים:

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, ברוך: וויל מיך נישט מאַכן פאַר אַ ציוניסטקע, פּונקט ווי איך וויל דיך נישט מאַכן פאַר אַ סאָציאַליסט. — אָבער פּלוצים האָט זי זיך אַנגעצונדן: — דו זאָגסט פּוילן; מיינסט דעם אַנטיסעמיטיזם, די פּאָגראָמען. דאָס איז נישט פּוילן, דאָס איז דער קאַפּיטאַליזם; דאָס אייגענע וועט זיין אויך אין פּאַלעסטינע. אָבער דעריבער וועלן מיר נישט דיסקוטירן. אויך נישט איבער דיין אידייע און נישט איבער מיינער. איך וויל נאָר וויסן... נו, דו האָסט מיר שוין געענטפערט, אַז דער ציוניזם איז דיין הייליקסטער אידעאַל. גוט. ביסטו גרייט דיך מקריב צו זיין פאַר אים? כ'מיין נישט געהרגעט צו ווערן, גיין אין טורמע אַריין, נאָר ווערן אַ חלוץ און אין פּאַלעסטינע מיט דיינע אייגענע הענט, גלייך מיט אַלע, וואָס גרייטן זיך שוין אַהינצופאָרן, העלפן בויען דאָס לאַנד, העלפן אויס־טריקענען די זומפּן פון די דאָרטיקע מדבריות, ווי איך האָב געהערט וועגן דעם, און נעמען אַן אַקעראייזן, ווי אַ פּויער אָדער?... נו, דו פאַרשטייסט מיך...

דער פאָטער האָט זיך אַריינגעמישט:

— וואָס ווילסטו, כעליאַ, זאָל ער דיר זאָגן? וואָס פאָרשסטו ביי אים? גיי אַרויס, ברוך!

ווען ברוך איז אַרויסגעגאַנגען, האָט בערנפעל גוט צוגעמאַכט די טיר און אָנגעהויבן:

— איך בין איצט צו דיר אַריינגעקומען, כעליאַ... איך אַליין וויל מיט דיר רעדן. דו ווייסט אין וואָס עס גייט... פון דיין חברה זיינען כמעט אַלע שוין אַרעס־טירט. אויך דיין שגץ. אַפילו דעם סופרס זון!

ער האָט באַמערקט ווי זי איז בלאַס געוואָרן און באַקומען טרערן אין די אויגן, אָבער ער האָט ווייטער גערעדט:

— מ׳וועט אַוודאי באַלד קומען נאָך דיר. דער סטאַרשי, יוזשעקס ברודער, האָט געפרעגט נאָטען, צי דו ביסט געשלאָפן אין דער היים.

כעליאַ האָט געפרעגט מיט האַרץ:

— בין איך נישט געשלאָפן אין דער היים? איך שלאָף דאָך יעדע נאַכט אין דער היים. נעכטן בין איך אַהיימגעקומען אַרום 10.

דער פאָטער האָט צוגעגעבן:

— אמת. אָבער דאָס וועט דיר נישט העלפן. מ׳וועט דיך אַרעסטירן.

— איז וואָס? מ׳וועט צוריק אַרויסלאָזן.

— נישט באַלד, מ׳קאָן דיך אָפּהאַלטן אַפילו יאָרן. די צייט איז אַן אומ־רויקע. ס׳איז אייגנטלעך מלחמה, כאָטש ס׳איז נאָך נישט דערקלערט געוואָרן קריג. קאָן מען דיך פאַר אַזאַ זאַך אין מלחמה־צייט... יעדנפאַלס: דעם שגץ דיינעם קאָן מען פאַרמשפּטן צום טויט. אָבער איך קאָן אים באַפרייען, אויך די אַנדערע, און אַפילו זען, אַז מ׳זאָל זיי אַלע באַלד אַרויסלאָזן... אָבער דו מוזט דיך פריִער אָפּזאָגן פון דיינע נאַרישקייטן. דו ביסט בלויז פאַרפירט געוואָרן. דו ביסט דעמאָלט אַפילו נאָך קיין 17 יאָר נישט אַלט געווען.

כעליאַ איז אויפגעשפּרונגען:

— פאַרפירט?! פאַרפירט זאָגסטו?! ווער האָט מיך פאַרפירט?! פאַרפירן האָסט דו מיך געוואָלט! דו! דו!

— איך?

— יאָ, דו! דו! דערמאָן דיך! דו האָסט מיך געוואָלט שיקן צום דייטשן קאָ־מענדאַנט! וואָס וואָלט היינט געווען פון מיר? אַ בעלאַ, בלויז מיט צען יאָר יינגער! שפּעטער וואָלסט דו מיך געשיקט צו פּוילישע קאָמענדאַנטן, צו גראַפן, גוטבאַזי־צערס! אָדער איך וואָלט געווען געטאָן דאָס אייגענע, וואָס דבורהלע פוקסמאַן, דעם חסידס טאָכטער האָט געטאָן! יוזשעק שטשעלקאָווסקי האָט מיך נישט פאַרפירט! ער האָט מיר געגעבן אַן אידייע, אַן אינהאַלט אין לעבן, וואָס דו, און אַלע דיינע קינ־דער, האָבן מיר נישט געגעבן! אָן אַן אינהאַלט ווערט מען דאָס, וואָס בעלאַ אָדער מ׳נעמט זיך דאָס לעבן!

בערנפעל האָט זיך געצופּט דאָס פיינצוגעשוירענע בערדל און די וואָנצעס און געלאָזן געפרעגט:

— דאָס אַלץ האָסטו געלערנט ביי דעם מויערער־שגץ מיט די צעריסענע הויזן? איך בין אַ ייִד, כ׳האָב תמיד געהאָלפן אַרעמע מיט וויפל כ׳האָב נאָר גע־קאָנט. איצט וועט ביי מיר זיין דער קאָמיטעט, וואָס קומט פון אַמעריקע צו העלפן

די אָרעמע. ברוך איז אַ ציוניסט. איך בין אויך אַ ציוניסט, בעלאַ וועט אויך ווערן אַ ציוניסטקע. העלענאַ אויך.

כעליאַ האָט זיך צעלאַכט, נאָר אַביסל צו היסטעריש:

— דו ביסט אַ ייִד... כאַ־כאַ־כאַ־כאַ... האָסט געטאַנצט דעם „בער" אויפן מאַסקנבאַל ביי קשיוויצקין און דער גלח צוזאַמען מיט דער גאַנצער חברה שיכורים האָבן דיך געשלאָגן, געשמיסן מיט אַ קאַנטשיק. ברוך איז אַ ציוניסט, דו אויך, און ס'וועט ביי דיר זיין דער קאָמיטעט צו העלפן די אָרעמע — צוויי נייע געשעפטן...

ס'גלעקל ביי דער טיר האָט אַ קלונג געטאָן. בערנפעל איז זייער צערודערט געוואָרן:

— פּאָליציי קומט! — ער האָט אַרומגעכאַפּט די טאָכטער: — כעליאַ... קינד מיינס... דו ווייסט ווי ליב איך האָב דיך...

כעליאַ האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון פּאָטערס אָרעמס:

— טאַטוש... דאָס, וואָס דו ווילסט, ווערסטו ביי מיר נישט דערגרייכן. דעם סופרס זון, דער חבר ליכטענבערג, האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי די ייִדן פלעגן זיך לאָזן אומברענגען פאַר זייער גאָט. לעבעדיקערהייט האָט מען זיי פאַרברענט. זיי זיינען אַליין געגאַנגען אויפן שייטערהויפן, האָבן זיך געלאָזט פייניקן אין די קאַטאַקאָמבעס פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. דו ביסט אַ ייִד. פאַר מיר זיינען אַלע מענטשן: אַלע, וואָס אַרבעטן, אַלע אָרעמע, אונטערדריקטע, עקספּלואַטירטע — אַלע זיינען פאַר מיר גלייך. פאַר זיי וועל איך אַוועקגעבן מיין לעבן. מעגלעך, אַז ווען דו וואָלסט פון מיר געוואָלט געמאַכט אַ פרומע ייִדישקע, וואָלט איך מיך געקאָנט מקריב זיין פאַר דער ייִדישער רעליגיע. — זי האָט געטראַכט אַ מאָמענט און דאָן געזאָגט מיט פעסטער איבערצייגונג: — אויב מיין פריינט און די אַנדערע חברים זיינען טאָקע שוין אַרעסטירט, ווי דו זאָגסט, וועט מען געוויס אויך מיך באַלד אַרעסטירן. אָבער מ'וועט אונדז באַלד צוריק באַפרייען. איך פאַרזיכער עס דיר. און דיין פּראָטעקציע — ניין!

ברוך האָט געעפנט די טיר און אַריינגערופן:

— טאַטע! ס'איז געקומען אַ דעלעגאַציע צו דיר: ר' העניעך מלאך, דער שוחט, מעכל, נחמן און נאָך עטלעכע ייִדן.

בערנפעל איז אַרויסגעגאַנגען.

6

צעשראָקענע מענטשן האָבן געוואַרט אויפן רייכן דאַזאָר. ביי זיין אַריינקומען האָבן זיי זיך אויסגעגלייכט, און פאַרבייגנדיק זיך שטיל און מיט יראת־הכבוד אים באַגריסט. די חשובסטע — ר' העניעך און דער שוחט — זיינען אַרויסגעטראָטן פאָרן נגיד און זיך געווענדט צו אים:

— מיר זיינען איצט געקומען צו אייך, דאָזאָר פון דער שטאָט, וועגן דער גרויסער סכנה, וואָס שוועבט איבער די קעפּ פון דער גאַנצער עדה ייִדן.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט דער דאָזאָר געענטפערט. — זעצט אייך, ייִדן. — ער האָט געעפנט אַ טיר און גערופן: — רבקה, הייס דער דינסט אַריינגעבן

טיי! — ער האָט זיך אָנידערגעזעצט אויבנאָן. די דעלעגאַציע האָט זיך געזעצט אַרום גרויסן טיש לויטן יחוס.

די דינסט האָט אַריינגעבראַכט טיי. די שטימונג איז געוואָרן עטוואָס לייכ־טער. מעכל פּאָליטיקער האָט אָפּגעהוסט און גענומען חנפענען דעם גביר:

— אַ פּאַלאַץ ביי איך, פּאַניע בערנפעל!... און וואַרים — אַ מחיה...

דער באַלעבאָס האָט געמונטערט די געסט:

— טוט אַריין צוקער יידן! זשאַלעוועט נישט, פאַרגינט זיך. פּיר לעפעלעך, פינף — וויפל איינער וויל. און זייט נישט אַזוי צוגעלייגט. גאָט וועט העלפן.

די לעפעלעך האָבן זיך צעקלונגען אין די גלעזער. די יידן האָבן איבערגע־חזרט מיט בטחון: „גאָט וועט העלפן, אַוודאי וועט ער העלפן". דער שוחט און דער „מלאך" האָבן אויסגעבעסערט: „פּריער הקדוש ברוך־הוא און דער נאָך איר, דאָ־זאָר". מלאך אַליין האָט אַ זאָג־געטאָן:

— כ'האָב געהערט, אַז ביי איך וועט זיין דער קאָמיטעט פון אַמעריקע...

נחמן האָט זייטיק זיך אַריינגעשניטן:

— ביי וועמען דען, אויב נישט ביי פּאַניע בערנפעל?

נאָר דער מעקלער האָט אים אויסגעכאַפּט:

— וואָס הייסט ביי וועמען דען? בלויז אַדאַנק פּאַניע בערנפעל און זיין ברו־דער, וואָס איז אַ גרויסער עושר אין אַמעריקע, וועלן מיר דאָ האָבן אַ קאָמיטעט. ווער האָט בעת דער מלחמה עטלעכע מאָל געראַטעוועט די יידן אין דער שטאָט, ווען דאָס רוסישע חייל האָט גענומען מאַכן פּאָגראָמען? — פּאַניע פערנפעל. און דער ציוניזם... אייער זון, פּאַניע בערנפעל, אייער ברוך, וועט זיין אַ צווייטער נחום סאָקאָלאָוו...

נחמן דער רעסטאָראַטאָר האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. מירעלע האָט מיט אים איינגעחזרט, וואָס ער האָט צו רעדן און אַז ער מוז צוזען זיך אַריינצודרייען אין קאָמיטעט, צו קריגן אַ צוזאָג פון פּאַניע בערנפעל: „דו זאָלסט וויסן ווי און וואָס צו ריידן!" האָט זי אים אָנגעזאָגט. „זאָלסט דיך נישט לאָזן פון די אַנדערע!" און ער האָט זיך נישט געלאָזט. אָבער אויך די אַנדערע האָבן געהאַלטן אין איין חנפענען דעם נגיד. ר' הענעך און דער שוחט האָבן ווידער גענומען רעדן וועגן דעם, וועגן וואָס זיי זיינען געקומען צום דאָזאָר, געשיקטע פון דער עדה און דעם רב. נאָר זיי זיינען איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שטאַרק קלינגען ביי דער דרויסנדיקער טיר. בערנפעל האָט זיך באַהערשט, מ'זאָל גאָרנישט דערקענען אין זיין פּנים. אַז רבקה האָט זיך געוויזן אין דער טיר אַ צאַפּלדיקע, איז ער אויפגעשטאַנען און פאַרזיכערט די געקומענע:

— כ'וועל טאָן אַלץ, וואָס כ'וועל נאָר קאָנען. ס'איז גראָד איצט געקומען ווער פון דער מאַכט צו מיר, — וועל איך גלייך רעדן...

די געקומענע האָבן זיך הכנעהדיק טיף פאַרנייגט און זיינען אַוועקגעגאַנגען.

קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק

כל התחלה קשה

1

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט אַ סך מענטשן אין דער שטאָט, אויך פּויערן אין די דערפער אַרום. די ערשטע זיינען געווען די לינקע אָפּאָזיציאָניסטן. פאַר פאַן טשאַפּסקי, דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנער און איצטיקן שעף פון דער שטאָטישער מיליציע, איז די זאַך נישט לייכט געווען: ער האָט זיך געפונען אין אַ פּאַרלעגנהייט. אמת, קיין צו גרויסער סאָציאַליסט איז ער אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט געווען, הגם ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פלאַמיקן רעוואָלוציאָנער. און ער איז עס אויך געווען, אָבער בלויז אין שייכות צו דער באַפרייאונג פון זיין פּאַטערלאַנד. דער סאָציאַליזם האָט זיך דעמאָלט בלויז נאָכגעשלעפּט נאָך דעם פּאַטריאָטיזם. און נישט בלויז דער סאָציאַליזם, אויך דער משיחיזם איז געווען צוגעטשעפּעט; דאָס איז געווען דאָס איינגעבילדעטע געפיל, און אַפילו איבערצייגונג, אַז דאָס פּוילישע פאָלק איז אין זיינעליידן אויסדערוויילט (פון גאָט אָדער גורל) צו ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. איצט אָבער, נאָך דער באַפרייאונג פון זיין לאַנד, איז פאַר פאַן טשאַפּסקין — און פאַר טויזנטער אַזעלכע ווי ער — קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט מיט סאָציאַליזם, משיחיזם און רעוואָלוציע גאָרנישט צו טאָן. דאָך, אַ געוויסער קאָמפּלעקס פון דעם אַלעם איז געבליבן אין אים. דעריבער איז פאַן טשאַפּסקי געווען אין אַ געוויסער פּאַרלעגנהייט ביים אַרויסגעבן באַפעלן צו אַרעסטירן סאָציאַליסטן. נאָר אַ סך גרעסער איז געווען זיין אַמטלעכע פאַרלעגנהייט. אמת, ער האָט יאָרנלאַנג געדינט אין דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע, געווען דער צווייטער סעקרעטאַר פון רוסישן קרייז־נאַטשאַלניק און דאַדורך געהאַט אַ ידיעה אין יורידישע ענינים, וואָס איז אים איצט צונוץ געקומען, כאָטש די מלוכה איז אַצינד געווען אַ פּוילישע און נישט קיין רוסישע.

נאָך דער צווייטער עקספּלאָזיע איז פאַן טשאַפּסקי, אַ צעטומלטער און צעשראָקענער, ווי יעדער אַנדערער בשר ודם אין דער שטאָט, געקומען צו לויפן אין דער קאַנצעלאַריע. (ער איז געשלאָפן ביי זיך אין דערהיים). דער דיזשורנע האָט אים אָפּגעגעבן באַריכט און מוסיף געווען, אַז דער מיליטער־קאָמענדאַנט, פּאָרוטשניק מינקאָווסקי, האָט טעלעפאָנירט וועגן אומגליק. איז פאַן טשאַפּסקי מיט צוויי געהילפן פון העכערן און עטלעכע פון נידעריקערן ראַנג אַוועק אין אויטאָמאָביל צום אָרט פון דער געשעעניש. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן דעם שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג, דעם „טאָוואַזשיש“ פון די אַמאָליקע יאָרן און גוטן פריינט מאַרטין טשעמנאָווסקי. באַגריסט האָט מע זיך אָבער פאָרמעל מיט צוויי פינגער ביים דאַשיק אויפן פּויליש־מיליטערישן אופן, אויסגעשטרעקט און צוזאַמענגעקלאַפּט די אָפּצאַסן. בלויז ביי פאַן טשאַפּסקין איז דאָס אַרויסגעקומען אַקוראַטנע, מיטן גאַנצן זעלנערישן גלאַנץ, בעת ביי פאַן טשעמנאָווסקין נישט אַזוי. מסתמא דערפאַר, ווייל דער ערשטער האָט געטראָגן פּאָליצייאישע הלבשה און דער צווייטער — ציווילע. אויך דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג איז דאָ געווען

מיט עטלעכע פון זיינע געהילפן, אין ציווילער הלבשה ווי ער.ביידע שעפן, צוזאַ־
מען מיטן פּאַרטשניק מינקאָווסקי, האָבן אָנגעהויבן די אונטערזוכונג. נאָר אַ סך
צו זוכן איז נישט געווען. צוויי גרויסע ליידיקע גריבער (נישט וויאַרסטן־לאַנג, ווי
פּאַנטאַסטן אין דער שטאָט האָבן געזאָגט). די גריבער זיינען געווען אפשר צו 5
מעטער טיף. די געקומענע האָבן זיך געקאָנט אין זיי אַראָפּלאָזן אָן אַ לייטער,
איינהאַקנדיק זיך מיט די אָפּצאַסן אין דער ווייכער זאַמדיקער ערד פון די נישט־
צו־שטאַרק משופּעדיקע ווענט. אויך צוריק אַרויסקומען וואָלטן זיי געקאָנט אָן
באַזונדער אָנשטרענגונג. נאָר דער קאָמענדאַנט, נאָך אַ יונגער מענטש, האָט גע־
וואָרנט די פּאָליציי־מענטשן לעבן און הינטער זיך, אַז זיי זאָלן זיין פּאָרזיכטיק
ביים קלעטערן, ווייל עס קאָנען זיך געפינען פאַרשיטע נישט אויפגעריסענע סנאַ־
ראַדן, גראַנאַטן אָדער שראַפּנעלן און אויפרייסן אונטער די טריט. זיינען טאַקע
אַלע געבליבן שטיין פאַרן אַריינגאַנג אין גרוב. דאָס האָט דער יונגער פּאָרוטשניק
אויסגענוצט און געוויזן זיין העלדישקייט, די העלדישקייט פון אַ פּוילישן אָפיציר.
ער איז טאַקע געוואָרן אַביסל בלאַס, אָבער מיט אַ שפּרונג האָט ער זיך אַראָפּגע־
לאָזט אין גרוב אַריין. באַין ברירה זיינען ביידע, פּאַן טשאַפּסקי און פּאַן טשעמ־
נאָווסקי, אים נאָכגעשפּרונגען. דער ערשטער — מיט דער לאַנגער האַלברונד־
לעכער שווערד אין דער לינקער האַנט (ער זאָל נישט פּאַלן), אין בלוילעך־גרויען
מאַנטל מיט צוויי רייען בלישטשעדיקע קנעפּ, מיט אַ געלן לעדערנעם פּאַסיק אַרום
דער טאַליע, אַרום וועלכער ס'איז, אויף דער רעכטער זייט, געהאָנגען דער קליינער
רעוואָלווער אין אַ געל לעדערן טעשל און די שווערד אויף דער לינקער זייט, אויף
אַ ווייסבלישטשענדיק קייטעלע מיט אַ געל לעדערנעם פּאַסיק קווער איבער די
פּלייצעס, כדי צו האַלטן דעם פּאַסיק איבער די לענדן, אין אַ היטל מיט פיר שפּיצן
און מיט אַ גרויסן לעדערנעם און מיט ניקל באַזוימטן דאַשיק און דעם ווייסן פּוי־
לישן אָדלער פאָרנט, פּונקט אין מיטן. פּאַן טשעמנאָווסקי — אין אַ פּאַלטן און
קאַפּעלוש, אין פיינע שיך מיט קאַלאָשן און הענטשקעס. נאָך זיי האָבן זיך אויף
גאָטס באַראָט געלאָזט אין גרוב אַריין די געהילפן. און גאָט איז געווען מיט זיינע
קנעכט, די שומרים פון אָרדענונג אויף דער ערד, און ס'האָט מיט זיי קיין שום
בייז נישט פּאַסירט, קיין שום אומגליק האָט חס ושלום מיט זיי נישט געטראָפן,
ס'האָבן, גאָט צו דאַנקען, אונטער זייערע פיס נישט אויפגעריסן קיין סנאַראַדן, קיין
שראַפּנעלן און נישט קיין גראַנאַטן. ס'איז אין די צוויי גריבער פון אַרסענאַל קיין
סימן פון די אַלע זאַכן מער נישט געווען, און די העלדן, וואָס האָבן ריזיקירט
מיט זייער לעבן, זיינען אַלע בשלום צוריקאַרויסגעקומען. געפונען האָבן זיי דאָרט
פאַרסמאַלעטע ברילקעס ערד, פון וועלכע מ'האָט, ביים צולייגן זיי צו דער נאָז,
(וואָס אַלע האָבן געטון), נאָך געפילט דעם שאַרפן גערוך פון עקספּלאָדירטן פּול־
ווער און דינאַמיט.

אָבער אַ מיליטעריש־פּאָליצייאישע אונטערזוכונג מוז אויפן אָרט פון אַזאַ
געשעעניש עפּעס געפינען, כדי צו באַווייזן, אַז דאָס אומגליק איז געשען און ווי
אַזוי ס'איז געשען. האָבן זיי ווייטער געזוכט אַרום די צוויי לערע גריבער און גע־
פונען אַלערליי שטיקלעך מעטאַל, וואָס האָבן דייטלעך באַוויזן, אַז זיי שטאַמען
פון יענע גוטע זאַכן, מיט וועלכע מען הרגעט מענטשן און מען מאַכט חרוב שטעט.
דער פּאָרוטשניק האָט געזאָגט צו די צוויי פּאָליציי־שעפן, אַז מיט דער פאַרניכטע־

טער אַמוניציע האָט מען געקאָנט אויפטאָן וווּנדער: נישט איין שטאָט, נאָר עט־לעכע, צוזאַמען מיט די איינוווינער, האָט מען געקאָנט אָפּווישן פון דער ערד. מילא, פאַרפאַלן. אַ גרויסע אבדה. נאָר ווי איז אַהינגעקומען דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, ווען די עקספּלאָזיעס זיינען געשען? פון אים וואָלט מע דאָך אַפילו געקאָנט אָלץ, לכל הפחות עפּעס, געוואָר ווערן, אַפילו ווען ער וואָלט געווען טויט. ווען מ'וואָלט כאָטש געפונען פון אים אַ טייל, אַ פוס, אַ האַנט. אָבער קיין שפּור איז פון אים נישטאָ. איז ער אינגאַנצן פאַרניכטעט, אינגאַנצן פאַר־ברענט געוואָרן? וואָלט מען דאָך באַדאַרפט געפינען כאָטש אַביסל אַש פון אַ פאַר־ברענטן מענטש. זיך אויפגעלייזט אין דער לופט? ווו זשע איז די ביקס? וויניקסטנס אַ שטיקל פון איר? האָט דאָס אפשר דער סאָלדאַט אַליין געטאָן און ער געפינט זיך אַצינד ערגעץ־ווו באַהאַלטן? דערנאָך וועט ער אַריבער די פּוילישע גרענעץ, קיין עסטרייך אָדער דייטשלאַנד, צי גאָר קיין רוסלאַנד...

דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט געפּרווט טאַפּן ביים פּאָ־רוטשניק:

— איז דער סאָלדאַט געווען אַ סאָציאַליסט? האָט ער געהערט צו אַ פּאַרטיי?

דער פּאָרוטשניק האָט זיך צעלאַכט:

— יענער — אַ סאָציאַליסט? כע־כע־כע!...

— אפשר אַ דייטשער אָדער עסטרייכישער שפּיאָן?

דער פּאָרוטשניק איז געווען געערגערט:

— אַ פּוילישער פּויער, אַ כאָם פון אַ קליין דאָרף אין קאָנגרעספּוילן.

נאָר ווי ס'שטייט געשריבן: „יגעתי ומצאתי". איינער פון די מיליציאַנטן (פון נידעריקן ראַנג) האָט געפונען אַ שטיקל עלעקטרישן דראָט.

— אָט דאָס איז עס! — האָט אויסגערופן פּאַן טשעמנאָווסקי, אַן עקספּערט פון די גוטע יאָרן אויף אויפצורייסן מיט דינאַמיט.

פּאַן טשאַפּסקי האָט געזאָגט זיין מיינונג:

— מ'מוז געפינען די שפּורן, פונוואַנען דער דראָט איז געצויגן געוואָרן ביז אַהער.

— פּאַן טשעמנאָווסקי האָט מסכים געווען:

— געוויס. מ'מוז געפינען די הייל, וואָס וועט פירן צום אָרט, פונוואַנען דער דראָט איז געצויגן געוואָרן ביז אַהער — צום אַרסענאַל.

נאָר די הייל האָט מען לײדער נישט געפונען. דאָך איז געווען קלאָר, אַז די עקספּלאָזיע איז געווען די אַרבעט פון די קאָמוניסטן — די באָלשעוויקעס.

2

ס'איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קליינע געהיימע זיצונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען בלויז די פּאַרטרויטסטע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער מיט יאַן גני־לאָווסקין בראש. די זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער קאַנצעלאַריע פון פּאַן טשעמנאָווסקי. צוזאַמען מיט די צוויי פּאָליציי־שעפן זיינען געווען 5 מענטשן. צוליב געוויסע טעמים האָבן אַלע געוואָלט, אַז די שולד פון דער געשעעניש זאָל

געוואָרפן ווערן אויף דער נאָכלעסיקייט פונעם וואַכסאַלדאַט. אָבער דאָס איז שוין איצט געווען אוממעגלעך צוליב דעם געפונענעם שטיקל דראַט. אויך האָבן ביידע פּאָליציי־שעפן (געטרייע פּאַטריאָטן) מיט רעכט געטענהט: „די טעראָריסטן מוזן אויסגעראָט ווערן! ווען מ׳זאָל אַזעלכע פּאַררעטער לאָזן אויף דער פריי, איז דאָס פּאַטערלאַנד אין געפאַר".

די דריי ציוויליסטן פון דער פּאַרטיי — נישט בלויז יאַן, נאָר אַפילו די לערערן יאַדענושאַ סלאַמאַוואַ און דער וועטערינאַר יענדרעק קאַפּוסטאַ — האָבן מסכים געווען. נאָר די לערערן האָט געפרעגט קיל און איבערגעלייגט:

— וועמען זאָל מען אַרעסטירן?

— וואָס הייסט וועמען? — האָט יאַן זיך אויפגעקאָכט און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. — אַלע פון דער אָפּאָזיציע! פאַר אַלעם די ייִדישע!

— דאָס איז שווער, כמעט אוממעגלעך, — האָבן די צווי חברים זיך אים אַקעגנגעשטעלט.

ביידע פּאָליציישעפן האָבן געפרעגט:

— פאַרוואָס?

יענדרעק קאַפּוסטאַ, דער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג, האָט געענטפערט:

— צוליב אַ סך אורזאַכן. איך וועל אויסרעכענען בלויז עטלעכע: 1) ווייל מיר ווייסן נישט, ווער ס׳איז אַלץ אין דער אָפּאָזיציע; 2) ווייל די אָפּאָזיציאָנערן, וועלכע מיר קענען, זיינען דערווייל נאָך מיטגלידער פון דער פּאַרטיי; מיר האָבן זיי נישט אויסגעשלאָסן און ס׳איז נאָך אַפילו גאָר קיין פראַגע נישט געווען פון אויס־שליסן זיי; 3) מיר האָבן נישט קיין רעכט צו פאַרפאָלגן חברים, וואָס האָבן אַן אַנדער מיינונג, אַפילו ווען מיר זיינען די מאַיאָריטעט; מיר זיינען אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און נישט קיין דיקטאַטאָרישע.

די לערערן האָט אויסגערופן:

— ריכטיק!

יענדרעק קאַפּוסטאַ האָט ממשיך געווען:

— 4) מיר האָבן נישט קיין שום אינסטרוקציעס פון צענטראַל־קאָמיטעט, צו פאַרפאָלגן אָדער אַפילו בלויז צו דיסקרימינירן קעגן מיטגלידער, וואָס זיינען אין דער אָפּאָזיציע. מיר קאָנען נישט האַנדלען ווילקירלעך.

— בראַוואָ — האָט די לערערן ווידער איבערגעריסן דעם וועטערינאַר, וועלכער האָט גערעדט נאָך עטלעכע מינוט, אָנגעוויזן אויף נאָך טעמים, ווי אַ שטייגער, אַז די אָפּאָזיציע וואָלט דאַן ערשט רעכט געוווּנען דורך דער מאַרטירערקרוין, וואָס מען וואָלט איר אָנגעטאָן. ער האָט אויך באַרירט דעם פּונקט „ייִד" און איז אַרויס־געטרעטן זייער שאַרף קעגן מאַכן אַ חילוק צווישן ייִדן און קריסטן, אָדער וועלכע ס׳איז אַנדערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

אָבער דעם חבר קאַפּוסטאָס ערשטן פּונקט האָט יאַן גנילאָווסקי לייכט צע־קלאַפּט. ער האָט אויסגערעכנט עטלעכע אָפּאָזיציאָנערן אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן ביי דער גרויסער פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז זיך גרופּירט אַרום שטשעלקאָוו־סקין. דאָס, וואָס זיי זיינען מיטגלידער, איז גאָרנישט. מיטגלידערשאַפט שיצט נישט קעגן אַ פאַרראַט פון דער פּאָליציי. און די פּאָליציי פאַרפאָלגט זיי נישט צוליב זייערע מיינונגען, נאָר צוליב זייערע פאַרברעכערישע טאַטן. און אויב ס׳וועט זיך

אַרויסווייזן, אַז זיי זיינען אומשולדיק, וועט מען זיי באַפרייען. אַלץ אַנדערע פאַלט אַוועק.

— ריכטיק! — האָבן בײדע פּאָליציישעפן אויסגערופן.

די לערערן האָט געפרעגט:

— און וואָס, אויב די קאָמוניסטן האָבן אין אונדזער פּאַרטיי זייערע מענטשן, וועלכע מיר האַלטן גאָר פאַר די בעסטע, פאַר די איבערגעגעבנסטע, פאַר די גע־טרייסטע מיטגלידער, און זיי?...

אַלע פינף האָבן זיך איבערגעקוקט. איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, ווי ער וואָלט יענעם פאַרדעכטיקט. אַלע האָבן געשוויגן. ס׳איז געווען שטיל. ס׳האָט זיך קיינער קיין ריר נישט געטאָן, ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון עפּעס אַ שרעק. ביז פאַן טשאַפּסקי האָט אַ זאָג געטאָן:

— גלופּסטוואָ! נאַרישקייטן! מיר וועלן פון די אַרעסטירטע שוין אַלץ אַרויס־קריגן.

דערמיט האָט די זיצונג זיך געענדיקט.

בײדע פּאָליציישעפן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, צו וועלכער זיי זיינען געווען באַשטימט. די פאַרלעגנהייט איז געווען פּונקט ווי דאָס קווענקלען זיך און דאָס כלומרשטדיקע זיך ווערן ביי דער ערשטער אומאַרעמונג פון אַ געוויסן מיין מיידלעך, וועלכע ווערן שפּעטער פּראָסטיטוטקעס.

3

די תּפיסה איז געווען אַ קליינע. זי האָט געהאַט איינגאַנצן 2 גרויסע קאַמערן און איינע אַ קליינע פאַר באַזונדערס שווערע פאַרברעכער, פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן געמוזט זיין איזאָלירט. פאַר טשאַפּסקין איז איצט געשטאַנען אַ טעכניש פּראָבלעם: ביז פאַרנאַכט האָט די פּאָליציי געהאַט אַרעסטירט שוין אַזוי פיל, אַז איין קאַמער פאַר אַלע מענער איז געווען צו קליין. די צווייטע קאַמער איז געווען פאַר די פרויען. די קליינע קאַמער האָט דערווייל נישט געקאָנט באַנוצט ווערן.

ביי איר איצטיקער אַרבעט האָט די פּאָליציי צובאַקומען אַן אומגעריכטע הילף. דאָס איז געווען סטאַך, דער געוועזענער חזיר־קיילער און שמוגלער. ער איז געקומען צום סטאַרשי פון דער מיליציע, האָט אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און צו אים געזאָגט, אַז ער ווייסט וועגן עטלעכע קאָמוניסטן.

— ווער זיינען זיי? — האָט דער סטאַרשי געפרעגט.

סטאַך האָט אויסגערעכנט:

— איינער איז דוד סאַראַקע, אַבראַם דעם שניידערס אַ זון; בלומטשע שפּיצ־מאַן, דעם באַלעגאַלע איציקס אַ טאָכטער; מעכל גרינצווייג; בערעק, אַ פאַרבער, און די טאָכטער זיינע. זיי בײדע האָב איך שוין נישט איינמאָל געזען רײדן מיט די גאַנץ געפערלעכע.

קאַספּער שטשעלקאָווסקי, דער סטאַרשי, האָט דעם שגץ געענטפערט:

— דאָבזשע. — ער האָט אים געהייסן וואַרטן און איז אַריינגעגאַנגען מעלדן

זיין שעף. יענער האָט דורכגעקוקט דעם צעטל מיט די נעמען און זיך פאַרקרימט. וועגן דודן האָט ער געזאָגט:

— אַן אומבאַדייטנדיקער מיטגליד פון די יידישע סאָציאַליסטן; פאַננאַ שפּיצמאַן איז אַפילו קיין מיטגליד אויך נישט; איר ברודער, אַבראַמטשיק, איז יאָ אַ מיטגליד, אַפילו פון דער פאַרוואַלטונג; אָבער ווען אַלע זאָלן זיין ווי ער איז, וואָלט געווען גוט, וואָלט מען געקאָנט רויק שלאָפן. מעכל גרינצווייג? אַהאַ! אָבער נישט ער, בלויז די טאָכטער זיינע. די אַנדערע צוויי קען איך נישט. שיק מיר אַריין סטאַך באַדיליאַ!

דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט אויפן גרויסן שרייבטיש געהאַט פאַר זיך די פּראָטאָקאָלן וועגן יעדן איינעם און יעדער איינער פון די פּאָליטישע פאַרברעכער. חוץ די פּאַרמאַליטעטן (נאָמען, יאָרן, פאַך אד״גל), זיינען געווען די באַמערקונגען פון די פּאָליצייבאַאַמטע וועגן יעדן און יעדער: ביי וועלכע אומשטענדן אַרעסטירט, ווו, וויאַזוי דער אַרעסטירטער (אָדער אַרעסטירטע) האָט געענטפערט אויף די פראַגן, זיך געפּלאָנטערט אָדער נישט, געווען דערשראָקן, דערשטוינט, אָדער גלייכגילטיק, זיך געריכט אויפן אַרעסט אָדער נישט, זיך אָנשטענדיק באַנומען ביים אַרעסטירט ווערן אָדער זיך אָקעגנגעשטעלט. פאַן טשעמנאָווסקי האָט געטראַכט: זאָל ער גליך צוטרעטן צו דער אַרבעט אָדער זאָל ער וואַרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט? קיין פּראַקטיק האָט ער נאָך נישט געהאַט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין קאַריערע. קיין גרויס טעאָרעטיש וויסן אין אַזעלכע זאַכן האָט ער אויך נישט געהאַט. פונוואַנען? אַ געוועזענער בוכהאַלטער פון אַ פאַבריק. ער האָט זיך געטרייסט: דער חבר... פאַן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, איז אויך קיינמאָל קיין מאַרשאַל נישט געווען, און פונדעסטוועגן... און אַנדערע העכערע באַאַמטע אין דער רעגירונג... ער וועט זיך שוין אויסלערנען. פּוילן איז אַ יונגע מלוכה און האָט דערוויל נאָך נישט גענוג אויסגעבילדעטע באַאַמטע.

דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט אָבער אויף אייגענער פעל געהאַט דורכגעמאַכט גענוג: ער איז צוויי מאָל געזעסן: צוויי יאָר אין וואַרשעווער ציטאַדעל און פיר יאָר אין שליסלבורג. ער האָט זיך גענומען דערמאָנען, וויאַזוי מ׳האָט אים יעדעס מאָל אויסגעפאָרשט, וויפל מאָל, ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט פון איין מאָל צום צווייטן, וועלכע קונצן האָט מען אָנגעווענדט, אין וועלכע שעהן ביי־טאָג און אין וועלכע ביינאַכט. די שפּעטע נאַכט־שעהן זיינען די בעסטע. וועלן אָבער די אַרעסטירטע בלייבן צולאַנג צוזאַמען און וועלן קאָנען גענוי דורכטראַכטן און אײנ־איינעם זיך באַראַטן וואָס צו זאָגן. נאָר קעגן דעם איז פאַראַן אַ מיטל: אַריינזעצן אַן אייגענעם מענטש צווישן זיי. איז אָבער געווען די מעגלעכקייט, אַז די אַרעסטירטע זאָלן קאָנען יעדן געהיימאַגענט, ווייל די מייסטע געהיימאַגענטן זיינען געווען אַמאָליקע פּאָליטישע, און די שטאָט איז נישט קיין גרויסע. איז פאַן טשעמנאָווסקי געפאַלן אויף אַן המצאה: ער וועט די אַנדערע אַביסל צעטומלען. דודן און בערלען מיט דער טאָכטער האָט ער דאַך געלאָזט אַרעסטירן. ער האָט אַ קלוגע געטאָן, און דעם מיליציאַנט געהייסן אַריינברענגען אַלע דריי מיט איין מאָל. וואַרפנדיק אויף זיי אַ בליק, (וועלכן קיינער פון די דריי האָט נישט באַמערקט) און ער האָט שוין געהאַט אַ גענויע מיינונג וועגן יעדן איינעם: דער פאָטער פונעם מיידל איז אַ רעבעל, אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנער און נישט קיין סאָציאַליסט; די

טאַכטער האָט דעם טעמפּעראַמענט פונעם פאָטער, אָבער זי איז דערשלאָגן און נאַיִוו; דער יונגערמאַן איז אַ כיטראַק, אַ קליינער שטרעבער און אַ גרויסער יאָלד. ער בלייבט אויף צולעצט. עטלעכע מינוט האָט פאַן טשעמנאָווסקי געלאָזט שטיין הינטער זיך די אַריינגעבראַכטע, זיך געמאַכט, אַז ער ווייסט נישט, אויב זיי זײַנען אין זיין צימער, דאַן צוגערופן דעם פאַרבער און אים געפרעגט:

— דו הייסט בערעק?

— בערל, אַזוי האָט מיר דער טאַטע אַ נאָמען געגעבן ביים ברית.

— נישט בערעק? אין פוילן איז געווען אַ ייִד, האָט ער געהייסן בערעק. ער איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט, אַ ייִדישער פּאַלקאָווניק. ער האָט געגרינדעט אַ ייִדישע אַרמיי און זיך געשלאָגן ווי אַ לייב אין דער פּאָווסטאַניע.

בערל איז נישט נתפעל געוואָרן. מיטן היטל אין האַנט, דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, האָט ער געענטפערט אָפּגעלאָזן:

— דאָס ווייס איך נישט. איך הייס בערל. אין פּאַס שטיי איך פאַרשריבן בערעק.

— דיין פאַמיליענאָמען?

— שאַרפמאַן.

— שאַרפמאַן... — דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט ווי מיט באַזונדערער באַדייטונג איבערגעחזרט בערלס פאַמיליענאָמען. פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי דערשלאָגן?

בערל האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר גזלנישע אויגן:

— פון ווילטאָג!...

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— כ'בין צו רייך. אַז מ'איז צו רייך, איז מען אומגליקלעך...

— די מאָרדע האַלטן! ביי מיר מאַכט מען נישט קיין שפּאַסן! — ער איז איבערגעגאַנגען אויף דו; — דיין איצטיקע לאַגע איז גאָרנישט אַזאַ שפּאַסיקע!

רייזל איז צוגעלאָפן:

— טאַטע...

פאַן טשעמנאָווסקי, מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט פון אַן אויספאַרשער, האָט אַ הוקע געטאָן אויפן מיידל:

— צוריק אויפן פריִערדיקן אָרט! קיין אַרויסהעלפערס!

רייזל איז אַ דערשראָקענע צוריקגעגאַנגען צו דודן, נאָר דער פּאָליציישעף האָט אויף איר ווידער אַ הוקע געטאָן:

— אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן! נישט רעדן צווישן זיך! — ער האָט זיך ווידער גענומען צום פאַרבער: — דו ביסט אַזוי צעשראָקן און געדריקט, ווייל דו ווייסט, וואָס דיך דערוואַרט.

בערל האָט געענטפערט:

— איך ווייס.

— דאָס איז גוט. וועסטו אויפהערן שפּאַסן און זאָגן דעם אמת. אַז דו וועסט זאָגן דעם אמת, וועסטו זיין אין אַ סך אַ בעסערער לאַגע. דעם אמת וועגן דיר און דעם אמת וועגן די אַנדערע. אַלזאָ, וואָס ווייסטו?

בערלס אַגרעס־אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט. ער האָט ווייטער געענטפערט אויף זיין אופן:

— וואָס איך ווייס? כ׳ווייס, אַז כ׳בין אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. נישטאָ נאָך אַזאַ אביון אין שטאָט ווי איך בין. דעריבער ווייס איך, וואָס מיך דערוואַרט: צו פּגרן פון הונגער. דאָס איז דער אמת, דער גאַנצער אמת. מער ווייס איך נישט. כ׳זאָל נישט שפּאַסן? וואָס דען זאָל איך טאָן? ווען נישט דאָס שפּאַסן, וואָלט איך שוין לאַנג געלעגן אין דער ערד. שפּאַסן... דאָס איז גרינגע גאַל, פּאַניע נאַטשעלניק; גרינגע, זי גייט מיר איבער, איצט באַזונדערס.

— פאַרוואָס איצט באַזונדערס? ווייל דו האָסט מורא?...

— מורא? אַפילו נישט פאַרן טויט. נאָר ס׳איז מיר אַצינד באַזונדערס ביטער אין מויל.

— פאַרוואָס אַצינד באַזונדערס?

— ווייל מ׳האָט מיך אַרעסטירט אינדערפרי, צוזאַמען מיט דער טאָכטער. איצט איז שוין אַ זייגער פיר. שוין באַלד נאַכט. כ׳האָב היינט נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל, אַפילו קיין טרונק וואַסער נישט. אין דער היים איז געבליבן אַ קראַנקע פרוי אין בעט. זי קאָן נישט אַכטונג געבן אויף די קינדער. אַ גאַנצן טאָג אין אַרעסט. פאַרוואָס?

פאַן טשעמנאַווסקי האָט געפרעגט סאַרקאַסטיש:

— דו ווייסט נישט פאַרוואָס?... — ער האָט אַ וואָרף־געטאָן אויף דודן. — אים קענסטו?

— יאָ.

— יאַקאָב ליכטענבערג קענסטו?

— יאָ.

— אַראָן מיקנשלעגער, וועמעס פאָטער איז אַ שוסטער, וואָס הייסט איטשע — קענסטו?

— יאָ.

— דינה גרינצווייג, איר פאָטער הייסט מעכעל, קענסטו?

— יאָ.

— כעליאַ, אָדער כאַיאַ, איר פאָטער איז פאַן בערנפעל, קענסטו?

— יאָ.

— יוזשעק שטשעלקאָווסקי, זיין פאָטער איז אַ סטאָלאַרזש, אַ גאַרבאַטער?

— יאָ.

דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט כלומרשט טריומפירט:

— און דו ווייסט נישט, פאַרוואָס מ׳האָט דיך אַרעסטירט?...

ער האָט אַ קלונג־געטאָן. ס׳איז אַריינגעקומען אַ מיליציאַנט. אויפן ווונק פון זיין שעף האָט ער אַרויסגעפירט דודן און רייזלען און טשעמנאַווסקי האָט ווייטער גערעדט:

— אַצינד זאָג מיר, וואָס דו ווייסט וועגן זיי.

— וועגן וועמען?

— וועגן די אַלע, וועלכע דו קענסט. דו האָסט אַליין נאַרוואָס געזאָגט, אַז דו קענסט זיי. באַהאַלט גאָרנישט, ווייל איך ווייס אַלץ. אַז דו וועסט זאָגן דעם אמת

וועגן די אַרעסטירטע, וועט דיין גורל און דער גורל פון דיין טאַכטער זיין גרינגער. אפשר וועל איך דאַן איינעם פון אייך, און אפשר גאָר ביידע, באַפרייען! — ער איז צוריק איבערגעגאַנגען אויף „איר" און געוואָרן ווייכער. — וואָס ווייסט איר וועגן זיי?

בערל האָט געענטפערט פשוט:

— איך ווייס, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן. אַזוי זאָגט די גאַנצע שטאָט.

— איר זייט געווען ביי דער פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז?

— יאָ, מ'האָט מיך גוט צעמאַזיקט.

— פאַרוואָס זייט איר געגאַנגען?

— אַלע ייִדן זיינען געגאַנגען — בין איך אויך געגאַנגען.

— אַ ליגן! נישט אַלע ייִדן! בלויז די קאָמוניסטן, די ייִדישע באָלשעוויקעס!

דער פאַרבער איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך גענומען פּלאָנטערן:

— אַלע... ס'רעדט זיך בלויז אַזוי. אַלע וואָלטן דאָרט גאָרנישט געקאָנט אַריין. אָבער ס'איז געווען אויסגעקלעפּט „אָגלאָשעניעס", אַז אַלע בירגער זאָלן קומען. אַ פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז. כ'בין אַ בירגער. די ייִדן זיינען דאָך איצט אויך בירגער.

— איר ווייסט, וואָס ס'איז אַ קאָמוניסט, אַ באָלשעוויק, אַ סאָציאַליסט?

דער ייִד האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג און טשעמנאַווסקי, איבערצייגנדיק זיך אין דער פשוטער אומוויסנקייט פונעם פאַרבער און פון זיין טאַכטער און איינזעענדיק, אַז ער וועט פון זיי נישט קאָנען אַרויסבאַקומען די קלענסטע ידיעות וועגן די אַנדערע אַרעסטירטע, האָט ער זיי ביידע באַפרייט.

ביי דודן אָבער האָט ער די טאַקטיק געענדערט. ער האָט דעם בחור געהייסן זיך זעצן און פריינטלעך, כמעט חבריש, אים געפרעגט, ווי לאַנג ער איז שוין אַ סאָציאַליסט און וואָס ער פאַרשטייט אונטער סאָציאַליזם. באַמערקנדיק, אַז דער פאַרשוין גרייט זיך אָפּצולייקענען, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט, איז טשעמנאַווסקי דעם נאָר פאַרלאָפן דעם וועג און נאָך פריינטלעכער און נאָך חברישער צו אים געזאָגט:

— פּאַניע סאַראַקע, פּוילן איז אַ פרייַ סאָציאַליסטיש לאַנד; דער ראש פון דער רעגירונג איז אַ סאָציאַליסט; ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פינפטן יאָר. איר ווייסט דאָס געוויס. די מייסטע מיטגלידער פון דער רעגירונג זיינען סאָציאַליסטן. יענע צייטן מיט די רוסישע זשאַנדאַרן זיינען אַוועק. אַ פּאַפּיראָס?

— ער האָט דעם אַרעסטירטן צוגעטיילט כבוד דורך הייסן אים נעמען דער ערשטער אין אים אונטערגעטראָגן פייער (אויך צוערשט) צו פאַררויכערן. נאָך די ערשטע צוויי ציִ האָט ער מיט דודן ווידער גענומען שמועסן פריינטלעך און חבריש:

— איר זייט אַ מיטגליד פון דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס געהערט צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווי די פּ.פּ.ס. איך האָף דעריבער, אַז ווי אַ געטרייער בירגער פון אונדזער פאָטערלאַנד און ווי אַ סאָציאַליסט וועט איר מיר איצט העלפן אין מיין שווערער אויפגאַבע, וואָס וועט זיין אַ הילף פאַרן פאָטערלאַנד און פאַרן סאָציאַליזם. איך מיין וועגן דעם אויפרייסן דעם אַרסענאַל. דאָס האָבן קיין אַנדערע חוץ די קאָמוניסטן — אַגענטן פון רוסישן באָלשעוויזם — נישט געטאָן. דאָס זיינען פשוטע פאַרברעכער. איר לייענט דאָך אונדזערע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־

ציַיטונגען; ווייסט איר דאָך, וואָס די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד טוען מיט אונ־דזערע חברים און אַנדערע סאָציאַליסטן; זיי שיסן זיי אין די צענדליקער, אין די הונדערטער־טויזנטער. ווען איר וואָלט דאָרט געווען, וואָלט איר שוין מער נישט געלעבט. די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַפֿט האַנדל, יעדע פּריוואַטע אונטערנע־מונג. דאָס האָט דאָרט באַזונדערס געטראָפֿן די ייִדן. זיי קאָנען דאָך נישט פּלוצים ווערן אַרבעטער. און ס׳איז דאָך גאָר קיין אַרבעט נישטאָ, אַבסאָלוט. און וואָס פֿאַר אַן אומזין איז עס, צו ווּעלן אָפּשאַפֿן האַנדל? אין אַ פֿריי סאָציאַליסטיש לאַנד דאַרף דער בירגער קאָנען טאָן אַלץ; אין רוסלאַנד אָבער איז אַלץ צוואַנג. דיק־טאַטור. מען טאָר קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. דער רעזולטאַט? — כאַאָס, מענטשן פֿאַלן אין די גאַסן פֿון הונגער, מ׳גייט נאַקעט און באָרוועס, די טורמעס זיינען גע־פּאַקט, די טשעקאַ אַרעסטירט טויזנטער אַרבעטער יעדן טאָג און שטעלט זיי צום „וואַנטל״. יעדער איינער זעט אין אַנדערן אַ שונא. אויס טאַטע־מאַמע, אויס שוועס־טער און ברודער, אויס געליבטע, ווייב און קינד, אויס חבר, פֿריינט. דאָס ווילן די קאָמוניסטן ביי אונדז, אין אונדזער פֿרייען פּוילן. זיי שפּרייטן צעמישונג און האָס אין די אַרבעטערריייען. ווער איז שולדיק אינעם אַנטיסעמיטיזם איצט? און אין די עקסצעסן? — זיי. די באָלשעוויקעס רייסן זיך ביי די פּוילישע גרענעצן אין אַן אינוואַזיע אויף אונדזער לאַנד. די היגע קאָמוניסטן העלפֿן זיי דורך טעראָר, דורך אויפֿרייסונגען. נו, וואָס זאָגט איר דערצו, טאָוואַזשיש סאַראַקע?

טשעמנאַווסקי האָט דודן אַנגעבאָטן אַ צווייטן פּאַפּיראָס. ער האָט גאַנץ גוט געזען, אַז דוד איז אַ קנאַפּער רויכערער און אים געלערנט פּאַרצ׳ען דעם רויך. ער האָט אויסגערעכנט, אַז אַן אָפּגעשוואַכטער פֿון אַ גאַנצן טאָג נישט עסן און אַן לופֿט אין דער טונקעלער קאַמער, צוזאַמענגעקוועטשט מיט נאָך מענטשן — וועט דער רויך אין די לונגען אים נאָך שוואַכער מאַכן. חוץ מזה האָט דער אויס־פֿאָרשער זיך דערביי איבערצייגט, אַז דער אַרעסטירטער האָט נישט קיין אייגענעם ווילן. האָט טשעמנאַווסקי זיך אַנטשולדיקט פֿאַרן חבר סאַראַקע:

— איר זייט הונגעריק. אויב איר ווילט, וועל איך הייסן אַריינברענגען עסן פֿאַר אייך. איך האָף אָבער... — ער האָט דודן געקוקט סוגעסטירנדיק אין די אויגן און אים געגעבן אַנצוהערן: — ס׳וועט שוין נישט לאַנג געדויערן... זאָגט מיר, איך בעט אייך: דעם חבר ליכטענבערג קענט איר דאָך גוט?...

דוד האָט באַרימעריש געענטפֿערט:

— זייער גוט. — ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן יעקבן.

— און אַראָן מיקנשלעגער?

— אויך — און ער האָט געשילדערט דעם חבר אַהרן.

— און דינאַ גרינצווייג אָדער דינטשאַ, ווי מ׳רופֿט זי?

— זייער גוט, — און ער האָט דערציילט וועגן איר עקסטרעמקייט.

— און כעליאַ בערנפֿעל?

— קען איך אויך גוט...

— זי איז אַ קאָמוניסטקע, ווי דער געליבטער אירער, יוזשעק שטשעלקאָווסקי?

אויף דער לעצטער פֿראַגע האָט דוד נישט געענטפֿערט דירעקט, אָבער דער אופֿן ווי ער האָט געענטפֿערט איז געווען גענוג פֿאַרן שעף פֿון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג. ער איז אויפֿגעשטאַנען און געזאָגט צום אַרעסטירטן:

— איר זייט פריי. איך פֿאַרלאָז מיך אויף אייך. יאָ, כ׳האָב גאָר פֿאַרגעסן אייך צו פֿרעגן וועגן אייער מאַטעריעלער לאַגע. איר זייט אַ שניידער. קיין אַרבעט איז אַצינד נישטאָ. אייערע עלטערן זיינען אָרעם. נו... אַ גוטן בירגער, וואָס העלפֿט דער רעגירונג, לאָזן מיר נישט שטאַרבן פֿון הונגער... ביטע, שרייבט אונטער; דאָ אויף דעם אָרט. — אַז דוד האָט שוין געהאַט אונטערגעשריבן, האָט טשעמנאָוויסקי אים נאָך געזאָגט: — אַלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט, בלייבט צווישן אונדז...

4

די בעסטע צייט אויסצופֿאָרשן פּאָליטישע אַרעסטירטע איז אַרום 1־2 ביינאַכט, באַזונדערס אין ערשטן טאָג פֿון זייער אַרעסט, ווען זיי זיינען נאָך צעטומלט און צעשראָקן. נאָך אַ צייט זיצן, באַרויִקט זיך דער אַרעסטירטער; ער ווערט פֿאַראַנטוואָרטלעך און קאָן זיך בעסער איבערלייגן ביים ענטפֿערן. ווידער האָט דער שעף פֿון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג זיך גענומען דערמאָנען פֿון דער פּראַקטיק אויף זיין אייגענער הויט. די רוסישע זשאַנדאַרן האָבן אין אַזאַ פֿאַל אָנגעהויבן מיטן מינדסטן. אין דעם איז פֿאַראַן אַ געוויסער שכל. נאָר ער וועט דאָס מאַכן פֿאַרקערט. דאָך איז קליגער פֿריִער צו נעמען אין דער אַרבעט אַריין די פֿרויען. די מאַנצבילן זאָגט מען דאַן, אַז די חברטעס האָבן זיך פֿאַרפּלאָפּלט (דאָך ווייבער) און זיי אַרויסגעגעבן.

די ערשטע איז געווען כעליאַ. נאָכן אויספֿרעגן וועגן די נאַרישע פֿאָרמאַליטעטן, נאָמען אאַז״וו, האָט דער געוועזענער רעוואָלוציאָנער קאָפּירט די גוטבאַקאַנטע קונצן. ער האָט אויפֿן קרבן אָנגעשטעלט אַ שאַרף ליכט. ער האָט דערביי נאָך באַנוצט אַ געוויסע ראַפֿינירטקייט. אַזוי ווי אַ פֿרוי איז דאָך צניעותדיק, יעדנפֿאַלס ווען זי איז נאָך יונג, האָט טשעמנאָווסקי דאָס ליכט פֿונעם פּראָזשעקטאָר געלאָזט צוערשט פֿאַלן אויף דער יונגער אַרעסטאַנטקעס בוזעם און נאָך אַראָפּצוציִער... דערביי האָט ער ווי אַ מאַנצביל אַזוי לאַנג געקוקט אויף איר, ביז ער האָט דערגרייכט זיין ציל: כעליאַ איז רויט געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט דאַן שנעל אָנגעהויבן מיט דער ערשטער אַטאַקע:

— אייער געליבטער האָט אייך טאָפּלט פֿאַרפֿירט און טאָפּלט אומגליקלעך געמאַכט, פֿאַננאַ בערנפֿעל. איר זייט נאָך נישט אַלט קיין גאַנצע 20 יאָר. ווען איר זייט אַנטלאָפֿן פֿון דער היים צו אייער געליבטן, זייט איר אַפֿילו קיין 17 יאָר נישט אַלט געווען. איר זייט דעמאָלט נאָך געווען אַ קינד, און ער...

כעליאַ האָט איבערגעריסן איר פּייניקער:

— איך בין נישט אַנטלאָפֿן צו אים און נישט ווי צו קיין געליבטן. איך האָב מיין פֿריינט דעמאָלט קוים געקענט.

— אָבער איר האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט.

כעליאַ האָט זיך אָנגעצונדן:

— ער איז נישט קיין קאָמוניסט! ער איז נאָך ביז היינט אַ סאָציאַליסט, ווי ער איז עס דעמאָלט געווען!

— אָבער איר זייט דעמאָלט געווען פֿאַרליבט אין אים?...

— ניין.

— פאַרוואָס זייט איר אַנטלאָפן פון דער היים, פון אַזאַ רייכער היים און אַזעלכע גוטע עלטערן?

כעליאַ האָט געטאָן אַ צאָרנדיקן און פאַראַכטנדיקן בליק אויף דעם סאָלידן פיינעם מאַן אינעם פיינעם אַנצוג און פיינעם קראַוואַט, און געענטפערט:

— טאַקע פון דער רייכער היים און דעם גוטן טאַטן בין איך אַנטלאָפן...

— ער האָט אייך געשלאָגן?

זי איז געוואָרן שאַרף:

— איך רעכן, פאַניע נאַטשעלניק, אַז ווי אַ געוועזענער סאָציאַליסט פאַרשטייט איר, פאַרוואָס אַ סאָציאַליסטקע אַנטלויפט פון אַ בורזשואַזנער היים, וועלכע זי פאַראַכט.

טשעמנאָווסקי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם גוטגעצילטן פּאַטש פון דער אַרעסטאַנטקע, זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און ווייטער געפרעגט:

— זייט איר דעמאָלט שוין געווען אַ סאָציאַליסטקע?

— אומבאַוווּסט.

— און אַצינד זייט איר דאָס, וואָס אייער פריינט איז?

— יאָ.

— אַ קאָמוניסטקע! ער האָט אייך פאַרפירט! אויסגענוצט אייער נאַיִווקייט!

כעליאַ האָט זיך ווידער געהיצט:

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיין פריינט איז נישט קיין קאָמוניסט! איך בין נישט קיין קאָמוניסטקע! ער האָט מיך נישט פאַרפירט און איך בין נישט נאַיִוו! איך בין נישט אַנטלאָפן פון דער היים צו שטשעלקאָווסקין! איך בין אַנטלאָפן, ווייל איך האָב דאָרט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן!

— איר זייט נישט נאַיִוו, אָבער צום נעכטיקן שטיקל אַרבעט האָט איר אייך דאָך געלאָזט פאַרפירן! — דעם טריק האָט טשעמנאָווסקי געשיקט נאָכגעמאַכט דעם רוסישן סלעדאָוואַטיעל, וועלכער האָט מיט אַ 15 יאָר צוריק אים אויסגעפאָרשט אין וואַרשעווער ציטאַדעל. ער האָט גלייך דערלאַנגט דעם צווייטן זעץ: — איר זייט בלאָס געוואָרן: — ער האָט פאַר איר געהאַלטן אַ שפּיגעלע און ווייטער אַטאַקירט: — פּונקט אַזוי בלאַס זייט איר געוואָרן, ווען איר האָט דערזען די פּאָליציי, וואָס איז אייך געקומען אַרעסטירן. איר האָט אויסגעזען שלעכט און געהאַט רויטע אויגן, פון נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט...

כעליאַ האָט זיך צעלאַכט:

— מיין מאַמע און מיינע שוועסטער — אַלע האָבן מיר געהאַט רויטע אויגן און אויסגעזען שלעכט; ווייל מיר זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון שלאָף און זיך דערשראָקן פון די צוויי עקספּלאָזיעס. מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַ פּאָגראָם. דערנאָך זיינען מיר שוין מער נישט געשלאָפן. אוודאי בין איך געווען בלאַס. און ווען מ׳דערזעט פּאָליציי, אויף וועלכער מען ריכט זיך נישט, דערשרעקט מען זיך.

— פונוואַנען האָט איר געוווּסט, אַז די פּאָליציי איז געקומען אייך אַרעסטירן? אין אייער הויז, צוליב אייער פּאַטערס געשעפטן, קומט נישט אַזוי זעלטן פּאָליציי...

— דאַן קומען זיי צו מיין טאַטן, נישט צו מיר. ער דערשרעקט זיך נישט...

— זי האָט דעם פּאָליציישעף אַנגעקוקט אַזוי, אַז ער זאָל פאַרשטיין, וואָס זי האָט

געמיינט מיט דער לעצטער פּראַזע. דאַן האָט זי געברענגט די אַליבי, אַז זי איז געשלאָפן אין דער היים; אַז אין דער נאַכט פון דער עקספּלאָזיע איז זי אַהיימגעקומען אַרום 10 און איז מער נישט אַוועקגעגאַנגען: — דאָס קאָנען באַשטעטיקן מיינע עלטערן, מיינע ביידע שוועסטער, מיינע ביידע ברידער און די דינסט.

דער אויספאָרשער האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— און פאַרוואָס זייט איר פרי:ער בלאַס געוואָרן?

כעליאַ האָט געענטפערט:

— איך האָב אייך געוואָלט געבן אַ פּאַטש און האָב מיך קוים צוריקגעהאַלטן.

דער אויספאָרשער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ס'איז געווען אַ פאַרמאַסקירונג און זיך צעלאַכט:

— אַזוי גאָר? אַ פּאַטש? פאַרוואָס?

— ווייל איר האָט מיך און מיין געליבטן שוין עטלעכע מאָל באַליידיקט.

5

דאָס, וואָס דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט געוואָלט אַרויסקריגן פון דער אַרעסטירטער, האָט ער נישט אַרויסבאַקומען. אויך נישט פון דינטשע גרינצוויג. ביי איר איז אים אָנגעקומען נאָך שווערער, ווייל זי האָט זיך כסדר באַנוצט מיט איר ווייבלעכער כישופדיקייט, צו צעטומלען דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנער און אַזויערנאָך זיך לוסטיק צו מאַכן איבער אים. דאָס איז איר אַלעמאָל געלונגען. ער איז דערנאָך געוואָרן אין כעס און זי האָט זיך געפרייט. דערפאַר האָט ער זי אָפּגעשיקט אין קאַרצער. אויך כעליאַן האָט ער איזאָלירט. בייטאָג זיינען אין קעלער געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּראָוויזאָרישע איינצלקאַמערס. אָבער ווען טשעמנאָווסקי האָט זיך געהייסן ברענגען דעם אַרעסטירטן יוזשעק שטשעלקאָווסקי, איז ער אוימרויִק געוואָרן, ווי אַן אַקטיאָר, וועלכער גרייט זיך צום ערשטן מאָל אויפטרעטן אין אַן ערנסטער, באַדייטנדער ראָלע. ער האָט גוט געוווסט, ווער דער חבר יוזשעק איז און נאָך נישט געהאַט פאַרגעסן, וואָס דערדאַזיקער קעמפער האָט געמאַכט פון זיין פריינט גנילאָווסקין (און פון אים אַליין) ביי דער גרויסער פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז. ער האָט באמת מורא באַקומען, אַז שטשעלקאָווסקי קאָן דעם פאַרהער פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישער דיסקוסיע, אויב נישט אין נאָך ערגערס: אַרויסטרעטן קעגן אים ווי אַ באַשולדיקער. האָבן דאָס דאָך געטאָן די מייסטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין די געריכטן, אַפילו ווען ס'האָט זיי געדראָט טויטשטראָף. ער אַליין האָט דאָס געטאָן. דערביי זיינען די רוסישע ריכטער נישט געווען קיין סאָציאַליסטן ווי ער איז עס, אַז דער באַשולדיקטער רעוואָלוציאָנער זאָל זיי קאָנען פאַרוואָרפן פאַרראַט. דאָס וואָרט „פאַרראַט" האָט דעם שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג געקוועלט. אָבער... צי איז ער טאַקע אַ פאַררעטער? ניין, בשום אופן נישט! אין באַפרייטן פוילן הערשט אַ סאָציאַליסטישע פאָלקסרעגירונג! ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „פילן זיך אין רוסלאַנד אַלס פאַררעטער לענין, טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמיעניעוו און די אַנדערע? און זיי זיינען דאָך באמת פאַררעטער"!

טשעמנאָווסקי האָט דערפילט זיין גרויסע אויפגאַבע און אויסדערוויילטקייט צו קעמפן אויף זיין וויכטיקן פאָסטן קעגן די באָלשעוויסטישע אַגענטן. „אין רוס־לאַנד", האָט ער גדלותדיק גערעדט צו זיך, „איז דערדאָזיקער באַנדע פאַרברעכער געלונגען דורך אַ קאָנטעררעוואָלוציע צו שטירצן די סאָציאַליסטישע רעגירונג, צו דערשטיקן ביים סאַמע אָנהייב דעם סאָציאַליסטישן פאָלקסאויפשטאַנד, צו פאַר־כאַפּן די מאַכט און אַוועקצונעמען ביים פאָלק די אויסגעקעמפטע פרייהייט און אַלץ צו דערשטיקן, צו דערטרינקען אין בלוט, אין כאַאָס, הונגער און נויט; דאָרט איז זיי געלונגען צו פאַרקנעכטן און פאַרשקלאַפן דאָס פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויער־טום אונטער דער קנוט פון טיראַנישער דיקטאַטור. אין פּוילן וועט דער באַנדע טעראָריסטן דאָס נישט געלינגען"!

נאָך דער שעה פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג איז געבליבן אינגאַנצן אַנ־טוישט. דער חבר יוזשעק שטשעלקאָווסקי האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט אַבסאָלוט נישט געקענט און קיינמאָל נישט געזען דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנער. ער האָט זיך באַנומען ווי אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער פאַר אַן אויספאָרשער, וועלכער ווייסט נישט פאַרוואָס מ'האָט אים אַרעסטירט. דער אַרעסטירטער האָט שטאָלץ צוגעגעבן, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט און געטענהט, אַז דער אַרעסט איז אַ נקמה־אַקט, ווייל ער וויל נישט און קאָן נישט אין אַלץ מסכים זיין מיט זיין חבר, דעם גוטבאַזיצער יאַן גנילאָווסקי. ווען דער אויספאָרשער האָט זיך באַנוצט מיט דעם אויסגעפּרוווטן, אָבער שוין פאַרעלטערטן טריק, אַז זיין געליבטע און די אַנדערע קאָמוניסטן (אויך דינהטשע גרינצווייג) האָבן אים אויסגעגעבן, האָפנדיק אין זייער נאַיווקייט דער־פאַר באַפרייט צו ווערן, האָט דער מויערער מיט אַ שעלמישן שמייכל אַזוי געקוקט דעם כיטרען אויספאָרשער אין די אויגן, ביז יענער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק. נאָך דער שעה פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט זיך געפּרוווט ראַטעווען דורך אַ שנעלער אַטאַקע:

— לייקנט איר, אַז איר זייט אַ קאָמוניסט?

שטשעלקאָווסקי האָט געענטפערט מיט איבערצייגנדיקער אומשולד אין פּנים:

— געוויס!

— שעמט איר אייך נישט? אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער רעוואָלוציאָנערישקייט פאַר די ריכטער.

שטשעלקאָווסקי האָט פאַרזשמורעט אַן אויג:

— אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן האָבן געטאָן נאָך עפּעס אַנדערש אויך... איך בין אַ סאָציאַליסט און שטאָלץ דערויף, שטאָלץ צו זיין דאָס, וואָס איך בין געווען...

טשעמנאָווסקי האָט זיך געמאַכט נישט ווינסנדיק. ער האָט בלויז געהעכערט זיין קול:

— איך האָב עדות, וואָס וועלן אין געריכט אייך זאָגן אין פּנים אַריין, אַז איר זייט אַ קאָמוניסט!

שטשעלקאָווסקי האָט דערקענט, אַז איצט איז עס נישט געווען קיין טריק. עס איז אים פּלוצים געקומען אויפן געדאַנק דוד סאָראָקע. אָבער ער האָט געלאָסן און קיל געענטפערט, אַז ביי דער רעוויזיע, וואָס די פּאָליציי האָט ביי אים געמאַכט אײדער זי האָט אים אַרעסטירט, האָט זי גאָרנישט געפונען, וואָס זאָל אים קאָמפּראָ־מיטירן. ער האָט מוסיף געווען מיט שטאַרקער באַטאָנונג:

— סיידן איר זאָלט יעדן אָפּאָזיציאָנער דערקלערן פאַר אַ קאָמוניסט. אין דעם פאַל מוז די רעגירונג אין וואַרשע לאָזן אַרעסטירן און באַשולדיקן אין קאָמו־ניזם יעדן מיטגליד אירן, וואָס איז נישט אינגאַנצן איינשטימיק מיט דער מערהייט פונעם קאַבינעט. אויב עס איז דעם בירגער, צי ער איז אַ סאָציאַליסט אָדער וואָס עס איז, נישט דערלויבט פריי זיך אויסצודריקן, פריי צו זאָגן זיין מיינונג, מוז דאָס אָפן און קלאָר דערקלערט ווערן. נאָכוואָס דער אָנשטעל פון פרייער רעדע? כדי איר זאָלט אָנפילן די טורמעס מיט נאַיווע און גלויביקע מענטשן? אָפּענע דיקטאַטור!

— ניין, ניין; זאָל גאָט אָפּהיטן! — טשעמנאָווסקי איז געוואָרן צוקערזיס. פּלוצים האָט ער גאָר באַקומען חשק מיטן אַרעסטירטן צו פאַרפירן אַ פּאָליטישע דיסקוסיע. אָבער שטשעלקאָווסקי האָט זיך געהיט נישט אַריינצולאָזן זיך מיטן שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין וועלכער ס'איז דעבאַטע. אַז דער אויספאָרשער האָט נישט אָפּגעלאָזט, האָט דער אַרעסטירטער אים געזאָגט אָפן און פשוט:

— פּאַניע נאַטשעלניקו. איך בין איצט אַן אַרעסטירטער און איר מיין אויס־פאָרשער.

טשעמנאָווסקי האָט ווידער געפּילט דאָסזעלבע, וואָס ער האָט געפילט איידער ער האָט געהייסן אַריינשיקן צו זיך דעם אַרעסטירטן. אין זיין האַרץ האָט זיך דאָך נאָך פאַרוואַלגערט ערגעץ אַ שטויבעלע געוויסן. נאָר נישט ווייזן קיין שוואַכקייט! אַזוי האָט ער געטראַכט און דאָס לעצטע שטויבעלע געוויסן אַרויסגעווישט פון זיין האַרץ. ער האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט פון שופלאָד דאָס שטיקל עלעקטרישע דראָט, דעם זאַכלעכן באַווייז, וואָס מען האָט געפונען אויפן אָרט פון דער עקספּלאָזיע, און עס געהאַלטן פאַרן אַרעסטאַנטס אויגן פרעגנדיק:

— וואָס איז דאָס?

דער באַשולדיקטער האָט געענטפערט:

— דראָט.

דער אויספאָרשער האָט געליאַרעמט:

— וואָס פאַר אַ דראָט?

דער אַרעסטירטער האָט געענטפערט אין זעלבן טאָן ווי פריִער:

— איך ווייס וואָס ציגל זיינען, וואָס וואַפּנע איז, ווי מען באַנוצט זיך מיט אַ מעסטשנור און וואַסערוואָג, מיט אַ קעלנע און מיט אַ האַמער; אָבער דראָט — פאַראַן פאַרשידענערליי דראָט. קיין גרויסער מבין דערויף בין איך נישט.

— איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן אין אייער האַנט קיין עלעקטרישן דראָט? — ער האָט דאָס שטיק דראָט געגעבן דעם אַרעסטירטן: באַקוקט!

שטשעלקאָווסקי האָט באַקוקט דאָס שטיק דראָט און געזאָגט:

— עלעקטרישער דראָט. פאַר עלעקטריש ליכט.

— און פאַרוואָס נאָך?

— פאַר יעדער טראַנספאָרמאַציע פון עלעקטריציטעט.

— ריכטיק. און איר האָט פון אַ הייל — מיר האָבן זי אַנטדעקט — געצויגן דעם דאָזיקן דראָט צום אַרסענאַל און אים אויפגעריסן. נישט אַליין, דאָס ווייס איך. אַ טייל פון די טעראָריסטן זיינען שוין געכאַפּט געוואָרן אויף זייער וועג קיין אויס־לאַנד. דער סאָלדאַט אויך. אַן אמתער פויגל. זיך געמאַכט פאַר אַ כאַם. אין רוסלאַנד

וואָלט ער׳ אַצינד געווען אַ קאָמיסאַר. מ׳האָט אים אָבער געפּאַקט אויף דער גרענעץ. דאָך אַ נאַר; צו פרי געוואָלט אַריבער...

שטשעלקאָוסקי האָט זיך שטאַרק באַהערשט נישט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער. אַ צו נאַרישער, צו אַלטער טריק. דער סאָלדאַט איז געווען אין פּול־שטענדיקער זיכערקייט אין וואַרשע. שטשעלקאָוסקי האָט דאָס שוין געוווּסט און געקוקט אויף טשעמנאָווסקין מיט גרויס נייגעריקייט ווי ביי אַ טשיקאַווער געשיכטע.

6

די אומשולדיק־אַרעסטירטע, יעקבן, אַהרנען און נאָך אַזעלכע, האָט טשעמנאָווסקי באַלד אויפן אַנדערן טאָג באַפרייט און זיך אַפילו אַנטשולדיקט פאַר זיי אויף אַ פיינעם אופן, בעטנדיק די אַרעסטירטע אים מוחל צו זיין דעם טעות. ער האָט דאָס געטאָן, ווייל דער חבר קרומהאָלץ איז אַוועק צום חבר יאַנען און דער חבר יאַן האָט טעלעפאָנירט צום שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג, אַז אַזוי און אַזוי... נאָר אַפילו די געפערלעכע אַרעסטירטע זיינען אויך נישט געבליבן לאַנג אין אַרעסט. נישט קעגן שטשעלקאָווסקין אָדער עמיצן אַנדערש פון די אַרעסטירטע איז געווען אַן ערנסטער באַוויז צו קענען זיי אַנקלאָגן אין וועלכן ס׳איז פּאָליטישן פאַרברעכן. דאָס שטיקל דראַט האָט נאָך אַ גענויערער אונטערזוכונג זיך אַרויסגעוויזן צו זיין צו אַלט, פאַרראָסט און אין עטלעכע ערטער דורכגעבראָכן. דערצו האָט יעדער איינער און יעדע איינע געברענגט אַן אַליבי און עדות, וואָס האָבן באַשטעטיקט, ווו זיי זיינען געווען יענע נאַכט פונעם אויפרייס. וועגן דער חברטע כעליאַ איז די פּאָליציי געווען אין אַ באַזונדער פאַרלעגנהייט, ווייל בערנפעל איז יעדן טאָג געקומען צו טשאַפּסקין און טשעמנאָווסקין און זיי געבעטן באַפרייען זיין טאָכטער. זיי האָבן אים געמוזט צוליב טאָן, ווייל דאָס ווערטל זאָגט, אַז איין האַנט וואַשט די אַנדערע... העלענאַ ווידער האָט קיין רו נישט געגעבן איר געליבטן, דעם סאָציאַליסטישן גוטבאַזיצער פאַן גנילאָווסקי, ביז אויך ער האָט זיך געמוזט משתדל־זיין פאַר דער אַרעסטירטער כעליאַן. די וויכטיקסטע ראָלע אָבער האָט געשפּילט דער פּאָליטישער מאָמענט אין לאַנד. קיין צו גרויסער פּאַרטייאַנטאַגאָניזם האָט נישט געטויגט אין אַ צייט, ווען דאָס פּאָלק דאַרף זיין געאייניקט פאַר דער רעגירונג. און וואָלט אַ געריכט דערקלערט, אַז די עקספּלאָזיע איז געווען אַ טער־ראָריסטישער אַקט, וואָלט דאָס געווירקט ווי פּראָפּאַגאַנדע פאַר ווייטערע אַזעלכע אַקטן. ס׳איז געווען קליגער די עקספּלאָזיע צו דערקלערן פאַר אַן אומגליקלעכן צופאַל.

דער חבר שטשעלקאָווסקי האָט דערנאָך געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר טשעמנאָווסקין: „ביים ערשטן מאָל איז אַפילו אַ פּראָסטיטוטקע אַנשטענדיק"...

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

געעפנט די אויגן

1

נאָכן געשלעג ביי דער גרויסער פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז איז העלענאַ געווען אַביסל אַנגעשטויסן (און אפשר מער נאָך ווי בלויז דאָס) אויף איר יאַנען. זי האָט נאָך דער פאַרזאַמלונג זיך געזאָלט טרעפן מיט אים. נאָר דאָס האָט זי נאַטירלעך שוין נישט געטאָן. זי האָט זיך דאָך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זאַל. אינדרויסן האָט זי געדאַנקט גאָט, אַז זי איז אָפּגעקומען בלויז מיט געשטויסן און געטרעטן ווערן און מיט קלעפּ. זי איז גלייך אַהיימגעגאַנגען. אין דער היים איז געוואָרן אַ גאַנצער אויפגערודער: מ'האָט איר צוגעלייגט קאָמפּרעסן פון קאַלט וואַסער מיט עסיק. די מוטער האָט געוואָלט רופן אַ דאָקטער, וויניקסטנס דעם פעלדשער. נאָר העלענאַ האָט נישט געלאָזט און געזאָגט, אַז ס'איז איר גאָרנישט. פיזיש איז איר טאַקע גאָרנישט געווען. זעליש האָט זי אָבער דאָך באַקומען עטלעכע וווּנדן. בשעת מעשה האָט זי זיי אפשר נישט אַזוי שטאַרק געפילט; שפּעטער אָבער האָבן זיי איר אַלעמאָל מער אָנגעהויבן קומען צום באַוווּסטזיין. אמת, זי האָט יאַנען אין גאָרנישט באַשולדיקט; ער האָט דאָס געשלעג נישט אינסצענירט. שולדיק זיינען געווען די קאָמוניסטן, דער מויערער־שגץ, דערדאָזיקער שיינער פאַרשוין, וועלכן די שוועסטער אירע, די נאַרישע מויד, האָט זיך אויסגעקליבן פאַר אַ געליבטן. נאָך מער שולדיק איז געווען ליכטענבערג, דער מיאוסער אויסגעוויקטער בית־המדרשניק מיט דער רויטער, ייִדישער נאָז. בלויז צוליב דעם פּויליש, וואָס ער האָט גערעדט, האָט מען געקאָנט ווערן אויפגעקאָכט. דאָך האָט העלענאַ אַלעמאָל מער דערפילט, אַז דערמיט וויל זי בלויז פאַרשרייען עפּעס, וואָס ברענט אין איר נשמה. זי האָט אין יאַנס רעדן, באַזונדערס ווען ער האָט געגעבן דאָס וואָרט ליכ־טענבערגן, דאָך אַרויסגעפילט אַנטיסעמיטיזם. אָבער זי האָט דערוויל נאָך נישט קלאָר געוווּסט, צי דאָס האָט זי אַזוי שטאַרק געאַרט. זי האָט זיך נאָך קיין שום דין וחשבון נישט געהאַט אָפּגעגעבן אפילו וועגן דעם, אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער. זי האָט פּשוט נישט געטראַכט דעריבער; ריכטיקער — נישט געוואָלט טראַכטן. זי האָט אָבער קלאָר געוווּסט, אַז אין דעם זינען איז זי נישט ווי בעלאַ און נישט ווי כעליאַ. זיי האָבן דאָך פּשוט ייִדן, זיינען אמתע אַנטיסעמיטקעס. נאָר כעליאַ האָט זיך דערנאָך געענדערט, דער מויערער־שגץ האָט זי געמאַכט פאַר אויס אַנטיסעמיטקע.

ניין, העלענאַ איז אין איר נאַציאָנאַלער געזינונג נישט געווען ווי אירעביידע שוועסטער. זי האָט ליב געהאַט דער מוטערס פרומקייט, נאָטעס דאַווענען יעדן טאָג. ווען ברוך איז געוואָרן אַ ציוניסט, איז ער איר געוואָרן טייערער דערמיט. אָבער וועגן איר ייִדישקייט האָט זי נישט געטראַכט, נישט געטראַכט וועגן יאַנס סאָציאַליזם און אויך נישט וועגן דעם, וואָס ער איז אַ קריסט. זי האָט אים געליבט. ער איז געווען איר ערשטער געליבטער, כאָטש כעליאַ האָט איר דאָס נישט גע־וואָלט גלייבן. און פּונקט ווי יאַן האָט מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיין

סאָציאַליזם, אַזוי איז אויך קיינמאָל נישט געפאַלן צווישן זיי קיין וואָרט וועגן דעם, אַז ער איז אַ קריסט און זי איז אַ ייִדישקע. ביי דער פאַרזאַמלונג האָט זי געפילט, אַז איר געליבטער האָט זיך אַביסל אָפּגעקערט פונעם סאָציאַליזם און דאָס איז איר געווען גאַנץ אָנגענעם. סאָציאַליזם האָט זי באמת פיינט געהאַט, דאָס האָט זי גע־ ווּסט. נאָר שטשעלקאָווסקי — כאָטש זי האָט דערפילט אַ פאַראַכטונג צו אים ווי נאָר זי האָט אים דערזען אויפן פּאָדיום, האָט ער זי דאָך מיטגעריסן, ווען ער האָט גערעדט. דערנאָך האָט זי זיך געשעמט פאַר איר אַפּלאָדירן אים; ווען זי וואָלט זיך געווען געקאָנט שלאָגן דערפאַר אין יענעם מאָמענט, וואָלט זי עס גע־ ווען געטאָן.

נאָר אינדערהיים, נאָך דער פאַרזאַמלונג, האָט העלענאַ דערפילט, אַז מיט איר ליבע צו יאַנען איז עפּעס דער מער... זי האָט זיך אָבער געוועהרט דאָקעגן, ניט געוואָלט צולאָזן אין איר האַרץ גאָרנישט קעגן איר געליבטן. דער פאַרלאַנג, אַז ער זאָל קומען (מעג זיין ווי שפּעט) געוואָר ווערן וועגן איר, איז געווען זייער שטאַרק אין איר נשמה און ס׳האָט זיך איר דעריבער געדאַכט, אַז ער וועט טאַקע קומען. אפשר ביז צוויי אַזייגער אינדערנאַכט האָט זי אים דערוואַרט. און אַז ער איז נישט גע־ קומען — האָט זי זיך געפילט אָפּגענאַרט. זי האָט זיך דאַן געלייגט שלאָפן. אָבער זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן און אין בעט געזעסן פאַר זיך נאָכאַמאָל די פאַר־ זאַמלונג, דאָס געשלעג, ווי שטשעלקאָווסקי מיט נאָך אַנדערע קריסטן שטעלן זיך איין פאַר די ייִדן, אויך פאַר איר. יאַן אָבער בלייבט אויף דער עסטראַדע. ער קומט זיך נישט אָננעמען פאַר איר. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז זי איז דאָ אין זאַל. ער האָט עטלעכע מאָל געקוקט אויף איר. זי האָט מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט ס׳פּנים, כאָטש אין איר צימער איז שוין געווען פינצטער. (זי האָט אַליין פינצטער געמאַכט). ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז זי איז איינגעשלאָפן.

אויפגעשטאַנען איז זי זייער אַ טרויעריקע. נאָר אַרום עלף אַזייגער איז יאַן געקומען, פּונקט אין מאָמענט, ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן טואַלעט. זי האָט איר געליבטן באַגעגנט קאַלט, הגם איר ליבע (ווי נאָר זי האָט אים דערזען) האָט ווידער אויפגעגליט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען געשען. זי האָט זיך אָבער באַ־ הערשט און דעם געליבטן נישט אַרויסגעוויזן אירע געפילן. ער האָט ווי אַ שולדי־ קער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאַר איר. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף איר. איר ליבע האָט באַזונדערס אויפגעפלאַמט, ווען ער איז געשטאַנען (אָפּט געקניט) פאַר איר ווי אַן אומבאַהאָלפענער און באַזיגטער. דאָס איז אַזוי געווען נישט ווייל זי האָט ליב געהאַט אַ מאַן אַ לעמעשקע. גראָד פאַרקערט. יאַן איז פאַר איר געווען אַ שטאַרקער, נישט בלויז פיזיש, נאָר אין זיין אייגנאַרטיקן מענלעכן כאַראַקטער און פערזענלעכקייט, אין זיין מאָדנעקייט, אין זיין גאַנצער דערשיינונג: מיט זיין לאַ־יצלחדיקייט, וואָס איז פאַר איר געווען ראָמאַנטישקייט, מיט זיין דאָן־זשואַ־ נישקייט, אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, שיכרות, הולטייאישקייט, וואָס האָט פאַר איר באַדייט ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט, אַ טיפּ פון אַ דיכטער, פון אַ קינסטלער. ווען ער האָט ביים גוטמאָרגן איצט געקושט איר האַנט, לענגער און צערטלעכער ווי געוויינטלעך, האָט זי אים דערביי אַלץ מוחל געווען. ער האָט זי אויסגעפרעגט, אויב זי האָט שטאַרק געליטן, אויב זי האָט, גאָט באַהיט, געקריגן אַ קלאַפּ אָדער אַ שטויס. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטשולדיקן פאַר איר, אין איין איבער־

בעטן זי. פאַרנדיק מיט אים אין זיין שליטן איז אַלץ שוין געווען גוט, ווי יעדעס מאָל ווען ער איז זיך מיט איר דורכגעפאָרן עטלעכע שעה. ווי אַ באַזונדערע קאָמ־פענסאַציע האָט ער זי דעמאָלט איינגעלאַדן אויף געיעג אין זיין גוט. ער האָט מיט איר אָפּגעמאַכט די וואָך און דעם טאָג אויף צו פאָרן. זי איז געווען זייער גליקלעך, ווייל זי האָט שטאַרק ליב געהאַט געיעג. יעדעס מאָל, ווען זי האָט מיטן געליבטן פאַרבראַכט אויפן גוט און איז מיט אים געגאַנגען אויף געיעג, האָט זי דורכגעלעבט דאָס הערלעכסטע אין איר לעבן.

יאַן האָט פאַרזיכערט זיין געליבטער: „אַצינד בלייבן מיר דאָרט לענגער ווי תמיד״.

2

די ערשטע עטלעכע טעג איז העלענאַ באמת געווען זייער גליקלעך אויפן גוט פון איר געליבטן. דאָס הויז איז געווען אַ האַלצערנס, נישט באַזונדערס גרויס, אָבער מיט אַ גרויסער וועראַנדע. ס׳איז געשטאַנען נישט צו טיף אינעם סאָד, וואָס האָט זיך געצויגן אפשר אויף אַ וויאָרסט די לענג. דער דאַך פונעם הויז איז אַצינד געווען ווייס, ווייל עס איז אויף אים געלעגן שניי אפשר אַ האַלבער אייל דיק. די לאָדנס ביי די פענצטער זיינען געווען גרין געגאָרבט. די אויבסטביימער האָבן אויסגעזען פאַנטאַסטיש: די שטאַמען טונקלפיאָלעט, די צווייגן — צום טייל טונקל־ברוין און צום טייל ווי איינגעהילט אין ווייסער וואַטע. די ערד איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט שניי אפשר אַן אייל הויך. די ביימלעך פון מאַלינעס, אַגרעס און ווײַמפּערלעך — ווי אַלערליי משונהדיקע פיגורן פון געגאָסן זילבער. יעדעס האָל־צערנע שטאַכעטל פונעם בלויען צוים אַרום דעם סאָד האָט געהאַט אַ ווייס היטעלע אויף זיך. אַלץ ווייס, ווייס. אַזוי האָט זיך יאַנען און העלענאַן געדוכט ביים אָנקו־מען אויפן גוט. אָבער זיי האָבן באַלד, ווי יעדעס מאָל ווען זיי זיינען צוזאַמען דאָ געווען, ווידער אַנטדעקט, אַז די ווייסקייט האַלט אין איין טוישן איר פאַרב. זי איז בלוילעך, רויטלעך, לילאַ, גרוי, ראָזאַ, גרינלעך, טיילמאָל אויך גאָלדקאָליריק. נישט איינמאָל צעפינקלט און צעשימערט זיך דער שניי אין הונדערטער פאַרבן. עס ווענדט זיך אָן דער צייט פון טאָג און אָן דער זון: אויב זי שיינט זייער שטאַרק, שוואַכער אָדער גאָרנישט. עס ווענדט זיך אויך אָן די וואָלקנס, — צי זיי זיינען בלויגרוי, פּוכיקווייס, אָדער שוואַרצברוין. ביינאַכט, ווען דער הימל איז ווי טינט און די שטערן גליִען — דעמאָלט בליצט דער שניי ווי שוואַרצער ברילייאַנט. שיינט די לבנה — פאַרבאָרגט דער שניי אין זיך אַ מיסטישע געלקייט. פּונקט אַזוי איז מיט דער שטילקייט דאָ, ווי העלענאַ האָט זיך איבערצייגט. ס׳איז טאַקע זייער, זייער שטיל; אָבער אין דער שטילקייט הערט מען אַ מין אייביק רוישן, זשושען, אַפילו ווען עס איז קיין שפּור פון קיין ווינט נישטאָ.

דער עקאָנאָם האָט מיט זיין פרוי און קינדער געוווינט אין אַ קליינעם זייטנ־פליגל פון צוויי שטיבלעך מיט אַ קיך. די פאַראַבקעס (נישט קיין סך) האָבן געהאַט אַ כאַטע מיט אַ שטרויענעם דאַך צווישן די שטאַלן און די סטאָדאָלעס. דאָס הויז, וואָס איז אַמאָל באַוווינט געוואָרן פון פאַן גנילאָווסקיס זיידן, איז איצט דאָס גאַנצע יאָר געשטאַנען ליידיק, חוץ אין די טעג אָדער וואָכן, ווען דער יונגער פּריץ איז

אַהערגעקומען. כמעט אַלע זאַכן: דאָס מעבל, די פאָטאָגראַפיעס, פּאָרטרעטן און לאַנדשאַפטן — דאָס מייסטע ביליקע גראַווירן און שלעכט געמאָלטע איילבילדער אין אומגעלומפּערטע גאָלדראַמען — דאָס אַלץ איז געבליבן אין די שטיבער ווי אַמאָל. בלויז אַביסל איז געענדערט געוואָרן, און יאַן, דער יונגער פּריץ, האָט זיך געקאָנט באַרימען: „דאָס איז מיין יאַגדשלאָס". דעם דינער זיינעם אין דער שטאָט האָט יאַן נישט מיטגענומען אַהער. דאָ האָט אים באַדינט די עקאָנאָמקע. צו העלע־נאַן איז זי געווען „באַזונדערס פריינטלעך" און זי געחנפעט אויף אַן איבערגע־טריבענעם אופן. דערפון האָט העלענאַ אַרויסגעפילט, אַז די עקאָנאָמקע האָט נישט קיין צו גרויסע סימפּאַטיע צו איר. פאַן גנילאָווסקי האָט געוווּסט, אַז די עקאָנאָמקע און אויך איר מאַן האָבן פיינט ידן. האָבן זיי זיך דאָך גאַנץ אַנדערש באַצויגן צו זיינע קריסטלעכע „קאָכאַנקעס", מיט וועלכע ער האָט דאָ אָפט פאַרברענגט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז ס'איז נישט קלוג פון אים אַהערצוקומען מיט העלענאַן, ווייל ביים עקאָנאָם, און מער נאָך ביי די פּאַראָבקעס, פאַלט די אַכטונג צו אים צוליב זיין ליבע צו אַ ידישקע. אין דער לעצטער צייט קוקן אויך זיינע בעסטע פריינט שוין שלעכט אויף אים דערפאַר. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ער ליבט (אויף זיין שטייגער) העלענאַן מער ווי אַלע אַנדערע קאָכאַנקעס זיינע.

הגם עס האָט געהייסן, אַז זיי פאָרן אויף געיעג, זיינען פונדעסטוועגן געווען טעג, אין וועלכע זיי האָבן קיין ביקס נישט גענומען אין האַנט אַריין, זיינען אַפילו נישט אַריינגעגאַנגען אין דער שטוב, ווו די געיעג־מכשירים זיינען געווען. דאָס איז געווען פשוט דערפאַר, ווייל פאַר אַ פאַרליבט פּאָרל, אין הערלעכע ווינטערטעג אויף אַ גוט, פעלן נישט אויך אַנדערע פאַרגעניגנס. העלענאַ האָט ליב געהאַט יעדן ווינטערספּאָרט. זי האָט ליב געהאַט צו גיין שעהן־לאַנג שפּאַצירן איבער פּוסטע פאַרשנייטע פעלדער, ווו מען זעט נישט מער נאָר די בלענדנדיקע, שימע־רירנדיקע ווייסקייט מיילן ווייט און דעם בלויען, אָדער אַפילו פאַרוואָלקנטן ווינ־טערדיקן הימל. אַזאַ רחבות פון ווייסקייט! — עס בלענדט אין די אויגן. ווו איז דער האָריזאָנט? — נישטאָ. פון צייט צו צייט הושט דורך אַ האָז און פאַרשווינדט. פון יאַנען רייסט זיך דאַן אַרויס אַ „פּשאַקרעוו" און ער זוכט די ביקס. העלענאַ צעלאַכט זיך. אָט קוקט ער נאָך אַ פליִענדיקער קאַרפּאַטווע. נאָך עטלעכע שעה ווערט אים אַביסל לאַנגווייליק. ער דערפילט אויף אַ שטאַרקן הונגער. זיי האָבן היינט גאַרנישט מיטגענומען צום עסן. העלענאַ האָט נישט געוואָלט. אַזאַ קאַפּריז געווען ביי איר. דער געליבטער פרעגט זי:

— גלאָדנאַ, קאָכאַנאַ? — דאָס באַדייט: „וואָלסט נישט אַמאָל געוואָלט עפּעס עסן, געליבטע"?

זי ענטפערט:

— ניין. — כאָטש אַן אַפּעטיט האָט זי אַ נישקשהדיקן און וואָלט זייער גערן איצט גענומען עפּעס אין מויל אַריין. — ניין — זאָגט זי, דרייט מיטן קאָפּ און לאַכט שעלמיש.

דער געליבטער פּרוּווט אויף אַן אַנדער אויפן:

— מיר וועלן פאַרבלאָנדזשען, קאָכאַנאַ. מיר זיינען שוין זייער ווייט אַוועק, מען זעט שוין מער נישט קיין שפּור פון אַ דאָרף. מיר וועלן נישט געפינען דעם וועג אויף צוריק, ווייל אין שניי קאָן מען זיך נישט אָריענטירן.

זי אָבער פאַרלייגט אירע אָרעמס אַרום זיין נאַקן און הייסט אים פאַרמאַכן די אויגן.

— איך וועל מיינע אויגן אויך פאַרמאַכן. — פאַרזיכערט זי אים.

ער ווייסט נישט, וואָס זי האָט דערביי אינזינען. אָבער ער גיט זיך אונטער אַלע אירע קאַפּריזן, אַלע אירע שפּילערייען און איינפאַלן. ער פאַרמאַכט די אויגן. זי אויך. דערביי הענגט זי זיך אָן אויף אים און הייסט אים זיך דרייען מיט איר. ער פאָלגט זי. בעת מעשה זויגט זי זיך איין אין זיין זאַפטיקן מויל.

ווען ער בלייבט שטיין און בײדע עפענען די אויגן, פרעגט זי אים:

— ווו זיינען מיר?...

איצט ווייסט ער באמת נישט, ווו ער איז. זיין מורא נישט צו טרעפן דעם וועג צוריק איז אַצינד ערנסט.

זעענדיק זיין פאַרזאָרגט פּנים, צעלאַכט זיך העלענאַ הילכיק. זי כאַפּט אָן דעם געליבטן ווי אַ קינד ביי אַ האַנט און זאָגט אים:

— קום, איך פיר דיך ביז אין שטוב אַריין. דער וועג איז אַ גלייכער. אין צוויי שעה זיינען מיר אין דערהיים.

זי לאָזט זיך לויפן און רופט: „יאָג מיך"! ער יאָגט זי. אָט האָט ער זי און טוט אַ שטרעק אויס די הענט זי צו כאַפּן. נאָר זי טוט זיך פלינק אַ דריי־אויס, לויפט נאָך שנעלער, און אַז זי איז שוין ווייט פונעם געליבטן, טוט זי זיך אַ צי־אויס. אין איר ווייס וואַלן קלייד זעט זי פונדערווייטנס אויס ווי אַ בערגל שניי. ווען נישט דאָס רויטע מיצל אויף די ברוינקאַשטאַנענע האָר, וואָלט יאַן זי פאַר־לוירן פון אויג.

נאָך ווילדער איז העלענאַ אויף דער גליטש. דער פריץ האָט באַפוילן דעם עקאָנאָם, אַז ער זאָל שיקן עטלעכע פאַראָבקעס אָפּקערן דעם שניי פון דער פאַר־פרוירענער „סאַדזאַווקע", וואָס איז זומער פול מיט פיש, און דאָס אייז מאַכן גוט גלאַטיק. צום גליטשן האָט העלענאַ זיך אָנגעטאָן שוואַרצע הויכגעשנורטע טשיז־מעלעך, אַ געפּאַלבעוועט קורץ, ווייסוולויטשקע ספּאַדניצקע און אַ גרינעם זשעמ־פּערל, וואָס איז געווען ווי אָפּגעגאָסן אויף איר. אירע פולע רונדע בריסטן זיינען איצט באַזונדערס בולט און אָפּגעזונדערט יעדע פאַר זיך. אַ ווייס שאַלעקל אויפן האַלדז, איין עק פאַרוואָרפן איבערן לינקן אַקסל, דער צווייטער פאַרנט. אַ גרין מיצל אויפן קאָפּ. העלענאַ איז אַ גוטע גליטשערן, אַ סך אַ בעסערע פון איר גע־ליבטן. זיי זיינען געגאַנגען נאָך מיטיק און צוריקגעקערט ווען ס'איז שוין געווען גוט טונקל. יאַן, ווי אַ נאַיִוו פאַרליבטער בחור, האָט געזאָגט צו זיין געליבטער: „דו וואָלסט געקאָנט ווערן אַ קינסטלערן אין דעם פאַך". ווי אַ טייוול איז זי גע־פלויגן איבערן טונקלגרינעם אייז. ביים שנעלן אויסדרייען זיך האָט די ספּאַדניצקע אויסגעזען ווי אַ געעפנטער שירעם. דער גראַציעזער קערפּער מיט בײדע אָרעמס אויסגעשטרעקט ווי וויאָסלעס אין אַ שאַרף משופּעדיקער ליניע. אַ באַגייסטערטער, האָט דער געליבטער יעדעס מאָל אויסגערופן: „הערלעך"! אירע באַקן האָבן גע־גליט פון דעם פראָסט און די שטאָלגרויע אויגן האָבן געבליצט פון ריזיקאַלישן פליִען, פונעם שוועבן ווי אַ פויגל איבערן אייז.

„אַ שאָד, וואָס דאָ זיינען נישטאָ קיין בערג", האָט העלענאַ באַדויערט, ווייל מער ווי גליטשן זיך האָט זי ליב געהאַט סקי. אָבער זי האָט ליב געהאַט אָפּוועקס־

לונג און דעריבער איז זי געווען פונקט אַזוי גליקלעך צו פאַרברענגען אַ טאָג אין שטוב, צו שפּילן אין קאָרטן, צו לייענען אַ גוטן ראָמאַן, אָדער דעם געליבטן כּאַרצולייענען פּוילישע צי רוסישע פּאָעזיע, אָדער איבערגעזעצטע פון אַנדערע שפּראַכן. נאָר רייטן איז דאָך געווען איר גרעסטע ליידנשאַפט. זי האָט אויך ליב געהאַט זיך יאָגן אין שליטן צענדליקער מײַלן איבער די ווייספּאַרשנייטע פעלדער ביז די אײַנגעשפּאַנטע פערד זײַנען באַדעקט געוואָרן מיט שוים און האָבן קוים נאָך געקאָנט אָטעמען. פּלוצים האָט זי גאָר באַקומען חשק צו זען, וואָס ס'טוט זיך אין די שטאַלן. שעהן־לאַנג האָט זי פאַרברענגט בײַ די פערד, בײַ די קי, בײַ די חזירים. ס'האָט זי נישט געאַרט דער געשטאַנק. אדרבא, בײַ די קי איז דער אַוויר איר גאָר געווען אײַנגענעם. זי האָט גערעדט מיט די פּאַראָבקעס, זיי אויס־געפרעגט וועגן פאַרשידענע זאַכן אין דער באַלעבאַטישקייט, וויפל מילך עס גיט אײַן קו, וויפל די אַנדערע. זי האָט אַפילו געפּרווט צו מעלקן, גענומען עטלעכע מאָל אַ ווידלע אין די הענט אַריין אַרויסצוואַרפן ס'מיסט און איז דערבײַ געווען גאַנץ געשיקט. טייל קי האָט זי געגלעט. בײַ די קעלבלעך, בײַ די לאָשעקלעך און בײַ די קליינע חזירמלעך איז זי געוואָרן גאַנץ סענטימענטאַל. זי איז געווען אין די סטאַדאָלעס, האָט באַקוקט די דרעשמאַשין, די אַקעראײַזנס, די שניידמאַשין און די אַנדערע מכשירים.

גנילאָווסקי איז דערבײַ געווען זייער אומגליקלעך. ער האָט געטראַכט: „מײַן גאָט! זי האָט אפשר באַשלאָסן זיך שוין צו שמדן און נאָך אפשר דעם ווינטער צו וועלן חתונה האָבן מיט מיר"!...

3

בײַנאַכט, נאָך אַ גוטער „קאָלאַציע", האָבן ביידע — זי אין אַ פײַנזיידענער כינעזישער קימאָנע און ער אין אַ באַרדאָזיידענעם שלאָפראָק און פּאַנטאָפל — זיך אָוועקגעזעצט אויף דער רויט־זאַפיאַנלעדערנער סאָפע אין קליינעם סאַלאָן. בײַ די ווענט זײַנען געשטאַנען עטלעכע שויבנשענק מיט ביכער, כמעט אַלע געבונדן קונסטספול אין לעדער און אין פּאַרמעט, מיט גאָלדענע אויפשריפטן און באַצירונ־גען אויף די רוקנס. ס'איז געשטאַנען אַ געשניצטע קאָמאָדע מיט כינעזיש און פראַנצויזיש פּאָרצעלאַן, מיט ווענעציאַניש גלאָז, אַן עטאַזשערקעלע מיט פאַרשי־דענע גיפּסענע און פאָרצעלאַנענע פיגורלעך. די מייסטע פאַרשידנאַרטיק באַמאָלט. ס'זײַנען געלעגן פּערסישע און טורקעסטאַנישע טעפּיכער. אין מיטן סאַלאָן איז געשטאַנען אַ קליינער קיילעכדיקער טיש מיט פיר פאַטעלן. אין אַן אויבנאַניקן ווינקל איז געשטאַנען אַ קלאַוויקאָרד מיט צוויי געפלאָכטענע טיפּליליאַ־ליכט אין גאָלדענע רערעלעך פון ביידע זייטן. כמעט דאָס גאַנצע מעבל איז געווען אין פראַנצויזישן ראָקאָקאָ־סטיל. די פענצטער זײַנען געווען פאַרהאַנגען מיט שווערע טאָפּלטגאַרדינען. פּאָר זיי זײַנען געשטאַנען צוויי גרויסע פּאַלמעס אין גרינע פעס־לעך. אין קאַמין האָט געברענט האָלץ און פאַרשפּרייט איבערן צימער אַן אַנגע־נעמע וואַרעמקייט. די עקאָנאָמקע האָט פריִער געהאַט אָנגעצונדן דעם לוסטער. נאָר העלענאַ האָט אויסגעלאָשן די ליכט און אָנגעצונדן די ליכט אין די צוויי זילבערנע טאָפּלערנדיקע וואַנטעסעס. אַזוי איז די שטימונג געווען ראָמאַנטישער.

העלענאַ האָט געמערקט, אַז איר געליבטער איז עטוואָס פאַרשטימט און גע־טראַכט, מיט וואָס אים אויפצוהייטערן. וואָלט געשטאַנען אַ פּיאַנע — וואָלט זי אים אפשר עפּעס פאַרגעשפּילט, מאָצאַרטס אַ סאָנאַטע, שובערטס, שומאַנס, אפשר טאַקע בעטהאָווענס „מאָנדשיינסאָנאַטע", אָדער שאָפּענס אַ וואַלצער, צי צוויי־דריי נאָקטורן, כאָטש קיין גרויסע קינסטלערן איז זי נישט געווען. די הייזעריקע טענער פון קלאַוויקאָרד האָט זי אָבער נישט ליב געהאַט און זי האָט אויך דאָס פאַרצייטישע אינסטרומענט נישט באַהערשט. זי האָט גענומען אַרומזוכן צווישן די ביכער. די מייסטע זיינען געווען פראַנצויזישע און דייטשע, אַ גאַנצע מאַסע ראָמאַנען און פּאָעזיע. יאָן האָט זיך באַרימט פאַר זיין געליבטער: „מיין באָבע איז געווען זייער אַ געבילדעטע „דאַמע". דייטש און פראַנצויזיש האָט אָבער העלענאַ קוים געקענט לייענען. דערפאַר האָט זי גוט געקאָנט די רוסישע שפּראַך און זי נישט ווייניקער ליב געהאַט ווי פּויליש. זי האָט געפונען פּושקינס „אויגען אָנעגין" און זיך דער־פרייט. נאָר מיטאַמאָל האָט זי דערזען „לי־טאַי־פּע". צודריקנדיק צו דער ברוסט דאָס ביכל אין בלויען זאַפיאַן געבונדן און מיט גאָלדענע ראַנדן, האָט זי באַגליקט אויסגערופן: „איך האָב וואָס איך וויל"! זי האָט אַרויפגעלייגט איר רעכטן אָרעם אויפן געליבטנס אַקסל און אים צוגעפירט צו דער סאָפע. ביידע האָבן זיך ווידער אַנידערגעזעצט. זי האָט גענומען מישן, געוואָלט געפינען די שענסטע לידער פון דעם כינעזישן דיכטער; אָבער כמעט אַלע האָבן איר געפאַלן. זי האָט געיובלט: „איינס איז שענער ווי ס'אַנדערע"! זי האָט איבערגעלייענט דעם טיטל פון איין ליד: „דאָס ליד פון קומער". מיט אַ מעלאָדישער שטימע האָט זי פאַרגעלעזן:

„דער ווירט האָט וויין, אָבער ער זאָל די בעכער נאָך נישט ברענגען,
איך וויל ערשט דאָס ליד פון קומער נאָך זינגען".

אויסהערנדיק עטלעכע לידער וועגן וויין און טיפן צער — וואָס האָבן יאָנען גאַנץ קנאַפּ באַרירט, אָבער ער האָט דער געליבטער געוויזן ווי באַגייסטערט ער איז — איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעגאָסן צוויי באָקאַלן פונעם שאַמפּאַ־ניער, וואָס איז געשטאַנען אין זילבערנעם קובעליקל אייז (די עקאָנאָמקע האָט גע־ווּסט, אַז זי דאַרף יעדע נאַכט אַרויפצוברענגען פון קעלער צוויי־דריי פלעשער און זיי לאָזן אויסקילן). העלענאַ האָט ליב געהאַט און געקאָנט טרינקען אַ גלאָז וויין. פונדעסטוועגן האָט זי געטרונקען נישט יעדע נאַכט און נישט מער ווי איינס אָדער צוויי גלעזער. היינט האָט זי כמעט גאָר קיין לוסט נישט געהאַט צו וויין. זי איז איצט געווען עטוואָס טרויעריק און נישט געוווּסט פאַרוואָס. אפשר האָבן די לידער געווירקט אויף איר געמיט. דאָס איז ביי איר כמעט תמיד פאַרגעקומען, ווען זי האָט געלייענט לי־טאַי־פּעס אָדער דעם פערסישן דיכטער האפיס לידער. נאָר יאָן האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זי געבעטן מיט די צערטלעכסטע ווער־טער מיטצוטרינקען. און אַזוי ווי זי האָט אים געוואָלט אויפהייטערן, האָט זי אים צוליב־געטאָן. ביידע האָבן צוזאַמענגעשטויסן די באָקאַלן. דאָס גלאָז האָט אַרויס־געגעבן פון זיך אַ פיינעם קלאַנג. אויסטרינקענדיק ביז דער העלפט, האָט העלענאַ ווייטער פאַרגעלעזן:

„ס׳זיינען נאָך נישט אויף די הימלשע בערג צעגאַנגען די שנייען.
דאַרער סכך האָט נאָך קיינמאָל נישט געבליט.
הערט! דער פרילינג פייפט דאָס ווייגנליד!
אָבער קיין וואַרעמע וואָלקנס ווייען״.

מער ווי דעם איינעם סטראָף האָט זי פון דעם ליד נישט געלייענט. זי האָט אויפגעמישט אַ צוויטס און אַנטציקט ווי אַ קינד גענומען לעזן:

„די יונגע פרוי שטייט אויפן וואַרט־טורעם!
פון יענטשיס היגלען פאַלן די בלעטער אין שטורעם״.

זי האָט געענדיקט דאָס ליד:

„אין טויזנטער שאַרבנס קריכט דער טויטנוואָרעם.
די יונגע פרוי שטייט אויפן וואַרט־טורעם״?

די טרויעריקייט אין איר איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן ווערן אומרויִק. איצט איז זי אַליין צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעגאָסן די באָקאַלן. איינס האָט זי דערלאַנגט דעם געליבטן, אים אָנגעקוקט, זיך צוגעבויגן צו זיינע ליפּן און אויסגעטרונקען. ער האָט געעפנט די צווייטע פלאַש. איר בליק האָט ער נישט פאַרשטאַנען. אָבער זי איז היינט געווען שענער ווי די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זי געקענט. אין די גאַנצע צען טעג, וואָס ער פאַרברענגט מיט איר אַצינד אויפן גוט, האָט זי נאָך אין קיין איין נאַכט אַזוי נישט אויסגעזען. דידאָזיקע טרויעריקייט און דער ערנסט היינט גיט איר שיינקייט צו אַ באַזונדערן חן. עס איז די כישופ־דיקייט, באַשליסט יאַן, וואָס נאָר די ייִדישע מיידלעך האָבן. ער ווערט אַלץ פאַר־ליבטער אין זיין העלענאַן. ער גלעט אירע האָר, וואָס האָבן אַזאַ פיינע וואַרעמקייט אין זיך... ווי אין כוואַליעס ליגן זיי... די קאָליר איז אַ זעלטענע... נישט איינפאַך קאַשטאַנענברוין. אַט שימערן די האָר ווי צעגליטער קופער און אַט גאָר ווי פלאַמען צווישן רויך... ער האָט געגלעט אירע האָר אַזוי צאַרט, אַזוי איניק, מיט וויברירנ־דיקע פינגער... ער האָט צוגעלייגט די ליפּן צו די האָר, אָבער ער האָט זיי נישט געקושט, נאָר מיט די ליפּן זיי געגלעט און אַריינגעצויגן אין זיך דעם אַראָמאַט, וואָס קיין שום פּערפיום האָט נישט אין זיך. ער קען דעם אַראָמאַט פון קאַרשנ־בלי׳עכץ, פון די ווייסע קאַרשן און פון די טונקל־רויטע ווייִנשל, דעם דופט, ווען ס׳בלי׳ען די פאַרשידענע עפּלביימער, באַרנביימער און פלוימענביימער, ער קען דעם דופט פון פעלד און וואַלד. אירע האָר אָבער האָבן אַ גאַנץ אַנדערן דופט, אפשר טאַקע פון דער לאָטוסבלום און דעריבער האָט מסתמא העלענאַ אַזוי ליב כינעזישע פּאָעזיע. ער האָט איר קאָפּ גענומען אין זיין גרויסער גאָרשטש אַריין, געקוקט ווי אין אַ געבעט אין דער געליבטערס פּנים און אין אירע שטאָלגרויע בליצנדיקע אויגן, אויף אירע רויטע ליפּן פון דעם שיינעם ליידנשאַפטלעכן און קלוגן מויל, אויף די ווייסבלישטשענדיקע ציין, ביז ער איז צו דעם מויל צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן... איצט האָט ער אין ווילדער ליידנשאַפט געקושט אירע האָר, אירע אויגן, דעם שטערן, דעם האַלדז הינטער די לעפּעלעך פון די אויערן; ווידער איז ער צוגעפאַלן צו אירע ליפּן, צו אירע ציין, אַלץ ליידנשאַפטלעכער, אַלץ ווילדער. דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני׳ען, אין שטומער פאַרציקונג אַרויפגעקוקט

צו דער געליבטער אין הייסער תפילה. ער האָט געכאַפּט אירע הענט, געקושט די שפּיצן פון אירע פינגער, די נעגל, געדריקט די רוקנס פון אירע הענט צו זיינע באַקן, זיי איבערגעדרייט און געטוליעט זיין פּנים אין זיי, געקושט די דלאָ־ניעס, די ערטער, ווו דער פולס טיקט, די אונטערשטע אָרעמס. ער האָט זיך איינ־געזויגן אין די גריבלעך פון די עלנבויגנגעלענקען, דאָ פון דער לינקער און דאָ פון דער רעכטער האַנט, ביז ער האָט אירע אָרעמס אַרומגעלייגט אַרום זיין נאַקן און דעם קאָפּ זיינעם אַנגעלענט אויף איר בוזעם. ער האָט געקושט די זיידענע קימאָנע, איז צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע פּאַמפּסענע פּאַנטאָפּעלעך, צו די קנעכלעך פון אירע פיס.

העלענאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן אין גליקזעליקייט, אָבער זי האָט איר גע־ליבטן היינט נישט געקאָנט ענטפערן אויף דער גרויסער און שיינער ליידנשאַפט פון זיין ליבע, אויפן דאַזיקן שטורעם פון אומאַרעמונג. נאָרן האָט זי נישט געקאָנט, באַזונדערס נישט אין אַזאַ מאָמענט. בלויז אירע הענט האָבן אים אַצינד געענטפערט: זי האָט געגלעט זיין קאָפּ, זיינע אַקסלען, זיינע פּלייצעס. ווען ער האָט געקושט אירע ליפּן, האָבן זיי אים צוריקגעקושט. אָבער דאָס איז געווען מער אויטאָמאַטיש. צוויי פלעשער זיינען שוין געשטאַנען לער. אירע גלידער זיינען עטוואָס שווער געוואָרן. די אומרויִקייט איז גרעסער געוואָרן. זי איז געוואָרן אַביסל מעלאַנכאָ־ליש. עס האָט זי פּלוצים גענומען דרענגען צו רעדן מיט איר געליבטן וועגן סאָ־ציאַליזם. ער איז דאָך אַ סאָציאַליסט. אויך וועגן ציוניזם. זי איז נישט געווען קיין ציוניסטקע. ניין, זי האָט כמעט גאָרנישט געוווסט וועגן דער אידייע, כאָטש ברוך האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט גערעדט מיט איר וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און זי געוואָלט אַריינציִען אין איר. נאָר זי האָט זיך קיינמאָל נישט צו־געהערט צו זיינע רייד. אָבער אין שטאָל, ווען זי האָט געפּרווווט מעלקן אַ קו, אין די סטאַדאָלעס — דאָרט זיינען איר איינגעפאַלן דעם ברודערס רייד וועגן ארץ־ישראל. און אָט האָט זי זיך גאָר דערמאָנט אָן דער פאַרזאַמלונג אין ראָטהויז, און די ווונדן אין איר נשמה, וואָס זי האָט דעמאָלט באַקומען ביים געשלעג — דאָס אַלץ האָט זי שוין געהאַט פולשטענדיק פאַרגעסן — דידאָזיקע ווונדן אָבער האָבן זיך אַצינד געעפנט. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט זי ליבט דעם קריסט, אַז זי האָט געוואָלט רעדן מיט אים וועגן איר ייִדישקייט.

נאָר פאַן גנילאָווסקי האָט נישט געוואָלט איצט רעדן מיט זיין געליבטער וועגן אַנדערע טעמעס, חוץ וועגן זיין גרויסער ליבע צו איר. אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, און פון זיין מויל (ווייל דער ווייַן האָט עטוואָס געהאַט געווירקט אויף אים) האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַן אומשולדיקע באַמערקונג: „די ייִדן האָבן אַ נייגונג צו שווערמוטיקייט, צו פּייניקן זיך און צו רעדן וועגן גייסטיקע אָדער עטישע פּראָבלעמען". ער האָט זיך גלייך פאַרענטפערט: „ווייל זיי זיינען אַן אַלט פאָלק און האָבן אַ סך געליטן".

דאָס האָט העלענאַן נאָך טרויעריקער און נאָך אומרויִקער געמאַכט. און פּלוצים האָט אין איר נשמה אַ בליץ־געטאָן אַן אַנונג, אַז זי איז די לעצטע נאַכט אין דעם גוט, און אַז זי וועט איר געליבטן האָבן בלויז נאָך אַ קורצע צייט, אַ זייער, זייער קורצע צייט. זי האָט זיך דערמאָנט אין כעליאַס ווערטער: „דיין יאַן אָבער — אויב ער האָט דיך נאָך נישט אַוועקגעוואָרפן — וועט ער דיך באַלד אַוועקוואַרפן". אין

ווילדער ליידנשאַפט האָט העלענאַ אַצינד אַרומגעכאַפּט איר געליבטן און אים געקושט און אַרומגענומען, ווי ער האָט פריִער זי אַרומגענומען. זי איז צוגעפאַלן צום טיש, האָט אַ כאַפּ געטאָן די לעצטע פלאַש און געוואָלט אָנגיסן. נאָר די פלאַש איז נאָך נישט געווען געעפנט. יאָ האָט זי געעפנט און אָנגעגאָסן. „דאָס איינע ליד מוז איך דיר אָבער נאָך פאָרלעזן, געליבטער"! — האָט העלענאַ אויסגערופן און גלייך גענומען פאָרלייענען:

„דעם נעכטן, וואָס אַנטלויפט פון מיר, קאָן איך נישט האַלטן"...

די ערשטע צוויי סטראָפן זיינען אַרויסגעקומען טרויעריק; די לעצטע סטראָפע — טראַגיש:

„ווער קאָן דעם פאַנטאָן מיט אַ שווערד שפּאַלטן?
ווי בוימל שווימט די נויט אויף דעם וויין.
דעם נעכטן, וואָס אַנטלויפט פון מיר, קאָן איך נישט האַלטן.
אין אַ שיפל אָן אַ רודער וואַרף איך מיך אַריין,
די האָר פלאַטערנדיק אין ווינט,
די כוואַליעס וועלן אַרויף־אַראָפּ מיך וואַרפן ווילד".

4

צומאָרגנס, פּינקטלעך 10 אינדערפרי, זיינעןביידע געזעסן אויף די פערד. זי — אין שוואַרצע רייטהויזן, אין ברוינע געפּאַסטע שטיוועלעך מיט שפּאָרן, אין אַ גרוי יעגערפּעלצל און אין אַ ווייס מיצל. ער — אין אַ טונקלגרויער יעגער־הלבשה. ביידע פערד טונקלברוינע. די געיעגטאַשן ביי די זייטן, די „דובעלטוווּ־קעס" איבער די רעכטע אַקסלען, די ברייטע לעדערנע גאַרטלען מיט קוילן איבער די לענדן און געגנוג פּראָוויאַנט. יאָ האָט ליב געהאַט צו גיין אויף געיעג אין גרויסער קאָמפּאַניע מיט די שכנישע פּריצים, זייערע קנעכט מיט טשאַטעס הינט — ס'זאָל זיין מיטן גאַנצן פּאָמפּ, ווי עס פּירט זיך ביי לייטן. אָבער נישט ווען העלענאַ איז דערביי געווען. ער האָט נישט געוואָלט, אַז ס'זאָל ווער אין דער געגנט וויסן וועגן זיין ידידשקע. (דאָס איז אָגב, געווען נאַריש פון אים, ווייל ס'האָבן סייווי אַלע פּריצים דאָ געוווּסט דערפון). אָבער אויך העלענאַ האָט נישט געוואָלט, אַז ס'זאָל ווער זיין דערביי. בלויז צוויי הינט זיינען נאָכגעלאָפן.

האָט העלענאַ היינט געפּילט די אמתע געיעג־ליידנשאַפט? יאָ, אָבער זי האָט זיך אָנגעצונדן אין איר ערשט, ווען זי האָט גענומען די ביקס אין האַנט אַריין און זיך אַרומגעגאַרטלט מיטן „פּאַטראָנטאַש". ביידע זיינע דערוויל געריטן גע־מיטלעך, כמעט געלאַנגווייליקט.

גנילאָווסקי האָט געטראַכט: „ס'איז דאָך אַנדערש, פריילעכער, ווען מ'גייט אויף געיעג מיט אַן אייגענער קאָמפּאַניע אמתע יעגער".

העלענאַ איז היינט געווען שלעכט געשטימט און דאָס האָט זיך אויף אַ גע־וויסן אופן איבערגעגעבן צו איר געליבטן; ער האָט געפּילט, אַז זי טראַכט איצט וועגן אים אַנדערש ווי תמיד. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין חשק זי צו פרעגן

דעריבער. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געאַנט, וואָס זי וועט אים ענטפערן. ער האָט געפּרוווט זי אויפצומינטערן:

— היינט גייען מיר אויף האָזן; ס׳איז די ריכטיקע צייט.

העלענאַ האָט געענטפערט:

— און אפשר נישט אויף האָזן... אַזעלכע אָרעמע באַשעפענישן, טוען קיין שלעכטס נישט און שרעקן זיך נעבעך אַזוי... אפשר גאָר אויף ווילדע חזירים...

זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן געליבטן און געשמייכלט. נאָר אים איז דער שמייכל נישט געפעלן; ס׳איז געווען אַ טרויעריקער שמייכל, נישט יענער, ווען אירע שטאָלגרויע אויגן בליצן־אויף און אירע ווייסע ציין צעבליאַסקען זיך.

ער האָט מיט די שפּאָרן אַ קיצל־געטאָן דאָס פערד אין די זייטן און זיך גע־לאָזט אין מעסיקן גאַלאָפּ. העלענאַן האָט ער צוערשט געגעבן צווויסן דערפון דורך עטוואָס שטייפער מאַכן דעם קערפער און אים אויסשטרעקן פאָרויס. זי האָט גע־טאָן דאָסזעלבע. ס׳איז געווען דאָס ריכטיקע מיטל איבערצוגייען אין אַן אַנדער שטימונג, פון אַ געדריקטער אין אַ הייטערער, וואָס פּאַסט פאַר רייטער אויף גע־יעג. העלענאַ האָט געהאַלטן גלייכן שריט מיט איר געליבטן. זי האָט אפילו באַקומען חשק אים צו וויזן, אַז כאָטש ער איז געווען איר רייטלערער, וועט ער איר נישט קאָנען נאָכקומען, ווי דאָס האָט שוין נישט איינמאָל פּאַסירט. אָבער זי האָט דער־פילט, אַז היינט וועט עס איר נישט געלינגען. אפשר שפּעטער. נו, איז זי ווידער געווען די פריילעכע, אין ליידנשאַפט פון געיעג אָנגעצונדענע העלענאַ, הערלעך אויפן פערד, קלוג, שפּילעוודיק, די באַקן רויט און די אויגן צעשטראַלט.

נאָך אַ פערטל שעה אין געמעסיקטן גאַלאָפּ האָבן ביידע פאַרלאַנגזאַמט דעם שריט. ביידע האָבן זיך דאַן אָנגעקוקט פאַרליבט.

— אויף הירשן! — האָט יאַן געשפּאַסט, וויסנדיק, אַז נישט אין דער צייט און נישט אין דער געגנט זעט מען אַ הירש.

העלענאַ האָט געענטפערט:

— ניין, אויף אַ הירש וואָלט איך קיינמאָל נישט געשאָסן; גיכער וואָלט איך מיך געקאָנט פאַרליבן אין אים.

יאַן האָט דער געליבטערס ווערטער באַצויגן אויף זיך; אַז ער איז עס דער הירש, און זיך צוגעבויגן מיט זיינע ליפּן צו אירע.

— נאָר אויף ווילדע חזירים? — האָט ער שפּאַסנדיק געפרעגט.

זי האָט געענטפערט:

— אויף ווילדע חזירים אָדער אויף בערן; ס׳וועט זיך שוין טרעפן עפּעס גוטס...

דאָס ערשטע מאָל היינט, אַז זי האָט זיך צעלאַכט מיט איר קלינגענדיקן גע־לעכטער. ס׳איז געווען אַ הערלעכער ווינטערפרימאָרגן אין דער ווייסער רחבות. אַ צוויי וויאָרסט פאַר אַ געדיכטן סאָסנאָוון וואַלד. העלענאַ איז געוואָרן פּאַעטיש:

— ווי די זון שיינט היינט! ווי אַ קיילעכדיקער שפּיגל זעט זי אויס... קוק אַרויף, געליבטער, און דו וועסט מיך זען אין דעם שפּיגל... אָבער קוק לאַנג... וועסט מיך דאָרט זען אין אַ גאַנץ אַנדער קלייד...

אים איז איינגעפאַלן, אַז זי וויל זיך אויפן פערד אויסטאָן נאַקעט, ווייניקסטנס דעם אויבערשטן האַלבן קערפער. זי קאָן דאָס טאָן, דערדאַזיקער טייוול, מיט אירע ווילדע איינפאַלן. דער פראָסט אַרט איר נישט. דאָס וועט זיין הערלעך! איר פרעכ־

טיקער קערפּער נאַקעט אויפֿן פֿערד... ער איז אַלעמאָל מער באַגייסטערט געוואָרן פֿון זיין געליבטערס אידייע און געפֿאָלגט וואָס זי האָט אים געהייסן טאָן. ער איז שטיין געבליבן און מיט אַ קאַפּוירגעהויבענעם קאָפּ געגומען קוקן אין דער ווייס־פֿאַלירטער זון, וואָס האָט באמת אויסגעזען ווי אַ קיילעכדיקער שפּיגל. העלענאַ איז געבליבן הינטער דעם געליבטן. אַ גאַנצע מינוט האָט זי אים געלאָזט קוקן אין דער זון אַריין, ביז ער וועט זיין גענוג געבלענדט. דאַן האָט זי אַ רוף־געטאָן: „דאָ־ווידזעניאַ!“... און האָט ווי אַ רוח זיך אַוועקגעטראָגן אין ווילדן גאַלאָפּ. ביז ער האָט זיך אויסגעדרייט און ביז ער האָט ווידער געקאָנט זען צוליב זיין געבלענד־קייט, דערצו אין דער שימערירנדיקייט פֿון ווייסן שניי, איז העלענאַ שוין געווען אין וואַלד. ער האָט דאָס פֿערד געריצט מיט די שפּאָרן. אָבער איידער וואָס־ווען איז זי אים אינגאַנצן פֿאַרשווונדן פֿון אויג. ער איז אַריין אין וואַלד. אָבער דער וועג האָט זיך דאָרט צעצווייגט אין עטלעכע ריכטונגען. ער איז געבליבן שטיין, געזוכט די שפּורן פֿון פֿערדישע פּאַדקאָוועס, איינגעהאַלטן דעם אָטעם צו הערן טריט; אָבער ווי אין וואַסער אַריין. ער האָט געהעצט די הינט צו געפֿינען דאָס פֿערד מיט דער רייטערן; עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. ער האָט גענומען רופֿן: „העלושׂ!... דראָגאַ!... קאָכאַנאַ!“... דער וואַלד האָט געענטפֿערט: „לוש... גאַ... נאַ“.. ווו האָט זי געקאָנט אַהינקומען? דער וואַלד איז געווען זייער גרויס ער האָט זיך געצויגן צענדליקער מיילן, איז איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן וואַלד. אין אַ וואַלד, אַז מ׳גייט אַראָפּ פֿון וועג, איז מען פֿאַרלוירן; דערצו ווינטער, ווען דער שניי ווישט אָפּ יעדן שפּור פֿון אַ וועג. ווידער האָט גנילאָווסקי געראָפֿן: „העלושׂ!... דראָגאַ!... קאָכאַנאַ!...“ ווידער דאָס זעלבע עכאָ: „לוש... גאַ... נאַ“... און פּלוצים, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן ווערן כמעט פֿאַרצווייפֿלט, האָט אַ קוקאָווקע גענומען רופֿן:

— קוקו... קוקו...

— העלושׂ!...

— קוקו...

— ווו ביסטו?...

— קוקו...

אין וואַלד איז שווער צו טרעפֿן אַקוראַטנע, פֿונוואַנען אַ קול קומט, ווייל דאָס עכאָ שאַלט פֿון אַלע זייטן. דער פֿאַרליבטער האָט גענומען טרייבן דאָס פֿערד אין פֿאַרשידענע זייטן, אָבער ער האָט העלענאַן נישט געקאָנט דערזען און די הינט זיינען געלאָפֿן אין אַנדערע ריכטונגען, ווייל זיי האָבן געזוכט די שפּורן פֿון חיות. ווידער האָט ער געראָפֿן:

— העלושׂ!...

— יאַנקו... מוי יאַנקו... מיין הירש...

זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט:

— מיין מלאך...

— מיין יינגל...

— מיין הימל... מיין זיסע...

— מיין וואָלף...

און פּלוצים — אַ קויל שניי אין זיין פּלייצע. דאָס פֿערד אונטער אים האָט זיך אַליין שנעל אויסגעדרייט, דערפֿילנדיק אָדער דערזעענדיק דעם חבר הינטער זיך. דער געליבטער איז געווען דערשטוינט:

— ווּ ביסטו געווען?

זי האָט געענטפערט לאַכנדיק ווי אַ קינד פון גאַנצן האַרץ:

— הינטער דיר...

פּלוּצים האָבן די צוויי הינט אָנגעהויבן צו בילן, צו היילן. זיי האָבן אַלץ מער אָנגעשפּיצט די אויערן, אָבער זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, זיך נישט אַ לאָז געטאָן, ווי געוויינטלעך, ווען זיי דערשמעקן אַ חיה. נאָר גאָר זיך געדריקט איינער צום אַנדערן און געציטערט מיט אויפגעשטעלטן שערטזש איבער די רוקנס.

— אַ וואָלף אָדער אַ גאַנצע טשאַטע! — האָט דער יעגער אויסגערופן, ווי ער וואָלט אַליין אויך זיך דערשראָקן. ער האָט גענומען העצן די הינט: „מילקאָ! יאַ־גוש!" אָנגעצונדענע האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן, ווי זיי וואָלטן געשווומען אויף די בייכער איבערן שניי.

העלענאַ האָט דערזען לויפן פיר וועלף, צוערשט מיט גרויסע שפּרונגען, דאַן שוועבנדיק, אויסגעצויגן אויף די בייכער. זי איז אויפגעציטערט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אַ געיעג אויף וועלף. יאַן האָט אויסגעשאָסן איינמאָל, נאָכאַמאָל, און געטראָפן איין וואָלף. דאָס איז געווען די מוטער פון די צוויי קלע־נערע, נאָך יונגע, וואָס זיינען אַוודאי צום ערשטן מאָל געפירט געוואָרן פון דער מוטער אויף אַ געפערלעכער נסיעה אין שיינעם העלן טאָג. זיי זיינען איצט, נאָכן פאַרלירן די מוטער, נישט געלאָפן טיפער אין וואַלד, נאָר אין דער ריכטונג אַרויס פון וואַלד. דער דריטער איז געווען שוין זייער אַלט; ער איז נאָכגעלאָפן די יונגע; אַנשטאָט תיכף איבערצונעמען די פירונג פון דער געפאַלענער זי און פירן די צוויי פאַריתומטע אויפן ריכטיקן וועג. די הינט האָבן פאַרפאָלגט זייער רויב. די צוויי יעגערס — העלענאַ פאַרויס — האָבן אויף די פערד זיך געטראָגן ווי פייל פון בויגן. ערשט ביים סוף וואַלד האָט דער אַלטער וואָלף זיך אַ קערעוועו־געטאָן אויף צוריק. דאָ איז ער אַריינגעפאַלן צווישן די צוויי הינט, די בײדע פאַרפאָלגער. מילקאָ האָט זיך די ערשטע געוואָרפן אויף אים און זיך איינגעביסן אין זיין לינקער הינטערשטער פוּלקע. ווידער האָבן די צוויי יונגע צוצעקעס נישט געוווסט וואָס צו טאָן, ווייל זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין דערפאַרונג און דער אינסטינקט זייע־רער איז נאָך נישט געווען גענוג שאַרף. אַנשטאָט קומען צו הילף זייער אומגליק־לעכן חבר (אפשר גאָר פאָטער אָדער זיידע), זיינען זיי געלאָפן ווייטער, זיך גע־לאָזט איבערן פרייען פעלד. נאָר דער אַלטער וואָלף איז נאָך געווען שטאַרק גענוג און מאַכנדיק פון זיך אַ בייגל, האָט ער אָנגעכאַפּט די הינטעכע ביי דער פעל פון קאַרק און זיך איינגעביסן. מילקאָ האָט גענומען יאָמערלעך קוויטשען. יאַגוש, איר חבר און פריינט, איז מער נישט געווען לעבן איר; ער האָט זיך געלאָזט צוזאַמען מיט דער רייטערן נאָך די צוויי יונגע וועלף. גנילאָווסקי אָבער, דער געניטער יעגער, איז שנעל געקומען צו הילף מילקאָן. אויף אַ דיסטאַנץ פון אַ הונדערט שריט האָט ער אָוועקגעלייגט דעם אַלטן וואָלף, בעת העלענאַ האָט אויסגעשאָסן אין גאַלאָפּ אויפן פערד און נישט געטראָפן. דאָס פערד איז דערביי ווילד געוואָרן און זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס. זי איז אַראָפּגעפאַלן.

ווען יאַן איז אויף גיך צוגעקומען צו זיין געליבטער, איז זי שוין געלעגן אין שניי. דאָס פערד איז איצט געשטאַנען לעבן איר טרויעריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן

קאַפּ. די צוויי יונגע וועלף זיינען פאַרשוווּנדן. אַ פאַרצווייפלטער האָט דער געליבּ־טער געפרעגט:

— העלוש... העלוש... האָסט זיך עפּעס געטאָן?

זי האָט געענטפערט:

— ניין — און ביטער געשמייכלט. ער האָט זי אויפגעהויבן און אָפּגעטרייסלט פון איר דעם שניי. יאַגוש האָט זיין פריינדן געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף: ער האָט זייער פליייסיק און באַזאָרגט געלעקט אירע ווונדן.

דאָס געיעג איז איבערגעריסן געוואָרן. העלענאַ האָט מער קיין חשק נישט געהאַט. זי האָט זיך געשעמט נישט בלויז פאַרן געליבטן, נאָר מער נאָך פאַר זיך אַליין. ער האָט זי געטרייסט, אַז אין געיעג שפּילט דער צופאַל אָדער דאָס גליק מער ראָלע ווי געשיקטקייט. עס איז ווי אַזאַרדשפּיל. ער האָט איר פאַרזיכערט:

— דו ביסט אַ סך פלינקער און ריזיקאַנטער ווי איך בין.

נאָר העלענאַ האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן. זי איז געווען באמת אומ־גליקלעך. איר נשמה איז געווען פאַרוווּנדעט. די ווונדן פון דעמאָלט ביים געשלעג אין ראַטהויז זיינען נעכטן ביינאַכט אויפגעגאַנגען. ווי אַ שאָטן איז פלוצים דורכ־געלאָפן אין איר געדאַנק, אַז עפּעס האָט זי פאַרבלאָנדזשעט; עטלעכע יאָר האָט זי געלעבט ערגעץ אין אַ צויבערהאַפט לאַנד, ווי עס דאַכט זיך אַמאָל אויס אין אַ חלום. און פלוצים איז זי אויפגעקומען... זי איז אין אַ פאַרשנייעט פעלד, לעבן איר שטייט אַ יונגער קריסט, צוויי פערד און צוויי הינט...

זעענדיק די פאַרענדערונג אין זיין געליבטער און נישט וויסנדיק ווי זי אַרויס־צורייסן פון איר מצב, האָט ער איר געזאָגט:

— לאָמיר עסן; מיר האָבן אַ פלאַש גוטן בענעדיקדינער, צוויי פלעשער בור־גונדער.

זי האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, נאָך אַ וויטיקלעכערן ווי פריִער. מיט ליבּ־שאַפט און דאַנקבאַרקייט האָט זי געקוקט אויף איר געליבטן, וועלכער איז איר אַצינד אויסגעקומען פרעמדלעך, און געענטפערט:

— מיר פאָרן אַהיים. — זי האָט אויפגעהויבן דעם רעכטן פוס צו דערלאַנגען אין ביגלשטייג. יאַן האָט איר געהאָלפן; ער איז אַרויף אויף זיין פערד און ביידע זיינען אַהיימגעריטן. ס'איז געווען אין דער ריכטיקער צייט, ווייל נאָך איידער גנילאָווסקי האָט דעם שטאַלקנעכט געהאַט איבערגעגעבן די פערד, האָט דער עקאָנאָם אים געזאָגט, אַז דער דינער זיינער וואַרט אויף אים מיט אַ וויכטיקער שליחות. באַלד איז דער יונגער פּריץ געוואָר געוואָרן, אין וואָס די שליחות באַ־שטייט: אין דער היים וואַרט אויף אים אַ זייער חשובער גאַסט פון וואַרשע: דער גאַסט האָט נישט קיין צייט, ער איילט זיך.

5

גנילאָווסקיס גוט איז געווען נישט זייער ווייט פון דער שטאָט. דער וועג אַהיים האָט געווייגטלעך געדויערט אַ קנאַפּע פיר שעה מיט פערד און וואָגן. נאָר יאַן האָט איצט די צוויי פערד געשפּאַנט אינעם לייכטן שליטן אַזוי געטריבן, אַז אין עטוואָס מער ווי צוויי שעה איז ער געווען אין דער היים. דעם גאַנצן וועג האָט

ער צו העלענאַן קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט. זי צו אים אויך נישט. ער איז געווען פאַרטאָן אין יאָגן די פערד און זי איז געווען פאַרשטומט. איצט האָט זי שוין קלאָר געוווסט, אַז צווישן איר און אים איז אַלץ געענדיקט און זי האָט נישט זיך און נישט אים געקאָנט מאַכן וועלכע עס איז פאַרוווּרפן. זי האָט אָבער דערוויל נישט געקאָנט געפינען געגוג סיבה פאַרוואָס די ליבע צווישן איר און אים האָט אַזוי פלוצים אויפגעהערט. זי האָט זיך געגראָבן אין אירע געפילן, אין אירע גע־דאַנקען, אין איר גאַנץ וועזן, ווייל זי איז זיך אַליין אַצינד פאַרגעקומען אַ רעטעניש.

אַהיימקומענדיק האָט העלענאַ צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זי איז אַריין גלייך צו זיך אין צימער, האָט צוגעשלאָסן די טיר הינטער זיך, זיך אַוועקגעזעצט און צוגעמאַכט די אויגן. ווען זי האָט ביים אַראָפּגיין פון שליטן יאַנען געגעבן די האַנט, האָט ער זי געפרעגט, ווען ער קאָן זיך מיט איר ווידער זען. ער האָט דאָס איר אָבער נישט געזאָגט אַזוי ווי תמיד און דער קוש אין איר האַנט איז נישט געווען דערזעלבער ווי שטענדיק. דאָך איז זי פלוצים אויפגעג־שפּרונגען, האָט זיך האַסטיק אָנגעטאָן און איז אַוועק צום געליבטן. אין סאַלאָן ביי אים האָט זי געטראָפן דעם גלח, קשיוויצקין און אַ פרעמדן, פאַר איר אומ־באַקאַנטן מענטש, אַ קריסט פון אַ יאָר 28 מיט שטרויבלאָנדע וואָנצעלעך. און פלאַקסענע האָר, זייער קורץ געשאָרן, מיט אַ שרינט אין מיטן, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, מיט אַ פינצטערן בליק אין די עטוואָס גלעזערנע, גרינע אויגן. איבערן פנים, שטערן און ברייטער מאָרדע — שווערדנשניטן פון פעכטן.

פאַר גנילאָווסקין איז העלענאַס אַריינקומען איצט געווען זייער אומאַנגענעם. אָבער ער האָט זי באַגריסט. אויך די אַנדערע שטענדיקע געסט האָבן זי באַגריסט. דאַן האָט ער זי פאַרגעשטעלט פאַר דעם פאַר איר פרעמדן, דעם גאַסט, וועלכן ער און אויך די אַנדערע האָבן צוגעטיילט גרויס כבוד. נאָר דער באַלעבאָס האָט ביים פאַר־שטעלן העלענאַן געמאַכט אַ גרויסן פעלער, ווייל ער האָט זי נישט פאַרגעשטעלט מיט איר ערשטן נאָמען (העלענאַ), נאָר מיטן צווייטן (פאַננאַ בערנפעל). אַזויערנאָך האָט דער פרעמדער גלייך געוווסט, אַז זי איז אַ ייִדישקע. און חוץ דעם האָט יאַן שיער געמאַכט אַ צווייטן פעלער, וועלנדיק אָנרופן דעם יונגן גראַף ביים פאַמיליע־נאָמען. נאָר ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט. דער פרעמדער האָט העלענאַן נישט גע־געבן די האַנט, ער האָט זיך צוליב העפלעכקייט ביי יענעם אין שטוב, בלויז פאַר־נייגט פאַר איר. העלענאַ האָט דערביי דערשפּירט זיין קאַלטע שנאה און פאַראַכטונג מיט אַ געמיש פון גראָבער און בייזער שפּאָטישקייט. מאָמענטאַן איז איר קלאָר געוואָרן, סאַראַ שרעקלעכע נאַרישקייט זי איז באַגאַנגען מיט איר קומען אַצינד. ס׳איז אָבער שוין געווען פאַרפאַלן. האָט זי געמוזט זיך צוזאַמענגענומען און באַ־הערשן זיך מיט אַלע כוחות. ביים אַראָפּלאָזן די אויגן איז איר בליק געפאַלן אויף די אומגעהייער גרויסע הענט פונעם פרעמדן גאַסט. דידאָזיקע הענט האָבן אין איר אַרויסגערופן אַן עקל און אַ קעלט איז איר דורכגעלאָפן איבערן רוקן.

ווען העלענאַ איז אַריינגעקומען, איז דער שמועס ביים טיש איבערגעריסן געוואָרן. פאַר יעדן איז געשטאַנען אַ שעלעכל טיי. דער גלח האָט פּאַטערלעך פאַר־בעטן העלענאַן זיך צו זעצן לעבן אים. ריכטיקער: צווישן אים און קשיוויצקין. ער האָט אַליין צוגעשטעלט נאָך אַ פאָטעל, נישט וואָרטנדיק אויפן דינער, וועמען דער באַלעבאָס האָט דורך אַ קלונג שוין געהאַט גערופן. ווען יענער איז אַריינ־

געקומען און זיך פאַרנייגט, האָט ער באַקומען דעם באַפעל אַריינצוברענגען נאָך אַ שעלעכל טיי. כדי די פאַרלעגנהייט זאָל נישט צו לאַנג געדויערן, האָט דער גלח אָנגעהויבן אַ לייכטן שמועס. ער האָט דערציילט אַ קאָמישע פּאַסירונג, צוזאַמען מיט אַ וויץ, אַלץ מיט דער כוונה פאַרטרייבן דעם מינדסטן שאָטן פון דעם, וועגן וואָס מ׳האָט דאָ פריִער גערעדט. טיילוויַיז האָט דער גלח דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט: קשיוויצקי האָט געלאַכט, אויך דער באַלעבאָס, און ער אַליין. אַפילו העלענאַ האָט געטאָן אַ בלאַסן שמייכל. בלויז דער פרעמדער גאַסט איז געבליבן קאַלט און פינצטער און זיך געלאַנגווייליקט. האָט דער גלח אויפגעהערט מיט זיינע מעשיות און וויצן און זיך גענומען צו דער ביבל, צום אַלטן און נייעם טעסטאַמענט. ער האָט דערביי געהאַט אַ גוטן און קלוגן געדאַנק: אַזוי ווי דער יונגער גראַף קאַטאַווסקי ווייסט סיי ווי שוין, אַז די געקומענע איז אַ ייִדישקע, וועט ער מיט איר אַצינד ווייטער פירן די שמועסן, וועלכע ער האָט מיט איר שוין עטלעכע מאָל געהאַט געפירט וועגן ייִדנטום און קריסטנטום, און איר, באַזונדערס אַצינד, ווייטער באַווייזן, וועלכע אמונה ס׳שטייט העכער. און אַזוי ווי דער קריסטלעכער גלויבן שטייט העכער ווי דער ייִדישער, דאַרף זי זיך שמדן, אָװעקגיין פון איר פאָלק, וואָס האָט געקרייציקט יעזוסן און איז דערנאָך שוין געפאַלן אַלץ טיפער.

העלענאַ איז געוואָרן אַלץ נערוועזער און נערוועזער. נישט וויסנדיק ווו אַהינצוטאָן די אויגן, האָט זי גענומען קוקן אויף די לאַנדשאַפטן און בילדער, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט קעגנאיבער איר און אויף די ווענט רעכטס און לינקס. אַלע בילדער, גראַווירונגען און אייל־געמעלן, אידילישע לאַנדשאַפטן פון פוילישע גיטער און דערפער, פון פוילישע היסטאָרישע שטעט, ווי קראָקע און לובלין, פאָרטרעטן פון פוילישע מלכים, ריטער און העלדן, גרויסע לייוונטן (קאָפּיעס) פון מאַטעיקאָס פּאַטריאָטישע מלחמה־קאָמפּאָזיציעס — דאָס אַלץ האָט העלענאַ שוין געהאַט געזען פון פריִער מער ווי איינמאָל, אַפילו פּילסודסקיס פאָרטרעט, וואָס גנילאַווסקי אַליין האָט געצייכנט מיט קויל. אָבער זי האָט אַצינד אויף די אַלע בילדער געקוקט באַנייס. איר פּנים האָט געפלאַמט. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז עס איז שוין גוט טונקל, כאָטש דורך די בלאַנקענדיקע שויבן פון די צווי גרויסע פענצטער האָט אַריינגעשיינט די זון. זי איז פונעם גלחס רייד געוואָרן אַלץ גערייצטער. ס׳האָט זי פּלוצים באַהערשט אַ משונהדיקער פאַרלאַנג: צו זאָגן אַלע, אַז זי הייסט הינדע, ווי די מוטער רופט זי, נישט העלענאַ. עס איז זי באַפאַלן אַ משוגעת, צו זאָגן דעם גלח עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים שטאַרק קרענקען. זי וואָלט אים אַצינד אַפילו געקאָנט אויסגראַטשען דאָס פּנים, אים אויספּליאָסקען די ראָזע, גלאַטינקע, דיקע באַקן. זי האָט אים קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אויך יאַן (אַזוי האָט ער איר שטענדיק געזאָגט) האָט אים נישט געקאָנט ליידן. אַצינד אָבער האָט זי דעם גלח אַזוי געהאַסט, אַז זי האָט אַזש געפילט, ווי דער האַס ברענט אין איר. ביסלעכוויַיז האָט דער האַס אין איר זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף יאַנען. זי וואָלט אים אַצינד דערשאָסן, ווען זי זאָל האָבן די ביקס. און באַלד האָט דער האַס אין איר גענומען פלאַמען אויך צו דעם פרעמדן. ווער איז ער? ער זעט אויס ווי אַ שרעקלעכער מערדער. זי האָט שוין מער נישט געקאָנט זיך באַהערשן. דאָס האַרץ האָט צו־שטאַרק געקלאַפּט אין איר. זי האָט געפילט, ווי דאָס פּנים גליט איר. זי האָט אַצינד געהאַסט אויך קשיוויצקין. נאָר צומייסט האָט

זי געבערענט אויף זיך אַליין פאַר איר אַהערקומען דאָ אַצינד. אויף אַ משונהדיקר אומבאַוווסטן אופן האָט זי פּלוצים אָנגעהויבן צו האַסן אויך דעם פאָטער אין דער היים. זי האָט זיך צוזאַמענגעקורטשעט אינעם פאָטעל. פאַר די אויגן האָבן איר געגומען פליען פונקען. ס׳האָט זיך איר געגומען דוכטן, אַז דער סאַלאָן איז אָנגעפילט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס שטיקט זי... זי קאָן נישט אָטעמען... אַוועקגיין! אָבער זי איז געווען ווי געליימט. דער גלח האָט זי עפּעס געפרעגט. זי וואָלט אים געוואָלט ענטפערן אַזוי, אַז ביי אַלע זאָלן די אויגן אַרויסקריכן פון די לעכער פון איבערראַשונג און צאָרן. אָבער אין האַלדז איז איר געווען טרוקן, די צונג האַרט ווי אַ שטיק לעדער, און זי וואָלט סיי־ווי קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון מויל. עס האָט איר גערוישט אין קאָפּ, געזשומעט אין די אויערן. האָט זיך איר בלויז געדוכט, אָדער האָט זי טאַקע געהערט ווי ס׳האָט ווער געזאָגט, אַז מען דאַרף אויסקוילען אַלע ייִדן?... ווער האָט דאָס געזאָגט? יאָן? דער גלח? קשיוויצקי? דער פרעמדער? זי איז אינגאַנצן מבולבל געווען. זיך אַרויסקריגן פון דאַנען! אָבער ווי אַזוי? ס׳האָט זי אַ ריס־געטאָן און זי איז אויפגעשטאַנען. אין דעם מאָמענט איז איר אויך איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: זי האָט יאַנען געזאָגט, אַז זי איז געקומען צו אים נאָך אַ בוך. באַקומענדיק אַ בוך האָט זי זיך פאַרנייגט פאַר אַלע און איז אַוועקגעגאַנגען.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

ש ר ע ק

1

צווישן די ייִדן אין דער שטאָט האָט געהערשט גרויס אימה. די סימנים, אַז די שטאָט וועט האָבן דעמזעלבן גורל ווי די אַנדערע שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע ס׳זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען פּאָגראָמען, האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן. ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עפּעס אַ וואַרשעווער סטודענט פאָרט־אַרום איבער דער פּראָווינץ און האַלט ווילדע אַנטיסעמיטישע דרשות. ער אָרגאַניזירט קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און פּאָגראָמען אויף ייִדן. איין ייִד דעם אַנדערן האָט אין אימה איבערגעגעבן, אַז דערדאַזיקער צורר יהודה וועט קומען אויך אַהער. מ׳האָט אַפילו שוין געוווּסט ווי דערדאָזיקער צורר יהודה הייסט, אַז ער איז אַ גראַפס אַ זון, אַז דער פאָטער זיינער איז אַ גרויסער פּאָליטיקער און פינאַנצמענטש. מען איז שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז דער פינצטערער פאַרשוין קומט צום גלח. אַנדערע האָבן אָבער געזאָגט, אַז ניין, אַז ער קומט צו קשיוויצקין. איין זאַך איז געווען קלאָר: אַז די פּאָליציי וועט די ייִדן נישט שיצן. אין דער שטאָט האָט זיך שוין געהאָט אָנגעהויבן דער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן די ייִדן, אַרויסצורייסן פון זייערע הענט דעם האַנדל און מלאכה — יעדן קוואַל פון חיונה. „באָיקאָט". דאָסדאָזיקע וואָרט האָבן די ייִדן אין פוילן געהערט נאָך מיט צען יאָר צוריק, ווען מיטן „סווי! דאָ סוועגאָ" איז אַרויסגעקומען דער טרויעריק־באַרימטער

דמאָווסקי, וואָס האָט באַדייט: קריסטן זאָלן נישט געבן צו פאַרדינען קיין ייִדן. מיט אַזאַ לאָזונג איז אין דער שטאָט איצט אַרויסגעקומען קשיוויצקי.

2

אַ גרויער ווינטערדיקער טאָג. דער שניי האָט נישט געהאַט די בלולעכוויסע שימערדיקייט ווי תמיד, ווען די זון שיינט. נאָך מיטאָגצייט האָבן אָבער אַפילו די מער זיך שרעקנדיקע ייִדן זיך גענומען ווייזן אין זייערע שמאָלע און ענגע געסלעך. זיי האָבן נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן צו בלייבן טאָג נאָך טאָג אין זייערע חושכדיקע שטובן, וווּ דער פּחד האָט זיי פּשוט געשטיקט ווי מיט נישט זעענדיקע פינצטערע הענט. אַרויסקוקנדיק דורך די גרויפאַרפרוירענע פענצטער, האָבן זיי דערזען סימנים, אַז די זון הייבט זיך אָן באַווייזן. דאָס האָט זיי אַרויסגעצויגן אין דרויסן. ציטערנדיקע (אויך פון קעלט) אין די אַלטע און צעריסענע וואַטעווקעס, אין אָפּגעבערעטע באַראַנקאָווע היטלען איבען די אויערן און אין שטיוול מיט לעכער, האָבן די ייִדן געזוכט איינער דעם אַנדערן, כּדי צו קאָנען אַראָפּרעדן זיך אַביסל פון שווערן האַרץ און הערן עפּעס אַ טרייסטוואָרט. אין זייער גרויסער פאַר־צווייפלונג זיינען דאָך געווען עטלעכע האָפענונגס־שטראַלן: דער ציוניזם (אפשר דאָס גרעסטע ליכט פון האָפענונג) האָט גענומען לייכטן פאַר אַלץ מער בירגערלע־כע ייִדן, ווי סוחרים (מייסטנס געוועזענע), קליינע הענדלער און קרעמער, אויך פאַר טייל באַלמעלאָכעס, ווי זייגערמאַכערס און גאָלדשמידן, פאָטאָגראַפיסטן, שי־רעממאַכערס, איינבינדער וכדומה. באַזונדערס פאַר טייל אינטעלעקטועלע. אַ גרוי־סע האָפענונג האָבן אַרעמעלייט געלייגט אויפן קאָמיטעט, וואָס וועט אַראָפּקומען פון אַמעריקע. וואָס שייך דעם פּאַגראָם האָבן פּשוטע און פרומע ייִדן געהאָפט, אַז אפשר וועט דער רבונו של עולם דאָך נאָך באַווייזן אַ נס.

פון ערגעץ־ווו האָט זיך באַוויזן דאָס „פאַרל״, ווי לצים האָבן גערופן דעם פריילעכן קבצן קלמן בלאַכערזש און מעכלען דעם גרויסן פּאָליטיקער. די צוויי האָבן געטאָפּטשעט אינעם טיפן שניי. די לאַנגע פּאַלעס, האַרטע ווי בלעכן פון געפרוירענער נאַסקייט, האָבן געקלאַפּט ווי אייזערנע טאַצן ביי די גרויסע שפּרייזן. וואָס די צוויי פריינט האָבן געמאַכט. די ייִדן, וואָס זיינען געשטאַנען פּונקט פאַר איטשע שוסטערס פענצטער און האָבן גערעדט צווישן זיך, האָבן זיך דערפרייט מיט די צוויי אָנקומענדיקע, וואָס זיינען געווען ווי אַ צייטונג: תמיד פול מיט נייעס. די ייִדן האָבן גערופן:

— אַוודאי גוטע נייעס... מ׳דערקענט, צ׳זעט אויס פריילעך...

די צוויי צוגעקומענע האָבן פאַרזיכערט:

— אַלץ הייסט גוט... אונדזערע ברידער אין אַמעריקע ריכטן ווידער אויף די ייִדן אין פּוילן. אַזוי שרייבן די גאַזעטן. אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין ביאַליסטאָק און לובלין — אין אַלע גרויסע שטעט, אַרבעטן שוין די אַמעריקאַנער קאָמיטעטן. באַלמעלאָכעס קריגן נייע ווערקשטאַטן, נייע זינגער־ניימאַשינען, אַלץ, וואָס אַ באַל־מעלאָכע, וועלכער אַרבעט פאַר זיך, דאַרף האָבן אויף צוריק־איינצואָרדענען זיך. קליינע סוחרים, גרויסע סוחרים, קרעמער, וואָס זיינען רויִנירט געוואָרן דורך דער

מלחמה, קריגן הלוואות זיך צו שטעלן ווידער אויף די פיס. און די הויפּטזאַך — גאַנץ פּאַלעסטינע געהערט שוין צו אונדז! ענגלאַנד האָט די ייִדן אָוועקגעגעבן גאַנץ ארץ־ישראל! דאָס לאַנד איז שוין ביי אונדז אין קעשענע, אַ געשעענער פאַקט! דער קאָנטראַקט, די „באַלפּער־דעקלאַראַציע", איז שוין אונטערגעשריבן און געחתמעט פון קעניג אַליין, ירום הודו, דער גרעסטער מלך אין דער וועלט, אַ מלך צדק, דער איינציקער, וואָס איז איבערגעבליבן אויפן טראָן! באַלד וועט זיין דריי יאָר, זינט דאָס איז געשען. אין יעדער שטאָט און שטעטל, אומעטום, ווו עס זיינען נאָר דאָ ייִדן, אין דער גאַנצער וועלט, גרייט מע זיך צו אַ גרויסן יום־טוב: צו פייערן די באַלפורדעקלאַראַציע!

קלמן בלאַכערזש און מעכל פּאָליטיקער האָבן, איבערשלאָגנדיק זיך איינער דעם אַנדערן, אַלץ ווייטער כסדר גערעדט און גערעדט און זיינען אַריין אין אַלץ גרעסערער התפּעלות און אַלץ שטאַרקערער התלהבות און מיטגעריסן די פּאַרזאַמל־טע. ס'זיינען צוגעקומען אויך ווייבער. מיט פּאַמעלעכע טריט האָט אַלעמאָל אַן אַנ־דערע זיך צוגעשאַרט כלומרשט צו איר מאַן, כדי אים עפּעס צו פרעגן; אָבער זי איז שטיין געבליבן צו הערן, וואָס קלמן און מעכל דערציילן. אויך אין זייערע הערצער האָט אויפגעלויכטן דער פונק פון האָפענונג. ביי טייל האָבן זיך געשטעלט טרערן פון פרייד אין די אויגן און זיי האָבן געפרעגט:

— ווען, ווען וועט די גאולה שוין קומען? ווען וועלן מיר שוין ווערן אויס־געלייזט פון אונדזער גלות, פון די אַלע ביטערע פיינען, פון אונדזער שמאַך און באַדרענגעניש?

מעכל האָט אויסגערופן:

— די גאולה האָט זיך שוין אָנגעהויבן! ברוך, ר' יחיאל לייביש בערנפעלס זון, וועט שוין היינט אָנהייבן פונאַנדערטיילן די פּושקעס! איך האָב זיי אַליין געזען! בלויע פּושקעס מיט ווייסגעדרוקטע ייִדישע אותיות: „קרן לישראל". דאָס מיינט: אַ פאָנד פאַר די ייִדן, פאַרן ייִדישן פאָלק הייסט דאָס. יעדער ייִד, צי ער איז אַ ציוניסט אָדער נישט, וועט קריגן אַזאַ פּושקע און וועט אַריינלייגן אין איר וויפל ער וועט קאָנען אויף צוריקאויפצובויען אונדזער הייליק לאַנד, דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות אבותינו!

קלמן בלאַכערזש האָט אַ ווייז געטאָן:

— דאָרט גייט טאַקע ברוך! ער גייט מיט מיין יצחקן!

ס'זיינען געגאַנגען צווי יונגעלייט, נאָר זיי זיינען נאָך געווען זייער ווייט און דעריבער האָבן ביידע, קלמן און מעכל, זיך טועה געווען. ווייל געגאַנגען זיינען נישט ברוך מיט לערמאַנען, נאָר אהרן מיט יעקבן. ביידע האָבן גערעדט וועגן זייערע איבערלעבונגען און דערינערונגען פונעם אַרעסט. אהרן מיקנשלעגער האָט געזאָגט באַשיידן:

— אינגאַנצן איין מעת־לעת. קיין גרויסן איינדרוק האָט עס אויף מיר נישט געמאַכט. איידער מ'האָט מיך אַרעסטירט, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז כ'וועל עפּעס איבערלעבן. אָבער ווען די פּאָליציי איז מיך געקומען אַרעסטירן בין איך געווען גלייכגילטיק. די אויספאָרשונג — ביידע מאָל, צוערשט ביי טשאַפּסקין און דערנאָך ביי טשעמנאָווסקין — עפּעס ווי אַ קאָמעדיע, ווי ס'איז די סאָציאַליסטישע פּאָלקסרעגירונג אונדזערע. אַלץ קומט מיר אָצינד אויס אַזוי ליגנעריש, פּוסט־

ליאַרמענדיק, ווי אַבראַמטשיק, דער גראַגער. ס'איז פּשוט אַ חרפּה. איך האָב עטלעכע מאָל שוין געפרעגט פייגען און הערשן: „ווי קאָן מען אַזאַ מענטש ווי אַבראַמטשיק אַריינעמען אין דער פאַרוואַלטונג״? זיי האָבן דאָך אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ קאַנדידאַט און דעריבער איז ער דעמאָלט געווילט געוואָרן. „ער איז אַ גוטער מאַסאָוועץ״, האָט מיר הערש געענטפערט. און הערש אַליין, דער חבר קרומהאָלץ, דער פאַרזיצער? אמת, ער איז אַ קעמפער, איבערגעגעבן דער פאַרטיי פון זיין צוועלפטן יאָר אָן; ער קאָן רעדן פאַר אַ מאַסע, פאַרשטייט ווי די מאַסע צו האַלטן אין דיסציפּלין, איז ערלעך, אַריענטירט זיך גוט אין אַ פּאָליטישן אַרטיקל און פירט דורך פּינקטלעך די דירעקטיוון פון צענטראַל־קאָמיטעט, ער איז באַליבט ביי דער מאַסע. אָבער... איך ווייס נישט ווי איך זאָל עס זאָגן — עפּעס קומט מיר די גאַנצע פּאַרטיי אַצינד אויס ווי הערש, ווי מיין שוועסטער פייגע, ווי אַבראַמטשיק: פּוסט און איבערפלעכלעך, אָן האַפט, אומבאַהאָלפן, אומגעלומפּערט, נאַריש, אויפגעבלאָזן, לויטער פראַזע, ליגנעריש. אַזוי ווי די פּ.פּ.ס. און אַזוי איז די גאַנצע סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַזוי אין דייטשלאַנד, אַזוי אין עסטרייך — אומעטום. מיר האָבן וועגן דעם שוין עטלעכע מאָל גערעדט. פּאַרטיי־פּאָליטיק. דאָס איז אַלץ. און דאָס ערגסטע: פּאַרראַט.

ער האָט אויף אַ ווילע איבערגעריסן און ער האָט פּלוצים אַ זאָג־געטאָן:

— מיר קומט דוד אויס פאַרדעכטיק; איך האָב דאָס שוין געזאָגט הערשן און פייגען. זיי גלייבן נישט. האַלטן דעם מיאוסן פאַרשוין פאַר אַן ערלעכן, גוטן חבר. ער פּלייסט זיך אַצינד און טוט אַלץ וואָס מען הייסט אים: קלעפּט פּלאַקאַטן, טיילט פּראָקלאַמאַציעס. און דווקא אָט־די פּלייסיקייט זיינע איז מיר פאַרדעכטיק.

יעקב האָט דעם חבר געפּרווט דערקלערן זיין חשד:

— דו האָסט דאָך דודן קיינמאָל נישט געקאָנט ליידן.

אַהרן האָט צוגעגעבן:

— דאָס איז אמת.

ביידע האָבן געשוויגן.

— און וואָס איז מיט דיר? — האָט אַהרן דאַן געפרעגט יעקבן. — זייט דו ביסט באַפרייט געוואָרן, גייסטו אַרום ווי אויף יענער וועלט. ביסט געוואָרן אַ שווייגער. איך רעד די גאַנצע צייט און דו זאָגסט גאָרנישט.

יעקב האָט געפילט אַ שטאַרקע קעלט. אַמשטאַרקסטן האָט ער די פראָסט געפילט אין די לאַנגע, שלאַבעריקע און דינע פינגער. זיי זיינען געווען ברוין און בלוי, כאָטש ער האָט די הענט געהאַלטן אין די קעשענעס פונעם אָפּגעכוימערטן פּאַלטאָנדל. דעם קאָפּ האָט ער באַהאַלטן אינעם אויפגעשטעלטן קאָלנער. די דאַרע נאָז, וואָס איז ביים שפּיץ תמיד געווען רויט, איז איצט געווען וויאָלעט. סיי די בלייענע גרויקייט פונעם הימל שוין אַ גאַנצע וואָך (איצט האָט די זון אָנגעהויבן עטוואָס אַרויסקומען פון די נידעריק־הענגענדיקע וואָלקנס), סיי די אימה אין דער שטאָט פאַרן פּאָגראָם, און סיי די גאַנצע שווערע לאַגע אין יענער צייט האָט אין יעדן זין שטאַרק געדריקט אויף זיין געמיט. ער איז טאַקע געווען ווי אויף יענער וועלט. ער האָט אַהרנען געענטפערט ווי אין חלום:

— איך ווייס טאַקע נישט, וואָס ס'טוט זיך מיט מיר. ס'וואָלט אפשר געווען ריכטיק, ווען מען וואָלט מיך געווען אויסגעשלאָסן פון דער פאַרוואַלטונג און פון דער פּאַרטיי.

אַהרן האָט זיך ווי דערפרייט:

— דאָס זעלבע האָב איך אויך שוין געטראַכט וועגן מיר.

יעקב איז געוואָרן עטוואָס לעבעדיקער:

— איך ווייס טאָקע נישט, אויב איך געהער נאָך באמת צו דערדאָזיקער פּאַר־טיי. אָבער איך קאָן אויך נישט מסכים זיין מיט טשעלקאָווסקין, מיטן קאָמוניזם.

— פאַרוואָס?

— עס זיינען דאָ אַ סך פאַרוואָסן.

— ביסט נישט פאַר אַ רעוואָלוציע?

יעקב האָט נישט געענטפערט.

— אַהרן האָט זיך אָנגעצונדן:

— איך בין פאַר דירעקטער אַקציע! אָבער מיט די קאָמוניסטן בין איך אויך נישט מסכים, פּונקט ווי דו. ווייל איך זע שוין איצט: וואָס פאַר אַ רעגירונג ס׳זאָל נישט קומען, וועט אַלץ זיין דאָס זעלבע: צוואַנג, געוואַלד. דער פּשוטער מענטש, אַזאַ ווי איך בין, וועט תמיד מוזן טאָן וואָס אַנדערע וועלן אים הייסן, זאָגן דאָס, וואָס אַנדערע וועלן אים דערלויבן. ס׳וועלן שטענדיק זיין סטאַדעס און פּאַסטוכער מיט בייטשן, און די, וועלכע שערן די וואָל. אין אַ קאָמוניסטישער מלוכה וועט אפשר די פּאַשע זיין בעסער. אַבראַמטשיק וועט זיין זייער צופרידן; ער וועט האָבן אַן אַמט; ער וועט אַכטונג געבן אויף צען, צי אויף צוואַנציק, אָדער אויף הונדערט, אַז זיי זאָלן טאָן, וואָס דער חבר קרומהאָלץ וועט אים איבערגעבן מ׳זאָל טאָן; דאָס, וואָס אַן אַנדערער, אַ העכערער, וועט איבערגעבן דעם חבר קרומהאָלץ, נאָך אַ הע־כערער דעם העכערן, אאַז״וו.

יעקב איז געווען געפּלעפט:

— ביסט געוואָרן אַן אַנאַרכיסט? איינער פון די אַמאָליקע, לייכטזיניקע אַנאַר־כיסטלעך?

מיקנשלעגער האָט פּראָטעסטירט:

— וואָס פעלט דיר איין!

— וואָס דען?

— איך ווייס נאָך דערווייל אַליין נישט.

— דאָך!

— מיר וועלן אַן אַנדערש מאָל רעדן דעריבער.

יעקב האָט אויף אַ ווײַלע זיך באַפרייט פון דער משא, וואָס האָט ווי אַ באַרג געדריקט אויף אים און געפּרוווט טיילווייז אויסגיסן זיין האַרץ:

— דער חורבן איז צו גרויס; צו שרעקלעך די קאַטאַסטראָפע; די אַלטע וועלט ליגט אין חורבן. ס׳האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. דאָך, ווען מ׳גייט אויפבויען אַן אַנדערע, אַ נייע וועלט, מוז מען נעמען די עטישע ציגל פון דער אַלטער. איך האָב וועגן דעם אַמאָל גערעדט ביי אַ פאַרזאַמלונג. איך רעד וועגן דעם אַלעמאָל. כמעט אַלע אמתן וועגן גערעכטיקייט, וועגן מענטש, וועגן גייסט און נשמה; די אַנטפּלעקונגען וועגן די אמתן, וואָס זיינען פאַר אַלע אייביקייטן און מען טאָר זיי נישט פאַרשוועכן — זיי אַלע ווערן איצט אויסגעלאַכט פון ביידע פּאַרטייען, פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער און פון דער קאָמוניסטישער, ווייל ביי זיי איז אַלץ, וואָס קומט פון רעליגיע, טריף, אַפילו דער באַגריף גאָט, ווייל ער איז פאַרוועבט

אין דער רעליגיע. מען וואַרפט מיר פאָר, אַז איך בין אַ בית־המדרשניק. איך לייקן נישט און וועל קיינמאָל נישט פאַרלייקענען דעם קוואַל, פון וועלכן איך האָב גע־טרונקען פון מיין קינדהייט אָן און בין דערפון געוואָרן דאָס, וואָס איך בין. דער, וואָס פאַרלייקנט זיין קינדהייט, זיין אָפּשטאַמונג, זיינע לערער — דער וועט שפּע־טער, ווען ס׳וועט זיך אים לוינען אָדער ווען ער וועט מוזן, פאַרלייקענען זיין היינט, זיין חבר פון נעכטן, זיין אידייע. הערש און שטשעלקאָווסקי טענהן, אַז דער מענטש האָט שוין צופיל געליטן פון גאָט. נאַרישע רייד. געליטן האָט דער מענטש פון די, וועלכע האָבן אים גענאַרט און געפּייניקט אין נאָמען פון גאָט, פון די, וועלכע האָבן גאָט נישט באַגריפן, אים מיספאַרשטאַנען. דאָס אייגענע האָבן מיר אַצינד — און ווער ווייסט אויב מיר וועלן דאָס נישט שטענדיק האָבן — אין נאָמען פון אַ מענטש, אין נאָמען פון אַ טעאָריע, אין נאָמען פון אַן אידייע. כמעט אין יעדער שטוב איז אַ צעריסנקייט צווישן די עלטערן און די קינדער, ווי ס׳איז אַזאַ אַוודאי נאָך קיינמאָל נישט געווען. נאָר אַ סך טאַטעס, אַפילו פרומע און האַלבפרומע, האָבן איצט דערפילט, אַז זיי זיינען אָפּגעריסן פונעם מקור, פון וועלכן זיי זיינען שוין לאַנג געווען אָפּגעריסן. ס׳איז מיט זיי געשען דאָס אייגענע, וואָס ס׳געשעט מיט אַ קינד, ווען ס׳כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און דערפילט, אַז ס׳האָט נישט מער אין מויל די וואָרצל פון דער מוטערס ברוסט, נאָר אַ ליידיק שטיקל גומי, וואָס ס׳האָט די גאַנצע צייט פון שלאָף געזויגן.

אַ ביטערער שמייכל פון וויטיק האָט צעריסן זיין פּנים און ער האָט ווייטער געצויגן זיין געדאַנק:

— אונדזערע סאָציאַליסטן צעטרעטן מיט די פיס נישט דאָס שטיקל גומי, נאָר די ברוסט פון דער מאַמען, וואָס האָט זיי געזויגן, צוזאַמען מיט דעם אָפּגע־נאַרטן קינד. נישט אויף די יסודות פון אייביקע אמתן גרייט מען זיך אַצינד אויפ־צובויען אַ נייע וועלט פון גערעכטיקייט, נאָר אויף וואַקלדיקע און בויגעוודיקע סלופּעס פון דיאַלעקטיק. מיטלען היילקן נישט דעם ציל, ניין; ווייל ווי די מיט־לען, אַזוי דער ציל!

מיקנשלעגער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין פריינטס לעצטע ווערטער און אויסגערופן:

— דעריבער! — נאָר דאָס וואָרט איז אים געבליבן אין מויל, ווייל ער האָט פּלוצלים דערזען דאָס געזעמל מענטשן פאַרן הויז פון זיינע עלטערן און זיך דער־שראָקן: — דער פּאָגראָם! — ער האָט גענומען לויפן. יעקב איז אים נאָכגעלאָפן:

— קום גלייך אַהין צו לאַזאַרן! — און אויך ער האָט גענומען לויפן.

3

דער שוסטער איז געזעסן אויף זיין שוסטערבענקעלע לעבן דעם נידעריקן ווערקשטעטל. אַרויסקוקנדיק אינדרויסן, האָט ער געקאָנט זען בלויז דעם שניי און די פיס פון די פאַרבייגייענדיקע מענטשן. אַזוי ווי ער האָט זיין גאַנץ לעבן געהאַט צו טאָן כמעט נאָר מיט פיס, האָט ער לויט די טריט פון פיס זיך געקאָנט משער זיין אַ סך זאַכן. נישט בלויז, צי פאַר זיין פענצטער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ

מאַנסביל צי אַ פרוי אָדער אַ קינד, וואָס מען דערקענט אָן די שיך אָדער שטיוול, נאָר לויטן גאַנג האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אויב ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגער־מאַן אָדער אַן עלטערע פרוי, צי גאָר אַ מיידל, אַ יונגערמאַן אָדער אַן עלטערער, אַן אָרעמער מענטש צי אַ רייכער, אַ גליקלעכער צי אַן אומגליקלעכער, אַ פריי־לעכער אָדער אַ טרויעריקער. נאָר איצט האָט ער דערזען אַ מאָדנע זאַך: מאַנס־בילשע פיס האָפּסען אין שניי אונטער זיין פענצטער. ער האָט זיך דערשראָקן: „דער פּאָגראָם״... ער איז אויפגעשפּרונגען און אַ צעטומלטער, ווייס ווי דער שניי אינדרויסן, געטומען אַרומלויפן איבער דער שטוב און שרייען: „דאָבע!... פייגע!... אהרן!... אָבישי!״... גראָד זיינען די גרויסע קינדער נישט געווען אין שטוב, נאָר בלויז די צוויי קליינע. דער כמעט משוגענער פון שרעק האָט אַ כאַפּ־געטאָן די צוויי קינדער אויף ביידע אָרעמס און ווייטער געשריגן: „מינדל!... זיסל!״... ער איז גע־לאָפן מיט די קינדער פון איין ווינקל צום אַנדערן, כדי זיך צו באַהאַלטן. די קינ־דער האָבן געוויינט און זיך געריסן פון פאָטערס הענט: „מאַמע!״... „ווו איז זי״? האָט איטשע געפרעגט אַ ציטערנדיקער און מיט אַ הייזעריק קול, קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן: „ווו איז די מאַמע? — ווו איז פייגע? — ווו איז אהרן״? — ער האָט מיט די צוויי קינדער זיך געלאָזט צו דער טיר און ביים אויפרייסן זי, זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אהרנען, שרייענדיק: „געוואַלד!... געוואַלד!... מ׳שעכט!... מ׳הרגעט!... מ׳קוילעט!״...

אהרנען האָט זיך קוים איינגעגעבן צו באַרויִקן דעם פאָטער און די צוויי וויינענדיקע קינדער:

— ס׳איז גאָרנישט, גאָרנישט! אין שטאָט איז שטיל!

דער שוסטער האָט נאָך אַלץ געשריגן:

— קוק אַרויס!...

אהרן האָט דערציילט דעם פאָטער:

— קלמן בלאַכערזש און מעכל פּאָליטיקער און נאָך אַזעלכע משוגעים ווי זיי, האָבן זיך צעטאַנצט פון גרויס שמחה. זיי גייען שוין קיין ארץ־ישראל... גיי אַרויס, וועסטו זען.

דער שוסטער האָט אַ כאַפּ־געטאָן אַ העלפט פון אַ קאָפּעטע, וואָס ווערט באַ־נוצט פאַר דער כאַלעווע פון שטיוול, אַ שטיק האָלץ, וואָס איז לאַנג ווי אַ מענע־רישער אָרעם, און אין כעס זיך געלאָזט צו די יידן אינדרויסן. אַרויסקומענדיק, האָט ער דערהערט ווי די יידן זינגען „עוד לא עבדה״. זיי האָבן געהאָפּסעט אינעם שניי און געזונגען. דערזעענדיק דעם שוסטער מיטן שטיק האָלץ, האָבן די יידן זיך דערשראָקן און אויפגעהערט אין מיט טאַנצן און זינגען. דער שוסטער האָט געגלאָצט מיט זיינע כמעט משוגענע אויגן אַצינד. קלמן בלאַכאַרזש האָט פּלוצים זיך משער געווען צוליב וואָס איטשע איז אַרויסגעקומען און אויסגערופן אַ באַ־גייסטערטער:

— גוט, איטשע!... ביסט אַרויסגעלאָפן וואַליען די פּאָגראָמשטשיקעס!... ווייל!... אָקעגנשטעלן זיך!... עוד לא עבדה תקותינו!... אָקעגנשטעלן זיך!... מיט אַ שטיק האָלץ! מיט אַ פּיילן! מיט אַ האַמער! מיט אַ האַק! אַ שטיק אייזן! זינגט יידן!... עוד לא עבדה תקותינו!...

אין דערזעלבער צייט האָט די פּאַרוואַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג. דער פּאַראיין איז איצט שוין געווען אין אַ פּיינער דירה, אין וועלכער ס'איז געווען אַ ביבליאָטעק, אַ לייענצימער און אַ גרויסער זאַל.

ווען ליכטענבערג איז געקומען, האָט ער דערציילט וועגן דער קאָמישער סצענע, וואָס ער האָט געזען אין גאַס פאַר איטשע שוסטערס הויז, און דאַן גע־פרעגט די חברים און אויך זיך אַליין:

— זיינען מיר יידן נישט אַ מערקווירדיק פאָלק? כמעט אַ גאַנצע וואָך שוין ציטערט מען פאַר אַ פּאָגראָם; עטלעכע טעג זיינען אַ סך יידן נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, און היינט, דווקא היינט, האָפּסעט מען אויף דער גאַס אינעם שניי און מ'זינגט „עוד לא עבדה"... אייער פּאַטער, דינהטשע, און קלמן בלאָכאַרזש, די צוויי פריילעכע קבצנים, טאַנצן... און מיר דאָ? — מיר האָבן אַ זיצונג וועגן אַ שולע און וועגן סאָציאַליזם...

מ'האָט געוואַרט אויף אַהרנען, וועלכער האָט זיך צוליב דעם זינגען און טאַנצן פון די יידן אין גאַס, עפּוואָס פאַרשפּעטיקט. דער פּחד פאַרן פּאָגראָם האָט זיך אויך דאָ געפילט, כאָטש פון די געקומענע צו דער זיצונג האָט אים קיינער נישט אַרויסגעוויזן. דער פּחד האָט אָבער אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס אויגן. דעם גרעסטן פּלאַץ האָט איצט פאַרנומען די פראַגע וועגן זעלבסטשוץ. הערש און פייגע זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל נישט באַנוצן קיין הייס געווער, נאָר קאַלטס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז שיסן קאָן פּראָוואָצירן. דערויף האָט די חברטע גרינצווייג געענטפערט מיט אַ בייסנדיקן געלעכטער:

— פּראָוואָצירן!... זיי מאַכן פּאָגראָמען און מיר, ביים פאַרטיידיקן זיך, וועלן פּראָוואָצירן... — זי האָט געפרעגט סאַרקאַסטיש: — אפשר גאָר איינגאַנצן זיך נישט אַקעגנשטעלן?...

— אַהרן איז געווען אויף איר זייט. נאָר דערווייל האָט עס נאָך נישט געהאַלטן ביי דעם פּונקט; ער איז געווען דער לעצטער. דער ערשטער פּונקט איז געווען די שולע. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע, ווייל יעקב האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע, אַז מ'זאָל אין דער שולע לערנען תנ"ך. פון חומש זאָל מען לערנען, לויט די יאָרן פון די שילער, די פּאָעטישע און מיטאָלאָגישע ערטער, די היסטאָרישע אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אין אַלע זייערע עטאַפּן, ווי לעגענ־דאַריש עס זאָל נישט אויסקומען, און די נביאים. פאַרשטייט זיך, אַז אין יידיש. ער האָט זיין מיינונג באַגרינדעט פון נאַציאָנאַלן און מער נאָך פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די יידישע נביאים, אָנהייבנדיק מיט משהן, זיינען געווען די ערשטע קעמפער פאַרן סאָציאַליזם; אַז אַברהם, דער ערשטער פון די אָבות, מיט וועמען ס'הייבט זיך אָן דאָס יידישע פאָלק, האָט אָנגע־הויבן מיט אַ קאַמף קעגן געצנדינערייי און קינדער־קרבנות. דער באַגריף פון יידישן גאָט יהוה איז געווען דער פּרוכטבאַרסטער פאַרן מענטשלעכן געדאַנק, פאַר דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן דענקען, פאַר דער פילאָזאָפיע און עטיק.

אַלע, חוץ אַהרנען, וועלכער האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו רעדן וועגן אָט־דעם פּונקט, זיינען ווידער געווען קעגן יעקבן. אַמשטאַרקסטן אָבער אַבראַמטשיק, שפּיצ־

מאַן. הערש און פייגע זיינען געווען פאַר יידישער געשיכטע, פאַר געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטערבאַוועגונג, פאַר געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. ביבל נישט, נייַן, ביבל נישט. נאָר די פראַגע פון לימודים איז סיי ווי נישט געווען גאַנץ אַקטועל אי צוליב דעם, ווייל דאָס עפענען פון די שולע איז דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן, אי דערפאַר, ווייל דער פּראָגראַם פון לערנען איז גאָר באַשטימט געוואָרן פון צענטראַלן שולקאָמיטעט אין וואַרשע; אויך דע־ריבער, ווייל עס וועט דאָ שפּעטער סיי ווי געווילט ווערן אַ שולפאַרוואַלטונג, וואָס וועט זיך שוין מיט אַלץ פאַרנעמען. מען האָט דערמאָנט די נעמען פּערעלע גאָלד־בלום און יצחק לערמאַן, די קאַנדידאַטן פאַר הויפּטלערער, און ווידער איז חברטע גרינצווייג געווען קעגן דעם אַמאָליקן פאַבריקאַנטס טאָכטער. איצט איז זי אויך שוין געווען קעגן קלמן בלאָכערזשס זון, ווייל, ווי זי איז געוווּר געוואָרן, זיינען ביידע איצט געשטאַנען נאָענט צום ציוניזם, אָדער צום פּועלי ציוניזם. ס'האָט אָבער קיינער מיט איר נישט מסכּים געווען. אַלע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ ענג־האַרציקייט, וואָס פּאַסט נישט פאַר קיין סאָציאַליסטקע, ביי וועלכער דעמאָקראַטיע דאַרף זיין פון גרעסטער וויכטיקייט. אַפילו אַהרן האָט אַצינד נישט געהאַלטן מיט איר.

דער צווייטער פּונקט איז געווען וועגן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז געעפנט גע־וואָרן נאָך אין ערשטן יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע (ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַמאָל ביי אַ זיצונג), אָבער מ'האָט דעם קאָאָפּעראַטיוו דעמאָלט נאָך אַ קורצער צייט צוריק צוגעמאַכט. פאַרוואָס? עס זיינען געווען אַ סך פאַרוואָסן: די אומפעיִקייט און אומדערפאַרנקייט פון די חברים, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען (און זיינען געווילט געוואָרן) צו פאַרוואַלטן מיטן קאָאָפּעראַטיוו; די רייסערייען צווישן זיי, ווייל יעדער האָט געוואָלט זיין דער באַלעבאָס איבער די אַנדערע און (ווי איינער דעם אַנדערן האָט פאַרגעוואָרפן) צוליב אומערלעכקייט. דער דעפיציט דערנאָך איז נישט געווען קיין זייער גרויסער, ווייל עס איז נישט געווען קיין סך געלט אַריינצולייגן. אָבער עס איז איצט נישט געווען די צייט אויף צו באַהאַנדלען אויפסניי די פראַגע וועגן אַ קאָאָפּעראַטיוו און מען האָט דעם פּונקט, באַך אַן אָפּשטימונג, אָפּגעלייגט אויף אַ צווייט מאָל. מען איז צוגעטראָטן צום דריטן פּונקט, וועלכער איז, חוץ דעם פּונקט וועגן זעלבסטשוץ, געווען דער עיקר פון דער גאַנ־צער זיצונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוטרוי און וויטערדיקן מיטאַרבעטן מיט דער רעגירונג, אָדער אַרויסטרעטן קעגן איר. אמת, דידאָזיקע פראַגע האָט דאָ נישט געקאָנט באַשלאָסן ווערן, ווייל זי האָט געהערט צום צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע; אָבער באַהאַנדלען, דאָס הייסט, רעדן וועגן דער פראַגע, האָט מען יאָ געקאָנט. זי איז דעמאָלט געווען מער ווי אַקטועל, פּשוט ברענענדיק. אַנגעזעענע פירער פון די יידישע סאָציאַליסטן זיינען דעמאָלט נישט איין מאָל, און גאַנץ שאַרף, אַרויסגעטרעטן קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און קעגן דער פּאָליטיק פון דער פּ.פּ.ס. פאַר איר אַראָפּגליטשן זיך און אַריינפאַלן אַלץ מער אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטערפּאַרטיי איז דאָך דעמאָלט געווען ראַדיקאַלער פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. דערפאַר איז זי דעמאָלט אָפּט פאַרפאָלגט געוואָרן. אַ סך יידיש־סאָציאַליסטישע צייטונגען זיינען דערשינען מיט האַלבע און גאַנצע זייטן אין ווייסן, אויסגעמעקט דורכן צענזאָר; אַ

סך צייטונגען זיינען אינגאַנצן קאָנפיסקירט אָדער סוספּענדירט געוואָרן. די מאַכט האָט געשלאָסן אַ סך יידיש־סאָציאַליסטישע פאַראייגען, פאַרבאָטן מיטינגען, אָפּגע־שטעלט אונטערנעמונגען און אַפילו אַרעסטירט מיטגלידער. קרומהאָלץ האָט רעפע־רירט וועגן דעם דריטן פּונקט, אָבער ער איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. צופיל רעכט, ווי ביז אַהער, האָט ער אַצינד נישט געקאָנט זיין; עס האָט נישט גע־טויגט. ער האָט די לינקערע געמוזט מאַכן קאָנצעסיעס אין דעם מאָמענט. מיט אַ מערהייט איז ער פונדעסטוועגן געווען זיכער. ער, פייגע און חבר שפּיצמאַן זיינען דריי. יעקב איז אַפילו נאָכן אַרעסט געבליבן דער זעלבער ווי ער איז געווען; ער איז קיין קאָמוניסט נישט געוואָרן און וועט דאָס קיינמאָל נישט ווערן; אַזוי האָט הערש געטראַכט. די איינציקע איז דינהטשע; זי איז נאָכן אַרעסט געוואָרן נאָך ראַדיקאַלער — כמעט שוין אַ קאָמוניסטקע. קרומהאָלץ איז געווען בייז אויף זיך: „געווען אַ פעלער פון מיר, וואָס איך האָב געהערט פייגען און נישט אויסגעשלאָסן דינהטשען“! ער האָט זיך ווייטער איבערגעלייגט: „אהרן וועט אפשר יאָ שטימען מיט דינהטשען, כאָטש ער סימפּאַטיזירט נישט מיטן קאָמוניזם, ווייל ער ליבט זי. יעדנפאַלס, אַפילו ווען ליכטענבערג זאָל זיך אָפּהאַלטן פון שטימען, בלייבן נאָך אַלץ דריי קעגן צוויי“. דאָס פיינלעכסטע איז אָבער פאַר קרומהאָלצן געווען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַרטיידיקן אַזעלכעס, וואָס האָט סיי־ווי נישט געהאַט קיין ממשות, ווי דאָס גיין ווייטער צוזאַמען מיט די חברים פון דער פּ.פּ.ס. אין דער שטאָט, בעת יענע, מיטן חבר יאַן בראַש, האָבן שוין לאַנג איגנאָרירט די יידישע סאָציאַליסטן, מיט אים, הערשן, צוזאַמען. דערצו איז ער געווען פּערזענ־לעך באַליידיקט און געקרענקט נאָך פון דעמאָלט, פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג אין ראַטהויז. ער האָט דאַן באַלד צומאָרגנס שריפטלעך פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ האַנדלונג; אָבער יאַן האָט אים אַפילו נישט געענטפערט.

דאָך האָט הערש, ביים רעפערירן וועגן דריטן פּונקט פונעם סדר־היום, צום גרעסטן טייל פאַרטיידיקט אַלע האַנדלונגען פון דער רעגירונג און פון דער פּוילי־שער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, באַטאָנענדיק דערביי: „כאָטש מיר זיינען נישט מסכים מיט אַלץ“. פּונקט ווי זיין חבר, דער סאָציאַליסטישער גוטבאַזיצער ביי די קריסטלעכע חברים, אַזוי האָט קרומהאָלץ איצט אָנגעוויזן אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע דאָס לאַנד געפינט זיך. ער האָט איבערגעחזרט (מיט די זעלבע ווערטער) אַלע סענטימענטאַלע פראַזן פון יאַן גנילאָווסקין: אַז דאָס פאָטערלאַנד, אויסגעצויגט און שוואַך פון דער לאַנגער קנעכטשאַפט און פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז אין גרויס געפאַר, באַדראָט פון רוסלאַנד, וואָס רייסט זיך צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים צו פאַרנעמען פּוילן. ער האָט געשילדערט דאָסזעלבע בילד פון בלוטיקן טעראָר ביי די באָלשעוויקעס, דעם הונגער און כאַאָס אין רוסלאַנד, און אַפּעלירט, אַז מ׳זאָל מיט אַלע כוחות זיך אַקעגנשטעלן אַ באָלשעוויסטישער אינוואַזיע; אַז מ׳זאָל העלפן באַוואָפנען דאָס פרייע סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד, מ׳זאָל פרייוויליק אַריינטרעטן אין מיליטער, שטיצן די רעגירונג, זיך אַקעגנשטעלן די קאָמוניסטן אינעם לאַנד ביי יעדער געלעגנהייט און מיט אַלע מיטלען.

— מען מוז זיי באַקעמפן! — האָט ער אויסגערופן.

אַלץ, וואָס קרומהאָלץ האָט געזאָגט, האָט באַדאַרפט אָנגענומען ווערן און די רעזאָלוציע האָט ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג באַדאַרפט אָפּגעשטימט ווערן. פייגע

האָט געריעדט גלייך נאָך איר הערשן וועגן די אַלע רעכט (פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג אויף יעדן געביט און קולטורעלע אויטאָנאָמיע), וואָס די יידן האָבן באַקומען. זי האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אין אַלע בייזן, וואָס אין לאַנד קומט פאָר, איז נישט שולדיק די פּ.פּ.ס., נישט די פּ.פּ.ס.־ישע מיטגלידער אין דער רעגירונג, נאָר די רעאַקציע, וואָס איז איצט, אַפילו נאָך דער מלחמה, אומעטום נאָך גענוג שטאַרק. זי האָט געבעטן צו טראַכטן אין וואָס פאַר אַ לאַגע די חברים אין דער רעגירונג געפינען זיך, ווי זיי האָבן דאָרט צו קעמפן קעגן אַ סך שונאים; אַז זיי זיינען דער איינציקער כוח, וואָס דערלאָזט נישט, אַז די רעאַקציע זאָל קריגן די מאַכט אין אירע הענט אַריין. וואָס דעמאָלט וואָלט געשען ווייסן אַלע... זי האָט איבערגעחזרט קרומהאָלצס אַלע פראַזן און אויסגעפירט, אַז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע האָבן די אַרבעטער אין פּוילן די מאַכט אין זייערע הענט, נאָר לײדער ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען. זי האָט אַפּעלירט צו די חברים נישט צו שטערן, נאָר צו שטיצן, צו העלפן מיט אַלע כוחות דער רעגירונג און אויסגערופן: „פּוילן איז אַ פריי סאָציאַליסטיש לאַנד און יעדער בירגער דאָ מוז איצט קעמפן פאַר זיין פאָטערלאַנד"!

דאָס איז געווען, ווי מען זאָגט, אייל אויפן פייער. נישט בלויז חברטע גרינצוויג, נאָר אַפילו יעקב און אַהרן זיינען אויפגעקאָכט געוואָרן. דער לעצטער האָט גלייך גענומען דאָס וואָרט, נאָך אים יעקב און דערנאָך דינהטשע. אַלע דריי האָבן מיט די זעלבע פאַקטן, וואָס האָבן ממש געשטאָכן אין די אויגן, אויפגעוויזן, ווי אַלץ, וואָס קרומהאָלץ און פייגע האָבן געזאָגט, איז פאַלש, איז פונקט פאַרקערט. „וועלכע רעכט", האָבן זיי געפרעגט, „האָבן די יידן באַקומען? מען שלאָגט, מען הרגעט, מען ראַבירט, מען שעכט! דער פּאָגראָם אין דער שטאָט קאָן זיך דאָך יעדע רגע אָנהייבן! וועלכע גלייכבאַרעכטיקונג? — דער באַיקאָט, וואָס ווערט געפרעדיקט און די רעגירונג דערלאָזט?! ווו איז אין לאַנד דאָ פרייהייט? — די צענזור און די פאַרפאָלגונגען?! אַרבעטער־פאַראיינען ווערן געשלאָסן! מען אַרעסטירט סאָציאַליסטן! אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג? — פאַרוואָס האָט זי ביי די רייכע גוטבאַזיצער נישט אַוועקגענומען די ערד און זי צעטיילט די אָרעמע פּויערן?! די פאַבריקן, די באַנקן, דער האַנדל — אַלץ געהערט דאָך ווייטער צו דער בורזשואַזיע! די אַרבעטער הונגערן מער ווי שטענדיק"!

גרינצוויג האָט דאַן גענומען רעדן ווי אַ פולשטענדיקע קאָמוניסטקע. זי האָט געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן דער פּוילישער, דייטשער, עסטרייכישער און דער קערענסקי־רעגירונג אין רוסלאַנד, און דער אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווי אַ ווולקאַן פאַרברענט אַלץ מיט זיין פייערדיקער לאַווע, אַזוי האָט דינהטשע צונישטגעמאַכט מיט די פלאַמיקע ווערטער פון איר גליִענדיקן טעמפּעראַמענט אַלץ, וואָס פייגע און הערש האָבן געזאָגט.

די אָנגעגריפענע האָבן פאַרגעסן יעדע פּאַרלאַמענטאַרישקייט און געהאַלטן אין איין איבעררייסן די רעדנער, צוערשט מיט צווישנרופן און דאַן מיט זידלערייען און געשרייען. דינהטשע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. זי האָט געהעכערט איר קול. אַהרן איז איר געקומען צו הילף. האָט אויך אַבראַמטשיק גענומען רעדן. זיין קול איז געווען העכער פון אַלעמענס. ווי אַ באַזונדערס וויכטיקן אַרגומענט, וואָס זאָל פולשטענדיק באַשטעטיקן אַלץ, וואָס קרומהאָלץ און מיקנשלעגער

האָבן געזאָגט, האָט ער געברענגט דעם פאַקט, אַז די מיליציע האָט פאַרזיכערט, אַז ס'וועט אין שטאָט קיין פּאָגראָם נישט זיין. ער האָט דערביי געפרעגט: „ווען די רעגירונג וואָלט נישט געווען קיין אונדזעריקע, אַ סאָציאַליסטישע, — וואָלט אַ ייִד געקאָנט זיין אין דער מיליציע? וואָלטן מיר געקאָנט זיין איצט פאַרזאַמלט דאָ און אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ״? נאָר דינהטשע, אַהרן און יעקב האָבן וויטיקלעך געלאַכט.

אין דעם האָט זיך געעפנט די טיר און אַלע זיינען מיט איינמאָל שטיל געוואָרן. ס'זיינען אַריינגעקומען מאָטיע קאַץ און לעמל גאַוער, די צוויי געוועזענע גנבים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.ביידע אין קורצע פּעלצלעך, אין געפּאַסטע שטיוועלעך און אין „מאַטשעיוווקעס״. (גראַנאַטענע פּיר־שפּיציקע היטלען מיט שוואַרצלאַקירטע דאַשקעס). די צוויי חברה־לייט (איצט ערלעכע האַרעפּאַשניקעס) האָבן אַ דריי־געטאָן מיט די ווייסלעכצן פון די אויגן און געמעלדעט:

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן...

5

דאָס הויז פון דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ צווישטאָקיקס פון רויטלעך־ברוינע ציגל. ערשט מיט אַ זעקס יאָר צוריק זיינען דאָרט נאָך געזעסן רוסישע באַאַמטע, אַ יאָר שפּעטער — דייטשע, און איצט — פּוילישע. אינדרויסן, פאַרן אַריינגאַנג, הענגט אַצינד דער ווייסער אָדלער. אין אַ גרויסער שטוב, וווּ עס ווערן פאַרוואַלט די ציווילע ענינים, זיצן ביי אַ גרינעם טיש דריי באַאַמטע. אין הינטערגרונט, וואָס איז דער אויבנאָן (קעגנאיבער דער אַריינגאַנגטיר), הענגען עטלעכע פּאָרטרעטן פון מענער, וואָס זיינען געווען און געבליבן פּוילנס שטאָלץ, און איבער זיי דער פּוילישער הערב. פאַרשטייט זיך, אַז דעם בכבודיקסטן פּלאַץ פאַרנעמט דער פּאָרטרעט פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. די באַאַמטע האָבן איצט נישט וואָס צו טאָן. שוין עטלעכע שעה, אַז עס קומט קיינער נישט מעלדן וועגן דער געבורט פון אַ קינד אָדער וועגן טויט פון אַ מענטש, צי בעטן אַ חתונה־דערלויבעניש, אַ פּאַס אָדער וועגן עפּעס אַנדערש. די דריי באַאַמטע שמועסן צווישן זיך, דערציילן זיך וויצן און טרייבן רכילות. צוויי פון די זיינען יונגע שקצים, איינע איז אַ מיידל אין די יאָרן און נישט קיין שיינע. זי פלירטעוועט מיט ביידע און יענע מאַכן איר נאַרישע קאָמפּלימענטן. זי טרינקט טיי מיט רום און בייסט צו פון די גוטע זאַכן: טשאַסטעס, פּאַסטעטלעך, נאַשוואַרג, וואָס זיינען פול אָנגעשטעלט אויפן טיש. די מענער טרינקען שנעפּסלעך. עס שטייען אויפן טיש דריי פלעשער משקה: ליקער, קאָניאַק און אמתער יאַמייקאַ־רום. מען טרינקט פאַרן נצחון פון פּוילישן מיליטער. דער נצחון איז נישט געווען קיין באַזונדערס גרויסער, ווייל דערווייל איז די מלחמה, וואָס פּוילן האָט דעמאָלט שוין געפירט מיט רוסלאַנד, נאָך אַלץ נישט געווען אין ריכטיקן ברען; אָבער אַ קליינער זיג פון אַן אָפּטיילונג פּוילישע אולאַנער איבער אַן אָפּטיילונג רויטאַרמייער איז געפייערט געוואָרן ווי אַ גרויסער נצחון. די דריי באַאַמטע האָבן געטרונקען פאַרן דאָזיקן נצחון, אויך פאַרן כבוד פונעם גרויסן גאַסט אין דער שטאָט און פאַרן געזונט פון

פאַן קשיוויצקי, וועלכער האָט די משקה און די צובייסעכצן צוגעשיקט מיט אַ ברייטער האַנט אַלס מתנה.

אין דער קעגנאיבערדיקער שטוב, אַ גאַר גרויסע, איז געווען די מיליציע. אַ גאַנץ נישטקשהדיקע צאָל. אָבער בלויז איינער צווישן זיי איז געווען אַ ייִד: פישל שמולעווסקי. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין די פוילישע לעגיאָנערן גלייך ווי זיי זיינען אַריין אין לאַנד, האָט געקעמפט אונטער פילסודסקיס קאָמאַנדע און איז פאַרוונדעט געוואָרן. ווי אַ באַלוינונג איז ער דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין דער מיליציע. אויך די מיליציאַניסטן האָבן איצט געטרונקען פאַרן נצחון און פאַרן געזונט פון קשיוויצקין, וועלכער האָט אויך פאַר זיי צוגעשטעלט די משקה ווי אַ מתנה. די צוויי שעפן, טשאָפּסקי און טשעמנאָווסקי, זיינען אַצינד נישט געווען אין זייערע קאַנצעלאַריעס. קאַספּער שטשעלקאָווסקי, דער סטאַרשי, איז איצט געווען דאָ דער גאַנצער נאַטשאַלניק. ס'איז געווען זייער הייס, ווייל די צוויי גרויסע קאַפּ־ליענע אויוונס זיינען פון גאַנץ פרי איינגעהייצט געוואָרן. די לופט איז געווען אַ שווערע; אָבער דער סטאַרשי האָט נישט דערלויבט צו עפענען קיין פענצטער, אַפילו קיין לופטשיק נישט. נאָך פון אינדערפרי האָבן די מיליציאַנטן באַקומען אַ באַפעל צו בלייבן אין דער וואַכשטוב. כמעט אַלע זיינען שוין געווען גוט בגילופין. אויף די לאַנגע טישן זיינען נאָך געשטאַנען גענוג נישט געעפנטע פלעשער בראָנפן און ביר. די פאַסקעס פון די מונדירן זיינען געווען אַראָפּגענומען, צעקנעפּלט, די גלאַטיק־געשוירענע קעפּ שוין שווער, די שיכורע אויגן טעמפּ און קנעכטיש. גע־רעדט האָט מען האַלב־שיכורע רייד און געקאַרזשעט אין פאַפּיראָס נאָכן אַנדערן.

בלויז דער סטאַרשי האָט געהאַט אַ קלאָרן קאָפּ. ער האָט די גאַנצע צייט כמעט נישט געטרונקען, אינגאַנצן איין גלעזל ביים אָנהייב און אַצינד ס'צווייטע: „אויפן געזונט פאַר פאַן קשיוויצקי“.

אַלע האָבן געענטפערט:

— ניעך זשיע!

— פאַרוואָס טרינקט איר נישט, פאַן שמולעווסקי? — האָט דער סטאַרשי געפרעגט.

דער ייִדישער מיליציאַנט האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, אַז דער סטאַרשי און די אַנדערע קאָלעגן זאָלן נישט דערקענען, וואָס אין זיין נשמה טוט זיך. ביים מיליטער און אויפן פראָנט האָט ער זיך אויסגעלערנט בלייבן קאַלטבלוטיק אין יעדער סיטואַציע. ער האָט צוזאַמענגעקלאַפּט די אַפּצאַסן פון די שטיוול און גע־דאַנקט דעם סטאַרשי:

— איך האָב פריִער געטרונקען פאַרן פאָטערלאַנד און פאַרן נצחון פון אונ־דזערע וואָפן. מער וויל איך נישט. דזשענקויע.

ווידער האָט ער דעם סטאַרשי דערמאָנט, אַז פון 4 אַזייגער אָן האָט ער דינסט אין גאַס און געוואָלט גיין נעמען זיין ביקס, וואָס איז געשטאַנען צווישן די אַנדערע ביקסן אינעם געשטעל. נאָר דער סטאַרשי האָט אויף אים אַ הוק געטאָן:

— דאָ בלייב! איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז היינט האָט איר נישט קיין דינסט אינדרויסן!

די האַלב־שיכורע מיליציאַנטן ביי די צוויי צונויפגעשטעלטע לאַנגע טישן האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק און נישט הערנדיק און ווייטער געטרונקען. אָבער

עס האָבן זיך פלוצים דערטראָגן ווילדע קולות און פייפערייען. דער ייִדישער מי־ליציאַנט איז בלאָס געוואָרן. מיט אַ ציטערדיקן קול האָט ער געזאָגט:

— דער פּאָגראָם... ער האָט געמאַכט אַ שריט צו די ביקסן. אָבער דער סטאַר־שי האָט ווידער אַ הוק געטאָן:

— דאָ בלייבן!

6

אין דעם לאַנגן און ברייטן דורכגאַנג פון קלמן בלאַכערזשס חורבה און הינטער דער גרויסער קיך, וואָס זעט־אויס ווי אַ פאַרצייטישער מזבח, ליגן באַהאַלטן צע־שראָקענע ייִדן: מענער, פרויען און קינדער. פון זייערע אויגן קוקט אַרויס וואַנזין. אַלע צוזאַמענגעשטופּטע הינטער דעם באַרג ציגל און שטיינער, אַש און סאַזשע. עס ציטערן ביי די זיי די אינגעווײדן אין די בייכער; עס וואַרפן זיך אין פּחד זייערע הערצער און עס טרייסלען זיך ביי זיי די הענט און די פיס. קאַלטע, ווייסע ליפּן מורמלען „שמע ישראל“... די שטענדיקע תהילים־זאָגער בעטן: „שמע אלוהים קולי בשיחי מפּחד“... זקנים און זקנות קרעכצן: „רבונו של עולם אין הימל“... די קליינע קינדער קוקן פאַרחידושטע. די מאַמעס דריקן זיי אין די אָרעמס צו זייערע בריסטן און מיט די שטייפע און ציטערנדיקע הענט האַלטן זיי צו די מײַלעכלעך פון די גאָר קליינינקע, זיי זאָלן נישט קאָנען וויינען אָדער שרייען. ווייל עמיץ זיך באַוועגן, זיינען די אַנדערע גרייט אים (אָדער זי) דורס צו זיין.

איבער די שמאָלע און ענגע געסלעך אין דער ייִדישער געגנט לויפן צעמישט און פאַרצווייפלט ייִדן מיט פרויען און קינדער. זיי זוכן אַ קעלער, אַ בוידעם, אַ לאָך ערגעץ זיך צו באַהאַלטן. עס פליען זיי אַקעגן שטיינער און טרעפן זיי אין פּנים, אין דער ברוסט, אין בויך, אין פּלייצע. גויִים יאָגן זיי נאָך. די מייסטע פּאָגראָמשטשיקעס זיינען יונגע שקצים פון דער שטאָט, אויך פּויערים פון די דערפער אַרום. שיקסעס און גויעס טראָגן זעק און פּלאַכטעס צו ראַבעווען דאָס ייִדישע האָב און גוטס. שרעקלעכע געשרייען און געוואָלדן פון די פאַרפאַלגטע, ווילד־פריילעכע פון די צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס פאַרפאַלגן זייערע קרבנות מיט שטעקנס, מיט שטיקער אייזן, מיט דרענגער און מיט שטיינער. אַלעמאָל אַ געבראָזג פון שויבן, וואָס ווערן אויסגעהאַקט אין ייִדישע הייזער. כּור־ליגאַנעס האָבן פון גרשון ווֶעבערס קאָמער אַרויסגעשלעפּט שטיקער פון דער וועבשטול, פון וועלכער זיי האָבן אינדרויסן צעבראָכן און צעטראָסקעט די שטיקער אויף קליינע פּיצלעך. דער אומגליקלעכער וועבער, אַ צעבלוטיקטער, בעט זיך ביי די רוצחים, זיי זאָלן אַלץ נעמען, אַלץ וואָס זיי ווילן, נאָר די וועבשטול זאָלן זיי אים איבערלאָזן. זאָלן זיי ליבער אים דערהרגענען. ער רייסט זיך מיט זיי, בכדי צו ראַטעווען ווייניקסטנס די טיילן, וואָס זיינען נאָך גאַנץ, אָבער זיי האָבן אים אַנידערגעוואָרפן און שלאָגן אים מיט די שטיקער האָלץ פון דער וועבשטול. זיין פרוי און צירעלע, דאָס איינציקע קינד, האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם שווינד־זיכטיקן, כדי אים צו שיצן, און גערופן פאַרצווייפלטע נאָך הילף.

די חברים פון זעלבסטשוץ, צווישן זיי: הערש, פייגע, יעקב, אַבראַמאָוויטש, דינהטשע, אַהרן, מאַטיע קאַץ און לעמל גאָוער; באַלעגאָלעס, טרעגערס, קצבים, בעקער־יונגען, שלאָסערס, שוסטערס און אַנדערע באַלמעלאָכעס, אויך עטלעכע

בירגערלעכע אינטעליגענטן מיט יצחק לערמאַנען בראש, געטיילטע אין גרופּעס און אַ סך פון זיי שוין גוט צעקיילטע און צעבלוטיקטע, אַלע באַוואָפנטע מיט שטי־קער אייזן און דרענגער און אַנדערע ענלעכע מינים געווער, זיינען אָנגעקומען פון פאַרשידענע ריכטונגען. דער רוב פון די פּאָגראָמשטשיקעס האָט גענומען אַנטלויפן, נאָר איין באַנדע, אָנגעפירט פון סטאָך דעם קיילער־שגץ, האָט מיט אַ צעהירזשעטן געלעכטער פון זייערע שיכורע גאָרגלען, פאַרפירט אַ קאַמף מיט איין אַפּטייל פונעם זעלבסטשוץ. דאָ איז אָנגעלאָפן מאַטעוס מיט אַן אויפגעהויבענעם לאַנגן הובעל און אים אַראָפּגעלאָזט סטאַכן איבערן קאָפּ. דער שגץ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך באַגאָסן מיט בלוט. נאָר פונקט ווי דעמאָלט ביינאַכט מיט די שמוגלער אין וואַלד האָט ער פון אַ כאַליעווע אַרויסגעצויגן אַ לאַנג מעסער און עס אַריינ־געשטאָכן דעם אַלטן סטאָליאַר אין דער ברוסט. אָבער אין דער זעלבער רגע איז אָנגעקומען יוזשעק מיט זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, און מיט אַ שאָס פונעם בראונינג אָוועקגעלייגט זיין פאַטערס מערדער.

שפּעטער איז אָנגעקומען דער סטאַרשי מיט אַן אָפּטייל מיליציע און געטראָפן צוויי דערמאָרדעטע מענטשן. די זון איז פונקט אונטערגעגאַנגען. זי האָט פון מעריב־האָריזאָנט באַשיינט דאָס בלוט אויפן ווייסן שניי. די שוואַרצע קראָען זיינען ווילד אַרומגעפלויגן און האָבן שרעקלעך געקראַקעט.

פערטער טייל

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

אַ קליינע פּויזע

1

אמת, דאָס שלעכטע, ווי דאָס גוטע, געדויערט נישט אייביק. קיין שום זאַך בלייבט נישט שטענדיק אין זעלבן צושטאַנד. אַ סך מאָל אָבער גלייבט דער מענטש, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוטע צייט; אינדעראמתן גרייט זיך דעמאָלט גאָר נאָך אַן ערגערע ווי די, וואָס איז געווען.

דער שווערער ווינטער איז אַוועק. ביי די ייִדן אין דער שטאָט איז אויסגעקומען, אַז זייערע צרות האָבן נאָכן פּאָגראָם אויפגעהערט. אין דער ערב־פּרילינג־לופט האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צוריקקריגן עטוואָס האָפענונג. סיי מאַטעוס שטשעלקאָווסקי, דעם גאַרבאַטן סטאָלאַרזש, וועלכער איז געפאַלן ווי אַ העלד ביים איינשטעלן זיין לעבן פאַר די ייִדן אינעם פּאָגראָם, און סיי דעם מערדער זייענעם, דער חזיר־קיילער סטאַך באַדילאָ —ביידע האָט מען באַגראָבן שטילערהייט. די רעאַקציאָנערן אין דער שטאָט מיט קשיוויצקין בראָש האָבן זייער נאַציאָנאַלן „העלד", דעם חזיר־קיילער, געוואָלט מאַכן אַ גרויסע לוויה; ביידע פּאָליציי־שעפן, טשאַפּסקי און טשעמנאָווסקי, האָבן אָבער דידאָזיקע גרויסע פּאַטריאָטן אָפּגערעדט דערפון און עס זיי פאַרבאָטן, ווייל זיי האָבן אויך דעם אַנדערן צד, די סאָציאַליסטן, נישט דערלויבט צו מאַכן אַ גרויס וועזן פון זייער מת. יוזשעק שטשעלקאָווסקי איז פאַרן דערשיסן דעם מערדער פון זיין פאָטער נישט אַרעסטירט געוואָרן. די פּאָליציי האָט דעם פּראָטאָקאָל אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז אינעם באַדויערלעכן „אינצידענט", אין וועלכן עס זיינען צום גרויסן אומגליק אומגעקומען צוויי מענטשן, איז שולדיק געווען בלויז די טרויעריק־צעטרודערטע צייט. אַזויערנאָך איז אַלץ פאַרדעקט געוואָרן, ווי עס ווערן צוגעדושעט די פלאַמען פון אַן אונטערגעלייגטער שריפה. אָבער דאָס פייער לאָזט מען טלִיען. דאָך, דעם רויך, הגם שטאַרק פאַרקלענערט, קאָן מען זען.

2

ס׳איז געווען דער ערשטער לינדער טאָג. ווי באַפרייטע פון תפיסה האָבן די אָרעמע קינדער זיך אַרויסגעריסן פון זייערע קאַלטע, פייכטע און שטיקנדיקע

היימען, פון וועלכע זיי האָבן אין די שטאַרקע ווינטערפראָסט נישט געקאָנט אַרויס־גיין. גליקלעכע, כמעט שיכורע פון פרייד, האָבן זיי ווי יונגע ציגעלעך געהאָצקעט און געפּילדערט אין די שמאָלע און ענגע געסלעך, האָבן זיך געלאָזט אויפן מאַרק־פּלאַץ, אויפן ברייטן שליאַך — זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זייער קינדעריש גליק און יונגער ענערגיע. ווי כראַבאַנדזשעס האָבן זיי אַרומגעזשומעט, האָבן אַרומגעפלאַטערט ווי שמעטערלינגען. אַ באַזונדער גליק זיינען פאַר זיי געווען די ריטשקעס און די וואַסערן, וואָס זיינען יעדן טאָג געוואָרן גרעסער פונעם צע־גייענדיקן שניי. חברה קליינוואַרג, צוזאַמען מיט גרויסע קונדסים, האָבן געהאַט אַ פיין לעבן: זיי האָבן געגראָבן קאַנאַלן פאַרן וואַסער, ס׳זאָל אַפּפליסן צום טייך הינטער דער שטאָט, דאַן האָבן זיי די פליסנדיקע שטראָמען פאַרשטעלט דעם וועג מיט „דאַמבעס״ פון שטיינער און בלאָטע, כדי צו האָבן אַ גרויסן „ים״, אויף וועלכן עס זאָלן גיין „שיפן״ קיין אַמעריקע...

געווען זיינען עס צומייסטנס יינגלעך. צווישן זיי: קלמן בלאַכערזשעס אַ פערטל טוץ בנים, אביש איטשע שוסטערס, עוזר ר׳ יאָסל פוקסמאַנס זינדל, יאָסקע און לייבל, גרוינעם מלמדס צוויי יינגלעך, נח אברהם שניידערס, און אַפילו דער ערנס־טער און פאַרחלומטער בנימין, דעם קראַנקן סופרס ליבלינג. ער איז מיטגעגאַנגען מיט מאירלען, זיין קליינעם ברודער, כלומרשט אַכטונג צו געבן אויף אים. בערקע פעצער און אַשרל לעקעך זיינען ווי שטענדיק געווען די אָנפירער און דער שוואַר־צער גאָדל, בערל פאַרבערס יאַט, זייער „אַדיוטאַנט״ אַצינד. גאָדל האָט ביים בויען די „קאַנאַלן״ און די „דאַמבעס״ אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע בריהשקייט פון אַן „אינ־זשיניער״. ער האָט געאַרבעט זייער פלייסיק. דאַקעגן האָט עוזר געוואָלט בלויז אַרומקאָמאַנדירן און אַליין גאָרנישט טאָן. גאָר קליינע זיינען אַרומגעשפּרונגען אין די וואַסערן און אין די בלאָטעס, האָבן זיך באַשפּריצט פון אונטן ביז אַרויף, זיינען געוואָרן פּיטש נאַס און אויסגעשמירט מיט בלאָטע. ביי די עטלעכע מיידלעך, צווישן זיי די קרענקלעכע און טרויעריקע צירעלע, גרשון וועבערס נאָך איינציק קינד, האָט דאָס וואַסער געטריפט פון די צעפּלעך. זיי האָבן זיך קאַפּויערגעהויבן די קליידלעך ביז איבער די קני׳ען; אָבער זיי האָבן נישט צוגעהאָלפן זייערע „מאַנצ־בילישע״ חברים אַרבעטן, נאָר האָבן זיך געפּליעסקעט אין וואַסער.

טייל מיט שטיקלעך בלעך, טייל מיט רידלס, אַנדערע מיט די בלויזע הענט, האָבן געמאַכט אַ גרויסן „ים״ אינמיטן מאַרק. און פלוצים — שקצים און שיקסעס שטייען אַרום די יידישע יינגלעך און מיידלעך! אמת, יענע זיינען נישט געווען עלטער פון זיי; דאָך האָבן די יידישע, חוץ בערקע פעצער, אַשרל לעקעך און דער שוואַרצער גאָדל, מורא געקריגן פאַר דער גויאישער באַנדע, ווי שעפּסן דערשרעקן זיך פאַר וועלף.

איינער פון די שקצים האָט געזאָגט:

— נו, פאַרכעס... מ׳האָט אייך נישט אויסגעקוילעט... איר האָט אייך באַהאַלטן; ביי אַ צווייטן מאָל אָבער...

די צעשראָקענע, מיט עוזרן בראש, האָבן גענומען אַנטלויפן. חברה שקצים און שיקסעס האָבן זיך צעלאַכט און נאָכגעשריגן די אַנטלויפנדיקע: „אַפּגעשניטע־נע״! זיי האָבן זיך שוין אַפילו געגרייט זיי, די פּחדנים, נאָכצוואַרפן שטיינער; נאָר בערקע פעצער האָט איינעם פון די שקצים, דעם אָנפירער פון דער באַנדע, אַראָפּ־

געלאָזט אַ פּאַטש און די גאַנצע לאַגע האָט זיך געענדערט. אשרל לעקעך, גאָדל, יאָסקע און אַפילו בנימין האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן שונא. די באַנדע האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן. די ייִדישע „גבורים" האָבן טריומפירט: „האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף צוציקעס!... האָבן שוין פאַרגעסן, ווי מ'האָט זיך אָקעגנ־געשטעלט אין פּאָגראָם און די באַנדיטן געקיילט!"... די אַנטלאָפענע פּחדנים זיינען צוריקגעקומען. עוזר האָט פון בערקען געכאַפּט אַ זעץ, ווייל יענער האָט דער ער־שטער גענומען אַנטלויפן. בנימין האָט עוזרן אויסגעמוסרט; יאָסקע, ווי אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער העלד, האָט אָפּגעחוזקט פון דעם צעקראַכענעם רייכן זינדל, מאַכנדיק אים פאַרן סימבאָל פון דער בורזשואַזיע: „אָט אַזוי זיינען זיי"!

ווידער האָבן אַלע זיך גענומען צו דער אַרבעט. די „דאַמבע" איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן אויסגעבויט. אויך האָבן די שקצים, ביים אַנטלויפן, אַנגעמאַכט עטלעכע שאָדנס אין דעם געמויער.

יאָסקע האָט גערופן:

— דאַ־אַהער, חברים! אַלע דאַ־אַהער!

— וואָס איז? — דער שוואַרצער גאָדל איז געבליבן קיל און געלאַסן.

יאָסקע האָט געוויזן:

— צ'זעט? אַז מ'וועט דאָ דורכשניידן, וועט דאָס וואַסער פון אומעטום נעמען רינען אַהער. פּונקט אַזוי איז אַ רעוואָלוציע; מ'שניידט דורך דאָס ריכטיקע אָרט, גייט די גאַנצע מאַכט איבער צום פּראָלעטאַריאַט...

קליינוואַרג האָט געקוקט מיט גרויס אינטערעס, ווי יאָסקע מאַכט די „רעוואָ־לוציע". ער האָט געגראָבן מיט אַלע כוחות, אַז דער שווייס איז אַזש גערונען פון אים. ווען חברה האָט דערזען, אַז יאָסקע איז גערעכט, האָט זי אים גענומען העלפן. דאָס לעצטע שטיק ערד האָט דאָס וואַסער אַליין שוין דורכגעריסן און מיט אַ ווילדקייט גענומען שארווען טאַקע פון אַלע זייטן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד: „דער ים הגדול!... דער אוקינוס"... יאָסקע האָט געקוקט מיט נצחון. דער קליינער לייבל איז געווען שטאָלץ אויף זיין גרויסן ברודער. איצט האָבן אַלע שוין געגלייבט יאָסקען, וואָס ער האָט זיי אַמאָל דערציילט, אַז הערש, זיין עלטסטער ברודער, דער באַרימטער סאָציאַליסט, האָט אין 1905 געהאָלפן מאַכן די רעוואָלוציע און אַליין, מיט אייגענע הענט, אַוועקגעלייגט אַ הונדערט זשאַנדאַרן, גובערנאַטאָרס און מי־ניסטאָרן; ער האָט געשאָסן און געוואָרפן באָמבעס. בלויז די „סקעפּטיקער", צווישן זיי דער שוואַרצער גאָדל, האָבן נאָך ווייטער נישט אַלץ געגלייבט יאָסקען.

דערווייל איז דער „ים" געוואָרן אַלץ גרעסער. קליינוואַרג האָט אַרומגעהאָפּ־סעט אין וואַסער. צוויי גאָר קליינע זיינען שיער דערטרונקען געוואָרן. צירעלע האָט זיך געלאָזט לויפן זיי ראַטעווען. דער שוואַרצער גאָדל, יאָסקע און אַנדערע נאָך איר. דערנאָך האָט בערקע פּעצער מקיים־פּסק געווען די געראַטעוועטע. „סראַ־לעקעס", האָט ער אויף זיי געשריגן. צירעלע, מיט נאָך עטלעכע פון אירע חברטעס, האָבן אַרומגענומען די צוויי נאַסע, וויינענדיקע פּיצעלעך. עטלעכע קונדסים האָבן געלאָזט שווימען זייערע שיך אויפן „ים" און געיובלט: „שיפן!... זיי גייען קיין אַמעריקע"... אַנדערע האָבן אויפגעהאַנגען זייערע לאַכעס אויף שטעקנס, די שטעקנס אַוועקגעשטעלט אין מיטן וואַסער און געליאַרעמט: „מיר האָבן איינגענומען דעם ים!"... גאָר חברה האָט אויפסניי זיך גענומען צו דער אַרבעט, צום בויען אַ בריק

איבערן ים און אַ פּעסטונג אינמיטן וואַסער. ערשט ווען זיי זיינען מיד געוואָרן, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. בלויז דאָס רעדן האָט נישט אויפגעהערט. און אָט האָבן זיי דערזען אַ קאַץ, אַ געלע, אַלטע קאַץ, אַ פליכעוואַטע, מיט אַ גרויסן קאָפּ און האַלב פאַרזשמורעטע, שוין טריפנדיקע אויגן, מיט אַ לאַנגן און דיקן עק. פּלוצים האָט זי דערפילט אַ סכנה. זי האָט אויפגעריסן די גרויגרינע אויגן און גענומען קוקן. דאַן האָט זי זיך אַ דרייאויס־געטאָן און געוואָלט לויפן צוריק. נאָר ווידער האָט זי פאַרגעסן די ריכטונג און דער אינסטינקט זיך צו ראַטעווען האָט שוין נישט געטוג שנעל פונקציאָנירט. זי איז ווידער געקראָכן מיט פוילע, אַלטע טריט.

די יינגען האָבן די קאַץ נישט אָפּגעלאָזט פון אויג, באַזונדערס דער צעיוי־רענער אָדער צעמאַזשעטער עוזר. ער איז אַצינד מיט איינמאָל געוואָרן זייער לעבעדיק און גערופן: „פּס־ס־סט!... נישט רירן זיך!... זי איז דעם גלחס!"... עטלעכע יאַטן האָבן געשריגן: „זי איז נישט דעם גלחס"! נאָר עוזר האָט זיי נישט געהערט. אויסגעצויגן אויף אַלע פיר — איז ער געקראָכן לייכט און פלינק ווי אַ חיה. אַנ־דערע יינגען האָבן געטון דאָס זעלבע. די קאַץ האָט ווידער דערפילט די סכנה, איצט שוין אַ סך שאַרפער ווי פריער. איר אַלטער, צו פעטער און אָפּגעלאָזענער גוף האָט זיך איצט אַ ציי־אויס־געטאָן. מיטאַמאָל איז זי געוואָרן שלאַנק און עלאַס־טיש. זי האָט פאַרדרייט דעם עק אַרויף און די אויגן האָבן גענומען בליצן מיט זייער פאַספאָר. דאַן האָט זי גענומען לויפן. זי האָט אָבער גלייך דערזען, אַז דער וועג פאַר איר איז פאַרשטעלט און זיך אַ נעם־געטאָן רעכטס. אָבער אויך רעכטס איז דער וועג געווען אָפּגעשניטן. האָט זי זיך אַ נעם געטאָן לינקס. נאָר דאָ איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן און זי האָט געהאַט פאַר זיך בלויז איין וועג: אין וואַסער אַריין. די פאַרפאַלגטע חיה האָט געקוקט, געזוכט (מער מיטן אינסטינקט אַצינד ווי מיט די אויגן) עפּעס אַן אויסוועג. זי האָט זיך ווידער אַלאַז־געטאָן רעכטס. איז איר אַקעגנגעפלויגן אַ שטיין. דער שטיין האָט אַנגערירט בלויז די רעכטע זייט פון איר האַלדז. זי האָט זיך פלינק אַ קירעווע געטאָן לינקס. דאָ האָט אַ צווייטער שטיין געטראָפן דעם שפּיץ פון איר עק. עטלעכע רגעס — און שוין זיינען די יינגען לעבן איר. דעם שפרונג, וואָס זי האָט געוואָלט מאַכן, האָט זי מער נישט געקאָנט אויספירן: עוזר, מיט קאַלטע פייערלעך אין די אויגן און ס'פּנים בלאַס, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביים קאַרק. ער האָט די פעל אַזוי שטייף צוזאַמענגעצויגן ביים האַלדז, אַז די קאַץ האָט אַזש אַרויסגעשטעקט דאָס ראָזע לאַנגע צינגל. די פיר פיסלעך האָבן זיך געצאַפּלט אין דער לופט. די שאַרפע נעגל האָבן געזוכט אַן עפּעס זיך אָנצוכאַפּן.

בנימין, יאַסקע, צירעלע און אַנדערע האָבן געשריגן:

— לאָז אָפּ די קאַץ! ס'איז אַ צער בעל חיים!

אָבער עוזר האָט קיינעם נישט געהערט און דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש געטאָן אַזאַ זעץ אינעם וואַסער אַריין, אַז עס איז באַלד אונטערגעגאַנגען. עטלעכע מאָל איז זי נאָך קאַפּוירגעשוומען, האָט אַרויסגעשטעקט די צווי פאָדערשטע לאַפּקעס, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. בלויז קרייזן האָבן זיך נאָך באַוויזן איבערן וואַסער.

אַ שטומע שטילקייט. ערשט נאָך עטלעכע מינוט האָט עוזר איבערגעריסן די שטילקייט:

— זי איז געווען דעם גלחס קאַץ!...
די עטלעכע פון פריִער האָבן זיך געהאַלטן ביי ס׳זייעריקע:
— ניין, נישט דעם גלחס!
בערקע האָט געפרעגט איינגעהאַלטן:
— און אַז דעם גלחס?
עוזר האָט געענטפערט:
— האָט מע זי באַדאַרפט דערטרינקען!
עטלעכע האָבן געהאַלטן מיט אים. פעצער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין:
— פאַרוואָס?
— נקמה אינעם גלח פאַרן פאַגראָם!
בערקע האָט געחוזקט:
— אַ שיינע נקמה...
צירעלע, נאָך בלאַסער ווי שטענדיק, האָט געכליפּעט:
— גזלנים! גאָטס אַן אומשולדיק באַשעפעניש דערטרינקט מע אין וואַסער! — זי האָט אַזוי געשלוכצט, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסוויינען פון זיך איר קינדעריש צעווייטיקט האַרץ. זי האָט אָנגענומען באַן די הענטלעך די צווייִ געראַטעוועטע קינ־דער פון וואַסער־אַרויס און גערופן די אַנדערע, די גאַר קליינע: — קומט קינדער, קומט אַוועק פון דאַנען! מיר וועלן מיט אַזעלכע גזלנים נישט מער זיין צוזאַמען!
כמעט אַלע, חוץ עוזר, האָבן זיך געפילט זייער שולדיק און זיך געשעמט פאַר צירעלען.

3

איבערן הימל האָבן זיך צעשטעלט „סטאַדעס ווייסע שעפּסעלעך". ביים „ים" אינמיטן מאַרק זיינען איבערגעבליבן בלויז די גרעסערע יינגלעך. אַ קורצע צייט זיינען זיי נאָך געווען באַקלעמט פון דעם אָפּגעטועגעם פאַרברעכן. דאַן אָבער האָבן כמעט אַלע זיך געפלייסט צו דערמאַנען אַן פריילעכע זאַכן, צו דערציילן לוסטיקע מעשיות און געלאַכט. ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך מיטיק. יאָסקע איז אויפגעשפּרונגען און געזאָגט:
— מיר איז קאַלט, כ׳גיי אַהיים.
נאָר חברה האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן:
— האָסט מורא פאַרן טאַטן, ער זאָל דיך נישט שלאָגן, ווייל דו ביסט שוין צו לאַנג אַוועק פון דער היים; מוזט וויגן ס׳קינד פון דיין שטיפמאַמען
יאָסקע האָט געלייקנט:
— ס׳איז ליגן! דער טאַטע שלאָגט מיך נישט מער, זינט...
— זינט דו האָסט אים צוריקגעשלאָגן; מיר ווייסן שוין...
יאָסקע איז רויט געוואָרן פון כעס. ער האָט אַליין געוואָלט דערציילן און זיך באַרימען, אַז ער האָט צוריקגעשלאָגן דעם טאַטן. נאָר מאירל האָט דאָס שוין געהאַט אויסגעפּלוישט. יאָסקע האָט אים דערפאַר אָנגעדרייט די אויערן. דאַן האָט ער העלדיש אויסגערופן:

— יעך פאַלג שוין לאַנג נישט מיין טאַטן! מיין שטיפמאַמע קאָן מיר... פאַר־וואָס זאָל איך זיי פאָלגן? זיי גיבן מיר נישט קיין עסן.

עטלעכע האָבן געפרעגט:

— ווער דען גיט דיר?

יאַסקע האָט געענטפערט:

— מיין ברודער הערש! ער גיט אַלעמען צו עסן! יעך אַליין פאַרדין אויך, האָב מיר תמיד פאַרדינט מיין עסן! נאָך פאַר דער מלחמה בינעך געווען אַ בעלפער ביים טאַטן: כ׳בין געגאַנגען ברענגען די קינדער אין חדר אַריין, כ׳האָב זיי געבערענגט עסן.

— און ווען דו ביסט געווען גאָר קליין? — האָט אים בנימין געפרעגט פאַר יאַסקען האָבן געענטפערט אַנדערע:

— דעמאָלט האָט ער דאָך נאָך גאָרנישט געקאָנט טאָן!

אָשר לעקעך האָט דערצו מוסיף געווען:

— אפשר האָט ער שוין געזאָלט פאַרדינען אין דער מאַמעס בויך און ביים געבוירן ווערן באַצאָלן דעם טאַטן פאַרן מאַכן אים?

בנימין און נאָך עטלעכע זיינען רויט געוואָרן. דער רעשט האָט זיך צעכיכקעט, באַזונדערס עוזר. ער איז מיטאַמאָל ווידער לעבעדיק געוואָרן, ווי ביים דערזען די קאַץ. ער האָט באַקומען גלאַנציקע אויגן און גענומען רעדן נבול־פּה. עטלעכע פון דער חברה, צווישן זיי בערקע פעצער און אָשרל לעקעך, האָבן אים צוגעהאָלפן. נאָר יאַסקע איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיטן אויסגיסן זיין האַרץ אויף די על־טערן און ווידער אָנגעהויבן:

— ביים פּאָגראָם האָט דער טאַטע געכאַפּט דאָס ווייב זיינס מיטן אָנגעבלאָזענעם בויך, מיך מיט לייבלען, און זיך באַהאַלטן הינטער קלמן בלאַכערזשס גרוי־סער קיך אין דורכגאַנג־הויז. מיין ברודער הערש אָבער האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ און ווי אַ העלד געקעמפט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס! דאָס איז עפּעס אַנדערש ווי באַהאַלטן זיך הינטער אַ קיך אָדער אויף אַ בוידעם, צי אין אַ קעלער!...

נו, האָט איינער נאָכן אַנדערן גענומען אויסגיסן זיין האַרץ אויפן פאָטער. איינער האָט דערציילט:

— ווען ס׳איז געווען די מלחמה, האָט אַ קאָזאַק געכאַפּט מיין טאַטן אין מיטן מאַרק און געוואָלט געלט פון אים. דער קאָזאַק האָט אים געשלאָגן; מיין טאַטע אָבער האָט אים געקושט די הענט. יעך בין פונקט אָנגעקומען און בין אַרויף אויפן קאָזאַק. כ׳האָב אים גענומען בויקערן איבערן קאָפּ און ווו כ׳האָב נאָר געקענט. דער קאָזאַק האָט מיך געוואָלט דערהרגענען. האָט דער טאַטע מיך גענומען שלאָגן.

אַ צווייטער האָט דערציילט אַן אַנדערע מעשה:

— ווען מ׳האָט געטריבן, האָבן זעלנער אויפן וועג געכאַפּט מיין מאַמען און זיך אַרויפגעלייגט אויף איר. יעך ווייס וואָס זיי האָבן געטאָן... אָבער מיין טאַטע האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר איר. ער איז גאָר אַנטלאָפן, מ׳זאָל אים נישט שלאָגן.

אַ דריטער האָט זיך צעכיכקעט:

— מיין טאַטע האָט געשיקט די מאַמען צום קאָמענדאַנט נאָך אַ קאָנצעסיע און זי געהייסן זיך אַריינלייגן פאַרנט אַ קישעלע, ס׳זאָל אויסקומען העכער...

נאָכן דערציילן דיזאָזיקע מעשיות האָבן אָבער אַ סך פון די ייִנגלעך זיך

דערפילט ווי מיטאַמאָל געוואָרענע יתומים. האָט יאַסקע זיך אַ שטעל געטאָן אין אַ פּאַזע און געפרעגט:

— וואָס איז אַ טאַטע? מיין ברודער הערש זאָגט, אַז עס זיינען דאָ בלויז צוויי קלאַסן: עקספּלו... אַ... טאַטערס און עקספּלו... אַ... טאַטירטע. ווייטער גאָר־נישט. מיר מוזן ווערן סאָציאַליסטן, ווייל מיר זיינען די עקספּלו... אַ... טאַטירטע!

צווישן דער קליינער חברה האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע ווי צווישן גרויסע: זיי האָבן זיך געהיצט און איינער דעם אַנדערן האָט געוואָלט איבערשפּאָרן. בלויז עוזר האָט זיך געלאַנגווייליקט. ער האָט געטאָן אַ הויכן געניץ, איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— מיין ברודער ראובן איז אויך אַ סאָציאַליסט; אָבער ער האַלט נישט פון דער גאַנצער זאַך. ער האָט דאָס אַליין געזאָגט אינדערהיים. און מיין טאַטע זאָגט, אַז די קבצנים, ווייל זיי וויסן נישט ווי אַזוי רייך צו ווערן, ווילן זיי מאַכן אַ רעוואָלוציע. רעוואָלוציע... מ׳וועט זיי שוין ווייזן, וואָס עס הייסט אַ רעוואָלוציע!...

בערקע פעצער האָט דאָס היטל אַראָפּגערוקט ביז אין די אויגן אַריין, איז צוגעגאַנגען צו עוזרן און אים געפרעגט ווי אין אַ פאַרשלאָפענעם טאָן:

— ווער וועט זיי ווייזן? און וואָס וועט מע זיי ווייזן?

און נאָך איידער דער צעיוירענער האָט אים געקאָנט ענטפערן, האָט אים בערקע אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז ר׳איז אַזש אַ פּאַל־געטאָן צו דער ערד. גלייך זיינען צוגעקומען אַשרל, דער שוואַרצער גאָדל און נאָך עטלעכע. אַלע האָבן זיך געוואָלט נעמען צום נגידס זינדל. נאָר בערקע האָט זיי נישט געלאָזט.

— כ׳דאַרף נישט קיין העלפערס, — האָט ער אַ געשריי געטאָן. אויפגעשטעלט דעם אַנידערגעפאַלענעם און אים ווידער דערלאַנגט. דערביי האָט ער אים דער־קלערט: — דאָס איז פאַר דערטרינקען די קאַץ! גיבור מיינער; האָט זיך נוקם געווען אין גלח... ווען ס׳איז געווען דער פּאָגראָם האָט ער זיך באַהאַלטן מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען און מיטן גרויסן סאָציאַליסט, דעם וואָרשעווער פּאַצעט. גיי! מער זאָלסטו דיך צווישן אונדז נישט ווייזן!

ווען דער יונג איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער זיך גענומען צו יאַסקען:

— רעד ווייטער! נאָר מאַך דיך נישט פאַר קיין העלד און פאַר קיין חכם! וואָס האָבן די אַלטע געקאָנט טאָן אין פּאָגראָם אָדער אויפן וועג קעגן ווילדע קאָזאַקן? זיך אַקעגנשטעלן? אַלטע ייִדן, האָבן קיינמאָל קיין קלאַפּ נישט געגעבן.

אַ סך פון דער חברה האָבן פּראָטעסטירט:

— אונדז אָבער שלאָגן זיי...

דער שוואַרצער גאָדל האָט זיך אַריינגעמישט:

— אַזוי זיינען זיי און אַזוי וועלן זיי שוין בלייבן. מיך הונגערט. כ׳וואָלט איצט געגעסן... טרעפטס וואָס? אַ שטיקל פעטן הערינג מיט געבייטלט ברויט.

ס׳איז געוואָרן אַ געלעכטער:

— וואָס דעם ציגיינער קאָן איינפאַלן...

צו פאַרגעסן דעם הונגער, וואָס האָט אַלעמען געמאַטערט, האָט מען ווידער גענימען רעדן וועגן די היימען, וועגן די עלטערן, נאָר אַצינד גאַנץ אַנדערש שוין ווי פריִער. אַ סך האָבן זיך גאָר גענומען רימען דערמיט, וואָס זיי האָבן צוגעהאָלפן זייערע עלטערן צו פּרנסה, ווי זיי האָבן ביי די דייטשן פאַרדינט געלט און עס

אוועקגעגעבן דעם טאַטן אָדער דער מאַמען. נח האָט זיך געגרויסט מיט זיין גיין מיטן פאָטער אין די דערפער האַנדלען און אַצינד אים העלפן ביי שניידעריי. ביים דערמאָנען זיך אָן דער פאַרגאַנגענהייט האָבן עטלעכע זיך דערינערט אָן חדר. נאָר דאָ האָט יאָסקע ווידער גענומען דאָס וואָרט:

— ס'וועט באַלד זיין אויס חדר! ס'וועלן זיין שולן. מיין ברודער הערש...

אַבישל, בנימין, נח, קלמן בלאַכערזש פערטל טוץ און נאָך אַנדערע, האָבן געליאַרעמט:

— שוין ווידער נאָר זיין ברודער! און מיין ברודער? און מיין ברודער?

ס'האָט יעדער גענומען אויסרעכענען די העלדישקייט פון זיין ברודער אָדער שוועסטער פאַרן סאָציאַליזם, זיך געפלייסט איבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן אין באַרימעריי און געענדיקט:

— יעך וועל אויך ווערן אַ ציצאַליסט! יעך וועל גיין אין דער שולע אַריין, וואָס וועט זיך עפענען נאָך פסח! יעך אויך! יעך אויך!

יאָסקע איז געוואָרן גאָר האָפערדיק און האָט פאַרזיכערט:

— ס'וועט שוין נישט לאַנג געדויערן, וועט מע מאַכן אַ רעוואָלוציע! נישט בלויז הי, נאָר אין דער גאַנצער וועלט! דעם גלח הי וועט מען... צ'ווייסט שוין וואָס כ'מיין... אַזוי אַלע, די גאַנצע שוואַרצע קליקע, און די בורזשואַזיע: פאַן קשיוויצקין, פאַניע בערנפעלן — אַלע קאַפּיטאַליסטן. אויף באַריקאַדן וועט מען קעמפן! דערנאָך וועלן מיר נישט זיין קיין אָרעמעלייט! נישט הערינג מיט געביילטלט ברויט וועט מע עסן, נאָר געבראָטענע גענדז! אַן אַרבעטער וועט גיין אָנגעטאָן ווי אַ פּריץ, וועט זיין אַ פּריץ! ער וועט גאָרנישט דאַרפן אַרבעטן, אַלץ וועט טאָן די מאַשין! אַזוי זאָגט מיין ברודער הערש!

אַז יאָסקע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט בערקע פעצער באַפוילן:

— אַצינד רעד דו, בנימין! דו שוויגסט מיר צופיל. זאָג עפּעס וועגן דיין ברודער יעקב! יעך האָב געהערט, אַז ער גייט מיט אַן אַנדערן וועג, און קיינער פאַרשטייט אים נישט. דערקלער אונדז!

יאָסקע האָט אויסגערופן:

— זיין ברודער יעקב איז גאָר קיין סאָציאַליסט נישט! ער איז אַ בעל־דרשן! אַזוי זאָגט מיין ברודער הערש!

בנימין האָט געוואָלט פאַרטיידיקן זיין ברודער און אויפקלערן יענעמס וועג. חברה איז געווען גרייט אים אויסצוהערן, כאָטש דער הונגער האָט זיי געקראַצט אין די געדערים און די נאַכט האָט פלוצים גענומען צופאַלן. נאָר פון ערגעץ (נאָך גאַנץ ווייט) האָבן זיך דערטראָגן קולות און זיי זיינען געקומען אַלץ נענטער. דער שוואַרצער גאָדל האָט אויסגערופן:

— דאָס זיינען די זעלבע שקצים! זיי קומען ווידער אַהער!

— גוט, — האָט בערקע פעצער געזאָגט, — אַצינד עמער זיי אָבער געבן... חברה!...

אַ מחנה שקצים, מיט רידלס און שטעקנס איבער די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן געטראָגן ביקסן, האָבן פילדערנדיקע מאַרשירט און דערביי געזונגען אָרדינערע זעלנערישע לידער. זיי זיינען נאָכגעלאָפן אַ זיך שלענגענדיק וואַסער, וואָס איז געקומען אַלץ נענטער צום „ים" אינמיטן מאַרק. די חברה ידישע יאַטן האָבן זיך

אַנגעשטויסן: „די שקאָצים האָבן געעפנט דעם „ים״, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און קערעווען דאָס וואַסער אַהער, ס'זאָל פאַרקומען אַ פאַרפלייצונג! אַזוי איז טאַקע גע־ווען. אָבער ווען דאָס איז געשען, האָט צווישן ביידע מחנות קודם־כל אויסגעבראָכן אַ גרויסע פרייד, וואָס דאָס ספּעקטאַקל האָט אַרויסגערופן. דאַן האָבן די רעדל־פירער פון ביידע זייטן זיך גענומען מעסטן מיט עזותדיקע און צאָרנדיקע בליקן, גרייטנדיק זיך צום געשלעג. דאָ האָט בנימין, אין זעלבן מאָמענט, ווען די „דאַמבע״ איז איינגעפאַלן און דאָס וואַסער האָט גענומען פלייצן באַרג־אַראָפּ צו דער יידישער געגנט, אַ רוף־געטאָן:

— כלאַפּצי! חברים! פריינט! דאָס וואַסער קירעווען צום טייך!

איינער פון די „שונאים״ האָט באַפוילן:

— זשיוואָ! מיט די רידלעס! אַלע צוזאַמען!

אַלע האָבן געאַרבעט פּאַראייניקט און דעם שטראָם געקירעוועט צום טייך הינטער דער שטאָט. דער וועג איז געווען אַ משופּעדיקער. דאָס וואַסער האָט אָבער צוערשט פאַרפלייצט דאָס בית־עולם פון די געפאַלענע זעלנער אין דער מלחמה. דער שטראָם, נישט זייער קיין זויבערער, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַרן צוים פון שטעכלדראָט. פון לעבער אַרויס, וואָס זיינען געווען אין קברים, האָבן גענומען שפּרינגען עכברים, גרויסע ווי יונגע קעצלעך. ווילד זיינען זיי געלאָפן אַהין־און־אַהער און זיינען געשפּרונגען פון איין קבר צום צווייטן. די יונגען און די שקצים האָבן געלאַכט.

עטלעכע שטערן האָבן שוין געשיינט.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

מען גרייט זיך צום פּסח

1

די זון האָט שוין מחיהדיק געוואַרעמט. די יידן און די קריסטן האָבן זיך געגרייט צום פּסח. פאַר די ערשטע איז פּסח אַ יום־טוב פון באַפרייאונג: זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון קנעכטשאַפט אין מצרים. פאַר די צווייטע — אַ גרויסע חגא, ווייל יעזוס, זייער דערלייזער, איז נאָכן קרייציקן אויפגעשטאַנען תחית־המתים. משה האָט פון באַרג סיני די יידן געגעבן די עשרת הדברות, גאָטס תּורה; יעזוס האָט די קריסטן געגעבן אַ תורה פון זעלבן גאָט, נאָר אויף אַן אַנדער באַרג. און ביידע, משה און יעזוס, זיינען געקומען פון פאָלק ישראל און האָבן זיך גע־ווענדט צום זעלבן פאָלק.

די יידן האָבן געוואַשן, געשייערט און געכשרט זייערע כלים, די האָלצערנע טישן און בענק, האָבן געראַמט און געפּוצט; די קריסטן האָבן געטאָן דאָס זעלבע: זיי האָבן געוואַשן, געריייניקט, געראַמט און געפּוצט. ביידע האָבן געאַרבעט אָדער בלויז געקאָלכט זייערע וווינונגען. ביידע האָבן געבאַקן: די יידן — מצות; די קריסטן — קוכנס.

דאָס וואַסער פונעם צעגאַנגענעם שניי און פון די רעגנס איז אָפּגעשווומען. די שטאָט האָט איצט אויסגעזען זויבער; די קאַשטאַן־ביימער און די ליפּעס אין און הינטער דער שטאָט האָבן געגומען שטרעקן זייערע צווייגן צום אָנהייב־פרי־לינגדיקן הימל און צו דער שטראַלנדיקער זון. די ביימער האָבן זיך שוין גענומען אָנפּילן מיטן זאַפט פון דער געעפנטער ערד, מיט נײַ לעבן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אויף די צווייגן אין חנעוודיקע ברוינלעכגרינע קנאָספּעלעך. דער מעשענער צלם אויפן קאַשטשיאָל־טורעם האָט זיך צעפינקלט, אַן אָפּגעגאָסענער מיטן גאָלד פון דער זון, אַ געטובלטער אינעם גלאַנץ פון די שטראַלן. די הייליקע מאַריאַ איבערן גרויסן מויער פונעם אַריינגאַנג אין דער קירך האָט געקניט פאַר קריסטוסן אין אירע הערלעכע, פרישגעפאַרבטע, רויטע און בלויע געוואַנדער און ווייסע טיולן. איר יונג פּנים איז ווי נאָך צאַרטער און מילדער געוואָרן צוליב איר פרומער צנועותדיקייט. דער קאָפּ געזונקען, די ווייסע איידעלע הענט אַריבערגע־לייגט איבער דער ברוסט — האָט זי בלחש מתפלל געווען צו גאָט פון דערבאַרע־מונג, צו גאָט פון מחילה וסליחה. דאָס צוריק־אויפגעבויטע בית־המדרש אין דער ײִדישער געגנט האָט זיך עניוותדיק געפרייט מיטן נײַעם דאַך, נײַע טירן־פענצטער און געדאַנקט דעם אייביקן באַשעפער פאַר זײַן גרויסן חסד. ווידער זײַנען די פייגל אַרומגעפלויגן, האָבן געצוויטשערט און געטרילערט; זיי האָבן געזונגען שירה צו דער צוריקקערנדיקער וואַרעמקייט און גרינקייט. די זיך געעפנטע פעלדער האָבן שוין גענומען אַרויסווייזן סימנים, אַז אין זייער טראַכט האָט דער פאַרזייטער זאָמען פון האַרבסט זיך אָנגענומען.

די צײַטונגען אָבער זײַנען געווען פול מיט נײַעס וועגן דער מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד, וואָס האָט מיטן אָנקומען פונעם פרילינג זיך אָנגעהויבן צע־פלאַקערן. דאָך האָבן די שלעכטע נײַעס נישט אָפּגעשטעלט דאָס גרייטן זיך פון די ײִדן צו זייער יום־טוב פון דערלייזונג פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים און פון די קריסטן צו זייער חגא צוליבן אויפשטיין פון קבר פון זייער דערלייזער יעזוס קריסטוס.

2

פאַר קלמן בלאַכערזשס חורבה, אין וועלכער ער האָט זיך צוריק ווי־עס־איז אויסגעבויט אַ שטוב צום וווינען, זײַנען איצט ווידער געשטאַנען ווייבער, ווי דע־מאָלט נאָכן צוריקקערן פון צווייטן מאָל זײַן היימלאָז. אויף דער גרויסער פאַר־צײַטישער קיך אין לאַנגן דורכגאַנג־הויז האָט ווידער געברענט אַ פײַער און טעפּ וואַסער האָבן זיך ווידער געקאָכט. נאָר אַצינד האָבן די ווייבער באַדאַרפט דאָס וואַסער אויף צו כשרן זייערע זאַכן פאַרן פּסח. די קופּקעס פאַרדרייט, די פאַר־שליאַכטעטע ספּאָדניצעס פאַרקאַטשעט — אַזוי זײַנען זיי געשטאַנען און האָבן געעאַר־בעט ביים וואַשן און שײַערן, נישט אויפהערנדיק דערבײַ איין רגע צו רעדן. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט ביי בערנפעלן, וויאַזוי מ׳העלפט דאָרט די אָרעמעלײַט; זיי האָבן דערבײַ געזיפצט און געשאָלטן מיט טויטע קללות דעם נגיד מיט זײַנע זינדלעך, באַזונדערס ברוכן און נחמנען, מירעלעס מאַן, דעם גרויסן מאַכער דאָרט. זיי האָבן גערעדט וועגן פּאַלעסטינע, וועגן די „ציצעליסטן“,

און דער עיקר וועגן די זינדיקע אין דער שטאָט. דערביי זיינען זייערע דערשלאָגענע פּנימער אויפגעלעבט געוואָרן.

רחל קלמנס האָט געאַרבעט פאַר דריי און דערביי געשיינט פון פרייד. זי האָט אַלע'מאָל צוגעגאָסן וואַסער צו די טעפּ, אונטערגעלייגט האָלץ, ס'פייער זאָל נישט אָפּגיין, צעשאַרט כמעט מיט די בלויזע פינגער די גליִענדיקע גלאָוונעס און געבלאָזן מיט די פליישיקע ליפּן, ס'זאָל ווערן אַ גרעסערער פלאַם.

— ווי האַלט איר, ברײנע? — האָט זי געפרעגט שמואל סאַדאָווניקס פרוי, אַן עלטערע ייִדענע, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער שווערער אַרבעט. זי איז צו איר צוגעגאַנגען, האָט איר אַרויסגענומען דעם וויעכיטש פון האַנט און געזאָגט: — לאָזט, כ'וועל אייך העלפן. נישט מער דאָ די יונגע כוחות פון אַמאָל, העי?

די אַלטע האָט זיך געקלאָגט אויף איר ביטער מזל:

— אַז ס'קומט די נאַכט איז גאָר ביטער, כ'קאָן קיין אויג נישט צוטאָן. זומער שלאָפעך אין סאָד. דאָרט האָבעך אין דער בויד געגוג לופט. אין דעם לאָך אָבער, ווו כ'ווין איצט, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, איז ערגער ווי אין אַ חזיר־שטאַל. סי דען אַ חידוש? עלף מענטשן! יעך מיט מיין מאַן און אונדזער חנהטשע, די מוזינקע, זיינען דריי; קאַפּל מיטן ווייב און פיר קינדער — זיינען שוין ניין; און דאָס יונגע פּאָרפאָלק, וואָס האָט דעם פאַר פּורים חתונה־געהאַט און וויל זיך שוין גטן...

מעכל פאָליטיקערס ווייב האָט טריִומפירט:

— אַזוי זעען אויס די היינטיקע ליבעס...

די בליאַכערקע האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט:

— היינטיקע, נעכטיקע; מיט ליבעס איז תמיד אַזוי אויסגעגאַנגען.

דעם פאָליטיקערס ווייב האָט נישט מסכים געווען:

— אַמאָל איז דאָך געווען אַנדערש; אַמאָל... — איר פּנים האָט זיך צעשטראַלט און זי האָט מיטן קניפּיק געגומען קראַצן דאָס פעסל מיט מער פלייס און ברען. דערביי האָט זי דערציילט: — ציפּע... צ'ווייסט דאָך ווער מען כ'מיין... וועלכע די קאַזאַקן און די זעלנער... זי טראָגט אַצינד; נישט פון דער פאַרגוואַלטיקונג מיט פינף יאָר צוריק... פון הערשן, פון גרויבעם מלמדס זון; אַזוי זאָגט מען, אין דער גאַנצער שטאָט ווייסט מען עס שוין. אָבער חתונה האָבן וועט הערש מיט דער „חברטע" זיינער, מיט פייגען, איטשע שוסטערס טאָכטער; ער פירט זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג מיט איר.

די ווייבער האָבן זיך גענומען פאַסמאַקעווען מיט דעם שטיקל נייעס. נאָר די בלאַכערקע האָט זיך אריינגעמישט:

— מע טאָר אַזעלכעס נישט רעדן, ס'איז נישט שיין!

איטע, אַברהם שניידערס פרוי, האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו, יאָ... ס'גאַנצע ייִדישע לעבן איז רעכמאָנצלאָן... נישטאָ מער אין דער גאַנצער שטאָט קיין איין אָרנטלעך ייִדיש מיידל; אַלץ די דייטשן...

די ווייבער האָבן מסכים געווען:

— די מלחמה האָט צעשטערט ס'גאַנצע ייִדישע לעבן, האָט אַ סוף געמאַכט צו ייִדישקייט!

די מייסטע זיינען דאַדורך געוואָרן אַפּהענטיק: דאָס שייערן, קראַצן און וואַשן — דאָס כשרן אויף פּסח — איז זיי אויסגעקומען נוצלאָז. זיי האָבן ווייטער געטאָן זייער אַרבעט, אָבער אָן חשק, אויטאָמאַטיש. באַלד האָבן זיך ביי טייל די הענט אינגאַנצן שוין אַראָפּגעלאָזט. די בליאַכערקע אָבער האָט נישט דערלאָזט צו קיין יאוש:

— נו, גאָט וועט העלפן. מיר זיינען שוין איבערגעקומען אַ סך ערגערע צרות — עמער די אויך אויסהאַלטן. ס'וועלן ווידער קומען בעסערע צייטן. אָט איז אין שטאָט דאָך שוין אַנדערש, בעסער ווי ס'איז געווען פאַר 5 יאָר, נישט היינט גע־דאַכט. מ'האָט איבערגעלעבט אויך דעם פּאָגראָם. דער באַשעפער אין הימל האָט אונדז תמיד געהאָלפן; ער האָט אונדז אויסגעלייזט פון מצרים און וועט אונדז אויסלייזן פון אַלע צרות, פון אַלע קנעכטשאַפטן און אַלע פיינט!

די אַלטע ברײנע האָט אויסגערופן:

— גאָלדענע ווערטער! אַזוי איז'ס טאַקע! יעדן זע עס דאָך ביי מיר אַליין. די גאַנצע 5 יאָר, זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָמער קיין סאָד מער נישט געהאַלטן; דאָס יאָר — צו דאַנקען און צו לויבן זיין ליבן נאָמען — עמער ווידער האָבן אַ סאָד. מיין מאַן האָט שוין געדונגען.

די ווייבער האָבן ווידער, מיט עטוואָס מער חשק און מוט, זיך גענומען צו דער אַרבעט; זיי האָבן ווייטער געשקראָבעט מיט די קניפּעקעס די אַלטע קלאָגעס און געכשרט די ניי־געקויפטע זאַכן. זיי האָבן געריבן מיט די וויעכעטשעס, אייג־געטונקטע אין זאַמד, די האָלצערנע בענקלעך, די טישן, פעסלעך, לאָקשנברעטלעך און וואַלגערהעלצער, ווייקשעפלעך און זאַלצברעטלעך. די גאָר פרומע האָבן באַ־זונדערס מדקדק געווען, אַז עס זאָל חס־ושלום נישט איבערבלייבן ערגעץ אין אַ שפּאַרעלע אַ סימן פון חמץ. דערנאָך האָבן זיי ערשט מיט קאָכעדיק וואַסער און גליִענדיקע אייזנס און קיזלשטיינער די אַלע זאַכן געכשרט.

3

פאַר בערנפעלס הויז זיינען געשטאַנען יידן, מענער און פרויען, און געוואַרט, ביז ס'וועט זיך עפענען די טיר פונעם קאָמיטעט. אינגאַנצן איז געווען נאָך איין וואָך צו פּסח און די אָרעמע מענטשן האָבן נאָך גאָרנישט געהאַט אויף יום־טוב: נישט קיין מצות, נישט קיין וויין, נישט קיין שמאַלץ, נישט קיין אייער, אַפילו נישט קיין בוריקעס און קאַרטאָפליעס. ס'איז געווען שוין נישט פרי, אָבער די טיר איז נאָך אַלץ געווען צו. זיינען די מענטשן געשטאַנען, געוואַרט און געוואַרט, און דערווייל גערעדט, געשמועסט. איין ייד האָט דערציילט:

— כ'האָב אים אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן!...

— װעמען?

— דעם סאַמעראָדנעם!... כ'האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס איז ער... אויף יעדן פינגער אַ גאָלדענעם סיגנעט, אַזוי גראָב ווי די העלפט פון מיין קליינעם פינגער, מיט אַ ברילִיאַנט ווי אַ גרויסע צוקעראַרבעס!... ווען ער איז אָנגעקומען פון דער

באַן, אין אַ קאַטש מיט גומענע רעדער, האָט דער קוטשער אים נאָכגעטראָגן צוויי גרויסע לעדערנע וואַליזעס!...

— אַוודאי פול מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרס!...

***

„פון 9 ביז 4". אַזוי שטייט אָנגעשריבן אויפן צעטל, וואָס איז מיט פיר נעגעלעך צוגעקלאַפּט אינדרויסן צו דער טיר. די אָרעמע מענטשן קומען אַ סך פריִער, אָבער זיי וואַרטן ביז 10, אויך ביז 11.

בערנפעל זיצט נאָך ביים טיש און עסט פרישטיק. רבקה איז אָנגעטאָן אין אַ נייעם קלייד, געמאַכט אין וואַרשע לויט דער לעצטער מאָדע, אין לאַקשיך, וואָס קוועטשן און ברענען איר די פיס, אין אַ קאָרסעט, פעסט איינגעצויגן, אַז זי פּרייכט אַזש ווי זי וואָלט געהאַט אַסטמע, און באַהאַנגען מיט צירונג. דער מאַן, באַזונדערס אָבער בעלאַ, האָבן ביי איר געפּועלט, אַז זי זאָל גיין שענער אָנגעטאָן.

— דו מוסט דיך האַלטן, מאַמע!... — די טאָכטער האָט איר געגעבן צו פאַר־שטיין: — דו ביסט מאַדאַם בערנפעל... — זי נעמט איצט שוין מער צוקער צו דער טיי און שניידט זיך אָפּ נאָך אַ שטיקל און נאָך אַ שטיקל „באבע"; דער מאַן און די טעכטער פירן מיט איר אַ קאַמף, זי זאָל אויסטאָן דאָס שייטל; נאָר רבקה וויל זיי דערוויַיל דאָס נישט צוליב־טאָן.

בערנפעל האָט זיך כמעט אינגאַנצן געענדערט זינט דער קאָמיטעט איז ביי אים. פון דער באָרד איז שוין גאָר ווייניק איבערגעבליבן. בעלאַ פאַרלאַנגט אָבער פון טאַטן, אַז ער זאָל דאָס לעצטע פּיצל אויך פּטור ווערן, כדי אויסצוזען אינגאַנצן ווי אַ פּאָליאַק.

— ווען די היגע יידן, — האָט זי ביים פרישטיק געטענהט, — זאָלן נישט גיין אָנגעטאָן אין זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס און אין משונהדיקע היטלען און נישט טראָגן אַזעלכע „בראָדזשינעס"; ווען זיי זאָלן נישט וועלן נאָך אַלץ אויסזען ווי אַזיאַטן, נאָר ווי פּאָליאַקן, ווי קריסטן, ווי מענטשן, וואָלט מען אויף זיי נישט גע־מאַכט קיין פּאָגראָמען. אין פּוילן מוז מען זיין אַ פּאָליאַק, אין פראַנקרייך אַ פראַנ־צויז. מיסטער גרין און מיסטער סילווערסטין זיינען אַמעריקאַנער און זעען אויס ווי אַמעריקאַנער. אויך דעם נאָמען מוז מען ענדערן.

העליאַ איז פון נאָכן פּאָגראָם אָן געוואָרן אַ גרויסע שווייגערן. די עלטערן, די ברידער און די שוועסטער — אַלע האָבן געזען די ענדערונג, וואָס אין איר איז פאָרגעקומען. די מוטער האָט שוין עטלעכע מאָל געפרעגט די טאָכטער, וואָס מיט איר איז געשען; אָבער אַ ריכטיקן ענטפער האָט פון איר קיינער נישט גע־קאָנט אַרויסקריגן. העלענאַ האָט פון יוצא וועגן יעדעס מאָל געזאָגט: „מיר איז גאָרנישט". נאָר בעלאַס רייד אַצינד האָבן זי אויפגעקאַכט און זי איז אויפגע־שפּרונגען:

— וואָס הייסט, מ'וואָלט אויף זיי נישט געמאַכט קיין פּאָגראָמען? און דו ביסט טאַקע אַזאַ נאַר און גלייבסט, אַז ווען די יידן זאָלן זיך אין פּוילן פאַרשטעלן פאַר פּאָליאַקן, ווי זיי פאַרשטעלן זיך אין דייטשלאַנד פאַר דייטשן, אין פראַנקרייך פאַר פראַנצויזן, אאַז"וו, וועט אַלץ זיין ווויל און גוט? די קריסטן וועלן אונדז דאַן אָנהייבן ליב האָבן מיט זייער קריסטלעכער ליבע? — זי האָט זיך ביטער צע־

לאַכט: — מיר זיינען אַזיאַטן... אַז מיר וועלן ווערן ווי זיי, וועלן מיר ויין פיינע מענטשן...

בערנפעל האָט אין זיין טאָכטערס רייד געפילט אַ באַשולדיקונג אויף קעגן אים. ער האָט פון אַ שטיקל צייט אָן געליטן. האָט דער פּאָגראָם געווירקט אויף אים? איז עס געווען דערפאַר, ווייל כעליאַ, זיין ליבלינג, איז נאָכן באַפרייט ווערן פון דער תפיסה מער נישט אַהיימגעקומען, נאָר ווינט שוין מיט דעם מויערער־שגיץ און ער קאָן קעגן דעם גאַרנישט טאָן? אָדער איז עס גאָר, ווייל די געשעפטן זיינע גייען אין דער לעצטער צייט נישט אַזוי גוט, און אינעם קאָמיטעט — כאָטש ער איז כמעט דער גאַנצער באַלעבאָס — פילט ער דאָך, אַז ער איז בלויז אַן אַנגעשטעלטער? ס׳איז אַלץ צוזאַמען. בעת העלענאַ האָט גערעדט, האָט ער אַלעמאָל געכאַפּט אַ בליק אויף איר. ווען זי האָט אויפגעהערט רעדן, האָט ער גענומען קוקן אויפן פּאָרטרעט פון ד״ר הערצל, וואָס איז איצט געהאָנגען אויף דער אויבנאָנדיקער וואַנט.

ברוך האָט פאַרשטאַנען דעם פאָטערס קוקן אויפן פּאָרטרעט און געזאָגט:

— העלענאַ איז גערעכט. — ער האָט ביי דער געלעגנהייט גענומען רעדן וועגן ציוניזם. דערנאָך האָט ער דער שוועסטער געגעבן אַ פּעקל בילעטן פון פאַרשידענע קאָלירן און פרייזן און זי געפרעגט:

— דו ווייסט וואָס דאָס איז? בילעטן צו דער פייערונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע דעם חול־המועד. דער דריי־יעריקער יובילעום וועט געפייערט ווערן מיט אַ שטיקל פאַרשפּעטיקונג. אָבער פריִער האָט מען נישט געקאָנט. איך האָף, אַז דו וועסט פאַרקויפן אַ סך בילעטן. ס׳וועט זיין אַ שיינער פּראָגראַם. דו באַטייליקסט דיך אויך, דיין נאָמען איז דאָ אינעם פּראָגראַם. דו וועסט דעקלאַמירן עפּעס. איך האָב עס דיר ביז איצט נישט געזאָגט, ווייל... נו, דו פאַרשטייסט שוין... נעמסטו אָן?

העלענאַ איז אויפגעשפּרונגען; פון פרייד און באַגייסטערונג איז איר דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין, און נישט איבערלייגנדיק געענטפערט פון פולן האַרץ:

— כ׳נעם אָן!

— דו וועסט אַריינטרעטן אין „החלוץ״! — האָט דער ברודער באַשטימט פאַר זיין שוועסטער, און ביידע האָבן זיך צעקושט.

רבקה האָט פון גרויס נחת זיך שיער צעוויינט:

— הינדע איז אַ טייערע יידישע טאָכטער! אויך חיהלע!

ברוך האָט אַ געשריי געטאָן:

— וועגן איר רעד נישט, מאַמע!

בעלאַ און אויך נאָטע האָבן מסכים געווען: „מ׳זאָל מער איר נאָמען נישט דערמאָנען״! נאָר בעלאַ האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי ס׳איריקע, אַז אין פוילן דאַרפן די יידן ווערן פּאָליאַקן און גענומען חוזקן: „פּאַלעסטינאַ... אַ יידישע מלוכה״... דערויף האָט ברוך איר געגעבן אַ גאָב און זיך געוואָלט אַריינלאָזן מיט איר אין אַ דיסקוסיע. נאָר דער פאָטער האָט אים געהייסן אַריינגיין צו זיין אַרבעט אין קאָמיטעט:

— עס איז צייט, — האָט ער געזאָגט צום זון.

אין אַ שמאָלן קאָרידאָר זיינען ביי די ווענט געשטאַנען לאַנגע הילצערנע בענק. די מייסטע פון די וואַרטנדיקע האָבן אָבער געמוזט שטיין צוזאַמענגע־קוועטשטע און עס האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען נאָך. די ענגשאַפט איז געוואָרן אַלץ גרעסער, די לופט אַלץ שווערער. בלויז איין פענצטער איז געווען. עמיץ האָט עס געוואָלט עפענען, אָבער נחמן האָט נישט געלאָזט. ער האָט אויף יענעם אָנגע־שריגן: „ס׳פענצטער מוז בלייבן צו!״ מירעלעס מאַן האָט אַצינד אויסגעזען גאַנץ אַנדערש ווי ביי זיך אין דער רעסטאָראַציע, אָדער ווי דעמאָלט, ווען ער איז פאַרן פאָגראָם געקומען מיט דער דעלעגאַציע צו בערנפעלן לטובת הכלל און אין איין וועגס גערעדט וועגן קאָמיטעט. ער גייט איצט אָנגעטאָן אין אַ ניי געהאַקט קאַפּאָט־קעלע, אַ קירצערס ווי אַמאָל, אַ מער פאַצעטישס. דאָס טוכענע היטעלע מיטן ני־דעריקן דענקעלע האָט אַ שמאָל טאַשמעלע פאַרנט. ער שטייט פאַר דער שוועל פון דער פאַרמאַכטער טיר, וועלכע פירט צו ברוכן און טוט אַכטונג, אַז ס׳זאָל דאָרט קיינער נישט אַריינגיין פריִער, איידער ער וועט אויסרופן זיין נאָמען. דאָס איז זיין הויפּטאַרבעט. אַז ס׳האָט ווער קיין געדולד נישט אַזוי לאַנג צו וואַרטן, פרעגט ער אים: „ווער האָט נאָך אייך געשיקט״? ער גיט דעם מענטש אַ גוטע עצה: „איר מוזט נישט וואַרטן, איר קאָנט גיין״. זיין קליינע האַנט שפּילט מיט דער לאַנגער און דיקער גאָלדענער קייט איבערן שפּיציקן בייכל. אייגנטלעך וואָלט ער געוואָלט זען ווי שפּעט ס׳איז, אָבער ער טוט עס נישט; ער ווייסט אַז דאָס טויג נישט: די אומגעדולדיקע הייבן אָן ווערן נאָך אומגעדולדיקער.

דער עולם האָט צוערשט גערעדט און געטומלט אינאיינעם. דערנאָך האָבן די מענטשן זיך צעטיילט אין גרופּעס: שוסטערס מיט שוסטערס, שניידערס מיט שניידערס — לויטן פאַך און יחוס פון פאַך. באַלעגאָלעס מיט טרעגער, למשל, האָבן זיך נאָך ווי עס איז געמישט, אָבער נישט, צום ביישפּיל, אַ זייגערמאַכער מיט אַ שמיד. די, וועלכע האָבן אַמאָל געהאַט קרעמלעך, אָדער האָבן אויף אַן אַנדער אופן (נאָר נישט פון אַרבעט) געצויגן זייער פּרנסה, האָבן זיך געהאַלטן פאַר העכער פון די באַלמעלאָכעס, און זיך מיט זיי נישט געמישט אַפילו דאָ. די אָרעמקייט און די נויט האָט זיי טאַקע אַלע געמאַכט פאַר גלייכע בעטלער, אַלע וואַרטן זיי צוזאַמען אויף אַ נדבה, אַלע זיינען זיי איצט שנאָרער; דאָך איז יעדער באַזונדער ביי זיך גרויס. אויך די ווייבער — אָפּגערוקט ווי ווייט מעגלעך פון די מענער — האָבן זיך געהאַלטן אין גרופּעס און גרופּקעלעך לויטן יחוס. נאָר פאַרביטערט זיינען אַלע געווען. די צייטונגען האָבן געשריבן (און נישט אויפגעהערט צו שרייבן), אַז אַלע יידן, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה, וועלן צוריק אויפגעריכט ווערן: די באַל־מעלאָכעס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר זיך און האָבן אין קריג אָנגעווירן זייערע ווערקשטאַטן, וועלן קריגן נייע, נייע ניימאַשינען, שטריקמאַשינען — אַלץ; די, וואָס האָבן געפירט מסחר, געהאַט קראָמען — וועט מען געבן אָדער באַרגן געלט; זיי זאָלן זיך צוריק קאָנען שטעלן אויף די פיס. מ׳קריגט אָבער בלויז אַ נדבה. אויף דער נדבה מוז מען וואַרטן אַ גאַנצן טאָג, קומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. מ׳וואַרט אויף אַ פאַר פונט מצות, אויף אַביסל קאַרטאָפליעס. מ׳וואַרט און מ׳וואַרט. בערנפעלס זינדלעך: ברוך אָדער נאָטע דער נאַר, וואָס שאָקלט מיט די קליינע אויערלעך, גיבן וועמען עס געפעלט זיי.

שימעלע לאָטערייניק האָט אַ בייזער געטענהט צו די מענטשן, צווישן וועלכע ער איז געשטאַנען:

— כ׳בין נישט געקומען מ׳זאָל מיר געבן אויף פסח, מ׳זאָל מיר שענקען אַ פּאָר פונט מצות; כ׳וויל אַ שיפסקאַרטע קיין אַמעריקע. — ער האָט אויסגעמאָלט, ווי גוט ס׳איז דאָרט יעדן איינעם, סאַראַ גאָלדן לאַנד אַמעריקע איז.

אין דערזעלבער גרופּע איז אויך געשטאַנען מעכל פּאָליטיקער, דער מעקלער מיטן שטעקעלע אין האַנט. ער האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ:

— מיך האָט בערנפּעל נישט געוואָלט נעמען! ער האָט גענומען נחמנען, דעם מיגעגי, ווייל מירעלע איז זיין ווייב... שטייט ביי דער טיר, טוט גאָרנישט און קריגט שיין באַצאָלט, חוץ... איך אָבער, דער קלוגער מעכל און אַ ציוניסט — און נישט גלאַט אַזוי אַ ציוניסט — איך מוז שטיין צווישן אַלע און וואַרטן ביז נחמן וועט מיך אַריינלאָזן צו ברוכן!... נו, יאָ... אַמעריקע, דאָס גאָלדענע לאַנד... מיר ייִדן דאַרפן אָבער אַ ייִדיש לאַנד!

האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן ציוניזם, וועגן דעם „קול־קורא״, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט איבער דער בלויער פּושקע מיט די דריי ווייסע ווערטער: „קרן קימת לישראל״. דער „קול־קורא״ איז געווען אין העברעיש און אין ייִדיש.

אין איין גרופּע האָבן זיך קאָנצענטרירט די, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר לומדים — פאַרן פּער. צווישן זיי איז געשטאַנען ר׳ הענעך מלאך. ער האָט, ווי שטענדיק ביי יעדער געלעגנהייט, אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין חריפות. און ווייל מ׳האָט גערעדט וועגן ציוניזם, האָט ער נישט אויפגעהערט צו ברענגען פּסוקים וועגן דער גאולה, אַז דער קץ איז שוין נישט ווייט.

דער איינציקער אָן אַ גרופּע איז געווען בערל פאַרבער: דאַר ווי אַ הערינג, אינעם כאַלאַטל וואָס ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן זומער און ווינטער, אין שטוב און אינדרויסן — אומעטום ווו ער איז געקומען; אַ בגד אָן אַ קאָליר, אָבער מיט אַלערליי פאַרבפלעקן. דאָס פּנים ווי אַ שאַרפער קליין, אויסגעצויגן און שפּיציק, די אַגרעס־אויגן שטעכיק און דער גרויסער קנאָפּ אין דינעם האַלדז — ווי ער וואָלט געוואָלט דורכרייסן די הויט. דער פאַרבער האָט אין דער ענגשאַפט פון טומלדיקן עולם זיך געשניטן פון איין גרופּע צו דער צווייטער. אומעטום האָט ער אַריינגע־וואָרפן עטלעכע בייזע ווערטער און איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די געוועזענע קרעמער און אַמאָליקע „שיינע ייִדן״ (פאַר אַזעלכע האָבן זיי זיך נאָך אַצינד אויך געהאַלטן) און זיי געפרעגט:

— נו?... זעמער אַצינד אפשר דאָך שוין גלייכע יחסנים?... זעמער דאָך אַלע שוין גלייך אין דער אדמה און וואַרטן דאָ פון דערפרי אָן... ר׳ הענעך, דער היילי־קער „מלאך״, זאָגט אַז ס׳איז משיחס צייטן; באַלד וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון גלות, האָבן אַ ייִדישע מלוכה אין ארץ־ישראל... דער מעקלער פאַרזיכערט, אַז דאָרט וועט אונדז זיין גוט... אַן אייגן לאַנד...

ס׳האָט אים אָבער קיינער נישט געענטפערט, אַלע האָבן זיך געמאַכט ווי טויב צו זיינע רייד און אים אַפילו נישט באַמערקט. דאָס האָט אים אויפגעקאָכט און ער האָט זיך גאָליק צעלאַכט: „כאַ־כאַ־כאַ!״... ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך צוגע־שאָרט צו די באַלמעלאָכעס און ווידער געחוזקט:

— נו, עטץ?... מיר איז איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק: אַזוי ווי כ׳בין אַ פּאַר־בער און האָב נישט קיין שטאָך אַרבעט, אַפילו פאַר פּסח, וואָלטעך דאָ געקאַנט אַלע אָפּפּאַרבן — אויף רויט...

די וויצלער האָבן גענומען טרייבן מיט אים קאַטאָוועס:

— ביסטו דאָך, בערל, אַ קאָמוניסט, אַ באָלשעוויק... האָסט דו אַוודאי דע־מאָלט אויפגעריסן דעם אַרסענאַל...

איציק באַלעגאָלע צווישן דער חברה פון זיינס גלייכן האָט דעם פּאַרבער געריפן:

— קום אַהער צו אונדז, בערל! ביסט אַ נאַשבראַט...

— יעך געהער צו קיינעמען נישט! — מיט די ווערטער האָט בערל זיך דערנענטערט צו די באַלעגאָלעס און טרעגערס. צווישן זיי האָט ער זיך דאָך געפילט גוט, ווייל חברה האָט געלאַכט און געחוזקט פון די, וואָס האָבן זיך אויך דאָ געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון זיי, דאָס „פּראָסטע פאָלק״. זיי האָבן געשפּאָסט פון זייערע אייגענע צרות, פון דער בלויווייסער פּושקע אויף דער וואַנט:

— מיר זאָלן געבן געלט. — זיי האָבן געטריבן לצנות אויף נחמנס חשבון:

— ער היט... דאָ היט ער... און מירעלע... — איציק באַלעגאָלע האָט אַצינד אויך שוין געהערט צו די געוועזענע באַלעגאָלעס, ווייל אויך ער האָט מער נישט געהאַט קיין פערד. — דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר, — האָט ער בערלען געקיצלט, — זאָג־זשע מיר: וואָס וועט זיין? ווו איז שכל אין דער וועלט? דאָס דריטע מאָל בינעך געבליבן בלויז מיט דער בייטש. כ׳קום יעדן טאָג אַהער, שטיי און ווער איינגעזונקען. כ׳טענה צו דעם גרויסן מאַכער, צו פאַניע בערנפעלס זינדל, אַז מ׳זאָל מיר געבן אויף אַ פּאָר פערד, אָדער כאָטש אויף איינס — וואָלטעך אויפ־געהערט אַהערצוקומען, וואָלטעך דאָס קאָמיטעט באַדאַרפן אויף תשעה־נײַנציק כפּרות. ווייסטו וואָס דער „גדול״, דער ראָצער — ווען כ׳גיב אים אין קלאַפּ פאַרגעסט ער אָן ווידוי — ענטפערט מיר? ער ענטפערט מיר גאָרנישט, מאַכט זיך נישט הערנדיק — טויב; אָדער ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס כ׳רעד צו אים. ער פאַרשטייט מער נישט קיין יידיש. נו, איז מיין אַבראַמטשיק נישט גערעכט? מיין אַבראַמטשיק און הערש, דער רימאַרזש, און די גאַנצע חברה? מ׳האָט אויפ־געהאַנגען די בלויע פּושקעס דאָ מיט די ווייסע לשון־קודשדיקע ווערטער. מיין אַבראַמטשיק זאָגט, אַז דידאָזיקע פּושקע נעמט אַוועק דאָס גאַנצע געלט, וואָס מ׳זאַמלט אין אַמעריקע פאַר די געליטענע יידן פון דער מלחמה — פאַר אונדז אָרעמעלייט.

ביים פאַרבער האָט דאָס גרינע אין די אויגן זיך פאַספאַריש־צעפינקלט און דער שפּיציקער קנאָפּ אין גאָרגל האָט דראָענדיק גענומען שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ:

— נישט איינגאַנצן, ס׳ווערט געמאַכט חלוקה...

דער באַלעגאָלע האָט זיך געטרייסט:

— אָבער אַ נקמה אין דעם נגיד האָבעך דאָך דערלעבט; זיין טעכטערל, די מוזינקע... — פלוצים האָט ער גענומען צעשאַרן און צעוואָרפן אַלעמען און איז צוגעגאַנגען צו נחמענען: — העי! ווי לאַנג וועלן מיר דאָ אַזוי שטיין און וואַרטן?

אינדרויסן האָמער געוואָרט ביז מ׳האָט אונדז אַריינגעלאָזט, און איצט... ס׳רירט זיך גאָרנישט! עפן די טיר און זאָג דעם גרויסן פּריץ דײַנעם...

נחמן האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט נישט און זעט נישט.

בערל האָט געברומט:

— דאָס איינציקע, וואָס מ׳קריגט דאָ — איז דאָס וואַרטן; מ׳קריגט דאָס וואַרטעניש... — ער האָט געוואָמען שפּאַסן מיט נחמנען: — וואָלסט באַדאַרפן דאָ אַריינשטעלן בעטן, וואָלט מ׳געקאָנט וואַרטן אויך ביינאַכט... ווען אַוועקשטעלן אַ מחיצה צווישן זכרים און נקבות...

— דאָס וועט נישט העלפן, — האָט זיך ווער אָנגערופן, און ס׳איז געוואָרן אַ הירזשעריי.

נחמן איז סוף כל סוף אַרויס פון די כלים און זיך צעשריגן אויפן פּאַרבער:

— דיין וואַרטן, בערל, איז סיי־ווי שוין אומזיסט!...

איציק האָט מיט אַ זייטיקן בליק געזאָגט איינגעהאַלטן צום שומר ביי דער טיר:

— דו, נחמן, טרייב נישט קיין מענטשן! רייס דיך נישט אָפּ ווי אַ בייזער נאַר!

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און אַלע מענטשן האָבן זיך גע־נומען שטופּן און פּאַקן. נחמן האָט זיך געשטעלט אין וועג:

— בלויז איינער קאָן אַריינגיין! — ער האָט אויסגערופן דעם נאָמען: — ר׳ הענעך!

ס׳איז געוואָרן אַ געשריי:

— יעד בין געקומען פריער!... יעד... יעד... יעד...

איציק האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט און גערופן: „גרשון!" און צו ברוכן: „ער איז דאָ געווען דער ערשטער! דערנאָך איז געקומען אָט דער ייד, דערנאָך יענער און דערנאָך יענע יידענע! יעד האָב אַלעמען אויפן אויג און קיין יחסנים זיינען דאָ נישטאָ! מיין נאָמען איז איציק באַלעגאַלע"...

גרשון איז געשטאַנען מיט דער פרוי און צירעלען אין אַ ווינקל. אַ גלייכ־גילטיקער האָט ער געוואַרט, ביז נחמן וועט אים רופן. ער איז נישט געווען אומ־געדולדיק, נישט פאַרצווייפלט. די באַקן בלייך, אויסגעצערט. די ליפּן בלאַס. די פיבערדיקע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווייט און גלייכצייטיק אין דער אייגענער אינעווייניקסטער טיפקייט... אַז איציק האָט אים גערופן, איז ער נישט צוגעגאַנגען; אָבער בערל האָט אים אָנגענומען ביי אַ האַנט און צוגעפירט צו דער טיר. עטלעכע מינוט איז געווען שטיל. ברוך איז אַביסל צעטומלט געוואָרן און צוריקגעטרעטן עטלעכע שריט אין זיין צימער. ר׳ הענעך מלאך האָט געוואָלט אַריבערגיין די שוועל. איציק באַלעגאַלע האָט אים אָבער אַ שאַר־אַוועק געטאָן: „טברו... נאַזאַד... גרשון איז אַ קראַנקער מענטש און איז געקומען פאַר אייך! גיי אַריין גרשון!" ער האָט דעם קראַנקן אַריבערגעפירט די שוועל און צוגעמאַכט די טיר. נחמן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

קאַפּיטל ניינאונצוואנציק

די צייט צעשטערט, די צייט געבערט

1

פּסח איז פאַר יידן שטענדיק געווען דער שענסטער און טייערסטער יום־טוב. טויזנטער יאָרן, יאָר־איין און יאָר־אויס, האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך געפרייט מיט קינדערישער באַגייסטערונג צוליב דער אויסלייזונג פון דער אַמאָליקער קנעכט־שאַפט אין מצרים. אַפילו דער אָרעמסטער האָט אויסגעפּוצט זיין שטוב, האָט אַלץ געוואַשן און גערייניקט, געזען, אַז אַלץ זאָל זיין ציכטיק, ס'זאָל בלינקען און בלאַנ־קען. ערב פּסח נאָכמיטיק, ווען אין שטוב האָט זיך שוין מער נישט געפונען קיין פּיצל חמץ אָדער עפּעס חמצדיקס, האָט מען גענומען אויספּאַקן דאָס פּסחדיקע געפעס, וואָס איז געווען אַוועקגעשטעלט אַ גאַנץ יאָר. כוסות: ביי וועמען פון טייערן געשליפענעם גלאָז, ביי וועמען קאָלירטע, רויטע, בלויע אָדער גרינע, מיט אַלער־ליי באַמאָלונגען און פון אַלערליי פאָרמען. דער שענסטער כוס איז געווען אליהו הנביאס. טייל האָבן געהאַט געפעס און גלאָזוואַרג, וואָס איז אַלט געווען שוין הונ־דערטער יאָרן, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור און האָט גע־שטאַמט אַזש פון באַרסעלאָנאַ, פון דרעזדן, פון דעלפט, פון סעווער, פון ווין, פון בעמען און פון ווענעדיק. טייערע קאַרפינקעס, אַכטקאַנטיקע שיסלען, פּולמיס־קעס, טעלערס און וואַזעס באַמאָלט מיט בלויע אָדער ראָזע קוויטן און מיט גאָל־דענע ראַנדן. אַמסטערדאַמער אילוסטרירטע הגדות. אין שטוב האָט געשמעקט דער ריח פון די פיש, וואָס האָבן זיך געקאָכט, פונעם פלייש און פון די מצות. מאַן און ווייב און די קינדער, אַפילו ביים אָרעמסטן, האָבן באַנייט עפּעס, זאָל זיין אַ קלייניקייט; אויב נישט קיין קאַפּאָטע, קיין קלייד, איז כאָטש אַ פּאָר הויזן, אַ היטל, אַ האַלדז־פאַטשיילע, אַ ספּאָדניצע אָדער אַ בלוזקע, אַ פאַרטוך, אַ פּאָר שיך, אַ קופּקע, אַ העמד. ווייל דאָס באַנייען איז געווען אַ סימבאָל, אַז די בני־ישראל זיינען פון מצרים אַרויסגעפירט געוואָרן צו אַ ניי לעבן.

אַמשענסטן איז דער פּסח געפייערט געוואָרן אין דער שטאָט ביי ר' מרדכי גאָלדבלום, ביי דעם רייכן פאַבריקאַנט און גרויסן חסיד. ביי אים האָט דאָס לעבן זיך געפירט אויף אַ פאַרצייטיש־פּאַטריאַרכאַלישן אופן. די אויסגעגעבענע זין און טעכטער האָבן אַלע צוזאַמען: מיט זייערע פרויען, מענער און קינדער, געלעבט פון דער פאַבריק. שבת און יום־טוב זיינען אַלע געזעסן ביי איין טיש. דאָס אָפּריכטן די סדרים איז צוגעגאַנגען באַזונדערס פייערלעך, ווי אַ גרויסע צערעמאָניע ביי אַ קיסר. גלייך ווי די זון האָט זיך גענומען זעצן איז די שטימונג אין די גרויסע און ליכטיקע שטובן געוואָרן פול מיט דערוואַרטונג. ס'זיינען אָנגעצונדן געוואָרן די זשיראַנדאָלן, אַלע וואַנטעסעס. אַלץ האָט געפינקלט אין דער גרויסער העלקייט. פון קליין ביז גרויס האָבן אַלע זיך אויסגעפּוצט אין זייערע נייע מלבושים. די פרויען האָבן זיך באַהאַנגען מיט זייער טייער צירונג. אַפילו די דינסטן און די משרתים האָבן זיך איבערגעטאָן און יעדער פון זיי האָט עפּעס באַנייט. דער באַ־לעבאָס האָט זיי אַלע צום פּסח באַשענקט מיט אַ ברייטער האַנט, אויך די אַרבעטער

אין דער פאַבריק. דאָס אַפּריכטן דעם סדר האָט זיך אָנגעהויבן פרי, כדי דאָס קליינוואַרג זאָל קאָנען אויפבלייבן ביזן סוף. אין דער גרויסער שטוב איז דער לאַנגער דעמבענער טיש אַרויסגעצויגן געוואָרן פון ביידע זייטן און עס זיינען צו־געשטעלט געוואָרן נאָך צוויי טישן. אויף די דעמאַסטענע טישטעכער מיט שיינע דעסענס זיינען איבער דער גאַנצער לענג צעשטעלט געוואָרן בלומען, זילבערנע לייכטער מיט באַצירונגען און מנורות. די פלעמלעך פון די אָנגעצונדענע סטעריג־ליכט האָבן זיך געשפּיגלט אינעם רויטן און גאָלדענעם וויין, זיך געבראָכן אין דעם געשליפענעם קריסטאָל פון די קאַרפינקעס און געשימערט אין רעגנבויגנדיקע פאַרבן. עס זיינען געווען אויסגעלייגט די אַמסטערדאַמער און פּאַדוואַרער הגדות מיט בילדער ווי די יִדן אַרבעטן עבודת־הפרך אין מצרים ביים בויען פּתם ורעמסס; ווי משה שטייט פאַר פרעהן און מאַכט פון זיין שטעקן אַ שלאַנג; ווי ער דער־הרגעט אַ מצרי און באַהאַלט אים אין זאַמד; ווי ער באַווייזט ניסים און ברענגט די צען מכות, שפּאַלט דעם ים, דורך וועלכן די יִדן גייען דורך און זינגען שירה, בעת די מצרים ווערן דערטרונקען מיט זייערע פערד און אייזערנע רייטוועגענער. לעבן יעדער הגדה איז געשטאַנען אַ כוסה אויף אַ קליין באַגילדערט זילבערן טע־צעלע. צוויי רייען שטולן לענגאויס די טישן. אויבנאָן דאָס הסב־בעט. צוזאַמען מיט די אורחים, מיט די דינסטן און די משרתים האָבן זיך צו די סדרים געזעצט שיינע עטלעכע מנינים.

ר׳ מרדכי, דער „מלך״, איז געזעסן אָנגעלענט אויפן הסב־בעט אין אַ ווייסן קיטל מיט אַ ברייטן זילבערנעם קאָלנער, אַן איבערגעלייגטן, אין אַ קאַפּל פון שפּאַ־ניש גאָלדענעם שעך און מיט אַ ברייטער זיידענער גאַרטל אַרום די לענדן. פאַר אים איז געשטאַנען די קערה, איבערגעדעקט מיט דער אויסגעהאַפּטענער ווייס־סאַמעטענער מצה־טאַש, וואָס פּערעלע, די „מלכּה״, האָט געמאַכט, ווען זי איז געווען אַ כּלה (זי איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר). די אויסגעהאַפּטענע בלעטער און בלומען האָבן אויך שפּעטער נאָך אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געוואַקסן... דער קראַנץ אַרום, דער מגן־דוד אינדערמיט און די צוויי ווערטער „לכבוד פּסח״ — דאָס אַלץ האָט ווי געלעבט..

נאָך די לעצטע הכנות: נאָכזען, צי די קערה איז ריכטיק אויסגעסדרט, צי אַלע זיצן ביים טיש, נאָכן וואַרפן אַ פריינטלעכן בליק צו די אורחים, אַ ליבלעכן און פאָטערלעכן צו פרוי און קינדער, צו די אייניקלעך און צו די דינסטן און משרתים — האָט דער „מלך״ געגעבן דעם „באַפעל״ אָנצוגיסן די כוסות. זיין קידוש־מאַכן איז געווען אַ געזאַנג. די דינסטן און די משרתים האָבן אַריינגעבראַכט גרויסע מעשענע שיסלען און קופּערנע קוואָרטן מיט צוויי אויערן יעדע, קריגן וואַסער און ווייסע האַנטוכער און יעדן צוגעטראָגן צום וואַשן די הענט. נאָך די אַנדערע צע־רעמאָניעס און אָפּזאָגן מיט גרויס פייערלעכקייט „הא לחמא עניא״, האָט דאָס קלענסטע יִנגל געפרעגט די פיר קשיות. דאַן האָבן די גרעסערע, איינער נאָכן אַנ־דערן, געזאָגט די פשטלעך וואָס מ׳האָט זיי געלערנט אין די חדרים. דער „מלך״ אויפן הסב־בעט האָט אָנגעהויבן: „עבדים היינו לפרעה במצרים״, און אַלע האָבן אין כאָר אונטערגעכאַפּט דאָס זעלבע. מיט טרויעריקער (און ווו מ׳האָט באַדאַרפט מיט פריילעכער) באַטאָנונג האָבן אַלע, פון גרויס ביז קליין, פון די הגדות אויס־געזעכנט אַלץ, וואָס די יִדן האָבן געליטן אין מצרים, און דערציילט ווי אַזוי זיי

זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון זייערע ליידן. זיי האָבן געשילדערט און אָפּגע־מאָלט די גרויסע ניסים און די געוואַלטיקע מאַכט פון הקדוש ברוך הוא דערביי. פאַר אַלע זיינען די נאַיווע און פאַטעטישע מעשהלעך פון דער הגדה געווען וואָר און הייליק. כמעט אַלע, אָדער די מייסטע, האָבן די לעגענדאַרישן געשעענישן מיט אַ פערטלהאַלבן טויזנט יאָרן צוריק געזען פאַר זיך לעבעדיק, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. דער פאַטריאַרך אויפן אויסגעבעטן ווייסן טראָן האָט מיט דראַמאַ־טישער אַקצענטירונג און אייגנאַרטיקער אָריענטאַלישער מעלאָדישקייט געזאָגט די הגדה העכער פון אַלע. טראַגיש־טיף איז געוואָרן זיין קול, ווען ער האָט געגנו־מען שילדערן די שווערע אַרבעט פון קנעטן ליים, מאַכן ציגל און שלעפן שווערע שטיינער אונטער די בייטשן פון די מצרישע שומרים, די ביטערע פיין פון די יידישע מאַמעס, וואָס האָבן געמוזט אַריינוואַרפן אין טייך זייערע יינגלעך, די נייגע־בוירענע עופעלעך, ווייל אַזוי האָט פרעה גוזר געווען. ביי די ווערטער: „ונצעק אל ה׳ אלהי אבותינו" האָט ר׳ מרדכי אַליין געגומען שרייען. אַלע אַרום טיש, אַפילו די קינדער, האָבן געהעכערט זייערע שטימען און עס איז אויסגעקומען, ווי די בני־ישראל אַמאָל אין מצרים שרייען און רופן צו זייער באַשעפער. און די גאולה איז געקומען. דאָ האָבן אַלע זיך צעזונגען: „לפיכך אנחנו חיבים להודות ולשבח"...

נאָכן אויסטרינקען דעם צווייטן כוס ווין האָבן די דינסטן און די משרתים ווידער אַריינגעבראַכט די גרויסע מעשענע שיסלען, די קופּערנע קוואָרטן, קריגן וואַסער און האַנטוכער, און צום צווייטן מאָל יעדן צוגעטראָגן צום וואַשן זיך — אַצינד צום עסן. זיי האָבן צעשטעלט דאָס שיינע טייערע געפעס, פאַר יעדן געלייגט זילבערן באַשטעק און ווייסע סערוועטקעס. די שטימונג איז געוואָרן אַ הייטערע. די קינדער, באַפרייטע פון דער גרויסער אָנשטרענגונג — אַזוי לאַנג צו מוזן זיין ערנסט און זאָגן מער ווי די העלפט פון דער הגדה — זיינען ווידער פריילעך גע־וואָרן. זיי זיינען טאַקע אויך געווען שטאַרק הונגעריק. די יונגע פרויען, די טעכ־טער און די שנירן האָבן אויסגעטיילט די פיש פון די גרויסע פּולמיסקעס אַרויס. דער באַלעבאָס האָט געמונטערט די אורחים זיי זאָלן עסן און זיך לאָזן ווויל גיין; ער האָט זיי געטרייסט, אַז גאָט וועט זיי העלפן און זיי וועלן איבעראַיאָר פּסח שוין זיצן ביים אייגענעם טיש. נאָך די פיש האָבן די פרויען און די קינדער געטרונקען צו ביסלעך ווין. די מאַנספּאַרשוינען אָבער האָבן געגומען צו גלעזלעך גוטן עסט־רייכישן שליוואָוויץ און געטרונקען לחיים. די פריילעכקייט איז געוואָרן אַלץ גרעסער. די יונגע פרויען האָבן אויך געוואָלט פּאַרזוכן פון דער שטאַרקער משקה. די מייסטע האָבן זיך אָבער פאַרקרימט דערביי, טייל זיך אַפילו פאַרהוסט, נאָר פערעלע — ווען זי איז שוין געווען אַ גרעסער מיידל — האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און געוויזן, אַז זי קאָן טרינקען גלייך מיט די מענער. אירע אויגן האָבן זיך דאַן צעפינקלט און די באַקן צעגליט. זי איז דעריבער נאָך שענער געוואָרן; אין איר פנים האָט זיך געגומען מישן צנועות מיט שטיפעדישקייט. די יונגע שנירן און די אויסגעגעבענע יונגע טעכטער האָבן זיך געהנדלט פאַר זייערע מענער. פּע־רעלע האָט געקונדסעוועט מיט אַלע: מיט די ברידער, מיט די שוואָגערס, נאָר צו־מייסטן מיטן טאַטן.

דער גרויסער חסיד און „מלך" אַצינד האָט מתיר געווען צו טרינקען מער

ווי פיר כוסות — וויפל איינעמס האַרץ גלוסט. און אַז די הערצער זיינען געוואָרן פריילעך, האָט מען די פרייד אויסגעגאָסן אין געזאַנג. מ׳האָט גענומען זינגען דעם רבינס ניגונים, זיינע וואָלעכס און מארשן. פערעלע האָט געבראַכן דעם דין, אַז אַ אשה טאָר נישט זינגען, ווען ס׳הערן מאַנצבילן. האָט ר׳ מרדכי דערלויבט די סדר־נעכט די נשים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שיין קול־נגינה, מיטצוזינגען. די זייער פרומע סערעלע האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ נישט צו לאָזן. די „מלכה״ האָט געהאַט גרויס הנאה פונעם זינגען און געוואָרפן אַלעמאָל אַ שעמעוודיקן בליק אויפן „מלך״. זי האָט זיך באַטאַפּט דערביי דאָס שיינע שטערנטיכל און ברוסטיכל, די לאַנגע בריליאַנטענע אוירינג, די שנירן גרויסע פערל אַרום האַלדז און די שווערע סמאַראַגדענע קאַליע אויפן ברוסטטיכל.

נאָכן עסן האָט דער „מלך״ געהייסן דאָס קליינוואַרג זוכן דעם באַהאַלטענעם אַפּיקומן. ווער עס האָט אים געפונען, האָט באַקומען אַ מתנה. דאַן האָט מען געזונגען „שיר המעלות״ און מ׳האָט געבענטשט. מ׳האָט אויסגעטרונקען דעם דריטן כוס און אָנגעגאָסן דעם פערטן. אליהו הנביאס כוס האָט דער באַלעבאָס אַליין אָנגעגאָסן. ער האָט געהייסן עפענען די טיר און זיך געטאָן אַ שטעל־אויף. פון גרויס פּאַרכ־טיקייט איז ער אַזש בלאַס געוואָרן און מיט אַ ציטערדיקן קול אויסגערופן: „ברוך הבאו!״ אַלע, באַפאַלן פון אַ פרומען פחד, וואָס איז זיי דורכגעלאָפן איבערן לייב, האָבן אין כאָר געררופן: „שפוך חמתך על הגויים אשר לא ידעוך ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו!״ ווען דער, וואָס האָט געעפנט די טיר, האָט זי צוריק צוגעמאַכט נאָכן ענדיקן די לעצטע ווערטער: „תרדף מתחת שמי״, האָבן אַלע זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויף זייערע ערטער און ווייטער געזאָגט די הגדה.

נאָכן אויסטרינקען דעם פערטן כוס זיינען די קליינע געגאַנגען שלאָפן. אָבער דאַן האָט די פריילעכקייט זיך ערשט אָנגעהויבן. אויפסניי האָבן זיך צעקלונגען דעם רבינס ניגונים, ביז מ׳האָט דאָס אָפּריכטן דעם סדר געענדיקט מיטן שיינעם און טיפן ליד „חד גדיא חד גדיא״. מען איז אויפגעשטאַנען פון טיש. די אורחים האָבן זיך געזעגנט און זיינען אַוועקגעגאַנגען. די עלטערע און שוין מידע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. די יונגע ראָמאַנטישע פרויען, און אויך פערעלע, זיינען אַרויס־געגאַנגען, האָבן זיך אינדרויסן פאַר דער טיר, צי אויפן באַלקאָן, געקוויקט מיט דער קילער פרילינגלופט. זיי האָבן אַרויפגעקוקט צו דער קיילעכיקער לבנה און געבענקט נאָך דער ליבע, פון וועלכער זייערע מענער האָבן מיט די ווערטער פון שיר השירים פאַר זיי געזונגען פון שטוב אַרויס מיט צערטלעכער זיסקייט אין זייערע שטימען אַצינד. ביידנס הערצער, ביי די מענער און ביי די פרויען, זיינען דערביי איבערגעגאַנגען פון גליק און פרייד.

2

נאָר צו דער דאָזיקער שיינקייט און גרויסער פרייד האָט די מלחמה געמאַכט אַ סוף. דעם איצטיקן פסח, ווי די פריערדיקע פינף יאָר אין דער צייט פון קריג און דייטשישער אָקופּאַציע, האָט ר׳ מרדכי גאָלדבלום, דער אַמאָליקער רייכער פאַבריקאַנט, געפּראַוועט גאַנץ אַנדערש. ער האָט דעם ערב פסח ווידער אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר פערעלען:

— זע, מײַן קינד, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — ס'איז חרוב געוואָרן דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן און מײַנס בתוכם; כ'וואָלט אפשר געקאָנט טאָן דאָסזעלבע, וואָס ס'טוט אַ בערנפּעל, אַ פּוקסמאַן, און וואָס עס טוען אַנדערע אַזעלכע; כ'וואָלט אפשר צוריק געקאָנט רײַך ווערן, ווײַניקסטנס האָבן פּרנסה. אָבער... — ער האָט זיך נישט מער צעוויינט, ווי נישט איינמאָל אין די 5 יאָר, נאָר בלויז יאושדיק צעשפּרייט די הענט. דאָס האָט אָבער פּערעלען גאָר שטאַרק דערשיטערט און זי האָט אַרומגעכאַפּט איר אַלטן, אײַנגאַנצן שוין צעבראָכענעם טאַטן.

פּערעלע האָט ווי פֿאַראַיאָרן, ווי פֿאַר צוויי יאָר — ווי אין די אַלע טרויעריקע ערב פּסח זינט דעם חורבן אין דעם רײַכן הויז — צוגעגרייט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט און זיך באַמיט, אַז די שיינקייט און די פֿרייד פֿון דאָזיקן יום־טוב זאָל ווי ווײַט מעגלעך אָנפֿילן די איינציק־איבערגעבליבענע שטוב. עס זאָל הערשן אין איר כאָטש דער שאָטן פֿון דער אַמאָליקער פֿײַערלעכקייט. די לעכער אין די ווענט, דער אַראָפּגעלאָזטער סופיט אויף איין זײַט און די אַנדערע שאָדנס זײַנען דאָך פֿאַרראָכטן געוואָרן; אַז נישט וואָלט די שטוב געווען אײַנגעפֿאַלן. נו, האָט פּערעלע זי אויסגעפּוצט אַביסל. (זי האָט פֿאַרדינט ביי לעקציעס, וואָס זי האָט געגעבן קינ־דער פֿון אויפגעקומענע גבירים). זי האָט געקויפֿט מצות און ווײַן, פֿיש און פֿלייש.

צוריקקומענדיק בײַנאַכט פֿון דאַוונען האָט ר' מרדכי זיך באַמיט, אַז דער „גוט־יום־טוב" ביים אַריבערטרעטן די שוועל זאָל אַרויסקומען פֿריילעך. דער טיש איז געווען געדעקט נישט מיט קיין טייער רעמאַסטן טישטוך, נאָר מיט אַ ביליק געקויפֿטס, אָבער אַ גאַנץ שיינס. ס'האָבן געברענט צוויי ליכט, נישט ווי אַמאָל אין זילבערנע לײַכטער, נאָר אין קליינע בלעכענע לײַכטערלעך. דער געבראָכענער פּאַטריאַרך האָט אָנגעטאָן דעם ווײַסן קיטל מיטן ברייטן זילבערנעם קאָלנער, די יאַרמעלקע מיטן שפּאַניש גאָלדענעם שעך און זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דער זײַ־דענער גאַרטל. דאָס אַלץ, ווי דעם טלית און תּפֿילין און נאָך עטלעכע אַנדערע כּלי־קודש האָט ער געראַטעוועט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפֿן הסב־בעט ווי אַ „מלך" און גענומען אָפּריכטן דעם סדר. ביי „הא לחמא עניא" אָבער, ביים אַרויפֿ־לייגן די הענט אויף דער קערה און באַרירן די מצה־טאַש, וואָס פּערעלע האָט אויסגעהאַפּטן, ווען זי איז געווען אַ כּלה, האָט ער זיך ווידער ביטער צעוויינט. ווי יעדעס מאָל ביים סדר פֿון נאָכן חורבן אָן. פֿון פּערעלעס אויגן האָבן זיך גענומען גיסן טרערן. זי איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן פֿאָטער און זיך צעכליפּעט.

אויך ביי אַנדערע ייִדן, ביי די מייסטע אין דער שטאָט, איז דאָס אָפּריכטן דעם סדר, זינט זייער פֿריִערדיק לעבן איז צעבראָכן געוואָרן, צוגעגאַנגען טרויע־ריק. אין די הערצער פֿון די מענטשן איז מער נישט געווען די פּסחדיקע פֿרייד פֿון אַמאָל. זיי האָבן אין דער מלחמה פֿאַרלוירן נישט בלויז זייערע הייזער און מעבל, זייערע מאַטעריעלע פֿאַרמעגנס און זייערע פּרנסות, נאָר זייער גלויבן איז שטאַרק דערשיטערט געוואָרן. און זיי האָבן דערפֿילט די שרעק צו בלײַבן אָן דעם, אָן וועלכן מ'קאָן נישט לעבן: אָן גאָט און אָן יום־טוב.

קאַפּיטל דרייסיק

אַ גאָר אַנדערער יום־טוב

1

ס׳איז געקומען דער ערשטער טאָג חול־המועד און די שטימונג, כמעט ביי אַלע ייִדן, האָט זיך געביטן. אַ יום־טובדיקייט, אַן אַנדערע, אַ נייער גלויבן און אַ נייע האָפענונג האָט אַנגעפילט זייער האַרץ. די ציוניסטן האָבן זיך געגרייט צו דער פייערונג פון דער „באַלפור־דעקלאַראַציע״, און די ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן זיך געגרייט צו פייערן דאָס האָבן געעפנט אַ ייִדיש־וועלטלעכע שול, וואָס איז לאַנג געווען זייער האָפענונג.

ס׳איז געוואָרן נאַכט. אין די מייסטע ייִדישע הייזער, אין די רייכע, ווי ביי בערנפעלן און ר׳ יאָסל פוקסמאַנען, אָבער מער נאָך אין די אָרעמע, האָט געהערשט אַ פריילעכע אויפגעלעבטקייט. מאַן און פרוי און קינדער האָבן זיך גענומען אי־בערטאָן. יעדער האָט אויסגעזוכט דאָס בעסטע און שענסטע. גאַנצע פאַמיליעס, פריינט און באַקאַנטע, אין גרופּעס, פּאָרלעך און איינציקווייז, האָבן פון די ייִדישע גאַסן און געסלעך געשטראָמט אין צוויי ריכטונגען. די ציוניסטן און זייערע אַנהענ־גער — דאָרט אַהין, וווּ עס האָט באַדאַרפט פאָרקומען זייער פייערונג: אין אַ גרויסן און שיינעם זאַל. און די ייִדישע סאָציאַליסטן, זייערע אַנהענגער און סתם פּראָסטע און אָרעמע ייִדן — דאָרט אַהין, וווּ עס האָט באַדאַרפט פאָרקומען זייער פייערונג. אין דאָזיקן זאַל האָבן קיין גרויסע זשיראַנדאָלן נישט געברענט; די עלעקטרישע באַלייכטונג איז געווען אַ בצמצומדיקע, דאָך, פאַר די אָרעמע מענטשן איז די ליכטיקייט געווען אַ גרויסע און פייערלעכע, ווייל זייערע אויגן זיינען געוווינט געווען צו טונקלקייט און אָפילו פינצטערניש. אין זייערע הערצער איז אַצינד גע־ווען אַ גרויסע יום־טובדיקייט. אָרעם אָנגעטאָן — דאָך יום־טובדיק אויסגעפּוצט. אַלע בענקלעך זיינען שוין געווען באַזעצט און ס׳האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען נאָך מענטשן. די עלטערן האָבן מיטגעבראַכט זייערע קינדער. הינטער דעם פאָר־האַנג פון דער בינע זיינען אַלע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג געווען שטאַרק באַשעפטיקט. חברים און חברטעס האָבן געהאַלטן די אָרדענונג אין זאַל. זיי האָבן געטראָגן רויטע אָרעמבענדער און רויטע שלייפלעך אויף דער לינקער זייט ברוסט. צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך דוד. ער איז געווען שטאַרק פאַרפאַרעט און זייער פלייסיק. פוקסמאַנען האָט מען נישט געזען, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ סאָציאַליסט און איז געווען אַ גרויסער אַנהענגער פון רעוואָלוציע.ביידע פייערונגען זיינען אָבער פאָרגעקומען אין זעלבן אָוונט און ער האָט (צוליב העלענאָן) געמוזט גיין צו דער ציוניסטישער פייערונג.

אַ קלונג. דער פאָרהאַנג האָט זיך צערוקט. אויף דער בינע איז געשטאַנען דער כאָר פון פרויען און מענער. די פרויען (צומייסט מיידלעך), אין ווייסע בלוז־קעס און מיט רויטע שלייפעלעך פאָרנט. צווישן זיי איז געווען בלומטשע, די בעסטע זינגערן פון אַלע, און ציפּע, איינע פון אַ סך נייע חברטעס. (אַריינגעצויגן אין דער פּאַרטיי האָט זי דער חבר הערש אַליין). פייגע ווידער האָט ביים צוזאַמענשטעלן

דעם כאָר (צוזאַמען מיט אַבראַמטשיקן, דעם דיריגענט) אַנטדעקט אין דער אומ־גליקלעכער ציפּע אַ פּיינע שטימע. אַזויערנאָך איז די פון סאָלדאַטן און קאַזאַקן פאַרגוואַלדיקט אַ יונגע פרוי, און פון דעמאָלט אָן כמעט אַ פאַרשטויסענע דורך די פרומע אין דער שטאָט, אויפגעריכט געוואָרן. די מענער אינעם כאָר, אַלע אין ווייסע קעלנער מיט שוואַרצע קראַוואַטן און רויטע שלייפעלעך אין די לאַצן, זיינען געשטאַנען הינטער די פרויען. צוויי גלייכע שורות, און פאַר זיי, דער דיריגענט מיטן שטעקעלע אין האַנט. אַפוואַרטנדיק ביז ס'איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן, האָט אַבראַמטשיק אַ הייב־געטאָן ביידע הענט, און דער כאָר — גאַרנישט אַזוי שלעכט איינגעשטודירט — האָט איינגעזעצט: „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט"... אין זאַל איז דער עולם אויפגעשטאַנען. נאָך דעמדאָזיקן הימן האָט דער כאָר, קריגנדיק אַ גרויסן אַפּלויז, פאַרלאָזט די בינע, און קרומהאַלץ, אין אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ רויטן שלייפעלע אין לאַץ, איז פייערלעך אויפגעטראָטן. ער האָט זיך געהאַלטן זייער ווירדיק. פאַרנייגנדיק זיך פאַר דער אָוואַציע וואָס ער האָט באַקומען פון פובליקום, האָט ער ביי אַ פייערלעכער שטילקייט געמאָלדן, אַז די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דאָס מיינט אייגנטלעך די שטאָטפאַרוואַלטונג, האָט דעלעגירט אַן אָפיציעלן פאַרשטייער צו דער פייערונג: די לערערן יאַדענושאַ סלאַמאַוואַ. ער האָט זי פאַרבעטן אויף דער בינע אַרויף און זי פאַרגעשטעלט מיט אַלע טיטלען און אַלע אירע פאַרדינסטן פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער מענטשהייט און פאַר דער שטאָט אַלס פאַרזיצערן פון דער שטאָטישער בילדונגס־פאַרוואַלטונג. דער עולם, גערירט פון דעם גרויסן כבוד, האָט די דעלעגירטע אויפגענומען מיט באַגייסטערטע לאַנגדויערנדיקע הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. די חברטע סלאַמאַוואַ האָט געדאַנקט דורך פאַרנייגונג און ליבלעכן שמייכל און געהאַלטן אַ קורצע, אָבער וואַרעמע און האַרציקע באַגריסונגס־רעדע. אונטער נאָך אַ שטורמישערן אַפּלאַוז האָט זי פאַרלאָזט די בינע. דער חבר קרומהאַלץ האָט דאַן געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער באַדייטונג פון אַ יידישער וועלטלעכער שול. ער האָט דערביי געשילדערט דאָס חדר, וואָס אַלע אָנוועזנדיקע, באַזונדערס דער מענלעכער מין, האָבן נאָך גוט געדענקט. כמעט יעדער איינער פון זיי האָט זיך דערמאָנט אין די צרות פון חדר, אין שלעכטע און בייזע מלמדים, וואָס האָבן מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק אָדער קאַנטשיק געשמיסן אויפן נאַקעטן הינטן, און האָבן דעם רעדנער געגעבן רעכט אין אַלעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַפילו ווען ער האָט זייער שטאַרק מגזם געווען. דער רעפערענט האָט אויסגעמאָלט אַן אידעאַליש בילד, וואָס וועט הערשן אין דער שול; ער האָט אויסגערעכנט, וואָס מ'וועט דאַרט לערנען מיט די קינדער, די גרויסע מעלות פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק; ער האָט אָנגעוויזן, אַז אַ שול באַדייט נישט בלויז קלאַס־צימערן, אין וועלכע מען לערנט שרייבן און לייענען, רעכענען, געשיכטע אאַז"וו., נאָר אַ שול איז אַן אָרט, ווו מ'בילדט אויס דעם מענטש פאַרן לעבן, ער זאָל דאָס לעבן פאַרשטיין, באַגרייפן די אומגערעכטיקייט וועגן דער אומגלייכהייט אין דער געזעלשאַפט. ער האָט דאַן געהאַלטן רעדן וועגן סאָציאַליזם, וועגן קלאַסנקאַמף און וועגן דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט דעם כבוד צו געהערן. ער האָט גערעדט וועגן פּוילן, וועגן די יידן אין דאָזיקן לאַנד, וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט דאָ, וועגן זייער רעכטלאָזיקייט אונטער דער קלעריקאַלער און רעאַקציאָנערער רוסישער רעגירונג, און וועגן די רעכט און פרייהייט, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער איצטיקער סאָציאַליסטישער רעגירונג אין באַפרייטן פּוילן.

אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ. דער פאַרהאַנג האָט זיך צוזאַמענגעצויגן. ווען ער האָט זיך ווידער צערוקט האָט די חברטע פייגע געוויזן איר שוישפּילערישן טאַלענט. צוזאַמען מיטן חבר אַבראַמטשיק (ער האָט אַלץ געקאָנט) האָט זי דראַמאַטיזירט י. ל. פּרצס פּאָעמע „דריי נייטאָרנס" און זי אויפגעפירט אַלס אַן איינאַקטער אויף דער בינע. גלייכצייטיק איז דערמיט געפּייערט געוואָרן דער פינפטער יאָרצייט נאָך דעם גרויסן דיכטערס טויט. אויף דער בינע איז געשטאַנען אַ ניי־מאַשין, אַ טיש און דריי בענקלעך. איין נייטערן האָט געשטעפּט און צוויי האָבן געניייט מיט אַ נאָדל. ביי דער מאַשין איז געזעסן פייגע, די הויפּטשוישפּילערן. אירע אויגן זיינען טאַקע געווען רויט, זייער רויט און די ליפּן בלוי, שטאַרק בלוי. זי האָט מיט אַ האַנט זיך אַלעמאָל באַטאַפּט דעם ווייסן שטערן, ווייס ווי קרייד, און דעקלאַמירט:

„איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט;
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט".

די עלטערע מיידלעך אין זאַל, באַזונדערס טאַקע די שניידערנס, האָבן שטאַרק מיטגעפילט מיט דער אומגליקלעך־פאַרזעסענער נייטאָרן אויף דער בינע. און ווען זי האָט ווייטער דעקלאַמירט: „נישט איך שלאָף און נישט איך עס", האָבן אַ סך פרויען אין זאַל מיטגעקרעכצט: „נעבעך, נעבעך". דאַן האָט די צווייטע שוישפּילערן זיך געטאַפּט דעם הייסן שטערן און דעקלאַמירט:

„איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיר אויס צוויי גרויע צעפּ".

די דריטע האָט זיך פאַרהוסט, האָט אויסגעשפּיגן אַ שטיק „בלוט" און געזונגען מיט הוילער ברוסט:

„עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך
און ער — האָט חתונה די וואָך"...

ווען זי האָט געענדיקט:

עט פאַרגעסן וואָס אַמאָל...
תכריכים וועט מיר געבן קהל".

האָבן אַ סך ווייבער אין זאַל זיך געווישט די אויגן.

דאָס „שטיק" האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען. דאַן איז געקומען דער „קינדער־נומער" און אין זאַל איז די שטימונג געוואָרן אַ פריילעכע. די אָנפירער מיט דער קליינער חברה „קינסטלער" זיינען געווען: דער הויפּטלערער יצחק לערמאַן און די לערערן פערעלע גאָלדבלום. ס'איז אויפגעטרעטן אַבישל, דער חברטע פייגעס אַ ברידערל. ער האָט דעקלאַמירט „אַ געזינד זאַלבעאַכט און בעטן נאָר צוויי, ווען עס קומט אָן די נאַכט, ווו שלאָפן דאַן זיי?".

ווידער האָט דער עולם געזיפצט: „היינט איז נאָך ערגער; די מייסטע האָבן איצט גאָר קיין בעטן נישט, מ'ליגט אויף דער גאָלער ערד". דאַן האָט זיך אויף דער בינע אַ שטעל אַוועק געטאַן פאַרן פּובליקום דער שוואַרצער גאָדל. אין אַן ענג און קורץ מאַרינאַרקעלע, וואָס רייזל, די שוועסטער, האָט פאַר אים איבערגע־

נייט פון עפּעס אַן אַלטן בגד, (נישט אַזוי אויף פּסח ווי פאַר דער שולע. ער האָט זיך אַליין פאַרשריבן אין איר קעגן טאַטנס ווילן). די גלאַנציק־שוואַרצע האָר פאַר־קעמט אַרויף, מיט אַ שעלמיש גלעלכטערל אין די ממזרישע אויגן האָט דער „צי־גיינער" ווילעריש זיך פאַרנייגט און מיט אַ קוויטשיק קולעכל פּראָקלאַמירט:

„מיר זיינען קינדער אַלע גלייכע,
מיר שאַפן אַלע איין פאַראיין.
נישטאָ קיין אָרעמע, קיין רייכע —
מיר בויען אונדזער וועלט אַליין!"

דאָס קליינוואַרג אין זאַל, וואָס איז מיטגעקומען מיט די עלטערן, האָט אויס־געבראָכן אין אַ קלינגענדיק געלעכטער. זיי האָבן געקוקט מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך צו דער בינע און מקנא געווען די קינדער, וואָס זיינען דאָרט אויבן גע־שטאַנען. נאָך די צוויי סאָליסטן איז אויפגעטראָטן אַ גרופּע. די דאַרע צירעלע, גרשונס איינציק איבערגעבליבן קינד, אין אַ בלוי קליידל וואָס זי האָט באַקומען פון דער שול (די אָרעמסטע שילער האָט מען געהאָלפן מיט וואָס מ'האָט געקאָנט) און מיט צוויי דינע צעפּלעך, האָט אין מיט פון אַ רעדל קינדער געזונגען: „קינדער הערט! איר ווילט מיך פאַלגן?" די קינדער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּלעך אויף יאָ. צירעלע האָט זיי אַ ווייז־געטאָן מיט אַ האַנט: „זעט ווי פריש עס איז דער סאָד!" די קינדער האָבן מיט די אייגעלעך געזוכט דעם סאָד. נאָר צירעלע האָט זיי קיין סך צייט נישט געגעבן. זי האָט קאָמאַנדירט: „נעמט אייך אַלע פאַר די הענטלעך און לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד"! די קינדער האָבן געפאָלגט. פּערעלע איז געשטאַנען לעבן רעדל, האָט מיטגעזונגען מיט די קינדער, און מיט די הענט געפּאַטשט צום טאַקט: „אָט אַזוי, אָט אַזוי, לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד"!

דער עולם איז געווען שטאַרק באַגייסטערט. צום סוף האָבן אַלע קינדער אויף דער בינע געזונגען אין כאָר אונטער לערמאַנס אָנפיר:

„און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום,
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט
די צייט — עס איז קיין חלום!"

די חברים און די חברטעס אין זאָל האָבן אונטערגעכאַפּט:

„איך הער דאָס ליד,
פון ליבע, פריד,
פון מעכטיקע געזאַנגען,
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן
די זון איז אויפגעגאַנגען".

דער זאַל, ווו ס'איז געפּייערט געוואָרן די „באַלפור־דעקלאַראַציע“, איז געווען אַ גרויסער: דער גרעסטער און שענסטער אין דער שטאָט. ער איז געווען דעקאָרירט מיט הונדערטער בלוי־ווייסע פענדלעך און פולגעפּאַקט. צווי גרויסע זשירענדאָלן האָבן געברענט. אַ גרויסע ליכטיקייט. ס'זיינען געווען די חשובסטע יידן פון דער שטאָט: די פּני פון די ציוניסטן, מיט בערנפעלן, זיין פרוי, זין און טעכטער בראש. די פרויען אין רייכע טואַלעטן און באַהאַנגענע מיט טייער צירונג. זיי זיינען געזעסן אין דער ערשטער ריי. אויך מאַדאַם פוקסמאַן מיט אירעביידע זין, ראובן און עוזר, זיינען דאָ געזעסן. ברכה האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צו שטאַרקן חשק צו גיין צו דער פּייערונג, ווייל איר מאַן האָט זיך געהאַלטן ביי זיין עקשנות, אַז „ציוניזם איז אַפּיקורסות“ און איז געבליבן אין דערהיים; אויך ווייל פון נאָך דעם גרויסן אומגליק מיט דער טאָכטער האָט זי נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך קיין שום פרייד. אָבער דער עלטסטער זון האָט זי איבערגערעדט און זי האָט אים געפאָלגט. און אָט שעפּט זי טאַקע נחת פון אים: ער רעדט מיט ברוכן, מיט העלענען און מיט בערנפעלן אַליין — מיט די גרעסטע גדולים. ער פּאַרעט זיך צווישן זיי, האָט אַ גרויסע דעה. אַראָפּצו, אין דער צווייטער, דריטער און פערטער ריי, זיינען צווישן די צווייט־ און דריטראַנגיקע יחסנים געזעסן מירעלע מיטן מאַן, ר' העניך מלאך. (ער האָט געפונען אַ היתר אויפן ציוניזם אַפילו מדאוריתא; נישט בלויז, אַז מען מעג, נאָר שיבת ציון איז אַ חוב. ער האָט געברענגט אַ ראיה עזראן און נחמיהן). ס'זיינען געקומען די גרעסטע און די גאָר גרויסע סוחרים פון אַמאָל, די רייכע און קלענערע באַלעבאַטים: אַלע, וועלכע דער חורבן פון דער מלחמה האָט נישט אַזוי שטאַרק געטראָפן; אויך די, וועלכע האָבן זיך צוריק אַרויפגעאַרבעט: די נייע גבירים. אָבער אויך די, וועלכע האָבן זיך נישט מער געקאָנט צוריק־שטעלן אויף די פיס, זיינען געקומען. ס'זיינען געקומען אויך אַ סך אָרעמע יידן, גאַנץ פּשוטע. צווישן זיי איטשע שוסטער, פישל שמולעוויטש, דער געוועזענער יידישער מיליציאַנט אין דער שטאָט, וועלכן מ'האָט נאָכן פּאַגראָם אָפּגעזאָגט פון דינסט פאַר זיין אַקעגנשטעלן זיך דעם סטאַרשי. אַלע מיט אמתער פרייד און גרויסער האָפענונג אין הארץ, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, פונעם אַנטיסעמיטיזם, פון די פּאָגראָמען און באַיקאָט. אַ גרויסע שמחה האָט אַלע אַרומגעכאַפּט. שימעלע לאַטערייניק איז געווען אין גרויס התלהבות. קלמן בלאַכערזש און מעכל פּאַליטיקער זיינען געלאָפן אַהין און אַהער: זיי האָבן זיך געפילט ווי גאָר, גאָר נאָענטע מחותנים אויף אַ רייכער חתונה.

די בינע איז געווען אָפּגעטונקט אין בלויווייס. אויף אַ פּעדעסטאַל, צווישן צווי איבערגעקרייצטע בלוי־ווייסע פענער און פּאַלמען אין גרינע פעסלעך, איז אין אַ גאָלדענער ראָם געשטאַנען דער פּאָרטרעט פון ד"ר הערצל. איבער אים, ווי אַ קרוין, דער מגן־דוד. מאַיעסטעטיש מיט זיין שוואַרצער באָרד — האָבן זיינע פאַרחלומטע אויגן געקוקט ווייט אין דער צוקונפט...

די פּייערונג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ציוניסטישן הימן. דער כאָר — די פרויען אין ווייסן און די מענער אין פּייערלעך־שוואַרץ, אַלע מיט בלוי־ווייסע שלייפן און מגן־דודס — האָבן געזונגען די „התקוה“. דער עולם איז דערביי געשטאַנען

אין גרויס ערפורכט. דעם רעפריין האָבן כמעט אַלע מיטגעזונגען, אַ סך מיט טרערן אין די אויגן — אַזוי גערירט זיינען זיי געווען. דאָן האָט בערנפעל געזאָגט עטלעכע ווערטער, וועלכע זייער ווייניק מענטשן האָבן געהערט און נאָך ווייניקער האָבן פאַרשטאַנען. נאָר אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און געשריגן הידד. באַזונדערס גרויס איז געווען דער אַפּלאָדז ווען ער האָט געמעלדעט, אַז די מאַכט האָט צוגעשיקט אַ פאַרשטייער, דעם וויצעפּאַרזיצער פון שטאָטראַט. פאַרשטעלנדיק דעם חשובן גאַסט, אַן עלטערן קריסט, האָט אין זאַל אויסגעבראָכן אַ גרויסע באַגייסטערונג. דער קריסט האָט באַגריסט די פאַרזאַמלטע אין נאָמען פון שטאָטראַט און שטאָטפאַרוואַלטונג, האָט גערעדט וועגן דער גרויסער באַדייטונג, וואָס אַזאַ מלוכה ווי די ענגלישע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די „איזראַעליטן": אַן אַלט פאָלק, וואָס איז שווער געפּרווט געוואָרן אין לעבן, אָבער גאָט דער אַלמעכטיקער האָט עס נישט פאַרגעסן, ווייל דאָס איז זיין אויסדערוויילט פאָלק; ער האָט עס בלויז געשטראָפט פאַר די זינד, וואָס ס׳איז באַגאַנגען, ווי ס׳שטייט געשריבן אין דער הייליקער ביבל, און אַצינד וועט ער זיינע קינדער צוריקפירן אין זייער הייליק לאַנד אַריין, אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות. דער קריסט, דער וויצעפּאַרזיצער פון שטאָטראַט, האָט מבטיח געווען, אַז די פּוילישע רעגירונג און דאָס פּוילישע פאָלק טיילט מיטן גאַנצן האַרץ די נאָבעלע ייִדישע שטרעבונג זיך אומצוקערן אין זייער הייליקער היים און וועט טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם דערהויבענעם ציוניסטישן אידעאַל.

דער שטורעם פון די אַפּלאָדיסמענטן, ווען דער קריסט האָט געענדיקט, איז געווען אין לשער. נאָך גרעסער איז געוואָרן די פרייד און די האָפענונג ביי די ייִדן אויף דער פאַרווירקלעכונג פון זייער אידייע און עס איז געוואַקסן אין זייער האַרץ די אייגענע חשיבות. בערנפעל האָט אויך פאַרגעלייענט אַ לאַנגע טעלעגראַמע, צוגעשיקט פונעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט אין וואַרשע און געחתמעט פון מיסטער גרין און מיסטער סילווערסטין. אין דער טעלעגראַמע איז געווען געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן, די ציוניסטן, באַגריסן די פייערונג מיט ציוניסטישן גרוס און רופן אויס: „חזק!" ווידער אַ גרויסער אַפּלאָדז און גערירטקייט ביז טרערן. דאָן איז אויפגעטרעטן ברוך. ער האָט געהאַלטן אַ שיינע רעדע, פול מיט האַרץ און התלהבות. ער האָט זיך געווענדעט צו דער יוגנט אַריינצוטרעטן אין החלוץ און אָפּצוגעבן זייערע יונגע כוחות אויף אויפצובויען צוריק דאָס הייליקע ייִדישע לאַנד; ער האָט אַפּעלירט צו אַלע ייִדן אין דער שטאָט זיך אַנצושליסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין דער גרויסער גאולה, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און אויסגערופן: „דער חלום פון צוויי טויזנט יאָר איז מקוים געוואָרן"! ער האָט געשילדערט די ליידן און פּיין, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די צוויי טויזנט יאָר גלות, די שפּאַנישע אינקוויזיציע, די שייטערהויפנס און אַלע פּאָגראָמען, שחיטות און הריגות אין יעדן לאַנד, ווו ייִדן זיינען נאָר געווען. ער האָט גערעדט וועגן דער „באַלפור־דעקלאַראַציע". שטייענדיק לעבן פּאָרטרעט פון ד״ר הערצל, האָט ער אַלעמאָל אָנגעוויזן אויף אים און געברענגט ציטאָטן פון זיינע באַרימטע היסטאָרישע רעדעס און ביכער, און געענדיקט: „אָן אייך איז אַלץ געווענדט, אויב מיר זאָלן ווייטער בלייבן אין גלות און ווייטער ליידן ווי ביז איצט און אינגאַנצן אונטערגיין, אָדער מיר זאָלן זיך אַצינד אומקערן אין אונדזער הייליק לאַנד אַריין, האָבן אַ

יִדישע מלוכה ווי אַמאָל און זיך אַ פּאָלק גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. אין אייערע הענט ליגט אַלץ, דער יִדישער אונטערגאַנג און דער יִדישער קיום, וואָס קאָן קומען נאָר דורכן ציוניזם, דורכן אויסלייזן דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות און עס ווידער אויפבויען״.

די רעדע איז געווען אַ געלונגענע, דער הייסער אַפּלאָוז אַ פאַרדינטער. נאָך אַ הפסקה, אין וועלכער יונגעלייט און מיידלעך און אַפילו קינדער זיינען אַרומגע־גאַנגען מיט בלויע פושקעס און ווייסע אויפשריפטן „קרן קימת לישראל״ און גע־זאַמלט געלט, האָט זיך אָנגעהויבן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער טייל. צווישן אַלע, וועלכע האָבן דעקלאַמירט העברעיִשע און יִדישע לידער, האָט העלענאַ אַמשטאַרקסטן אויסגענומען אין יהודה הלויס קלאַסישער פּאָעמע, וואָס איז איבער־געזעצט געוואָרן אין יִדיש פון ביאַליקן. זי האָט איצט אויסגעזען אַזוי פאַרענדערט, סײַ גײַסטיק און סײַ זעליש, אַז אַ סך האָבן זיך געוווּנדערט און האָבן אַרויפגעקוקט צו איר אין יראת־הכבוד.

מיט אַ שיינער שטימע און שטאַרקער געפילסאַקצענטירונג האָט זי אָנגעהויבן:

„בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?״

דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם ווען איר קול האָט גענומען ציטערן פון בענקשאַפט, ווי ביי אַ געליבטער, ווען זי קלאָגט אין איר איינזאַמקייט:

„מיך ציט צו דיר! מיין האַרץ גייט אויס נאָך יענע ערטער,
וווּ די אָבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
וווּ די שכינה האָט גערוט, וווּ דיין באַשעפער
האָט זיינע טויערן, די הייליקע, געעפנט
אַנטקעגן זיינע הימלישע שערים...״

גרעסער איז געוואָרן איר ווייטיק פון בענקשאַפט און טראַגישער איר פּאַטאָס, ווען זי האָט אויסגערופן:

„וווּ נעמט מען פליגל?! שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ
ווייט, ווייט צווישן דיינע ברעגן פאַרטראָגן,
כ׳וואָלט צוגעפאַלן צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פוסטריט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער״...

אַזוי ביז זי האָט געענדיקט.

דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטורמישן אַפּלאָוז פון גרויס באַגייס־טערונג. דאָס רופן „ביס״ האָט גאַרנישט געוואָלט אויפהערן. אָבער העלענאַ, פאַר־געסנדיק אַפילו זיך צו פאַרנייגן, איז פאַרשוווּנדן פון דער בינע. דער כאָר איז אויפגעטראָטן און געזונגען פאַרשידענע יִדישע און העברעיִשע לידער. ביי די פריילעכע לידער איז די יוגנט געוואָרן אַלץ לוסטיקער, גענומען מיטזינגען, ביז זייערע הענט האָבן זיך געלייגט אויף אַקסלען און זייערע פיס זיינען אַוועק אין אַ „האָרא״, אין אַ ווילדן ארץ־ישראל־טאַנץ, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויפצוקומען.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

יעקב מיט דיאַגענעס לאַמטערן

1

ביידע פּייערונגען האָבן ביי די יידן אין דער שטאָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן רושם. די ציוניסטן זיינען אין זייער האָפענונג אויף פּאַלעסטינע געוואָרן האָפּער־דיקער. זייער באַוועגונג האָט געמומען וואַקסן פון טאָג־צו־טאָג. אויך די סאָציאַ־ליסטן האָבן אָנגעהויבן ווערן זיכערער מיט זייער זיג, ווייל די רעגירונג — וואָס שטאַרקער די מלחמה מיט רוסלאַנד האָט זיך צעפלאַקערט — אַלץ לינקער איז זי געוואָרן. זי האָט געמאַכט אַלץ גרעסערע הבטחות צום פּראָלעטאַריאַט און די פּויע־רים, פאַרזיכערנדיק זיי, אַז נאָך דער מלחמה וועט זי אַלץ פאַרווירקלעכן: די ערד וועט צעטיילט ווערן צווישן די אָרעמע פּויערים, די פאַבריקן, די נאַפט־ און קוילנ־גריבער — אַלץ וועט נאַציאָנאַליזירט ווערן. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע טעטיקייט. די פאַבריקן, וועלכע זיינען נישט אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן, האָבן די פאַבריקאַנטן אין איילקייט אַצינד געלאָזט רעמאָנטירן, זיי צוגעפּאַסט פאַר קריגספאַבריקאַציע און גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת האָבן די מאַשינען גע־רוישט. אויך די קליינע אינדוסטריע האָט שנעל גענומען אויפלעבן. אַרבעטער און באַלמעלאָכעס האָבן באַקומען גענוג אַרבעט. דער אַנטיסעמיטיזם איז ווי איבער נאַכט פאַרשוווּנדן. יידישע אונטערנעמער האָבן באַקומען גענוג באַשטעלונגען פון דער רעגירונג. דערביי האָט אויך דער שמוגל צוריק גענומען אויפפלאַקערן, ווי אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע.

דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן גיין מיט גרויס אימפּעט.

2

גרוינעם מלמד האָט ווי אַמאָל ווידער געקנעלט מיט גענוג תלמידים, כאָטש אין דער שטאָט איז איצט געווען אַ יידיש־וועלטלעכע שול. ער האָט מיט די יונגען געלערנט חומש: „ערות אשת אביך לא תגילה״... די תלמידים האָבן נאָכגעזאָגט און פאַרטייטשט: „די שאַנד פון דיין טאַטנס ווייב זאָלסטו נישט אַנטבלויזן״... זיי האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעשאָקלט: „ערות אחותך בת אביך״... דער מלמד האָט זיי אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „וואָס מיינט מען דערמיט?״ די אַכט־ און נייניעריקע האָבן נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. די, וואָס האָבן יאָ געוווּסט, האָבן זיך נישט געטרויט. גרוינעם האָט ווידער געפרעגט: „וואָס באַדייט דאָס? — אויב זי איז דיין שוועסטער, איז זי דאָך, פאַרשטייט זיך, דיין טאַטנס טאָכטער״... האָבן טאַקע די יינגלעך נישט פאַרשטאַנען. האָט דער רבי געפרעגט: „וואָס איז דער טייטש ערות?״. אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט. פּלוצים האָט גרוינעם איינעם נאָכן אַנדערן אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש מיטן גאַנצן כוח. איינעם פון די תלמידים האָט ער אָנגעכאַפּט ביי אַ לעפּל פון אַן אויער און עס געצויגן ווי גומי. דאָס יינגל האָט גענומען שרייען.

הערש האָט פּונקט צונויפגעפּאַקט זײַנע זאַכן. ער האָט שוין געהאַט געדונגען אַ דירה, אַן אײגענע, ווײַל אויך אין זײַן פאַך איז איצט געווען אַ סך צו טאָן און ער האָט באַשלאָסן צו עפענען אַן אײגענעם וואַרשטאַט: נישט קײן גרויסן, דערווײַל מיט עטלעכע אַרבעטער. דאָס לערנען פונעם פאַטער מיט די ייִנגלעך, דאָס שלאָגן זײ און זײער ווײנען און שרײַען, האָט אים אויפגעקאָכט און ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די אומבאַהאָלפענע קרבנות. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פאַטער בײַ בײדע הענט, ער זאָל נישט שלאָגן די קינדער, און אים געפרעגט:

— ווי שעמסטו דיך נישט מיט קינדער אַזעלכעס צו לערנען? ס'איז אַ חרפה! גרוינעם איז אויפגעשפּרונגען:

— ס'איז אַ חרפה?! גאָטס תורה איז אַ חרפה?! דאָס, וואָס ס'קומט פאַר אין דעם פאַראײן דײנעם, צווישן די יונגען און די מײדלן דאָרט... מ'ווײסט דאָס אַלץ! און דאָס וואָס דו האָסט מיט דער... — ער האָט אַ ווײַז־געטאָן אויף ציפען. זי איז געשטאַנען נישט ווײַט פון הערשן און האָט אויך צוזאַמענגעפּאַקט אירע זאַכן. דער מלמד האָט ווײַטער געשריגן: — וואַרט, דו וועסט ווידער פוילן אין תפיסה!

הערש האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. זײַן בלײך־געוואָרענע הויט פון פּנים האָט געציטערט איבער די באַקנבײנער. זײַנע פינגער האָבן זיך צוזאַמענ־געקורטשעט אַרום די געלענקן פון פאַטערס הענט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין זײַנע גרויסע פויסטן. גרוינעם האָט געשריגן:

— געוואַלד! אַ זון שלאָגט אַ טאַטן! — דערבײַ האָט ער דעם זון געבריקעט מיט אַ פוס.

הערש האָט דעם פאַטער אַ שלײַדער־געטאָן פון זיך. דער מלמד איז אַנידער־געפאַלן און נאָך העכער געוואַלדעוועט:

— ער האָט מיך דערהרגעט! ער האָט מיך דערהרגעט!

ציפע האָט דעם מלמד געמוסרט:

— שעמט אײַך! איר זאָגט אײַער זון, אַז ער האָט מיט מיר... דאָס איז אַ געמײנער ליגנט! איר אָבער זײַט עטלעכע מאָל צוגעקומען צו מײַן געלעגער ווען יעך בין געשלאָפן!... אײן מאָל האָבעך אײַך אויסגעריסן די באָרד...

בײדע, הערש און ציפע, האָבן שנעל צוזאַמענגעפּאַקט זײערע זאַכן און זײַנען אַוועקגעגאַנגען. גרוינעם האָט זיך צוריק אויפגעהויבן פון דיל, האָט זיך גלײַך־געמאַכט דאָס היטל אויפן קאָפּ, מיט די פינגער צעצויגן אינדערלענג און אינדער־ברײט די באָרד, זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויף זײַן אָרט, און שעמענדיק זיך אַביסל פאַר זײַנע תלמידים, ווײַטער גענומען לערנען מיט זײ „ערות"...

די געשטופּלטע הענטע, דעם מלמדס ווײַב, איז נישט געווען אין דער הײם. דער פאַרהאַנג, וואָס האָט צעטײלט די שטוב אין צווײ העלפטן, איז געווען אַראָפּגעלאָזט. דער סופר איז געלעגן אין בעט. זײַן קראַנקײט האָט זיך פאַרערגערט. ער האָט נישט געקאָנט אויפשטײן מער, אַפילו ווען אינדרויסן איז שוין געווען וואַרעם. דאָס, וואָס דאָס נײַגעבוירענע קינד איז געשטאָרבן — שוין דאָס דריטע אין משך פון פינף יאָר — האָט אים שטאַרק דערשלאָגן און אָפּגעשוואַכט. יעקב איז געשטאַנען בײַם פענצטער. אָבער ער האָט נישט אַרויסגעקוקט צום בלויען הימל און דער שײנער זון, ווי בנימינען האָט זיך געדוכטן בײם וואַרפן אַלעמאָל אַ בליק אויפן ברודער, נאָר געקוקט אין זיך. ער האָט אַצינד נאָכגעטראַכט וועגן עטלעכע זײער

וויכטיקע פראַגן. דאָס, וואָס אין דער אַנדער האַלבער שטוב האָט זיך געטאָן, האָט ער כמעט נישט געהערט. קריגערייען און אַפילו געשלעגן זיינען דאָרט פאָרגעקומען גאַנץ אָפט, צומייסט צווישן דעם מלמד און דער פרוי. יוכבד, איינגאַנצן שוין אַ דערשלאָגענע, איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט פאַרראַכטן מאירלס איינציקע פּאָר מײַטקעס. זי האָט די לאַטע געדרייט אַהין און אַהער צו פאַרדעקן מיט איר וואָס מער לעכער. ווי אָן חשק און זייער מיד שוין — נישט בלויז פון לאַטען צעריסענע שמאַטעס כמעט ס׳גאַנצע לעבן, נאָר פון די צופּיל, צופּיל צרות — האָט זי גאַנץ פּאַמעלעך געצויגן די נאָדל מיטן פאָדעם. דערביי האָט זי די הייזלעך גע־וואָלט פאַרריכטן וואָס גיכער, ווייל מאירל איז געזעסן האַלב־נאַקעט אין בעט ביים פאָטער און זיך געאײַלט אָנצוטאָן. פּלוצים איז אַ גרויסע טרער פון יוכבדס אויגן אַראָפּגעפאַלן אויף דער בליצנדיקער נאָדל און זי האָט מער נישט געזען צו נייען. זי האָט דאָס קינד, וואָס האָט שוין עטלעכע וואָכן געפוילט אין קבר, נישט אויפגעהערט צו זען פאַר זיך. אַ סך מאָל האָט זיך איר אַפילו געדוכט, אַז זי האַלט עס אין אירע אָרעמס און גיט אים צו זייגן. ווידער האָט יוכבד איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס זי האָט עטלעכע מאָל שוין געהאַט געזאָגט:

— וואָלט מע דעמאָלט, נאָך דער עקספּלאָזיע, באַלד געווען געלאָזט צוריק אַרײַנשטעלן די אַרויסגעפאַלענע שויבן, וואָלט דאָס קינד — אין ליכטיקן גן־עדן זאָל עס רוען — זיך נישט געווען פאַרקילט.

דאָס איז דעם קראַנקן סופר נישט געפעלן און ער האָט געזאָגט צום ווײַב:

— ביסט אַ נאַרישע אשה! פאַרקילט... דער מלאך־המות האָט שטענדיק אַ תירוץ. ווען הקדוש ברוך הוא האָט איינגעטיילט יעדן מלאך זיין שליחות, האָט דער מלאך־המות געוויינט פאַרן ריבונו של עולם און געטענהט: „רבונא דעלמא! פאַר־וואָס גיסטו מיר אַזאַ שליחות? איך וויל ליבער דעם מענטש ברענגען דאָס לעבן, ווי עס אַוועקנעמען פון אים“. האָט כביכול, ברוך הוא, אים געענטפערט: „איך פאַרשטיי דיין צער. דעריבער וועלכע צו יעדן, וואָס וועט מוזן שטאַרבן, פריער שיקן אַ קראַנקייט, אָדער אַלטקייט“.

ר׳ שאול האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן געפרעגט יעקבן:

— נו, וואָס איז דיין באַשלוס?

ווען יעקב האָט זיך פונעם פענצטער אויסגעדרייט צום פאָטער, אָבער ער האָט אים נישט געענטפערט, ווייל ס׳איז אים געווען שווער זיך צו אַנטשיידן, איז דער קראַנקער געוואָרן אומגעדולדיק:

— זאָל־זשע בנימין גיין אַרבעטן! ער וויל דאָך. און אויך מאירל! מ׳דאַרף איצט אַזויפיל אַרבעטער, אַז מ׳נעמט אויך קינדער.

בנימין האָט אויסגערופן אַ באַגייסטערטער:

— יאָ, יאָ! אַלע מיינע חברים אַרבעטן שוין, זיי פאַרדינען אַ סך געלט! יעך וויל אויך גיין אַרבעטן!

— יעך אויך! יעך אויך! — דער האַלבנאַקעטער מאירל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט אַרומגעכאַפּט זיין ברודער.

יעקב איז געווען גערירט און האָט אַרומגענומען די צוויי קליינע ברידערלעך. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף בנימינס קינדערישע שמאָלע פּלייצעס און אים געפרעגט:

— ווייסטו, וואָס מ׳וועט דיך הייסן מאַכן אין דער פאַבריק?
בנימין האָט געענטפערט:
— כ׳ווייס נישט; אָבער כ׳וועל מאַכן אַלץ, וואָס מ׳וועט מיך הייסן.
יעקב האָט סוגעסטיוו געקוקט זיין קליינעם ברודער אין די אויגן אַריין און אים אויפגעקלערט:
— מ׳אַרבעט איצט נאָר פאַר דער מלחמה. דו וועסט מיט דיין אַרבעט, וואָס דו זאָלסט נישט טאָן, העלפן צום קריג; וועסט העלפן הרגענען מענטשן, פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, צעשטערן הייזער, פאַרניכטן די רעשט, וואָס איז איבערגעבליבן גאַנץ! און קעגן וועמען דאָס לאַנד פירט איצט מלחמה ווייסטו? נישט בלויז קעגן אומשולדיקע מענטשן, נאָר קעגן סאָציאַליסטן, קעגן די, וועלכע ווילן אָפּשטעלן מלחמה, וועלכע ווילן אָפּשאַפן אָרעמקייט און די אַלע ליידן פון דער אָרעמקייט.
דער קראַנקער איז געוואָרן נאָך אומגעדולדיקער און זיך געבייזערט:
— אם כן? ס׳גייט דאָך פשוט אין דעם, פונוואַנען זאָל מען נעמען צו לעבן? יעדן קאָן שוין גאָרנישט מער טאָן, אָפּילו נישט מגיע־זיין אַ מזוזה. אַז כ׳קאָן מער נישט אויפשטיין פון בעט... — ווען ער האָט געזען, ווי אַלע האָבן גלייך אַראָפּגע־לאָזט די קעפּ און יוכבד האָט ווידער אָנגעהויבן וויינען, האָט ער נישט דערזאָגט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן: אַז ער וועט שוין לאַנג נישט לעבן, נאָר געפרעגט: — ווו וועט מען נעמען דירה־געלט? דעם אַלטן מאַטעוס האָט מען געצאָלט ווען מ׳האָט געהאָט, ער האָט נישט געמאָנט; זיין זון אָבער, דער קאַספּער, דער שונא ישראל, ער וויל פון גאָרנישט וויסן. — דער קראַנקער האָט זיך צעהוסט. ער האָט מער נישט געהאָט וואָס אויסצושפּייען און איז געבליבן אָן אָטעם און אַ שווייס האָט אים באַדעקט. ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך האָט ער ווייטער גערעדט: — והשנית: עס איז נישט אַזוי ווי דו, יעקב, זאָגסט. מלחמות זיינען שטענדיק געווען און ס׳וועט נאָך לאַנג, לאַנג געדויערן ביז ישעיהס נביאות וועלן מקוים ווערן. און דערווייל, אַז אַ לאַנד פירט מלחמה, מוזן די איינוווינער טאָן אַלץ וואָס זיי קאָנען; יעדער מוז העלפן דער מלוכה; מיט אַלע כוחות טאָן, וואָס מ׳הייסט, זיך אַפילו מקריב זיין.
יעקב האָט געפרעגט:
— הייסט דאָס... אַז ווען מ׳וועט מיך רופן צום מיליטער...
דעם סופרס ענטפער איז געווען פשוט:
— וועסטו גיין.
די האַלבע שטוב איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ שטילקייט. אין דער אַנדערער האַלבער שטוב האָט גרוינעם מלמד אַלץ נאָך געקנעלט מיט די תלמידים: „ואת זכר לא תשכב משכבתי אשה. און מיט אַ זכר זאָלסטו נישט ליגן ווי מ׳ליגט מיט אַ אשה״.
יעקב האָט מיט זיינע גרויסע גלעע ציין געביסן די לאַנגע ליפּן, די אונטער־שטע און די אייבערשטע. דערביי איז זיין קליינער קין געוואָרן נאָך קלענער. נאָך אַ לענגערן שווייגן האָט ער איבערגעריסן די קוועלנדיקע שטילקייט:
— גוט, איך וועל גיין אַרבעטן.
דער סופר האָט פאַרשטאַנען יעקבס געוויסנס־קאַמף און, ווייזנדיק מיט אַ האַנט אין דער האַלבער שטוב אַריין, געזאָגט:

— זיין זון, דער רימאַרזש, איז דאָך אויך אַ סאָציאַליסט, ווי דו, יעקב; און ער, ווי כ׳האָב געהערט, מאַכט זיך איצט אויף אָן אייגענעם ווערקשטאַט און וועט אַרבעטן בלויז פאַרן חייל.

יוכבד האָט באַשטעטיקט:

— יאָ, העניע האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט.

— איך ווייס. — יעקב האָט רעזיגנירט. ער האָט אויסגעגלייכט די פּלייצעס און געשטעלט אַ באַדינג: — נאָר בנימין זאָל גיין אין דער יידיש־וועלטלעכער שולע אַריין!

מאירל האָט געשריגן טאַנצנדיק:

— יעך אויך!... יעך אויך!...

יעקב איז אַוועקגעגאַנגען.

3

אינדרויסן האָט יעקב אַ קוק־געטאָן אויפן זייגערל און באַשלאָסן, אַז ער האָט נאָך צייט אַהינצוגיין צו זיין פריערדיקן ברויטגעבער, כדי אים צו זאָגן, אַז ער וועט ווייטער קומען אַרבעטן. ס׳איז געווען דער דריטער מאַי, אַ פּויליש־נאַציאָנאַלער יום־טוב, וועלכן ס׳האָבן געפייערט כמעט בלויז די רעאַקציאָנערן. דאָס יאָר האָבן זיי עס אָבער נישט געטאָן, פּונקט ווי די סאָציאַליסטן האָבן מיט דריי טעג פריער נישט געפייערט זייער אינטערנאַציאָנאַלן יום־טוב. נאָר די שולן זיינען דאָך געווען געשלאָסן, ווייל אויך אין 1טן מאַי זיינען זיי געווען געשלאָסן. ס׳איז געווען אַ שיינער פרילינגטאָג. די זון, כמעט שוין אַ גליענדיקע, דער הימל בלוי אָן איין וואָלקנדל. נאָר די מלחמה האָט מען אין דער שטאָט שוין גוט געפילט, כאָטש די שלאַכטן זיינען דערווייל נאָך אַלץ פאָרגעקומען אויף רוסישן באָדן און גינסטיק פאַר פּוילן. די גאַסן זיינען געווען כמעט לער און די מענטשן, וועלכע האָבן זיך יאָ געוויזן, האָבן געהאַט פאַרזאָרגטע פּנימער און זיינען געווען אייליק.

יעקב איז אַריינגעגאַנגען צו זיין פריינט לערמאַן. דער לערער איז געווען און געבליבן זיין נאָענטסטער פריינט, כאָטש אידייאיש האָבן זיי זיך אַלץ מער דערווייטערט איינער פון אַנדערן. אויך דאָס, וואָס דער לערער איז שוין געווען פּערעלעס חתן, האָט זייער פריינטשאַפט נישט געענדערט, הגם יעקבס ליבע צו איר איז נאָך נישט געווען טויט. אין זיין באַוווסטזיין האָט אָבער ראָבע שוין פאַרנומען דעם גאַנצן פּלאַץ, וואָס אַ פרוי פאַרנעמט ביי אַ מאַן.

קלמן בלאַכערזש, אויסגערוסט, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ רויט אָנגעגליט לייטאייזן אין האַנט, האָט אַ דערפרייטער אויסגערופן:

— אַ גאַסט! אַ גרויסער גאַסט! מ׳וואָלט באַדאַרפט צערוקן די ווענט... נאָר דאָס וועט מע טאָן שפּעטער, ווען ס׳וועלן זיין גענוג „קלינגערס״ אין קעשענע... און זיי וועלן זיין, זיי וועלן זיין; אַרבעט איז איצט דאָ גענוג, און „קאַזנאַ״ צאָלט גוט... באַזונדערס ווען ס׳איז מלחמה... און אַ מלחמהלע איז אַצינד — נישט ווי די פריערדיקע, אָבער אַ גאַנץ פיינס... און ס׳איז ערשט דער אָנהייב... נאָך יענער מלחמה האָבעך מיר צוריק־אויפגעשטעלט בלויז די איינע שטוב און נאָך נישט אינגאַנצן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין; ס׳רעגנט נאָך אַביסל אַריין, ווייל כ׳האָב דעם דאָך געדעקט בלויז איבער דער איינער שטוב; קיין פּאָדלאָגע איז אויך נאָך נישטאָ, די ווענט

זיינען נאָך נישט געטונקעוועט, דער סופיט איז נאָך נישט גאַנץ קעניגלעך, און דאָס מעבל... נאָכן איצטיקן מלחמהלע אָבער וועלעך די „קאַמעניצע" מיינע שוין צוריק־אויפשטעלן אינגאַנצן, מיט די „פּייערמויערן" אַרום, ווי ס'איז פריִער געווען. אַ פּאַלאַץ וועלעך פון דעם הויז מאַכן.

יעקב האָט טרויעריק מיטגעשפּאָסט:

— אויב...

דער בלאַכערזש האָט ווילעריש אַ ווונק־געטאָן מיט די אויגן:

— ס'וועט זיין גוט... אַלע מענטשן אין דער שטאָט (אין גאַנצן לאַנד) פאַר־דינען ווידער געלט...

יעקב האָט צו דער שטיקנדיקער לופט ביים בלאַכערזש זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט צוגעוווינט, הגם ער איז דאָרט אָפט אַריינגעקומען. איצט איז די לופט געווען באַזונדערס שווער פון די ציבעלעס און רעטעך, וואָס רחל האָט אָנגעמישט אין אַ גרויסער שיסל. קלמן, אַ גוטער באַלמעלאָכע, האָט געאַרבעט שנעל. דאָס רעדן דערביי האָט אים נישט געשטערט. די יונגען, ביזן קלענסטן, האָבן אים צו־געהאָלפן. די מיידלעך האָבן געהאָלפן דער מוטער. ס'איז געווען די צייט פון עסן און רחל האָט אין ערדענע שיסעלעך אויפגעגעבן פאַר יעדן: צוערשט די ציבעלעס מיט רעטעך, דורכגעריבן מיט אַרבעס און שמאַלץ. דערנאָך האָט זי איז גרויסע שיסלען אויפגעגעבן אַ געדיכטן קרופּניק פון פּערלגרויפּן און קאַרטאָפליעס. יעקבן האָט זי נישט געפרעגט, צי ער איז הונגעריק אָדער נישט, נאָר אָוועקגעשטעלט פאַר אים עסן גלייך ווי פאַרן מאַן און די קינדער. יעדער האָט זיך אָפּגעשניטן אַ שטיק פונעם גרויסן, אפשר פונטיקן שוואַרצן ברויט און געגעסן מיט אַפּעטיט. דער טאַטע האָט געקוואָלן פון זיינע בנים און די טעכטער:

— זיי האָקן אַ סעודה!... בלויז דו, יעקב; דו עסט ווי די דריי מלאכים ביי אברהם אָבינו... זיי האָבן זיך בלויז געמאַכט עסן, אַזוי זאָגט רש"י!... פאַר מיר בלייבט אָבער אַ קשיא: ווו איז אַהינגעקומען ס'פלייש פון אַ יונגן פעטן רינד און די קוכנס פון דריי מאָס זעמלמעל און די מילך און שמאַנט?... זיי האָבן אַלץ אַריינ־געהאַקט, נישט ווי דו, יעקב... נו, עס! אָדער אפשר האָסטו נאָך נישט געדאַוונט?... מיינע יונגען האָבן אַלע געדאַוונט... זיי דאַוונען יעדן טאָג און פאַסטן יעדן תענית, חוץ יום־כיפור...

רחל האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע...

קלמן האָט צוגעגעבן:

— אמת... נו עסט, עסט, מיינע „עופעלעך", עסט! זיי זיינען אַלע שוין פאַלנע באַלמעלאָכעס און אַרבעטן גאַנץ נישקשה. און אַז מ'אַרבעט מוז מען עסן.

דער קליינער חימל האָט פּראָטעסטירט:

— יעך אויך שוין פאַלנע מעלאָכע!

די מוטער האָט איר „וויסקראַבעק" אַ קוש־געטאָן מיט די דיקע ליפּן, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעקלונגען אין שטוב:

— דו אויך; אַ פאַלנע באַלמעלאָכע ביסט דו... אַ פאַלנע... — זי האָט דאָס קינד צוגעדריקט צו דער ברוסט און ווידער געקושט: — מיין וויסקראַבעקל... כאָטש נאָך אַ טוץ אַזעלכע ווי דו... — זי האָט געמונטערט יעקבן: — עס! וואָס מאַכט די מאַמע? ווי גייט עס דעם טאַטן.

קלמן האָט געענטפערט פאַרן גאַסט:

— ער וועט געזונט ווערן. ס'איז שוין זומער. די זון מאַכט פון טויט לעבעדיק. עס, יעקבֿ! זעסט, מיינע עופּעלעך זיינען שוין פאַרטיק. די שיסלען אויסגעליידיקט. ביי זיי געדויערט נישט לאַנג. אַפילו אַ פערד מיט די פּאַדקאָוועס וואָלטן זיי צע־רעכט געמאַכט אין עטלעכע מינוט. אַט לעקן זיי אויס די שיסלען, מ'זאָל נישט דאַרפן וואַשן... זיי ברענגען דער מאַמען אין אַרבעט...

אָפּגעגעסן, אָפּגעלעקט זיך די וואָנצעס, האָט קלמן צוגעפירט יעקבן צו דער אויבנאַנדיקער וואַנט און אים געוויזן מיט שטאָלץ:

— זעסט די דריי פּאָרטרעטן? דעם ערב־פּסח אויפגעהאָנגען. דער מיט דער שוואַרצער באָרד — דו האַלטסט נישט פון אים, אָבער דו ווייסט ווער ער איז — איז שוין 40 יאָר מיין גאָט. יעך בין נישט קיין „באַלד־פּאָר"־ציוניסט, ווי די, וואָס זיינען איצט געוואָרן. ווי בערנפעלס טאָכטער. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזעלכעס?... טאַקע משיחס צייטן... אַוועקגעוואָרפן דעם גויאישן „קאַכאַנעק" און געוואָרן אַ ציוניסטקע!... צ'האָט באַדאַרפט הערן, ווי זי האָט דעקלאַמירט „בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון", און ווי זי האָט דערביי אויסגעזען — ווי אַן אמת יידישע טאָכטער... זי האָט זיך שוין פאַרשריבן אין חלוץ און וועט גיין קיין ארץ־ישראל העלפן בויען דאָס יידישע לאַנד. רחל! מיר גייען אויך! און עטץ, חברה — אַלע מיט אונדז!

יידל און קיווע,ביידע שוין גרויסע יונגען, און יענטע, די שענסטע פון אַלע אירע שוועסטער, שוין שטאַרק צעבליט, האָבן ווי אין אַ כאָר געריפן:

— מיר גייען נישט, מיר בלייבן דאָ!

די מאַמע האָט זיך פאַראייניקט מיט די דריי פון אירע קינדער:

— יעך אויך נישט. יעך בלייב דאָ, ביז ס'וועלן פאַרן די לעצטע יידן!

קלמן איז געוווען איבערראַשט:

— אַזוי גאָר?!

— יאָ, אַזוי גאָר! — האָט רחל געענטפערט בתמימות.

— איז אפשר דער מיט דער ווייסער באָרד, — האָט קלמן געחוזקט, — יידלס און קיוועס און אויך יענטעס נייער משה רבינו, קאַרל מאַרקס, אויך דיינער שוין?

רחל האָט געענטפערט:

— יעך דאַרף נישט קיין נייעם משה, קיין נייע געטער; יעך בלייב דאָ, ווי כ'האָב דיר געזאָגט, אַזוי לאַנג ווי עס וועלן דאָ זיין יידן!

— מילא, פאַרפאַלן. — דער בלאַכערזש האָט רעזיגנירט. ער האָט יעקבן ווידער געוויזן אויף די פּאָרטרעטן: — זעסט דעם מיט די בלויזע וואָנצעס? באַראַ־כאָוו. אַ צוזאַמענשטעל פון קאַרל מאַרקס מיט ד"ר הערצל, אַ שידוך אַזעלכער — ער איז יצחקס גאָט, אויך גיטלס און רבקהס.

די באַלעבאָסטע האָט נאָכן עסן פאַרלייגט די הענט אויפן בויך, וואָס איז נאָך אַזויפיל מאָל טראָגן געבליבן ווי אייביק מעוברתדיק און איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט. פּלוצים האָט זי זיך געכאַפּט:

— נישטאָ קיין צייט צו שטיין אַזוי ליידיק! — זי האָט גענומען טרייבן אַלע: — צוריק צו דער אַרבעט, קלמן! און עטץ, מיידן, ס'געפעס אָפּוואַשן!

קלמן איז צוריק צוגעגאַנגען צום ווערקשטאַט:

— גערעכט, מיין ווייב: נישטאָ קיין צייט. — ער האָט גענומען קלאַפּן מיט אַ האַמער און צוגעזונגען: — אַ טייער מלחמהלע... אַ גאָלדן מלחמהלע... עוד לא עבדה תקותינו...

4

דער לערער איז געגאַנגען צו פּערעלען. יעקב האָט אים באַגלייט.ביידע שטאַרק פּאַרטיפטע אין אַ שמועס, זענען זיי מיטן גרויסן שליאַך אַוועק ביז הינטער דער שטאָט. לערמאַן האָט אַרגומענטירט:

— מיר מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד, ווי יעדע אומה, ווייל מיר זיינען אַ פאָלק. וואָס קאָן זיך בשום אופן נישט פולשטענדיק אַסימילירן. מיר אַסימילירן און אַסימילירן זיך שוין אַזוי לאַנג — אייגנטלעך כמעט פון דער ערשטער רגע אָן, ווען מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק — און מיר זיינען נאָך אַלץ אַ יידיש פאָלק. איך רעכן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די וואָרצלען פון אונדזער שטאַם שטעקן טיף אינעם לעבנסדערקענטעניש־קוואַל. דעריבער קאָנען פון דאָזיקן בוים אָפּפאַלן בלויז בלעטער, עס קאָנען זיך אָפּרייסן אַפילו גאַנצע צווייגן; דער בוים אָבער בלייבט, גרינט און גיט ווייטער פירות. נישט די אַסיריער, נישט די באַביליאַנער, נישט די גריכן און נישט די רוימער אָדער אַנדערע מלוכות אין יענער צייט; נישט די האַלבע לבנה און נישט דער צלם, נישט די מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיציעס און שייטער־הויפנס, נישט די פריערדיקע און נישט די שפּעטערדיקע אַלערליי שרעקלעכע גזירות האָבן אונדז געקאָנט אויסראָטן; נישט די כמעלניצקיס און נישט די אַנדערע, די גרויזאַמסטע פּאָגראָמען, האָבן דאָס יידישע פאָלק געקאָנט אומברענגען אָדער ברעכן. שוין נישט איינמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער סוף פון דאָזיקן עם קשה עורף איז געקומען. און דאָך: עס איז דער ברענענדיקער דאָרן, וואָס ווערט נישט פאַרברענט. דערביי איז ביי אונדז תמיד די התפעלות פאַר די קולטורן פון אַנדערע פעלקער זייער גרויס. מיר, דער בוים, נעמט וואַסער און זון פון אַרום און אַרום און גיט דאַן זיינע פרוכטן פאַר אַלעמען... נייך, נישט דער שטורעם און נישט די זון וועט דעם ייִד צווינגען אויסצוטאָן די קאַפּאָטע!

יעקב האָט געשמייכלט:

— אָבער איך האָב דאָך דיר קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך אַסימילירן. איך געהער דאָך נישט — דו ווייסט עס אַמבעסטן — נישט צום לינקן און אַוודאי נישט צום רעכטן לאַגער, וואָס האַלטן, אַז די ייִדן דאַרפן זיך אויפהערן צו באַטראַכטן ווי אַ פאָלק, ווייל זיי האָבן נישט קיין לאַנד. אָבער אַזוי שטאַרק איבערגעצייגט, ווי דו, יצחק — אַז נישט דער שטורעם און נישט די זון וועט דעם ייִד צווינגען אויסצוטאָן די קאַפּאָטע — בין איך נישט. דער זון קאָן עס אַמאָל יאָ געלינגען. קיין אייביקע געזעצן זיינען נישטאָ, האָט אַמאָל אַ גרויסער חכם געזאָגט. די זון האָט אונדז דערווייל ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט ריכטיק געוואָרעמט. נאָר די פראַגע איז אַן אַנדערע. דו זאָגסט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די וואָרצלען פון אונדזער שטאַם שטעקן באַזונדערס טיף און ציִען זייער נאָרונג פון סאַמע לעבנסדערקענטעניש־קוואַל. איך בין מיט דיר מסכים. דאָס וואָרט „לעבנסדערקענטעניש" שטרייך איך אונטער. אין דער גייסטיקער ספערע אָבער,

פונקט ווי אין דער פּיזישער, גייט אָן אַן אייביקער קאַמף פון בייקומען און פאַרשלינגען. אויף וויפל איך ווייס, האָט ביז איצט געזיגט דער אמת, וועלכער איז נישט בלויז אַבסטראַקט, נאָר איז אויך ערדיש, וועלכער איז פאַרבונדן מיט און אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. אַזאַ דערקענטעניש — ווי אַ לערע, ווי אַ רעליגיע, אָדער שליחות; אָן אַ חילוק, צי זי האָט זיך אַנטפּלעקט אינגאַנצן צו דעם איינעם פאָלק, וואָס האַלט זיך פאַר דעם איינציק־אויסדערוויילטן פון גאָט פאַר דערדאָזיקער דערקענטעניש, אָדער דאָס פאָלק האָט אַ סך פון דער לערע, צי אינגאַנצן אַפילו, גענומען ביי אַנדערע פעלקער, אָבער עס איז געוואָרן דער טרעגער און קעמפער פון דערדאָזיקער דערקענטעניש, פון דערדאָזיקער לערע — זי, די לערע, די דערקענטעניש, שטאַרקט איר שליחה, ביז אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן זי מוזן אָננעמען. דאַן אָבער, ליבער פריינט... דאַן וועלן מיר שוין יאָ אויסטאָן די קאַפּאָטע, דעם טלית־קטן און דער קריסט וועט אַראָפּנעמען פון זיך דעם צלם...

דער לערער האָט זיך געכאַפּט:

— דעריבער ביסטו קעגן ציוניזם? — — —

יעקב האָט זיך געוועדט:

— אויך דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט, כאָטש איך געהער צו אַ פּאַרטיי, וואָס קעמפט קעגן דערדאָזיקער באַוועגונג. אָבער עס איז מיין איבערצייגונג, אַז אַזוי לאַנג ווי די שליחות, וואָס איך מיין, וועט נישט זיין אויסגעפירט, וועלן מיר אויך אין ארץ־ישראל, אין אונדזער אייגן לאַנד, זיין אין גלות. יאָ, אַפילו ווען דאָס לאַנד זאָל ווידער זיין אינגאַנצן אונדזערס ווי אַמאָל. דערווייל אָבער, שוין ביים ערשטן טריט, גיסט זיך אין פּאַלעסטינע יידיש בלוט. און די מלחמות? ווי פיש אין ים, אָדער ווי חיות אין אַ דזשאַנגל, שלינגען זיך די מלוכות איינע די אַנדערע. וויפל מלחמות האָבן מיר געפירט אין דער קורצער צייט פון אונדזער מלוכה־לעבן? און האָבן מיר נישט אַליין זיך קעגנזייטיק געמאָרדעט, געטיילט דאָס לאַנד אין צווייען און פאַרניכט איינער דעם אַנדערנס טייל, זיך געשפּאָלטן און זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, גרענעצלאָז פאַרפּאָלגט און זיך פאַרטיליקט? דאָס מוז דאָך עפּעס באַדייטן. מער ווי דרייפערטל פון אונדזער עקזיסטענץ האָבן מיר דאָך געלעבט אין גלות. דאָס איז דאָך גורל. ווי קען מען קעגן גורל זיך קעגנשטעלן? אונדזער גורל איז אונדזער שליחות, אָדער פאַרקערט. דאָס איז געזעץ, פון גאָט אָדער נאַטור. מ׳קאָן זיך נישט באַפרייען דערפון, מ׳קאָן נישט אַנטלויפן. ס׳האָט יונהן, דעם זון פון אמתי, נישט געהאָלפן. איך בין אַ ייד. דעריבער בין איך אַ סאָציאַליסט־אינטערנאַציאָנאַליסט, און נישט קיין ציוניסט. דאָס האָט אַפילו מיין טאַטע, דער פרומער סופר, אויך שוין איינגעזען. — פלוצים איז יעקב זייער טרויעריק געוואָרן און געזאָגט: — נישט וועגן דעם האָב איך איצט געוואָלט רעדן מיט דיר, יצחק.

לערמאַן האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אַ באַגייסטערטער אויסגעריפן:

— זע ווי שיין דאָ איז! אַלעביימער בליִען שוין.

נאָר יעקבן איז די גאַנצע הערלעכקייט פון פרילינג כמעט נישט אָנגעגאַנגען איצט. ער האָט געזאָגט פאַרביטערט:

— ס׳איז שרעקלעך צו זען, ווי דאָס געוויסן פון מענטש איז כמעט טויט. דערביי זיינען די מייסטע מענטשן גלויביק, פרום, האָבן גאָט אין האַרצן, בעטן צו אים.

דער לערער האָט ווידערשפּראָכן זיין פריינט:
— מאָסע האָט מיט גאָט נישט צו טאָן.
יעקב איז געווען דערשטוינט:
— וואָס?
— לויט מיין מיינונג, — האָט דער לערער דערקלערט, — איז די מאָסע פרום פון אַבערגלויבן, וואָס האָט מיט רעליגיעזיטעט נישט צו טאָן. זי האָט נישט קיין גאָט אין האַרץ, ווייל זי זעט נישט — און פילט אַפילו נישט — די געטלעכ־קייט, וואָס איז אינעם מיקראָקאָסמאָס ווי אינעם מאַקראָקאָסמאָס. סאָציאַליזם, יעקב, ווי דו פאַרשטייסט, גייט דער מאָסע נישט אָן. די מאָסע אינטערעסירט בלויז איין זאַך: צו קריגן פאַר איר אַרבעט מער באַצאָלט און בעסערע באַדינגונגען. מיר האָבן וועגן דעם שוין נישט איינמאָל גערעדט. דו ווילסט דאָס נישט צוגעבן, ווייל דו ווילסט נישט קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין. ביי דיר איז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל געבוירן געוואָרן אין דער נשמה, אין דיין רעליגיעזן געפיל; ביי דער מאָסע — אין מאָגן. מיין פריינט, דו ביסט נישט אויף דער ערד, דו שוועבסט אין הימל!
יעקב איז געוואָרן אויפגעקאָכט:
— ווי קאָנסטו דאָס זאָגן! די מאַסן האָבן תמיד געקעמפט, האָבן זיך תמיד מקריב געווען!
— נישט פאַר דער אידייע, — איז דער לערער אַריינגעפאַלן זיין פריינט אין די רייד, — נאָר פאַרן טאָפּ פלייש, וואָס מ׳האָט זיי צוגעזאָגט. אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ רעליגיע, האָט דעם טאָפּ פלייש געגעבן גאָט, אַ גאָט אויף דער ערד אָדער אין הימל. צום נאָענטסטן און אַמליבסטן איז דער מאָסע געווען אַ האָל־צערנער, אַ שטיינערנער, אָדער אַ גאָלדענער גאָט אויף דער ערד. פירער און לערער פון אמת, פון געטלעכקייט און ליבע האָט די מאָסע אומגעבראַכט.
יעקב האָט נישט נאָכגעגעבן:
— ווייל ס׳זיינען געווען אויך פאַרפירער, און דער מאָסע האָט געפעלט דאָס וויסן צו קאָנען אונטערשיידן צווישן אמתן פירער און פאַרפירער.
ווי אַן אמתער לערער מיט אַ סך געדולד האָט לערמאַן איינגעטענהט מיט יעקבן:
— ליבער פריינט! בלויז ווען עס האַנדלט זיך וועגן מאַטעריעלן עשירות זיינען דאָ פאַרפירער. יעדער איינער פון זיי זאָגט צו מער אָדער אויף אַ לייכטערן אופן עס צו דערגרייכן. די פאַרפירטע וויסן נישט, ווער ס׳נאַרט זיי און ווער נישט און ברענגען אום ביידע. אין גייסטיקן אָבער, ווען עס גייט וועגן אַן אידעאַל, וועגן אַ דערקענטעניש, וועגן אַן אמת — דעמאָלט רעדט דער לערער, אָדער דער גייס־טיקער פירער, צום שכל פון די מענטשן, ער זאָגט זיי דערביי גאָרנישט צו. אַ קעגנער באַמיט זיך בלויז צו באַווייזן, אַז דער אַנדערער האָט געמאַכט אַ טעות.
יעקב אָבער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע, ברענגענדיק אַ נייעם באַווייז:
— וואָס פאַר אַן אַבסורד! וועלכער מענטש וועט גיין געהרגעט ווערן פאַר אַ מאַטעריעלן גענוס, וואָס ער וועט מער נישט קאָנען געניסן! געוויס, די מאָסע קעמפט נישט פאַר קיין גייסטיקע אַבסטראַקציעס; זי איז זיך מקריב פאַרן אמת פונעם לעבן, פאַר דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס איז איר אידייע, איר דער־קענטעניש.

דער לערער וואַלט מיט זיין פריינט נאָך ווייטער דיסקוטירט. נאָרביידע האָבן דערזען פוקסמאַנען אַרויסקומען פון וואַלד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן לינקס פון שליאַך. מיט אים איז אויך געווען דינהטשע. אָבער זי איז צוריק פאַרשווונדן אינעם וואַלד, ווייל זי האָט ביים אַרויסקומען דערזען אויפן שאָסיי צוויי באַקאַנטע.

— שלום!... זאָל לעבן די רעוואָלוציע!... — מיט דידאַזיקע צוויי אויסרופן, ביידע צוזאַמענמישנדיק און פאַרפּלאָנטערנדיק, איז פוקסמאַן, דער וואַרשעווער בוכהאַלטער, צוגעקומען מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט, איינע צו לערמאַנען און די צווייטע צו יעקבן. ער איז געווען פול מיט התפעלות:

— אַזאַ הערלעכער טאָג!... דער הימל איז ווי אַ בלויזיידענע חופה... די זון בליאַזגעט ווי אַ גאָלדענער טעלער... דער גרינער וואַלד איז ווי דער טרוים פון אייביקער ליבע... די פייגל שפּילן ווי אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים... די פעלדער זעען אויס ווי אויסגעלייגט מיט טייערע טעפּיכער... — דאַן האָט ער געפרעגט: — וועגן וואָס האָט איר גערעדט?

יעקב האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט זיין פריינט. לערמאַן האָט אים גע־פרעגט פאַרחידושט:

— דו בלייבסט דאָ? קום צוריק מיט מיר אין שטאָט אַריין. געגאַנגען בין איך צו פערעלען און... — ער האָט זיך צעלאַכט. ווידער האָט ער גערופן זיין פריינט: — קום מיט מיר צו פערעלען, וועסטו מיך פאַרענטפערן פאַר איר...

יעקב האָט געזאָגט אַ תירוץ:

— איך מוז איצט גיין ערגעץ.

לערמאַן האָט נישט אָפּגעלאָזט זיין פריינט:

— אָבער דו האָסט דאָך געוואָלט וועגן עפּעס רעדן מיט מיר.

פוקסמאַן האָט זיך געכאַפּט:

— שטער איך?

הינטער די דריי האָט זיך דערהערט אַ שעלמישע שטימע:

— יאָ, דו שטערסט!... — דאָס איז געווען דינהטשע. זי האָט פון וואַלד אַרויס זיך אונטערגעגנבעט און מ'האָט זי נישט באַמערקט. דער לערער און יעקב זיינען געווען אַביסל איבערראַשט און אין פאַרלעגנהייט. מער פון זיי איז דאָס געווען פוקסמאַן. ער האָט אָבער געמאַכט אַן אומשולדיק פּנים און אויסגערופן קאַוואַליריש:

— פאַננאַ גרינצווייג!... איר גייט אויך שפּאַצירן דאָ?...

דינהטשע איז געוואָרן סאַטיריש:

— ניין, ח־ח־חבר פוקסמאַן!... איך קום פון וואַלד, ווו מיר זיינען ביידע געווען... ביידע... אָקאָרשט פאַר עטלעכע מינוט... וואָס זייט איר אַזוי רויט געוואָרן, ח־ח־ברי?... כ'האָב מיט אייך גרויס, גרויס מיטלייד.. דער רייכער שידוך מיט דער שיינער העלענאַ — די הייליקע, וואָס בענקט איצט נאָך ציון, ווייל דער גוטבאַזיצער האָט זי אָוועקגעוואָרפן — איז נעבעך צעשטערט... זי וועט איצט שוין געוואָר ווערן, אַז איר זייט געווען אין וואַלד מיט דעם אָרעמען מעקלערס טאָכטער, מיט דער רויטער... אַצינד וועט איר בערנפעלן מער נישט קאָנען נאַרן, אַז איר זייט אַ כשרער ציוניסט און קומט נישט מער צו די „שטרייקערס"... כאַ־כאַ־כאַ... — באַמערקנדיק

לערמאַנס און יעקבס שאָקירטקייט פון איר ציינישער אָפנקייט, איז זי געוואָרן נאָך ציינישער: — וואָס לאָזט איר אַלע אַזוי צנועהדיק אַראָפּ די אויגן?... איר שעמט אייך, אָדער באַהאַלט איר נאָך אַלץ מיט די פאַרלאַנגען פון קערפּער? היפּאָקריטן! איך שעם מיך נישט, ניין, איך שעם מיך נישט! — זי האָט פוקסמאַנען אַ כאַפּ־געטאָן אונטערן אָרעם: — קיין חבר ביסטו מיר נישט! דו נאַרסט אַפילו דעם חבר ליכטענבערגן מער נישט אָפּ! אַלע ווייסן, אַז דו ביסט אַ גרויסער פּאַסקודניאַק! אָבער אַ מאַן ביסטו ווי עס באַדאַרף צו זיין... — זי האָט זיך ווידער צעלאַכט, איצט באַזונדערס אויסגעלאַסן און טריומפירנדיק.

— דער חבר אהרן קאָן גראָד אָנקומען... — דערמיט האָט פוקסמאַן געוואָלט אָפּשרעקן דינהטשען, אַז זי זאָל אים אָפּלאָזן. זי האָט זיך אָבער נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו אים און זיך געררייצט:

— דער חבר אַהרן אַרבעט! דאָס איז איינס. צווייטנס: איך נאַר אים נישט, ער ווייסט אַלץ, וואָס ער דאַרף וועגן מיר וויסן. איך געהער נישט צו די, וועלכע נאַרן־אָפּ זייערע מענער, אָדער „ליובאָווניקעס". ווער עס קאָן מיך, ווייסט דאָס.

זאַלבעפיר זיינען זיי געגאַנגען צוריק אין שטאָט אַריין, רעדנדיק וועגן ליבע. דער שמועס איז געוואָרן ערנסט, ווייל דאָס פּראָבלעם וועגן ליבע האָט דעמאָלט ביי דער יוגנט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ. די טענדענץ, אַז ליבע איז נישט מער ווי אַ פיזישע באַפרידיקונג, איז אַלץ מער אַריין אין מאָדע.

פון די ציגעלניעס, וואָס האָבן זיך דאָרט געצויגן נישט־ווייט פונעם שאָסיי, זיינען אָנגעקומען קליינע פויערישע פורלעך מיט רויטע ציגל. זיי זיינען געפאָרן איינס הינטערן אַנדערן איבער אַ לאַנגער שטרעקע. יעקב האָט געזאָגט ביטער:

— מיטאַמאָל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ גרויסע בויטעטיקייט. מע רעמאָנ־טירט אין איילעניש די צעשטערטע פאַבריקן, מ׳שטעלט אויף נייע. מע מוז האָבן געווער און אַמוניציע און די אַרבעטער... זיי איז נישט קיין נפקה מינא ביי וואָס זיי אַרבעטן, אַבי זיי פאַרדינען געלט. אַפילו אונדזערע חברים די סאָציאַליסטן...

די טעמע פון שמועס האָט זיך געענדערט. די חברטע גרינצווייג האָט יעקבן נישט געלאָזט ענדיקן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, נאָר גענומען חוזקן:

— אַהאַ, דער אידעאַליסט!... וואָס וואָלט איר געוואָלט, חבר ליכטענבערג, זאָלן די אַרבעטער טאָן?

— זיי זאָלן נישט אַרבעטן פאַר דער מלחמה!

זי האָט אים אַריינגעשריגן אין פּנים:

— איר זייט...

יעקב איז געווען דערשטוינט:

— אָבער ביי דער לעצטער זיצונג, חברטע גרינצווייג, און אויך ביי דער פאַרזאַמלונג, זייט איר צוזאַמען מיטן חבר אהרן — פּונקט ווי איך — אַרויסגע־טראָטן קעגן דער מלחמה, באַזונדערס, ווייל זי ווערט געפירט קעגן רוסלאַנד!

די חברטע גרינצווייג האָט געענטפערט:

אַוודאי בין איך קעגן דער מלחמה און באַזונדערס טאַקע דערפאַר, ווייל זי ווערט געפירט קעגן רוסלאַנד, דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט דורכגעפירט אַ ווירקלעכע רעוואָלוציע, וווּ די אַרבעטער און די פויערים האָבן באמת די מאַכט. אָבער איר קאָנט נישט פאַרלאַנגען פון די פוילישע אַרבעטער, אַז

זיי זאָלן נישט גיין אַרבעטן אין די פֿאַבריקן קעגן דעם באַשלוס פֿון זייער אָרגאַני־זאַציע יאָ צו אַרבעטן. מיר מוזן אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש, אַרויסרופֿן אַן אויפֿשטאַנד! מאַסן־אַקציע! דאָס איז עפּעס אַנדערש. אָבער איר מיינט דאָך דאָס געוויסן, דאָס גע־ווי־סן, דאָס אינדיווידועלע גע... ווי... סן...!

— יאָ, דאָס געוויסן!

זי האָט ווייטער געחוזקט:

— פֿון אַ פּאַציפֿיסט...

— יאָ, פֿון נישט וועלן און נישט העלפֿן אינעם בלוט־פֿאַרגיסן!

— און וואָס וועט זיין, אַז מ׳וועט אייך רופֿן צום מיליטער?

— וועל איך נישט גיין!

דינהטשע האָט זיך צעלאַכט:

— מוזט איר דאָך אייגנטלעך זיין אויך קעגן רעוואָלוציע? — — —

יעקב איז געווען אין אַ געוויסער פֿאַרלעגנהייט, אָבער ער האָט דערקלערט:

— רעוואָלוציע איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז פֿאַרטיידיקונג, ווערן זיך קעגן אַ שלאַנג, וואָס זייגט־אויס דאָס בלוט. איך האָב דאָס שוין אַמאָל געזאָגט.

די חברטע גרינצווייג האָט אַרגומענטירט:

— מוז יעדער זיך ווערן אַליין, ווי יעדער ווערט זיך אַליין אין בעט קעגן די וואַנצן און פֿליי און אַנדערע אַזעלכע פֿיינע ברואים, נישט געבעטענע געסט, וואָס זייגן־אויס ס׳בלוט. דאָס זאָגט טאַקע אהרן, דאָס איז זיינס אַ נייע אידייע.

דערזעענדיק ר׳ מרדכי גאָלדבלומס צעשטערטע פֿאַבריק, וועלכע איז געווען אַ צווייהונדערט איילן אַוועק פֿונעם שאָסיי, האָט יעקב פֿאַרגעשלאָגן:

— קומט, חברים, לאָמיר אַצינד אַריינגיין און נאָכאַמאָל באַקוקן — גוט אָנ־קוקן — דאָס ווערק פֿון דער מלחמה.

נאָר אַז אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט איז ער אַליין געגאַנגען.

6

פֿון ר׳ מרדכי גאָלדבלומס צעשטערטער פֿאַבריק זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען די איבערגעבליבענע פֿאַרסמאַליעטע מויערן פֿון רויטע ציגל מיט רייען לעכער פֿון די אַמאָליקע פֿענצטער. אויך דער הויכער קוימען איז נאָך געשטאַנען. אַרום דער פֿאַבריק אָבער זיינען שוין געוואָקסן באַדעליעס און אויך פֿון צווישן די ציגל אין די ווענט האָבן אַרויסגעשפּראָצט ווילדע געוויקסן. דאָ איז אַלץ געווען שטיל און פֿרידלעך ווי אויף אַ בית־עולם. פֿייגל זיינען געפֿלויגן אַריין און אַרויס פֿון דער חורבה. זיי האָבן פֿריילעך געטשוויטשערט. יעקב איז אַריינגעגאַנגען אין דער חורבה. פֿון בלעכענעם דאַך האָבן אַראָפּגעהאַנגען פֿאַרראָסטע שטיקער. די וועב־מאַשינען, וועלכע זיינען פֿאַר דער צעשטערונג געשטאַנען אויף די אייבערשטע שטאָקן, זיינען איצט געלעגן צעשטערטע איינע אויף דער אַנדערער: בערג צע־בראָכן אייזן און שטאָל, רעדער, גרויסע, קליינע און נאָך קלענערע. עס האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע וואַלצן, שרויפֿן, רערן, הייבערס, האַנט־טאַפּעס; אַלע טיילן פֿון די מאַשינען, וואָס זיינען פֿון אינזשיניערן קלוג און מאַטעמאַטיש־פּינקטלעך

אויסגעאַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פאַרן ווויל פון מענטש. דער מענטש האָט אָבער די מאַשינען צעשאָסן, צעטראָסקעט, צעהאַקט און צעבראָכן אין קליינע פּיצלעך. די לעדערנע פּאַסן פון די טראַנסמיסיעס הענגען ווי אַרויסגעטרייבערטע, צעריסענע אָדערן, ווי צעפּליקטע געדערים. די לעדער טויג מער צו גאָרנישט, ווייל זי איז צוגעסמאַליעט; ווען זי וואָלט געווען גוט, וואָלט מען זי שוין לאַנג געהאַט צוגעגנבעט, ווי מ׳האָט אַוועקגעלאַקכנט די טייערע מעטאַלן: קופּער, מעש.

יעקב איז געשטאַנען אַ דערשיטערטער, אַ פאַרגליווערטער. ער האָט געקוקט אויף דער שוידערלעכקייט, וואָס איז איצט ווידער, ווי אַ צווייִ אָדער דריי מאָל פריִער שוין, אַרויסגעטרעטן פאַר אים ווי אַ גרויליקע אַנטפּלעקונג. ער האָט דער־זען, אַז אויך אינעווייניק, אין דער צעשטערטער פאַבריק, וואַקסן שוין אַלערליי ווילדע געוויקסן, שטעכעכצן און פּאָקשיווע. אַ בית־עולם. די „מתים״, וואָס זיינען אַמאָל געווען לעבעדיקע מאַשינען, ליגן אין קופּעס צעבראָכן אייזן. זיי פוילן שוין — ראָסטן. פייגל האָבן זיך דאָ געמאַכט זייערע נעסטן, פליִען אַרויס און אַריין און טשוויטשערן.

אַ בלויער הימל. די זון האָט געשיינט. און פּלוצים האָט יעקב זיך דערשראָקן. ער האָט דערהערט אַ מאָדנע פּישטשען פון ערגעץ. גרויסע מייז האָבן צעשראָקענע זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע. יעקבן איז געוואָרן אומהיימלעך און ער האָט געוואָלט צוריק אַרויסגיין. אָבער לאָזער, דער אינוואַליד מיט דער קוליע אונטערן אָרעם, האָט צו אים צוגעהאַצקעט און אים שטיל געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָ, חבר ליכטענבערג?

יעקב האָט זיך געשעמט, ווי מ׳וואָלט אים דערטאַפּט ביי עפּעס אַן אומאָנ־שטענדיקער זאַך. אָבער אויך דער קאַליקע איז געווען פאַרלעגן און געשטאַמלט:

— מ׳זאָגט, אַז געוווינהייט איז די צווייטע נאַטור. כ׳בין געוווינט געווען — אין יענע גוטע צייטן, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ גאַנצער מענטש — אַהערצוקומען יעדן טאָג צו דער אַרבעט. נו, ציט עס מיך אַהער... כ׳טרעף דאָ אָפּט אויך אַנדערע, וועלכע האָבן דאָ געאַרבעט. — ער האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבן און אים איינגע־רוימט אין אויער: — קוקט דאָרט אַהין, צווישן יענע קופּעס אייזן! איר זעט אַ פּלייצע פון אַן איינגעבויגענעם מענטש? ס׳איז ר׳ מרדכי גאָלדבלום. כ׳טרעף אים דאָ כמעט תמיד, ווען כ׳קום אַהער, תמיד אַזוי איינגעבויגן צווישן די קופּעס אייזן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. טיילמאָל זיצט ער אויף אַ שטיק פון אַ מאַשין, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי איבער אַ מת... קומט, חבר ליכטענבערג, לאָמיר אַרויסגיין פונדאַנען! ר׳ מרדכי קאָן אונדז נאָך דערזען. ער וועט זיך שעמען אָדער וועט אונדז חושד זיין, אַז מיר קומען אַהער גנבענען אייזן.

ביידע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער צעשטערטער פאַבריק. אינדרויסן האָט יעקב געפרעגט דעם אינוואַליד:

— ווען איר וואָלט געקאָנט, לאָזער, וואָלט איר איצט געגאַנגען אַרבעטן אין אַ געווער־פאַבריק?

דער אינוואַליד האָט געענטפערט:

— יאָ.

יעקב האָט כמעט אויפגעציטערט. ערשט נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער ווידער געפרעגט:

— האָט איר גלאַט־אַזוי געענטפערט, אָדער איר האָט פריִער אַ טראַכט געטאָן וועגן מיין פראַגע?

— ניין. — דער אינוואַליד האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט און מודה געווען:

— אָבער ווען כ׳וואָלט אַפילו געווען נאָכגעטראַכט, וואָלט איך אייך אויך געווען געענטפערט דאָסזעלבע. — און נאָך אַ קליינע פויזע, באַמערקנדיק ליכטענבערגס דערשטוינונג: — איך ווייס, פאַרוואָס איר האָט מיך דאָס געפרעגט.

יעקב האָט זיך נאָך מער געחידושט:

— און דאָך? — — —

— יאָ.

יעקבס קול האָט געקלונגען צערייצט:

— אויף אייך, חבר אייבערשוץ, האָב איך מיך דאָס נישט גערעכט. און איך האַלט אייך אויך פאַר אַ גאַנץ אינטעליגענטן מענטש. — באַמערקנדיק, אַז דער קאַליקע ווערט זיך אינערלעך אין זיין עניוות קעגן אָנרופן אים אינטעליגענט, איז יעקבס שטימע ווידער געוואָרן פריינטלעך: — מ׳מוז נישט זיין געבילדעט, אַפילו נישט שטאַרק אָנגעלעזן, צו זיין אַן אינטעליגענטער מענטש. פאַרשטייט זיך, אַז גוטע ביכער — און אַז מ׳האָט אַ גוטן לערער — איז אַוודאי גוט, זיי העלפן לייכ־טער דערגרייכן וויסן. אינטעליגענץ אָבער איז אייגנס. איר פאַרמאָגט דאָס, איך ווייס עס, כאָטש איר רעדט זייער ווייניק. — ער האָט געשמייכלט: — ביי אינטע־ליגענטע מענטשן איז דאָס ווייניק רעדן אָפט אַ סימן פון אינטעליגענץ... און אַז איר זייט ערלעך און איבערגעגעבן דער סאָציאַליסטישער אידייע מיט אייער גאַנ־צער נשמה — דאָס ווייס איך אויך.

לאָזער האָט געענטפערט:

— דאָס איז אמת.

יעקב איז געוואָרן גאָר פריינטלעך:

— און נישט בלויז מיטן געפיל זייט איר אַ סאָציאַליסט, נאָר אויך באַוווסט־זיניק. איך ווייס דאָס, כאָטש איר נעמט כמעט קיינמאָל נישט קיין וואָרט אין אַ דיסקוסיע אויסצודריקן אייַער מיינונג.

דער אינוואַליד האָט זיך געשעמט ווי אַ צניעותדיק מיידל, ווען אַ יונגער מאַן מאַכט איר קאָמפּלימענטן:

— באַוווסטזיניק... דאָס שוין אפשר נישט אַזוי, ווייל... טעאָרעטישע ביכער וועגן סאָציאַליזם האָבעך נאָך גאָר ווייניק געלייענט. — ער האָט האָט זיך נאָך מער פאַרשעמט: — מאַרקסן פאַרשטיי איך זייער שלעכט.

יעקב האָט אים געטרייסט:

— דאָס מאַכט נישט אויס. די שווערע ווערק פון מאַרקסן פאַרשטיי איך אויך נישט אַזוי גוט. מאַרקסיזם מוז מען לערנען, שטודירן, און דאָס קאָן נישט יעדער איינער. אַלזאָ... וועגן דעם וואָס כ׳האָב מיט אייך צוערשט אָנגעהויבן רעדן. קיינער פון די חברים האָט אפשר נישט אַזויפיל געליטן פון דער מלחמה ווי איר, חבר אייבערשוץ. איר האָט פאַרלאָרן אייערע עלטערן. וועגן אייערע ברידער ווייסט איר נאָך אַלץ נישט: לעבן זיי, אָדער זיינען זיי געפאַלן. איר אַליין האָט אויפן שלאַכטפעלד פאַרלוירן אַ האַנט און אַ פוס. בין איך געווען זיכער, ביים שטעלן אייך די פראַגע פריִער, אַז איר וועט מיר ענטפערן דאָס קעגנטייל פון דעם, וואָס

איר האָט מיר געענטפערט. איר געהערט דאָך נישט צו די, וועלכע גלייבן אין דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע פון דער כלומרשט סאָציאַליסטישער רעגירונג וועגן דער מלחמה!

לאָזער האָט געענטפערט פּראָסט און פּשוט:

— ניין, איך גלייב נישט!

— און דאָך?

— יאָ, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט דאָס געהאַט, ווען איך וואָלט נישט געגאַנגען אַרבעטן אין אַ געווער־פאַבריק? ווען אַפילו הונדערט, אָדער טויזנט — ווען אַפילו צען טויזנט וואָלטן נישט געגאַנגען אַרבעטן — וואָלט עס אויך קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט. און מער ווי צען טויזנט — אין גאַנצן לאַנד — וואָלטן נישט געווען. נאָר עס וואָלטן אַפילו קיין טויזנט אויך נישט געווען. איר זעט דאָך: אין דער גאַנצער שטאָט איז נישטאָ קיין איינער אַפילו, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן פון גיין אַרבעטן אָדער אָפּן דערקלערן: „איך וויל נישט העלפן מאַכן קיין געווער". מ'גייט אין דער מלחמה, אַפילו פרייוויליק. חוץ די, וואָס דרייען זיך אַרויס, ווייל זיי זיינען מיאוסע, נידעריקע עגאָיסטן.

יעקב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט מער נישט גערעדט קיין איין וואָרט. אַ פאַרשטומטער האָט ער פריינטלעך אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אינוואַ־לידס אַקסל, זיך אויף דעם אופן געזעגנט מיט אים און איז אַוועקגעגאַנגען: ער האָט דערזען דעם אמת פון זיין פריינט לערמאַנס ווערטער פריִער.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

די „אויפלעבונג"

1

די שטאָט האָט אויפסניי אויפגעלעבט. ווידער האָבן אַ סך מענטשן פאַרדינט געלט. אַרבעט און אַלערליי באַשעפטיקונגען זיינען געווען מער נאָך ווי פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה. אַפילו אַ פיבערדיקע בויטעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן. פון דעם ווידעראויפגעלעבטן שמוגל און פון די מלוכה־באַשטעלונגען פאַר דער מלחמה זיינען מענטשן אויפסניי געוואָרן גבירים איבערנאַכט. זיך צו באַוואָרענען מיט עפּעס פעסטס — ווייל די בענק האָט מען נישט מער געטרויט און דער גלויבן אין געלט, אַפילו אין אויסלענדישס, איז דעמאָלט נישט געווען זייער שטאַרק — האָבן די אויפגעקומענע נגידים גענומען שטעלן הייזער, אויפקויפן די נאָך געענוג איבערגעבליבענע חורבות און זיי איבערבויען. בוימאַטעריאַלן און אַרבעטער האָט מען אין יענעם מאָמענט טאַקע שווער באַקומען און מ'האָט פאַר אַלץ געמוזט צאָלן באַזונדערס הויכע פרייזן, ווייל אַלץ איז געגאַנגען פאַר דער קריגאינדוסטריע און די רעגירונג האָט נישט דערלויבט קיין אַנדערע טעטיקייט, חוץ פאַר דער פאַר־טיידיקונג פונעם לאַנד; (יעדע רעגירונג רופט מלחמה אָן פאַרטיידיקונג). אָבער

„פאַר געלט קריגט מען די וועלט״ און מ׳קויפט אַפּ דערמיט די היטער פון געזעצן אַפילו אין קריגסצייט.

אינעם פלאַקער פון דער מלחמה האָט „אויפגעלעבט״ דאָס גאַנצע לאַנד. זקנים און קינדער, יעדער וואָס האָט נאָר געקאָנט און געוואָלט עפּעס טאָן, האָט באַקומען אַרבעט. פאַר באַלמעלאָכעס איז געקומען אַ „גאָלדענע צייט״, אויך פאַר די פויע־רים. די, וואָס האָבן קיין ערד נישט געהאַט, האָבן פאַר זייערע הענט איצט באַקומען גוט באַצאָלט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט געקלאַפּ פון האַמערס, מיט גע־רויש פון מאַשינען און מיט טומל פון סוחרים, קרעמער און מעקלער. אַ „גאָלדענע צייט״ האָט זיך פלוצים אָנגעהויבן אויך פאַר די, וואָס מאַכן זייערע געשעפטן פון חתונות. אַן אמתע קאָניוקטור. און מ׳האָט קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל שוואַנגערע פרויען ווי אין יענער צייט.

אין דער שטאָט האָט די גרעסטע באַשטעלונגען פון דער רעגירונג באַקומען בערנפעל. דער חבר קרומהאָלץ האָט גאָרנישט געקאָנט צושטעלן אַזויפיל זאָטלען און אַנדערע אַרטיקלען פון זיין בראַנזשע, וויפל מ׳האָט געפאָדערט פון אים. אויך דוד, דער חבר סאַראַקע, איז מיט איינמאָל געוואָרן אַ מייסטער: ער האָט צוגענומען אַרבעטער און מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון טשעמנאָווסקין, דעם שעף פון דער פּאָ־ליטישער אָפּטיילונג, האָט ער פון דער רעגירונג באַקומען באַשטעלונגען אויף זעלנערישע הויזן און מונדירן. אין דער שטאָט האָט בלויז איין ר׳ יאָסל פוקסמאַן איצט מער נישט געוואָלט אויסנוצן די גאָלדענע געלעגנהייט. אַלץ ווייל ער האָט דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט נאָך רייכער ווערן ווי ער איז געווען, ווי אַ שטראָף פון גאָט, פאַרלוירן אויף אַזאַ טראַגישן אופן זיין איינציקע טאָכטער, דאָס גע־ליבטסטע קינד. ראובן אָבער, צו וועמען טאַטע־מאַמע האָבן אַרויפגעקוקט צוליב זיין „אָפענעם קאָפּ״, האָט נישט געקאָנט צוזען, ווי אַזויפיל מענטשן אין דער שטאָט ווערן רייך און דער פאָטער זאָל דורכלאָזן אַזאַ טייערע געלעגנהייט. האָט ער גע־רעדט מיט אים אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אים איבערגערעדט. זיין שטאַרקסטער אַרגומענט איז געווען: „נישט דו, טאַטע, וועסט דערמיט האָבן צו טאָן, נאָר איך״. ברכה האָט זיך אַריינגעמישט און ר׳ יאָסל האָט מסכים געווען. דעמאָלט איז ראובן אַהינגעגאַנגען צו בערנפעלן און אים געבעטן ער זאָל אים העלפן קריגן עפּעס אַ קאָנצעסיע, אַ שטיקל „פּאָדראַד״ צוצושטעלן פאַר מיליטער געוויסע שניט־סחורות, ווי געוואַנט, למשל. צוהילף האָט ער זיך גענומען ברוכן און אויך העלענאַן און זיי האָבן מיט אַ גוט וואָרט פאַר אים געפועלט ביים פאָטער, וואָס ער אַליין האָט נישט געקאָנט דערגרייכן.

דאָס קלינגען פון גאָלד אָדער דאָס קנאַקן פון נייע באַנקנאָטן ביים ציילן זיי ברענגט אַריין פריילעכקייט אַפילו דאָרט, וווּ עס האָט זיך באַזעצט טרויער. געלט פאַרשיכורט מער ווי די שטאַרקסטע משקה און מאַכט פאַרגעסן דעם גרעסטן צער. ביים מיטיק און ביי דער וועטשערע איז ביי די פוקסמאַנס אויפן טיש שטענ־דיק געשטאַנען אַ פלעשל גוטער י״ש, וואָס די צוויי דערוואַקסענע מאַנסבילן צוערשט, דערנאָך ברכה און צום סוף עוזר, דער מיזיניק, האָבן גענומען צו ביסלעך פאַרן עסן און האָבן צוגעביסן מיט אַן אייערקיכל, מיט אַ שטיקל מאַטיעסהערינג, פון וועלכן דאָס שמאַלץ האָט זיך געגאָסן, אָדער מיט אַ שטיקל מאַרינירטן הערינג, צי מיט סאַרדינקעלעך. דערנאָך האָט די דינסט אַריינגעבראַכט די אַליין־געמאַכטע

לאָקשן פון בלויז אייער אָדער פערפל, אַמאָל געקאָכטע, אַמאָל געבאַקענע, אַמאָל מיט צוקער־אַרבעס און אַמאָל בלויז, אַמאָל „שילנגלעך", וואָס זיינען צעשווומען אין מויל, אָדער קניידלעך געפילט מיט מאַרך, (כאָטש ס'איז נישט געווען פסח) און אַמאָל קרעפּלעך (כאָטש ס'איז נישט געווען שמחת תורה) באַגאָסן מיט טייערער יויך, שמעקנדיקע, אַ סך בעסערע אַפילו פון דער גאָלדענער יויך, וואָס חתן־כלה קריגט נאָך דער חופּה. די פולקעס, אַמאָל פון אַ הון און אַמאָל פון אַ קאַטשקע, האָט ברכה געגעבן איינע דעם מאַן און די צווייטע ראובנען. דערצו אַ שטיקעלע געפּיל־טע קאַלבס־ברוסט, אַ שטיקעלע קלאָפּס (דער קנאַבל האָט געשמעקט אַ מחיה) און „יאַזשינקעס". פון אַלעם אַביסעלע: אַביסעלע ברוינגעפּרעגלטע מייערלעך אין הי־נערשמאַלץ און זיס ווי צוקער, אַביסעלע געפּרעגלטע יונגע קאַרטאָפּליעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בורשטין, אַביסעלע געפּרעגלטע קאַשע מיט ציבעלעס און נאָך אַנדערע עטלעכע ביסעלעך.

ראובן האָט געגעסן זייער גיך און זייער שנעל געריעדט. אַלץ איז צוגעגאַנגען ביי אים האַסטיק. אַזוי איז געווען זיין טבע. ער האָט געטאָן אויך ביידע מלאכות צוזאַמען, געגעסן און געריעדט, און נישט פאַרקלענערט דאָס טעמפּאָ פון ביידע. ער האָט זיינע עלטערן געגעבן צו פאַרשטיין:

— פאַרן מיליטער מאַכט נישט אויס וואָס פאַרא יוקס מען שטעלט צו, באַ־זונדערס אין מלחמה־צייט. ווייל סאַראַ נפקה מינא איז דעם זעלנער, וואָס מ'וואַרפט אַריין אין גרוב און מע פאַרשיט אים, צי ער גייט אַנגעטאָן אין טוך פון ריינער וואָל, אָדער אין זאַקציי‍ג? נאָר מיט וואַליוטע איז בעסער אַצינד נישט צו האַנדלען, סיידן צו קויפן און גלייך צו פאַרקויפן. אין געוועלב אָבער דאַרף זיין אַצינד פונקט פאַרקערט: קויפן סחורה און האַלטן; פאַרקויפן וואָס ווייניקער...

— אמת, אמת. — די מאַמע האָט געקוואָלן פון זונס קלוגהייט און אים אַזש אַ קוש געטאָן אין קאָפּ אַריין: — לעבן זאָל ער! — סאַראַ גרויסער חכם! אַ מיניס־טער־קאָפּ!

ביים קאָמפּאָט — איינגעקאָכטע טרוזשקאַווקעס מיט קערשן, געדיכט ווי סיראָפּ — האָט דער „מיניסטערקאָפּ" און גרויסער „חכם" געקנעלט מיטן פאָטער אַ קאַפּיטל נייע צייט:

— דו מוזט, טאַטע, דיך אָנהייבן אַביסל מער מישן אין נייעם לעבן פון דער איצטיקער צייט. דו האַלטסט דיך נאָך אַלץ דערביי, אַז ציוניזם איז אַפּיקורסות. דאָס טויג נישט. זע וויפל פרומע ייִדן, באמת פרומע ייִדן און גרויסע חסידים, זיינען געוואָרן ציוניסטן! ר' הענעך מלאך איז דאָך אַ גרויסער תלמיד חכם! האָב איך אַליין געהערט ווי ער האָט געזאָגט, אַז מדאוריתא איז ישיבת ציון אַ חוב אַ פאַר ייִדן ייִדן! „ובא לציון" האָט ער אויסגעטייטשט אַזוי: „ובא לציון, אַז דו וועסט קומען קיין ציון, גואל, וועסט דו זיין אויסגעלייזט"...

ר' יאָסל האָט זיך געבייזערט:

— ער טייטשט ווי ס'לוינט זיך אים! אין דעם פונקט בלייבעך ביי מיינס: אַן אמת פרומער ייִד האָט בטחון און וואַרט אויף דער גאולה פון משיחן.

האָט דער זון געוואָרנט דעם פאָטער:

— איצט איז מלחמה און מענטשן קויפן אין ייעדן געשעפט, אַבי זיי קריגן נאָר עפּעס וואָס צו קויפן; אָבער נאָך דער מלחמה, ווען עס וועט זיך צוריק אָנהייבן

אַ סטאַביליזאַציע אין אַלעם — אייביק וועט דאָך לײדער אַזוי נישט בלײבן — דעמאָלט וועט אַ ציוניסט גײן קויפן צו אַ ציוניסט... און די מײסטע ײדן וועלן זײן — זײ זײנען שוין — ציוניסטן. וועלן זײ שניט־סחורה קויפן בײ פּינקעלשטײנען, בײ גאָלדמאַנען. און פֿאַרגעס נישט: דער אַנטיסעמיטיזם וועט זיך ווידער אָנהײבן; ער האָט אַצינד אויפֿגעהערט בלויז צוליבן קריג, ווײל „יאַק בידאַ טאָ דאַ זשידאַ". דער באַיקאָט, מיטן „סוואָי דאָ סוועגאָ", וועט זיך אויפֿסנײ און נאָך שטאַרקער צעפֿלאַקערן און דעמאָלט וועט פֿאַרן ײדישן סוחר אפשר איבערבלײבן בלויז דער ײדישער קונה. דאָסזעלבע וועגן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט הי; דו מוזט אויף אַ קלוגן אופֿן זען, אַז דו זאָלסט צוגעצויגן ווערן צו דערדאָזיקער גרויסער הילפֿס־אַקציע. דו מוזט אָבער פֿריִער ווערן אַ ציוניסט...

די מאַמע האָט ווידער אַרומגעכאַפּט דעם זון אים צו טאָן אַ קוש. נאָר וועגן דעם צוגרויסן ענטוזיאַזם האָבן זיך זײערע נעז אַזוי צוזאַמענגעשטויסן, אַז ס'האָט אַזש בײדע גענומען פֿליִען פֿונקען פֿאַר די אויגן. זי האָט געפֿרעגט דעם מאַן:

— איז ער נישט גערעכט? אין אַלעם איז ער גערעכט! אונדזער קרוין!...

ר' יאָסל פֿוקסמאַן האָט שווער געקרעכצט, ווי אַן אמת פֿרומער ײד, ווען דער יצר־הרע רעדט אים אָן צו אַן עבירה און ער פֿילט, אַז ער איז שטאַרקער פֿון אים.

דער אָנגעיווירענער עוזר האָט געקײַט מיט בײדע באַקן, אָבער ער האָט דערבײ זיך גוט צוגעהערט צו זײן גרויסן ברודערס רײד.

2

אַביסל שווערער ווי פֿאַר ר' יאָסל פֿוקסמאַן איז די „טײערע צײט" געווען פֿאַר דעם פּשוטן אַברהם שנײדער, וועלכער האָט זיך און זײן ווײב און קינדער מפרנס געווען פֿון יגיע כפּו. כאָטש ער איז נישט געווען דער אונטערנעמער פֿונעם פּאַדראַד, נאָר בלויז דעם זונס אַ קלײנער שותּף, האָט זײן נשמה דאָך געליטן דערפֿון. בײ אים אין שטוב זײנען אַצינד געשטאַנען זעקס נײמאַשינען און ס'האָבן געאַרבעט אַ צען פֿרעמדע מענטשן, חוץ די אײגענע. דער תּמיד שווײַגנדיקער און מרה־שחורהדיקער אברהם האָט זיך געוויצלט:

— אַזויפֿיל צו טאָן און אַזויפֿיל געלט צו פֿאַרדינען — דאָס האָט זיך קײנמאָל נישט געטראָפֿן בײ מיר, אַפֿילו ווען כ'האָב אַמאָל באַקומען אַ וויפּראַווע אויפֿצו־נײען. דאָס איז שוין אײנמאָל אַ „וויפּראַווע" איצט!... אַזויפֿיל „חתנים" האָבן „חתונה" מיט אײנמאָל, הונדערטער טויזנטער „חתנים"... און סאַראַ „כּלות" זײ קריגן אַלע — לויטער יפֿי־פּיות...

בײ אַזאַ וויצלען זיך פֿונעם מאַן האָט זיך בײ איטען אַרויסגעריסן פֿון האַרץ אַ שווערער זיפֿץ און זי האָט זיך צעוויינט:

— אויך אונדזער געצלען האָט די מלחמה גוט „חתונה" געמאַכט... און ווער ווײסט, וואָס פֿון דידאָזיקע גוטע פֿאַרדינסטן אַצינד וועט זיך אויסלאָזן, אויב מע וועט נישט באַלד ווידער מוזן אַלץ שטײן לאָזן און לויפֿן ווי די פֿיס וועלן טראָגן...

אברהם, דער „פֿינצטערער וואָלקן", ווי מענטשן האָבן אים גערופֿן, האָט נישט געקאָנט זען קײן טרערן אַפֿילו בײ אַ קינד. זײן ווײבס טרערן האָבן אים

צערודערט. די ווונד אין זיין האַרץ וועגן דעם טויט פון זיין עלטסטן זון אויפן שלאַכטפעלד — דער בעסטער און געליבטסטער זון — האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאָט פאַרהיילט. ער האָט גראָד געהאַלטן ביים צושניידן אַ פּאַרטיע זעלנערישע הויזן און די גרויסע שער געטאָן אַזאַ טראַסק אויף דער פּאָדלאָגע, אַז זי איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף צוויי העלפטן. נאָר דאָס האָט אים ערשט אויפגעקאָכט און ער האָט גענומען ליאַרמען:

— וואָס פּישסטו מיט די אויגן, נאַרישע יידענע! אין די צייטונגען שטייט, אַז ס׳זיינען געפאַלן צען מיליאָן אַזעלכע געצלס ווי אונדזערער! צוואַנציק מיליאָן, צי גאָר דרייסיק מיליאָן, זיינען געבליבן קאַליקעס אויף זייער גאַנץ לעבן! זע לאָזערן, מאַירס זון! שטעט, גאַנצע לענדער זיינען חרוב געוואָרן! און — יעדן פרעג איצט — פאַרוואָס האָבן מיר אונדזערע געצלען געלאָזט ווערן אַ זעלנער און גיין אין דער מלחמה? פאַרוואָס האָבן דאָס אַלע טאַטעס און מאַמעס געלאָזט? פאַרוואָס האָבן זיי געלאָזט פירן זייערע קינדער צו דער שחיטה? פאַרוואָס האָבן די פרויען געלאָזט אַוועקשיקן זייערע מענער צום טויט? פאַרוואָס האָבן די מענטשן דערלאָזט צו דער מלחמה? פאַרוואָס האָבן זיי די מלחמה נישט אָפּגעשטעלט באַלד? פאַרוואָס האָבן זיי נישט געזאָגט, אַז זיי ווילן נישט קיין מלחמה, אַז ס׳זאָלן זיך גיין שלאָגן און געהרגעט ווערן יענע, וואָס ווילן און דאַרפן מלחמה? מיר, אָרעמע מענטשן, אַר־בעטן שווער און ביטער אויפן שטיקל ברויט און זעמער צופרידן! מיר גייען זיך נישט שלאָגן מיט קיינעמען, מיר גייען נישט טויטן פרעמדע מענטשן אין פרעמדע לענדער, כדי צו האָבן מער, צוצורייבן פרעמדע פאַרמעגנס! אַפילו ווען מען געווינט די מלחמה, קריגט דער אָרעמאַן גאָרנישט! דער אַרבעטער, דער באַלמעלאָכע, מוז שווער און ביטער אַרבעטן אויף זיין שטיקל ברויט! יעד האָב אין די פּאָר יאָר, פון זינט כ׳האָב פאַרלוירן געצלען, וועגן דעם אַלעם נאָכגעטראַכט. וואָס זאָגסט דו, דוד? דו ביסט דאָך אַן אויפגעקלערטער, אַ סאָציאַליסט, אַזעלכער, וואָס זאָגט אַז ער איז קעגן מלחמה!...

איטע האָט מיט אַ שפּיץ פונעם פאַרטוך זיך אויסגעווישט די אויגן און אויס־געשנייצט די נאָז. זי האָט זיך שטאַרק געחידושט אויף איר מאַן. איבער דרייסיק יאָר האָט זי מיט אים אָפּגעלעבט און אים קיינמאָל נישט געהערט אַזויפיל און אַזוי רעדן. ווי האָבן זיך גענומען צו אים אַזוינע ריידן? ס׳איז געשען מיט אים דאָס אייגענע ווי מיט בלעמס אייזל אין דער צאינה וראינה: גאָט האָט דעם אייזל געעפנט דאָס מויל נאָכדעם ווי בלעם האָט עס דריי מאָל געשלאָגן...

אויך נח — ער האָט געהאַלטן אין מאַכן אַ פרעסאייזן — האָט זיך געוווּנדערט אויף די רייד פונעם פאָטער: ער רעדט ווי אַ סאָציאַליסט... די געזעלן ביי די ניי־מאַשינען, די מיידלעך און לערביינגלעך ביים אַרומנייען לייוונט פון מונדירן, ביים שלייפן לעכלעך און אָנניייען קנעפּ, האָבן צוגעזאָגט מיט נחן געוואָרט דערויף, וואָס דוד וועט ענטפערן דעם פאָטער. זיי אַליין האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געשוויגן. ביי דער אַרבעט האָבן זיי נישט געטאָרט רעדן, אַפילו נישט זינגען, דער מייסטער האָט נישט געלאָזט; ער האָט גוט אַכטונג געגעבן אויף זיי, אַז זיי זאָלן נישט פּלאַפּ־לען, אַז זיי זאָלן אַרבעטן גיך. האָט וועד פון די אַרבעטער אָנגעהויבן זינגען — באַזונדערס ווען דאָס ליד איז געווען אַ סאָציאַליסטישס, אַ רעוואָלוציאָנערס, האָט דוד גלייך געזאָגט:

—ביים זינגען פֿאַרלירט מען צייט! מיר אַרבעטן נישט, — האָט ער יעדעס מאָל באַטאָנט, — קיין זיידענע קליידער, נאָר פֿאַרן מיליטער אין דער צייט פֿון מלחמה! אונדזער לאַנד איז אין קריג! מיט אונדזער אַרבעט העלפֿן מיר עס פֿאַרטיידיקן! ווי סאָציאַליסטן מוזן מיר העלפֿן אונדזער סאָציאַליסטישער רעגירונג! — אַצינד אָבער איז ער געווען אַביסל אין אַ פֿאַרלעגנהייט. דאָך האָט ער דעם פֿאָטער געענטפֿערט כּמעט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט די אַרבעטער, ווען עס האָט ווער פֿון זיי אָנגעהויבן זינגען אַ רעוואָלוציאָנער ליד.

— נו, גוט, — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט דעם זון. — פֿאַרטיידיקונג... באַשיצן ס׳לאַנד... מעשטיינס געזאָגט וואָס דער קבצן האָט צו פֿאַרטיידיקן און צו באַשיצן. דו זאָגסט „סאָציאַליסטישע רעגירונג״. גוט. אָבער די מענטשן טרייבט מען ווידער ווי בהמות, ווי סטאַדעס שעפּסן אין שעכטהויז אַריין. נאָר כ׳וועל שוין גלייכער ווידער שווייגן. — ער האָט צוריק אויפגעהויבן די צוויי קלינגען פֿון דער שער, זיי באַקוקט, אַוועקגעלייגט, און גענומען אַ צווייטע. ווידער אַ מרה־שחורה־דיקער, אַ „פֿינצטערער וואָלקן״ — האָט ער זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט: צוגעשניטן די פֿאַרטיע הויזן.

די מאַשינען האָבן געטראַסקעט. די אַרבעטער האָבן געשוויגן.

3

ביי קרומהאָלצן האָבן געאַרבעט אַ סך מער מענטשן ווי ביי סאַראַקען. צווישן זיינע אַרבעטער זיינען געווען חברים פֿון דער פֿאַרטיי, צו וועלכער ער האָט גע־הערט, וועלכע האָבן אַרויפגעקוקט צו אים ווי צום פֿאַרזיצער און פֿירער. אויך ציפּע האָט געאַרבעט ביי אים. דער חבר הערש איז צו זיינע אַרבעטער דאָך געווען אַנדערש ווי דוד, די „פֿלעדערמויז״, ווי מ׳האָט אים גערופֿן. די ערשטע צייט האָט ער זיינע אַרבעטער נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין. ביים צוטראָגן ווען פֿון זיי אַרבעט — אויב יענער איז נאָך דערצו געווען אַ חבר — האָט ער אים אַזוי שטיל געזאָגט ווי די אַרבעט צו מאַכן, אַז דער אַרבעטער האָט אים קוים געהערט. ס׳איז אים אָנגעקומען זייער שווער דאָס ווערן אַ באַלעבאָס און דעריבער האָט ער די ערשטע צייט פֿאַרשידענע זאַכן געלאָזט טאָן ציפּען. סיי ווי האָט ער זי נישט צוגענומען ווי אַן איינפֿאַכע אַרבעטערן, נאָר מער צום אַכטונג געבן אינעם ווערקשטאַט, צו זען, אַז זאַכן, ווי לעדער און אַנדערע מאַטעריאַלן, זאָלן זיך נישט אַרומוואַלגערן אונטער די פֿיס, זאָלן נישט גיין אין ניוועטש. זי האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט דערצו. זייער גיך, כּמעט פֿון ערשטן טאָג אָן, האָט זי זיך אין דער „פֿאַבריק״ — אַזוי האָט זי בפּירוש גערופֿן דעם ווערקשטאַט — געפֿילט ווי אַ באַלעבאָסטע; ווייניקסטנס ווי אַ מייסטעראָווע. נאָך אַ גאָר קורצער צייט האָט זי שוין אַליין געוווּסט אַלץ, וואָס מ׳דאַרף טאָן און אויף וועמען אַכטונג צו געבן, אַז יענער אָדער יענע זאָלן אַרבעטן אַביסל גיכער. הערש האָט זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּחידושן; ער האָט זיך גאַרנישט געריכט, אַז זי וועט זיך אַזוי גוט אויסטויגן, אַז זי וועט אַזוי קאָנען שאַפֿן מיט מענטשן. אָבער זי איז נישט לאַנג געבליבן די באַ־לעבאָסטע אָדער מייסטעראָווע אין דער פֿאַבריק. פֿייגע האָט עס דערשנאַפּט מיט

איר ווייבלעכן אינסטינקט און אַנגעהויבן קומען אַביסל מער צו איר געליבטן אין ווערקשטאַט אַריין. (זי האָט נישט געזאָגט „פאַבריק"). הערש האָט איר אַפילו געגעבן אַנצוהערן, אַז ער פילט זיך נישט זייער באַקוועם, ווען זי איז מיט אים אין דעם ווערקשטאַט (וועגן די אַרבעטער). ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז אַ שאָד, זי זאָל אַצינד פאַרלירן צופיל צייט:

— דו האָסט דאָך איצט זייער אַ סך צו טאָן אין דיין פאַך.

— טאַקע?... נו, וועלעך מיין פאַך אינגאַנצן אויפגעבן; געגוג געווען פריזירערן, געגוג פאַרקעמט רייכע ווייבער און געמאַכט שייטלעך... כ'האָב עס נישט מער נייטיק... — זי האָט איבערגענומען ציפעס אַרבעט: דאָס אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער. זי האָט דאָס געמאַכט אַביסל קליגער, געשיקטער ווי ציפע, שוין דערמיט אַליין, וואָס זי האָט יעדן — ביים אונטעראיילן אַביסל — געזאָגט „חבר" אָדער „חברטע". איינמאָל האָט זי דערקלערט פאַר אַלע:

— מיר אַרבעטן איצט אַלע, אָן אונטערשייד, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד. — דערמיט האָט זי איר הערשן פולשטענדיק באַפרייט פון דער פאַרלעגנהייט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען. אים האָט זי בלויז איינאיינציקן מאָל געגעבן אַ קליין שטאָכעלע: — גאָר אַ פייערדיק ווייבל אָט־די ציפע... און נישט זייער קיין מיאוסע... — זי האָט דערביי קלוג געשמייכלט.

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט דערויף. ער איז געווען פאַרשטומט און פאַרשטאַנען, אַז ס'איז קליגער אויף אַזעלכע רייד נישט צו ענטפערן, איבערהויפּט נישט צו רעאַגירן. ער האָט איינגעזען, אַז פייגע העלפט אים זייער אַ סך. עס איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי פריִער, ווען ער האָט זיך געשטעלט הינטער ציפעס פּלייצעס. פייגע האָט אויך צונישטגעמאַכט דאָס פּיצל געוויסן ערגעץ אין זיין נשמה, וואָס האָט אים געפּייניקט, אַז ער עקספּלואַטירט אַרבעטער, אייגענע חברים. זי האָט דאָס געטאָן מיט דערזעלבער קלוגהייט און געשיקטקייט, ווי ביים צורעדן און שטויסן אים צו עפענען די ווערקשטאַט און אַרבעטן פאַרן מיליטער. זי האָט אים געבראַנגט ביישפּילן פון גרויסע און באַרימטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, וועלכע זיינען געווען פאַבריקאַנטן. ער אַליין האָט עס אויך געוווּסט און איז איינגנטלעך געווען אין דערזעלבער מיינונג ווי זי.

נאָר עס זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן און דאַן האָט קרומהאַלץ אַליין גענומען אונטעריאָגן זיינע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַרבעטן אַביסל גיכער. ער האָט זיי דערביי יעדעס מאָל אָנגעוויזן, אַז ס'לאַנד איז אין מלחמה און די אַרבעט איז פאַר זיין פאַרטיידיקונג.

— מיר מוזן טאָן אונדזער הייליקע פליכט! — האָט ער געזאָגט. — די מלחמה, וואָס מיר פירן, איז נישט קיין אימפּעריאַליסטישע! דאָס איז אַ פאַרטיידיקונגס־קריג! די רעגירונג באַשטייט פון אונדזערע חברים! פוילן איז איצט שוין אַן אַרבעטער־און פויערים־רעפּובליק! אונדזערע חברים אויפן שלאַכטפעלד קעמפן קעגן קאָנטררעוואָלוציע! די באָלשעוויקעס האָבן אין רוסלאַנד דערשאָסן הונדערטער־טויזנטער אונדזערע חברים! ווען די באָלשעוויקעס זאָלן זיגן און אַריינקומען קיין פוילן, וואָלטן זיי אונדז אַלע אויסגעשאָסן! דעריבער איז יעדע רגע אַרבעט טייער. — אַז אַן אַרבעטער האָט אים געוואָלט שטעלן אַ פראַגע, האָט ער אים געזאָגט (נאָך

איידער יענער האָט אים געשטעלט די פראַגע): — קיין שום דיסקוסיעס אַצינד, חבר! ביי אַ פאַרזאַמלונג. איך אַרבעט גלייך מיט אייך...

פייגע איז איצט געווען אַ סך פאַרליבטער אין הערשן און זייער גליקלעך. דאָס האָבן אין דער ווערקשטאַט אַלע געזען, באַזונדערס ציפּע. זיי האָבן געזען, ווי זי (די מייסטע האָבן זי שוין גערופן „די מייסטעראָווע" די „מאַדאַם") ווערט אַלץ פולער, רונדער און טאַקע שענער. אויך קרומהאַלץ האָט געקראָגן דיקע באַקן. ביידע האָבן אפשר געמערקט אָדער געפילט דעם שפּאָט פון די אַרבעטער צו זיי; אָבער זיי האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט דעריבער. די רעכענונגען יעדע וואָך ביים צושטעלן די סחורה זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער. הערש האָט אַלץ מער איינגעזען, אַז פייגע וועט זיין אַ גוטע לעבנס־חברטע. צום אונטערשייד פון חבר סאַראָקע האָבן זיי די אַרבעטער יאָ דערלויבט צו זינגען סאָציאַליסטישע, אַפילו רעוואָלוציאָנערע לידער. אַמליבסטן איז זיי געווען, ווען די אַרבעטער האָבן געזונגען לידער מיט אַ שטאַרקן ריטם און שנעלן טעמפּ, לידער, למשל, ווען דאָס פּראָלעטאַריאַט מאַר־שירט צום קאַמף, אַפילו דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ביידע האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז ביי אַזעלכע לידער אַרבעטן די אַרבעטער שנעלער, ווערן וויניקער מיד. האָבן זיי, ווען אַן אַרבעטער אָדער אַן אַרבעטאָרן האָט אָנגעהויבן זינגען די „שבועה" מיט דער צעצויגענער מעלאָדיע:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט" —

אָדער עדעלשטאַטס „צוואה", מיט נאָך אַ שטאַרקערן ריטעם און נאָך מער צע־צויגענער מעלאָדיע ווי:

„אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן",

האָבן דאַן ביידע, הערש און פייגע, אַ נעם געטאָן:

„שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט!"

די אַרבעטער, צווישן זיי קאָמוניסטן (קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט) האָבן גלייך אונטערגעכאַפּט:

„דער גייסט — ער קאָכט, ער רופט צום וואָפן,
אין שלאַכט אונדז פירן איז ער גרייט..."

4

אין מירעלעס רעסטאָראַציע האָט זיך ווידער געקאָכט ווי אין יענע גוטע צייטן פון שמוגל בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. דער בופעט איז איצט ווידער, ווי דעמאָלט, באַלאָדן מיט יענע אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער עולם פרעסערס האָט אַזוי ליב. ביים בופעט אָבער שטייט איצט מירעלע אַליין, ווייל איר מאַן איז אין דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט. ער איז דאָרט שוין אַרויפגעשטיגן אַ טרעפּל העכער. די

רכילותניקעס זאָגן ווידער: „אַלץ זי, די שיינע מירעלע, מיט איר קלוגן קאָפּ און... נו... יאָ; בערנפעל ווייסט, וואָס גוט איז און לאָזט זיך קאָסטן אויף קהלס חשבון״... נאָר מירעלע, וויסנדיק וואָס מ׳רעדט אויף איר אין דער שטאָט, האָט ביי זיך געטראַכט: „איין גאָט און איך ווייס, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי מיאוסע לשון־הרע, פון קנאה, ווייל כ׳האָב געקויפט דאָס הויז, און וועלכן כ׳וווין״. אַפּלייקענען, וואָס מ׳האָט אויף איר גערעדט, האָט זי נישט געוואָלט — זי איז געווען צו שטאָלץ. איר מאַנס שטייגן אין קאָמיטעט האָט זי גאָר געהאַט צו פאַרדאַנקען איר ברודער אין וואַרשע, דעם באַרימטן שרייבער אין די צייטונגען אונטערן נאָמען פעליקס וויסלאַווסקי. אויף דעם ברודער איז מירעלע געווען שטאָלץ. זי האָט איצט גאַנץ אַליין געפירט דאָס גאַסטהויז, חוץ די זייטיקע געשעפטן מיט גאָלד, וואַליוטע און פאַרשידענע סחורות. דערביי איז זי געווען אַ מאַמע פון נאָך אַ קינד שוין. ראַבע האָט איר אָבער איצט זייער אַ סך געהאָלפן: זי האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט אין דער רעסטאָראַציע.

אין דער אכסניה איז פריילעך און לוסטיק. די טישלעך זיינען אַלע באַזעצט. די גרויסע שטוב — און די קליינע צימערלעך פאַר באַזונדערע חשובע געסט אָדער פאָרלעך — זיינען פול געפּאַקט. מעכל פּאָליטיקער, דער מעקלער, איז געוואָקסן אין אָנזען צוליב דער גרויסער ראָלע, וואָס ער האָט געגומען שפּילן זינט דער ציוניזם האָט פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט אין דער שטאָט. דער מעקלער שפּרינגט איצט אַרום פון איין טישל צום צווייטן, פון איין גרופּע מענטשן צו דער אַנדערער, און וואַרפט אומעטום אַריין זיינס אַ מיינונג. צו שימעלע לאָטערייניק, אַרומגערינגלט פון אַ רעדל ייִדן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מ׳וועט במהרה זיך פּאַקן... צום דריטן מאָל...

איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— שיבת ציון?...

דער פּאָליטיקער האָט געענטפערט:

— מ־מ־מ... יאָ... — און איז געגאַנגען ווייטער.

שימעלע האָט איינגערוימט דעם, וואָס האָט געפרעגט:

— מעכל האָט געמיינט, אַז ס׳גייט שלעכט, מ׳וועט אפשר ווידער מוזן לויפן...

יענער האָט אַ מאַך־געטאָן מיט אַ האַנט, גענומען פון טישל זיין גלעזל און געזאָגט:

— אַ־סעך וואָס... לחיים, מ׳זאָל טרינקען יין און נישט קיין מים... — דאָס האָט געהייסן דער מסחר איז געשלאָסן, ער האָט געקויפט די סחורה.

ביי איין טישל זיצט דוד מיט ראובנען. כמעט נאָך יעדן מאָל זיך טרעפן ביים ליפערן — איינער די אויפגענייטע הויזן און מונדירן און דער אַנדערער די סחורה פאַר דעם — טרעטן זיי, אויפן וועג אַהיים, אַפּ ביי מירעלען אין דער רעסטאָראַציע צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. דערביי רעדט מען אַביסל, נישט וועגן געשעפט, נאָר וועגן סאָציאַליזם. זעענדיק, אַז פאַר דודן גילט ער נאָך אַלץ פאַר אַ סאָציאַליסט, נעמט פוקסמאַן זיך אַביסל לוסטיק מאַכן איבער אים:

— איר, חבר סאַראָקע, וואָלט באַדאַרפט שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין דער פּאַרטיי. איך האָב אייך געהערט רעדן ביי דער לעצטער פאַרזאַמלונג. מיר האָט דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט, אַ סך בעסער געפעלן ווי דאָס, וואָס דער חבר ליכ־

טענבערג, דער גרויסער... האָט געזאָגט, ווי דאָס, וואָס דער חבר מיקנשלעגער און דער חבר שפּיצמאַן האָבן גערעדט. און זיי זיינען אין דער פאַרוואַלטונג און איר נישט! מילא דער חבר קרומהאַלץ, ער קאָן כאָטש רעדן, טאַקע האַלטן אַ שיינע רעדע. ער איז אויך אַ פּעיקער אונטערנעמער; מער ווי צוואַנציק מענטשן אַרבעטן שוין ביי אים! — — —

— איז וואָס? — איז דוד ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. — איך האַלט אויך שוין פּופּצן. כ'וועל מיך נאָך אויסגלייכן מיט אים. זאָל נאָר די מלחמה געדויערן אַביסל לענגער.

זיי האָבן ווייטער אַזוי גערעדט, געפרעגט איינער דעם אַנדערן ווי ער האַלט וועגן גיין צום מיליטער. מיט פרייד אָדער מיט שטאָלץ האָט יעדער פון זיי געזאָגט: „איך בין באַפרייט. כ'טו פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם לאַנד מער ווי יעדער סאָלדאַט, מער ווי טויזנט אַפילו!" זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געוויזן די שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז יעדער איינער פון זיי איז טאַקע פריי. וויפל דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט געקאָסט, האָט איינער דעם אַנדערן נישט געזאָגט.

נישט ווייט פון די צוויי זיצן ביי אַ טישל עטלעכע קלעזמאָרים פון דער שטאָט מיטן בדחן. אויך פאַר זיי איז איצט אַ „גאָלדענע צייט". מען נעמט עפּעס גוטס אין מויל אַריין. דער בדחן „זאָגט" דערביי ווי אויף אַ חתונה:

„אַ געפּילדער, אַ גערידער...
ס'רעדל דרייט זיך ווידער...
אַ חתונה, אַ שיינע,
אַ פריילעכע, אַ פיינע
אויף דער ליבער וועלט —
פרייטיק ענק מענטשעלעך און קוועלט"...

חברה לאַכט: „כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... כע־כע־כע... כי־כי־כי"...

— אַ פּערטל קאַטשקע!

— מיר געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלעס!

— דאַ־אַהער אַ האַלבע הון!

— צוויי שנאַפּסן!

ראַבע איז שטאַרק באַשעפטיקט. זי נעמט די באַשטעלונגען און גיט זיי ווייטער, צעטיילט זיי די קעלנערקעס, וועלכע איילן הין און הער, רוימען־אָפּ פון די טישלעך די ליידיקע טעלערס און גלעזלעך און ברענגען פולע. דער עולם עסט מיט אַפּעטיט. אַ סך נוצן נישט קיין גאָפּלען צום פליייש. דאָס שמאַלץ פון געבראָטן עוף רינט איבער די פינגער, איבער שוואַרצע און רויטע בערד, איבער צוגעשווירענע קליינע בערדלעך און געגאָלטע מאָרדעס. טייל צעקייען אַפילו דיביינדלעך און נאָגן מיט פעטע ליפּן אַרויס דעם מאַרך. פון מאָל צו מאָל דערהערט זיך אַ קוויטש פון אַ שיינער קעלנערקע, ווייל דער קניפּ, וואָס זי האָט געכאַפּט אין אַ ווייך אָרט פון אַ גאַסט ביים באַדינען אים, איז געווען צו שטאַרק.

דער בדחן „זאָגט" אַ צווייט „שטיקל":

„אויבנאָןביים סעודה־טיש
זיצן די רייכע מחותנים...
זיי קריגן גרויסע פּאָרציעס פיש,
ווייל זיי זיינען קיין נאַראָנים...
זיי וואַרפן־צו די אָרעמע הינט
יעדעס מאָל אַ ביינדל;
זיי זאָלן ווערן שטום און בלינד
און האַלטן איינגעצויגן דעם וויינדל״...

5

ווען דער הו־האַ איז געוואָרן אַביסל קלענער, האָט פוקסמאַן צוגערופן ראבען. ער האָט ליב פאַר איר זיך אויסצופיינען אין זיין אינטעליגענטישקייט און דערביי אויף אַ קלוגן, פאַרשטעלטן אופן, חוזקן אַביסל פון יעקבן און אויך פון איר. ער פאַרפירט מיט איר אַ שמועס וועגן סאָציאַליזם און וואַרפט דערביי אַריין:

— דעם חבר ליכטענבערג איז שווער צו פאַרשטיין... איז ער טאַקע אַ מאַרקסיסט?...

ראבע פאַרטיידיקט איר געליבטן:

— אַוודאי איז ער אַ מאַרקסיסט, אַ פייערדיקער מאַרקסיסט!

פוקסמאַן ווייסט אָבער, אַז זי האָט קיין אַנונג נישט וועגן מאַרקסיזם. ער האַלט זי אײַנגאַנצן פאַר נאַריש און אומוויסנדיק און ווערט טריוויאַל אין זיין זיך־לוסטיק־מאַכן און חוזקט ווייטער:

— ווי אַזוי איז ער אַ מאַרקסיסט, אַז ער האַלט נישט פון אַריסטאָטלען און נישט פון פלאַטאָנען?...

ראבע מאַכט זיך נישט פאַרשטייענדיק זיין חוזק, אָבער זי כיטרעוועט איבער דעם „קלוגן״ פוקסמאַנען:

— מסתמא זיינען אַריסטאָטל און פלאַטאָן געווען רעאַקציאָנערן. וועלכער אונטערשייד איז צווישן פלאַטאָן און מאַרקס לויט אייער מיינונג? איך וואָלט איך זייער דאַנקבאַר געווען, ווען איר דערקלערט מיר דאָס בקיצור.

זעענדיק פון זיין רויט ווערן און נעמען רעדן פון עפּעס אַנדערש, אַז ער ווייסט וועגן דעם פונקט אַזויפיל ווי זי, טריומפירט זי:

— וועגן פלאַטאָן און מאַרקס האָט יעקב מיט מיר אַ סך גערעדט! ער האַלט יאָ פון פלאַטאָנען, ווייל ווי ער האָט מיר דערקלערט, איז דאָ אַ גרויסער שייכות צווישןביידע... און דאָס, וואָס יעקב זאָגט, איז ריכטיק, ווייל אין אַזעלכע זאַכן ווייסט ער וואָס ער רעדט.

פוקסמאַן האָט געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן און גענומען רעדן פאַר פייער און וואַסער, נאָך שנעלער ווי די גאַנצע צייט, און דערביי מיט זיינע נערוועזע, קאַלטע הענט גענומען טאַפּן אונטערן טיש ראבעס קני׳ען. זי האָט נישט פּראָטעס־טירט, נאָר זיך אַביסל שטאַרקער צוגערוקט צום ראַנד פון טישל, אַז דוד זאָל גאָרנישט קענען מערקן (פאַר זיינע שפּיאָנענאויגן האָט זי זיך זייער געהיט). נאָר

ווען פוקסמאַן האָט געוואָלט קריכן אַביסל ווייטער, האָט זי זיך אויף אַ געשיקטן אופן געוועהרט. זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פאַרטיידיקן און רימען איר יעקבן.

פלוצים טוט זיך די טיר אַ פראַל־אויף און ס׳קומט אַריין פאַן טשאַפּסקי, דער שעף פון מיליציע, מיטן סטאַרשי, פאַן קאַספּער שטשעלקאָווסקי, און עטלעכע מילי־ציאַנטן הינטער זיי. מירעלע האָט זיך אַביסל דערשראָקן, כאָטש זי איז צו רעווי־זיעס שוין געווען געוווינט. אָבער זי האָט שטענדיק געוווסט פריִער, ווען מ׳וועט צו איר קומען זוכן: מ׳האָט איר פריִער וועגן דעם צו וויסן געטאָן. נו, איז איר גלייך איינגעפאַלן: דער סטאַרשי, דער וויסטער אַנטיסעמיט און מיאוסער פאַרשוין, האָט זי אַצינד פאַרראַטן. ער האָט געוואָרפן אַ קאַלטן און פאַראַכטנדיקן בליק אויף איר, צעשטעלט וואַכן ביי יעדע טיר און באַפוילן:

— קיינער זאָל זיך נישט רירן פון אָרט! ווער עס וועט פּרווון אַנטלויפן וועט באַצאָלן מיטן לעבן!

די רעוויזיע האָט זיך אָנגעהויבן. דער שעף פון דער מיליציע האָט זיך גע־ווענדט צו די געסט — זיי זיינען אַצינד שוין געווען אַ סך וויניקער ווי מיט אַ שעה צוריק — און זיי אויפגעפאָדערט: אַרויס מיט די דאָלערס, מיט די פונטן, מיט די גולדינס און די שווייצערפראַנקן! אַהער מיטן גאָלד, וואָס איר שמוגלט אַרויס פון לאַנד, אָדער באַהאַלט! דאָ אויף דעם טיש זאָל יעדער אַנידערלייגן אַלץ, וואָס ער האָט ביי זיך! גאָרנישט איבערלאָזן אין די קעשענעס! איך וועל געפינען אומעטום! און די שליסלען פון די קעלערס וויל איך האָבן! — און צום סטאַרשי:

— טוט גוט אַכטונג, אַז די „האָזן״, וואָס באַהאַלטן זיך פונעם מיליטער, און די באָלשעוויקלעך זאָלן זיך נישט אַרויסקריגן דורך ערגעץ אַ לאָך! און די פאַני רעס־טאַראַטאָווא...

נאָר מירעלע האָט זיך נישט פאַרלוירן: מיט אַ פאַרפירעריש געלעכטערל איז זי צוגעגאַנגען צו טשאַפּסקין אַזוי נאָענט, אַז איר גרויסער בוזעם האָט באַרירט זיין אָרעם. עס איז געווען דאָס איינציקע מיטל, וואָס זי האָט אין דעם מאָמענט געהאַט, דעם שטרענגן שעף פון דער פּאָליציי אַביסל צו צעמישן: אָנצינדן דאָס מאַנצבילישע בלוט אין אים. זי האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז געווען דאָס ריכ־טיקע מיטל. שוין אַ זיכערע ביי זיך — האָט זי אים געזאָגט:

— פּאַניע נאַטשעלניקו! די אַלע מענטשן קומען אַהער בלויז עסן. ביי מיר האַנדלט מען נישט מיט קיין וואַליוטע אָדער גאָלד, און „האָזן״ און באָלשעוויקעס האַלטן זיך ביי מיר נישט אויף. אָפֿשעם, זאָל דער פּריץ מאַכן אַ רעוויזיע ביי מיר; ער וועט גאָרנישט געפינען. איך קאָן אָבער דעם פאַן נאַטשעלניק זאָגן, ווו ער קאָן יאָ געפינען וואָס ער זוכט; אָבער דער פאַן נאַטשעלניק מוז זיך מטריח זיין מיט מיר אין אַ צווייטן פּאָקוי אַריין. — זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַן אַנדער צימער.

קאַספּער שטשעלקאָווסקי, דער סטאַרשי, האָט פאַרלוירן די שאַדנפרייד אין זיינע אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פאַרשאָלטענע זשידוווקע, די מיאוסע שאַכערקע, וואָס זייגט־אויס און צעשטערט זיין „אויטשיזנע״ — דאָס זיינען געווען זיינע געדאַנקען אין יענעם מאָמענט — וועט אויס נקמה אים אַצינד פאַרשיטן פאַרן שעף. ווען יענער איז צוריקגעקומען האָט ער עס טאַקע גלייך דערקענט, אָדער דערפילט. נו, האָט ער ביי זיך געשווירן: „זאָל איך קראַפּירן ווי אַ הונט, אויב איך וועל מיך נישט אָפּרעכענען מיט דערדאָזיקער סוקע און אַלע זשידעס אין שטאָט״!

די ייִדן האָבן געשווירן, אַז זיי האָבן קיין שום אַנדער געלט ביי זיך, חוץ פּוילישס, וואָס איז געווען אמת, ווייל טשאַפּסקי האָט טאַקע קיין אַנדער געלט נישט געפונען ביי זיי. ער איז אַוועק מיט גאַרנישט, ווי עס שטייט געשריבן: „בגפו יבוא בגפו יצא".

מירעלע האָט אים געזאָגט, וואָס ער קאָן אַלץ געפינען ביי קשיוויצקין און ווו עס ליגט דאָרט באַהאַלטן דאָס אַלץ, וואָס ער זוכט. אָבער ווי האָט טשאַפּסקי געקאָנט גיין מאַכן אַ רעוויזיע ביי זיין געליבטערס פאָטער, וועלכער זאָל ווערן זיין שווער? „אַ קלוגע ייִדענע!" — האָט ער געטראַכט. ער האָט די רעוויזיע ביי איר שוין געמוזט מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל גאָרנישט געפינען...

קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

יעקב אין פאַרווירונג

1

יעקב איז דערווייל נאָך אַלץ נישט געווען ביי זיין אַרבעטגעבער, כאָטש ער האָט באַשלאָסן און עס צוגעזאָגט די עלטערן, אַז ער וועט גיין אַרבעטן אַפילו פאַרן מיליטער, וואָס מיינט העלפן צו דער מלחמה. אָבער ס'וואָלט דאָך געווען בלויז צביעות פון זיין זייט, ווען ער זאָל ווייטער נאָך בלייבן ביי זיין פּאַציפיסטישן שטאַנדפּונקט. געווירקט אויף אים, האָט — נישט דער חברטע גרינצווייגס חוזקן, נאָר לאַזערס ענטפער. יענער האָט אין זיין ערלעכקייט און מיט פּשוטן שכל־הישר אים איבערגעצייגט אין דער נאַטור אָדער אינערציע פון דער מאַסע. יעקב האָט זיך דערמאָנט אינעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין פריינט לערמאַן. דער אינוואַליד האָט באַשטעטיקט דעם לערערס מיינונג.

אין יעקבס מוח האָבן זיך די געדאַנקען אָנגעהויבן צו פאַרפּלאָנטערן. ער האָט פאַרלוירן זיין קלאָרקייט, אָבער ער האָט קלאָר געוווּסט, אַז זיין געוויסן האָט זיך צעשפּאָלטן אין צווייען: איין העלפט פאַרן כלל און די צווייטע העלפט פאַר די עלטערן און די צוויי קליינע ברידער. ער האָט זיך דערביי געפרעגט: איז נישט דער כלל מער ווי פיר? אָדער איז זיין ליבע צו די פיר אַזוי שווער ווי פאַרן כלל און דאָס צינגל פון דער וואָג שטייט אינדערמיט? און פלוצים האָט איין וואָגשאָל געטאָן אַ צי־אַראָפּ; עס האָט זיך געלייגט אויף איר דער ענטפער, וואָס דער פּשוטער און ערלעכער אינוואַליד האָט אים געגעבן.

און דאָך איז יעקב נאָך אַלץ נישט אַהינגעגאַנגען צו זיין אַרבעטגעבער, ווי איינער, וועלכער לייגט אָפּ דאָס אויספירן פון אַ פאַרברעך, צו וועלכן ער ווערט געצוווּנגען. ער האָט באַשלאָסן נאָך איבערצורעדן מיט לערמאַנען אויך וועגן דאָזיקן פּראָבלעם. אָבער זיין פריינט, האָט ער געוווּסט, קאָן ער טרעפן אַצינד נאָר ביי פערלען און ער איז אַהינגעגאַנגען צו איר. אויפן וועג איז פלוצים אַרויסגעשווּוּמען פאַר זיינע אויגן יענע צייט, ווען ער פלעגט מיט די תפילין אונטערן אָרעם, אַהיימגייענדיק פון בית־המדרש, זי אָפּוואַרטן אין אַ באַהעלטעניש. ער האָט מיט

איינמאָל פאַרגעסן אַלץ, אַפּילו די לאַנגע צייט פון דעמאָלט ביז איצט, און אַלץ וואָס איז דער צייט איז געשען. ער האָט געזען פאַר זיך פּערעלעס באַצויבערנדיק שמייכלען, אירע בלויליכטנדיקע אויגן, דאָס אָוואַלע פּנים מיט דער איידעלער ווייסקייט און צאַרטער ראָזקייט אין די באַקן, דעם קלוגן שטערן און די בלאָנדע פלאַטערנדיקע האָר, די לענגלעכע שמאָלע נאָז און דעם חנעוודיקן, נישט־גרויסן קין. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק פון אירע ווייסע הענט מיט די לאַנגע פינגער. איצט האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע גענומען קושן דידאַזיקע הענט. דערביי האָט ער — ווי ער וואָלט געחלומט — זיך דערמאָנט אָן זיין פריינט לערמאַן. אָבער — ווי עס וואָלט טאַקע געשען אין חלום — איז ביי יעקבן אויסגעקומען, אַז ער איז לערמאַן... ער האָט ווייטער געקושט פּערעלעס הענט, זיי געגלעט צערטלעך און געפּילפּול, אָנהייבנדיק אַלע מאָל אויפסניי פון די שפּיצן־פינגער ביז צו די פיינע געלענקען, ווו עס זיינען לעבן די קנעכלעך אויף די זייטן פון די גראָבע פינגער געווען אַזעלכע גריבעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליינינקע בעכערלעך... ער קוקט און קוקט אויף דידאָזיקע הענט... ער קאָן זיינע אויגן נישט אָפּרייסן פון זיי... ער לייגט זיי צוזאַמען, דלאָניע צו דלאָניע, ווי ביי אַ געבעט... און אָט איז גאָר פּערעלע — ראָבע, און ער ווידער יעקב...

2

לערמאַן האָט יעקבן געעפנט די טיר און אויסגערופן: „יעקב"!

יעקב איז שיער געפאַלן איבער דער שוועל. ער האָט נישט געזען ווי צו גיין, ווי דעמאָלט (שוין באַלד פינף יאָר), ווען ער האָט פּערעלען געטראָפן אַליין אין דער פינצטער כמעט און ביי דער טיר זיינען געלעגן ציגל. נאָר זייער ליכטיק איז אַצינד אויך נישט געווען, כאָטש אינדרויסן האָט די זומערדיקע זון שטאַרק געבליאַזגעט. (די גאַרדינען ביי די פענצטער זיינען געווען אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט). יעקב האָט נישט געקאָנט זען, צי זיין פריינט פרייט זיך מיט זיין קומען איצט, אָדער ער איז אומצופרידן. אינעם אויסרופן „יעקב" ביים דערזען אים איז געווען — אַזוי האָט זיך יעקבן געדאַכט — דערשטוינונג און איבערראַשונג. פּערעלען האָט ער געגעבן די האַנט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי איז געזעסן אויפן האַלב־רונדן שעסלאָן אין ווינקל פון גרויסן דרייטייליקן פענצטער. פאַר פינף יאָר איז דאָס שטיק מעבל געווען פאַרשיט מיט ציגל און טינק. דער אַמאָליקער ראָזאַ־זיידענער ריפּס איז איצט געווען טונקל און אָפּגעכוימערט. נאָר פּערעלע האָט באַשיינט דאָס חפץ. זי האָט איצט אויסגעזען גליקזעליק, מיט אַ שמייכל אויף אירע האַלבצעעפנטע, רויטלעכע ליפּן. דאָס ווייסע איידעלע פּנים צעבליט און די בלוי־לייכטנדיקע אויגן אין זיסער טרוימעריי... עטוואָס פאַרזונקען אין זיך און מיידלע־ריש־צנועהדיק האָט זי יעקבן געגעבן די האַנט.

לערמאַן האָט געוואָלט פונאַנדערוקן די גאַרדינען. נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער דערהערט פּערעלעס שטימע, אין וועלכער עס איז געווען שרעק און געבעט:

— ניין, יצחק!... — זי האָט מוסיף געווען: — די זון שיינט צו שטאַרק אַריין...

ער האָט זיך צוריק אָנידערגעזעצט לעבן איר און צערטלעך גענומען איר האַנט אין זיינער. ביידנס פינגער האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן. דער לערער האָט איינגעלאַדן זיין פריינט:

— זעץ דיך לעבן אונדז, יעקב! ס'איז דאָ פּלאַץ פאַר דריי, באַזונדערס פאַר אַזעלכע ברייטע פאַרשוינען ווי מיר זיינען... — ביידע האָבן זיך אַ רוק געטאָן צו מאַכן פּלאַץ פאַרן גאַסט, נאָר יעקב איז געלאָפן זיך ברענגען אַ שטול. כהרף־עין האָט ער זיך אָבער איבערגערעכנט און געזאָגט:

— כ'וועל גלייכער שטיין. — כדי אָפּצולענקען ביידע, ווייל ס'האָט זיך אים נאָר געדוכט, אַז זיי קוקן אויף אים און לייענען אין זיין פּנים אָדער אין זיינע אויגן די משונהדיקע פאַנטאַזיע, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט אויפן וועג, האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן געוויסן און אחריות. זיין טאָן איז געווען שמערצלעך. די צעשטרייטקייט אין זיין פּנים איז פאַרשוווּנדן: ס'האָט באַקומען דעם אויסדרוק פון ווייטיקלעכן ערנסט. פערעלע האָט מיטליידנדיק געזאָגט צו אים:

— איר קווּעלט אייך שטענדיק. קאָנט איר גאָרנישט אויפהערן אייך צו פּיי־ניקן מיט זאַכן, וואָס מ'קאָן דערוויל נישט ענדערן; מיט פּראָבלעמען, וועלכע לאָזן זיך אַזוי גיך נישט לייזן? — און זי האָט אים דערציילט: — דער טאַטעשי וועט איצט צוריק אויפשטעלן די פאַבריק.

— וואָס?! — יעקב איז פון דער מיטטיילונג געוואָרן נאָך מער דערשיטערט ווי פון לאָזערס ענטפער. פערעלע איז געוואָרן אויפגערוימטער:

— ער האָט באַקומען אַ שותף מיט געלט. איך האַלט דאָס, וואָס דער טאַטעשי האָט באַשלאָסן, פאַר זייער ריכטיק.

יעקב האָט אויסגערופן כמעט פאַרצווייפלט:

— איר זאָגט דאָס?!

פערעלע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— די גאַנצע צייט — פינף יאָר — איז דער טאַטעשי אַרומגעגאַנגען ווי אין עולם־התוהו, ווי ער וואָלט נישט געלעבט. לעבן איז טעטיקייט. און איך קען נישט נאָך איין מענטש, ביי וועלכן טעטיקייט זאָל אַזוי באַדייטן לעבן, ווי דאָס האָט באַ־דייט ביי מיין טאַטעשי. דערצו איז ער נאָך געבליבן איינער אַליין, בלויז מיט מיר.

יעקב האָט גערעדט מיט האַרץ:

— אָבער דערמאָנט אייך, פערעלע, וואָס איר האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז טרעפנדיק ביים צוריקקומען אין שטאָט אַריין דעם שרעקלעכן חורבן, דאָס הויז און די פאַבריק צעשטערט, האָט אייער פאָטער אויפגעהויבן די אויגן און די הענט צום הימל און געזאָגט: „כ'דאַנק דיר, רבונו של עולם, וואָס דו האָסט פון מיר אַראָפּגענומען די שווערע משא; איצט וועל איך דיר ערשט קאָנען דינען ווי כ'האָב שטענדיק געוואָלט". ערשט דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער, ביי אַ גרויסער דיסקוסיע, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין טאַטן — עס איז געווען אין דער נאַכט פון דער עקספּלאָזיע און אייער פאָטער איז געקומען מיט ר' איסרן און מיט ר' הענעך מלאך — האָט ער געזאָגט: „דאָס יאָגן זיך נאָך עשירות ציט אַראָפּ דעם מענטש: געלט דערלאָזט נישט צו קיין עליות הנשמה". ער האָט דעמאָלט דערציילט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען רייך, האָט ער קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין אמתן

תענוג רוחניות. ער האָט זיך אַפילו מודה געווען, אַז ווען ער האָט זיך געיאָגט נאָך עשירות, האָט ער געפילט, ווי אַ בייזער רוח אָדער דיבוק טרייבט אים.

פּערעלע האָט צוגעגעבן:

— דאָס איז אמת, אָבער... איר ווייסט דאָך: די גאַנצע פינף יאָר איז דער טאַטעשי כמעט יעדן טאָג געגאַנגען אין דער חורבה פון דער פאַבריק און איז דאָרט אַרומגעקראָכן צווישן די קופּעס אייזן פון די צעבראָכענע מאַשינעס.

יעקב האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— איך קאָן דאָס נישט באַגרייפן! אַצינד, דווקא אַצינד, צו ווען אויפשטעלן צוריק די פאַבריק! צו העלפן דער מלחמה! און ווער? ר' מרדכי גאָלדבלום! מיין טאַטע, דער אינוואַליד, אייער פאָטער — אַלע, אַלע זיינען גלייך!

דער לערער האָט אָנגענומען זיין פריינט ביי אַ האַנט:

— זעץ דיך, יעקב! ס'איז נישט איינגענעם: מירביידע זיצן און דו שטייסט. זעץ דיך לעבן מיר, אָדער לעבן פּערעלען — ווו דו ווילסט.

יעקב האָט זיך דאָך געבערענגט אַ שטול און זיך אַנידערגעזעצט.

דער לערער האָט גלייך אָנגעהויבן:

— דו געדענקסט, וואָס מיר האָבן גערעדט וועגן דער מאַסע? אָט זעסטו! צי די רעגירונג מיינט אויפריכטיק מיט דעם, וואָס זי זאָגט איצט צו דעם פאָלק, אָדער נישט — די מאַסע האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה, אַצינד קעגן רוסלאַנד, ווו די אַרבעטער האָבן די מאַכט און קעמפן פאַר סאָציאַליזם, פאַר דער באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט. און פאַרוואָס האָט די פּויִלישע מאַסע זיך אַריינגעוואָרפן אין קריג קעגן אירע רוסישע קאַמעראַדן? — ווייל אירע פירער זאָגן איר צו אויף אַ לייכטערן און שנעלערן וועג דעם טאָפּ פלייש.

יעקב איז צוריק אויפגעשפּרונגען פונעם שטול:

— ניין! איך האָב דיר דערויף שוין איינמאָל געענטפערט: דער מאַסע פעלט דאָס וויסן און דער קריטישער פאַרשטאַנד. אָבער אויך עפּעס טראַגישס איז אין דעם אַלעם דאָ, ווידערשפּרעכנדיקס. אָדער... אפשר קאָן איך דאָס נישט משיג זיין? — — —

אַלע דריי האָבן געשוויגן.

דאַן האָט יעקב גענומען רעדן אין אַ ליידנשאַפטלעכן טאָן, נאָר מער צו זיך זעלבסט ווי צו זיינע פריינט:

— גאָט אָדער סובסטאַנץ; אינעם מענטש, אין יעדן איינציקן, איז דאָ אַ געוויסע קראַפט, וואָס טרייבט אים צום העכערן, צום געטלעכן, צום עטישן, צום שכל־הישרדיקן, פונקט ווי דאָס פיזישע לעבן רייסט זיך צו דער זון.

דער לערער האָט יעקבן אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט און אים געצוווּנגען זיך ווידער אַנידערצוזעצן:

— אָבער, ליבער פריינט! דו מאַכסט איצט ווידער אַ טעות, אַ צווייפאַכן, צי גאָר אַ דרייפאַכן. דו ביסט נאָך אַ שטרענגערער מאַניסט ווי דיין טאַטע. דעם טויט לייקנסטו דאָך נישט, אַפילו ווען דו נעמסט־אָן, אַז דאָס לעבן פאַר זיך אַליין איז אייביק, וואָס איך נעם נישט אָן. נאָר אַזוי צי אַזוי, דער (איך וואָלט בעסער געזאָגט דאָס), וואָס האָט באַשאַפן דאָס לעבן, האָט אויך באַשאַפן דעם טויט. איך קאָן דערי־בער נישט זען אין דעם באַגריף גאָט צי סובסטאַנץ, דאָס, וואָס דו זעסט. איך בין

מודה, אַז גייסט, אָדער פשוט שכל, איז פאַר מיר אַ מיסטעריע, אַ סוד. דאָך פעלט מיר די פּיעטעט דערפאַר, ווייל די קראַפט פונעם שאַפן איז דיזעלבע פונעם צע־שטערן, פונקט ווי זי איז פונעם לעבן און פונעם טויט, פונעם העכערן און פונעם נידעריקן. און דער מענטש, דער בחיר היצורים, דער איינציק באַוווסטזיניקער טרעגער פונעם גייסט, דער באַשעפער פונעם באַגריף גאָט, עטיק, אמת און יושר, ליבע, שיינקייט און דערהויבנקייט — ער איז אויך דער טרעגער פון אַלץ, וואָס איז פונקט פאַרקערט.

יעקב איז ווידער אויפגעשפרונגען:

— אָבער דער מענטש איז דער, וועלכער וועט שאַפן די האַרמאָניע, צו וועל־כער ער שטרעבט; ער וועט פירן צו דער פאַרברידערונג, נאָך וועלכער ער בענקט.

לערמאַן האָט אויסגערופן:

— דו ביסט דער גלויביקסטער פון אַלע גלויביקע!...

פּערעלע האָט געהאַלטן מיט איר געליבטן. אָבער פאַר איר האָט זיך איצט באַזונדערס קלאָר אַנטפּלעקט די דערהויבנקייט פון יעקבס נשמה און זי האָט אין באַגייסטערונג אַ כאַפּ־געטאָן זיין האַנט. זי האָט אים אפשר געוואָלט צווינגען ער זאָל זיך אַנידערזעצן לעבן איר. אָבער אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען איר פאָטער און זי איז מיט לערמאַנען אויפגעשטאַנען.

ר׳ מרדכי גאָלדבלום איז געווען גוט אויפגעלייגט. ער האָט זיך דערפרייט מיט יעקבן:

— שאולס זון! ווי גייט עס דעם טאַטן? — פון יעקבס נישט ענטפערן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין ידיד האַלט עס שלעכט, און ער איז טרויעריק גע־וואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן אַ ווײַלע. דאַן האָט ער ווידער מיט אַ הייטערן טאָן געזאָגט צו יעקבן: — דו ווייסט דיך אַוודאי חידושן; כ׳לאָז צוריק אויפשטעלן די פאַבריק. — און נאָך אַ פּויזע: — יאָ... דו געדענקסט דאָך מסתמא נאָך, וואָס כ׳האָב אַמאָל געזאָגט ביי דיין טאַטן אין שטוב. ס׳איז דעמאָלט געווען די נאַכט פונעם אויפרייס. זעץ דיך, אויב דו איילסט דיך נישט אַוועקצוגיין.

נאָר יעקבן איז פּלוצים שווער געוואָרן צו בלייבן אין דער שטוב אפילו נאָך פינף מינוט און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

3

די זון איז מערבדיק געשטאַנען שוין ווייט הינטערן צלם אויפן טורעם פון דער קירך אינמיטן מאַרק.

יעקבן איז געווען אַזוי טרויעריק אין דער נשמה, אַז ער האָט זיך נאָר געוואָלט צוטוליען צו אַ וואַרעם האַרץ, לייגן דעם קאָפּ ווי אַ קינד אין אַ מוטערלעכן שויס און אַ צערטלעכע האַנט זאָל אים גלעטן איבערן קאָפּ. איז ער אַוועקגעגאַנגען צו ראַבען. ער איז אַריינגעגאַנגען צוערשט צו אירע עלטערן, דורך דער הינטערשטער טיר און נישט דורך דער רעסטאָראַציע. ס׳איז אים אַצינד געווען שווער זיך צו טרעפן פנים על פנים מיט אַזעלכע, פאַר וועלכע די מלחמה איז אַ גאָלדן געשעפט, ווי די שמוגלערס און שפּעקולאַנטן, צו געפינען ראַבען (אפילו איין מינוט) צווישן זיי, בעת זייער ליאַרמען און לאַכן. גאָר שווער וואָלט אים אַצינד געווען צו זען

ראבען באַדינען דידאָזיקע מיאוסע מענטשן. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז דידאָזיקע פּאַסקודניאַקעס דערלויבן זיך זי צו טשעפּען און צו רעדן צו איר מיאוסע רייד, ווען זי באַדינט זיי. ער האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס ראבע מוז זיין אַ קעלנערקע.

ר׳ דוד־יואלן האָט ער ווי שטענדיק געטראָפן אין קאָפּלביים טיש איבער אַ ספר, די פּליישיקע, ליליאַרויטע האַנט ווי אַ דעכעלע פאַר די אויגן, די אַריינשייענדיקע זון זאָל אים נישט בלענדן, דעם עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון טיש, צו שטיצן זיין גרויסן למדנישן שטערן. אויך מלכהלען האָט ער געטראָפן. זי האָט ווי שטענדיק געהאַט אַ סך צו טאָן, מער ביים פאַרריכטן די אַלטע מלבושים און וועש, וואָס זי האָט צוזאַמענגענומען אין דער שטאָט פאַר די אָרעמע, צו סאָרטירן זיי אין פּעקלעך, ווי אין דער באַלעבאַטישקייט אָדער ביים העלפן דער טאָכטער, ביי וועלכער זי האָט געוווינט. זי איז געווען שטאַרק פאַרנומען: פונדעסטוועגן, נאָך איידער יעקב האָט געהאַט צוגעמאַכט די טיר האָט זי שוין געזען אין סאַראַ מצב ער געפינט זיך. זי האָט זיך דערפרייט מיט אים, ווי שטענדיק ווען ער איז געקומען. מיט אַ ווונק האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל שטיל פאַרבייגיין איר מאַן, נישט שטערן אים אינעם לערנען, נאָר זאָל גלייך צוקומען צו איר.

מלכהלע האָט ווי אַ מאַמע אָנגענומען יעקבן ביי אַ האַנט און מיט ליבשאַפט געקוקט אויף אים, ווי מ׳קוקט אויף אַ קינד, וואָס מ׳האָט באַזונדערס ליב און מ׳וויל אים זאָגן אַ גוט וואָרט. יעקב האָט זיין צוקונפטיקער שוויגערס האַנט אַ כאַפּ־געטאָן צו די ליפּן און זי לאַנג געקושט. מלכהלע האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. אין דעם איז אַריינגעקומען ראבע. נאָר זי האָט איר געליבטן נישט באַמערקט. זי איז געווען פריילעך־צעטראָגן, ווי עס האָט אָפּט פּאַסירט מיט איר, און ביים אַריינפלאַצן גלייך גענומען דערציילן:

— אַ פריילעכע וועלט... אַך, יעקבל... כ׳האָב דיך גאָרנישט באַמערקט... — זי האָט ווייטער דערציילט וועגן די באַזונדערע פּאַסירונגען אין דער רעסטאָראַציע. ס׳איז איר גאָר נישט אויפגעפאַלן איר געליבטנס אויסזען אַצינד, דער טרויער אין זיינע אויגן און דער אויסדרוק פון פּיין און לייד אין זיין פּנים.

יעקבן האָט זיין געליבטערס נישט באַמערקן אים אין ערשטן מאָמענט ווייגעטאָן. אָבער ער האָט געזען, אַז דאָס איז ביי איר בלויז פון צעשטרייטקייט; און דער שטראָם לעבן, וואָס האָט זיך געגאָסן פון איר, האָט אים מיטגעריסן און אויפגעלעבט. אין זיין פּנים האָט זיך גענומען ווייזן אַלץ מער הייטערקייט; דער בליק אין זיינע אויגן איז געוואָרן אַ מונטערער. ער האָט אין זיין באַשיידנקייט געקאָנט זיין גליקלעך מיט זייער ווייניק. ראבעס זעלטזאַם־העלע, אַשקאַליריקע קליינע אויגן האָבן איצט מערקווירדיק געפינקלט. יעקב האָט פאַרליבט געקוקט אויף זיי. נו, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און אים געטאָן אַ גלעט איבערן קאָפּ. מלכהלע האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און די ליפּן פון די צוויי געליבטע האָבן זיך באַרירט. דער פרומער דוד־יואל אָבער האָט מיט דער פּלייצע זיינער יאָ געזען, וואָס הינטער אים טוט זיך, און געטאָן אַ הוסט. ער האָט זיך אוימגעדרייט:

— יעקב... וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דער טאַטע? וואָס הערט זיך נייעס מכוח דער מלחמה?

יעקב האָט געענטפערט בלויז אויף דער לעצטער פראַגע:

— מ'ועט מוזן אַנטלויפן פון דער שטאָט צום דריטן מאָל. אפשר נאָך נישט אַזוי גיך, אָבער...

ר' דוד־יואל האָט יעקבן נישט געלאָזט ווייטער רעדן:

— חס וחלילה; ווי וואָלט יעך איצט געקאָנט לויפן מיט מיין קראַנקן פוס? ער ווערט אַלץ מער געשוואָלן, די ווייטיקן ווערן אַלץ שטאַרקער אויך שוין אין צווייטן פוס. דער רבונו דעלמא כולא וועט העלפן, אין זכות פון זיין פאָלק ישראל. דער רוס וועט האָבן אַ מפּלה, ווי אין דער פריִערדיקער מלחמה. פוילן וועט געווינען.

מלכהלע האָט יעקבן אונטערגעטראָגן אויף אַ טעלער אויבס:

— נעם! — זי האָט דעם טעלער געגעבן דער טאָכטער: — שטעל דאָס אויבס אויפן טיש און זע, אַז יעקב זאָל עסן! זעץ דיך, יעקב! דו שטייסט די גאַנצע צייט און איך האָב דיך גאָרנישט געבעטן זיצן.

— איך וועל מיך איבערטאָן. אין דער רעסטאָראַציע איז איצט שוין נישטאָ אַזויפיל אַרבעט. — דערמיט האָט ראָבע צו־וויסן־געטאָן יעקבן, אַז זי וויל מיט אים גיין שפּאַצירן.

יעקב האָט זיך דערפרייט און געזאָגט:

— אינדרויסן איז זייער שיין. — ער האָט זיך נישט אַנידערגעזעצט, נאָר געוואַרט, ביז ראָבע וועט זיין איבערגעטאָן. ער האָט געשמועסט מיט זיין צוקונפטיקן שווער, מיט דער צוקונפטיקער שוויגער, ביז ראָבע האָט אים גערופן:

— קום, יעקב!

קאַפּיטל פיראונדרייסיק

דאָס אויפגערעגטע בלוט אין אַ בלוטיקער צייט

1

אַ קליינע פאָרוואָרפענע לאַנקע הינטער דער שטאָט. דער וועג צו איר פירט פאַרביי דעם מיט שטעכלדראָט אַרומגעצוימטן בית־עולם פון די געפאַלענע סאָלדאַטן אין 1915 און שאַפט צוזאַמען מיטן שטענדיקן קריסטלעכן צמענטאַזש און דעם יידישן הייליקן אָרט אַ גוואַלדיק־גרויסן דרייעק. דערדאָזיקער דרייעק איז דורכגעשניטן פונעם טייך, וואָס ציט זיך פון ערגעץ ווייט אין מרחקים. פאַזע דעם טייך זיינען צעוואָרפן עטלעכע סעדער, וועלכע עס דינגען יעדן פרילינג יידישע אויבסהענדלער, צווישן זיי דער אַלטער שמואל. שמאָלע, ליימיקע וועגן און סטעזשקעס פירן צו די דערפער פון דער שטאָט־פאַראַפיע. די דערפער זיינען צעוואָרפן איבער ווייטע שטרעקעס, דאָך נישט צו ווייט פונעם ברייטן שליאַך, וואָס שניידט דורך אומצייליקע געדיכטע פוילישע וועלדער און פאַרבינדט שטאָט מיט שטאָט.

די קליינע לאַנקע איז ווי אַ פאַרגעסן ערטל אין אַ גרויסן שטח, אָדער ווי אַ געהיימע קעשענע אין אַ בגד. דאָס גראָז איז דאָ אַנדערש גרין, אַ סך העכער און זאַפטיקער, ווייל דאָ טרעט זעלטן אַ מענטשלעכער פוס. אפילו די פאַסטוכער פון די נאָענטע דערפער קומען נישט אַהער דאָ פאַשען זייער פי, ווי דאָס אָרט וואָלט געווען אַ פאַרשאָלטנס און פול מיט שדים. דאָס איז צוליב דער לעגענדע, וואָס

איז פֿאַרשפּרייט ווייט און ברייט וועגן דעם איינציקן קאַשטאַן־בוים, וועלכער שטייט אין מיטן פֿון דער קליינער לאַנקע. דער בוים איז זייער אַלט, ווער ווייסט וויפֿל הונדערטער יאָרן. ער איז ברייט צעוואַקסן און הויך. איצט איז ער אָפּגעטונקט אין בלישטשען און פֿון דערווייטנס זעט ער אויס ווי אַ ריזיק גרינער באַלאָן מיט העל־ליליאַ קווייטן, אָדער ווי קאַפּויערשטייענדיקע הענגלעך וויינטרויבן. דערציילן די מענטשן און גיבן־איבער פֿון דור צו דור, אַז אַמאָל האָט אַ ייִנגל זיך אַרויפֿ־געכאַפּט אויפֿן דאָזיקן בוים רייסן קאַשטאַנעס. פּלוצים איז פֿאַר אים דערשינען אַ געשטאַלט און האָט צו אים געזאָגט, אַז ער זאָל די קאַשטאַנעס פֿון דאָזיקן בוים נישט רייסן. דאָס ייִנגל האָט אָבער נישט געפֿאָלגט און ווי ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אָפּצורייסן אַ קאַשטאַן, האָט ער זי מער נישט געקאָנט צוריקציִען... האָט ער אויסגעשטרעקט די צווייטע האַנט — איז געשען דאָס זעלבע... און דאָס ייִנגל האָט מער נישט געקאָנט צוריק אַראָפּקריכן פֿון בוים... ס'האָט געוואָלט שרייען, האָט עס פֿאַרלוירן דאָס לשון... דערצו האָט עס נאָך געקריגן אַ שטויס פֿון דער געשטאַלט און ס'האָט זיך איבערגעדרייט... אָבער ס'איז נישט אַראָפּגעפֿאַלן, נאָר געבליבן הענגען צווישן די צווייגן מיטן קאָפּ אַראָפּ... ווי לאַנג ס'ייִנגל איז אַזוי געהאָנגען ווייסט מען נישט... ביז אַ פֿאַרבייגייענדיקער מענטש האָט עס אַראָפּ־גענומען... ווען דאָס ייִנגל איז צוריקגעקומען צו זיך, האָט עס דערציילט וואָס ס'איז געשען מיט אים...

דידאָזיקע לעגענדע איז אין פֿאַרשידענע וואַריאַציעס געווען פֿאַרשפּרייט צווישן ייִדן און קריסטן אין דער שטאָט און צווישן די פּויערים אין די דערפֿער אַרום. די געשטאַלט — אַזוי האָט מען געטייטשט — איז געווען די נשמה פֿון אַ הייליקן, וועלכער ליגט באַגראָבן אונטערן דאָזיקן בוים; זי וויל נישט געשטערט ווערן אין איר אייביקער רו... דעריבער האָבן מענטשן געוויכט פֿון דאָזיקן אָרט. פֿאַסטוכער האָבן געזאָגט, אַז אַפֿילו אַ בהמה אָדער אַ קעלבל וויכט פֿון דערדאָ־זיקער לאַנקע מיטן קאַשטאַנבוים.

נאָר יעקב האָט אויסגעקליבן דווקא דאָס אָרט אַהערצוקומען מיט ראָבען. די זון האָט געהאַלטן פֿאַרן אונטערגיין. דער בוים האָט איצט אויסגעזען ווי ער וואָלט געפֿלאַקערט מיט גרין פֿייער. די קאַפּויערשטייענדיקע הענגלעך בלישטשען האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון לייכטנדיקע ליליאַ־לאָמטערלעך. יעקב זיצט מיט ראָבען אָנגעלענט אָן דעם ברייטן טונקלברוינעם שטאַם מיט העלגרינע מאָכפּלעקן. זיי זיצן ווי אויף קישנס, ווייל דאָס גראָז איז געדיכט און אָנגעוואַקסן אַ שיכט אויף אַ שיכט. יעקב האַלט ראָבען אין זיינע אָרעמס. ער שפּאָסט:

— אָט קומט באַלד אַרויס דער הייליקער, וועלכער ליגט דאָ באַגראָבן אונטער אונדז... אַ הויכער מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד, אָבער מיט שרעקלעכע גזלנישע אויגן, ווייל די מייסטע הייליקע נאָכן טויט זיינען ביים לעבן געווען שרעקלעכע רויבער, מערדער...

ער האָט זיך צעלאַכט און די געשטאַלט גענומען אויסמאָלן נאָך שרעקנדיקער:

— ס'וועט זיך אַוועקשטעלן פֿאַר אונדז אַ סקעלעט... די פֿיס און די הענט — לאַנגע, קלימפּערנדיקע, ווייסע קנאָכן, ווי שטעקנס... די ריפּן — ווי עפּעס אַ קאָרב... אָן אַ האַרץ, אָן לונגען און אָן געדערים... דער קאָפּ — אַ שאַרבן מיט צוויי לעכער וווּ ס'זיינען אַמאָל געווען אויגן, אָן אַ נאָז, מיט אַרויסגעשטשירעטע ציין...

ראבבע האָט באמת מורא געקראָגן און זיך געבעטן ביי איר געליבטן, ער זאָל אויפהערן מיט אַזעלכע מעשיות, ער זאָל ליבער רעדן פון פריילעכע זאַכן. יעקב האָט זיך מאָדנע צעלאַכט און גענומען זיין געליבטע ווילד אומאַרעמען. זי האָט זיך געווערט. די אומאַרעמונג איז איר איצט געווען אומאָנגענעם. זיין אומאַרעמונג איז אָבער געוואָרן אַלץ ווילדער. ראבבע האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר היינט, יעקב?

ער האָט זי איבערגעפרעגט:

— מיט מיר?... — און זי אָפּגעלאָזט. איינזייגנדיק זיך מיטן בליק אין די דריי בית־עולמס, האָט ער ראבבען געפרעגט: — וויפל טויטע ליגן דאָרט באַגראָבן?

— ווו?

— אָ, דאָרט! — — —

זי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן. ער איז מיט איר דאָ שוין אַ סך מאָל געווען און האָט נישט גערעדט וועגן טויטע. האָט זי זיך שוין געבייזערט:

וואָס גייען זיי דיך אָן, באַזונדערס איצט?... — בכדי אים אָפּצולענקען און אַריינצוברענגען אין אַן אַנדער שטימונג, האָט זי גענומען אויסרעכענען איר גע־ליבטן וואָס זי האָט זיך שוין אַלץ געקויפט און אָנגעגרייט צו דער חתונה זינט זי איז קעלנערקע ביי דער שוועסטער; וויפל און סאָרטן קליידער, מאַנטלען און שטיקלעך סחורה אויף קליידער און מאַנטלען און וועש. זי האָט גענומען אויסמאָלן:

— העמדער פון דינסטן און פיינסטן באַטיסט... גאַנץ מאָדערנע געמאַכט... און די נאַכטהעמדער... און בעטוועש... און טישטוכער... און האַנטוכער... אויסער דעם עטלעכע שטיקלעך „פּאַזאַנסקעס“ און עטלעכע שטיקלעך „שייבלערס“ לייוונט... אַ זייער שיינע וויפּראַווע... — זי האָט גענומען רעדן וועגן דער חתונה, אַז דער טאַטע און די מאַמע ווילן, אַז די חתונה זאָל איצט זיין וואָס גיכער. — און איך אַליין...

— איך בין גרייט... — ער האָט זיך צעלאַכט און זיין געליבטע ווידער אַרומ־גענומען, נישט אַזוי ווילד ווי פריִער, נאָר צערטלעך ווי שטענדיק. זי האָט אים פאַרזיכערט:

— פאַרן מיליטער האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן; מירעלע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז שוין איר זאַך...

יעקב איז שיער אויפגעשפרונגען. ער האָט כמעט געשריגן:

זי זאָל גאָרנישט טאָן! דאָס איז נישט איר זאַך, נאָר מיינע!

ראבבע האָט מסכים געווען:

— גוט, אָבער דו מוזט באַלד אָנהייבן עפּעס טאָן, דיך זען מיט אברהם־משהן: ער נעמט וויניקער ווי די אַנדערע „מאַכערס“ און איז דער ראַיעלסטער.

יעקב האָט געזאָגט מיט פעסטקייט:

— איך וויל איצט נישט רעדן דעריבער! — דער אויסדריק פון זיין פנים האָט זיך איינגאַנצן פאַרענדערט. ער האָט געוויזן מיט אַ האַנט צום בית־עולם, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט: — אַכצן טויזנט סאָלדאַטן ליגן דאָרט באַגראָבן! צו עטלעכע הונדערט אין אַ גרוב. געדענקסטו די מעשיות, וואָס מ'האָט דערציילט אין דער שטאָט מיט אַ פינף יאָר צוריק? — אַז ביינאַכט גייען די זעלנער אַרויס פון זייערע קברים און מאַרשירן טויטערהייט איבער די גאַסן... די, וואָס

האָבן נישט קיין פּיס, ריקן זיך אויף די געזעסן ווי קינדער איידער זיי הייבן אָן גיין... די וואָס האָבן צו איינציקע פּיס, האָפּסען... טייל — מיט אָפּענע ביינער און די געדערים הענגען אַרויס... טייל — אָן קעפּ... ביי טייל פעלן פון די קעפּ בלויז שטיקער... ביי איינעם אַ באַק... ביי אַ צווייטן דער קין מיט אַ שטיק מויל... ביי אַ דריטן די נאָז, אָוועקגעריסן מיטן גומען... ביי אַ פערטן — די אויערן... אַ סך אָן אויגן, בלויז מיט ליידיקע לעכער...

ראבע האָט גענומען שרייען:

— הער אויף! וואָס איז מיט דיר?

ער האָט נישט אויפגעהערט:

— און די געשיכטע מיט די פיש געדענקסטו? דער רב האָט געלאָזט אויס־רופן, אַז מ׳זאָל נישט עסן קיין פיש, ווייל זיי זיינען אָנגעפרעסן מיטן פלייש פון די זעלנער וואָס זיינען געפאַלן ביים אַריבערגיין די ווייסל... דער היגער טייך האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך קערפּערס פון טויטע זעלנער... אויך דבורהלעס קערפּער...

ראבע איז אויפגעשפּרונגען:

— איך גיי אַהיים! וואָס איז מיט דיר?

יעקב האָט געשוויגן. ער האָט זיך צוגעהאַלטן דעם שטערן און שטיל געזאָגט:

— איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז היינט...

ראבע האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט מיט אים, געלייגט זיין קאָפּ אויף איר ברוסט און געגלעט זיינע האָר. דאַן, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האָט זי אים געזאָגט:

— איך וועל דיר פאַרלייענען עפּעס שיינס, זייער שיינס.

— וואָס?

זי האָט פון קאַנאַריקגעלן האַנטבייטל (דיזעלבע קאָליר פונעם קאָסטיום, וואָס זי איז איצט געגאַנגען אָנגעטאָן, מיט אַ רויט שטרוי־היטעלע און רויטע לעטשלעך) אַרויסגענומען אַ בראָשירט דין ביכל און שטאָלצירט:

— דאָס זיינען פעליקס נייע לידער! ער האָט מיר דאָס ביכל צוגעשיקט פון וואַרשע, מיט עטלעכע קריטיקן, וואָס מ׳האָט שוין געשריבן דעריבער. מען פאַר־גלייכט אים מיט די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט. — זי האָט געמישט די בלעט־לעך און זיך אָפּגעשטעלט אויף איינעם: — דאָס ליד געפעלט מיר באַזונדערס. ס׳הייסט: „ווען איך זע דיך״. — זי האָט גענומען לייענען:

„ווען איך זע דיך אין דער אַלייע פון גאָרטן גיין,
ניין, נישט גיין, נאָר ווי אַ ווייסער מלאך שוועבן —
שטייגט מיין נשמה קאַפּויער צום הימל ריין,
נעמען געטלעכע געדאַנקען אין מיר זיך וועבן״.

זי האָט געלייענט וועגן בלומען, ווי זיי שעפּטשען אַ הייליקע און שיקן אַ שטילע תפילה צום מאָרגנשטערן, צו דער בלויליכטנדיקער ווענוס, בעת דעם דיכטערס גייסט פאַראייניקט זיך מיט דער אייביקייט. נאָר יעקב האָט די גאַנצע צייט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק פון דער געליבטערס זעלטזאַמע אַשקאָלירטע אויגן. פאַר אים איז פּלוצים אַרויסגעשווומען דאָס בילד, וואָס ער האָט געזען אין זיין פאַנטאַזיע אויפן וועג צו פּערעלען. ער האָט גענומען גלעטן ראבעס קני׳ען,

אירע שענקלען, צווערשט איבערן קלייד, דאַן אָבער האָבן זיינע הענט זיך פאַר־גנבעט צו אירע פיס אין די דינע זיידענע זאָקן און איבערן שינביין זיך גענומען גליטשן אַלץ העכער אונטערן קלייד. אויף אַ פיינעם אופן האָט ראבע צוריקגערוקט איר געליבטנס הענט. אָבער ער האָט אַלץ ליידנשאַפטלעכער און אַלץ ווילדער גע־נומער באַדעקן זיין געליבטע מיט הייסע קושן איבערן גאַנצן קערפּער דורכן קלייד און זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום איר. זי האָט שטיל און זיך שעמענדיק צווויסן געטאָן איר געליבטן: — איך... — ער האָט זי אָנגעקוקט. — דו פאַרשטייסט שוין...
— האָט זי נאָך מער שעמענדיק אים געענטפערט אויף זיין שטומער פראַגע. אָבער דאָס האָט אים איצט נאָך ווילדער געמאַכט, צערייצט, און דאָס, וואָס ביי אים איז נאָך קיינמאָל נישט געשען — זיין באַנעמען זיך איז שטענדיק געווען פיין און איידל — האָט אַצינד פאַסירט: ער האָט זיין געליבטע ברוטאַל פאַרגוואַלדיקט. דערנאָך איז זיין חרטה געווען אַזאַ דערשיטערנדיקע, אַז ער האָט ווי אַ וואַנזיניקער גענומען לויפן זיך דערטרינקען. ראבע איז אים נאָכגעלאָפן און פאַרהאַלטן. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן צו אירע פיס און געוויינט:

— וואָס האָב איך געטאָן!... — ער האָט גענומען קושן אירע שיך און זי בעטן:

— פאַרצייי מיר, געליבטע! פאַרצייי מיר! ווי האָב איך אַזעלכעס געקאָנט טאָן! וואָס איז מיט מיר היינט! איך בין געמיין! נידעריק! — זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים, אים גענומען באַרויקן, גלעטן און געזאָגט:

— דו ביסט דאָך מיין מאַן...

אויפן אַהיימוועג האָט יעקב מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געפּליסטערט:

— אויב... דו ווייסט וואָס איך מיין... ווערסטו דאָס קינד אויסשוואַנגערן. איך וויל דו זאָלסט איצט האָבן אַ קינד פון מיר... די חתונה זאָל באַלד זיין, אין אַ וואָך אָדער אין צוויי אַרום, ווען דו ווילסט.

דער מערב־האָריזאָנט האָט געגליט ווי איינגעהילט אין פלאַמען פון דער אונטערגעגאַנגענער זון.

2

פון ערשטן וואַרעמען טאָג אָן האָבן אין די רוטעג (שבת און יום־טוב) ייִדישע פאַרליבטע פאָרלעך זיך געלאָזט שפּאַצירן אויף די וועגן, וועלכע האָבן געפירט צו דער קליינער פאַרוואָרפענער לאָנקע. הגם מידע פון דער גאַנצער וואָך אַרבעט, זיינען זיי אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, נאָך פריִער ווי זייערע פרומע טאַטעס, וואָס האָבן באַדאַרפט מעביר־זיין די סדרה און גיין דאַווענען. נאָר אַבראַמטשיק האָט זיך דעם שבת אַביסל פאַרשפּעטיקט און ער האָט זיך דעריבער זייער געאיילט ביים פאַרקעמען זיינע געדיכטע טונקלברוינע וואָלהאָר. ביים זעלבן צעבראָכענעם שפּיגל (דאָס זילבער אויף אַ סך ערטער אָפּגעקראָכן) איז געשטאַנען בלומטשע און גע־קעמט אירע געדיכטע האָר, ענלעכע צום ברודערס. אויך זי האָט זיך געאיילט, ווייסנדיק אַז איר דוד וואַרט שוין לאַנג אויף איר אויפן אָפּגערעדטן אָרט. אַבראַמ־טשיק ווידער האָט געוואָלט זיין שנעלער ביי זיין חנהטשען אין סאָד. אירע עלטערן זיינען שוין אַוודאי אַוועק אין בית־המדרש דאַווענען.

איציק באַלעגאָלע האָט אַרויסגעשריגן פון בעט:

— וווהין איילט עטץ ענק אזוי? צום ערשטן מנין אוודאי, הע?... צום אָגער... צו דער קאָבעלע... די ליבע ברענט...

אויפן וועג איז אַבראַמטשיקן אָקעגנגעקומען איין פּאָרל נאָכן צווייטן. די מיידלעך, — איין זומערקליידלעך, אין ווייסע און רויטע בליוזקעס; די יונגעלייט — אין ווייסע קעלנער, זומערדיק־פּאַצעטיש אויסגעפּוצט, מיט פּאַפּיראָסלעך אין מויל — נישט מורא האָבנדיק מער פאַר די פרומע יידן. מ'האָט געשמועסט און פריילעך געלאַכט.

שפּיצמאַן אין אַ פיינעם זומעראַנצוג און געלע שיך, אין אַ ווייסן שטרויענעם הוט, האָט געענטפערט אויף די באַגריסונגען פון די חברים אויף אַ חברישן אופן. באַקאַנטע מיידלעך, נישט קיין חברטעס, האָט ער געגריסט פּאַ וואַרשאַווסקו, ווי אַן אמתער קאַוואַליער: ער טוט אַ וויטן שטרעק פון זיך דעם קאַפּעליוש און פאַר־נייגט זיך גאַנץ עלעגאַנט. ער פאַרדינט איצט זייער גוט און איז גוט אויפגעלייגט.

די לופט איז פריש, נאָך נישט אַזוי הייס. איבער דער שוין גאַנץ הויך אויפ־געגאַנגענער תבואה אונטער דער שטאָט שיט די זון אירע מאָרגנשטראַלן, וואָס זיינען ווי פיין גאָלדענע נעדעלעך. דער העלבלויער הימל, מיט קליינינקע, זיל־בערנע וואָלקנדלעך דאָ און דאָרט, הערט זיך איין צו דער פרימאָרגנדיקער סימ־פאָניע פון די אַרומפלאַטערנדיקע און אויף די צווייגן פון דיביימער צעשטעלטע פייגל, וואָס הערן נישט אויף פריילעך צו צוויטשערן.

גייענדיק פאַזע דעם צוים פון שטעכלדראָט אַרום די קברים פון די געפאַלענע זעלנער איז אַבראַמטשיקן נישט געקומען אויפן זין (ווי ס'וואָלט געשען מיט יעקבן), אַז דאָ פוילן אַכצן טויזנט יונגע לעבנס און אַז אויף די שלאַכטפעלדער פאַלן שוין ווידער טויזנטער יונגע מענטשן; אַז נאָך אַ קורצער פּויזע פון שלום זאַמלט די רעגירונג צונויף די בחורים, (ווען זייער לעבן הייבט אָן בלי'ען), און שיקט זיי ווי אַנגערייצטע הענער צו אַ קאַמף: שטעכן, שיסן און געהרגעט ווערן. די קנאַקנדיקע, פּאַטריאָטיש־צימבלדיקע פראַזע, אָדער די רעוואָלוציאָנער־באַפליגל־טע, איז לויט דער קאָניונקטור תמיד די זעלבע: פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד, אָדער קאַמף פאַר פרייהייט. די צוואַנציקיאָריקע ייִנגלעך אין זייער ברויזנדיקן לעבן רייסן זיך צו שיינע העלדנטאַטן; זיי זיינען אין דער בליאונגצייט נישט פעיִק צו צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון דער פראַזע און שטראָמען צום טויט. ריין און נאַיִוו גלייבן זיי אין דעם, וואָס מ'זאָגט זיי. ווי קאָנען זיי חושד זיין, אַז בלויז זעלטן איז אמת, וואָס מ'זאָגט זיי, אַז זיי גייען כמעט שטענדיק אָפּגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר קאַלטע, אויסגערעכנטע, געלט־ און מאַכטגייציקע ברואים, וועל־כע מ'קאָן שווער אָנרופן מענטשן, הגם זיי שטאַמען פון דאָזיקן מין? ס'איז אויך שווער זיי צו רופן פאַרברעכער, ווייל פאַרברעכער פילן זייער פאַרברעך און די־דאָזיקע ברואים פילן עס נישט. ווי קאָנען די אומשולדיקע יונגע מענטשן בלויז אָנען, אַז עס איז גאָר מעגלעך אַזאַ קאַלט פאַרברעך? עס איז אוודאי עפּעס אַ מין שרעקלעכער וואַנזין!

נאָר דער חבר שפּיצמאַן האָט זיך געאיילט צו חנהטשען און איבערן גאַנצן וועג זיך אַלעמאָל דערמאָנט אָן אַנדערע פון די שיינע מיידלעך, חברטעס און נישט חברטעס, וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשע, ווען ער האָט דאָרט געאַרבעט. אמתע „וואַרשעוויאַנקעס"!... ער האָט באַשלאָסן: גלייך ווי די מלחמה ענדיקט זיך, פאָרט

ער צוריק. פאַרן מיליטער, אַז ער וועט מוזן גיין אין דער מלחמה, האָט ער מער קיין מורא נישט געהאַט — ער איז באַפרייט געוואָרן. פייפנדיק אַ לידל, האָט ער זיך פּאַסמאַקעוועט: „אַ ווילע מויד די חנהטשע!"... אָבער ער איז געווען הונגעריק, ווייל ער האָט אינדערהיים נישט געגעסן, און די פאַנטאַזיע האָט אים ווידער פאַר־טראָגן קיין וואַרשע, צו די דאָרטיקע פרישע „קייזערקעס", צו די „פּאַרקעס" מיט „טשאַרניכע", צו די פלעצלעך מיט מאָן און ציבעלעס, צו די הייסע בייגל, צו די שטיקער קעזקוכן. חנהטשען האָט ער פאַרגליכן צו אַ הייסן זעמל מיט פּוטער, וואָס ער פלעגט פאַרשלינגען מיט גרויס אַפּעטיט. צו סאַלטשען, צו פעליאַן, אָדער צו די אַנדערע — ער האָט מער נישט געדענקט זייערע נעמען — האָט ער חנהטשען נישט געקאָנט פאַרגלייכן. יענע זיינען געווען „וואַרשאַוויאַנקעס"... ווי אַ סאָציאַ־ליסט איז ער געווען אַן אָנהענגער פון פרייער ליבע, פון פריי זיך אויסלעבן לויטן נאַטירלעכן אינסטינקט, ווי ער האָט געלייענט אין די ביכלעך וועגן ליבע. אין דער נאַטור איז נישט קיין חילוק צווישן מענטש און חיה.

ער איז איצט געגאַנגען פאַזע דעם יידישן בית־עולם. דער צוים — טיילווייז געמויערט און טיילווייז פון ברעטער — איז אויף אַ סך ערטער געווען צעבראָכן. קוקנדיק אויף די הונדערטער מצבות, האָט ער זיך פלוצים דערשראָקן: ווער קריכט דאָרט אַרום צווישן די קברים?... צוויי מתים... באַלד האָט ער די צוויי „מתים" דערקענט: דוד מיט זיין שוועסטער. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער אַ הויכער מצבה. דער חבר שפּיצמאַן האָט אויסגעשפּיגן מיט פאַראַכטונג: „די פלעדערמויז! דער טייוול זאָל אים נעמען! ער קאָן נישט געפינען קיין אַנדער אָרט פאַר דער ליבע, נאָר צווישן קברים"?! ער איז געגאַנגען ווייטער, איבער דער בריק לעבן דער וואַסערמיל. דאָס וואַסער, וואָס איז דורך די געעפנטע שליוזן געפאַלן מיט אַ הילכיקן געררויש אויף די גרויסע רעדער, האָט זילבעריק געשוימט און זיך צע־שפּריצט אין ביליאַנען בליאַזגענדיקע טראָפּנס קעגן דער זון. די גרינע ווערבעס פוןביידע זייטן טייך האָבן זיך געשפּיגלט אין קלאָרן וואַסער. ס'האָבן זיך געשפּרייט גרויסע לאָנקעס מיט ווייסע מאַרגאַריטקעס און געלן רומיאַנעק איבערן זאַפטיקן גראָז. דאָ און דאָרט האָט געפלאַמט אַ רויטע מאָנבלום. ברוינע און שוואַרצווייסע בהמות האָבן זיך געפּאַשעט צוזאַמען מיט זייערע קעלבלעך.

אָט איז דאָס טירל פונעם אַלטן שמואלס סאַד. אַבראַמטשיק האָט עס געעפנט און איז פאַרשוואונדן אין דער שאָטנדיקער קילקייט פון די ביימער, באַלאָדענע מיט אויבס, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ מילדן עפּל־ריח, אַ זיסן קאַרשנדופט און אַ האַרבן פון באַרנעס. באַלד האָט ער דערזען חנהטשען. באָרוועס, אָן אַ בליוזע האָט זי אינעם פאַדל אַריין פון דער ברייטער ספּאָדניצע צוזאַמענגעקליבן דאָס אַראָפּגעפאַלענע אויבס פון איבער נאַכט. ווייט אַוועק פון איר האָט דאָס אייגענע געטאָן איר פאָטער. ער האָט דאָס אויבס געזאַמלט אין אַ פאַלע פון דער שבתדיקער קאַפּעטע. דאָס ווייב זיינס איז געווען אין דער בויד: זי האָט נישט געוואָלט זען, ווי דער מאַן איהער, דער פּושע, און די טאָכטער, די חצופה, זיינען מחלל־שבת. זאָגן זיי, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טאָן, העלפט נישט; זיי הערן זי נישט. ברײנע איז איצט געווען באַשעפטיקט: זי האָט זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע הויב מיטן טשיפּיק פאָרנט, גע־מאַכט פון אַטלאַס און באַפּוצט מיט רויטע און גרינע סטענגעס, מיט גאָלדענע פעדערן און פּאַטשערקעס פון אַלערליי קאָלירן. זי האָט זיך אָנגעטאָן דאָס טאַפטענע

קלייד מיט די קרינאָלינעס און בופן ביי די אַרבל, מיט סאַמעטקעלעך און פליטערלעך. דאָס קלייד, געמאַכט צו דער חתונה, איז טאַקע שוין אַלט פופציק יאָר, אָבער ס'איז נאָך זייער שיין. אינעם ווייסן אויסגעהאַפטענעם פאַרטוך מיט צוויי שאַרפן אַרום דער טאַליע, אין דער טערקישער שאַל איבער די אַקסלען, דעם גרויסן קרבן־מנחה־סידור אונטערן אָרעם — אַזוי איז זי געגאַנגען דאַווענען. דער שכינות־דיקער סאָדאָווניק איז גראָד אין דער צייט אויך געגאַנגען דאַווענען. ער האָט געהאַט אַ קליין יינגל, וואָס האָט נאָך געמעגט טראָגן מחוץ דעם ערוב, האָט עס גענומען פון בריינען דעם סידור.

חנהטשע האָט זיך פאַרשעמט פאַר אַבראַמטשיקן און אַראָפּגעלאָזט די ספּאָד־ניצע. דאָס אויבס האָט זיך צעשאָטן איבערן גראָז. אירע פעסטע קני:ען און די לידקעס זיינען איצט געווען פאַרדעקט, אָבער אירע פולע אָרעמס און די בריסטן שטאַרק אַנטבלויזט, ווייל דאָס העמד איז געווען אָן אַרבל און טיף דעקאָלטירט. זי האָט שיער אַ כאַפּ געטאָן קאַפּויער די ספּאָדניצע זיך צו פאַרדעקן ווייניקסטנס די נאַקעטקייט פאַרנט; בלויז דער אינסטינקט האָט זי געראַטעוועט פון אַזאַ בלאַ־מאַזש... אין סאָד איז זי כמעט שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ האַלבנאַקעטע. זי וואָלט אַמליבסטן זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן נאַקעט, ווען זי זאָל זיך נישט שעמען פאַר די עלטערן און מענטשן, וואָס קאָנען אַריינקומען.

אַבראַמטשיק האָט אויף אַ צו היציקן אופן געוואָלט אויסנוצן די גינסטיקע געלעגנהייט. ער האָט אַרומגעכאַפּט חנהטשען און ווי אַ נאַכאַל גענומען שטופּן זיינע הענט אינעם וויטן דעקאָלט. זי האָט אַ באַליידיקטע שטאַרק זיך געווערט. דער הערלעכער פרימאָרגן האָט זי היינט אַריינגעבערענגט אין אַ פּאָעטישער שטי־מונג און אַ פאַרבענקטע האָט זי פרי:ער די גאַנצע צייט פאַנטאַזירט פון שיינקייט און דערהויבנקייט אין איר ליבע צו אַבראַמטשיקן. דעריבער האָט זי אים מוחל געווען זיין גראָבקייט אויך איצט, ווייל זי האָט אים שטאַרק געליבט. איר גרעסטער ווונטש איז געווען, ער זאָל ווערן אַביסל איידעלער צו איר אין זיין ליבע. זי האָט אים געבעטן:

— אַבראַמטשיק... — אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען אָדער זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס זי מיינט. וויסנדיק און זעענדיק עס אויך איצט, ווי ליב זי האָט אים, האָט ער זי אויפסניי אַרומגענומען און זיך איינגעזויגן אין אירע פולע און רויטע ליפּן פונעם שטענדיק עטוואָס אָפענעם מויל ווי ביי אַ קינד. שטענ־דיק האָבן אַרויסגעמיניעט אירע שנייוויסע ציין, געזונטע און נישט קיין קליינע. מיט פאַרשטיקטן אָטעם, איצט בלויז שוואַך זיך ווערנדיק, האָט זי איר געליבטן געזאָגט:

— כ'וויס נישט, צי די מאַמע איז שוין אַוועקגעגאַנגען... דער טאַטע...

אַבראַמטשיק האָט זי אָפּגעלאָזט. דאָס ברייטע פנים אירס, מיט די הויכע באַקנקנאָכן אונטער די הייספינקלענדיקע ברוינע אויגן, איז געווען ליבלעך. דאָס קאַפּויערגעהויבענע דיקע נעזל האָט איר צוגעגעבן אַ געוויסע חנעוודיקייט. אויס־געזען האָט זי מער טאַטעריש־סלאַוויש, ווי יידיש. זי האָט איר געליבטן אָנגענומען ביי אַ האַנט און אים צוגעפירט צו אַ ברייט־צעוואָקסענעם עפּלבוים: דאָ וועט דיך קיינער נישט זען... זעץ דיך אַנידער און וואַרט אויף מיר!... איך וועל זען, צי די מאַמע איז שוין אַוועקגעגאַנגען און אויך דער טאַטע; ער גייט עטוואָס שפּעטער. איך וועל באַלד צוריקקומען, אַזוי גיך ווי איך וועל קאָנען...

זי האָט צוריק צוזאַמענגעקליבן דאָס אויסגעשאָטענע אויבס און איז פאַר־שוווּנדן.

נאָר אַבראַמטשיק איז נישט געבליבן הינטערן עפּלבוים. ער האָט זיך פאַר־גנבעט צווישן די מאַלינע־קוסטעס.

אַן אָנגעטאָנענע אין אַ געבלומט סיצנקליידל מיט געדיכטע פּעלבעלעך אַרום די ברייטע היפּטן, אָבער שמאָלער טאַליע, מיט שטיקלעך אַרבל, פאַרנט און הינטן שטאַרק דעקאָלטירט, די געדיכטע שוואַרצע האָר קאָקעטיש אַרומגענומען מיט אַ קאָפּטיכל, וואָס האָט געהאַט גרויסע גרינע בלעטער מיט פלאַמיקרויטע בלומען אויף אַ בלויען הינטערגרונט, באָרוועס ווי פריער — אַזוי איז חנהטשע צוריק־געקומען צום עפּלבוים, ווו זי האָט געלאָזט זיצן איר אַבראַמטשיקן. נישט טרעפנדיק אים, האָט זי אַ שמייכל געטאָן: „זיך באַהאַלטן״... זי האָט אים באַלד געפונען און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה: — „זיי זיינען ביידע שוין אַוועקגעגאַנגען״...

ער האָט געשפּאַסט:

— און דו מיינסט, אַז זיי האָבן מיך נישט געזען קומען...

זי האָט געענטפערט מיט אַ פעסטער זיכערקייט:

— אַוודאי נישט! די מאַמע און אַפילו דער טאַטע וואָלטן מיך נישט געלאָזט אַליין מיט אַ פרעמדן בחור.

ער האָט כיטרע געקוקט אויף איר און זי געלאַקט:

— זיי שטויסן זיך שוין אָן, אַז מיר האָבן זיך ליב און וואַרטן דערויף מיר זאָלן זיי דאָס זאָגן...

נישט באַהאַלטנדיק איר פרייד און גליק, האָט זי קאָקעטירט:

— ביסטו אַזוי זיכער, אַז מיינע עלטערן וועלן דיך וועלן פאַר אַן איידעם?...

— אין דעם בין איך גאַנץ זיכער. — ער האָט זי גענומען ציִען צו זיך אויפן שויס. צוערשט האָט זי נאָכגעגעבן, אָבער באַלד — אַ האַלב שוין איינגעבויגענע — האָט זי אים געזאָגט:

— דו האָסט דאָך אַוודאי נאָך גאָרנישט געגעסן. קום, איך האָב אויך נאָך נישט געגעסן. — אויפן וועג אין דער בויד אַריין האָט זי געשטיפט און געלאַכט, זיך אָנגעהאַנגען אויפן געליבטן און זיך געהייסן טראָגן: — טראָג מיך... — ער האָט זיך איינגעבויגן אונטער דער שווערער משא. זי האָט זיך געריצט מיט אים: — קאָנסט נישט... — ער האָט געלייגט זיין אָרעם אַרום איר טאַליע און גלייכ־געמאַכט אַ פאַסמע האָר, וואָס איז איר געפאַלן אין די אויגן אַריין פון אונטערן טיכל אַפיר. זי האָט געשמייכלט גליקלעך און פאַרשטשעמעט די ציין.

3

ווען זיי זיינען צוריק אַרויסגעקומען פון דער בויד איז די זון שוין געשטאַנען גאַנץ הויך אויפן הימל. קיין איין בלעטעלע אויף אַ בוים האָט זיך נישט גערירט, קיין איין גרעזעלע. די פייגל האָבן איצט געשוויגן. אויך אין סאָד האָט מען שוין געפילט, אַז ס׳איז הייס. אָבער אין שאָטן איז געווען גאַנץ אָנגענעם. די שפּיצן פון די ביימער זיינען געווען אָפּגעטונקען אין גאָלד. זייערע בלעטלעך זיינען גע־

ווארן דורכזיכטיק, אַז מ'האָט געזען דאָס פּיינע געוועב אין זיי, די דיקערע און אויך די דינערע עדערלעך, ווי זיי זיינען פאַרצווייגט איבער דער לענג און ברייט פון יעדן בלעטעלע. די צווייגן פון אַ סך ביימער האָבן זיך געבויגן צו דער ערד, אַזוי שווער באַלאָדן מיט אויבס זיינען זיי געווען. טייל האָט דער אַלטער שמואל אונטערגעשפּאַרט מיט טיטשקעס.

חנהטשע איז איצט געווען שבתדיק אויסגעפּוצט אין אַ ווייס־באַטיסטן קלייד. די האָר פאַרקעמט מיט אַ שרינט אינמיטן און אין האַלבע שיכלעך.ביים אַרויס־קומען פון דער שטאַרקער טונקלקייט אין דער בויד, האָט זי פאַרזשמורעט די אויגן. דאָ אָבער האָט זי דאָס פּנים, אַ רויקס און פאַרטרוימטס אין שטילן גליק אַצינד, אַנגעשטעלט קעגן דער זון און קינדעריש געשמייכלט צו איר. אַן אויפגעלייגטע און פאַרוועבטע אין צויבער פון וואַכן חלום, האָט זי זיך געטוליעט צום געליבטן. האַלטנדיק איר אַרום אַרעם זיין האַלדז. ס'איז איר געווען אַזוי גוט, וואָס די זון האָט זי מיט אַזויפיל ווארעמער צערטלעכקייט געלאַשטשעט און געקושט. מיט פאַרטרויטקייט אין קול האָט זי גערופן אַבראַמטשיקן:

— קום, מיר וועלן זיך דאָרט אַנידערזעצן. — זי האָט אַנגענומען זיין האַנט ווי אַ קינד.ביידע האָבן זיך אַנידערגעזעצט. זי האָט אַנגעלענט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און שטיל און האַרציק גענומען זינגען איר געליבט ליד:

„לייג איך מיר מיין קעפּעלע אויף מיין מאַמעס בעטעלע"...

אַבראַמטשיק האָט געמאַכט אַ זויערע מינע:

— קעפּעלע... בעטעלע... זינג אַ סאָציאַליסטיש, רעוואָלוציאָנער ליד! ביסט דאָך אַן אַרבעטערן! — ער האָט זיך גענומען איר אויפקלערן, וואָס ער האָט אָפּט געטאָן אין אַזאַ מאָמענט. זי האָט אויפגעהערט זינגען. זיין באַמערקונג אין ווערן מאַכן זי פאַר אַ באַוווסטזיניקע אַרבעטערן אַצינד האָט זי אַרויסגעריסן פון דער פאַרצויבערטקייט און פאַרוועבט זיין אין זעלישער טרוימעריי. צוערשט איז זי אינגאַנצן פאַרשטומט געוואָרן. דאַן אָבער האָט זי גובר געווען די געקרענקטקייט און מסכים געווען:

— גוט, לאָמיר זינגען צוזאַמען. — און זי האָט אַנגעהויבן:

„אין דער קוזניע ביי דעם פייער,
שטייט אַ שמידער און ער שמידט".

אָבער אויך דאָס ליד איז אַבראַמטשיקן נישט געפעלן:

— שוין לאַנג אָפּגעבליאַקעוועט. — ער האָט ווידער אָנגעהויבן מיט זיינע טענות: — איך רעד מיט דיר יעדעס מאָל, ווען איך קום אַהער; איך טו אַלץ דיר אויפצוקלערן, כ'זאָל מיט דיר קאָנען קומען צווישן מיינע חברים, דיך פאָרשטעלן פאַר זיי, און דו...

זעענדיק, ווי זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי שטענדיק, ווען ער רעדט צו איר אַזעלכע רייד, האָט ער זיך פּלוצים גענומען איילן:

— אייגנטלעך מוז איך שוין גיין; ס'איז שוין שפּעט. מיין טאַטע קומט פּרי פון דאַוונען, דיינע עלטערן וועלן אַוודאי אויך באַלד קומען.

— ניין, גיי נאָך נישט אַוועק! — זי האָט אים פעסט צוגעהאַלטן. אַ קוק

טוענדיק אויפן הימל, האָט זי אים פאַרזיכערט: — ס'וועט זיין ערשט אַרום עלף. פאַר צוועלף קומען זיי נישט צוריק. — זי האָט מיט דער קראַפט פון אירע הנדלעך אים צוריקגעהאַלטן. ער איז וויכער געוואָרן און איר פאַרזיכערט:

— באַלד נאָכן עסן קום איך צוריק, מיט חברים, ווי פאַראַכטאָגן און פאַר צוויי וואָכן שבת.

— ניין, גיי נאָך נישט, — האָט זי זיך ווייטער געבעטן ביי אים און איז געפאַלן אויף אַן המצאה: — כ'האָב מורא צו בלייבן אַליין... ס'קאָנען זיך אַריינכאַפּן שקאָצים און רייסן אויבס...

דאָס האָט געווירקט. ער איז געבליבן. זי איז אים דערפאַר אַזוי דאַנקבאַר געווען, אַז זי האָט אים אַזש געקושט די הענט. זי האָט געלייגט איר קאָפּ אויף זיין שויס און געלעכצט נאָך צערטלעכקייט. ער אָבער איז געווען אין כעס אויף זיך פאַר זיין שוואַכקייט און דעם כעס אויסגעלאָזט צו איר:

— זע! ציפּע און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן קיינמאָל גאָרנישט געוווסט וועגן סאָציאַליזם, זיינען געווען פינצטער — זיינען איצט אין דער פּאַרטיי. זיי זיינען איצט גאַנץ אַנדערע ווי זיי זיינען געווען פריער: אויפגעקלערטע, באַוווסטזיניקע פּראָ־לעטאַריערנס. דו אָבער...

חנהטשע האָט צוריק אויפגעהויבן איר קאָפּ פון זיין שויס און אים אָנגעקוקט מיט חוזק:

— זיי זיינען אַצינד... און איך...

— דו... — ער האָט אַראָפּגעשלונגען, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן און בלויז געדראָט.

— דו טוסט בלויז דיר אַ רעה דערמיט! האָסטו שוין געלייענט דאָס בוך, וואָס כ'האָב דיר געגעבן די וואָך?

— ניין.

— און דאָס בוך וואָס כ'האָב דיר געגעבן פאַר דריי וואָכן?

— אויך נישט. — אַביסל האָט זי זיך געשעמט און פאַרענטפערט: — דאָס בוך, וואָס דו האָסט מיר געגעבן פאַר דריי וואָכן, האָבעך עטלעכע מאָל געפּרוווט לייענען, אָבער איך האָב קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. וואָס מיינט מען אַ־קו־מול... אַצ... יאָ?... קאָ־אַנ... מו... ציע? קאָ... ראַצ... יע? קאָר... דאָס וואָרט קאָ־נעך גאָרנישט נאָכזאָגן, אָבער עס איז אויך מיט „ציע"... און אַ... פּרא... עפּעס מיט „רירן"... און סאָצ... צעל... אויך מיט, „ציע"... און... מערוועךט... און נאָך אַ סך אַזעלכע מאָדנע ווערטער.

שפּיצמאַן האָט זיך געקאַליערט פון לאַכן:

— דו מיינסט אוודאי „אַקומולאַציע", „קאָנסומציע", „קאָאָפּעראַציע", „קאָאָר־דינאַציע", „אַפּראָפּיאיריאירן", „סאָציאַליזאַציע", „מערוועךט". אָבער דאָס אַנדערע בוך איז דאָך לייכט צו לייענען.

חנהטשע איז געוואָרן אויפגערעגט:

— דאָס אַנדערע בוך האָב איך אַוועקגעוואָרפן אינמיטן לייענען. נעם עס צוריק! אַלץ, וואָס דאָרט שטייט וועגן ליבע, איז ליגנט! וואָס הייסט פרייע ליבע? געטריישע ליבע פאַרשטיי איך; אַ מענטש איז נישט קיין חיה, ניין! דיך האָב איך ליב און וועל דיך אייביק ליבן, וועל דיר שטענדיק זיין געטריי און איבערגעגעבן!

ווען ס׳קומט צו צו מיר אָן אַנדערער... — זי האָט אויסגעשפּיגן: — פוי! וואָס בינעך אַ... — זי האָט אַזש געהאַט טרערן אין די אויגן פון באַליידיקונג.

אַבראַמטשיק איז געווען אַביסל געריירט. ער האָט געגלעט אירע האָר און זיך געבעטן ביי איר:

— אָבער דו מוזט ווייניקסטנס פאַרשטיין דעם א־ב פון סאָציאַליזם, דעם קלאַסנקאַמף. דו מוזט ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי.

זי האָט אים פייערלעך פאַרשפּראָכן:

— איך וועל ווערן, איך וועל לייענען דאָס בוך וועגן סאָציאַליזם. דו וועסט מיר העלפן.

דערזעענדיק חנהטשעס עלטערן צוריקקומען פון דאַוונען, האָט אַבראַמטשיק זיך שנעל אָפּגעטראָגן. אויפן וועג האָט ער געטראָפן דעם חבר אהרן מיקנשלעגער מיט דער חברטע גרינצווייג געאָרעמט.ביידע גליקלעכע און אין אַ לעבהאַפטן שמועס. ער האָט זיי חבריש באַגריסט און געפרעגט אין שפּאַס:

— איר דיסקוטירט וועגן ליבע?...

דינהטשע האָט אים געענטפערט אויף איר אופן:

— אויף וויפל איך ווייס, געהערט איר נישט צו די, וועלכע פירן דיסקוסיעס וועגן ליבע... דיסקוסיעס פירט איר נאָר וועגן רעוואָלוציע...

אַבראַמטשיק, אָן אָפּגעגאָסענער, איז געגאַנגען זיין וועג.

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

עונג־שבת

1

נאָכן פעטן טשאָלענט: קאַשע מיט אַרבעס און יויך, אַ קישקע־קוגל און פליייש, האָט דער אַלטער שמואל זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער פּערענע. דאָס האָט ער געטאָן אַפילו ביי די גרעסטע היצן. ברײנע האָט זיך גענומען צו דער „צאינה־וראינה״. זי האָט אָבער נישט געוווּסט וועלכע סדרה. דער אַלטער האָט אויך נישט געוווּסט און זיך געמאַכט שלאָפן. ער האָט געשנאָרכט. זיין ווייב האָט ער אָבער נישט געקאָנט אָפּנאַרן; זי האָט אים גוט געקענט און אים גענומען יאָדען:

— שלאָפסט דאָך נישט! מאַכסט דיך בלויז פופן! ווייל דו ווייסט נישט, וועלכע סדרה ס׳גייט די וואָך, גויעץ! האָסט דאָך אַפילו נישט ריכטיק געבענטשט נאָכן עסן! מורמלסט אַביסל אונטער דער נאָז. ווי אַ בין זשומעט. דאָס הייסט ביי דיר זמירות זינגען.

דערויף האָט דער אַלטער שמואל גענומען שנאָרכן נאָך העכער. דאָס האָט ברײנען שוין גאָר אַריינגעבראַכט אין כעס. שבת טאָר מען זיך אָבער נישט קריגן. האָט זי געקרעכצט:

— וויי איז צו מיר! מיט וועמען יעך האָב חתונה געהאַט! געעפּנט אינדערפרי די שליפעס... — איז ער גלייך אַרויס קלייבן דאָס אויבס! אום שבת! נישט קיין

סדרה מעביר־זיין, נישט קיין קאַפּיטל תהילים — אַפילו קיין מודה אני נישט! עשו! — זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער „צאינה־וראינה“ אויף דער שוועל פון דער בויד, כדי צו קאָנען זען די קליינע אותיות אויף די אַלטע פאַרגעלטע בלעטער. זי האָט אָבער דאָך נישט געוווּסט וועלכע סדרה און זיך גענומען בעטןביים מאַן: — נו, זאָג מיר שוין!

דער אַלטער האָט גענומען רעדן ווי פון שלאָף: „בלק... ובלק... בן... צפור“... אַ שנאָרך. „ארה... לי“... ווידער אַ שנאָרך. „ויפתח... את... פי... האתון“... ער האָט גע־נומען שנאָרכן ווי אַן אייזל הירזשעט.

ברײַנע האָט ווידער געקרעכצט:

— בלק... ס'איז דען אמת? נאָר לאָז זיין בלק. — זי האָט אָנגעטאָן די ברילן און גענומען לייענען: — „און אַז בלק דער מלך פון מואב האָט געזען, דאָס די צווי שטאַרקע מלכים סיחון און עוג האָבן נישט געקאָנט באַשטיין אַקעגן ישראל“...

אין סאָד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יונגעלייט און מיידלעך. אַבראַמטשיק צווישן זיי. ברײַנע האָט אויפּסניי גענומען וועקן איר מאַן, וועלכער איז שוין באמת געשלאָפן:

— שטיי אויף! די ליבע געסט זיינען שוין דאָ... מ'מוז אַכטונג געבן אויף זיי... דער טייערער תכשיט, איציק באַלעגאַלעס זינדל, איז שוין ווידער דאָ ביי דער מויד... איין גאָט ווייסט, ווי ווייט זי איז שוין פאַרקראָכן מיט אים און סאַראָ אומגליק דערפון וועט אַרויסקומען... פאַרמיינעטוועגן זאָל זי חתונה האָבן מיט אים, אָבער נישט ווי אַ צויג מיט אַ הונט... — זי האָט ווייטער געלייענט: — „און גאָט האָט געעפנט דאָס מויל פון אייזל“... — ס'זיינען איר אָבער צוגעפאַלן די אויגן און זי איז איינגעשלאָפן מיט דער „צאינה וראינה“ אין שויס און די ברילן אויפן שפּיץ פון דער נאָז.

2

די געקומענע האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון דער בויד. די מייסטע זיינען געווען אין אַ לוסטיקער שטימונג, האָבן געלאַכט און געשטיפט. (כל־זמן הערש און פייגע זיינען נאָך נישט געווען). נאָר אינעם לאַכן און כיכען איז נישט געווען די ברויזנ־דיקע פרייד פון יוגנט, ווען זי איז באַרוישט פונעם לעבן און פון דער שיינקייט אין דער נאַטור, נאָר מער דאָס איילן זיך אַריינצוכאַפּן וואָס מער פונעם לעבן און די אינסטינקטיווע שרעק, אַז באַלד וועט אַלץ אויפהערן...

אַ טייל פון דער חברה יונגוואַרג האָט גענומען שפּילן אין יאַגעלעך. דער סאָד איז געווען גענוג גרויס. די גאָר יונגע מיידלעך האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן כאַפּן פון די בחורים, ווייל דאָס האָט באַדייט קושן. און דער בחור, אַ „באַכאַל“, האָט נישט געוואָלט אַנדערש נאָר אין מויל און זיך אַזוי איינגעזויגן אין די ליפּן, אַז ר'האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן, און זי האָט דערביי אַזש נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דאָס האָט אַ יונגער צוציק נישט געוואָלט. האָט דער בחור זי געלאָזט שטיין און זיך גענומען יאָגן נאָך אַן אַנדערער, אַן עטוואָס עלטערער, אָדער קליגערער. צו דער, וועלכע דער בחור האָט שטיין געלאָזט, איז באַלד צוגע־קומען אַ צווייטער; אָבער ער איז נישט געווען בעסער ווי דער ערשטער; אדרבא, ער

איז געווען נאָך מער נאָכאַל... נאָר טייל חברטעס, אויך נאָך גאָר, גאָר יונגע, אָבער קלוגע, האָבן ליבערשט געשפּילט אין באַהעלטערלעך: זי האָט, ווייט, ווייט אַוועק, זיך באַהאַלטן אין אַ קוסט פון ווײַמפּערלעך אָדער מאַלינעס און דער בחור האָט זי געזוכט...

אויך צווישן די מער סטאַטעטשנע און ערנסטע, וועלכע האָבן געפירט שמועסן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און דיסקוטירט, זײַנען געווען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן דערבײַ אַרומקונדסעוועט. בלומטשע האָט געזונגען זיס און פאַרבענקט: „איך גיי אַרויס אויפן גאַניקל"... אַזוי זינגענדיק — די גרויסע שיינע אויגן צום בלויען הימל — האָט זי מיט פּאַמעלעכע טריטעלעך זיך געררוקט צו אהרנען. (ער איז מיט צוויי חברים געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע). דאָס קעפּל זײַטיק, דער שמאַכטנדיקער בליק שעלמיש — האָט זי אַרויפגעלייגט אירע קיילעכדיקע, ווייסע הענט מיט די געפּאַרבטע נעגל פון די קורצע, פּוכקע פינגער אויף אהרנס אַקסל און געזונגען: „קומט צו פליען אַ קליין פייגעלע"... ביים דריטן סטראָף: „נישט אַזוי דאָס פייגעלע, ווי זײַן שיינער פליען", איז זי מיט איר פולן בוזעם שוין אײַנגאַנצן געלעגן אויף אהרנס פּלייצעס. געוואָלט האָט זי שפּילן אין יאַגעלעך און באַהעלטעניש, ווי די אַנדערע; נאָר דוד איז געווען זייער אייפערזיכטיק. זי האָט אָבער דאָך נישט געקאָנט ווייטער נאָך שטיין לעבן אים און צוהערן זיך צו די דיסקוסיעס, וואָס ער פירט מיט די חברים, אָדער הערט בלויז וואָס יענע זאָגן. און צו אהרנען איז זי צוגעגאַנגען נישט ווייל ער געפעלט איר אַזוי, נאָר ווייל זי האָט דינהטשען געוואָלט אָפּדריקן די גאַל: זי האָט דינהטשען פיינט געהאַט.

אהרן האָט די גאַנצע צייט זיך באַמיט אויף אַ פיינעם אופן זיך צו באַפרייען פון אונטער בלומטשעס משא, ווייל אויסער דעם וואָס זי איז אים געווען דערווידער, האָט ער זיך נישט געקאָנט קאָנצענטרירן ביים רעדן מיט די חברים. זי האָט שוין געהאַלטן ביי אַ צווייט לידל און אים אַרייַנגעזונגען אין אויער: „געדענקסטו, געדענקסטו ביי דעם טויער"... נישט קאָנענדיק מער אויסהאַלטן, האָט ער זיך פּשוט געטון אַ רוק אָפּ פון איר און גראָב געזאָגט: —

— צו לאַנג אַזאַ משא איז מיר שווער! — ער האָט איר דאָס געזאָגט, ווען דוד איז צוגעקומען, כלומרשט אַנטייל צו נעמען אינעם שמועס און דערבײַ גע־פּרוּווט לייגן זײַן האַנט אַרום דינהטשעס טאַליע. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז זי וועט זיך נישט ווערן. יעדער, וועמ ס'וויל זי האָבן, קאָן זי האָבן. אַבראַמטשיק האָט זי געהאַט, אויך פוקסמאַן. אַצינד האָט אַהרן זי. דוד האָט דערבײַ נישט פאַר־געסן, אַז ער האַלט שוין זעכצן אַרבעטער, אַז ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ווייסזיידענעם אַנצוג, אין אַ זײַדן העמד און אין זײַדענע שקאַרפּעטקעס, אין ווייסזאַמשענע שיך און אין אַ ווייסן פּאַנאַמאַ־הוט. ניין, ער איז נישט צוגעקומען צו דערדאַזיקער דינהטשען, ווייל זי איז אַזוי שיין און ער וויל זי האָבן, נאָר בלויז צו ווייזן איר, אַז ער קאָן טאָן דאָס זעלבע, וואָס זי טוט. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט אים שפּעטער זאָגן: „כ'האָב בלויז געוואָלט אייפערזיכטיק מאַכן די חברטע גרינ־צוויג, ווייל כ'האָב זי זייער פיינט". וועט ער איר זאָגן: „איך האָב געוואָלט אייפער־זיכטיק מאַכן דעם חבר מיקנשלעגער, ווייל כ'קאָן אים נישט ליידן". נאָר דינהטשע האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר דודן און געזאָגט:

— כ'בעט איבער אייער גרויסן כבוד... איר האָט אייך אַוודאי טועה געווען...

ער האָט זיך געמאַכט ווי נישט אים מיינט זי און געפרעגט אַהרנען:

— איר זאָגט פאָלקסגעריכט; אָבער דאָס פאָלק אַליין קאָן דאָך נישט משפטן. איך מיינט אַוודאי...

דינהטשע האָט אויסגערופן:

— פוקסמאַן איז דאָ!... ער גייט!... ער גייט!...

פוקסמאַן האָט פונוויטנס גערופן:

— חברים! איך האָב גאָר וויכטיקס מיטצוטיילן!...

דינהטשע האָט געחוזקט:

— קומטזשע גיכער!... גיכער!... — און צו די חברים, נאָר שטיל: — איר וועט אַצינד זען עפּעס שיינס!... איך מוז דעם פאַרשוין אָנלערנען, אַז ער זאָל איין מאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן קומען צו אונדז! — ווען פוקסמאַן איז צוגעקומען מיט אַ פריילעכן „גוט שבת“, האָט זי אים אָקעגנגעשטרעקט ביידע הענט, נאָר אַריבערגעקרייצט איינע איבער דער צווייטער און אַ לוסטיקע אים באַפוילן: — מאַכט אַזוי ווי איך, איין האַנט איבער דער אַנדערער! אָט אַזוי!... מיר וועלן זיך דרייען אין אַ קאַרוזעלע... דערנאָך וועט איר אונדז דערציילן וואָס איר ווייסט... — האַלטנדיק פעסט ביידע הענט זיינע אין אירע, האָט זי זיך גענומען דרייען מיט אים אין אַ ראָד. איר קלייד האָט זיך צעשפּרייט. זי האָט זיך אַלץ מער צעשוומען, שרייענדיק צו דעם שוין בלייך געוואָרענעם פוקסמאַנען: — גיכער!... נאָך גיכער!... איר זייט דאָך אַ מאַן!... — ער האָט שוין מער קיין אָטעם נישט געהאַט. אָבער זי איז געפלויגן אַלץ ווילדער. דערפילנדיק אַז ער האַלט שוין ביים פאַלן, האָט זי איר שווונג נאָך פאַרגרעסערט, אַזוי אַז זיינע פיס זיינען אויסגעקומען האָריזאָנטאַל אינדערלופטן... דערביי האָט זי אַ לאַכנדיקע געשריגן: — דאָס איז דער גרויסער דאָן זשואַן... „זה חליפתי... זה התרנגול“... — און אָפּגעלאָזט זיינע הענט. פוקסמאַן איז אַ פלי געטאָן און געפאַלן אין אַ גרויסן בויגן אפשר אויף דריי מעטער.

כמעט אַלע, אויך חנהטשע, האָבן זיך געפרייט און געקאַליערט פון לאַכן, ווייל אַלע האָבן פוקסמאַנען פיינט געהאַט און פאַראַכט. דאָך האָבן עטלעכע, די מייסטע מיידלעך, געהאָלפן אויפשטיין דעם געפאַלענעם העלד. די חברטע גרינצווייג אָבער האָט אים געטריבן:

— איצט גייט! גייט, אַז מיר זאָלן אייך מער נישט זען! גייט מיט אייער גאָר וויכטיקס אַלעמאָל! בלייבט דאָרט ווו איר געהערט! טאַנצט נישט אויף צוויי חתונות!

— און זי האָט אים אַ שפּיי־געטאָן אין פּנים אַריין.

פוקסמאַן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אהרן און נאָך עטלעכע, אַפילו אַבראַמטשיק, האָבן אים אַ נעם געטאָן און אַרויסגעוואָרפן פון סאָד. אַלע האָבן שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון אים. דערנאָך האָבן די מייסטע וואַרעם געדריקט די האַנט דער חברטע גרינצווייג, באַזונדערס אהרן.

3

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט געפרעגט דער חבר קרומהאָלץ אָנקומענדיק מיט פייגען. אין ערשטן אויגנבליק האָט קיינער נישט געענטפערט. עפּעס אומגע־

ריכט — אַזוי האָט זיך יעדן געדוכט — איז דער חבר קרומהאָלץ אַנגעקומען. דוד איז געווען אויפגעקאָכט פון דינהטשעס געמיינער האַנדלונג. (פוקסמאַן איז געווען זיין בעסטער פריינט אין דער לעצטער צייט). ער האָט דעריבער געוואָלט דערציילן דעם חבר קרומהאָלץ אַלץ, וואָס ס'איז געשען. נאָר ער האָט זיך באַלד איבערגע־רעכנט, אַז פאַר אים איז בעסער אין דעם ענין צו שווייגן. שוין וועגן דעם אַליין, וואָס חנהטשע איז איצט אַזוי נאָענט מיט אהרנען, דער חברטע פייגעס ברודער, וואָס איז דעם חבר קרומהאָלצס צוקונפטיקע לעבנסבאַגלייטערן... דער חבר שפּיצ־מאַן ווידער, אַלס מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן דעם אינצידענט; קרומהאָלצס פראַגע איז טאַקע געווען געוואונדט קודם כל צו אים. ער האָט זיך אָבער אויך צוריקגעהאַלטן, ווייל ער איז אַמאָל געווען נאָנט מיט דינהטשען. חוץ מזה — זי וועט געוויס אַליין דערציילן דעם גאַנצן אמת, ווי ס'איז איר טבע.

אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך איידער די חברטע פייגע האָט געענדיקט: „מיר האָבן פוקסמאַנען געטראָפן אַרויסקומען פון סאָד שטאַרק אויפגערעגט", האָט דינה־טשע שוין געגומען אויסמאָלן מיט די קלענסטע קלייניקייטן אַלץ, וואָס איז געשען און די חברים האָבן זיך אַלע ווידער געקאָליערט פון לאַכן. אַפילו פייגע און הערש, די צוויי תמיד ערנסטע און איצט ווי שטרענגע ריכטער, האָבן געשמייכלט. נאָר דער חבר קרומהאָלץ האָט גיך געפסקנט:

— דאָס איז אַ פריוואַטער ענין. — און נישט געוואָלט ווייטער הערן.

לויט פייגעס זייטיק און קלוג קוקעלע אין דינהטשעס זייט האָבן אַלע גלייך פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „פּריוואַט". זיי האָבן פאַרטריבן אין זיך דאָס קיצלדיקע און זיך באַמיט אויסצווזען סטאַטעטשנע. נאָר די חברטע גרינצווייג האָט זיך אַנגע־צונדן און בייסנדיק געפרעגט:

— וואָס הייסט ביי אייך, חבר, „פּריוואַט"? און איר, חברטע, האָט גאָרנישט באַדאַרפט טאָן אַזאַ זייטיקן קוקעלע אויף מיר. איך שעם זיך נישט, און האָב מיך נישט וואָס צו שעמען, מיט מיין פּערזענלעכן לעבן; נישט „פּריוואַטער ענין"! איך מאַך אַ חילוק צווישן די צוויי אויסדריקן. יעדער חבר האָט זיין פּערזענלעך לעבן און קיינער טאָר זיך נישט אַריינמישן דערין, עס גייט קיינעם נישט אָן; אָבער פּריוואַטער ענין — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס... — זי האָט אָפּגע־צאַלט מיט דער זעלבער מטבע, געטאָן אויף פייגען (און אויך אויף הערשן) אַזאַ זייטיקן קוקעלע, ווי יענע האָט פריער געטאָן אויף איר. צום סוף האָט זי מוסיף געווען: — איך האָב אַלעמאָל געזאָגט, אַז מ'זאָל דעם פּאַסקודניק נישט אַריינלאָזן אַפילו צו אַ פאַרזאַמלונג. אַ גאַנצער שמעלקע איז ער געוואָרן אַצינד.

פייגע האָט זיך אָנגעבלאָזן:

— וואָס הייסט נישט אַריינלאָזן צו אַ פאַרזאַמלונג? דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געקאָנט טאָן, איז געווען נישט אָנצונעמען אים פאַר אַ מיטגליד. דאָס האָבן מיר געטאָן. אָבער צו אַ פאַרזאַמלונג קאָן קומען ווער עס וויל. אַזוי פירט זיך ביי אַלע פּאַרטייען, אויב זיי זיינען דעמאָקראַטיש. אַז ער האָט געוואָלט אַ וואָרט ביי אַ דיסקוסיע נאָך אַ רעפעראַט, האָט מען אים, פאַרשטייט זיך, געמוזט געבן. און פון סאָד האָט איר אַוודאי נישט געהאַט קיין רעכט אים אַרויסצוואַרפן. בלויז דער אייגנטימער פונעם סאָד, דער, וואָס האָט אים געדונגען, האָט דאָסדאָזיקע רעכט.

דינהטשע האָט געפרעגט:
— שוין געענדיקט?
— יאָ, אָבער איך וויל אייך נאָך זאָגן אָט וואָס...
דינהטשע האָט זיך אָנגעשטויסן און צאָרנדיק אַ געשריי געטאָן:
— זאָגט!
— אויב פוקסמאַן איז אַזאַ פּאַסקודניאַק, פּאַרוואָס?...
דינהטשע האָט געענטפערט איינגעהאַלטן:
— אין מיין פּערזענלעכן לעבן — דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איז דערלויבט אַ סאָציאַליסט — האָב איך דאָס רעכט מיך אָפּצוגעבן וועמען איך וויל, אַפילו דעם גרעסטן פּאַסקודניאַק!
דער חבר קרומהאָלץ האָט זי אָפּגעשטעלט:
— ריכטיק! אָבער מער קיין איין וואָרט נישט איבער דעם גאַנצן ענין!
די חברטע גרינצווייג האָט אָנגענומען אַ קעמפערישע פּאָזע:
— וועגן פּערזענלעכן לעבן — אָבער נישט וועגן „פּריוואַטן ענין" — יאָ! איך האָב שוין לאַנג געוואָלט רעדן וועגן דעם, דאָס הייסט, וועגן אייך, חבר קרומהאָלץ, און נאָך אַזעלכע. דער „פּריוואַטער ענין" פון טייל חברים איז שוין אַוועק צו ווייט... מ'קאָן זיין אַ שמוגלער, אַ פּאַסקאַרזש, האָבן אַ ווערקשטאַט (אָדער אַ פאַבריק) און עקספּלואַטירן אַרבעטער און חברים וויפל דאָס האַרץ גלוסט; מ'קאָן זיין „פּאַנ־בראַט" מיט וועמען מען וויל... — זי האָט זיך דערביי אַזוי שאַרף איינגעגראָבן מיט איר בליק אין דודן, אַז יענער האָט געמוזט אַראָפּלאָזן די אויגן. — דאָס איז אַלץ „פּריוואַטער ענין"...
— יאָ, פּריוואַטער ענין, — האָט די חברטע פייגע איר געענטפערט. — פול־שטענדיק דערלויבט פון דער פּאַרטיי.
דער חבר שפּיצמאַן האָט אונטערגעכאַפּט:
— יאָ! פולשטענדיק דערלויבט!
— יאָ, יאָ, — האָבן כמעט אַלע, חוץ אהרן און נאָך עטלעכע, מסכים געווען.
די חברטע גרינצווייג איז געוואָרן נאָך שאַרפער און נאָך ביטערער:
— איך ווייס, איך ווייס, וויל די גאַנצע פּאַרטיי איז שוין באַלד אַ „פּריוואַ־טער ענין" אין די הענט פון יענע, וואָס פאַרשטייען אַן עסק...
דער חבר קרומהאָלץ האָט אויסגערופן:
— איך וואָרן אייך, חברטע גרינצווייג! איר וועט דאָס, וואָס איר האָט גע־זאָגט, מוזן עפנטלעך צוריקנעמען! ביי דער קומענדיקער פאַרזאַמלונג! מער וויל איך אַצינד מיט אייך נישט דיסקוטירן! דאָ קומען מיר זיך שבת צוזאַמען (נאָך דער גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט) אָפּצורוען אין דער פרייער לופט, אַביסל צו פאַר־ברענגען און דערביי פירן אַ לייכטן שמועס, וועגן וועלכער ס'איז טעמע. יאָ, און עסן אויבס. מען מוז דעם סאַדאָווניק געבן עפּעס צו פאַרדינען און נישט אומזיסט פאַרברענגען אין זיין סאַד.
דוד האָט אויפגעהויבן אַ האַנט:
— איך שלאָג פאָר, חברים, מיר זאָלן איצט רעדן וועגן דעם חבר מיקנשלע־גערס נייער אידייע! ער וויל גרינדן אַ נייע באַוועגונג, אַ געהיימע. „גערעכטיקייט" זאָל זי הייסן. ער האָט דאָ פריִער גערעדט וועגן „פאָלקסגעריכט". איך האָב אים געשטעלט עטלעכע פראַגן, אָבער ער האָט מיר נישט געענטפערט.

דער חבר קרומהאַלץ האָט מסכים געווען:

— גוט. ווער עס איז דערפאַר זאָל אויפהייבן אַ האַנט! אַלע זיינען דערפאַר. ווו איז דער חבר ליכטענבערג?

— נישטאָ.

דער אַלטער ר׳ שמואל מיט דער אויסגעקראַכענער גרינגעלער באָרד, אַ ני־דעריק און געפּאַקט יידל פון אַ יאָר עטלעכאונזעכציק און נאָך גאַנץ קרעפּטיק, איז צוגעקומען מיט אַ בלישטשענדיק בליקעלע אין די קליינע כיטרע אייגעלעך און געפרעגט:

— ווער וויל אויבס? באַרנעס, קאַרשן, פלוימען. חנהטשע, העלף אָפּוועגן! בלומטשע האָט געקייט אַ באַרנע און געזונגען:

„אין וועלדל ביים טייכל דאָרט זיינען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך, עלנט און קליין —
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ־לאַ־לאַ־לאַ״.

דער חבר קרומהאַלץ, מיט די אויגן און פינגער אין אַ שקאַרמיץ קאַרשן, האָט געגעבן דאָס וואָרט:

— אַלזאָ, חבר מיקנשלעגער, איר האָט דאָס וואָרט!

שטימען:

— דער חבר מיקנשלעגער איז אַוועקגעגאַנגען!

— ער האָט זיך אָפּגעטראָגן!

— מיט דער חברטע גרינצווייג!

דער חבר קרומהאַלץ האָט זיך געוווּנדערט:

— אַזוי גאָר? נו, וועל איך אַליין רעפערירן וועגן דער געהיימער באַוועגונג, וואָס ער וויל שאַפן. איך ווייס אַלץ גענוי.

4

דערנענטערנדיק זיך צום צוים פון שטעכלדראָט אַרום די קברים פון די געפאַלענע זעלנער האָט די חברטע גרינצווייג, אַן אויפגערעגטע, געזאָגט צום חבר מיקנשלעגער:

— דאָס לעצטע מאָל בין איך מיט דער חברה געווען צוזאַמען! דאָס לעצטע מאָל! איך האָב שוין לאַנג באַדאַרפט אַרויסטרעטן פון דערדאָזיקער פאַרטיי, באַזונ־דערס פון דער פאַרוואַלטונג; כדי נישט צו טראָגן אויף מיר אַזוי לאַנג די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון דעם מיאוסן פאַרראַט צום פּראָלעטאַריאַט! איך האָב באַדאַרפט פאַרלאָזן די פאַרטיי צוזאַמען מיט דער חברטע כעליאַ, דעמאָלט, גלייך נאָך יענער העסלעכער פאַרזאַמלונג אין ראָטהויז! צוזאַמען מיט איר האָב איך באַדאַרפט אַריינ־טרעטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דאָרט אַרבעטן! נאָר וואַרט! איך וועל גיין צו דער איצטיקער פאַרזאַמלונג און דאָרט...

דער חבר מיקנשלעגער האָט זיך געבעטן:

— דינהטשע... דו וועסט ביי די קאָמוניסטן אויך אַנטוישט ווערן. געוויס, איך מאַך אַ גרויסן אונטערשייד צווישן די קאָמוניסטן און די סאָציאַלדעמאָקראַטן. מ׳קאָן די צוויי פּאַרטייען אַפילו נישט פאַרגלייכן איינע מיט דער אַנדערער. אי־דייאיש בין איך מיט דיר פולשטענדיק מסכים, דינהטשע; איך בין פאַר אַ רעוואָ־לוציע, פאַר קאָמוניזם. אָבער איך קאָן נישט זיין פאַר דיקטאַטור, נישט קיין נפקה מינא פון וועלכער זייט זי זאָל נישט קומען. און ווי קאָנסטו...

זי האָט אים איבערגעריסן:

— איך בין פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור! אָן דיקטאַטור פונעם פּראָלע־טאַריאַט איז די גאַנצע רעוואָלוציע גאָרנישט ווערט, האָט מען אומזיסט בלוט פאַרגאָסן! איינס פון די צוויי: ביסטו פאַר רעוואָלוציע — מוזטו אויך זיין פאַר דער דיקטאַטור פון די, וועלכע האָבן די רעוואָלוציע געמאַכט! אָדער דו בלייבסט אַ סאָציאַלדעמאָקראַט. די נידעריקייט אָבער פון דער באַנדע איז, וואָס זי זאָגט נישט אָפן, אַז זי איז קעגן רעוואָלוציע, נאָר נאַרט און בלענדט מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזן.

— אָבער געליבטע...

— קיין געליבטע איצט! מיר זיינען איצט נישט דערביי!

— אַנטשולדיק. — ער האָט געביטן דעם טאָן: — אָבער זע, וואָס עס טוט זיך אין רוסלאַנד! און דאָס איז ערשט דער אָנהייב!

זי האָט אַ געשריי געטאָן:

דו ווייסט נישט, וואָס דאָרט טוט זיך, און דאָס, וואָס דו ווייסט נישט, זאָלסטו נישט זאָגן! דאָרט איז קריג! עס איז נאָך אַ שרעקלעכער מלחמה וואָס האָט גע־דויערט דריי און אַ האַלב יאָר, נאָך צוויי רעוואָלוציעס און אַ בירגערקריג, וואָס האָט אייגנטלעך נאָך נישט אויפגעהערט! אינטערווענציע, אַרום און אַרום שונאים! פון אַלע זייטן! ס׳איז אַ בלוטיקער גראַנגל אין אַ בלוטיקן כאַאָס!

דער חבר מיקנשלעגער איז געבליבן ביי זיין מיינונג:

— מען דערשיסט דאָרט ערלעכע חברים, איבערגעגעבענע קעמפער, נישט בלויז מענשעוויקעס, נאָר אַפילו לינקע סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן און אַנאַרכיסטן, אַזעלכע, וואָס האָבן אין זייער גאַנץ לעבן געקעמפט קעגן די צאַרן, וואָס האָבן ריזי־קירט זייער לעבן ביי אַטענטאַטן אויף בלוטיקע סאַטראַפּן און האָבן דערנאָך גע־שמאַכט אין די שרעקלעכסטע טורמעס, אויף קאַטאָרגע אין סיביר! און ווי קאָן מען רעדן וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור? דאָס איז דאָך אוממעגלעך! עס קאָן זיין בלויז פּאַרטיידיקטאַטור, און אויך דאָס בלויז טעאָרעטיש, ווייל אין דער ווירק־לעכקייט איז עס דיקטאַטור בלויז פון די, וועלכע שטייען בראש פון דער פּאַרטיי. אָבער אויך דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל אינדעראמתן איז בלויז איינער דער דיק־טאַטאָר, דער סעקרעטאַר, אָדער דער פירער פון דער פּאַרטיי, און די רעשט אין דער פאַרוואַלטונג וואַרפן זיך אים אונטער! אין דער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע איז עס געווען ראָבערספּיער און איצט אין רוסלאַנד איז עס לענין! דאָס פירט צו קאָרופּציע, צו קאַמף פאַר מאַכט! דעריבער — מיין אידייע פון געהיימע פאָלקסגעריכטן. אָן אַזעלכע געריכטן וועט אַפילו נאָך אַ רעוואָלוציע קיין סך זיך נישט ענדערן פאַרן פּשוטן מענטש, פאַרן פאָלק; יעדנפאַלס אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס וועלן זיך געפינען פאַרשווינען מיט קראַנקע אַמביציעס צו מאַכט!

די חברטע גרינצווייג איז עטוואָס ווייכער געוואָרן און געפרעגט:

— האָסטו שוין אַ פּלאַן פאַר דיין נייער אידייע?

ער האָט געענטפערט:

— זי איז נישט אינגאַנצן ניי און דעריבער נישט אינגאַנצן מיינע. — און ער האָט גענומען אַנטוויקלען דעם פּלאַן.

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

שטשעלקאָווסקי געזעגנט זיך

1

זיי האָבן געוווינט אינגאַנצן ערשט עטלעכע חדשים אין זייער אייגענער וווינונג: אַ קליין שטיבעלע, איינס פון די שטיבעלעך אין די נייע שטאָקן, וואָס זיינען אין דער שטאָט „איבערנאַכט", ווי מ'האָט געזאָגט, „אָנגעוואָקסן" אויף די הייזלעך, וואָס האָבן פריִער קיין שום גאָרן נישט געהאַט. די וווינונגסנויט אין די אָרעמע געגנטן איז נאָך אַלץ געווען אַזוי גרויס, אַז באַלעבאַטים האָבן פון די בוי־דעמס געמאַכט גאַרנס מיט וווינונגען.

נאָכן פאָטערס טויט האָט יוזשעק שטשעלקאָווסקי מער נישט געקאָנט בלייבן וווינען צוזאַמען מיט דער מוטער, באַזונדערס נישט מיטן ברודער. דעררדאַזיקער קאַספּער האָט זיך געהאַלטן פאַרן גאַנצן יורש פון אַלץ, וואָס דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט. זיך קריגן מיט אים וועגן דעם האָט יוזשעק נישט געוואָלט. און הויזן צוזאַמען מיט אים שוין אַוודאי נישט, אויך נישט מיט דער מוטער, ווייל די אַלטע איז געווען פרום: זי האָט נישט דערלויבט דעם זון צו וווינען מיט אַ ייִדישקע אין איר הויז כל־זמן ער האָט נישט חתונה געהאַט מיט איר כדת וכדין אין קאָש־טשיאָל. נאָכן באַפרייט ווערן פון דער תפיסה האָט כעליאַ מער נישט געוואָלט גיין אַהיים צו אירע עלטערן. דאָס מאָל האָט יוזשעק איינגעזען איר גערעכטיקייט און באַשלאָסן צו דינגען אַ שטיבל און וווינען צוזאַמען מיט איר. אין זיין פאַך האָט זיך גראָד אָנגעהויבן אַ גרעסערע טעטיקייט און ער האָט נישקשה פאַרדינט. זייענ־דיק אַ מויערער, האָט ער פאַרגעשלאָגן אַ באַלעבאָס פון אַ קליין געמויערט הייזל אַליין זיך אויפצובויען אַ שטיבל אויפן בוידעם, בלויז פאַר איין יאָר דירה־געלט. דער באַלעבאָס איז דערויף איינגעגאַנגען.

דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון סאַמע נייטיקסטן און ביליקסטן. דאָס מייסטע האָט יוזשעק אַליין צוזאַמענגעקלאַפּט. אויסצופּוצן דאָס שטיבל האָט אויף זיך גע־נומען כעליאַ. כאָטש זי איז קיין גרויסע בריה אין דעם נישט געווען — און צופיל געלט אויסצוגעבן אויף לוקסוס האָט זי אויך נישט געהאַט — איז פונדעסטוועגן פון דעם קליינעם אָרעמען שטיבל געוואָרן אַ ליבע און שיינע היים. זי האָט גע־לערנט אַ סך זאַכן, וואָס זי וואָלט פריִער נישט געווען אימשטאַנד צו לערנען. זי האָט אויך אַ סך, זייער אַ סך, זיך געענדערט. דאָס ענדערן זיך איז געווען איר לערער. אַפילו אַרבעטן — און גאַנץ שווער — האָט זי זיך אויסגעלערנט.

ס'איז געווען נאָכן אָונטברויט. איבער דער צעראַטע אויפן טישל איז אַצינד געלעגן דאָס איינציקע, בילקע ווייסע טישטוך מיט גרינע שלאַקן און גרינע פראַנדזן אַרום. כעליאַ האָט עס נאָך נעכטן ביינאַכט, פאַרן גיין שלאָפן, אויסגע־וואַשן און איצט אויסגעפּרעסט. יוזשעק איז די היינטיקע וואָך שוין מער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. עס האָט זיך אים נישט מער געלוינט. ער האָט אויך געהאַט נאָך אַ סך צו דערליידיקן און זיך צוגרייטן צו דער נסיעה. כעליאַ אָבער איז יאָ געגאַנגען צו דער אַרבעט, אַפילו היינט. זי טאָר נישט פעלן אַפילו קיין איין טאָג. נאָר היינט איז זי אַהיימגעקומען עטוואָס שפּעטער, ווייל זי איז נאָך דער אַרבעט נאָך געלאָפן צו יענעם אָרט הינטער דער שטאָט, ווו זי האָט מיט איר געליבטן שפּאַצירט און פאַרברענגט גליקלעכע מאָמענטן. דאָרט האָט זי באַשלאָסן אָפּצורייסן אַ בוקעט פעלדבלומען, זיי זאָלן שטיין אויפן טיש אין לעצטן אָוונט פון זייער צוזאַמענזיין. אַהיימגעקומען, האָט זי זיך שנעל אָרומגעוואַשן און אָנגעטאָן איינס פון אירע שענסטע קליידער. זי האָט זיי נאָך געהאַט, ווייל זי האָט אַלע אירע קליידער מיטגענומען מיט זיך ביים פאַרלאָזן, אויף שטענדיק שוין, דאָס הויז פון איר קינדהייט. צווישן דעם טישלאָמפּ מיט אַ מילכווייסער אַבאַזשור און דעם גרויסן בוקעט פעלדבלומען פון ווייסע מאַרגאַריטקעס, געלע גענדזנבלימלעך, גרי־נע זאַנגען, בלויע קאָרנבלימלעך און פלאַמרויטע מאָנבלומען, איז געשטאַנען אַ ברוינגעגלייזטע שיסל מיט אויבס. לעבן דעם בוקעט איז געלעגן אַ קליין ביכל לידער פון דער פּוילישער דיכטערן מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, איינגעבונדן אין באָרדאָ זאַפּיאַנלעדער.

אַ קליין שטיבל — און ווי גרויס פאַר צוויי מענטשן וואָס האָבן זיך ליב! ס'איז געווען גענוג פּלאַץ אַפילו פאַר אַלע חברים, וואָס זיינען אָפּט געקומען.

האַלטנדיק אין אירע דאַרע הענט מיט די זעלטזאַם דינע און נערוועזע פינגער דעם געליבטנס גרויסע שווערע הענט פון שווערער אַרבעט האָבן אירע גרויסע העלבלויע אויגן מערקווירדיק געלויכטן אַצינד, ווייל דאָס פייער פון איר גליק האָט זיך געשפּילט אין דער פייכטקייט פון טרערן, וועלכע זי האָט צוריקגעהאַלטן. זי האָט געפרעגט דעם געליבטן:

— ווייסט וועלכעס ליד איך וואָלט דיר איצט געוואָלט פאַרלייענען?

— ניין.

— דאָס ליד פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ: „איז אַוועק צום קריג דער מלך“...

נישט צו דערלאָזן קיין שום סענטימענטאַלקייט אָדער טרויער, האָט ער גע־נומען שפּאַסן:

— דו מיינסט סטאַך... — אין זיין שמייכל אָבער, זייער אַ ליבלעכער אַצינד, איז דאָך געווען מער באַהאַלטענער צער ווי שפּאַס, כאָטש בכלל איז ער געווען גאַנץ פריילעך, ווי עס זיינען אָפּט רעוואָלוציאָנערן, ווען זיי גייען ריזיקירן מיטן לעבן פאַר זייער איבערצייגונג. ער האָט געגלעט אירע בלאָנדע האָר, דעם טראַציקן שטערן, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, געגלעט זי צו באַרויקן און פעסטיקן. ווידער האָט ער געשפּאַסט: — ניי, איך בין נישט דער „מלך“ און אייגנטלעך אויך נישט „סטאַך“. נישט עס וועלן בלאָזן די שופרות פריילעך אַצינד, ווען איך גיי

אוועק, און נישט עס וועלן זיך עפענען די טויערן פריילעך, ווען איך וועל צוריק־קומען, און נישט עס וועלן וויינען שטיל די גראָזן אין פעלד...

כעליאַ האָטביים וואָרט וויינען מיט דער האַנט אים פאַרשטעלט דאָס מויל:

— זאָג דאָס נישט!

— ער האָט געלאַכט:

— נו, גוט. — ער האָט איר אַ קוש געטאָן און דאַן ווידער געשפּאָסט: — איך בין אַ שלעכטער פּאַטריאָט, לויט פּילסודסקיס באַגריף... — און נאָך אַ מאָמענט ערנסטער פאַרטראַכטקייט: — דאָס אויפרייסן דעם אַרסענאַל האָט קיין סך נישט געהאָלפן. מען מוז נוצן אַנדערע מיטלען. דאָס בעסטע אַצינד איז: פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיליטער אויפן שלאַכטפעלד. אָבער דער סאַבאָטאַזש אין די פאַבריקן און ווערקשטאָטן טאָר נישט אויפהערן! דו הערסט געליבטע?

— יאָ, טייערער.

— זיי זשע נישט טרויעריק. אונדזער אַרבעט פאַרטראָגט נישט קיין טרויע־ריקייט. דאָס איז מוטלאָזיקייט. די רעדער פון אויפשטאַנד און רעוואָלוציע ווערן געשמירט מיט פריילעכקייט. און מקריב זיין מוז מען אַלץ, אַפילו די ליבע — דאָס טייערסטע.

כעליאַ האָט קוים נאָך געקאָנט איינהאַלטן די טרערן, אָבער זי האָט גע־שמייכלט. שטאַרקנדיק זיך האָט זי געזאָגט:

— דו מיינסט: אַלץ מקריב זיין אין ליבע, נישט די ליבע... די ליבע קאָן מען נישט מקריב זיין, זי בלייבט אין האַרץ, ביז עס הערט אויף צו קלאַפּן. די ליבע, וואָס פאַרבינדט אונדז, איז די גרויסע אידייע. אַזוי האָסט דו מיך געלערנט.

— ריכטיק. — ער האָט איר ווידער אַ קוש־געטאָן. קוקנדיק לאַנג אין אירע לייכטנדיקע אויגן אין גליק פון ליבע און אין פייכטקייט פון צוריקגעהאַלטענע טרערן, האָט ער זי געפרעגט: — פילסטו טאַקע שוין אַזוי, געליבטע?

זי האָט זיך געשפּילט מיט די טראָלבן פון דער שנור אַרום זיין העלגרויער לייוונטענער בליוזע, וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו טראָגן זומער אין דער היים נאָך דער אַרבעט. זעענדיק אַז דער געליבטער וואַרט אויף איר ענטפער, האָט כעליאַ זיך מודה געווען:

— ניין. — כמעט פאַרצווייפלט האָט זי געפרעגט: — וואָס זאָל איך טאָן? איך בין דאָך אַ פרוי... אַ פרוי איז אין דער ליבע אפשר טאַקע אַנדערש ווי דער מאַן; איז רעאַליסטישער.

ער האָט זיך געוווּנדערט:

— רעאַליסטישער ווי אַ מאַן, נאָך דערצו אַזעלכער, וועלכער איז אַ מאַרק־סיסט־לעניניסט? — — —

כעליאַ האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך מיין... זי איז ערדישער, אויך אין איר בענקען, אין איר טרוימען, אַפילו אין איר ראָמאַנטישקייט. ווען זי ליבט אַ מאַן... איך ווייס נישט ווי איך זאָל מיך אויסדריקן...

ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז זי האָט זיך אַזש פאַרשעמט און אַראָפּ־געלאָזט די אויגן. ער האָט איר פּנים, וואָס איז שוין נישט געווען אַזוי רונד און ראָזע ווי אַמאָל, גענומען אין זיינע ביידע הענט אַריין און קאַפּויערהויבנדיק עס

אַריינגעקוקט דערין. דאָס האָט ער אָפּט ליב געהאַט צו טאָן. און ווידער האָט ער געשפּאָסט:

— בענקען... טרוימען... ראָמאַנטישקייט... נאָך אַלץ יענע ראָמאַנען פון דער בענקענדיקער ליבע אין סודותדיקע לבנה־נעכט... די שטילע זילבערנע כוואַליע־לעך... די נאַכטיגאַל טרילט אַזוי טרויעריק... דעם פּאַסטוכס פּײַפל יאָמערט אַזוי זיס...

— דו לאַכסט מיך אויס... איך האָב געזאָגט... געמיינט גאַנץ אַנדערש... — פון אירע אויגן האָבן זיך גענומען גיסן די אַזוי לאַנג־איינגעהאַלטענע טרערן.

יוזשעק איז געווען דערשטוינט און טיף דערשיטערט:

— אָבער געליבטע!... — ער האָט גענומען קושן אירע טרערן.

זי האָט זיך געשעמט און זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב מיך דערמאָנט אָן דיין טאַטן. אַזאַ ליבער, אַזאַ הערלעכער מענטש געווען! דו געדענקסט, וואָס ער האָט אין יענעם אָוונט געזאָגט? איך וועל גיין מיט אייך! וועל נעמען אַ ביקס, וועל שיסן! איך האָב אים דאָן אַרומגענומען און געזאָגט: — מיר וועלן גיין צוזאַמען, אויטשעק. אַזאַ איידל האַרץ! גוט, וואָס דער מערדער איז געפאַלן פון דיין האַנט. און שולדיק געווען איז צומייסט קאַספּער! ווען ער וואָלט דאָן געווען אָנגעקומען אַביסל פריִער —

יוזשעק האָט זי נישט געלאָזט ווייטער רעדן:

— מיר מוזן האַנדלען קעגן זיי ווי זיי קעגן אונדז! אָן מיטלייד אַפילו קעגן אייגענעם ברודער, קעגן פאָטער! אָן דערבאַרעמען! מען מוז לערנען אין קאַמף קעגן זיי צו באַנוצן זייערע אייגענע וואָפן!

זי האָט אים אַרומגענומען:

— איך וועל מיך ענדערן, געליבטער, נאָך מער ענדערן. דו ביסט גערעכט, אין אַלעם גערעכט. — זי האָט דערהערט טריט אויף די סקריפּנדיקע שטיגן און אָפּגעלאָזט איר געליבטן.

3

ביים געבן כעליאַן און דערנאָך יוזשעקן די האַנט, האָט יעקב געפרעגט:

— בין איך געקומען צו שפּעט, אָדער צו פרי?

שטשעלקאָווסקי, גוט אויפגעלייגט, האָט געשפּאָסט:

נישט צו שפּעט און נישט צו פרי, ליבער פריינט. די אַנדערע חברים וועלן אַוודאי באַלד קומען. זעץ דיך, וועלן מיר נאָך רעדן אַביסל. עס אַ באַרנע! שפּעטער וועט כעליאַ מאַכן טיי. איך האָף, אַז דו האָסט געקויפט עפּעס צום צובייסן, געליבטע. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן דערין. אָן עוולה. מילא וועט מען טרינקען בלויז טיי. קיין שנאַפּס איז אויך נישטאָ, הגם איך בין נישט אַזאַ שטאַרקער אַנטיאַלקאָהאָלי־קער און היינט וואָלט זיך זייער געפּאַסט אַ גלעזל...

כעליאַ האָט שמייכלענדיק טריומפירט:

— איך האָב אַלץ באַזאָרגט, טייערער.

יוזשעק האָט געפרעגט זיין פריינט:

— נו, איז זי נישט אַ ווילע חברטע? — ער האָט איר ווידער אַ קוש געטאָן. זי איז רויט געוואָרן. זי האָט זיך נאָך אַלץ געשעמט, ווען דער געליבטער האָט זי

געקושט אין עמעצנס קעגנוואַרט. יוזשעק האָט געפרעגט דעם גאַסט:

— אַרבעטעסט שוין?

יעקב האָט אפשר אַ גאַנצע מינוט אַנגעקוקט צאַרנדיק זיין פריינט און דאַן געענטפערט:

— נאָך נישט. אָבער מאָרגן גיי איך שוין אַרבעטן!

— איז דאָך גוט. וועסט פאַרדינען געלט. דו ברויכסט עס זייער נייטיק. ביסט דער איינציקער פאַרדינער. פינף מענטשן. דער טאַטע קראַנק. דו ביסט אַ גוטער זון, איך ווייס עס. וואָס זשע ביסטו בייז? האָט עפּעס פּאַסירט?

— גאָרנישט.

— אָבער דו ביסט דאָך בייז?

— יאָ.

— אויף וועמען? אפשר אויף מיר?

נישט ווילנדיק האָט יעקב אַ שמייכל געטאָן. אָבער ער איז באַלד ווידער ערנסט געוואָרן און געענטפערט:

— אפשר אויך אויף דיר. ניין, איך קאָן דאָס נישט באַגרייפן. אַלע, אַפילו די לינקסטע, האָבן נישט דעם מוט צו דערקלערן אַ גענעראַלשטרייק, אָדער זיך ווייניקסטנס אַליין אָפּזאָגן צו אַרבעטן פאַר דער מלחמה און נישט שטעלן זיך צום מיליטער! פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן קאָן מען אַזעלכעס נישט פאַרלאַנגען, פאַר זיי איז פאָטערלאַנד אַלץ. די אמתע פּאַטריאָטן אין יעדן לאַנד זיינען זיי. איך בין איבערצייגט, אַז ווען אין רוסלאַנד וואָלט איצט געווען אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישע רעגירונג, וואָלט איצט אַלץ איינס געווען מלחמה, ווייל די פּעפּעעסישע „אינטערנאַציאָנאַליסטן" האַלטן, אַז די פּוילישע מזרח־גרענעץ דאַרף זיין ביים שוואַרצן ים. ניין, איך פאַרשיי באמת נישט, וואָס דעם אַרבעטער גייט אָן די נאַציאָנאַליטעט פון זיין עקספּלואַטאַטאָר. מיר פעלט טאַקע דער באַגריף פאָטערלאַנד. דו וועסט אוודאי באַלד זאָגן: ווייל איך בין אַ ייִד.

שטשעלקאָווסקי האָט באַדויערט:

— אָך, חבר ליכטענבערג! דו ביסט נאָך אַלץ דערזועלבער. קיין שום פאַקט, קיין שום טאַטזאַך איז נישט אימשטאַנד דיך צו איבערצייגן. און אַלץ ווייל דו האָסט דיך איינגעשפּאַרט נישט צו דענקען דיאַלעקטיש, וואָס דו קאָנסט, ווען דו ווילסט, זייער גוט. אָבער דו האָסט דיך פאַרעקשנט אויף דיין אייביקער אַבסאָלוטקייט...

יעקבן האָט אים איבערגעריסן:

— וואָס הייסט, מיינע? גלייבסט דו נישט, אַז ס'איז דאָ אַן אָביעקטיווע, אַן אַלגעמיינע און אייביקגילטיקע אַבסאָלוטקייט?

שטשעלקאָווסקי איז געוואָרן איראָניש:

— מיינסט שוין ווידער גאָט?...

יעקב האָט נישט רעאַגירט אויף זיין פריינטס איראָניע און נאָך אַ ווילע נאָכדענקען געענטפערט ערנסט:

— איך קאָן אויך אָן גאָט זייער גוט באַגרייפן די אַבסאָלוטקייט פון עטיק, אמת און גערעכטיקייט. אָן דער אַבסאָלוטקייט פון אַזעלכע תמציתן קומט מען צו אָפּאָרטוניזם, צו וואָס די דיאַלעקטיק קאָן פירן.

שטשעלקאָווסקי איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— לאָמיר מער נישט דיסקוטירן דעריבער, עס איז איצט נישט די צייט. מיין צוג גייט אָוועק האַלב צוויי. אַ האַלבע שעה געדויערט דער וועג צו דער באַן.
— נאָך אַ מאָמענט קאַמף מיט זיך: — אַזעלכע דיסקוסיעס פירן נישט צו קיין טאָלק. דו האָסט מיך, אין דער גאַנצער צייט פון אונדזער פריינטשאַפט, נישט איבערגע־צייגט אין דיין מאָדנער טעאָלאָגיע און איך האָב דיך נישט געקאָנט דערצו ברענ־גען, אַז דו זאָלסט זיין אויסגעהאַלטן מאַרקסיסטיש. אפשר וועלן די ווייטערע גע־שעענישן אַצינד דיר עפענען די אויגן. איך האָף, דו וועסט איינזען, אַז מיר זיינען גערעכט. — באַמערקנדיק כעליאַס פאַרשטומטקייט און אומגעדולד, האָט ער זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און צוגעצויגן צו זיך: — זיי נישט בייז, כעליוש. דו האָסט דאָך דעם חבר ליכטענבערג שוין ליב. האָסט מיר אַמאָל אַליין געזאָגט, אַז ער האָט דיר אָנגעהויבן ווערן זייער סימפּאַטיש, און דאָס מיינט... יאָ, דו האָסט געזאָגט: „פאַר זיין אַבסאָלוטער אויפריכטיקייט". אַזוי האָסטו אַבסאָלוט געזאָגט. פאַר זיין „אַבסאָלוטער". און איך האָב אים אַבסאָלוט ליב, אַבסאָלוט! ער וועט זיין אונדזערס אַ חבר, אַבסאָלוט! איך בין איבערגעצייגט אין דעם, אַבסאָלוט איבערגעצייגט! דו וועסט זען, כעליוש! נו, וויל איך אים נאָך ענטפערן אויף עטלעכע טענות זיינע, ספּעציפיש ליכטענבערגישע. דו ביסט פאַרביטערט, ליבער פריינט, און פרעגסט, פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי דערקלערט נישט קיין גענעראַלשטרייק איצט, פאַרוואָס מיר גייען אַרבעטן אין פאַבריקן פון געווער און אַמוניציע און שטעלן אונדז צום מיליטער. דאָס איז איין טענה. די צווייטע איז וועגן פּאַטערלאַנד, וועגן פּאַטריאָטיזם. נו, דו פאַרשטייסט אַליין, אַז מיר זיינען דערוויל נאָך אַ קליינע מינ־דערהייט און דעריבער קאָנען מיר נישט דערקלערן קיין גענעראַלשטרייק. און אַליין, ווי יחידים, נישט גיין אַרבעטן און נישט שטעלן זיך צום מיליטער, וועט קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן נישט ברענגען. דער פּרייז אָבער, וואָס יעדער איינער וועט מוזן צאָלן דערפאַר, וועט זיין צו גרויס: הונגער, נישט אַליין, נאָר די פאַמיליע. די ערגסטע רעפּרעסיעס, אַפילו טויטשטראַף.

יעקב איז אויפגעשפּרונגען, ווי ביי פּערעלען:

— הונגער... מורא... מ'האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַרן טויט, אַז מ'גייט אַזש געהרגעט ווערן אויפן שלאַכטפעלד... און געוויסן? ווו איז געוויסן!?

שטשעלקאָווסקי האָט אָנגענומען זיין פריינט און אים צוריק אַנידערגעזעצט:

דו גייסט דאָך אַליין מאָרגן שוין צו דער אַרבעט. אַזוי האָסטו געזאָגט. און פאַרוואָס? — ווייל דו מוזט געבן פיר מענטשן צו עסן און אַליין האָסטו אויך אַ מאָגן. מורא... דו ווייסט, אַז מיר זיינען נישט קיין פּחדנים. אָבער אַוועקגעבן דאָס לעבן, דאָס טייערסטע, טאָר מען נישט גלאַט אַזוי אויף אַ לייכטזיניקן אופן. ניין, מיר זיינען נישט קיין אינדיווידואַליסטן. אָט צו וואָס אינדיווידואַליזם קאָן פירן: צו אַ טעראָריסטישער באַוועגונג, וואָס וועט ווערן אַ זומפּ פון מאָרד און פאַרברעך! איך מיין דיין פריינט מיקנשלעגער, פייגעס ברודעס. איך ווייס וועגן דעם; כ'בין עס געוווּיר געוואָרן. מ'זאָגט, אַז ער האָט שוין אַ גאַנצן פּלאַן וועגן געהיימע פאַלקס־געריכטן. נישט בלויז הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און געווילטע פאַרלאַמענט־מיט־גלידער אין אַ בורזשואַזנער מלוכה זאָלן אָפּגערוימט ווערן, נאָר אויך אינדוסטריעלער, ריכטער, געזעצגעבער, אויספירער און היטער פון געזעץ, אַפילו קליינע און מינ־דערוויכטיקע פּאָליציסטן. דאָסזעלבע אויך אין אַ פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטיש לאַנד.

נו, זאָג דו אַליין, ליכטענבערג! איז אַזאַ וואַנזין נישט דער פּראָדוקט פון דעם סאָרט געוויסן, וועגן וועלכן דו רעדסט אַלעמאָל? צום גליק ווערן אַזעלכע געהיימע באַוועגונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט שוין אין מיטלאַלטער, (די פעמאמאַרדן), — שנעל אויפגעדעקט און דערשטיקט. דאָס געוויסן, דאָס אַבסאָלוטע געוויסן אין דיין טערמינאָלאָגיע, חבר ליכטענבערג, איז אַבסורד! דו וואָלסט באַדאַרפט באַקעמפן אין דיר די רעליגיעזע דערציִונג, וואָס דו האָסט באַקומען.

יעקב האָט געשמייכלט איראָניש:

— דו מיינסט, איך זאָל צעשטערן דעם פונדאַמענט... זאָל דאָס געשען, ליבער פריינט — איך מיין אין אַלגעמיין — פאַלט איין די גאַנצע געביידע, וועלכע די סאָציאַליסטישע אידייע האָט געבויט ביז איצט, און אַלע, אַלע, אַלע צוזאַמען, מיט די בויער פונעם סאָציאַליזם אומעטום, בלייבן אונטער אירע חורבות.

שטשעלקאָווסקי האָט זיך צעלאַכט מיט זיין שיינעם, געזונטקלינגענדיקן געלעכטער. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו כעליאַן:

— פאַרוואָס־זשע זעט מען זיי נאָך נישט? עס ווילט זיך שוין פאַרברענגען פריילעך, דערצו נאָך, אַז דו האָסט אַלץ צוגעגרייט, טייערע, אַפילו שנאַפּס. אָך, יאָ!

— ער האָט זיך פלוצים דערמאָנט און זיך ווידער געווענדט צו יעקבן:

— פאָטערלאַנד, פאַטריאָטיזם. דעם אַרבעטער, זאָגסטו, איז נישט קיין נפקא מינא צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיין עקספּלואַטאַטאָר געהערט. דאָס איז נישט ריכטיק, זייער פאַלש! פאָטערלאַנד איז אַ גרויסע זאַך. פאַטריאָטיזם איז פון ערשטער וויכטיקייט. פאָלק און היימלאַנד בלייבט פונדאַמענטאַל. — דערהערנדיק אַ סך טריט אויף די סקריפּענדיקע שטיגן האָט ער אויסגערופן: — זיי גייען שוין! ביידע, ער און כעליאַ, האָבן זיך דערפרייט.

4

ס'זיינען געקומען חברים און חברטעס. צווישן זיי די חברטע גרינצווייג און דער פירער פון דער לינקער פויערים־באַוועגונג. (געקומען אַזש פון דאָרף). די מיידלעך האָבן זיך צעקושט מיט כעליאַן, עטלעכע אויך מיט יוזשעקן. מיט דינהטשען האָט כעליאַ זיך גאָר באַזונדערס געפרייט. יעקב האָט ביים געבן דינהטשען די האַנט, זי געפרעגט:

— פאַרוואָס־זשע האָט איר נישט מיטגעבראַכט אהרנען? מיר האָבן דאָ נאָר וואָס גערעדט וועגן אים.

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אָך...

אַ סך פון די געקומענע האָבן זיך אַנטשולדיקט:

— אַביסל צו שפּעט שוין. אָבער פון היינט אָן מוז מען אַרבעטן אויבערשעהן.

די שטימונג איז באַלד געוואָרן אַן אַנדערע, אַ פריילעכע, אַ חבריש־יום־טובדיקע. איינער פון די געסט האָט מיטגעברענגט אַ פלעשל משקה. די חברטעס האָבן געברענגט בלומען, אויך נאַשוואַרג. קיין סך בענקלעך זיינען נישט געווען. דעם טיש האָט מען צוגערוקט צום בעט. דאָך האָבן נישט אַלע געהאַט ווו צו זיצן. כעליאַ

האָט אויפֿן טיש אָװעקגעשטעלט אַלע גוטע זאַכן, װאָס זי האָט אײַנגעקױפֿט. דער־זעענדיק דאָס פֿלעשל שנאַפּס, האָבן עטלעכע חברים פֿרײדיק גענומען שפּאָסן: — „חברטע כעליאַ!... אַלקאָהאָל״... — זי האָט זיך פֿאַרענטפֿערט: — „איך מאָל שאָדט נישט״. יוזשעק האָט זי פֿאַרטײדיקט און דערבײַ געקיבעצט יעקבן: — „אַבסאָלוט נישט״... — ער האָט זײַן געליבטע אַרומגענומען: — „אָבער זײַ נישט טרויעריק, כעליאַ... איך בעט דיך; זײַ נישט טרויעריק״... — אויך די חברים האָבן זי געבעטן: „זײַט נישט טרויעריק, חברטע״. — עטלעכע יונגעלײַט האָבן גערופֿן: — „מיר װעלן באַלד אויך גײן, מען האָט אונדז שוין גערופֿן״. — עטלעכע מײדלעך האָבן טרויע־ריק באַשטעטיקט: — „יאָ, שוין גערופֿן״.

מ׳האָט געעפֿנט די צװײ פֿלעשלעך און אָנגעגאָסן.

— לחיים!...

— אויף דער רעװאָלוציע אין אונדזער לאַנד!...

— אַ קאָמוניסטישע!...

— װער דען זאָל מאַכן? די פּעפּעעס? זי מאַכט פּראַזן!...

דער פֿויער האָט אויסגערופֿן:

— אויפֿן זיג פֿון דער רויטער אַרמײ!...

— הוראַ!... ניעך זשיע!... זאָל לעבן!...

עס זײַנען געװען בלויז עטלעכע שנאַפּסגלעזלעך. די רעשט האָבן גענומען צו ביסלעך אין טײגלעזער, אין טעפּעלעך. שטשעלקאָװסקי האָט בײַם צוזאַמענשטויסן זײַן טעפּל מיט יעקבס, אים װידער געקיבעצט:

— אויף דאָס אַבסאָלוטע... — זײַ האָבן זיך צעקושט.

די חברטעס האָבן גענומען זינגען אַ רעװאָלוציאָנער ליד און די חברים האָבן אונטערגעכאַפּט. װידער האָט מען אָנגעגאָסן און װידער געזונגען. מ׳האָט צוגעביסן פֿון די גוטע זאַכן, גענאַשט, גערעדט, געשפּאַסט, געלאַכט. עמיץ האָט דערזען דאָס ביכל אויפֿן טיש און געפֿרעגט: „פֿאַרצולעזן?״ דער באַלעבאָס האָט געענטפֿערט:

— די חברטע כעליאַ האָט הײַנט געהאַט חשק מיר פֿאַרצולײענען דאָס באַ־רימטע געדיכט: „איז אַװעק צום קריג דער מלך״. געמײנט, אַז דאָס פּאַסט אויף מיר...

אַלע האָבן אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. כעליאַ האָט גערופֿן:

— איך בין בלויז געװען אין אַזאַ שטימונג...

יוזשעק האָט גענומען דאָס ביכל פֿונעם חבר און עס אונטערגעטראָגן זײַן געליבטער: — לײען טײַערע! — זי האָט זיך געחנדלט: — אָ, נײן! פֿאַרלעזן קאָן איך נישט, כ׳האָב אין דער שולע קײנמאָל נישט געקאָנט. — איך אַװדאי נישט, — האָט יוזשעק פֿרײלעך געחוזקט און געװיזן זײַנע הענט: — קאָן בלויז לײגן ציגל, אײנעם לעבן אַנדערן אָן אַ װאַסערװאָג, און װעט זײַן גלײַך מיט דער שנור...

— אָבער איך קאָן אויך נישט, — האָט כעליאַ זיך אַלץ געעקשנט און גע־חנדלט. אָבער די חברים האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט און זי האָט גענומען דעקלאַמירן:

„איז אַװעק צום קריג דער מלך —
בלאָזן אַלע שופֿרות פֿרײלעך.
שופֿרות בלאָזן, רױשן, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען״.

זי האָט פאַרענדערט איר שטימע, פון מעצאָסאָפּראַן שיער אין מענלעכן באַ־ריטאָן, אין אַ פעסטן, רעוואָלוציאָנערן. די ריטמען — ווי פעסטע טריט פון אַ מאַרשירנדיקער אַרמיי:

„איז אָוועק סטאַך זיך שלאָגן,
האָט דער טייך געוומען קלאָגן,
און די זאַנגען שטיל צו ציטערן,
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערן".

איר ביטערקייט און פּראָטעסט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער:

„אויפן שלאַכטפעלד, אונטן, אויבן —
פלִיען קוילן, מענטשן ליגן.
מלכים שלאָגן זיך ווי לייבן,
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן".

ווען זי האָט געענדיקט האָבן זיך ביי קיינעם נישט געהויבן די הענט צו פּאַטשן בראַוואָ; אַזוי דערשיטערט זיינען אַלע געווען. די מייסטע האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, כמעט אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט פאַר־קלעמטע הערצער און צוזאַמענגעפּרעסטע פויסטן, איז דער פויער אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן:

— איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער! — ער האָט אָנגעהויבן רעדן, אָבער נאָך עטלעכע מינוט האָט ער אויפגעהערט: — ניין, נישט די צייט אויף ווערטער איצט... — ס'איז אויך געווען שוין שפּעט. איין חבר האָט געמאָלדן: — עס איז באַלד איינס! די חברים האָבן גענומען זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. טייל האָבן זיך מיט זייער חבר געזעגנט אין שטוב און אים געווונטשן בשלום דורכצופירן זיין אויפגאַבע אויפן שלאַכטפעלד און געזונט צוריקצוקומען. די רעשט, צוזאַמען מיט כעליאַן, האָבן יוזשעקן באַגלייט צו דער באַן.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

פּ אַ ט ר י אָ ט ן

1

שוין עטלעכע וואָכן, אַז די פאַרוואַלטונג פון דער יִדישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט געגרייט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. זי האָט די פאַרזאַמלונג אַנאָנסירט אין איר פאַראיין דורך אויפשריפטן אין ביבליאָטעק־צימער, אין דער גרויסער שטוב, ווו די חברים זיינען כמעט יעדן אָוונט זיך צוזאַמענגעקומען און פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל טיי און צובייס, וואָס מ'האָט באַקומען ביים בופעט פאַר מעסיקע פּרייזן, פאַרברענגט ביי שפּילן שאָך אָדער דאָמינע און שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן. אין גרויסן זאַל זיינען געהאַלטן געוואָרן באַלערנדיקע לעקציעס איבער

פאַרשידענע טעמעס: געשיכטע פון סאָציאַליזם, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטערבאַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער, וועגן יידישער און אַלגעמיינער גע־שיכטע, וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועגן געאָגראַפּיע און וועגן געוויסע צווייגן אין דער נאַטורוויסנשאַפט, וועגן ליטעראַטור און פּעדאַגאָגיק (פאַרשטייט זיך, אַלץ אין אַ לייכטער און פּאָפּולערער פאָרעם). די לעקציעס זיינען פאָרגעקומען מייסטנס אין די אָוונטן, ווען דער אַרבעטער האָט צומאָרגנס נישט באַדאַרפט גיין אַרבעטן. אין דאָזיקן זאַל, וועלכער איז געווען באַשטימט אויך פאַר גרויסע פאַרזאַמלונגען און וויכטיקע פייערונגען, האָט די פאַרוואַלטונג, דורך אויפשריפטן אויף די ווענט, אַנאָנסירט די וויכטיקע פאַרזאַמלונג, צו וועלכער יעדער מיטגליד מוז קומען. אַלץ איז געטאָן געוואָרן, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל זיין אַ גרויסער דערפאָלג.

אַ גרויסער עולם (נישט בלויז אַרבעטער און מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך אַנדערע) האָט זיך געגרייט צו דער פאַרזאַמלונג, ווייל ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מ'וועט באַהאַנדלען נישט בלויז פראַגן וועגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע, נאָר אויך די פראַגע וועגן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, וואָס איז געוואָרן בערנפעלס אַ געשעפט.

נאָר אין שטאָט האָבן זיך פּלוצים גענומען פאַרשפּרייטן טרויעריקע ידיעות וועגן די שלאַכטן אויף די פּויליש־רוסישע פראָנטן. די רעגירונג און די פּרעסע האָבן אָבער, אדרבה, גאָר געהאַט געשטייגערט דעם פאַרשיכורנדיקן אָפּטימיזם פון אַלערליי זיגן, גרויסע און גאָר גרויסע, ווי: „אונדזער העלדיש מיליטער האָט צע־שמעטערט דעם שונא"... „דער אומגעוויינטלעכער מוט פון אונדזער העראָישער אַר־מיי"... „צענערטויזנטער גענומען געפאַנגען"... „אַ פיינטלעכע אָפּטיילונג פאַרניכ־טעט"... „פאַרכאַפּט גאַנצע בערג געווער און אַמוניציע"... „בריקן אויפגעריסן"... „אַריינגעהאַקט אַ קלין"... „פאַרנומען נייע סטראַטעגישע פּאָזיציעס"... „דעם פיינט צוריקגעיאָגט"... „אונדזער גרויסער פעלדמאַרשאַל"... אאַז"וו א"וו. נאָר דאָס פאָלק, און גראָד די פּשוטסטע מענטשן, די מאַסן, וואָס גלייבן אַלץ און זיינען מיט אַלץ מסכים — גראָד זיי האָבן, ווי תמיד, אינסטינקטיוו דערפילט די סכנה און זיינען געוואָרן אומרויק.

דער אינטערעס צו דער פאַרזאַמלונג איז דעריבער ביי אַ סך געוואָרן זייער קליין. דאָך זיינען געקומען גענוג מענטשן. דער גרויסער זאַל פונעם פּאַראַיין איז געווען פול געפּאַקט. אַ סך האָבן מיט דער פּאַרטיי און מיט סאָציאַליזם בכלל גאָר־נישט געהאַט צו טאָן, אַזעלכע ווי בערל פאַרבער און איציק באַלעגאָלע. ס'זיינען אויך געקומען שילער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, צווישן וועלכע ס'זיינען געווען: נח, יאָסקע, אַבישל, דער שוואַרצער גאָדל, אָשרל לעקעך און בערקע פּעצער, קלמן בלאַכערזשס צוויי יינגלעך און בנימין. די קליינע חברה איז שיער צעקוועטשט געוואָרן. אָבער דאָס האָט זיי ווייניק געאַרט; זיי זיינען געווען שטאָלץ ביי זיך און זיך געהאַלטן פאַר קעמפער פון דער גרויסער זאַך. ציפּע האָט זיך געפילט ווי אַ קרובה למלכות...

2

אויפן פּאָדיום זיינען ביים טיש געזעסן בלויז דריי מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: פייגע, אַבראַמטשיק און יעקב. אהרן און דינהטשע זיינען געבליבן

אונטן, צווישן עולם. דער חבר קרומהאָלץ האָט איבערגעלייענט די פּונקטן פון סדר־היום: 1) דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט; 2) די לאַגע אין לאַנד און 3) אונדזער שטעלונג צו דער לאַגע. ער האָט רעפערירט וועגן די אַלע דריי פּונקטן און דאַן בקיצור צוזאַמענגעפאַסט וועגן יעדן פּונקט באַזונדער און פאָרמולירט אין פּראַגעס, וואָס זיינען געוועזן געווענדט צו די פאַרזאַמלטע:

— דאַרף און קאָן דער קאָמיטעט, וואָס איז אַ געזעלשאַפטלעכער ענין, בלייבן אין די הענט פון עטלעכע מענטשן ווי אַ פּריוואַטער עסק, אָדער ער מוז ווערן אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע, די זאַך פון דער באַפעלקערונג, וועלכע זאָל אויף אַ דע־מאָקראַטישן אופן ווילן אַ פאַרוואַלטונג אַנצופירן מיט דער סאָציאַלער הילף ווי עס געהערט זיך? דאָס געלט, מיליאָנען, ווערט אין אַמעריקע צום גרעסטן טייל געזאַמלט צווישן די האָרעפאַשנע מאַסן. די דאָרטיקע אַרבעטער־יוניעס און די לאַנדסמאַנשאַפטן נעמען דעם גרעסטן אָנטייל אין דער זאַך. אַ סך געלט גיבן אַזעל־כע, וועלכע האָבן אָרעמע קרובים אָדער משפחות אין פּוילן; טייל שיקן דורכן קאָמיטעט גאַנץ פיינע סומעס צו עלטערן, צו טאַטעס אָדער צו מאַמעס, צו שוועס־טער אָדער ברידער, צו פרויען און קינדער, און דאָס געלט, איך ווייס עס גענוי, ווערט אין אַ סך פאַלן צוגעשטעלט נישט אינגאַנצן, און אין טייל פאַלן לגמרי נישט.

ער האָט גערעדט וועגן פּונקט 2 און געענדיקט:

— איך בעט אין דער דיסקוסיע שפּעטער זיך אַרויסצוזאָגן, צי די מלחמה, וואָס אונדזער לאַנד פירט איצט, איז אַן אימפּעריאַליסטישע, ווי די קאָמוניסטן באַהויפּטן אין זייער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע, אָדער מיר פאַרטיידיקן זיך בלויז קעגן דעם שונא, וועלכער איז אָנגעפאַלן אויף אונדזער פאָטערלאַנד, וואָס איז ערשט נישט־לאַנג באַפרייט געוואָרן נאָך הונדערטער יאָרן קנעכטשאַפט אונטער די שטיוול פונעם זעלבן שונא! די מלחמה אַצינד ווערט געפירט פון אונדזער סאָציאַליסטישער פּויערים־ און אַרבעטער־רעגירונג קעגן דעם מערדערישן באָלשעוויזם, וואָס רייסט זיך איבער די גרענעצן פון אונדזער פאָטערלאַנד, צו פאַרוואַנדלען אונדזער פריי־הייט אין דער דיקטאַטור פון אַ קליינער מינדערהייט, אַ דיקטאַטור, וואָס דערשיסט יעדן מאַן אָדער פרוי בלויז פאַר האָבן אַן אייגענע מיינונג! די קאָמוניסטן ווילן פּוילן אַריינוואַרפן אין אַ שרעקלעכן בירגערקריג, אין וועלכן עס דערהרגעט איין ברודער דעם אַנדערן, קינדער קעמפן קעגן עלטערן און עלטערן קעגן קינדער, מען שעכט זיך קעגנזייטיק! אַ בלוטיקער קאָשמאַר! מען נעמט פון יעדן איינעם אַוועק אַלץ, וואָס ער האָט! אַלץ ווערט קאָנפיסקירט! מ'קריגט נישט מער צו קויפן קיין פּיצל ברויט, קיין טראָפּן מילך פאַר די קינדער! אין רוסלאַנד וואַלגערן זיך הונדערטער טויזנטער טויטע אין די גאַסן! מאַמעס עסן דאָס פלייש פון זייערע אייגענע טויטע קינדער!

אין זאַל איז געוואָרן אַ ליאַרעם. דינהטשע איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בענקל און געגומען שרייען:

— דאָס אַלץ איז ווילדע דעמאַגאָגיע! עס איז נישט אמת, אַז פּוילן פאַרטיידיקט זיך בלויז! נישט רוסלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן, נאָר פּונקט פאַרקערט: פּוילן איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד! פון דער ערשטער רגע אָן, אַזוי ווי פּוילן איז נאָר באַפרייט געוואָרן, האָבן די פּוילישע וואַכסאָלדאַטן אויף דער פּויליש־רוסישער גרע־נעץ געמאַכט כסדרדיקע איבערפאַלן אויף די רויטאַרמייער! דעמאָלט האָט מען

עס נאָך גערופן צווישנפאַלן! עס איז אויך נישט אמת, אַז אַ גרויסער טייל פון דער פוילישער ערד איז געבליבן ביי רוסלאַנד נישט באַפרייט! עס איז פונקט פאַרקערט! פוילן האָט באַלד ביים אָנהייב פון איר באַפרייאונג פאַרכאַפּט טיילן פון ווייסרוס־לאַנד, ליטע און אוקראַינע! זאָגן נישט די פוילישע שאָוויניסטן, אַז פוילן מוז זיך ציִען פונעם מזרח־ים ביזן שוואַרצן ים, דאָס הייסט, פון דאַנציג ביז אָדעס? איז קיִעוו אַ פוילישע שטאָט? נישט דאָס פוילישע פאָלק, ניין! נישט די פוילישע אַר־בעטער און פויערים פירן די דאָזיקע אימפּעריאַליסטישע מלחמה — יאָ, אימפּעריאַ־ליסטישע! — נאָר די פוילישע שאָוויניסטן, די פוילישע קאַפּיטאַליסטן! — זי האָט זיך צעלאַכט: — דעמאָקראַטיע, סאָציאַליסטישע פויערים־ און אַרבעטער־רעגירונג!... כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... — מיט דער אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט האָט זי געטייטלט צו הערשן אויפן פּאָדיום: — זעט, חברים! דאָס איז אַן אַרבעטער, אַ פּראָ־לעטאַריער, אַ סאָציאַליסט! — זי האָט אים אויפגעפּאָדערט: — זאָגט דעם אמת! וויפל אַרבעטער באַשעפטיקט איר אין אייער פאַבריק? וויפל געלט האָט איר אין דער קורצער צייט געמאַכט פון די רעגירונגס־באַשטעלונגען פאַר דער מלחמה! אוודאי, פאַר אייך און פאַר נאָך אַזעלכע סאָציאַליסטן לוינט זיך די מלחמה!... פון דעם אַרבעטערס פּראַצע און שווייס און פון זיין בלוט, וואָס גיסט זיך אויף די שלאַכטפעלדער, ווערט איר אַלץ רייכער און רייכער! ביים טיש זיצט די צוקונפטיקע פּרוי זיינע, אויך אַן „אַרבעטערן", אַ „פּראָלעטאַריערן", אַ „סאָציאַליסטקע"... אַזעל־כע סאָציאַליסטן... — די רעשט האָט זי אַראָפּגעשלונגען, ווייל זי האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, וואָלט נישט געטויגט.

נאָר סיי־ווי האָבן זייער ווייניק פון די פאַרזאַמלטע געהערט וואָס די חברטע גרינצווייג האָט גערעדט, הגם זי האָט געהאַט אַ גענוג שטאַרק קול און געשריגן האָט זי מיט אַלע כוחות. דער ליאַרעם אָבער, וואָס ס'האָבן אויפגעהויבן הערשס און דעם חבר שפּיצמאַנס אָנהענגער (ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער פאַר־זאַמלונג), דאָס קלינגען מיטן גלעקל און רופן, אַז זי זאָל שפּעטער קאָנען קריגן אַ וואָרט, האָט איבערגעשטיגן איר שטימע. דינהטשע האָט געוווסט, אַז זי וואָלט זיך שפּעטער געקאָנט פאַרשרייבן צום וואָרט; זי האָט אָבער אויך געוווסט, אַז אַבראַמטשיק וועט אַזוי קאָמבינירן, זי זאָל נישט קומען צום וואָרט. ער וועט איר נאָמען פאַרשרייבן צולעצט און דאַן וועט זיין צו שפּעט: אַן אָפּשטימונג וועט אַנט־שיידן אַז ס'איז מער נישטאָ קיין צייט נאָך ווייטער צו פירן די דיסקוסיע. אויך איז זי צו אויפגעקאָכט געוואָרן פון הערשס דעמאַגאָגיע און זי האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן. אָבער זי האָט דערגרייכט דאָס קעגנטייל, ווייל דער גרעסטער טייל פון די פאַרזאַמלטע, אַלע טאָקע אַרעמעלייט, אָבער מיט קליינבירגערלעכע השגות, האָבן פאַר הערשן באַקומען גרויס יראת־הכבוד, דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז שוין אַ גרויסער נגיד... פאַר די אַנדערע ווידער, די כלומרשט שוין באַוווסט־זיניקע אַרבעטער — חוץ פאַר גאָר אַ קליינעם טייל באמת אויפגעקלערטע — איז חבר קרומהאַלץ געווען דער פירער פון זייער פּאַרטיי. און אַזוי ווי דידאָזיקע פּאַרטיי איז געווען פאַראייניקט מיט די פ.פ.ס. און די רעגירונג איז געווען אַ סאָ־ציאַליסטישע — איז דאָך דער חבר קרומהאַלץ געווען איינער פון דער מאַכט...

אין זיין רעזומע וועגן דריטן פונקט האָט הערש געמאַכט אַ הייסן אַפּיל, אַז אַלע חברים, אַלע בירגער פון לאַנד, זאָלן אין איצטיקן קריטישן מאָמענט זיך

שטעלן ווי אין מאַן הינטער דער רעגירונג, אַז זיי זאָלן שטיצן די מלחמה מיט אַלע זייערע כוחות, מיט געלט, מיט אַרבעט — קיין שום קרבן זאָל נישט זיין שווער פאַר זיי ביים פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. ער האָט געמאָלדן, אַז די חברטע פייגע — אַנוועזנדיק אויף איר ביים טיש — נעמט אָן געלט פאַרן רויטן קרייץ. אויך קאָן מען זיך ביים טיש פאַרשרייבן צו פרייוויליקער אַרבעט און אַפילו אַלס פריי־וויליקער סאָלדאַט. די נעמען פון די, וואָס וועלן זיך דאָ פאַרשרײַבן אַלס פריי־וויליקע סאָלדאַטן, וועלן גלײַך, נאָך הײַנט, איבערגעגעבן ווערן דער מיליטערישער קאָמיסיע בײַ דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און מאָרגן פרי זאָלן זיי זיך דאָרטן מעלדן. ער האָט געענדיקט אונטער אַ באַגײַסטערטן אַפּלאָדיס.

דער חבר שפּיצמאַן, דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, איז אויפגעשטאַנען פון שטול און נאָכן אָפּקלינגען מיטן גלעקל אפשר אַ גאַנצע מינוט, האָט ער געבעטן זיך פאַרשרייבן צום וואָרט און צו וויסן־געטאָן, אַז באַלד נאָך דער דיסקוסיע, איי־דער דער חבר קרומהאָלץ וועט אין זיין שלוסוואָרט ענטפערן אַלע, וועט פאַרקומען דאָס זאַמלען געלט פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם פאָטערלאַנד און דאָס פאַרשרייבן זיך אויף פרייוויליקער אַרבעט און אַלס פרייוויליקע צום מיליטער. ער האָט אַפּעלירט:

— איך בעט, אַז צום וואָרט זאָלן זיך פאַרשרייבן די, וועלכע האָבן באמת עפּעס צו זאָגן, און אַז יעדער זאָל ביים רעדן זיך פאַסן קורץ.

3

נאָר זעענדיק, אַז ס׳זיינען כמעט נישטאָ קיין אָפּאָנענטן, האָט דער חבר שפּיצמאַן געמאָלדן:

— צו דער דיסקוסיע האָבן זיך פאַרשריבן בלויז צוויי: איך און דער חבר ליכטענבערג. — ער האָט אַ חנעוודיקן דריי־געטאָן מיטן קאָפּ, אַ שטייגער ווי דער קאָלנער וואָלט אים געוועזן צו ענג, און אָנגעהויבן: — חברים און חברטעס! עס וואָלט זיך אפשר גאָרנישט געלוינט אָפּצושטעלן אַפילו אויף די סקאַנדאַליעזע געשרייען פון איינער, וואָס איז אין דער שטאָט גוט באַקאַנט... (ער האָט אָפּגע־הוסט). נישט פאַר אירע גרויסע אויפטואונגען פאַר דער מענטשהייט אויף וועלכן עס איז געביט... אַ שטיקל צייט איז זי געווען אַ מיטגליד פון אונדזער פאַרטיי, אַפילו פון דער פאַרוואַלטונג; נאָר אַצינד איז זי אַ קאָמוניסטקע. אפשר וועט זי דאָס אָפּלייקענען? דאַן זאָל זי פּרוּװער אָפּלייקענען, אָבער עס זיינען דאָ עדות, אַז זי האָט געשיכורט און געהוליעט כמעט אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ חברה רויטע פון אירסגלייכן ביי דעם קאָמוניסטישן רעדלפירער פון דער שטאָט!...

אַזוי ווי אין זאָל האָבן אַ סך געגומען שרייען: „פוי... פוי״... האָט אהרן, צו־זאַמען מיט קאָמוניסטן און אַנדערע לינקע עלעמענטן, גענומען רופן: „דאָס איז פּראָוואָקאַציע! פערזענלעכע באַליידיקונג און באַשמוצונג! איך פּראָטעסטיר קעגן דעם!״ דער חבר ליכטענבערג איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול — רעכטס פון דער חברטע פייגע — און געזאָגט מיט ווייטיק:

— חבר שפּיצמאַן, פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג! איך בין שאָקירט און

אַנטריסט פון אַזאַ אופן רעדן אויפן פאַדיום מצד איינעם, וועלכער דאַרף זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר זיין יעדן וואָרט! דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר פּערזענלעכע חשבונות! ווי אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פאָדער איך אייך אויף צו אַ וויר־דיקער און זאַכלעכער שפּראַך! — ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט.

דער חבר שפּיצמאַן האָט געהערט זיין קול:

— איך בעט נישט צו מאַכן קיין אַבסטרוקציעס כסדר, און אויך אייך, חבר ליכטענבערג, בעט איך דאָס! דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג בין איך, און איר האָט דעריבער נישט קיין רעכט מיר צו מאַכן וועלכע ס'איז באַמערקונג! ווער פירט זיך דאָ אויף אומווירדיק? ווער האָט אויפגעהויבן אַזאַ וויסטן ליאַרעם, ווען דער חבר קרומהאַלץ האָט גערעדט? — ער האָט נאָך שטאַרקער געהעכערט זיין קול: — אויף אַ געמיין פּאַרלוימדערישן אופן האָט די חברה קאָמוניסטן דאָ אין זאַל געוואָלט דיסקרעדיטירן דעם חבר קרומהאַלץ, איינעם פון די אָנגעזעענסטע חברים פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכע מיר אַלע אין דער שטאָט, מיר אַלע יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן, אַכטן און שעצן! (כמעט אַלע האָבן אַפּלאָדירט). אין וואָס באַשטייט זיין זינד? ער האָט געעפנט אַ ווערקשטאָט און באַשעפטיקט אַ 20—30 מענטשן. נו, פרעג איך: ווען האָט דער חבר קרומהאַלץ געעפנט דעם ווערקשטאָט? איז ער פריִער אַמאָל געווען אַ פאַבריקאַנט? האָט ער אַמאָל עקספּלואַטירט וועמען? זיין גאַנץ לעבן, פון יינגלווייז אויף, האָט ער שווער און ביטער געאַרבעט, ווי מיר אַלע! ביי עלף יאָר איז ער שוין געוואָרן אַ רימאַרזש! ביי די 12—13 יאָר איז ער שוין אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי! ער האָט אומדערמידלעך געהאָלפן אונטער־גראָבן דעם צאַריזם; ער האָט געקעמפט מיט מסירת נפש קעגן דער בלוטיקער רעאַקציע, קעגן פינצטערן קלעריקאַליזם, קעגן דער מאַכט פון רויבערישן קאַפּי־טאַליזם! ער האָט געקעמפט פאַרן פּראָלעטאַריאַט! פאַר אַלע אָרעמע און אונטער־דריקטע! פאַר אַ שענערער און ליכטיקערער וועלט — פאַרן סאָציאַליזם! ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער שרעקלעכער „אָכראַנע" און נאָך יאָרן שמאַכטן אין פינצטערע טורמעס האָט מען אים אַ געשמידטן אין אייזערנע קייטן פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע קיין סיביר! ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט ווידער שווער און ביטער געהאָרעוועט אין אַ פאַבריק און דאָרט אויפסניי אומדער־מידלעך פאָרגעזעצט דעם שווערן און ביטערן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט! און ווען ער איז פאַר דער מלחמה צוריקגעקומען אַהער, האָט ער זיך גלייך פון ערשטן טאָג אָן אַריינגעוואָרפן אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג! ווער האָט די פּאַרטיי, אין דער געפערלעכער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, אויפסניי אָרגאַניזירט? און איצט, ווען דאָס לאַנד איז אין געפאַר, ווען אַלע דעראָבערונגען פון אונדזער פּראָלעטאַריאַט זיינען באַדראָט, דער סאָציאַליזם, וואָס האָט געקאָסט אַזויפיל קרבנות, אַזויפיל בלוט, שטייט אין סכנה! אונדזער העלדישע אַרמיי, געפירט פון אונדזער חבר, דעם העלדישן פעלדמאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, קעמפט קעגן אַ שרעקלעכן שונא אויפן שלאַכטפעלד! איצט, ווען עס פאַלן די בעסטע זין פון אונדזער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד, איז עס אַ חוב, אַ הייליקער חוב פון יעדן בירגער, פון יעדן איינעם פון אונדז, צו העלפן מיט אַלע כוחות און אַלע פעיִקייטן! יעדער מוז טאָן אַלץ צו געווינען די מלחמה! קיין שום קרבן טאָר נישט זיין צו טייער! דער חבר קרומהאַלץ — אַ ברילאַנטענער אָרגאַ־

ניזאַטאָר מיט אַ ברויזנדיקער איניציאַטאָרישער קראַפט — האָט דידאַזיקע אומ־שעצבאַרע פעיִקייטן זיינע איצט געשטעלט אין דינסט פון זיין סאָציאַליסטיש פאָ־טערלאַנד! אונדזער אינדוסטריע האָט אומגעהייער געליטן פון דער אימפּעריאַ־ליסטישער מלחמה! דעריבער איז יעדע פאַבריק, יעדער ווערקשטאַט, וואָס עמיץ שאַפט איצט, אַן אומגעהיירע הילף פאַר דער פאַרטיידיקונג! פאַר וועמענסוועגן אַרבעט מען אין חבר קרומהאַלצס ווערקשטאַט? פאַרקויפט ער די אויסגעאַרבעטע זאַכן צו סוחרים, וואָס וואָלטן אים געצאָלט גאָלדענע פרייזן? ניין, ער אַרבעט פאַרן מיליטער! דאָס אייגענע טוט דער חבר סאַראָקע! יעדער פון אונדז באַמיט זיך אין דער איצטיקער שווערער שעה איינצושפּאַנען אַלע זיינע פעיִקייטן פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם פאָטערלאַנד! און וואָס טוען די קאָמוניסטן? זייער אייגן פאָטערלאַנד פאַרראַטן זיי! זיי טרייבן סאַבאָטאַזש! זיי גראָבן אונטער די פאַרטיי־דיקונג! זיי שטערן ווו און מיט וואָס זיי קאָנען נאָר! און אַזעלכע האָבן נאָך די העזה דאָ אַהערצוקומען און אונדז צו קריטיקירן! — און מיט אַ נידעריקערער שטי־מע: — איצט עטלעכע ווערטער וועגן אונדז אַלס יידן. מיר מוזן מיט באַזונדערער מסירת־נפש זיך אַריינוואַרפן אין דער פאַרטיידיקונג! פאַר די אַלע רעכט, חוץ דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, אויך פאַר דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס די רעגירונג האָט אונדז געגעבן און וואָס וועט דורך דער קאָנסטיטוציע, נאָך דער מלחמה, גאַראַנטירט ווערן!

4

דאָס איז געווען נישט בלויז אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע, נאָר אַ פּלאַמיקע רעדע, איינע פון זיינע רעדעס, אין וועלכע ער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט און איז דעריבער געווען זייער פּאָפּולער צווישן די מאַסן אין דער שטאָט. ער האָט באַקומען אַ שטורמישן אַפּלאָדיס, שיער אַ גרעסערן ווי פריִער דער חבר קרומהאַלץ. דער עולם איז געווען אינגאַנצן מיטגעריסן און האָט גאַרנישט געוואָלט אויפהערן צו פּאַטשן בראַוואָ. איציק באַלעגאַלע, דער טאַטע, האָט געקליבן גרויס נחת פונעם זון און באַקומען דרך־ארץ פאַרן סאָציאַליזם, פון וועלכן ער פלעגט שטענדיק אָפּלאַכן. חנהטשע האָט געהאַלטן איר וואָרט, וואָס זי האָט יענעם שבת אין סאָד געגעבן איר אַבראַמטשיקן און איז איצט געווען ביי דער פאַרזאַמלונג. (זי וואָלט אים אַמליבסטן אַצינד אַרומגענומען און געקושט). ווי אַ זיגער האָט אַבראַמטשיק עטלעכע מאָל געבויגן דעם קאָפּ, געדאַנקט דעם עולם פאַר דעם הילכיקן אַפּלויז און דאַן געגעבן דעם חבר ליכטענבערג דאָס וואָרט.

יעקב האָט זיך אויפגעשטעלט. עפּעס איז געווען אינעם אויסדרוק פון זיין נישט שיין פּנים, וואָס האָט אַרויסגערופן יראת־הכבוד אַפילו ביי די, וועלכע האָבן פון אים חוזק געמאַכט. ער האָט איצט אויסגעזען זייער טרויעריק, אַ סך טרויע־ריקער ווי שטענדיק, און באַזונדערס בלאַס. זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן אָבער, ענלעכע צום פּאַטערס, תמיד מיט אַ טיפן צער אין זיי, האָבן איצט געהאַט אין זיך יענץ מאַטע ליכט, וואָס מ׳זעט ביי גרויסע יידישע חכמים, וועלכע זיינען שטענדיק פאַרטראַכט, מיטן בליק אין דער אייביקייט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין אָנהייב און קיין סוף; אין יעדער זאַך און אין יעדער געשעעניש זוכן זיי דאָס אָפּגעקלערטע, דעם

אמת, צו וועלכן דער מענטשלעכער שכל האָט זיך דערגרונטעוועט אין די טויזנטער און טויזנטער יאָרן זוכן; פאַרן פרומען איז עס דער געטלעכער אמת און פאַרן נישט־פרומען — דער אַבסאָלוטער אמת. פאַר יעקבס בליק איז אַצינד געשטאַנען דער פאָטער, דער סופר, אָבער נישט קיין קראַנקער. יעקב האָט אין דעם מאָמענט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זיין פאָטער איז שווער קראַנק, אַז ער ליגט שוין עטלעכע יאָר אין בעט און האַלט אייגנטלעך שוין פאַרן שטאַרבן. פאַר יעקבס בליק איז אַצינד געשטאַנען דער פאָטער, נישט בלויז ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אינגאַנצן געזונט און האָט אויסגעזען ווי אַ שיינער בוים (לויט יוכבדס אויסדרוק), הויך און גלייך, נאָר ווי עפּעס אַ געטלעכע געשטאַלט. דידאַזיקע געשטאַלט האָט צו אים אַצינד גערעדט שטיל און געלאַסן געציילטע ווערטער. פּונקט אַזוי האָט דער חבר ליכטענבערג אַצינד גערעדט צו די פּאַרזאַמלטע: געלאַסן און רויק. ער האָט גע־רעדט וועגן סאָציאַליזם, וואָס איז פאַר אים אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, וועגן קאַמף פאַר עקאָנאָמישער גלייכהייט, וואָס מיינט פאַר אים אין תוך, נישט בלויז, אַז יעדער מענטש זאָל עסן צו דער זאַט און בעסערע שפּייזן, זאָל וווינען שיין און גיין מענטש־לעך אָנגעטאָן, נאָר דער עיקר: אַז די אומגערעכטיקייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, די אומגערעכטיקייט, וואָס איז אַ דערנידערונג פאַרן מענטש.

— עס גייט אינעם אויסלייזן דעם מענטש, — האָט ער געזאָגט. — דער קאַמף מוז געפירט ווערן קעגן יעדן סיסטעם פון אַ מלוכה, אין וועלכער עס קאָן הערשן אומגערעכטיקייט! עס גייט אין ראַטעווען דעם מענטש פון דער אימהדיקער נאַכט, אין וועלכער ער איז פאַרזונקען אַלץ טיפער און טיפער! דאָס בלוט פאַרגיסן, וואָס הערט נישט אויף, מוז אָפּגעשטעלט ווערן! ווי לאַנג נאָך זאָל דער מענטש וויינען, פאַרגיסן טרערן אין זיין נויט, און די נויט אַליין פאַרלענגערן און פאַרלענגערן? ווי לאַנג נאָך זאָל דער מענטש באַגיין אַלע פאַרברעכנס, די שרעקלעכסטע: מאָרדן און ווערן געמאָרדעט? דער מענטש מוז דערלייזט און דערהויבן ווערן! ער אַליין מוז זיך דערלייזן און דערהייבן! עס איז אמת, חברים און פריינט, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אַז איין עבירה ברענגט די צווייטע; אַ ליגן, אַפילו פאַרן גרעסטן און הייליקסטן צוועק, איז אַ ליגן און איז גורם אַלץ וויטערע ליגנס, וואָס פירן סוף כל סוף צום שווערסטן פאַרברעך, ווי אָנגעזאַמלטע אויפרייס־גאַזן פאַראורזאַכן אַן עקספּלאָזיע. פּאָליטיק איז די וועבשטול פון ליגן. דעריבער וועט מען מיט פּאָליטיק נישט דערגרייכן דעם הויכן און הייליקן ציל, דעם סאָציאַליזם. דעם סאָציאַליזם וועט מען דערגרייכן נאָר דורך דעם געלייטערטן אמת און גרייטקייט פאַר אים צו ליידן און זיך פאַר אים מקריב צו זיין. דורך פאַרדרייען און פאַרקרימען דעם אמת, וואָס מען רופט דיאַלעקטיק, וועט נישט זיגן נישט די און נישט יענע פּאַרטיי. און איר זעט: דאָרט ברודערקאַמף און ברודערמאָרד; דאָ — צוזאַמען מיט אונדזער אייביקן שונא די בורזשואַזיע — גייען מיר אין מלחמה קעגן אונדזער בלוטנדיקן ברודער. ניין, נישט מיר גייען, נאָר מיר האָבן זיך אין דער מלחמה אַריינגעוואָרפן מיט דער גאַנצער לײדנשאַפט, מיט דער גאַנצער קראַפט פון וואַנזין.

נאָר מער האָט מען אים נישט געלאָזט רעדן. דער גרעסטער טייל פון די פּאַרזאַמלטע האָט געשריגן אויף די העכסטע קולות: — „געַנוג! געַנוג!" — אַ סך האָבן געוואָלדעוועט: — „ער איז אַ באָלשעוויק, אַ פאַרשטעלטער באָלשעוויק! אַראָפּ!" — דער חבר שפּיצמאַן, דער פאָרזיצער איצט, האָט געמוזט פּאָלגן די פּאַרזאַמלטע

און אָפּגעשטעלט יעקבן, ווייזנדיק אים אויף דעם שטורעם אין זאַל. ער האָט אים געבעטן זיך צוריק אַנידערצוזעצן לעבן דער חברטע פייגע ביים טיש. נאָר יעקב איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַמעלעכע, אונטערגעהאַקטע טריט אַראָפּגעגאַנגען פון פּאָדיום. ער האָט אין זאַל זיך אַוועקגעשטעלט ערגעץ אין אַ ווינקל און איז געשטאַנען שטיל.

אַבראַמטשיק האָט ווידער גענומען קלינגען און דאַן אָפּעלירט צום עולם צו געבן מיט ברייטער האַנט פאַרן רויטן קרייץ: צו געבן איבער די כוחות און זיך צו פאַרשרייבן אויף פריוויליקער אַרבעט און אין דער אַרמיי. צווישן עולם איז געוואָרן אַ גרויסע לעבעדיקייט, אַ פריילעכער געפּילדער. הונדערטער האָבן זיך געשטופּט און געפּאַקט צום פּאָדיום, זיך געריסן מיט געלט־פּאַפּירלעך אין די אויסגעשטרעקטע הענט און געליאַרעמט: „נעמט ביי מיר!... א, דאָ, אָ!... חברטע פייגע!... חבר שפּיצמאַן!... חבר קרומהאָלץ!"... אויך ער האָט געהאָלפן נעמען דאָס געלט. מיטביידע הענט האָט יעדער פון די דריי גענומען דאָס געלט פון די מענטשן וואָס האָבן זיך געשטופּט מיט אויסגעשטרעקטע הענט און געליאַרעמט: „נעמט ביי מיר!... נעמט ביי מיר!"... דוד האָט געשריגן: „איך גיב טויזנט!"... ציפּע האָט צעשאַרנדיק און צעוואָרפנדיק אַלע מיט ביידע הענט, ווי וויעסלעס פון אַ שיפל צווישן כוואַליעס, זיך געריסן צו דער ראַמפּע און געזונגען: „פאַר דער באַפרייאונג פון אונדז פרויען, פאַרן גלייכבאַרעכטיקן אונדז מיט די מענער — גיב איך אַלץ וואָס איך פאַרמאָג! אַ פינפהונדערטער, וואָס כ'האָב מיר אָנגעזאַמלט, געלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן! אַ טויט דעם שונא! אַ טויט דער בורזשואַזיע!" די קליינע חברה, מיט יאָסקען און דעם שוואַרצן גאָדל בראש, האָבן זיך דורכגעריסן צו דער ראַמפּע און אַרויפגעקוויטשעט: „חבר קרומהאָלץ! פאַרשרייבט מיך אויף אַרבעט! מיך אויך! מיך אויך"! אויך בנימין, כאָטש יעדעס וואָרט פון זיין ברודער יעקב איז פאַר אים געווען הייליק און ער האָט געוווסט ווי שטאַרק דערדאָזיקער ברודער איז קעגן מלחמה, האָט זיך פונדעסטוועגן געלאָזט פאַרשרייבן אויף אַרבעט; ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון די אַנדערע. מאָטיע קאַץ און לעמל גאַוער, די אַמאָליקע גנבים, זיינען געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן פאַר פריוויליקע אין דער אַרמיי.

פלוצים אָבער, קיינער האָט נישט באַמערקט וויאַזוי דאָס איז געשען, האָט דינהטשע, צוזאַמען מיט עטלעכע חברים, אַוועקגעשטעלט לאָזערן, דעם אינוואַליד, אויפן פּאָדיום. ער האָט זיך געוועהרט, אָבער די אַנדערע זיינען געווען שטאַרקער. שוין האָט דינהטשע געהאַט אַנטבלויזט די פאַרדאַרטע צוויי רעשטלעך פונעם איבערגעבליבענעם אָרעם און פונעם פוס. ווי אַ פלוצימדיקער בליץ איז דאָס געווען, און ווי אַ דונער דינהטשעס אויסגעשריי: „אַ בראָך צו אייער פּאַטריאָטיזם"!

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. ווען נישט איציק באַלעגאָלע און די צוויי אַמאָליקע גנבים וואָלט געווען געקומען צו אַ געשלעג. אָבער דינהטשען און די, וועלכע האָבן איר געהאָלפן אין דעם משונהדיקן איינפאַל, האָט מען אַרויסגעוואָרפן. יעקב איז אַוועקגעגאַנגען. דאָס געבן געלט פאַרן רויטן קרייץ און דאָס פאַרשרייבן זיך אויף אַרבעט און אין דער אַרמיי איז דאַן אָנגעגאַנגען אומגעשטערט.

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

דער סופר שטאַרבט

1

ווען יעקב איז אַהיימגעקומען, האָט די מוטער אים געזאָגט אַז דעם פּאָטער גייט גאָר שלעכט, נאָך ערגער ווי אינדערפרי: די היץ איז גרעסער געוואָרן. דער קראַנקער איז נישט געשלאָפן. ער האָט כמעט מער נישט געהוסט, אָבער ער האָט הויך געאָטעמט און געפּייפט, אַז מ׳האָט עס געהערט איבער דער גאַנצער שטוב. ער איז געווען איסגעווייקט פון שווייס. ביים בעט פונעם חולה האָבן געוואַכט, זיך טוישנדיק, איין נאַכט יוכבד און איין נאַכט יעקב. יעדן אינדערפרי האָט זיך געדוכט, אַז דעם קראַנקן איז עטוואָס בעסער, אָבער פון אַרום 4־5 נאָכמיטיק האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אייגענע: דער קראַנקער האָט גענומען גליען. זיינע ידידים, חוץ ר׳ מרדכי גאָלדבלום, זיינען כמעט יעדן טאָג געקומען אים מבקר־חולה זיין.

2

פרייטיק איז ר׳ שאול געלעגן ווי אַ גוסס. יוכבד אָבער האָט צוגעגרייט צום שבת אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זי האָט צוגערוימט די האַלבע שטוב, ריין געמאַכט, אויסגעשיט געל זאַמד אויפן דיל. ווען די זון, אַ גרויסע און פּאָמסרויטע, האָט פון בלויען מערב־הימל זיך געזעגנט מיט דער שטאָט, האָט זי אָנגעצונדן 18 ליכט, כמנין ח״י, מיט גאַנצע 12 מער ווי יעדן פרייטיקצונאַכט: אַ סגולה; אפשר וועט דאָס אָפּראַטעווען איר מאַן. חוץ די ליכט האָט זי אָנגעצונדן אויך דעם לאָמפּ, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פון סופיט. אינעם לאָמפּ האָט זי אַריינגעגאָסן מער נאַפט און דאָס פלעמל געשטעלט קליין, כדי ס׳זאָל ברענען אַ גאַנצע נאַכט. אויפן טיש האָט זי געלייגט דאָס שבת־יומטובדיקע טישטוך. די חלות האָט זי צוגעדעקט מיטן ראָזע אַטלאָסענעם חלה־טישטעכל, וואָס איז געווען זייער שיין אויסגעהאָפטן מיט גרינע, גאָלדענע, בלויע און רויטע פעדים. די מעשענע לייכטערלעך, געשייערטע, האָבן געבלאַנקט פונעם טיש אַראָפּ. ס׳האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי די פייערלעך פון די ליכט.

נאָר צוליב אַזויפיל ברענענדיקע ליכט האָט מען אין דער האַלבער שטוב געהאָט דעם געפיל ווי יום־כיפור אין אַ בית־תפילה צו נעילה... דער סופר איז אין זיין בעט כמעט געזעסן, ווייל יוכבד האָט אונטער זיין קאָפּ געלייגט אַלע קישנס וואָס זי האָט געהאָט. ער האָט זיך געהייסן אָנטאָן די שוואַרצע, אַטלאָסענע קאַפּאָטע, דאָס שטריימל און זיינע לענדן אַרומגאַרטלען מיט דער זיידענער גאַרטל. די פייערלעך פון די ליכט האָבן זיך גענומען שפּיגלען אויך אינעם אַטלאָס פון זיין קאַפּאָטע און האָבן באַלויכטן זיין ווייס פּנים. זיינע אויגן זיינען איצט געווען גרע־סער ווי תמיד; זיי האָבן געגליט מיט אַ מאָדנעם פייער און געהאַט אין זיך אַן אומ־היימלעכע טיפקייט, ווי ברונעמער אין אַ לבנה־נאַכט, ווען מ׳קוקט אַריין אין זיי...

דער ווייסער, ברייטער קאָלנער פונעם פריש אָנגעטוענעם העמד איז געווען איבער־געלייגט כמעט ביז אויף די אַקסלען. אויף זיי האָבן אַראָפּגעהאָנגען די לאַנגע געקרייזלטע פּאות. אויפן ווייסן, פריש איבערגעצויגענעם איבערבעט איז דער סידור געלעגן אויפגעמישט, כאָטש ר׳ שאול האָט אַלע תפילות, און אַ סך עמודים גמרא, געקאָנט אויסווייניק. נאָר אַזוי האָט ער זיך געפירט כל ימי חיו. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויפן זכרון, ווייל ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר גאווה. זיינע איידעלע, לאַנגע הענט זיינען געלעגן פאַרחלשטע אויפן אויפ־געמישטן סידור. אויף יעדער העלפט איין האַנט. דורך דער ווייסקייט פון זיי, שיער ווי ערשט געפאַלענער שניי, האָבן זיך אַרויסגעזען די צעצווייגטע בלויע אָדערלעך. די שוואַרצע הערעלעך האָבן געגלאַנצט פונעם שוויס, וואָס איז אַלמאָל אַרויסגע־טראָטן אויף דער הויט. דער סופר האָט שוין געהאַט געדאַוונט מינחה. די הענט האָבן איצט זאַנפט און צערטלעך געררוט אויפן דריטן און פערטן קאַפּיטל פון שיר־השירים אינעם אויפגעמישטן סידור. דער טיש איז איצט געשטאַנען לעבן קראַנקנס בעט.

בנימין און מאירל האָבן היינט געדאַוונט אין דער היים: די מוטער האָט זיי נישט געהייסן גיין אין בית־המדרש אַריין, כדי זיי זאָלן דעם פרייטיק־צונאַכטס מקבל־שבת־זיין ביים טאַטנס בעט און הייס תפילה טאָן פאַרן חולה, וואָס איז אַזוי מסוכנדיק. זי האָט זיך אָנגעטאָן דאָס ווייסע חופּה־קלייד, וואָס זי האָט נאָך געהאַט און געראַטעוועט צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס פאַר איר און פאַרן מאַן איז געווען הייליק און טייער. דאָס קלייד האָט זי אָנגעטאָן בלויז אין די ימים־נוראים און געהאָפט דעריין אַקעגנצוגיין משיחן מיטן מאַן און די קינדער און כל ישראל. זי האָט געהאַלטן איר סידור אין די ציטערנדיקע הענט און מיט גרויס כוונה הויך געזאָגט: „מזמור שירו לד׳ שיר חדש כי נפלאות עשה“... זי איז געשטאַנען צווישן בנימינען און מאירלען. זיי האָבן אויך געהאַלטן סידורים און צוזאַמען מיט דער מוטער מקבל־שבת־געווען און הייס געבעטן פאַרן פאָטערס געזונט, אַז זיי זאָלן נישט בלייבן קיין יתומים. זיי האָבן נישט געוויינט, כאָטש די טרערן האָבן זיי גע־שטיקט, ווייל שבת טאָר מען נישט וויינען; שבת מוז מען זיין פריילעך און זיי האָבן געזונגען: „בואי בשלום עטרת בעלה, גם בשמחה ובצהלה“.

נאָר יעקב האָט נישט געקאָנט מתפלל זיין. ער האָט געקוקט אויף די 18 אָנגעצונדענע ליכט, אויף דער מוטער און אויף די ברידערלעך און זיי איצט מקנא געווען: זיי דאַוונען, בעטן פאַרן קראַנקן טאַטן און ער קאָן נישט. זיי האָבן אַ גאָט, אַ מעכטיקן גאָט אין הימל און גלייבן, אַז ער קאָן דעם שטאַרבנדיקן צוריק געזונט מאַכן; ער וועט דאָס טאָן, אויב ער וועט דערהערן זייער תפילה. „און איך“, האָט יעקב געטראַכט, „איך גלייב אינעם מענטש, אין אַ וועלט פון אַבסאָלוטער גערעכ־טיקייט, אין אַ צוקונפט, אין וועלכער עס וועט הערשן אמת און יושר, ליבע און דערהויבנקייט, שיינקייט און האַרמאָניע; איך גלייב אינעם גייסט, אינעם שטרעבן פונעם מענטש זיך צו באַפרייען און דערלייזן פון אַלעם שלעכטן און נידעריקן; איך גלייב אין אַ מין געטלעכקייט, אין אַ מין געטלעכער קראַפט, וואָס צווינגט דעם מענטש צום געטלעכן. אָבער איך גלייב נישט אין יענעם גאָט, אין וועלכן כ׳האָב אַמאָל געגלייבט, אין דעם גאָט, צו וועלכן מ׳קאָן בעטן און וועלכער קאָן צוריק געזונט מאַכן אַ מענטש, וועלכער האַלט ביים שטאַרבן, ווייל ער האָט שוין מער

נישט קיין לונגען, ווי דער דאָקטער האָט געזאָגט״. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער, געזען ווי רויק ער איז, ער שטראַלט כמעט אין זיין ווייסקייט, איז באַהעפט נישט מיטן טויט, וואָס האַלט אים שוין אין זיינע שרעקלעכע אָרעמס, נאָר מיט דער אייביקייט, צו וועלכער ער קערט זיך אום ווי אין אַן אייביקער היים: צו גאָט, צו זיין פאָטער אין הימל.

און יעקב האָט זיך צעוויינט.

3

ווען יוכבד איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען האָט זי אַ קוש־געטאָן דאָס בלעטל פונעם סידור און אים צוגעמאַכט. אויך די קינדער האָבן צוגעמאַכט די סידורימלעך. עטלעכע מינוט האָבן אַלע דריי געוואַרט ביז דער קראַנקער איז פאַרטיק געוואָרן. ווען ער האָט געענדיקט און געזאָגט גוט־שבת, זיינען אַלע צו־געגאַנגען נאָך נענטער צום בעט, אויך יעקב, און געזאָגט כמעט אין איין קול: „גוט־שבת, טאַטע״! אויך יוכבד האָט געזאָגט: „טאַטע״. דערנאָך האָט זי מוסיף געווען: „מיין מאַן... אַ רפואה שלימה... אין זכות פון שבת קודש״...

דער סופר האָט אָנגעהויבן: „שלום עליכם מלאכי השרת מלאכי עליון״... אַלע, אויך די פרוי, אויך יעקב (ער איז מיטגעריסן געוואָרן) האָבן גלייך אונטערגע־כאַפּט: „שלום עליכם מלאכי השרת מלאכי עליון״... זייערע שטימען, צוזאַמען מיטן קראַנקנס, האָבן גענומען קלינגען אַלץ העכער: „מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״.

אין דער אַנדערער האַלבער שטוב איז גרוינעם מלמד צוריקגעקומען פון דאַווענען מיט זיינע צוויי יינגלעך. ער האָט דער פרוי זיינער נאָכן קידוש גענומען דערציילן מעשיות פון בית־המדרש און אויך פון באָד.

ר׳ שאול האָט געפילט, אַז די נשמה זיינע שיידט זיך פונעם גוף, אָבער ער האָט געגלייבט און איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער האָט ביי דער שמונה־עשרה געפועלט ביים רבונו של עולם, אַז ער וועט נישט שטאַרבן אום שבת, כדי אים נישט צו פאַרשטערן און נישט צו דאַרפן וואַרטן אַ גאַנצן מעת־לעת אויף דער קבורה. דער געדאַנק איז ביי אים נאָך אַלץ געווען קלאָר. זיין קול־נגינה איז, פאַרשטייט זיך, שוין געווען זייער שוואַך. ער איז אויך געווען עטוואָס הייזעריק. אינגאַנצן אַן לונגען שוין, ווי ס׳האָט געהייסן, איז זיין קול אַרויסגעקומען ווי פון אַ ליידיקן, געפּלאַצטן טאָפּ. דאָס האָט אים מצער געווען. אָבער ער האָט זיך גע־שטאַרקט און גענומען זינגען זמירות. ביסלעכווייז איז זיין קול געוואָרן ריינער, העכער און אויך עטוואָס קלינגענדיקער. די קינדער, באַזונדערס בנימין און מאירל, האָבן דעם טאַטן צוגעהאָלפן זינגען. די פייערלעכקייט פון שבת און די זמירות האָבן אַלץ מער און מער פאַרטריבן די שווערע טרויעריקייט. פון די פיש (קליינע פיצלעך פאַר יעדן) און פון די אַנדערע שבתדיקע מאכלים (אַלץ זייער בצמצום) האָט דער קראַנקער קוים טועם געווען, בלויז לכבוד שבת.

אין דער אַנדערער האַלבער שטוב האָט גרוינעם געפירט טיש. דאָרט האָט העניע געגעבן דעם מאַן און די קינדער גרויסע שטיקער געפילטע פיש, גרויסע טעלערס גראַפּלעך מיט יויך, גרויסע פּאָרציעס פלייש. אַלץ איז געווען פון בי־ליקסטן: קליינע פישעלעך, לונג און לעבער, מאַרדע, פיס. דער עיקר אָבער איז

געווען, אַז עס זאָל זיין אַ סך. אַ גרויסע חלה, אַ האַלב ברויט, אַ רעטעך, אויך אַביסל בראַנפן. דערנאָך מייערנצימעס. דער מלמד האָט געזונגען זמירות און די צוויי יינגלעך האָבן אים געמוזט צוהעלפן. (יאָסקע האָט געכאַפּט אַ פּאַטש פאַר נישט וועלן זינגען).

דער סופר האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס ער האָט געמוזט לעבן מיט די גראָבע מענטשן אונטער איין דאַך. ווען ער האָט געהאַלטן ביים בענטשן זיינען אַריינגעקומען ר׳ מרדכי גאָלדבלום און ר׳ איסר. ביידע האָבן געזאָגט צוויי מאָל: „גוט־שבת, גוט־שבת" און געפרעגט: „נו, וואָס מאַכסטו, שאול? ווי גייט עס דיר? השם יתברך וועט העלפן". ר׳ מרדכי אַליין: „כ׳האָב צוגעאיילט אַביסל. אַ גאַנצע וואָך קאָנעך נישט קומען". ער האָט זיך געשעמט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן: „שוין נאָכן עסן? אויך נאָכן בענטשן?"

— געבענטשט האָמער נאָך נישט.

— אָבער שוין געזונגען אַלע זמירות?

ר׳ איסר האָט געענטפערט פאַר ר׳ שאולן:

— זמירות קאָן מע זינגען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

ר׳ מרדכי האָט מסכים געווען:

— אַוודאי. נו, זינגזשע, איסר, „ברוך אל עליון". מ׳וועט זינגען „כל מקדש", „צור משלו אכלנו". דו, יעקב, העלף אויך צו! כ׳געדענק אַז דו האָסט געהאַט אַ גאַנץ גוט קולעכל, ווען דו ביסט מיטן טאַטן מיטגעקומען צום טיש ביי מיר.

ווידער האָבן זיך צעקלונגען דעם רבינס ניגונים, איצט נאָך פריילעכער און נאָך שטאַרקער ווי פריער. דערנאָך האָט ר׳ מרדכי דערציילט, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון רבין:

— ער, זאָל לעבן, האָט איינמאָל ביי טיש געזאָגט, אַז עצבות קאָן מען פאַר־טרייבן נאָר דורך זמר, אפילו מיט אַזאַ זמר, וואָס איז ווי געוויין. ווייל אין זמר איז נישטאָ קיין עצבות, פונקט ווי אין תפילה. דאָס, וואָס פאַר טייל מענטשן איז אין זמר עצבות, איז אין דעראמתן גאָר ערנסטקייט. זמר איז כלו חדווה, חדווה אין כלערליי מדרגות. זמר איז לויטער קדושה און די העכסטע תפילה. זמר, אויב געזונגען מיט אַ קול יפה ונאה און אין דבקות, קומט אָן אין די עולמות עליונים.

ר׳ איסר האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער ס׳איז דאָ אַ חילוק אין עצבות, ס׳איז דאָ עצבות פון אַ גאָר, גאָר הויכער מדרגה, דורך וועלכער מ׳קאָן אַפילו האָבן עלית נשמה. נאָר ס׳איז שבת קודש, איז גלייכער, מ׳זאָל נאָך עפּעס זינגען.

ביידע געסט האָבן געזען, אַז דער קראַנקער איז שוין צופיל אויסגעמאַטערט פון דער אָנשטרענגונג און באַשלאָסן מקצר צו זיין. זיי האָבן בלויז פאַר יוצא וועגן, כדי דעם קראַנקן זאָל גאָרנישט אויפפאַלן, נאָך געזונגען עפּעס, נאָך געשמועסט אַ צוויי מינוט און דאַן האָט ר׳ איסר געזאָגט:

— לאָמער זינגען שיר המעלות, שאול, און בענטשן. דו ביסט דאָך אַ שטיקל חולה...

ביידע האָבן געמערקט, אַז ס׳איז אפשר שוין די לעצטע שעה, ווייל אין קראַנקנס אויגן האָט איצט געפלאַקערט אַ מאָדנער פייער. ער האָט ווידער גענומען גליען און די אָדערן אין האַלדזגריבל האָבן ווי געציטערט, דער ברוסטקאַסטן האָט

זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. אינגאַנצן אוממעכטיק איז דער קראַנקער איצט געלעגן, דער קאָפּ צוריקפאַלנדיק און די הענט כמעט לעבנלאָז שוין. ביידע פריינט האָבן געהאַט דעם זעלבן געדאַנק: „אפשר גאָר נישט אַוועקגיין?״ נאָכן בענטשן האָט ר׳ איסר געפרעגט:

— וואָלסטו נישט געוואָלט, שאול, אַז כ׳זאָל בלייבן די נאַכט ביי דיר? דיין ווייב און יעקב זיינען דאָך אַוודאי אויף די גאַנצע וואָך ביי דיין בעט. זאָלן זיי די נאַכט זיך אויסרוען.

— יעך וועל אויך בלייבן, שאול, — איז ר׳ מרדכי אַריינגעפאַלן ר׳ איסרן אין די רייד.

דער קראַנקער האָט געענטפערט מיט אַ שוואַך קול, קוים באַוועגנדיק מיט די ווייסע ליפּן:

— ניין. צ׳מעגט גיין. אַ גרויסן יישר־כוח פאַרן קומען.

זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען און געזאָגט:

— אַ גוטן שבת און אַ רפואה שלימה בזכות שבת קודש.

4

די נאַכט איז פאַרן קראַנקן געווען אַ זייער שווערע. נאָך דעם ווי אַלע ליכט זיינען אויסגעגאַנגען, איז אין דער האַלבער שטוב געוואָרן טונקל. בלויז דאָס קליינע, אַראָפּגעדרייטע פלעמל פונעם זעקסערלאָמפּ האָט געוואָרפן אַ מאַטע שיין איבערן קראַנקנס פּנים. בנימין און מאירל האָבן אויך געוואָלט בלייבן וואַך ביים פאָטער, אָבער זיי זיינען איינגעשלאָפן אינעם אָנטאָן און יעקב האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף דער מוטערס בעט. נישט איינמאָל האָט יעקב זיך דערשראָקן, דערזעענדיק ווי דאָס פּנים פונעם טאַטן האָט זיך פּלוצים פאַרענדערט, ווי ער האָט אויפגעהערט אינגאַנצן צו אָטעמען (אַזוי האָט זיך אים געדוכט) און ער האָט פאַרצווייפלט גענומען רופן: „טאַטע! טאַטע!״ ער האָט גענומען רייבן דאָס קאַלטע פּנים מיט עסיק, די שלייפן, די הענט און די פולסן פון די הענט, און דער קראַנקער האָט ווידער געעפנט די אויגן. יוכבד האָט זיך אַזש געטרייסלט אינגאַנצן, אַזוי האָט זי געציטערט און גערופן: „שאול! שאול!״

נאָר ווען אינדרויסן האָט אָנגעהויבן גרויען איז דער קראַנקער איינגעשלאָפן. דאָס אָטעמען האָבן נישט יוכבד און נישט יעקב געקאָנט הערן. דער קראַנקער איז געשלאָפן שטיל, ווי אַ נאָר־וואָס געבוירן קינד. זיין פּנים איז געווען געל, די נאָז פאַרשפּיצט און אינגאַנצן ווי אָן בלוט. דאָך האָבן ביידע דערקענט, אַז דער קראַנקער שלאָפט און זיך געפרייט איבער דעם רויקן שלאָף. אַרום אַכט איז ער אויפגעקומען און זיך געפילט עטוואָס בעסער, פרישער, בלויז זייער, זייער אָפּגעשוואַכט און די פיס קאַלט. ער האָט זיך געהייסן אָפּגיסן די נעגל, געזאָגט „מודה אני״, געהייסן זיך דאַן וואַשן און אים אָנטאָן דעם טלית. ער האָט געזאָגט אַלע ברכות, אַפילו מעביר געווען די סדרה און געדאַוונט. דאָך זייער שטיל, קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן. די רפואות און דאָס גלעזל בעוואַרקע האָט ער קוים אַראָפּגעשלונגען. עסן האָט ער גאָרנישט געקאָנט, אָבער ער האָט פון אַלעם טועם געווען, כדי יוצא

צו זיין. אויך די געזונטע איז גאַרנישט געגאַנגען אין מויל אַריין. דער האַלדז איז ביי אַלע געווען ווי צוגעשנירט, אַפילו ביי דעם קליינעם מאירלען. זמירות האָט דער קראַנקער שוין נישט געזונגען, נאָר געזאָגט. די קינדער האָבן זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און יאָ געפּרוווט זינגען, דעם טאַטן צוליב; אָבער אויך זיי האָבן די זמירות מער געזאָגט ווי געזונגען. דאָס טישפירן האָט דעריבער נישט לאַנג געדויערט. ווען דער סופר איז פאַרטיק געוואָרן מיטן בענטשן, האָט מען אין בית־המדרש ערשט געהאַלטן ביי קריאת־התורה.

נאָכן בענטשן האָט דער סופר געזאָגט, אַז ער וויל בלייבן מיט יעקבן אַליין. ווען די פרוי און די צוויי קינדער זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געוויזן יעקבן, אַז ער זאָל זיך אַנידערזעצן לעבן אים אויפן בעט. ר׳ שאול האָט גענומען רעדן צום זון וועגן דער גרויסער ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין אים פון דער מלחמה אָן, זינט ער איז קראַנק געוואָרן, און געזאָגט:

— מיין געדאַנק איז איצט זייער קלאָר, ווי בעת ס׳ווערן מגלה גרויסע סודות התורה. אין מיין לעבן בין איך דערצו זוכה געווען בלויז טיילווייז, ביי אַ גרויסער עלית הנשמה. כ׳ווייס, אַז כ׳וועל באַלד דאַרפן שטיין פאַרן כסא־הכבוד און אָפּגעבן חשבון פון מיין לעבן אויף זיין ערד פון אַלע מיינע מעשים. ס׳איז דעם בוראס רצון, אַז די נשמה מיינע זאָל זיך שיידן פונעם זינדיקן גוף. איך נעם עס אָן באהבה, ווי כ׳האָב אַלץ, וואָס איז געקומען פון זיין האַנט, אָנגענומען באהבה. מסתם האָבעך געטאָן אַ סך עבירות. אָבער כ׳האָב קיינמאָל נישט, נישט איין רגע אין מיין לעבן, אויפגעהערט צו גלייבן אין אים, אין אַלע זיינע מעשים און אין זיין תורה, וואָס איז מייסט פאַרהוילן פאַרן מענטש, פאַר אַזאַ פשוטן בשר ודם ווי איך בין. דעריבער האָפעך און בין בטוח, אַז ער וועט מיר אַ סך מוחל זיין. וואָס כ׳האָב געקאָנט האָבעך געטאָן: כ׳האָב אָפּגעהיט זיינע מצוות און מיך אַקעגנגעשטעלט דעם יצר־הרע לויט מיינע כוחות.

דער קראַנקער האָט זיך אָפּגערוט עטלעכע מינוט. גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, זייער, זייער פּאַמעלעך, אָבער יעדעס וואָרט אַרויסגעברענגט דייטלעך פון מויל. יעקב האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און אויפגעריסענע אויגן געשלונגען יעדעס וואָרט אַצינד פונעם פאָטער. ער האָט געשוויגן און געוואַרט ביז דער פאָטער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן. ר׳ שאול האָט געזאָגט:

— כ׳ווייס אַצינד קלאָר, אַז כ׳בין אויף אַ האָר נישט אָפּגעטרעטן פון דת, דורך דעם, וואָס כ׳האָב איינגעזען, אַז דו ביסט אין אַ סך זאַכן, וואָס דו האָסט כסדר גע־טענהט און הערסט ניט אויף צו טענהן, גערעכט. ס׳איז אַלץ תורת אמת. הקדוש ברוך־הוא האָט דאָס אַלץ גערעדט צו משהן און צו אַלע זיינע נביאים נאָך משהן. דעריבער ביסטו אינעם עיקר, יעקב מיין בכור, אַ ייִד. אַוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען דו ביסט אַ ייִד אויך אין אַנדערע זאַכן, אין אָפּהיטן אַלע דינים, אין פרומקייט און גלייבן אין בורא־עולם, אין דאַווענען און מקיים זיין אַלע מצוות. אָבער דאָס אַלץ דאַרף אַליין קומען פון האַרץ. ייִדישקייט שטעקט אינעם האַרץ. וועלעך דיר גאָר־נישט אָנזאָגן איצט, כ׳וועל אויף דיר נישט גוזר זיין, פון דיר נישט פאַרלאַנגען קיין שום צוזאָג, אַפילו נישט, אַז דו זאָלסט נאָך מיר זאָגן קדיש. אָבער דאָס איינע זאָג איך דיר יאָ אָן, לאָז איך דיר ווי אַ צוואה: „געדענק, מיין זון! גאָטס וואָרט און זיינע וועגן פון גערעכטיקייט קאָן מען בלויז לערנען און פאַרשן און דאָס

לערנען אַנדערע. קודם כל מוזטו אָבער אַליין זיין אָפּגעהיטן אין דעם, וואָס דו לערנסט יענעם; טאָרסט נישט אָפּטרעטן, נישט רעכטס און נישט לינקס כחוט השערה. אמת איז דער עיקר און דורך שקר קומט מע נישט צום אמת. דורך טאָן אומגערעכטיקייט דערגרייכט מען נישט קיין גערעכטיקייט. עס איז ווי דו וואָלסט געוואָלט פון פייער מאַכן וואַסער אָדער פון וואַסער פייער. והשנית: קיין שום אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט אָפּגעטאָן, גייט נישט פאַרלוירן. יעדע אומגערעכ־טיקייט איז ווי אַ פונק, וואָס טליִעט און ווערט נישט פאַרלאָשן. און ווען ס'האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פונקען — ווערט אַ פלאַם; עס ברעכט־אויס אַ שריפה, וואָס פאַרברענט און מאַכט חרוב הייזער און אויך שטעט. אַוודאי גייען אויך די מצוות און די מעשים טובים נישט פאַרלוירן. פאַר זיי ווערט געגעבן שכר, ווי פאַר עבירות און פאַר מעשים־רעים ווערט געגעבן עונש. ביים משפט ווערט ביידעס געוויגן. ס'גע־ווענדט זיך וועלכע וואָגשאָל ס'ציט אַראָפּ און וועלכע אַרויף. מחילה וסליחה קומט, ווען די מצוות און די מעשים טובים וועגן איבער, נאָר שטראָפן פאַר זינד שטראָפט ער אַליין, ער משפט און איז מקיים פסק מיט זיין אייגענער האַנט, אָדער דורך זיינע שליחים.

מער האָט דער סופר נישט געזאָגט. אין זיינע אויגן האָט ווידער געצונדן פלאַקערן דאָס שרעקלעכע פייער פון נעכטן ביינאַכט. ס'איז אים נישט מער געווען אַזוי קלאָר אין קאָפּ, ווי די גאַנצע צייט, ווען ער האָט גערעדט. ווען יוכבד איז צוריק אַריינגעקומען פון דרויסן מיט די צוויי יינגלעך, צוזאַמען מיט ר' מרדכין און ר' איסרן — זיי זיינען באַלד נאָכן עסן ווידער געקומען מבקר־חולה זיין זייער ידיד — האָט דער סופר קוים נאָך דערקענט וועמען. אויף דעם גוט־שבת פון די געסט האָט ער נישט געענטפערט. אָבער ער האָט געשטאַמלט ווערטער, וועלכע נאָר ר' איסר און יעקב האָבן אויפגעכאַפּט און פאַרשטאַנען. דער גוסס האָט גע־זאָגט: „אין דער לעצטער ביטערקייט הייבט זיך אָן די זיסקייט... אין דער לעצטער זיסקייט — די ביטערניש... פאַר חיי האמת איז דאָ אַ הויכע שוועל מיט לאַנגע שפּיציקע מעסערס... יעדער מוז די שוועל אַריבערגיין"...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה. דאָך איז דעם סופרס נשמה אויסגעגאַנגען ערשט, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן אויפן הימל.

5

איבערגעבליבן ביים מת איז בלויז ר' איסר, חוץ די פרוי און די קינדער. ר' מרדכי גאָלדבלום האָט זיך געאײלט אָוועקצוגיין, ווייל זינט מ'האָט די פאַבריק זיינע אָנגעהויבן אויפבויען, איז ער געווען שטאַרק באַשעפטיקט און געהאַט ווייניק צייט.

און ס'איז געווען שוין אַרום אינמיטן דער נאַכט. דער מת איז געלעגן אויף דער ערד, צוגעדעקט ביז איבערן קאָפּ. ס'זיינען געשטאַנען ליכט און האָבן גע־ברענט. בנימינען און מאירלען האָט העני אַריינגענומען אין איר האַלבער שטוב און זיי געלייגט שלאָפן. יוכבד האָט מער נישט געקאָנט וויינען און נישט שרייען. זי האָט זיך געשאָקלט הין און הער, הין און הער, און פון איר האַרץ האָט זיך

אַלעמאָל אַרויסגעריסן: „ווי איז מיר״! דער פּרוש האָט אַריינגעקוקט אין ספר איוב. יעקב האָט געגלאָצט מיט זיינע איצט גאַרנישט זעעוודיקע אויגן. און אָט איז ער אַ פאַל־אַרויף־געטאָן אויפן טויטן פאָטער, האָט אָפּגעדעקט זיין געל, פאַרענ־דערט פּנים, געכאַפּט זיינע וואַקסענע הענט צו די ליפּן, זיי געקושט און יאָמערלעך געשריגן: „טאַטע! טאַטע״...

ר׳ איסר האָט אים קוים אָוועקגעריסן.

קאַפּיטל ניינאונדרייסיק

אין לעצטער שעה?

1

עס זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן נאָכן סופרס טויט. די אומרויִקייט צווישן די מענטשן איז געוואָרן אַלץ גרעסער, כאָטש די פּרעסע און די מאַכט האָבן זיך באַמיט אָפּצוּלייקענען די קלאַנגען, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן די שלאַכטן אויף די פראָנטן און אַרויסגערופן די אומרויִקייט. אויף די ווענט פון ראָטהויז איז אינמיטן מאַרק, אויף קיאָסקן און ווענט פון הונדערטער הייזער האָבן זיך גענומען מערן מודעות און התראות פון פּאָליציי און אַרמיי: אַז פאַר דעזערטירן און שפּיאָ־נאַזש קומט טויטשטראָף און די שולדיקע וועלן דערשאָסן ווערן; אַז די בירגער ווערן אויפגעפאָדערט צו קעמפן פאַר זייער פאָטערלאַנד, עס צו פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט און צו העלפן דער רעגירונג מיט אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר דער מלחמה.

דאָס האָט פאַרשטאַרקט די מהומה.

די פירער פון אַלע פאַרטייען, פון די רעאַקציאָנערסטע און קלעריקאַלסטע ביז צו די סאָציאַליסטן, חוץ די קאָמוניסטן, די פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער און יידישער רעליגיע, די חשובע פון דער שטאָט און די קולטור־טוער — אַלע האָבן אין זייערע אינסטיטוציעס מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע גענומען נאָך מער וועקן און שטאַרקן די פּאַטריאָטישע געפילן און קרבנות־וויליקייט ביי דער באַפעלקערונג.

שבת נאָך קריאת־התורה האָט דער רב געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה פאַר די מתפללים. אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און סאַמעטן קאַפּל, די לאַנגע פּאות ביז די אַקסלען און באַזונדערס פיין געקרייזלט, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי שנורן רינגען; די באָרד צעקעמט, כדי זי זאָל אויסקומען נאָך ברייטער און לענגער און פאַרדעקן די גאַנצע ברוסט ביזן גאַרטל — אַזוי איז ער געשטאַנען אַן איינגעהיל־טער אין טלית און גערעדט. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ פּסוק פון דער סדרה: „ד׳ אלהיכם ההלך לפניכם הוא ילחם לכם״. ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין שבחים וועגן פּוילן, דאָס לאַנד וואָס האָט אַריינגענומען צו זיך די יידן, געעפנט פאַר זיי די גרענעצן, ווען אַלערליי שונאים האָבן זיי געוואָלט פאַרטיליקן און געטריבן פון זייערע היימען. „מיר זיינען געווען געיאָגטע און געהעצטע״, האָט דער רב אויס־גערופן. „ווי ווילדרויב זיינען מיר געווען, ווען דער יעגער פאַרפאָלגט עס מיט

שפיז און פיילאונבויגן, און קיין הייל ווו צו אַנטרינען איז נישטאָ. דעמאָלט האָט פוילן אויסגעשטרעקט צו אונדז איר רחמנותדיקע האַנט און דורך דער ברייט־געעפנטער טיר אונדז אַריינגענומען אין איר היים, האָט אונדז געגעבן וואַסער צו טרינקען, ברויט דאָס האַרץ אונטערצולענען און אַ געלעגער צו רוען. מיר זיינען דאָ געבליבן, ווייל אַ בת־קול מין השמים איז געקומען צו אונדז און גערופן: „פּה לין", דאָ זאָלסטו נעכטיקן. פוילן איז צו אונדז געוואָרן ווי אַ פאָטער צו זיינע קינדער. מ'האָט אונדז נישט געשטערט צו לערנען אונדזער תורה הקדושה און אָפּצוהיטן די אמונה פון אונדזערע אָבות. ס'האָבן זיך צעוואַקסן און צעבליט איבערן גאַנצן לאַנד יידישע קהילות, שולן און בתי־מדרשים, חדרים און ישיבות. און מיר האָבן ווי געטרייע קינדער תמיד געדינט דעם לאַנד און דעם מלכות און תמיד אין אַן עת־צרה זיינען מיר געשטאַנען אַקסל צו אַקסל און מיט מסירת נפש זיך געשלאָגן קעגן שונא. מיר האָבן מקריב געווען אונדזערע פאַרמעגנס און אונדזערע לעבנס און אַזוי וועלן מיר טאָן אַצינד". דער רב האָט גערעדט וועגן דעם, אַז פוילן איז אַצינד געגליכן צו אַ ניי־געבוירן קינד, אַז דאָס לאַנד איז ווי אַ גרויסער צדיק שווער געפּרווט געוואָרן אַ סך מאָל און האָט שווער געליטן אונטער דער קנעכטשאַפט פון די שונאים. „איצט וויל דער שונא", האָט ער אויסגערופן, „דאָס לאַנד ווידער פאַרקנעכטן, צעשטערן און פאַרוויסטן! ס'איז דער שונא פון יעדער אמונה און דת, דער כופר בעיקר, דער שטן — שמאל אַליין! מיר וועלן אים מנצח זיין, מיט גאָטס הילף, ווייל ד' אלהיכם לפניכם הוא ההלך ילחם לכם".

דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ הייליקן און פלאַמיקן פאַטריאָטיזם און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה בלב ונפש. יעדער האָט געגעבן וויפל און געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט. יונג און אַלט האָט זיך פרייוויליק געמעלדעט צום מיליטער. קינדער און פרויען, אַפילו שוואַכע און זקנים, האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט און געטאָן אַלץ, וואָס מ'האָט זיי געהייסן. חוץ דעם איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע און קאָנפיסקאַציע פון אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר דער מלחמה. די פּאָליצייַ האָט פאַרגרעסערט איר געיעג נישט בלויז אויף קאָמוניסטן, נאָר אויף יעדן, אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן דער חשד פון נישט פולשטענדיקער לאָיאַליטעט און קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג. די רעפּרעסיעס זיינען געוואָרן אַלץ ווילדער, די תפיסות זיינען געוואָרן איבערגע־פּאַקט מיט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

די מהומה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שגעון.

2

זונטיק האָט זיך צעקלונגען דער שווערער גלאָק פון דער קירך. דער טיפער באַס פון זיין קלינגען איז נישט געווען ווי יעדן זונטיק, ווען ער רופט צו דער מאָרגן־תפילה די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון דער שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער, נאָר ווי אַן אַליאַרעם ביי אַ שריפה. די טענער האָבן אָנגעפילט מיט אימה די קלאָרע לופט, וואָס איז געווען געזעטיקט מיט די ריחות פון דער צייטיקער תבואה אויף די פעלדער און די פירות אויף די ביימער; האָט דערציטערט די

הערצער און די ערד אונטער די פיס פון די זיך איילנדיקע מענטשן צו דער קירך. אַלט און יונג, פרויען און מענער, אַלע מיט פּחד אין די אויגן, האָבן פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דער אַנגסטיקער שעה. די פּויערים האָבן אין מחנות זיך געצויגן פון די דערפער. די מענער אין זייערע יוכטאָווע שטיוול, אין זייערע גראָבע לייוונטענע העמדער, אויסגענייטע פאַרנט מיט בלויע און רויטע קנעפּלעך און מיט סטענגעלעך פון די זעלבע קאָלירן אין די קעלנער, ווער אין גרויסע שטרויענע קאַפּעליושן, ווען אין בלויע מעטשעיוווקעס, ווער אין סוקמאַנעס און אין פּירשפּיציקע פּוטערנע היטלען, כאָטש די זון האָט שוין געשרפעט. די פּויערטעס אין בונטע קרעטענע און סיצענע ברייטע ספּאָדניצעס מיט פאַלבן אַרום און אַרום, אין געפּאַסטע טוניקעס, מיט טיכלעך אַרום די קעפּ פאַרבונדן אונטערן קין; די פאַרבן — שרייענדיקע: פלאַמיקרויט, פּאָמפּס, באָרדאָ, גרין, געל און ליליאַ; מיט פּאַסן און קווייטן און גרויסע און קליינע פּינטעלעך. גייענדיק דורך די שמאָלע וועגן און סטעזשקעס פון די פעלדער האָט זיך טייל פון זיי געדוכט, אַז די צייטיקע זאַנגען שרעקן זיך נישט פאַר דער קאָסע און סערפּ, וואָס איז שוין געשאַרפט זיי צו שנײַדן, נאָר פאַרן ביטערן גורל פון 1914־1915. נײן, פאַר קאָסע און סערפּ האָבן זאַנגען קיין מורא נישט; פון אַ לייכטן ריר, וואָס זיי פילן גאָרנישט אַפילו, פאַלן זיי. דערנאָך נעמט מען זיי צונויף אין גאָרבן און מ׳פירט זיי אַוועק אין שייער. אַנדערש איז ווען זעלנערישע שטיוול, אייזערנע פּאָדקאָוועס פון פערד און רעדער פון קאַנאָנען צעטרעטן און צעטראַמפּלען זיי, אָדער פײַער פון שראַפּנעלן פאַרברענען זיי.

די גלאָקן האָבן אויפגעהערט צו קלינגען. אין דער קירך — זי איז געווען פול געפּאַקט — איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ הייסע תפילה. אַ סך מענטשן זײַנען געבליבן אין דרויסן, ווייל זיי האָבן מער נישט געקאָנט אַרײַן אין געבעטהויז. זיי האָבן זיך צעשטעלט אויף די ברייטע געמויערטע טרעפּ פון דער קירך און אַפילו גאַנץ אונטן אויף אַ גרויסן שטח. די הויכע און ברייטע טויערן פון דער קירך זײַנען געבליבן אָפן, כדי דער עולם אינדרויסן זאָל קאָנען הערן די תפילות און מיטבעטן. פרום האָבן אַלע געקניט און געבעטן צו זייער גאָט אין הימל, צו יעזוסן זײַן זון אויפן קרייץ, צום הייליקן גייסט און צו דער הייליקער מאַריאַ אין אירע רויטע און בלויע געוועגדער און אין ווייסע טיולן געהילט. הייס האָבן אַלע מתפּלל געווען פאַרן פאָטערלאַנד, וואָס איז געווען אין גרויס סכנה און פאַר דער העלדישער אַרמיי, וואָס האָט פאַרגאָסן איר בלוט אויפן שלאַכטפעלד. פרום האָבן די מתפּללים זיך געבוקט און געצלמט און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און ציטערנדיקע ליפּן נאָכגעזאָגט די תפילות פונעם גלח. אַ סך ליכט האָבן געברענט נישט בלויז פאַרן אַלטאַר, נאָר אין אַלע נישעס, ווו עס איז געווען אויסגעמאָלט אָדער אויסגעהאַקט פון שטיין אַ הייליקער אַפּאָסטאָל. דער אָרגל האָט געשפּילט. דער כאָר פון יינגלעך האָט געזונגען. ביי די „אַווע מאַריאַס" האָבן אין גאָטספאָרכטיקייט טויזנטער פינגער פון פרויען באַרירט די שוואַרצע קרעלן פון די לאַנגע שנורן איינע נאָך דער אַנדערער. ווו מ׳האָט געדאַרפט האָבן די מתפּללים מיטגעזונגען מיט טרויעריקע און לאַנגגעצויגענע שטימען.

נאָך דער תפילה האָבן אַלע אין דער קירך זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע פלעצער. צווישן די פּני זײַנען היינט געווען דער גראַף זאַרעמבאַ, דער יאַסנע וויעלמאָזשנע וויקאָף, דער רייכער און אָנגעזעענער פּאַן קשיוויצקי און די הע־

בערע ציווילע באַאַמטע. אַלע אין פייערלעכע שוואַרצע פראַקן מיט מעדאַלן און זיידענע לענטעס. דאָך האָבן די עטלעכע מיליטערישע געסט און די צוויי פּאָליציי־שעפן, פאַן טשאַפּסקי און פאַן טשעמנאַוואָסקי אין זייערע גאַלאַ־אוניפאָרמען, אָמ־שטאַרקסטן געגלאַנצט. דער גלח איז געווען אָנגעטאָן אין די פייערלעכסטע בגדים: אין אַ ליליאַ סאַמעטענער מאַנטיליע מיט ברייטע גאָלדענע באָרדן, מיט אַ גרויסן צלם איבער דער ברוסט און אויפן קאָפּ אַ שוואַרצע מיץ. ער איז פייערלעך אַרויף אויף דער קאנצל און געפּרעדיקט וועגן דער באַדייטונג פון דער שווערער גורל־שעה פאַרן פאָטערלאַנד. נאָך דער פּרעדיקט האָבן זיך צעקלונגען דריי גלאָקן, דער שווערער באַס און צוויי קלענערע, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן שאַרפע, הויכע טענער. דער גרויסער גלאָק האָט מיט זיין באַס, ווי רווישנדיקע כוואַליעס, געדראָט, און די דינע, ווי זילבערנע טענער פון די צוויי קליינע גלאָקן, האָבן מבשר געווען נצחון און געוועקט האָפענונג און בטחון אין אַלעמענס הערצער. ביים דאָזיקן גע־קלאַנג איז דער גלח — און נאָך אים דער גאַנצער עולם — אַרויס פון דער קירך צו אַ פּראָצעסיע אַרום איר. פון גלחס ביידע זייטן, רעכטס און לינקס, זיינען גע־גאַנגען צוויי אַלטע בכבודיקע מענער אין ווייסע קיטלען, די גרויע קעפּ מיט גרויסע פליכן אַנטבלויזט און מיט פרומער פייערלעכקייט אויף די פּנימער. פאַרויס האָבן פיר ווייסגעקליידטע מענער געטראָגן אויף זייערע אַקסלען די פיר עקן פון די צוויי שטאַנגען, אויף וועלכע ס'איז אין אַ שווערן געשטעל געשטאַנען אַ בילד מיט אַ שוואַרץ פּנים, איינגערעמט אין אַ גרויסער גאָלדענער ראַם. פון דער ראַם האָבן זיך געצויגן בענדער, וועלכע ס'האָבן געהאַלטן ווייס־געקליידטע בתולות. איינער, אויך ווייסגעקליידט און אין בלויזן קאָפּ, האָט געטראָגן אַ גאָלדענע זון מיט שטראַלן און צוויי בתולות אין ווייסן האָבן געטראָגן דאָס שווייסטוך. הינטער זיי אַלעמען איז געגאַנגען דער גלח מיט די צוויי זקנים. פון ביידע זייטן זיינען געגאַנגען בחורימלעך אין ווייסע העמדלעך איבער זייערע מלבושימלעך. זיי האָבן געטראָגן פייערפאַנען אויף זילבערנע קייטעלעך און זיי געוויגט אַהין און צוריק, כדי ווייט צו פאַרשפּרייטן דעם שמעקנדיקן קטורת־רויך. אין דער ערשטער ריי פונעם טויזנטקעפּיקן עולם נאָכן גלח זיינען אין דער פּראָצעסיע געגאַנגען די חשובסטע. אַלע אָן היטלען. די טריט געמאָסטענע. דריי מאָל איז די פּראָצעסיע געגאַנגען אַרום דער קירך. דערביי האָט דער גלח און דער כאָר געזונגען קאַפּיטלעך תהילים.

נאָך דער פּראָצעסיע, נאָך אַלע תפילות און הייליקע צערעמאָניעס, איז אין ראַטהויז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פייערלעכע זיצונג, צו וועלכער עס זיינען פאַרבעטן געוואָרן אויך די פאָרשטייער פון דער ייִדישער עדה, מיטן רב, בערנפעלן און ר' יאָסל פוקסמאַן בראש. זיי זיינען געקומען פון בית־המדרש, וווּ עס איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ תפילה פאַר אַ נצחון פון פוילישן חיל. אינדרויסן פאַרן ראַטהויז זיינען געשטאַנען די טויזנטער קריסטן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער קירך. זיי האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן מאַרקפּלאַץ. דערזעענדיק ווי עס דערנענטערן זיך צום ראַט־הויז דער רב און די אַנדערע ייִדישע פּני, האָבן די קריסטן זיך צערוקט, געמאַכט אַ וואַרע פאַר זיי. די קריסטן האָבן דעם עולם ייִדן, וואָס איז אָנגעקומען נאָך פריער, אַריינגענומען אין זייער מיט. פאַרגעסן איז געווען דער אַנטיסעמיטיזם, די שנאה, די פאַרפאָלגונגען, דער באָיקאָט און דער פּאָגראָם. באַלד האָבן זיך אויך באַוויזן אין אַ געשלאָסענער ריי פאַרברידערט די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון די פּוילי־

שע און די ייִדישע סאָציאַליסטן: דער חבר יאַן גנילאָווסקי און הערש קרומהאָלץ; צווישן די חברטעס יאַדעווישא סלאַמאָווא און פייגע מיקנשלעגער, אַבראַמטשיק שפּיצמאַן, יענדרעק קאַפּוסטאַ און נאָך אַנדערע. גלייך איז אימפּראָוויזירט געוואָרן אַן עסטראַדע פון אַ פעסל מיט דער דנאָ אַרויף און ביידע, צוערשט דער חבר יאַן און דערנאָך דער חבר קרומהאָלץ, האָבן גערעדט צו דער מאַסע, צו דער קריסט־לעכער און דער ייִדישער, וועגן דעם וואָס עס פאַראייניקט זיי: דער הייליקער סאָ־ציאַליסטישער אידעאַל, דאָס געהערן צום אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, דער קאַמף פאַר דער גרויסער אידייע, פאַר דער פּוילישער ערד, פאַר דעם סאָציאַליס־טישן פאָטערלאַנד וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שווערער גורל־שעה. ביידע האָבן גע־רופן צו ברידערלעכקייט און געענדיקט זייערע קורצע רעדעס מיט די זעלבע אויסרופן:

— ניעך זשיע פּאָלסקאַ!

— ניעך זשיע!

— ניעך זשיע יעדנאָשטש!

— ניעך זשיע!

די קריסטן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט די ייִדן און זיך צעקושט. נישט איי־נער האָט מיט ערלעכער אויפריכטיקייט אין האַרץ געבעטן ביי די ייִדן מוחל זיין און פאַרגעסן די באַגאַנגענע עוולות, דאָס אָפּגעטוענע שלעכטס. אין אַ סך אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. נשמות האָבן זיך אָנגעצונדן און געלויכטן אין ליבע.

עס האָבן געקלונגען שטימען פול מיט מוט און קאַמפּסלוסט:

— מיר וועלן זיי וויזן, די לייזיקע מאָסקאַליעס!

— די באָלשעוויקעס!

— די באַרוועסע אָבעדראַנצעס!

— אַטשו שוויניאַ! קריך נישט אין פרעמדן גאָרטן!

די זיצונג אין ראַטהויז האָט נישט לאַנג געדויערט. אַלע, די גאַנצע פּני פון דער שטאָט, זיינען צוריק אַרויסגעקומען, געשלאָסן און געאַרעמט: דער גלח מיטן רב, פאַן קשיוויצקי מיט פאַן בערנפּעל אאַז״וו. די מאַסע האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטורמישער אָוואַציע. דער רב, דער גלח, אַן אַפּיציר און פאַן טשאַפּסקי האָבן אויף דער אָוואַציע געענטפערט אין קורצע ווערטער. אַלע האָבן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער היסטאָרישער ראָלע, וואָס פּוילן האָט תמיד געשפּילט אין דער גע־שיכטע פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע, אין די קאַמפן פאַר פרייהייט אין איר אייגן לאַנד און אין אַנדערע לענדער, אַפילו אין אַמעריקע. די רעדנער האָבן אויס־גערעכנט אַ ריי העלדן און גרויסע שעפער אויף גייסטיקע געביטן, צווישן וועלכע עס האָבן פיגורירט קאָסטשושקאָ, קאָפּערניק, מיצקעוויטש, שאָפּען, קראַשינסקי און נאָך אַ סך אַנדערע. די דונערדיקע געשרייען פון דער מאַסע: „ניעך זשיע יעד־נאָשטש״ און די שטורמישע אָוואַציעס און אַפּלויזן האָבן אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן מאַרקפּלאַץ און געעכאָט איבער דער שטאָט. און ווען דער גלח האָט פייערלעך גע־דריקט די האַנט דעם רב, האָבן ווידער אַ סך קריסטן זיך אַרומגעכאַפּט מיט ייִדן און זיך געקושט.

נאָך אומדערוואַרט איז פאָרגעקומען אַ זייער פיינלעכע געשעעניש. אויף דער דנאָ פונעם איבערגעקערטן פעסל (די אימפּראָוויזירטע עסטראַדע) האָט זיך פּלוצים

באוויזן יעקב. ס'האָט קיינער נישט באַמערקט, ווען און פון וואַנען ער איז אָנגעקומען. ער איז געווען זייער בלאַס, אָבער אין זיינע אויגן האָט געפלאַקערט שגעון. מיט ציטער אין קול האָט ער גענומען רעדן צו דער מאַסע וועגן דעם שרעקלעכן פאַרברעך פון מלחמה, פון פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, פון מאָרד און צעשטערונג. צוליב זיין נישט געניג שטאַרקער שטימע און צוליב דעם פריידיקן גערויש פון דער פאַרברידערונג, ענטוזיאַזם, טומלדיקן פּאַטאָס ביי די טויזנטער קריגס־צעפּלאָמטע, האָט בלויז אַ קליינער טייל געהערט וואָס יעקב האָט גערעדט. דאָס זיינען געווען די, וועלכע זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט אַרום. אָבער אויך זיי האָבן געהערט בלויז די ערשטע עטלעכע זאַצן זיינע, ווייל באַלד איז געוואָרן אַ שרעקלעכער ליאַרם. ווי כוואַליעס פון אַ פלוצים זיך צעשטורעמטן ים האָבן הונדערטער יידן און קריסטן מיט ווילדע קולות און געבייזלטע פויסטן זיך אַ לאָז געטאָן אויף דעם זון פונעם געשטאָרבענעם ר' שאול סופר. באַלד פון די ערשטע קלעפּ איז יעקבן אַנידערגעפאַלן. מ'וואָלט אים געווען געלינטשט, ווען הערש און פייגע וואָלטן נישט גלייך גענומען שרייען: „ער איז נישט ביים קלאָרן שכל! אַ צעדרייטער! ער איז משוגע געוואָרן פון צער נאָכן פאָטערס טויט!“ אויך דאָס וואָלט אים נישט געווען געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, ווען עטלעכע פון דער פּאָליציי, וואָס האָט געהיטן די אָרדענונג, וואָלטן אים נישט געווען אַרויסגעריסן פון אויפגעקאָכטן המון. עטלעכע מיליציאַנטן, צווישן וועלכע ס'איז געווען קאַספּער שטשעלקאָווסקי, האָבן יעקבן אָפּגעפירט אַ צעבלוטיקטן אין תפיסה אַריין. איבערן גאַנצן וועג האָט ער נישט אויפגעהערט צו רופן: „אַ סוף צו דער מלחמה! זאָל לעבן דער שלום! זאָל לעבן די אמתע פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער און אַלע מענטשן! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!“ דער סטאַרשי האָט אים דערקענט, כאָטש יעקב האָט איצט אויסגעזען פאַרענדערט און איז געווען צעבלוטיקט, און מיט קאַלטער רציחה אים אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ מיט דער פויסט איבערן מויל און נאָז: „מ'האָט דיך, פּשאַקרעוו! זשידאָווסקאַ מאָרדאַ! גערופן צום מיליטער און דו ביסט נישט געקומען!“ אויפסניי האָבן זיך אַ גאָס געטאָן צוויי שטראָמען בלוט פון דער נאָז און פון מויל. נאָר יעקב האָט נישט אויפגעהערט רופן: „אַ סוף צו דער בלוטפאַרגיסונג! זאָל לעבן די ליבע פון איין מענטש צום צווייטן! זאָל לעבן אַחדות און אַחריות איינער פאַרן אַנדערן“!

די דאָזיקע געשעעניש האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט.

3

נאָר דער אויפריכטיק פלאַמיקער פּאַטריאָטיזם, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אינעם פאָלק, האָט די שלעכטע מיליטערישע לאַגע נישט געענדערט. די פּוילישע אַרמייען האָבן זיך צוריקגעצויגן פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער אויף אַלע פראָנטן. די באַפעלקערונג איז געוואָר געוואָרן (נישט אָפיציעל פאַרשטייט זיך), אַז דער שונא איז שוין נאָענט פון בריסק און קאָוועל. ס'האָט זיך אַרומגעטראָגן פון מויל צו מויל: „די רויטע ציען זיך ווי פלאַמען אין אַ שריפה“. אַ סך אָנגעהויבענע בויאַרבעטן, אַפילו דרינגלעכע פאַר דער מלחמה, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן. פון די מייסטע פעלדער איז די תבואה נישט אַראָפּגענומען געוואָרן, ווייל די מייסטע

אַרבעטספּעזקע פּויערים, די, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון דער גרויסער וועלט־מלחמה און די אונטערגעוואַקסענע יוגנט, זיינען געגומען געוואָרן צום מיליטער. בלויז נאָך עטלעכע וואָכן לערנען די מלאכה פון הרגענען מענטשן זיינען זיי אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף די שלאַכטפעלדער צו הרגענען און געהרגעט צו ווערן. דאָס אייגענע האָט מען געטאָן מיט די אַרבעטספּעזקע מענער אין די שטעט. דער האַנדל האָט זיך כמעט אינגאַנצן שוין באַהאַלטן, ווייל ער איז געוואָרן נאָר שמוגל. די פּרייזן אויף אַלץ, וואָס איז פון דער ערשטער נויטווענדיקייט פאַרן לעבן, זיינען געוואָרן אַזעלכע הויכע, אַז נאָר די, וועלכע האָבן געמאַכט זייערע פּראָפיטן פונעם בלוט אויף די שלאַכטפעלדער, האָבן געקאָנט קויפן. די שפּעקולאַנטן האָבן זיך געפּרוכפּערט און פאַרמערט ווי ווערים אין פוילעניש. די מיליציע, צוזאַמען מיט דער פעלדזשאַנדאַרמעריע און געהיימאַגענטן, האָבן געקעמפט קעגן די קאָמוניסטן און אַנדערע אַלערליי סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען אַדער געוואָרן קעגן דער מלחמה. האָבן געקעמפט קעגן דער דיזערטירונג פון די שלאַכטפעלדער, וואָס האָט אַנגענומען אַלץ גרעסערע און געפערלעכערע פאַרמען. די לעצטע זיינען אַלץ אָפטער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך מיליטערישע געריכטן. די אורטיילן זיינען ווייט און ברייט באַקאַנט געוואָרן, באַזונדערס דורך דורכפירן עפנטלעכע עקזעקוציעס.

אין דער שטאָט האָט אַלץ געגומען גייַן האַדעראָם. דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט ביי בערענפעלן האָט זיך פאַרמאַכט. אין מירעלעס רעסטאָראַציע איז געוואָרן אַן איבערקערעניש: כסדר רעוויזיעס, קאָנפיסקאַציעס און שטראָפן, איינע גרעסער פון דער אַנדערער. ראַבע האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ צוליב יעקבס אַרעסט. מ׳האָט איר געזאָגט, אַז עס דראָט אים טויטשטראָף. דאָס איז געוואָרן פון דער חתונה, וואָס איז געווען באַשטימט אויף שבת־נחמו. די באַפעלקערונג, באַזונדערס די ייִדישע, האָט שוין געוווסט, אַז דער ביטערער גורל, דאָס דריטע מאָל צו פאַרלאָזן די שטאָט און ווידער ווערן היימלאָז, וועט זי שוין נישט מער מיידן.

תשעה־באָב ביינאַכט האָבן די פרומע ייִדן געזאָגט קינות אין בית־המדרש. זיי האָבן געקלאָגט נישט בלויז אויפן חורבן ירושלים, נאָר אויך אויפן איצטיקן חורבן פון דער וועלט, וואָס האָט געדויערט שוין זעקס יאָר און האָט זיי שווער געטראָפן. צומאָרגנס, צו די קינות, זיינען טייל פרומע ייִדן אַוועק אויפן בית־עולם, כדי דאָרטן זיי צו זאָגן. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי די קברים פון הייליקע נפטרים. די אַלטע מצבות זיינען שוין געווען כמעט אינגאַנצן איינגעזונקען; מ׳האָט קוים נאָך געקאָנט איבערלייענען די פ״נס. צווישן די, וועלכע זיינען געקומען זאָגן קינות, זיינען געווען אויך ר׳ איסר און ר׳ מרדכי גאָלדבלום. אין די זאַקן, איינגעבויגענע אין דרייען, האָבן די ייִדן געקלאָגט: „איכה ישבה בדד״... זיי האָבן געיאָמערט צום רבונו של עולם מיט אַ טרויעריק האַרצרייסנדיקן ניגון: „רבתי בגוים״... דאָס וויינען און קלאָגן פון פאַריאושטע האָט זיך געטראָגן כמעט איבערן גאַנצן בית־עולם, פון מצבה צו מצבה, פון קבר צו קבר. ר׳ מרדכי גאָלבלום, דער אַמאָליקער עושר, האָט זיך מיט ביידע הענט, געביילטע אין פויסטן, געשלאָגן אין אַלטן גרויען קאָפּ אַריין און געשריגן: „אין מנחם לי״... (שטאָט „לה״). ער האָט איצט געקלאָגט אויף דער גרויסער זינד זיינער פון וועלן צוריק אויפבויען די פאַבריק, נאָכדעם ווי ער האָט מיט פינף יאָר צוריק געדאַנקט דעם באַשעפער, וואָס האָט זי חרוב געמאַכט און אים באַפרייט פון אונטער דער שווערער משא גאָלד אַפיר, אַז ער זאָל אים

קאַנען דינען ווי ער האָט שטענדיק געוואָלט. און כאָטש די פאַבריק איז דאָך נישט צוריק אויפגעבויט געוואָרן, ווייל די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אינדערמיט, האָט דער פרומער ר' מרדכי זיך באַין אופן נישט געקאָנט שענקען, וואָס ער האָט זיך נישט געוועהרט קעגן דעם יצר־הרע, וועלכער האָט גובר געווען און אים אויפסניי גענומען טרייבן צו ווערן דער אַמאָליקער פאַבריקאַנט און ווידער זיך צו יאָגן נאָך עשירות.

אָפּגעזונדערט פון אַלע, אַליין פאַר זיך, איז גרשון דער לייוונט־מאַכער געלעגן אויסגעצויגן איבערן קבר פון זיין פאָטער און אַריינגעוויינט אין אים: „טאַטע... טאַטע"... זיין פרוי איז געזעסן פאַרן קליינטשיקן קבר׳ל פון איר קינד, און ווי עס וואָלט געווען אַ וויגעלע און זי וויגט עס, האָט זי כמעט געזונגען: „מיין קינד... מיין וועלוועלע... מיין אָפּגעהאַקט צווייגעלע"...

4

נאָר צווישן די יידן אין דער שטאָט האָט זיך פּלוצים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז „פּאָזנאַנשטשיקעס" זיינען דאָ. אין דער גרויסער בהלה האָט מען נישט געוווסט: זיינען זיי געקומען פון דער באַן, ווייל זייער צוג מוז שטיין און וואַרטן, ביז די ליניע וועט זיין פריי (די אייזנבאַנליניעס צום פראָנט זיינען דעמאָלט אָפט פאַרשטאָפּט געוואָרן), אָדער זיי מאַרשירן דורך דער שטאָט צום פראָנט, צי זיי בלייבן גאָר אין דער שטאָט? אַזוי אָדער אַזוי; דער קלאַנג האָט זיך באַלד באַשטעטיקט: ס'האָבן זיך גענומען ווייזן גרופּעס „פּאָזנאַנשטשיקעס". זיי האָבן זיך גלייך געלאָזט אין די יידישע גאַסן און גלייך האָבן זיך גענומען טראָגן פאַרצווייפלטע געשרייען און געוואַלדן פון נאָכגעיאָגטע פרויען, מיידלעך און עלטערע יידן. ווי אין שלאַכטפעלד אויף אַטאַקע, נאָר אָן ביקסן, האָבן די זעלנער, צעיושעטע, זיך געלאָזט אויף אומ־באַהאָלפענע יידן, ווי אויף אַ באַוואָפנטן שונא און געשריגן: „הורא נאַ זשידי!... נאַ באָלשעוויקי... נאַ טראָצקי!"...

די קריסטן — ערשט נעכטן כמעט איז געווען די גרויסע פאַרברידערונג און מ'האָט זיך געקושט מיט די יידן — האָבן זיך איצט נישט געוויזן צו שיצן די פאַרפאָלגטע און מאַכטלאָזע, זיך איינצושטעלן פאַר זיי מיט אַ וואָרט. פאַרקערט; עס זיינען געווען גענוג גוים, וואָס האָבן די ווילדע סאָלדאַטן נאָך אונטערגע־העצט: „שלאָגט די זשידעס! זיי זיינען פּוילנס שונאים! באָלשעוויקעס! שפּיאָנען! פּאַסקאָזשעס"!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם, ווי דעמאָלט, און ווי דעמאָלט האָט מען אין דער יידישער געגנט (גראָד איצט) קיין פּאָליציי נישט געזען.

די ערשטע קרבנות זיינען געווען דער אַלטער שמואל, דער סאַדאָווניק, און קלמן בלאַכערזש. דער ערשטער האָט פון סאָד זיינעם געטראָגן צוויי קערב אויבס, ביידע צוזאַמענגעבונדן ביי די „אויערן" און אויפגעהאָנגען איבער אָן אַקסל, איין קאָרב פאָרנט און דער צווייטער הינטן. ער האָט דאָס אויבס געטראָגן אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. ס'איז געווען שוין נאָך די קינות און די ווייבער קויפן דאָן די גוטע זאַפטיקע באַרנעס צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ ביינאַכט נאָכן

תענית. דער צווייטער איז געגאַנגען שפּאַצירן. כאָטש ער האָט נישט געזאָגט קיין קינות און האָט נישט געפאַסט, האָט ער אָבער אויך נישט געאַרבעט אין דעם טאָג.ביידע האָבן זיך געטראָפן אויפן וועג. גייענדיק צוזאַמען, האָבן זיי געשמועסט און געשפּאַסט. דער בלאַכערזש האָט געפרעגט דעם סאַדאָווניק:

— דו האָלטסט אויך נישט פון קינות, שמואל? און נישט פון פאַסטן?

דער אַלטער האָט געענטפערט:

— יעך האָלט פון עפּעס אַנדערש... — און פּלוצים האָט ער אַ דערשראָקענער אַ זאָג געטאָן: — זעלנער!...

קלמן האָט פונעם אַלטן אַ כאַפּ־געטאָן די צוויי קערב אויבס און באַפוילן:

— שטעל פּיס!...

ביידע האָבן גענומען גיין שנעלער, כמעט לויפן. נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. די זעלנער, נישט מער ווי צוויי, האָבן די ייִדן דעריאָגט. קלמן האָט געכאַפּט אַ בריק אין בויך אַריין פון איינעם און איז גלייך אַנידערגעפאַלן. דער צווייטער זעלנער האָט אָנגעכאַפּט דעם אַלטן שמואל ביי דער גרינלעכגרויער באָרד און אים גענומען שלעפּן, טרייסלען, ביז אַ האַלבע באָרד איז אים געבליבן אין האַנט. דאָס צעשיטע אויבס האָבן די זעלנער צעטראָטן מיט די פיס. אָבער דאָס איז פּאָר זיי געווען ווייניק. זיי האָבן געוואָלט זיך אַביסל משמח זיין און געהייסן די צוויי ייִדן לויפן. זיי האָבן געלאַכט, ווי דער אַלטער שמואל, אַ בלוטנדיקער און מיט בלויז אַ האַלב איבערגעבליבענער באָרד, לויפט, און דער אַנדערער ייִד, אויך שוין נישט קיין ייִנגער, קורטשעט זיך פון ווייטיק אין בויך ביים לויפן. ביי ביידע פּלאָנטערן זיך די פאַלעס פון די קאַפּאָטעס צווישן די פיס. די זעלנער האָבן געקייכט פון געלעכטער און קאָמאַנדירט: „גיכער!“... דאַן: „זשידי — סטוי!“... די צוויי זיינען שטיין געבליבן אָן אָטעם. אָבער די זעלנער האָבן זיי אָנגעטאָן די קוישן איבער די קעפּ און זיי ווייטער געהייסן לויפן.

דער דריטער קרבן איז געווען בערל פאַרבער: אים האָבן אַנדערע זעלנער אַזוי צעניזוקט, אַז מ׳האָט אים כמעט מער נישט דערקענט — אַ בלוטנדיקער הורג. אַזוי אַ פּערטן, אַ פינפטן, און אַ צענטן קרבן. איבער דער שטאָט, באַזונדערס אין דער ייִדישער געגנט, זיינען די פאַרצווייפלטע געוואַלטן, רופן נאָך הילף און היס־טערישע געשרייען פון פרויען און מיידלעך געוואָרן אַלץ שרעקלעכער. אַלץ וויל־דער איז געוואָרן דאָס געיעג פון די זעלנער נאָך זייערע אומבאַהאָלפענע און שוצ־לאָזע קרבנות, אַלץ הירזשענדיקער דאָס כיכען פונעם פריילעכן ספּעקטאַקל און אימיטירן די געשרייען פון די אומגליקלעכע: „אײַ ווײַ געוואַלט“... טייל זעלנער האָבן אַראָפּגעכאַפּט די פּאַרוקן פון די פרומע ייִדענעס קעפּ און זיי אָנגעטאָן אויף די קעפּ פון די ייִדן. טייל האָבן געכאַפּט קינדער, וואָס זיינען גראַד דורכגעגאַנגען, און זיי באַנוצט פּאָר באַלעמס, וואַרפנדיק זיין פון איינעם צום אַנדערן. מ׳האָט געריסן און געשניטן בערד צוזאַמען מיט שטיקער פלייש פון די פּנימער און גאָמבעס. דאָס אַלץ האָט אָבער אַלץ נישט באַפרידיקט דעם סאַדיזם און פאַרלאַנג נאָך פערווערזע תענוגים ביי די זעלנער. טייל האָבן זיך אַפילו שוין געקלאָגט: „זיינען מיר דען פריזירער צו שניידן זשידאָווסקי, לייזיקע בערד“? אויסגעשטעלט אין אַ רעדל אין מיטן מאַרק, האָט איינער דערציילט: „אין אַ קליין שטעטל האָב איך מיט קאַמעראַדן אויפגעהאָנגען אַ ייִד ביי דער באָרד. דאָס איז געווען לוסטיק...

דער זשיד האָט אַרויפגעקרייעט צום הימל: „שמאַ... שמאַ"... די זעלנער האָבן געכאַכאָטשעט. אַ צווייטער האָט דערציילט: „און מיר — אַ צוואַנציק אין אַן עקספּרעס־צוג, געווען אין פּולן גאַנג — האָמער געגומען אַ זשיד ביים קאָפּ און ביי די פּיס און דורך אַ פענצטער: פיו... אַזוי איז ער געפלויגן"... אַ דריטער האָט זיך באַרימט: „איך מיט מיינע קאַמעראַדן האָמער אַ פרומע זשידוווקע, וואָס לאָזט נישט אַפילו איר אייגענעם מאַן זען איר נאַקעט לייב — איך ווייס דאָס — אויפגעהויבן די ספּאַדניצע און דאָס העמד און פאַרבונדן איבערן קאָפּ... איינער פון אונדז האָט זי אונטערגעפיצקעט מיט אַ בייטש איבערן נאַקעטן הינטן, עטלעכע האָבן געזונגען, און די זשידוווקע האָט געטאַנצט... אַזוי האָט זי געטאַנצט... די ציצקעס האָבן זיך אַזש געטרייסלט... מיר האָבן דעמאָלט גוט געלאַכט. אָבער דאָס איז געווען גאָרנישט. אין דעמבלין האָבן מיר זעקס שיינע יידישקעס, נאָך יונגע, אַלע מיטאַמאָל דער־טרונקען אין ווייפּזש ווי קעצלעך... יאָק באַגאַ קאָכאַם! זיי האָבן געקוויטשעט: „געוואַלט, געוואַלט"... ס'איז געווען ווינטער — איז זיי געווען קאַלט... דער ווייפּזש איז נאָך נישט געווען געפרוירן. כליופּ... כליופּ... איינע נאָך דער אַנדערער. שיינע רינגען האָבן זיך צעשפּריצט איבערן וואַסער"...

עטלעכע זעלנער האָבן קריטיקירט: „דאָס איז געווען נישט ריכטיק: שיינע יידישקעס... אַ באַזונדער פאַרגעניגן, ווייל זיי ווערן זיך... און מ'ברענגט זיך איין געלט"... נאָר אָט האָבן זיי דערזען אַ ייד מיט אַ ווייסער, לאַנגער באָרד. זיי האָבן אים געכאַפּט און אויפגעהאָנגען ביי דער באָרד, לויט דער שילדערונג, ס'איז געווען קעגנאיבער דער קירך. די זעלנער האָבן אַזש געקוויטשעט פון הנאה: „צום צלם שרייט ער!... זשידקו! העי, זשידקו! נישט „בוינעשלוימע" שריי; שריי שמאַ, שמאַ"... דער זקן האָט זיי געפאָלגט און געשריגן שמע ישראל צו געקרייצטן יעזוס אויפן צלם.

קאַפּיטל פערציק

עקזעקוציע

1

נאָכדעם ווי דער פּאָגראָם פון די זעלנער האָט זיך עטלעכע טעג שפּעטער איבערגעחזרט פון אַ צווייטן מיליטערישן עשאַלאָן און די רויטע אַרמיי האָט אַלץ זיגרייך מאַרשירט איבער דער פּוילישער ערד, זיינען די מייסטע יידן פון דער שטאָט געווען אַנטלאָפן. ווי ביים ערשטן און צווייטן מאָל פאַרלאָזן די שטאָט מיט פינף און זעקס יאָר צוריק, האָבן זיי זיך איצט ווידער געשלעפּט איבער פעלדער, דורך וועלדער און דורך קליינע שטעטלעך. אַ סך שטעטלעך זיינען שוין געווען לער און פון אַ סך שטעטלעך האָבן די איינוווינער זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין. די שאָסייען זיינען געווען פאַרשטאָפּט פון מיליטער, האַרמאַטן, באַוועגלעכע שפּיטאָלן און פעלדקיכן, פון אַבאָז און פויערישע פורלעך מיט פאַרוווּנדעטע סאָל־דאַטן, פון לויפנדיקע אויטאָמאָבילן מיט וויכטיקע פערזענלעכקייטן אין זיי, וואָס

האָבן ווילד געמאַכט די פויערישע פערד, וועלכע זיינען נאָך נישט געווען געוווינט צו די לויפנדיקע „טייוואַלים״.

אָנקומענדיק אין אַ קרייזשטאָט האָבן די וועגעלעך מיט די פּליטים נישט געקאָנט דורכפאָרן די הויפטגאַס. זי איז געווען פול פון אַ געוואַלטיק גרויסן עולם. טויזנטער מענטשן זיינען דאָ געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסט פאַר אַ גרויס געמויערט הויז, אַ ווייס, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן. עס איז געווען דאָס קרייזגעריכט. די אָנגעקומענע יידישע פּליטים זיינען געוואָר געוואָרן פון די יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום צוים, אַז מ׳וועט באַלד אַרויספירן פון דאָרט צוויי יידישע יונגעלייט צום דערשיסן: זיי זיינען פאַרמשפּט געווען צום טויט. איינער הייסט משה טאַלעסמאַכער, אַלט אפשר 17־18 יאָר, אַ בחור פון אַ קליין שטעטל, אַ בית־המדרשניק. אַ דעזערטיר; ר׳איז אַנטלאָפן פון פראָנט, ווייל ר׳האָט זיך דערשראָקן פאַרן שיסן; ר׳איז וואַנזיניק געוואָרן, ווי עס ווערט ווילד אַ דאָרפס־פערד, ווען עס דערזעט עפּעס אַזעלכעס, וואָס ס׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. דער בחור איז אַ בן־יחיד, האָט בלויז אַ מאַמע. דער טאַטע איז אין אַמעריקע. דער צווייטער הייסט יחזקאל פרידמאַן, אַ באָלשעוויק; ער איז אַ וואַרשעווער, שוין לאַנג אַוועק קיין רוסלאַנד, האָט דאָרט געדינט אין דער רויטער אַרמיי און פון זיין אָפּטיילונג זיך אַריבערגעקריגן צום פּוילישן מיליטער (מ׳האָט אים געשיקט אויפצובונטעווען די פּוילישע זעלנער.

דאָס אייזערנע טויער פונעם הויף אַרום דער געביידע פונעם געריכט איז געווען באַוואַכט פון סאָלדאַטן מיט ביקסן. אינעם הויף איז געשטאַנען אַ זעלנערי־שער וואָגן, די ברעטער באַהאַנגען מיט שוואַרצע טיכער און אויך באַוואַכט פון סאָלדאַטן. אויף זייערע ביקסן זיינען געווען אַרויפגעשטעקט די באַגנעטן: לאַנגע ברייטע מעסערס.

ס׳האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען אַלץ מער מענטשן. זיי האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע גאַס, נישט בלויז די טראָטואַרן אויףביידע זייטן גאַס, נאָר אַפילו דעם שאָסיי. די נייגעריקע האָבן זיך אָממייסטנס געריסן צו די שטאַכעטן פון צוים, צו קאָנען זען דעם באַוואַכטן שוואַרצן וואָגן. פונעם וואָגן ביז צו די טרעפּלעך פונעם ווייסן הויז זיינען פנים על פנים געשטאַנען צוויי רייען זעלנער, איינער פון אַנדערן אָפּגערוקט אויף אַ דריי טריט, און אַזוי אַרום געבילדעט אַ באַוואַכטן וועג אין זייער מיטן.

דורך דער טיר פון געריכטהויז האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסן אַ שרעקלעך געשריי. די מענטשן אַרום צוים זיינען דערציטערט געוואָרן. זייערע אָנגעשטרענגטע בליקן האָבן זיך נאָך שאַרפער גענומען שטעכן דורך די שמאָלע שפּאַלטן פון איין שטאַכעט צו דער צווייטער. ווידער דאָס זעלבע קול, אַ שרעקלעכס, אָט ווי אַ ברילן פון אַ חיה אין אַ וואַלד אָדער מדבר, אָט ווי דער געוואָי פון אַ שטורעם־ווינט, און אָט ווי דאָס כאָרכלען פון אַ גוסס. טייל מענטשן אַרום צוים, וואָס האָבן געהערט דאָסדאָזיקע קול, האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳בלוט גליווערט אין זיי. דאָס קול איז געקומען אין פּאַזעס, אַלעמאָל אימהדיקער. און אָט האָט עס גאָר אויסגעבראָכן אין אַ קאָנוולסיוו געלעכטער, אַזאַ שרעקלעכס, אַז אַ סך האָט זיך געדוכט, זיי הערן לאַכן אַ גאַנצע מחנה משוגעים. דאַן איז דאָס קול געוואָרן ווי די לעצטע געשרייען פון אַ געווינערן און צום סוף — ווי אַ געוויין נאָך אַ לוויה. שפּעטער האָט די טיר,

דורך וועלכער דאָס קול האָט אַרויסגעדרונגען, זיך געטאָן אַן עפן־אויף און אַ מענטש, ווי אַ צוזאַמענגעדרייטע קנויל, איז אַרויסגעפאַלן. באַלד איז געוואָרן אַ געשושקעריי: „דאָס איז די אומגליקלעכע מאַמע פון דעם פאַרמשפטן טאַלעס־מאַכער"... נאָך דער פרוי זיינען נאָכגעגאַנגען צוויי מענער אין שוואַרצע פראַקן און מיט ערנסטע פנימער. זיי האָבן די פרוי געוואָלט אָננעמען אונטער די אָרעמס, אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזט. אַ דינער פונעם געריכט האָט איר נאָכגעטראָגן דעם פאַרוק, וואָס זי האָט פון זיך דאָרט אַראָפּגעריסן. די קורצע גרויע האָר אויף איר קאָפּ זיינען געשטאַנען ווי אָנגעשטעקטע שפּילקעס.

די פרוי האָט נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון די טרעפּ. זי האָט זיך געריסן צוריק אַהין, פונוואַנען מ׳האָט זי אַרויסגעשטופּט. נאָר דער דינער האָט זי נישט געלאָזט און אַראָפּגעשטופּט פון די טרעפּ. זי איז אַנידערגעפאַלן. אָבער זי איז גלייך צוריק אויפגעשטאַנען, פלינק ווי אַ חיה, און זיך ווידער גענומען רייסן צו דער טיר. די צוויי מענער אין די שוואַרצע פראַקן און מיט ערנסטע פנימער האָבן זי אָנגענומען אונטער די אָרעמס און געוואָלט מיט איר גיין ערגעץ. זיי האָבן צו איר גערעדט טרייסטווערטער, נאָר די פרוי האָט זיך געריסן פון זיי און געשריגן מיטן זעלבן קול פון פריִער: „לאָזט מיך!... אוי, לאָזט מיך צו מיין משהן, צו מיין איינציקן זון!... אַכט קינדער האָבעך געהאַט!... פינף זיינען געשטאָרבן, צוויי זיינען געפאַלן אין דער מלחמה!... מיין מאַן איז אין אַמעריקע!... ס׳איז אונדזער לעצט קינד!... נעמט אים מיר נישט אַוועק!... ער איז אַלץ וואָס כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן!... ער איז אומשולדיק!... מערדער!... מערדער!"... זי האָט זיך ווידער אַ ריס־געטאָן, האָט ווידער געוואָלט לויפן צו דער טיר, אָבער דער דינער האָט זי ווידער צוריקגעשטויסן און זי איז ווידער אַנידערגעפאַלן. ווידער איז זי צוריק אויפגעשטאַנען און גענומען רייסן פון זיך די בליוזקע, ס׳העמד, און זיך געהאַקט מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין, אין האַרץ אַריין. פונעם אַלעמאַל פאַלן און אַליין רייסן מיט די נעגל פון די פינגער די הויט פון פנים, האָט געריננען פון איר בלוט. אַז זי האָט געזען, זי קאָן בשום אופן נישט מער צוריק אַהין, פון וואַנען מ׳האָט זי אַרויסגעשטויסן, האָט זי זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף דער ערד, גענומען רייסן די שטיינער פונעם ברוק. אַז זי האָט קיין איין שטיין אַפילו נישט געקאָנט אַרויסרייסן, האָט זי גענומען קלאַפּן איר קאָפּ אָן די שטיינער.

סוף כל סוף האָט מען די פרוי אַוועקגעפירט.

צווישן די טויזנטער מענטשן אויף דער גאַס איז אַנגעגאַנגען אַ געמורמל. טייל — מיט צעשראָקענע, ווייסע פנימער — זיינען אַוועקגעגאַנגען: זיי האָבן מער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט צוזען די שווידערלעכקייט. אַ סך קריסטן האָבן געחוזקט: „אײַ ווײַ מײַן משה... פשאַקרעוו! האָט ער נישט געזאָלט אַנטלויפן! ס׳איז מלחמה! אונדזערע זין זאָלן פאַרגיסן זייער בלוט פאַר דידאָזיקע אָפּגעשניטענע, פאַר דידאָזיקע „אײַ ווײַ מיר משה!" מיר זאָלן געהרגעט ווערן און זיי זאָלן מאַכן גוטע געשעפטן"!

די זעלנער אויף דער וואַך אין הויף פון געריכט האָבן אויף אַ באַפעל זיך געטאָן אַ גלייך אויס, האָבן אַראָפּגעלאָזט די ביקסן צו די פיס און זיינען שטיין געבליבן מיט קאַפּויערגעהויבענע מאָרדעס ווי גולמס. דורך דער טיר פון ווייסן הויז, דורך וועלכער מ׳האָט פריִער אַרויסגעוואָרפן די אומגליקלעכע פרוי, זיינען

אַרויסגעקומען צוערשט אַן אָפיציר, הינטער אים צוויי זעלנער, הינטער די צוויי זעלנער די צוויי פאַרמשפּטע, און הינטער זיי ווידער צוויי זעלנער. אויף די הענט פון די פאַרמשפּטע זיינען געווען קייטן. דער אָפיציר און די זעלנער, וואָס האָבן געפירט די פאַרמשפּטע צום שוואַרצן וואָגן דורכן שפּאַליער פון דער צווייריייענ־דיקער וואַך, זיינען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס: מיט שטאָלענע קאַסקעס, רעוואָלווערן ביי די זייטן, אַנטבלויזטע שווערדן. געגאַנגען זיינען זיי ווי האָנאָראָווע פערד, ווען זיי פילן אויף זייערע רוקנס די הינטנס פון די רייטער.

איינער פון די פאַרמשפּטע איז געווען אַ דאַרער, שלאַנקער יונגערמאַן, עטוואָס העכער פון מיטלוווקס, בלאַס, ווי ער וואָלט אַ לאַנגע צייט שטאַרק גע־הונגערט. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווייט, ווי זיי וואָלטן דאָרט געזען עפּעס פאַר זיך... די מענטשן אויף דער גאַס, דער שוואַרצער וואָגן, די זעלנער — דאָס אַלץ איז אים נישט אָנגעגאַנגען, ווי ס׳וואָלט מיט אים קיין שום שייכות נישט געהאַט. איבער זיין גלאַטיק־ראַזירט פּנים האָט געשוועבט אַ ווייטיק־לעך קלוגער שמייכל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דער צווייטער פאַרמשפּטער. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר די זעלנער האָבן אים געשטופּט און געשלעפּט, ווי ער וואָלט געווען אַ קאַלב, וואָס האָט דערשפּירט ס׳בלוט פון שעכטהויז אַרויס. ער איז נישט געווען בלאַס, נאָר אדרבה; ער האָט געפלאַמט ווי אַ שטיק פייער. ער האָט געהאַט אַ ווילד־אָנגעוואַקסן בערדל, אַ צעקאָלטנטס, און אויף אַ סך ערטער אויסגעפליקט. די שוואַרצאַפּלען זיינען אַרומגעלאָפן אין זיינע אויגן, אַרויסגעזעצטע, ווי ביי אַ וואַנ־זיניקן. ער האָט געוואָרפן דעם קאָפּ פון איין זייט אויף דער אַנדערער, פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, ווי ער וואָלט דעם קאָפּ געוואָלט אַראָפּ־דרייען פון האַלדז און אוועקוואַרפן. ווי אַ קראַנק קינד, וואָס שלעפט זיך אַליין איין, האָט ער איבערן גאַנצן וועג אויקענדיק געזונגען. נאָר צוקומענדיק צום וואָגן (יחזקאל פרידמאַן איז אַליין אַרויף אויף אים) האָט דער פאַרמשפּטער משה טאַלעס־מאַכער געקוקט אַ רגע צעמישט, און דאַן געגומען שרייען: „ניין, כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט שטאַרבן!... טאַטע!... טאַטע!... רבונו של עולם!... העלף מיר!... העלף מיר!“... ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די זעלנער האָבן אים אַרויפגעטראָגן אויפן וואָגן. דאַן האָבן זיי זיך געזעצט לעבן די צוויי פאַרמשפּטע.

2

דאָס אייזערנע טויער האָט זיך געעפנט, טיילנדיק זיך אין צוויי העלפטן. די וואַכסאָלדאַטן האָבן אויפן באַפעל פונעם אָפיציר זיך פאַרמירט דריי אין אַ ריי און זיך געשטעלט הינטערן וואָגן. ווידער אַ באַפעל און די פערד האָבן אַ צי־געטאָן דעם וואָגן. די טויזנטער מענטשן אויף דער גאַס האָבן זיך געשפּאָלטן אין צווייען, אַדורכצולאָזן דעם וואָגן און נאָכצוגיין פון הינטן, נאָר מיטן וואָגן, נאָך איידער ער איז שוין געווען אַרויסגעפאָרן פון הויף, איז געשען עפּעס אויסטערלישס: ער האָט זיך געטאָן אַ זעץ־אַראָפּ אויף איין זייט און אַ ראָד האָט זיך אַוועקגעקאָלערט. די פערד זיינען שטיינגעבליבן. די זעלנער און דער עולם זיינען געווען פאַרבליפט.

ווי אַ בליץ איז צווישן די טויזנטער אויף דער גאַס געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן: „זיי זיינען געראַטעוועט!... מ׳טאָר זיי שוין נישט שיסן!״... די גאַר פרומע צווישן די קריסטן האָבן זיך איבערגעצלמט: „יעזוס וויל נישט, מ׳זאָל זיי טויטן!... מסתם זיינען זיי דאָך אומשולדיק!״... ביי די מייסטע האָבן די אָנגעצויגענע נערוון נאָכגעלאָזט. די אויפגעוועקטע בייזע אינסטינקטן ביי אַ סך פון די קריסטן, צו זען ווי מען שיסט צוויי ייִדן, האָבן זיך באַרויקט. דער האַס און די נקמה־געפילן זיינען ביי טייל אַנטיסעמיטן פאַרשוואונדן. דער גרעסטער טייל פונעם עולם איז איצט געווען אין דער מיינונג, אַז מ׳טאָר די פאַרמשפּטע נישט שיסן און האָבן געגלייבט, אַז די צוויי יונגע מענטשן בלייבן לעבן. בלוטדורשטיקייט האָט ביי אַ סך זיך פאַרוואַנדלט אין פאַרגעבונג, אין פאַרלאַנג נאָך גערעכטיקייט, אין רחמנות צו די צוויי אומגליקלעכע. אין טייל אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

צווישן דעם המון זיינען געווען אויך סאָציאַליסטן. זיי האָבן אָבער געהערט צו צוויי פאַרטייען. איין טייל האָט געהאַלטן אַז דער פאַרמשפּטער באַלשעוויק פאַרדינט דעם טויט, בעת דער צווייטער טייל האָט מיט צוזאַמענגעביילטע פויסטן און פאַרפרעסטע ציין געשטיקט אין זיך דעם צער און צאָרן, וואָס האָט געברענט אין זיי. זיי האָבן זיך געהיטן נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט פון פּראָטעסט אָדער קללה צו די פאַררעטער פונעם סאָציאַליזם, לויט זייער איבערצייגונג, און צו די קאַפּיטאַליסטישע הענקער, ווייסנדיק אַז די „שפּיצלען״ ראַיען אומעטום אַרום ווי גיפטיקע, באַהאַלטענע שלאַנגען וואָס לויערן אויף זייערע קרבנות.

אַ צעטומלטער האָט דער אָפיציר אַרומגעפּאַדעט אַרום וואָגן. ער האָט באַקוקט און באַטאַפּט דאָס אָוועקגעקאָלערטע ראָד, די ליידיקע אַקס, די געפונענע שרויף און באַפוילן די זעלנער גאַרנישט אָנצורירן, אַלץ צו לאָזן ליגן ווי עס ליגט און גוט אַכטונג צו געבן אויף די צוויי פאַרמשפּטע, ביז ער וועט צוריקקומען. דער חבר פרידמאַן האָט געשמייכלט קלוג, עטוואָס איראָניש, ווי פריִער, ווען מ׳האָט אים געפירט צום דאָזיקן וואָגן. דער צווייטער פאַרמשפּטער, משה טאַלעסמאַכער, האָט צו ערשט לאַנג געשוויגן, ביז ער האָט זיך געכאַפּט וועגן דער באַדייטונג פון דעם, וואָס איז געשען. דאַן האָט ער פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט אין אַ היסטערישער פרייד און גענומען טאַנצן אויפן וואָגן: „גאָט וויל נישט אַז כ׳זאָל שטאַרבן!... ר׳האָט דערהערט מיין געבעט!״... נאָר די סאָלדאַטן לעבן אים האָבן אים צוריק אַני־דערגעזעצט.

פונעם ווייסן הויז איז אַרויסגעקומען אַ גענעראַל מיט אַ בלויזן קאָפּ, הינטער אים צוויי אָפיצירן (אויך אָן היטלען) און צולעצט דער אָפיציר, וועלכער איז אַריינ־געגאַנגען מעלדן וועגן דער געשעעניש. דער גענעראַל מיט זיינע צוויי באַגלייטער האָבן אַלץ באַקוקט און באַטאַפּט: דאָס ראָד, די אַקס און די שרויף, און זיינען צוריק אַריינגעגאַנגען אין ווייסן הויז.

דער חבר פרידמאַן איז איצט געווען שטאַרק קאָנצענטרירט אין זיך. אין זיין זכרון זיינען דורכגעלאָפן פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין לעבן. ער האָט איצט אַלץ קלאָר געזען פאַר זיך און קלאָר באַנומען געוויסע געדאַנקען, וואָס האָבן אים שטענ־דיק באַשעפטיקט. ער האָט ליב געהאַט די שיינקייט פון דער נאַטור, די צאַרטע, פּאַעטישע פּוילישע לאַנדשאַפט, וועלכע ער האָט איצט ווידער געזען נאָך דער לאַנגער צייט זיין אין רוסלאַנד. ער האָט זיין בליק נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם

בלאָס־גרינלעכן הימל, פון דער בליאַזגענדיקער זון, פון די גרינע ביימער אין הויף און אויף בײדע זײַטן גאַס. טיף האָט ער אײַנגעאָטעמט די געווירצטע לופט, גע־פילט ווי זי צעגייט זיך אין זײַנע לונגען, ווי די לונגען צעבּלָיִען זיך און זײַן ברוסט־קאַסטן ווערט ברייטער. אַ זיסקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע זײַנע גלידער, אין זײַן יעדן אָדערל און דורכגעשטראָמט זײַן גאַנץ בלוט. אַ פאַרלאַנג צו שווימען האָט אים אַרומגענומען, צו שווימען אין דער ווייסל, ווי אַמאָל, שפּעטער אין דעם דאָניי, אין דניעסטער, אין דניעפּער און אין שוואַרצן ים. אַך, ווען ער זאָל איצט קאָנען שווימען...

פון ווייטן הויז איז אַרויסגעקומען אַ באַאַמטער מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט. ער איז געבליבן שטיין אויף די טרעפּ, מיט אַ ווונק צוגערופן דעם אָפיציר מיט דער שטאָלענער קאַסקע אויפן קאָפּ און ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, און אים געהייסן אונטערשרייבן. בשעת דער אָפיציר האָט איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר און עס אונטערגעשריבן, האָט דער באַאַמטער, אַ געלאַנגווײלטער, געקוקט אויף זײַנע נעגל. נאָכן אָפּגעבן צוריק דאָס אונטערגעשריבענע פּאַפּיר דעם באַאַמטן, האָט דער אָפיציר ווידער דערפילט זײַן שטאַרקע וויכטיקייט, וועלכע ער האָט אויף אַ צען מינוט געהאַט פאַרלוירן. ער האָט די צווי זעלנער געהייסן צוריק אַרויפמאַכן דאָס ראָד אויף דער אַקס און באַפעסטיקן די שרויפן. דאַן האָט ער פון דער שייד צוריק אַ צי־אַרויס־געטאָן די שווערד, אָפּגעגעבן אין באַפעל נאָכן אַנדערן צו די סאָלדאַטן, און דער וואָגן האָט אויפסנײַ געריררט פון אָרט. איצט איז אַלץ געגאַנגען אָן אַ נכשל.

די מענטשן אויף דער גאַס זײַנען געבליבן אַנטוישט און אָפּגענאַרט.

3

אויף אַ גרינער לאָנקע פאַר אַ וואַלד שטייען צווי סלופּעס. איינער פונעם אַנדערן איז אָפּגערוקט עטלעכע טריט. יעדער סלופּ איז אַזוי הויך ווי אַ מענטש. די ערד אַרום איז פריש צעגראָבן. אַ סך פעלדער אין דעם שטח זײַנען נאָך אַלץ נישט געשניטן. עס מיניעט דער גאָלדענער ווייץ און גערשטן, די ליליאַ קאָניטשינע, דער בלויער ליאָן. די לופט איז געווירצט פונעם צייטיקן אויבס אין די סעדער נישט ווייט אַוועק, פון האָניק אין בינשטאָקן, זשיווערצע אין וואַלד און היי פון דער לאָנקע.

דער שוואַרצער וואָגן מיט די צווי פאַרמשפּטע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די צווי סלופּקעלעך. דער מיטגעקומענער נײַגעריקער המון ווערט פון די וואַכ־סאָלדאַטן געהאַלטן אַביסל דערווײַטערט. דער אָפיציר גיט אָפּ איין באַפעל נאָכן צווייטן. די זעלנער זײַנען צעשטעלט אין שורות, אַלע אויסגעטראַקעוועט מיט די ביקסן ביי די פיס, ווי ביי אַ גרויסן פאַראַד. די זון בליאַזגעט פון בלויען הימל און באַגיסט די ערד מיט איר צעשמאָלצן, הייס גאָלד. יעדעס גרעזעלע איז אָפּגעטונקט אין ליכט און עס לייכט. יעדעס פליגעלע אין דער לופט און יעדעס פויזנדיקע ווערעמל שימערט אין אַלערליי פאַרבן. די מיליאָנען גאָלדענע פעדים פון דער זון וויקלען

זיך אַרום די שאַרף־בליצנדיקע באַגנעטן אויף די ביקסן, אַרום די צוויי אַריינגע־האַקטע סלופּיקלעך און וועבן אַרום די צוויי מענטשן לעבן זיי.

דער אָפיציר פירט אויס די לעצטע צערעמאָניע: ער פרעגט די פאַרמשפּטע, אויב זיי האָבן וועלכן ווונטש, וואָס קאָן דערפילט ווערן אין די גרענעצן פון געזעץ. משה טאַלעסמאַכער פאַרשטייט נישט, וואָס דער אָפיציר פרעגט אים; ער גלאָצט מיט די אויגן. ווען מ׳נעמט אים צובינדן צום סלופּ, ווערט ער זיך. ער ווערט אָבער גלייך צוריק רויק, און ווען מען פאַרבינדט אים די אויגן מיט אַ שוואַרץ טיכל, האַלט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. דאַן וויגט ער דעם קאָפּ עטלעכע מאָל הין און צוריק, ווי אַ קינד אין דער לעצטער רגע פאַרן איינשלאָפן.

יחזקאל פרידמאַן ענטפערט דעם אָפיציר, אַז זיין לעצטער ווונטש איז: מ׳זאָל אים אַראָפּנעמען די קייטן, מ׳זאָל אים נישט צובינדן צו סלופּ און נישט פאַרבינדן די אויגן; מ׳זאָל אים געבן אַ פּאַפּיראָס און לאָזן דאָס לעצטע מאָל רויכערן. דער אָפיציר קוקט דעם פאַרמישפּטן אין פּנים אַריין און איבערלייגט אַ רגע, אויב ער קאָן דעם ווונטש נאָכגעבן. ער איז דערשיטערט פון דעם פאַרמשפּטנס אינטעלי־גענטן סימפּאַטישן אויסזען. אָבער ער באַמיט זיך זיינע געפילן צו באַהאַלטן. עס איז אים שווער נאָכצוגעבן די בקשה פונעם פאַרמשפּטן. דאָך איז ער מסכים. די זעלנער, וועלכע שטייען נאָענט צום אָפיציר, כאַפּן אַרויס זייערע פּאַפּיראָסן אָנצו־ביטן דעם יונגנמאַן. נאָר דער אָפיציר גיט אים אַליין אַ פּאַפּיראָס פון זיינע און רייבט אָן אַ שוועבעלע. דער פרידמאַן דאַנקט דעם אָפיציר און זאָגט אים דערביי נאָך עטלעכע ווערטער. דעם אָפיצירס יראת־הכבוד פאַרן דאָזיקן צווייפאַכן שונא פון זיין פאָטערלאַנד ווערט גרעסער.

געטובלט אינעם גאָלדענעם ליכט פון דער זון, זעט פרידמאַן אויס ווי אַ יונגער הייליקער פון רעמבראַנדס אַ בילד. ער שמייכלט און איז שטאַרק קאָנצענט־רירט אין זיינע געדאַנקען. אַזאַ רוחניותדיקן תענוג פון דענקען האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. ער דערמאָנט זיך אין דער צייט, ווען ער האָט געלייענט דאָס ערשטע ביכל, וואָס ער האָט באַקומען פון אַ חבר, און עס דוכט זיך אים, אַז דעמאָלט האָט ער איבערגעלעבט דיזעלבע געפילן. ער איז דעמאָלט נאָך געווען אויף דער לער אין אַ פאַבריק פון גערייוועטע שיך. פאַר זיינע אויגן שווימען אַרויס די עלטערן, דער טאַטע און די מאַמע. ער דערמאָנט זיך אין יעדן ברודער און יעדער שוועסטער באַזונדער, אין זיין קינדהייט און אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער זעט פאַר זיך וואַרשע, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אין זיינע אויגן שטייען טרערן. אָבער ער וויל איצט נישט וויינען. ער וויל איצט נישט זיין טרויע־עריק, און טוט אַ שטאַרקן צי פונעם פּאַפּיראָס. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גע־פילט אַזאַ תענוג פון רויכערן ווי איצט. קיין איין טראָפּן רויך לאָזט ער נישט אַרויס פון מויל, אויך נישט דורך דער נאָז. ער טוט אַ קוק אויפן פּאַפּיראָס. אַ שוידער לויפט אים דורך איבערן לייב: שוין באַלד די העלפט אויסגערויכערט... די הענט הייבן אים אָן ציטערן. ער וויל ווידער טאָן אַ צי, וויל ווידער פילן דעם טעם פון רויך אין זיין מויל, אין די לונגען. נאָר די האַנט מיטן פּאַפּיראָס הייבט זיך נישט מער צו זיין מויל. זיינע ליפּן ווערן בלאַס און הייבן אָן ציטערן. ער קוקט אויפן גרויזילבערנעם אַש, אויפן קוים נאָך בלישטשענדיקן פייערל, און האָט מורא אַז עס גייט אויס. ער טוט דעריבער ווידער אַ צי. דעם איצטיקן רויך היט

ער נאָך שטאַרקער אין זיין מויל און אין די לונגען און באמת זיך וואָס לענגער אים צו פילן. די אומרו:קייט אין אים ווערט שטאַרקער, די געדאַנקען אין קאָפּ הייבן זיך אָן שטאַרק איילן און נעמען זיך פּאַרפּלאָנטערן. דאָס וויל ער נישט. ער נעמט זיך פעסטער אין די הענט אַריין און אַלץ ווערט צוריק לויטערער אין אים. אים באַשעפטיקט איצט דורכויס זיין לעבן ווי ער האָט עס געלעבט. ער צעטיילט עס אין צוויי העלפטן. די ערשטע העלפט: זיינע קינדעריאָרן, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל און געלערנט אין חדר. די מאַמע איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן. זי איז געווען זייער קראַנק. דער טאַטע איז מיט זיין קעסטל שויבן נישט מער אַוועק־געגאַנגען. ס'איז געווען אויף דער פאַוויע גאַס אין אַ קעלערשטוב. איין שוועסטער איז געווען אַ דינסט, זי האָט נישט געקאָנט אַהיימקומען. די צווייטע איז געווען אַ זאָקנמאַכערן, זי איז אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. לייבל, דער עלטערער ברודער, אַ משרת אין אַ געשעפט, איז צוריקגעקומען ערשט שפּעט ביינאַכט. מאַניאַלע איז געווען אַ יאָר עלטער פון אים, אָבער זי איז אויך נאָך געווען קליין. זי האָט געוויינט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ לאַנג און שאַרף מעסער פאַר דער מאַמעס בעט נישט צוצולאָזן דעם מלאך־המות... די צווייטע העלפט פון זיין לעבן: די חברים און די ערטער, ווו מ'קומט זיך אין געהיים צוזאַ־מען. ער לייענט אַ סך און איז שטאַרק טעטיק אין דער פּאַרטיי. דערנאָך אין רוס־לאַנד, אין כאַרקאָוו, אין בערדיטשעוו און אין אַנדערע שטעט. ער מוז אַוועק אַלע־מאָל אין אַן אַנדערער שטאָט, ווייל די פּאָליציי זוכט אים שטענדיק אַרום. ער באַטייליקט זיך אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. קאַלקאַ און יעוואַשין, זיינע בעסטע פריינט, האָבן אים — ווען ער איז שוין געווען אין דער רויטער אַרמיי — איינמאָל געזאָגט: „טאָוואַרישטש פרידמאַן! דערוויל איז די וועלט נאָך אַ שרעק־לעכער גרוב מיט בלוט און טרערן, און אַלערליי מייז און ווערים ראַיען אַרום. אָבער מיר, ברודער, מיר קאָמוניסטן וועלן דאָס אויסרייניקן, מיר וועלן די וועלט איבערמאַכן, איבערבויען, אַז עס וועט זיין אַ מחיה דערנאָך צו לעבן אין איר. נישט מיר... די צוקונפטיקע מענטשהייט"... זאָפיאַ איז דערביי געווען. זי האָט באַקומען טרערן אין די אויגן און געגלעט זיין האַנט: „יאָ, כאַרי! דאָס איז ריכטיק"!

דער חבר פרידמאַן האָט דערזען, אַז נישט זייער ווייט פון אים, ביים ראַנד פון אַ וויצנפעלד, לויכטן רויטע מאָנבלומען און בלויע קאָרנבלימעלעך. דיזעלבע, וואָס זאָפיאַ האָט אים געברענגט צו דער באַן, ווען ער איז אָפּגעפאָרן צום פראָנט. פון זיינע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקאָליערט צוויי גרויסע טרערן. אָבער פונעם פּאַפּיראָס איז איבערגעבליבן נאָך איין צי צו טאָן. לעבן פיטעם הייבט דאָס רויטע פּאַסיקל שוין אָן צו ווערן שוואַרץ. טוט ער דעם לעצטן צי מיט אַלע כוחות און וואַרפט אַוועק דעם פיטעם.

און אַז ער פילט שוין נישט מער קיין רויך, נישט אין מויל און נישט אין די לונגען, טוט ער זיך אַ שטעל אַוועק גלייך, לאָזט אַראָפּ די הענט און שטעלט אַרויס די ברוסט...

סוף

אויסגאַבן פון דער בוך־געמיינשאַפט ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

הומאַהואַקאַ 4318 בוענאָס איירעס

כאַסע אַנטיטש — פראַנסיסקאָ פערערס פעדאַגאָגיע, 30 זייטן
ושאַן גראַוו — בורזשואַזע און פרייהייטלעכע דערציאונג, 28 זייטן
פ. אוראַלעס — די פרייע שול, 30 זייטן
י. פ. עלסלאַנדער — אַ באַזוך אין אַ מאָדערנער שול, 43 זייטן
¿Qué es el antisemitismo? (Encuesta mundial) 80 págs.

סעבאַסטיאַן פאָר — ווערטער פון אַ דערציער, 96 זייטן
פראַנסיסקאָ פעררער — די מאָדערנע שול, 200 זייטן
רודאָלף ראָקער — די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט און דער אַרבעטער־קלאַס, 168 זייטן
לואידזשי פאַברי — ערריקאָ מאַלאַטעסטאַ — זיין לעבן און זיינע סאָציאַלע אידעען, 48 זייטן
א. מילער־לענינג — שטאַט און מאַרקסיזם, 32 זייטן
ע. מאַלאַטעסטאַ — אין קאַפע־הויז, 120 זייטן
א. י. זאַקוסקי — י. ל. פרץ, 64 זייטן
רודאָלף ראָקער — נאַציאָנאַליזם און קולטור, 744 זייטן.
רודאָלף ראָקער — „אין שטורעם", 840 זייטן.
יונה גאָראָדיסקי — דוד עדעלשטאַט, 32 זייטן.
אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות 1טער באַנד, 460 זייטן.
אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 2טער באַנד, 464 זייטן
א. אַלמי — אין געראַנגל פון אידייען, 226 זייטן
אבא גאָרדין — אין געראַנגל פאַר פרייהייט, 476 זייטן.
אַבאַ גאָרדין — דרייסיק יאָר אין ליטע און פוילן, 496 זייטן
מאַרטין בובער — שטעגן אין אוטאָפיע, 208 זייטן
שמואל לעווין — צווישן צוויי תהומען, 440 זייטן

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by:
MIRIAM LEWIN
3470 Cannon Pl.
New York, Bronx 67 - U. S. A.

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 18 de Septiembre de 1959, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS., calle San Luis 3149, Buenos Aires.

SAMUEL LEWIN

ENTRE DOS ABISMOS

★

Editado por:
"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1959